אגודת מכבי־אש, שהפסיקה את פעולתה במלחמת־העולם הראשונה, הוקמה מחדש בסוף שנת 1917, ע״י חוג יהודי — בראשותי. את הכלים ומכשירי־הכיבוי הדלים, שהתגלגלו בחוץ ללא שום פיקוח והשגחה, הצלחנו לאסוף ולתקן קמעא־קמעא. כמו־כן הוספנו ציוד וכלים, שקיבלנו כתרומה מהמטה־הצבאי הרוסי, שעזב אז את דומברוביצה והועבר לרובנה.

במרוצת השנים גדלה העזרה הכספית למכבי־אש מצד היישוב היהודי, מצד העיריה, ומצד חברת־הביטוח הממשלתית. האגודה גדלה והתרחבה במידה ניכרת, ברכוש ומכשירי־כיבוי, וגם נודעה לתהילה ברחבי וואהלין ופולסיה. בשנות 1930—1933 האגודה הגיעה לשיאה, לרבות תזמורת גדולה ומאומנת שנוסדה לידה. בגדוד של מכבי־אש, כמו כן בהנהלה ובמפקדה, השתתפו גם לא־יהודים, אבל הראשות היתה בידי היהודים.

יהודים במוסדות השלטון

עם כיבושה של דומברוביצה על ידי הצבא הפולני, הוקמה מועצה מקומית ועירייה. כעבור זמן קצר סופחה דומברוביצה ממחוז רובנה למחוז סארני, שהורכב מ־10 גלילים כפריים ושלוש ערים (בשנת 1920). חברי המועצה המקומית נקבעו לראשונה (בימי השלטון הצבאי) ע״י מושל המחוז ורק עם ביטול המצב הצבאי, ניתנה האפשרות לאוכלוסיה לבחור במועצה־מקומית. 12 חברי המועצה המקומית, שנבחרו בהתאם לתקנות, היו כולם יהודים, היות ולעיריית דומברוביצה השתייך רק החלק המרכזי של העיר, עם הישוב היהודי. ראש העירייה (פולני) התמנה ע״י מושל המחוז למשך שנה אחת.

אנוכי ועוד 2 צירים מדומברוביצה (לוי יונגשטיין ודב שפירא) ניבחרו למועצה המחוזית בסארני. מספר היהודים במועצה זו היה חמישה: — 3 מדומברוביצה; 1 מעיריית סארני (דוד זינדל); 1 מראפלובקא (סניה מניוק).

בשנת 1934 חל שינוי בגבולות העיר דומברוביצה: לשיטחה צורפו כל הרחובות עם האוכלוסיה הנוצרית. המועצה המקומית החדשה היתה מעורבת וחבריה היהודים היוו מיעוט. בכל זאת, השפעת היהודים בעירייה לא ירדה בהרבה, והמוסדות היהודיים ניהנו מתמיכת העירייה בהתאם לתקציב.

היהודים בכפרים היו מיוצגים בהנהלת גליל־הכפרים, שמקום מושבה היה בדומברוביצה.

הרב ר׳ יצחק שפירא

בחייה הציבוריים של דומברוביצה לקחו חלק פעיל גם רבני העיר: הרב יעקב בן אלתר הכהן זלצמן והרב נחום־יהושע הלוי פצ׳ניק. לפניהם כיהן בדומברוביצה כרב ודיין יחידי, במשך שנים רבות, הרב הגאון ר׳ יצחק שפירא — אחד הרבנים הידועים ברוסיה.

ר׳ יצחק שפירא, היה מדקדק ומחמיר, ובמבטו הרציני והחמור הטיל מורא ופחד על יהודי דומברוביצה — ביחוד על החנוונים בשוק, שלא הקפידו בסגירת חנויותיהם בערב־שבת. הוא היה מופיע בכל יום שישי, עם הדלקת הנרות, בכיכר השוק, במעיל משי ארוך (שהיה לבוש בשרוולו האחד); עם הופעתו זו מיהרו החנוונים לסגור את חנויותיהם; צילצולי מנעולים ושרשרות הדהדו ברחבת הכיכר; הדיין ר׳ יצחק היה ממשיך בדרכו לבית־הכנסת רק לאחר ששקט גמור השתלט בכל כיכר השוק.

ר׳ יצחק שפירא נפטר בשנת 1900, ביום ח׳ תשרי, יום אחד לפני ערב יום־הכיפורים, שיצא אז בשבת. בהלוויתו, בערב יום־הכיפורים, השתתפו כל יהודי דומברו־ביצה — אנשים, נשים וטף. הספידוהו: ע״י בית־הכנסת הגדול — הרב לוין, שכיהן אחרי מותו של הרב שפירא כרב בבית־הכנסת הגדול במשך זמן קצר; על יד קברו — הרב סקינדלר, שכיהן לאחר־מכן כרב בעיר לוצק.

בתי־כנסת של החסידים

לחסידי סטולין היו 2 בתי־כנסת, אחד ליד השני (בית־הכנסת הקטן נבנה בשנת 1905).

לחסידי ברזנה היה בית־כנסת אחד, שנקרא בשם „בית־המדרש״. בין חסידי ברזנה הלוהטים, היו: הסבא שלי מאיר־סנדר גוטליב; בני המשפחות — בליזניוק, זנדוויס, פצ׳ניק, פלד (נחמן) ופרישקולניק. בין הזמרים ובעלי־שירה ע״י שול־חנו של הרבי, האדמו״ר מברזנה,



ר׳ נחמן פלד ורעיתו

הצטיינו: נחמן פלד וגיסו זאב זנדוויס, שהיה גם ממלמדי משנה ועין־יעקב בפני קהל המתפללים בבית־המדרש. ע״י בית־המדרש היתה קיימת — במשך הרבה שנים — חברת תהילים שמטרתה היתה להגיד ולסיים את כל פרקי־התהילים, בשבת בשעה 4 לפנות בוקר. את התפקיד הקשה של „„מעיר ומעורר״ לאמירת תהילים, קיבלו עליהם: יוסף קלייד — חייט, שעסק בתפירת מעילים לכמרים; ואחרי מותו — יששכר־זאב בליק — סנדלר, איש תם וישר, ירא אלהים וסר מרע. (לאחרונה נוסדה חברת תהילים גם ע״י בית־הכנסת דחסידי סטולין, בראשותם של י. בינדער ונטע ליברמן).

לחסידי טריסק היה בית־כנסת עם קהל לא גדול. בין חסידי טריסק הבולטים היו: בני המשפחות — קנוניץ, יונגשטיין, גנדזל (האב חיים גנדזל).

בית־הכנסת החמישי (הראשי), בית־הכנסת הגדול, היה כללי: בו התפללו תושבי דומברוביצה מזרמים שונים — חסידים ולא־חסידים.

היתה תקופה, שכל בית־כנסת הזמין לעצמו רב, ובמשך זמן קצר כיהנו בדומברוביצה ארבעה רבנים: בבית־הכנסת הגדול, בבית־המדרש, בבית־הכנסת דחסידי טריסק ובשני בתי־כנסת דחסידי סטולין.

הקהילה היהודית

בשנת 1932 הוקמה בסארני קהילה יהודית אזורית, שהקיפה את הערים: דומברו־ביצה, סארני, רוקיטנה; ואת הגלילים הכפריים: קליסובה, אנטאנובקא, לוביקוביצה, קיסוריצה ונימוביצה.

הרב נחום פצ׳ניק מדומברוביצה, ניבחר כרב־ראשי של הקהילה, והוא המשיך לכהן גם בתפקידו כרב בדומברוביצה. לפי הזמנת חסידיו וידידיו, ביקר הרב פצ׳ניק בארצות־הברית לפני מלחמת־העולם השניה.

מוסדות־ציבור

בין המוסדות יש לציין שניים: א. קופת־מלווה הכללית, ששירתה כמעט את כל האוכלוסיה היהודית; ב. הבנק למסחר, שנוסד ע״י שמריהו פרנקל ואברהם מנקובסקי לשם שירות ועזרה לסוחרים (אחרי הפילוג שחל בהנהלת קופת־מלווה).

כמו כן יש לציין את מרפאת „טאז״, שנוסדה בשנת 1930 להושטת עזרה רפואית לעניים. את האמצעים לכיסוי תקציבה, שאבה חברת „טאז״ מתרומות קבועות חודשיות, וכן מתקציבי העירייה ומרכז „טאז״ בפולניה.

בית־החולים הכללי בדומברוביצה, היחידי במחוז סארני, היה בבעלותו של השלטון המחוזי.

*

אלה הם דברי־זכרון קצרים על דומברוביצה עיר־הולדתי. דברים אלה סיימתי בחג־האורים (שנת תשכ״ג) — חג הנסים והנפלאות, לאבותינו ולנו בימים ההם בזמן הזה.

יצחק פייגעלשטיין

בלעטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט

א. מיט בערך 150 יאָר צוריק

איך בין מתפלל, שלא אכשל, ווייל מיט יענע דורות האָב איך נישט מיטגעלעבט און איך קען דעריבער אויך נישט זאָגן: „בעיני ראיתי". קיין היסטאָרישע דאָקומענטאַציע האָט דאָמבראָוויץ נישט געהאַט. איז געווען אַמאָל אַ קהילה־פנקס (לויט דער ענציקלאָ־פּעדיע אין רוסיש פון „בראָקהאַוז־עפראָן"), האָט די משפחה נאַסיע־הערשערס דעם פנקס צוגענומען, — קיינער האָט קיין צוטריט נישט געהאַט און מ'האָט געשוויגן. ווען משהל גאָטליב האָט דעם פנקס צוריק אַרויסבאַקומען פון די נאַסיע־הערשערס און אים איבערגעגעבן אין סיימיק אַריין לשם היסטאָרישע צוועקן, האָט מען ווייטער געשוויגן, ווייל קיינעם האָט נישט אינטערעסירט די ווייטע פאַרגאַנגענהייט.


אין די קינדער־יאָרן האָב איך געוווּסט, אז דאָמבראָוויץ איז אַן אַלטע שטאָט, אַז אויפן בית הקברות איז דאָ אַ שטיין, און ווען מען קוקט גוט אַריין אין די אָפּגעריבענע אותיות, געפינט מען דאָרט אַ פּרט פון צוריק מיט הונדערטער יאָרן. די קינדער־יאָרן זענען שנעל אַדורך און די געשיכטע מיטן אָפּגעריבענעם שטיין אויפן בית החיים, איז אַרויס פון קאָפּ. דעם שטיין האָבן דאָמבראָוויצער גוים, בימי היטלער, אינגאַנצן אַרויסגעצויגן.

איך ווייס נאָר וועגן פינף דורות דאָמבראָוויצער רבנים. פרעגט זיך, פאַרוואָס זענען 16־17 דורות געווען אָן רבנים? איך וויל דאָ געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: מיינע באשרייבונגען וועגן ענינים וואָס זענען געשען אין דאָמבראָוויץ אין משך פון אַן ערך 150 יאָר (פון סוף 18טן יאָרהונדערט ביז דעם ערשטן צענדליק פון 20־טן), שטיצן זיך אויף דעם וואָס כ'האָב געהערט פון די פאָלגנדיקע פערזאָנען: מיין זיידע, בצלאל דובער, פון די ערשטע קאָנטאָניסטן, פון די אַלטע קאַרלינער חסידים, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין די צוואָנציקער יאָרן פון דעם יאָרהונדערט; ר' אלתר דובער, געשטאָרבן מיט 25 יאָר צוריק, אין עלטער פון 105 יאָר; מיין באָבע חיה'לע די דיינטע, אַ געבוי־רענע אין דאָמבראָוויץ מיט 130 יאָר צוריק; מיין שווער און שוויגער, מיכל און דינה קראַצמאַן, פון קריוויץ, געבוירענע אין דאָמבראָוויץ מיט 98 יאָר צוריק; מיין פאָטער און מוטער, חיים און מרים דובער, געבוירענע מיט 85 יאָר צוריק; און נאָך אַנדערע עלטערע מענטשן פון וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו הערן דערציילונגען וועגן אַמאָליקן דאָמבראָוויץ.

פון מיינע קינדער־יאָרן זענען מיר געבליבן אין זכרון אויסגעהערטע מעשיות פון מיין באָבעס געסט: די אַלטע חיינע; די אַלטע גילדנגאָרן; יאָסל גילדנגאָרנס מאַמע, די אַלטע מנוחה; ווי אויך די יינגערע פון זיי — שרה כאַרפּאַק; גאָלדע־חוסס און די מענער: שלום מאיר טריפּיטניער, מאָטל דער בילער, אשר סלוצקי און יעקב

יאַסיא. פון זיי האָב איך געהערט פיל דערציילונגען וועגן אַמאָליקע תקיפים, קהלישע פּאַרזאָרגער, פּראָשעניע־שרייבער צום קיסר, פריצים־רשעים, וועלכע וואַרפן זייערע יידישע אַרענדאַרס אין גרוב, שלעכטע פריסטאַווס, וועלכע שניידן פיאות, וועגן אַמאָליקע נויט, שרעקלעכן דלות און נאָך מעשיות וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אַמאָל.

מיט בערך 150 יאָר צוריק איז דאָמבראָוויץ נישט געווען אַזאַ גרויסע שטאָט ווי לעצטנס כאָטש ס'איז שוין געווען דער זעלבער מאַרק, אַ זאַמדיקער, אַ גרויסער און אַ פירקאַנטיקער, מיט אַלע זיינע פאַנאַנדערגע־צווייגטע גאַסן. דאַן זענען איי־ניקע געסלעך געווען אַפילו לענ־גערע ווי אין אונדזערע צייטן. אַזוי למשל האָט זלמן סלוצקעס געסל זיך געצויגן אַראָפּ צווי־שן קלויסטער און פליאַנט ביזן טייך. דאָרט איז געשטאַנען אַ וואַסער־מיל מיט יידישע מאַ־ראַטשניקעס. די מיל האָט מען געכשרט אויף פסח. איינמאָל האָט פּאַסירט און אַ יידישער מאַראַטשניק איז ביינאַכט אַליין געבליבן אין מיל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעצער רייסט די לאָפּאַטעס, און ווען ער גייט אַרויס אַ קוק געבן וואָס עס טוט זיך, „כאַפּט" ער גאָר אַריין אַ „דיבוק".



דער קאַנטאָניסט פייגעלשטיין ר' בצלאל ב"ר ברוך
(דער דובער)

די פליאַנט־גאַס, פון מארק ציט זיך אַזוי אַראָפּ, אַז זי האַקט איבער דעם גלח'ס סאָד און גייט אַרויס צו די יידישע קוזניעס. ערב שבועות שיקט אַרויס אַ מאַמע איר יינגל מיט אַ טעמפּן, צעשטשערבעטן מעסער צום קאָוואַל. רייבט דער קאָוואַל זיינע צעפּרווירענע הענט און קען נישט פאַנאַנדערלייגן דאָס פייער. נעמט דער אַלטער קאָוואַל דעם יינגלס אויער און דרייט אים אָן, ער זאָל געדענקען, אז ערב שבועות איז אַ הונט דורכגעלאָפן דעם געפּרווירענעם טייך.

אָבער נישט נאָר די מענטשן, נאָר אויך די הייזער זענען געווען אַנדערע. צווישן שאָסיי גאַס און פליאַנט זענען געשטאַנען 3 הייזער. פון ראָג מאַרק מיט דער טשערע־

פיטשענער גאַס ביזן דיאַק — 9 הייזער פון דער רעכטער זייט און 6 הייזער פון דער לינקער זייט. פון פליאנט, איבערן מאַרק און וואראבינער גאַס אַריין ביז נאָך יודל דעם קאָוואַל — 6 הייזער. אויף דער שטיבל גאַס, פון ראָג גענזעלעך ביז צו עק גאַס — 5 הייזער. אַרום און אַרום 80 יידישע הייזער מיט גרויסע שטאַלן און ברייטע הויפן, געבויט אויף פריצישער ערד, פאַר וועלכע מען צאָלט טשינש.

עס איז דאָ א שול־הויף. אין דער מיט — אן אַלטע שול וועלכע איז אָפּגעברענט געוואָרן צוריק מיט העכער הונדערט יאָר בשעת אַ גרויסער שריפה וועגן וועלכער אַלטע יידן האָבן דערציילט אַ סך שרעקלעכע זאַכן. די אַלטע גראַפינע העלפט די שול אויפבויען. אין אונדזערע יאָרן איז ווידער אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און די שול ברענט נאָך אמאָל אָפּ. די געמויערטע שול איז שוין די דריטע אויף דעם אָרט. דאָן איז אויך ביי דער שול געווען אן אַלטער איינגעבויגענער בית המדרש וואָס איז בשעת די ערשטע גרויסע שריפה געבליבן גאַנץ און איז פאַרברענט געוואָרן אין אָנהויב פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט. בימינו האָט מען דעם בית המדרש צוריק אויפגעבויט.

לעבן סאַד, טייך אַראָפּ איז געווען די שטאָט־באָד.

צווישן די 80 בעלי בתים זענען געווען: אַ האַלב צענדליק שוסטער, 8 שניידער, דריי היטלמאכערס. אַלע בעל מלאכות זענען געווען א גאַנצע וואָך אין די ארומיקע דערפער אויף אַרבעט. אַ חוץ דעם זענען געווען 6 בעלי עגלות פון ווייטע וועגן און 4־5 היימישע. אַ צענדליק — ברעטער־זעגערס, אַ פאָר פעלצן־נייער, צוויי גאַרבערס, אַ כאָמוטניק, 2 מוליאַרעס, פיר שמידן, אַ פאָר סטאָליאַרעס, אַ רעדער־מאַכער, אַ בראָנפן־טרייבער, אַ דזשעגעכץ־טרייבער, אַ פאָר בויערער, אַן אַרענדאַטאָר פון וואַסער־מיל, אַ פאָר מאַראַטשניקעס, אַ פאָר מלמדים וועלכע זענען אויך געווען שדכנים און שמשים, אַ צענדליק קרעמער, אַ גאָלדשמיד, אַ פאַנענמאַכער, א שערער וואָס האָט אויך אָדערן און שטעלט באַנקעס, אַ חלפן פון מינץ וועלכער איז אויך א געלט־לייער. אויסער דעם האָט דאָס שטעטל פאַרמאָגט א קאַפּעליע כלי־זמרים און אַ צענדליק סתם־יידן וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום קאָנקרעטע באַשעפטיקונג.

איך גיב דאָ צו: דער אַלטער זקן, ר׳ מאָטל בילער, וועלכער רוט שוין 40־45 יאָר אויפן גוטן אָרט האָט אין א שמועס, דערציילט פאַר זיין זיידן וועגן, וועלכער איז געווען אברהמקע דער שטאָט־שרייבער, אַז אין די אַלטע וואָראַבינער טשינש־ביכער זענען געווען 80 נומערן. אונטער יעדן נומער — דער נאָמען און פאַך. למשל נום. 27 — יאַנקל מוזיקאַנט, נום. 14 — ברוך טשומאַק (דאָס הייסט בעל עגלה פון ווייטע וועגן). אַזוי אַרום האָט דער אַלטער שטאָט־שרייבער געוווּסט די פאַכן פון די ערשטע דאָמ־בראָוויצער איינוווינער.

אין די אַרומיקע דערפער זענען געזעסן אַ האַלבער מנין יידישע אַרענדאַרן, וועלכע זענען געווען געזעלשאַפטלעך און עקאָנאָמיש געבונדן מיט דעם שטעטל. די דאָזיקע יידן זענען אויסגעשטאַנען שטענדיקע שיקאַנעס פון זייערע פּריצים וועלכע פלעגן זיי אַריינוואַרפן אין די גרוב־אַרעסטן ווי נאָר דער אַרענדאַר איז אים שולדיק געווען געלט, אָדער צוליב בלבולים און אויסגעקלערטע פאָדערונגען. אַזוי אַרום האָט

דאָס שטעטל שטענדיק געקליבן אויף פּדיון שבויים, כאָטש דער מצב פון דעם גרעסטן טייל שטעטלדיקע תושבים איז תמיד געווען א שלעכטער.

ווען עס פלעגט אַ דאָרפישער גוי אַריינפירן אין שטעטל א פור־האָלץ און צו דעם אַביסל תבואה, אָדער קאָרמע און אויך אַ האָן, וואָס אַלץ צוזאַמען האָט באַטראָפן פינף־גריוועניעס, פלעגן פינף יידן זיך צונויפלייגן כדי אָפּצוקויפן צוזאַמען ביים גוי די פּראָדוקטן, ווייל דאָס רוב דאָמבראָוויצער איינוווינער פון יענער צייט זענען געווען געוואַלדיקע קבצנים. די וועלדער זענען דאַן נאָך נישט געווען קיין מקור פון פרנסה. די פּוילישע פּריצים, באַזיצער פון די וועלדער זענען געווען אין שטענדיקן חשד ביי דער רוסישער מאכט ווי אויפשטענדלער. לכן האָט די מאַכט געהאַלטן די וועלדער געשלאָסן. עס איז געווען אַ קנאַפּער צענדליק בעלי־בתים וועלכע פלעגן פאָרן אויף ווייטע יאַרידן און פירן סחורות פון וואָלין קיין פינסק. אָבער, בדרך כלל זענען אַלע 80 דאָמבראָוויצער תושבים גרויסע קבצנים, וועלכע גיבן איבער זייער דלות בירושה און קענען אפילו נישט אויסהאַלטן אַ רב. אויך דער גייסטיקער ניוואָ האָט נישט אנטשפּראָכן די נויטיקייט פון האָבן אַ רב אויפן אָרט. אָבער אדאנק דעם וואָס דאָמבראָוויץ ליגט אויפן שליאַך פון די טשומאַקעס וועלכע פירן סחורה פון וואָלין קיין פינסק, אַזוי אַרום איז דאָ א פאַרבינדונג מיט פינסק, לויט אַ פאַראָרדענונג פון „ועד ארבע הארצות" האָט פינסקער רבנות השגחה אויף דאָמבראָוויץ. יש אומרים, אַז די ערשטע יידישע אריינדרינגלער קיין דאָמבראָוויץ זענען טאַקע געווען פינסקער יידן, געקומענע אהער ווי האָלץ־העקער, ברעטער־שניידער און אויך ווי פאַרמיטלער פון סחורה־אויסטויש ווען פינסק און דאָמבראָוויץ האָבן אָנגעהערט צו טוראָווער קניאזשעסטוואָ.

ב. דאָמבראָוויצער רבנות

פינסקער רבנות פלעגט באַפולמעכטיקן איינעם פון די דאָמבראָוויצער בעלי־בתים צו זיין אַ נאמן מטעם הרבנות מפינסק. דער לעצטער פון זיי איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, אַ מקובל, אַ ירא ושלם, וועמענס ביינער ס'האָבן גערוט אויפן אלטן בית החיים אין דעם אוהל וואָס האָט זיך איינגעהאַלטן ביזן היטלער־חורבן. אָט דער אוהל איז נישט דער ערשטער, נאָר אַ באַנייטער. אַ דאָמבראָוויצער נגיד ר' טודריס האָט אים באַנייט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. מען פלעגט זאָגן, אַז אין דעם אוהל רוען דריי צדיקים וועלכע זענען נאָך פאַרן ערשטן דאָמבראָוויצער רב געווען נאמנים מטעם הרבנות פון פינסק.

אין שייכות מיט דעם איז כאַראַקטעריסטיש דער פאָלגנדיקער פּסק־דין, וואָס ווערט געבראַכט אין ספר „נודע ביהודה — אבן־העזר בתקנות עגונות" (שאלה כ"ז—כ"ח), וועגן מתיר זיין אן עגונה פון שטעטל אָסטראָווצי, וועלכערס מאַן איז דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן פון טייך האָרין, נעבן דאָמבראָוויץ. אין דעם פּסק־דין, געגעבן אין יאָר תצ"ז (1737), ווערט כלל נישט דערמאָנט אַ רבנות אין דאָמבראָוויץ, היות ווי צו יענער צייט האָט דאָרט די דאָזיקע אינסטיטוציע נאָך נישט עקזיסטירט.

אינעם אָריגינאַל פון פסק־דין ווערט געזאָגט דאָס פאָלגנדיקע (געשריבן לויטן רבנישן נוסח פון יענע אַמאָליקע צייטן):

במותב תלתא בי דינא כחדא הוינא, ואתא לקדמנא הנעלה ר׳ משה בהרר יוסף מק״ק לובלין והעיד בת״ע ובחרם יב״ן ובאל״ינע בזה הלשון.

בעת שהיה היוקר הגדול, נסעתי אני עם דודי הר״ר אלכסנדר זיסקינד בהר״ר מתתיהו כ״ץ בעל האשה מרת שרה בת הר״ר אלי׳ מק״ק אָסטראָוצי לק״ק דאמבראוויץ, והיינו שם מלמדים בשני כפרים, אני באחד והוא בשני ובינינו היה מהלך פרסה.

פעם אחת נזדמן שהבעה״ב של דודי הנ״ל נעשה אבל וישב שבעה ימים בק״ק דאמבראוויץ הנ״ל, וזה היה סמוך לחג השבועות תצ״ז לפ״ק והסוסים של בעה״ב הנ״ל היו על מרעה מעבר לנהר „הארין״ ויום אחד קודם ערב חג השבועות אמרה בעלת הבית, רצוני לשלוח עגלה עם סוסים ליסע להעיר אחרי בעלי. וישב דודי הנ״ל על משוט עם משרת נער אחד לשוט את הנהר, וכאשר באו מעבר הנהר לקח הנער הסוסים והוליכם דרך הנהר. והוא הלך לתוך המשוט וכאשר בא אל המשוט משכו הסוסים משפת הנהר וצווח הנער: „ר׳ זיסקינד תן לי העץ שמשוטין בו כדי שאדחוק את המשוט לאחור לשפת הנהר״ והשיב דודי „אני אקפוץ לתוך המשוט״. וכאשר קפץ שמה באו מים לתוך המשוט. ונטבע דודי הר״ר אלכסנדר הנ״ל ותיכף מהר השיגוהו מן הנהר עם כל הבגדים והוכר בהעלותו מן הנהר שהוא זה ר׳ זיסקינד בפרצוף פנים וגם בגדיו. הביאו באותו יום לעיר ק״ק הנ״ל דרך הכפר שהייתי והכרתיו בטוב ג״כ, וכל הנ״ל הגיד לי גיסו של בעל הבית של דודי שראה אותו ככה כנ״ל תיכף בהעלותו מן הנהר.

כל הנ״ל הוגבה כדת וכדינא ובחרם הנ״ל, היום יום א׳ כ״ד סיון תי״ו קוף לפ״ק.

נאום יעקב, ונאום יונה, ונאום נח, ונאום יצחק. וכבר הורו הגאונים אב״ד דק׳ אסטרווצי ואב״ד דק׳ טרניגראד להתיר.

זעלבשטענדיקע דאַמבראָוויצער רבנות הייבט זיך אָן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט.

דער ערשטער רב אין דאַמבראָוויץ איז געווען מיין עלטער־זיידע, מיין באָבע חיהלעס טאַטע, ר׳ סנדר נתן, דער דיין. דער ערשטער רב האָט נאָך געהאַט איבער זיך די השגחה פון פינסק. ער האָט געגרינדעט א חברה חומש ורש״י און אַ חברה מדרש ואגדה. ער אַליין איז פאַרלערנער אין די חברות. אויך לערנט ער בחברותא מיט אַ פּאָר יונגעלייט גמרא מיט תוספות און דאָס איז דער מקור פון זיין פּרנסה. יעדן פרייטיק גייט מען אַרום מיטן שמש איבער די קראָמען און שענק און מען קאָנטראָלירט די געוויכטן און די מאָסן. באַלד נאָכדעם שליסן זיך די קראָמען און וואַרשטאַטן, כדי צו האָבן צייט זיך מכין צו זיין לכבוד שבת. אַזוי האָט פאַראָרדנט דער יונגער רב און אַלע בעלי־בתים וואַרפן זיך אונטער זיינע פאַראָרדענונגען.

דערווייל ברעכט אויס אַ מגיפה אין די געגנטן פון וואָלין און פון פאָלעסיע. דער רב רופט אָן אַסיפה, און מען אַרבעט אויס א תקנה, אַז היות אין דאַמבראָוויץ זענען פאַראַן גערוימע הייזער, ברייטע הויפן און גאַסן און היות פאַר שמירת הגוף איז נויטיק

זויבערקייט, לכן איז נישט געבענטשט דער, וועלכער וועט זיין הויז און זיך זעלבסט נישט האַלטן זויבער. אויך פאַראָרדנט דער רב, עד שיעבור זעם, אַז אַלע זאָלן עסן צוזאַמען. אַזוי אַרום וועט מען קאָנען קאָנטראָלירן דאָס זויבערהאַלטן פון עסן און איבערהויפּט וועט מען קאָנען זען, אַז קיינער זאָל נישט זיין הונגעריק אין דער סכנה־צייט. משגיחים גיבן אכטונג, אַז די תקנות זאָלן ווערן אויסגעפירט. אין די גאַסן, ווי אויך אין די הייזער, קאָכן זיך קעסלען און טעפּ הייסע וואַסער, אַפילו אין שבת אויך (געוויינטלעך על ידי נכרי). אין רעזולטאַט דערפון איז אין דאַמבראָוויץ די מגיפה געוועז אַ מילדערע.

און אַט איז געקומען אַ גזירה מטעם המלכות צו כאַפּן יידישע קינדער צום מיליטער. עמעצער לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז חתונה־געהאַטע זענען פּטור פון דער גזירה. מען לייגט פאַר בהלה־חתונות פון 7—8־יאָריקע קינדער. דער רב איז קעגן, ווייל עס איז נישט אין הסכם מיט הלכות אישות. דער רב גלויבט נישט, אַז אַזוינע חתונה־געהאַטע קאָנען ווערן באַפרייט. די טאַטעס לויפן קיין פּינסק און ברענגען אַ פאַראָרדענונג פון פּינסקער רבנות וועגן דעם היתר פון די יונגע חתונות. כדי מפרסם צו זיין, אַז דאָס קינד האָט טאַקע חתונה געהאַט, נעמען די מחותנים, מיטן חתן בראש, און מאַכן אין מאַרק, אַרום די קראָמען, זיבן הקפות און די כלה ווערט געפירט לטבילה מיט כלי־זמרים.

לבסוף איז פון דעם אַלעם קיין סגולה נישט אַרויסגעקומען און חתונה געהאַטע קינדער זענען געכאַפּט געוואָרן. כדי עס זאָלן נישט בלייבן קיין עגונות, איז דער געכאַפּטער יונגערמאַן געבראַכט געוואָרן צום רב אונטער מיליטערישער שמירה און ער האָט געגעט זיין קינדעריש ווייבל.

דער ערשטער דאַמבראָוויצער רב איז געווען אויפגעבראַכט אויף דעם פּינסקער רבנות צוליב די בהלה־חתונות. נאָכדעם איז פאָרלאָפן א מעשה מיט אַ חלוצה. פּינסק האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל קומען צו זיי, און נאָך אַ לענגערן בריוו־אויסטויש, באַגלייט מיט דברים קשים, באַוויליקט דאָס פּינסקער רבנות אַראָפּצוקומען קיין דאַמבראָוויץ. אין זייער קעגנוואַרט האָט דער דאַמבראָוויצער רב מסדר געווען די חלוצה. דער דאָזיקער פאַל האָט נאָכמער אויפגעבראַכט דעם רב און ער זוכט אַ פּאַסיקן מאָמענט זיך צו באַפרייען פון פּינסקער אַפּוטרופּסות.

צו יענער צייט האָט דאָס חסידות נאָך נישט געהאַט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען אין דאַמבראָוויץ. כאָטש ר׳ אהרון הגדול, דעם רבין ר׳ בערס תלמיד, באַזוכט דאַמבראָוויץ און מיט זיין התלהבות צינדט ער אָן די הערצער און עטלעכע חסידים זענען שוין פאָרע׳ר צום רבין. עס איז שוין נאָך אהרן־הגדולס הסתלקות. ר׳ אשר דער גרויסער איז שוין נאָענט צו הסתלקות.

צו יענער צייט הויבט אָן דער ערשטער רב באַפּעסטיקן דאָס חסידות און עס געלונגט אים, עס ווערט באַנייט דאָס שטיבל, אין וועלכן מען אַרבעט אַריין אין חסידות, מען זאָגט חסידישע תורה, מען וואַרעמט דעם עולם מיט חסידישע מעשיות פון בעל שם טוב, פון רבין ר׳ בער, און ווען מען זעט, אַז עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו שטיצן,

רייסט מען איבער מיטן מתנגדישן פינסק. אָבער דאָס אַלץ איז דעם ערשטן דאָמבראָ־וויצער רב אָנגעקומען מיט גרויס אָנשטרענגונג. במשך גאָר ווייניק יאָרן האָט ער דאָס אָפּגעשטאַנענע שטעטל אויפגעהויבן צו תורה, געשאַפן אַ גרויסע חברותה פון באַוווסט־זיניקע הייסע קאַרלינער חסידים. דער ערשטער רב ר׳ סנדר־נתן איז נסתלק געוואָרן נישט אין טיפן עלטער, בערך אין יאָר 1820.

ג. הגאון ר׳ יעקב־נתן ווייסמאַן זצ״ל

נאָכן טויט פון ערשטן רב, בלייבט דאָס דאָמבראָוויצער כסא־הרבנות אַ פיר צענדליק יאָר נישט באַזעצט. פינסק וויל ווידער אַמאָל אַרויפלייגן איר האַנט אויף דאָמבראָוויץ און דאָמבראָוויצער בעלי־בתים לאָזן זיך נישט. צוליב דעם געראַנגל איז די שטול דערוויייל ליידיק אַ שפּאָר ביסל יאָרן.

לבסוף באַקומט הרב ר׳ יעקב־נתן ווייסמאַן אַ כתב פון דאָמבראָוויצער עדה און פאַרנעמט דאָס כסא־הרבנות. איצט פאַרמאָגט שוין דאָמבראָוויץ אַ געדיכטע באַפעל־קערונג, וואָס איז זיך שוין לייכטער מתפרנס, ווייל אינצווישן האָט מען שוין אָנגעהויבן באַאַרבעטן די וועלדער פון דער אומגעגנט. אָבער אין שטעטל הערשט מחלוקת. טריסקער און שפּעטער ברעזנער חסידים, טוען אַלץ כדי אַריינצודרינגען און זיך צו באַפעסטיקן אין דאָמבראָוויץ. און קאַרלינער חסידים, די אַזוי־גערופענע יודעי־ספר, אנשים חשובים, דערלאָזן נישט דערצו. די אַרבעטערשאַפט מיט די קבצנים זענען בבחינת לא קרירא ולא חמימא. צו זיי האָט זיך פאַרלויפיק נישט דערלאַנגט דער חסידישער באַוווסטזיין און פאַר דער דעראָבערונג פון אָט די אנשים פשוטים פירט זיך דער קאַמף.

דער נאָר־וואָס אָנגעקומענער רב האַלט זיך לכתחילה ווייט פון דער מחלוקת. ער באַפעסטיקט די מוסדות התורה, און אין שטיבל באַווייזן זיך שטענדיקע לערנער — בחורים און יונגעלייט.

אין בית־המדרש און אין דערבייאיקע שולכלעך לערנט מען מדרש, מען פאַרטייטשט תהילים, מען לערנט פירוש המלים פון דאַוונען, מען לערנט חומש און פרקי אבות. אָבער די מחלוקת שטערט. מען וויל דעם רב איבערנעמען אויף איין זייט, געוויינטלעך, אויפן שטאַרקערן צד. אָבער ער לאָזט זיך נישט באַאיינפלוסן און זאָגט: „מיין רבנישע אויפגאַבע איז ללמוד וללמד און מדריך זיין די עדה״. פונדעסטוועגן פילט דער רב, אַז די חילוקי־דעות וויקלען אַרום אויך זיין פערזאָן און ער איז זיך שטאַרק מצער. ער פלייסט זיך אָפּצושוואַכן די חילוקי־דעות אַפילו ווען זיי קומען פון אַן אדם חשוב.

וועגן הרב יעקב נתן רעדן אַלטע יידן ווי וועגן אַ גרויסער פּערזענלעכקייט, וועלכע שטייט אין שאלות ותשובות מיט פינסקער און בריסקער רבנים און גדולי ישראל רעספּעקטירן אים. אַלטע יידן דערציילן, אַז נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אַ גאון, חריף ובקי בש״ס ופוסקים און קלאָר אין אַלע מקצועות החיים, האָט ער דאָך אויסגעמיטן צו זיין אין דיני ממונות אַ פוסק יחיד און שטענדיק צוגעזעצט אַ פּאָר בעלי בתים און

אַזוי לאַנג אונטערהאַנדלט מיט די בעלי ריב, ביז מען איז געקומען צו אַן אויסגלייך. איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז צוויי שווערע בעלי־דין האָבן ביים רב אין שטוב זיך אָנגעהויבן קריגן און מען האָט זיי נישט געקאָנט פאַנאַנדערנעמען. זעענדיק דאָס, האָבן דער רב מיט דער רביצין אַריינגעטראָטן אין בית־דין־שטוב אַ צובער קאַלט וואַסער און די בעלי־ריב האָבן זיך אויפגעהערט קריגן. אַביסל שפּעטער איז מען טאַקע געקומען צו אַן אויסגלייך.

וועגן הרב יעקב־נתן האָבן אַלטע יידן גערעדט מיט אַ פולן מויל זאַפט. מיר האָט געזאָגט אַ זקן: „וואָס ווייסטו וואָס פּאַראַ בעל־מוח דאָס איז געווען. ער האָט געקאָנט אַ קוק טאָן אויף אַ בוים און אויסרעכענען וויפל בלעטלעך ער פאַרמאָגט״.

*

הר״ר יעקב־נתן בהר״ר יוסף ווייסמאַן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1840, און אין די יאָרן 1865—1880 איז ער געווען רב אין דאָמבראָוויק. שפּעטער האָט ער איבערגענומען דעם כסא־הרבנות אין טוראָוו, אייפן אָרט פון הר״ר ברוך מאַנדעלבוים, וואָס איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל (דער זיידע פון דעם מאַנדעלבוים, וואָס אויף זיין נאָמען רופט זיך דער „מאַנדעלבוים־טויער״ אין ירושלים, אין דעם שטח וואָס האָט געהערט צו אים). אין יאָר 1907 האָט אויך הר״ר יעקב־נתן ווייסמאַן עולה געווען קיין ארץ־ישראל, און נאָכן אָפּזיין 2 יאָר אין ירושלים (אין אַ מושב זקנים) איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רב קיין טבריה. מיט 2 יאָר שפּעטער (1911) איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס ראש־הישיבה אין מירון, דאָרט איז ער נפטר געוואָרן, אין יאָר 1912, און געבראַכט געוואָרן צו קבורה (נישט ווייט פונעם קבר פון רשב״י).

אין דער לומדישער וועלט איז הר״ר יעקב־נתן באַקאַנט מיט זיין ספר „מחשבות־בעצה״ (לויט דעם פסוק: מחשבות בעצה תכון — משלי כ׳, י״ח), וואָס נעמט אַרום גאָר קאָמפּליצירטע הלכות פון דער סוגיא: איך להתנהג? אונדזערע זיידעס און טאַטעס, דער דור־ההמשך פון „עקבי־הצאן״, האָבן ביים ענדע פון אידילישן נייַנצנטן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון בלוטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נישט אָפּגענייגט מדרכי התורה וחז״ל. אין יענע צייטן האָט דער דאָמבראָוויצער רב געדאגהט פאַר זיי, און נאָך פאַר פיל הונדערטער קהילות אין תחום־המושב, אַז זיי זאָלן חס וחלילה נישט נכשל ווערן. אין יאָר 1901 האָט ער אָפּגעדרוקט אין בערדיטשעוו זיין ספר „מחשבות־בעצה״, וועגן וועלכן דער חד־בדורא הגאון ר׳ יצחק־אלחנן שרייבט אין זיין הסכמה: „הדברים נאמרו בדיוק וסברא״. אמנם, אין „התנצלות־המחבר״ ווערט געזאָגט: „מצאתי את עצמי מחויב בזה, למרות שאיני מהגדולים״, אָבער גאָר מעכטיקע בעלי־הלכה אין היינטיקן ישראל באַוווּנדערן עד־היום דעם ספר און זאָגן, אַז דער מחבר דאַרף פאַר־רעכנט ווערן צווישן די גדולי־הלכה אויך פון אונדזער תקופה.

איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דעם חלק פון ספר, וואָס נעמט אַרום ווייטע קאָנטינענטן און טראָגט דעם צוגאָב־נאָמען „פרפראות־לחכמה״. אין דעם חלק איז דער „מחשבות־

בעצה״ אַ בעל־יועץ די יעניקע יידישע רייזנדע הין־און־צוריק, פון אַמעריקע קיין אויסטראַליע, וואָס זייער דאָיקער־היינט איז אויך זייער היימישער־נעכטן, אָדער דער היימישער־היינט איז אין וועג זייער נעכטן און ס׳איז אַ שאלת־חכמים: ווען הייבט זיך אָן זייער שבת... דער דאָמבראָוויצער רב באַזירט זיינע אויפקלערונגען אויף יידישע מקורות — גמרא, ראשונים ואחרונים — אָבער ער באַנוצט צו דעם אויך גרויס וויסן אין אַלגעברע, געאָמעטריע, געאָגראַפיע און אַנדערע וויסנשאַפטן. די צייכנס ביי אים זענען נישט .A.B.C און פלוס (+), וואָס איז שתי־ערבדיק, נאָר א.ב.ש. און אַן איבערגעקערטער קמץ (⊥). דער דאָמבראָוויצער רב ווייזט אַרויס גרויסע בקיאות אין די שבע־חכמות, און יודעי חן זאָגן, אַז ער באַנוצט זיך דאָרט מיט הויכער מאַטעמאַטיק. זיינע מאַנוסקריפּטן וועגן אַסטראָנאָמיע, האָבן זיך אויפגעהיט אין דאָמבראָוויץ ביים איידעם זיינעם, דער שפּעטערדיקער דאָמבראָוויצער רב ר׳ יעקב הכהן זאַלצמאַן, אַ גדול־בישראל און אַ בקי בחכמת־העולם, וואָס האָט זיך גוט פאַנאַנדערגעקליבן אין די מאנוסקריפּטן און האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַן אוצר פון וויסן, וואָס איז באַגרינדעט אויף טעאָריעס פון דער לעצטער תקופה.

אין „פּרפּראות־לחכמה״ זאָגט הר״ר יעקב־נתן: „ובאמת דברי ראשונים ז״ל שרירין וקיימין ואין סתירה״; און ער זאָגט דאָס אין שייכות מיט דער אַקטועלער פראַגע פון יענע חכמים ראשונים, וואָס האָבן זיך געעסקט מיט דער שאלה: פון וועלכן מערידיאַן, זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג ציילן מיר די ששת־ימי־המעשה און דעם שבת־טאָג. פאַראַן חכמים וואָס פאַררופן זיך אויפן כוזרי און זיינס אַ ביאור צו דער ברייתא „הנולד קודם חצות״ — אַז דאָס איז דער מערידיאַן °90. אונדזער דאָמבראָוויצער חכם, לויט זיין אייגנאַרטיקן לימוד־הגמרא און לויט זיין אויפפאַסונג פון מצוות־מעשיות, גייט לשיטתו און קומט צו דער מסקנה, אַז אין דער דאָזיקער פראַגע — צייט פון שבת, לפי התורה — דאַרף אָנגענומען ווערן דער מערידיאַן, וואָס איז אין מרחק פון ירושלים צו ביידע קעגנזייטיקע מרחקים אין מזרח און מערב, היינו — דער מערידיאַן °180, בכדי די וויטסטע יידישע תפוצות זאָלן שבת׳ן מיט ירושלים געוויסע שעהן. ירושלים איז ביים דאָמבראָוויצער רב דער מיטל־פונקט און הויך־פונקט פון גאַנצן יידישן זיין...

לא הרי זה כהרי זה! די יידן, וואָס האָבן אין 19־טן יאָרהונדערט פאַרזוכט דעם טעם פון בילדונג, איז אויך די חכמה ביי זיי געווען די בת־אלקים. אויך די השכלה־לייט האָבן געצויגן זייער יניקה פון ים־התלמוד. דער „בית־המדרש־לרבנים״ אין זשיטאָמיר איז געווען אַ פּרוזדור צום אוניווערסיטעט פון ישיבה־בחורים און מוסמכים. ס׳זענען אַרויסגעקומען באַוווּסטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, מלוכה־צענזאָרן און „קאַזיאָננע ראַבינערס״, וואָס האָבן מקריב געווען זייער גירסא דינקותא אויפן מזבח פון דער וועלט־לעכקייט. אָבער אונדזער דאָמבראָוויצער רב און גאון האָט אויסגענוצט דעם גאַנצן באַגאַזש פון זיין וועלטלעכן וויסן, צו לייזן קאָמפּליצירטע יידישע הלכות און האָט דאָס געטאָן מיט גרויס ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און צו ירושלים.

ר׳ יעקב־נתן איז געווען אַ נוטה לקולא ולא לחומרא. אין זיין ספר ווערט געזאָגט: „כי ראיתי שה,בעל־נחל־אשכול׳ הפליג להחמיר ולדעתי כל ראיותיו יש להטותן לאידך־

גיסא, כי אותן הראיות יהיו ראויות להיפך ויש בזה מצווה גדולה להכריע את העולם לכף זכות״. די נטייה לקולא איז געווען דער קוו פון זיינע פסקי־דין און חיבורים, און זיין שפעטערדיקער נאָכפאָלגער אין דאָמבראָוויץ, זיין איידעם ר׳ יעקב הכהן, האָט אויך ממשיך געווען זיין קוו לקולא.

וועגן דיני־עירובין האָט די רבנישע ליטעראַטור נישט פיל געשריבן, און גדולי־ישראל זאָגן, אַז פיל פונקטן פון דער סוגיא זענען נאָך עד־היום אַ פרשה־סתומה. אונדזער דאָמבראָוויצער רב האָט זיך פאַרנומען שטאַרק מיט דער דאָזיקער סוגיא. אין זיינעם אַ צווייטן ספר פאַרנעמט ער זיך ספּעציעל מיט עירובי־תחומים. ער באַנוצט זיך אויך דאָרט מיט אַ סך כללים פון די שבע־חכמות און באַוויכטעט מיט פיל בקיאות די דאָזיקע סוגיא.

אַן אַנדער סוגיא מיט וועלכער ר׳ יעקב־נתן פאַרנעמט זיך, איז די פראַגע: ווען דאַרף מען זאָגן שלוש־עשרה־מדות — פאַר חצות־הלילה? ער איז זיך סומך אויף מקובלים, אַז דאָס אַלץ איז געבונדן מיטן חצות אין ירושלים און ער מעסט אויס דעם הפרש־צייט אין די מדינות, וואָס געפינען זיך מזרח־זייט פון ירושלים אָדער מערב־זייט פון ירושלים. אַזוי אַרום קומט ער צו אַן אויסרעכענונג פון חצות־ירושלים אין וואַרשע און אַמסטערדאַם: ירושלים איז אויפן 53°; וואַרשע איז אויפן 38°; אַמסטערדאַם איז אויפן 22°; לויט דעם קומט אויס, אַז חצות־ירושלים איז פריער פון חצות־ אין וואַרשע מיט איין שעה און פריער ווי חצות אין אַמסטערדאַם מיט צוויי שעה און פיר מינוט.

ס׳איז אויך אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, וואָס עס האָבן דערציילט פּשוטע יידן וועגן רב! איינער אַ דאָמבראָוויצער בעל־עגלה האָט אַמאָל אַזוי געזאָגט: הרב ר׳ יעקב־נתן פלעגט שבועות זיין זייער פריילעך, אָבער שמחת־תורה פלעגט ער זיין פאַרקלערט. האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם אברהם ריגזול: יענער האָט געוווּסט אַלע וועגן אין הימל בעסער ווי איך ווייס דעם וועג פון דאָמבראָוויץ קיין קריוויץ. ער האָט אַפילו געוווּסט וויפל וויאָרסט ס׳איז פון איין שטערן צום צווייטן. האָט אַ צווייטער עמך־ייד צוגעגעבן: און גוואַלדיקע איינפאַלן זיינע, ווי צב״ש — ווען מען האָט געבראַכט צו אים אַ משוגענע פרוי, אַז ער זאָל דורכפירן אַ גט; דער רב האָט געהיט אַ גוטע פאַר חדשים ביז ער האָט געכאַפּט אַ מאָמענט ווען זי איז געקומען אַ ביסל צום שכל און האָט דורכ־געפירט דעם גט. די דאָזיקע מעשה האָט אַרויסגערופן אַ רעש צווישן רבנים, אָבער ער האָט געפונען אַ תשובה: זי, די פרוי, איז דאָך סיזוי אַ פאַרפאַלענע, טאָ צוליב וואָס דאַרף מען פייניקן דעם יונגנמאַן.

הר״ר יעקב־נתן וויסמאַן פאַרנעמט אַ גאַר וויכטיקן פּלאַץ אין דער גרויסער געשיכטע פון דער רבנישער וועלט און אין דער קליינער געשיכטע פון דאָמבראָוויצער יידן, נישט נאָר אַלס בקיא, גאון און מפרש, נאָר אויך אַלס חכם, חריף און מחדש — פון די גדולים שבגדולים.

ד. ר׳ איטשע דיין

נאָך ר׳ יעקב־נתן איז געקומען הרב ר׳ איטשע דיין, אויך אַ געבוירענער אין דאָמבראָוויץ. וועגן אים האָבן אונדזערע זיידעס און טאַטעס גערעדט מיט געוואַלדיקער יראת הרוממות. זיינע פאַרדינסטן פאַר דאָמבראָוויצער כסא הרבנות זענען יסודות־דיקע. בימיו האָט דאָס דאָמבראָוויצער כסא־הרבנות זיך דערוואָרבן אַ שם אין גאַנץ וואָלין און פּאָלעסיע. ער איז דער גאָטס געבענטשטער פּאַסטעך פון זיין עדה, משכמו ומעלה גבוה מכל העם, אַ גרויסער בן־תורה, אַ חכם מחוכם, אַ בקי און חריף. געפירט האָט ר׳ איטשע דאָס רבנות ביד רמה. צו יענער צייט האָט שוין דאָמבראָוויץ קליין־שטעטלדיקע גבירים, אַרענדאַרן פון פּריצישע גיטער, וועלכע פאָרן אַריין אין שטאָט מיט אַ געשפּאַן פון דריי פערד, הינט לויפןביים זייט, זענען גרויסע תקיפים ביי נאַטשאַלסטוואָ און גוטע ברידער מיט די פּריצים.

אָט די אַלע האָבן געציטערט פאַר אַ פּינטל פון רבס אויג. די קרעמער היטן די געוויכטן און די מאָסן, ווייל דער רב שוינט נישט קיינעם און האָט אין זינען וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. דערביי איז ער שטענדיק אַריינגעטאָן אין ראשונים ואחרונים, ש״ס ופוסקים, דרוש ומחקר און זיצט יומם ולילה על תורה ועבודה. מען דערציילט, אַז נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט דער בית אהרון צום אים געזאָגט: „וואַרף אַוועק אַלע געשעפטן און קויף מגינים, דיר וועט אויסקומען צו זיין רב אין דאָמבראָוויץ״. און אַזוי איז טאַקע געשען, ר׳ איטשע האָט גלייך אָנגעהויבן משפּיע זיין אין שטעטל און אין אומגעגנט, שטענדיק געזאָגט זיין רבניש וואָרט, וואָס איז געווען פאַר אַלעמען הייליק און ווען עס האָט איינער געוואָלט פורץ גדר זיין און נישט פאָלגן, האָט דער רב געלאָזט ברענגען דעם יעניקן צו זיך אין דער גרויסער כמעט ליידיקער בית דין שטוב, און אים געלאָזט אויפקלערן טעמי ונימוקי ההלכה, אויף וואָס ער, דער מרא דאתרא באַזירט זיין פּסק־דין. איינעם אַ תקיף האָט דער רב אַמאָל אַזוי געזאָגט: „הער נאָר צו — איך וועל פון דיר מאַכן אַ גל של עצמות, איך בין דיך מניה וביה מעביר משני עולמות. וואָרעם ווער ביסטו, וואָס דו ווילסט נישט פאָלגן, וואָס עס פּסקנט די הייליקע תורה?!״

איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ דין תורה צווישן אַ תקיף, אַן עושר און אַ דערשלאָגענעם קבצן. אויסהערנדיק די טענות איז דעם רב קלאָר געוואָרן, אַז דער קבצן איז דער גערעכטער, אָבער דער עושר פירט זיך מעשה תקיף, שטעלט פראַגן און פאָדערונגען, ווי ער וואָלט געווען דער גערעכטער. הויבט זיך אויף ר׳ איטשע דיין פון שטול און זאָגט צו זיך זעלבסט: „לא תגורו מפני איש״. ער גיט אַ קוק אויפן תקיף ווי ער זיצט מיט אַ ברייט שמייכלעלע אויף זיין גביריש פּנים, און גיט אַ געשריי: „שייגעץ, יינגאַטש, דער בית־דין שטייט און דו זיצסט, דער גערעכטער קרעכצט און דו שמייכלסט און האָסט פון זיך הנאה?״ און דער תקיף האָט זיך אונטערגעגעבן.

ר׳ איטשע דיין האָט שטענדיק געפּסקנט לויטן דין. ממש יקוב הדין את ההר. ער

פלעגט זאָגן: „חכמינו ז״ל האָבן שוין אַריינגעקלערט און געקומען לידי הסכם, די פּוסקים האָבן שוין נאָכגעקאָנטראָלירט, די מפרשים האָבן שוין קאָמענטירט, אַזוי, אַז די הלכה איז קלאָר און איך האָב נישט, וואָס מחדש צו זיין. בעלי ריב מוזן פאָלגן די הלכה און נישט מיין פּשרה״. במשך דער גאַנצער צייט זענען פון ווייטע מקומות געקומען סוחרים צום דאָמבראָוויצער רב לדין תורה לפי פּסק ההלכה.

איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז צוויי קאָרעצער בעלי־ריב מיט אַ פאַרחתמעטן קאָנטראַקט, זענען געקומען צום רב. האָט דער רב איינגעלאַדן אַ דאָמבראָוויצער קענער פון רוסיש ער זאָל דעם קאָנטראַקט מעתיק זיין אויף יידיש. האָט זיך געפונען אַ דאָמבראָוויצער פאַרמיטלער און האָט אָנגערעדט דעם מעתיק, אַז עס זאָל געמאַכט ווערן אַ פאַלשקייט און יענער האָט אַזוי איבערגעזעצט, אַז דער קאָנטראַקט איז געוואָרן לטובת איינעם ולרעת דעם צווייטן. אין רעזולטאַט דערפון איז די דין תורה פאַרקריפּלט געוואָרן. געוויר ווערנדיק פון דעם האָט דער רב אָנגעזידלט און געזאָגט מוסר דעם מעתיק און דעם סוחר און דעם דאָמבראָוויצער וואָס האָט פאַרמיטלט אין דער פאַלשקייט און ווי אונדזערע טאַטעס האָבן דערציילט, זענען אַלע דריי נאָך דעם מן השמים באַשטראָפט געוואָרן.

שמואל זאַלצמאַן דערציילט בשם ר׳ משה ברעגמאַן וועגן זיינס אַ דין תורה מיט אַ דאָמבראָוויצער ייד. בשעת דער דין תורה, האָט ער, ברעגמאַן, געמאָנט געלט ביי דעם ייד, און דער נתבע האָט סתם דוחה געווען די טענות מיט דברים של מה בכך, געשריגן, גערעדט אַ סך. אָבער ר׳ איטשען איז געווען קלאָר, אַז יענער האָט גענומען געלט און וויל נישט אָפּגעבן. גיט ר׳ איטשע אַ זאָג ברעגמאַנען: „משה, דו מוזט מקבל זיין״. קלערט משה, הייתכן, פאַרוואָס קומט אים אַ קבלה? און צום נתבע, זאָגט ער, דו מוזט איינלייגן דאָס געלט. טראַכט ביי זיך דער נתבע: ר׳ משה וועט קיין קבלה נישט געבן, וועט ער געווינען די דין תורה. ער כאַפּט אַרויס די פּאָר צענדליק רובל און לייגט זיי אַריין אין רבס טיש־קעסטל. נעמט ר׳ איטשע דאָס געלט אין האַנט און זאָגט: „משה, זיי מקבל דאָס געלט״. יענער האָט אָנגעהויבן שרייען, זאָגט צו אים ר׳ איטשע: „דו שייגעץ, פרעמד געלט ווילסטו?״.

ר׳ איטשע דיין פלעגט זיך נישט אָפּהאַלטן פון אָנוואָרפן אַ שבועה, ווען די הלכה האָט עס געפאָדערט. דער ענין שווערן איז אין זיין רבנישער פּראַקטיק געווען אַ פּילמאָ־ליקע דערשיינונג. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט אַן ענין מיט איינגעלייגטע הונדערט־רובלדיקע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דעם איינגעלייגטן געלט האָט געפעלט איין הונדערטער און דריי מנינים יידן, כמעט אַלע דאָמבראָוויצער גבירים, האָבן דאַן, אין בית המדרש געשוואָרן צוליב איין הונדערטער. פערציק יאָר נאָך זיין פּטירה, אַז ס׳האָט פּאַסירט עפּעס אַן אומגליק ביי איינער פון יענע משפּחות, זענען זיי געווען איבערצייגט אַז דאָס איז אַ תוצאה פון יענער שבועה. אין אַ שעת רוגזה, פלעגן דאָמבראָוויצער טאַטעס זאָגן, אַז דער גרויסער רב האָט געהאַט השפּעה אויף אַלעמען, אָבער נישט אויף זיינע זין, וועלכע וועלן קיין רבנים נישט זיין. אָבער, דעם גרויסן רבס אייניקל, הרב אייזנבערג, איז געווען רב אין זשיטאָמיר און היינט איז ער רב אין קאַרלינער שטיבל אין תל־אביב.

ה. פיר רבנים אין קליינעם שטעטל

ר׳ איטשע דיין איז נפטר געוואָרן אין 1902, אַ טאָג פאר יום־כיפור און עס האָבן אים מספיד געווען אַ סך גרויסע רבנים פון פיל שטעט און שטעטלעך. נאָך זיין פטירה, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת איבער דעם כסא הרבנות. אין רעזולטאַט פון דער מחלוקת, איז דאָמבראָוויץ באַזעצט געוואָרן דורך פיר רבנים: דער סטאָלינער רב, הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן זצ״ל: דער בית־המדרש רב, הרב ראַבינאָוויטש (גערופן: רובליער רב); דער שול־רב הרב לעווין; און דער טריסקער רב.

די צעטיילונג אויף פיר רבנים האָט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער שול־רב און טריסקער רב, נישט האָבנדיק קיין פרנסה האָבן גיך פאַרלאָזט דאָמבראָוויץ, געבליבן זענען בלויז צוויי, איינער אין סטאָלינער־קארלינער שטיבל און איינער אין בית־המדרש. דער אַזוי גערופעער רובליער רב, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין ליטווישע ישיבות איז אָנגעזאָפּט מיט תורה, דרוש און מוסר, זיינע דרשות אין שבת הגדול און אין שבת תשובה זענען פול מיט חריפות און מוסר אין ענינים בין אדם למקום און בין אדם לחברו. אָבער אים פעלט חסידישע חברשאפט און דעריבער האָט ער נישט קיין השפעה און האָט נישט קיין הצלחה. עס איז מיר געבליבן אין זכרון זיינס אַ טאָט אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ די פערזענלעכקייט פון רובליער רב: עס איז פאַר ראש־השנה, יידן דאַווענען און זאָגן תהילים בציבור, מען בלאָזט תקיעות, מנינים בייטן זיך און לויבן דעם בורא־עולם, בעטן מחילת־עוון און א גוט יאָר. אויף מיר איז אָנגעפאלן אַ קינדערישע פרומקייט, איך זאָג מיט אַלעמען תהילים, כ׳הער אויס אַלע קדושה׳ס און קלער אַריין, צי ביי די וואָכעדיקע תקיעות איז דער שטן מסוגל מבלבל צו זיין, אָדער צי איז זיין כוח שטאַרק בלויז ראש השנה. נישט ווייט פון טיר זיצט פון פאַרטאָג אָן וועלפל סאַראַגאטש, נאָך דאָן אַ יונגער מענטש, אַ טאַטע פון קינדער און ער זאָגט, שלינגט די ווערטער פון תהילים. פלוצלינג שפּרינגט צו אים אונטער דער רובליער רב און הויבט אָן שרייען עד לב השמים, אַז אַלע מתפללים האָבן זיך דערשראָקן: „דו עוכר ישראל, אַרויס פון בית המדרש, דו האָסט הונגעריקע ווייב און קינדער און דו פאַרגינסט זיך זיצן אַ האַלבע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש?״.

דער רובליער רב פאַרלאָזט דאָמבראָוויץ און מען ברענגט אַראָפּ ר׳ נחומטשען, דעם רבין ר׳ שמואליקלס זון זצ״ל. ער שפרייט אויס זיין גייסטיקע השפעה איבער די בערעזנער חסידים, וועלכע דאַווענען אַלע אין בית־המדרש און אויך איבער די שול־מתפללים און איבער דעם טריסקער שטיבל. אַלע טוען אים אָן גרויס כבוד.

איןביידע סטאָלינער שטיבלעך פירט רבנות הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן, געבוירן אין דאָמבראָוויץ, אַן איידעם פון פריערדיקן רב הרב ר׳ יעקב נתן זצ״ל. דאָמבראָוויצער פלעגן אים רופן „יאַנקל דער רב״ און מיט דעם געבראַכט צום אויסדרוק חסידישע גוט־ברודערשאַפט, די נאָענטקייט צווישן בעל־הבית און רב.

די איבערגאַנגס־תקופה פון פיר רבנים אין קליינעם שטעטל, איז אין לויף פון דער צייט כמעט פולשטענדיק פאַרגעסן געוואָרן. אין דעם שיינעם קאַפּיטל פון דאָמ־

בראָוויצער רבנות אויפֿן ראַנד פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען מיט ליבשאַפֿט פֿאַרשריבן געוואָרן די נעמען פֿון הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן זצ״ל און הרב ר׳ נחומטשע פּעטשעניק זצ״ל.

ו. צווישן רעוואָלוציעס און נייע אידייען

אין 1905 יאָר האָט עקזיסטירט אין דאָמבראָוויץ א קאָנספּיראַטיווער רעוואָלוציאָנערער קרייז. ביים קוזניע־טייך, אין שמעונס קליינע שטוב, קומען פֿאַר צוזאַמענקונפֿטן, בעת וועלכע עס ווערן אויסגעאַרבעט פּלענער וועגן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. גויים און יידן אַרבעטן לכתחילה צוזאַמען און דער ציל איז צו שטירצן די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, פֿאַרטיילן ערד פֿאַרן פּויער און אויסקעמפֿן בעסערע באַדינגונגען פֿאַר די אַרבעטער. מינסק שיקט אינסטרוקציעס און עס שיטן זיך אָנווייזונגען פֿון וואַרשע, פֿון קיעוו, פֿון זשיטאָמיר. די אינסטרוקציעס פֿון קיעוו און זשיטאָמיר האָבן אין זיך נישט קיין שמץ פֿון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק. דאַקעגן ווען עס קומט אַן אַגיטאַטאָר פֿון וואַרשע, אָדער מינסק, זענען זיינע רעדעס דורכגעפֿלאָכטן מיט יידישע פּראָבלעמען. דערנאָך זענען געקומען שליחים פֿון פּינסק און פֿון וואַרשע און עס ווערט געגרינדעט דער „בונד״.

איך וויל דאָ אונטערשטרייכן, אַז אין יענער שטורמישער צייט, אַריינגענומען אַלע אירע דערשיינונגען, בין איך נישט געווען טעטיק אין אַ וועלכער ס׳איז ריכטונג און איך שרייב בלויז געהערטע זאַכן און עס קאָן דעריבער זיין אומפּינקטלעכקייטן. אָבער, איך בין זיך סומך אויף דעם, אַז די מענטשן האָבן מיר איבערגעגעבן דעם ריינעם אמת.

צו יענער צייט האָבן זיך די פֿונדאַמענטן פֿון די אָנגענומענע לעבנס־פֿאָרמען אַ טרייסל געגעבן. יעדע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונג איז אַ רעאַקציע קעגן דעם אָנגענומענעם. יעדער רעוואָלוציאָנער איז אַ פּורץ־גדרניק. אַלע פֿאַרטייען ווילן פֿאַנגען נפשות.

ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן שיקן ארויס אַ פּרעלעגענט קיין דאָמבראָוויץ און ער פּרעדיקט פֿאַר אַנאַרכיע אין לאַנד, אין פֿאָלק און גאָטהייט־באַגריפֿן ווי אויך אין משפּחה־לעבן.

די רעוואָלוציאָנערן דערקלערן מלחמה דעם קלעריקאַליזם. בונדיסטן פֿירן אַ קאַמף קעגן אָבערגלויבערישן תלמוד־קולט און אויך קעגן דער ציוניסטישער אוטאָפּיע. יעדער איינער וואָס טראָגט אַ שוואַרץ העמדל מיט אַ שוואַרצן גאַרטל און האָט איבערגעלייענט א וועלכע עס איז בראָשורקע, קריטיקירט די תורה־מאָראַל און ווערט א דעה־זאָגער וואָס שייך דער יידישער עטיק. די יידישע טאַטעס וועלכע זענען טריי געבליבן דער יידישער תורה ציטערן פֿאַר דעם גורל פֿון זייערע קינדער. עס שטעלט זיך די פֿראַגע ווי אזוי צו שיצן דאָס יידישקייט און מען זעט באַשיינפּערלעך ווי פֿרעמדע ווינטן רייסן זיך אַריין אַלץ מער אין יידישן לעבן. עס זענען אויך געקומען אסימילאַטאָרישע קרייזן, מכלומרשטע רעפֿאָרמיסטן און אַנדערע מופקרים, און געוואָלט אין דעם מוטנעם וואַסער כאַפּן פֿיש.

דאָס רעליגיעזע יידנטום איז שטאַרק באַזאָרגט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג און שטייט הילפלאָז, נישט וויסנדיק און נישט קענענדיק עפּעס ממשותדיק אויפטאָן. די טאַטעס זענען חושד יעדע באַוועגונג, אַן אויסנאַם, ווייל אין דער אמתן איז געווען שווער זיך פּאַנאַנדערצוקלייבן צווישן זיי. פון דעם דרינגט אויך אַרויס די נעגאַטיווע שטעלונג פון אונדזערע טאַטעס צום ציוניזם.

אין אָט די שטורמישע טעג פון נייע אידייען און רעוואָלוציעס, זאָגט דער גוי פּעטראָ שפּאַקאָווסקי אַז ער איז א סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. סראָליק יאָפּע זאָגט, אַז ער איז א ציוניסט־רעוואָלוציאָנער. ביי שפּאַקאָווסקען מיט יאָפּען זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז זיי האָבן צווישן זיך געמיינזאַמעס. יחיאל ארנזאָן איז ווידער א ציוני, האָט געמיינזאַמעס מיט סראָליק יאָפּע און יחיאל ארנזאָן שטעלט אין שטיבל ערב יום כיפור אַ קערה אויף קרן קימת. צו דער קערה איז סראָליק אויך א שותף, איז דאָך מן הסתם שפּאַקאָווסקי אויך אַ שותף... אויך רעדט מען וועגן אַנאַרכיזם און אַלע זענען קעגן דעם צאַר ניקאָלאַי. זענען זיי דאָך אַלע שותפים צו דער קערה פון קרן קימת, דאַרף מען דאָך מקדש השם זיין און איבערקערן די קערה...

אין שרעק פאַר דער שלימות פון יידישקייט, דערוואַרט מען זיך אויף צייטן נאָך מער שטורמישע. דאָס ראָד דרייט זיך; פון רעוואָלוציעס צו מלחמה און פון מלחמה צו רעוואָלוציעס. עס קומען פאַר פּאָליטישע ענדערונגען, בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. עס גיסט זיך יידיש בלוט איבער דער צעטרייסלטער רוסלאַנד. עס גייען אויף פרישע קולטן. ס'קומען פאַר פּאָליטישע רייבונגען און סאָציאַלע ענדערונגען. און הגם, אויף דער יידישער גאַס קומט פאַר אַ נאַציאָנאַלע דערוואַכונג און דער ציוניזם דרינגט אַריין מיט געוואַלד אין דעם יידישן שטעטל (דער „בונד" רופט אויך צו יידישער קולטור), דאָך זענען אָבער „בניך נתונים לעם אחר".

דאָמבראָוויצער יונגעלייט זענען געווען פאַרטראָטן אין פרעמדע פּאַרטייען. פיל פון זיי זענען אומגעקומען אין קאַמף פאַר פרעמדע אידייען. די איינציקע שוץ־וואַנט קעגן פרעמדע השפעות איז געווען דאָס כסא הרבנות אין דאָמבראָוויץ.

ביידע רבנישע הייזער זענען געווען די הויפּט צוזאַמענטרעף־פּלעצער פון דאָמבראָ־וויצער יידן. שבת און יום טוב איז דאָרט איבערפולט מיט מענטשן און מען רעדט וועגן אַלץ. אַזוי אַרום ווערן פון זיך זעלבסט געשטאַרקט די אַלטע פאָרמען און עקרי־היהדות און די נייע אידייען ווערן פאַריידישט, דערוואָרעמט און געשטאַרקט פון יידישן אינהאַלט.

די יוגנטלעכע וועלכע האָבן איבערגענומען די השפעה פון בית המדרש אָדער פון סטאָלינער־טריסקער שטיבלעך, ווען זיי רייסן זיך צו דער גרויסער וועלט, גייען זיי ניט צו דער פרעמדער וועלט, נאָר צו דער אייגענער. קינדער וועלכע האָבן אויפגע־הערט וועלן גיין אין אלטן חדר, לערנען אין „תרבות", אין „יבנה", אָדער, אין דער „יידישער שול". אפילו ווען עמעצער פאַרקריכט שוין צו פרעמדע, איז ער אויך באַשיצט מיט יידישן באַוווסטזיין און בלייבט אויף א ייד צווישן די פרעמדע.

בחורים־בחורות וועמען ס'איז דערווידער דער אלטער וועג, אָבער אין האַרצן זענען פאַראַנקערט דער שביל פון עקבי הצאן, גייען נישט אוועק צו פרעמדע, נאָר אַלע, די

אַרבעטנדיקע, די בעליבתישע, ווי אויך די רבנישע קינדער גייען טאַקע אין נייע וועגן, אָבער, דאָס זענען וועגן וואָס פירן צו זיך אַליין, וועמען קיין ארץ־ישראל און וועמען צו גלות־יידישקייט.

ז. ר׳ נחומציע דער אוהב־ישראל

אין דער דאָזיקער אַטמאָספער, האָבן זיך אויסגעטיילט די דריי חסידישע גרופעס און אויך דער מתנגדישער טייל, בעת אויף יעדער גרופּע באַזונדער איז יעדער רבי א בעל השפעה אין א געוויסער ריכטונג. דער פילוג איז נישט קיין דראַסטישער, הגם עס זענען דאָ אָנגעשאַרפטע פּראָבלעמען ווי למשל: שוחטים, חברה־קדישא, רעפּרע־זענטאַציע כלפי־חוץ, און אַמאָל אויך חילוקי דעות ממש בהלכה, ווי למשל אין דער שאלה פון שטאָט־עירוב אין וועלכער דער בערעזנער רב איז דער מחמיר, און ווערט אויך אונטערגעשטיצט דורך אייניקע סטאָלינער חסידים. דערביי האָט געקענט פּאַסירן, אַז משה ברעגמאַן, דער זון, גייט שבת־פרי צום דאַווענען, צוזאַמען מיט זיין פאָטער, איציע נחמנ׳ס אין סטאָלינער שטיבל. משה האַלט ווי הרב ר׳ יעקב, לכן טראָגט ער דעם טלית־זאַק אין די הענט, דאַקעגן ר׳ איציע נחמנ׳ס, משהס פאָטער, האַלט ווי דער רב פון בית המדרש, לכן גייט ער אָנגעטון אין טלית.

יעדע חברותא פלייסיקט זיך צו באַשיינען איר רב. יעדער צד באַמיט זיך וואָס מער לפאר ולרומם זיין רב. אָט קומט אַ פרייטיק פאַרנאַכט און אלץ אין שטעטעלע הויבט אָן אָטעמען מיטן הייליקן שבת. אויף די גאַסן הערשט אַ שטילקייט, פון אַלע פענצטער פינקלען אַרויס די שבת־ליכט. ר׳ נחומציע מיט זיין שטראַלנדיק געזיכט, פינקלדיקע אויגן און שיינער פּאַטריאַרכאַלער באָרד, באַווייזט זיך אין דער טיר אין זיין פולער מאַיעס־טעטישקייט. ביידע יונגיטשקע זין זיינע, גייען מיט, דער יונגערער, אַ טריט פאָרויס. די רביצין מיט די קינדער קוקן אַרויס פון הויכן פענצטער צו דער גאַס און פון בריקל לאָזט זיך שוין אַראָפּ מער ווי אַ האַלבער מנין באַגלייטער. פון די זייטיקע גאַסן און הייזער קומען צו נאָך מענטשן, אַזוי, אַז אין בית המדרש, קומט אָן מיטן רב אַ מענגע מענטשן, אזוי גייענדיק, קוקן זיך אַרום די באַגלייטער, צי דער צד שכנגד, איז אַ מבין אויף דער דאָזיקער שיינער יידישער מלוכה?...

ראש השנה, אָדער אין אַן אַנדערן יום־טוב, צי נאָך בענטשן טל, אָדער גשם, גייען יידן פון בית המדרש און מען רעדט וועגן דאָס מתיקות פון ר׳ נחומציעס דאַווענען. מען רעדט בכוונה אַזוי הויך, אַז דער צד שכנגד זאָל הערן און וויסן וואָס מיר פאַרמאָגן. ווען אונטער אַ חופה זאָגט דער רב די ברכות, זיס און געשמאַק, שטייען מקורבים און רייבן זיך די הענט פון נחת און כאַפּן בעת מעשה אַ בליק צום צווייטן צד און איציק מאיר בלעזנויק פאַרגעסט נישט אַ טשעפּע צו טון מיין טאַטן, וועלכער איז א קאַרלינער חסיד און געהער צום צד שכנגד, מיט אַזעלכע ווערטער: „הערסט, מחותן, וואָס איז צו ריידן? ס׳איז דאָך געלייטערטע גאָלד, ערשטנס איז ער דאָך רבי שמוליקולס זון, רבי יאָסעלעס אייניקל, זכר צדיקים לברכה. און דאַן ערשט דער אָפּשטאַם זיינער?!

די פריערדיקע דורות?! באַטראַכט נאָר, יחוס! סאַמע גדולים: ר' אהרן טשערנאָבילער, דער אַפּטער צדיק, דער ריזשינער. מען זאָגט אַפילו אַז דער הייליקער ט"ז, — וועלכער ט"ז ווילסטו פרעגן? — נו, דער בעל ה„טורי זהב", איז אויך אונדזער רבינס עלטער־עלטער־זיידע. וואָס אַן אמת, ווייס איך נישט קלאָר, צי פון ר' שמוליקלס צד, צי פון דעם אסטרער צדיקס צד איז דאָס דער ט"ז דער עלטער זיידע, — זאָגט איציק מאיר און קראַצט זיך זיין באָרד — אָבער דאָס איז געוויס, אַז דער ברטנורא איז דער שטאַם־פאָטער פון אַלע פּעטשעניקעס".

בעת מעשה קוקט איציק מאיר אויף מיין טאַטן, וויל וויסן וואָס פאַראַ ווירקונג עס מאַכן זיינע רייד און ענדיקט מיט התלהבות: „יע, יע, ר' עובדיה ברטנורא איז דער עלטער־עלטער זיידע פון אונדזער רבין".

מיין פעטער, אהרון דובער, שלינגט נישט אַראָפּ אָט די מעשה און רופט זיך אָפּ: „אויב אַזוי, איז דאָך יאָסל, וועלכער פאַרקויפט פיש אין מאַרק, און אויך גדליהו עטעלעס און דער „דינסטיק", אויך אייניקלעך פון ברטנורא"!

דער שמועס ווערט איבערגעריסן. די מקורבים שרייען: „שאַ, שאַ, דער רבי וועט זאָגן אַ ניגון". גלייך צעזינגען זיך כל המסובים און עס ווערט באמת אַ נחת־רוח צו הערן.

און עס געשעט אויך, אַז ווער פון צווייטן צד קומט אריין צו ר' נחומצען אין שטוב און זאָגט, אַז ער דאַרף צום רב, ענטפערן עטלעכע יושבים פון ערשטן צימער: „דער רבי לערנט". בלייבט יענער שטיין און שמועסט זיך דורך מיט די יושבים, וואַרט צו אַביסל און גייט דערנאָך אַריין צום רבין אין צימער, ווערט באַגעגענט מיט אַ גוטמוטיקן „שלום־עליכם" און שמייכלדיק פּנים, ווערט געבעטן צו זיצן און ווען דער אורח קלייבט זיך פאַנאַנדער אין ספרי הלכה, ווערט באַלד אָנגעקניפּט אַ שמועס און מען פאַרטיפט זיך אין לאַבירינט פון חילוקי־דעות און הסכמות, ווי אַזוי די פוסקים האָבן זיך דערלאַנגט צום תמצית שבתמצית און ארויסבאַקומען די הלכה. אַזוי קומט אויך אויס צו ריידן וועגן די גוישקע ערכאות קאָדעקסן און עס פרעגט דער אורח דעם רב צי די גוישע עורכי־דין און זייערע שופטים זיצן אויך אַזוי שטענדיק איבער זייערע ביכער, אויף וואָס ענטפערט דער רב קורץ און ערנסט, אַז גדולי ישראל וואָלטן טאַקע געדאַרפט יעדעס יאָר צונויפרופן אַלע רבנים פון לאַנד און במשך אַ פּאָר וואָכן אַריינ־אַרבעטן בדברי הלכה, כדי עס זאָל חלילה נישט קומען לידי הכשלת הרבים, וואָרעם תורה היא וללמוד אנו צריכים. מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויפן זכרון, מען דאַרף מער לערנען און זיך סומך זיין אויפן רמ"א, מער אַריינקוקן אין די ספרים און זיך קענען שטיצן אויף ר' יוסף קארו, לערנען און תופס זיין דעם רמב"ם כדי צו פילן די טעמי ונימוקי־ההלכה, גוט קענען דעם שולחן־ערוך „מחמת גדול תלמוד המביא לידי מעשה" ר' נחומציע גיט עס אַזוי צו פאַרשטיין: „אין דער רבנישער פּראַקטיק קומט אויס צו ליזן פאַרשידענע סכסוכים ווו איין וואָרט פירט אַוועק דעם ענין צו אַ צווייטער גרופּע הלכות. דער רמב"ם איז פאַר רבנים אַ שווערער פוסק, ווייל ער ווייזט נישט אָן דעם מקור אין ש"ס צו דעם באַטרעפנדן ענין. גדולי ישראל מאַטערן זיך גוט צו געפינען

דעם מקור פון וועלכן עס פסקנט דער רמב"ם די הלכה. איך מיין, אַז דאָס איז טאַקע די סיבה צוליב וואָס די רבנים אָריענטירן זיך גערן אויף אַנדערע פוסקים".

און אַזוי דערמאָנסטו זיך אין די רייד פון אַ מקורב צום צווייטן צד, אַז „ר' יאַנקל דער רב, קען הלכה פון דער גמרא און ר' נחומציע ווייסט גמרא פון הלכה". הערנדיק דאָס זאָגסטו צו זיך, אז צו בייסיק זענען די רייד פון די שטרייטנדיקע צדדים און נישט באַגרינדעט זענען זייערע באַמערקונגען. בכלל איז דיר נישט קיין נפקא־מינה צי ר' נחומציע קען די גמרא פאַר דער הלכה, צי די הלכה איז ביי אים געקומען נאָכן קענען די גמרא. וויכטיק איז, אַז עס זיצט פאַר דיר אַ גרויסער ערלעכער ייד וועלכער שטייט אויף דער וואַך פון יידישקייט, פון דת ודין בישראל און ער אַרבעט נעבעך אַריין אַזוי, אַז דו אַליין ווערסט ערנסטער און מער יידישלעכער.

נאָך אַ לענגערן דורכשמועסן זיך מיטן רב קומט מען צוריק צום ענין צוליב וועלכן מען איז אייגנטלעך געקומען צו אים. און ווען אַלץ ווערט שוין קלאָר פאַרן רב, זאָגט ער אַרויס זיין חות־דעת און גיט צו מיט אַ טיפן קרעכץ: „דער אייבערשטער וועט זיך מרחם זיין, מיר וועלן נאָך מעיין זיין". אין דעם מאָמענט פילסטו ווי דעם יידנס האַרץ ווייטיקט־מיט מיט דיינע יסורים און דו טאַפּסט אָן בידים זיין אהבת ישראל.

הרב ר' נחומציע האָט טאַקע געוווּסט אַלע פּאַסירונגען ביי זיינע בית־המדרש יידן, האָט מיטגעליטן זייערע יסורים, און זיך געפרייט מיט זייערע שמחות.

אָט איז ר' נחומציע געקומען אין דאָרף מסדר קדושין זיין ביי זיין מקורבס אַ טאָכטער און דו זעסט אַז דער רב לעבט מיט די גאַנצע שמחה און שטעקט אָן אויך אַנדערע מיט חדוה. אָבער נישט בלויז אויף שמחות איז דער רבי אַ מחותן. ער איז נאָענט צו אַלע דאגות פון זיינע מקורבים. די עקזעקוטאָרן וועלכע שלעפּן די יידישע בעבעכעס, די מאַמעס פון די קראַנקע קינדער, דער אַנטיסעמיטיזם וואָס בושעוועט איבער פּוילן, דאָס אַלץ איז איינגעענעסטיקט אין רבס האַרץ.

און לסוף פון אַ שמועס מיט אים, נעמט ר' נחומציע אַרויס אַ ספר, אַ זאַמלונג פון אבירי התורה והמוסר הישראלי און ווייזט אָן אויף אַ פּאָר שטעלן דורכגעדרונגענע מיט יהדות־מאַראַל און תורה־פילאָסאָפיע. ער זאָגט טיף פּאַרטראַכט: „וויפל תורה־השפעה — אַזויפיל שפע, וויפל מעשים־טובים — אַזויפיל שלוה". דו פילסט דעמאָלט, אַז ער וויל משפיע זיין אויף דיין יידישקייט, דו זאָלסט זיין אַ גאַנצער ייד, און צוליב דעם איז זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און צו דעם צילט דער לאַנגער שמועס.

אין זיינע אייגענע געלט־ענינים איז דער רב נישט קיין בעל־חשבון און נישט קיין בעל מדקדק. ער זאָגט נישט וויפל מען דאַרף געבן פסק־געלט, רחש־געלט. ער פלעגט נישט ציילן דאָס באַקומענע געלט, נאָר אַזוי איבערקערן די קעשענע און אָפּגעבן אַלץ דער רביצין.

אויך פאַר נויטבאַדערפטיקע פלעגט ער געבן מער ווי כפי יכולתו. אין שטוב, ביים טיש, זיצן תמיד עטלעכע יידן, הן שטענדיקע יושבים, הן צוגערייזטע. אין שטוב איז אַ דחקות, אָבער ר' נחומציע איז מקבל באהבה, אָן תרעומות צום רבונו של עולם און אָן פּאָדערונגען כלפּי דער עדה זיינער. די מעטריקאַלע ביכער, וועלכע זענען אין אַנדערע

הענט געווען א מקור פון מאכן געלט, האָבן ביי ר׳ נחומציען און ביי זיינע קינדער קיין־מאָל נישט געדינט ווי אַ מקור פון פרנסה. איך האָב זיך אַמאָל אָנגעשטויסן אויף א שמועס בעת שמעון יעקב־יאָסיעס האָט זיך געבייזערט אויף ר׳ איציקלען, ר׳ נחומציעס זון: „געוואַלד, בטלנים, איר שטאַרבט פאַר אַ גראָשן און אַזאַ שווערן ענין דערלעדיקט איר אומזיסט״.

די שטאָטישע בריונים האָבן זיך געריסן צו התקרבות מיט ר׳ נחומציען און ער מיט זיין השפעה האָט זיי געהאַלטן אַביסל געצוימט און נענטער געמאַכט צו יידישקייט. הגם דער צד שכנגד האָט אונטערגעמורמלט, אָבער זיין שיטה איז געווען: אַראָפּלאָזן זיך אַביסל צו די פשוטע כדי צו קענען זיי אויפהייבן. און ווען אַ מקורב האָט געפּרובירט מאַכן אים אַ באַמערקונג וועגן דער צו שטאַרקער נאָענטקייט פון די בריונים צו אים, האָט ר׳ נחומציע געענטפערט: „מען דאַרף זיך לערנען פון כביכול: די יידן, זענען געזעסן אין מצרים אין מ״ט שערי טומאה און דאָך האָט כביכול אַראָפּגענידערט צו זיי כדי זיי אויפצוהייבן, דעריבער, ווען יידן ווילן מיין התקרבות און עס קען זיך אפשר איינגעבן זיי צו האַלטן און דערנענטערן צו אלקות, איז דאָך כדאי״.

בערך דריי צענדליק יאָרן איז ר׳ נחומציע געווען רב איבער דער גרעסערער טייל פון דאָמבראָוויצער תושבים. די פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען האָבן אים פיל מאָל באַאומרויקט. נאָכן צעפאַלן זיך פון פוילן, ווען די סאָוויעטן באַהערשן דאָס אַזוי גערופענע מערב־אוקראַינע, ווערט ר׳ נחומציע גערופן צו די סאָוויעטישע מאַכט־האָבער און זיי שטעלן אים אַ פאָדערונג, ער זאָל פרייוויליק אונטערשרייבן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון בית־המדרש לטובת דער סאָוויעטישער מאַכט. אויף דעם ענטפערט ר׳ נחומציע: „אַ מענטש שרייבט נישט אונטער קיין אונטערגאַנגס־אורטייל, נישט אויף זיך, נישט אויף זיין שטאָט, און נישט אויף זיין פאָלק. איר באַזיצט גענוג מיטלען צו האָבן דעם בית־המדרש אָן מיין אונטערשריפט״.

נאָכן אַריינמאַרשירן פון היטלערס חיילות, האָבן זיך אָנגעהויבן די יסורים אוןליידן פון רבס שטוב. קרופּער און בערעסטיער גויים זענען גלייך באַפאַלן דעם „זשידאָוווסקי ראַבין״. גוטע אוקראַינישע פּאַטריאָטן האָבן געפּילט אַ חוב זיך נוקם זיין אין רב׳ס הויז און מען האָט גערויבט, צעשלאָגן דער רביצין און אָפּגעשוירן דעם רב די באָרד. יענעם טאָג, ווען מען האָט צוזאַמענגעיאָגט אויפן מאַרק פינף הונדערט יידן און אויסגע־זעצט זיי אויף דער ערד צו שיסן, איז דער אַלטער רב אויך געווען בתוכם. מען האָט דאַן נישט געשאָסן, אָבער צומאָרגנס איז ווידער געקומען א באַנדע אוקראַינישע באַנדיטן און אַיועקגעפירט דעם רב צו פאַרפייניקן און אומברענגען. וואַסיע גאַווריליטשוק נעמט דעם רב אַרויס קוים אַ לעבעדיקן פון זייערע הענט.

אין די 14 מאָנאַטן פון יסורים, פּיין, נויט און פּחד, ביז דער שחיטה, איז ר׳ נחומציעס הויז ממש באַלאַגערט פון באַזוכער. מען וויל פון דעם אוהב־ישראל, אין וועמענס אויגן ס׳איז אָפּגעשפּיגלט דער גאַנצער יידישער צער, הערן עפּעס אַ וואָרט, אָבער ער רעדט נישט. בלויז איין מאָל, בעת אַ זיצונג אין יודנראַט וועגן קאָנטריבוציע, האָט דאַן דער רב געזאָגט: „יידן, יידן! (ער האָט שטאַרק באַטאָנט — דאָס וואָרט „יידן״),

מיר ליגן אין די לאַפּעס פון דער משוגענער חיה, אַלץ דאַרף געטאָן ווערן, אַז די שרעקלעכע חיה זאָל אין איר משוגעת אַנדרימלט ווערן. לכן, טייערע ברידער, גיט אָפּ אַלץ, וואָס עס איז נאָר דאָ. און גאָט זאָל רחמנות האָבן".

צוויי וואָכן פאַר דער שחיטה, איז ביי מיינעם אַ ידיד אין געטאָ, פאָרגעקומען אַ ברית־מילה. צו דעם מנין־יידן רופט זיך דאַן אָפּ ר׳ נחומציע מיט די ווערטער: „יידן! ביי דער גרויסער מצוה פון מכניס זיין דאָס קינד בבריתו של אברהם אבינו, זאָל גאָרנישט געמינערט ווערן. קיין מנהג, און קיין שום דין זאָל נישט געענדערט ווערן. יידן וועלן נאָך זוכה זיין, זיך צו פרייען בביאת הגואל און פון די איצטיקע רשעים, אזוי ווי פון אַ סך פריערדיקע רשעים, וועט קיין זכר נישט בלייבן". און ער האָט שטיל, אָבער מיט אַ סך האַרץ געזונגען „יום ליבשה שבחו גאולים" און מיר אַלע האָבן געוויינט.

דריי טעג פאַר דער שחיטה האָט זיך צום רב אין צימער אַריינגעריסן אַ געס־טאַפּאָ־אָפיציר און ווי אַ משוגענער הונט זיך געוואָרפן און גענישטערט אין די ספרים. דער רב וועלכער איז געזעסן איבער אַ ספר, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער לינקער האַנט, די רעכטע האנט ארויפגעלייגט אויפן אָפענעם ספר און געקוקט דעם רוצח גלייך אין די אויגן אריין.

דעם דייטש איז, ווייזט אויס, געווען שווער דעם רבס בליק, האָט ער, ווי אַ משוגענער, זיך צעשריגן: „דאָנערוועטער, דו פרעכע יודע, דיין לערע איז, אַז אין דער מעטאַפיזישער וועלט, זייט איר — לייזיקע יודען — מעכטיק און שטאַרק, אָבער זייער שנעל וועלן מיר אייך אריבערטראנספּאָרטירן „אַהינצו".

און אָט איז דער לעצטער פרימאָרגן. יידן קלייבן זיך צונויף אַרום איציק פליישאַנס מויערל נישט ווייט פון רבס שטוב. דאָרט איז דער יודנראַט. מען ציילט זיי, די יידן, מען רופט יעדן ביים נאָמען. פון פאַרטאָג אָן, שטייט ר׳ נחומציע ביים אָפענעם פענצטער און זאָגט עפּעס בלחש. זיין פּנים איז איינגעשרומפּן און פאַרשטיינערט. די אויגן פיבערן אין אומרו. וואָס וועט דאָ געשען? וואָס?

און ר׳ נחומציע איז, ווי אַ סך אַנדערע שטעטלשע יידן, איבערגעפירט געוואָרן קיין סאַרנע און פאַרשפּאַרט געוואָרן אונטער אַ הויכן צוים. און אַ צעשלאָגענער און פאַר־פּייניקטער געדאַוונט דאָרט בציבור. אין דער זעלבער צייט רעדן יידן נעבעך אויס די גאַל אויף כביכולס אויפטועכצן און אייניקע פרעגן אפילו דעם רב: „איצטער דאַוונט איר? רבנו, איצט אויך?"

איידער מען איז אַרויס צום טויטן־מאַרש, זענען יידן צוגעגאַנגען צום רב. און פּנחס מאַניסטראָפער איז דער ראש המדברים: „הלמאי טוט דער רבונו של עולם אזוי?" האָט דער רב צו זיי אַזוי געזאָגט: „ווען ר׳ ישמעאל כהן גדול האָט מודיע געווען די עשרה הרוגי מלכות, אַז אין הימל איז נגזר געוואָרן, אַז זיי מוזן שטאַרבן אין יסורים פאַרן חטא פון מכירת יוסף, האָבן זיי פון אייך זייט געהאַט אין האַרץ און אין מחשבה גרויסע תרעומות. און פון דער צווייטער זייט איז געווען דאָס האַרץ און מחשבה צופרידן וואָס כביכול האָט זיי אויסגעקליבן במקום השבטים". און דער רב האָט אויסגערופן אויפן קול: „יידן! מיר זענען אַן עם נצחי, יידן וועלן נאָך זיין און זיין עד סוף כל הדורות.

ווער קען זיך דערגרונטעווען, וואָס עס קומט פאַר מיט אונדז? קבלו עליכם את הדין, צדיקים וידידים און זייט מקדש השם״.

ח. הרב ר׳ יעקב הכהן

דאָס דאָמבראָוויצער רבנות איז געווען אייגנאַרטיק אין אינהאַלט. די רעפּרעזענטאַנץ פון צוויי רביסטוועס, האָט געהאַט השפעה אויף צוויי פאַרשידנאַרטיקע עדות חסידים. די, אין דער שפּיץ שטייענדיקע רבנים, זענען טאַקע געווען אויך אַביסל פאַרשידנאַרטיק. ווען מיר גיבן אַ קוק צוריק אויף די אָפּגעלאָפענע צענדליקער יאָרן, מוזן מיר מודה זיין, אַז ווען עס וואָלט געווען נאָר איין רב, וואָלט דאָס כסא־הרבנות נישט געווען גאַנץ און עס וואָלט אַ סך געפעלט צום יידישן אינהאַלט. און ווען פון ביידע רבנים וואָלט געפעלט דער בערעזנער, אָדער, דער סטאָלינער, וואָלטן מיר דעם חסרון שטאַרק געפילט.

נאָך ר׳ איציעס פטירה, זענען צווישן די סטאָלינער חסידים געווען אַ סך לומדים און מופלגי־תורה. אָט די עדה איז צו יענער צייט געווען אין איר הויך־פּונקט, הן אין צאָל און הן אין איר גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דאָך האָט מען נישט אויסגעקליבן אויף ר׳ איציעס אָרט, נישט קיין בן־הרב, נישט קיין רביש אייניקל, אויך נישט קיין אלטן למדן, נאָר אַ יונגן מענטשן, אַ זון פון אַ דאָמבראָוויצער, חסידישער משפּחה פון לערנערס, אַ נאָר־וואָס אויסגעדינטער סאָלדאַט. דער סטאָלינער רבי איז לכתחילה נישט אין גאַנצן צופרידן. אגב, איז כדאי צו באַמערקן, אַז ווען צו אָט דעם יונגיטשקן סטאָלינער רבין אַליין, דער יורש פון קאַרלינער דינאַסטיע, — וועלכן די וועלט רופט נאָך עד היום „דער סטאָלינער ינוקא״, — איז געקומען אַן אַלטער חסיד, פון בית־אהרונס חדר, און דערזעענדיק דעם רבי־יינגל, אַביסל מבולבל געוואָרן, האָט דער קלוגער, יונגער רבי עס באַמערקט, און אַ זאָג געטון צו אים אויף רוסיש: „דיעדושקאַ גאַווריל, סטאַרי ניע ראַדיטסיאַ, אַ ראַביטסיאַ״. אָבער, פאַר דאָמבראָוויץ מיט אירע לומדים, וויל דער רבי אַ באַיאָרטן חסידישן רב און נישט קיין יונגן סאָלדאַט. די דאָמבראָוויצער עדה סטאָלינער חסידים איז אָבער פעסט אין איר החלטה און שטעלט דעם רבין פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אַ דעלעגאַציע, בראש פון אפרים פּינטשוק, האָט זיך צוגעשטעלט אין סטאָלין און געמאָלדן דעם רבין, אַז דאָס דאָמבראָוויצער שטיבל־רבנות איז באַזעצט דורך אונדזער אייגענעם, יאַנקל דער רב. אַביסל שפּעטער, אַז דער סטאָלינער רבי איז אַראָפּגעקומען קיין דאָמבראָוויץ, ווי דער גאַסט פון הרב ר׳ יעקב, האָט דער רבי, וועלכער האָט ליב קלוגע וועלטלעכע מענטשן, פאַרברענגט אַ לענגערע צייט מיטן קלוגן ר׳ יאַנקל דער רב, עלעהיי ער וואָלט גאָרנישט געוווסט וועגן זיין סאָלדאַטסוואָ. דאַקעגן דער צד שכנגד, די חסידים פון דער צווייטער רביסטוואָ, ווילן דווקא אין דעם נישט פאַרגעסן און אין געוויסע מאָמענטן ווי אין שוחטים אָדער חברה־קדישא פראַגן, פלעגט מען, שלא בפניו (וואָרום בפניו האָט מען געדענקט אין דעם „והוי זהיר בגחלתן״...) הערן זאָגן זיך אין באָרד אַריין: — „יאַנקל

דער סאָלדאט". אָבער, אָט דער יונגער רב האָט די האָפענונג פון זיין עדה סטאָלינער חסידים אין דאָמבראָוויץ נישט אַנטוישט. זיצנדיק אַ שפּאָר ביסל יאָרן איבער ש"ס און פאַרטיפנדיק זיך אין פראַגן און פּראָבלעמען, האָט דער אייגענער רב, אַדאַנק זיין לומדות, פּקחות און פארשטאַנד, זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון זיין עדה, הן ווי אַ מנהיג והן ווי אַ לנדן, דיין ושופט. ער האָט פאַרמאָגט אַ מאָט געזיכט, אַ פּעך שוואַרצע לאַנגע און גרינג געפּאַלדעוועטע באָרד און גרויסע מילדע, שוואַרצע אויגן. ער פלעגט טראָגן אַ שוואַרצע זיידענע קאַפּאָטע, אַ גלאַנציקן רבנישן הוט, אַביסל אַרויפגערוקט אויפן קאָפּ. ווען ער פלעגט בחברותא רעדן מיט די שטיבל־מענטשן, פלעגן פון זיין מויל זיך שיטן געקליבענע פּערל און ער האָט אויסגעזען משכמו ומעלה גבוה מכל העם. טראָץ דעם, איז ער אָבער שטענדיק געבליבן, דער זעלבער, אַמאָליקער חבר פון אַלע חברים־חסידים, דאָוונער אין זעלבן שטיבל און פאָרער צו איין און דעם זעלבן רבי. אַזוי למשל פלעגט פּאַסירן, אַז זאָגנדיק און לערנענדיק דעם שיעור גמרא — און אָפּט, אַ חוץ די שטענדיקע לערנערס קומען אונטער לומדים זיך מפלפל זיין איבער שמועסן אין לערנען, — איז די זעלבע חברשאַפט זיינע צו לאַזאַר קדישעס דעם למדן, ווי צו ברוך נחומיטשקעס, דעם פּשוטן צוהערער. בלויז מיט די עקסטרעמע חפשים, די אָנגרייפער און שטענדיקע טענות־האָבער קעגן יהדות־מאָראַל, האָט ער אויסגעמיטן צו קומען אין באַרירונג. איין מאָל, בעת אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, זאָגט ער זיך אַרויס: „ווען עס איז אַ הכרח, אין געוויסע ענינים צו קאָאָפּערירן מיט זיי, דאַרף מען געדענקען, אַז ווען אַ חמצדיק, קליין לעפעלע פאַלט אַריין אין אַ גרויסן פּסחדיקן טאָפּ, מאַכט דאָס לעפעלע חמצדיק דעם טאָפּ. די גרויסע פּסחדיקע כלי כשרט נישט דעם חמץ פון לעפעלע, נאָר פייער און מים רותחים. דאָס שייערן און רייבן קען אויסכשרן דאָס קליינע לעפעלע. אזוי איז אויך מיט מושב־ליצים: — מיט זיי מעג מען קומען אין באַרירונג, ווען מען איז אַליין פייער און מים רותחים, אַליין כולו עבודה, כולו ייד, כולו מסירת נפש".

און הרב ר' יעקב איז וויטער ממשיך דאָס לערנען. ווען מען קומט אַריין צו אים, טרעפט מען אים זיצן איבער דער גמרא. זיינע מקורבים באַרימען זיך און רעדן הויך, אז דער צד שכנגד זאָל הערן: „אונדזער רב לערנט שוין דאָס פערטע מאָל ש"ס (זיי זאָגן נישט הרב ר' יעקב, נאָר יאַנקל דער רב). און אָט פאָרט אַרויס הרב ר' יעקב צו זיינע יידן, אַמאָליקע חדר־חברים, וועלכע וווינען אין דאָרף דובע, כדי צו כשרן דאָרט אַ מקווה — וואָס ר' משה זאַיאָנץ דער מילנער האָט געלאָזט מאַכן ביי זיין מיל. די מקווה איז שוין כשר, יידן פון א פּאָר דערפער פאַרברענגען צוזאַמען. דער רב רעדט וועגן א סך זאַכן: וועגן הלכות מקווה, טומא וטהרה, וועגן מיל און די מאַשינעס, לופט און וואַסער־קראַפט. ער וויל, אַז זיינע דאָרפישע חדר־חברים זאָלן אַלץ וויסן. צום טאַטן מיינעם, ר' חיים דובער, רופט ער זיך אָפּ: „געדענקסט, חיים, ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען חומש ביסטו געווען מיין בענטשער". און אזוי איז דער עולם צופרידן וואָס די חברשאַפט מיט אמאָליקע חדר־חברים האַלט נאָך אָן.

דערנאָך פאַרברענגט מען בציבור, דער טיש באַדעקט מיט כל טוב. מען זינגט קארלינער ניגונים, מען כאַפּט אַ ריקוד, מען דערציילט חסידישע מעשות מען איז עוסק

אין דברי־תורה און הרב ר׳ יעקב זאָגט: „חיים, איך וועל דיך אויסלערנען אַ ניגון״, נאָר גלייך ווי ער וויל אָנהויבן פאַרגעסט ער אים און אַלע דאָרפס־יידן מיטן רב צוזאַמען לאַכן האַרציק און מען גייט איבער צו אַלטע חסידישע, בעל־שם׳סקע דערציילונגען. דער נאָך געזעגנט דער רב אַלעמען, ער גרייט זיך פאַרטאָג אַרויסצופאָרן צום דאַווענען קיין דאָמבראָוויץ, אָבער אין אַ שעה אַרום, ווען אַלע ליגן שוין אין די בעטן, וועקט הרב ר׳ יעקב אַלעמען און אַ צעשטראַלטער רופט ער אויס: „חיים, סענדער, שטייט אויף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער. איך האָב זיך דערמאָנט דעם ניגון״. עס איז שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט, אַלע שכנים קומען זיך צונויף, צווישן זיי: יצחק שליאַמפּער, חיים זעליק זינעלעס, יואל דער בערעזשניצער. מען זיצט אין די טלית־קטנס. מיין מאַמע, עליה השלום, קאָכט אויף אַ פאַן מילך און מען זיצט און מען זינגט אַזוי ביזן גרויסן טאָג אַריין. דערנאָך שטעלט מען זיך דאַווענען און מען שמועסט ווידער וועגן וועלט ענינים, אויס־געמישט מיט תורה און חסידישע מעשיות און נאָך אַמאָל גייט מען אַוועק אין אַ ריקוד. נאָך אַ וואַרעמען געזעגענען זיך, לאָזט זיך דער רב צוריק צו תפילת מעריב קיין דאָמ־בראָוויץ.

אויפן וועג זענען דאָ נאָך דערפער מיט יידן, כאָטש חסידים פון צוויי צד, אָבער דער פּילוג איז דאָך נישט קיין וועזנטלעכער און עס גייען אַרויס מיכל קריוויצער און יאָסל קריוויצער ווי אויך איציע, מרדכי, אברהם זאַלישינער און מען פאַרבעט דעם רב צו ר׳ מיכלען אין שטוב. שמועסט מען ווידער, מען דערציילט חסידישע מעשיות, אַזוי אַז דער רב קומט אַהיים ערשט צום שפּעטיקן אָוונט־ברויט.

אַזאַ אַרויספאָר פון אונדזערע רבנים, ספּעציעל: בעת אַ ברית, אַ קנס־מאָל, אַ חתונה, אד״גל, איז געווען אַ גאָר אָפטע דערשיינונג. די נאָענטקייט פון די רבנים צו די מאַסן פלעגט אין זיי איינפלאַנצן פשוטע, האַרציקע יידישקייט און געבן זייער לעבן אַ וואַרעמען אינהאַלט. די יוגנטלעכע וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן, ווי אויך די עלטערע, דאָרפישע יידן, האָבן לאַנג געדענקט דעם רבינס קומען.

וועגן דעם רבס לערנען, פלעגט מען אַזוי זאָגן: „אונדזער יאַנקל, דער רב, לערנט תורה מיט אַ געוויסן תכלית. נישט סתם אין דער וועלט אַריין און נישט דווקא לשם עולם־הבא אַליין. ער דאַרף לערנען, דאָ אויף דער וועלט, פאַר זיין עדה יידן וועגן, כדי צו קענען זיי מדריך זיין. ר׳ יאַנקל דער רב, לערנט נישט בכדי צו קענען זיין אַ „עוקר הרים וטוחנם זה בזה״, ניין. דאָס איז נישט אונדזער רבס שיטה, ווייל פון צעמאָלענע אויפגעריסענע בערג, בלייבט אַ ליידיקער חלל און אין ליידיקן רוים כאַפּט זיך עפּעס אַריין, ווען נישט לופט, איז וואַסער, און אַמאָל עפּעס אומגעוווּנטשנס אויך. ווייל לערנער וואָס רייסן בערג און וואַרפן אין דער לופט, איז דאָך סתירה והרס. אונדזער רב לערנט לשם בנין, לשם סידור הלימוד. אין לערנען זוכט ער נישט קיין קושיות, ווייל דאָס נוצט אים נישט, ער זוכט בעסער, אַ תנא־דמסייע לו, כדי ער זאָל זיין סברא און שיקול הדעת קענען אָנווענדן אין דער רבנישער פּראַקטיק״. די מקורבים זיינע פלעגן זאָגן: „ווייל משנתו סבורה עליו, איז ווען צוויי בעלי־ריב ווילן פון אים עפּעס אויסבאַהאַלטן און נישט דערזאָגן, דערגרונטעוועט ער זיך צו דעם און באַקומט עס אַרויס פון אונטער זייערע

הערצער. די דאָזיקע תבונה פון אַרויסבאַקומען דעם אמת, האָט זיך אַנטפּלעקט ביי הרב ר׳ יעקב פיל מאָל און נישט נאָר אין ענינים צווישן יידן גופא נאָר אויך צווישן יידן און קריסטן. ס׳איז געשען אַמאָל, אַז דער מיראָוואָי סודיאַ האָט פאַרפירט אַ יאַבעדע קעגן איצל קראַצמאַן און האָט זיך געווענדעט צום רב מיט דער כוונה, אַז ער זאָל פאַנאַנדער־ ווילען די יאַבעדע לטובתו. געווען איז דאָס אין יענער צייט ווען קיעווער אַנטיסעמי־ טישע צייטונגען פון איין זייט, און די וואַרשעווער „דוואַ גראָשי״ פון דער צווייטער זייט האָבן געשפּייזט די קריסטלעכע באַפעלקערונג מיט האַס און שנאה, זלזולים און בלבולים. הרב ר׳ יעקב ענטפערט דעם מיראָוואָי סודיאַ: „אין קייזערלעכן געריכט, באַזיצן נישט, נישט דו און נישט דיינע קאָלעגן סודניעס, אפילו ביז קיעווער פּאַלאַטע, קיין שום יורידישע רעכט, צו קענען טאָן שלעכטס דעם יידן איצל קראַצמאַן, ווילסטו, אַז דיין יאַבעדע זאָל דורכפירן דער יידישער רב? ניין, פריץ, אונדזער יידישער קאָדעקס איז מאָראַליש־ריין און היט אָפּ די גערעכטיקייט פון יעדן מענטשן, יידן און נישט־יידן צוגלייך״.

און עס קומען צייטן, ווען דעם צאַרס ארמייען ווערן געשליידערט ביזן סטאָכאָד. אין דאָמבראָוויץ איז קוואַרטירט דער שטאָב פון אַן ארמיי. די גענעראַלן מאכן בלבולים אויף יידן ווגען מכלומרשטן שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד און מיינען דורכדעם צו פאַרדעקן זייערע מפּלות. אויף בערעסטיער באַרג ווערן טאָג־טעגלעך געהאָנגען מענטשן. אמת, רוסן, און פּאָליאַקן אויך, אָבער יידן, זייער אַ סך. די שפּעטערדיקע צרות, האָבן געשטעלט אין שאָטן די תליות אויפן בערעסטיער באַרג. אָבער יענע טראַגעדיעס אונטער דאָמבראָ־ וויץ, מוזן נאָך אויפגעדעקט ווערן. צו יענער צייט האָט מען געכאַפּט יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען נישט ווייט פון פראָנט, זיי דערקלערט ווי פאַרדעכטיקטע און מ׳האָט זיי אומגעבראַכט אויפן בערעסטיער באַרג. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפילט הילפ־ לאָז, כאָטש מען האָט זיך באַמיט און עס איז אייניקע יאָ געלונגען אַרויסצורייסן פון מלאך־המוות. אַזוי למשל, האָט מען געהאַט געכאַפּט מיין שוואָגער מאָנעס קראַצמאַן ביי זיך אין שטוב און מען האָט אים אריינגעשליידערט אין גרוב, הינטערן שפּיטאָל.

בעת מען האָט אים געפאָרשט איז אים איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז הרב זלצמן יעקב קען גאַראַנטירן, אַז ער איז נישט קיין שפּיאָן. און ווייל מאָנעס האָט געוווּסט אַז הרב ר׳ יעקב קען רוסיש, האָט דער קרבן נעבעך געטראַכט, אַז דער קלוגער רב וועט אים אפשר, דעם אומשולדיקן, מציל זיין פון טויט. הכלל, הרב ר׳ יעקב האָט פאַר זיי פאַנאַנדערגעוויקלט אַלע סגולות פון ש״ס וועלכע לערנען דעם יידן לאָיאַליטעט צו דער מאַכט און נישט שאָדן צו טאָן. די מיליטער־לייט האָבן געקראָגן דרך־ארץ פאַרן קלוגן און געלערנטן רב און נאָך פיל מאָנאַטן באַקומט מען אַרויס מאָנעסן אַ האַלבן מת.

צו יענער צייט זענען די צייטונגען אויסגעפילט מיט אנטיסעמיטיזם. אַ הויכער מיליטער־מאַן באַרעכטיקט דעם אַנטיסעמיטיזם מיט דעם וואָס יידן האָסן שרעקלעך די אומות העולם און ברענגט אַזאַ משל: „פון טעלער פון וועלכן עס עסט אַ הונט קען דער ייד אויך עסן, דאַקעגן פון אַ טעלער פון וועלכן עס האָט געגעסן א רוס טאָר קיין שום ייד נישט עסן״. אויף דעם ענטפערט אויספירלעך הרב ר׳ יעקב און זאָגט, אַז אין אונדזערע דינים איז נישט די פראַגע, ווער עס עסט. עס איז אמת, אַז נאָך גאָר אין די

ערשטע צייטן, ווען אנדערע פעלקער האָבן נאָך נישט געוווּסט וועגן אָנשטעקן זיך, איז שוין בײַ אונדז געווען אַ קאָדעקס וועגן טומאה וטהרה, וועגן היטן דעם מענטשן, ער זאָל זיך נישט אָנשטעקן. אָבער, למען האמת, איז די פראגע: וואָס מען עסט פון שיסל. איך אליין קען פון דער שיסל פון וועלכער איך האָב געגעסן פלייש, נישט טרונקען קיין מילך. אַזוי איז אונדזער דין. דאָס איז אַלזאָ נישט קיין גרונט פאַר שנאה צו יידן, פונקט ווי אַלע אַנדערע מכלומרשטע שנאה ארגומענטן זענען נישט קיין באַגרינדעטע.

יאָרן זענען פאַרבײַ, די צאַרישע שנאה איז שוין נישט קיין פאַקטאָר. אין דאָמבראָוויץ הערשן אָרטיקע שקצים און אונדז דראָען פרישע געפאַרן. דער הערשער פון דאָמבראָוויצער באָלשעוויסטישער רעפּובליק, ליאסקאָוועץ, וויל דורך אויסגעטראַכטער יאַבעדע קעגן אַביגדור כאַרפּאַק און דוד גילמאַן אויספּרעסן אַ פּסק־דין לטובת זיין טאַטן, יאסיא. דער ענין שמעקט מיט בלוט. הרב ר׳ יעקב זעט קלאָר, אַז די סיבה פאַרוואָס ליאסקאָוועץ — דער ראש פון דאָמבראָוויצער רעוו־טריבונאַל, האָט איבערגעוויזן דעם ענין צום רב, אין דער צייט, ווען ער אליין, קען עס לייזן לחסד או לשבט, איז, ווייל, דער קאָמוניזם איז ערשט אין די וויקעלעך, די דאָמבראָוויצער רויטע רעספּובליק, געשאַפענע דורך אָרטיקע מענטשן, מאַכט די ערשטע טריט און ווען די הבטחות וועגן יושר, אמת און גערעכטיקייט, קען מען אויסנוצן לטובת זיין טאַטן, טאָ זאָל פּסקנען דער רב.

פאַרן רב איז געשטאַנען אַ דרייפאַכיקע פראַגע: א), די מעגלעכקייט פון טאָן חלילה שלעכטס א יידן, ווייל די הערשער ווילן אַזוי; ב), זוכן א וועג ווי אזוי פטור צו ווערן פון דער יאַבעדע; ג), אויב מען זאָל אָננעמען, אז עס דארף זיין א פּסק פון כופר נפש און ווייל די הערשער דארפן געלט, קלערן זיי אויס בלבולים און טעראָריזירן אים ער זאָל זיי העלפן אויספּרעסן געלט פון יידן, קען דאָך היינט דער קרבן זיין גילמאַן, מאָרגן — באַרזוך, איבערמאָרגן — ביטשיק, אא״וו. און יאַנקל, אונדזער רב, האָט נאָך אַ



הרה״ג ר׳ יעקב הכהן זאַלצמאַן און זיין משפחה (1922)

לענגערן שמועס, מיט די דעמאָלטדיקע הערשער איבער דאָמבראָוויץ, וועגן צאַרישן קאָדעקס, יידישן דין און אויפגייענדיקן קאָמוניסטישן משפּט, געמאכט א שטאַרקן רושם אויף זיי און מען איז פּטור געוואָרן פון דער יאבעדע.

אי אַזוי קומען מיר צום אויספיר, אַז דאָס דאָפּלטע כסא הרבנות איז נישט געווען קיין טיילונג פון כחות, נאָר אַ דערגענצונג, און פון זיך זעלבסט האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז דאָס וואָס עס האָט נישט געטאָן איין רב האָט דער צווייטער געטאָן און אַזוי קעגנזייטיק זיך משלים געווען.

און כדי צו וויזן, אַז דאָס דאָמבראָוויצער רבנות האָט מקיים געווען דעם „והיה תמים עם ד׳ אלוקיך״, בתמימות ובאמת, געשטאַנען אויף דער וואַך פון יידישקייט און נישט נושא פּנים געווען קיינעם בעת א פּסק־דין, נישט געזוכט קיין רחמים ווען עס איז נויטיק געווען האַרבער דין, וועל איך ברענגען דאָ אַ מעשה וועלכע איז אַן און פאַר זיך אַליין נישט קיין שיינע, אָבער, עס איז כדאי זי צו פאַרצייכענען לדורות הבאים, כדי צו וויסן, אַז פאַרשידענע פּראָבלעמען, פאַרשידענע שטרייטן, גרויסע און קליינע, מחלוקת וועגן צענער טויזנטער רובל, זענען קיינמאָל נישט אַרויס ביי אונדז לערכאות שלהם, נאָר דאָס דאָמבראָוויצער רבנות האָט זיך מיט אַלץ מטפּל געווען. וואָרום דער אומגעקומענער־דור האָט רעספּעקטירט און געפאָלגט אַלץ, וואָס רבנים האָבן געפּסקנט.

ביי ר׳ יעקבן איז פאָרגעקומען אַ דין־תורה פון „אנסת את בתי והרי כריסה בין שיניה״. עס זענען בייגעווען טאַטע־מאַמע, פּעטערס און מומעס, און מען האָט זיך געמשפּט מיט אַ יונגן אַלמן. נאָך אַ קורצן ווערטער־אויסטויש ווערט דעם רב קלאָר דער ענין. אַז ס׳איז כריסה בין שיניה זעט ער. אָבער אים איז אויך שוין קלאָר, אַז עס איז נישט מחמס אונס און, אַז געשען איז דאָס וואָס איז געשען מיט דער הסכמה פון די עלטערן, כדי אריינצוזעצן די טאָכטער אין אַ שמאַלץ־גרוב. דער רב איז אויפגעבראַכט. „היתכן? — שרייט ער — עס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן״! דער רב רעדט דברים קשים: „געווען דורות זאָגט ער, וועלכע זענען געווען נזהרים אפילו אין אַ שמץ פון שקר און איר אַלע זאָגט ליגן לטובתכם, איר ווילט פּטור ווערן פון א חרפּה וועלכע איר אליין האָט אויף זיך גענומען, עס איז א געלט־פראגע און נישט קיין פּסק ער זאָל נעמען אייער נואפת״. און ווענדנדיק זיך צום אלמן, האָט ער געזאָגט: „ווער ביסטו, וואָס דו טוסט אָפּשפּעטן פון יידישע טעכטער. נאָר אויב דער פּסק־דין אויף דער ערד קען דיך נישט נייטן אָפּטאָן די חרפּה פון א יידישער טאָכטער, זאָג איך דיר צו, אַז כביכול וועט דיר נישט פאַרשוויגן און ארויס פון מיין שטוב״.

עס זענען ווידער אַוועק יאָרן. הרב ר׳ יעקב ליגט אין אַ שווערער קרענק, פון יענע אַלטע לומדים פון בראשית פון זיין רבנות איז שוין קיינער נישטאָ, פון די יונגע לומדים־חברים זענען שוין אויך א סך אויסגעשטאָרבן. זיינע ברידער, קנאים פאַר סטאָלינער חסידות און דערצו לומדים, זענען אויך נישטאָ. איינער פון זיי, ר׳ ישראל ציגעלניק, וועלכער האָט אין טאָג פון זיין יציאת נשמה געזאָגט צו די שטיבל מענטשן: „הגם אל תמנעי מן הרחמים, אָבער, איך, ישראל, שטאַרב, איך האַלט אין גמרא נדרים דף ס״ג, ענדיקט פאַר מיינעטוועגן די מסכת. דאָס וועט זיין לטובתי. אין דריי ערטער איז מיר

קשה דער ר״ן. עס איז דאָרט אָנגעצייכנט. זאָל מיין ברודער, דער רב, עס פאַרענטפערן לעליית נשמתי״.

דאָס שטעטל גרייט זיך צום רבס הסתלקות און אַלע מקורבים און פריערדיקע מתנגדים פון שטאָט און סביבה קומען אים מבקר חולה זיין, אָדער פשוט נעמען אָפּשייד פון אים. אַלע באַנעמען דעם גרויסן פאַרלוסט. און הגם ער רעדט שוין שווער, האָבן אָבער יידן געהערט אין די לעצטע טעג פון זיין מויל אַ סך גוטע רייד. איך אליין געדענק איינעם פון די ארויסגעזאָגטע רעיונות זיינע: „דער יסוד פון דער מענטשלעכער וועלט זענען נישט די וויסנשאַפטלער, נישט די לומדים, נישט די הויכע און טיפע בעלי־ידיעות, נאָר די צדיקים, די בעלי־מוסר, די וועלכע טוען דאָס וואָס די תורה הייסט״.

נאָך הרב יעקבס טויט, האָבן זיך ווידער אַלע שטיבל־חסידים פאַראייניקט און ארויפגעזעצט אויף זיין אָרט דעם זון זיינעם, אויך א יונגערמאַן, און פון ערשטן טאָג נאָך זיין הכתרה, האָט מען אים גערופן הרב ר׳ אבעלע.

ער איז געווען אַ כלי שלם און די עדה האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיין אַ פּאַסיקער ממלא מקום פון זיין גרויסן טאַטן. אָבער דער גורל האָט אכזריותדיק באַהאַנדלט ר׳ אַבעלען, ער איז פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין עדה דורך די היטלעריסטישע תליינים, נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו דערגרייכן די הויכע מדרגה וואָס האָט אים דערוואַרט.

אין לעצטן טויטן־מאַרש גייט דער יונגיטשקער ר׳ אַבעלע צוזאַמען מיטן אַלטן אוהב־ישראל הרב ר׳ נחומציע, צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה, 4327 יידן, מענער און פרויען, רבנים און בעלי עגלות, לומדים און בעלי מלאכות, גבירים און קבצנים, דאָק־טוירים, לערערס און טרעגערס, ציוניסטן און בונדיסטן, בחורים און בחורות, קליינטשיקע קינדערלעך און זקנים, געזונטע און קראַנקע. אַלע צוזאַמען זענען אריינגענאַרט געוואָרן מיט גוטע הבטחות, צום טויט. געווען איז דאָס 13 טאָג אין חודש אלול תש״ב. פון זיי זענען ניצול געוואָרן נישט קיין גאַנצע פופציק נפשות און איך, יצחק בן חיים־מרים מדובע מיט מיינע צוויי קינדער בתוכם, און אַלע איבעריקע — ארץ אל תכסי דמם!

און זאָל לבסוף דערמאַנט ווערן: פון ערשטן טאָג אָן, וואָס דאָמבראָוויצער רבנות איז געוואָרן זעלבשטענדיק און פריי פון פינסקער אפּוטרופּסות, זיצן אויפן כסא הרבנות געבוירענע דאָמבראָוויצער. אזוי זענען אויך דאָמבראָוויצער געבוירענע געווען רבנים אין פרעמדע שטעטלעך. יאַנקל ווילגון איז געווען רב און ראש ישיבה ערגעץ ווו אין אוקראַינע. מאיר חיים יונגשטיינס זון — איז רב אין רובליע; ר׳ איציקל, ר׳ נחומציעס זון — רב אין האָראָדיעץ און אַנטאָנאָווקע; און ר׳ בערל דעם שניידערס, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן געזעצן אין ווילנע אין באַקליידט אונדזער עדה מיט די אייביקע מלבושים תכריכים — אויך זיינער אַ זון איז געווען רב אין אַ שטעטל.

אויך הרב הגאון יעקב נתן איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער און נכתב אין דאָמבראָוויץ — אונדזער שטאָט פון צדיקים און בעלי־מוסר, וואָס האָבן געטאָן אַזוי ווי די תורה האָט געהייסן, כדברי הרב ר׳ יעקב הכהן זצ״ל.

ט. מלמדים און מחנכים פון מיין דור

צו מיינע ערשטע רביים וואָס האָבן מיר און מיין דור געלערנט דאַוונען, געהערט הערצעלע, רבקה דער דובערינס. ער איז געווען שוין אין די עלטערע־יאָרן, זיין חדר האָט זיך געפונען אַראָפּ שטיבל־גאַס און האָט זיך געגרענעצט מיט די גוישע הייזער וועלכע האָבן געהאַט אַ סאָד מיט שוואַרצע ווינשל. מיר יינגלעך האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן שוואַרצן קודלאַטן הונט וועלכער פלעגט ליגן אין דרויסן נעבן סאָד. דער צווייטער רבי מיינער, איז, שמואל הקטן, וועמענס חדר ס׳איז אין שול גאַס, נישט ווייט פון ברונעם, אויפן שייד־וועג פון דער שול־גאַס און די שטיבל־גאַס. אויף דעם פלאַץ, איז דער ברונעם פאַר אונדז קינדער געווען אַן אָביעקט פון ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט. אַהער פלעגט יאָסעלע דער וואַסערטרעגער דער מאַיאווער קאַפּ, קומען מיט זיין קאַראָמיסלע נאָך וואסער און מיר פלעגן אים דערצערענען.

דערנאָך זענען געווען אויך: דער רבי קאַליש און דער רבי ניסעלע דער געלער.

אין חדר קומסטו אַריין דורך דער קיך. אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג, שטייט אַ טיש מיט לאַנגע שמאָלע בענקלעך און ביי די ווענט — קאַנאַפּעס. אויף איין קאַנאַפּע זיצט דער רבי אין אַ יאַרמולקע ביזן האַלבן שטערן. אין די פינגער האַלט ער אַ טייטל. אויפן טיש ליגט אַ קאַנטשיק מיט לאָקשן. דאָס חדר ציילט 16—18 תלמידים, איינגעטיילטע אין דריי כיתות: אָנפאַנגער, טראָף־זאָגער און עברי־זאָגער. איין כיתה זיצט ביים טיש און לערנט. אין צוויי כיתות זענען צעשפּרייט איבער דער שטוב, דער קיך און רבינס אַלקער, אָדער אין דרויסן. און אַזוי האָט מען געלערנט: — „הערזשע, יינגעלע, אַז דו וועסט געדענקען, וועט אַ גוטער מלאך דיר וואַרפן צוקרקעלעך. אויב דו זעסט אַ פּאַסיקל און פון אויבן זיצט אַ קעפּעלע איז עס וואָאָוו, אַ וואָוו, אַ קעפּעלע מיט אַן אונטער־געהאַקט פיסעלע איז אַ יידעלע, צוויי פינטעלעך אין דער ברייט איז אַ צירה און דאָס באַדייט: איי, איי. דריי קרומע פינטעלעך אין דער לענג, דאָס איז אַ שורוק, און דאָס באַדייט: אי, אי. פון אויבן אַ בית און פון אונטן אַ „סעגעלע״ (סגול) — באַדייט: בע בע. אויב נאָכן בע שטייט אַ מעם איז עס צוזאַמען בע־עם״. יעדע כיתה זעצט זיך פיר מאָל אין טאָג צום טיש: אין פרימאָרגן, פאַרמיטאָג, נאָכמיטאָג און פאַרנאַכט, אָדער אין אָוונט. ווען ביים טיש זיצט אַ כיתה ביי אָפענע סידורים, לערנט דער רבי מיט איינעם און די איבעריקע הערן צו. נאָכן ערשטן, זאָגט דער צווייטער, דער דריטער, דעו פערטער און אַזוי ווייטער. ווען דער תלמיד מאַכט אַ פעלער, אָדער, ווען דער רבי באַמערקט אַזעלכן וואָס הערט נישט דעם פאַרזאָרגער, באַקומט יענער אַ פּעטשעלע, אַ

קנופּ, אָדער — אַ שמיר מיטן קאַנטשיקל איבער די הענטלעך, און דערצו אַ געשריי „גויעלע". אין פאַל ווען דער זינדיקער איז פון אַ העכערער כיתה באַקומט ער פון רבין אַ דריי פאַרן אויער און אַ פּאַטש אויף דערצו.

אַזוי האָט מען אין מיין דור, אַריינגעקנופּט און אַריינגעפּאַטשט דעם עברי־זאָגן, אַפילו יוצרות מיט פּיוט האָבן מיר געלערנט, ווייל פון ראש חודש אלול לערנט דער רבי מיט זיינע תלמידים מחזור און דווקא מיטן ראש השנהדיקן ניגון. פאַר פּסח האָבן מיר געלערנט די הגדה.

פון מיינע רביים, וועלכע האָבן מיך געלערנט דאַווענען, פלעגט נאָר ניסעלע דער געלער געבן אַמאָל אַ שמייכל. די איבעריקע האָבן ערנסט און מיט קפּדנות מרביץ געווען עברי ברבים. פונדעסטוועגן פלעגן די קינדער האָבן אויך אַ סך פריידיקע מאָמענטן און צווישן אַנדערע די שמחה פון גיין צו אַ קימפּעטאָרין לייענען קריאת־שמע און באַקומען גוטע זאַכן.

זומער, אין אַ הייסן טאָג, פירט דער רבי די תלמידים צום טייך זיך באָדן, קינדער כאַפּן זיך אַרויס און שפּילן אין שעראַבאָטקע, אָדער אין שטיינדלעך. איינער מיטן צווייטן האַנדלען און בייטן קנעפּלעך אויף קאָלירטער גלאָז. מען שפּילט אין מלחמות, אין קיסרים. ווינטער אין אָוונט, ווען דער רבי איז נאָך ביים דאַווענען, שטייען די קינדער צוזאַמען־געקוועטשט און דערציילן זיך מעשיות. גאָר שפּעט אין אָוונט, גייען אַלע צוזאַמען אַהיים מיט לאַמטערנס אין די הענט. גבירישע קינדער האָבן בלעכענע, געגלאָזטע לאַמטערנעס, און די בני־עניים האָבן פּאַפּירענע לאַמטערנעס ווי גאַרמאָשקעס. אָבער אַלע גייען מיט געזאַנג, מיט שמחה.

יעדער תלמיד האָט געמוזט קענען דאַווענען. ביי די רביים האָב איך זיך באַקענט מיט מיין גאַנצן דור פון דאָמבראָוויץ און אומגעגנט. אַ גרויסער טייל פון יענע תלמידים זענען אין לויף פון די יאָרן אויסגעשטאָרבן. אַ טייל האָט אויסגעוואַנדערט אין מדינות מעבר לים. דער גרעסטער טייל איז ווייטער פון עברי נישט געגאַנגען און פאַרבליבן פאַלקס־מענטשן, ביים וואַרשטאַט, אין קראָם, ווער ביים פערד און וואָגן, אָדער ביי אַנדערע האָרעוואַניעס. זיי אַלעמען האָט דערגרייכט היטלערס האַנט און דער ווילקיר פון דאָמבראָוויצער גויים און גויעטעס.

מיינע רביים פון חומש־רש"י און פסוק זענען געווען: חיים, דער ספרל, שלמה־חיים, הערצעלעס איידעם און לאַזאַר קירדעס. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין נוסח פון לערנען, כאָטש זיי האָבן אַלע גענוצט די אָנגענומענע שיטה. חיים דער ספרל, האָט געלערנט מיט דריי כיתות תלמידים: מתחילים פון חומש, מתחילים פון רש"י, מתחילים פון פסוק. יעדעס וואָרט ווערט געטייטשט באַזונדער: „אלה תולדות", אלה, — דאָס זענען, תולדות, — די קינדער, נח — פון נחן". אין אַ צווייט אָרט טייטש דער רבי: תולדות — געבורט; יצחק — פון יצחקן. דאָס יינגל, וואָס איז געבליבן ביים לערנען, האָט שפּעטער אַליין געפונען דעם תירוץ, פאַרוואָס דאָ איז דער טייטש תולדות — די קינדער, און דאָ — איז תולדות — געבורט.

אין שבת פון דער וואָך אין וועלכער אַ תלמידל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, פלעגן די עלטערן איינלאַדן דעם רבי און די תלמידים אויף כיבוד.

דער רבי גייט פאָרויס און פירט ביי דער רעכטער האַנט דעם מתחיל און נאָכהער ציט זיך אַ גאַנצע שערענגע קינדערלעך. אין שטוב איז גרויס די שמחה. צום מתחיל איז מען מצרף אַ בענטשער, אַ צווייטן תלמיד. און ווייל דעם חומש הויבט מען אָן לערנען פון ויקרא און דער מתחיל זאָגט א דרשה, פרעגט ער: „פאַרוואָס הויבט מען אָן לערנען פון ויקרא און נישט פון בראשית"? קומט דער ענטפער: „ווייל, אין ויקרא, רעדט זיך וועגן קרבנות — אַ יידעלע דאַרף זיך מקריב זיין פאַר דער תורה. „און פאַרוואָס איז ויקרא געשריבן מיט אַ קליינעם „אלף?" ווייל יעדעס יידעלע איז אַ קליין וועלטעלע און יידישע קינדער דאַרפן ליב האָבן טאַטע און מאַמע".

ביי חיים סופרל אין די קליינע צימערלעך וווינט די משפחה מיט צווילינגס. דער רבי וויל, אַז די תלמידים זאָלן קאָנען לערנען, האָרעוועט ער מיט די תלמידים, וועלכע האָבן שווערע קעפּלעך כדי מלאכתו בקודש זאָל נישט זיין חלילה ברמיה. ער איז אָבער אַ קראַנקער מענטש, הוסט ער און שפּייט אין אַ גרויסער פאַטשיילע אַריין. דער רבי שטאַרבט און די תלמידימלעך בלייבן אין מיטן זמן אָן אַ רבין.

צו יענער צייט האָט אין דאָמבראָוויץ אויך עקזיסטירט אַ חדר־מתוקן. אין שטעטל רופט מען עס משה אָדער יהושוע־יאַנקלס קלאַס. מיך ציט שוין לאַנג אַהינצו. דאָרטן, דוכט זיך מיר, איז עפּעס שענער. די קינדער טראָגן אויף די פּלייצעס ראַנעצעס מיט ביכלעך, וואָס מען זעט נישט אין חדר. דאָרטן זענען נישט פאַראַן קיין רביים, נאָר לערערס, אין קראַוואַטן און ווייסע קראַגעלעך. די קלאַס איז ביי נאַסיע־הערשעס אין מויער. דאָרט, אין די נידעריקע צימערלעך, שטייען געפּאַרבטע בענק מיט טישן וואָס רופן זיך: סקאַמייקעס. דאָרט קוקט מען נאָך צי די קינדער האָבן ריינע הענט, און צי די אויערן זענען אויסגעוואַשן. מען קלינגט מיט אַ גלעקל און אַלע קינדער לויפן דאַן אין דרויסן שטיפן, מען קלינגט נאָך אַמאָל און די קינדער גייען צוריק צו די סקאַמייקעס. דאָס רופט זיך: פערעמענע. איך וויל אויך דאָרט אַהין אָנקומען. אָבער, דאָ שטעלן זיך אַנטקעגן זיידע און באָבע. זיי ווילן נישט לאָזן, אַז זייער אייניקל זאָל גיין לערנען ווו מען ווערט אַ גוי.

די אַלטע לייט האָבן געהאַט אַ גרונט צו פּראָטעסטירן. אין יענער צייט האָט זיך עפּעס אַ וואַקל געטאָן. פריער מיט אַ פּאָר יאָר זענען פון דאָמבראָוויץ אָפּגעפאָרן יינגלעך אין ווייטע ישיבות, ווער קיין מינסק און ווער קיין קישיניעוו, און נאָך דריי יאָר זענען זיי צוריקגעקומען אַביסל אַנדערע. אַזוי, למשל, איז יחיאל אהרנסאָן צוריקגעקומען פון קישיניעוו מיט אַ נייגונג צו ציוניזם. טאַטע־מאַמע זענען חסידישע און האַלטן בסוד די חרפּה, אָבער נישט אויף לאַנג. מען דערוווסט זיך וועגן דעם אין שטעטל. גדליה טעטלעס קינדער, קומען צוריק פון מינסק אויך אינגאַנצן אַנדערע. מען זאָגט, אַז זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קיסר און אַנדערע גיבן צו: „זיי ווילן אַראָפּוואַרפן דעם גאַנצן צלם אלקים". אַזוי אַרום בין איך אָנגעקומען אין חדר אַריין צו שלמה־חיימען. ער איז אַ געזונטער יונגערמאַן און שווינט נישט זיינע כוחות. ער וויל זיין ביסל קענטעניש באמת

איבערגיסן צו די תלמידים. דאָ זענען פאַראַן 14 תלמידים און אַלע בילדן איין כיתה. מען לערנט פון גאַנץ פרי ביז נאָך מנחה אין זומער און ווינטער — ביז 9 אַזייגער אין אָוונט. דאָ ווערט געלערנט חומש־רש״י, פסוק־תריעשר, מען לערנט שרייבן יידיש פון שורות אָנגעשריבענע דורכן רבין, ווי למשל: „איך פאַר קיין וואַרשע נאָך סחורה״. דער רבי שרייבט די שורה פון אויבן און דער תלמיד שרייבט זי ביז אראָפּ. אָדער, דער רבי שרייבט אָן אַ מין בריוו און דער תלמיד שרייבט אים איבער אַ גאַנצע וואָך. מען לערנט אויך חשבון: חיבור, חיסור, כפל וחילוק. מען גיט צו דריי אַ האַלבע קאָפּיקע צימערינג צו זיבן אַ האַלבע קאָפּיקע ראָזשינקעס. אָדער דער רבי זאָגט: „די מאַמע האָט גענומען ביים קרעמער דרייצן פונט זאַמד־צוקער צו פרעגלען איינגעמאַכטס צו פערצן קאָפּיקעס, — ווייזט, ווי עס כפלט זיך״. אָדער: „דער טאַטע מיטן זיידן האָבן פאַרדינט בשותפות אויפן יאַריד 23 רובל מיט זיבעציק קאָפּיקעס — ווייז ווי אַזוי עס טיילט זיך״. הכלל, דער רבי מיט די תלמידים זענען פאַרהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך אין חשבונות און אין בריוו שרייבן. שבת בייטאָג, לערנט מען אויך פרקי אָבות. מען טאָר נישט בטלנען. דער רבי זאָגט: „בזכות תינוקות של בית רבן האלט זיך אויף די וועלט״. טאַקע דערפאַר האָרעווען מיר: אינדערפרי הויבט מען אָן פסוק. און מען לערנט דערנאָך גוטע צוויי שעה. מען גייט איבער צום שרייבן און צוריק צו חומש־רש״י, אַזוי ביז האַלבן טאָג. נאָכן עסן לערנט מען חשבון און מען גייט איבער נאָך אַמאָל צו פסוק, וועלכן די קינדער מיטן רבין טייטשן אויס און זינגען, און מען ענדיקט מיט חומש־רש״י.

דורך דער וואָך האָט מען אין אונדז אַזוי אַריינגעקנעלט די סדרה חומש־רש״י און פינף פרקים פון תריעשר. קלעפּ און פעטש האָבן נישט געפעלט. דער רבי האָט געהאָרעוועט מיט כוח און אויך געפּאַטשט מיט כוח.

אָבער טראָץ אַלעמען האָבן די קינדער געהאַט אויך פאַרוויילונג. אונדזער חדר איז ווי געזאָגט אַראָפּ שול־גאַס, ביי משה באראדאטש אין שטוב. מיט דער שטוב גרענעצט זיך לאַזאַר דאַדקעס סאָד. איבער דער שאָסיי־גאַס, אַנטקעגן איצל ביטשיקן, ביים גלח אין גאָרטן, שטייט אַ בוים אזשענעס. ביים גלח מעג מען דאָך רייסן און ביי לאַזאַר דאַדקעס מעג מען אויך — הלמאי שיקט ער זיין זון בערלען אין דער גוישער שקאָלע און נישט אין חדר ?... גנבעט מען זיך איינציקווייז אַרויס גאַנץ פרי צו מיטאָג־צייט און אין פאַרנאַכט פון חדר און מען רייסט פון די ביימער. מיר טוען עס מיט קינדערישער שמחה. צוערשט קומט אין חדר דער גלח און דער געזונטער שלמה־חיים שרייט און שלאָגט. אַ פּאָר טעג שפּעטער קומט לאַזאַר דאדקעס, און דער רבי שלאָגט ווידער. די קינדער ווערן קראַנק, אָבער ביי דער ערשטער מעגלעכקייט קריכן מיר ווידער צום גלחס אזשענעס און צו לאַזאַר דאדקעס עפּל. די־אָ מעשים האָט דער רבי פון אונדזערע קעפּ נישט אַרויסגעקלאַפּט, אָבער תריעשר, האָט ער אין אונדזערע קעפּ פונדעסטוועגן יאָ אַריינגעקלאַפּט.

דערנאָך בין איך אַריבער לערנען צו לאַזאַר קירדעס. ער לערנט איוב מיטן מלבי״ם, לערנט מיט ניגון. מיר לערנען אויך חומש מיט רש״י, אָבער שוין די גאַנצע סדרה. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז ער לערנט גוט. ער אַליין איז געווען אַ געפּוצטער יונגערמאַן און

יעדן טאָג לאָזט ער אונדז אַרויס אין דרויסן שטיפן. מיר קערן איבער די גאס און ער זאָגט גאָרנישט. ווינטער לויפן מיר צו צום טייך, כאַפּן אַ קוק אויף אלתרן, חיים־קוטס, ווי ער גליטשט זיך אויף גאָנקעס און מיר זענען אים שטאַרק מקנא.

אַמעריקאַנקעס, דאָס הייסט, פרויען פון די מענער, וועלכע זענען אין אַמעריקע, קומען צום רבין שרייבן אַדרעסן און מען רייסט איבער אין מיטן לערנען. מיר נוצן אויס די צייט צו מאַכן העוויות אַזוי, אַז דער רבי זאָל נישט באַמערקן. פונדעסטוועגן קאָנען מיר בדרך כלל, אַלץ וואָס עס ווערט געלערנט און דער רבי איז מיט אונדז צופרידן, הגם ער האָט טענות צו אונדז, דאָס הייסט, צו אונדזערע פאַרשטאָפּטע קעפּ.

אַדאַנק מיינע חברים פון דעם חדר, האָב איך זיך באַקאַנט מיט די הייזער פון דאָמבראָוויצער נגידים. ביי די עברי־מלמדים, האָב איך געקענט בלויז די הייזער פון קאָלאָדיעזנע און צאַרסקע גאַסן, אַראָפּ שטיבל־גאַס און שול־גאַס, פון וואַנען ס׳האָבן זיך דאַן רעקרוטירט די תלמידים פון די דרדקי־מלמדים. שפּעטער, האָב איך דערזען, אַז ביי זעליק זונעלעס, איז נישט גלייך ווי ביי מעכל קאַמינקער. ביי דאָדל דעם קצב, ביי קראַסניטשוקן, ביי חיים תניא, איז נישט ווי ביי ליפּע דעם שוחט, ווי ביי משה הערשעס אייניקלעך, אָדער, ווי ביי רחל אהרנזאָן. ווען מען גייט זומער זיך באָדן און מען באַגעגנט די אַמאָליקע דרדקי־חברים, חברט מען זיך נישט מיט זיי. אַזוי האָט זיך אויך געלאָזט מערקן, אַז צוויי נגידישע אייניקלעך זענען צווישן זיך נענטער ווי, למשל, מיט מיר. אין חדר הערשט אַ מין סנאָביזם. מיוחסים האלטן פון זיך, און מיט קינדער פון געוויינלעכע עלטערן, האַלטן זיי זיך מיט אַ דיסטאַנץ.

שפּעטער לערן איך ביי רוטקינען. ער איז שוין אַ לערער אין דאָמבראָוויץ. פּסוק רופט ער: תנ״ך און לערנט אָן אַ ניגון. דאַקעגן, לערנט ער הפטורה מיט טראָפּ און מיט אַ ניגון. מען לערנט עברית פון אַ העברעאישער כרעסטאָמאַטיע און רוסיש — פון אַ „רוסקאָיע סלאָוואָ״. מען לערנט אויך התחלת גמרא און קינדער זענען דאָ פון אַלע שיכטן. רוטקין גיט דווקא אַכטונג, אַז די מיוחסים זאָלן זיך צוזאַמענהאַלטן מי די קינדער פון המון, זאָלן זיצן אויסגעמישט אַרום די סקאַמייקעס; משה הערשס אייניקל מיט יודל אלתר נחמנקהס, איך מיט יצחק דעם קאלקערס יינגל א. אז. וו. דאָ איז אויך דאָ אַ גלעקל און פּערעמענעס. די קלאַס איז אַנטקעגן דער גרויסער שול. אָבער דער לערער האָט אַ גאַנצע וואָך קיין צייט נישט צו גיין דאַווענען, מנחה ומעריב אויך נישט. ווען דער לערער זאָל וועלן, האָט ער יאָ צייט. אַרבעטער, בעלי־עגלות, קרעמער, אַלטע און קראַנקע יידן, גייען יאָ דאַווענען. און אין קינדערשן האַרץ דערוועקן זיך ספיקות בנוגע דעם לערער...

נאָך רוטקינען, איז מיין רבי געווען ישראל, דער לאַנגער. ער זעט אויס אַסקעטיש, כמעט ווי אַ נזיר. אַביסל אַנדערש פון אַלע איבעריקע דאָמבראָוויצער יידן. ער לערנט מיט קינדער זייער ערנסט, אויך זאָגט ער מוסר: קינדער דאַרפן גוט און פרום זיין. פון יעדער מימרא אין דער גמרא, פון יעדער משנה, פון אַלע חילוקי־דעות, קוועטשט ער אַרויס מוסר און זאָגט אונדז אַריין. מיר ווערן אומרואיק. מיר טראַכטן: וואָס וועט זיין מיט אונדזערע נשמות, ווען דער גוף איז איינגעטונקען אין זינד? ער לערנט מיט אונדז

ישעיהו און די שטראָף־רייד פון דעם נביא ווערן דורך אים אַזוי שטרענג אַרויסגעזאָגט, אַז ביז היינט פיל איך נאָך יענע ערנסטקייט. ער לערנט אונדז שרייבן פון אַ בריוונ־שטעלער. נאָך היינט געדענק איך דעם בריוו, וועלכן ער האָט אונדז דיקטירט אפשר אַמאָל צוואַנציק וועגן בערדיטשעווער טעאַטער, וואָס האָט געברענט און אַ סך באַזוכער זענען דאָרט דערשטיקט און פאַרברענט געוואָרן. צו יעדער דיקטאָווקע האָט ער צוגעגעבן אַ מוסר־השכל צו וואָס טעאַטער קאָן דערפירן.

זיין מוסר זאָגן, ווירקט אויף מיר און איך באַקום לוסט אויסצוהערן די צוגערייזטע מגידים, וועלכע רעדן בין מנחה למעריב אין בית המדרש. מיר באמערקן די השפעה אויף די מאַסן, די מרה־שחורה וואָס באַפאַלט יעדן ווען ער רעדט פון זינד, די שמחה אויף די פנימער ווען דער מגיד דערציילט פון כביכולס חסד ורחמים און ווי גוט עס וועט זיין לעתיד לבוא. נאָכן ענדיקן אַזאַ דרשה רוט ביי יעדן אויפן פנים אַ גוטע מינע און מען וואַרפט געבן אַ קאָפּיקע אין טעלער אַריין. דער רבי פאַרבאָט אונדז צו גיין הערן די מגידים. פון איין דרשה זענען מיר געקומען אַביסל פאַרשפּעטיקט, האָט ער אונדז גוט צעשלאָגן. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן און מיר פלעגן גיין ווידער הערן די מגידים. האָט דער רבי ארויסגערופן די טאַטעס און געדראָט צו צעלאָזן דאָס חדר. לבסוף האָבן מיר געמוזט נאָכגעבן. מיר האָבן אָבער געהאַט קרענקונג דערפון און די דרשות האָבן אונדז שטאַרק געפעלן.

דער רבי ישראל, איז אַ חוץ מלמד אויך געווען אַדוואָקאַט פאַר די קאַלקער גויים, וועמענס הייזער און שייערן עס זענען פאַרברענט געוואָרן פון א פונק פון אַ לאָקאָמאָטיוו און האָבן זיך געסודיעט מיטן קיסר. קומען טאַקע גויים יעדן זונטיק אין חדר, דערביי נעמט אַרויס א גראָבן בוך, וועלכן ער רופט „סוואד־זאקאָנאָוו“, און בלעטערט און קלערט אַריין. אין יענער שעה פאַרגעסט אונדז דער רבי און מיר האָבן מנוחה.


אָט דער עצבותדיקער רבי פלעגט באַקומען גאָר אַן אַנדערן אויסזען, ווען ער פלעגט אין די לעצטע וואָכן פאַר פסח לערנען מיט אונדז „שיר השירים“. שוין ביים תרגום שני פון מגילת אסתר האָט זיך זיין מצב רוח געביטן. „שיר השירים“ פלעגט ער רחבותדיק אונטערזינגען: שיר, אָט דער געזאַנג, איז הייליקער פון אַלע צען געזאַנגען. אַן אַנדער געזאַנג איז קדש און אָט דער געזאַנג איז קדש קדשים. פאר שבועות פלעגט דער רבי לערנען מיט אונדז „אקדמות“ און ביי דעם ממש אונטערטאַנצן פון געוואלדיקער שמחה און אויך אונדז באַאיינפלוסן מיט פרייד.

י. די גמרא רביים

מיינע גמרא־רביים זענען געווען: פיניע דער מלמד, אלתר פרץ און ר׳ ישראל איציקלס. ר׳ פיניע, לערנט מיט אונדז גמרא און איז אונדז מחנך צו חסידות און אמונה — צו הייליקע גוטע יידן. כ׳געדענק אַ ווינטער אין דעם חדר, ווען דאָס גאַנצע שטעטל ט אַ סך צוגערייזטע יידן זענען אַרויס אויף וואראבינער גאַס. מיטאַמאָל באַוויזט זיך אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין דריי פערד, וואָס פאָרט אַריין אין שטעטל מיט רעש, מיט אַ

סך באַגלייטער, רייטער, פורן און פוסגייער. פון קאַרעטע גייט אַראָפּ אַ ליכטיקער ייד, שיין געקליידעט. דאָס איז דער סטאָלינער רבי. מען פירט פרייטיק דעם רבין צו קבלת שבת מיט גרויס פּאַראַד. יידן, אַלטע און יונגע, סוחרים און בעלי־מלאכות, לויפן נאָך. אַ גאַנצן שבת איז דאָס שטעטל געווען איינגעהילט אין געזאַנג און אין ריקודים. אַ גאַנצע וואָך דערנאָך איז דער רבי איינגעשטאַנען ביי ר׳ שלמה פּאַטרוך אין שטוב און יידן האָבן זיך געשפּאַרט אַריינצוגיין צום רבין. גבאים, האלטן אָרדענונג. סופרים שרייבן קוויטלעך און האלטנדיק זיי אין דער האַנט שפּאַרן זיך פריידיקע יידן צום אַלקער אין וועלכן דער רבי נעמט אויף. דערמאָן איך זיך דעמאָלט אין פּיניע דעם מלמדס מעשיות, ווי אַזוי דער בעל שם טוב מיט זיין תלמיד ר׳ יאנקעלע, האָבן ארויסגעריסן פון דער טומאה א משומד, אַ בישאָף, א שונא־ישראל און אים אומגעקערט זיין חלק עולם הבא. אָט דער בישאָף האָט נאכהער געטאָן יידן אַ סך טובות. דער סטאָלינער רבי טראָגט דעם נאָמען פון בעל שם טוב און האָט אַ גרויסע נשמה און קאָן אוודאי אויך דאָס זעלבע באַווייזן, נאָר מיר, חסידים, דאַרפן גלויבן אין רבינס כוח. קוקנדיק אַזוי וואָס עס טוט זיך אין דאָמבראָוויץ אַרום רבין, און ווי פּיניע מלמד איז זיך משמח, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אין זיינע תלמידים, עלעהיי ער וואָלט געווען פאַרטראָגן אין עולמות עליונים, קומסטו צום אויספיר אַז ר׳ פּיניע איז טאָקע גערעכט.

אַלתר פרץ לערנט גוט גמרא און איז שיין מסביר. ביי אים לערנען בלויז גמרא־ יינגלעך. ער איז אָבער נישט מדריך זיינע תלמידים. ער וויזט אונדז נישט אָן קיין שום מידות טובות און אין מיין זכרון איז וועגן יענע זמנים גאָרנישט געבליבן, הגם, די גמרא מיט תוספות האָבן מיר אַלע גוט געקענט.



דער רבי און די תלמידים פון דער ישיבה „בית־יוסף״ (1936)

ר׳ ישראל איציקלס איז געווען אַן עלטערער מענטש. ער לערנט מיט אונדז די גמרא כתובות. מיר דאַווענען מיטן רבין צוזאַמען מיטן שפּעטסטן מנין אין שטיבל, כדי זיך צו לערנען פון מנחם דעם חזן עבודת הבורא און כדי צו זען מיט וואָס פאַר אַ חדוה און ברען עס דאַווענען יונגעלייט. ביים לערנען קוקט דער רבי אַזוי מילד און האָט אונדז ליב אהבת נפש. ווו ערגעץ א שכלדיקער תוספות, איז דער רבי מסביר שיין און גרינג. איינמאָל ווען דער רבי האָט געפונען אַ שיינעם תוספות, און געוואָלט אָנהויבן מסביר זיין, — און דאָס מאָל זענען מיר שוין געווען זאַט מיט שכלדיקע תוספותן, — כאַפּט אַ יינגל אַ קוק אין פענצטער און זאָגט: „נאָטע מיט יקותיאלן גייען און אין די קעשענעס ביי זיי רעוואָלווערן״.

נאָטע מיט יקותיאלן זענען געווען די ממשיכים פון דער רעוואָלוציע אין פינפטן יאָר און אונדזער אַלטער רבי האָט פיינט מורדים במלכות. איבערן רבינס אַלטן פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַזאַ צער און אויפן אָרט פון תוספות, האָט אונדז דער רבי דערמאָנט אין מאמר חז״ל: „הוה מתפלל בשלומה של מלכות״. און דערציילט אַ משל פון ר׳ יהושע בן חנניה מיט וועלכן ער האָט באַרואיקט די מורדים קעגן דער רוימישער מלוכה.

אַ האַלבע שעה האָבן מיר מיטן רבין געמיטלעך געשמועסט וועגן די רעוואָלוציאָנערן און דעם תוספות שוין געלערנט צומאָרגנס.

יא. נייע צייטן — נייע ווינטן

צו יענער צייט זענען איבער דאָמבראָוויץ אַרומגעגאַנגען לערערס און געטיילט לעקציעס אויף שעהן אין העברעאיש און אין רוסיש. אויך זענען קינדער געגאַנגען אין די רוסישע שקאָלעס. פון דאָמבראָוויצער יינגלעך זענען אויסגעוואַקסן לערער: מושער און מיכל פישמאַן, וועלכע זענען פאַרפּייניקט געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס, יאַנקל לאָקש, וועלכער איז געווען שפּעטער אַ סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט. אייניקע האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען, אַז אַפילו אַ גאָר פרומער ייד, מוז אויך קענען די לאַנד־שפּראַך און חשבון. אייניקע טאַטעס האָבן געהאַט אַ נייגונג צו השכלה און אייניקע האָבן געלערנט זייערע קינדער לשם תכלית, כדי אַזוי אַרום זיך אַריינצורייסן אין דער ברייטער וועלט. אויך האָבן זיך באַוויזן ביכער צום לייענען, יידישע, העברעאישע און רוסישע.

איבער דאָמבראָוויץ האָט זיך דאַן אַרומגעדרייט אַ יונגערמאַן, אַ סוחר צי אַ וואַלד־באַאַמטער אין פּריצישן הויף אין דאָרף, ריין אָנגעטאָן, אין אַ פּעלערינע, אויפן נאָז — ברילן. און אין אַלגעמיין — שיין געקליידעט. דער זעלביקער האָט צווישן בעלי־בתים און יונגוואַרג גערעדט וועגן עפּעס אַ דאָקטאָר הערצל, וועגן ארץ־ישראל, וועגן קאָנגרעסן צין יידישער היסטאָריע און געטענהט, אַז יידישע קינדער דאַרף מען בילדן. אָט דער ייד האָט אויסגעאיבט אַ השפּעה און מיר אונטערגעוואַקסענע חדר־יינגלעך זענען אַדאַנק די רייד פון יענעם ייד, אַרומגעגאַנגען באַלאָדנט מיט מחשבות, אין רעזולטאַט פון וואָס מיר פאָרן זיך שפּעטער פאַנאַנדער, ווער אין ישיבה פון הרב ריינעס זצ״ל אין לידע ווו מען באַפּעסטיקט דעם גרונט־געדאַנק, אַז ארץ־ישראל, ציוניזם און

וויסנשאַפט איז אַ טייל פון יהדות און ווער — קיין גראַדנע אין לערער־אינסטיטוט, אָדער אין גימנאַזיע. שפּעטער מיט יאָרן, ווען מיר קומען צוריק, זעט מען זיך אַרום, אַז די אַלטע מלמדים און לערערס זענען שוין נישט בכוח צו קאָנען מחנך זיין. עס פאָדערט זיך עפּעס אַנדערש. איך וויל נישט זאָגן ערגערס אָדער בעסערס. אָבער, דער שטורעם, אין די יאָרן צווישן 1914—1920 האָט איבערגעקערט פאַרפונדעוועטע בנינים און די אַלטע דערציערישע שיטות, זענען פון זיך זעלבסט, אָן קאַמף, כמעט ווי ליקווידירט געוואָרן. און כאָטש די אַלטע מלמדים זענען נאָך געווען (עס האָבן נאָך געלעבט: אלתר פרץ, גרשון פאדעס, מנשה, יעקב אבינו, רוטקין), האָבן זיי אָבער שוין נישט געהאַט דעם אָנזען, זענען געזעסן אין די „ווינקעלעך״. די אַלטע רביים שטאַרבן אויס און קיין אַלטע תלמידים ווערן נישט געבוירן. אַביסל שפּעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אין בית־המדרש אַ ישיבה־קטנה לויטן אַלטן שטייגער, אָבער דאָרט האָבן געלערנט נישט מער ווי אַ 3 פראָצענט יידישע קינדערלעך. די קינדער פון די ברייטע מאַסן זענען שוין דאַן געווען אַנדערש ווי מיר זענען געווען פריער.

אַני כשלעצמי זאָג נישט מיין מיינונג צי איז עס געווען אַ גוטע דערשיינונג, אָדער אַ שלעכטע. עס איז אָבער געוואָרן אַ פאַקט: יונגוואַרג פון דער רענעסאַנס־צייט, פון ציוניזם, ווענדעט אָן אַ סך מי און לייגט דעם גרונטשטיין פאַר שאַפן און בויען די תרבות־שולע נאָך אין 18־טן יאָר. אַנדערע ווידער, די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע און ציוניסטיש־געשטימטע, שאַפן אַ „יבנה־שול״. יידן ביי וועמען סאָציאַליזם איז קודם פון יידישקייט, שאַפן די יידישע שול. און די ישיבה קטנה וויל מחנך זיין קינדער אין „אגודה״־גייסט, הגם די חברים פון „מזרחי״, כמו, לייבל סלאָוועשנער, דער אַלטער ראָזשאַנסקי און אַנדערע, לאָזן נישט, ווי זיי האָבן געזאָגט: „אריבערפירן יידישע קינדער און זיי פאַרגלותן״. אין קיום פון די אויבנדערמאָנטע חינוך־אַנשטאַלטן זענען פאַראינטערעסירט אַלע יידן אין שטעטל. טאַטעס האָבן נעבעך געצאָלט פאַר דריי קינדערלעך, געהאָרעוועט שווער און ביטער אויפן שכר־לימוד. רעליגיעזע יידן האָבן געהאַלטן זייערע קינדער אין „תרבות״־שולע, הגם זיי האָבן נישט מסכים געווען מיט דעם פּראָגראַם. זיי האָבן דאָס געטאָן, כדי די תרבות־שול זאָל האָבן אַן עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט די גויאישע שקאָלעס און אויך מיט דער יידישיסטישער שול.

יב. די עסקנים פאַר דער „תרבות״־שול

ביים שאַפן די העבּרעאישע „תרבות״־שול האָבן יחידים פון עלטערן דור אַרויס־געוויזן אַ סך איניציאַטיוו. דער ערשטער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע בעלי־בתים: גדליהו שוועץ, מאיר־חיים בייגל, שמערל פרענקל, יעקב האָלצמאַן, אברהם מאנקאָווסקי, צבי ירדני, מאָטל וויניאַר, אהרן פלישון, יוסף ווײַנער. זיי האָבן אויסגעאיבט השפּעה אויף עלטערן, אַז זייערע קינדער זאָלן געשיקט ווערן אין „תרבות״־שול. און אַזוי ווי די שול האָט נישט געהאַט קיין בנין, האָט מאָטל אייזנבערג אָפּגעגעבן פאַר דער שול דעם גאַנצן שטאָק פון זיין מויער. אגב, וויל איך אין אַ פּאָר שטריכן בלויז דערמאָנען

ר' מאָטל אייזנבערגן. געווען איז ער אַן אייגנאַרטיקער מענטש. ער איז דער גרעסטער מאַנופאַקטוריסט אין שטעטל, זיצט אין מסחר מיט לייב און לעבן, אָבער דער העברע־אישער חינוך רעדט צום האַרצן פון אונדזערע טאַטעס און אָט דער חסידישער ר' מאָטל געפינט אײַן, אַז עס וואָלט כדאי געווען זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. ער נעמט זיין עלטערע טאָכטער, נאָך אַ מיידל, און פונקט צו דער דערעפענונג פון ירושלי־מער אוניווערסיטעט, פאָרט ער מיט איר קיין ירושלים און לאָזט זי איבער אין ארץ־ישראל. אין געטאָ, האָב איך געוווינט אַ טיר נעבן אַ טיר מיט ר' מאָטלען און ער האָט אַ סך גערעדט וועגן זיינע קינדער אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1940, ווען די סאָוויעטן האָבן געפאָדערט, מען זאָל בייטן די פוילישע פּאַספּאָרטן אויף באָלשעוויסטישע. האָב איך זיך צופעליק מיט אים צונויפגעטראָפן אין פּאַספּאָרטן־אַמט. מען נעמט מיך אויפן פאַרהער, מען פאָרשט מיך וואָס איך האָב געטאָן אין די פריערדיקע צייטן. איך זוך קבצנישע זכות־אָבות. אויף די זעלבע פראַגן ענטפערט ר' מאָטל אייזנבערג קורץ: — „איך בין דער פערטער דור סוחרים. מיין טאַטע האָט געהאַנדלט, מיין זיידע האָט געפירט גרויסהאַנדל, און איך, בין פון די דאָמבראָוויצער גרויסע סוחרים און איר קאָנט שרייבן וואָס איר ווילט". אין געטאָ זענען מיר געווען גוטע שכנים, דער ייד האָט געהאַט אַ זויבערע נשמה.

אַביסל שפּעטער זעען מיר אַ סך יידן, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט אין קיום פון תרבות־שול, גיבן געלט און עס ווערט געקויפט אַ בנין, וועלכער ווערט אויסגע־בעסערט און באַנייט. און זאָלן דערמאָנט ווערן: ר' משה פּאָמעראַנץ, וועלכער האָט געגעבן געלט פאַרן בנין פון דער תרבות־שול און ניימאַן, דער פאַרוואַלטער פון העלערס קאַנטאָר, וועלכער האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט און פיל שטעטלדיקע בעלי־בתים, וועלכע האָבן זיך באַשטייערט לטובת דעם בנין פאַר דער תרבות־שול. צווישן די מיטגרינדער און עסקנים פון דעם העברעאישן שול־וועזן זענען אויך געווען: יעקב האַלצמאַן, אַן אַלטער חובב פון שפת־עבר און בעל־תנ"ך, אברהם מאַנקאָווסקי, דער סימפּאַטיקער פון מפיצי־השכלה, וועלכער האָט געגעבן זיינע קינדער העכערע בילדונג און געהאַלטן, אַז יידישער חינוך מוז זיין בעברית, דער יינגערער יחיאל אהרנסאָן, וועלכער האָט נישט געשפּאָרט קיין צייט פאַר דער תרבות־שול און נאָך זיין פריצייטיקן טויט האָט זיין בילד געהאַנגען אין שול־ביוראָ. אויך דאַרף מען דערמאָנען די שפּעטער־דיקע יינגערע עסקנים פון דער שול: יהושע גענזל און דער טראַגיש־אומגעקומענער אין ארץ־ישראל — דוד שטאָפּער, יוסף בעגון, אשר שטראַם, דער יונגער בונים — אַלע אומגעקומענע.

ויבדלו לחיים ארוכים, וועלכע זענען צו יענער צייט גאָר יונגע, אָבער האָבן שטאַרק געאַרבעט פאַרן העברעאישן שול־וועזן: שמואל זאַלצמאַן, דער סעקרעטאַר פון שול, מאָטל כאַרפּאַק, מירעלע דעם רבס, ומשה גאָטליב, ואברהם בינדער, לאַזאַר זאַלצמאַן, וועלכער האָט זיך באַשטייערט לטובת דעם געקויפטן בנין, רייזל איסאַד, הערשל ביטשוק־ירדני, וועלכער איז אַרומגעפאָרן, געזוכט און געבראַכט לערער, און יוסף־חיים בייגל. זיי אַלע האָבן געשפּאָרט דעם וואָגן אויף וועלכן אַ סך פרעמדע, גויאישע אויגן,

האָבן געקוקט נישט פריינטלעך, די פּוילישע מאַכט האָט אַפילו זיך נישט זשעגירט און געפאָדערט צו פאַרמאַכן די שול און די שטעטלדיקע פּאָליאַקן האָבן געזאָגט: „מיר זענען געווען ליבעראַל, ווען מיר דערלויבן דעם העבר באַרמאַן־ברוך קומען אין אונדזער שול און לערנען מיט אייערע קינדער זשידאָווסקע רעליגיע".

און געווען זענען אויך אייגענע יידן, וועלכע האָבן געהאַט פּחד פאַר „חדש" און האָבן אונטערגעמורמלט. איך דערמאָן זיך אין דעם אַלטן ר׳ יחיאל ראָזשאַנסקי, פון די ערשטע מזרחי־טוער אין דאָמבראָוויץ, וועלכער איז דווקא פאַר דער יבנה־שול און נישט פאַר דער תרבות־שול, ווייל דער פּראָגראַם פון תרבות באַפרידיקט אים נישט. ער איז אָבער בלב ונפש דערפאַר, אַז עס זאָל נישט זיין קיין עם־הארצות און איז פאַר עברית, פאַר נאַציאָנאַלן חינוך. איך געדענק ביז היינט דעם עכאָ פון זיין דרשה אין טאָג, ווען אין ירושלים איז די פתיחה פון דער ערשטער העברעאישער אוניווערסיטעט. איך זע נאָך היינט זיינע פריידיקע טרערן. נאָר אין ים זענען דאָ פאַרשידענע פיש און ביי אונדז — פאַרשידענע יידן. ר׳ יחיאלס דרשה האָט נישט אַלעמען געשמעקט. אויך די תרבות־שול באַפרידיקט נישט אַלעמען און ר׳ יחיאל האָט נישט איין אַטאַקע פון די מתנגדים געדאַרפט אָפּשטויסן. איך בין בייגעווען אַ שמועס ווי אַ בן־תורה ברענגט פאַר אים אַ פּסוק פון דער תורה „תרבות אנשים חטאים" און ר׳ יחיאל ראָזשאַנסקי ענטפערט: אַז ווען נישט די תרבות־שול גייען די קינדער דווקא אין דער פּוילישער שקאָלע און נישט אין די חדרים, אַז אין „תרבות" געפינען זיך גרויסע דערציערישע מעלות, וועלכע פעלן אין אַלטן חדר. פאָלט דער קעגנער אַריין אין גרימצאָרן און שרייט: „זאָלן זיי בעסער גיין אין דער פּוילישער שקאָלע". פרעגט ר׳ יחיאל: „און ווער וועט שפּעטער פאַרטייטשן אַ פּסוק חומש, אַ דין פון קיצור־שולחן־ערוך, אַ קאַפּיטל תנ״ך? אין דער פּוילישער שקאָלע לערנט מען נישט קדיש־זאָגן". זאָגט יענער: „ווער דאַרף די אַפּיקורסים מיט זייער קדיש־זאָגן. דער רבונו של עולם דאַרף נישט אַזעלכע יידן". גיט שוין ר׳ יחיאל אַ שמייכל און זאָגט: איך האָב אַ צווייטן מקור פאַר דער באַדייטונג פון „תרבות": „ומותר האדם מן הבהמה" — און דו, זיי מוחל ביסט אַ פרא אדם, אַ בהמה.

און זאָל דערמאָנט ווערן מאַנציע גערשטיין. אָן אים וואָלט די תרבות־שול זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן. מאַנציע מאכט הלוואות און צאָלט די לערער און מאַכט תיקון הבית. ער ווייסט אויך וועלכן טאַטן מען מוז געבן אַ הנחה און ווער עס דאַרף מערער צאָלן, וועלכן טאַטן מען דאַרף צורעדן און כמעט מיט כוח אַריינציען זיינע קינדער אין שול, ווייל דער טאַטע האָט טענות און מען דאַרף צעטרייבן זיינע ספיקות. מאַנציע טוט עס זייער געשיקט און שנעל.

און אַ חוץ געלט־קריזיסן זענען אויך פאַראַן גייסטיקע זיגזאַגן: פאַראַן צייטן, ווען רעליגיעזע לערער זענען די בעלי־השפעה, צייטן ווען היימישע לערער זענען די דעה־זאָגער און צייטן, ווען מען שיקט אַריין לערער פון דרויסן, און אַלע פון איין שניט. צו יענער צייט זאָגט מיר אַ תלמידה פון תרבות־שול, אַז דוד המלך האָט מער געטאָן פאַרן פאָלק פון משה רבנו. אַ ייד, וועלכער איז געשטאַנען לעם מיר און דאָס געהערט, האָט שטאַרק אויפגעציטערט. אַזוי זענען אַנטשטאַנען מתנגדים און אין די הערצער פון אַ

סך טאַטעס האָט זיך באַזעצט אַ פּחד פאַר די תוצאות פון דעם חינוך. אָבער עס מוז געזאָגט ווערן: 25 יאָר האָט דאָמבראָוויצער תרבות־שול מחנך געווען אונדזערע קינדער און אַריינגעבראַכט אַ סך יידישן און וועלטלעכן וויסן און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין אין זייערע הערצער און אַזוי אַרום זענען זיי פאַרבליבן גוטע יידן פון יידישן פאָלק.

יג. די „יבנה״־שול

די יבנה־שול האָט זיך די גאַנצע צייט געראַנגלט פאַר איר עקזיסטענץ און ביז דער לעצטער מינוט נישט געהאַט קיין מקום מנוחה און געוואַנדערט פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס. די שול האָט געהאַט ווייניק תלמידים, און אירע לערער זענען געווען היימישע מחנכים, אָן פּרעטענזיעס אויף הויך־בילדונג, אויף מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. דאָך זענען די תלמידים פון דער שול געבליבן טריי דער יידישער פּראָבלעמאַטיק און האָבן באַקומען גוטע ידיעות אין יהדות, כאָטש זיי האָבן נישט באַקומען די גאַנצע וויסנ־שאַפט דערצו. אָבער אין יבנה־שול האָבן זיי באקומען דעם דראַנג צום „דע את עמך״ על כל שלביו.

אין מיין וואַנדער־וועג האָב איך אויך באַגעגנט אַ פּאָר תלמידים פון דער דאָמבראָוויצער ישיבה, זיי זענען ביז היינט רעליגיעזע יידן, אָבער נישט קיין אגודיסטן.

איך גיב צו, אַז דאָמבראָוויצער טאַטעס און קינדער האָבן נישט רעוואָלטירט קעגן אַלטן חדר. זיי זענען נישט אַנטלאָפן פון חדר אין „תרבות״ אַריין, אָדער צו דער שקאָלע, מחמת דעם, ווייל זיי האָבן חלילה געוואָרפן אומחן אויף אונדזער אַלטער תורה. ניין און ניין! נישט קיין אפיקורסות האָט דאָ דעצידירט, נאָר דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער מאָמענט אויסצובריייטערן דעם לימוד, דער ווילן, אז אונדזערע קינדער זאָלן קענען עברית, וויסן אונדזער היסטאָריע, זיין נענטער צום ציוניסטישן געדאַנק, אין וועלכן מיין אומגעקומענער דור האָט געזען די רעטונג פון פאָלק, אַזוי ווייט, אַז אונדזערע יונגע ציוניסטישע בעלי־השפעה האָבן זיך נאָך אין 1910—1912 אַריינגעריסן אין תלמוד־תורה און געלערנט די תלמוד־תורה־קינדער העברעאיש, תנ״ך און היסטאָריע.

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַ זייטיקן עפּיזאָד פון פריערדיקע צייטן, פון ווייטן אַמאָל. דאָמבראָוויץ האָט שטענדיק פאַרמאָגט יידן, וועלכע האָבן געקענט די מלוכה־שפּראַך. אין יענע צייטן זענען דאָס געווען: אברהמקא דער שרייבער, דער אור־זיידע פון די בילער גילדנגאַרנס אין ייִלנער, און דער אור־זיידע פון די וויסאָצקער און אזעריער ליכטנפעלדס, איינער ר׳ וואָלף. נאָך מיט כמעט 90 צי 100 יאָר צוריק זענען דאָמבראָ־וויצער ייִנגלעך אַוועק זיך לערנען די גויאישע שפּראַך. מיר האָבן פון די 9 יינגלעך געקענט מיכיל און איציל קראַצמאַן, מיכל האָניק און יעקב יאָסיע פישמאַן. מיין זיידע בצלאל פייגלשטיין, וועלכער איז געווען אַ קאַנטאָניסט, האָט אַפילו געקענט אַ סך פּושקינס און לערמאָנטאָווס שירים און אויך לאָמאָנאָסאָוון.

יד. די יידישע שול

דער בראשית פון דעם געדאַנק „יידישע שול" אין דאָמבראָוויץ איז מושער, עליו השלום. ער איז געווען אַ רוסישער לערער אין דאָמבראָוויץ, אָבער אין 17־טן יאָר, ווען איבער רוסלאַנד האָבן זיך געטראָגן ווינטן פון „סאַמאָאָפּרעדעלעניע נאַראָדאָוו" און עס האָט זיך גערעדט פון קולטורעלע נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן גורל פון דער יידישער קולטור גופא. איך ווייס נישט צי מושער עליו השלום האָט באַקומען אָנווייזונגען פון דער הויך, צי ביי אים אַליין איז רייף געוואָרן דער געדאַנק. איינמאָל איז אין יענעם זומער פאָרגעקומען אַ קולטור־אָוונט. אברהם בינדער רעדט פאַר דער העברעאישער שפּראַך. דאַדעק מאַטוסאָוו אין אוניפאָרם, רעדט פאַר דער רוסישער שפּראַך. יידישע סאָלדאַטן רעדן, ווער פאַר רוסיש און ווער פאַר העברעאיש. מיר גייען אהיים אין דרייען: מושער, מיילאַך־באַקאַלטשוק און איך. זאָגט מושער בזו הלשון: „די העברעאישע שפּראַך וועט פירן צוריק אין סטאַלינער שטיבל. מען דאַרף לערנען יידיש און נישט רוסיש, ווייל רוסיש וועט אַסימילירן. יידיש וועט זיין די שוץ־וואַנט".

מושער איז אין זיין פריסטער יוגנט פאַרפייניקט געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס און אויף זיין מצבה איז דווקא אַ העברעאישער אויפשריפט — „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו", ווייל ער מיטן צווייטן פאַרפייניקטן קרבן, מיכל פישמאַן ליגן אין איין קבר. די יידישע שול אין דאָמבראָוויץ האָט דאַן אָנגעוואָרן איר רוקן־ביין, איז פאַריתומט געוואָרן, ווייל עס האָט איר ביזן סוף געפעלט דער טאַטע מושער.

אינצווישן זענען די שוואַרצעס און בערקאָ פערלשטיין געוואָרן די גרינדער פון דער יידישער שול. אַלטער קלייד און שלמה שוואַרצטוך פירן די אַקציעס פאַר דער יידישער שול. במשך פון איר עקזיסטענץ האָט די שול עטלעכע מאָל איבערגעריסן און באַנייט די לימודים. דעם ענדגילטיקן איבערייס פון דער שול איז גורם די פּוילישע מאַכט.

און עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ווען די יידישע שול האָט זיך געשלאָסן, האָבן די מנהיגים פון דער יידישער שול געשיקט זייערע קינדער לערנען נישט אין דער פּוילישער שקאָלע, נאָר אין דער תרבות־שול. ווען מיר פאַרטראַכטן זיך איצט דעריבער, מוזן מיר קומען צום באַשלוס, אַז זייער טייער איז ביי אונדזער אומגעקומענעם דור געווען דער יידישער מאָמענט אויפן געביט פון דערציאונג.

טו. לערער און מחנכים

אין די לעצטע 25 יאָר האָבן משמש געווען דעם שול־וועזן היימישע און צוגערייזטע לערער. פרידמאַן, דעם ליכטציערס איידעם, וועלכער האָט אַ האַלבן יובל יאָרן מרביץ תורה געווען און אַריינגעבראַכט אַ סך יידישן וויסן. ער איז געווען א ברכה פאַרן שטעטל. אַ קענער אין אַלע צווייגן פון יודאַאיסטיק, אַ בקי אין דער היסטאָריע

פון יידישן פאָלק, אַ קענער פון דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור. די ברידער שליטא, אונדזער חזנס זין, געבוירענע און דערצויגענע מיט אונדז צוזאַמען און קינדער פון זייער טאַטנס חדר, וועלכער האָט אויך מרביץ תורה געווען און אַ סך פון אונדז האָבן געלערנט אין חזנס חדר. אברהם בינדער, וועלכער האָט זיך געפּלייסט אַרויפצולייגן אויף אַלץ דעם ציוניסטישן סטעמפּל. מאָטל אייזנבערגס קינדער, — די שוועסטער אייזנבערג, ליובא מאַטוסאָוו, הערשעלע בערעזאָווסקי, שקאָלניק, מוסיא שוואַרצטוך, מעכאַניק מיטן זון, די לערערין פיינזאָן, קאַצענעלסאָן, מייזלער, איינער פון זיי אַ סימפּאַטיקער פון דער רוסישער אימפּעריע, דער צווייטער אַ פּוילישער פּאַטריאָט. זייביידע זענען געווען אַ גורם דערצו, וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן געהאַט פּחד פאַרן „חדש" אין תרבות־שול. פּראַדקין, סאַדע, פּאָלאַנסקי, חיה קאַנטאָר, דער סטודענט ראַגאַטשעווסקי, וועלכן ירדני האָט מיטגעבראַכט, באָרוכאָוויטש, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ליטווישן מלמד, טשערטאַק, פּלאַנטאָווסקי, קאַסטע־ליאַנעץ, פּלאָטניצקאַ, טשערטאָק, אריה און חנה געגנזל, זייטשיק, פישמאַן (אַלטער נאַחמאַנקעס), מוישל יונגשטיין, אברהם פייגלשטיין, געלמאַן, ברוך־באַרמאַן באָקסער, אפרים קלאַרמאַן א. אנד.

און זאָלן מיר מוחל זיין די לערער, וועלכע איך געדענק נישט. זיי אַלע צוזאַמען, די לערער און דערציער פון אונדזערע קינדערלעך, סיי אין תרבות־שול און סיי אין יבנה־שול, כאָטש די אידייען און מעטאָדן פון ביידע שולן זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע, האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך מי, אַז אונדזערע קינדערלעך זאָלן בלייבן גוטע יידן. די דערגרייכונגען זענען געווען געמיינזאַמע און גרויס איז זייער זכות.

אויף צוויי פון די אויבנדערמאָנטע, שטעל איך זיך ספּעציעל אָפּ: דער מנהל געלמאַן האָט דערוואַרטעט די פריערדיקע אַרטיקע מחנכים און אַריינגעבראַכט נייע פון דרויסן. ער האָט אַרויסגענומען אַפילו פון פרידמאַנס האַנט די השפעה און אים געסטעמפּלט ווי א „מלמד". מיר, עמך, האָבן פּראָטעסטירט, געווען אומצופרידן, אָבער, געלמאַן האָט געטאָן זיינס און געזאָגט אַז ער איז גערעכט.

איך דערמאָן אויך מייזלערן, דער לערער פון אונדזערע קינדער אין קליינעם שטעטעלע, וועלכער רעספּעקטירט נישט דעם יידישן מאָמענט און רופט אַרויס חשדים ביי רעליגיעזע עלטערן.

די תלמידים פון ביידע שולן האָבן זיך שפּעטער אַוועקגעלאָזט אין די מרחקים, כדי צו דערגרייכן העכערע בילדונג. מען איז געפאָרן קיין ווילנע, וואַרשע, ראָוונע, פּינסק. מען זעט זיי אין די לערער־אינסטיטוטן, גימנאַזיעס, „תחכמוני", אין פאַך־שולן, אין ישיבות און אויף פאַרשידענע קורסן. ביידע העברעאישע שולן און אויך די יידישע שול האָבן געדינט ווי אַ צוים, אַ טאַמע קעגן אַסימילאַציע און האָבן געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין ביי דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג.

די פייערלעכקייטן פון ל"ג־בעומר, ט"ו בשבט, חנוכה, פּורים און אַנדערע ימים־טובים, האָבן צוגעבונדן דעם יונגן מענטש צום יידישן עבר. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז געוויסע פאַקטאָרן האָבן געוואָלט אַסימילירן אונדזערע קינדער, וואָרום אַ טייל פון

זיי האָט אויך געלערנט אין די פוילישע שולן און זייערע לערער האָבן פיל געטאָן, כדי זיי צו באַאיינפלוסן און פּאָלאָניזירן. גרויס איז דעריבער דער זכות פון אונדזערע שולן, בזכות תינוקות של בית־רבן.

צום סוף זאָלן אויך דערמאָנט ווערן די הויז־לערער, וועלכע פלעגן געבן לימודים אין די הייזער: די משפחה סאלמאן, פאָטער און טאָכטער, האָבן אפילו אין געטאָ „געטיילט" שעהן. אַ טאָג פאַר דער שחיטה האָב איך געטראָפן פריילין סאלמאן, ביי מיין ברודער, לערנען מיט זיין מיידעלע, דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן מסירת־הנפש.

מיטן אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן, אין יאָר 1939, איז די דאָזיקע יניקה פון מקור, פולשטענדיק איבערגעריסן געוואָרן. אַלץ איז רוסיפיצירט געוואָרן. די שול, די לערערס און די תלמידים גייען איבער אויף דער אַזוי־גערופענער „דעסיאַטילעטקאַ", צווישן זיי אויך מיינע קינדער. דערנאָך זענען געקומען די דייטשן און אַלץ אויסגעריסן, חרוב געמאַכט, פאַרשניטן.

טז. „מזרחי" און „הפועל־המזרחי"

דער עלעמענט פון וועמען עס דאַרף זיך רעקרוטירן דער „מזרחי", איז אין דאָמבראָוויץ געווען קליין. אַלע רעליגיעזע יידן זענען געווען באַאיינפלוסט פון רבי׳ס, וועלכע קאָפּערירן נישט מיט די ציוניסטן. דאָך, זענען אין דאָמבראָוויץ פאַראַן מזרחים נאָך פון ערשטן דור, באַאיינפלוסטע פון הרב ריינס ז"ל, און אויך מזרחיסטן פון צווייטן דור. די צענטראַלע פיגורן אין שטעטל זענען: ר׳ יחיאל ראזשאנסקי, לייבל סלאָוועשנער קאראס, אהרן פייגלשטיין, נטע ליבערמאַן, דער לערער פרידמאַן ז"ל.

די טעטיקייט באַשטייט אין פאַרקויפן שקלים, אין אָנטיילנעמען אין אַקציעס פאַרן קרן־קימת. מען איז נאָך דעמאָלט נישט אויף אַזוי פיל רייף צו קאָנען וויסן די גבולים און מען איז נאָך נישט קיין אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון אַנדערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין שטעטל. מען איז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער „תרבות"־שולע, ווען אַפילו מען זעט אין איר זייער פיל, וואָס שטימט נישט מיט די אָנשויאונגען פון „מזרחי". און ווען עס קומען רעדנערס פון די מרכזים פון אַנדערע פּאַרטייען, איז מען אויך באַטייליקט. ..אמת, ווען עס קומען רעליגיעזע „מזרחי"־רעפערענטן, קומען אַלע יידן־ציוניסטן אויסהערן; נישט מיט קשיות קומט מען, נאַר, פשוט — הערן אַ גוט וואָרט.

אַ שינוי קומט פאַר, ווען הרב ר׳ אהרן פעטשעניק הייבט אָן אַריינברענגען דעם חלוצישן הפועל־המזרחדיקן רעליגיעזן ציוניזם. דאַן שפּרייט זיך אויס די באַוועגונג און געווי־נט פאַר זיך די רעליגיעזע יוגנט, די אַרבעטנדיקע יוגנט, וואָס איז רעליגיעז. „הפועל־המזרחי" וואַקסט אויס צו אַן אַרומנעמענדיקע באַוועגונג מיט קולטור־אַרבעט, מיט רעפערענטן וועגן פאַרשידענע יידישע דערשיינונגען. עס אַנטשטייט די „יבנה"־שולע, מען דרינגט אַריין אין אַלע הייזער, עס ווערט אַ קיבוץ־הכשרה, קיבוץ מזרחי „גאולה". מען שפּרייט אויס די השפעה אויף די דערפער און פון דאָרטן קומען אָן די חברים אין דער באַוועגונג, אין קיבוץ־הכשרה. מען קומט אין שטעטל האַראַדנאַיע, און דער יונגער

ר׳ אהרלע פעטשעניק איז פאַרטרעטן: אין אַלץ וואָס עס געשעט אין דער חלוצישער באַוועגונג „הפועל־המזרחי", איז ער דער פאַרבינדלער. אַזוי ווערט פון דאָמבראָוויץ דערלעגירט מיין ברודער אהרן פייגלשטיין ז״ל, און ער פאַרטרעט די וואָלינער יוגנט אין וואַרשעווער מרכז.

דורכמאַכנדיק די הכשרה, ציען זיך חברים קיין ארץ־ישראל. קדיש שטראם איז איינער פון זיי, און להבדיל בין חיים למתים נטע ליבערמאַן ז״ל, און נאָך. אויך חברות קומען מיט קיין ארץ־ישראל.

ס׳איז מיר געבליבן אין זכרון די אַזוי אימפּאָזאַנטע אַקאַדעמיע מיט רעפערענטן לכבוד „800 יאָר רמב״ם", וואָס איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער שול. גאַנץ דאָמבראָוויץ איז געווען באַטייליקט, „מזרחי"־רעפערענטן האָבן גערעדט וועגן רמב״מס ריזן־ווערק און וועגן געדאַנקען־גאַנג פון „הנשר הגדול".

דער „מזרחי" און „הפועל־המזרחי" האַלטן אָן אין דאָמבראָוויץ ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יז. די „אגודה"

דער דאָמבראָוויצער רב, הרב ר׳ נחומציע פעטשעניק, איז אַ שליח צום „אגודה"־קאָנגרעס אין ווין. אויפן צוזאַמענפאָר אין ראָוונע פאַרטרעט ער די דאָמבראָוויצער „אגודה". הרב ר׳ יעקב, טראַץ דעם, וואָס ער פאָלגט נאָך וואָס עס טוט זיך אין ארץ־ישראל, און זאָגט זיך אַרויס, אַז ער וואָלט גערן אַהין געפאָרן, אַפילו זיין אַן ערד־אַרבעטער אין הייליקן לאַנד, דעקלאַרירט זיך נישט ווי אַ ציוני. עס זענען אויך באַוווּסט זיינע סימפּאַטיעס פאַר דער „אגודה.".

קיין אגודיסטישע טעטיקייט איז אין שטעטל נישט פאַראַן, אָבער פרומע יידן טוען, בעת סיים־וואַלן, צי אָרטיקע וואלן, דאָס, וואָס די „אגודה" פון דער פרעמד הייסט טאָן. נישט אַלע רעליגיעזע יידן גייען צו די וואַלן מיט דער „אגודה", אָבער, אויבערפלעכלעך, שמועסט מען, אַז מען איז אגודיסטן. די צענטראַלע פון דער „אגודה" האַלט די האַנט אויפן דופק, און דאָמבראָוויצער יידן באַקומען חוזרים פון צענטער, אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטי־ציוניזם.

אין שטעטל איז דאָ אַ ישיבה קטנה, וואָס איז פאַרזאָרגט דורך אַלע רעליגיעזע יידן, אויך דורך מיר, אָבער זיי זאָגן, אַז די ישיבה געהערט זיי, דער „אגודה". אויך אויף די שוחטים, רבנים, חזנים און שמשים זאָגן זיי, אַז זיי זענען זייערע. אינדעראמתן פאָרט איין שוחט, ר׳ יקיר, מיט זיין גאַנצער משפחה אַוועק פון דאָמבראָוויץ קיין ארץ־ישראל, שוין נישט ווי אַן אגודיסט. די רבנישע קינדער אין דאָמבראָוויץ זענען עולה קיין ארץ־ישראל אויך נישט ווי אַגודיסטן און אויך אַלע דאָמבראָוויצער יידן וואָלטן דעמאָלט, ווען מען וואָלט נאָר געקאָנט, געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

און אָט איז אַ פאַקט: אריה־לייב אייזנבערג, דער שוסטער, שפּרייט פאַנאַנדער חוזרים פון „העובד־הציוני" און זאָגט בעת מעשה צו, אַז די, וועלכע וועלן זיך ביי אים

פאַרשרייבן, וועלן אַמאָל האָבן אויסזיכטן אויף סערטיפיקאַטן. עס פאַרשרייבן זיך ביי אים קריוויצער יידן, טריפיטינער און דובער יידן, אַלע זענען זיי פרומע יידן, וואָס קוקן דעם הרב ר׳ נחומציען אין מויל און זיין וואָרט איז ביי זיי הייליק...

אָט די טייערע יידן פון אמונה פשוטה, ווען מען זאָל זיי געווען אונטערוואַרעמען צו שיבת־ציון אין רביישע הויפן, אין תורה־צענטערס, וואָלטן אַ סך פון זיי געווען דאָ מיט אונדז און נישט אין די ברידער־קברים אויף פרעמדער ערד.

יח. ציוניסטישע און אַנדערע פאַרטייען

ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן זענען געווען טעטיק די פאָלגנדיקע עסקנים: אברהם בינדער, יוסף־חיים בייגל, מיראַ פעטשעניק, אשר שטראם, יונגשטיין, זוליאר, גענדלמאַן, יחיאל אהרנסאָן, מאנציע גערשטיין און עזרא טשאַרנע. אין זייערע הענט איז געלעגן די „תרבות"־שולע און די העברעיישע ביבליאָטעק.

אין ברית הצה״ר זענען געווען אַקטיוו: שמואל ראָזענצווייג, אשר פרענקעל, יוסף כארטשאַק, יעקב פיאלקאָוו, יוסף פרענקל, פנחס גענזל, יצחק פינקעלשטיין א״א. זיי האָבן געשטיצט די אַרבעט פאַר קק״ל און „קרן־היסוד", און אויך ספּעציעל געזאָרגט פאַר זייער אייגענעם פאָנד — „קרן תל־חי". זיי האָבן אויך געהאַט אַן אייגענעם קיבוץ־הכשרה, וואָס האָט געאַרבעט אויפן טאַרטאַק (אין די יאָרן 1933/34). דער בית״ר האָט זיך אויסגעצייכנט אין שטעטל מיט זיין ספּאָרטיווער טעטיקייט.

די עסקנים פון „פועלי־ציון" זענען געווען: יצחק וויינער, שיפמאַן, אהרן גענזל, מוליק מאַנקאָווסקי, ישראל טוראק א״א. זיי האָבן זיך פאַרנומען, ספּעציעל, מיטן קיבוץ־הכשרה, וואָס האָט געאַרבעט אין טאַרטאַק „ליאָס־קרעסאָווי". די פועלי־ציוניסטן זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער „החלוץ"־טעטיקייט.

די אַקטיווע טוער פונעם „השומר־הצעיר" זענען געווען: יוסף לעווין, שמואל קאַטשקע, שמחה פעטשעניק, אהרן ביטשיק, שרה און רחל שוועץ. זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די אַרומיקע קנים פון „השומר־הצעיר" און אויסגעפירט אַלע התחייבותן פון זייערע רעגיאָנעלע און צענטראַלע אינסטאַנצן.

דער „בונד" האָט אַרומגענומען אַ גרויסן טייל פון דער שטעטלדיקער אַרבעטער־שאַפט. זייערע אַקטיוויסטן (מושער און פישמאַן, און יידל פעטשעניק, דערנאָך בערקא פערלשטיין א״א), האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט רעוואָלוציאָנערן ברען און פאַרטייאישער פאַרביסנקייט. דער „בונד" האָט געהאַט אַן אייגענע יידישע שולע, אַ קאָאָפּעראַטיווע לייַ־קאַסע, אַ דראַמאַטישן קרייז און אַ קרייז פאַר דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען.

די גאָר לינקע יידישע פּראָלעטאַריער האָבן געטאָן זייער אַרבעט בצנעה, ווייל די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיי גערודפט. זייער צאָל איז נישט געווען קיין גרויסע, דאָך איז זייער השפעה געווען קענטיק, בעיקר, אין די גאָר אָרעמע קרייזלעך. מיר ווייסן, אַז ברוך פעטשעניק און באַליק, די אָנגעזעענסטע צווישן זיי אין די לעצטע

יאָרן פון פּאַר דער מלחמה, זענען אומגעקומען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, אין קאַמף קעגן דייטש. די, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון אומקום, האָבן נאָך דער מלחמה חוזר־בתשובה געוועזן...

יט. ווען יוגנט פאָרט קיין ארץ־ישראל

היינט איז אין חדר־האוכל פון חלוצישן קיבוץ, אויפן טאַרטאַק, אַ גרויסע שמחה. אַלע קיבוץ־חברים זענען אָנגעטאָן יום־טובדיק. די שמחה שטראַלט אַראָפּ פון זייערע פּנימער. דער אַלטער שניידמיל, דער בעל־הבית פון טאַרטאַק, איז אויך צווישן די מחותנים. אַלע יידישע באַאַמטע זענען דאָ און איבערהויפּט — די דאָמבראָוויצער יוגנט. אַלע זענען אין אַ פייערלעכער שטימונג. מען איז געקומען געזעגענען חברים, וועלכע פאָרן אָפּ מאָרגן קיין ארץ־ישראל. די טענץ, די רעדעס, די קנאה פון אונדזער דאָ־בלייבנדיקער יוגנט, — דאָס אַלץ איז נישט צום באַשרייבן. ס׳איז אַ גרויסער יום־טוב. יידן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

מיר איז געבליבן אין זכרון די שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין שטעטל, ווען אונדזערע ציוניסטישע מנהיגים, אברהם בינדער און מירעלע פעטשעניק זענען אָפּגעפאָרן, און אויך ווען פון „מזרחי״ זענען אַוועקגעפאָרן חברים וחברות. יעדער אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם און פאַרגרעסערט דעם ווילן עולה צו זיין. אָבער עס זענען געווען שוועריקייטן. די הכשרה, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן, און די טויזנט פונט וואָס מ׳האָט געדאַרפט ווי אַ „סגולה״ צו קאָנען פאָרן.

יעדער אַרויספאָר קיין ארץ־ישראל איז געווען פאַרוואַנדלט אין אַ שמחה, און גאָר אַנדערש — אַן אַרויספאָר אין די אַמעריקעס. איך געדענק, ווען מאַנעס בייגל מיט זיין פרוי אסתר, האָבן באַגלייט זייער טאָכטער צום וואָקזאַל, ווען זי איז געפאָרן קיין אַמעריקע: טאַטע־מאַמע און טאָכטער האָבן פאַרגאָסן טרערן, זיך אַרומגעאָרעמט און געוויינט. און אַז אברהמל פרענקל פאָרט קיין ארץ־ישראל, טאַנצט מען אויף דער גאַס און ס׳איז אַ שמחה.

כ. דער הויף פון די פּליאַטערס

ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן קאַפּיטל „בלעטלעך פון דער פאַר־גאַנגענהייט״, נישט דערמאָנענדיק דעם הויף פון דער פּוילישער גראַפן־משפּחה פּליאַטער, מיט וועלכער דאָמבראָוויצער יידן זענען געווען פאַרבונדן העכער 300 יאָר. וועגן דער דאָזיקער תקופה האָט מען דערציילט פאַרשידענע מעשיות, פון גוטע און שלעכטע גראַפן, אַזעלכע וואָס האָבן געטאָן טובות יידן און אַזעלכע וואָס האָבן געהייסן שמייסן יידן.

אין 17—18־טן יאָרהונדערט

בערך מיט 220 יאָר צוריק האָט אַנטאָן פּליאַטער אויסגעאַרבעט אַ סטאַטוט מיט ספּעציעלע רעכט פאַר דאָמבראָוויצער יידן. זיינע גיטער זענען געווען צעשפּרייט איבער

גאַנץ וואָלין, ווי אויך אין די געגנטן פון ווילנע און קראָקע. אומעטום זענען אויף זיינע גיטער געווען יידישע ישובים, דאָך האָט דאָמבראָוויץ געהאַט ביי אים אַ ספּעציעלן זכות, און די דאָרטיקע יידן האָבן באַקומען פון אים ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די דאָזיקע ספּעציעלע סימפּאַטיע פונעם גראַף פאַרן דאָמבראָוויצער יידישן ישוב, האָט מען פאַר־בונדן מיט פאַקט, וואָס די דאָרטיקע יידן זענען געווען אויף דער זייט פון דער גראַפן־משפחה, ווען זי איז געווען באַדראָט דורך כמיעלניצקיס באַנדעס אָדער דורך אַנדערע היידאַמאַקישע אטאמאנען, וואָס האָבן אין 17—18־טן יאָרהונדערט געלאָזט מיטן פייער פוילישע פּאָלוואַרקעס און געשאָכטן פוילשע פּריצים.

בעת כמעלניציקס באַנדעס האָבן געבושעוועט אין דער אומגעגנט, האָבן זיי אויס־געשאָכטן אַלע יידישע משפחות אין די אַרומיקע שטעטלעך: בערעזשניץ, סטעפּאַן, בערעזנע, טשאַרטאָריסק א״א. — בלויז די יידישע קהילה פון דאָמבראָוויץ איז ניצול געוואָרן. ס'איז וועגן דעם אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז די באַנדעס האָבן זיך אַרומגע־דרייט אַ גאַנצע נאַכט אַרום דאָמבראָוויץ, אָבער גאָט האָט זיי פאַרבלענדט די אויגן און ס'האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי בלאָנדזשען אַרום אין אַ געדיכטן דעמבענעם וואַלד (דובראווי־דאָמבראָוויצא), און האָבן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. דאַקעגן, האָבן פוילישע מקורות דערציילט, אַז ביים אַריינגאַנג אין שטעטל האָט זיך געפונען און באַזעצט אַ גרויסער קלויסטער פון יעזואיטן־אָרדן, אַרומגערינגלט מיט פאָרטעצעס און באַזעצט דורך אַ פוילישן מיליטער־גאַרניזאָן, וואָס האָט געשטעלט די באַנדעס אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און נישט דערלאָזט זיי אַריינדרינגען אין שטעטל. נאָכדעם ווי די באַנדעס האָבן זיך צוריק־געצויגן, האָבן די פּאָליאַקן, בראש מיט פּליאַטערס משפחה, און די יידן, זיך אויך אַרויס־געצויגן פון שטעטל, דורך אונטערערדישע טונעלן, און אַטאַקירט די באַנדעס אין אַן אָפענעם קאַמף. שפּעטער האָבן די פּאָליאַקן און יידן זיך דורכגעריסן קיין קאָלק און פון דאָרט זיך דערלאַנגט ביז די אָזעריער וועלדער, ווו זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיטן מיליטער פון מאנקעוויטשער פוילישן קניאַזש. אַזוי אַרום האָבן דאָמבראָוויצער יידן געקעמפט צוזאַמען מט די פּליאַטערס קעגן כמעלניצקיס באַנדעס, און אַ דאַנק דעם זענען די יידן געבליבן לעבן.

אַלטע יידן האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז אין גערעאַנגל פאַר פוילישער זעלבשטענ־דיקייט, אין לויף פון 19־טן יאָרהונדערט, איז דער דאָמבראָוויצער הויף געווען שטאַרק באַטייליקט, און אַז אויך דאָמבראָוויצער יידן האָבן מיטגעקעמפט אויף דער זייט פונעם גראַף און זענען געפאַלן אין די שלאַכטן. נאָך די פאַרלוירענע שלאַכטן האָבן די הערשער פון הויף געמוזט עוקר זיין קיין איטאַליע, און דער הויף איז רואינירט געוואָרן. במשך אַ סך צענדליקער יאָרן, זענען דאָמבראָוויצער יידן געווען ממש אָן פּרנסה, און האָבן געלעבט אין גוואַלדיקער דחקות. בעת דער פּאָוסטאַניע אין יאָר 1863, האָט דער פאַר־לעצטער פּליאַטער דעקלאַרירט זיין לאָיאַליטעט צום רוסישן צאַר, און דאַן האָט די מאַכט אים צוריק באַשאָנקען מיט צוטרוי און אים צוריקגעקערט די ווירטשאַפטלעכע פרייהייט. מיט דעם אַקט האָט זיך אויך באַדייטנד פאַרבעסערט די מאַטעריעלע לאַגע פון די דאָמבראָוויצער יידן.

די אַלטע גראַפיניע

אַלטע יידן האָבן אויך ליב געהאַט צו דערציילן מיט וואַרעמקייט, וועגן דער אַלטער גראַפיניע (געשטאָרבן אַרום 1850/55), וועלכע פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט אויס־דריקן איר דאַנקבאַרקייט די דאָמבראָוויצער יידן, פאַר זייער מיטבאַטייליקונג אין דעם פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1830. זי איז געבליבן די פאַרוואַלטערין פון הויף, נאָכן אַנטלויפן פון איר פּלימעניק, אַן אַקטיווער פאַווסטאַניעץ, קיין אויסלאַנד. די מומע־גראַפיניע האָט זיך דאַן אַריבערגעצויגן אין שטעטל, און איז געווען אין אַ גאָר ענגן קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע יידן. מען האָט דערציילט, אַז אַ ייד איז געווען איר אַ שטענ־דיקער שליח, וואָס פלעגט גיין צופוס פון דאָמבראָוויץ קיין וואַרשע; ער איז געווען אירס אַ פאַרבינדלער מיטן וואַרשעווער פוילישן אויפשטאַנד־קאָמיטעט, און פלעגט ברענגען געלט פאַר דער גראַפיניע. פון די באַקומענע געלטער פלעגט זי שטיצן די דאָמבראָ־וויצער אָרעמע יידן, ווייל זי אַליין האָט זיך נישט געניייטיקט אין פיל געלט. איר גאַנצע הוצאה איז געווען, אויף צו דערהאַלטן דאָס הויז אין „פּליאַנט" און אויף כאָווען די זעקס אַלטע, קאַשטאַנאָווע פערד, מיט וועלכע זי פלעגט אַרויספאָרן צוויי מאָל אין יאָר קיין בערעזשניץ, אין קאָשטשאָל: אין ניי־יאָר און אין וויעלקאַנאָץ (דער דאָמבראָוויצער קאָשטשאָל איז דורך דער רוסישער מאַכט קאָנפיסקירט און געשלאָסן געוואָרן, ווי אַ נעסט פון פאַווסטאַנצעס). ווען גאַנץ דאָמבראָוויץ איז אין די פערציקער יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט אָפּגעברענט געוואָרן, האָט די גראַפיניע געשטעלט פריי אירע וועלדער פאַר אַלע יידישע נשרפים. די גרויסע יידישע שול איז דאַן אויפגעבויט געוואָרן צוריק מיט די געלטער פון דער גראַפיניע.

דער פאַר־לעצטער גראַף

נאָכן טויט פון דער גראַפיניע, איז געקומען קיין דאָמבראָוויץ דער פאָטער פון לעצטן גראַף. ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אינזשינערן און געמאַכט פּאַרצעלאַציע פון די גיטער: מען האָט געמאָסטן די שטחים, צעטיילט דעם וואַלד אויף קוואַרטאַלן, אָבכאָדן, דיעליאַנקעס, סעקציעס, און מען האָט געגראָבן קאַנאַוועס. יידן זענען געווען די פּאָד־ראַטשיקעס ביים גראָבן די קאַנאַוועס. אין וואַלד איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקע אַרבעט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן חורבן. יידישע פּאָדראַטשיקעס האָבן געבויט סמאָלאַרניעס און געטריבן טערפּענטין און סמאָלע במשך פון לאַנגע יאָרן. דער גראַף פּליאַטער האָט אויסגעבויט אַ פאַבריק, וואָס האָט אויסגעאַרבעט ליימענע רערן צום אָפּציען דאָס וואַסער פון נידעריקע ערטער. מען האָט געהאַקט וואַלד, און די געהילץ זענען געגאַנגען מיטן וואַסער קיין דאַנציג. אויך דאָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך יידישע פּאָדראַטשיקעס. מען האָט געבויט וואַסער־מילן, און זיי זענען פאַרדונגען געוואָרן צו יידן. מען האָט געבויט נייע געביידעס, און יידן זענען געווען די בויער, די טישלער, די בלעכער אאַז״וו. די מילך פון די שטאַלן האָבן אַרומגעפירט יידישע פאַכטערס, יידן האָבן געדונגען די פּרוכטסעדער, די תבואה און גרינוואַרג האָבן איינגעקויפט יידן. דעם גראַף פּליאַ־

טערס הייזער אין שטעטל זענען געווען באַוווינט דורך יידן. אויף דער בראהע, ביי דער ספירט־פאַבריק, זענען געשטאַנען יידישע אַקסן. דער הויף אין דאָמבראָוויץ, האָט אַרומ־גענומען פיל פאָלוואַרקעס, די גיטער זענען געווען צעשפּרייט איבער אַ שטח פון פיל צענדליקער קילאָמעטער. אומעטום זענען אָנגעגאַנגען פאַרשידענע אַרבעטן און די יידן, ווער דירעקט און ווער אומדירעקט, האָבן געצויגן פון דעם זייער פרנסה. אַ וויכטיקער מקור פאַר יידישער פרנסה זענען געווען די פיל טאָנען פעל פון וואַלד־חיות, די טויזנטער פודן גריבעס, זיליעס, יאַגעדעס — דער גאַנצער האַנדל אויפן אָרט, ווי אויך דער עקספּאָרט.

ווען פליאַטער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט דער רוסישער מאַכט און באַקומען צוריק דעם קאָשטשאָל, האָט ער אויפסניי אויפגעבויט פאַר דאָמבראָוויצער גויים דעם גרויסן קלויסטער אויף וואָראָבינער־גאַס. אויך דאָ האָבן געפונען באַשעפטיקונג יידישע פאָדראַטשיקעס און אַרבעטער. מען האָט דערציילט, אַ גאָר אַ לאַנגע צייט האָט מען געבויט דעם קלויסטער, ווייל ער איז געזונקען אין דער ערד. דאָן האָט אַ גרויסער ייד געזאָלט מתפלל זיין און אַזוי געזאָגט: „רבונו־של־עולם, ווען גויים וועלן זיין אָן קלויס־טערס, וועט זיין נאָך ערגער". — און דער קלויסטער האָט אויפגעהערט צו זינקען...

דאָך, איז נישט געווען קיין אידיליע צווישן די יידן און דעם דאָזיקן אַדעלן פּוילישן „פּאַן־כראַביע" אין דאָמבראָוויץ. צי איז דער אַלטער גראַף געווען אַן אַנטיסעמיט? — אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט מען קיין קלאָרן ענטפער נישט געקאָנט געבן. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז צווישן זיינע הונדערטער באַאַמטע, הויכע און קליינע, איז קיין איינציקער ייד נישט געווען. בלויז אין משך פון איין ווינטער איז נח בורשטיין געווען אַ ברעג־שרייבערביים עקספּאָרטירן געהילץ. די יידן זענען געווען פאָדראַטשיקעס, אָפּנעמערס, אַרענדאַרן, אַרבעטער, אָבער נישט קיין באַאַמטע. זיינע וועלדער האָט דער גראַף נישט פאַרקויפט צו יידישע סוחרים, כאָטש דער וואַלד־מסחר אין פּאָלעסיע אין געלעגן אין יידישע הענט. דער גראַף האָט אַליין עקספּלאָאַטירט זיינע וועלדער, דאָס הייסט: עס זענען געווען יידישע פאָדראַטשיקעס פון דער עקספּלאָאַטאַציע, יידישע קויפער פון אויסגעאַרבעטן געהילץ, אָבער נישט קיין קויפער פון וואַלד.

בכלל, איז דער דאָזיקער אַלטער גראַף געווען אַ „טשודאַק", הן אין זיינע אַנשויאונגען, הן אין זיין באַציאונג צו מענטשן, סיי צו גויים, סיי צו יידן. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער קמצן — ער פלעגט זאָגן: ווער עס קאָן נישט היטן קיין קאָפּיקע, איז נישט ווערט קיין האַלבן גראָשן. ווען אין הויפּט־ביוראָ פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אַ בעטלער, איז דער גראַף אַליין צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געגעבן דעם בעטלער איין קאָפּיקע.

איינמאָל, בעת ער איז אָנגעקומען פון פּינסק, מיטן פאַראַכאַד קיין סערניק, האָט ער זיך געלאָזט נישט דערקענען, און געדונגען פאַר פינף רובל אַ גוייש פורל ביז וואָראָבין. דער גוי איז געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט און געשלאָגן דאָס דאַרע פערדל זיינס, ביז ער האָט צעבראָכן דאָס בייטש־שטעקל. דער גוי האָט אויסגעשניטן ביי פליאַטערן אין וואַלד אַ דעמבענע לאָזע און געמאָסט פון דעם אַ צווייט בייטש־שטעקן. פרעגט דער גראַף דעם גוי: „פּאַרוואָס טוסטו אַזוי, עס איז דאָך נישט דיין וואַלד, נאָר דעם גראַף פליאַטערס

וואַלד?״ זאָגט דער גוי: „כאַליעראַ פּליאַטערא ניע זאַריזשע״. אָנקומענדיק קיין וואַראַ־בין האָט פּליאַטער באַצאָלט דעם גוי צוויי רובל און זאָגט: „דריי רובל רעכן איך דיר אָפּ, ווייל פון דער לאָזינע, וואָס דו האָסט אויסגעשניטן וואָלט אויסגעוואַקסן אַ גרויסער דעמב אין דעם ווערט פון דריי רובל״...

ווען ער פלעגט קומען אין וואַלד, פלעגט ער שטענדיק נישטערן צווישן די אַרבעטער און זוכן נישט־געשטויגענע סיבות צו קאָנען באַשטראָפן מיט געלט די יידישע פּאָדריאַטשי־קעס, כדי צו דעקן די הוצאות, וואָס דער אַרויספאָר האָט אים געקאָסט. ס'זענען אויך געווען פאַלן, וואָס ער האָט אַליין געשלאָגן די יידן, וועלכע האָבן ביי אים נישט נושא־חן געווען. שאול דעם טישלער, למשל, האָט ער גוט געשלאָגן, ווען ער האָט רעאַגירט אויף דעם, וואָס ער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ געלט־שטראָף פאַר אַ מכלומרשטן פעלער. דעם אַלטן אַנטיגונוס האָט ער מיטן שטעקן צעבראָכן אַ ריפּ, ווייל עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די שינדלען זענען געלייגט דורך אים שיטער. אויך יאָסל עזרא'ס איז געוואָרן פון אים גוט צעממיתט, און אַזוי נאָך און נאָך יידישע אַרבעטער.

פּליאַטער האָט אַפילו געפּרווּוט אַראָפּברענגען פון ראַדאָם פּוילישע טישלער און בויער, אָבער זיי זענען זיך גיך צעלאָפן. אַ גוי האָט נישט געוואָלט דולדן זיין ברוטאַליטעט, דאַקעגן האָט נישט איין ייד אַריינגעכאַפּט פּעטש און זידלערייען — און געשוויגן. דעם אַלטן ישראל געזור, דעם אַרענדאַר פון זיינע וואַסער־מילן, האָט פּליאַטער אויסגע־פּאַטשט אין קעגנוואַרט פון פיל מענטשן.

איינמאָל, בעת פּליאַטער איז געזעסן אין זיין הויפּט־ביוראָ, מיט זיינע הויכע גויישע באַאַמטע, און אויך פיל יידישע פּאָדראַטשיקעס און סוחרים יידן, איז אַריין זיין פינף־יאָריק זונעלע. פּליאַטער האָט גענומען דאָס קינד, פירט עס אַרום, הייסט אים דערלאַנגען דאָס הענטל די קריסטלעכע באַאַמטע און זאָגן: „גוט מאָרגן״. נאָכהער נעמט פּליאַטער דאָס הענטל פון קינד, מאַכט אַ פייג געווענדעט צו די יידישע סוחרים, און זאָגט: „זונעלע, אָט דאָס גיב די יידן״... פון אַלע פאַרזאַמלטע יידישע סוחרים, האָט רעאַגירט אויף דעם בלויז איין ייד, אַ פאָרשטייער פון בראָדסקיס צוקער־פאַבריקן אין קיעווער געגנט. דער דאָזיקער ייד האָט אַלס אויסדרוק פון פּראָטעסט, אויף די אויגן פון גראַף, צעריסן דעם קאָנטראַקט מיט אים, און געפאָדערט צוריק די געלט־אַנגאַבע אויפן חשבון פון אַ גרויסער טראַנזאַקציע.

צו 45 יאָר האָט פּליאַטער חתונה־געהאַט מיט אַ גרויסער מיוחסת, דעם גראַף פּאָטאָצקיס אַ טאָכטער. צו זייער אָנקומען קיין דאָמבראָוויץ האָבן יידן געמאַכט אַ שיינעם טויער, און דאָס גאַנצע שטעטל איז זיי אַרויס באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ. דאָמבראָ־וויצער יידישע כלי־זמרים האָבן געשפּילט מאַרשן, דער חזן האָט געזונגען אַ קאַפּיטל תהילים, דער עולם האָט געשריען „וויוואַט, ניעך זשיע!״. די יונגיטשקע כלה, די גראַפיניע, האָט אויפגענומען דעם קבלת־פּנים מיט דאַנקבאַרקייט, אָבער דער גראַף, דער חתן, האָט געפרעגט: „ווער פון אייך, זשידקעס, האָט עס אָרגאַניזירט אַזאַ שיינעם קבלת־פּנים?״ איז צוגעגאַנגען זלמן סלוצקי, פּליאַטערס ערשטער פּאָדראַטשיק, אַ רייכער ייד און אַן אָנגעזעענער מענטש, פאַרנייגט זיך און געזאָגט: „איך האָב עס איינגעאָרדנט״.

אין קעגנוואַרט פון דער כלה און הויכע מחותנים, כראַביעס און קניאַזשן, האָט באַקומען די דאָמבראָוויצער קהילה אַזאַ ענטפער: „דו, זשידעק, מן הסתם האָסטו מיך געגנוג באַגנבעט, אויב עס האָט דיר געלוינט צו מאַכן אַזאַ קבלת־פּנים".

דאָך האָבן יידן געוווּסט, אַז אַ גרויסער טייל האָט געהאַט חיונה פון פליאַטערס גיטער. זיין טויט האָט דערשיטערט דאָס גאַנצע שטעטל, און אין אמתן טרויער איז געגאַנגען נאָך זיין לוויה די גאַנצע דאָמבראָוויצער קהילה, און דער שטאָט־חזן מיט די משוררים האָבן געזונגען קאַפּיטלעך תהילים.

דער גורל פון די לעצטע גראַפן

נאָך זיין טויט האָט געפירט די ווירטשאַפט די גראַפיניע, און קיין שום ווירטשאַפט־לעכע שינויים זענען נישט פאָרגעקומען. כאָטש זי איז געווען אַ שווערע פאַרקויפערין, אָבער די יידן האָבן ווייטער מיט איר געמסחרט און פאַרדינט. אַחוץ מסחר־ענינים, האָט זי מיט יידן קיין שום אַנדערע באַציאונגען נישט אָנגעהאַלטן. אַן אויסנאַם איז געווען די פרוי פון „קאַזיאָנני־ראַבין", שיינפלייש, אַן אָפּשטאַמיקע פון דער גראַפיניעס היימאַט, וועלכע פלעגט אויפגענומען ווערן דורך דער גראַפיניע ביי איר אין פּאַלאַץ.

נאָכן טויט פון דער גראַפיניע האָבן געבאַלעבאַטעוועט אירע דריי זין. דער קאָנטאַקט מיט די יידן איז ווייטער געוואָרן אָנגעהאַלטן און די באַציאונגען זענען געווען ליבעראַל־מענטשלעכע.


אין סוף יאָר 1918, ווען דאָמבראָוויץ איז דערקלערט געוואָרן אַלס „רויטע רעפּובליק", זענען אַלע געשמיסענע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, געקומען זיך נוקם זיין. זיי האָבן אַרומגערינגלט וואָראַבין און געשטורעמט דעם פּאַלאַץ מיט כוח, אַ גאַנצן מעת־לעת, ביז די באַלאַגערטע גראַפן־משפחה האָט זיך אונטערגעגעבן. די פּויערים האָבן געכאַפּט די צוויי עלטסטע זין, מיט נאָך 27 מאַן פון די הויכע באַאַמטע, און זיי אַלעמען דערשאָסן. דער ייִנגסטער זון איז דאַן צופעליק נישט געווען אין וואָראָבין, און ער איז געבליבן לעבן.

ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די פּוילישע מלוכה (נאָוועמבער 1918) איז ער געוואָרן דער אויסשליסלעכער בעל־הבית איבער פליאַטערס גיטער. ער אַליין האָט פאַרבראַכט די צייט ערגעץ ווו אין טיף־פּוילן, און דער הויף מיט אַלע אונטערנעמונגען האָבן זיך גע־פירט דורך אַ באַפולמעכטיקטן. דעם גראַפס הויף איז ווידער געווען אַ מקור פון פּרנסה פאַר צענדליקער יידישע משפּחות פון דאָמבראָוויץ און די אַרומיקע ישובים — ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

*

אין דעם קומענדיקן פּרק וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די אַלגעמיינע באַציאונגען צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און פּוילישע רעגירונגס־קרייזן מיט דער יידישער באַפעלקערונג און יידישע אָטאָנאָמיע־אינסטיטוציעס, בעת דער לעצטער תקופה פון מלכות פּוילן.

די צוויי יידישע טאַרטאַקן, וואָס האָבן געשניטן געהילץ פון גראַף פליאַטערס וועלדער



דער טאַרטאַק פון די ברידער שניידמיל



דער טאַרטאַק פון האַראַצי העללער

כא. די תקופה פון מלכות פוילן

דער צלם אויף דער קירכע איז אַראָפּגעשאָסן — צאָלן יידן קאָנטריבוציע...

די תקופה פון פוילישער הערשאַפט אין 18־טן יאָרהונדערט, האָט נישט איינמאָל געדינט ווי אַ טעמע פאַר שמועסן, אין פעריאָד פון דער באַנייטער פוילישער הערשאַפט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָמבראָוויצער יידן האָבן געקענט דערציילן אַ סך שיינע מעשיות וועגן דער אַמאָליקער פוילישער מלוכה, וועגן אַמאָליקן פוילישן פאָלק וואָס האָט במשך 150 יאָר געקעמפט פאַר צוריקגעווינען די פרייהייט. מען האָט געוווּסט צו דערציילן וועגן פוילישער קרבנות־גרייטקייט, וועגן גוטע און האַרציקע גראַפיניעס, וועלכע האָבן געטאָן יידן טובות, וועגן פוילישע אומגעבראַכטע מאַגנאַטן, מאַרטירער, אין קאַמף פאַר פוילישער פרייהייט. אונדזער דור איז בייגעווען די ווידעראַנטשטייאונג פון דער פוילישער מלוכה, אין יאָר 1919. נישט ווינציק יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אין יענעם איבערגאַנגס־פעריאָד, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויפן ראַנד פון פראָקלאַמירן דאָס נייע אומאָפּהענגיקע פוילן. במשך אַ קורצער צייט, איז דאָמבראָוויץ איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל, פון האַנט צו האַנט, און אפילו זיך אויך דערקלערט ווי אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק. זי שטויסט אָפּ די בלוטיקע פּעטלוראָווצעס, פאַראייניקט זיך מיט די ערשטע מאָסקווער באָלשעוויקעס, וועלכע ווערן פאַרטריבן דורך די באַנדיטן־פּעטלוראָווצעס, קומען צוריק און טרעטן ווידער אָפּ פאַר די פּעטלוראָווצעס.

די דאָזיקע אומוואַנדלונגען, זענען געווען פאַרבונדן מיט פחד און יסורים, מיט הונגער און נויט, מיט עפּידעמיעס, מיט יידישע קרבנות, מיט יידיש פאַרגאָסן בלוט. און ווען אין יוני 1919, רייסן זיך אַריין די פּאָליאַקן, שטוינען מיר און פרעגן: פון וואַנעט קאָנען זיי קו־מען? מיר האָבן דאָך וועגן דעם אינגאַנצן נישט געהערט? מיר האָבן אָבער ביי זיך גע־טראַכט, אַז עס קומט אָן אַ רויקע תקופה, נאָר ס׳גייט פאַרביי אַ יאָר פון ליידן און זיי ווערן פאַרטריבן. עס קומען נאָכאַמאָל די באָלשעוויקעס און אין איבערגאַנגס־פעריאָד ליידן ספּע־ציעל די דאָמבראָוויצער יידן. מיר ווערן געשמיסן אין מיטן מאַרק, געשענדעט, פאַרשפּיגן און צווישן די אָפּטרעטנדיקע פּאָלאַקן און אָנקומענדע באָלשעוויקעס גייען רוסישע טרופּן וואָס מאָרדן און רויבן. מען זאָגט: דאָס זענען ווייס־גוואַרדיער. מיר זענען נישט תופס וואָס זיי ווילן, מיט וועמען זיי האַלטן. אין דובע, למשל, האָבן יידן געמיינט, אַז זיי זענען רוסן־באָלשעוויקן, איז פאַרן מיינען אַליין, האָט מען דאָרט טייער באַצאָלט. מען איז געבליבן לעבן מיט נסים. זיי האָבן אונדז געוואָלט פאַרמוטשען דורך שמייסן און דערביי הנאה האָבן פון אונדזער טויט. די הכנות דערצו האָבן געדויערט און אין מיטן שמייסן און קאַטעווען אונדז, ווערן זיי אַרומגערינגלט דורך די סאָוויעטן, און מיר בלייבן לעבן.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער, יאָגן די פּאָליאַקן ווידער אַרויס די באָלשעוויקעס, און פאַראויס, מאַרשירן באַלאַכאָווצעס און מאָרדן יידן. מיר ווייסן שוין, אַז אַרום טייך פּריפּיעט האָבן די ווייסגוואַרדייער, די מיטקעמפער מיט די פּאָליאַקן, אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער יידישער באַפעלקערונג. אָבער, ביי אונדז, אין דאָמבראָוויץ, זענען זיי לעת־עתה נישט

פאַראַנען. אין יענע טעג, האָט פּאַסירט, אַז דער קאָמאַנדיר פון די פוילישע טרופּן, אַ ליבעראַלער מענטש, האָט אין אַ שמועס מיט יידן, זיך אויסגעדריקט „ביי אונדז פּאָליאַקן, גייען צוזאַמען מיטן סאָלדאַט, דער לערער, וועלכער גרינדעט די שול, דער דאָקטאָר, וועלכער היילט די קראַנקע, און דער סוחר, וואָס פירט צו סחורה. מיר פּאָליאַקן וועלן מאַכן אָרדענונג. און איר וועט פאַרגעסן אייער פּיין". אָבער דער גוטער קאָמאַנדיר, איז אַוועק מיטן מיליטער צו נייע דעראָבערונגען און אויף זיין אָרט זענען געקומען פּאָזנאַנ־טשיקעס און האַלערטשיקעס, אַנטיסעמיטן, גרויסע יידן־פיינט. זיי קוקן זיך אַרום און זען, אַז אויפן קאָשטשאָל איז דער שפּיץ צלם אַראָפּגעשאָסן. און גלייך זענען דאָ עדי־ראיה, אַז יידן האָבן דאָס געמאַכט, און לכן דאַרפן די זשידקעס זיך אויסקויפן און מען הייסט צאָלן הונדערט טויזנט רובל קאָנטריבוציע, צו יענער צייט — אַ געוואַלדיקע סומע. די פּאַר־אָרעמטע און הונגעריקע דאָמבראָוויצער יידן, וויינען און צאָלן.

שטייערן און עקזעקוציעס

דער גוטער קאָמאַנדיר האָט געהאַט רעכט. צוגלייך מיטן פוילישן זעלנער, איז אַראָפּ־געקומען דער לערער. אָבער, „דער טרעגער פון דער נייער פוילישער קולטור", איז, אין משך פון דער צייט, אויך געוואָרן אַ טרעגער פון יידן־האַס. אין די שפּעטערדיקע צוואַנציק יאָר פון פוילישער הערשאַפט, איז דער פוילישער לערער געווען דער הויפּט־פאַקטאָר פון אַלע דיסקרימינאַציע־אַקטן, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אָנגעווענדעט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין דאָמבראָוויץ און אויך פון דער העץ־קאַמפּאַניע וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן יידישן האַנדל, יידישער מלאכה און אַנדערע יידישע פרנסות. אַזוי אַרום האָט אין לויף פון דער צייט, דער פוילישער סוחר אַרויסגעשטויסן סיסטעמאַטיש דעם דאָמבראָוויצער ייד פון אַלע פרנסות.

חוץ דעם האָט דער שטייער־אַמט וואָס אַ יאָר, אַלץ מער באַלאַסטעט די יידישע באַפעלקערונג מיט פאַרשידענע שטייערן, און פוילישע עקזעקוטאָרן האָבן שטענדיק געשלעפּט פון יידישע הייזער אויף ליציטאַציע יידיש האָב און גוטס. דאָס ווערט געמאַכט ברוטאַל, סאַדיסטיש, ביי דער מיטהילף פון נידעריקער מערדערלעכער אַגיטאַציע.

קרעכצן יידן און צאָלן, הערן אויס די זידלערייען פון די המנס און קלערן: „ווי אַזוי וועט מען לעבן?", „ווי אַזוי וועט מען אויסהאַלטן?". אויך געוויסע פוילישע גוטבאַזיצער, לאָזן זיך ווילגיין אויפן יידישן חשבון. אין דאָרף כינאַטשע, דאָמבראָוויצער סביבה, איז געווען אַן אַלטער פּריץ, אַלע יידן רופט ער: „טראָצקי" און זיינע הינט גיט ער נעמען פון די יידישע איינוווינער אין דאָרף. ער פלעגט איינטענהן מיט די פויערים, אַז יידן טוען גאָרנישט און לעבן זייער גוט אויפן חשבון פון די שווער האָרעווענדיקע אוקראַינצעס און די גרויסמוטיקע פּאָליאַקן.

דער ייד איז דאָס כפרה־הינדל

מיט דער שיטה פון העצן איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער, האָבן געוויסע פוילישע גוטבאַזיצער געמיינט צו רעגירן איבער די אוקראַינצעס און אויסגערעכנט,

אַז דערביי זאָל דער ייד זיין דאָס כפרה־הינדל. דעריבער האָט מען פאַרשפּרייט בלבולים וועגן מכלומרשטע יידישע קאָמוניסטן וועלכע ווילן באַרויבן דעם אוקראַינישן מענטש. און ווען מען האָט אין דאָמבראָוויץ פאַרשפּאַרט אַ יוגנטלעכן פאַר קאָמוניזם, האָט מען מיט אים געוואָלט פאַרשטעלן צענער טויזנטער יידישע קאָמוניסטן...

און אָט האָט זיך איבער די אַרומיקע וועלדער און דערפער דורכגעטראָגן אַ וואַטאַגע מיט יונגע באַוואָפנטע אוקראַאינער און גערופן די מאַסן צום אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים, וועלכע האָבן אין זייער באַזיץ גרויסע שטחים באָדן. די פּוילישע מאַכט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט איר גאַנצן כוח צו ליקווידירן די באַוועגונג. דאָס מיליטער רופט אַרויס בהלות אין די דערפער. מען טעראָריזירט, מען רויבט און מען שלאָגט, מען נעמט זאַקלאַדניקעס, וועלכע זענען ערוב מיט זייערע קעפּ פאַר דער דאָר־פישער אוקראַאינישער באַפעלקערונג, אַז זי וועט זיין גוט און פרום. אין די דאָזיקע דערפער לעבן 99 פּראָצ. אוקראַאינער און בלויז איין פּראָצענט יידן, וועלכע זענען אין שטענדיקן פּחד. די פּוילישע מאַכט נעמט דווקא אָט די דאָרפישע יידן ווי ערובניקעס פאַר די גויים... מע כאַפּט משה קריוויצער, יאַנקל באַריל, אַ טריפּטינער, און אַ דריטן ייד פון דאָרף אָזיערי, און אויך פון אַנדערע אַרומיקע דערפער, מען פירט זיי אַוועק קיין סאַרנע, זיי ווערן אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער אויפן סאַרנער וואָקזאַל און מען פייניקט זיי דאָרט אַ גאַנצן חודש אין די גרעסטע יסורים און בזיונות.

אין יענער צייט האָט מען צוזאַמענגעיאָגט קיין זאַלישין גויים פון דריי דערפער: ליטוויץ, קריוויץ און ריצקי, און אויך די פאָר יידן פון די דערמאָנטע דערפער. אַ פּוילי־שער מאַיאָר שטעלט זיך אַוועק אין צענטער פון די צוזאַמענגעיאָגטע, און בערך אַ הונ־דערט רייטער קרייזן זיי אַרום. דער מאַיאָר רעדט צו דער אוקראַאינישער באַפעלקערונג, און זאָגט זיי אָן צו זיין לאָיאַל צו דער פּוילישער מאַכט, וועלכע איז ווי אַן אויפגייענדיקע זון נאָך אַ פינצטערער נאַכט פון באַנדיטיזם און יודאָ־קאָמוניזם. ער זאָגט צוו. אַנד., אַז „די פּוילישע מאַכט באַזיצט האַרבע מיטלען קעגן די ווידערשפּעניקע, אָבער די פּאָליאַקן קוקן אויף די אוקראַאינער ווי עס קוקט אַן עלטערער, קלוגער ברודער אויף אַ ייִנגערן. מיר ווילן נישט טאָן קיין שלעכטס און מיר ווייסן, אַז איר ווערט פּראָוואָצירט דורך די זשידקעס..." ער גיט אַ מאַך מיטן פינגער און רופט: „זשידקו כאָדזש טו". ער האָט אויסגעקליבן אַ דאָרפישן יידל מיט אַ שוואַרץ, צעשויבערט בערדל און אַן עכטע יידישע נאָז. דער ייד, מאָטל זאַלישינער, גייט צו אַ דערשראָקענער און זיינע שוואַרצע אויגן פינטלען. דער דאַרער גוף זיינער איז אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, אָבער דער קאָפּ וואַקלט זיך. דער „פּאַן" מאַיאָר דרייט זיינע לאַנגע פּוילישע וואָנצעס, קוקט אויפן קרבן און שמייכלט: „יידל, זינג מה־יפית פאַר דער צוזאַמענגעקומענער הערשאַפט". נו, — טרייבט ער אונטער — פּרענדקאָ, ווייל דו קריגסט געשמיסן. דער דערשראָקענער ייד, אַ האַלבער מת, קוקט צום הימל, פאַרקרימט זיך און זינגט: ה־ה־מ־ל־ך. די גויים לאַכן געשמאַק. דער מאַיאָר הייסט זיין אָרדינאַנס אָפּשניידן דעם יידן די באָרד מיט אַ מעסער, און אַז דער ייד איז געבליבן שטיין מיט אויסגעצופּטע באַקן און אַ צעבלוטיקט פּנים ווי אַן אָפּגעפּליקטע, נישט־דערקוילעטע הון, פאַרגייט זיך דער מאַיאָר אין

געלעכטער. אָבער די גוים לאָכן שוין נישט, זיי שטייען צעטומלטע. דער מאַיאָר באַמערט דאָס און שרייט אויס נערוועז: „זשידקו, טאַנטש מה־יפית!" און דער מאַיאָר אַליין ווייזט דעם יידן וועלכע קאָמישע פיגור ער דאַרף מאַכן. דאָס האָט פּאַסירט אין דאָרף זאַלישין, לעם דאָמבראָוויץ, מיט ר׳ מרדכי בייגל ז״ל, אַ שוסטער פון פאַך, אַן ערלעכער ייד און אַ פילפאַכיקער קבצן. אָט אַ דער ר׳ מרדכי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס עס איז אַזוינס פּאָליטיק, ווער עס זענען די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אים אַזוי דערנידעריקט, וואָס עס ווילן די קאָמוניסטן און פאַרוואָס עס איז אין דאָמבראָוויץ פאַראַן אַ שלעכטער קאָמענדאַנט וואָס טוט יידן שלעכטס. ניין, ער האָט דאָס אַלץ נישט באַנומען, ער האָט שווער געהאָרעוועט, שווער געלעבט און מקבל געווען באהבה די יסורים, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס די גוים האָבן צו אים...

אָפּקומעניש מיט שרעק

פאָרט זיך אַרויס דער קאָמענדאַנט אין באַגלייטונג פון זיינע באַוואָפנטע פּאָליאַקן און מאַכט אַן אינספּעקציע איבער די אַרומיקע דערפער. אין דאָרף מאַטשולישטש, באַגעגנט מען דעם יידן וועלכער האָט געדונגען פּליאַטערס סאָד — הערש־לייב דינערמאַן, הערשל אנטיגונוסעס שוואָגער. מען פירט אים אַרויס אין מיטן דאָרף, מען ציט אויף אים אַרויף אַ לאַנג העמד וואָס דאַרף מכלומרשט זיין אַ קיטל, און אַ פּאַפּאַנקע פון אַ פערד דאַרף הייסן אַ טלית. מען שטעלט אים אַוועק ביי אַ טויער און מען הייסט אים זיך שאָקלען און דאַווענען. אַלע גוים ווערן צוזאַמענגעיאָגט און מען הייסט זיי זיך פרייען. ווען איינער אַ גוי פרעגט „פאַרוואָס?", ענטפערט אַ צווייטער פּאָליאַק: „זשיד־קאָמוניסט".

אין וועג טרעפן זיי אָן אויף ר׳ לייב אָסטראָוציער, אַ ייד אַ בן־תורה, מיט אַ שיינער באָרד. מען צופט ביי אים אויס איין זייט באָרד. נאָכהער באַגעגענען זיי ר׳ חיים דובער און מאַטערן אים אַ פולע שעה. זיי לאָזן אים אָפּ מיט דער גאַנצער באָרד און פירן אים צוריק אין שטעטל אַריין. צענדליקער דאָמבראָוויצער יידן גייען אַרום מיט אויסגעפליקטע בערד און אונטערגעשלאָגענע זייטן. אָט די אַלע מעשים תעתועים קעגן יידן ווערן באַגלייט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע, אַז יידן זענען עס ווערט ווייל זיי זענען קאָמוניסטן. (אגב, ווילן מיר דאָ באַמערקן, אַז מיר פאַרצייכענען פאַסירונגען, וועלכע וואָלטן כראָנאָלאָגיש געדאַרפט פאַרשריבן ווערן פריער, אָבער מיר גיבן זיי אַזוי ווי זיי זענען דערמאָנט געוואָרן, האַלטנדיק, אַז „אין מוקדם ומאוחר" אין יידישע יסורים).

ווען דאָס פוילישע מיליטער האָט אָנגעהויבן צוריקלויפן פון קיעוו, און די פוילישע מאַכט דערפילט, אַז זי וועט אויך מוזן פאַרלאָזן דאָמבראָוויץ, ברענגט דער קאָמיסאַר אַראָפּ אַ שטראָף־עקספּעדיציע און מען קלייבט צונויף פיל יידן אויפן זאַמדיקן מאַרק, אַנטקעגן קאָשטשאָל, ווו זיי ווערן אויסגעלייגט און געשמיסן ביז בלוט, ביז חלשן. מען גיסט אויפן אָנטבלויזטן לייב קאַלט וואַסער, און מען שמייסט ווייטער. אַזוי האָבן זיך געזעגנט די פּאָליאַקן ווען זיי זענען געלאָפן ביז וואַרשע אין יאָר 1921.

נאָכן „נס ביי דער ווייסל", מיט 12 וואָכן שפּעטער, קומען זיי צוריק. מיטן פראָנט שפּאַרן זיך צעשלאָגענע רעשטלעך וועלכע האָבן פריער געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס (ווי צב"ש בולאַק באַלאַכאָוויטש) און איצט, אונטער דער קאָמאַנדע פון פּאַליאַקן, זענען פּאַראַ־ליזירט מיט דער פּוילישער אַרמיי. ווו זיי קומען אַריין, מאָרדן זיי יידן. אין די וועלדער פון פּאָלעסיע, וויגט דער ווינט אויף די ביימער הונדערטער געהאָנגענע יידן. קיין דאָמבראָוויץ איז געקומען אַ ראַזוויעדקע פון די באַלאַכאָוצעס און זיי ריידן זייער פשוט: „אונדזערע וועלן היינט־מאָרגן אָהערקומען, וועלן מיר קאָכן אַ זופּ פון קאָמוניסטיש־יידיש פלייש". אָבער דאַן זענען געשען צוויי נסים: ערשטנס, האָט אַ גוטער פּוילישער מאַיאָר, וועמענס נאָמען ס'איז נישט באַוווּסט, געגעבן שוץ קעגן די באַלאַכאָוו־צעס און זיי נישט געלאָזט צו צום שטעטל, און דער צווייטער נס איז געשען, וואָס די הויפּט־כּוחות פון די באַלאַכאָוצעס זענען דורך די באָלשעוויקעס שטאַרק צעקלאַפּט געוואָרן, און אַזוי אַרום איז דאָמבראָוויץ אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

שידקעס" טאָרן נישט האָבן קיין ערד

במשך די 20 יאָר פון פּוילישער הערשאַפט אין דאָמבראָוויץ, זענען יידן שטאַרק פאַר־אָרעמט געוואָרן. יידישע קראָמען זענען געוואָרן געשלאָסן, און אויף זייערע ערטער, זענען געעפנט געוואָרן גויישע קראָמען. יידישע מילן זענען חרוב געוואָרן און גויים האָבן געבוי־ט אַנדערע פאַר זיך. צו אַנדערע פּרנסות איז נישט געווען קיין צוטרים. ווען דאָמבראָוויצער יונגעלייט האָבן געוואָלט קויפן ביי פּליאַטערן באָדן און ווערן ערד־אַרבעטער, האָט די פּוילישע מאַכט געזאָגט, אַז זשידקעס דאַרפן זיך נישט איינוואָרצלען אין דער פּוילישער ערד און נישט דערלויבט זיי אַרויף אויף באָדן. אין די ערשטע יאָרן האָבן אַ פּאָר דאָרפישע יידן אָוועקגעוואָרפן די קראָמען, דעם האַנדל, און געקויפט ערד. זיי האָבן געוואָלט באמת ווערן ערד־אַרבעטער און טאַקע ליב געקריגן די אַרבעט. אַזוי, למשל, האָט חיים דובער געקויפט אַ שטיקל באָדן און גאַנץ מלכות פּוילן איז אויפגע־רודערט געוואָרן. צוערשט קומט אַ קאָמיסיע פון סאַרנע, נאָכהער — פון לוצק און צום סוף, אַזש פון וואַרשע. אַלע קאָמיסיעס פרעגן: ווי קומט עפּעס אַ ייד צו ערד־אַרבעט? נאָכהער שלעפּט מען אַוועק חיים דובער קיין סאַרנע און קיין לוצק, ביז עס קומט ווידער אַ צווייטע קאָמיסיע פון וואַרשע, פון זיכערהייטס־מיניסטעריום, זי נישטערט און פרעגט, און צעהט חיימען ער זאָל פאַרקויפן די ערד פאַר אַ פּאַליאַק. מען מאָטיווירט דערמיט, אַז ער וועט פון דעם ענין קיין רו נישט האָבן, וואָרעם עס איז אינגאַנצן 39 קילאָמעטער פון דער רוסישער גרענעץ, און אַ ייד קאָן אַזוי נאָענט צו דער גרענעץ נישט האַלטן קיין ערד. און ר' חיים ז"ל ענטפערט אויף די אַלע מאָטיוון: „מיט גוטן ווילן וועל איך מיין ערד נישט פאַרקויפן, איך בין אַזוי לאָיאַל צו דער מאַכט, ווי אַלע בירגער אין לאַנד, און איך בעט האָבן צו מיר צוטרוי, אויב אָבער איר האָט יורידישע רעכט אָוועקצורויבן מיין ערד — איז די ברירה אין אייערע הענט".

יאָרן לאַנג האָט מען אים נישט געלאָזט צורו, ביז עס זענען אַריין די באָלשעוויקעס. דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה: מען וויל שאַפן אַ קאָלכאָז. אָבער שנעל רייסן זיך אַריין די דייטשן און פאַרשלעפּן ר׳ חיימס משפחה אין געטאָ אריין קיין דאָמבראָוויץ.

פוילן — בלויז פאַר פּאָליאַקן...

אין יאָר 1937, ווען אויף דער יידישער גאַס געוועלטיקן דלות און אָרעמקייט, ווערט פּראָקלאַמירט אַ דעקרעט פון פוילישן אינערן־מיניסטער, סקלאַדקאָווסקי, וועגן איבערבויען און אויסשענערן אַלע שטעטלעך. די ממונים אויף רעאַליזירן דעם דעקרעט, איז די פּאָליציי און דער שטאָט־ראַט. צו יענער צייט איז דער שעף פון דער פּאָליציי — קאָמענדאַנט סליעדז, אַ דאַרער שוואַרצער שייגעץ מיט אַ בייז, אַנגעכמורעט פּנים. ווי אַנדערע איז אויך ער באַהערשט פון דער אַלגעמיינער פוילישער גרויסקייטס־מאַניע, און ער חלומט וועגן אַ גרויסער פוילישער מלוכה פון שוואַרצן ים ביזן באַלטישן. די וועלכע שטערן אין דעם, זענען די באָלשעוויקעס, און יידן זענען על פּי רוב, אין זיינע קאָמענ־דאַנטסקע אויגן, קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס. לכן, ווען אין גאַס שטייען צוזאַמען דריי־פיר יידן, איז עס געוויס אַ קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונג. וואָס זשע טוט ער? ער קומט מיט זיינע געהילפן און זיי אַרעסטירן די יידן, פירן זיי אַוועק אויף אַ פּאָר שעה „דאָ פּאַקי”, אין אַ פינצטערן, קאַלטן שמוציקן צימער אַריין, פול מיט וואַנצן, און עד לחשבון, דער־



דער 7 טער קלאַס פון דער פוילישער „פּאָווּשעכנער” שולע אין יאָר 1932
(ס׳רוב תלמידים זענען יידישע קינדער)

לאַנגט מען אַ שטורך אין זייט און אַ טוץ זידלווערטער: „זשידזשי־קאָמונישטשי", „טראַצקי", „יודאַש" א. אַז. וו.

איינמאָל איז סליעדז זייער געמיטלעך אַראָפּגעפאָרן קיין קריוויץ, און זיך אָפּגע־שטעלט ביי ר׳ מיכל קריוויצער טרינקען אַ גלאָז טיי מיט וואַרעניע. ער רעדט מיטן אַלטן ר׳ מיכלען, וועלכן ער האַלט פאַר אַ פריינד פון פוילן, און זאָגט צו אים אַזוי: „עס איז אמת, דער יידישער פּראָבלעם איז אַ שווערער, אָבער מיר, פּאָליאַקן, זענען נישט שולדיק. מיר דאַרפן דאָס לאַנד פאַר זיך, יידן דאַרפן פאַרלאָזן פוילן, אָבער פוילן דאַרף פון דעם ענין פּראָפּעטירן: אַלע רייכטימער, אַלע יידישע פאַבריקן, בענק, מויערן און גיטער, דאַרפן בלייבן פאַרן פוילישן אוצר. דערביי דאַרפן יידן בלייבן גוטע פריינד פון פוילישן פאָלק און דאָרט וווּהין זיי וועלן אויסוואַנדערן דאַרפן זיי איינפלאַנצן די פוילישע קולטור, אַריבערטראָגן דעם גייסט פון פוילישער גבורה. טאַקע צוליב דעם שעצט ער דעם „בית״ר". זיי וועלן טראָגן אין דער וועלט די טראַדיציע פון פוילישער גבורה, זיי זענען אמתדיקע פוילישע בירגער, וועלכע פאַרשטייען, אַז אין פוילן איז ענג און ווילן מיט געווער דעראָבערן פּאַלעסטינע. אויך די הכשרה־הלוצים, וועלכע האָרעווען אין די טאַרטאַקן, זענען אין אָרדענונג, הגם זיי זענען קאָמוניסטן, אָבער זיי פאַרשטייען דאָס פוילישע פאָלק און פאַרלאָזן פוילן. אויך די האַנדלס־לייט וועלן סוף־כל־סוף פאַרשטיין, אַז זיי מוזן באַפרייען דעם פוילישן האַנדל לטובת דעם פּאָליאַק און זיי וועלן אויך אַוועק־גיין פון דאַנעט. צום ערגסטן איז מיט דער „האָלאָטע", אָט די קבצנים, — זאָגט סליעדז — זענען אַלע קאָמוניסטן".

דאַקעגן איז דער הער בורמישטש אַ טעמפּער פּאָליאַק, וועלכער האָט זיך כלומרשט געשעניטן אויף אַ קרעמער אָדער אַ סוחר און אים איז נישט געלונגען. ער זאָגט, אַז אַלע יידן זענען כיטרע, לכן האָט ער זיי אַלעמען פיינט. אָט די צוויי שונאי ישראל פירן אָן, צו יענער צייט, מיט דאָמבראָוויץ. זיי זענען די משגיחים איבער דער רעאַליזירונג פונעם דעקרעט וועגן פאַרשענערן דאָס שטעטל...

די גזירה פון אורבאַניזאַציע

אין אָן ערב שבועות, ווען די „זשידקעס" גייען צום דאַווענען, באַווייזן זיך איבערן שטעטל גרויסע פּלאַקאַטן, אין וועלכע עס ווערט געמאָלדן: „אין משך פון 48 שעה, דאַרף מען אַלע פּלויטן און אַלע זייטיקע ווענט צענעמען און אויף זייער אָרט דאַרפן אויפ־געשטעלט ווערן נייע פּלויטן. אַלע ווענט מוזן גלייך אונטערן שנור פאַרבויט ווערן, די בריקלעך קאָנען זיין קליינע און ווי די ווענט — ווייס געפאַרבט. די טירן, פּלויטן און פענצטער דאַרפן ווערן געפאַרבט אין אַש־קאָליר, די מויערן וועלכע זענען נישט געטינ־קעוועט דאַרפן ווערן געפאַרבט אויף ציגל־קאָליר, יעדע ציגל אויסגעטיילט אין אַ שוואַרץ רעמל. אַלע פאַרבן מוזן זיין גלייך, איין הויז נישט בלאַסער פון צווייטן, און עס מוז געלייגט ווערן צעמענט אויף די טראָטואַרן". און יידן האָבן געהאַט אַ פאַרשטערטן שבועות...

דאָס פאַרשטערן יידן זייער יום־טוב, אָדער שבת, איז געווען אַן אויסגעפּרוווט

מיטל ביי אַלע אַנטיסעמיטן און שונאי ישראל וועלכע דאָמבראָוויץ האָט געקענט אין דער לעצטער תקופה. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פלעגן כמעט יעדן פרייטיק, קומען צו פאָרן אין שטעטל, אָדער דער סוואריטשעוויטשער גלח, אָדער דער זאַלו־שינער, אָדער ביידע צוזאַמען. זיי פלעגן פּינקטלעך פאָרן „שול־רופן", אַרומלויפן גיך איבער די יידישע קראָמען און מכלומרשט וועלן איינקויפן פאַרשידענע סחורות, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי קיינמאָל נישט געקויפט, נאָר געוואָלט פאַרשאַפן עגמת־נפש דעם יידישן קרעמער, אז עס זאָל אים במשך דעם שבת פייניקן דער געדאַנק, אַז ווען נישט דאָס „שול־רופן", וואָלט ער געקאָנט האָבן אַ שיינעם פדיון.

אויך די סאָוויעטן פלעגן אויף שבתים און יידישע יום־טובים צוטיילן פאַרגרעסערטע אַרבעטס־קאָנטיגענטן, ספּעציעל אין די אונטערנעמונגען וווּ עס האָבן געאַרבעט יידן. די דייטשע באַנדיטן האָבן ספּעציעל אַראַנזשירט פאַרשידענע אַקציעס און הריגות אין שבתים און אין יום־טובים.

יענער שבועות, ווען ס'האָט זיך באַוויזן די פאַראָרדענונג, וועגן פאַרשענערן דאָס שטעטל, איז געווען אַ פאַרשטערטער שבועות. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראַם. גלייך נאָך יום־טוב, האָבן זיך די יידן גענומען צו דער אַרבעט. ווען די אַרבעט איז געווען אין פולן ברען, האָבן די צוויי מאַכטהאָבער געהייסן צוזאַמענרופן אַלע „זשידקעס" פון די קראָמען און צו זיי אַזוי געזאָגט: „אַלע קראָמען זענען טאָקע געפאַרבט אין אַש־קאָליר, אָבער אייניקע זענען העלער און אייניקע טונקעלער, לכן זאָל מען איבערפאַרבן נאָך אַמאָל, אַז אַלע זאָלן זיין העלער". נאָכן איבערפאַרבן, ווייזט זיך אַרויס, אַז יאָסל דעם אַנטיקס קלייט איז אַ ביסל בלויער, זאָגט דער קאָמענדאַנט סליעדז בזו הלשון: „פּאַנאָוויע זשידקי! צופעליק ווייזט זיך אַרויס, אַז די בלויע קראָם איז די שענסטע, לכן, פאַרבט איבער אַלע קראָמען אַ דריט מאָל". נאָכהער, זענען געקומען עקספּערטן פון סאַרנע און געזאָגט, אַז די פאַרב איז צו וואַסערדיק, און עס מוז זיין אַנדערש, מען האָט זיך אויפגעגעסן די הערצער און געפאַרבט אַ פערט מאָל. די דאָזיקע אַקציע האָט געדויערט וואָכן, און אַלע האָבן באַקומען אַדמיניסטראַטיווע געלט־שטראָפן, הלמאי די אַרבעט איז נישט געמאַכט געוואָרן צו דער צייט ד. ה. במשך 48 שעה, לויט דער פאַראָרדענונג.

דער אַלטער בורמישטש, דער יינגער סליעדז און זייערע געהילפן: באַראַן און יאַניצקי, האָבן ממש געווילדעוועט אין שטעטל, האָבן חרוב געמאַכט דעם קליינעם וואַר־שטאַט ביי קיפקע דעם שניידער, האָבן געהייסן צעוואַרפן דאָס אַלטע שטיבל פון דער אלמנה לעקישיכע מיט אירע זיבן יתומים, האָבן אַוועקגענומען די פּרנסה פון חיה־אסתרקע, וואָס האָט געבאַקן קיילעכדיקע פּוכקע ברייטלעך, באַשאָטענע מיט קימל; האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די קבצנים, וועמענס הייזלעך עס זענען געווען האַלב איינ־געפאַלענע, מיט לעכערדיקע דעכער, אָפענע פענצטער, אויסגעקרימטע טירן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז די איינוווינער פון אַזוינע הייזלעך, וועלכע האָבן קוים געהאַט אויף ברויט, זאָלן איבערבויען די הייזער.



ביים אַריינגאַנג צו דער וואַל־אורנע, בעת די וואַלן צום פּוילישן סיים, אין יאָר 1935.

דער ערגסטער צאָרן גיסט זיך אויס אויף די אָרעמעלייט

מיר געדענקען גוט די קבצנישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות פון דער אַקציע. דאָס זענען געווען: איציק דער שוואַרצער, דער שמש פון שול; מיכל ביטשיק; סראָליק דער סיטשקאָרניק, אברהם דער בלינדער; די אַזוי געררופענע באַראָנען — משפחות מיט אַ סך קינדער, קבצנים אין זיבן פּאָלעס, וואָס האָבן קוים געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט. ביי דער אלמנה פון נטע ליבערמאַן האָט מען פאַרחתמעט די שטוב און די מאַשינעס פון קעמען־וואָל — דער מקור פון איר פּרנסה. מען האָט איר געהייסן אויסבויען זיך אַ נייע שיינע הויז. עס זענען געווען סקאַנדאַלן מיט שמחה כשר און מיט סראָליק פּישביין. די דאָזיקע האָבן נישט בלויז פאַרגאָסן טרערן, נאָר געליטן און געפּייניקט געוואָרן.

מען גיט זיך אַ נעם צו קאַטשקען, וועמענס פּרנסה־מקור ס׳איז די פּרייטיקדיקע באָד. זיין פאַרדינסט באַשטייט פון פינף גילדן אַ וואָך. פאַר דריי גילדן, קויפט ער אַ פוד קאָרענע מעל, עס זאָל סטייען מערב שבת לערב שבת ,און צוויי גילדן, האָט ער אויף אַלע איבעריקע הוצאות. מען לאָזט נישט צורו הערשל דעם גלעזער, אַ ייד אַ קבצן. איציק בולבען, וועלכן דאָמבראָוויץ האָט גערופן „שבת־הגדול״, האָט מען פאַרשאַפט אַ סך טרערן און עגמת־נפש. דאָרט וווינט אויך טוביה דער שוחט מיט זיין פרוי און צו זיי אין שטוב פאַלן איינמאָל אַריין די אַנטיסעמיטן און ווילדעווען: „זשידקי־

קאָמוניסטי". אין דעם זעלבן געסל וווינט אַן אַלטע יידענע. איבער דער וואָך באַקט זי אויס צען לעבלעך ברויט און צעטראָגט זיי צו צען בעל־הביתטעס. איר אַליין בלייבט דערפון איין לעבל ברויט. איר זון איז ביי סליעדזן, אין חשד וועגן קאָמוניזם. היינט שטעלט זיך פאָר, וואָס אין דער שטוב האָבן אָט די אַנטיסעמיטן אָנגעאַרבעט! די רויקע פרוי שליטא, די אלמנה פון שטאָט־חזן, איז אויך אויפן צעטל פון די קבצנים, און סליעדז איז מסופק צו זי איז נישט קיין קאָמוניסטין. אָט די פרוי שלינגט נעבעך שטילערהייט די טרערן און פירט אויס אַלע קאַפּריזן פון רשעותדיקע באַפעלן פון קאָמענדאַנט סליעדז.

מיט אַ באַזונדערע שנאה זעצט מען זיך אָן אויף בענצל יאָקלס. מען הייסט אים אַלץ איבערבויען. קיין בעל פרנסה איז ער נישט און קיין כוח האָט ער נישט. פון בענצלס צער איז דאָס שטעטל ממש גערירט ביז טרערן. ער קרעכצט, בעט גאָט און שעלט די גאַנצע וועלט.

שפּעטער האָט סליעדז איבערגעטראָגן זיין אויפמערקזאַמקייט צו „פאָרטאַרטור", דער דאָמבראָוויצער לאַבירינט פון צוזאַמענגעפּלאָנטערטע הייזקעס, דאָרט וווּ אַ שטוב שטייט ממש אויף אַ שטוב. סליעדז מאַכט דאָרט אָרדענונג, נישט לשם אָרדענונג, נאָר לשם יסורים און בלוט־צאַפּעניש. דערנאָך קומט די ריי אויף דער צאַרסקע גאַס, אויף וועלכער סליעדז האָט אַן אויג, ווייל דאָרטן וווינען אַלע קבצנים און געוויס אויך — קאָמוניסטן. דאָרט וווינען די בעלי־עגלות, קאַזעקעס, די שמוקלערס, די שפּראַגערס, און דיביידע נוירקעס, ווי אויך חיים דער פּיעקאַטש און ליפּע דער איזוואָזטשיק — אַלע קבצנים. דאָ האָט סליעדז לאַנג געווילדעוועט, און די ביטערע קבצנים, נידער־געשלאָגענע אביונים, האָבן נאָך לענגער געקרעכצט.

יידישע מליצי־יושר אויף מלכות

טראָץ דעם זענען אין דאָמבראָוויץ געווען יידן, וואָס זענען געווען צופרידן מיט דער לאַגע אין מלכות פּוילן. זיי האָלטן שטאַרק פון „הוה מתפלל בשלומה של מלכות". פאַראַן אַזעלכע, וועלכע ריידן־איין אַז עס איז גוט, און זיי גיבן נאָך אַכטונג, אַז מען זאָל נישט הויך שרייען. פאַראַן אויך קאָך־לעפל אין די ענינים פון מסי־המלוכה. זיי טענהן, אַז ווען איינער דערצאָלט נישט וואָס עס קומט פון אים, באַלאַסטעט ער דעם ציבור. דעריבער, אויב איינער איז פאַרמעגלעך און קען צאָלן און איבערצאָלן, איז דאָס גרינגער פאַרן ציבור. אָט די מענטשן זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז יידן זאָלן צאָלן. עס זענען אויך דאָ יידן, וועלכע שאַצן פאָזיטיוו אָפּ די באַנייטע פּוילישע אָרדענונג און זענען מסכים מיט אַלע געשריבענע געזעצן, ווייל אויף מזרח און מערב איז נאָך ערגער. מען שאַצט אָפּ די מלוכה, אין כלל גענומען, כאָטש מען האָט פאַרדרוס אויף יעדן פּאָליאַק באַזונדער. אַזוי, למשל, ווען מען פרעגט יאַנקל טריפּיטיניער, דעם קאָוואַל, וואָס פראַצעוועט שטאַרק און דאַוונט נאָך שטאַרקער, ווי עס געפעלן אים די פּאָליאַקן און זייער מלכות, ענטפערט ער: „מלכות איז מלכות, אָבער די פּאָליאַקן זענען נאַרישע, בייזע הינט".

ווען פוילן וואָלט געווען אַנדערש...

אין אַ געוויסן שמועס מיט דעם קלוגן ר׳ אשרקע פערלאָוו, דער זון פון סטאָלינער רבי׳ן, ר׳ ישראל פערלאָוו זצ״ל, האָט ער אַזוי כאַראַקטעריזירט די פוילישע מלוכה: „ווען נישט דער נאַרישער הורא־פּאַטריאָטיזם פון די פּאָליאַקן אויפן חשבון פון יידן, וואָלט די פוילישע מלוכה געקענט זיין פאַר אונדז אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג אין דער לאַנגער מאַרטיראָלאָגיע פון יידישן פאָלק אין גלות. מען טאָר נישט בעטן אויף דעם רשעס מפּלה, אויף פוילנס אונטערגאַנג — האָט ר׳ אשרקע געזאָגט — בפרט ווען דער, וועלכער וויל זי איינשלינגען, איז היטלער ימח שמו, וועלכער רעדט אַזוי אָפן וועגן יידישער פאַרטיליקונג

הרב אהרן פעטשעניק

קאפּיטלעך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה

פאָרוואָרט

עס איז נאָך, דאַכט מיר, פריש ביי יעדן אין זכרון יענע שרעקלעכע צייטן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכע יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער; יענע צייטן, אין וועלכע דער כאַאָס האָט אומבאַגרענעצט געהערשט אין די פאַרשידענע פּעטליוריש־דעניקין־באַלאַכאָווסקע באַנדעס, ווי אויך אַנדערע בלוט־זויגער, וואָס האָבן געקראָגן דעם באָדן אויף זייערע ווילדע מעשים; יענע צייטן, אין וועלכע גאַנץ אוקראַינע און אויך אונדזער וואָלינער געגנט בתוכם איז געווען דורכגענומען מיט איין און דעם זעלבן לאָזונג: אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג. און דער דאָזיקער לאָזונג איז טאַקע אין אַ גרויסער מאָס פאַרווירקלעכט געוואָרן: הונדערטער טויזנטער יידישע נפשות זענען אָן רחמנות אַכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן; הונדערטער טויזנטער יתומים און אלמנות שמאַכטן נאָך ביז היינט נישט קענענדיק צו זיך קומען. אַ צייטער גייט אַדורך איבערן לייב זיך דערמאָנענדיק דאָס אַלעס... דאָך ווערט דאָס פאַרגאַנגענע צוביסלעך פאַרגעסן: אַ שווערן קאַמף האָבן די יידן אויסצושטיין פון דער קאַטאַסטראָפאַלער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך אין אַלע לענדער. — „די לעצטע צרות מאַכן פאַרגעסן די ערשטע״, און איצט איז געקומען די ריכטיקע צייט די אַלע פאַקטן צו פאַראייביקן.

מיר מוזן אַלע זאַכן פעסטשטעלן, כדי די צוקונפטיקע דורות זאָלן וויסן ווי געהעריק אָפּצושאַצן, און כדי זיי זאָלן כאָטש קאָנען האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן אונדזערע שרעקלעכע ליידן, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די פאַרשידענע אינקוויזיטאָרן און פשוט געערדעט מענטשן־פרעסער דווקא אין מיטן ברען פונעם 20־סטן יאָרהונדערט — „די צייטן פון דער העכסטער שטופע פון ציוויליזאַציע״. איך גיב דאָ איבער אַ ריי איינדרוקן און איבערלעבונגען, וואָס איך האָב אין מיין שטעטל אין וואָלינער געגנט די גאַנצע צייט

אַליין באַאָבאַכטעט און איבערגעלעבט און אויפן אָרט אַלץ פאַרשריבן. כאָטש דאָס אַלץ איז נאָך איין קליין בלעטל, וואָס אונדזער שטעטל האָט פאַרנומען אין דעם גרויסן קאַפּיטל פון אונדזער געגנט אינעם גרויסן שרעקלעכן בלוט־בוך פון יענע יאָרן — דאָך וואַרפט עס אַ שיין אויף די גרויזאַמע מעשים פון די פאַרשידענע בלוט־זויגער אין יענע צייטן, וועגן וועלכע עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן און וועגן וועלכע ס'וועט נאָך פיל אָנגעשריבן און באַלויכטן ווערן.

קאַפּיטל 1: די רעשטלעך פון דער 83־טער דיוויזיע

אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג האָט אונדזער שטעטל געהאַט די זכיה צו ווערן אַ צענטער: בעת די פּאָזיציע און דאָס שלאַכט־פעלד זענען געווען ביי קאָוועל, ריכטיקער: ביי די טייכן, סטיר און סטאָכאָד, אָן ערך אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן זיך ביי אונדז אין שטעטל איינגעקוואַרטירט די שטאַבן פון 2 רוסישע אַרמייען (פריער איינע, דערנאָך די צווייטע). די שטאָט איז אויפגעלעבט געוואָרן, אויף יעדן טריט און שריט האָט מען געקאָנט באַגעגענען גענעראַלן, אָפיצירן און סתם מיליטער־לייט. דעם גרעסטן טייל פון די יידישע איינוווינער האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון די הייזער, העכסטנס האָט מען דעם בעל־הבית אָפּגעגעבן די קיך, אָדער נאָך אַ צימער דערצו. די שטאַבן האָבן אויפגעבויט אין שטעטל: עלעקטרישע באַלייכטונג, טעאַטער און קינאָ; פאַרשידענע אַנדערע באַקוועמלעכקייטן און אפילו אויך אַ צייטונג אַרויסגעגעבן; אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן אָן אויפהער איבערן שטאָט און אַ פרעמדער צושויער וואָלט ביים ערשטן בליק אויף דער קאָלאָסאַלער באַוועגונג געקאָנט מיינען, אַז דאָ איז אַוועלכע רעזידענץ־שטאָט. געהיים־אַגענטן און „אָכראַנקעס" זענען געווען אויף יעדן טריט און שריט און ווי געוויינלעך האָבן מיר יידן פון זיי אַממערסטן געליטן: פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען באַלד אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון שטאָט. עס זענען אויך געווען ביי אונדז אין שטעטל פעלד־געריכטן, וועלכע האָבן פאַר יעדן קלענסטן חשד אין שפּיאָנאַזש אָדער מלוכה־פאַראַט פאַראורטיילט צום טויט און טאָקע ביי אונדז הינטער דער שטאָט אויפגעהאָנגען געוואָרן, אַזוי זענען אויך דורכן היגן פעלד־געריכט דעמאָלט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט עטלעכע פוילישע לעגיאָנערן, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן ביים פראָנט, און וועלכע זענען אין יענע צייטן געווען אַ יקר־המציאות. נאָך דער רעוואָלוציע איז די באַוועגונג אין שטאָט נאָך שטאַרקער געוואָרן: אַלע מאָל פלעגן זיך צונויפקומען פונעם גאַנצן גאַרניזאָן גרויסע אָפּטיילונגען מיליטער, מיט וועלכע מען האָט איינגעאָרדנט פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס און פייערונגען, אויך מיטינגען זענען אַלע טאָג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גרויסן מאַסשטאַב. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָביליזאַציע. אין גרויס אומאָרדענונג זענען זיך כמעט אַלע צעלאָפן.

רוסלאַנד מיט אוקראַינע זענען צעטיילט געווען: אין רוסלאַנד האָט שוין געהערשט דער באָלשעוויסטישער רעזשים און אין אוקראַינע איז געווען אַ דעמאָקראַטישע פאָלקס־רעפּובליק. ענדע 1917 זענען זיך שוין כמעט אַלע מיליטער־אָפּטיילונגען פון אונדז צעפאָרן, נאָר עפּעס רעשטלעך פון דער 83־טער דיוויזיע, וועלכע איז ביי אונדז געשטאַנען, זענען

נאָך געבליבן. די דאָזיקע רעשטלעך זענען, ווייזט אויס, אַליין געווען פון רוסלאַנד, ווּוהין עס איז שוין שווער געווען זיך צו דערלאַנגען, האָבן זיי שוין קענטיק געהאַט בדעה דאָ צו בלייבן. די דאָזיקע רעשטלעך זענען געווען צעשפּרייט אין די דערפער אַרום אונדזער שטעטל, אין שטעטל אַליין האָט זיך נאָר געפונען אַ קאַנצעלאַריע מיט אַ פּאָר אָפיצירן און אַ גאַנץ קליינע אָפּטיילונג מיליטער. אָנהויב 1918 יאָר האָט זיך אין שטעטל פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די זעלנער פון די דערפער האָבן זיך פאַראייניקט מיט די דאָרפישע פּויערים און אינאיינעם מאַכן זיי אָנפאַלן אויף די רואיקע יידישע איינוווינער פון די דערפער און באַרויבן זייער פאַרמעגן. און ווירקלעך: אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין געבראַכט פון אַ נאָענטן דאָרף דעם ערשטן קרבן — אַן אומשולדיקן יידישן יונגערמאַן פון אַ יאָר פערציק. די אָנפאַלן האָבן זיך אַלע טאָג פאַרגרעסערט, גאַנצע דערפער פּויערים און פויערטעס האָבן אינאיינעם מיט די רעשטלעך פון דער 83־טער דיוויזיע צעראַבירט די יידישע איינוווינער פון די אַרומיקע דערפער און דער וואָס האָט זיך עטוואָס אַנטקעגנגעשטעלט, אָדער נישט אָפּגעגעבן אַלץ — איז אָן שום שהיות דערמאָרדעט געוואָרן. אויפן שטאָטישן בית־עולם זענען אַלעמאָל צוגעקומען נייע בערגלעך פון פריש־דערמאָרדעטע יידן און אין שטאָט האָט מען גאָרנישט געקאָנט העלפן. אינטערווענירן איז נישט געווען ביי וועמען. קיין שום מאַכט איז דעמאָלט אין שטאָט נישט געווען, אַ חוץ די מיליץ, וועלכע איז תיכף נאָך דער רעוואָלוציע געגרינדעט געוואָרן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און זיי האָבן אויך גאָרנישט געקאָנט העלפן. צו די עטלעכע מיליטער־לייט האָט מען זיך געוויס נישט געקאָנט ווענדן, ווייל זיי זענען געווען די איניציאַטאָרן פון דער באַנדע.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען אין שטאָט איבערגעגעבן פון ריכטיקע קוועלן, אַז די רעשטלעך פון דער 83־טער דיוויזיע גרייטן זיך צו מאַכן אַ גרויסן פּאָגראָם אין שטאָט אויף יידן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז גאַנץ גרינג אויסצופירן און אומעטום איז זיך דער ייד דאָס „כפרה־הינדל", בפרט נאָך, אַז דער אָנפירער פון דער באַנדע מיטן צונאָמען „גרישקאַ" פלעגט אַלעמאָל קומען צופאָרן אין שטאָט אַריין און שטאָלץ זיך שפּאַצירן אויף זיין הויכן פערד איבער דער שטאָט און אָנוואַרפן אַ שרעק אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. די שטאָטישע יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ זעלבסטשוץ, וועלכע זאָל שטיין אויף דער וואַך און אָפּהיטן די יידישע באַפעלקערונג. גערעדט און געטון: קיין געווער האָט דעמאָלט נישט געפעלט, אַלע האָבן געהאַט ביקסן, קוילן און רעוואָלווערן לרוב, און ווער עס האָט געקאָנט האַלטן געווער אין האַנט איז געוואָרן אַ מיטגליד אין זעלבסטשוץ. אַלע נאַכט זענען עטלעכע מיטגלידער פון דער זעלבסטשוץ געווען אויף דער וואַך און געהאַט אויפן אויג יעדעס ברעקעלע. איינמאָל האָבן מיר באַקומען אַ פאַרטרוילעכע ידיעה, אַז די באַנדיטן האָבן ענדגילטיק באַשטימט דעם קומענדיקן פרייטיק־צונאַכטס אַ גרעסערע אָפּטיילונג זעלנער און גלייך צעראַבירן די קראָמען און סקלאַדעס. הינטער זיי וועלן שוין שטיין אָנגעגרייט פּויערים און פּויערטעס מיט ליידיקע כלים און אַלץ פאַרנעמען. די גאַנצע יידישע זעלבסטשוץ האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. מ'האָט טאַקע אויך באַמערקט, אַז גרעסערע גרופּקעס זעלנער קלייבן זיך אַ גאַנצע וואָך אין שטאָט אַריין און אויך פּויערים מיט ליידיקע זעק,

וועלכע גרייטן זיך אַלץ בשתיקה אויפן פרייטיק־צונאַכטס. יענעם צונאַכטס זענען אַרויס אויף דער וואַך די זעלבסטשוץ אין איר גאַנצן צוזאַמענשטעל.

צוערשט האָט זיך די זעלבסטשוץ געהאַלטן אומבאַמערקט, נאָכגעשפּירט, זען וואָס וועט זיין. דעם אָוונט האָבן זיך, ווי די זעלבסטשוץ האָט באַמערקט, אויך געקליבן אַ סך פּויערים און פּויערטעס אין אַ זייטיק געסל אויפן עק שטאָט מיט ליידיקע כלים און געוואַרט אויפן רויב. 9 אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן גרופּירן אַן אָפּטיילונג זעלנער, וועלכע זענען שוין געווען גרייט זיך נעמען צו דער „אַרבעט". דאָ האָט זיך איינער פון דער זעלבסטשוץ מ. קלעס, וועלכער איז נאָרוואָס צוריקגעקערט פון געפאַנגענעשאַפט, בליץ־שנעל אָריענטירט און תיכף אַ שליידער געטאָן אין מיטן מאַרק אַ שווערע באָמבע, פון וועלכער די גאַנצע שטאָט איז אויפגעציטערט געוואָרן. אויך אין די נאָענטע הייזער פונעם מאַרק זענען אַלע שויבן אַרויסגעפאַלן. די פּויערים זענען אין פּאַניק אַנטלאָפן און אויך די זעלנער האָבן זיך ביסלעכווייז צערוקט. די זעלנער דערוויסנדיק זיך פון דער זעלבסטשוץ, זענען שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן און זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצופאָדערן אַזאַ סאָרט „שטראָף־עקספּעדיציע" — אַ פּאָלק זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ נאָענטער שטאָט און „אָנלערנען" דער שטאָט. דערווייל האָט די זעלבסטשוץ באַשלאָסן אומבאַדינגט אַרעסטירן די אָנפירער פון דער באַנדע און זייער אומשעדלעך מאַכן. נאָך אַ קליינעם קאַמף איז געלונגען צו כאַפּן דעם אָנפירער „גרישקאַ" און אַ סך מיטהעלפער, מ'האָט זיי אונטער אַ שטרענגער וואַך אַרעסטירט. דאָך פלעגן זיי אַלע מאָל סטראַשען, אַז מ'האָט שוין אַרויס־געפאָדערט עטלעכע פּאָלקן, וועלכע וועלן אינגיכן קומען זיך נוקם זיין פון דער שטאָט. פריער האָט מען קיין אַכט נישט געלייגט, נאָר דערנאָך, אַז די קליינע אָפּטיילונג מיליטער, וועלכע זענען דאָ נאָך געבליבן, האָבן עס באַשטעטיקט און שוין אַפילו אָנגעוויזן דעם טאָג, ווען זיי וועלן קומען — דעם קומענדן שבת — האָט מען זיך שוין אין שטאָט אָנגעהויבן שרעקן, נאָר די שרעק איז געווען אַן אומזיסטע, ווי מיר וועלן זען אין קומענדן קאַפּיטל.

קאַפּיטל 2 : די דייטשן און דער „העטמאַן"

אַ גאַנצע וואָך זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די „שטראָף־עקספּעדיציע" קומט שבת. פרייטיק פרי, דאָס איז געווען אָנהייב מערץ 1918, האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן קומען אָן. מענטשן האָבן איבערגעגעבן, אַז מ'האָט זיי שוין געזען אין גאַנץ נאָענטע ערטער. מיר האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין שום באַגריף ווי עס קומען פּלוצלינג דייטשן אַהער, אין דער צייט, ווען עס איז שוין געשלאָסן געוואָרן אַ שלום. אין די שווערע צייטן פון דער מלחמה האָבן מיר זיך שוין אָבער אויסגעלערנט זיין צו אַלץ גלייכגילטיק און מיר האָבן געוואַרט וואָס די צוקונפט וועט באַווייזן. פרייטיק פאַרנאַכט זענען טאַקע אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אַ גרופּע פון 12 דייטשן מיטן גאַנצן אוניפאָרם זייערן. זיי זענען דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט און די באַפעלקערונג איז זיי נאָכגעלאָפן זייענדיק נייגעריק זיי אָנצוקוקן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן אָקופּירן אונדזער

געגנט, כדי צו מאַכן אָרדענונג. זונטיק איז שוין אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג מיליטער מיט אַ קאָמענדאַנט, וועלכער האָט תיכף געשיקט רופן די רבנים מיט די חשובע יידן פון שטאָט און זיי מודיע געווען, אַז די יידן מוזן אָפּגעבן דאָס געווער, וואָס זיי האָבן ביי זיך. אויב מען וועט נישט פאָלגן, וועט מען שטאַרק באַשטראָפט ווערן. אויך האָבן זיך די דייטשן באַלד דערוווּסט, אַז ביי דער באַן־סטאַציע זענען דאָ אַ סך היילן אויף לאַנגע שטחים, ווו די רוסן האָבן דאָרט געהאַלטן זייערע זאַפּאַסן, און די דייטשן האָבן אַלץ אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד אַלץ וואָס זיי האָבן געזען, צי עס טויג פאַר זיי צי נישט: שטאָט־זאַכן, באַן־ווירטשאַפט — אַלץ האָבן זיי אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד. אין שטאָט איז געווען רואיק: זיי האָבן איינגעפירט זייערע פאַראָרדענונגען: אין שפּעטע שעהן טאָר מען נישט זיין אין גאַס; מ׳מוז האָבן דערלויבענישן אויף אַריין און אַרויספאָרן. דערלויבענישן אויף סחורות־אַריינפיר און אַרויספיר א. א. וו. אַלע פאַרטייען האָבן זיי פאַרפאָלגט און קיין שום פּאָליטישע אָדער אַפילו נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט מען עפנטלעך נישט געטאָרט פירן.

גלייכצייטיק האָט „העטמאַן״ סקאָראָפּאַדסקי אַריינגעשיקט אין שטעטל פונעם קרייז, אַ גרייטע מיליציע מיט אַ נאַטשאַלניק. די לאַגע איז נאָכן אָנקומען פון דער מיליציע אין אַלגעמיין נישט פאַרענדערט געוואָרן. נאָר די דייטשן פילנדיק, אַז זיי האָבן שוין באַשטימט אַ וועלכע עס איז אָרדענונג, האָבן זיי אינגאַנצן פון זיך אַראָפּגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און די מיליציע איז געווען מאַכטלאָז צו האלטן אָרדענונג ווי געהעריק. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע גניבות און גזילות: נישט אַנטדעקטע מערדער זענען אַריין צו אַ ייד, אים באַרויבט און דערמאָרדעט; אַ צווייטן ייד האָט מען געפונען הינטערן שטאָט צעשניטן אויף שטיקלעך. די מלחמה האָט געמאַכט ווילד דעם מענטש. דערמאָרדן אַ מענטש איז געווען פון די קליינע זאַכן: כמעט אַלע זענען אויף דער מלחמה געווען און זיך צוגעקוקט צו די גרויזאַמע שלאַכטן, ווו הונדערטער יונגע מענטשלעכע לעבנס זענען אין איין אויגנבליק פאַרלאָרן געגאַנגען. און אַזוי אַרום איז ביי זיי דאָס גאַנצע מענטשלעכע וועזן אַ וואָכעדיקע זאַך געוואָרן. אין דער צייט פון דעם „העטמאַן״ האָבן די היגע פויערים אויך אַ סך געליטן: בעת דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע האָט מען איינגערעדט די פויערים, אַז אַלץ איז זייערס, און טראָגנדיק אַ שטאַרקן האַס אויף די פּריצים, וועלכע האָבן זיי שטענדיק עקספּלאָאַטירט, האָבן די פויערים אין איין שיינעם טאָג צעראַבירט דאָס גוט פון די גראַפן ברידער פּליאַטער, וועלכע געפינט זיך צוויי קילאָמעטער פון שטאָט, און וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט נעמען, האָבן זיי פאַרניכטעט. אויפן אָרט האָבן די פּריצים גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווייל אין יענע צייטן איז אַלץ דערלויבט געווען, נאָר אַז עס איז געוואָרן אַ רעכטע בירגערלעכע אָרדענונג, האָבן די פּריצים באַשלאָסן נעמען נקמה פון די פויערים. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פופצן הײדאַמאַקעס און גענומען פייניקן די אַלע, אויף וועמען ס׳איז אַ חשד געווען, אַז זיי זענען פאַרמישט אינעם רויבן זייער מאַיאָנטעק. מ׳האָט זיי געשלאָגן און געמוטשעט און עס זענען געווען פאַלן, וואָס די הײדאַמאַקעס האָבן אין מיטן שטאָט צוגעבונדן פויערים צו די עקן פון די פערד און זיי געשלעפּט איבער די גאַסן. די פויערים האָבן נאַטירלעך

געטראָגן אין האַרצן אַ שטאַרקן האַס אויף זיי און געוואַרט אויף אַ פּאַסנדער צייט זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע שונאים.

אין אָקטאָבער 1918 איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע. די דייטשן, וואָס זענען דאָ געווען, האָבן ערשט איבערגעלעבט די עפּאָכע פון אויפשוווּנג און באַנייאונג, וואָס מיר האָבן נאָך איבערגעלעבט אין מערץ 1917: פאַרזאַמלונגען, פייערונגען א. א. וו. ס'איז אויך ביי זיי געוואָרן אַן אומאָרדענונג און דער גרעסטער טייל פון זיי זענען זיך צעלאָפן אַהיים. אין יענע צייטן האָבן אָנגעהויבן צו קורסירן קלאַנגען, אַז ס'קומט אָן איינער אַן אוקראַינער פּעטליוראַ מיט אַ גרויסער אַרמיי פון מזרח־גאַליציע, וועלכער גייט באַפרייען אוקראַינע פון דעם „העטמאַן", און שאַפן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג. מיר האָבן נישט געוווּסט אויף וויפל די קלאַנגען זענען ריכטיקע און האָבן געוואַרט וואָס די צוקונפט וועט זיין. נאָר די היגע פּויערים האָבן זיך דערווייל אָנגעהויבן פּיבערהאַפט צוגרייטן, כדי צוהילף קומען מיט וואָס נאָר מעגלעך אַראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדע אָרדענונג.

קאַפּיטל 3: דער אויפשטאַנד אין דער „רעפּובליק"

די פּויערים האָבן די קלאַנגען, אַז עס גייט אַ גרויסע אַרמיי צו שטירצן דעם העטמאַנס אָרדענונג אויפגענומען זייער ערנסט און עס זענען שוין פאַרגעקומען קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען ווי אַזוי זיך פאַרצובערייטן איבערצונעמען די מאַכט אין שטאָט. אַ פּאָר שטאָטישע יידן, מיטגלידער פון לינקע פּאַרטייען, האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די באַראַטונגען, ווי אויך אַ פּאָר דייטשן פון די איבערגעבליבענע רעשטלעך.

נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן ביז עס וועט אָנקומען די גרויסע אַרמיי אוקראַינער, האָבן זיי דערווייל אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי שוין אַראָפּוואַרפן די אָרדענונג אין שטאָט, אויף אייגענער האַנט. אַלץ איז געהאַלטן געוואָרן שטרענג בסוד, נאָר יחידי־סגולה האָבן דערפון געוווּסט. פרייטיק דעם 22־טן נאָוועמבער 1918 אויפשטייענדיק אינדערפרי האָבן מיר דערזען פאַר זיך איבעראַשנדע נייעס: אין שטאָט שפּאַצירן אַרום אַ באַוואָפנטע וואַך פון היגע פּויערים און אויך צוויי יידן. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די נאַכט האָבן די פּויערים צוזאַמענגענומען אין די אַרומיקע דערפער עטלעכע טויזנט באַוואָפנטע פּויער'ים, צוערשט אַנטוואָפנט די מיליץ אין שטאָט און פאַרטאָג זענען זיי אַלע אַוועק אין גוט אַריין האַלטן „מלחמה" מיט די פּריצים און זייערע היידאַמאַקעס. אַ גאַנצן טאָג האָט אין שטאָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל: ספּעציעלע שליחים זענען געלאָפן הין און צוריק. אַלע מאָל זענען אָנגעקומען פון די דערפער פרישע „כוחות", וועלכע זענען תיכף אַוועקגעשיקט געוואָרן צום „פראָנט". מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָרטן אין גוט געפינען זיך פופצן גוט־באַוואָפנטע היידאַמאַקעס און אויך די גאַנצע דינערשאַפט איז גוט באַוואָפנט און זיי וועלן זיך גיך נישט אונטערגעבן. דאָס גוט געהערט צו 3 ברידער גראַפן: איז דער קלענסטער מיט אַ פּאָר טעג צוריק געלעגנהייטלעך אַוועקגעפאָרן און די איבעריקע צוויי ברידער זענען דאָרט געווען. די פּויערים האָבן דערווייל אויפגעקליבן אין שטאָט פאַרשידענע פּראָדוקטן צום קאָכן עסן פאַר דער גאַנצער מחנה. אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט

געווען אַ פאַרמעלער שלאַכט, די אַלע דאָרטיקע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ שטאַרקן מויער און פון דאָרט געשאָסן. ערשט אַרום דריי אַזייגער איז אָנגעקומען אַ שטאַפּעט מיט דער „בשורה", אַז די פויערים האָבן איינגענומען די „מלחמה" דורך דעם, וואָס זיי האָבן דעם מויער ווו יענע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אונטערגעצונדן און שטייענדיק אין פלאַמען האָבן זיי זיך ערשט אונטערגעגעבן. מ'האָט זיי אַרויסגעפירט אַלעמען, אינאיינעם 22 פּערזאָן:ביידע ברידער גראַפן — אייגנטימער פונעם גוט; די דינערשאַפט און באַאַמטע און אויך די פופצן היידאַמאַקעס, טריומפירנדיק האָט מען זיי געפירט אין שטאָט אַריין, זיי צושטעלן פאַר אַ געריכט. פאָרויס זענען געגאַנגען די אָנפירער דערנאָך די „געפאַנגענע", און צולעצט די גאַנצע מחנה. דאָס גערולד האָט אָבער ביי די פויערים געפּלאַצט: וואָס גייט זיי אָן משפטים מיט געריכטן? זיי ווילן שוין זען די נקמה אינעם שונא! זיי האָבן טאַקע נישט אויסגעהאַלטן און אָפּגייענדיק עטלעכע צענדליק טריט, האָבן זיי אויף אַלע געעפנט אַ שיסעריי. אין רעזולטאַט דערפון זענען אַלע 22 פּערזאָן אין עטלעכע מינוט אַרום שוין געווען טויט. פאַרנאַכט זענען די אַלע „מנצחים" אין שטאָט אַריין מיט געזאַנג און טריאומף־אויסגעשרייען. גלייך האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) און דווקא מיטן נאָמען: „פּאַרטיאַ באָלשעוויקאָוו ־ קאָמוניסטאָוו".

מיר יידן האָבן זיך מיט דער דאָזיקער סענסאַציע כלל נישט געפרייט. מיר האָבן שוין גוט געוווסט פון דער טרויעריקער דערפאַרונג, אַז אַלע זאַכן לאָזט מען אויס צום יידס קאָפּ און דווקא פון ביידע צדדים... דערווייל האָט נאָך דעם העטמאַנס אָרדענונג געהערשט אומעטום און מיט ציטערדיקע הערצער האָבן מיר באַגעגנט יעדן טאָג, טאָמער קומט מען זיך אָפּרעכענען מיט אונדז...

די פויערים האָבן דאָס אויך גוט פאַרשטאַנען און באַשלאָסן זיך צו פּראָקלאַמירן אלס אומאָפּהענגיקע „רעפּובליק", וועלכע וואַרפט זיך קיינעם נישט אונטער. אומעטום איז באַוווּסט געוואָרן „די רעפּובליק" און נאָך דערצו אַ רעפּובליק פון באָלשעוויקן־קאָמוניסטן! דאָס וואָרט איז שוין אויך דעמאָלט געווען אַ שרעק־וואָרט... זיי האָבן זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט, טאַקע אַקוראַט ווי אַ באַזונדערע ראַטן־רעפּובליק: צעטיילט אַלץ אויף קאָמיסאַריאַטן: קריגס־קאָמיסאַר, פינאַנס־קאָמיסאַר א. א. וו. זיי האָבן געהאַלטן אין שטאָט אַ סך מיליטער, באַוואָפנטע פויערים פון שטאָט און אַרומיקע דערפער, כדי צו זיין גרייט אויף יעדן פאַל. אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט האָבן עטלעכע שטאָטישע אינטעליגענטע קריסטן, וועלכע זענען אין דער רוסישער אַרמיי געווען אָפיצירן. קיין יידן האָבן ביי זיי קיין אָנפירנדע שטעלעס נישט פאַרנומען, אַ חוץ איין יידישער בחור, דער איינציקער אָנעהנגער פון „פועלי־ציון" ביי אונדז אין שטעטל, האָט אַ קורצע צייט פאַרנומען די „שטעלע" פון „שטאָט־קאָמענדאַנט". אַלץ איז ביי זיי געווען אין אָרדענונג. דעם העטמאַנס אָנהענגער האָבן שוין נישט אין זינען געהאַט קומען אַהער נעמען נקמה, ווייל זייער זון האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אונטערגיין, נאָר די פינאַנסיעלע זייט איז ביי זיי געווען שטאַרק הינטערשטעליק. וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? אַז קיין מלוכה־אוצר האָבן זיי נישט געהאַט; קיין זייטיקע הכנסות זענען אויך נישט געווען, האָבן זיי זיך

געגומען צום אַלטן מיטל: קאָנטריבוציע. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף די יידן אין שטאָט אַ לעגענדאַרישע סומע געלט, און כאָטש די שטאָט איז געווען פאַרשלאָסן, קיין שום האַנדל האָט מען נישט געקאָנט פירן און די יידן האָבן זיך פשוט געראַנגלט מיטן טויט — האָט מען דאָך געמוזט דאָס לעצטע זיי אַוועקגעבן. אויך זייענדיק טריי דעם באָלשעוויסטישן סיסטעם איז געווײנלעך ביי זיי אָן קיין רעקוויזיציעס און קאָנפיסקאַציעס נישט דורכגעגאַנגען. זיי האָבן אויך מאָביליזירט אַלע מענער פון שטאָט און אומגעגנט פון 18 ביז 25 יאָר. זיי האָבן אַלעמען געקענט און קיין איינער האָט זיך נישט געקענט אויסבאַהאַלטן. נאָך גרויסער מי האָט מען קוים געפועלט ביי זיי, אַז די יידישע יוגנט זאָל נאָר דערפילן זייערע מיליטערישע פליכטן אין שטאָט גופא, נישט צעשיקן אין אומגעגנט צו היטן די גרענעצן, אָדער שטיין גרייט אויפן פראָנט טאָמער פאַלט עמעצער אָן. עס איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אַ יידישע ראָטע, וואָס אירע פונקציעס זענען געווען: באַוואַכן די שטאָט, די פאַרשידענע מאַגאַזינען א. א. די דייטשן זענען צו יענער צייט כמעט אַלע אָפּגעפאָרן פון דאַנען און די רעשטלעך, וועלכע זענען נאָך געבליבן, האָט די היגע רעגירונג אַנטוואָפנט און זיי אָפּגעשיקט. די היגע האָבן געירשנט פון די דייטשן גרויסע זאַפּאַסן געווער און אמוניציע, וואָס איז זיי גוט צונוץ געקומען. די היגע האָבן צוביסלעך אויך אָנגעהויבן אָקופּירן די אַרומיקע שטעטלעך ווי ס'איז קיין אָרדענונג נישט געווען. איינמאָל האָבן זיך די היגע „רעפּובליקאַנער" דערוווסט, אַז אין אַ נאָענט שטעטל געפינען זיך אַ סך העטמאַנצעס, האָבן זיי נישט לאַנג געקלערט און געמאַכט אַהין אַן „אויספלוג" מיט אַ גרויסער אָפּטיילונג באַוואָפנטע פויערים. געקומען אַהין ביינאַכט, זיך דערוווסט, אין וועלכן הויז זיי געפינען זיך, געעפנט אַ שיסעריי און יענע האָבן זיך גלייך אונטערגעגעבן. אויף מאָרגן אינדערפרי זענען זיי שוין געקומען צוריק אין שטאָט אַריין מיט עטלעכע און דרייסיק העטמאַנצעס, געמאַכט אויף זיי אַ געריכט און זיי פאַראורטיילט צום טויט. אַנדערע דערציילן, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי מען האָט די דאָזיקע אַלע באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אַ האַלבע שעה האָט זיך די ערד געהויבן פון אונטער זייערע קברים, זיי זענען דאָרט דערשטיקט געוואָרן...

דעם 1־טן דעצעמבער 1918 האָט פּעטליורא פאַרנומען קיעוו און דער העטמאַן איז אַנטלאָפן. די היגע „רעפּובליק" האָט אויפגערופן די גאַנצע שטאָט אין מיטן מאַרק, און פייערלעך פאָרגעלייענט די דעקלאַראַציע פונעם העטמאַנס רעזיגנאַציע. אין אָוונט האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ מיטינג אונטערן פרייען הימל, פון אַ באַלקאָן האָבן אַראָפּגערעדט די אָנפירער פון דער רעפּובליק, אַז מען מוז זיך אַלע פאַראייניקן מיט זיי, און ווער עס איז נישט מיט זיי, איז קעגן זיי — און דעם וועלן זיי שטרענג באַשטראָפן. אינצווישן האָבן זיי זיך צונויפגערעדט מיט ווייסרוסלאַנד און פון דאָרט אַראָפּגעבראַכט עטלעכע הונדערט „קראַסנאַ אַרמייצעס" (באָלשעוויקעס) מיט עטלעכע אָנפירער. ס'איז זיי צוגעקומען פרישע כוחות און אינאיינעם פלעגן זיי שוין אָפטער שפּייזן מיט מיטינגען; אַלע מאָל געריסן ביי יידן „קאָנטריבוציע" — קאָלאָסאַלע סומען, און טאָמער איז צו דער באַשטימטער צייט דאָס געלט נישט צוגעטראָגן געוואָרן, האָבן זיי פאַרשפּאַרט די חשובסטע יידן פון שטאָט אין אַן ענגן שמוציקן אַרעסט־צימער, ביז מען האָט צוגעטראָגן

ביזן לעצטן גראָשן. פעטליוראַ מיט זיין אַרמיי האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אוקראַינע, אַ חוץ אונדזער געגנט. די היגע חברה האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז געוועלטיקן איז גאָרנישט קיין שלעכטער ביסן, און צוליב דעם וואָס פעטליורא איז אויך געווען אַ קעגנער פון זייער רעזשים, האָבן זיי באַשלאָסן זיך נישט אונטערגעבן און פירן מיט אים מלחמה ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

קאַפּיטל 4: די פּעטליוראָווצעס

מיט שטילע טריט האָבן זיך די פעטליוראָווצעס צוגערוקט צו אונדז. דעם גאַנצן וועג פון קיעוו ביז אונדזער שטאָט האָבן זיי פאַרנומען אָן וועלכע ס'איז שטערונגען. זיי האָבן שוין אויך פאַרנומען די שטאָט ס. איין סטאַציע פון אונדזער שטאָט, דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ווייטער קאָנען זיי דערווייל נישט גיין און האָבן דעריבער געקליבן קרעפטן מלחמה צו האַלטן מיט אונדזער „רעפּובליק״. צום אָנהייב האָבן מיר געהערט, אַז פעטליוראַ מיינט איינצופירן אין אוקראַינע אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג, ס'איז אָבער אַריבער אַ פּאָר וואָכן און צו אונדז זענען דערגאַנגען די ערשטע שרעקלעכע ידיעות פון די גרויזאַמע מעשים פון זיינע באַנדעס: מיר האָבן זיך דערוווּסט וועגן אכזריותדיקן און אוממענטשלעכן פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, ווו עס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן אָן אַ פאַרוואָס בוכשטעבלעך ביי צוויי טויזנט יידישע נפשות. עס זענען אַריבער נאָך אַ פּאָר טעג און מיר האָבן זיך דערוווּסט אַנדערע ענלעכע אַכזריותן זייערע אין פאַרשידענע שטעט. אין אַ פּאָר טעג ווידער האָבן מיר שוין באַמערקט און דערפילט די גרויזאַמע מערדערייען הינטער אונדזערע פּלייצעס, נעמלעך: ביי דער סטאַציע, אינגאַנצן 25 קילאָמעטער פון דאַנען, וועלכע איז אַ קנופּן־פּונקט, און עס גייען דאָרטן אָפּ צוגן אין אַלע ריכטונגען. דאָרט פלעגן זיי טאָג ביי טאָג אַרויספירן פון די פאַרשידענע צוגן אַלעמען, אויף וועלכע עס איז געפאַלן אַ חשד, אַז דאָס איז אַ ייד, אים פריער אָנטאָן אוממענטשלעכע יסורים און דערנאָך דערמאָרדן. אַזוי זענען דאָרט געוואַקסן אומשולדיקע יידישע קברים אין די צענדליקער פון טאָג צו טאָג. קיינער האָט גאָר פריער וועגן דעם נישט געוווּסט, ווייל קיין ייד איז מיט זיי אין באַרירונג נישט געקומען, מ'האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר זיי ווויסנדיק זייערע חיהשע אינסטינקטן, נאָר צופעליק האָט מען זיך דערוווּסט. זייטיקע מענטשן, וועלכע זענען אין ס. געווען, האָבן איבערגעגעבן, אַז זיי באַרימען זיך אומעטום, אַז וואָלטן זיי נאָר צו אונדז קיין ד. קומען, וועלן זיי שוין וויסן, וואָס צו טאָן מיט די יידן... אונדזער שרעק און פאַרצווייפלונג איז שווער אויסצומאָלן, וואַרטן אויפן טויט וואָס דאַרף אַ ליאַדע מינוט קומען איז ערגער ווי אַלץ... אין איין שיינעם פרימאָרגן איז פלוצלינג אָנגעקומען די ידיעה, אַז די פעטליוראָווצעס געפינען זיך הינטערן שטאָט. די היגע חברה, נישט קאָנענדיק זיך אַזוי גיך אָריענטירן וויפל יענע זענען דאָ און וואָס פאַר אַ כוחות מען דאַרף קעגן זיי אַרויסשיקן אין איין אויגנבליק, האָבן באַשלאָסן דערווייל זיך אַרויסציען פון שטאָט און דערנאָך מיט אַלע קרעפטן אָנהויבן פירן מיט זיי די מלחמה.

זיי האָבן זיך גאָר גיך עוואַקואירט און תיכף זענען אַריין די פּעטליוראָווצעס, אַ קליינע אָפּטיילונג אינגאַנצן פון 17 מאַן אויף פערד און שפּעטער אַ קליינע אָפּטיילונג קענטיק נאָר אויסשפּירער, ווייל זיי האָבן זיך נישט געפילט זיכער אין שטאָט. דאָך האָבן זיי תיכף געכאַפּט פאַרשידענע יידן און זיי מערדערלעך געשלאָגן, מען זאָל זיי ברענגען בראָנפן און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן... זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אויך אין וווינונגען און געדראָט מיט רעוואָלווערן און אַלץ האָט מען זיי געמוזט אָפּגעבן. זיי האָבן אויך אַ סך קראָמען צעראַבירט און איין פרוי פאַרוווּנדעט. זייער ממשלה ביי אונדז אין שטעטל האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, אינגאַנצן 2 טעג. אין די 2 טעג האָבן מיר אַלע געהאַלטן די נשמות אין די הענט, ווייל דאָ האָבן מיר טאַקע דעמאָלט צום ערשטן מאָל געזען אָפּיציעלע אומרוען און באַרויבן, מיר זענען נאָך דעמאָלט אויף אַזויפיל נאַאיוו געווען, מיינענדיק, אַז עס איז שוין עק וועלט, הלמאי זיי האָבן אַביסל צעראַבירט די שטאָט. שפּעטער האָבן מיר זיך שוין אויסגעלערנט צו זיין גלייכגילטיק צו אַ סך שרעקלעכעס...

אין 2 טעג נאָך זייער אָנקומען איז פּלוצלינג געוואָרן אין שטאָט אַ גרויסע שיסעריי. דאָס האָבן די „היגע" צונויפגעקליבן זייערע קרעפטן און געמאַכט אַן אָנגריף אויף דער שטאָט. די פּעטליוראָווצעס זענען באַלד אַנטלאָפן מיטנעמענדיק מיט זיך 2 היגע יידישע לערערס מ. און פ., וועלכע זענען געווען פאַרדעכטיקט אין סימפּאַטיזירן מיט די היגע פּויערים. אויפן וועג פון דאַנען קיין ס. וווהין די פּעטליוראָווצעס זענען אַנטלאָפן, האָבן די לערערס געהאַט אויסצושטיין די שרעקלעכסטע ליידן פון זיי און זיי זענען טאַקע אויפן וועג אַכזריותדיק דערהרגעט געוואָרן. די פּעטליוראָווצעס האָבן דאָך באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אונדזער שטאָט צו נעמען און די היגע האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע קרעפטן און אויך פאַרזאָגט אַלע פּויערים פון די דערפער, זיי זאָלן זיין גרייט צום קאַמף און טוען אין זייערע דערפער אַליין, דאָס וואָס מ'וועט זיי הייסן. אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד און אויף אונדזער האָריזאָנט האָט זיך אַ שוואַרצע כמאַרע אָנגערוקט. דאָס האַרץ האָט אונדז געזאָגט, אַז אַלע זאַכן וועט זיך אויסלאָזן צו אונזערע קעפּ. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן. מיר האָבן זיך געפּראָבירט נעמען צום אַלטן געווער: די רבנים האָבן אַרויסגערופן אַ תענית־ציבור און מען האָט זיך אַלע פאַרזאַמלט אין שול בעטן דעם אַלמעכטיקן פאַר אונדזערע נפשות.

דעם 14־טן יאַנואַר, איז אָוונט, האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער קאַמף: די פּעטליוראָווצעס זענען צוגעפאָרן מיט אַ געפּאַנצערטן צוג און גענומען באָמבאַרדירן די שטאָט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק, אַנדערע זענען אַנטלאָפן פון שטאָט. די היגע האָבן געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד און עס איז זיי געלונגען דעם שונא צו פאַרטרייבן. מיטוואָך בייטאָג האָט זיך ווייטער אָנגעהויבן אַ שטאַרקער אָנגריף פון די פּעטליוראָווצעס שוין פון אַ צווייטער זייט דורך א נאָענטער קאָלייקע (שמאָלע באַן). די היגע האָבן געענטפערט מיט שווערע האַרמאַטן, די פּעטליוראָווצעס זענען אָבער געווען עקשנותדיק און נישט געוואָלט אָפּטרעטן. דעם טאָג זענען אויך עטלעכע באָמבעס אַריינגעפאַלן אין שטאָט אַריין און אָנגעמאַכט אַ בהלה. פאַרנאַכט האָבן זיך

די פעטליוראָווצעס געמוזט אַביסל צוריקציען און פון דאָרט פאָרזעצן דעם אָנגריף. נאָר דאָ זענען דורך אַ היגן באַפעל אַרויס די פויערים פון אַ דאָרף און איבערגעריסן אַ בריקל פון דער קאַלייקע און די פעטליוראָווצעס האָבן צוריקקערנדיק זיך צוביסלעך אין דער פינצטער, נישט באַמערקט ווי דאָס בריקל איז שוין צעריסן און האָבן זיך איבערגעקערט מיטן צוג אין בריק אַריין און אין פּאַניק זענען זיי שוין ווייטער אַנטלאָפן. דאָנערשטיק זענען זיי ווייטער געקומען מיט אַ געפּאַנצערטן צוג און מיט פאַרשטאַרקטע קרעפטן. די שלאַכט האָט געדויערט פון פרי ביז פאַרנאַכט. פעטליורעס מחנות האָבן זיך אַלץ געריקט נענטער צו אונדז, נאָר אויף דער נאַכט האָבן זיי געהאַט די אמתע מפלה. די פויערים פון די אַרומיקע דערפער אַרום דער באַן־ליניע זענען אַרויס און צענומען די ליניעס פון דער אייזנבאַן און אַזוי אַרום זענען די פעטליו־ראָווצעס געבליבן אין געפּאַנגענשאַפט. דער צוג מיט אַ סך סאָלדאַטן איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די „היגע" און די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. די פעטליוראָווצעס האָבן זיך אָבער איינגעשפּאַרט און אויף מאָרגן פרייטיק דעם 17־טן יאַנואַר 1919 זענען זיי געקומען מיט גאַנצע זעקס געפּאַנצערטע צוגן און טויזנטער זעלנער. הימל און ערד האָבן זיך געמישט: די שטאָט איז פאַרטויבט געוואָרן פונעם קאַנאָנען־רויש, די שטאָט איז כמעט ווי באַלויכטן געווען אין אָוונט פון די בליצן פון די אומאויפ־הערלעכע האַרמאַטן־שאָסן. די שלאַכט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. די גאַנצע שטאָט האָט פיבערהאַפט געוואַרט אויפן אויסגאַנג פון דער שלאַכט. נאָך אַן עקשנותדיקן קאַמף און אונטער אַ שטאַרקן פייער האָבן די „היגע" פאָרט געמוזט זיך צוריקציען אַלץ ווייטער און ווייטער ביז זיי האָבן דעם קאַמף פאַרשפּילט.

קאַפּיטל 5: דער פּאָגראָם

9 אָוונט איז געוואָרן שטיל. די „היגע" האָבן בליץ־שנעל עוואַקוּאירט די שטאָט און פעטליורעס מיליטער האָט פאַרנומען די באַן־סטאַציע — צוויי קילאָמעטער פון שטאָט. אין שטאָט איז געקומען אַ שרעקלעכע פּאַניק. יעדער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וואָס עס קאָן פאָרקומען מאָרגן פרי בעת די פעטליוראָווצעס וועלן פאַרנעמען די שטאָט. מ'האָט זיך אָנגעהערט פון פאַרשידענע קוועלן, אַז זיי טראָגן אַ שטאַרקן כעס אויף אונדזער שטאָט און זיי האָבן געשוווירן זיך אָפּצורעכענען. און ווער איז דען פאַר אַלץ דאָס „כפרה־הינדל" אויב נישט די יידישע באַפעלקערונג?... די שוואַכערע האָבן זיך געלאָזט אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן זיי טראָגן. אין גאַס האָט מען געקאָנט זען אַ שרעקלעך בילד: מ'איז אָן אויפהער געלאָפן. יונג און אַלט, מוטער מיט קינדער אויף די אָרעמס. די געשרייען האָבן זיך געהויבן אין הימל אַרייַן. פאַרשידענע אָפּגעהאַקטע קלאַנגען האָט מען געקאָנט אויפכאַפּן, ווי: אוי גאָטעניו העלף!... פאַרוואָס קומט עס אונדז?... למען השם גיב אַכטונג אויף די קינדער... גוואַלד יידן ראַטעוועט זיך... נאָך אַזעלכע אָפּגעהאַקטע טענער האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט. דאָס איז געווען טיפע האַרצרייסנדע געשרייען פון דער אייביקער יידישער טראַגעדיע, וואָס

ווערט אָפּטמאָל געשטראָפט פאַר פרעמדע זינד... עס קעמפן פּויערים מיט פּויערים; ברידער מיט ברידער — און די יידן זענען שולדיק. פונדעסטוועגן זענען ז׳אַך דער מערסטער טייל איינוווינער פאַרבליבן אין שטאָט. אַ גאַנצע נאַכט איז קיינער נישט געשלאָפן און מ׳האָט נאָר געזוכט עצות ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון די אַכזרים. יעדער איינער האָט זיך אָנגעגרייט פאַרשידענע באַהעלטענישן, די מערדער זאָלן זיך אַהין נישט קאָנען דערלאַנגען. פאַרטאָג האָבן זיך אַלע אַרומגעשלאָסן פון אַלע זייטן און זיך באַהאַלטן יעדער אין זיין אָרט און געוואַרט אויפן טויט...

גאָר פרי זענען אין שטאָט אַריין פּעטליורעס מחנות; אָן אַ שום אָרדענונג, מיט די ביקסן אין די הענט גרייט צו דער „אַרבעט״ זענען זיי אַריין אין שטאָט. תיכף האָבן זיי מיט די קאָלבעס פון די ביקסן צעזעצט די טירן מיט די פענצטער און זיך ווי ווילדע חיות גענומען צום רויב. באַלד אויך צעהאַקט די טירן פון די קראָמען און פון דאָרט אַלץ אַרויסגעשלעפּט. עס האָבן זיך באַלד געפונען גאַנצע מחנות פּויערים און פּויערטעס, וועלכע זענען געקומען מיט ליידיקע כלים און די פּעטליוראָווצעס האָבן זיי מיט פאַרגעניגן געטיילט דאָס יידישע האָב און גוטס. די שטאָט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד: קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען אין די גאַסן נישט געזען. אַלע יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער, און די קראָמען מיט די הייזער זענען געווען צעעפנט און ס׳האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן פאַרשידענע סחורות און מלבושים. אין דעם שבתדיקן טאָג זענען כמעט אַלע הייזער און קראָמען אויסגעליידיקט געוואָרן. 2 היגע אומשולדיקע עלטערע יידן זענען דורך די פּעטליוראָווצעס אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן. דעם טאָג וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן אונדזער לאַגע, ליגנדיק אין די קעלערס און אויף די בוידעמער און אין אַלע אַנדערע באַהעלטענישן. ווייזן זיך אין גאַס איז געווען פאַרבונדן מיט טויט; ליגן און שמאַכטן אין די קעלערס איז אויך געווען שלעכט, מ׳האָט געהאַלטן די נשמות אין די הענט: אָט גייען זיי!... אָט קומען זיי!...

דער פּאָגראָם האָט זיך נאָך דעם טאָג נישט געענדיקט. 14 טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך דער פּאָגראָם געצויגן און אין דער צייט האָבן מיר געליטן אַזוינע מאָראַלישע און קערפּערלעכעליידן, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט באַשרייבן... צען מאָל אַ טאָג פלעגן זיך אַרומשלעפּן איבער די הייזער פאַרשידענע פּאַרטיעס טאָמער וועט מען נאָך עפּעס געפינען. די וואונט האָט מען געקלאַפּט, אין דער ערד געגראָבן — טאָמער וועט מען נאָך עפּעס אויפזוכן. אויף מאָרגן, נאָך זייער אָנקומען דעם 19־טן יאַנואר זונטיק, איז געקומען אַהער זייער פּאָלקאָווניק. ער האָט צונויפגעקליבן די פּויערים אין זייער גמינע און זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן קיין מורא נישט האָבן, זיי וועט גאָרנישט געשען. ער ווייסט, אַז אין אַלץ זענען נאָר די יידן שולדיק און פון זיי וועט ער נקמה נעמען. איר מעגט טאָן אַלץ — האָט ער זיי געזאָגט — און באַשטראָפן דערפאַר דאַרף מען די יידן, ווייל זיי זענען אין דעם שולדיק. דערוויסנדיק זיך, אַז עס איז דאָ אַ פּאָלקאָווניק אין שטאָט, האָבן זיך אַ פּאָר בעלי־בתים צונויפגענומען, זיך מוסר־נפש

געווען און אַרויס פון די באַהעלטענישן, און זענען אַוועק אין גמינע. אינעווייניק האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט, נאָר אַז דער פאָלקאָווניק איז אַרויס, זענען זיי אים געפאַלן פאַר די פיס און געבעטן, ער זאָל מאַכן אַביסל אָרדענונג אין שטאָט. האָט ער גאָר פריער מיט זיי נישט געוואָלט רעדן, נאָר דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן: „וואָס ווילט איר, ס'איז יונגע מענטשן, זאָלן זיי אַביסל אַ הוליע טאָן"...

14 טעג נאָכאַנאַנד איז געהאַנגען דער קאָשמאַר פון פּאָגראָם. פון 4 פאַרנאַכט ביז 8 פרי, 16 שעה אין מעת-לעת, זיך ארומגעשלאָסן פון אַלע זייטן, און מ'איז דאָך געווען וואַכעדיק, זיך נישט פאַרגונען אַביסל שלאָפן לייגן, און מ'איז אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר און זיך צוגעהערט צו יעדן קלענסטן שאָרך, טאָמער גייט מען? — די צוויי וואָכן זענען ביי אונדז געווען די ערגסטע און שרעקלעכסטע, וועלכע האָבן אונדז שפּעטער אָפּגעקאָסט און פאַראורזאַכט הונדערטער לעבנס פון הונגער און נויט...

קאַפּיטל 6: די דעלעגאַציע

פרייטיק אָוונט, תיכף ווי די פּעטליוראָווצעס האָבן פאַרנומען די באַן-סטאַציע, האָבן זיך אויפגעקליבן פיל מענטשן ביים רב, בכדי צו קלערן אַן עצה וואָס מען האָט צו טאָן. געוווסט האָט מען פון פאַרשידענע קוועלן, אַז די פּעטליוראָווצעס טראָגן אַ שטאַרקן האַס אויף אונדזער שטאָט און זיי האָבן באַפוילן, אַז זיי וועלן זיך מיט דער שטאָט אָפּרעכענען, מיט וועמען-זשע וועלן זיי זיך אָפּרעכענען, אויב נישט מיט אונדז יידן?... מיר האָבן דאָס אַלץ גוט פאַרשטאַנען און געזוכט אַן עצה ווי זיך צו ראַטעווען. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געטראַכט און געטראַכט און צום סוף איז געבליבן, אַז קיין אַנדער עצה איז נישטאָ ווי שיקן אַ דעלעגאַציע צו זיי מיט ברויט און זאַלץ, נאָך איידער זיי וועלן אַריין אין שטאָט און זיי אויפקלערן דעם אמת, אַז מיר יידן האָבן זיך אין ערגעץ נישט געמישט און מיר האָבן צו קיינעם קיין שייכות נישט און מיר „באַגריסן" זייער קומען. קיינעם האָט זיך, פאַרשטענדלעך, נישט געגלוסט אַריין אין דער דעלעגאַציע, דאַן האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן באַשלאָסן מפקיר צו זיין זייערע נפשות אַבי ראַטעווען די שטאָט. ס'האָט זיך קאָנסטיטואירט אַ דעלעגאַציע פון די שענסטע פאָרשטייער פון שטאָט:ביידע היגע רבנים; דער יידישער סטאַראָסטע; דער פאַרוואַלטער און אַ לערער פון דער היגער „תרבות"-שול און נאָך אַנגעזעענע בעלי־בתים, אינאיינעם צוועלף פּערזאָן, און נאָך איידער עס איז טאָג געווען זענען זיי שוין אַוועק צו דער סטאַציע זיי מקבל-פנים זיין.

קומענדיק הינטערן שטאָט, איז שוין געשטאַנען אַ וואַך פון די פּעטליוראָווצעס און זיי פאַרשטעלט דעם וועג. ווער זענט איר? האָט דער אָנפירער שטרענג געפרעגט. מיר זענען אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג מקבל-פנים זיין אייער אָנקומען — האָט איינער פון דער דעלעגאַציע געענטפערט. אַהאַ! מיר קענען אייך! האָבן זיי זיך צעשריגן — מיר קענען אייך! ערשט נעכטן האָט איר אונדז באַגעגנט מיט האַרמאַטן און קוילן און איצט גייט איר שוין כלומרשט מיט ברויט און זאַלץ? עס

האָט נישט געהאָלפן קיין טענות. קומט! האָבן זיי אַ געשריי געטאָן, און דערווייל אַלעמען שוין מכבד געווען מיט גוטע קלעפּ און ברוטאַל געזידלט. קומענדי״ק אויפן בריק וואָס צווישן דער שטאָט און סטאַציע, זענען שוין געלאָפן אַנטקעגן פון דער סטאַציע די צעווילדעוועטע מחנות אין שטאָט אַריין. אַהאַ! דאָס פירט איר אַוודאי באָלשעוויקעס! וואָס פירט איר זיך מיט זיי. האַקט זיי אָפּ די קעפּ און וואַרפט זיי אין וואַסער אַריין! — דאָס איז נאָך ווינציק — האָבן זיי זיך געוויצלט, מיר וועלן זיי ווייזן! דערווייל האָ מען זיי באַזוכט און אַלץ ביי זיי צוגענומען, די אַלע זענען אַוועק אויף זייער וואַך, און אַ נייע חברה באַנדיטן האָבן זיי גענומען פירן צו דער סטאַציע.

די נייע זענען געווען אמתע מערדער: זיי האָבן דער דעלעגאַציע געפּייניקט מיט מוראדיקע עינויים: זיי האָבן זיי געהייסן לויפן, און געשלאָגן הלמאי זיי לויפן; זיי געהייסן שטיין — און געשלאָגן הלמאי זיי שטייען. פּלוצלינג האָט מען זיי אויסגע־שטעלט אין עטלעכע רייען און זיי געשלאָגן, זיי זאָלן לויפן, זענען זיי געווינלעך געלאָפן און די מערדער זענען נאָכגעלאָפן און געשלאָגן ביז וואַנען זיי זענען אָנגעקומען צעבראָכענע און צעוויטיקטע צו דער סטאַציע. דאָרט ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע אכזריות: אין באַנהויף האָבן זיך געבילדעט פוןביידע זייטן, שפּאַלערן פון די פּעטליוראָווסקע מחנות מיט די ביקסן אין די הענט און די דעלעגאַציע האָט מען דורכגעפירט אין מיטן דורך אַ שמאָל געסעלע. אַלע זענען געווען אויסער זיך פון פרייד: אַהאַ, געפּאַקט באָלשעוויקעס! אַלע יידן מיט ווייסע בערד! — האָבן זיי געשריגן און יעדער האָט דער דורכגייענדער דעלעגאַציע מכבד געווען מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט: מיטן ביקס, מיט די פיס און מיט די הענט א. א. וו. דער יידישער סטאַראָסטע האָט געכאַפּט אַ זעץ מיטן פוס אין בויך פון וואָס ער איז טאַקע אין אַ צייט אַרום געשטאָרבן. דערנאָך האָט מען זיי ערשט אַרויסגעפירט פון יענער זייט באַנהויף און געמאַכט אויף זיי אַ „סאַמאָסוד״ (לינטש־געריכט).

דאָרט האָבן זיך צונויפגעקליבן טויזנטער פּעטליוראָווצעס, געמאַכט אַ גרויסן ראָד אַרום זיי און אַריינגענומען די דעלעגאַציע אין מיטן, זיי שוין אויפן אָרט צו משפּטן. אַלע האָבן זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן מיט די ביקסן און שווערדן און געטענהט, אז מען מוז זיי שוין אויפן אָרט צעשניידן אויף שטיקער. סטייטש, פיר טעג זיך געשלאָגן מיט זיי און זיי פאַרשאַפט אַזויפיל פאַרלוסטן, גלייך ווי די דאָזיקע אומשולדיקע יידן זאָלן כאָטש האָבן דעם מינדסטן שייכות צו זייערע געשלעגערייען און פאַרלוסטן. די דעלעגאַציע איז שוין געווען אַלצאיינס. מ׳האָט זיי שוין אַזויפיל געשלאָגן און בעסטיאַליש געפּייניקט, אַז זיי זענען שוין צו אַלץ גלייכגילטיק געווען. די חברה פּעטלוראָווצעס האָבן נאָך צוגערופן אַן אָפיציר הערן זיין מיינונג און ער האָט אויסגעפרעגט, ווער זיי זענען און וואָס זיי טוען דאָ. זיי האָבן אים אַלץ דערציילט און ער האָט זיך מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט: אַהאַ אַ דעלעגאַציע. ער האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט אין אַזאַ טאָן ווי איינער וואָלט זאָגן: „טוט מיט זיי, וואָס איר ווילט״. עס האָבן זיך ווייטער אָנגעהויבן די עינויים — ווידער געפּייניקט, ווידער געשלאָגן. צולעצט האָט זיך אַ צווייטער אָפיציר אָנגערופן: זיי וועלן זיך שוין פון אייערע הענט סיי ווי

נישט אַרויסדרייען, לאָמיר זיי בעסער אַרעסטירן און דער פּאָלקאָווניק וועט שוין דעציזידירן זייער גורל. און באמת וואָס האָבן זיי קיין צייט נישט געהאַט? פאַרוואָס זאָל מען זיי אָנטון דעם „לוקסוס" און שוין אַזוי גיך דערהרגענען, בעסער זיי מוטשען נאָך אַביסל און דערנאָך זיי קאַנטשן... דעם אָפיצירס עצה איז געפעלן און אונטער אַ שטאַרקער וואַך האָט מען זיי אַריינגעזעצט אין אַ פאַראומריייניקטן וואַגאָן. נידערגע־שלאָגענע און צעבראָכענע זענען זיי אַריינגעפאַלן אין וואַגאָן אַריין, ערשט דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן צו דערפילן די שרעקלעכע ווייטיקן. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געזעסן פון ווייטנס ווי מען טראָגט גאַנצע זעק מיט רויב פון שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט וואָס אין שטאָט טוט זיך און זייערע יסורים זענען געוואַקסן.

אין שטאָט האָט מען נישט געוווּסט וואָס מיט דער דעלעגאַציע איז געוואָרן. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיט זיי האָט עפּעס פּאַסירט. ערשט שבת אין אָוונט איז געלונגען אַ פּריילין, אַ טאָכטער פון איינעם פון דער דעלעגאַציע זיך דערשלאָגן צו זיי דורך פאַרשידענע פּראָטעקציעס און זיי ברענגען עפּעס עסן פאַר אַ גאַנצן טאָג. די גאַנצע האָפענונג האָבן מיר געלייגט אויפן פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט באַדאַרפט זונטיק קומען. מיר האָבן גערעכנט, אַז ער איז געוויס אַן אינטעליגענטער מענטש און וועט די אומשולדיקע באַפרייען אָדער לכל הפּחות פאַרפירן אַ גערעכטע אויספאָרשונג. מיר האָבן זיך אָבער ביטער אַנטוישט. זונטיק איז ער געקומען אין שטאָט און געהאַלטן אַ רעדע פאַר די פּויערים, פול מיט שנאה און האַס צו יידן, דאָך האָבן זיך עטלעכע יידן איינגעשטעלט און געלונגען אים בעטן, ער זאָל באַפרייען די אומשולדיקע דעלעגאַציע. ער האָט גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט זיי, נאָר צולעצט האָט ער באַפוילן, אַז אַלע יידן זאָלן אומבאַדינגט מאָרגן מאָנטיק קומען אין שול אַריין און ער וועט דאָרט האַלטן אַ רעדע. כאָטש אַלע האָבן גוט געוווּסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך ווי מען האָט אויפגעקליבן אַלע יידן אין שול אַריין, בעת זיי זענען געקומען האָט מען אונטערגעצונדן די שול און נישט געלאָזט זיך ראַטעווען אָדער אָנגעשטעלט פּולעמיאָטן און אַלעמען צעשאָסן, דאָך איז מאָנטיק זיך צונויפגעקומען כמעט די גאַנצע שטאָט אין שול אַריין, אַלע האָבן באַשלאָסן זיך מוסר זיין על קידוש השם, אַבי דורך דעם וועט מען אפשר קאָנען די דעלעגאַציע ראַטעווען, און די יידן זענען שוין געשטאַנען גרייט אָן פּחד איבערצוגעבן די נשמות צו גאָט... דער פּאָלקאָווניק איז געקומען מיט צוויי קאָזאַקן, וועלכע האָבן אין ביידע הענט געטראָגן שווערע באָמבעס... און געהאַלטן אַ רעדע בזה הלשון:

„זשידי! וואָס האָט איר צו אונדז? וואָס לאָזט איר אונדז נישט צורו? צי איז אייך שלעכט ביי אונדז? אויב ס'איז אייך שלעכט, גייט אייך קיין פּאַלעסטינע... אייער דעלעגאַציע וועל איך נישט אָפּלאָזן, ביז וואַנען איר וועט מיר נישט אָפּגעבן מיינע 22 קאָזאַקן, וועלכע איר און אַנדערע באַלשעוויקעס האָבן פאַרנומען. איר וועט אפשר האָבן די העזה אַראָפּברענגען נאָכאַמאָל אַהער אייערע באַלשעוויקעס, זאָלט איר וויסן, אַז טאָמער וועלן זיי נאָך אַמאָל אָנהייבן אַן אָנגריף, וועל איך אייך איבערקערן די גאַנצע שטאָט: איר האָט געהערט וואָס איך האָב געטאָן אין באַרדיטשעוו, זשיטאָמיר,

אין אָוורוטש און אין אַנדערע ערטער? — דאָס וועל איך ביי אייך אויך טאָן.

מיט די ווערטער האָט ער געענדיקט. מ׳האָט ארויסגענומען ספרי־תורה און אַלע האָבן געשוווירן, אַז זיי ווייסן נישט פון גאָרנישט. ס׳האָט נישט געהאָלפן, ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, מ׳זאָל אים אָפּגעבן די 22 קאָזאַקן און ער איז אַרויס פון שול. מ׳איז אים נאָכגעלאָפן און געפאַלן צו די פיס, ער זאָל די דעלעגאַציע באַפרייען, און ער האָט געענטפערט מיטן... רעוואָלווער...

ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער געוואָרן הערנדיק פּלוצלינג מאָרגן דינסטיק פרי 21 יאַנואַר 1919, שטאַרקע שיסערייען — מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין אַ פּשוטער אָנגריף פון די „היגע" באָלשעוויקעס. ס׳האָט נישט געדויערט קיין שעה און די היגע חברה האָבן זיך שוין אריינגעריסן אין שטאָט אַריין און גענומען פירן אַ קאַמף מיט די פּעטליוראָווצעס, וועלכע זענען אַנטלאָפן צו דער סטאַציע. אַ גאַנצן טאָג איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע האַרמאַטן־שלאַכט. מערסטנטייל איינוווינער פון שטאָט, ציטערנדיק פאַרן פאָלקאָווניקס ווערטער, האָבן אין פּאַניק גענומען דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט אין גלות אַריין... אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר נישט געוווּסט ווער עס איז אין שטאָט. מיר זענען געשטאַנען וואַכעדיקע הינטער די שטאַרק פאַרהאָנגענע פענצטער (כאָטש אין שטוב איז סיי ווי פינצטער געווען) און זיך מיט קלאַפּענדיקע הערצער צוגעהערט טאָמער גייט מען... אין דער פרי האָט מען שוין ווידער דערזען די פּעטליוראָווסקע באַנדעס, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט זייער וואַקכאַנאַליע: נאָך מיט מער ענערגיע האָבן זיי אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געפונען צוגערויבט. מער פון אלץ האָט אונדז באַאומרואיקט די דעלעגאַציע, ווער ווייסט וווּ זיי זענען אַהינגעקומען?... שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט: די דעלעגאַציע האָט מען תיכּף ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט אַרויסגעפירט פון די וואַגאָנען, און זיי גענומען פירן אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. גראָד זענען דעמאָלט ביי זיי געווען 7 פרויען, וועלכע מען האָט דערלויבט ברענגען עסן זייערע מענער (קיין מאַנסלייט האָבן זיך אַהין נישט געקאָנט דערלאַנגען). אויך זענען צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע געווען 4 יידישע יונגעלייט, וועלכע די פּעטליוראָווצעס האָבן דעם שבתדיקן טאָג געכאַפּט (מער האָבן זיי וויזט אויס אין שטאָט נישט געטראָפן). מ׳האָט זיי שרעקלעך געפייניקט און אַז זיי האָבן שוין אָנגעוווירן דאָס באַוווסטזיין, האָט מען זיי אויך אַריינגעוואָרפן אין וואַגאָן צו דער דעלעגאַציע און זיי אַלע צוזאמען האָט אַ שטאַרקע וואך געפירט צופוס, ווי ס׳האָט דערנאָך אויסגעוויזן אין דער ריכטונג צו סי.

ס׳איז געווען שרעקלעכעס: פון אַלע זייטן זענען געפאַלן גראַנאַטן און קוילן, אַזוי ווי אַ רעגן זענען זיי אַריבער זייערע קעפּ געפאַלן. ס׳איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין ווי אַזוי זיי זענען אַלע נישט דערהרגעט געוואָרן. די וואַך האָט זיי ספּעציעל געפירט אויף די רעלסן פון דער באַן־ליניע, וווהין דער שונא האָט געצילט זיינע קוילן, און ערשט, אַז איינער פון די זעלנער איז דערהרגעט געוואָרן, האָט מען זיי שוין אַראָפּ־געפירט אַביסל אין אַ זייט. עס איז דעמאָלט געווען אַ פראָסט פון עטלעכע און צוואַנציק גראַד, און דערצו האָבן זיי נאָך אַלע געבראָדזשעט ביזן האַלבן קערפּער אין שניי

מען האָט זיי אָפּגעפירט אַ צען קילאָמעטער און זיי אָפּגעשטעלט, וואָס איז? די דאָרפישע פויערים האָבן איבערגעריסן אויך פון יענער זייט אַ בריקל און איצט זענען זיי (די פעטליוראָווצעס) אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. עס שטייט אַ צוג פול מיט מיליטער און שלאָגט זיך מיט די פויערים. די צעווילדעוועטע פעטליוראָווצעס האָבן געזען די דעלעגאַציע און זיי גאָר געוואָלט דערשיסן, נאָר נאָך גרויס מי און ביטעס זענען זיי נישט דערשאָסן געוואָרן. 4 שעה זענען זיי אויפן פראָסט אָפּגעשטאַנען. ערשט אַכט אָוונט, האָט מען זיי דערלויבט אַריינצוגיין אין אַ קאַלטן שמוציקן פערד־וואַגאָן. זיי זענען אָפּגעפאָרן ביז אַ „פולסטאַנעק״, און דאָרט זענען אַרויף אָפיצירן און זיי אָנגעזאָגט די „בשורה״, אַז אין 2 שעה אַרום ווערן זיי דערשאָסן. די דעלעגאַציע אַליין האָבן זייער לעבן שוין לאַנג מפקיר געווען, נאָר דאָ זענען נאָך צוגעקומען פרישע זיבן פרויען, וועלכע האָבן זיך אַזוי גיך נישט געוואָלט צעשיידן מיטן לעבן.

11 אָוונט האָט ווייטער דער וואַגאָן אָנגעהויבן פאָרן אין דער ריכטונג פון ס. דאָרט האָט זיך דער וואַגאָן אָפּגעשטעלט ערגעץ אין אַ זייט אין מיטן פעלד. ביינאַכט זענען פלוצלינג אַריין אין וואַגאָן דריי תליינים. זייער אויסזען איז געווען שרעקלעך: באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַלערליי געווער און מעסערס. זיי זענען שוין געווען גרייט צו דער אַרבעט... געזוכט די קלענסטע סיבה ווי זיך אַ נעם טאָן צו זיי און ענדיקן זייער לעבן. די 22 פערזאָן האָבן שוין גאָר אין האַרצן קיין שום האָפענונג נישט געהאַט צו לעבן בלייבן. נאָר די וואַך אַליין, צוקוקנדיק זיך צו די אוממענטשלעכעליידן, וואָס די דאָזיקע אומשולדיקע יידן האָבן במשך פון די עטלעכע טעג איבער־געליטן און זעענדיק ווי די תליינים שאַרפן שוין די מעסערס און זיי זענען שוין גרייט צו דער אַרבעט — האָט זיך דאָך פלוצלינג דערוועקט אין זיי דער מענטשלעכער פונק און אויגנבליקלעך האָבן זיי באַפוילן די תליינים, אָן אַ שום סיבה, זיך שוין צוריקציען. די תליינים געוויינלעך האָבן נישט געוואָלט אַרויסגיין און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן אייגענע ברידער, צווישן די זעלבע צוויי חיות, וואָס אין איינער האָט זיך פאָרט דערוועקט דאָס געפיל פון מענטשלעכקייט, און די מענטשלעכ־קייט האָט טאַקע געזיגט: נאָך אַ קורצן קאַמף האָבן די תליינים געמוזט פאַרלאָזן דעם וואַגאָן, מורא האָבנדיק פאַר זייערע אייגענע לעבנס... די 22 פערזאָן האָבן עטוואָס פרי ער אָפּגעאָטעמט: דורך אַ נס ניצול געוואָרן דערווייל פון אַ זיכערער מיתה־משונה.

פאַרטאָג האָט די וואַך פלוצלינג אַלעמען געהייסן אַרויסגיין, און מ׳האָט זיי גענומען פירן, ווהין האָבן זיי אַליין נישט געוואוסט. זיי האָבן געבויגן די קעפּ פאַרן אומבאַוווּסטן שיקזאַל. מ׳האָט זיי געבראַכט צום קאָמענדאַנט פון דער סטאַציע ס. און ער האָט די 22 פערזאָן ביי זיך אַרעסטירט ביז אַן אויספאָרשונג. די שטאָט ס. האָט זיך גלייך דערוווסט, אַ סך פון דער דעלעגאַציע האָבן געהאַט דאָרטן נאָענטע קרובים, און דורך פאַרשידענע וועגן און אומוועגן האָט מען זיך גענומען באַמיען מיט עפּעס זיי צו העלפן. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט באַצאָלט דעם קאָמענדאַנט אַ קאָלאָסאַלע סומע פון עטלעכע צענדליק טויזנטער רובל און נאָך גרויסע מי און מאַטערניש, האָט מען די דעלעגאַציע אַרויסגעגנבעט. דערמיט האָט זיך נאָך נישט געענדיקט:

דער קאָמענדאַנט איז אַרעסטירט געוואָרן, וואָס ער האָט זיי זיך געלאָזט אַרויסגליטשן פון זיינע הענט און איז טאַקע דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זענען אַ לאַנגע צייט נע־ונד געווען, ביז זיי האָבן באַקומען די מעגלעכקייט זיך צוריקקערן אַהיים.

קאַפּיטל 7: מיר ווערן היימלאָזע

נאָך אַ פּאָר וואָכן ווילקיר און אכזריות, האָבן די פּעטליוראָווצעס ווייטער געמוזט פאַרלאָזן אונדזער שטאָט. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן די באָלשעוויקעס פּלוצלינג ווייטער געמאַכט אַ שטאַרקן אָנגריף אויף אונדזער שטאָט. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט און די שלאַכט איז שוין פאָרגעקומען אין שטאָט גופא. נאָך אַ קורצן קאַמף האָבן די פּעטליוראָווצעס אינגאַנצן געמוזט אָפּטרעטן. דאָס מאָל זענען שוין נישט געקומען אונדזערע היגע באָלשעוויקעס אַליין, נאָר מיט זיי זענען שוין געקומען אָפּטיילונגען פון דער רעגולערער רוסישער אַרמיי; קאַוואַלעריע און פוסגייער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון גרויס־רוסלאַנד, פון סיביר. זיי האָבן שוין אין שטאָט געמאַכט „אָרדענונג" לויטן באָלשעוויסטישן שטייגער מיט אַלע פּיטשעווקעס; זיי האָבן אויך פּרובירט אָרגאַניזירן „קאָמסאָמאָלצעס" (קאָמוניסטישע יוגנט) און זיי שוין טאַקע אַריינציען אין די רייען פון דער אַרמיי, נאָר עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. אין מיטינגען און פאַרזאַמלונגען זענען מיר נישט זשעדנע געווען, דערפאַר האָט זיך דער הונגער געשטאַרקט: עס איז שווער געווען אַ שטיקל ברויט צו קריגן. אין דער צייט האָבן די באָלשעוויקעס אָבער אַ סך כוחות געקליבן, געמאַכט אַ שטאַרקע אָפענסיווע אויף די פּעטליוראָווצעס און זיי געיאָגט ביז הינטער ראָוונע.

אין גיכן האָט זיך אָבער דאָס רעדל איבערגעדרייט: די פּעטליוראָווצעס, וועלכע האָבן שוין געהערשט אויף גאַנץ אוקראַינע, האָבן גרויסע מאָביליזאַציעס געמאַכט און מיט פאַרשטאַרקטע קרעפטן האָבן זיי די באָלשעוויקעס צוריקגעשטויסן. די באָלשעוויקעס זענען בליץ־שנעל געלאָפן צוריק און אין משך פון 2 טעג זענען זיי שוין ביז דער סטאַנציע ס. צוריקגעגאַנגען. די מלחמה האָט זיך ווייטער געשטעלט אַרום אונדזער שטאָט. אין שטאָט איז ווייטער געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. זייענדיק גוט אָנגעלערנט פונעם ערשטן מאָל און פאַרשטייענדיק, אַז מ׳קאָן זיך אַ צווייט מאָל איבערחזרן אפשר נאָך ערגער?... קיינער האָט שוין קיין כוח און קיין ווילן נישט געהאַט ווייטער איבערצובלייבן אין שטאָט און האַלטן די נשמה אין דער האַנט... אין דעם טאָג, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן שוין זיך גענומען עוואַקואירן די שטאָט, דאָס איז געווען מאָנטיק, 2 וואָכן פאַר פּורים תרע"ט, האָט די גאַנצע שטאָט באַשלאָסן פאַרלאָזן די שטאָט און גיין ווו די אויגן טראָגן. צוערשט האָבן די באָלשעוויקעס נישט געלאָזט אַרויספאָרן, זיי האָבן ספּעציעל אַ וואַך געשטעלט פון אַלע זייטן און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. אויב איר ווילט ווירקלעך נישט בלייבן מיטן שונא, ווייל איר זענט אונדזז געטריי — האָבן זיי געטענהט — טאָ בלייבט מיט אונדז ביז דער לעצטער מינוט

און מיר וועלן זיך אינאיינעם פאַרטיידיקן קעגן שונא... נאָך גרויסער מי, און ווייל אַ סך אָנפירער זענען געווען היגע, מיט וועלכע מיר האָבן גאָר פשוטע דיבורים גערעדט — האָט מען אונדז דערלויבט צו אַנטלויפן. ס'איז דעמאָלט שוין געווען ערב־פרילינג.

די זון האָט צעגאָסן אירע גאָלדענע שטראַלן איבער דער שטאָט, און גאַנץ מילד געוואָרעמט. ווען מיר זענען פון שטאָט אַרויס איז שוין געווען פאַרנאַכט־צו. די זון האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן און אָנגעצונדן מיט רויטע שטיקער פייער דעם בלויען הימל. דער הימל האָט אינעם דאָזיקן פורפור־מאַנטל מיט די פאַרשידענע רייצנדע קאָלירן אויסגעזען גאָר פרעכטיק, און עס האָט זיך געגלוסט אַביסל זיך אָפּשטעלן און באַטראַכטן די אידיליעס, נאָר ווען מען איז עס אין קאָפּ געקראָכן? אַ בליק־טוענדיק מיט די אויגן אַראָפּ האָט מען געזען ווי לאַנגזאַם לאַנגזאַם שלעפּן זיך פורלעך מיט בעטגעוואַנט און אַנדערע שטוב־זאַכן. נאָך זיי האָט זיך געצויגן לאַנגע שורות פוסגייער: פאַרחושכטע יידן, יונג און אַלט, אַ בילד פון יידישן גלות, ריכטיקער: פון יידישן גלות בתוך גלות... דאָס האַרץ האָט עפּעס מוראדיק געווייטיקט. פון יעדן יידס אויגן האָט מען גיך דערקענט דעם אַלטן גרויסן וויי־געשריי: פאַרוואָס? פאַרוואָס טרייבט מען אונדז אַרום ווי פאַרלאָזטע שאָף און אַלץ לאָזט מען אויס צו אונדזערע קעפּ?... עס איז נאָך ווינציק דער אַלטער יידישער גלות? דאַרפן מיר נאָך ווייטער וואַנדערן פון איין אָרט אין צווייטן?... צי זענען מיר ערגער פון חיות און פייגל, וואָס יעדע האָט זיך איר נעסט? דער הימל האָט ביסלעכווייז באַהאַלטן די רייצנדע קאָלירן, זיך אויסגעטון דעם פורפור־מאַנטל און זיך באַדעקט מיט פינצטערניש, קענטיק, ער פילט אונדז מיט! עטלעכע שטערנדלעך האָבן אונדז צוגעלויכטן דעם וועג, גלייך זיי וואָלטן זאָגן: יידעלעך זאָרגט נישט אַזוי! עס וועט נאָך קומען אייער טאָג אויך!...

מיר זענען דערווייל אָנגעקומען אין אַ דאָרף, און געפונען אַן איינציקן ייד אין דאָרף זיך אָפּרוען. ער האָט אונדז זייער פריינטלעך אויפגענומען, באַדויערט אונדזער צער, מער אָבער ווי אַ שטיקל פּאָדלאָגע האָט ער דער גרויסער מענגע מענטשן נישט געקאָנט געבן. ווי אבלים, פאַריתומטע און פאַרטרויערטע האָט זיך יעדער אויסגע־שפּרייט אויף זיין ענג שטיקעלע פּלאַץ און ביטער געוויינט אַזוי ווי אונדזערע עלטערן אויף די טייכן פון בבל. דאָ האָט מען ערשט דערפילט דעם אמתן טעם פון אַן אייגענער היים, אַ פאָטערלאַנד!... אַנדערע זענען נאָך דעם אָוונט געגאַנגען אינעם נאָענטן שטעטל וו. די איבעריקע מאָרגן פרי. דאָס שטעטל וו. האָט אונדז זייער פיין אויפגע־נומען, געגרינדעט אַ קאָמיטעט, געזען וווינונגען פון אונדזערט־וועגן, געטיילט עסנ־וואַרג א. א. וו. דאַנערשטיק פרי זענען אָנגעקומען קיין וו. די אָפּטרעטנדע באָלשעוויקעס און פרייטיק פרי זענען זיי אַוועק פון וו. און אין אָוונט איז שוין געקומען אַ ספּעציעלער שליח פון אונדזער שטאָט קיין וו. מיט דער בשורה, אַז די פּעטליוראָוצעס זענען שוין אין שטאָט און ס'איז אַלץ דורכגעגאַנגען רואיק. וואָס איז די מעשה? פּעטליורא האָט מאָביליזירט אַ סך יידן און זיי געשיקט די ערשטע אויפן פראָנט, און צו אונדז אין שטאָט זענען אַריין אַ סך יידן, וועלכע האָבן פאַרהיטן פון עקסצעסן. די איבערגעבלי־בענע אין שטאָט עטלעכע צענדליק פאַמיליעס זענען דאָנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט נישט

געשלאָפן. זיי זענען אַרומגעשלאָסן געווען פון אַלע זייטן און מיט שרעק געוואַרט, וואָס עס וועט זיין. אַז די יידישע זעלנער זענען פאַרטאָג געקומען אין שטאָט, זענען שוין אין מאַרק געשטאַנען גרייט מאָסן פויערים און פויערטעס און געגומען ווייזן די זעלנער ווו עס זענען דאָ רייכע מענטשן, ווו עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבן סחורה.

די יידישע זעלנער האָבן די דאָזיקע פּאָגראָמשטשיקעס גוט מכבד געווען און זיי צעטריבן, דערנאָך האָבן זיי גענומען קלאַפּן אין די הייזער, קיינער ענטפערט נישט. אַ סך האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס. אַז די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך דערנאָך דערוווּסט, האָט מען זיי אריינגענומען אין די הייזער און זיך געפרייט מיט זיי. אויך אונדזער שמחה איז ווי. נאָך דער ספּעציעלער ידיעה איז געווען גרויס. כאָטש אויף איין אויגנבליק אַ ליכטיקער שטראַל... שבת פאַרנאַכט זענען שוין אויך קיין ווי. אָנגעקומען פּעטליוראָווצעס, אָבער נאָר קריסטן. זיי האָבן דאָרט אָנגעהויבן מאַכן עקסצעסן, דער עיקר געררודפט האָבן זיי אונדזערע היימלאָזע. אַהאַ! האָבן זיי געשריגן, איר זענט אַנטלאָפן פון אונדז? איר זענט באָלשעוויקעס! זיי האָבן אָרגאַניזירט אויף אַלע אונדזערע יידן אַ געיעג אין די גאַסן און אין די הייזער, וועמען זיי האָבן געכאַפּט פון אונדזערע האָבן זיי מערדערלעך געשלאָגן און אַרעסטירט. מיר האָבן זיך געמוזט עטלעכע טעג אויסבאַהאַלטן און קיין צרות האָבן אונדז נישט געפעלט. פון דער שרעק אַליין איז נסים געווען וואָס מ'האָט נישט געפּלאַצט. מיט גרויס מי און שוועריקייטן האָבן מיר זיך דערשלאָגן אַהיים, ווייל אַלע וועגן זענען דורך זיי פאַרפּולט געווען און אַ ייד, וועלכן זיי האָבן אויפן וועג געכאַפּט, איז נישט זיכער געווען מיטן לעבן. אין שטאָט איז אויך נישט געווען אַמבעסטן: די יידישע זעלנער זענען באַלד אַוועק ווייטער און עס זענען אָנגעקומען אַ קאָמענדאַנט מיט עטלעכע באַאַמטע — זייער שלעכטע מענטשן. אַלע טאָג געמאַכט נייע אַרעסטן. אַרעסטירט דעם רב און אַנדערע חשובע מענטשן — פאַרוואָס? ווייל מ'האָט דעם קאָמענדאַנט געזאָגט, אַז אויב ער וועט די יידן אַרעסטירן, וועט ער קאָנען אויספּרעסן אַ סך געלט. איינמאָל איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן מאַכן אַ רעוויזיע אין דער גרויסער שול, ווייל דאָרט זענען באַהאַלטן באָמבעס, דערנאָך האָט ער זי געוואָלט אונטערצינדן און מיט גרויסע נסים איז זי ניצול געוואָרן פון אַ שריפה. אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט מיט זיי אין שרעק איבער פּסח, אויך נאָך אַ שטיק זומער. מיר זענען צו אַלץ גלייכגילטיק געוואָרן, געמיינט אַז אַזוי דאַרף זיין, אַבי מ'לאָזט אונדז איבער די נשמה...

קאַפּיטל 8: הונגער און טויט

אַלס רעזולטאַט פון די אַלע צרות און איבערלעבענישן, פון דער שרעק און פאַרצווייפלונגען, פון דעם, וואָס די גאַנצע צייט האָט זיך כמעט קיינער ביינאַכט נישט אויסגעטון — האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שרעקלעכע עפּידעמיע איבער דער שטאָט: דער פלעק־טיפוס. אין אַלע הייזער כמעט איז מען שלאַף געוואָרן אויף פלעק־טיפוס, און ביי אַ סך האָט זיך דער דאָזיקער טיפוס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. דער טויט,

דער גרויזאַמער, האָט פאַרשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען איבער דער שטאָט און האָט צוגענומען טאָג־טעגלעך אַ סך קרבנות: צענדליקער יונגע מענטשן זענען פון דער וועלט געגאַנגען, הונדערטער האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט און זעלטן ווער איז אַרויס אַ גאַנצער. איבערן זומער האָט דער פלעק־טיפוס צוגענומען אַריבער הונדערט נפשות פון אונדזער יידישער באַפעלקערונג.

דער הונגער, אין אַ סך פאַלן, איז געווען ערגער פונעם פלעק־טיפוס. אַ סך אָרעמע מענטשן האָבן גערן געוואָלט אַריינפאַלן שטילערהייט אין די אָרעמס פונעם מלאך־המוות, איידער האָבן אַנטקעגן די אויגן דאָס געשפּענסט פון הונגער. דער רוב פונעם שטאָט האָט די דאָזיקע צייט קיין ברויט פאַר די אויגן נישט אָנגעזען. געגעסן האָט מען: מאַקאַכע, זשאלאדעס און אַנדערע בהמהשע עסנס. דער וואָס האָט געקריגן עטלעכע פונט מעל צוצומישן צום ערשטן איז געווען גליקלעך. פאַר דעם גליקלעכסטן מענטש האָט זיך גערעכנט דער, וואָס האָט זיך געקאָנט זאַט אָנעסן מיט אַ שטיקל ברויט. פון ריין ברויט האָט מען שוין גאָרנישט גערעדט, נאָר דער „אידעאַל" איז געווען ברויט מיט די קלייען וואָס דערצו איז נאָך געווען צוגעמישט אַלערליי פּסולתן: פאַסאָלעס, שטרוי, און אַן אַנדערש מאָל שטיינדלעך מיט גלאָז. דער הונגער און די נישט נאָרמאַלע עסנס האָבן געוויינלעך שטאַרק געווירקט אויפן אָרגאַניזם און די עפּידעמיעס האָבן זיך אַלץ שטאַרקער פאַרשפּרייט. די מערהייט איינוואוינער האָבן זיך צעשפּרייט איבער די דערפער, געבוקט און געקניט צו די פּויערים זיי זאָלן שענקען אַ שטיקל ברויט. מען האָט זיי אָפּגעטון כל עבודת פּרך פאַר אַ קלייניקייט. אַלע בעלי־מלאכות און הענדלער האָבן זיך צעלאָזט איבער די דערפער און געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, צו יעדן פּויער, אפשר דאַרף ער עפּעס מאַכן אָדער קויפן, אַלץ האָט מען פאַר זיי געטון אַבי זיי האָבן עטלעכע פונט קאָרן געגעבן. מען האָט פאַרגעסן פון עפּעס העכערס, ווער שמועסט פון גייסטיקע און קולטור־אַרבעטן. דער קאַמף פאַרן שטיקל ברויט האָט אומעטום דעם אויבנאָן פאַרנומען, די פאַרמעגלעכערע רייכערע קלאַסן האָבן פאַרקויפט פון זיך די טייערסטע מלבושים און צירונג אַבי עסן צו קריגן. עס איז ביי אונדז אַזוי אַרום מקיים געוואָרן: „נתנו מחמדיהם באכל, להשיב נפשם"...

קאַפּיטל 9: די פּוילישע גייען

אין די ערשטע טעג פון מאי 1919 האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן ווי די פּעטליוראָווצעס האָבן שוין נישט קיין באָדן אונטער זיך און זיי וועלן זיך אינגיכן צעפאַלן. זיי האָבן שוין קיין שום פאַרבינדונג מיטן צענטער נישט געהאַט, יעדער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט, און עס האָט בכלל שוין געטראָגן דער כאַראַקטער פון פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען. אינגיכן האָבן מיר אויך באַמערקט, אַז זיי עוואַקואירן שוין צוביסלעך די שטאָט. אין שטאָט האָבן קורסירט פאַרשידענע קלאַנגען, נאָר אויף וויפל ס'איז אמת האָט מען נישט געקאָנט וויסן; איין קלאַנג אָבער האָט זיך אַלע מאָל איבערגעחזרט, און טאַקע זיך באַשטעטיקט. דאָס איז געווען דער קלאַנג, אַז די פּוילישע

דין תורה בין יהודים ובין גוי

בזמן שלטון הרוסים, כשמישה לסקוביץ — נוצרי מקומי, ממארגני ההפיכה המקומית נגד שלטונות ההטמן סקורופדסקי, — היה הקומיסר הצבאי, תבע יאשה לסקוביץ, אביו של מישה, את ד. גילמן וא. חרפק לדין־תורה. וזוהי התביעה אשר היתה בפי לסקוביץ: לו היה זוג מגפיים שהטמינם בבנין הקולנוע אשר ממול ביתו והשייך לגילמן ולחרפק. בבואו לקחתם, לא מצאם, ועל כן חושד בנתבעים, שהם לקחום. בהמשך הבירור הודה התובע, שאמנם לא מסר לידי הנתבעים ממש את המגפים, וכי הוא טמנם בבנין הקולנוע שלא בידיעתם, עם זאת הוא חושד בהם שהמגפים ברשותם.

בינתיים בא לבית הרב, הקומיסר מישה לסקוביץ וכשבידו אקדח, הטעים: „אני בעצמי נגד קלריקליזם, נגד קפיטליזם ונגד מונופוליזם („איזמים" אחרים כנראה, לא ידע) ונגד קונטר־רבולוציונרים. אבי הוא קונטר־רבולוציונר ובמו ידי עוד אירה בו באקדחי זה. אך, בינתים, במקרה זה, הנני תובע דין צדק לאמיתו". האיום היה ברור. הנתבעים היו מוכנים לשלם סכום כסף כדי לפצות את התובע, אעפ"י שלא היו אשמים. אך כיצד ייעשה הדבר? כי אם יסכימו לשלם, הלא ייראו כאשמים. לאחר שמיעת הצדדים דחה הרב את ענין פסק־הדין למחר, כדי ש„תהא לו שהות לעיין בספרים". למחר הופיעו בעלי־הדין והרב זלצמן הודיע להם את פסק־הדין, כי על הנתבעים לקבל שבועה בבית־כנסת, בפני ארון הקודש, ליד נרות שחורים דולקים, וכשישבעו, יהיו פטורים מתשלום הנזק.

הנתבעים הודיעו, כי הם מוכנים להישבע. כאן גער בהם הרב ואמר: „דעו לכם כי חודש אלול היום, ובחודש זה לא אתן לכם להישבע, והיות ואין בדעתי לדחות את השבועה לחדשיים, כי גם בתשרי אין נשבעים, לכן עליכם לשלם את הנזק", וקבע את הסכום...

הנתבעים שילמו את הסכום ושני הצדדים יצאו מרוצים וכנראה, שגם הקומיסר הצבאי, היה מרוצה מפסק הדין. אגב, הדין תורה התנהל באידיש, כי הגוי ישה לסקוביץ היטיב לדבר אידיש.

קומוניסטים לשעה־אחת

בשנת 1919, עת השלטון בעיר היה בידי הרוסים, גייס הקומיסר הצבאי למשרדו חבר עובדים שהיה מורכב מעשרה יהודים ופולני נוצרי אחד; אני נמניתי על המגויסים. שכר לא קיבלנו, אך כל יום, לאחר העבודה, קיבלנו ליטרה לחם שחור.

יום אחד נצטווינו לארוז את תיקי־המשרד לתוך ארגזים. הוברר לנו, שהסובייטים מתכוננים לעזוב את העיר וכי הפולנים מתקרבים. חששנו מנקמת הפולנים בנו, אשר ודאי יעמידונו לדין בעוון „קומוניזם".

פניתי לסגן הקומיסר והבעתי בפניו את חששותינו, אך הוא יעצנו להצטרף ולנוע עם הרוסים. הסברתי לו כי „לטובת הענין" מוטב שאנו, בני העיר, נשאר במקום עד

סטאַציע און פון דאָרט געשאָסן אין שטאָט אַריין. די פּאָליאַקן האָבן גלייך פאַרלאָזט די שטאָט, און די באָלשעוויקן זענען אַריין. דאָ האָבן מיר געזען, אַז דאָס זענען גאָר אַלע אונדזערע חברה, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און עס האָט זיך זיי, ווייזט אויס, פאַרבענקט אַהיים, האָבן זיי אַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע צונויפגעשטעלט און זיך אַריינגעריסן אין שטאָט. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען שוין אַהער אָנגעקומען אַנדערע אָפּטיילונגען זייער צוהילף, און זיי האָבן אָנגעהויבן איינפירן זייערע מנהגים: ערשטנס, האָבן זיי געוואָלט אײַן קלייניקייט: אין פאַל, אַז זיי וועלן דאַרפן אַוועקגיין מוזן אַלע יונגע מיטגיין מיט זיי, דעריבער דאַרפן זיי שוין אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי; צווייטנס, האָט זיך אָנגעהויבן תיכף רעקוויזיציעס, ווי ס'איז נאָך ערגעץ פאַרבליבן אַביסל סחורה אָדער עסנוואַרג, האָבן זיי צוגענומען; זיי זענען אַ סך ערגער געווען ווי אַנדערע באָלשעוויקעס, ווייל דאָס זענען געווען שטאָטישע פּויערים, וועלכע האָבן אַלעמען געקענט און וועלכע האָבן מיט אַ סך פּריוואַטע חשבונות געהאַט...

דערווייל האָבן זיך אין שטאָט געשטאַרקט דער הונגער און די שלאַפקייטן, ממש מענטשן זענען אין די גאַסן געפאַלן... די באָלשעוויקעס האָבן זיך שוין אויך נישט געפילט אַזוי זיכער, מ'האָט געשמועסט, אַז די פּאָליאַקן האָבן צונויפגענומען פרישע כוחות און ווילן אינגיכן אַן אָנגריף מאַכן. די שטימונג איז געווען אַ צערייצטע: די באָלשעוויקעס זענען אין כעס געווען אויף דער באַפעלקערונג, פאַרוואָס זיי טרעטן נישט אַריין אין דער רויטער אַרמיי, און די שטאָט איז געווען ברוגז אויף זיי, וואָס זיי וואַרפן אַזויפיל שרעק אָן... דערווייל איז אין שטאָט געשען אַ שרעקלעכער צופאַל, וואָס האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ מורא: איינער פון די באָלשעוויקעס האָט זיך עפּעס צעקריגט מיט אַ ייד איבער אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, וואָס יענער האָט אים אומזיסט נישט געוואָלט געבן און איז אַוועק פון אים מיט כעס, צוריקגייענדיק האָט ער זיך באַטראַכט, וואָס הייסט ער וועט אים שווייגן דעם דאָזיקן פאַרשיוון ייד? איז ער געלאָפן צוריק זיך מיט אים אָפּרעכענען און נישט געטראָפן אים, נאָר אין אַ הויז פריער. דאָרט איז אין דרויסן אויפן גאַנעק געזעסן אַן עלטערער ייד, וואָס איז באַליבט געווען אין שטאָט אַלס שטילער און ערלעכער. דעם דאָזיקן ייד האָט ער מיינענדיק, אַז דאָס איז יענער, אַראָפּגעפירט פונעם גאַנעק, צוגעפירט צום וואַנט און גלייך דערשאָסן. דער ייד האָט זיך אַ פּאָר טעג געראַנגלט מיטן טויט און דערנאָך געשטאָרבן. דער מערדער איז זיך אַרומגעגאַנגען פריי און מען האָט נאָך מורא געהאַט דערמאָנען וועגן דעם אַ וואָרט.

אָנהייב יולי 1919 האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסן, אַז אויב די יידן פון 18 ביז 30 יאָר וועלן ביז מאָרגן נישט אַריינטרעטן צו זיי אין דער אַרמיי, זאָל מען אַריספירן 10 יידן און זיי דערשיסן, וועלן שוין די איבעריקע לויפן... מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביי זיי איז גאָרנישט שווער דאָס צו פאַרווירקלעכן, און עס איז דעריבער אין שטאָט געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק. פאַרנאַכט איז פּלוצלינג געוואָרן הינטער דער שטאָט אַ גרויסע שיסעריי, מ'האָט זיך דערוווסט, אַז די פּאָליאַקן שטייען שוין הינטער דער שטאָט. די באָלשעוויקעס זענען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און אין אַ שעה אַרום זענען שוין די פּאָליאַקן אין שטאָט געווען. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס

וועט זיין אַזאַ מיליטער ווי דאָס ערשטע מאָל. מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. זיי האָבן גלייך געמאַכט אַ בלבול אויף אונדזער שטאָט, אַז מיר העלפן די באָלשעוויקעס, און אַז דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר ספּעציעל אַריינגעבראַכט די באָלשעוויקעס א. א. וו. עס האָט נישט געהאָלפן אונדזערע טענות, אַז אַדרבא, די באָלשעוויקעס טוען אונדז נאָך גרויסע צרות אָן. זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט וויסן. זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער שטאָט אַ גרויסע סומע קאָנטריבוציע — הונדערט טויזנט רובל, וועלכע די שטאָט האָט בשום אופן נישט געהאַט צו באַצאָלן. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן, זיי האָבן אָנגעשטעלט פּולעמיאָטן אויף דער שטאָט און געסטראַשעט, אַז אויב ביז דער און דער שעה וועט דאָס געלט נישט זיין, וועלן זיי איבערקערן די שטאָט. מען איז געלאָפן בעטן, זיי זאָלן פאַרקלענערן די שווערע לאַסט, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן שוין אַפילו געעפנט אַ שיסעריי, כדי אָנצושרעקן די שטאָט און מען האָט געמוזט דאָס לעצטע פון זיך פאַרקויפן און זיי אַריינטראָגן. פון דעמאָלט איז שוין רואיק נישט געווען. מיר האָבן שטיל געליטן און געשוויגן...

קאַפּיטל 11 : די באַלאַגערונג

שבת, דעם 26־טן יולי 1919 האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן פליען באָמבעס אין שטאָט אַריין עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באָלשעוויקעס זענען געקומען מיט אַ פּאַנצער־צוג (בראָנעוויק) צו אונדזער באַן־סטאַציע און באָמבאַרדירן די שטאָט. זונטיק האָבן זיי ווייטער די שטאָט באָמבאַרדירט, דאָס מאָל שוין שטאַרקער, אַ סך הייזער זענען רואינירט געוואָרן און 1 קינד פאַרוואונדעט. די באַפעלקערונג איז אין פּאַניק געלאָפן אין די קעלערס זיך באַהאַלטן, אין די הייזער זענען די שויבן צעהאַקט געוואָרן און עטלעכע הייזער זענען אינגאַנצן רואינירט געוואָרן. די פּאָליאַקן האָבן די ערשטע צייט, גאָרנישט געענטפערט, און אַ פּאָר טעג אַרום אָבער, אַז די באָמבאַרדירונג האָט נישט אויפגעהערט, האָבן זיי עטלעכע האַרמאַטן געבראַכט און צוריק געענטפערט. אַזוי האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן. שפּעטער האָט די באָמבאַרדירונג אויפגעהערט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאָרמעלע שלאַכט צווישן זיי, די פּאָליאַקן זענען געשטאַנען אין שטאָט פון איין זייט האָרין, דער טייך וואָס פליסט ביי אונדז ביי דער שטאָט, און די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען פון דער צווייטער זייט. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן אונדזער לאַגע געפינענדיק זיך צווישן האַמער און קאָוואַדלע : די באָמבעס און קוילן זענען שטענדיק געוועלגערט געוואָרן אויף דער שטאָט. און מיר האָבן שוין אַ פּאָר קרבנות פון די שיסערייען אויך געהאַט. די פּאָליאַקן אַליין האָבן אונדז אויך נישט געשאַנעוועט. אין שטאָט זענען פאַרשידענע אָפּטיילונגען מיליטער געווען : האַלערטשיקעס, פּאָזנאַנטשיקעס און אַנדערע מיליטער־פאָרמאַציעס. פאַרשידענע שפּיצלעך זענען דורך זיי אָפּגעטאָן געוואָרן. ערשטנס, די בערד : ס'איז כמעט קיין איין ייד אין שטאָט נישט געווען, וועלכן מ'זאָל די באָרד נישט אָפּשערן. איך זאָג „כמעט", ווייל איין ייד איז געווען אין שטאָט, דער יידישער סטאַראָסטע, וועלכער האָט באקומען אַן אָפּיציעלע

„פשעפוסטקע", אַז ער מעג טראָגן די באָרד, דאָס האָט ער באַקומען פאַר דעם, וואָס ער פלעגט זיי אַלץ צושטעלן, וואָס זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט, כדי ס'זאָל זיין שטיל אין שטאָט. אויך האָבן די האַלערטשיקעס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז דער וואָס וועט פאַר זיי דאָס היטל נישט אַראָפּנעמען, דאַרף זיך אַנידערלייגן אויף דער ערד און בוקן זיך פאַר זיי, און אַזוי איז טאַקע געווען...

ביים כאַפּן יידן אויף אַרבעט, פלעגט מען אַרויפלייגן אַלערליי עבודת־פרך און נאָך מיאוס דערנידעריקן און חוזק מאַכן פון זיי. בקיצור, אין קיין צרות און קיין שרעק זענען מיר נישט זשעדנע געווען. אַזוי זענען מיר געווען אונטער דער באַלאַגערונג ביזן 12־טן סעפטעמבער 1919, דאַן זענען די פּאָליאַקן אַוועק ווייטער און דאָס לעבן האָט זיך צוביסלעך גענומען איינאָרדענען. אין שטאָט איז געבליבן אַ קאָמיסאַר מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן, אָנהויב 1920 יאָר האָט זיך אָבער די לאַגע ווייטער געענדערט. אין אונזער געגנט האָבן אָנגעהויבן גראַסירן פאַרשידענע באַנדיטן־באַנדעס. דאָס זענען ווייזט אויס, געווען איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די פויערים פון אונדזער געגנט, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס און זיי האָבן זיך אויסבאַ־האַלטן אין די וועלדער פאַר דער פוילישער מאַכט. אַלע טאָג האָט מען אין שטאָט אַריינגעבראַכט פרישע הרוגים אין איין טאָג... אין שטאָט איז אָנגעקומען פּויליש מיליטער צו פאַרפּאָלגן די באַנדעס און ס'איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַמס־צושטאַנד, ווייל עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די באַנדיטן גרייטן זיך מאַכן אַן אָנפאַל אויף דער שטאָט. אין יענער צייט איז אויך אַ טראַגישער צופאַל געשען: 2 יונגע בחורים זענען געפאָרן מיט סחורה אין אַ נאָענטער שטאָט און פּוילישע זעלנער האָבן פון דערווייטנס געשריגן זיי זאָלן זיך שטעלן, יענע האָבן ווייזט אויס נישט געהערט, צי זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך נישט אָפּגעשטעלט. די פּוילישע זעלנער האָבן זיי גלייך דערשאָסן. בכלל איז דעם גאַנצן ווינטער אומרואיק געווען און די שטאָט האָט געלעבט אין פחד. מען האָט נישט געקאָנט, נישט אַרויספאָרן און נישט אַריינפאָרן. ערשט פרילינג־צייט איז שטילער געוואָרן.

קאַפּיטל 12 : שמיץ...

דינסטיק ביינאַכט, דעם 15־טן יוני 1920, איז פּלוצלינג אָנגעקומען אין שטאָט אַן אָפּטיילונג מיליטער. גאַנץ פרי האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער די הייזער מיטן אויסרייד, אַז זיי זוכן כלומרשט קאַזיאָנע זאַכן און געווער. וועלכע ס'איז זאַך איז זיי אויסגעקומען עטוואָס פאַרדעכטיקט, האָבן זיי עס גלייך צוגענומען. ס'האָבן זיך געווינלעך געפונען אַ סך אַזוינע זאַכן... נאָך האַלבן טאָג האָבן זיי פאַרשטאַרקט זייער „אַרבעט". זייערע מעשים זענען געוואָרן אויפפאַלנד, פאַרדעכטיקט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ פּאַניק. די קראָמען האָט מען צוביסלעך אָנגעהויבן צומאַכן, מורא געהאַט צו גיין אין גאַס. די זעלנער האָבן זיך דערווייל צעלאָזט איבער די גאַסן און הייזער און אָנגעהויבן טרייבן יידן אין מאַרק אַריין. זיי האָבן צונויפגעטריבן אַ סך יידן, זיי

אַלעמען צעלייגט איינציקווייז און געשמיסן... אַלע האָבן באַדאַרפט צוקוקן ווי מען שמייסט יעדן איינעם און מ׳האָט נישט געטאָרט הערן קיין הויך קול, אויב מ׳האָט געשריגן, האָבן זיי נאָכאַמאָל געשמיסן...

די חרפּה און שרעק איז געווען מוראדיק. מ׳האָט נאָך דערציילט פאַרשידענע באָבע מעשיות און די פּאַניק פאַרגרעסערט. די לאָקאַלע מאַכט: די עטלעכע פּאָליציאַנטן און דער קאָמיסאַר זענען געשטאַנען פון דערווייטנס, צוגעקוקט און געשוויגן... מ׳איז געלאָפן צו זיי, אַז זיי זאָלן עפּעס אינטערווענירן, האָבן זיי זיך באַהאַלטן און גאָרנישט געוואָלט ענטפערן. פאַרנאַכט האָבן זיי ווייטער אַרויסגענומען פון אַ שטוב אַ פאָטער מיט אַ זון, זיי האָבן דעם זון אַזוי געשמיסן, אַז ער איז פאַרחלשט געוואָרן און פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין, און דער פאָטער האָט זיך מיט גרויס מי אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט. אויף מאָרגן זענען זיי אַוועקגעפאָרן און ס׳איז געבליבן ווי פריער. וויפל מ׳האָט זיך נישט באַמיט צו דערוויסן פון וואַנען און צוליב וואָס איז געקומען די דאָזיקע „שטראָף־אָפּטיילונג״, האָט מען נישט געקאָנט דערגיין. דער שטאָטישער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָרנישט שולדיק, זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון „העכער״ מיט אַ „מאַנדאַט״, און ער האָט גאָרנישט געקאָנט העלפן; אין פּאָוויאַט האָט מען געזאָגט, אַז דער קאָמיסאַר פון שטאָט האָט זיי מסתם אַרויסגעפאָדערט. ער האָט ווייזט אויס, אַריינגעשיקט אַ באַריכט, אַז אין שטאָט בונטעוועט מען זיך, האָט מען דעריבער אַריינגעשיקט אַ „שטראָף־עקספּעדיציע״. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט מען זיי אַראָפּגעשיקט נעמען נקמה פאַרן בלוט פון די גראַפן די פּוילישע, וועלכע די פּויערים האָבן דערמאָרדעט. אויף ריכטיק האָט מען אָבער גאָרנישט געוווסט; דערווייל האָבן צענדליקער יידן געליטן פון חרפּה און ווייטיק און די שלעגער זענען געבליבן אומבאַשטראָפט...

קאַפּיטל 13: נאָכווייען פון אַרוים און אַריין...

דינסטיק, דעם 6־טן יולי 1920, האָבן די פּאָליאַקן פלוצלינג זיך אָנגעהויבן עוואַקואירן. עס זענען אַרויסגעפאָרן אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן, מיליטערישע און ציווילע, אַפילו פּריוואַטע, ווי דער שטאָטישער שפּיטאָל א. א. אין שטאָט איז געוואָרן זייער אומרויִק. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אָרדענונג וועט זיך בייטן, כאָטש מ׳האָט גאָרנישט געהערט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן זיין אַזוי נאָענט. דאָנערשטיק פאַרנאַכט זענען שוין אַלע אַנשטאַלטן געווען עוואַקואירט. אינצווישן האָט מען דערווייל באַפוילן אַלע טאָג זאָלן 50—60 יידן גיין אויף פאַרשידענע אַרבעטן. דאָנערשטיק אויף דער נאַכט איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אַן אָפּטיילונג זעלנער. זיי האָבן תיכף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיי ברענגען מילך, פלייש, ברויט, אייער, פּוטער א. ד. ג. מען האָט עס גאָרנישט געקריגן, דאָך האָט מען געאַרבעט מעשים און די פאָדערונג דערפילט. פרייטיק פרי האָט זיך פלוצלינג אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שיסעריי פון האַרמאַטן און פּולעמיאָטן. מיר האָבן געמיינט, אַז די באָלשעוויקעס זענען שוין הינטער

דער שטאָט. שטאַרקע אויפרייסן האָבן זיך געהערט און פון אַלע זייטן האָט זיך אָנגעהויבן קייקלען אַ געדיכטער רויך. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס צינדט מען אונטער די שטאָט פון אַלע זייטן און שוין געוואָלט זיך לאָזן לויפן וווהין די אויגן וועלן טראָגן, נאָר מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס רייסט מען אויף די אייזנבאַן־בריק און אויך די באַן־סטאַציע און אַלע אַנשטאַלטן דאָרט. 12 בייטאָג זענען אַריין אין שטאָט עטלעכע הונדערט זעלנער און אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן, אַז אין שטאָט איז קיין זיכערהייטסמאַכט נישטאָ, האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן עקסצעסן: אויפגעריסן עטלעכע קראָמען, געראַבירט און אויך יידן געשלאָגן... נאָר מען האָט באַצייטנס מודיע געווען עטלעכע פוילישע אָפיצירן, און זיי האָבן די זעלנער צעטריבן.

ס׳איז ווידער געווען הפקר: ווער ס׳האָט געהאַט אַ ביקס האָט גענומען וואָס ס׳האָט זיך פאַרגלוסט. מיר האָבן נאָך געדאַנקט גאָט, אַבי מ׳לאָזט אונדז לעבן. שבת פרי, דעם 10־טן יולי 1920 האָט דער פוילישער קאָמענדאַנט, וועלכער איז פרייטיק פאַרנאַכט געקומען מיט אַן אָפּטיילונג מיליטער, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער באַפעלקערונג, מ׳זאָל אַלע גיין הינטער דער שטאָט גראָבן אָקאָפּעס. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט זיך אַזוי גיך נישט געכאַפּט גיין, האָבן זיי באַלד אַרויסגעשיקט עטלעכע זעלנער, וועלכע זענען געגאַנגען איבער די הייזער און צוזאַמענגעקליבן אַ סך יידן און זיי אַוועקגעשיקט הינטער דער שטאָט צו גראָבן אָקאָפּעס, בייטאָג האָט מען ווידער געשלעפּט יידן צו די אָקאָפּעס, נאָר פאַרנאַכט־צו זענען פּלוצלינג צוויי רייטערס געקומען צולויפן מיט אַן אָנזאָג איבערצולאָזן די אָקאָפּעס און זיך צוריקציען. אַלע זענען אַנטלאָפן, נאָר אין שטאָט זענען עטלעכע קאַוואַלעריסטן געבליבן, וועלכע האָבן פאַרנאַכט צוגענומען ביי אַ ייד עטלעכע פעסער סמאַלע, ערגעץ געקריגן עטלעכע פורן שטרוי און זיי האָבן אונטערגעצונדן די לאַנגע־בריק, וואָס געפינט זיך צווישן דער שטאָט און דער באַן־סטאַציע. אַזוי אַרום איז די קאָמוניקאַציע פון אונדזער שטאָט מיט דער אייזנבאַן איבערגעריסן געוואָרן. עס האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז זיי האָבן אַ באַפעל אויך די שטאָט און באַזונדערס די פאַרשידענע מלוכהשע אַנשטאַלטן אונטערצוצינדן, נאָר אונדזער שרעק איז געווען אומזיסט: שבת אָוונט איז שוין קיינער נישט געווען.

דורך זונטיק, מאָנטיק און דינסטיק איז נישט געווען קיין שום מאַכט. מיר האָבן זייער געציטערט פאַר פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען אָדער סתם־רויבער, וועלכע געפינען אין אַזאַ צייט אַ שעת־הכושר זיך אַריינצורייסן אין שטאָט. ערשט דינסטיק פאַרנאַכט האָבן די פויערים געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין אַ נאָענטן דאָרף געפינען זיך שוין די באָלשעוויקעס, נאָר ווייל די בריק אין שטאָט איז איבערגעריסן, קאָנען זיי זיך אַהער נישט דערלאַנגען. ערשט מיטוואָך דעם 14־טן יולי האָבן זיי געקריגן שיפלעך און דורכן וואַסער געקומען אין שטאָט אַריין. זיי זענען געקומען: נאַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע. מ׳האָט זיי תיכף געמוזט קריגן ברויט, זאַלץ און אַנדערע פּראָדוקטן. זיי האָבן דווקא געצאָלט פאַר אַלץ מיט סאָוויעטיש געלט, נאָר מען האָט נישט ביי זיי געוואָלט נעמען דאָס סאָוויעטישע געלט, האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז דער וואָס וועט נישט וועלן נעמען ווערט גלייך אַרעסטירט, און מען האָט שוין

געמוזט נעמען. די פּאָליאַקן זענען נאָך וויזט אויס געשטאַנען ערגעץ הינטער דער שטאָט און אויף מאָרגן האָט אָנגעהויבן רעגענען אין שטאָט מיט קוילן: פון איין זייט מיט אַ פּאַנצער־צוג פון דער באַן־סטאַציע, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי באַשאָסן די שטאָט דורך פּוסגייער. אויף מאָרגן האָבן די פּוילישע פאַרשטאַרקט די שיסערייען און זיי זענען שוין אַריין אין פאַרשטאָט. אַ קויל איז אַריין אין אַ יידישער שטוב און אַ יידישע פרוי איז געהרגעט געוואָרן און איר טאָכטער פאַרווונדעט. דאָס איז געווען גאַנץ פרי. 10 אַזייגער האָבן זיי פאַרשטאַרקט זייערע כוחות און זענען אַריין אין שטאָט. די באָלשעוויקעס האָבן זיך אָבער אויך נישט מייאש געווען און נישט אָפּגעטראָטן, די שלאַכט האָט זיך געפירט אין מיטן שטאָט עטלעכע שעה.

אונדזער שרעק איז נישט צו באַשרייבן. מען האָט מורא געהאַט צו בלייבן אין די הייזער איז מען געלאָפן אין די קעלערן. דאָרט האָבן זיך צונויפגעקליבן יונג און אַלט. די פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס. ענדלעך האָבן די באָלשעוויקעס געמוזט רעזיגנירן און די פּאָליאַקן זענען שוין אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט געבליבן. פאַרנאַכט אָבער האָבן די פּוילישע מורא געהאַט בלייבן אין שטאָט און זיי זענען פרייוויליק אַוועק און גלייך האָבן די באָלשעוויקעס צוריק פאַרנומען די שטאָט, אַזוי האָט זיך ביי אונדז אין איין טאָג דריי מאָל געביטן די מאַכט: אינדערפרי די באָלשעוויקעס, בייטאָג די פּאָליאַקן און פאַרנאַכט ווידער די באָלשעוויקעס. אונדזער לאַגע ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז זיך לייכט פאָרצושטעלן: שטענדיק צווישן האַמער און קאָוואַדלע און אַלץ מוז מען מקבל־באהבה־זיין... די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוביסלעך אָנגעהויבן איינאָרדענען אין אונדזער שטאָט אויף זייער שטייגער: מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אַלעמען צוגעזאָגט הרים וגבעות, מען זאָל אַריינטרעטן אַלס פרייוויליקע אין דער רויטער אַרמיי. אינגיכן זענען אָנגעקומען צו אונדז גרויסע אָפּטיילונגען מיליטער פון רוסלאַנד, וועלכע מען האָט אַלץ צוגעגרייט אויפן באַוווסטן מאַרש קיין וואַרשע. פון דאַנען זיי געשיקט ווייטער. זיי האָבן זיך שוין דאָ געפילט זיכער: פאַרבאָטן דעם אַריין און אַרויספיר; אָנגעהויבן מאַכן רעקוויזיציעס און קאָנפיסקאַציעס; זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ בריקל איבערן טייך, געשלעפּט אַלע אָנגעזעענע מענטשן צו דער אַרבעט, די „בעלע רוטשקעס" (ווייסע הענטלעך) — די „בורזשויען" — האָבן זיי אָנגעטאָן בזיונות. פאַרשטייט זיך, אַז אַ „בורזשוי" האָט נישט געהייסן ביי זיי אַ גרויסער גביר, אַן עקספּלאָאַטאַטאָר, נאָר פּשוט אַלע סוחרים און קליינהענדלער, וועלכע זענען באמת אין יענע צייטן גרויסע קבצנים געווען.

מיר, וואָס האָבן זיך שוין צוגעקוקט צו אַלע אָרדענונגען און דערשיינונגען, האָבן געזען, אַז צווישן די פּאָליאַקן און די באָלשעוויקעס איז בנוגע צו דער ציווילער באַפעלקערונג דער דאָזיקער חילוק: שלעכט ביי די פּוילישע איז געווען, בעת עס איז געווען נאָענט די פּאָזיציע, דעמאָלט האָט יעדער זעלנער געטון, וואָס ער האָט געוואָלט, שפּעטער אָבער אַז די פּאָזיציע איז ווייטער אַוועק איז געוואָרן אָרדענונג און די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט; ביי די באָלשעוויקעס איז געווען פּונקט פאַרקערט: בעת זיי זענען אַריין, בעת עס איז באַלאַגערונג־צושטאַנד געווען, דווקא דעמאָלט איז געווען

גאַנץ גוט; זיי האָבן נישט געטשעפּעט און מען איז זיכער געווען מיטן לעבן און פאַרמעגן. איז אָבער אַראָפּגענומען געוואָרן דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד און די אָרדענונג האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן איז געוואָרן ערגער און ערגער. און אַזוי איז אויך געווען דאָס לעצטע מאָל בעת די באָלשעוויקעס האָבן מאַרשירט אויף וואַרשע: רעקווירירן, נאַציאָנאַליזירן און אַרעסטירן — דאָס איז דער לאָזונג געווען. זיי האָבן אויך דעמאָלט פאַרשריבן אַלע מענער פון 18 ביז 40 און געהייסן זיך גרייטן אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי.

קאַפּיטל 14: אין ווייטערדיקן כאַאָס

אַזוי האָבן די באָלשעוויקעס געוועלטיקט ביי אונדז אויף זייער שטייגער ביז ראש השנה תרפ״א (1920). די באָלשעוויקעס זענען שוין הינטער וואַרשע געשטאַנען, און עס איז זיי גאָר אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז זיי וועלן זיך דאַרפן אינגיכן פון אונדז עוואַקואירן. פּלוצלינג זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן זייער גרויסער מפּלה הינטער וואַרשע, און אַז זיי לויפן שוין צוריק. אין שטאָט האָבן זיך די באָלשעוויקעס באַמיט די אַלע ידיעות אָפּלייקענען. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז ווער עס וועט פאַרשפּרייטן אַזעלכע ידיעות וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן אָן אַ משפּט. עס האָט זיי אָבער דאָס אַלץ גאַנץ ווייניק געהאָלפן. פרייטיק דעם 17־טן סעפּטעמבער 1920 איז שוין אומעטום באַוווּסט געווען, אַז די באָלשעוויקעס לויפן צוריק אין פּאַניק און זיי זענען שוין הינטער קאָוועל. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע פּאַניק.

ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די געשפּענסט פון־אַרויס און־אַריין... די באָלשעוויקעס האָבן נישט געוווּסט ווו זיי זענען אין דער וועלט; עס איז ביי זיי געווען אַ פולשטענדיקער כאַאָס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג מיטן צענטער און איינער האָט נישט געוווּסט פונעם צווייטן. דערווייל האָט דער שטאָטישער „וואָיענני־קאָמיסאַר" אַרויסגעהאָנגען אַ מאָביליזאַציע־באַפעל — פון 18 ביז 40 יאָר — און ווער עס וועט זיך ביז אַ באַשטימטער שעה נישט מעלדן, וועט גלייך דערשאָסן ווערן. די שטאָט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און נאָך גרויסער מי און שתדלנות און מיט... אַ סך געלט, איז געלונגען די גזירה מבטל צו מאַכן... אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי זיך טאַקע אַלע עוואַקואירט פון דאַנען און נאָר אַ קליינע אָפּטיילונג איז געבליבן אין אַ נאָענטן דאָרף. אַלע פּאָר טעג זענען זיי געקומען אין שטאָט אַריין נעמען וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. מיר האָבן געמיינט, אַז אָן אַ שום אָרדענונג וועט אונדז דאָך זיין בעסער, נישט האָבנדיק אויף זיך קיין הערשער, זייענדיק אַליין די בעלי־בתים.

די שטענדיקע שרעק און די ציטערניש פאַר יעדן מיט אַ ביקס אין האַנט, אין דער צייט ווען עס איז אַפילו קיין איין פּאָליציאַנט אין שטאָט נישטאָ, האָט פון אונדז אַ תל געמאַכט. פאַרשידענע באַנדעס און דעזערטערן פון פאַרשידענע אַרמייען האָבן דאָס טאַקע אויסגענוצט. אַלע מאָל זענען אַראָפּגעקומען גאָר פאַרשידענע „מלאכי־חבלה" און צוגענומען דאָס לעצטע. דינסטיק ערב יום־כיפור תרפ״א — 20־טן סעפּטעמבער 1920

— זענען אָנגעקומען אין שטאָט אַ גרעסערע אָפּטיילונג סאָלדאַטן. ווער זיי זענען, ווייסן מיר נישט; ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן — דעזערטערן פון דער באָלשעוויסטישער אַרמיי. גלייך האָבן זיי זיך גענומען צו דער אַרבעט: מילא עסן און טרינקען האָט מען זיי פריייוויליק געגעבן וואָס מען האָט נאָר געהאַט. זיי האָבן זיך דערמיט אָבער נישט באַנוגנט: זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אין די גאַסן, געמאַכט אַ פּאַניק, געראַבירט און געשלאָגן, אַראָפּגעצויגן ביי אַ סך מענטשן די מלבושים און די שטיוול. זיי האָבן דערזען ביי אַ פריילין אויף דער האַנט אַ פינגערל און האָבן עס אַזוי גיך נישט געקאָנט אַראָפּרייסן, האָבן זיי געכאַפּט דעם פינגער אָפּצושניידן! וואָס פאַר אַ יום־כיפור מיר האָבן געהאַט איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. בלייכע און דערשראָקענע איז מען געשטאַנען איינגעהילט אין ווייסן און פאַרגאָסן הייסע טרערן אין די תפילות צום באַשעפער מיר זאָלן שוין פון די צרות פטור ווערן. אַזוי איז אונדז נאָך איך כאַאָס צוגעקומען און פאַרמערט די שרעק און פאַרצווייפלונג. יום־כיפור ביינאַכט האָבן די דאָזיקע באַנדעס אונטערגעצונדן דאָס מיל און די עלעקטרישע סטאַציע, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דעם טייך אין אָנהויב שטאָט.

חול־המועד סוכות האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די פּאָליאַקן געפינען זיך שוין נאָענט; און אַז די פאַרפּאָסטנס פון די פּאָליאַקן זענען גאָר רוסישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פּאָליאַקן, אונטערן נאָמען: „באַלאַכאָוועצעס"; מיר האָבן זיך שוין אויך דערוווּסט וועגן די שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס די דאָזיקע „באַלאַכאָוועצעס" מאַכן. מיר האָבן זיך זייער געשראָקן, נאָר אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?... מיר האָבן געוואַרט מיט שרעק אויף דער צוקונפט. שבת חול־המועד זענען אָנגעקומען אַ „ראַזוועדקע" פון צוויי פּוילישע זעלנער מיט אַן אָפיציר. זיי האָב גלייך געפאָדערט, מען זאָל אין עטלעכע שעה צונויפזאַמלען אַ פּוד זאַלץ, וואָס איז געווען דעמאָלט מער ווי אַ „יקר המציאות". מען האָט עס גאָרנישט געקריגן. דאָך האָבן מיר אָנגעווענדעט אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן און צונויפגעזאַמלט עטלעכע פּוד זאַלץ, און זיי זענען אַוועקגעפאָרן. ערשט שמיני עצרת איז אַריין אַהער פּויליש מיליטער. אַזוי איז אַלץ אַריבער שטיל, נאָר עטלעכע פּוילישע זעלנער האָבן געכאַפּט יידן אויף פאַרשידענע אַרבעטן.

קאַפּיטל 15: „דער מאַיאָר" וואָס איז געווען גוט צו יידן

דאָס איז געווען אין טאָג פון שמחת־תורה תרפ"א — אָנהויב אָקטאָבער 1920. די פּאָליאַקן זענען ערשט די טעג אין שטאָט אַריין, דערווייל איז אין שטאָט אויסנאַם־צושטאַנד געווען. אויפן האַרצן איז שטאַרק אומעטיק און עס איז פאַרשטענדלעך נישט געווען אין זינען צו פּראַוּוען שמחת־תורה, דאָך זענען זיך צונויפגעקומען צום רב אַן ענגער קרייז היימישע מענטשן — אַ צען פופצן, מען איז געזעסן, זיך געמיטלעך געשמועסט, דערמאָנט אַמאָליקע צייטן ווי פריילעך אויפן האַרץ עס איז געווען יידן אום שמחת־תורה. מען האָט אַביסל פאַרגעסן דעם ביטערן גלות און זיך אָנגענומען מיט מוט און געשעפּט אויסדויער אויף ווייטער צו קעמפן מיטן ביטערן גורל. פּלוצלינג — עס הערט

זיך אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. דער עולם האָט זיך אַביסל דערשראָקן, נאָר דאָך זיך באַהערשט. ביטע, אַריין.

עס האָט זיך געעפנט די טיר און אַ פּוילישער אָפיציר איז אַריין. ער האָט זיך זייער העפלעך פאַרנייגט, און געבעטן אפשר איז מעגלעך צו רעדן מיטן ראַבינער עטלעכע ווערטער. ער איז אַריין מיטן רב אין אַ באַזונדער צימער. עפּעס אַ שטראַל פון פרייד און האָפענונג איז דורך ביי אַלעמען. דער דאָזיקער מיליטער־מאַן האָט מיטן רב געשמועסט אַ שטיקל צייט, דערנאָך זענען זיי אַרויסגעקומען און דער רב האָט איבערגעגעבן, אַז דאָס איז אַ מאַיאָר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון אונדזער גאַרניזאָן. דעריבער איז ער געקומען צום רב כדי אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט דער יידישער באַפעלקערונג, אַז וואָס די באַפעלקערונג וועט דאַרפן זאָלן זיי זיך ווענדן צו אים: און וואָס ער וועט דאַרפן, זאָל ער זיך האָבן צו וועמען צו ווענדן. ער זאָל נישט דאַרפן שיקן די זעלנער אין די הייזער. ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז תיכף ווי עס וועט ווערן אַביסל שטילער, וועט ער זיך באַמיען, די עקאָנאָמישע לאַגע פון שטאָט זאָל פאַרבעסערט ווערן. ער וועט געבן אַריין־ און אַרויספיר־דערלויבענישן, דער הונגער זאָל געשטילט ווערן. דער רב האָט גלייך אויפן אָרט באַשטימט אַ מענטשן צו וועמען ער זאָל זיך ווענדן, וואָס ער וועט דאַרפן אין שטאָט, און האָט אים הערצלעך געדאַנקט אין נאָמען פון דער באַפעלקערונג. דער מאַיאָר האָט זיך מיט אַלעמען פיין געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

די באַפעלקערונג האָט זיך געפרייט מיט דער בשורה. דער מאַיאָר האָט זיין וואָרט גע־האַלטן. וועגן דער קלענסטער זאַך האָט מען זיך צו אים געוואָנדן און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען אין זיינע מעגלעכקייטן. ער איז באַליבט געוואָרן ביי דער באַפעלקערונג און אַלע האָבן אים גערופן „דער מאַיאָר" און איצט ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדריקט אָנערקענונג. אַז דאָס מיליטער האָט זיך גערוקט אַביסל ווייטער און עס איז געוואָרן אַביסל רואיקער, האָט דער מאַיאָר אַרויסגעגעבן דערלויבענישן אויף אַריין און אַרויס־פירן סחורה און אין שטאָט איז געוואָרן אַביסל לעבעדיקער. אָבער דעם גרעסטן פאַרדינסט און די גרעסטע לייסטונג לטובת אונדזער שטאָט האָט ער געטאָן אינעם ענין פון די „באַלאַכאָוצעס". אין דער גאַנצער געגנט האָבן זיך די דאָזיקע מענטשן־פרעסער פאַרשפּרייט און אומגעלומפּערט געבושעוועט. פיל יידישע לעבנס אין אונדזער געגנט זענען דורך זייערע פאַרבלוטיקטע הענט אומגעקומען. זיי האָבן זיך אויך צו אונדז אין שטאָט געוואָלט אַריינרייסן, נאָר דער מאַיאָר האָט בשום אופן זיי נישט אַריינגעלאָזט. ווי אַן אייזערנע וואַנט האָט ער אונדז פאַרטיידיקט און לויט אונדזער איניציאַטיוו און השתדלות אויך אַנדערע שטעטלעך געהאָלפן, ווי איך וועל איבערגעבן אין קומענדיקן קאַפּיטל. אין גיכן האָט מען דעם מאַיאָר אָפּגערופן פון דאַנען אויף אַ פּאָסטן אין קריגס־מיניסטעריום. ער האָט דורכן רב אַריינגעשיקט דער יידישער באַפעלקערונג אַ הייסן דאַנק־בריוו פאַר דעם, וואָס מען האָט אים פיל מיטגעהאָלפן. די שטאָט האָט זיך מיט אים זייער וואַרעם געזעגנט און אַלס אויסדרוק פון אָנערקענונג אים אַ זילבערנע פּושקע מיט אַן אויפשריפט געשענקט.

קאַפּיטל 16 : די באַלאַכאָווצעס

מיטוואָך דעם 6־טן אָקטאָבער 1920 זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז די באַלאַ־כאָווצעס האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געגנט און אין יעדן אָרט מאַכן זיי מוראדיקע שחיטות אויף יידן. מיר האָבן זיך זייער געשראָקן און געלאָפן צום מאַיאָר ער זאָל אונדז ראַטעווען. ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אַהער וועט ער זיי בשום אופן נישט אַריינלאָזן. דאָנערשטיק איז געקומען צו לויפן אַ ספּעציעלער שליח פון אַ נאָענט שטעטל הראָדנייע און איבערגעגעבן, אַז די באַלאַכאָווצעס זענען אַריין צו זיי. צו ערשט האָבן זיי צעראַבירט דאָס גאַנצע שטעטל און איצט וואַרפן זיי באָמבעס כדי צו פאַרניכטן די שטאָט, און ס׳זענען שוין דאָ אַ סך געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. קיין שום מאַכט איז דאָרט נישטאָ, זיי האָבן דעריבער געשיקט צו אונדז בעטן, מ׳זאָל אויף זיי רחמנות האָבן און זיך באַמיען ביי דער פּוילישער מאַכט, אַז זיי זאָלן שיקן הילף. מיר האָבן גענומען טראַכטן עצות ווי אַזוי מ׳וואָלט קענען העלפן אונדזערע אומגליקלעכע ברידער. מיר זענען געגאַנגען צום מאַיאָר בעטן ער זאָל עפּעס טון פון זייערטוועגן. ער האָט צוגעזאָגט טאָן וואָס אין זיין מעגלעכקייט וועט זיין. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער צווייפלט צי ער וועט קענען העלפן, ווייל יענץ שטעטל איז נישט אין זיין קרייז און ער האָט דאָרט קיין דעה נישט. ער וועט דאָך איבערשיקן די בריוו אין שטאַבדעוויזיע און פון זיין זייט בעטן מ׳זאָל עפּעס טאָן.

„יידישע גייערס" אין נאָענטע־דערפער האָבן שוין געטראָפן באַלאַכאָווצעס. זיי האָבן ביי זיי אַראָפּגעצויגן די שטיוול און זיי זענען קוים אַנטרונען געוואָרן פון טויט. כאָטש דער מאַיאָר האָט אונדז פאַרזיכערט, האָבן מיר דאָך שטאַרק געציטערט טאָמער רייסן זיך אַריין אַהער די באַלאַכאָווצעס. שבת דעם 10־טן אָקטאָבער איז אין שטאָט אָנגע־קומען אַ גענעראַל מיט אַ גאַנצער סוויטע, וועלכע האָט באַדאַרפט איבערקוקן דאָס מיליטער אין גאַנצן קרייז. אַרום האַלבן טאָג זענען פּלוצלינג געקומען צולויפן עטלעכע יידן פון אַ נאָענט שטעטעלע וויסאָצק און דערציילט, אַז שוין 2 טעג ווי די באַלאַ־כאָווצעס פאַגראַמירן זייער שטאָט. פריער האָבן זיי אַלץ צוגעראַבירט און היינט ביינאַכט זענען זיי באַפאַלן די הייזער, געהרגעט, פאַרוווּנדעט און פאַרגוואַלדיקט... איצט גייען זיי איבערן שטאָט און שיסן... ס׳איז באַלד אָוועקגעלאָפן אַ דעלעגאַציע צום מאַיאָר און אויך צום גענעראַל. דער גענעראַל האָט דערציילט, אַז דער מאַיאָר האָט אים שוין באַקאַנט געמאַכט מיטן אינהאַלט פון די דערהאַלטענע בריוו, נאָר אַהין קענען זיי קיין מיליטער נישט שיקן, ווייל עס געהערט צום פּינסקער קרייז; דאַקעגן אין צווייטן שטעטל, פון וואַנען מ׳איז ערשט געקומען, וועלן זיי שיקן מיליטער און די באַלאַכאָווצעס וועלן פאַרטריבן ווערן.

די באַלאַכאָווצעס זענען צוליב דעם נאָך מער אין כעס געוואָרן: זיי האָבן אַרומגע־רינגלט די שטאָט, געוואָרפן באָמבעס, און ווענען זיי האָבן דערזען, האָבן זיי מיט שווערדן געהאַקט איבער די קערפּערס. קוים 2 יונגעלייט איז געלונגען צו אַנטלויפן אַהער, זיי האָבן דערציילט, אַז די עטלעכע פּוילישע זעלנער דרייען זיך אַרום און קענען

גאַרנישט אויפטאָן. זיי האָבן נאָך די מערדערייען פאַרשטאַרקט: געהרגעטע און פאַר־וואונדעטע ליגן אין די גאַסן... מ'איז ווייטער געלאָפן צום מאַיאָר און ער האָט ווייטער געשיקט אַהין מיליטער און קוים איינגעשטילט די שרעקלעכע מערדערייען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען פּלוצלינג אַריינגעפאָרן צו אונדז אין שטאָט די באַלאַכאָוצעס אין רוסישע אוניפאָרמען. ס'איז לייכט געווען אין זיי צו דערקענען די אמתע רוצחים. פריער זענען זיי פאַרפאָרן צום מאַיאָר, נאָר דערנאָך זענען זיי פון אים אַוועק און זיך איינגעקוואַרטירט ביי אַ ייד. תיכף האָבן זיי אַרויסגעגעבן באַפעלן מ'זאָל זיי צוגרייטן אַ וועטשערע (אַ קאָלאַציע) פונעם בעסטן: מיט עופות, גענז, און פאַר־שידענע געטראַנקען, אויב עפּעס וועט פעלן וועט מען וויסן זייער האַנט... אינמיטן עסן האָבן זיי אַריינגערופן דעם בעל־הבית און אים געמיטלעך דערציילט, אַז זיי זענען געקומען באַטראַכטן די וווינונגען אין שטאָט, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרפן אַהער קומען זייערע 3 פּולקן. דאָס אַלץ איז געווײנלעך באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן און ס'האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ טויט שרעק... זיי האָבן זיך „געוויצלט" און געזאָגט דעם בעל־הבית, אַז אויב ער וויל קען ער איצט אָפּקויפן זיין קאָפּ פאַר 20 טויזנט רובל, זיי וועלן אים אַרויסגעבן כתוב וחתום, אַז בעת זייערע וועלן קומען וועט מען זיין קאָפּ נישט טשעפּען... מ'קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזעלכע „וויצן" האָבן אין שטאָט געמאַכט און די אָנגעשטרענגטע שטימונג וואָס עס איז געוואָרן.

מען איז באַלד ווידער געלאָפן צום מאַיאָר, נאָר ער האָט פאַרזיכערט, אַז עס וועט קיין שלעכטס נישט זיין. זיי האָבן טאַקע געוואָלט קומען אַהער, נאָר ער האָט זיי נישט דערלויבט און וועט זיי נישט דערלויבן. אינמיטן איז מען ווייטער געקומען פון אַ זייטיק שטעטל און דערציילט, אַז די באַלאַכאָוצעס דאַרפן מאָרגן פרי אַהין אַריינגיין, זיי האָבן זיך באַרימט, אַז זיי וועלן אויסקוילען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. דער מאַיאָר האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט העלפן, ווייל עס איז נישט געווען זיין קרייז, דאָך ווייל מיר האָבן אים שטאַרק געבעטן, האָט ער איינגעשטימט שיקן אַהין אַ קאָמיסיע פון עטלעכע פערזאָן, כדי צו באַטראַכטן דאָרט די לאַגע. זיי זענען אַהין געקומען און דאָרטן האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן אַריינפאָרן די באַנדיטן־באַלאַכאָוצעס, און זיי האָבן שוין געוואָלט זיך נעמען צו דער „אַרבעט". די „קאָמיסיע" האָט גלייך אַלאַרמירט זשאַנ־דאַמעריע פון פּינסק און מ'האָט די באַלאַכאָוצעס אַנטוואָפנט. אַזוי אַרום איז דאָס דאָזיקע שטעטעלע סערניק אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון זייערע הענט.

די ווילדע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געפּייניקט און טעראָריזירט די יידישע באַפעל־קערונג אין אונדזער געגנט. צו זיי האָבן זיך פאַראייניקט די אַנטיסעמיטישע פּויערים און פּויערטעס פון די שטעטלעך און דערפער און צוזאַמען רויִנירט די יידישע באַפעל־קערונג. צען שטעטלעך אין אונדזער געגנט זענען דורך די באַלאַכאָוצעס פּאָגראָמירט געוואָרן, הונדערטער יידן זענען דורך זיי געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן; זיי האָבן אפילו זייערע הייזער צעשמעטערט... הונדערטער פאַמיליעס זענען חדשימווייז געלעגן אין די וועלדער מיט די קליינע קינדער אין די קאַלטע אָקטאָבער־נעכט, אויסבאַהאַלטנ־דיק זיך פאַר די מערדערישע הענט.

ביי אונדז אין שטאָט איז אַ דאַנק „דעם מאַיאָר“ אַלץ אַריבער רואיק און מיר זענען די צייט אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

אינגיכן איז שוין אָבער אומעטום אַ פּוילישע אָרדענונג געווען און דאָס לעבן האָט זיך צוביסלעך גענומען איינאָרדענען. דאָך האָט נאָך לאַנג געדויערט ביז מ׳איז אַביסל געקומען צו זיך פון די שרעקלעכע געשעענישן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזן אויף לאַנגע יאָרן גענוג נאָכווייענישן...





אַ לוויה אין שטעטל...

מירה בן־דור (פעטשעניק)

צום אנדענק מיין יוגנט־היים

איך געדענק אַ ווינטער־אָוונט ביים זיידן אין דער גרויסער שטוב. מיר, קינדער, זיצן אַלע אַרום אַ לאַנגן טיש, ניט ווייט פון דער הייס־אָנגעגליטער הרובע. מ׳עסט וועטשערע, אָבער מיר פילן, אַז דער היינטיקער אָוונט איז עפּעס ניט דער זעלבער, הוי שטענדיק. אין שטוב איז אַ געררודער, אַ שפּאַנונג, אַלע ריידן מיטאַמאָל, מען סודעט זיך. פּלוצים גיבן זיך אַ שטעל אַריין אין צימער 4 יידן, אָנגעטאָן אין גרויסע פוטערס, — ניט סתם אַזוי פוטערס, נאָר טכוירענע, מיט שיינע פוטערנע קעלנער און הויכע קוטשמעס.

די פרעמדע יידן קומען אַריין מיט אַ ברייטן „גוטנאָוונט". מען נעמט זיי אויף מיט גרויס פּאַראַד. מען באַזעצט זיי אין גרויסן זאַל, וווּ מען ברענגט אויך אַריין אַ גאַר וואַזשנעם כיבוד.

דער טאַטע זצ״ל גייט אַריין צו די געסט און זעצט זיך נעבן זיי. ער רופט אויך אַריין די מאַמען ע״ה און ס׳פירט זיך זייער אַן ערנסטער שמועס. די באָבע גייט אַרום אָנגעצויגן, מיט אַן ערנסטער מינע אויפן פנים. זי הערט ניט אויף צו שיקן צום טיש נאָך און נאָך כיבוד.

צו ביסלעך דערגייט אויך צו אונדז, קינדער, וואָס דאָ קומט פאָר. דאָס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון שטעטל דאָמבראָוויצע אויפצונעמען דעם טאַטן פאַר אַ רב.

שפּעטער, ווען איך האָב שוין גוט געקענט אַלע דאָמבראָוויצער, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די יידן זענען געווען: ר׳ איצי יונגשטיין — אין נאָמען פון די טריסקער חסידים און טריסקער שטיבל; ר׳ נחמן פעלד מיט איציק מאיר בליזניוק — גבאים פון ברעזנער בית־מדרש און ברעזנער חסידים; אַרציק (כ׳געדענק ניט זיין פאַמיליע) — גבאי פון דער גרויסער שול, וועלכער איז געקומען אין נאָמען פון אַלע מתפללים אין דער שול.

ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין דאָמבראָוויצע. נחמיה דער סטאַראָסטע האָט אָפּגעגעבן פאַר אונדז זיין גרויסן מויער (אַליין האָט ער זיך באַזעצט אין אַ קליין שטיבעלע אויפן הויף).

פון זיידנס הויף זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מענטשן מיט מעבל, און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן, כדי איינצואָרדענען פאַר אונדז די וווינונג. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט זייער שיין און עלעגאַנט. צו יענער צייט זענען נאָך די דאָמבראָוויצער יידן ניט געוווינט געווען צו אַזאַ לוקסוס. איך דערמאָן זיך אַ קוריאָז פון יענער צייט: אַ ברעזנער חסיד פון דער סביבה איז געקומען זיך באַקענען מיטן יונגן רב און זעענדיק די וווינונג, האָט ער זיך אָפּגערופן — „וואָס קען שוין זיין אין גן־עדן ?"...

ניט לייכט איז דעם יונגן רב אָנגעקומען דאָס רבנות אין דאָמבראָוויצע. געקומען איז ער אין שטעטל אויפן אָרט פון 3 רבנים (יעדע שול האָט ביז דאַן געהאַט איר אייגענעם רב). שפּעטער האָבן אַלע דריי שולן זיך פאַראייניקט און אויפגענומען דעם

טאַטן זצ״ל, הרב ר׳ נחום פעטשעניק — דער „ברעזנער רב״ ווי מ׳האָט אים גערופן — אַלס רב פאַר אַלע דריי שולן. אין שטעטל איז אויך געווען נאָך אַ רב, הרב ר׳ יעקב זאַלצמאַן, פון די סטאָלינער חסידים און שטיבלעך.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס סאַמע שווערסטע. געפינענדיק זיך אויף קעסט ביי זיין שווער, דעם באַוווסטן און גרויסן רבי ר׳ אַלטערניו אין אָסטראָהע, וועלכער האָט ממשיך געווען די שושלת פון ר׳ ייב״י, מיט גרויס למדנות, כבוד און עשירות, — האָט מיין פאָטער ע״ה געלעבט זייער רואיק, אָן שום זאָרגן. אמת, ער האָט שוין געהאַט סמיכות אויף רבנות פון וועלט־באַוווסטן גאון הרב ר׳ חיים סאָלאָווייציק, פון בריסק, און ער האָט זיך געגרייט אויפצונעמען אַ רבנות, אָבער דערווייל איז ער געזעסן און נאָך אַלץ געלערנט ווייטער מיט תלמידים, אָן קיין שום דאגות. אָבער קומענדיק קיין דאָמ־בראָוויצע, האָט ער דערזען, אַז חוץ רבנות, חתונות, בריתן, גטן, דינים ומשפטים, — ווי ביי יידן צו יענער צייט האָט זיך געפירט — איז אויפן רב געלעגן אויך די אחריות פאַרן גאַנצן יידישן לעבן. גלייך ביי זיין קומען, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער שווערער מחלוקת צווישן די ברעזנער און סטאָלינער חסידים.

זייער אַ גוטער פון דער נאַטור און אַן אמתער מענטשן־פריינד, האָט מיין פאָטער ע״ה ניט געקענט איינשטימען מיט דער מחלוקת וועלכע די חסידים האָבן געפירט מיט „פייערדיקער התלהבות״. ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ שטילער, אַ שוואַכער אין נאַטור; האָבן די חסדים געמיינט אַז אַלס רב, וועלכער איז אָפּהענגיק פון זיי, וועלן זיי פירן מיט אים די זעלבע פּאָליטיק, ווי זיי זענען געוווינט געווען מיט די פריערדיקע רבנים, וואָס האָבן געציטערט פאַר זייער פרנסה, און ווילנדיק נישט ווילנדיק צוגעשטימט צו אַלץ, וואָס די חסידים האָבן פון זיי געפאָדערט.

דער יונגער רב, אָבער, ווי אויך די יונגע, שיינע און ענערגישע רביצין, האָבן באַלד געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי האָבן צו ברייטע פּלייצעס, זיי זאָלן דאַרפן טאָן, ווי עמיצער פאַרשטייט. דער רב, אַ זון פון גרויסן און פּאָפּולערן רבין ר׳ שמואל הלוי פעטשעניק פון ברעזנע, דער גרויסער ממשיך פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, וועלכער האָט געהאַט די שליטה איבער טויזנטער ברעזנער חסידים אין וואָלין און פּאָלעסיע; און זי, די רביצין, אַ טאָכטער פון פריער דערמאָנטן אָסטראָהער רבין — ביידע שטאָלצע קינדער פון זייערע עלטערן, האָבן מיט געדולד און אויסגעהאַלטנקייט אָנגעהויבן צו פירן אַן אַנדער פּאָליטיק. קודם־כל האָבן זיי זיך גענומען אַריינצוטראָגן שלום און אַחדות צווישן די אייגענע חסידים. ביים טאַטנס שבתדיקן טיש איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך. יעדער האָט זיך געזעצט ווו ס׳איז געווען אַ פרייער פּלאַץ. אברהם רוגזיל, דער בעל־עגלה, האָט געקאָנט זיך אַרויסזאָגן און דערציילן פונקט ווי איצי יונגשטיין, דער גביר און למדן. ביי די התלהבותדיקע טענץ פון התפשטות הגשמיות אין שמחת־תורה, אַזוי אַ יום־טוב, אָדער סתם ביי אַ מלווה־מלכה מוצש״ק, האָבן געטאַנצט אַקסל ביי אַקסל ישכר־וועלפל דער שוסטער מיט איציק־מאיר בליזניוק, דעם גרויסן סוחר, און טוביה שוחט, דעם גרויסן למדן, עלי דער

מנקר מיט נחמן פעלד, דער ייד וואָס האָט געמיינט און געגלויבט אַז קיין וויכטיקערע פּערזענלעכקייט פון אים, הן אין עשירות, הן אין למדנות און הן אין פּאָליטיקע, איז גאָר ניטאָ...

צו ביסלעך האָבן זיך איינגעשטעלט אויך בעסערע באַציאונגען מיט די סטאָלינער א.אַ.וו. די סטאָלינער חסידים האָבן אין זייער גרויסער קנאות ענדלעך איינגעזען, אַז די מחלוקת פירט ניט צום גוטן און ס׳האָט זיך אַזוי ווייט געענדערט דער מצב, אַז אויף זאַמלען „מעות־חטים" איז געשאַפן געוואָרן אַ בשותפותדיקער קאָמיטעט, וועלכער האָט באַזוכט אַלע פאַרמעגלעכע מענטשן. בראש פון דעם קאָמיטעט זענען געשטאַנען ביידע רבנים — הרב נחום פעטשעניק, דער ברעזנער רב, און הרב יעקב זאַלצמאַן, דער סטאָלינער רב, צוזאַמען מיט בכבודיקע בעלי־בתים פון די סטאָלינער און ברעזנער חסידים. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע דערגרייכונג.

אין אַלגעמיין גענומען איז דער רב אין שטעטל ניט געווען נאָר אַ רעליגיעזע רעפּרעזענטאַנץ; דאָס גאַנצע לעבן פון שטעטל, ווי אויך די מענטשן, זענען געווען פאַרבונדן מיטן רב און זיין הויז. קיין איין ייד האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מען קאָן אָן דעם רב דורכפירן א חתונה, אַ ברית אָדער סתם אַ שמחה. אַזוי איז אויך חס־ושלום יעדער צער אָדער טרויעריקע געשעעניש געבראַכט געוואָרן פאַרן רב. פאַרקויפן אָדער קויפן אַ הויז, פאַרשיידענע משפטים אויף טויזנטער, אָפּמאַכן וועגן פאַרשיידענע געשעפטן — דאָס אַלץ האָט אייגנטלעך געמוזט דורכגעפירט ווערן דורך די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אָבער ס׳איז קיינעם ניט איינגעפאַלן דאָס צו טאָן, סיידן ביי אַ נויטווענדיקייט אָדער אויסערגעוויינלעכן פאַל. נאָרמאַל איז דאָס אַלץ דורכגעפירט געוואָרן ביים רב, אין בית־דין־שטיבל.

דאָס שטעטל האָט געלעבט זייער באַשיידן, אָבער מיט כבוד. דאָס רוב איינוווינער זענען געווען האָרעפּאַשנע יידן, וואָס האָבן מיט גרויס מאַטערניש געמאַכט אַ לעבן, אָבער אָרנטלעך. איך געדענק, ווי אַמאָל איז געקומען צום טאַטן זצ״ל אַ ייד פון וואַרשע אויף אַ דין־תורה. דער וואַרשעווער ייד האָט „געחוזקט" פון די דאָמבראָוויצער סוחרים, וואָס חוץ אַ קליינער אויסנאַם, האָבן זיי אַלע געצאָלט זייערע וועקסעלעך און עס זענען כמעט ניט געווען קיין „אַנזעצערס".

מיט מיין טאַטן ר׳ נחום הלוי פעטשעניק, דעם ברעזנער רב, האָבן שטענדיק מיטגעאַרבעט די צוויי זין: יצחק און אהרן, ביידע פּאָפּולערע כלל־טוער אין דאָמבראָ־וויצע, ביידע, יעדער אויף זיין געביט, האָבן געהאָלפן די דאָמבראָוויצער באַפעלקערונג מיט אויסערגעוויינלעכער טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט.

דער עלטסטער זון, יצחק ע״ה, האָט געגרינדעט א ישיבה, וואָס האָט צוגעצויגן אַ סך קינדער, דאָס רוב אָרעמע, פון דאָמבראָוויצע און דער סביבה. די ישיבה־קינדער זענען פאַרזאָרגט געוואָרן ניט נאָר מיט לערנען, נאָר אויך מיט עסן און טרינקען, אַ פּלאַץ צום שלאָפן און צומאָל אויך מיט אַ בגד. ער איז אויך געשטאַנען בראש פון „טאַז" און זייער אַ סך מטגעהאָלפן דער באַפעלקערונג אויפן געביט פון אָפּהיטן דאָס פאָלקס־געזונט.

אהרן, װעלכער איז ב״ה ניצול געװאָרן פון גרױסן אומגליק און געפינט זיך איצט אין ישראל, האָט אױך זײַער יונג באַקומען „סמיכה״ אױף רבנות. אָבער ער האָט זיך געװידמעט אױף אַנדערע לימודים, ער איז געװען פון פריסטער יוגנט אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט אין װאָלינער געגנט און זײַער פּאָפּולער אין דער מזרחי־ציוניסטישער אַרבעט .ער האָט געגרינדעט זײַער אַ סך פרומע קיבוצים און אַ דאַנק די קיבוצים איז אים געלונגען אַריבערצושיקן קײן ארץ־ישראל אַ סך פאַמיליעס און יחידים, װאָס אָן זײַן הילף װאָלטן זײ קײנמאָל קײן ישראל נישט דערגאַנגען.

בכלל האָט דאָמבראָװיצע געהאַט זײַער אַן אינטעליגענטע באַפעלקערונג. עס זענען דאָרטן געװען אַ סך יידן למדנים. פיל פון דער שטעטלשער יוגנט האָט זיך געל׳ערנט אין די גרעסערע שטעט, װי װילנע, לעמבערג, ראָװנע און װאַרשע. אַלע פּאַרטײען אױף דער יידישער גאַס — פון די עקסטרעם־לינקע ביז די עקסטרעם־רעכטע, האָבן געפירט דאָרטן אַ טעטיקײט — און אַלע האָבן געפירט זײַער אַרבעט טרײ און מיט באַגײסטערונג. די יוגנט איז געװען אַן אינטערעסאַנטע, פול מיט לעבן און טעטיק אין אַלע פּאַרטײען. גלײכצײטיק איז געפירט געװאָרן אַ שעפערישע טעטיקײט פאַר ארץ־ישראל אין העבּ־רעאיש: מען האָט געגרינדעט אַ קינדער־גאָרטן, אַן 8־קלאַסיקע פאָלקס־שול, װעלכע איז געשטאַנען אױף אַ הױכן פּעדאַגאָגישן ניװאָ, אָװנט־קורסן מיט כמעט אַ גימנאַזיאַלן פּראָגראַם, אַ קאָלאָסאַלע ביבליאָטעק. אַ דאַנק דער פאַרצװײַגטער ציוניסטישער אַרבעט, געפינען זיך איצט הונדערטער דאָמבראָװיצער אין לאַנד.

איך בין גליקלעך װאָס אין דער העברעאיש־ציוניסטישער אַרבעט האָב איך אױך מײַן חלק. אַלע מײַנע יונגע יאָרן זענען געװען געװידמעט פאַר ארץ־ישראל און העבּ־רעאיש. און נאָך מער גליקלעך בין איך װאָס איך האָב זוכה געװען צו זען, װי מײַן חלום איז פאַרװירקלעכט געװאָרן און האָב דערלעבט צו קומען אין לאַנד. ס׳איז ניטאָ גענוג װערטער אױסצודריקן דעם צער און װײטיק, װאָס אַלע אונדזערע טײַערע און ליבע זענען דאָרט פאַרבליבן און זענען אױף אַן אַכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט געװאָרן.

זאָלן די דאָזיקע געצײלטע שורות װאָס כ׳האָב געװידמעט מײַן יוגנט־הײם -- אין דעם טײל פון בוך, אין יידיש — און די מערערע זכרונות פון מײַנע יוגנט־יאָרן — אין דעם צװײטן טײל פון בוך, אין העברעאיש — דינען אַלס אָנדענק פאַר אַלע דאָרט פאַרבליבענע און אומגעקומענע טײַערע לאַנדסלײַט.

ס׳איז אונדזער הײליקער חוב אָפּצוהיטן יעדעס יאָר דעם יאָרצײַט־טאָג נאָך אונדזערע קדושים (י״ד אלול) און דערמאָנען די הײליקע נשמות נישט נאָר פון אונדזערע עלטערן און משפחה־מיטגלידער, נאָר פון דער גאַנצער הײליקער עדה פון אונדזער יוגנט־הײם, װאָס איז אומגעבראַכט געװאָרן אױף די שרעקלעכסטע אופנים דורך דעם גרעסטן צורר פון אונדזער פאָלק.


זאָל זײַער אָנדענק באַלױכטן אונדזער װעג און יעדערער פון אונדז זאָל זײַן טײלװײַז נחמה געפינען אין טאָן גוטס פאַר גאָט און פאַר לײַט אין אַלע לענדער פון דער יידישער צעשפּרײטקײט און ספּעציעל פאַר מדינת ישראל.

יודל פעטשעניק

די עמיגראַציע קיין אמעריקע

אין דעם ערשטן צענ־יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אונדזער שטעטעלע דאָמבראָוויץ ווינציק וואָס אונטערשיידט פון די אַנדערע שטעטלעך אין דער אומגעגנט. די אָרעמקייט איז געווען אַן איינגעפונדעוועטע, מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר גבירים, סוחרים און פּאָדראַטשיקעס, וואָס האָבן זיך געקוויקט אַרום גראַפס הויף. דער גרעסטער טייל שטעטלדיקע יידן זענען געווען אין אַ מצב פון האַלב־הונגער, געבענטשט מיט די אַלע פּלאָגן וואָס דער איינגעפונדעוועטער דלות האָט מיט זיך געבראַכט. כאָטש דאָס קליינהאַנדל און קרעמעריי, דער יסוד פון דער שטעטלדיקער פּרנסה, איז מ׳מיט יעדן טאָג געוואָרן איינגעשרומפּט, דאָך איז די קאָנקורענץ געוואָרן שאַרפער און די צאָל קרעמער אַלץ גרעסער. אויך די בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געצויגן זייער בידנע חיונה פון אַרבעט — שניידעריי, שוסטעריי, שמידעריי און אַנדערע האַנטווערקעריי, — האָבן געמוזט פירן אַ שווערע מערכה פאַר זייער עקאָנאָמישן מצב. דער רוב־מנין־ובנין פון שטעטל, איז אין יענער צייט געווען איין קייט פון דלות.

אַמעריקע האָט שוין אין יענעם ערשטן צענ־יאָר אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אינעם לעבן פון שטעטל. די עמיגראַציע איז מיט יעדן יאָר געוואַקסן און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז כמעט פון יעדער משפּחה איז שוין עמעצער געווען אין אַמעריקע אָדער זיך געקליבן פאָרן אַהין. דאָס שטעטל האָט געלעבט מיט אַמעריקע. מען האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו די אָנגעקומענע נייס פון דאָרטן און מען האָט אַפילו געליטן פון די אַמעריקאַנער קריזיסן, ווייל די משפּחות האָבן אויפגעהערט צו דערהאַלטן דאָלאַרן. אין די הייזער האָבן אָפּגעקלונגען די לידער: „אַ בריוועלע דער מאַמען״, „אין אַמעריקע



די פירער פון „בונד״, (פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה) בעתן געזעגענען 2 חברים וואָס האָבן דאַן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

איז דער טאַטע״. דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם ווען אַן „אַמעריקאַנעץ״, נאָכן אָפּזיין פינף יאָר אין אַמעריקע, איז צוריקגעקומען אין מאָדנע מלבושים, האָט דערציילט מעשיות מיט גוזמאות און געפּאָכעט מיט אַ פּעקל דאָלאַרן. אין אָנבליק פון די „אַמעריקאַנער גליקן״, האָבן גאַנצע משפחות פאַרלאָזן דאָס שטעטל. כמעט אַ גאַנצער דור דאָמבראָוויצער איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אין דער צייט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג (1905), ווען רוסלאַנד איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן פלאַם־פייער פון רעוואָלוציע, האָט אַ טייל פון דער שטעטלדיקער יוגנט, וואָס איז געווען אין די גרויסע שטעט, מיטגעבראַכט אַ היים די פונקען פון דעם פייער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קרייזלעך און ס'האָבן זיך געשאַפן קעמפנדיקע פּאַרטייען. דער „בונד״ איז געווען אָנגעפירט פון זלמן מושער, מיכל פישמאַן, יאַנקל לאָקש — ווי אויך פון די פּעטשעניקעס, ראַבינאָוויטשעס א״א. די ס.ס. (סיימאָוועצעס) זענען געווען אָנגעפירט פון די האָלצמאַנס (פּינע און מאָטל) און האָבן אַרומגענומען איבערהויפּט די בעלי־בתישע יוגנט. שפּעטער האָבן זיך אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אברהם בינדער און נאָך יוגנטלעכע, אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין שטעטל די ציוניסטישע גרופּירונגען.

אַ גרויסע ענדערונג אינעם לעבן־שטייגער פון שטעטל איז אַריינגעטראָטן מיט דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער צו־יענער־צייט בין איך שוין נישט געווען קיין פּאַקטישער עדות פון די צעוויקלטע געשעענישן, ווייל איך בין שוין דאַן געווען אין אַמעריקע. גייסטיק בין איך אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַלץ וואָס אין שטעטל איז געשען. אויך שפּעטער, ביז דעם ענדגילטיקן חורבן פון מיין היים־שטעטל, בין איך געווען פאַרבונדן מיט אַ סך פון די דאָרטיקע איינוווינער, און געצויגן יניקה פון די אַמאָליקע יוגנט־יאָרן, וואָס כ'האָב דאָרט פאַרבראַכט.

מיר, אין אַמעריקע, האָבן געוווּסט, אַז צווישןביידע וועלט־מלחמות (1918—1939) אינעם יידישן לעבן אין דאָמבראָוויץ, צוגלייך ווי אין אַלע יידישע ישובים אין פּוילן איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. מיר האָבן פון דערווייטנס נאָכגעפאָלגט די סאָציאַלע, קולטורעלע און פּאָליטישע טעטיקייט פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, קרייזן און גרופּירונגען, און ס'האָט אונדז געפרייט די דאָזיקע טעטיקייט. פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָבן מיר אויך געוווּסט וועגן דער פּוילישער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק קעגן יידן, וועגן דער מאָראַלישער נויט פון דער יוגנט און פּראָגרעסיווע קרייזן, און זייער אויסזיכטלאָזער צוקונפט.

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דער אויבנבאַצייכנטער פּראָצעס פון שאַפן און קעמפן פאַרן לעבן, וועט אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשניטן ווערן אויף אייביק דורך אַ פּראָצעס פון מענטשן־שנאה, פאַשיזם און באַרבאַריזם, אויף די אויגן פון דער גאַנצער וועלט ?...

ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז די נאָענטסטע און טייערסטע פון דיין היים־שטעטל וועלן אַזוי געשווינד און גרויזאַם פאַרטיליקט ווערן אין אַזאַ טאָטאַלער פאַרניכטונג־אַקציע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פּוסטן חלל און פיינלעכן צער...

יצחק סאלאמאן (הויבראד)

מיינע זכרונות פון דער היים

געווידמעט דעם אָנדענק פון זלמן מושער
און מיכל פישמאַן, הי״ד.

א. צוויי קדושים אין יאָר 1918

זלמן מושער און מיכל פישמאַן זענען פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט דורך די „פעטלוראָווצעס״ (1918), אין דאָרף סטרילסק, נעבן דעם באַן־הויף. פעטלורעס באַנדעס האָבן דאַן געבושעוועט אין דער גאַנצער געגנט, און דאָס געפּלאָגטע שטעטל דאָמבראָוויץ איז געווען איינגעהילט אין טיפן טרויער, צוליב דעם בעסטיאַלישן מאָרד. דער וויטיק איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס מען האָט נישט געקאָנט ברענגען צו קבר־ישראל זייערע הייליקע גופים. כאָטש אין שטעטל גופא איז מכלומרשט געווען רויק, אָבער אויסער די גרענעצן פון שטעטל איז די סכנה געווען גאָר גרויס.

דער בעל־עגלה הערשל כאַכליעס, האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו פאָרן און ברענגען די פאַרפייניקטע גופים, בתנאי, אַז נאָך עמעצער זאָל מיט אים מיטפאָרן. איך נאָך דאַן אַ יינגל, האָב זיך מתנדב געווען מיטצופאָרן, און מיר האָבן טאַקע געבראַכט אין שטעטל די צוויי בר־מיננס, וועלכע דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַגלייט צו זייער אייביקער רו. מיין ריזיקאַלישער אַרויספאָר האָט אַזוי אויפגערודערט מיין מוטער, די אלמנה, ביי וועלכער איך בין געווען דער ליבלינג און טרייסט, אַז איך האָב איר בטום־אופן נישט געקאָנט באַרויקן. מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַריבערפאָרן צו איר ברודער אין דאָרף אָרלי.

ב. אַ באַגעגעניש מיט „באַלאַכאָווצעס״

ווען די „באַלאַכאָווצעס״ האָבן באַדעקט גאַנץ פאָלעסיע מיט יידישע הרוגים, האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס דאָרף אָרלי און געוואָגלט פון־דאָרף־צו־דאָרף אין זוכעניש נאָך אַ זיכערער באַהעלטעניש. דאָס מזל האָט מיר אָבער צוגעשפּילט, אַז געפינענדיק זיך איינער אַליין אין מיטן דאָרף זאַוויטשיץ, האָב איך פלוצלינג דערזען פאַר מיינע אויגן אַ גרופּע „באַלאַכאָווצעס״. זיי האָבן מיך גלייך אַרומגערינגלט, און איינער פון זיי האָט אויסגעשריגן: „אַ זשיד, אַ שאָד אַ קויל?״. דער זעלבער האָט, זיצנדיק אויפן פערד געהאַקט איבער מיר מיט זיין סאַשקע און צעקאַטעוועט מיין גאַנצן קערפּער, איבער־לאָזנדיק מיר טיפע וואונדן אויפן קאָפּ, האַלדז, פּלייצע אוןביידע הענט. ווען איך האָב אַ צעבלוטיקטער זיך אַריינגעקייקלט אין אַ דערנעבנדיקער קאַנאַווע, האָט דער מערדער אויסגערופן: „ער איז שוין אַ געפּגרטער״.

דאָרטיקע דאָרפישע גויים האָבן מיך אַרויסגעשלעפּט פון קאַנאַווע, אַריינגעטראָגן צו זיך אין אַ שטוב, אַרומגעבונדן מיינע וואונדן מיט נאַסע האַנטעכער און אַרומגעוויקלט

מײַן גאַנצן צװײטיקטן קערפּער מיט נאַסע לײַלעכער. אינצװישן איז אָנגעקומען מײַן שװעסטער חנטשע, און זי האָט מיך אָפּגעפירט קײן פּינסק און אַרײַנגעגעבן אין ײדישן שפּיטאָל. נאָכן אָפּזײַן דאָרט פיל חדשים, האָב איך זיך צוריקגעקערט קײן דאָמבראָװיץ.

מײַן שװעסטער חנטשע, װאָס האָט מיך דאַן אָפּגעראַטעװעט פון אַ זיכערן טויט, בײַ דער מיטהילף פון גוטע גוײם, האָט מיט יאָרן שפּעטער זיך אַלײן נישט געקאָנט ראַטעװען פון טויט, און נישט געפונען פאַר זיך קײן מיטהילף בײַ גוטע גוײם. די יסורים פון װאָגלענישן איבער װעלדער — די קעלט, די שרעק און דעם הונגער — האָבן געבראַכט צו איר פריצײַטיקן טויט (זי איז געשטאָרבן אין װאַרשע און איז באַערדיקט אויפן גענשער בית־עולם).

ג. דער „סוחרים־פאַראײן"

שוין אין די ערשטע יאָרן פון מלכות־פּױלן איז קלאָר געװאָרן, אַז דער ײדישער קרעמער און קלײנהענדלער װעט האָבן אויסצושטײן אַ שװערן קאַמף פאַר זײַן עקזיס־טענץ. גאָר שװער איז געװען דער דאָזיקער קאַמף אין סוף פון די 20־קער יאָרן, אין דעם א״ג פּעריאָד פון „גראַבסקיס עגלה", בעת סעקװעסטראַטאָרן האָבן פאַר שטײַערן צוגענומען און אַרויסגעפירט די נײטיקסטע חפצים פון ײדישע הײַזער. צו יענער צײַט האָט דער סוחרים־פאַראײן געפירט אַ פאַרביסענעם פאַרט־ײדיקונג־קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די קרעמער און קלײנהענדלער — קעגן די שװערע שטײַער־אויסמעס־טונגען פון „אוזשאַנד סקאַרבאָװי", קעגן פּאָליצײַאישע נגישות און קעגן סתם בלוט־



די פאַרװאַלטונג פון „סוחרים־פאַראײן"

זויגערס. כאָטש דער אָפּוער־כוח פונעם סוחרים־פאַראיין איז נישט געווען קיין באַדייטנ־דיקער, איז דער קאַמף דאָך געפירט געוואָרן, און ער האָט געבראַכט רעזולטאַטן.

כ׳געדענק אַ פאַל מיט רייזל דיכטער (די אַזוי גערופענע: רייזל טליבעס), אַן אָרעמע קרעמערקע, וואָס האָט געצויגן איר בידנע פרנסה פון ערדענע טעפּלעך, אַ ביסל סעמעטשקעס און עטלעכע ברויטלעך, וואָס זי פלעגט אַליין באַקן. דער פאַרטרעטער פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט זיך ספּעציעל פאַרלייגט אויף איר קרעמל און פלעגט דאָרט גאָר אָפט נישטערן, ביז ער האָט געפונען אַ שטיקל שפּאַגאַט אין אַ ברויטל. דער פּאָלי־ציסט האָט פאַרנומען פון קרעמל די וואָג, וואָס איז (דוכט זיך) נישט געווען געשטעמפּלט, און דאָס ברויטל מיטן שפּאַגאַט — צוויי זאַכלעכע באַווייזן, וואָס זענען געווען גענוג פאַרן געריכט כדי אַרויסצוגעבן אַן אורטייל וועגן שליסן דאָס קלייטל און אַרויפלייגן אַ גרויסע געלט־שטראָף. די פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַראיין האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, כדי דאָס צו פאַרמיידן. איך האָב זיך איינגעשטעלט און פשוט אַרויסגעשלעפּט די צוויי זאַכלעכע באַווייזן פון די הענט פון דער פּאָליציי. דערנאָך איז מען געפאָרן אין שתדלנות צום הויפּט־קאָמענדאַנט אין סאַרנע. מיר האָבן נישט גערוט, ביז מען האָט דעם שלעכטן פּאָליציסט אַריבערגעטראָגן פון דאָמבראָוויץ אין אַ צווייט אָרט, און אַזוי אַרום ליקווידירט אויך דעם ענין מיטן שפּאַגאַט.

אין לויף פון דער צייט איז געלונגען די פאַרשטייער פון סוחרים־פאַראיין אָנצוקניפּן גאָר גוטע באַציונגען מיט די פּאָליצייאישע קרייזן און אַנדערע וויכטיקע מאַכט־אָרגאַנען. אַזוי אַרום איז די פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַראיין אויסגענוצט געוואָרן פיל מאָל אין שליחות צו די אָפּיציעלע מאַכטהאָבערס, כדי צו פאַרמיידן אָדער לינדערן אויך אַנדערע נגישות און צרות, סיי פון פּריוואַטן און סיי פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

ד. פינאַנסיעלע כלל־אינסטיטוציעס

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן האָט דער סוחרים־פאַראיין אָרגאַניזירט אַן אַלגע־מיינע אַקציע, כדי אויפצושטעלן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק, פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון סוחרים און קליינהענדלער, בעלי־מלאכות און האַנטווערקער, ווי אויך אַנדערע מיטלשטאַנד־קרייזן אינעם שטעטל. בעת דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (אין דער גרויסער שול) איז אויסגעקליבן געוואָרן צו דעם צוועק אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון זעקס פּערזאָן: מאָטל ווינער, יוסף דאָברושין, יעקב פרידמאַן, י. סאַלאָמאָן (הויכראַד), שמערל פרענקעל, י. פאַרפל־מאזה („דער יאַפּאַניעץ").

נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און שווערע אָנשטרענגונגען, האָט דער סוחרים־פאַראיין געגרינדעט אַ ליי־קאַסע, וואָס האָט זיך אין שטעטל גערופן די „סוחרים־באַנק". די דאָזיקע קאַסע האָט זיך געפונען אין הויז פון ר׳ שמערל פרענקעל, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. די אַנדערע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער זענען געווען: מאָטל ווינער (וויצע־פאָרז.); אברהם מאַנקאָווסקי און יאָסל ווינער (קאַסירערס); יוסף דאָברושין (סעקרעטאַר). די „סוחרים־באַנק" האָט באַדינט בלויז קרעמער און קליינ־

הענדלער: אַרויסגעגעבן הלוואות, דיסקאָנטירט וועקסלען, אויסגעקויפט פראַכטן, פינאַנסירט באַשטעלונגען אדג״ל.



די פאַרוואַלטונג און די באַאַמטע פון דער „שטאָטישער באַנק״

גלייכצייטיק האָט זיך קאָנסטיטוירט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער גרינדונג און אָנפירונג פון אַן אַלגעמיין־שטאָטישער באַנק, הויפּטזעכלעך פאַר סוחרים און האַנטווערקער. אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „שטאָטישער באַנק״ זענען געווען פאַרטראָטן: פון די סוחרים: יעקב האָלצמאַן, אברהם־לייב (פאַרגעסן זיין פאַמיליע), זיידל טילטשין, בערל שפּירא, יעקב פאַרבמאַן, איצל סאַלאָמאָן (הויכראַך), ישראל באַרזאַך; האַנטווערקער: אברהם פעלדמאַן, יעקב זאַק, י. גראָסמאַן. די באַאַמטע אין דער באַנק זענען געווען: שמואל פאַטרוך, בנימין שוואַרצטוך, שכנא גורוויץ, בערקאָ פערלשטיין.

די עסקנים פון ביידע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס האָבן געווידמעט פיל צייט און ענערגיע, כדי צו העלפן דער יידישער באַפעלקערונג אין זייער עקאָנאָמישער נויט און האָבן דערפילט זייער געזעלשאַפטלעכע שליחות מיט גרויס ליבשאַפט צו זייערע לאַנדס־לייט און גרויס מסירת־נפש פאַרן כלל, טראַכטנדיק דאַן, אַז אַלץ וועט האָבן אַ קיום...

*

דער פונק פון לאַנדסמאַנשאַפטלעכער צוגעבונדנקייט, וואָס האָט געטליעט טיף אין האַרצן ביי יעדן איינעם אין דאָמבראָוויץ, איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אויך דאַן, ווען עמעץ פון זיי האָט פאַרלאָזן די היים און איז אַוועק פון שטעטל זוכן זיין גליק אין אַנדערע

ערטער. מיין ברודער שמואל הויכראַד, למשל, אַ גבאי אין לייבישעס בית־המדרש, האָט זיך איבערגעטראָגן שפּעטער קיין ראָוונע און איז געווען די גאַנצע צייט, ביז׳ן אומקום, פאַרבונדן מיט זיין אָפּשטאַם־שטעטל (מען האָט אים גערופן אין ראָוונע — שמואל דאָמבראָוויצער). מיין צווייטער ברודער, דוד־שלמה הויכראַד, אַ גבאי אין שול, וועלכער איז אַוועק קיין קאַנאַדע (געביטן דאָרט דעם נאָמען אויף סאַלאָמאָן), האָט די גאַנצע יאָרן גערעדט אין קאַנאַדע וועגן דאָמבראָוויץ, אויסגעזוכט דאָרט לאַנדסלייט כדי זיך טיילן מיט זיי מיט זכרונות פון דער אַלטער היים און העלפן זיי זיך איינאָרדענען, דערצויגן זיינע קינדער אין דאָמבראָוויצער יידישן גייסט.

אַלע אָפּשטאַמיקע פון דאָמבראָוויץ, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זענען געבליבן דאָמבראָוויצער מיט לייב־און־לעבן. וויסנדיק, אַז דער גרעסטער טייל פון דער דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה איז קאָנצענטרירט אין ישראל; זיינענדיק דורכגעדרונגען און גליקלעך מיט דער קאָנסטרוקטיווער בוי־אַרבעט פון דער יידישער מדינה, — ווענדן אַלע דאָמבראָוויצער אין דער גאַנצער וועלט זייערע בליקן צו ישראל. מיר זוכן אין ישראל אַ טרייסט פאַר אַלע פאַרשניטענע יידישע לעבנס און פאַר אונדזערע טייערע קדושים פון אונדזער היימאַט־שטעטל דאָמבראָוויץ. מיר זוכן דאָ אַ טרייסט פאַר די אַלע פּיין און ליידן, וואָס מיר האָבן אויסגעטראָגן אויף זיך אין משך פון אונדזער לאַנגער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, אַ מקום־מקלט פאַר די פאַר־פאָלגטע יידן, וואָס ברעכן זיך דורך אַ וועג קיין ישראל און אַ מקור פאַר גייסטיקן און מאָראַלישן אויפשטייג פון אַלע יידן אויף דער וועלט.



יצחק סאַלאָמאָן (הויכראַד), בעת אַ רעדע אויף אַ פּורים־אָוונט
פון דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט אין ישראל (1961)



המורים והתלמידים של בית־ספר עממי עברי בשנת 1917

די לערער און שילער פון דער העברעישער פאלקס־שול אין יאר 1917



המורים והתלמידים של קורסים עבריים לנוער מתבגר (1918—1920)

די לערער און שילער פון די העברעישע קורסן פאַר דערוואַקסענער יוגנט (1918—1920)



המורים והתלמידים של בית־ספר עממי עברי בשנת 1920


די לערער און שילער פון דער העברעישער פאָלקס־שול אין יאָר 1920



מורים ותלמידים של בית־הספר העממי „תרבות" בשנת 1921

לערער און שילער פון דער העברעישער פאָלקס־שול „תרבות" אין יאָר 1921





מורים ותלמידים של ביה"ס „תרבות" (בשנות העשרים הראשונות)
לערער און שילער פון דער „תרבות"-שול (אין די ערשטע צוואנציקער יאָרן)



מורים ועסקנים עם בוגרי ביה"ס „תרבות" בשנת 1926

לערער און עסקנים, צוזאַמען מיט די אַביטוריענטן פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1926



קבוצה של בוגרי ביה"ס „תרבות" בשנת 1927.

אַ גרופּע אַביטוריענטן פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1927:
(פון רעכטס) צבי טילטשין, יוסף כאַרטשאַק, אלתר בוים, אָשר פרענקעל, אהרן ביטשיק, יוסף פּאַטרוך.



הוועד הציבורי למען ביה"ס „תרבות" (1930)

דער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פון דער „תרבות"־שול (1930)



חבר־המורים של ביה"ס „תרבות" בשנת 1930

לערער־פערסאָנאַל פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1930



מורים ותלמידים של ביה"ס „תרבות" (1930)

לערער און שילער פון דער „תרבות"־שול (1930)



המורים והתלמידים של ביה"ס „תרבות" בעת חגיגה (1930)

די לערער און שילער פון דער „תרבות"־שול בעת אַ פייערונג (1930)



שיעור בציור בחצר ביה"ס „תרבות", בהנהלת א' בן־דור (בינדר), בשנת 1930
אַ לעקציע פון צייכענען אינעם הויף פון דער „תרבות„־שול,
געפירט דורך א. בן־דור (בינדער) אין יאָר 1930.



מורים ותלמידים של ביה"ס „תרבות" (1931)
לערער און שילער פון דער „תרבות"־שול (1931)





גן־הילדים העברי בהנהלת הגננת חסיה בינדר (1933)

דער העברעישער קינדער־גאָרטן
אונטער דער אָנפירונג פון דער פרעבליסטין כאַסיע בינדער (1933)



אחת מכיתות ביה"ס „תרבות" בשנת 1932

אַ קלאַס פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1932



מנהל ביה"ס „תרבות" א' ד' בן־דור (בינדר) — עם קבוצת תלמידים — לפני עלייתו ארצה (1932)

דער דירעקטאָר פון „תרבות"־שול א. בן־דור (בינדער), — מיט אַ גרופּע תלמידים — פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל (1932)



חבר־המורים של ביה"ס „תרבות" בשנת 1934/35

לערער־פערסאָנאַל פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1934/35



כיתה א' של ביה"ס „תרבות" בשנת 1934/35

ערשטער קלאַס פון דער „תרבות"־שול אין יאָר 1934/35





למעלה: כיתה ז׳ של ביה״ס „תרבות״ בשנת 1936

אויבן: 7טער קלאַס פון דער „תרבות״־שול אין יאָר 1936

*

למטה: בחגיגת ל״ג בעומר של ביה״ס „תרבות״

אונטן: בעת אַ ל״ג־בעומר־פייערונג פון דער „תרבות״־שול



חתונה בעיירה (בשנות העשרים)

אַ חתונה אין שטעטל (אין די צוואַנציקער יאָרן)



חתונה בעיירה (בשנות השלושים)

אַ חתונה אין שטעטל (אין די דרייסיקער יאָרן)

חלק שני
צווייטער טייל

דמויות ואורח חיים
געשטאלטן און לעבן=שטייגער



כתר לספר־תורה, עשוי כסף, עליו חרותה הכתובת: „שייך לבהכנס׳ דק״ק דאבראוויץ, אשר נעשה ונגמור בשנת״.. הכתר נפדה בשנת 1945 מידיו של נוצרי מקומי (ע״י י׳ פישמן) והובא לישראל.

אַ כתר צו אַ ספר־תורה, געמאַכט פון זילבער, מיט אַן אויסגעקריצטן אויפשריפט אַז עס געהערט צום בית־הכנסת פון דאָמבראָוויץ. דער כתר איז אויסגעלייזט געוואָרן אין יאָר 1945 פון קריסט־לעכע הענט (דורך י. פישמאַן) און איז געבראַכט געוואָרן קיין ישראל.

התוכן — אינהאַלט

✶

✶

שמואל זלצמן

על דאבדין ולא משתכחין

א. דיוקנאות שניגנזה

ר' מנחם החזן

בעל זקן שחור והדרת פנים לו, קומה בינונית, ובעל כרס תפוחה. חלוש וידוע חולי, אך, בעמדו בתפילה היה כגיבור: משווע בקול, מניע בידיו ובכל גופו, מסתובב הנה והנה, גם קופץ ומדלג, בחינת „כל עצמותי תאמרנה". קולו היה ערב גם בתפילה וגם בזמרה והיה משמש ש"ץ וחזן לחסידי סטולין. היה קולט כל נגון שחובר ע"י מלחיני חצר הרבי מסטולין וכן גם של מלחינים־רביים אחרים ומשמיעם ב„שטיבל" ובמסיבות חסידים.

עסק כל היום בתלמוד־תורה (ניתמך והוחזק ע"י חסידי סטולין). היה חסיד נלהב וקנאי אדוק עד לידי קיצוניות, רגיל לייסר ולהוכיח על כל „עבירה" קטנה, כגון „על חטא" ביקור בתיאטרון, או קיצוץ בבגדים, וכל־שכן על חטא גזוז הזקן.

נפטר ממחלה קשה, זמן־מה אחרי מלחמת־העולם הראשונה.

ר' יעקב קלורמן

דודי ר' יעקב קלורמן — היה ידוע יותר בשם ינקיל טילה־ס, ע"ש אשתו טילה, אשת־החיל. טילה היתה יושבת בחנות, אשר שימשה מקור לפרנסת הבית (כעשר נפשות), ור' יעקב היה יושב בבית ועוסק בתלמוד־תורה יומם ולילה.

משמונת הבנים והבנות שהיו להם, היגרו לאמריקה 4 בנים ושתי בנות. בן ובת נספו בשואה. הבן שנספה, אפרים קלורמן, היה מורה בבית־הספר העברי „תרבות" בדומברוביצה.

ר' יעקב היה שתקן מטבעו, צנוע, עניו ונחבא אל הכלים. לא התערב בעניני ציבור. חרד קצוני היה וחסיד נלהב של הרבי מסטולין, אף כי לא היה נוהג לנסוע אליו לחגים, כדרך חסידים אחרים, אלא היה בא אל הרבי בזמן ביקורו בעיר בלבד.

זוכרני, שכשנתקבלה באחד הימים, בין כסא־לעשור, הידיעה על פטירת הרבי ר' ישראל זצ"ל, התפרץ ר' יעקב לביתנו בבכי ובזעקה מרה: „אכן, יתומים היינו", וזעקתו זעזעה את כל יושבי הבית.

נפטר בשיבה טובה, שנים מספר לפני פלישת הנאצים.

אהרן הלפרין

א. הלפריז — בעל עקרונות היה. רם־קומה, גדל־מידות, מגולח, בעל שפם עבות ושערו — ערמוני, נוטה להכסיף. לבושו תמיד נקי, בלי רבב, ונעליו מצוחצחות ומבריקות. היה רגיל לשוטט בחוצות כשמקלו בידו. אהב לגשת לכל חבורת אנשים

משוחחים וליטול חלק בשיחה. עקב ידיעותיו הרבות ידע לשוחח על מדיניות העולם, על מצב היהודים בכלל ואפילו על עניני טבע, כגון: פעולת השעון, מהלך הרכבת, טיסת האווירון; עניני חשמל, טלגרף, טלפון, אניות, מכרות וכדומה. על הכל ידע להרצות, ולהסביר כל דבר.

ידע להתהלך בין זקנים ואדוקים ובין צעירים וחפשים. היה מעורב בעניני ציבור ובהיותו חבר הנהלת הבנק המקומי להלואה וחסכון, לקח חלק בחיים הכלכליים בעיר.

א. הלפרין לא הצטרף למפלגה כלשהי; לא היה ציוני, אך גם לא התנגד לציונות. היה מטיף לחיסכון והתנגד לביזבוז. בחובשו את כובעו, או, בהסירו מעל ראשו, היה אוחז תמיד בשוליו האחוריים ולא באמצעיתו או בצד ראשו, כדי לשמור על נקיונו... את נעליו היה מצחצח לא במשחה, אלא בפיח — פרי אמצאתו, וכך היה עושה: מדליק נר, ומעל גבי הנר הדולק היה מחזיק לוח זכוכית; כשהלוח היה מתכסה בשיכבה של פיח, היה מכבה את הנר, ובפיח זה היה משתמש לצחצוח נעליו. היה נחון בחוש הומור ואהב לספר הלצות. לא נמנה עם עשירי העיירה אך היה אמיד ופרנסתו מצויה. היה לו המונופולין למלח, וכן היה סוכן ביטוח.

ר׳ יששכר־זאב הסנדלר

בפי בני העיר היה נקרא בשם: שרקאץ׳. סנדלר מעולה לא היה, לתפור זוג נעלים לא ידע ועסק רק בתיקוני־נעלים ובהטלאות. למעשה אף בזה לא עסק, כי מתי היה לו זמן לכך? הרי עיקר עבודתו היתה עבודת הבורא: תפילה, אמירת תהלים, עניני צדקה ומצוות אחרות. דברים אלה היו עיקר חייו, ואשר לפרנסתו ולצרכי ביתו — דבר זה היה לו תפל; ה„כל־יכול" ברחמיו, הוא אשר ידאג למחייתו, ולמחיית בני־ביתו המרובים.

בשבתות היה משכים קום, מסובב בעיר ומסלסל בקול: „עורו, יהודים, קומו לעבודת הבורא" — וכך היה מעורר ומזרזם להשכים לבתי־הכנסת, לאמירת תהלים ולתלמוד־תורה.

בבגדיו המטולאים ובזקנקנו הקרח, היה משוטט ומרחרח, איפה יש מעשה צדקה לעשותו, שליחות־מצווה, מסיבת־חסידים וכדומה. שכר בעד פעולותיו הציבוריות לא ביקש. את מעשיו עשה לשם שמים: היה עניו ותמים־דרך בהליכותיו, חי בעוני ובדחקות ולא נזקק לבריות, דאג בעיקר שאחרים לא ירעבו. בערבי־שבתות היה מאסף חלות ומחלקן לנצרכים.

א. הלפרין הנ"ל היה מספר מעשה בר׳ יששכר־זאב שגוייס בזמן מלחמת־העולם הראשונה, לחיל המלואים. שניהם נפגשו בחצר הקסרקטין, בעיר המחוז רובנה, בזמן התרגילים. לפנות־ערב, אחר התרגילים, יצא א. הלפרין לראותו ולא מצאו בבנין הקסרקטין, ולאחר שגם בחצר לא מצאו, התחיל דואג לו, הלך מפינה לפינה, מחפש ובודק, עד ששמע קול כאלו מתוך האדמה. א. הלפרין התקדם לעבר הצד, שממנו בא הקול, עד שהגיע לבור, שם מצא את ר׳ יששכר־זאב עומד ואומר תהלים.

וזה מה שקרה: כשחזור ר׳ יששכר־זאב מהחצר לבנין הקסרקטין, לא השגיח בלכתו ונפל לתוך הבור. בינתים „השתמש בהזדמנות" והחל באמירת תהלים.

ר׳ אפרים „שואב־המים"

קראו לו: „אפרים דער וואַסער־פירער". יהודי תמים־דרך, עניו וצנוע, נחבא תמיד אל הכלים; איש רחב־גרם, בעל קומה בינונית, עינים גדולות וחולמניות, מפיקוה טוב־לב; זקן מרובע, מדובלל, שערותיו ערמוניות; חגור אזור רחב על מתניו. הוא ידע חיי עוני, אך לא התלונן. היה משכים קום להתפלל עם ה„מנין" הראשון, ואחרי שסעד לבו בפת־שחרית דלה, היה רותם את סוסתו לעגלתו — עליה היתה מונחת, לארכה, חבית, — ונוסע אל הנהר, או אל אחת הבארות, וממלא את החבית מים. את המים היה מספק לבתי העיר: מי־הנהר שימשו לשתיה ומי־הבארות — לשטיפה ולרחיצה. אזלו המים מן החבית — היה חוזר וממלאה. כך היה טורח ונוסע במשך כל היום, בהפסקה לתפילה בציבור ולאכילה. בין מנחה למעריב היה מקשיב לשיעור במשניות, או ב„עין־יעקב". בשבתות היה משכים קום לבית־המדרש, לאמירת תהלים. היה שתקן מטבעו ולא התערב בעניני צבור, לא בא בריב עם אנשים וגם בביתו שררו תמיד השקט והשלוה. את ילדיו חינך ברוחו.

אורח־חייו העלה „חשד", שהוא אחד מל"ו הצדיקים הנסתרים. בקשר לכך הנני זוכר מעשה, באחד מחברי בימי ילדותי, שנהג להקשיב לשיחות חסידים במסיבותיהם. פעם נסבה השיחה על ל"ו הצדיקים, שבזכותם קיים העולם. אחד קם ואמר בשם אחד „המאורות הגדולים", כי צדיקים אלה הם נסתרים, ורובם עניים, חוטבי עצים ושואבי־מים. בלב הנער, בן ה־11, נצנצה מיד המחשבה ביחס לר׳ אפרים, אשר יתכן והוא אחד מהל"ו, והחליט לעקוב אחריו.

הנער ראה והתבונן אל אורח חייו של ר׳ אפרים, ו„חשדו" גבר בהבחינו שבעלות ר׳ אפרים על דוכן עגלתו או בישבו עליה, ברדתו ובשאבו מים — תמיד נושרים מפיו פרקי תהלים. הנער החליט לבחון את הדבר. פעם, בבוקרה של שבת אחת, מיד לאחר התפילה, נכנס הנער אל ביתו של ר׳ אפרים, אולם מרוב מורא על העזתו זו, נצמד הנער אל פתח הבית ולא יכול להוציא הגה מפיו.

ר׳ אפרים קם וניגש אליו במאור פנים: „מה בפיך, בני?" — שאלו במתק לשון. „ברכני נא, רבי" — פנה אליו הנער ברטט, בהדגישו את המלה „רבי", כדי לראות את התגובה. אך, ר׳ אפרים השיב לו בנועם, בשימו את ידו על ראש הנער: „הלא שבת היום, בני, הבה נברך זה את זה, ויהא שלום עלינו ועל כל ישראל". הנער מיהר הביתה, בהיותו בטוח שהכיר אחד מל"ו הצדיקים. הוא החליט לשמור את הסוד בלבו, ורק לי בלבד — חברו הנאמן — גילה את הדבר.

ר׳ אפרים נפטר בשיבה טובה, זמן־מה אחרי מלחמת־העולם הראשונה.

ר׳ פיני יוסל־אהרנס

ר׳ פנחס זלצמן, או כפי כנויו: ר׳ פיני המלמד, היה יהודי בר־אורין, חסיד נלהב

של הרבי מסטולין, קפדן וקנאי. מקומו ב„שטיבל" היה סמוך לעמוד הש"ץ. בזמן התפילה היה תמיד עומד על רגליו ואף בקטעי התפילה הנאמרים בישיבה. בעל קומה בינונית היה, עם זקן קטן ושערות ערמוניות. עסק במלמדות, בעיקר היו לו תלמידי גמרא, שהיו „מבלים" בבית־תלמודו ולומדים ממש מבוקר עד ערב, עם הפסקה קצרה בצהרים. בימי החורף המשיכו ללמוד גם בערבים, לאור מנורת הנפט, כשהרבי יושב בראש השולחן והתלמידים — על ספסלים, משני צדי השולחן הארוך.

תוכן הלימודים היה בעיקר: תנ"ך וגמרא; לימודים כלליים לא היו נלמדים. אך, בהמשך הזמן, כאשר ההשכלה התפשטה והלכה, וגם נוסדו בתי־ספר ע"י מורים־משכילים, נכנע ר' פיני לדרישת הורי התלמידים, והזמין את משה המורה, אשר היה בא כל יום לשעה אחת ללמד חשבון ורוסית.

אף־על־פי שמטבעו היה ר' פיני קפדן, היו שעות — בעיקר כשהתלמידים ידעו את השיעור — שלבו היה טוב עליו, וידע גם להתבדח. בהיותו עני מרוד, היה שופך את לעגו על חשבון הגבירים. תמיד היה מוצא „הוכחות", שחיי העניים יותר טובים מאלה של העשירים. בין תלמידיו היה בן־עשירים אחד, יונה ביצ'וק, הלה שימש לו מעין מטרה שדרכו היה ר' פיני שולח את חצי לעגו לעבר הגבירים. „היודע אתה, יונה, כי חיי העני נוחים יותר מאלה של העשיר?" — פנה אליו ר' פיני. „הנה, למשל, השמת לב כיצד העני והעשיר משתעלים? העני משתעל שעול אחד, מהיר וחזק, מוציא את הכיח ונרגע מיד, ואילו הגביר, נאחז בשתי ידיו בשולחן, מתחיל לכעכע ולהאנח „כחה — כחה", פניו מאדימים ומחווירים חליפות, עד שסוף־סוף מצליח — אחר יגיעה רבה — להוציא כיחו".

פעם אחרת שאלו: „ההנך יודע, יונה, כי ההבדל בין גביר לבין עני הוא של כמה דקות בלבד, היינו, זמן האכילה ותו לא? כי לפני האכילה ואחריה דומה ההרגשה אצל שניהם, ורק בזמן האכילה, שהגביר לועס שוק־ברווז והעני טובל את פתו ב„ראָסל־פלייש" יש הבדל מועט בהרגשה. האמן לי שאני, כשלעצמי, נהנה מה„ראָסל־פלייש" שלי יותר משנהנה הגביר מהברווז הצלוי".

„הסבר לנו, רבי — שאל פעם יונה את ר' פיני — מהו ההבדל בינך שהנך חסיד, למדן וירא־שמים, לבין אבי שאיננו חסיד כמוך, אך, לומד תורה יום־יום והנהו שומר מצוות וירא־שמים; הרי גם אבי כמוך־אתה, זהיר לבלי לאכול קודם התפילה בבוקר?". השיב ר' פיני — „אמנם אני, וגם אביך, שנינו לומדים ומתפללים יום־יום ושנינו שומרי־מסורת, שנינו אף נזהרים מלאכול בבוקר קודם התפילה, עם זאת יש הבדל קטן בין שנינו, והוא: אני קם בבוקר נעמד להתפלל ואח"כ יושב לאכול ואילו אביך, בקומו, מתפלל ומתיישב לאכול" (איך שטיי אויף, שטעל זיך דאַווענען און גיי אָפּעסן, און דיין טאַטע דאַוונט אָפּ און זעצט זיך עסן); כלומר — אצל הראשון ההדגשה היא על התפילה, ואילו אצל השני — על האכילה.

„ילמדונו, רבנו, — פנה אליו פעם מאיר הכובס, מעסקני ה„בונד" — מדוע החסידים מקפידים לחבוש כיפה מקטיפה (סאַמעט) ואילו כיפתם של אחרים היא של משי?"

— „הדבר פשוט" — עונה ר׳ פיני בחיוך — „סאָמעט" (קטיפה) ראשי תיבות: „סור מרע, עשה טוב".

פעם, בזמן השראת רוח טובה, נטפלו אליו התלמידים: „רבי, ספר לנו סיפור". נענה ר׳ פיני ואמר: „אספר לכם מה שקרה לי פעם, ממש, בדידי הוה עובדא. בהיותי כבן 12, הייתי נוהג לקום בלילות, כמו בחורים אחרים, וללכת ל„שטיבל" ללמוד. בליל־חורף אחד, בערך, בשעה שלוש, הלכתי בכיוון ה„שטיבל". השלג היה שטוח על פני הארץ והלילה — ליל בהיר. הגעתי לקרן רחוב־השוק ורחוב־מקארוב, והנה אני רואה, מעבר לרחוב, על הקיר, צל אדם מטפס כביכול על הקיר. הצל משתרע וגדל ומגיע לדרגת ענק. לפתע חדל הצל להתנועע ולטפס, ואני שומע קול: ,מי שם הולך?׳ מיד הבחנתי כי מאיר העוור, עומד ליד הקיר, והצל הוא צלו. חשבתי כי מזמן שבק הלה חיים לכל חי ועל כן הייתי בטוח שבר־מינן עומד לפני, והוא הקורא לי ושואל לשמי".

„אמנם פגישה עם בר־מינן בלילה אינה כל־כך נעימה — הרהרתי אז — אך, אין ברירה, הנני בידיו, יען כי כבר הרגיש בי. נעמדתי במקומי ועצרתי את נשימתי; הלה שוב שאל: ,מי שם? מי?׳ הכרזתי בקול את שמי ואת שם אבי: ,פנחס בר׳ יהודה־לייב הכהן׳. ,קרב אלי׳ — פנה אלי בלשון די ברורה. אין עצה — הרהרתי שוב — כשמת מזמין, צריכים לגשת. לא אחת שמענו מקרים שקרו לעוברים ברחוב בית־הכנסת אחרי חצות הלילה, שהיו שומעים את שמם מפי קול שבקע מבית־הכנסת ואשר קרא להם לעלות לתורה. הנקראים היו נכנסים ועולים לתורה, והיה ברור שלא יוציאו את שנתם. ובכן ניגשתי למאיר העוור בפיק ברכים וכולי רועד מפחד. הוא אחז בידי, ידו היתה קרה מאד — כידו של בר־מינן. ,הובילני לבית־הכנסת׳ — צווה עלי. הסתובבתי ופניתי ללכת אתו לבית־הכנסת הגדול, מקום שהמתים מתאספים בלילה.

„אחרי כמה פסיעות שאלני: ,לאן, פנחסי, תובילני?׳ — ,לבית־הכנסת הגדול׳, עניתי. — ,לא, לא לשם ברצוני ללכת, כי אם ל„שטיבל", מקום שהבחורים לומדים ואוכל להקשיב ללימודי תורה׳. מחשבות שונות חלפו במוחי: מה עלי לעשות? אשר לי, הריני כבר אבוד, אך הלא יש להציל את הבחורים הנמצאים ב„שטיבל", יש איפוא להזהירם. התלבטתי גם בענין אחר: הלא הנני כהן ואני נוגע במת. ובכן, הננו הולכים וקרבים ל,שטיבל׳, ובדרך אין אני פוגש אף נפש חיה. אני חש שכוחותי עוזבים אותי, שהנני נוטה ליפול, אך היד הקרה אוחזת בי בחזקה. מרחוב מקארוב, פנינו לרחוב וולוסטנייה, הרחוב בו נמצא ה,שטיבל׳. מרחוק נצנץ אור הנרות שב,שטיבל׳. התקרבנו יותר עד שקול הנגון של הלומדים, הדהד מקרוב. עתה מוטל עלי — גמרתי אומר בלבי — להזהיר את הבחורים על הסכנה האורבת להם. משעמדנו לפני ה,שטיבל׳, פרצתי בקול: ,שמע ישראל׳ ונפלתי מתעלף בשלג. הבחורים, בשמעם את הקול, פרצו החוצה, הרימוני, הכניסוני פנימה והשיבו את נפשי. רק אז נודע לי שה„מת" איננו מת ומאיר הזקן עודנו בחיים".

ר׳ פיני נפטר אחרי מחלה קשה, זמן קצר אחרי מלחמת־העולם הראשונה.

ר׳ מיכל זוליר

איש עניו היה, בר־אורין; בעל קומה בינונית, בהיר־שערות, זלדקן; עסק תמיד בתורה, ואשתו, אשת־חיל, ישבה בחנות והשתכרה לצרכי הבית. אדם מתון היה, רצוי לכל, פניו תמיד מחייכות בטוב־לב, ואי־אפשר היה להביאו לידי כעס. פעם המירו ביניהם כמה קונדסים, שמי שיצליח להביא את ר׳ מיכל לידי כעס, הוא יהיה הזוכה. אחד קיבל על עצמו את המשימה, התגנב בחשאי אל ר׳ מיכל בשעה שעמד בתפילת י״ח וסחב את קופסת הטבק, שהיתה מונחת על הספסל הסמוך אליו.

כשר׳ מיכל סיים את תפילתו, רצה להריח מן הטבק והקופסה לא היתה. הוא חיפשה פה ושם ומתוך הבעת פני הקונדסים הבין, שידם בדבר זה. הוא ניגש אליהם במאור־פנים ובחיוך: „נו — נו, ,שקצים׳, מספיק, תנו לי להריח טבק״. הנערים העמידו פנים תמהות, כאילו רצו לומר: „מה לו לר׳ מיכל ואלינו?״ ר׳ מיכל המשיך להתפלל, אח״כ ניגש שוב אליהם, ביקש טבק ולא נענה.

בגמר התפילה, כשר׳ מיכל חלץ את תפיליו והסיר את טליתו, פנה שוב בחיוך אל הנערים ונענע באצבע תנועת איום: „האמנם רוצים אתם לעבור על ה,לאו׳ של ,לא־תגנוב׳ ״?... מול נימוק זה לא היתה להם ברירה, אלא להחזיר לו את הקופסה...

נספה בשואה, בהיותו זקן מופלג.

מיכל פישמן

בחור משכיל: את ההשכלה רכש בשקדו על לימודיו; נסע לעיר המחוז, ניבחן וקיבל תעודת־הוראה ורשיון לפתוח בית־ספר. יחד עם חברו, זלמן מושר, אשר גם הוא בעל תעודה דומה, פתחו בית־ספר באידיש, שם לימדו גם רוסית ולימודים כלליים.

ביחד עם חבריו מושר, שוורץ ולוקש, היה ממיסדי ה„בונד״ בעיר ומסור מאד למפלגה זו. היה נואם באספות־עם; עסקן ציבורי ואדם ישר. לאחר המהפכה הרוסית, בשנת 1917, כשנפתח הארכיב של המשטרה החשאית ונתגלו שמות ה„מוסרים״ שהיו קשורים עם ה„אוכרנקה״ (הבולשת של הצאר), התברר, שבין אלה, נמצא גם העו״ד שמעון פישמן, אחיו של מיכל.

ה„בונד״ המקומי, בראשותו של מיכל פישמן, פירסם כרוז והוקיע את ה„בוגד״ שמעון פישמן על מעשיו. מיכל פישמן לא היסס לגנות את אחיו על דבר זה, ואף ניתק עמו כל קשר. (יצויין לשבחו של ה„בוגד״ שמעון פישמן, שלמעשה לא היה שום מקרה של מאסר, מעצר או חיפוש כתוצאה ממלשינות מצדו).

מיכל פישמן נרצח בשנת 1919 ע״י צבאות האוקראינים יחד עם חברו מושר. שניהם נאסרו, הובלו לכיוון סארני ובמרחק כמה קילומטרים מהעיר, נורו. גופותיהם הובאו העירה ונערכה להם הלוויה המונית.

ר׳ אלתר לרנר

בן־טובים היה. בן־יחיד לאביו ר׳ שמואל־יוסל — תלמיד־חכם ומנעים זמירות, — ולאמו — פייגה־נעכע הצדקנית. אלתר היה בר־אורין, מהבחורים הראשונים ש„הציצו ונפגעו״, אעפ״כ נשאר אדוק, שומר מצוות, אלא שהתמסר גם להשכלה. הוא העז להתהלך ברחוב כשעתון „המליץ״ או „הצופה״ בולט מכיסו: בימים ההם היה בדבר זה משום פריצות־גדר ונתן מקום לחשש מפני אפיקורסות. אלתר היה המנוי היחידי על העתון, ושאר הבחורים היו שואלים אותו ממנו.

היה בעל־אופי טוב, ישר־דרך ואוהב צדקה. נפטר בראשית המאה הזאת, ממחלה ממארת והוא עדיין צעיר בימים. בשבוע מותו נפטרו מיתה פתאומית גם אביו ואמו. מות שלושתם, בשבוע אחד, השאיר רושם מחריד על כל בני העיר.

ר׳ יהושע־מאיר השמש

בעמדו תחת החופה, בזמן סידור קדושין, היה נוהג להקריא לחתן מילה־במילה את הפסוק: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל״. את המילה „לי״ לא היה ר׳ יהושע־מאיר מבטא בקול, שלא ישתמע, חלילה, שמקדש הוא את הכלה לעצמו. לכן היה מקודם ניפגש עם החתן, משנן לו את ה„טכסט״, ומקדים ואומר לו, שתחת החופה הוא יקריא שוב מילה־במילה את ה„טכסט״ מבלי להשמיע את המלה „לי״, ועל החתן יהיה לזכור שמיד אחרי המילה „מקודשת״, עליו להגיד בעצמו — „לי״.

פעם, ארע, וחתן „עם־הארץ״ עמד וקרא אחרי ר׳ יהושע־מאיר מילה במילה כדלקמן: — הרי — הרי, — את — את, — מקודשת — מקודשת, כאן נשתתק ר׳ יהושע־מאיר ונידם גם החתן דנן. „נו — נו, — נו״ — מלמל ר׳ יהושע־מאיר. „נו, — נו — נו״ — קרא לעומתו החתן, והמצב נעשה קשה. ר׳ יהושע־מאיר טרח ברמזים עד שאחד הקונדסים, שעמד בקירבת מקום, צעק ממקומו: „לי״, נזכר החתן ואמר: „לי״.

ר׳ יהושע־מאיר היה נוהג לבוא כל בוקר לבית הרב זלצמן ולקדמו בברכת „בוקר טוב״, ובערב לאחל — „לילה טוב״.

פעם, בחצות־לילה, נשמעה דפיקה בחלון ביתו של הרב זלצמן, וכשניגשו לראות מי הדופק, עמד לו ר׳ יהושע־מאיר וברך את הרב „לילה טוב״. אותו ערב שכח לעשות כמנהגו, וכשנזכר על משכבו שלא ברך את הרב ב„לילה טוב״, קם והלך לתקן את הדבר.

כשהיה נכנס לבית, בזמן שהיו מסובים לסעודה, היה אומר: כנהוג: „ברוכים היושבים״, וכשהיו עונים לו כמקובל: „קומט עסן״, היה עונה בנשימה אחת: „עסט, געזונט, מיט אַ גוטן אַפּעטיט, זאָל איך וויל באַקומען״...

ר׳ ישראל פארפל־מזאה

ר׳ ישראל פארפל־מזאה — כך היה שמו הרשמי; אך בדומברוביצה היה נקרא ר׳ ישראל בושקעס — על־שם אשתו בושקה, או ר׳ ישראל „הארוך״ (דער לאַנגער) משום קומתו הגבוהה.

בר־אורין ותלמיד־חכם מובהק, בקי בתנ״ך ובתלמוד, וגם בעל־מדקדק גדול. היה זהיר בתפילתו בביטוי המלים כהלכה, בעיקר היה מקפיד על היגוי נכון בזמן קריאת־התורה בציבור.

היה ידען גדול גם בשפה הרוסית ובעל ידיעה עמוקה בענייני חוק ומשפט של המדינה. מסעיפי חוק רבים היה מצטט על־פה, ולפעמים היה מיעץ בעניני משפט, אך מבלי לקבל שכר.

עסק בהוראה. למדו אצלו תלמידים מתקדמים תנ״ך ותלמוד, ואעפ״י ששכר־לימוד אצלו עלה על המקובל בשאר ה„חדרים״, כי הוא היה מקובל יותר על ההורים, בעיקר האמידים, בכל־זאת היתה פרנסתו בדוחק, בהיותו מטופל בילדים.

היה אדוק וקנאי עד לקיצוניות, ונהג להוכיח את כל אחד ואחד על כל סטיה קלה שבקלות. כשאר האדוקים בעיר, לא השתייך ר׳ ישראל לשום מפלגה. אולם מיד לאחר מלחמת־העולם הראשונה, כשנוסדה מפלגת „אחדות־ישראל״, ע״י הרב אהרונסון ז״ל (אז רב בקיוב) — הצטרף ר׳ ישראל למפלגה זו וניבחר יושב־ראש הסניף בדומברוביצה. הזמן הפנוי שלו היה קודש לתורה, ואמרו עליו שעסק גם בקבלה.

משנת 1920 חלה ירידה רוחנית אצלו, כאשר נודע לו על מות־העינויים של אביו ע״י ה„בלכובצים״ בישוב המרוחק כמה עשרות קילומטרים מדומברוביצה. (הזדים חתכו אברים־אברים ממנו). מאז הסתגר ר׳ ישראל בשתיקתו, חדל לעסוק בהוראה, נראה שקוע במחשבות, ופתאום היה מתפרץ בזעקה: „דליקה, הצילו!״...

רוחו דעכה וגם מצבו הגופני הלך ונחלש, עד שניפטר לאחר כמה שנים.

אלעזר זלצמן

נולד בדומברוביצה. מהיותו בן לאב תלמיד־חכם קפדן וקנאי, ספג תורה מילדותו, — תחילה בחדר ואח״כ, כש„התבגר״, מגיל 12, לבדו בבית, או ב„שטיבל״. אלעזר היה בין הבחורים שהיו קמים בלילות והולכים ל„שטיבל״ ללמוד גמרא — עיקר הלמודים — ובכל יום היה „בולע״ כמה דפי־גמרא. אלעזר היה נחשב לבקי ואליו היו פונים להסבר סוגיא חמורה בגמרא, או פירוש ב„תוספת״ ומהרש״א.

בחזרו מהצבא — אחרי שירות של 4 שנים — החל לעזור לאביו בתעשית הלבנים. לא עברו שנתיים, פרצה מלחמת־העולם הראשונה, ואלעזר גויס לחיל־המלואים. תלאות רבות וסבל רב עברו עליו בתקופת המלחמה.

בגמר המלחמה (1918) נכנס אלעזר לחיים הציבוריים בעיר, נבחר לוועד־הקהילה הראשון ולוועד הציוני העירוני, ונעשה פעיל במוסדות הסוציאליים בעיר.

בתקופת השלטון הפולני פתח חנות בעיר, אך כעבור כמה שנים הוא מאס בחיים אלה ושאף לעלות ארצה. בראשית שנות השלושים עלה עם אשתו ושני ילדיו.

בארץ הסתדר בפקידות וחי חיים צנועים. לבניו הקנה חינוך תיכוני. היה מראשוני היוזמים להקמת האירגון של יוצאי דומברוביצה ונמנה עם חברי הוועד הראשון של האירגון.

הוא התעניין מאד בספר לזכר קהילת דומברוביצה ורצה להשתתף בהעלאת פרקי זכרונותיו, אך המחלה החלה לקנן בו והפ־ריעה לריכוז מחשבותיו. בימים האחרונים לחייו, בהרגישו כי קיצו קרב, הוא ניגש למלאכה זו. במכתבו האחרון אף הטיל על כותב הטורים וא. בן־דור לערוך את רשי־מותיו, אך הספיק לכתוב רק את הכותרת: „עכשיו נתחיל (ב)זכרונות לבית אבא", מתח שני קווים תחת המלים האלו, ופתיל חייו נפסק.

הוא נפטר בגיל 70, במוצ"ש, אור ליום ד׳ בכסלו תשכ"ב, בביתו בגבעתיים. השאיר אשה, שהיתה נאמנה לו כל שנות חייהם וטיפלה בו במסירות בזמן מחלתו, וכן בת ובן נשואים.



אלעזר זלצמן

ב. מעשים שהיו

בין מלמדים לתלמידים

זוכרני מקרה שקרה עם אחד מחברי, ילד כבן 6, בשם חיים, שנכשל בלמודיו. ראשית כל „ספג" מהרבי (המלמד נקרא בפי הילדים „רבי") מכות בסרגל על הידים ומהלומות באגרוף על הראש. הילד פרץ בקול־צווחה ובבכי־תמרורים קורעי־לבבות.

הרבי, בחששו, שמא הקדיח תבשילו והפריז במעשהו, חטף את קפוטתו, לבשה בחפזון ומיהר אל בית הורי הילד. שם שהה כמה ששהה, סיפר מה שסיפר, וחזר. בינתיים נרגע הילד. בזמן הפסקת הצהרים לוויתי את הילד הביתה כדי לנחמו בדרך. כשקרבנו אל ביתו, אמר לי חיים, כשהוא נחנק מדמעות: „עתה שוב נכונות לי מכות מאבי". „היתכן?" — תמהתי. ואכן, חברי לא טעה. כשנכנסנו, מצאנו את אם הילד יושבת בפינה ומתיפחת בבכי: „אוי ואבוי לשנותי, עוד יהרגו לי את הילד". אותו רגע נפתחה הדלת ואביו נכנס. אגב, אבא של חיים היה חנוני — „עם־הארץ", שהתיימר להיראות כתלמיד חכם. רגיל היה להרבות באמרות ב„לשון־קודש" כשהן מסורסות ולא לענין. היה יהודי קפדן והרגיש את עצמו מקופח בבית־הכנסת ובעניני ציבור

על כי אין מחשיבים אותו ואין חולקין לו כבוד כיאה ל„תלמיד־חכם" שכמותו. כששמע מפי המלמד שבנו אינו מצטיין בלימודים ואינו מראה סימנים של „עילוי", נעלב מיד.

„בוא הנה, תכשיט שלי!" — פנה לבנו. חיים ניגש בברכיים כושלות, ושתי סטירות לחי הדהדו מיד באוויר. „מה אתה חושב לך? מה תהיה תכליתך? הלא ל„עם־הארץ" תהיה, גוי־גמור, אדם הגון כבר לא תהיה! לבעל־מלאכה אעשה אותך, בעל־מלאכה תהיה, אַ שניידער־יונג, אַ שוסטער־יונג (חיט, סנדלר) ואולי בורסקי — זהו העתיד שלך!".

„עזוב אותו, מאיר", התחננה האם, „מעתה הוא כבר יהיה תלמיד טוב ומקשיב. הלא כן, חיים־קה? — פונה האם אל הילד — אמור: כן". „כ־ ־ן" — הפליט הילד.

ר' פנחס המלמד (אחיו של הרב ר' יעקב זלצמן ז"ל), אצלו למדתי ב„חדר", היה מעלה בפני תלמידיו את דמויותיהם של שלושת האנשים שהזכרתי לעיל, כדוגמא של למדנות, גאונות, חסידות מובהקת ודרך־ארץ ביחסיהם עם אחרים. אכן, הם היו דוגמא חיה לטיפוס היהודי בן־דורם והדורות שקדמו להם בדומברוביצה. הציבור כולו התיחס אליהם בכבוד ובהערצה, כפי שהיה מקובל בתקופה ההיא, שכולם היו יודעי־תורה וידעו להעריך בני־תורה מובהקים.

יהא זכרם של כל הנזכרים לעיל, שמור בתולדות נצח ישראל!

כן יישמר זכרם בתולדות נצח ישראל של כל קדושי קהילת דומברוביצה החרבה, — כולם שלמים באמונתם הצרופה ונאמנים במעשיהם הטובים, ביחסים החברותיים, למרות השתייכותם לזרמים שונים בחסידות ובחיים הפוליטיים. על אף הבדלי השקפות ומעמדות, לא היתה קיימת ביניהם לא קנאה ולא שנאה בין אדם לרעהו; כולם חיו בחברותא, בפשטות ובצנעה, והיו מכבדים איש את אחיו, ככתוב: „ואהבת לרעך כמוך"! קדושי־עירנו היקרים, שבחייהם ובמותם לא נפרדו, נתקיים בהם כפי שנאמר: אשר ייצר אתכם בדין; וזן וכלכל אתכם בדין; והמית אתכם בדין; ויודע מספר כולכם בדין; ועתיד להחזיר ולהחיותכם בדין...

יצחק פייגעלשטיין

ס׳איז א מאל געווען א שטעטל...

לזכר אבי־מורי ר׳ חיים דובער ז״ל

א. חסידות פון 3 שושלתן

דער מקור פון רביישן נר־תמיד

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל יידן זענען געווען חסידים, פאַרבונדן מיט די דריי שושלתן, וואָס זייער השפעה האָט זיך געצויגן צוויי הונדערט יאָר איבער וואָלין און פּאָלעסיע. אַפילו אונדזערע מתנגדים, וועלכע האָבן געדאַוונט אין נוסח־אשכנז, אין דער גרויסער שול, און האָבן אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט געהאַט אַפילו אַן אייגענעם מתנגדישן רב, אויך זיי האָבן זיך באַצויגן מיט יראת־הכבוד צו די רביים, פאַרבעטן זיי צו זיך אין שול, געזוכט זייער עצה אין משפחה־אָנגעלעגנהייטן און געלייגט קוויטלעך אויפן חסידישן שטייגער. אויך די דריי־פיר יידן פון טאַטנס דור, די פּראָגרעסיווע, וואָס האָבן זיך דערלויבט אַרויסצוזאָגן אַ מילתא־דבדיחותא אויפן חסידישן אַדרעס, אויך זיי זענען, בעת אַ רבי איז געקומען אויף שבת, מיטגעגאַנגען אין ראַד.

דאָמבראָוויצער חסידות ציט איר אָנהייב פון ר׳ אהרון הגדול, וועלכער האָט בעת זיינע רייזעס צום מעזריטשער מגיד געפונען ביי אונדז אַ גוט פעלד צו פאַרפלאַנצן חסידות. די צוויי מקובלים, וואָס זייערע ביינער רוען אין „אוהל״ אויפן אַלטן בית־החיים, זענען געווען די מנהיגים פון דאָמבראָוויץ אין יענעם דור, און זיי האָבן מיט־געהאָלפן דערצו.

דאָמבראָוויצער חסידות האָט נישט געשוועבט אין די עולמות פון ספירות און השגות, — מה למעלה ומה למטה, נאָר ס׳איז געווען אַ פּראַקטישער פאָלקסטימלעכער ענין. ווער ס׳האָט געזוכט אָנצוואָרעמען זיין נשמה און האַלטן איר אַ ביסל יום־טובדיק, ווער ס׳האָט געזוכט צו דערוואָרעמען און צו זויבערן זיין גוף — האָט געזוכט דעם וועג צו חסידות. דאָ האָט מען געדאַוונט בהתלהבות; דאָ האָט מען געלערנט אַ פּרק פון „חוק־לישראל״, און „עין־יעקב״, און „מדרש־רבה״: דאָ האָט מען אַריינ־געכאַפּט אַ בלאַט גמרא נוסח וואָלין, און אַריינגעזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים און „לקוטי־צבי״ — אַלץ לשמה און התלהבותדיק. דאָ איז מען געזעסן בצוותא און דערציילט מעשיות וועגן רביישע שושלתן אָנהייבנדיק פון בעל־שם־טוב ביז אונדזער דור.

נאָך דער הסתלקות פון בעל־שם־טוב, שבועות תק״כ, איז אויפן פאַרלאַנג פון די פאַריתומטע תלמידים, געוואָרן זיין זון ר׳ צבי דער ממלא־מקום. אָבער צום ערשטן יאָרצייט (תקכ״א), האָט ר׳ צבי אויסגערופן: „מיין פאָטער האָט מיר היינט געזאָגט, אַז די שכינה מיט אַלע אירע געפעק האָט זיך פאַרקליבן קיין מעזריטש״. ר׳ צבי האָט

אויסגעטאָן זיין ווייסע זשופּיצע מיטן שטריימל און עס איבערגעגעבן דעם רבין פון מעזריטש — ר׳ בער, וועלכער איז געוואָרן דער מנהיג פון דער פּרישער באַוועגונג.

צו יענער צייט זענען נאָך פּריש געווען די וווּנדן פון גזירות ת״ח ות״ט און ערשט נאָכן אומגליק פון דעם ימח־שמוניק גאָנטע. ס׳האָט דאַן געשפּרודלט מיט שבתי־צביניקעס, פראַנקיסטן און משומדים. ס׳איז געווען גרויס די נויט און דחקות פון די יידישע מאַסן. די וואַרעמע הערצער און די גרויסע קעפּ פון געפלאָגטן פאָלק האָבן געזוכט צו שטאַרקן דאָס יידישקייט. די פּרישע באַוועגונג האָט זיך געצויגן צום גרויסן מעזריטשער מגיד ר׳ בער. דער קאַרלינער גביר און עניו מאַנעלע, מיט זיין ברודער־זון, דער שפּעטערדיקער ר׳ אהרן הגדול, זענען אויך געפאָרן קיין מעזריטש. דאָמבראָוויץ איז געלעגן אויפן שליאַך צווישן מעזריטש און קאַרלין, און אַזוי אַרום האָט דער הלוך־ושוב פון מעזריטש קיין קאַרלין, און פאַרקערט, פאַרטראָגן קיין דאָמבראָוויץ דאָס קאַרלינער חסידות. שפּעטער האָט זיך פאַרטראָגן אַהער דאָס טריסקער חסידות. נאָכדעם האָבן די פאָלקס־לומדים אָרגאַניזירט די זעגער, בויער, טישלער, שניידער און שוסטער און אַראָפּגעבראַכט אויך דאָס בערעזנער חסידות.

אין אונדזערע יאָרן איז שוין געווען ווייט־ווייט נאָך דער חסידישער מחלוקת: קאַרלין—טריסק—בערעזנע. אמת, צו קיין ערבוב־תחומים איז מען נישט דערגאַנגען, אָבער קיין מחלוקתן האָט מען שוין נישט געפירט. אין דער גרויסער שול האָט מען געדאַוונט נוסח־אשכנז מיטן שטאָט־חזן און משוררים. די מתפללים פון טריסקער „שולכען״, מיט זייער באַזונדערן שוחט, האָט אַריינגעבראַכט און געלערנט „מגן־אברהם״. די בערעזנער זענען אַלע געווען קאָנצענטרירט אין בית־המדרש, אַרום רבין ר׳ נחומצע, און האָבן געלערנט „עין־יעקב״, אויסגעהערט מגידים און געהאַט זייער שיינעם און ווייכן נוסח־־התפילה. די קאַרלינער האָבן געהאַט זייערע שטיבלעך, מיט אַן אייגענעם רב, און האָבן געלערנט גמרא. קיין שאַרפע קאָנטראַסטן זענען נישט געווען. ווען דער קאַרלינער רבי איז געקומען אין שטעטל האָבן בערעזנער געבראַכט פדיונות. דאַקעגן, ווען עפּעס באַזונדערס איז געשען אין אַ משפחה פון קאַרלינער, אָדער סטאָלינער, זענען זיי געלאָפן צו ר׳ נחומצען, וועלכער איז געווען אויפן אָרט שואל־בעצה זיין. מיין שווער מיכל קריוויצער, למשל, וועלכער האָט זיך באַצויגן מיט אמונת־צדיקים צום בערעזנער ר׳ שמוליקל ז״ל, האָט תמיד גערעדט מיט יראת־הכבוד וועגן טריסקער ר׳ אברהם־לייבעלע ז״ל.

מיין טאַטע, חיים דובער, וועלכער איז פון דור־דורות געווען אַ מקורב צו קאַרלין, האָט זייער געהאַלטן פון ר׳ נחומצען, אויפן אָרט, אאַ״וו.

יעדע חברה האָט געהאַט אירע לומדים און אירע פאָלקס־מענטשן, אָבער אַלע צוגלייך זענען געווען איינגעוואָרצלט אין די רביישע הויפן און האָבן געקענט אַלע דאָרטיקע פּאַסירונגען. די רביים, פון זייער זייט, זענען געווען איינגעוואַקסן אין דער אַרומיקערווירקלעכקייט און געקענט יעדנס גייסטיקן און מאַטעריעלן מצב. בעת אַ הילולא פון אַ צדיק, ווען חסידים זענען געזעסן צוזאַמענגעפּרעסט און אויסגעהערט דעם איינעם וואָס האָט געפירט דעם שמועס, האָט מען געקאָנט ממש זען ווי איבער

זייערע קעפּ פינקלט דער רבישער נר־תּמיד, פון וועלכן דאָס חסידות האָט געשעפּט ליכט און וואַרעמקייט אין משך פון 200 יאָר, פון ר׳ אהרון הגדול ביז אונדזער דור־רבי״ם, וואָס איז אומגעקומען על קידוש־השם.

די קאַרלינער דינאַסטיע

די חסידישע שמועסן אין נאָמען פון בעל־שם־טוב, האָבן זיך אָנגעהויבן אַזוי: חסידות איז געבויט אויף דריי עמודים — אהבת אלקי־ישראל; אהבת עם־ישראל; אהבת תורת־ישראל. דער מעזריטשער מגיד האָט געהאַלטן ר׳ אהרון הגדול פאַרן עמוד פון „אהבת אלקי־ישראל. בעת ר׳ אהרון הגדול האָט געזאָגט ערב־שבת „שיר־השירים״, איז זיין השפּעה געווען אַזוי גרויס, אַז נישט נאָר מענטשן, נאָר אויך אַלע מלאכים, האָבן געשוויגן און אים מקנא געווען צוליב זיין גרויסן רגש. אָט די קנאה האָט אים צום־סוף פאַרטריבן און ער איז געוואָרן פאַרברענט אין דעם עמוד־האש פון אהבת אלקי־ישראל, אַלט זייענדיק בלויז 36 יאָר. דאָך האָט ער אין זיינע קורצע יאָרן דערפירט די ממלכת־החסידות צו אַ געוואַלדיקער השפּעה, געוווּנען פאַר חסידות גאַנץ וואָלין און ווייסרוסלאַנד און איינגענומען אַפילו די דעמאָלטיקע מתנגדישע פעסטונג פון בריסק־דליטא. אויך אין ירושלים־דליטא — ווילנע — האָבן זיך שוין דאַן באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון חסידות, ווייל ר׳ אהרון הגדול האָט זיך אַליין באַאַרבעט און אויסגעשטראַלט פון זיך ווייכע און וואַרעמע ליכט, וואָס האָט געהאַט בכוח צו פאַרטרייבן מרה־שחורה און עצבות, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט: „אומעט איז „אם כל חטאת״. אַ מענטש טאָר נישט צופרידן זיין מיט זיך, ער דאַרף זיך שטענדיק באַאַרבעטן און הויבן, אָבער חס־וחלילה נישט אַריינפאַלן אין יאוש און אומעט, נאָר שטענדיק שטרעבן צום תכלית־הנרצה, גיין פאָראויס און נישט בויגן זיך צוריק. די שטאַרקע צוואה פון ר׳ אהרן הגדול, זיין סדר־היום, זיין זמר „יה, אכסוף״ — זענען געבליבן עד היום אַ קוואַל פון התעוררות, אַן אַרויסרוף פון מחשבות, אַ באַפליג־לונג פאַר אַ שענערן טאָגטעגלעכן לעבן. אין דעם דערהויבענעם סעיף פון זיין צוואה ווערט געזאָגט: „במקלי ותרמילי בין איך געגאַנגען מבית־לבית ומעיר־לכפר, און פאַרשפּרייט חסידות, און מזכה געווען את הרבים״. אין דעם לויטערן ים פון זיין צוואה האָבן זיך טובל געווען אַכט דורות חסידים. עד ביאת הגואל ב״ב.

ר׳ אהרון הגדולס תלמיד און חבר, ר׳ שלמה קאַרלינער, איז געווען אַ זייל פאַר זיך: פון אים האָבן זיך צעשפּרייט פונקען קיין גאַליציע — דורך זיין תלמיד ר׳ אורי סטרילסקער, קיין ווייסרוסלאַנד — דורך ליעכאַוויטש, דורך קאָברין, דורך סלאָנים. די מימרות פון ר׳ שלמה קאַרלינער האָבן זיך קונה־שם געווען אין דער גאַנצער חסידישער וועלט: „הלוואי וואָלט איך ליב האָבן די צדיקים אַזוי ווי כביכול האָט ליב אפילו די רשעים״; „מען דאַרף זיך שעמען פאַרן שבת, צו זיין מרה־שחורהדיק״. ער האָט געהאַט אויסצושטיין פיל רדיפות פון די מתנגדים, געווען זיין גאַנץ לעבן אַ נחבא־אל־הכלים און זיך קאָנצענטרירט בלויז אין תפילה־שבלב. ער איז אומגע־קומען על קידוש־השם אין יאָר תקנ״ב.

ר׳ אשר דער גרויסער, דער זון פון ר׳ אהרון הגדול, האָט זיך מתחנך געווען, אַלס יתום, ביי ר׳ שלמה קאַרלינער, און געווען אַ גרויסער פאַרערער פון קאָזשעניצער מגיד, מיט וועלכן ער איז געשטאַנען אין בריוו־פאַרבינדונג. ר׳ אשר איז געווען פאַרפאָלגט פון די מתנגדים און איז נישט געווען צופרידן מיט זיינע שכנים וואָס זענען אַוועק מיטן דרך חב״ד. ער האָט געשריבן צום קאָזשעניצער, אַז די אנשי חב״ד האָבן געמאַכט אַן אָפּנייגונג פון בעל־שם׳ס דרך. ר׳ אשר איז געבליבן קאָנצענטרירט אין זיין גייסטיקער ירושה און איז געווען כולו מחשבה. ער איז געווען בדרך־כלל אַ שותק, אָבער דאָס אַרויסגעזאָגטע איז תמיד געווען וווּנדערבאַר און אייגנאַרטיק. לדוגמא: „ווער ס׳האָט ליב יידן, איז געוויס אַ ירא־שמים, ווער ס׳האָט ליב חברים, איז געוויס אַ חסיד״.

ר׳ אהרון השני, דער „בית־אהרון״, האָט געפירט קאַרלינער חסידות ביד־רמה, בערך פופציק יאָר. ער איז געווען דער פירוש רש״י אויף הונדערט און צוואַנציק יאָר קאַרלינער חסידות. אַלץ וואָס איז אָפּגעטאָן און אַרויסגעזאָגט געוואָרן, פון ר׳ אהרון הגדול, פון ר׳ שלמה קאַרלינער, און פון זיין פאָטער ר׳ אשר דער גרויסער, איז דורך ר׳ אהרון השני אויסגעטייטשט געוואָרן אין זיין ספר. דער „בית־אהרון״ איז אַן אַלזייטיקע זאַמלונג פון ליכט און פּאַרכאַפּנדיקע שטראַלן, וואָס זענען אָנגעצונדן און אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך זיינע עלטערן און פאָרגייער. אַ חוץ דעם איז אָבער ר׳ אהרון אויך אַן עומד ברשות עצמו, זיינע מימרות טרעפן ווייט און טיף סיי ביים למדן, סיי ביים פשוטן, און זיי בלייבן געטריי „קאַרלין לשיטתו״. בעתן לערנען בצוותא „בית־אהרון״, אויב דער למדן, דער פאָרלערנער, האָט מצליח געווען ברייט אַרומנעמען און טיף אַריינדרינגען אינעם מאמר, וועט ער דאָרט אַנטדעקן אַ קוואַל פון חכמות־חיים און מוסר־השכל פונעם טאָגטעגלעכן לעבן, אַ קוואַל וואָס לויטערט אויס דאָס האַרץ און מונטערט אויף די נשמה.

ר׳ אשר דער צווייטער, דער זון פון ר׳ אהרון השני, האָט שוין בעת זיין טאַטנס לעבן קאָנצענטרירט אַרום זיך די אַרבעטער, די קבצנים און די שווערע עבריזאָגערס. זיין שיטה איז געווען „ראַבייסטווא״ — זאָרגן פאַרן פשוטן יידן און אים מדריך זיין. נאָכן טויט פון זיין פאָטער, דער שטאַרקער קאַרלינער „בית־אהרון״, האָט ר׳ אשר השני „געפירט טיש״ נישט מער ווי דרייפערטל יאָר. ער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אַ צוויי־יאָריק קינד, און קאַרלינער חסידות איז אויך געבליבן פאַריתומט. אַ סך חסידים האָבן זיך גענומען שלייען איבער פרעמדע שליאַכן און געגאַנגען צו פרעמדע טישן. די, וועלכע זענען טריי געבליבן ר׳ אשרן, האָבן מחנך געווען זיין זון ר׳ ישראלציק, ביז ער איז אונטערגעוואַקסן. כמעט אַ קינד נאָך האָט מען אים אַרויפגעזעצט אויף רבישן שטול, און ערשט דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן חילוקי־דעות, ווייל נישט אַלע האָבן געוואָלט אַ קינד פאַר אַ רבין.

דער יינגל־רבי איז געבראַכט געוואָרן קיין דאָמבראָוויץ אויף שבת, און פון בריסק ביז זשיטאָמיר זענען געקומען יידן אים זען. דער רבי מיט זיינע גבאים און שמשים זענען איינגעשטאַנען אין אשר סלוצקיס שטוב, וואָס איז געווען די גרעסטע

7 דורות רביים פון דער קאַרלינער שושלת



ר' אשר זצ"ל — ר' ישראל זצ"ל, דער פראנקפורטער צדיק, — ר'יעקב זצ"ל

ר' משה זצ"ל — ר'אברהם אלימלך זצ"ל — ר' יוחנן זצ"ל

דאָס זענען די לעצטע 2 שושלתן רביים פון דער קאַרלינער דינאַסטיע: ר' ישראל (דער פראַנקפורטער צדיק) — פון זעקסטן דור; ר' אשר, ר' יעקב, ר' משה, ר' אברהם־אלימלך און ר' יוחנן — פון זיבעטן דור.

די זיבן דורות רביים זענען:

ערשטער דור: ר' מאַנעלע, דער פעטער פון ר' אהרן הגדול.

צווייטער דור: ר' אהרן הגדול; ר' שלמה קאַרלינער.

דריטער דור: ר' אשר דער גרויסער.

פערטער דור: ר' אהרן סבא־קדישא („בית־אהרן").

פינפטער דור: דער יונגער רבי ר' אשר.

זעקסטער דור: ר' ישראל (דער פראַנקפורטער צדיק).

זיבעטער דור: די הייליקע זין פון ר' ישראל: ר' אשר, ר' יעקב, ר' משה, ר' אברהם־אלימלך ר' יוחנן, ר' אהרן.

און שענסטע אין שטעטל. נעבן דעם הויז, אין מיטן מאַרק, האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן שאַלאַש, געפלאָכטן פון גרינע צווייגן און לאָזעס, דאָרט האָט דער יינגל־רבי געמאַכט קידוש פון אַ סידור. בעת־מעשה האָבן 200 מנינים יידן געטאַנצט אין מאַרק פון פרייד און צוגעזונגען מיט אַ ניגון: „אָבער אונדזער רבי קען מאַכן קידוש"...

אַז דער יינגל־רבי, ר' ישראלציק, איז אויסגעוואַקסן, איז ער געוואָרן ר' ישראלצע און איז געשטאַנען אויף דער וואַך, אַז קאַרלינער חסידות זאָל זיין „שיטת־קאַרלין": תפילה איז טאַקע עבודה־שבלב אָבער „שכל עצמותי תאמרנה"; דאַוונען דאַרף מען, לערנען מוז מען, אַזוי ווי דער זיידעלע האָט געזאָגט — חסידות בחברותא ובצוותא, אַז דאָס זאָל האָבן אַ קיום. ר' ישראלצע איז נסתלק געוואָרן נישט אין טיפן עלטער, און זיינע קינדער האָבן טאַקע געפירט „ראַבייסטוואָ" לפי „שיטת־קאַרלין" — חסידות בחברותא ובצוותא, אַזוי ווי ר' מיילעכקע האָט זיך אויסגעדריקט: „כדי צו פועלן ביים רבונו־של־עולם, דאַרפן האָרעווען אַלע צוזאַמען, די חסידים מיטן רבין"...

אָט אַזוי שטייען קאַרלינער חסידים שוין 200 יאָר בתוך השורה, די רביים נישט אויסגעטיילט, נאָר גייען בראש השורה. דאָס איז אַ שורה פון געוויינלעכע יידן אָן איצטלות, אויף וועלכע ס'רוט די שכינה נישט נאָר בעת דאַוונען און זינגען, נאָר אפילו אויך אין דעם טאָגטעגלעכן און אין דעם וואָכעדיקן לעבנס־שטייגער.

בערעזנער חסידות

די אַלטע חסידים וויסן צו דערציילן פיל פּראַקטישע מעשיות, וואָס פאַרענטפערן פיל שאלות וועגן הדרכה פון דער השגחה איבער אונדזערע מענטשן. פון דעם דערציילטן באַקומט זיך, אַז די דאָזיקע הייליקע גזע פון בערעזנער חסידות נעמט זיין אָנהייב, ציט זיין יניקה און השפעה פון גרויסן סטעפּאַנער מגיד, וועלכער איז געווען ממש אַ חד־בדורא צווישן דער פלעיאַדע פון חברים און תלמידים פונעם רבין ר' בער. די דער־ציילער זאָגן, אַז אויך טשערנאָביל האָט דאָ משפּיע געווען און גיבן נאָך צו, אַז דער ערשטער שורש ציט זיך אויך פון ר' מיכל זלאָטשעווער. די אַלע זענען די פאַרשפּרייטער פון חסידות אין וואָלין.

דעם סטעפּאַנער מגידס שיטה האָט באַגלייט אַלע דורות בערעזנער רביים. די שיטה זאָגט, אַז דער פּשוטער ייד איז דאָן נאָענט צום כביכול, אויב ער לעבט מיט די אַרומיקע באחווה ובשלום, אויב זיין משא־ומתן איז באמונה און אויב ער איז דורכגע־דרונגען מיט אהבת הבריות. די בערעזנער חסידים האָבן געהאַלטן, אַז דער רבונו־של־עולם איז טאַקע מלא־כל־הארץ־כבודו, אָבער אין בערעזנער בית־המדרש איז ער מער שכיח.

אין דאָמבראָוויץ פלעגן צוואַנציק מנינים יידן, אין בערזענער בית־המדרש, זאָגן אויפן קול תהילים און בין־מנחה־למעריב געלערנט „עין־יעקב". און זיי האָבן אַוודאי אַזוי געטראַכט: אמת, דער האַר־פון־דער־וועלט נעמט אויף די תפילות פון אַלע בתי־מדרשים, אָבער ווען מען דאַוונט מיט אונדזער רבין ר' נחומצע, דעם רבינס ר' שמוליקס זון, איז אין בית־המדרש פיל זיכערער. ווען 50—60 מנינים יידן זענען

געשטאַנען אין ברעזנער שטיבל און געזאָגט סליחות, זענען זייערע הערצער געווען געווענדעט צום רבין ר׳ נחומצע מיט יראה און האָפענונג, אַז ער וועט ביים עמוד אויספועלן אַ גוט יאָר. די דאָזיקע יידן, אין זייער ביטערן גלות, מיט געשלאָגענע פרנסות, מיט מחלות און פורעניות, — פאַר זיי איז אַ ברכה פון ר׳ שמוליקלען, אַ סגולה פון ר׳ איציקלען, אַ גוט וואָרט פון ר׳ נחומצען, אַ מעשה פון ר׳ יוסעלען — פאַר זיי איז דאָס געווען אַ מקור פון טרייסט און אָפּהיטונג פון אַלדאָס בייז.

אַלטע חסידים האָבן גערעדט פון פּערעלען, די טאָכטער פון טשערנאָבלער און די רביצין פון די ברעזנער, מיט גרויס דרך־ארץ. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז דאָס האָט זי געפירט די מלחמת־ברעזנע ביד־רמה און אַז דאָס האָט זי געגעבן די פּראַק־טישע הדרכה פאַר חסידים.

ווען אַ ברעזנער חסיד איז געגאַנגען בויען אין אַ דאָרף אַ מיל, האָט ער געבעטן פריער דעם רבינס הסכמה און ברכה. אין די ווייכע־גוטע משפחה־אויגן פון דער שושלת ברעזנע האָבן זיך מאָמעס געפלייסט אַריינצוקוקן, כדי אויסצובעטן ברכות פאַר זייערע קראַנקע קינדערלעך. און ס׳האָט געהאָלפן...

איך האָב אַמאָל אויפגעכאַפּט פון ר׳ נחומצעס מויל, אַז לפי האר״י הקדוש איז אַ געוויסער קאַפּיטל תהילים אַ הילף אין אַן עת־צרה. שפּעטער, ווען מיר האָבן געבלאָנקעט אין טויט־שרעק איבער וועלדער און בלאָטעס, צווישן טויטע גופים, האָב איך און מיין גרופּע חברים געזאָגט דעם קאַפּיטל תהילים און טאַקע אויסגעמיטן אַ סך געפאַרן ביז צו דעם ברעג פון ארץ־ישראל...

די ברעזנער רביישע מימרות, איבערגעגעבענע איש־מפּי־איש, זענען זייער פאָלקסטימלעך. נחמן פעלד, למשל, האָט אַמאָל געזאָגט אין ר׳ יאָסעלעס נאָמען: „...חסידות איז אַ שותפות, אין וועלכער יעדער איינער דאַרף אַריינטראָגן זיין חלק פון דעם וואָס ער האָט, — תורה, געזאַנג, שמחה אאַ״וו. אויב אַזוי, טאָ גיב דו, מיכל, געלט, איך וועל זינגען, איציק־מאיר וועט טאַנצן און מיר אַלע וועלן פריילעך זיין״...

נאָך האָט מען דערציילט אין נאָמען פון רבי ר׳ יאָסעלען, אַז ער פלעגט אַזוי זאָגן: „עסן ווי אַ ייד איז פיל שווערער פון פאַסטן ווי אַ ייד — עסט יידן, ווי יידן!״.

די ברעזנער משפחה האָט זיך פאַנאַנדערגעצווייגט איבער גאַנץ וואָלין, און געבליבן געטריי די שיטה פון אמונה פשוטה — והאלקים עשה את האדם ישר.

ווען נאָך דער טרויעריקער מלחמה, האָבן מיר געפונען אין ראָוונע צעריסענע יריעות פון ספרי־תורות, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ „גניזה״ נעבן אַ קבר פון אַ צדיק, און אויסגעקליבן דעם קבר פון רבין פון אמונה פשוטה, דעם קבר פון ברעזנער רבין ר׳ מאירל. דאָרט האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ קבר, אוסגעצעמענטירט אַ מערה און געמאַכט די „גניזה״ פון פאַרשוועכטע ספרי־תורות און צעריסענע יריעות. בעתן פאַרדעקן און פאַרמאַכן די מערה, זענען מיר פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אוקראַינער, מיר האָבן זיי אָבער צעשלאָגן און פאַרטריבן, שעפּטשענדיק דעם קאַפּיטל תהילים, וואָס ר׳ נחומצע זצ״ל האָט מיר אַמאָל אָנפאַרטרויט.

טריסקער חסידות

ביי אונדז אין שטעטל זענען די טריסקער חסידים געווען די גבירים, ווי אויך די שטילע יידן. כאָטש ס'איז געווען אַ חסידות באמונת־צדיקים, דאָך אָבער איז עס נישט געווען קיין זון מיט שטראַלן, וואָס רייסן זיך פון אינעווייניק צום דרויסן אַרויס. איך קען די דאָזיקע חסידות פון איינמאָל אין יאָר, בעת די שמחת־תורהדיקע הקפות, דאָן גייט טריסקער טייך אַרויס פון די ברעגן, ווי אין פסוק שטייט: ומעינותיך יפוצו החוצה... דאַן, אין דעם דאָזיקן טאָג, נעמען זיך צונויף אַלט און יונג, פרומע און פאַר־געשריטענע, אַלע זענען פריילעך, טאַנצן און זינגען, אַלע רעדן מיט יראת־הכבוד. אָבער אַ גאַנץ יאָר, אויך דאַן אפילו ווען דער רבי איז דאָ, איז ביי די טריסקער געווען מהיכא־תיתאָדיק, אַזוי ווי זיי וואָלטן שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז די שכינה איז דאָך פאָרט אין גלות און אַז אפילו אין שמחת־תורה איז דער מענטש כחרס־הנישבר, וואָס דאַרף שטענדיק תשובה טאָן...

די טריסקער האָבן נישט געהאָרעוועט אין חסידות, ווייל זיי האָבן געהאַט אויף וועמען זיך סומך צו זיין: אַ קליינינקייט טריסק... זייער יחוס איז דאָך גאָר אַן אַלטער, ער ציט זיך פון טשערנאָבלער דינאַסטיע, צוגלייך מיטן בעל־שם־טוב. אויפן ערשטן טשערנאָבלער האָט דאָך דער בעל־שם־טוב געזאָגט, אַז ער וויל פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע עולם־הבא...

וועגן ר' יעקב־לייבעניו האָט מען דערציילט, אַז ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מופת און אַז ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געוואָלט דערגרייכן צו דער מדרגה פון התגלות אליהו. כדי דאָס צו דערגרייכן האָט ער אויסגעאַרבעט אַ סדר פון שלאָפלאָזע נעכט און תפילות, און מקיים געווען דעם סדר מיט אַזאַ קפדנות, אַז ער איז שווער קראַנק געוואָרן. נאָר אַ דאַנק גרויסער מעדיצינישער הילף איז ער צוריק געזונט געוואָרן אין חודש חשוון, און מהאי־טעמא זאָגן נישט די טריסקער — מר־חשוון, נאָר רם־חשוון. די שפּעטערדיקע הסתלקות פון ר' יעקב־לייבעניו איז איינגעוויקלט אין פיל סיפּורים. מען דערציילט, אַז ער האָט פאָרויסגעזען דעם טאָג פון זיין טויט און האָט זיך צו אים געגרייט, זיצנדיק אָפּגעזונדערט אין תורה און אין תפילה. יענעם טאָג איז ער געגאַנגען אין מקוה, האָט זיך טובל געווען ש"י פעמים, און איז טאַקע גלייך נאָך דעם נסתלק געוואָרן בקדושה ובטהרה.

די טריסקער רביים האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער וואָלין און קאָנגרעס־פּוילן. זיי זענען געווען אין קאָוועל, לובלין, טשענסטאָכאָוו און אין קוזמיר. דער ערשטער טריסקער מגיד איז נאָך אין זיינע יונגע יאָרן גיך באַקאַנט געוואָרן אויף דער וועלט, און אַלטע חשובע רביים זענען געפאָרן צו אים. ר' יעקב־לייבעניוס ברודער, ר' מאָטעלע קוזמירער, איז געווען אייגנאַרטיק צווישן זיין דור־רביים. מען דערציילט, אַז ער פלעגט ממש וויינען בדמעות־שליש אויף די פדיונות, וואָס ער נעמט ביי די חסידים וועלכע פלעגן גלויבן אַז דאָס העלפט זיי, בעת אין דער אמתן וועלן זיי געהאָלפן נישט דורך אים, נאָר צוליבן זכות־אָבות פון ר' מרדכי טשערנאָבלער...

אין מיין דור איז אַריינגעטראָטן אַ שינוי. בעת דער רבי ר׳ וועלפעלע, וואָס האָט געוווינט אין קאָוועל, פלעגט מאַכן זיינע באַזוכן אין דאָמבראָוויץ, האָב איך אויפגע־כאַפּט, אַז ער ציט שוין זיינע חסידים אין זיינע ד׳ אמות. כ׳געדענק, למשל, דעם באַזוך זיינעם, אין די דרייסיקער יאָרן, בעת דער יונגער דור פון טריסקער חסידים האָט פאַר אים איינגעאָרדנט אַ גרויסע אויפנאַמע ביי איציע יונגשטיין אין זאַל. איך און מיין פרוי ע״ה זענען אויך געווען איינגע־לאַדן צו דער אויפנאַמע. דער רבי איז געזעסן אויבנאָן און אַרום די טישן זענען געווען אַ דריי־סיק פּערזאָן, די מענער פון איין זייט און די פרויען פון דער צווייטער זייט. דער שמועס איז געווען אַ וואַרעמער און געמיטלעכער, און די פרויען זענען אויך געווען באַטייליקט אין שמועס. דער רבי איז געווען אויסגעמישט מיט דער עדה און ער האָט מיט אַלעמען געהאַלטן אַ קאָנטאַקט. ער האָט גערעדט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע פון יידן און אונטערגעשטראָכן, אַז די דעמאָל־טיקע אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין פּוילן ציט איר יניקה פון דייטשלאַנד. כ׳געדענק גוט, וואָס ער האָט דאַן געזאָגט: דאָס גאַנצע פּוילן שטייט אויפן שיידוועג אָבער אונדזערע כלל־טוער און פּאָליטיקער שטייען נישט ליידער אויף דער וואַך און אַלאַרמירן נישט די וועלט, און ס׳קאָנען חלילה זיין שלעכטע פאָלגן...



הרה״ק ר׳ יעקב־אריה טווערסקי
(אַ זון פון טריסקער מגיד)

אין יענעם מאָמענט לא ירדתי לסוף דעתו, וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן מיט „ס׳קאָנען חלילה זיין שלעכטע פאָלגן". כ׳ווייס עד־היום נישט, צי האָט טאַקע דער רבי שוין דאַן פאָרויסגעזען די שלעכטע פאָלגן, אַזוי ווי איך האָב זיי שפּעטער געזען אין דערווירקלעכקייט. איינס איז אָבער קלאָר: טריסקער חסידים, בערעזנער חסידים, קאַרלינער חסידים — מיט זייערע אַמאָליקע רביים — זענען פאַרשניטן געוואָרן על לא עוול בכפם.

ב. צדקה און קעגנזייטיקע הילף

מיר האָבן במסירה, איש מפי איש, אַז זינט יידן האָבן זיך באַזעצט אין דאָמבראָוויץ, פאַרנעמט צדקה אַ חשוב אָרט אין לעבן פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס. אַזוי האָבן זקנים דערציילט וועגן פדיון־שבוים, הכנסת־כלה, ביקור חולים, באַגלייט מיט מעשיות וועגן גרויסע נדבנים, ווי, למשל, ר׳ טודרוס פון פאַריקן יאָרהונדערט, ר׳ זרח, צי אַ ר׳ שלמה, וועלכע פלעגן זיך ממש מוסר נפש זיין צו העלפן אָרעמע יידן. וועגן איינעם אַ ר׳ יאָסל בערעזשקער דערציילט מען, אַז ביי אים פלעגן טאָג־טעגלעך עסן אָרעמע יידן, און אַרויסגייענדיק פון שטוב, באַקומען גרויסע נדבות.

מיט בערך 75 יאָר צוריק איז אין דאָמבראָוויץ געווען אַ בעל הבית, אָשר מאָטעלעס, האָט מען אים גערופן. אין זיינע מיטעלע יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן אָריינטראַכטן: ס'טייטש? ווי שוויגט מען? די תורה הקדושה הייסט דאָך אַכטונג געבן אויף אָרעמע־לייט! ער הויבט אָן זאַמלען געלט פון זיינע שטיבלשע מיטדאַווענער, און גיך ציט ער אַריין אַלע דאָמבראָוויצער איינוווינער. דאָס שטעטל ווייסט נישט ווען ער טוט באַזאָרגן, אָבער עס איז רויק, דעם דלות זעט מען נישט אָן, מען זעט נישט קיין הונגעריקע. דריי צענדליק יאָרן איז דער דלות געווען פאַרבאָרגן אין שטעטל. ר' אָשר מאָטעלעס שטאַרבט ביי די אַכציק יאָר און צו די אַכט טעג ווערט אין שטעטל אַ גערודער: די משפחות וועלכע אָשר מאָטעלעס פלעגט שטילערהייט באַזאָרגן, ווערן געפרוירן פון קעלט און זענען הונגעריק. דאָן קלייבן זיך צוזאַמען עטלעכע יונגעלייט, און נעמען איבער די איניציאַטיוו. זיי האָבן גערופן שמואל הקטן און צו אים אַזוי געזאָגט: „היות עס איז פון ר' אָשר מאָטעלעס געבליבן אַ ירושה אַ צדקה־בייטל, נעמט, ר' שמואל, שכר־טרחה צוויי רובל אַ וואָך און זייט דער זאַמלער און אויך דער צעטיילער".

אָבער, דאָמבראָוויצער בעלי־בתים זענען נישט מסכים, זיי ווילן אַז די געגעבענע צוויי־דריי קאָפּיקעס זאָלן אָנקומען צום נויטבאַדערפטיקן אָן פאַרמיטלער וואָס באַקומען שכר־טרחה. איז טאַקע געקומען אַן עלטערער מענטש, וועמענס קינדער עס האָבן געפירט די געשעפטן און ער אַליין האָט געהאַט גענוג פרייע צייט און זיך מתנדב געווען צו טאָן די אַרבעט. דער ייד האָט געהייסן: ר' יהושוע סטאָלער, המכונה: טשאַוועס. ער האָט געדאַוונט אין סטאָלינער שטיבל און איז געזעסן בשכנות מיט אָשר מאָטעלעס במשך צענדליקער יאָרן. אָשר מאָטעלעס קומט צו חלום ר' יהושוען און זאָגט אים: „יהושוע! דו הערסט? די אָרעמעלייט ווערן פאַרפרוירן! שוויג נישט, נעם דעם בייטל און קלייב געלט, קויף האָלץ און וואַרעם אָן די קאַלטע הייזער, גיב די מאַמעס ברויט מיט זאַלץ פאַר זייערע הונגעריקע קינדער". און ר' יהושוע סטאָלער כאַפּט זיך אויף אין האַלבער נאַכט און לויפט אַ דערשראָקענער צו ר' יאַנקלען דעם רב, און דער נאָך דאָן אַ יונגטשקער רב, זאָגט צום אַלטן ר' יהושוע, ער זאָל נעמען די צדקה־טאָרבע און אָנהויבן זאַמלען געלט. דערביי זאָגט מען אים צו, אַז ער וועט זוכה זיין צו אַריכת־ימים און צו אַ גוטער עלטער.

צוויי צענדליק יאָר האָט ר' יהושוע גענומען פון יעדן בעל־הבית „וואָכער"־געלט. ער האָט נישט געבעטן, נאָר גענומען. אייניקע יידן פלעגן אפילו פון זייערע פאַרדינסטן געבן מעשר. ר' יהושוע פלעגט צוהיטן און נעמען געלט פון אַלע דאָפּרסלייט, געקומענע אין שטאָט, פון וויסאָצקער און בערעזשניצער קרעמער, וועלכע פלעגן קומען קיין דאָמבראָוויץ איינקויפן סחורה, ווי אויך פון וואַלד־סוחרים און בראַקאַרעס, וועלכע פלעגן זיך באַווייזן אויפן באַן־הויף, אָדער, אין שטעטל. ער גייט פון שטוב צו שטוב, פון קראָם צו קראָם, און אַלע טראָגן אים אַנטקעגן דאָס געלט מיט כבוד. פאַר געפאַלענע בעלי־בתים גיט ער מתן־בסתר, און פאַטענטירטע קבצנים גיט ער מיט דער ברייטער האַנט. ער טיילט צוקער, זאַלץ, שכר־לימוד פאַר די קינדער, העלפט מיט חתונה־הוצאות. ר' יהושוע איז געשטאָרבן אַלט זייענדיק אַריבער אַכציק, און די זין האָבן בעת דער

קבורה אים אַריינגעקוועטשט אין האַנט דעם צדקה־בייטל, כדי ער זאָל, אַנקומענדיק אויפֿן עולם־האמת, דערלאַנגען אַ זכות צום כביכול פֿאַר כלל ישראל.

געווען איז אין דאָמבראָוויץ אַ ייד מיטן נאָמען: ר׳ הערש־לייב מאַניסעס. כל ימיו איז ער געווען אַ נהנה מיגיע־כפּו. זומער און ווינטער, אין פֿראָסט און רעגן, היץ און קעלט, איבער זאַווערוכעס און קלעפּיקע בלאָטעס — פֿלעגט ער יעדן דאָנערשטיק און פֿרייטיק אַרומגיין פֿון שטוב צו שטוב מיט אַ זאַק און זאַמלען גאַנצע חלות. ווען דער זאַק ווערט פֿול, טראָגט דער אַלטער ר׳ הערש־לייב מאַנעסעס אים אַהיים אויסליידיקן און גייט ווידער און מידט נישט אויס קיין שום ידישע שטוב. די אָרעמעלייט וועלכע קומען אין שטעטל, ווייסן שוין דעם אַדרעס פֿון הערש־לייב מאַנעסעס. ביי אים אין שטוב ווערן זיי תמיד וואַרעם אויפֿגענומען. לכבוד שבת שטעלט ער זיך אַוועק אויפֿן ראָג שאָסיי־גאַס און מיט אַ פֿריילעך פּנים בעט ער די אָרעמעלייט צו זיך אין שטוב און ווען זי ווערט איבערפֿולט, גייט ער צו שכנים און באַשטעלט אָרט פֿאַר די געקומענע. ער איז געשטאָרבן אין טיפֿן עלטער, געלאָזט נאָך זיך דריין זין: מאיר־חיים, מאַנעס און נחמן. די ירושה, דעם זאַק מיט די אורחים, נעמט איבער זיין עלטערער זון נחמן.

געווען איז „עליע מנקר״, — אַזוי האָט מען אים גערופֿן, אפֿילו נישט רב עליע, — אַ ייד אַ מופֿלג בשנים. שוין זייער לאַנג ווי ער האָט נישט געוואָלט זיין מער קיין מנקר, ווייל טאָמער, חס וחלילה, וועט ער נישט יוצא זיין. מיר קאָנען קיינמאָל נישט וויסן, צי ער איז אַ יודע־ספר, ווייל ער שווייגט. ווען ער קלייבט נדבות פֿאַר די נצרכים אין שטעטל, שווייגט ער אויך. און בעת ער טיילט פֿאַנאַנדער, זאָגט מען, קוקט ער נישט דעם נצרך אין פּנים אַריין. ער שטעקט אַריין דאָס געלט כלאחר־יד, אָן דיבורים. אַזוי אויך ביים דאַווענען, ער דאַוונט שטיל. איין מאָל האָב איך אים געטראָפֿן אין טריסקער שולכל אַריינקוקנדיק ערנסט אין טריסקער רבינס ספֿר — באַמערקנדיק מיך, האָט ער פֿאַרמאַכט דאָס ספֿר.

איין מאָל, נאָך אַ דרשה פֿון אַ רעליגיעזן מטיף וועגן ארץ־ישראל, האָט ער געזאָגט: „טאַקע, באמת, צוליב וואָס זיצן דאָ? אַלע דאַרפֿן גיין קיין ארץ־ישראל! משיח וועט שוין קומען קיין ירושלים״. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל וואָס כ׳האָב געהערט ר׳ עליעס קול.

ער איז געגאַנגען שטילינקערהייט, אין די פֿאַרטאָגן, אין מקווה. ווייל וואָס דאַרפֿן אַלע זען און וויסן דערפֿון? און זייענדיק איינער אַליין אין אַ פֿאַרטאָג אין מקווה, איז ער דערטרונקען געוואָרן.

איך וויל אויך דערמאָנען אונדזערע מאַמעס, וועלכע האָבן מיט זייערע מעשים־טובים פֿאַרקלענערט די נויט אין דאָמבראָוויץ. אָט זע איך זיי מיט זייער קערפּערלעכער און גייסטיקער שיינקייט און ידישער צניעות. זאָל דערמאָנט ווערן גאָלדע־חוהס. איר זעט מען אויף אַלע שטעטלדיקע שמחות, אָן אויסגעפּוצטע מחותנתטע, וועלכע זאַמלט און טיילט.

זאָל דערמאָנט ווערן די קאַנאַריטשקע. זי זיצט, מ׳שטיינסגעזאָגט, 20 שעה אין מעת־לעת צווישן זעק שמאַטעס, זיליעס און קליאַטשע, און איז אַזוי פֿאַרטאַראַמט,

נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, און בעת־מעשה טיילט זי נדבות יעדער אויסגע־שטרעקטער האַנט. אין יענע הונגער־יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זי זיצנדיק צווישן די זעק, געגעבן, געטיילט און געבעטן גאָט, אַז צדקה זאָל מגין זיין.

זאָל דערמאָנט ווערן בארמאַניכא פון בארג, לייבעס פרוי. זי טראַכט שטענדיק, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן כדי צופרידן צו שטעלן דעם רבונו־של־עולם, און דעריבער איז איר שטוב שטענדיק פול געווען מיט פרעמדע אַרבעטער, שטענדיק דערנערט פרעמדע קינדער, און אַז זי האָט געהאַלטן אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישט גענוג, האָט זי געהאַט השגחה אויף וועמען מען האָט נאָר געדאַרפט.

זאָל דערמאָנט ווערן פייגל קראצמאַן. אין אירע זאַטע יאָרן געדענקט זי איר אַמאָליקע נויט פון פאַר דער חתונה, האָט אַן אייגענע קאַסע און שטענדיק איז אין שטוב פול מיט ווייבער. מען רעדט דאָרט שטיל און די שיינע פייגל, שאָקלט מאַיעס־טעטיש מיט איר שיינעם קאָפּ, שלעפּט פון קאַסטן צען־רובלדיקע און גיט גמילות־חסדים.

און זאָל דערמאָנט ווערן דער פרויען־קאָמיטעט נאָך פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויף צו שטיצן קראַנקע און אַרויסהעלפן זיי מיט אַ דאָקטאָר און מעדיקאַמענטן. דער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער סטאָלינער רביצין, ר׳ יעקב דעם רבס פרוי. אין דעם קאָמיטעט אַרבעטן מיט: אסתר שיינביין, משה ברעגמאַנס פרוי און פייגל קראצמאַן. זיי ווייסן שוין ווו עמעצער איז קראַנק, און ווער עס דאַרף באַקומען שטיצע. ד״ר ראַדין ווערט דורך זיי אַריינגעשיקט צום קראַנקן, און פון אַפּטייק גיט מען אַרויס רפואות. אין אַ סך פאַלן פלעגט נאָך פייגל קראַצמאַן צוגעבן אַ גמילות חסד פון איר אייגן קניפּל אין סכום פון אַ צוואַנציק רובל. אַ ביסל שפּעטער ווערט אויך אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט די פרוי מרים גענזל וועמען דאָמבראָוויץ קען פאַר אַן אשה נדבנית.

די דאָזיקע מרים גענזל, האָט אין די הונגער־יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געבאַקן ברויט פון אייגן מעל פאַר נויטבאַדערפטיקע, כאָטש זי האָט אַליין געהאַט אַ גרויסע משפחה און קיין פּראַצע אין שטוב האָט נישט אויסגעפעלט. איך האָב אַמאָל אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן איר און דער טאָכטער פערל: „מאַמע, גאָט איז מיט דיר, — טענהט די טאָכטער — שוין ווידער געבראַכט וואַסער און האָלץ און דו קנעטסט די דייזשע און הייצסט, אַ ווו וועסטו נעמען כוחות? דו וועסט דאָך פאַלן!“ ענטפערט מרים: „גאַנצע משפחות זיצן פאַרחלשטע פון הונגער, איך קאָן נישט צוזען דעם צער, מען מוז האָרעווען, באַקן און אונטערהאַלטן די הונגעריקע“. צוויי צענדליק יאָר זענען אַדורך און היטלער, ימח שמו, האָט אַלעמען אַריינגעיאָגט אין געטאָ און מרים האָט אויפגעהערט עסן, כדי די קינדער און אייניקלעך זאָלן האָבן גרעסערע פּאָרציעס. די קינדער בעטן זיך ביי איר: „מאַמע, דו ביסט קראַנק, האַלט אונטער דיין נשמה, און עס עפּעס“. ענטפערט זי: „און וועלפל דער קאָן עסט? און ברוך גענזל עסט? און נאָך הונדערטער משפחות עסן? זאָל דער צער קומען פאַר כביכול און דערוועקן רחמים“. אָבער, קיין רחמים איז נישט געקומען. דער אויסגעמאַטערטער מרים גענזל

האָט מען קיין סאַרנע נישט געקאָנט פירן און מען האָט זי מיטן בעט דערפירט ביזן פליאַנט און דאָרט דערשאָסן.

אַרומבלאָנקענדיק זיך שפּעטער אין וואַלד, פלעגן מיר דערמאָנען מרים גענזלס אַ טאַט פון די צייטן, ווען פּעטלורעס באַנדעס האָבן געווילדעוועט און געמאָרדעט יידן. אין איינעם אַ טאָג האָבן זיי געכאַפּט דוד־משהן און דעם שכן שלעזינגערן, וועמען זיי האָבן זיך געקליבן אַרויספירן פון שטעטל און שיסן. מרים גענזל איז דעמאָלט געווען איינע אַליין אין שטוב מיט די קליינע קינדערלעך. מיט קולות און געוואַלדן ראַנגלט זי זיך מיט די באַנדיטן און אין טומל אַנטלויפן די געכאַפּטע קרבנות, אָבער דערפאַר שיסן זיי איר אַריין אַ קויל און פאַרוווּנדן זי. מרים בייסט זיי און געוואַלדעוועט: עס ווערט אַ צונויפגעלאָף פון אַ סך גויים און יידן און די באַנדיטן טראָגן זיך אָפּ. ווען זי ווערט געזונט, און מען פרעגט זי: „מרים, וואָס האָט איר געקלערט, איר איינע אַליין וועט פאַרטרייבן די רוצחים? איר האָט דאָך געקאָנט פאַריתומען אייערע קליינע קינדערלעך!" ענטפערט זי: „איך האָב געזען, אַז מען וויל הרגענען יידן, טאָ וואָס איז געווען צו קלערן? מען דאַרף שרייען, ראַנגלען זיך, געהרגעט צו ווערן און נישט לאָזן הרגענען אַ יידן". בימי היטלער האָבן מיר געשוויגן, נישט גע'רעש'ט, און עס קאָן זיין, אַז ווען מיר וואָלטן יעדן אויפגעכאַפּטן קרבן געוואָלט אַרויסרייסן, אָפּשלאָגן אפּטומלען, אַליין וועלן אומקומען, כדי דעם ברודער מציל צו זיין, וואָלט היטלער זיין בעסטיאַלישן פּלאַן נישט געווען געקאָנט דורכפירן.

זאָל געהייליקט זיין דער אָנדענק פון אַלע נשים צדקניות און נדבניות וואָס דאָמבראָוויץ האָט אַרויסגעגעבן אין אַלע דורות, און דער אָנדענק פון פרויען און מענער וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צדקה, שטיצע און קעגנזייטיקער הילף. מיר אַלע אין שטעטל, האָבן הויך געשעצט און טיף געליבט אונדזערע צדקה־טוערס. ביי מיר איז פאַרבליבן אין זכרון דאָס בילד ווי אַזוי מיין באָבע פלעגט מיט יראת הכבוד גיין אַנטקעגן ר' יהושוע סטאָליער, און אַריינוואַרפן אין זיין צדקה־בייטל די פינף קאָפּיקעס. און איך געדענק מרים גענזל, וועלכע האָט איר גאַנץ לעבן נאָר געגעבן, און נישט געקליבן, און ווען איין מאָל, האָט דאָמבראָוויץ אין מיטן אַ וואָכנדיקן טאָג, דערזען ווי מרים גענזל קלייבט נדבות, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז געוויס, איז עס פאַר אַ גרויסן נצרך, און מען האָט איר פאַרשאָטן מיט געלט.

געווען איז אַ יידענע, האקמאניכא, אַן עלטערע פרוי, אָן קינדער. זי איז תמיד זויבער אָנגעטאָן, אַ קלאָר ווייס געפּרעסט טיכל אויפן קאָפּ, אַ שיינער טערקישער שאַל, אַריבערגעוואָרפן איבער די פּלייצעס, אַ שיינע געקווייטלטע פּאַטשיילקע אין האַנט. זי באַגריסט יעדן איינעם מיט אַ שמייכל און פריילעכע אויגן: „נו, גיט אַ נדבה, שענקט אַ נדבה". און אַ קאָפּיקע האָט יעדער איינער געגעבן. זי האָט געזאָרגט, אַז קימפּעטאָרינס זאָלן האָבן איינגעמאַכטס, אַ לימענע, אַ מאַראַנץ, אַ פּעקל צוקער. זי האָט אויך געזאָרגט וועגן צושטייער פאַר אַ נויטבאַדערפטיקער כלה.

פאַר דער מצווה פון הכנסת כלה, אַז צוליב געלט זאָל, חלילה, אַ יידיש מיידל נישט פאַרזעסן ווערן, האָבן געזאָרגט שכנים און שכנות און סתם ערלעכע יידן. איך

געדענק אַ פֿאַל, ווען פּיניע דער מלמד, אַליין אַ קבצן אין זיבן פֿאַלעס, איז געוואָרן אַן אַפּוטרופּוס איבער אַ כלה. ער נוצט אויס מאָטל אייזנבערגן, דעם מאַנופֿאַקטור־סוחר, און נעמט ביי אים צו אַלע רעשטלעך, ביי איצל ביטשיק און לאַזאַר קאַדישעס, נעמט ער טשאַכטאַריער מעל, פֿון די באַקאַלייטשיקעס נעמט ער היטלעך צוקער. ער לאָזט נישט דורך קיין איין גביר, קריגט זיך מיט די צוריקגעהאַלטענע נותנים, און ער דערגרייכט זיינס — די כלה האָט מיט מזל חתונה.

און אָט גייען אַ פּאָר בכבודיקע יידן זאַמלען געלט פֿאַר אַ בעל־עגלה, נעבעך, אַ מטופּל מיט קליינע קינדער, ביי וועמען עס איז געפֿאַלן דאָס פֿערד, און אין שטוב הונגערט מען שוין אונטער. נישט אין אַלע הייזער גייען זיי אַריק, וואָרעם זיי נעמען נאָר צו האַלבע רובל.

אַזוי כאַפּן זיך אויך אַרויס יונגעלייט און גייען פֿון שטוב צו שטוב זאַמלען צענער קאָפּיקעס בעת מען דאַרף אָפּפֿירן אַ קראַנקן קיין ראָוונע, אָדער קיין קיעוו מאַכן אַן אָפּעראַציע. בכלל האָט מען אין דאַמבראָוויץ געגעבן גמילות־חסדים מיט איבערגעגעבנ־קייט, ברידערלעך. איך בין אַמאָל בייגעווען בעת ר׳ גדליהו־עטעלעס האָט געבעטן אַ הלוואה ביי ר׳ מיכל קריוויצער. דער ר׳ גדליה האָט אַ סך יאָרן געהאַנדלט מיט ערדענע טעפּ. פֿאַרוואָס דווקא מיט ערדענע טעפּ? ווייל דער רבי ר׳ שמוליקל ז״ל, האָט אים באַלד נאָך דער חתונה געהייסן מאַכן אַ קראָם אין וועלכער עס קאָן נישט זיין קיין הונאת דברים. דעריבער איז אַמבעסטן אַ קראָם מיט ערדענע טעפּ, ווייל, אַז אַ יידענע גיט אַ קלאַפּ אין טאָפּ, איז אויב ער קלינגט נישט אָפּ, ווײַט מען שוין איר נישט קאָנען איינריידן, וואָרעם זי וועט אַ צעבראָכענעם טאָפּ נישט נעמען. דערביי איז אויך נישט מעגלעך קיין הונאת־ממון, ווייל אויף אַ טאָפּ פֿאַרדינט מען בלויז דריי גראָשן. במילא איז ר׳ גדליהו, דער למדן, דער ערלעכער ייד, געווען שטענדיק אַ קבצן. בעת ער האָט געבעטן ביי ר׳ מיכלן אַ גמילות־חסד האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט: „גיב מיר אַ גמילות־חסד, איך דאַרף באַצאָלן פֿאַר די טעפּ". געווען איז עס אין יענע אומרויִקע, נאָכ־מלחמהדיקע יאָרן, ווען געלט האָט מען געהאַלטן באַגראָבן אין דער ערד. מיכל קראַצמאַן האָט זיך געפּוילט צו גראָבן די ערד ביינאַכט. זאָגט צו אים ר׳ גדליהו: „הער נאָר, מיכל, אויב דו פּוילסט זיך פֿאַר מיינעטוועגן אויסצוגראָבן דאָס געלט, קאָנסטו גורם זיין, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך חלילה איבערקערן, וואָרעם די וועלט שטייט אויף דריי זאַכן: תורה, עבודה און גמילות־חסדים און כדי דו, דער גביר, זאָלסט האָבן וועמען צו געבן אַ גמילות־חסד, מוז איך זיין אַ קבצן. אַ גביר דאַרף נישט דיין גמילות־חסד, טאָ פּויל זיך נישט, גראָב אויס דאָס געלט און גיב, ווייל איך דאַרף". האָט מיכל אויסגעגראָבן ס׳געלט און געגעבן.

ביי די קרעמער איז געווען אַ מנהג, אַז איינער ביים צווייטן פּלעגט אויסליידיקן די טישקעסטלעך מיט די פּדיונות. לויפֿט אַרום אַ קרעמער, וואָס דאַרף דעם טאָג צאָלן אַ וועקסל און פֿרעגט: וויפֿל האָסטו אין טישקעסטל? אַזוי ביי איינעם און אַזוי ביים צווייטן, ביים דריטן.

אויך איז צו דערמאָנען די באַנק פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ דאַנק די

געגעבענע — דורך דער באַנק — הלוואות האָבן אַ סך קרעמער זיך געהאַלטן אויף די פיס, בעלי־מלאכות האָבן צו יעדער צייט געקריגן אַ הלוואה פון פופציק רובל. די איניציאַטאָרן פון דער באַנק זענען געווען: דער קאַזיאָנער ראַבינער שיינפלייש, ווי אויך ראָטנבערג, נפתלי סאַנדלער און אהרן גאַלפּערין. די באַנק ווערט געגרינדעט דורך אַריינגעטראָגענע קליינע פּאַיען און אויך פקדונות. די אויבנדערמאָנטע זענען די גרינדער און אויך די פאַרוואַלטונג. זיי אַרבעטן אָן לוין, אָן רווחים. בלויז גלויבערמאַן איז געווען בוכהאַלטער פאַר לוין. אָט די באַנק האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך אַ שטיק צייט אין די בלוטיקע מלחמה־יאָרן, אויסגעטיילט זייער פיל הלוואות. עס איז נישט געווען אין שטעטל אַזאַ איינער, וואָס האָט נישט גענומען קיין הלוואה פון פופציק רובל, ווען נישט פאַר זיך, איז פאַרן ברודער, פאַרן שכן.

איך דערמאָן אַ פאַקט: איך בין אַמאָל בייגעווען ווען ר׳ שלמה מאירס איז געקומען צו אַ גביר אין שטוב בעטן אַ גמילות־חסד 200 רובל כדי אויסצוקויפן אַ נאַכנאַמע. אַזאַ גמילות־חסד האָט דער גביר זיך נישט געטרויט צו געבן, אָבער ער לאָזט נישט אַרויס דעם באַדערפטיקן מיט ליידיקע הענט און זאָגט: „הער, שלמה, איך זאָג דיר אָפנהאַרציק, אַז נישט איך און נישט אַ צווייטער וועלן דיר וועלן באָרגן 200 רובל, און דו דאַרפסט דאָך די סומע נייטיק צו האָבן, לכן, נעם ביי מיר 20 רובל און פון מיר גיי צו איטשע יונגשטיין, נאָכהער צו חנינא ביטשיק, צו איצל ביטשיק, צו ר׳ משה־הערש פאַטרוך, צום חיים גענזל, צו מאָטל וויטלס, צו מאַטוסאָוו, וועלכער קומט באַלד אין שטאָט, צו כאַרטשאַקן, צו ר׳ מיכל פון קריוויץ". און כך הווה, מען האָט צוזאַמענגעשטעלט 300 רובל כדי ער זאָל צומאָרגנס נישט דאַרפן ווידער לויפן און באָרגן. דעם לעצטן צען־רובלדיקן האָט געגעבן נחמן פעלד. אין דער הלוואה האָבן זיך באַטייליקט אַלע דאָמבראָ־וויצער נגידים.

די דאָמבראָוויצער נגידים זענען צו יענער צייט נישט געווען קיין פאַבריקאַנטן און נישט קיין באַזיצער פון גרויסע קאַפּיטאַלן. דאָס זענען געווען בעלי־פּרנסות און באַזיצער פון אַ פאָר טויזנט רובל. אייניקע פון זיי האָבן זוכה געווען און די פּרנסה האָט זיך פון זיי נישט אָפּגעטאָן און זיי האָבן געהאַט מעגלעכקייטן צו העלפן דעם צווייטן אין די הונגער־יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך בעת דער גרויסער נויט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָט געהערט דער אַזוי גערופענער פּאָלוואַראָק — חיים און יענטע גענזל מיטן גאַנצן שבט גענזעלעך: די זין, דער איידעם און די אייניקלעך. אַלע האָבן בשותפות געהאַלטן אין אַרענדע פּליאַ־טערס וואַסער־מילן. די זין פלעגן געבן, אַז דער איידעם זאָל נישט וויסן און דער איידעם — אַז די שוואָגערס זאָלן נישט וויסן, ועל כולם האָט דער אַלטער ר׳ חיים געגעבן מתן־בסתר. זיין עלטערער זון, דוד־משה, איז שטענדיק געזעסן אין בערעסטיער מיל און ס׳איז געווען כמעט ווי אַ מנהג, אַז יידן וועלכע לאָזן זיך איבער די דערפער, גייען פריער אַריין צו דוד־משהן, אין בערעסטיער מיל, אָפּעסן. אויך זיין פרוי, מרים, האָט אין יענע הונגער־יאָרן אויסגעהאַלטן בסתר גאַנצע משפחות און בגלוי געטיילט גאַנצע ברויטן. לייבע, פון באַרגס משפחה, וועלכע האָט געהאַט אַ מאָטאָר־מיל מיט אַ סך

שפע, האָט אויך געטאָן גוטס פאַר נצרכים. און ווען די מיל האָט זיך אַ דריי געגעבן, — איז די אַריינגעפאַלענע תבואה צעטיילט געוואָרן פאַר אָרעמע.

צו יענער צייט איז די קאָנאַריטשקע אַ ספּעציעלע נדבות־געבערין. כאַרטשאַק טיילט מיט אָן אָפּענער האַנט. אין יענע הונגער־יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די דאָרפישע יידן שטאַרק אונטערגעשטיצט די הונגעריקע שטעטלדיקע יידן. די אונטערשטיצער זענען געווען: בערעסטיער יידן, קרופּער יידן, ליטיניטשער יידן, יעקב־הערש און נאטקע זאלאטייער, יאָסל זאמראטשעניער, פּסח מאַטשולישטשער, אלתר הארוועניצער, טריפּיטניער יידן. יאַנקל — דער קרומער קאָוואַל, האָט געהאָרעוועט און געקליבן קאָרן פאַר דער אַרבעט און זיך געטיילט מיטן ביסן. ביי ברוך און אַלטע פייגלשטיין פון דאָרף ראַן, איז דאָס טישטעך נישט אַראָפּ פון טיש. אין אויוון האָט זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכן און יידן הונגעריקע האָבן דאָרט געגעסן. ביי מיכל און משה קריוויצער האָט מען גאַנצע טעג געבאַקן ברויט און אויך דאָרט האָבן יידן געגעסן. איך בין זיכער, אַז יעדער דאַמבראָוויצער בעל־הבית, ווען ער זאָל געווען האָבן אַ מעג־לעכקייט, וואָלט ער אין די הונגער־יאָרן זיך געטיילט מיט זיין ביסן פון מויל און אונטערגעהאַלטן דעם הונגעריקן. לדוגמא וויל איך דערמאָנען חיים לאַנדוי פון דאַמב־ראָוויץ וועלכן מען פלעגט אויך רופן: „חיים גלגול". ער האָט צו יענער צייט געפירט פערד־האַנדל מיט דאָרפישע גויים און געהאַט ברויט־מעגלעכקייטן. ביי זיין טיש זענען טאָקע געווען שטענדיקע יושבים און האָבן געגעסן, ביז דער הונגער איז אַריבער. דער זעלבער ר' חיים איז צו היטלערס אַריינמאַרש אַלט געווען 85 יאָר. די פרוי,ביידע זין און די בת יחידה זענען שוין לאַנג נישט געווען בין החיים. אים אַליין האָט כביכול אויפגעהאַלטן ביז דער לעצטער שחיטה. בעת דעם טויטן־מאַרש קיין סאַרנע, האָט מען אים אויך אַריינגעגנאַרט, אַז מען פירט אים אויף אַרבעט. איך האָב אים געזען מיט אַ קלומאָק אויף די פּלייצעס, דער לולקע־ציביק אין מויל, אָבער אָן רויך, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין טיטון. אין דער מהומה, אין געלויף האָב איך אים אָנגעווירן פון אויג.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז די טראַדיציע פון קמחא דפּסחא פאַר נויטבאַדערפטיקע. משנכנס אדר, קומט יעדעס יאָר פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון די טובי־העיר. ווען ס'איז שלום ביי יידן, איז די פאַרזאַמלונג אָן אַלגעמיינע; ווען ס'ערשט פּירוד־לבבות, קומט פאַר ביים סטאָלינער רב, הרב ר' יעקב, אַ באַזונדערע זיצונג. פּורים הויבט זיך אָן די געלט־זאַמלונג. פאַר דער סעודה גייען אַרויס גרופּעס געלט־זאַמלער. אָט גייט יעקב־מאיר, דער גלעזער, מנחם, דער חזן, פּיניע, דער מלמד, צאַליע בורקעס, מאָטל וויניאר א. אַנד. מען גייט פון שטוב צו שטוב און די זאַמלונג האַלט אָן ביז ראש חודש ניסן. יידן ווייסן, אַז עס איז אַ דין אין שולחן־ערוך, אַז מען איז מחויב צו געבן מעות־חטין. הרב ר' יעקב איז ביי מעות־חטין זייער אַ קפּדן. ער זאָגט: „מיר האָבן צוויי רשימות, איינע פון נותנים, אַ צווייטע פון מקבלים. פאַר פּסח מוז מען פיגורירן אין איינער פון זיי: אָדער דו גיסט, אָדער דו נעמסט!".

אָט גייט אַ בערעזנער קאָמפּאַניע: נחמן פעלד, איציק־מאיר בלעזניוק גבריאל דער

כלי־זמר מיטן קלאַרנעט, ר׳ שלמה דער קאַן און נאָך אַ פּאָר יידן. ייִנגלעך לויפן נאָך, ווייל גבריאל שפּילט אין יעדער שטוב אַ מאַרש. די טריסקער חסידים מאַכן עס אָן רעש. זיי האָבן טאַקע נישט קיין מקבלים, זיי זענען פון די פאַרמעגלעכע בעלי בתים אין שטעטל, אָבער מנהג בלייבט מנהג, לכן מאַכן זיי אויך אַ מעות־חטין־אַקציע. יאָסל חנה־טשערנעס, איציק ענטעל און יחיאל ראַזשאַנסקי, קלייבן צווישן די אייגענע מתפללים און ווען ר׳ יחיאל איז פאַררייזט, פאַרטרעט אים אַ צווייטער ייד.

דער מנהג פון מעות חטין האָט אָנגעהאַלטן אין די זאַטע יאָרן און אין די הונגער־יאָרן, אפילו אין היטלערס צייטן האָט מען אַלעמען באַזאָרגט מיט מצה אויף פסח.

די ערשטע וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציעס און דער איבערגאַנג פון מאַכט צו מאַכט, האָבן אַ טרייסל געטאָן דאָס יידישע דאָמבראָוויץ. אַ סך מנהגים, מוסדות, זענען בטל געוואָרן און צוריק באַנייט געוואָרן. עס פעלן אַ סך פון די פריערדיקע טובי־העיר און מנהיגים. אייניקע זענען פאַראַרעמט געוואָרן און די צדקה־פראַגע איז ווידער אַקטועל.

אין דער צייט פון פוילנס הערשאַפט זענען געווען אראנזשירט אין צדקה־אַרבעט וועלפל סאראקאטש און טוביה דער שוחט. סאראקאטש זאַמלט און טוביה שוחט פאַר־צייכנט ביי וועמען עס האָבן אָרעמעלייט נעכטן געגעסן און ביי וועמען הונגעריקע דאַרפן מאָרגן עסן, ווער עס האָט פאַר שבת געגעבן עפּעס געלט און ביי וועמען מען דאַרף היינטיקע וואָך נעמען. יעקב שמואל פייגלשטיין רייסט אין וועלטן און קלייבט פאַר קראַנקע. מען גיט אַכטונג אויף אַ יורד־מנכסיו און מען באַזאָרגט דעם אויסגע־שריגענעם קבצן. ווינטער־צייט ווערן אַריינגעפירט אין אָרעמע הייזער פורלעך האָלץ. מען וואַרפט אונטער שפּייז־פעקלעך. און ווען דער פוילישער ווירטשאַפטלעכער אַנטיסעמי־טיזם רואינירט משפחות, האָט די צדקה־האַנט געשטיצט און געראַטעוועט פון אונטער־גאַנג. אַ חוץ די אויבן באַשריבענע פאָרמען פון זעלבסטהילף, איז אויך געווען הילף פון אַמעריקע. טיילווייז פון דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט און טיילווייז פון דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער יידישע שטיצע. עס זענען געקומען: געלט, פעקלעך קליידונג און שפּייז, ווי אויך גרעסערע געלט־סומען אויף צו גרינדן מוסדות פון „דזשאָינט" און „אָרט". עס איז דאַן געגרינדעט געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וואָס האָט זיך גוט אַנטוויקלט, אַרויסגעגעבן אַ סך הלוואות און געמאַכט דיסקאָנטעס. ס'איז אויך געווען אַ צופלוס פון אָרטיקע פקדונות. אַזוי, למשל, האָט סראַליק משהלעס געהאַט געלט אין באַנק, ס'איז כמעט נישט געווען אין דאָמבראָוויץ קיין שטוב און קיין משפחה וועלכע זאָל נישט האָבן געקומען אין באַרירונג מיט דער באַנק. אין יאָר 1939, ווען ס'זענען געקומען די סאָוויעטן, האָבן זיי איבערגענומען די באַנק מיט אירע קאַפּיטאַלן.

„טאָז" האָט געגרינדעט אַ מעדיצינישן פונקט אין נפתלי פעלדמאַנס הויז, אויף באַלניטשענער גאַס. פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געווען אברהם פייגלשטיין און סעקרעטאַר — ברוך בארמאַן. אין משך פון אַלע יאָרן, ביזן חורבן, איז דורך דער אינסטיטוציע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ סך הילף. ווען דער בודזשעט איז אַריבערגעוואַקסן

די אַריינגעפּלאָסענע סובסידיעס פון „טאָז", איז דער דעפיציט געדעקט געוואָרן דורך דאָמבראָוויצער נותנים.

מיט די אַמעריקאַנער געלטער, וואָס האָבן געדאַרפט צעטיילט ווערן, ווי דרינגענדיקע הילף, ווי אויך מיט די שפּייז־פּעקלעך, האָט פאַרוואַלטעט אַן אויסגעוויילטער קאָמיטעט פון אַלע שיכטן, פרויען ווי מענער. שפּעטער האָבן זיך די מענער צוריקגעצויגן און עס זענען געבליבן בלויז די פרויען ווי אַ קאָמיטעט פאַר סאָציאַלער הילף. זיי האָבן געטאָן די אַרבעט כמעט ביזן חורבן. אין ישראל געפינט זיך מירעלע דעם רבס, די פאָרזיצערין פון יענעם פרויען־קאָמיטעט.

געווען זענען אין שטעטל יתומים ויתומות. אין די פריערדיקע צייטן האָבן זיך שטענדיק געפונען אינדיווידועלע באַזאָרגער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען געזאָגט: יתומים מוזן האָבן אַן אַדרעס, אַ היים. לעם דער תרבות־שול איז געלייגט געוואָרן אַ פונדאַמענט פאַר אַ בית־היתומים און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ סעודת־מצוה. חסידים און פאָרגעשריטענע, אַלטע און יונגע, האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, און עס זענען געגעבן געוואָרן התחייבותן אויף געלט. אויפן מגרש האָבן יידן געכאַפּט אַ ריקודל. צוויי מאָל האָב איך געזען דעם אַלטן ראָטנבערגן טאַנצן אין ראָד מיט רעליגיעזע יידן. דאָס ערשטע מאָל ווען מען האָט אויסגעמאָסטן און געהייליקט דאָס נייע בית־הקברות. דאַן איז גאַנץ דאָמבראָוויץ אַרויס אויף דוקאַראָווסקי זיך באַטייליקן אין קידוש בית־החיים. נאָך שופר־בלאָזן, האָבן אַלע געטרונקען לחיים, מען זאָל דערלעבן משיחן און מען זאָל זוכה זיין צו תחיית־המתים. דאַן האָט ראָטנבערג געטאַנצט אין איין ראָד מיט משה־הערשן, מיכל ביטשיק, געדאַלקע דער גלער, וועלפל סאַראַקאַטש און שמערל כאַמינישקעס. דאָס צווייטע מאָל האָט ראָטנבערג — ווי דערמאָנט — געטאַנצט אויפן מגרש פון בית־היתומים.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די דאָמבראָוויצער אַרבעטערשאַפט געגרינדעט אַ גמילות־חסדים־קאַסע און אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם מיט אַרטיקלען פון ערשטן געברויך צו ביליקע פּרייזן. די אינסטיטוציעס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די מנהיגים פון „בונד". דער גרונט־קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון פאַיען וואָס די חברים האָבן אַריינגעטראָגן. מיטן אַריינמאַרש פון פּעטלורעס באַנדעס, איז אַלץ צערויבט און חרוב געוואָרן.

און זאָל דערמאָנט ווערן דאָס יאָר 1915, ווען ניקאָלייס אַרמייען טרעטן אָפּ פון פּוילן, ליטע און לעטלאַנד און שלעפּן מיט הונדערטער עשאַלאָנען יידן. אין יענע טעג האָבן דאָמבראָוויצער יידן, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, בעלי־עגלות, סוחרים, קרעמער און מלמדים, אָרגאַניזירט הילף פאַר די יידישע היימלאָזע. מען זאַמלט וואָגנס מיט ברויט, קאַנען מיט מילך, קעסלען מיט געקאָכט עסן. ביי נאָסיע הערשן אין מויער ווערט געעפנט אַ קיך און די וואַנדערנדיקע יידן ווערן אויפגענומען וואַרעם און ברידערלעך. מיט דער הילף־אַקציע האָבן זיך דאַן פאַרנומען, אויף וויפל איך געדענק: ר' יאַנקל האָלצמאַן, וועלכער איז שפּעטער עולה מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל (זיינע ביינער רוען אויפן תל־אביבער בית־החיים); שלמה מאַטאַרין — דער

בעל־עגלה, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהאָרעוועט מיט זיין פערד אָן לוין (נשמתו עדן), בערלביילע־מלכהס, הערשל זוליאר, בנימין שוואַרצטוך,ביילקע קראַצמאַן, כאנטשיק פאַטרוך, — קרבנות פון היטלערס מערדערישער האַנט. און זאָלן געבענטשט זיין מיט אַריכת־ימים די וואָס לעבן אין ישראל: יוסף חיים בייגל, אברהם בינדער, שמואל זאַלצמאַן, רייזל איסאַד, ווי אויך די וועלכע געפינען זיך אין חוץ־לארץ: מאָטל כארפאק און לייבל ענטעל. אויך די טראַגיש־אומגעקומענע ברכה זאַלצמאַן האָט דעמאָלט פיל געטאָן. און זאָל דערמאָנט ווערן דער דאָמבראָוויצער ייד (נשמתו עדן), דער אַרענדאַר פון סעלצער מיל, וואָס האָט געגעבן אומזיסט מעל. ער איז געווען אַ ייד מיט זיבן נעמען: יהושע, מרדכי, יהודה, אריה, לייב, און נאָך צוויי נעמען וועלכע איך געדענקט נישט. פייגל די בעקערין, ביילע־מלכה, משה יהושע פון „פאָרט אַרטור" האָבן געבאַקן דאָס ברויט און נישט גענומען קיין שכר. די דאָזיקע אַקציע האָט אָנגעהאַלטן ביז ס'איז אַריבער די כוואַליע בעזשענצעס פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

און ווען אין יאָר 1939, בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון בעזשענצעס, האָבן דאָמבראָוויצער יידן אויפסניי אָרגאַניזירט הילף פאַר די היימלאָזע. דאָס גרויסע בית־המדרש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיז־זאַל און די היימלאָזע יידן און פּאָליאַקן ווערן ברידערלעך אויפגענומען און באַשפּייזט.

אין די יאָרן 1919—1921, ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט גרויזאַמע קראַנקהייטן און עס האָבן אויסגעפעלט מעדיקאַמענטן ווי אויך מעדיצינישע הילף און דער מלאך־המות האָט געוועלטיקט אומגעשטערט, האָבן דאָמבראָוויצער יידן, מיט נפתלי סנדלר בראש, אָרגאַניזירט אַן אַקציע, און אויפן אָרט פון מעדיקאַמענטן ווערן געברויכט היימישע, פּרימיטיווע מיטלען. סנדלר גיט זיך אָפּ גאַנצע מעת־לעתן מיט די קראַנקע און מיט זייערע באַדערפענישן און אַ דאַנק דעם, זענען אַ סך מענטשן, הן יידן והן גויים, ממש אַרויסגע־ריסן געוואָרן פון די נעגל פון מלאך־המות.

דאָמבראָוויצער יידן האָבן הייליק געגלויבט, אַז ווען כביכול גיט אַ קוק אויף די תינוקות־של־בית־רבן ווערט באַלד נהפך כעסו לרחמים. במשך פון די 40 יאָר וואָס זענען מיר באַקאַנט, ווערן אויסגעהאַלטן ביי מלמדים און שפּעטער אין דער תלמוד־תורה, קינדער פון נישט־פאַרמעגלעכע עלטערן, אָדער יתומים. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אין בית־המדרש־שטיבל געגרינדעט געוואָרן דורך דעם מרכז הישיבות אַ ישיבה קטנה. דאָמבראָוויץ והסביבה סובסידירט די ישיבה און יעדער בעל־הבית איז באַשטייערט און צאָלט רעגלמעסיק זיין אָפּצאָל. אויך אין געטאָ האָט מען פאַרבאָרגענערהייט געלערנט די קינדערלעך. מען האָט גדענקט אין מאמר חז"ל, אַז אויב „מלאך יוצא לחבל את העולם, וכיוון שהקב"ה מסתכל בתינוקות לומדי תורה" — דאַרפן ווערן אונטערגעהאַקט די הענט פון שרעקלעכן מחבל. אַזוי האָט מיר געזאָגט יאַנקל דער גרויסער, דער טריפּיטנער קאָוואַל, ווען ער איז געפירט געוואָרן צום טויט. ער האָט געגלויבט, אַז דעם מחבלס הענט וועלן אָפּגעהאַקט ווערן.

מיר, דאָמבראָוויצער, געדענקען אויך אונדזערע טייערע ליבע שכנים פון די נאָענטע שטעטלעך, צו וועמען מיר פלעגן זיך ווענדן אין אַן עת צרה און זיי פלעגן שטענדיק

אונדז וואָרעם אָרויסהעלפן. אין סוף פון יאָר 1918 און אָנהייב 1919 קומען אָן חיילות און טרעטן אָפּ: אָט זענען ווייסע, רויטע, און שוואַרצע, אַלע ממיתן יידן. שלמה פּאַטרוך איז דאַן געפאַלן, דווקא פון די הענט פון אַ רויטן, מושער און פישמאַן, עליהם השלום — פון די פּעטליוראָווצעס און אויך פּאסמאַן און יצחק דער שוחט. אין אַ געווויסן טאָג דאַרפן אָנקומען פּעטליוראָווצעס, וועלכע האָבן שוין פריער אין די שכנותדיקע געביטן אויס־געמאָרדעט אַ סך יידן. גאַנץ דאָמבראָוויץ איז אַנטלאָפן קיין וויסאָצק. דאָרט זענען די יידן אויך דערשראָקענע, אָבער זיי נעמען אויף אַלע דאָמבראָוויצער, באַזאָרגן זיי מיט קוואַרטירן און גיבן עסן און טרינקען. מען איז דעמאָלט אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, ווייל די פּעטליוראָווצעס האָבן דאַן געהאַט אַ מפּלה. איין פרוי איז אָבער יאָ געהרגעט געוואָרן, געווען איז דאָס פּסח דעם מאַטשולישטשערס ווייב. זי איז דערשאָסן געוואָרן דורך די פּעטליוראָווצעס. מיט 23 יאָר שפּעטער, אין 1942, בעת מען פירט אונדז צו דער שחיטה, צעלויפן זיך פון בריק בערך 1400 יידן. פון זיי גייען אַוועק 800 יידן קיין וויסאָצק. דאַן איז נאָך דאָס געטאָ אין וויסאָצק געווען גאַנץ. פאַר אויפנעמען פרעמדע יידן האָט געדראָט טויט־שטראָף. אָבער וויסאָצקער יידן רעכענען זיך נישט מיט דעם. זיי נעמען אויף אין זייערע געטאָ־הייזער די דאָמבראָוויצער פּליטים און טיילן זיך מיט דעם געטאָ־ביסן. מיט צען טעג שפּעטער קומען היטלערס בעסטיעס און מאַכן אָן איבערפאַל אויפן וויסאָצקער געטאָ, פאַרוואַרפן די הייזער מיט האַנט־גראַנאַטן און די וויסאָצקער און דאָמבראָוויצער קומען אום צוזאַמען. בלויז געציילטע פון די דאָמבראָ־וויצער האָבן זיך דאַן געראַטעוועט און פון דאָרט אַנטלאָפן אין וואַלד. איינער אַזאַ, איז אַבל, שמואל ברוינפּנס זון. ער אַנטלויפט פון דאָמבראָוויץ קיין וויסאָצק, פון וויסאָצקער שחיטה אַנטלויפט ער אין וואַלד, וווּ ער איז אַ פּאַרטיזאַן במשך צוויי יאָר, נאָכהער גייט ער מיט דער רוסישער אַרמיי ביז בערלין, און פאַלט דאָרט אויפן פראָנט.

אין געטאָ האָט דער דאָמבראָוויצער יודענראַט אָרגאַניזירט אַ קאָנספּיראַטיוון אַנשטאַלט פאַר סאָציאַלער הילף, אונטער דער לייטונג פון אָשר שטראָם. דער יודענראַט פלעגט שטילערהייט אַראָפּנעמען אַ טייל פון אַלע געקליבענע און געגעבענע קאָנטרי־בוציעס און עס איבערגעבן אין אָשרס קאַסע. מען פלעגט קלייבן גאָלד, שטיוול, לעדער, פעלצן, וואַרעמע וועש, געשיר, הענטשקעס, היטלען, מעבל, פעפער, טיי, ווי אויך עסנ־וואַרג. פאַר אַראָפּנעמען עפּעס האָט געדראָט טויט־שטראָף. מען האָט אָבער געמוזט שטיצן די וועלכע האָבן שוין אינגאַנצן געהונגערט.

ווען דאָס רעשטל פון דער דאַוויד־האָראָדאָקער צעקוילעטער קהלה, — בערך 300 אלמנות, מיט קליינע קינדער — איז אָנגעקומען קיין דאָמבראָוויץ, האָט יעדע משפּחה איינגעגלידערט אין איר שטוב אַן אַלמנה און זי געהאַלטן מיט גלייכע משפּחה־רעכט. אַ סך משפּחות האָבן שוין דאַן אַליין געהונגערט, איז פונדעסטוועגן געזאָרגט געוואָרן, אַז די צוגעקומענע זאָלן נישט הונגערן. די סאָציאַלע אַרבעט איז פאַרדעקט פון אויג אונטער זיבן שלייערס, ווייל דער גאַנצער ענין שמעקט מיט מלאך־המות. אָשר שטראָם, דער פּרינציפּיעלער מתנגד פון נדבות, דער הייסער חסיד פון פּראָדוקטיוויזאַציע, פון קאָנקרעטער הילף, אַפילו דורך פּלאַנמעסיקער עמיגראַציע פון די דעקלאַסירטע מאַסן, אָט

דער אָשר, האָט אין געטאָ געגעבן נדבות אין פאַרשידענע פאָרמען, אַן סיסטעם, אַן פּלאַנירונג, אויפן אַלטן יידישן שטייגער, אַזוי ווי זיין טייערער טאַטע, ר׳ יעקב־הערש פּאָלאַק, דער מכניס־אורח פון דאָרף זאָלאָטייע.

אַ חוץ שטראָמס פאַרבאָרגענער קאַסע, איז געווען נאָך אַ קוואַל פון וועלכן מען קריגט אַ ביסל ברויט און מען טיילט די הונגעריקע, די אין גאַנצן דערשעפּטע, און מען האַלט זיי כאָטש אַ ביסיטשקע אונטער.

האַרט ביים געטאָ איבערן פּראַוואַליע, שטייט די געוועזענע יידישע מיל פון די שותפים: דוד משה גענזל, זיין איידעם הערמאַן סילענדער און זון פּנחס, און די יורשים פון מאַנדל ניימאַן, פּנחס ניימאַן און לייבל פּערלשטיין. די מיל איז אין די הענט פון די דייטשן און אוקראַינער. די אויבן־דערמאָנטע בעלי־בתים זענען נישט מער ווי אַרבעטער. זיי, די פאַכמענער, לערנען די גויים ווי זיך צו באַגיין מיט די מאַשינען. עס איז פאַר־באָטן, אַז אַ ייד זאָל אַרבעטן אין מיל. עס איז אויך שטרענג פאַרבאָטן, אַז אַ ייד פון געטאָ זאָל קומען אין מיל כדי עפּעס אָפּצומאָלן. די גויים מאָלן פראַנק און פריי און גיבן אַ דריטל אָדער אַ פערטל פון דעם געמאָלטן פאַר דער דייטשישער אַרמיי. די תבואה ווערט געזאַמלט אין מיל אין די שווערע הונדערטער טאָנען. די אויבנדערמאָנטע אייגנטימער פון מיל, האָבן איינגעאָרדנט, בעת זייער אַרבעט, אַ פאַרבאָרגענעם צוגאַנג צו די אָנגעזאַמלטע תבואות, וואָס פלעגן טיילוויז אריבערגעטראָגן ווערן אין געטאָ. און זאָל דער העראָישער מסירת־נפשדיקער טאָט בלייבן אַ זכרון פאַר די אומגעקומענע: ר׳ דוד משה גענזל ז״ל, הערמאַן־צבי סעלענדער ז״ל און אַ זכות פאַר די לעבנגעבליבענע: פּנחס ניימאַן, געווען אַ העלדישער פּאַרטיזאַן און געבליבן אין דאָמבראָוויץ צו מאַכן אַ חשבון מיט די אוקראַינישע רוצחים, פּנחס גענזל — געווען אין וואַלד און האָט אין פּאַרטיזאַנקע זיך אָפּגעחשבונט מיט גוישע מערדער, איצט וווינט ער אין ארץ־ישראל, ווי אויך לייבל פּערלשטיין — איצט אין ישראל.

אין געטאָ איז אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם פון מעדיצינישער הילף, טראָץ דעם וואָס דאָס שפּיטאָל און די אַפּטייק זענען געווען באַדינט דורך יידישע דאָקטוירים און פאַרמאַ־צעווטן. די דאָקטוירים: מאַרגולעס, ערליך און ראָמאַנאָוויטש, און די אַפּטייקערין: העניע מאַטוסאָוו, האָבן דערטיילט, אומלעגאַל, הילף. אָבער עס איז נישט געווען גענוג, ווייל פון נויט, צוואַנגס־אַרבעט און שטענדיקן פּחד זענען די מענטשן געוואָרן אָפּגע־שוואַכט, און יעדע קרענק האָט אָנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער. אין די לעצטע וואָכן האָט דער יודענראַט איינגעאָרדנט אַ בית־חולים אין איציע יונגשטיינס מויער און אין דעם טריסקער שולכל. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט עקזיסטירט, ווייל די רשעים, ימח שמם, האָבן גאָר שנעל צוגעגרייט די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דאָמבראָוויצער געטאָ.

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז אָרעמע יידן פלעגן קומען קיין דאָמבראָוויץ, זיך אויפהאַלטן אַ וואָך צייט און גיין איבערן שטעטל קלייבן נדבות. פאַרשידענע נדבות־זאַמלער פלעגן שבת נאָכן דאַווענען כמעט ווי צעכאַפּט ווערן און איינגעלאַדן אין די הייזער אויף שבת. אַזוי, למשל, האָט נישט געטראָפן, אַז לאזאר פּיקמאַן זאָל בלייבן שבת אַן

אַן אורח און נאָך אַזעלכע זענען געווען אין בית־המדרש, אין טריסקער שולכל און אין דער גרויסער שול, ווו די גבאים און שמשים פלעגן שוין צוטיילן און באַזאָרגן די בעלי־בתים מיט אורחים.

ג. בילדלעך פון שטיבל

נישט אומזיסט דערציילן די הייליקע ספרים, אַז ווען דאָס בית המקדש האָט געברענט, זענען שטיקלעך שטיינער פון די ברענענדיקע ווענט זיך צעפלויגן איבער גאָר דער וועלט און דאָרט ווו זיי זענען געפאַלן, זענען שפּעטער אויפגעשטאַנען בתי־מדרשים אין וועלכע דאָס ידישע פאָלק האָט אויסגעגאָסן זיין צער פאַרן כביכול אין תפילות און בקשות. צווישן זייערע ווענט האָט דער ייד טרייסט געפונען אין די שווערסטע לעבנס־מינוטן פון ביטערן גלות, אין מאָמענטן ווען ער איז געווען באַשפּיגן, פאַרשעמט און דערנידעריקט דורך זיינע שונאים. ווי נאָר דער ייד פלעגט איבערטרעטן די שוועל פון בית־המדרש, פלעגט ער זיך גיך אָפּטרייסלען פון אַלע בזיונות. אין בית ה׳ האָט זיין נשמה זיך באַלד אויסגעלייטערט, זיין געבויגענער גוף זיך אויסגעגלייכט און זיין יידישער באַוווסטזיין איז געשטאַרקט געוואָרן. אפילו ווען אַ הייפל נישט־דערקוילעטע, דאָמבראָ־וויצער יידן, האָבן זיך געבלאָנקעט איבער וועלדער און בלאָטעס, פאַרפאָלגטע, געיאָגטע דורך אַלע רשעים אומעטום צעזייט און צעשפּרייט הייליקע קרבנות, איז אַלעמען נאָכגע־גאַנגען די שטיבל־אַטמאָספער. אַ ייד האָט שטענדיק געהאַט אין מחשבה אַ מאמר חז״ל, אַ פּסוק פון תהילים, אַ מעשה, אַ טרייסט־וואָרט פון אַ נביא, מעשיות פון גוטע יידן א. אַז וו. מען האָט נישט געדאַוונט, אָבער שטיקער תפילות פלעגן ווי לעבעדיקע באַשע־פענישן אונדז באַגלייטן אין בלוטיקן ים פון אומקום און פאַרניכטונג. אָט דאָס אַלץ האָט אין אונדז דערהאַלטן דעם צלם־אלקים. אין יענער צייט האָט מיך אַמאָל געפרעגט אַ פאַרטראַכטער ייד: „זאָג נאָר, אברהם אבינו האָט בלויז געוואָלט מקריב זיין יצחקן, איז וועגן דעם פאַראַן אַ גאַנצע פּרשה אין חומש, מיר גייען יעדן טאָג צו דער עקדה און ער וועט אונדז דערמאָנען?״. יונה דער סערניקער האָט אַזוי געטענהט: „יידן האָבן אַלע טאָג געמאַכט אַ ברכה „יוצר אור״, וואָס וואָלט מיך אָבער איצט געאַרט, ווען עס לעשן זיך אויס די זון מיט דער לבנה און די שטערן און חושך־מצרים באַדעקט די רשעותדיקע וועלט?״ מיין ברודער, סענדער, האָט אויסגעבעטלט ביי אַ גוי רעשטלעך פון אַ גראָבן סידור וועלכן דער גוי האָט גענוצט צום רויכערן. מיט דעם סידור אויף די פּלייצעס האָט מיין ברודער דורכגעשפּרייזט און דורכגעטראָטן פעלדער און וועלדער, פּינסקער בלאָטעס, און דערנאָך — זייענדיק אין דער אַרמיי — האָט ער מיטן סידור דורכגעשפּרייזט מזרח־פּרייסן, פּוילן און דייטשלאַנד און אַפילו קיין ישראל נאָך געבראַכט צעריסענע בלעטלעך. פון וואַנען טאַקע דער כוח? און דער ענטפער איז: ווייל אין דער חרוב־געוואָרענער היים, האָבן יידן טאָג־איין טאָג־אויס געדאַוונט און געלערנט, ווייל די קדושה פון בית המקדש־מעט, האָט אונדז באַגלייט אין אונדזער נע־ונד־וועג.

אָט אַזוי, למשל, האָט אויסגעזען אַ פּאַרנאַכט אין שטעטל: מען לאָזט זיך גיין, ווער צום בערעזנער בית המדרש און ווער צום סטאָלינער שטיבל. מען לויפט שנעל אַדורך דעם לאַנגן פּאָליש און מען איז שוין אינעווייניק. מען כאַפּט אַ קוק אויף דעם ברייטן שטיבל מיט זיינע גרויסע פענצטער און געפאַרבטע בענק, אויפן געשניצטן אָרון־קודש, אויף די קלאָרע, געפאַרבטע ווענט. און ביז מען שלעפּט אַרויס די גאַרטל פון קעשענע, דערזעט מען זיך צווישן יידן ביי וועמען די פּנימער לייטערן זיך אויס פון דער מרה שחורה, און דו פילסט ווי אַזוי מען שפּאַנט זיך אויס פון דעם טאָגיקן עגמת־נפש.

און אָט הויבט זיך אויף מנחם דער חזן פון דער גמרא און שפּאַצירט אַדורך איבערן שטיבל. ער האַלט דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די אַקסלען, אַזוי, אַז זיין גרויסער שטערן איז אויפגעהויבן אין דער הויך. דיר דוכט זיך, אַז מנחם קלערט עפּעס, אָבער, ניין, ער האָט שוין לאַנג אָפּגעקלערט. ער שיקט בלויז זיין בליק צו די ברייטע, הויכע הימלען, צום כביכול, צו וועלכן זיין האַרץ גלוסט און זיין נשמה ברענט. „איי, איי" — ווען מען זאָל כאָטש קאָנען אַ קוק געבן אויפן זיו־אורו־של־כביכול! אָבער משה רבנו האָט עס אויך נישט געקאָנט דערגרייכן. דערפאַר אָבער איז פון שטיבל אויס אַזוי גוט צו קוקן אויף גאָטס פּאַלאַץ, ווייל די אויגן־בליקן ווערן נישט פאַרשטעלט דורך קיין שום גשמיותדיקע זאַך. זענען טאָקע מנחמס אויגן געווענדעט צום הימל, מיט ליבשאַפט און שלוות־הנפש.

אויפן בעלעמער זיצט שוין דער אַלטער שמעקער און זאָגט קטורת. ווען ער דערגייט צו אַ געוויסן פונקט, קנייטשט ער אויף די נאָז ווי צום ניסן און זאָגט אַרויס הויך און לענגלעך: „אוי־אוי דקה מן הדקה..." און גלייך זאָגן נאָך אַ צענדליק, און אפשר, פינף צענדליק יידן — אַלע מיט אַמאָל און יעדער אויף אַן אַנדער אָקטאַווע, ווער בידעריקער, ווער לענגער, ווער העכער, זינגען אויס דעם — „דקה מן הדקה", כדי מקיים צו זיין מצוות „דקה מן הדקה" („במקום שתהא דקה מן הדקה") ווי עס איז דער נוסח קאַרלין־סטולין. ווען מען קומט צו צום „השם צבאות עמנו, משגב לנו" פאַרדבקהט מען זיך שטאַרק און ביי „ה' צבאות אשרי אדם בוטח בך" — ווערט די מתיקותדיקע דביקות נאָך שטאַרקער און יידן קרעמער ווערן פול מיט בטחון, אַז כביכול וועט העלפן מיט געלט אויף סחורה פאַר דער האַלב־ליידיקער קראָם און אויך מיט פּדיון אויף צו קאָנען צאָלן די וועקסלען, און ווען מען קומט צו צו „המלך יעננו ביום קראנו" זאָגט מען עס שוין מיט אַזאַ ברייטקייט, ווייל מען איז זיכער אַז „המלך יעננו".

און אָט כאַפּן זיך אַריין די פאַרשפּעטיקטע: איצל ביטשיק לויפט גלייך צו צום האַנטעך, ווישט די הענט און זאָגט אויף גיך קטורת כדי אָנצויאָגן דעם בעל תפילה. מאָטל וויטילס קומט אַריין מיטן פּאַראַסאָל אונטערן אָרעם, גייט שטיל און וויך, טראָגט צו די שפּיץ־פינגער צום כיור, גיט זיי אַ וויש אין האַנטעך און זאָגט גיך קטורת, כאַפּט אַ שאַרפן קוק אויף רעכטס און אויף לינקס און זאָגט שמונה עשרה מיט אַלעמען צוגלייך. מיכל ביטשיק הייבט אָן זאָגן דער ערשטער, ער ציטערט כדי נישט צו פאַרלירן חלילה קיין וואָרט און בלייבט טאָקע אויף אַ סך הינטערשטעליק. ברוך „די קויל", וואַנדערט אַרום

פון באַנק צו באַנק, און ווו עס פאַרכאַפּט אים דער לעצטער אָמן, נאָכן קדיש, דאָרט בלייבט ער שטיין שמונה־עשרה.

ר׳ יאַנקל, דער רב, איידער ער מאַכט די דריי טריט פאַר שמונה־עשרה, פירט ער דורך זיינע גרויסע שיינע אויגן איבער אַלע מתפללים, ער טוט אַ בייג דעם קערפּער אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס און ווען ער זאָגט „שפתי תפתח״, שטייט ער גלייך ווי אַ סטרונע.

אין שטיבל קומען צו מתפללים, אַ טייל בלייבט שטיין הינטערן בעלעמער, אַ טייל לויפט צו, יעדער צו זיין שטענדיקן זיץ־אָרט. צו קדושה איז שוין דאָס שטיבל פול מיט מענטשן און אַלע שפּרינגען גלייך קדוש, קדוש, קדוש... די לאָמפּן ברענען האַלב אַרויס־געדריי׳ט, נישט ווי שבת. דו פילסט, אַז יענער אור־הגנוז פון שבת, איז אין די וואָכעדיקע טעג נישט צום נוצן און אַז דאָס שוואַכע ליכט איז טאַקע צוגעפּאַסט צום וואָכעדיקן מצב־רוח. איציק שמאַלץ שרייט אויפן גאַנצן קול: „ברוך הוא וברוך שמו״. שמערל פרענקל לאָזט דורך דעם ערשטן, אָבער דעם צווייטן „ברוך־הוא״ ציט ער אויס בהרחבהדיק און זינגט אונטער „אמן״. גדאַלקע דער גלעזער, גיט ביי יעדן „ברוך־שמו״ אַ הייב אַ ביסל די האַנט אין דער הויך און ביים „אָמן״ זאָגן, גיט ער אַ קוועטש אויף אַ האַלבן קולאַק און אַ געשריי. משה הערש פאַטרוך, אין סאַמע מזרח־שטאָט האַלט די הענט אויף די קני, טוט אַ בייג דעם קאָפּ אויף רעכטס און זאָגט „ברוך שמו״, דערנאָך — אַ בייג דעם קאָפּ אויף לינקס און זאָגט „אָמן״. אשר שיינביין שטייט לעם משה הערש און כאַפּט אַ קוק אויף אונדז יינגלעך און אויף זיינע פּלימעניקעס, בערקע מיט יאָסקען, צי מיר ענטפערן „אמן״. ער אַליין, אַ ביסל ירגזונדיק און אַ ביסל נגידיש־אָפּגעהיט, ענטפערט מיט אַ האַלב מויל „אמן״. ישראל באַרזוך, שטייענדיק ביי דער מזרח־וואַנט, מיטן פּנים צום פענצטער, זאָגט יעדן „אמן״ אַזוי קלינגענדיק, ממש אַ פאַרגעניגן צו הערן. ר׳ יאַנקל, דער רב, ענטפערט „ברוך הוא וברוך שמו״ מיט אַן אייגענעם באַזונדערן נוסח. ווען די ברכה פון חזרת־הש״ץ איז „חונן הדעת״, ענטפערט הרב ר׳ יעקב אַזוי ברייטלעך דעם „אמן״ און ביי „מכניע זדים״ איז זיין „אָמן״ אַ מער קאָנצענטרירטער.

בדרך כלל קלינגט דער „אמן״ פון אַלע מתפללים פאַרשידנאַרטיק, כאָטש אַלע מיטן זעלבן אַלטן קאַרלינער נוסח. איך פיל נאָך היינט דעם טעם פון „ברוך שמו״ און „אמן״, אַרויסגעזאָגט דורך ר׳ אברהם דער שמש, ר׳ ישראל ציגעלניק א. אַנד.

אויפן בעלעמער זיצט דער יונגער „יעקב אבינו״. דער דאַשעק פון היטל איז ביי אים אַ ביסל אַראָפּגערוקט און די פלאַקסענע פאות בנעימותדיק צוגעקרייזלט. ער איז זיך מדריך אין קאַרלינער חסידות און פאָלגט נאָך יעדן עלטערן חסידס העוויות, קוקט צום עמוד און הערט ווי יעדעס וואָרט ווערט אַרויסגעזאָגט. ווען שלום בורקעס זאָגט חזרת־הש״ץ אַ ביסל הייזעריקלעך, אָבער גענוג שטאַרק און התלהבותדיק, אַ יידיש האַרץ זאָל קאָנען ווערן מיטגעריסן, און ווען ער זאָגט „על הצדיקים ועל החסידים״ — מאַכט נישט „יעקב אבינו״ קיין ווייטן חשבון פון צדיקים פון אַנדערע עולמות, ער האָט אין זינען די היימישע, גוט־באַקאַנטע צדיקים, זכותם יגן עלינו. ער טראַכט: „דער סטאָלינער צדיק, זאָל מאריך ימים זיין, ווי אויך די אַלע גרויסע סטאָלינער און קאַרלינער רבי׳ס וועלכע

זיצן אין גן־עדן און זענען נהנים מזיו השכינה. און אויב „ועל החסידים", לייגט זיך אויפן שכל, אַז צום ערשטן מיינט מען די סטאָלינער חסידים, וועלכע דאַוונען אַזוי פייערדיק, נאָכהער די קאָזשעניצער, די טשאָרטקאָווער און אין מלכות פוילן זענען אויך דאָ חסידים, כמו „אַנשי־גור". נאָכהער קאָנען שוין אַריינגערעכנט ווערן אויך די טריסקער, בערעזנער, סטעפּאַניער"...

די ברכות און די בקשות פון דער וואָכעדיקער שמונה־עשרה, רופן אַרויס ביי די מתפללים פאַרשידענע נאָכטראַכטעניש. ביי „הרוצה בתשובה" פאַרקלערט זיך מיכל ביטשיק וועגן זיין יונהן, וועלכער וויל גאָר ווערן אַ בונדאָוויעץ, ביי „רופא חולי עמו ישראל", קלערן אַרייך אַלע יידן, ווער עס איז אַליין קראַנק, אָדער ביי וועמען עס זענען פאַראַן קראַנקע קינדער אָדער ביי וועמען ס'ווייב האָט מיחושים. ביי „וירושלים עירך ברחמים תשוב", איז מען זיכער, אַז די בקשה וועט דערפילט ווערן. משה איטשע נחמנס, קאָמענטירט בעת מעשה דעם רמב"ם און מען וויסט אויך, אַז „בביאת משיח צדקנו", וועלן אַלע חסידישע שטיבלעך זיך אויפהויבן פון אָרט און מתגלגל ווערן קיין ירושלים, ווייל אַנדערש איז דאָך כלל נישט שייך, אַליין אַוועקגיין און לאָזן דאָ די הייליקע שטיבלעך אויף הפקר?

צו מעריב איז דאָס שטיבל איבערפולט מיט מענטשן. אברהם דער שמש מאַכט גרעסער דאָס פייער אין די לאָמפּן. עס ווערט ליכטיקער און דאָס דאַוונען ווערט טיפער, די הערצער ווערן שטארקער פאַרכאַפּט מיטן אינהאַלט פון די תפילות. און ווען דער בעל־תפילה שרייט אויס „אוהב עמו ישראל", איז מען זיכער, אַז אַזוי איז עס טאַקע, אַז בזמן הבית איז גאָטס ליבשאַפט צום יידישן פאָלק געווים געווען שטאַרק. און אי"ה לעתיד לבוא וועט גאָטס ליבשאַפט צו ישראל באַנייט ווערן שוין אָן איבעררייס. אַלע טראַכטן, אַז עס איז שוין צייט עס זאָל קומען משיח און מען קוועטשט דעם „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו", אָט דעם שטן וואָס וויל שאַפן א מחיצה בין ישראל לבין אביהם שבשמים. דערפאַר טאַקע באַהערשט אַלעמען אַ הרהור־תשובה בעת מען זאָגט „סלח לנו" פון שמונה־עשרה.

עס איז שוין נאָכן דאַוונען. אַ פּאָר מנינים יידן זעצן זיך לערנען גמרא, צו צווייי, צו דריי ביי איין גמרא. הרב ר' יעקב הייסט איבערזאָגן דעם „תנו רבנן" פון נעכטן. פון דער אַנדערער זייט באַנק, אַנטקעגן די זאָגערס, שטייען עטלעכע פריש צוהער־רערס, אָן גמראס. דאָס זענען די לומדים פון שטיבל, וועלכע שטייען דאָ צייטווייליק און באַלד גייען זיי אַוועק צו זיך אין שטוב לערנען פאַר זיך אַ פּאָר שעה. גדאַלקיע, דער גלעזער, שטעלט אָפּ בעריַשן דעם זאָגער און קוקנדיק אויפן רב, פרעגט ער פשט ביי די זאָגערס. משה ברעגמאַן האַקט איבער געדאַלקיען און פרעגט צום ענין סתם אַ טיפערע שאלה. עס מישט זיך אַריין לאַזאַר קדישעס און זאָגט עפּעס אַ בתמיה. דאַן הייסט הרב ר' יעקב דערלאַנגען פון שראַנק צוויי־דריי ספרים און איז מעיין, זוכט צווישן די מפרשים און פירושים און זאָגט: „אָט איז א הסבר אויף אייערע שאלות" און גיט צו, אַז אין דער גמרא כתובות ווערט דער זעלבער ענין באַהאַנדלט מיט מער קלאָרקייט, אַזוי אַז אָט די אַלע שאלות פאַלן אָפּ. איציק שמאַלץ קוקט התלהבותדיק אין

דער ריכטונג פון רב, דער דריטער פון שמאַלצן זיצט חיים־ברוך, דער ציגאַרניק, ער קלייבט איבער זיין שיטער בערדל און כאַפּט אויף די אַרויסגעזאָגטע ווערטער, פאָלגט נאָך די באַוועגונגען און שטריכן פון די מתווכחים און עפּעס בינדט זיך׳ עס ביי אים נישט. שולדיק זענען גאָר די טראַכטענישן וועגן די צוויי פורן קאַנטובקע, וואָס מען האָט גליך מיט טאָג צום אים אַריינגעפירט. אַנטקעגן, אויף דער צווייטער באַנק, זיצט חיים באַרמאַן — קוט. ער האַלט די באָרד מיט דער גאָמבע אָנגעשפּאַרט אָן דער האַנט, קוקט אויף די לערנערס און שמייכלט. דו זעסט, אַז זיין מוח איז באַשעפטיקט. ער טראַכט אַ פּנים: „סאַראַ קלוגע זאַך עס איז די גמרא״. אין די ווייטע ווינקעלעך איז איצט פינצטערער ווי פריער. אונטער די בענק איז נאָך מער שאָטנדיק, ווייל לאָמפּן ברענען נאָר לעם די לערנערס. יידן זיצן אויף די ווייטע בענק און כאַפּן אַ שמועס. דאָ און דאָרט זיצן יחידים, פאַרטראַגן אין מחשבות. זיי האָבן צייט צו גיין אַהיים.

די לומדים, די קשיות־פרעגער זענען שוין אַוועק און הרב ר׳ יעקב זאָגט דעם שיעור פאַר קאַרגע דריי מנינים צוהערער.ביים שיעור איז לעבהאַפטיק. אייניקע יונגע לייט מיט אַרומגעקרייזטע שוואַרצע בערד, אַ שטייגער: הערשל באַסלס, אָדער, בערל פינקלשטיין, זיצן אָן אַ גמרא. אַלע שמועסן וועגן די נאַר־וואָס געלערנטע ענינים. ביי איין „תא־שמע״ איז אַוועק אַ וואַרעמער שמועס, און הרב ר׳ יעקב גיט אַלעמען צו פאַרשטיין דעם שיינעם פאַרגלייך אין דינעם חילוק און דעם אַריינגעטראָגענעם אויפטו פון די תנאים. פּלוצלינג, קומט אַריין דעם רבס ברודער, ר׳ ישראל דער ציגעלניק און עס ווערט צווישן די ברידער אַ גאַנצע שקלא־וטריא: די מיטלערנער מישן זיך אויך אַריין. הרב ר׳ יעקב פירט אַרויס די ענינים אויף אַ זיכערן וועג און אַלע גייען זיך פאַנאַנדער מיט ליבשאַפט צום מקום קדוש, ווי מען האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר רואיקע אָנגענעמע שעהן.

אָפט, טרעפט אין מיטן לערנען, צי דאַווענען, רייסן זיך אַריין צוויי־דריי פרויען נאָך וועלכע עס גייען נאָך אַ פּאָר קליינע קינדער. אַלע טראָגן מיט זיך געוויין, רעש און געיאָמער. זיי איילן גלייך צום ארון קודש מיט בקשות און תחנונים פאַר אַ טאָכטער אָדער אַ שנור, וואָס גייט שווער צו קינד, צי פאַר אַ חולה מסוכן. דאָס דאַווענען אָדער לערנען ווערט איבערגעריסן און אַלע מתפללים און לערנער זענען זיך משתתף אין דעם צער פון די וויינענדיקע פרויען און יעדער מתפלל איז מכוון אַ רפואה שלימה, אַ באַלדיקע הילף פאַר דעם וואָס דאַרף זי, און זיי ענדיקן די תפילה אין צער.

עס טרעפט אויך, אַז די גוטע־ליבע מנחה־מעריב צייט אין שטיבל ווערט געשטערט. מען קומט דאַווענען און דאָס שטיבל איז געשלאָסן און די טיר פון דעם קוריערסקער שולכל איז אויך געשלאָסן. שטויסט מען זיך אָן, אַז עס איז נישט קיין צופאַל, עס זאָגט וועגן דעם עדות דאָס צעטל וואָס הענגט אויף דער טיר. מען לאָזט זיך אַוועק צום בערעזנער בית־המדרש, גייענדיק זעט מען, אַז דאָס טריסקער שולכל איז אויך געשלאָסן. די גרויסע שול איז פאַרמאַכט און דאָס גאַנצע שטעטל יידן שטראָמען צו די טירן פון בית־המדרש. דאָס בית־המדרש ווערט אָנגעשטאָפּט, ממש אַ שפּילקע נישט דורכצו־שפּאַרן. די שפּאַנונג איז גרויס. אַלע פרעגן משה סאַטניקן וואָס עס איז געשען, אָבער

משה שוויגט. פלוצים באַוויזן זיך חיים לאַנדויס שפּאָקעס מיטן שאַראַבאַן און בויד און עס שפּרינגט אַראָפּ דער אַלטער פּריסטאַוו. ער האַלט דאָס הענטל פון דער שאַבליע אין האַנט און קלינגענדיק מיט די שפּאָרן, גייט דער פּריסטאַוו אַרויף אויפן בעלעמער. ער רעדט אויף רוסיש, און כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין, זעצט דער „קאַזיאָני ראַבין" שיינפּלייש איבער אויף יידיש: די „קאַראַמאַלניקעס" (געמיינט: די יידישע רעוואָלוציאָנערן) זענען נאָך דאָ אין דאָמבראָוויץ. איבער דער גאַנצער ברייטער „מאַמעלע־רוסלאַנד" איז שוין לאַנג פון די בונטאָוושטשיקעס קיין זכר נישטאָ, שוין פינף יאָר, ווי מען האָט אין זיי פאַרגעסן און אין דאָמבראָוויץ זענען זיי נאָך ליידער דאָ! אָבער די מאַכט — גיט דער פּריסטאַוו צו פאַרשטיין — דאַרף שטיין אויף דער וואַך. לכן, זאָלן אַלע יידישע בעלי־בתים, יעדערער לעם זיין הויז, אָנצינדן אַ פאַנאַר, עס זאָל ליכטיק זיין אַ גאַנצע נאַכט, כדי די היטער פון דער מלוכה זאָלן זיך קאָנען באַוועגן.

דער פּריסטאַוו גייט אַוועק און די עדה יידן קאָכט זיך: אַזאַ גזירה! יעדע נאַכט אַ פונט גאַז און דערצו דאַרף מען נאָך אַ סטאָלב, אַ בעל־מלאכה, אַ הוצאה פון דריי קאָרבן...

אַ צווייט מאָל איז דאָס שטיבל ווידער געשלאָסן. עס איז אַן ענין פון דער קאַראָבקע. אַ דריט מאָל געשעט דאָס זעלבע צוליב סאַניטאַרע פאַראָרדענונגען. עס בושעוועט דיזענטעריע און אין אַזעלכע פאַלן גייט מען אין בית־המדרש. איין מאָל האָט מען געדאַרפט אויסגאַלקעווען אַ מעשטשאַנסקי־סטאַראָסטע. עס זענען פאַראַן עטלעכע קאַנדידאַטן: נחמיה, דער פריערדיקער סטאַראָסטע, יידל אברהמצעס, מיכל דער גאָלדשמידט, אויז מאָטל דעם שוחטס. עס זענען אַנטשטאַנען חילוקי־דעות און „עמך" האָט דאָס וואָרט. דאָס גאַנצע שטעטל איז אין בית־המדרש. עס איז אַ שטיקעניש. עס קאָכט זיך און עס רודערט זיך. מען טומלט און מען שרייט. און פּלוצלינג, קריכט אַרויף אויף אַ זייטיקער באַנק, דער נאָך דעמאָלט גאָר יונגער מושער עליו השלום און רעדט אַ פּאָר ווערטער אין נאָמען פון דאָמבראָוויצער אַרבעטער. מען ווייסט, אַז דאָס מיינט ער דעם „בונד", אָבער מען רעדט נישט אַרויס...

עס האָט אויך איינמאָל געטראָפן, אז בעת אַזאַ פאַרזאַמלונג אין בית־המדרש, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן אויף אַ באַנק, דער גוי, פּעטראָ־שפּאַקאָווסקי. יידן לאָזן זיך שנעל צו דער טיר, אָבער, שומרים היטן טיר און פענצטער און לאָזן קיינעם נישט אַרויס. פּעטראָ רעדט האַלב גויאיש, האלב יידיש בזו הלשון: „בראַטיאַ, יידישע אַרבעטער, איר זענט דוואַ ראַזאַ ביטיע, אי אָט רוק פון די יידישע גבירים, אי אָט רוק סוקינאָהאַ־סינאַ, ניקאָלייקעס פּריסטאַוו. אָפּדומייטעס! מיר רעוואָלוציאָנערן ווילן אייך טאָן גוטס". צוליב אָט דער דרשה, האָבן יידן אַ לאַנגע צייט געהאַט פּחד.

איך געדענק די וואַלן צום פּוילישן סיים. די שליחים־רעדנערס פון רעגירונגס־בלאָק, יאָגן צונויף דעם עולם אין בית־המדרש אַריין און מען הערט אויס די שיינע הבטחות, וואָס דאַרפן מקויים ווערן אויב אַלע וועלן שטימען פאַרן בלאָק פון דער רעגירונג...

איך געדענק אויך אַן איינמאָליקע מנחה־מעריב אין שטיבל נאָך היטלערס אַריינ־

מאַרש. איינער דעם צווייטן גיט איבער, אַז דאָס שטיבל איז אָפן און מען קאָן גיין דאַווענען. דאָס צעווייטיקטע יידישע האַרץ נאָגט און ציט צום מקום־קדוש, דאכט זיך אויסדאַווענען און אויסוויינען, און אפשר אויך אַריינזאָגן דעם רבונו של עולם. אָבער, מען טרויט נישט זיך צוזאַמענקומען בציבור, ווייל די אימה איז גרויס. דאָס סטאַלינער שטיבל איז ליידיק, דעם יודנראַט גיט זיך איין צו באַרואיקן אַביסל די געמיטער, דאן, זענען אַביסל יידן, עלטערע מענטשן, געקומען דאַווענען מנחה־מעריב אַ שעה פאַר דער שקיעה, ווייל שפעטער מיט אַ שעה טאָר מען נישט דורכגיין די גאַס.

דער פחד פון אַלע גלותן צוזאַמען איז אויסגעגאָסן אויף די פנימער פון די צוויי צענדליק מתפללים, וועלכע האָבן זיך מתגבר געווען אויף זייער פחד און געקומען דאַווענען. דער ווייטיק פון אַלע קולות ליגט איצט אויסגעשפרייט אויף אַלעמענס געזיכטער. דער צער און דער בזיון זענען גרויס. „עבדים משלו בנו״: בערעסטיער און קרופער פאַסטוכער, זענען די בעלי־בתים איבערן יידישן לעבן. און ווער פון זיי עס קאָן אָנטאָן גרעסערע יסורים, דער איז א שר אין דאַמבראָוויצער היטלערס ממשלה, ווי עס ווערט געברענגט אין תלמוד (גיטין נ״ו), „כל המיצר לישראל נעשה ראש״. איין ייד דעם צווייטן טוט אויסמיידן און שעמט זיך אַריינצוקוקן אין די צערפולע אויגן. בלויז איין שמואל ברוינפן, דער קישקעניק, גייט פון איין ייד צום צווייטן און קוויקט זיך, אַז היטלער וועט גאָר גיך האָבן די מפלה. אַלע קוקן אויף אים, און קאָנען נישט גלויבן, אַז אַזוינס וועט געשען. זיי ווערן גאָר שטארק אומרואיק און דערשראָקן פאַר זיינע רייד. דאָס דאַווענען איז קלאָגעדיק ווי אין תשעה־באב: אויסגעמישט מיט נישט דערשלונגענע טרערן, וואָס שטעקן אין האַלדז. קיין לאָמפּן ברענען נישט, די פענצטער זענען באַדעקט מיט אַ געדיכטער שיכט שטויב, די פאָדלאָגע שוין וואָכן נישט אויסגע־קערט, סטענגעס פאָוועטינע הענגען אראָפּ פון הויכן סופיט. בלויז שטיקלעך ליכט ברענען אין די עמוד־לייכטער.

אַ טרויעריקע מחשבה זאָגט אונטער, אַז דאָס זענען ליכטעלעך פאַר די לעת־עתה לעבעדיקע נשמות־מתים. דו קוקסט אויף זיי און דיין האַרץ וויינט אין דיר, ווייל דו ווייסט, אַז אָט דער ארון־הקודש, דער עמוד און די הייליקע ספרי תורות — זייער גורל איז ענג געבונדן מיט דיין גורל! די ברכות פון חזרת הש״ץ, די בקשות און הבטחות ווערן דאָס מאָל פון בעל־תפילהס מויל אַרויסגעבראַכט עלעהיי עס מאַכט ווער רחמנא לצלן אַ ברכה לבטלה.

אָבער ביי „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״, פון תפילת מעריב גיט דאָס האַרץ אַ נאָג און פון אַלעמענס אויגן רינען אויס ימען מיט בלוטיקע טרערן. עס צעטראָגט זיך אַ געשריי פון אַלעמענס פאַרשטיקטע העלדזער, און מען דערשרעקט זיך פאַרן אייגענעם קול, מיט אויגן, אַראָפּגעלאָזענע צו דער ערד, בלייבט מען שטיין ווי פאַרגליווערט, און דער בעל תפילה איז ווייטער ממשיך שטיקלעך געבראָכענע ווערטער, אויסגעווייקטע אין טרערן. פלוצלינג באַווייזט זיך אַ רוצחישע צורה פון אַ פּאָליציאַנט: „שאָהאָ ווי טוט זשידי ראָביטהע?״ אברהם קוט וועלכן דאַמבראָוויץ האָט גערופן „טאַטעלע״ זאָגט: „פריצל, מיר בעטן גאָט, בעטן מיר, אַז עס זאָל גוט זיין, גוט זיין אַלעמען אונדז און

איידֿ". ענטפערט דער אוקראַינישער רוצח: „פאַרשאָלטענע זשידעס, איר טוט בעטן גאָט, אַז סטאַלין זאָל קומען! הײדאַ אויף דער פּאָליציי!". ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם ביקס פון אַקסל און אים אָנגעשטעלט אַנטקעגן דער צוזאַמענגעקוועטשטער מאַסע פון די דערשראָקענע מתפללים. עס זענען באַלד געקומען צולויפן פאַרשטייער פון יודנראַט, און די יידן זענען אויף דער פּאָליציי נישט געגאַנגען, ווייל מען האָט דעם רוצח מפייס געווען מיט אַ שיינער מתנה. אָבער דער בזיון איז גרויס, ווי אַ פינצטערע נאַכט זענען די געזיכטער פון די באַשפּיגענע מתפללים. פאַרשטיינערט זענען די בליקן פון די פאַרשעמטע מענטשן אין גאָטס־הויז, וועלכע טראַכטן אין האַרץ ביי זיך, אַז דער שטן האָט אונדז איינגעוויקלט אין פינצטערער כמאַרע און גאָט זעט נישט אונדזער חרפּה, אַנדערש וואָלט דאָך כביכול אַליין געמחט זיך שעמען. אין אַלעמענס הערצער ברענט אַ העליש פייער, און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ גייט מען זיך פאַנאַנדער.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אונטער דער ממשלה פון די סאָוויעטן, אויך דאַן האָבן זיך יידן געזאָרגט. יוגנטלעכע האָבן אויפגעהערט קומען צום דאַווענען. אמת, מנחה האָט זיך געדאַוונט בהרחבה, ישראליק סלאָוועשנער האָט געזאָגט חזרת הש"ץ אויפן אַלטן קאַרלינער שטייגער, און „ברוך שמו — אמן" האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן מיטן גאַנצן ברען, אָבער עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די סאָוויעטן ווילן איינאָרדענען אין שטיבל שניידער־וואַרשטאַטן. הערשל באַסילס, וועמען די סאָוויעטן האָבן באַפרייט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע וווהין די פּאָליאַקן האָבן אים פאַרשיקט, צוליבן זיין אַ יידישער שוחט — אָט־אָ דער הערשל, בעת ער האָט דערהערט, אַז די סאָוויעטן ווילן צונעמען דאָס שטיבל, איז ער געוואָרן זייער אומרואיק און אָנגעהויבן רודערן. און דווקא, דער שטענדיק מרה־שחורהדיקער אפרים פינטשוק, האָט דאַן מיט בטחון געזאָגט: „ווען מיר שטיבל־יידן וועלן זיך מוסר נפש זיין פאַר אונדזער שטיבל, וועט דאָס בלייבן ביי אונדז, וואָרום עס איז אַ בפירושער מאמר חז"ל: „מצוה שמסרו את נפשם עליה נתקימה בידיהם". דאַקעגן ליטמאַן גדאלקעס, דער „פאַראָבעק", האָלט אַנדערש: ער איז געשטימט פּראָ־סאָוויעטיש, ער דאַנקט גאָט וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון די פּוילישע „פּאַזשאַנדקעס" מיט די שטענדיקע פּאָדאַטקעס, עקזעקוטאָרן און ליציטאַציעס, וואָס האָבן אים צוואַנציק יאָר געמאַטערט און דערפירט צו אַ מחוסר לחם. איצטער האָט ער אַ רואיקן קאָפּ. די סאָוויעטן האָבן מיט איין דעקרעט צוגענומען זיין אָליניצע מיט דער קרופּאַרקע און פּטור! אים אַליין האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ סאָוויעטישן באַאַמטן און גיבן אים ברויט.

זאָגט ליטמאַן צו הערשלען: זיי נישט צערודערט, די שחיטה נעמט מען נישט צו ביי דיר — עס איז אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שוחטים, וועלן מיר מאַכן אַ קאָאָפּעראַטיוו פון שולן און מיר וועלן ווייטער דאַווענען...

די יידן האָבן טאַקע געפאָלגט אפרים פינטשוקס מאמר חז"ל וועגן מסירת נפש פאַר אַ מצווה, אָבער היטלער ימח שמו האָט חרוב געמאַכט אַלע שולן און אַלעמען געפירט צו דער עקידה.

ד. נוסחאות פון דאַווענען

דאָמבראָוויצער יידן האָבן תמיד געוווסט, אַז יידישקייט הויבט זיך אָן פון דאַווענען, און אַז עס קאָן אָן דעם נישט געמאָלט זיין קיין יידישקייט. אין דעם אַ גייסט האָבן זיך דערצויגן אַלע דורות און דאָס דאַווענען איז אייגנטלעך געווען די עלעמענטאַרע יידישע בילדונג. אָבער אין עצם דאַוונען זענען דאָ פאַרשידענע אויפפאַסונגען און מדרגות. און אונדזערע דאָמבראָוויצער טאַטעס און זיידעס, די געוויינלעכע פאָלקס־מענטשן פון אַלע שיכטן, ווי אויך די יהדות־קענער, האָבן פארשידנאַרטיק געדאַוונט און פאַרשידנאַרטיק מכוון געווען די תפילות. עס דאַווענען יידן, ווייל זיי האַלטן, אַז דער רבונו של עולם וויל, אַז יידן זאָלן דאַווענען. עס דאַווענען יידן, וועלכע מאַכן דורך שווערע, ביטערע צייטן און נויטיקן זיך אין גאָטס חסד, אויף צו קאָנען אויסהאַלטן דעם עול הגויים. איינער דאַרף פרנסה, אַ צווייטער נויטיקט זיך אין געזונט, אַ דריטער דאַרף רחמים. און ווען מען וויל אויסדריקן ליבשאַפט דעם אדון כל המעשים, ווען אין האַרצן איז פול מיט אהבת אלקי ישראל, מיט אהבת ישראל, דאַווענען אונדזערע טאַטעס גאָר אַנדערש, — זיי שרייען אויס, זיי זינגען אויס, זיי טאַנצן און פאַטשן מיט די הענט: „אוי אבינו שבשמים, טאַטע זיסער!" מען דאַנקט זיך ליבן נאָמען פאַר די אַלע חסדים, וואָס ער, דער בעל הרחמים, טוט מיטן זינדיקן מענטשן.

די אויפגעקלערטע טאַטעס דאַווענען מיט באַזונדערע מאָטיוון: ישראל יאַנקל קדישעס, וועלכער פלעגט קומען שבת אין קוריערסקער שול, פלעגט דאַווענען ביחידות, ציילנדיק יעדעס וואָרט אַזוי געשמאַק, אַזוי ספּעציפיש. זאָגט צו אים איינמאָל משה מאירס: „ממה נפשך, קומט מען אין שולכל, דאַרף מען דאָך דאַווענען בציבור, און נישט זיין אַ פורש מן הציבור". „פאַרשטייסטו מיך? — ענטפערט אים ישראל־יאַנקל — ווען איך וויל זיך מתחבר זיין מיטן יידישן עבר און אַריינקוקן אין וויטן עתיד, מאַך איך עס דורכן דאַווענען, לכן דאַוון איך ביחידות, און דווקא אין שולכל, ווייל דאָס אָרט איז מסוגל צו מאַכן נאָכדענקען".

ס'איז געווען פיניע דער שניידער, ביי וועמען אין שטוב עס איז שוין געווען אַ מישמאַש פון אידייען: איין טאָכטער — אַ פייערדיקע בונדיסטין, די צווייטע — אַ קאַנדידאַטין אויף קאָמוניזם, דער זון, וועלפל — אַ פרומאַק. ר' פיניע אַליין קוקט אין פרייער צייט, אין ספרים קדושים, היט זיך פון יתור און דאַוונט בנעימותדיק, מיט געפיל און ווען זיי דברהל גיט עפּעס אַ זאָג וועגן יידישן דאַווענען, גיט ער אַ שאַרפן בליק אויף איר און זאָגט: „אין דאַווענען זעט מען די טיפע און ריינע יידישע מחשבה און דעם מסירת־נפש פון יידן על „כבוד שמו, ברוך הוא".

אין אָט די פאַרשידענע, ריינע, יידישע מחשבות, האָט יעדער געצויגן צו אַ באַזונדערן, פאַר זיך צוגעפּאַסטן, מקום־קדוש: ווער צום בערעזנער בית־המדרש און ווער — צו דער גרויסער שול, צום מתנגדישן נוסח, ווער צום טריסקער שולכל און ווער צום סטאָלינער שטיבל, און אַלע צוזאַמען מיט דער אויסרעכענונג צו געפינען דאָס וואָס דאָס האַרץ זוכט און באַגערט.

אַזוי למשל האָבן נפתלי סאַנדלער מיט נאָך אַ פּאָר יחידים איינגעאָרדנט, האָרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין דעם שוסטער־שולכל, לעם דער גרויסער שול, אַ טעגלעך מנין פון 9.30 אזייגער פרי. אויף דער פראַגע: „וואָס דאָס דאַרף באַדייטן״? האָט נפתלי־פופא געענטפערט: „פּאַנימאַיעטיע? דאָס איז אַ מנין פון אַזעלכע יידן, וועלכע זענען צום שפּעטסטן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ ייד אַן דאַווענען, „גראָשאַ ניע סטאָיט״.

וועגן נפתלי סאַנדלערס גאָטספאָרכטיקייט איז כדאַי צו דערמאָנען נאָך אַ מאָמענט: עס איז געווען אין יענע צייטן, ווען פּאָליאַקן האָבן געשלעפּט יידן פון די הייזער און געלייגט זיי אין מיטן מאַרק און געשמיסן. די חרפה איז געווען גרויס, די פּאָליאַקן זענען אנטלאָפן און צוריק געקומען, און איבער דאָמבראָוויץ האָט דאַן געוועלטיקט אַ פּוילישער קרייז־קאָמיסאַר, אַ רשע מרושע. איינמאָל קומט ער אַריין זיך שערן צו סאַנדלערן אין פריזירעריי. ער טרעפט דאָרט אַ גרופּע יידן און פאַרפירט מיט אונדז אַ שמועס אין דער רוסישער שפּראַך וועגן יידישע בערד, יידישע רעליגיע און זאָגט, אַז אַלץ איז אַן איבערבלייבעניש פון אַלטע געצנדינערייַ און והא ראיה — דער ענין פון ברית מילה וואָס איז דאָך נישט מער ווי באַרבאַריזם. איך זע, אַז נפתלי איז זייער אויפגערעגט און עס קאָן באַלד עפּעס פּאַרקומען. איך רוף אַריין זיין פרוי, כדי זי זאָל אים באַרואיקן. אָבער סאַנדלער האַלט זיך טאַקע נישט איין אין רוגזה: „בעת איר שלעפּט אַרויס יידן פון די הייזער, אומשולדיקע יידן און לייגט זיי אין מיטן מאַרק שמייסן, איז פאַרפאַלן. איר פּאָליאַקן פון דער ציוויליזירטער רעליגיע, זייט, כנראה, אויך די בעלי־בתים פון די יידישע הינטער־חלקים, אָבער שענדן אונדזער אמונה, דאָס האָסטו קיין רעכט נישט. איך, סאַנדלער, דערלויב דיר נישט צו טאָן דאָס ביי מיר אין שטוב״. דער פּאָליאַק האָט זיך טאַקע אַרויסגערוקט, זאָגנדיק: „וואַרט, זשידקו, מירן זיך באַגעגענען״. און דער גוי האָט טאַקע מקיים געווען זיין צוזאָג און גערודפט סאַנדלערן, ווו נאָר ער האָט געקאָנט. און סאַנדלער האָט מיר געזאָגט: „אָט יענער פּאָליאַק האָט דאָס מיך געשטופּט צו מאַכן אָט דעם מנין״...

יידן לויפן צום דאַווענען. און הגם מען איז באַלאַסטעט מיטן יאָך פון פרנסה, הגם דאָס זענען די שעהן ווען מען דאַרף היטן די קראָם, עס איז די צייט ווען מען קאָן האָבן פדיון, אָבער, יידן קאָנען נישט מוותר זיין אויפן צווייטן מנין אין סטאָלינער שטיבל און מען רייסט זיך אַרויס פון קראָם און פון וואַרשטאָט כדי וואַרעם אַ דאַוון צו טאָן בציבור.

שלמה מאירס גייט גלייך פון קראָם צום שטיבל. דער קערפּער זיינער איז אַביסל אָנגעבויגן אויף פאָרויס. ער טרעט דווקא אַ פּסיעה־גסה, אָבער מיושבדיק און נישט איינגאָנצן בחפּזון. ביז צום שטיבל איז זיין קאָפּ באַלאַסטעט מיט מחשבות: די קראָם ליידיקט זיך אויס, די פרנסה איז געשלאָגן און עס וואַקסן בלי־עין־הרע צוויי בתולות, אָבער שטייענדיק שוין ביים כיור, ווען דאָס וואַסער גיסט זיך אויף זיינע הענט, זעט מען ווי זיין געשטאַלט ברייטערט זיך אויס און ער הויבט אָן זאַמלען די ווערטער מיטן פולן מויל, בזהירות, אַז עס זאָל נישט חלילה פאַרלאָרן גיין אַפילו אַ קלאַנג פון אַ

זילב. זאָגנדיק ברכות־השחר, בײַ יעדער ברכה, גיט זיך אויף זײַן פּנים אַ טרייסל אַן אַנדער מוסקול און צענדליקער יידן כאַפּן אונטער זײַן זאָגן און ענטפערן „אָמן".

אַ שפע פון זומערדיקע קלאָרע ליכט, געפלאָכטן אין פרישע זונען־שטראַלן, דרינגען אַרײַן דורך די פענצטער און שפּאַרן פאַנאַנדער די ווענט. אין פלוג דאכט זיך אויס, אַז עס ווערן ברייטער, אויסגעצויגענער די פּאָדלאָגעס, אַז דער סופיט איז עפּעס אַזוי ווייט און הויך. דאָס גאַנצע שטיבל קומט עפּעס אויס אַזוי רחבותדיק און געראַמיק. און ווען נפתלציע מיט זײַנע געמאָסטענע, קליינע טריטלעך, גייט צו צו זײַן פּלאַץ אין מזרח־ווינקל, דוכט זיך אויס, אַז ביז וואַנען ער וועט דורכשפּאַנען די ברייטקייטן פון שטיבל וועט ווערן נאַכט. אָבער, אָט איז ער שוין אויפן אָרט, זײַן אויסגערוט פּנים, דאָס שוואַרצע בערדל מיטן שוואַרצן קאַשקעטל, שײַנען אַרויס פון פאַרשאָטנטן ווינקל און ער זאָגט און זאָגט, ווי איינער וואָס האָט אַ סך צו דערציילן און וויל אַלץ מיט אַמאָל אַרויסזאָגן.

עס גייט אַרײַן אַ פּאַרסאָפּעטער, דער אַלטער לאַזאַר פּיקמאַן. ער איז נאָר וואָס געקומען פון דער באַן. ער האָט דאָרט דערלײדיקט עפּעס אַן עקספּעדיציע און צוגעאײַלט זיך חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן דעם צווייטן מנין. זײַנע געדיכטע, לאַנגע ברעמען, זענען צעשויבערט. ער קוקט נישט אויף קיינעם. בלויז, צײַטנווײַז, גיט ער אַ הויב די אויגן צום הימל, צום ארון־קודש און זאָגט אַזוי שאַרף אַרויס די ווערטער מיט זײַן הייזעריקן קול. פירנדיק אַזוי דעם בליק איבער די מתפּללים, באַגעגנט ער מנחמס ברענענדיקן קוק און דעמאָלט שפּרייט זיך אויס איבער זײַן אַלטן צעקנייטשטן פּנים, אַ ווייך־גוטמוטיק שמייכעלע.

אברהם דער שמש, פּאָרעט זיך אַרום בײַ די לאָמפּן. ער ווישט אויס די פאַרויכערטע גלעזלעך, און זײַנע קלוגע אויגן קוקן נאָך יעדן איינעם, עלעהיי זיי וואָלטן געוואָלט וויסן, וואָס עס קימערט יעדן איינעם פון די מתפּללים. ישראליק משהלעס זאָגט במתיקות — מיט אַ נוסח פון זײַן געבורט־שטעטעלע זוויהעל — דעם פאַרשפּעטיקטן „אודה לאל לבב חוקר". סראָליק האָט גאַנץ־פרי קיין צײַט נישט, ער איז נעבעך דער ערשטער אין שטעטל וואָס לויפט עפענען זײַן גרויסע קראָם. דאָרפישע קרעמער פירן גלײַך אין די פרי־שעהן אַרויס פון איר פורן מיט סחורה. איצטער, דאַרף ער אויך זײַן אין קראָם, ווײַל, דאָרטן וואַרטן שוין פּריצים פון ווייטע דערפער, אָבער „זאָלן זיי וואַרטן". אָט דעם צווייטן מנין אין שטיבל היט ער אָפּ, ווײַל נישט דורכלאָזן דאָס דאַוונען בציבור.

אהרן משהלעס שפּרייזט אַרום איבערן שטיבל. און דער גוף זײַנער איז געבויגן, דער קאָפּ געווענדעט צו די שפּיץ פיס, די אויגן זענען נאָך אומרואיק און דערציילן וועגן אַנדערע טראַכטענישן. די ווערטער גייען בײַ אים אַרויס פון זײַט מויל, אין קאָפּ וועבט זיך אַ קלוגע מחשבה, אָבער ער לאָזט עס אויפן נאָכן דאַוונען, און נעמט זיך טיפער אַרײַנקוקן אין סידור.

שמערל כאַמענישקעס גייט פון פענצטער צו פענצטער, זאָגט, זינגט אונטער, קוקט אין פענצטער און איז בודק די ציצית פון טלית. ער קוקט אויף אַלעמען טיף

און געלאָסן, ווי ביים דאַווענען. זיין קוק בלייבט רוען אויף דעם אַלטן ר׳ ישראל איציקילס, וועלכער איז אַמאָל געווען נאָך אין בערעזשניץ זיין רבי פון גמרא.

אין שטיבל איז מישמאַש פון צוזאַמענגעפּלאָכטענע קולות פון שטיקלעך ברכות השחר, פּסוקי דזמרה, פון ברעקלעך ליקוטי־צבי און מעמדות. אַלץ רייסט זיך דורך די אָפענע פענצטער צו דער גאַס צו און איז מקבל־פּנים די פרי־אָנקומענדיקע מתפללים מיט די גרויסע טלית־ און תפלין־זעק אונטער די אָרעמס. זיי ווידער כאַפּן אויף מיט שטאָלץ, כמעט מיט גאווה, די קולות וואָס טראָגן זיך פון שטיבל אַרויס.

מיט געמאָסטענע טריט, די אויגן און דאָס האַרץ צום הימל, דער גאַנצער קערפּער בקומה־זקופה, אויפן פּנים אַ צופרידענער שמייכל פון „הם רצים ואנו רצים" מיטן גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם, — גייט לאַזאַר קדישעס צום דאַווענען. שוין אין שטיבל, פון טיר אָן ביז זיין שטאָט, רייסט ער זיך דורך מיט קוראַזש, מיט אימפּעט. ער גייט נישט, עס טראָגט אים. דער קאָפּ אָנגעלאָדן מיט חשבונות: פּריצישע אימעניעס, וועלדער, מעקליאַרסקע פּראָצענטער־סכומים, בעלי חובות. און אָט איז שלמה דער ציגאַרניק. אויך ער קומט גלייך ביים אָנהויב דאַווענען פּשוט, כדי זיך אַביסל צו באַפרייען פון ווירוואַר אין קאָפּ. נאָר אַריין אין שטיבל, געזאָגט אַ גלייכווערטל, און שוין לייגט ער טלית און תפלין, גיט אַ טאַפּ די תפלין, אַ קוש די שפּיץ־פינגער, זאָגט ווידער אַ גלייכווערטל, גיט אַ קוק אויפן ציבור און אַ קוק אין סידור, צעשמייכלט זיך און זאָגט ווייטער.

און אָט קומט אַריין יודל, דער ציגעלניק, מיט אַ שטעקל אין האַנט. זיינע שפּיץ שטיוול אין די קנאַפּל, זענען אויסגעשמירט אין ליים. ער ברענגט מיט אין שטיבל אַריין די גלייכגעוויכט פון אַ פּראַצאָוויטן מענטש. ער הויבט אויף זיין קאָפּ און באַטראַכט אַלעמען מיט גלייכגילטיקייט, גיט אַ רייב די האַנט אין זיין קאַרטענעם זעקל, אַן עפן דעם סידור פון סאַמע אָנהויב און זאָגט געפּורעמטע ווערטער. מען זעט, אַז שוין פון פריער איז ביי אים אַזוי אויסגעמאָסטן דער פּלאַץ, אַז אַלע תפילות, פון „מודה־אַני" ביזן סוף, זאָלן זיך ביי אים אויסשטעלן אַקוראַט.

נאָטע קאַפּוזשעצעס, דער נעכטיקער בונדאָוויעץ און שכן פון שטיבל, כאַפּט זיך אַריין אָפּדאַווענען. ער גיט אַ לייג די תפלין און דאַוונט פאַר זיך. אָבער ביי חזרת־הש״ץ, ווערט ער באַהערשט פון דער אַלגעמיינער שטימונג און שרייט צוגלייך מיט אַלעמען „ברוך שמו — אמן".

לייבל יאַפּע דאַוונט שטילינקערהייט. ער האַלט דעם קאָפּ געבויגן צום סידור, אָבער, אָפּט גיט ער אַ פיר איבער אַזעלכע אומרואיקע בליקן איבער אַלע מתפללים.

דער אַלטער מלמד, מיין רבי, ר׳ ישראל איציקילס, אַ הדרת־פּנימדיקער זקן מיט אַ שיינער ווייסער באָרד, קומט אָן באַלאָדן מיט אַ גרויסן טלית־זאַק, פון וועלכן עס בולטן זיך צוויי פּאָר תפלין. ער איז אַרומגערינגלט מיט זיינע גמרא־תלמידים, וואָס האָבן שוין פריער אַריינגעלערנט גמרא במשך אַ גוטער שעה. זיי לאָזן זיך אַראָפּ פון קאָנדוקטאָרס הויכן בריקל, אַנטקעגן שטיבל, גלייך צום פּאָליש און קומען אַריין ווען מען שטעלט זיך דאַווענען, כדי זיך אָפּצולערנען ווי אַזוי צו דינען גאָט מיט חסידישער

וואַרעמקייט. דער רבי, ישראל איציקילס, הייסט זיי זיך צוקוקן צו מנחם דעם חזן און זיך אָפּלערנען פון זיין התנהגות. דער אמת איז, אַז עס איז דאָ פון יעדן איינעם צו לערנען. בערך אַכט מנינים יידן שטייען אַנגעקרוינט אין גרויסע תפילין, איינגעוויקלט אין שווערע טליתים, אויסגעווייקטע פון שוויס, איבערגעגאַרטלט מיט שוואַרצע געפּרענדזלטע גאַרטלען. יעדער זאָגט מיט זהירות, חס וחלילה עפּעס נישט דורכצולאָזן. אָבער תפילת־השחר ווערט געזאָגט מיט כוח, ווי עס שטייט: „כל עצמותי תאמרנה". דער גאַנצער גוף באַטייליקט זיך אין דאַוונען דורך בייגן זיך אַהער און שאָקלען זיך אַהין. מען הויבט די הענט, מען טופּעט מיט די פיס, די פּלייצעס טרייסלען זיך, די קערפּערס הוידען זיך, די אויגן באַוועגן זיך און די בערד הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ.

די ווערטער קייט מען מיט די ציינער. די ליפּן אַרבעטן ענערגיש. אָט איז מען ביים הויכפּונקט פון התפּעלות. עס טראָגן זיך מיט אַמאָל פאַרשידענע קולות: אָפּגעריסענע און אויסגעשריגענע אין כלערליי אָקטאַוועס, באַגלייט מיט כלערליי נענועי־הגוף. דעם „ברוך שאָמר — והיה העולם" הערט מען וואָרט ביי וואָרט, אַזש ביי יצחק שוחט אין שטוב. אויך ביי די ראַגן־גאַסן: פריידל ריקלס פון איין זייט און גענזל — פון דער צווייטער זייט, — הערט זיך אַ רעש פּונקט ווי פון אַ גרויסן וואַסער־פאַל, אַ מין „קול מים אדירים בוקע לשמים". מנחם מאַכט צענדליקער כריעות והשתחוויות. פון זיין מויל קומט אַרויס אַזאַ ברומען און אַזוינע געשרייען און קרעכצן. ער שטייט נישט אין איין אָרט אויפן אָרט „אדם מניחו בזוית זו — ומוצאו בזוית אחרת".

די פּסוקי־דזמרה ווערן אויסגעשריגן און אונטערגעטאַנצט מיט חן און ליבשאַפט צום בורא־עולם. מיט ברען און התלהבות, צעשאַטן אין שטיבל די ווערטער: הללו־י־ה־ה, הללו י־ה־ה.

די שורה ווערט געזאָגט מיט פיל פּאַטאָס און שטאַרקע אמונה. מען לעבט איבער מיט דער גאַנצער דראַמאַטישקייט דאָס געשעעניש פון קריעת־ים־סוף און דו זעסט ממש פאַר די אויגן דעם גאַנצן „ימינך ד' נאדרי בכח". ביי דער ברכה „יוצר אור ובורא חושך — עושה שלום ובורא את הכל", ווערט יעדעס וואָרט אַרויסגעזאָגט מיט שטאַרקער איבערצייגונג. ממש, — מען טאַפּט אָן מיט דער האַנט אַלע עטאַפּן פון מעשה־בראשית. „שמע ישראל — ד' אחד" זאָגט מען מיט קולות, מיט כל מיני תנועות. און ווען מען האָט שוין ממליך געווען גאָט אויף זיך און אויף גאָר דער וועלט, זאָגט מען קריאת־שמע מיט ישוב־הדעת, זיצנדיק און ציילנדיק די ווערטער, ווי אבנים טובות. אלעמענס פּנימער זענען רואיקע, אויסגעלייטערטע. חזרת־הש"ץ ווערט באַגלייט מיט אַ ציבורדיק געשריי: „ברוך שמו — אָמן". צווישן איין ברכה און דער צווייטער טראָגן זיך אַרום אין חלל וואַרעמע בליקן וואָס וואַנדערן אַזוי פון איין ייד צום אַנדערן. און אָט איז אַ טאָג וואָס מען זאָגט נישט קיין תחנון: עס איז אַ הילולא נאָך איינעם פון בעל־שם־טובס תלמידים און באַלד נאָכן דאַוונען, דערלאַנגט אברהם דער שמש, אַ קליין פלעשעלע משקה און פון קליינינקע, האַלבע גלעזלעך, טרינקען מנינים יידן „לחיים". דערביי זאָגט עמעצער נאָך אַ שטיקל חסידות פאַרן בעל־שמס תלמיד און יידן דריקן אויס באַגייסטערונג. אונדז, יינגלעך, טרייבט מען אין חדר. וואָרום ביטול־תורה

איז נישט אַ קלייניקייט. מיר ווייסן אָבער, אַז מען וועט דערציילן נאָך אַ בעל־שם׳סקע מעשה מיט אַ צוגאָב מעשה פון ר׳ אהרון הגדול, אָדער בית־אהרן און הרב ר׳ יעקב וועט נאָך ברענגען אַ פאַרגלייך פון די לעצטע וועלט־פאַסירונגען מיט אַ מאמר חז״ל, אָדער אַן עובדה פון אַ קדמון און עמעצער וועט נאָך דאָ זאָגן: „ביי די היינטיקע גזירות וואָלט אַוודאי גוט געווען צו האָבן דעם בעל־שם־טוב זצ״ל מיט זיינע תלמידים ז״ל״.

אַזוי האָבן מיר קינדער זיך צוגעהערט צו אַן אַ שיעור אַזעלכע מעשיות. זיך גוט איינגעהערט אין זיי און איינגעזאַפּט אין זיך פולע וועלטן מיט יידישקייט.

ה. דער שבט קאַניוכעס „ליוועראַנטן״

געווען אין דאָמבראָוויץ א בינטל אייגנאַרטיקע יידן. דאָס זענען געווען די פערד־סוחרים, די אַזוי גערופענע קאַניוכעס. נישט בבחינת „עם לבדד ישכון״, נישט חלילה אָפּגעזונדערט פון רעשט שטעטלשע יידן. זיי זענען געווען די זעלבע תהילים־זאָגערס און דאַווענערס, האָבן גלייך מיט אַלעמען געכאַפּט שיריים פון ר׳ נחומציעס טיש, געגעבן פדיונות פאַר גוטע יידן, געהאַט די זעלבע דאגות־פרנסה און צוגלייך מיט אַלעמען געטראָגן דעם עול הגלות. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי אַרומגעגאַנגען מרה־שחורהדיק, און אין פרייטיק־צונאַכטס אויסגעזען — מלכותדיק. זיי האָבן געהאַט די זעלבע קראַנקע קינדערלעך און געטראָגן די אַלגעמיינע זאָרג פאַר, חלילה, פאַרזעסענע בתולות. און דאָך, דאָך זענען די פערד־סוחרים געווען אַביסל אַנדערש פון די איבעריקע דאָמבראָוויצער יידן. זיי זענען געווען עטלעכע משפחות — נישט פון די הויפּט־גאַסן. זייערע הייזער האָבן זיך געפונען אין די גאַסן: בערקאָ יאַסעלעוויטש, צאַרסקע און באַלניטשנע. זייערע פלעצער ביים דאַווענען, זענען נישט געווען ביים מזרח־וואַנט. זיי אַליין זענען נישט געווען קיין מיטגלידער אין געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן, נישט קיין ראשי־קהל און נישט קיין שליחי־ציבור און אויך אין יודנראַט, בימי היטלער, זענען זיי נישט געווען פאַרטראַטן.

אָבער, דאָס באַדייט נאָך נישט, אַז זיי האָבן צו אַלץ מסכים געווען.

להיפך, זיי האָבן פון צייט צו צייט געקאָנט מאַכן אַ טומל. אויך זעלטן, ווען זיי האָבן זיך געחברט מיט די „מורי־מורינוס״. צווישן זיך געווען, צומאָל גוטע ברידער און אָפּט, צוליב פרנסה־ענינים, געקוקט קרום איינער אויף דעם צווייטן. זיי האָבן זיך געקענט מיט אַלע גויים פון די אַרומיקע דערפער און אויך געהאַט צווישן זיי „גוטע־ברידער״.

חול המועד־פסח, בעת מען פלעגט דינגען ביי די גויים די פאַשע פאַר די יידישע בהמות, זענען דאַן די קאַניוכעס געווען די ראשי־המדברים. זיי פלעגן איינטענהן מיט די גויים און זיי לערנען יושר בזו הלשון: „אַך, קאַמנאַצקי, ברודער! דו ווילסט פאַר דער פאַשע דאָס געלט פון אַ גאַנצער בהמה — דאָס הייסט, אַז דו ווילסט מיין בהמה זאָל פגרן פון הונגער. דו פאַרגעסט אָבער, אַז עס איז דאָך גאָטס באַשעפעניש, און

דערצו שטומע צונג נעבעך. אין די הייליקע ביכער איז געשריבן, אַז אויף אַלע בעלי־חיים דאַרף דער מענטש האָבן רחמנות. דו זינדיקסט ברודערקע, האָסט דאָך אויך קליינע קינדער, האָב־זשע פּחד פאַר גאָט".

און אַ צווייטער קאַניוך פּלעגט זיך אַזוי אָפּרופן: „בערנאַצקי, סאַיאַ! וואָס רייסט איר זיך? לאָזט מיך אויך קומען צום וואָרט, הער זיך איין, שכן, די בהמות זענען נישט קיין יידישע און נישט קיין ציגיינערישע, נאָר וואָס? דאָס זענען באַשעפענישן וואָס ווילן עסן צוגלייך מיט דיר, אנו, חכם מיינער, איך וועל דיך אַוועקשטעלן לעם אַ שיסל מיט וואַרעמען באָרשטש און אַ שיסל וואַרעניקעס. איך וועל דיר בינדן די הענט, די וואַרעניקעס מיטן באָרשטש שמעקן, אָבער די הענט זענען געבונדן. נו, זאָג, חכמל, וועסט זיך נישט מצער זיין? אַזוי איז אויך, מיט דער לעבעדיקער בהמה; זי פילט דאָס פרישע גראָז, די שמעקנדיקע זיליע אויף די פעלדער, און זי וועט מוזן שטיין אין שטאַל. דו פילסט דעם צער פון דער שטומער צונג? עס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן אַזאַ פּרייז. ווער וועט דיר דאָס געבן? נאָר ווען וועסט נישט אַראָפּלאָזן פון פּרייז, וועל איך קוילענען מיין בהמה, מאַכן קאַלבאַסעס, אַראָפּטראָגן אין קאַלטינקן קעלער, יעדן טאָג וועל איך עסן אַ שטיקל קאַלבאַס און טאַקע דיך, אַ גוטן־ברודער, פאַרבעטן אויף מאהאריטש, און וועסט אויך פאַרבייסן מיט די קאַלבאַסעס. פאַר דעם געלט, וואָס דו ווילסט פאַר דער פאַשע, וועל איך אין האַרבסט קויפן אַ צווייטע בהמה, און זיי נישט קיין יחסן מיט דיין פאַשע".

יאָר־איין, יאָר־אויס פּלעגן די קאַניוכעס, אַזוי איינטענהן מיט די שכנים־גויים און דערפירן צו אַ טאַלק דעם ענין פאַשע און דערנאָך אויף זייער אופן, פירן זייער שטייגער־לעבן.

ווינטער, אַז מיר פּלעגן אָוונט־צייט אַריינגיין אין שטוב צו איינעם פון זיי, פּלעגן מיר דאָרט טרעפן אַלע בענק באַזעצט מיט גויאישע שכנים. אַלע רויכערן גראָבע ציגאַרן מאַכאָרקע. דער בעל־הבית, דער איינציקער ייד, בתוכם, און די גויאישע געסט רעדן וועגן פערד, קלעצער־וואזקעס און שווערע משאות. די באַלעבאָסטע הייצט די הרובע, אַ ייִנגל טראָגט אַריין אַן עמער קאַלט וואַסער און אַלע טרינקען פון אַ קופּערנער גרויסער קוואָרט. דער שמועס ציט זיך, מען דערציילט מעשיות וועגן אַ בעל־הבית מיט אַ פערד, וועגן קלוגע, גוטע פערד, וועלכע פירן אַרויס אויפן וועג אין דער גרעסטער זאַוויערוכע, וועגן נאַרישע פערד, וועלכע בלאָנדזשען אַוועק פון וועג, וועגן נאַרעוויסטע פערד, וועלכע, אויב דער פורמאַן זיצט אין וואָגן, ווילן זיי נישט גיין און שלאָגן צוריק מיט די הינטערשטע פיס. אָט דערציילט דער יידישער בעל־הבית, אַז ער האָט אַמאָל געקויפט ביים בערעזשקער גלח אַ שקאַפע, ממש אַ ליאַלקע, אַ קאַרע מיט אַ פּעך שוואַרצער גריווע און שאַרפע אויגן, מיט אַ ברייטן עק, גראָב און קיילעכדיק, יונג, — קוים דאָס פינפטע יאָר, און פיס ממש אייזערנע קאַפּיטעס — אויסגעטאָקטע, היינט דער האַלדז, הייינט דער רוקן — מען קאָן זיך לייגן שלאָפן אויף אים. הכלל, פון ערשטן בליק — שילדערט אַזוי דער ייד די קניה זיינע — בין איך פאַרקאָכט געוואָרן אין פערד, און אַפילו עס גאָרנישט אויסגעפּרוווט, באַצאָלט דאָס געלט און זיך געלאָזט

אהיים, דאַנקענדיק גאָט פאַר דער מציאה. אָבער ווי נאָר איך האָב איינגעשפּאַנט די שקאַפּע אין וואָגן — איז עס גאָר געווען אַ נבילה, וואָס האָט נישט געוואָלט געבן אַ טראָט. לכתחילה, האָב איך זיך שטאַרק מצער געווען, אָבער, איך האָב זיך צוגעקלעפּט צום פערד און זיך נישט געקאָנט שיידן, ווייל אַזאַ שיין פערד, איז נישט געווען צו געפינען. איך האָב אָנגעהויבן לערנען און חקרנען, וואָס עס איז מיטן פערד און בין דערגאַנגען אַ סוד וועגן וועלכן דער באַטיושקא האָט אויך נישט געוווסט. איך האָב אים טאָקע געלאָזט צורו און אַריינגעטראַכט און געפונען, אַז די שקאַפּע איז באמת אַזאַ לאַכמאַנע, אַזאַ גוטע, ווי נאָר זי זעט דעם כאָמאָט אין האַנט, שטעלט זי גלייך אונטער דעם קאָפּ, אָבער ווי נאָר איינגעשפּאַנט אין די האָלאָבליעס, דאַרף מען איר אונטערטראָגן צען פונט האָבער, אַביסל וואַסער. מען דאַרף איר לאָזן אויפעסן, נאָכהער איר געבן עטלעכע שטיקלעך צוקער, און שפּעטער, שפּעטער, ברידערלעך — „איז די שקאַפּע שוין געלאָפן ווי אַ באַן".

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, בין איך אַריין צו איינעם פון די קאָניוכעס. ער איז נאָר וואָס געקומען צוריק פון ערשטן מנין. אויפן טישטעך איז אויסגעשאָטן שאָלעכץ־קאַרטאָפל און דערנעבן — אַ קוואָרט ראָסל פון וועלכער אַלע זופּן. לעם יעדן ליגט אַן אָפּגעביסענע אוגערקע. אין מיטן טיש ליגט אַ שוואַרץ ברויט פון וועלכן דער בעל־הבית שניידט גראָבע המוציאס און טיילט אַלעמען איין. „וואָס עפּעס כלחוך השור, אַזוי פרי ?" — פרעגט ער מיך און איך ענטפער: „איך דאַרף האָבן אַ פערד, כאָטש אין דער אמתן דאַרף איך גאַנצע פינף פערד". איך זע, אַז איך האָב דעם יידן אַרויסגעפירט פון זיין גלייכגעוויכט און מבטל געווען זיין הנאה פון אָנבייסן. „נו, זייט ממשיך דאָס עסן, — זאָגט ער צו די קינדער — און איך וועל רעדן מיט אַ מענטשן". „פינף פערד דאַרפסטו ? — ווענדעט ער זיך צו מיר — וואָס עפּעס אַזויפיל פערד ? וואָס וועסטו מאַכן מיט זיי ? נו, גוט, וועלן מיר דערווייל אָנהייבן פון איין פערד און ווען דאָס ערשטע וועט זיין גוט, וועלן מיר ווייטער זוכן". איך גיב אים צו פאַרשטיין, אַז איך דאַרף צוזאַמענשלעפּן קלעצער אין וואַלד, דעריבער דאַרף דאָס פערד זיין געזונט און גוט. דער ייד גיט איינס־צוויי אַ בענטש אָפּ. מיר גייען אַרויס צום מאַרק־טייך און קומען אַריין צו אַ גוי אין שטוב. „סטעפּאַנקאַ, — אַ גוט־מאָרגן דיר" — באַגריסט אים דער קאָניוך — „ביי דיר איז שוין נאָך פרישטיק ! אוי־וואַ, אַ שאָד ! ווען עס וואָלט געווען פריער, וואָלטן מיר דאָך געטרונקען אַ כוסה ! וואָס־זשע, הערט זיך, ברודער ? ווי האַלט איר מיטן לאַנגן פאָסט ? ביי אונדז איז אויך אַן עיבור־יאָר, ווי ביי אייך. תעניתים, אָט די תעניתים, ביי אייך ווי ביי אונדז, דערגייען ממש די יאָרן. יאָ, זאָג מיר נאָר, ווען פאַלט אויס דער יום־טוב „יורי" ? וועט דיר כאָטש קלעקן היי צו באַשפּייזן די באַשעפענישן ביז יורי ? אַלטע לייט זאָגן, אַז אין דעם ערב יום־טוב איז גוט צו זייען יאַרעצע, און דעם ערב יום־טוב דאַרף מען זייען גערשטן, אין דעם ערב יום־טוב איז גוט צו זעצן קאַרטאָפל, און עס וועט געראָטן".

מיין ייד מאַכט אים אַ חשבון פון אַלע זיינע גויאישע יומים־טובים. ער רעכנט אויס אַלע גוטע סימנים, און גיט צו, אַז רעטשקע איז זייער גוט צו זייען פאַר אָט דעם

יום־טוב, אַז אין די טעג און די טעג איז יום־טוב און אויך אַ יאַריד. אין דעם יום־טוב איז אַ גרויסער יאַריד אין סטאָלין, אין דעם יום־טוב איז אַ גרויסער יאַריד אין סטעפּאַן און אויפן מאַרק שטעלן זיך אויך אַ סך פערד, עס איז דאָ פון וואָס צו קלויבן. „אַט־אַט איז שוין באַלד דער יאַריד אין בערעזנע און יענע בעלי־בתים פירן אַרויס פערד, איך זאָג דיר, גיבורים!".

רעדנדיק שוין וועגן פערד, גיט ער צו: ווייסט וואָס, ברודערקע? ווען עס וועט זיך אָנהויבן אין פעלד די אַרבעט, וועסטו מיט דיין פלינקן פערד נישט קאָנען אַקערן. עס לויפט אין אַקער און דאָס טויג נישט. איך האָב דיר געבראַכט אַ סוחר, פאַרקויף דאָס פערד, וועלן מיר שוין אויפזוכן עפּעס אַ גוטן פערד פאַר דיר.

דער גוי הויבט אָן לויבן זיין פערד און זאָגט, אַז ער וועט זיך מיטן פערד נישט שיידן. אָבער דער קאַניוך זאָגט צו אים: „מיט דיין פערד מוזטו זיך שיידן, ווייל ער וועט לויפנדיק אין אַקער פּלאַצן. עס איז אַ שאָד, איך ווייס, אַז עס איז אַ גוט פערד, פאַרקויף עס, ביי מיין קונה, וועט עס נאָך קאָנען יאָרן אַרבעטן, אָן שאָדן, ביי דיר אָבער וועט דאָס פערד פגרן, — נו, פאַרקויף עס. און איך וועל פון דער קניה האָבן אויף שבת". אַזוי הויבט זיך אַ דינגעניש, אַ פּאַטשעניש אין די הענט. און ווען עס האַלט שוין ביים סוף, טראָגט אַריין מיין קאַניוך אַ פּונקט: אַ פלעשל מאַהאַריטש משני הצדדים. ער טרינקט אויס אַ גלאָז, און פאַרבייסט מיט אַ ציבילע און טרייסט אונדז ביידן — דעם גוי, אַז ער האָט געטראָפן אַ גוטן סוחר און ער האָט גענומען אַ גוטן פרייז און מיך, אַז איך האָב געקויפט אַ גאָלדן פערד מיט אַלע מעלות.

דער גאַנצער שבט דאָמבראָוויצער קאַניוכעס לאָזט זיך אַרויס אין אַ זומערדיקן טאָג קיין דובע אויפן יאַריד. יעדער וואָגן איז געשפּאַנט אין דריי פערד, לויטן רוסישן שטייגער, דער, אין די האָלאָבליעס איז אויסגעבונדן מיט כלערליי רימענס — געלע און שוואַרצע. די צוויי זייטיקע, זענען אַזוי איינגעבונדן, אַז די קעפּ זאָלן אויסקומען אַביסל אָן א זייט.

פון הינטן זענען צוגעבונדן דריי פערד צום וואָגן און איינער ביים זייט וואָגן. אַ געניט אויג האָט שוין מסדר געווען און צעקעמט די גריוועס, אַזוי צוגעפּאַסט, אַז ביי דעם פערד אויף רעכטס און ביים צווייטן אויף לינקס, ווי אויך ביים דריטן, זאָל זיך שפּרייטן אַ פּאַה איבערן אויג. ביי איין פערד איז דער עק פאַרבונדן אין אַ קובליק און ביים צווייטן — צעשפּרייט און נאָכגעשלעפּט. די פערד באַקומען צידה לדרך: אַ קוועטש ביי דער מאָרדע אָדער אַ שטאָרך מיטן שפּיץ שטיוול אונטערן בויך, צי גאָר אַ קוועטש אין דעם רוקן. די פערד ווערן אומרויק. איינער טראָגט אַרויס אַ קאָסע צום שניידן גראָז און לייגט זי אין וואָגן. כאַפּן זיך אַלע אַרויף ווויליונגעריש אויף די וועגענער. מען גיט אַ קנאַל מיט די בייטשן און די וועגענער טראָגן זיך אַרויס פון די הויפן מיט אַ רעש. דער איינציקער ייד, דער נישט־קאַניוך, איז זעליק זינעלעס, וועלכער פאַרט זיך זען מיט זיין זון חיימען. ער האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט אָן וואָגן, ווייל אַט־אַט פאַלט ער אַרויס, דאָס רופט אַרויס אַ געלעכטער ביי דער חברה און מען וויצלט זיך אויפן חשבון פון די צעקוועטשטע יידן. אַ פּאָר רייטן נאָך, קוקן נאָך און מען הויבט אָן זאָגן מבינות אויף די פערד אויפן קאַניו־

כישן לשון: „וואָס? זאָגסט אַ חסרון, אויף דעם... קאַשטאַנס פיס? דו ביסט אַ מלמד! אַ באַנק־קוועטשער און נישט קיין פערד־סוחר! אונטער דעם קאַשטאַן זיצן פיר דעמבענע סטאָלבעס, סאַראַ טעלערס אונטער זיינע פיס! סאַראַ ברייטקייט! צווישן די קלובעס קאָן מען דאָך אַוועקשטעלן אַ גאַנצע שטוב! אָבער ס'מאַכט נישט, — זאָגט אַריין דער מבינות־זאָגער — ביי דיין קאַשטאַן אין די פיס זענען קאַרטשאַקעס". „און דיין שפּאַקאָוואַטע שקאַפּע — קומט צוריק אַן ענטפער — מיינסטו, אַז איך בין אויף איר קיין מבין נישט? מיט איר גאַנצער גרויסקייט, כאַטיא, האָסט איר שוין אַזוי אויסגעבונדן, אָבער זי איז קיין דרייער נישט ווערט, שרעק זיך נישט, אַ גוטער מבין זעט, אַז זי איז כמעט ווי אַ „זדאַכאַ־וויטשנע", אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט זי וואַרפן מיט די זייטן און סאַפּען ווי אַ פּאַראַוואָז"... דעם מבינות־זאָגער רופט מען שוין זיין צונעמעניש: „אַ מכה דיר אין די זייטן", „גנב", „די שקאַפּע וועט דיך איבערלעבן".

אַזוי פאַרנדיק שמועסט מען אַרום וועגן אַלע פערד. איינער ביים צווייטן פרעגט וואָס פאַראַ פּרייז מען דאַרף בעטן, און וועלכן פערד מען דאַרף בייטן.

„זאָג מיר נאַר, וואָס שלעפּסטו אָט די נבילה? געדאַרפט זי אָפּגעבן מאַקאַרן און זאָל ער מאַכן אַ פעל, און פּטור! זעסט, דוכט זיך, אַ פעט פערדל, אָבער, אַ געגאַרניק, עס פּרוווט דען שלעפּן די פּאָסטאַראַנקעס?".

דאָס פערדל באַקומט אַ פּאָר בייטשן, אָבער עס מאַכט זיך נישט וויסנדיק און דער מבינות־זאָגער טריומפירט: „נו, זאָג, ווער וועט קויפן אַזאַ געגאַרניק?".

מען פּאָרט צווישן פעלדער אויף וועלכע עס זענען אויסגעשטעלט שאָקן קאָרן און נישט־צוזאַמענגעבונדענע רעטשקע. מען לייגט אַן צוביסלעך אויף די וועגענער און מען זינגט אונטער: „הושענה, שבולת צו נעמען"... אין וואַלד פּאָרט מען צו ביז אַ בלאָטע און מען לייגט אָן אַ געשניטן גראָז. ווען מען שטעלט זיך אָפּ לעם אַ קוואַל וואַסער, נישט ווייט פון קאַרטאָפל־פעלד, דאַוונט מען מנחה, מען שלעפּט צוזאַמען האָלץ און עס ברענט שוין אַ פייער, מען שפּאַנט אויס די פערד, מען בינדט זיי צו צו די וועגענער און זיי כראָמען דעם קאָרן־רעטשקע, אויסגעמישט מיט די פרישע בלאָטיקע גראָזן. פון די יידן קייט ווער פון אַ פּאַטשיילע און ווער עס דאַוונט נאָך מעריב, אָבער, אַלע קוקן צופרידן מיט הנאה ווי די פערד עסן פון די וועגענער. דאָס פייער ווערט גרעסער, מען גראָבט אָן קאַרטאָפל, מען בראָט זיי אין פייער, און עס שמעקט אַרום מיט צוגעברענטע קאַרטאָפל. און ווידער הויבן זיך אָן שמועסן וועגן יאַרידן, וועגן פערד־סוחרים און רייכע גוים מיט וועלכע מען האָט געמאַכט גוטע בייטן. אַלע הייסן איינעם דערציילן אַ מעשה, און ער פאַררויכערט אַ גראָבן ציגאַר מאַכאָרקע און הויבט אָן: „עס זענען געווען צוויי ישיבה־בחורים וועלכע האָבן געלערנט תורה אין דער פרעמד. איינער איז געוואָרן אַ בקי און דער צווייטער אַ חריף. נאָך צוועלף יאָר לערנען קלייבן זיי זיך פאָרן אַ היים, רופט זיי אַריין דער ראש־ישיבה, אַ גרויסער צדיק און בעל מופת, און זאָגט צו זיי: „איך האָב פאַר אייערטוועגן צוויי ברכות, פאַר יעדן צו איין ברכה. ווער פון אייך וויל אַ קווינט חכמה און ווער אַ קווינט מזל. קלייבט אויס וואָס איר ווילט. דער בקי, וועלכער איז אַ חזנס אַ זון, קלייבט אויס חכמה. דער חריף איז אַ פּראָצענטניקס אַ זון, און וויל מזל. דער לעצטער שטעלט זיך פאָר ווי רייך ער וועט

זיין, וויפל געלט ער וועט האָבן ווען ער וועט האָבן מזל. דאַקעגן דער בקי, שטעלט זיך פאָר ווי דאָס גאַנצע שטעטל וועט צו אים קומען פרעגן עצות". צווישן די דאָמבראָוויצער קאַניוכעס ווערט גלייך אַ שפּאַרעניש וואָס עס איז טאַקע בעסער חכמה צי מזל...

זעליק זינעלעס איז נישט צופרידן פון דער מעשה, און זאָגט: לאָזט, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה וועט איר שוין דווקא הנאה האָבן". פאָרט אים איינער אַריין: „אוודאי עפּעס אַ שניידערישע מעשה". „נו, איז וואָס — צעהיצט זיך זעליק — עס שטייט נישט אָן דיין טאַטן דעם, דעם... אַי וואָס — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט — ער איז שוין אויפן עולם האמת, טאַ..." „נו, לאָזט נאָך, ר' זעליק — מישט זיך ווער אַריין— דערציילט, דערציילט". פלוצים ווערן די פערד אומרויק, הויבן אָן קלאַפּן מיט די פיס און קוקן אין אַלע זייטן. „ווייזט אויס, אַז זיי האָבן דערשפּירט וועלף" — זאָגט איינער און אַ צווייטער זאָגט, אַז עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז זיי פילן גנבים אין דער סביבה. און מען הויבט אָן שמועסן פון כלערליי פערד־גנבים, גרויסע חכמים און אויפטוערס, וועלכע שלעפּן אַרויס ביי די כראַביעס זייערע פערד, ממש פאַר די אויגן, פאַרבן זיי איבער פון וויס אויף שוואַרץ און פאַרקויפן זיי צוריק צו דעם זעלבן גראַף. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווען די פאַרב קריכט אָפּ, קוקט זיך אַרום דער פּריץ, אַז דאָס זענען זיינע אייגענע פערד. „אַהאַ, זאָגט איינער, זעסט? איך זאָג דאָך טאַקע, אַז חכמה איז טייערער פון מזל". „גיין שוין, חכם מיינער, — זאָגט א צווייטער — ווען מען האָט מזל פאַרשפּאָרט מען זיין א פערד־גנב. זעליק זונעלעס פאַרשוויגט אָבער נישט. „נו, הייסט עס, אַז איר ווילט נישט הערן מיין מעשה?". אַנו, — רופט מען זיך אָפּ — דערציילט, ר' זעליק, אייער מעשה.

און זעליק זינעלעס הויבט אָן: „געווען איז טאַקע אַמאָל אַ שניידער, נישט אַזאַ אָפּגעהיטענער אין יידישקייט, געגעסן כּת־עכו"ם, גענומען יתור ביי די פּריצים. ליב געהאַט אין די פּריצישע קוכניעס צו שמועסן גאַנצע אָוונטן מיט די גויאישע קעכינס און פריטיק, ווען אַלע גייען שוין אין שול, עס איז שוין נאָך ליכט־בענטשן, קומט ער ערשט פון דאָרף. איינמאָל פּאַסירט, מען דאַרף חתונה מאַכן אַן אָרעמע יתומה און עס פעלט דער אויסשטייער. דער חתן וויל נישט גיין צו דער חופּה, מען רופט אַן אסיפה, קהל טומלט, מען זאָגט שוין, אַז צוליב דעריין שטאַרבן קינדער. רופט זיך דאַן אָפּ אָט דער שניידער: איך גיב, דאָס גאַנצע אויסשטייער, איך האָב פּריצישן יתור, און אַליין וועל איך נייען. נו, און גאָט האָט אים מזכה געווען מיט אַ ייִנגל, מיט אַ גרויסער נשמה. אָבער ער אַליין, ווייל ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ גרויסע זאַך און כדי ער זאָל חלילה נישט קאַליע ווערן — שטאַרבט אַוועק. קומט נאָך זיין טויט, אליהו הנביא און לערנט דעם שניידערס ייִנגל תורה. און אָט פון דעם ייִנגל וואַקסט שפּעטער אויס אַ גרויסער רבי".

דערהערנדיק אליהו הנביאס נאָמען — און ער איז דאָך אויף אַלע יאַרידן — הויבט מען זיך אָן צו ווינטשן, אַז מ'זאָל זיך טאַקע טרעפן מיט אים מאָרגן, אויפן יאַריד אין דובע. דערהערט אַזאַ מעשה, זאָגט דער אַלטער ר' חיים לאַנדוי: „איר זעט, מיט איין גוטן טאַט, קאָן מען זיך קויפן עולם־הבא און גוטע קינדער, פון וועלכע עס וואַקסן אויס אַזוינע רבים. מען דאַרף נאָר וויסן ווי אויסצונוצן דעם


מאָמענט. אָט טאַקע ביי אונדז אין דאָמבראָוויץ, איז זיך פאַרלאָפן אַזאַ מעשה.

„נאָר הערט מיט קאָפּ: שוין אַוודאי 70 יאָר זייט דאָס איז געשען — און ר׳ חיים נעמט די באָרד אין האַנט, שאָקלט זיך אונטער, און זעצט פאָר — עס פאַרט דער אַלטער גענזור, באסילס פאָטער, אין זיין בויד. עס איז פרילינג, דער וועג איז פאַרגאָסן, און לעם וויסאָצקער קרעטשמעס, זעט ער, האָט זיך איבערגעקערט אַ בויד, איז וועלכער עס איז געפאָרן ר׳ יאָסעלע זכרונו לברכה. דער אַלטער גענזור איז גלייך אונטערגעשפּרונגען, אָנגעטון אין זיינע הויכע שטיוול, אַ כאַפּ געטאָן ר׳ יאָסעלען זכרונו לברכה אויף די הענט און אים אַרויסגעטראָגן. נעמט ר׳ יאָסעלע, דער צדיק, אַרויס אַ זילבערן קערבל און גיט דעם אַלטן גענזורן. וויל ער נישט נעמען און זאָגט: עס איז אַ סך. קוקט ר׳ יאָסעלע און שמייכלט און זאָגט: „איך האָב דיר געוואָלט געבן זילבער, ווילסטו נישט. טאָ נאַ דיר קופּערנע מטבעות״. וואָס־זשע זאָל איך אייך דערציילן? גענזורן האָט אָנגעהויבן גיין דורך טיר און פענצטער. ער איז געוואָרן בעל־הבית פון כל־טוב. קופּער האָט נישט געפעלט. ער האָט טאַקע געקאָנט האָבן זילבער, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען... אָבער, אויך אָן דעם זילבער האָט אים גאָרנישט געפעלט. ער האָט באַלד גענומען ביים גראַף די וואַסערמילן אין אַרענדע, פאַר זיין בת־יחידה באַסלען, אויסגעזוכט אָן אײדעם אַ צאַצקע, ר׳ זרחן, אַ קאָצקער חסיד, אַ למדן מופלג, אָבער, מען דאַרף האָבן, שכל״...

אָט אַזוי פלעגן שמועסן צווישן זיך די אַמאָליקע דאָמבראָוויצער פערד־הענדלער, די, וועלכע מען האָט גערופן „קאַניוכעס״ — „ליוועראַנטן״.

ו. פיר דורות בעלי־עגלות

בעל־עגלהריי אין שטעטל, איז אַזוי אַלט ווי דאָמבראָוויץ אַליין, וועלכע געפינט זיך אין מיטל־פונקט פון די וועגן: וואָלין—ווייסרוסלאַנד, דורך וועלכע עס טראַנספּאָרטירן זיך די סחורות צווישן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד דורך די טייכן און אויך דורך די וועגן צווישן די טייכן. דער וועג קאָרעץ—פּינסק איז געווען תמיד באַדעקט מיט שווערע וועגענער, געשלעפּטע דורך צוויי פּאָר אָקסן, געפירטע דורך טשומאַקעס און אין דאָמבראָוויץ זענען געווען גרויסע שפּייכלער ווו די סחורות פלעגן ווערן אַראָפּגעלייגט, וואַרטנדיק אויף גוטע ווינטערדיקע וועגן. די רעשטלעך פון אַזאַ שפּייכלער האָבן זיך דערהיט, כמעט, ביז אונדזער דור און זענען געשטאַנען נעבן פּראַוואַליע, אַנטקעגן הוקס מויערל. טראַגנדיקע נשים האָבן געהאַט פּחד דורכצוגיין נעבן אָט דער חורבה, וויל דאָרטן האָט (לויט זייער אויסבילדונג) געשראָקן... אגב, ביי מיין טאַטן אין שטוב, האָט אַ דאָמבראָוויצער סטאָליער געמאַכט טיש און בענק און דערציילט האָט ער, אַז איין מאָל, האָט אין יענער חורבה געקלאַפּט אַ גאַנצע נאַכט און איבער דאָמבראָוויץ האָט געבושעוועט אַ שטורעם־ווינט, וואָס האָט געריסן דעכער. צומאָרגנס האָט מען אין חורבה געפונען אַ טויטן שד און זיין אויסזען איז געווען אַזאַ: דינע, קורצע, הינערשע



ר׳ חיים תניא לאַקש

פיס און איבערן לייב — שוואַרץ־ווייסע פּאַסן. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ האָרן. מיין טאַטע־מאַמע האָבן שטאַרק געלאַכט. אָבער, גאָרנישט גע־זאָגט.

נעבן אַט די טראַנספּאָרטן, אַפּלאָדונגען און איבערלאָדונ־גען, איז געווען אָרט פאַר בעל־עגלהריי. אונדזערע בעלי־עג־לות ציען זיך ביז יאַרמאַלי־נעץ, דאָס אָרט פון גרויסע יאַרידן און ביז בערדיטשעוו, דאָס אָרט פון דעמאָלטיקן גרויס־האַנדל. מהאי טעמא האָ־בן מיר געהאַט אין דאָמבראָ־וויצער „מעשטשאַנסקע אופּ־ראַווע״ אַ סך נכתבים פון ווײַ־טע מקומות, וועלכע פלעגן קו־מען קיין דאָמבראָוויץ זיך פּריזיוואַיען, ווייל זייער אָפט פלעגט אַ יינגל אַ געהילף פון אַזאַ בעל־עגלה, אויסגעפינען אין וועג אַן אָרט און בלייבן דאָרט וווינען. אַזוי האָבן מיין זיידנס צוויי ברידער, זיך נישט אומגעקערט פון יארמע־לינעץ, זיך דערשלאָגן קיין קישיניעוו און דאָרט געבליבן אויף תמיד. די זיידעס האָבן דערציילט, אַז דאָס בעל־עגלהריי האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין פינף נײַנציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט. די באַנען־טראַנספּאָרטן פונקציאָנירן טאַקע גוט און ביליק אָבער די סוחרים זאָגן: — „ס׳איז אָן השגחה״ און שיקן דעריבער זייערע סחורות דורך די בעלי־עגלות.

דעם ערשטן דור פון אַט די פיר דורות, האָב איך נישט געזען, ווייל די באַן האָט אין לויף פון איין צענדליק יאָר זיי אַרויסגעשטויסן און אָפּגעמעקט, הגם זיי האָבן זיך שטאַרק געראַנגלט, זיך נישט געלאָזט און דאָך געמוזט אָפּטרעטן. איך האָב אָבער געקענט דעם לעצטנס אַ זון, ר׳ משהן, וועמענס פאָטער מען האָט גערופן „ר׳ סנדר בעל עגלה״. אָט דער זיבעציק־יאָריקער ר׳ משה, האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען יענע ווייטע צייטן... — ביי מיין טאַטן עליו השלום — פלעגט ער דערציילן — זענען געווען צוויי גרויסע הילצערנע וועגענער, באַדעקטע מיט לייוונטענע בוידן. אין יעדן וואָגן זענען געשפּאַנט דריי גרויסע פערד, צו וועלכע, דער טאַטע האָט צוויי יידישע שמייסערס, ווייל עס איז געווען אַ פאַל, און גויאישע שמייסערס, האָבן אונטערגעפירט

גויים, און מען האָט באַרויבט די וועגענער. איינער פון די לעצטע שמייסערס איז דער אַלטער טשויקאָ, עליעס פאָטער, שוין טאַקע אַן אַלטער, אָבער אין דער יוגנט איז ער געווען ממש אַ גיבור! נאָכן אויסטרינקען אַ שקאַליק בראָנפן איז ביי אים אויסלאָדן און אויפלאָדן אַ פור סחורה, געווען ווי אַ שמעק טאָן טאַבאַק. איין מאָל, האָט ער אין וועג אָנגעטראָפן אויף אַ באַנדע רויבער, באַוואָפנטע מיט קאָסעס און שטיקער אייזנס און זיי דעריאָגט, דערלאַנגענדיק זיי מיטן דישעל פון וואָגן איבער די קעפּ.

מיר האָבן געקענט דעם אַלטן טשויקען, געזען אים זומער און ווינטער אין זיין קורץ־געפאַלדעוועטן שווארצן פעלצל און דאָס היטל צעפלעצלט איבערן קאָפּ. אָפט האָט ער געפלעגט ברענגען אַ ייד קיין דובע מיט נפתלים, אָבער מרדכיס שאַראַבאַן, געשפּאַנט אין צוויי פערד, און צום דישעל אַ גלאָק. דער ייד גייט אַראָפּ פון שאַראַבאַן, און ער יאָגט מיט די פערד צו דער שענק, קלאַפּט אָפּ אַ שקאַליקל, טרינקט אויס, פאַרקרומט זיך, גיט מיטן פעלצל אַ וויש די ליפּן, טוט אָן די פערד די טאָרבעס האָבער און זעצט זיך אויף דער ערד, די פיס פאָרויס, און שווייגט, גיט קיינעם קיין שלום נישט, רעדט נישט צו קיינעם קיין האַלב וואָרט. ווייזט אויס, אַז ער חלומט דעמאָלט אויס יענע יונגע שמייסער־יאָרן, וואָגלענישן, איבערלעבענישן און גבורות.

און ר׳ משה דערציילט מיר: דאָנערשטיק פאַרנאַכט, דער טאַטע גייט פאָרויס, נאָך אים פאָרן נאָך ביידע בוידן אויף וועלכע עס זיצן די שמייסערס און שטעלן זיך אָפּ האַרט ביי די פענצטער. די פערד ווערן אויסגעשפּאַנט און אַריינגעפירט אין שטאַל צו די זשלאבעס האָבער און גרינעם שמעקנדיקן היי אין די דראבינעס. אין לויף פון דאָנערשטיקן טאָג, זענען די וועגענער געוואָרן אָנגעפולט מיט סחורות, אַרויסגענומענע פון שטעטלדיקע הייזער, צום אָפּטראַנספּאָרטירן אין די וווייטע מקומות. על פי רוב זענען דאָס פעל פון וואַלד־חיות: פוקסן, טכוירן, מאָרדערס, אָדער פון וועלף, פון ווילדע חזירים און אויך פון קליינע שעפּלעך; גריבעס, זיליעס, מיט וועלכע די וועלדער אין אומגעגנט זענען פול. די בוידן זענען איבערגעלאָדנטע, נישט אַריינצושפּאַרן קיין נאָדל, אַרומגעשנורעוועט, אַרומגעבונדן און באַדעקט. זיי שטייען אַזוי ביז זונטיק גאַנץ פרי צום אָפּפאָר און ווען עס פאַלט אַ רעגן גייט דאָס וואַסער נישט דורך די בוידן־דעכלעך, וועלכע זענען שטאַרק אָנגעצויגן ווי אַ באַראַבאַן.

„ביים טאַטן — זעצט ר׳ משה פאָר דערציילן דאָס התנהגות פון זיין פאָטער — זענען די חשבונות און פאַרשרייבעכצער געאָרדנט. נעמט ער זיך דערפאַר צו זיין לעדערנעם טלית און תפילין־זאַק און שנורעוועט אים פאנאנדער ,נעמט אַרויס אַ משניות און לערנט ביז מנחה־מעריב. נאָכהער ציט ער אַרויס פון טלית־זאַק אַ זוהר און זאָגט. שפּעטער נעמט ער אַ גראָבן חומש מיט פירושים און לערנט די פרשה פון טאָג. נאָכן עסן, נעמט ער זיך צום מדרש רבה, נאָכהער קליינע ספרימלעך מיט דריבניטשקע רש״י־אותיות. פאַרטאָג זאָגט ער זייער אַ סך תהילים, ליקוטי צבי און וויינט דערביי. דערנאָך נעמט ער אַ צווייט ספרל, אַ דריט ספרל, לערנט און זאָגט ווידער תהילים, ווייל ער האָט געהערט פון ר׳ אהרון קאַרלינער, אַז תהילים פאַר אונדזערן פשוטן בשר ודם איז ווי די גרינע גראָזן אויף די ברעגעס פון טייך „האריין״. פונקט ווי זיי היילן אַלע

קראַנקע פּאַלן, אַזוי, היילן די קאַפּיטלעך תהילים, אַלע קראַנקע נשמות. אַזוי האָט ער אין איין זאָגן און לערנען ביז מוצאי־שבת, אַ חוץ די הפסקות פון דאַווענען, עסן, טבילה. דער טאַטע האָט עטלעכע געשריבענע „תפילת־הדרך״: פון האר״י ז״ל, פון ר׳ יהודה חסיד, פון בעל שמס תלמידים. ב״י יעדן מוז מען אַנדערש מכוון זיין. דער טאַטע בעט גאָט און איז פרום, ווייל די דעמאָלטיקע וועגן זענען געווען בחזקת סכנה. עס פּאַסירן אָפטע אָנפאַלן, איבערקערן זיך מיט א בויד סחורה באַרג אַראָפּ, דראָט אויך חלילה מיט טויט. דער וועג איז אַ ווייטער און ביז ער קומט צוריק, נאָך פינף וואָכן, בעט ער גאָט פאַר אַלעמענס לעבן, ער זאָל זוכה זיין צו טרעפן אַלע אינדערהיים געזונטע. שבת־צונאַכטס, נאָך הבדלה, שטייט שוין אויפן טיש אַ שוואַרצע פּאַן ציקאָריע. יידן קומען אַריין, ווער עס ברענגט אַ פּעקל און ווער עס שיקט בריוו, חשבונות און געלט. נאָך מלווה־לכה כאַפּט ער אַ דרימל און צוגלייך מיט טאָג גרייט ער זיך צום פאָרן, כדי מקיים צו זיין אַ מאַמר חז״ל — „לעולם יצא אדם בכי טוב״.

איך גלויב, אַז ר׳ משה האָט זיין טאַטן, ר׳ סנדר בעל־עגלה, אָביעקטיוו און ריכטיק געשילדערט.

איך וויל אויך גלויבן, אַז ר׳ סנדר בעל־עגלה איז געווען דער המשך און אַ קאָפּיע פון די פריערדיקע דורות בעלי־עגלות הן אין דער באַנעמונג, הן אין יראת שמים והן אין סדר פון פאַכן, ווייל דאַן האָבן דורות איבערגעגעבן די נאָכקומענדיקע זייער אָרט לעבן אָן שינויים.

דעם צווייטן דור, דעם באַן־בעל־עגלה, האָב איך געזען, אָבער ווייניק געקענט. דעם אַלטן „קעק״, וועלכער האָט געוווינט אַראָפּ שטיבל־גאַס מיט זיינע צוויי אַלטע, לייביקע קאַשטאַנעס אין אָפּגעקראָכענעם שאַראַבאַן, פלעג איך שטענדיק נאָכקוקן, ווייל איך האָב געהערט, אַז מיט דעם זעלבן שפּאַן פאָרט ער שוין אַזוי א פינף און דרייסיק יאָר צום וואָקזאַל אָפּוואַרטן פּאַסאַזשירן, וועלכע קומען אָן מיט דער ערשטער באַן פון ווילנע. „קעק״ איז געווען אַן אַלטער שוויגער און איז נישט געזעסן בחברת בעלי־עגלות אויפן בריקל, נעבן פאָרט ארטור. עס זענען געווען נאָך צוויי אלטיטשקע, ווייס־בערדיקע בעלי־עגלות מיט זייערע ווייסע און ביינערדיקע פערדלעך, פון לאַנג שוין אויסגעדינטע. די שאַראַבאַנעס זייערע זענען געווען צוזאַמענגעבונדן מיט דראָט. די־אָ בעלי־עגלות געהערן אויך צום שבט ערשטע באַן־בעלי־עגלות און זענען אויך אַלטע שוויגערס. אין די יאָרן 1910—1909 זענען זיי אַלע אַוועק אויפן עולם האמת. איך האָב געהערט, אַז צו יענער צייט, איז נאָך נישט געווען קיין בריק, און אַז צו דער באַן האָט זיך געצויגן איבערן לוג אַ גרעבליע, וועלכע איז האַרבסט און פרילינג געווען פאַרגאָסן און איבערן טייך — איז מען געפאָרן מיט א פּאַראָם. קיין צרות האָט די בעלי־עגלות נישט געפעלט און פרנסה האָבן זיי נישט געמאַכט. נישט איינמאָל, האָט אַ בעל־עגלה זיך דאָרט געטרונקען, און קוים אַרויס א לעבעדיקער. עס איז געווען אַ פאַל, ווען א דאָמבראָוויצער ייד האָט געפירט צוויי זעק טריפה פלייש צו דער באַן. דאָס איז האָט זיך געבראָכן, דער בעל־עגלה האָט זיך אַרויסגעכאַפּט און דער ייד מיטן פלייש

איז דערטרונקען געוואָרן. זיין פרוי אָדער מאַמע, פלעגט זיך רייסן צום טייך זיך טרינקען און דאָמבראָוויצער פרויען האָבן זי געהיט, געהאַט השגחה אויף איר.

צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט ווערן באַארבעט די וועלדער אין אומגעגנט און אין פארשידענע ערטער ווערן געבויט האָלץ־פאַבריקן. די ברעטער און דאָס גאַנצע האָלץ־מאַטעריאַל ווערט אָפּגעליפערט מיט דער באַן אין די מרחקים. אויך די שפע פון וואלד־געוויקסן: יאַגדעס, גריבעס, זיליעס און אַנדערע ווערט געפירט צו דער באַן. קיין דאָמבראָוויץ קומען אָן פיל מענטשן: סוחרים, אָפּנעמער, ספעצן. פון מאַרק ביזן באַן־הויף ווערט ברוקירט אַ וועג. מען שטעלט אויף אַ בריק איבערן טייך און עס באַווייזן זיך פרישע, יונגע בעלי־עגלות: שאַראַבאַנעס, פאַר פאַסאַזשירן, און שווערע וועגענער פאַר אריבערפירן משאות. פאַר אונדזערע אויגן גייען דורך אין צוויי דורות בעלי־עגלות: טאַטעס, וועלכע גיבן איבער בירושה זייער פרנסה צו קינדער און אויך פרישע נאָר־וואָס געקומענע בעלי־עגלות. פאַראַן אַזעלכע וועלכע גייען אַרויס פון „סטראַי", האָבן איבער מיט בעל־עגלהריי און אַנדערע וועלכע קומען אויף זייער אָרט.

מיין מבולבלדיקער זכרון ברענגט אויף די גאַנצע מחנה פון דער פערציק־פופציק יינגערע און עלטערע בעלי־עגלות, וועלכע האָבן באַדינט די דאָמבראָוויצער יידן במשך אַ דריי־פיר צענדליק יאָר: איייניקע פון זיי צעשטאַרבענע אויפן אָרט, איייניקע — אַרויסגעפאָרענע פון שטעטל, איינער וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיינע יורשים זענען ממשיך די מלאכה ביזן סוף. און — דער גאנצער שבט בעלי־עגלות — אומגעקומענע פון די היטלער־באַנדיטן, אין די סאַרנער גריבער, צי אַרויסגעשלעפטע פון באַהעלטעניש און דערמאָרדעטע דורך שכנים־גויים.

אַלע זיי זענען געווען שווער האָרעווענדיקע מענטשן און האָבן געהאַט צוטרוי צו די שכנים־גויים. זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן זיי שיצן. אָבער דעם אשמדאיס ממשלה און דעם שטנס השפעה, האָבן דעם גוי פאַרוואַנדלט אין אַ חיה און נישט נאָר פּיניעלען בושקעס, אשר שטראַם די עושרים, נאָר אויך שמאין, זייער גוטן־ברודער, באַראַנען, דעם גרעסטן קבצן און שטילינקן יידן — האָבן די אַכזריותדיקע גויים צוגענומען, געריסן אברים פון זיי, דערשטיקט, געוואָרפן אין פייערן און זיך ווילד געפרייט מיטן יידישן אומקום.

ז. צונעמענישן און באַצייכענונגען

אַ צוגערייזטע יידישע פרוי פון ווילנע האָט אַמאָל וועגן דאָמבראָוויץ אַזוי געזאָגט: „ אַ זיס, ליב שטעטעלע". אונדזער חרוב־געוואָרענע נעסט איז טאַקע געווען זיס מיט אירע קליינשטעטלדיקע מעלות און ליב מיט אירע כל־ישראלדיקע חסרונות.

אַלע 4327 אויסגעשאָכטענע יידן פון דאָמבראָוויץ, האָבן זיך גוט געקענט. ס'איז כמעט נישט געווען קיין איין ייד אין שטעטל, וועלכער זאָל נישט קאָנען אויסרעכענען אויף אויסנווייניק, אַלע משפחות אין שטעטל, אָדער, זאָל נישט קאָנען אָנווייזן ווו די

אָדער יענע משפחה וווינט, מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך און ווי אַזוי זי לעבט. און אויב ער האָט נישט געוווּסט גענוי דעם פאַמיליע־נאָמען, אָדער פאַר־נאָמען, האָט ער געוווּסט דעם צונאָמען אָדער באַצייכענונג.

ס'איז כמעט נישט געווען אין דאָמבראָוויץ קיין משפחה, וואָס זאָל נישט האָבן קיין צונעמעניש. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך שווער, נאָך אַזוי פיל יאָרן, אויסצורעכענען די צונעמענישן פון יעדער משפחה. מיר וועלן דאָ אויסרעכענען די פּאָפּולערסטע, די, וואָס זענען נאָך איינגעקריצט אין זכרון. און זאָלן זיי דינען אַלס זכרון נאָך די אַלע משפחות, וועלכע האָבן געטראָגן די צונעמענישן ביים לעבן. מיר ברענגען זיי קאָנ־צענטרירט לויטן סדר פון א״ב.

אנטיגונוס, אַנטיק, אשמדאי. באַק, באַראַדאַטש, באַראַן, באַראַנטשיק, בויטע, בולבע, בולמאַטש, בוסקאַ, ביעלינקי, בלינדער. גובערנאַטאָר, גילגול, געלער, גענזור, גרויסע־קאָפּ. דיבוק, דייטש, דינסטיק. האַלבער־גאָט, האַלאַפּיאַטניק, האָספּאַד, הוק. וואַרעניקל, ווייסינקער, ווירוואַ, ויזתא. זיבן־גרייזן. חולם, חזירניק, חלילים. טאַטעלע, טאַשקענט, טליבא, טרענטל־גובערנאַטאָר, טשאַוועס, טשויקאַ. יאַפּאַניעץ. לאַנגער, לאָפּיטאַק, לאָקשן־קעזיק, לויתן, ליטוואַק, לעקשיכאַ. מאַוטשון, מאַנדראַ, מאַניסטראַפּער, מאַראַטשניק, מויד, מילכיקער, מיניסטער, מעלקעלע, מצרי, משיח. נאַזו, נאַטשאַלניק, נוירקע. סאַטניק, סאַסקאַ, סאַראַקאַטש, סופרל, סמאַטע, סמעטוך. עקסל. פּאַדורקאַ־וואַטי, פּאַליאַק, פּאַניטש, פּאַניע, פּאַפּוש, פּאַראַבאַק, פּוז, פּופּאַ, פּיקאַטש, פּיראָג, פלאַצקאַ, פּעטלוראַ, פּעטליע, פּעטשאָנאַ, פּעקאַרניק, פּרצה־אש. צורר, ציגאַרניק, קאָזאַק, קאַזליק, קאַזעגזאַ, קאַזעליע, קוואַטש, קוט, קאַטאַלניק, קאַטורניק; קאַטשקע; קאַלושע, קאַליש, קאָמענדאַנט, קאַן, קאַנאַריק, קאַנדוקטאַרל, קאַניעס, קאָסטיוק; קאַפּוזשיץ, קאַקעוויל, קבורה, קוואַסניק, קויל, קוק, קיבאַבע, קיישכען, קייסערל, קירבע, קישקעניק, קראַסנאַטשוק, קריוואַ־מאַרדע. ראַביי, רויטער, רומפּל, ריגזול. שאַנסאַנעטקע, שבת־הגדול, שוואַרצער, שוועבעלע, שוועלאַ, שטומאַק, שטונדע, שטשור, שמאַלץ, שמואל־הקטן, שמוקלער, שמעקער, שעפּעלע, שפּראַגער, שקאַפּע, שקורקאַ. תחתאַוויטש.

די אויסגערעכנטע צונעמענישן זענען פון פינף שפּראַכן: יידיש, אוקראַיניש, פּויליש, רוסיש און העברעיש. יעדע צונעמעניש האָט געהאַט זיין מקור אָדער אין אַ געשעע־נעם פאַקט, אָדער אין אַ ספּעציפישער סיטואַציע.

ר' אברהם שמש, פון סטאַלינער שטיבל, למשל, האָט מען גערופן „טרענטל־גובערנאַטאָר“. ער איז פיל מאָל געפאָרן מיט שתדלנות אין גובערניע וועגן אויסקויפן אַ שטיק באָדן אויף אַ נייעם בית־הקברות. נאָך יעדן מאָל פאָרן איז ער צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט און נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן זיינע דורכפאַלן אין גובערניע. צוליב דעם האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן: „טרענטל־גובערנאַטאָר“.

יאַפּאַניעץ האָט געהייסן דער יעניקער, וועלכער איז, אין יאָר 1905, געווען צוזאַ־מען מיט יוסף טרומפּעלדאָרן אין דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג.

„פּרצה־אש“ האָט מען גערופן אַ בחור, וועלכער האָט זיך געפלייסט צו רעדן

העברעיש, און ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין שטעטל, איז ער אַרומגעלאָפן און געשריען: „פרצה־אש".

„קייסערל", האָט מען גערופן איינעם אַ דרדקי־מלמד, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וועלכער פלעגט אַרומגיין אין אַ זויבערער קאַפּאָטקעלע, דאָס קעפּל אויפגעהויבן און די טריט געמאָסטענע, אַזוי ווי גאַנץ רוסלאַנד וואָלט געהערט צו אים...

ס'זענען געווען צונעמענישן אויך נאָך די נעמען פון אַ פרוי, פון אַ שוויגער און אויך לויטן פאַך, אָדער מסחר, וואָס פלעגן איבערגיין פון דור צו דור.

אין שטעטל האָט מען זיך געקענט לויטן ערשטן נאָמען, אָדער לויט דעם צונעמעניש. איינער צום צווייטן האָט זיך קיינמאָל נישט געווענדעט אויף „רבי", אָדער „הער", סיידן ווען דאָס איז געווען אַ גאָר וויכטיקע פּערזענלעכקייט — ווי אַ רב, אַ שוחט, אַ גביר, אַ תקיף. כמעט אין אַלע פאַלן פלעגט מען זיך „דוצן" און אָנרופן איינער דעם צווייטן ביים נאָמען, ווייל מען האָט זיך געפילט נאָענט, ווי מיטגלידער פון איין משפחה. און כאָטש אַלע האָבן געוווסט דעם מאמר חז"ל: „המכנה שם לחברו" וכו', דאָ, האָט קיינער נישט מורא געהאַט, אַז צוליבן אָנרופן וועמען מיטן צונעמעניש, וועט געמינערט ווערן זיין חלק פון עולם־הבא. דאָס צונעמעניש איז נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בזיון, נאָר ווי אַן אויסדרוק פון היימישקייט, — די היימישקייט, וואָס וועקט אַ בענקשאַפט נאָך יענעם שטעטל וואָס איז אַמאָל געווען...



אַ מאַמע און איר טעכטערל (ביי סלוצקיס הויז)

זלמן מושער

זלמן מושער איז געבוירן געוואָרן אין 1887, אין דאָמבראָוויץ. זיין פאָטער, אַ משכיל, האָט זיך געסטאַרעט צו געבן דעם זון וועלטלעכע בילדונג.



זלמן מושער

אין יאָר 1905 איז ער, ווי אַ לערער, געקומען צוריק פון אָדעס קיין דאָמבראָוויץ. ער האָט געהאַט גרויסע פעאיקייטן, אַ טיפן פאַרשטאַנד, אַ וווּנדער־לעכן זכרון, און דערצו, געווען אַ מאַלאַנטפולער אָראַטאָר. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַרום זלמנען האָט זיך, אין יענע שטורמישע יאָרן, גע־זאַמלט די יוגנט. ער האָט אויך געהאַט אויסערגעוויינלעכע פע־דאַגאָגישע פעאיקייטן. ווי אַ גוטער לערער, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרינט־לעכער פסיכאָלאָגישער קענטע־ניש. זיינע אַרויסטרעטונגען אויף לערער־צוזאַמענפאָרן, האָ־בן שטענדיק געמאַכט אַ שטאַר־קן רושם. צו זיין וואָרט האָבן די לערער זיך צוגעהערט און פון זיינע לערן־מעטאָדן האָבן זיי פיל געלערנט.

די ערשטע וועלט־מלחמה, אין יאָר 1914, איז געווען דער ערשטער חורבן פאַר די יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון צאַרישן רוסלאַנד. דאָמבראָוויץ איז אין יענער צייט פול געוואָרן מיט „ביעזשענצעס". פיל האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דאָמבראָוויץ, אַ סך האָבן געוואַנדערט ווייטער.

זלמן מושער, האָט דעמאָלט נישט גערוט אַ מינוט, געשאַפן שפייז פאַר די דורכ־פאָרער, געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווע זעלבסט־הילף פאר די, וואָס זענען געבליבן אין דאָמבראָוויץ. זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן ווייט אויסערן שטעטל. מען האָט געוווּסט, אַז וועגן הילף צי וועגן אַן עצה, דאַרף מען זיך ווענדן צו מושערן.

נאָך מער איז ער באַרימט געוואָרן נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע (1917) און אין צייט פון בירגער־קריג, מיט זיינע אַרויסטרעטונגען פאַר טויזנטער מענטשן.

און אָט איז געקומען פעטליורע מיט זיינע מחנות. יידיש בלוט האָט אָנגעהויבן פליסן ווי וואַסער. פעטליורעס אַ מחנה פאַלט אָן אויף דאָמבראָוויץ. די באָלשעוויקעס טרעטן אָפּ. מושער גלויבט, אַז ער, נישט זייענדיק קיין באָלשעוויק, וועט דורכטראָגן די שווערע טעג אין שטאָט. די פעטליוראָווצעס האָבן אים אָבער גלייך אָנגעהויבן זוכן. נישט וועלנדיק זיך אויסבאַהאַלטן, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט נעמען פאַר אַ משכון זיין פרוי און קינד, איז ער אַליין זיי געקומען אַנטקעגן.

די מערדער האָבן אים ארומגערינגלט און אוועקגעפירט צום וואָקזאַל. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, צום אייביקן אָנדענק, זיין חבר מיכל פישמאַן, וועלכער דערוויסנדיק זיך, אַז מושער איז אין געפאַר, איז ער אויך געלאָפן צו אים, זאָגנדיק, אַז ער קאָן נישט דאָ בלייבן, ווען זלמן איז אין געפאַר...

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מען געבראַכט אין שטאָט די צעפּייניקטע קערפּערס פון די צוויי קדושים. די גאַנצע שטאָט האָט זיי באַגלייט צו אייביקער רו.

„איך האָב אָפּט געטרוימט, זאָגט מושערס בעסטער חבר און שוואָגער, יודל פּעטשעניק, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אויפשטעלן אין דאָמבראָוויץ, אין מיטן מאַרק, אַ מאַרמאָרענעם דענקמאָל פאַר די צוויי העלדן און קעמפער פאַר פרייהייט, פאר זלמנען און מיכלען". ווער אָבער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס גאַנצע יידישע דאָמבראָוויץ וועט ווערן אַ קרבן פון דער נאַצישער חיה, און אַז דער באַשיידענער יזכור־בוך וועט דינען ווי אַן אַזכרה נאָכן גאַנצן שטעטל.



די יידישע פאָלקס־שול (1930)

יוסף־חיים חפשי (בייגל)

צדקה און יתומים־פאַרזאָרגונג

א. הירש־לייב בייגל

ווער האָט נישט געקענט הירש־לייב מאַנעסעס. מיט 4 מצוות איז ער תמיד געווען באַשעפטיקט: אָרעמע־לייט זאָלן האָבן חלה אויף שבת; מתן־בסתר; הכנסת־כלה; והכנסת־אורחים.

פרייטיק פאַרטאָג, האָט מען אים שוין געזען אין גאַס. ער פלעגט שפּרייזן מיט אַ זעקל אויפן פּלייצע, אויפנעמען די חלות פון די הייזער און ווי אַמשנעלסטן פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט, כדי ער זאָל וואָס פריער באַוויזן צו פאַר־טיילן די חלות צווישן די אָרע־מע מענטשן. עס זענען געווען „שטילע" אָרעמעלייט, די, וועל־כע ער האָט אַזוי אַריינגעטראָגן די חלות, אַז מ'זאָל נישט באַ־מערקן, חס־וחלילה.


ר' הירש־לייב מאַנעסעס (בייגל)

ער האָט אויך געהאַט „זיינע" רייכע בעלי־בתים, ביי וועלכע ער פלעגט נעמען יעדן חודש געלט פאַר „געפאַלענע" בעלי־בתים — „מתן־בסתר". קיינער האָט נישט געוווּסט וועמען ער גיט און ביי וועמען ער נעמט.

ווען מ'האָט באַדאַרפט חתו־נה מאַכן אַן אָרעמע יתומה איז מען געקומען צו אים, — ער האָט שוין געמאַכט די חתונה־קליידער און אַלץ באַזאָרגט.

אָרעמעלייט, וואָס זענען גע־קומען אין שטעטל, האָבן גע־וווּסט, אַז ביי הירש־לייבן וועט מען איבערנעכטיקן אַ נאַכט, ווייל קיין נאַכט־הויז פאַר אָרעמע־לייט איז נישט געווען. ער האָט אין זיין הויז אָפּגעגעבן 2 צימערן פאַר אָרעמע־לייט, אויף שלאָפן, און נישט איין מאָל אָפּגעגעבן זיי די קישן פון אונטער זיין קאָפּ.

דער גרעסטער פאַרגעניגן איז ביי אים געווען, אַז ער פלעגט קאָכן פיש אויף אַ חתונה, נישט חלילה פאַר געצאָלט; אָדער ערב יום־כיפור, אין פאַליש פון דער שול, ווען ער פלעגט געבן מלקות די פרומע יידן...



ביי דער פייערונג פון לייגן דעם גרונט־שטיין פאַרן „בית־יתומים" (1930)

איך געדענק נאָך היינט זיין לוויה און דעם כבוד, וואָס דאָס שטעטל האָט אים אָפּגעגעבן. די קראָמען האָט מען פאַרמאַכט און די בעלי־מלאכות האָבן איבערגעלאָזן זייערע וואַרשטאַטן. דעם זעקל, וואָס ער פלעגט אויפנעמען די חלות, האָט מען אים געלייגט צוקאָפּנס: — דאָס איז געווען זיין ווונטש פאַרן טויט...

ב. „די רביצין"

כ'מיין אין דעם פאַל — די פרוי פון הרב נחום פעטשעניק, וואָס נאָר געציילטע האָבן געוווּסט איר פריוואַט־נאָמען, אָבער אַלע אָן אויסנאַם האָבן איר גערופן „די רביצין". די דאָזיקע פרוי האָט געוווּסט גענוי אַלע צרות פון פאַמיליעס און יחידים, און זי האָט געהאָלפן אין אַן עת־צרה מיט געלט אָדער מיט אַ גוטער עצה. פאַרשידענע מענטשן פלעגן אַריינקומען צו איר זיך „אָפּרעדן פון האַרצן", אָדער בעטן הילף פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע. „די רביצין" פלעגט תמיד אַלעמען אויפנעמען מיט אַ ליבן שמייכל און מיט פיל טאַקט און גאַסטפריינטלעכקייט.

ג. דער „בית־יתומים"

אין יאָר 1917 האָט אַ גרופע יוגנטלעכע באַשלאָסן אויפצובויען אַ „בית יתומים" פאַר די קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען געפאַלן אין קריג, אָדער, וואָס זענען געבליבן פון אָרעמע עלטערן.

אויף אויסצוהאַלטן דעם אַנשטאַלט, האָט די צענטראַלע יתומים־פאַרזאָרגונג פון אונדז פאַרלאַנגט 40 פּראָצענט, און 60 פּראָצענט וועלן זיי געבן. אויך האָבן זיי געפאָדערט פון אונדז, מיר זאָלן אויסהאַלטן דעם אַנשטאַלט 3 חדשים, דאַן וועלן זיי זיך רעכענען ווי מיט אַ געשעענעם פאַקט. בכדי צו שאַפן געלט אויף דעם צוועק, האָבן מיר באַשלאָסן מאַכן אַ מאַסקן־באַל מיט אַ בופעט און אַ לאָטעריע.

דער אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג, און די קאַסע האָט געמאַכט 2000 זלאָטעס (דאַן איז דאָס געווען אַ גרויסע סומע). פון דעם געלט האָבן מיר אויסגעהאַלטן די קינדער 3 חדשים און געקויפט די וויכטיקסטע זאַכן פאַרן אַנשטאַלט. די פאַרוואַל־טונג איז באַשטאַנען פון: מירעלע פעטשעניק, יענטל סלוצקי, עטל ליבערמאַן, עטצע מאָטוסאָוו, מענקע מודריק, רייזל סלוצקי, יוסף בייגל (פאַרז'), מונצע גערשטיין (סעקר').

נאָכן מאַסקן־באַל האָבן מיר געדונגען אַ בעסערע וווינונג, אין הויז פון סאַנדלערן און באַשטייערט פיל מענטשן, זיי זאָלן צאָלן חודשלעך פאַרן „בית־יתומים". מיר האָבן אויך גענומען אָרגאַניזירן אַ ספּעקטאַקל „מירעלע אפרת". עטצע מאַטוסאָוו האָט געדאַרפט שפּילן „מירעלע", אָבער פאַר דער פאָרשטעלונג איז זי געוואָרן קראַנק. עס איז נישט געווען קיין אויסוועג: מיר האָבן פאַרפּוצט דעם לערער שדה פאַר „מירעלע" און עס איז אויך דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג. אויך די קאַסע האָט געהאַט דערפאָלג...

מיר האָבן געזאַמלט געלט פון פאַרשידענע אַקציעס, און האָבן אָנגעהויבן בויען אַ הויז פאַרן „בית־יתומים". נאָך מיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, איז דאָס הויז איבערגעגעבן געוואָרן דער שול „תרבות".





אויבן: די פאַרוואַלטונג און אַקטיווע טוער פון „טאָז"
אונטן: „פורים־שפּילער" אויף אַ באַל לטובת „טאָז"

רייזל ראזשאנסקי

די היים פון מיין טאטע־מאמע

דאָמבראָוויץ, מיין געבורט-שטעטעלע, האָב איך פאַרלאָזט מיט פינף און פערציק יאָר צוריק און בין אַוועק קיין אַמעריקע. דאָך זע איך פאַר מיינע אויגן דעם מאַרק מיט די צוויי רייען קלייטן און די הייזער אַנטקעגן זיי. דאָרט ווו עס האָט זיך געפונען מיין מאַמעס קראָם, זענען אויך געווען דריי אכסניות, ווי אויך אַ שענק. זונטיק, אָדער בעת אַ יאַריד, איז די „טשיינע" געווען אַזוי אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, אַז מ'האָט דאָרט נישט געקענט אַריינוואַרפן קיין שפּילקע.



יחיאל און ביילע ראַזשאַנסקי

די מאַמע איז געווען אַ געבאָרענע אין דאָמבראָוויץ, אַ טאָכטער פון אַ שניט־קרעמערין. דער טאַטע, דאַקעגן, איז געבאָרן אין פינסק און האָט געלערנט אין דער באַרימטער סלאָנימער ישיבה, ער איז געווען אַ תלמיד־חכם און די מאַמע איז געווען שטאָלץ מיט דעם. ער איז געווען אַ גוטער מאַן צו איר און אַ גוטער טאַטע צו זיינע קינדער. מיט לייב און לעבן האָט ער געוואָלט העלפן דער מאַמען אין געשעפט, אָבער, ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם מסחר און באַנוצן זיך מיט דער תורה לשם פרנסה, האָט ער נישט געוואָלט. אים האָט אָבער געצויגן צו דער ברייטער וועלט. ער האָט דעריבער — זיך גענומען צו האַנדלען מיט וואַקס, וואָס ער האָט אויפגעקויפט אין דער אומגעגנט, אַוועקגעפירט עס קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין פאַבריקן אַריין, וועלכע האָבן דערפון אויסגעאַרבעט ליכט פאַר די קלויסטערס. כדי צו דערגרייכן אַ גרויסן קוואַנטום

פון וואַקס, פלעגט דער טאַטע מוזן פאָרן איבער דערפער און שטעטלעך. צוליב די דעמאָלטיקע שווערע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען, פלעגט דער טאַטע אַרויספאָרן אין וועג גלייך נאָך פסח און קומען אַהיים צוריק ערב דעם צווייטן פסח.

כאָטש דעם טאַטנס געשעפטן זענען כמעט שטענדיק געווען גרויסע, זענען אָבער די פאַרדינסטן געווען גאַנץ קנאַפּע. ווען ער פלעגט קומען אַהיים פון אַ לאַנגער נסיעה, פלעגט די מאַמע זאָגן צו די ווייבער: „אמת, מיין יחיאל איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן נאָך אַ גאַנץ יאָר מסחרן, אָבער אַבי ער האָט גאָרנישט דערלייגט, בין איך אויך צופרידן". אין דער אַ באַמערקונג, איז געלעגן פאַרבאָרגן אַ סך ליבע און אָנערקענונג פאַר דעם טאַטנס איידלקייט, פאַר זיינע קענטענישן און זעלטענער באַציונג צו מענטשן.

ווי געזאָגט, פלעגט דער טאַטע אַהיימקומען בערך אַ חודש פאַר פסח. אַלע אין שטעטל האָבן זיך געפרייט מיט זיין קומען און קודם כל — די אייגענע קינדער, וועלכע האָבן זיך געגרויסט מיט זייער טאַטן, וועלכער פאָרט אויס אַ וועלט, האָט וואָס צו דערציילן און ברענגט זיי מתנות, וועלכע ער גיט זיי אַוועק נאָך דעם ווי ער פאַרהערט זיי אין לערנען. אָבער באַזונדערס האָבן זיך געגרייט צו זיין קומען, די שטעטלשע אָרעמעלייט, וועמענס פּאַטראָן ער איז געווען. נישט באַווייזנדיק זיך רעכט אויסצורוען פון זיין „טורנע" איבער רוסלאַנד, האָט ער זיך גלייך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל קלייבן „מעות חיטים" פאַר נויט־באַדערפטיקע. דער טאַטע איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאַפּט אין גבירישע טירן און די בייטלען האָבן זיך געעפנט. אַפילו די גאָר קאַרגע בעלי־בתים האָבן אים נישט אָפּגעזאָגט און געגעבן געלט. וויינגיסער האָבן געגעבן וויין, מילנער — מעל, און קצבים — פלייש. אַפילו די אָרטיקע פויערים האָבן זיך אָפּגערופן אויף זיינע ווענדונגען און געגעבן קאַרטאָפל. אַ באַזונדער קאַפּיטל, און ביז גאָר אינטערעסאַנט, איז געווען דאָס מצות־באַקן. צו דער אַרבעט האָט דער טאַטע מאָביליזירט יוגנטלעכע פון שטעטל און זיי האָבן דאָס געטון מיט גרויס התלהבות.

די אַ טעטיקייט זיינע האָט זיך איבערגעחזרט יאָר־יערלעך און די נויטבאַדערפטיקע האָבן זיך אַזוי צוגעוווינט, אַז דער טאַטע דאַרף זיי פאַרזאָרגן מיט די יום־טוב צרכים, אַז נישט איינמאָל פלעגט אַ פּרוי, נאָכן באַקומען פון אים די „מעות־חיטים", בענטשן אים אַזוי זאָגנדיק: „זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט דערלעבן מיט דיין גאַנץ הויזגעזינד איבעראַיאָר און ווייטער אויספילן אונדזערע באַדערפענישן".

אַזוי זענען פאַרביי אַ סך יאָרן. די מאַמע האָט געטראָגן דעם עול הפרנסה, די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און האָבן איר געהאָלפן און דער טאַטע האָט אַלץ ממשיך געווען צו פאָרן איבער דער גרויסער רוסלאַנד און געווען אויך אין יאַלטע, דעם צאַרס זומער־אָרט, וווהין אַריין עס האָט אַ יידישער פוס נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. אין די אַ רייזעס, האָט ער אָנגעקליבן זייער פיל איינדרוקן. דער טאַטע האָט געהאַט אַן אַנטוויקלטן באַאָבאַכטונגס חוש און אַלץ וואָס ער האָט געהערט און געזען איז ביי אים פאַרבליבן אין זכרון. ער פלעגט טאַקע זאָגן: „פון מיינע אַלע רבים אין דער ישיבה, האָב איך דערוואָרבן חכמה און נאָך מער — פון די באַן־פּאַסאַזשירן, מיט

וועלכע איך פלעג שמועסן". דער אוצר פון זיין וויסן איז געווען באַדייטנדיק גרויס און ער האָט זיך טאַקע מיט דעם באַהאָלפן אין אַן עת צרה.

איינמאָל, קומענדיק אַהיים, האָט ער געטראָפן דעם זון אויפן קראַנקן בעט, כמעט אין אַ האָפנונגסלאָזן צושטאַנד. ער האָט געהאַט אַ וווּנד אויפן פוס. די מאַמע, די פרנסה־געבערין, איז געווען אין געשעפט און מיטן קראַנקן האָט זיך באַשעפטיקט אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט געפירט די שטוב־ווירטשאַפט. די פרוי האָט נישט געוווּסט פון קיין מאָדערנער באַהאַנדלונג און געהיילט דעם ברודער מיט „באַבסקע רפואות", האָט נישט געוואַשן דעם פוס, נאָר בלויז געשמירט מיט אַ שמירעכץ וואָס אירע חברטעס האָבן איר געגעבן. אין רעזולטאַט דערפון איז דער מצב פון קראַנקן געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די היץ האָט זיך געהויבן, דער ברודער איז אינגאַנצן געשוואָלן געוואָרן און פון דער וווּנד האָבן גערונען בלוט און מאַטעריע. דאָס דערזעענדיק, איז דער טאַטע אויפגעציטערט געוואָרן. נאָר אָט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז פאַרנדיק מיט דער באַן, האָט ער זיך צופעליק באַקענט מיט אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אים געגעבן אַ וווּנדערבאַרע רפואה צו וווּנדן מיט וועלכער ער באַנוצט זיך צו היילן זעלנער. דער טאַטע איז גלייך אַוועק אין אַפּטייק, געקויפט דאָס שמירעכץ, געהייסן אויפקאָכן וואַסער און גוט אָפּוואַשן דעם קראַנקן, אָפּריייניקן דאָס אָרט פון וווּנד, אָנטאָן אים ריינע וועש און דאַן האָט ער צוגעלייגט די מאַשטש אויף דער מכה, און די רפואה האָט טאַקע געהאָלפן. ביסלעכווייז איז דער ברודער בעסער געוואָרן און ביים סדר איז ער שוין געזעסן צוזאַמען מיט אַלע ביים טיש...

די אָ לעבנס חכמה פון טאַטן, איז געווען אין שטעטל אַ שם דבר. מענטשן פלעגן קומען צו אים זיך שואל עצה זיין און פרויען פלעגן קומען מיט שאלות וועגן עניני כשרות. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער וועט נישט מחמיר זיין, ווייל שטענדיק וועגט ביי אים איבער די טובת הבריות — די מידה וועלכע האָט ביי אים מכריע געווען במשך דעם גאַנצן לעבן.

אונדזער שניט־קראָם, ווי אַלע קראָמען, איז נישט געווען קיין גרויסע. זי האָט געהאַט בלויז איין טיר און איין פענצטער. די מאַמע פלעגט שטיין ביים איינציקן טיש און פאַרקויפן ציץ, אָדער אַנדערע סחורות. די קונים פלעגן זיך דינגען און דערנאָך זיך אויסגלייכן מיטן פּרייז. דער טאַטע, כאָטש ער פלעגט ווייניק העלפן אין געשעפט, פלעגט אָבער מיט זיין זיצן דאָרט ברענגען דער מאַמען נוצן. די קונדן וועמען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען וויל זיי אָפּנאַרן, האָבן געקויפט אויף „נאמנות", דאָס הייסט: דער קרעמער האָט אָנטפלעקט דעם פּרייז וועלכן ער האָט באַצאָלט פאַר דער סחורה און די קונדן האָבן צוגעגעבן אַ געוויסן פּראָצענט ריווח. פאַרלאָזן זיך, אָבער, אויף דער מאַמען — אַ קרעמערקע און אַ טאָכטער פון אַ קרעמערקע — האָבן זיי נישט געוואָלט. אין אַזאַ פאַל איז דער טאַטע געקומען צו הילף. ער האָט געזאָגט זיין וואָרט און מענטשן האָבן אין זיין ערלעכקייט נישט געצווייפלט. ווען ער פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אין קראָם, פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק, ביים אויוון און דערציילן וועגן וועלט־פּאַסירונגען. ער האָט דאָס אַלץ געוווּסט פון יידישע און

העברעישע צייטונגען וועלכע ער האָט ליידנשאַפטלעך געלייענט. ער האָט אויך ליב געהאַט צו דערציילן וועגן דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט בעת זיינע רייזעס אין די מרחקים.

ווי געזאָגט, האָט די מאַמע געטראָגן דעם גאַנצן עול פון דער קראָם אויף אירע פּלייצעס. אין דער פרי פלעגט זי עפענען די קראָם און אויף דער נאַכט זי פאַרשליסן. דעריבער פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז ביי טאָג, ווען קיין קונים זענען נישט געווען, פלעגט זי ווערן שלעפעריק און כאַפּן אַ דרימל. ווינטער־צייט, פלעגט זי אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויפן טיש און אַזוי זיך אַביסל דורכשלאָפן. אָבער, זומער־צייט, ווען די טיר איז כמעט שטענדיק געווען אָפן, פלעגט די מאַמע כאַפּן אַ דרימל אויף אַזאַ אופן: זי פלעגט אַראָפּנעמען פון די פּאַליצעס אַ באַל דיקן געוואַנט, פאַנאַנדערלייגן אים ביי דער אָפענער טיר און זיך אַוועקלייגן מיטן קאָפּ אויף דער שוועל. אַזוי אַרום איז די מאַמע געווען זיכער, אַז ווען עמעצער וועט אַריינקומען אין קראָם, וועט זי דאָס פילן.

מיין מאַמע, ביילע וויטלס, און מיין טאַטע יחיאל, זענען געווען פון די אָנגעזעענע מענטשן אין דאָמבראָוויץ. די מאַמע איז געווען אַ טיפּישע אשת־חיל. זי האָט געזאָרגט און באַזאָרגט איר גרויסע פאַמיליע מיט פּרנסה. זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט צען קינדער. איצטער לעבן בלויז צוויי פון זיי: איך און מיין ברודער אשר.

די מאַמע פלעגט בלייבן ליגן אין קימפּעט בלויז עטלעכע טעג, מערסטנס, צוויי וואָכן, און פלעגט גיין צוריק אין קראָם. טראָץ דעם, האָט זי נישט געלאָזן אירע קינדער אויף הפקר. אין שטוב האָט מען געהאַלטן אַ „מענטשן", אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט געדינט ביי אונדז יאָרנלאַנג און האָט אויפגעפּאַסט אויף די קינדער. אַלע אונדזערע קינדער האָבן געלערנט אין דער שול פון יהושוע־יאַנקל און פּאָמעראַנעץ. עס איז געווען אַ צייט, ווען 6־5 קינדער אונדזערע, האָבן געלערנט גלייכצייטיק אין דעם בית־ספר. איינמאָל האָט טאַקע יהושוע־יאַנקלס פרוי דערציילט, אַז איר מאַן רעדט פון שלאָף. ער וויל איינשטילן די תלמידים און שרייט די גאַנצע צייט: „ראָזשאַנסקי, שטילער!" אונדזערע 6־5 קינדער, וועלכע האָבן געלערנט אין פאַרשידענע קלאַסן, זענען נישט געווען פון די שטילינקע. מיר האָבן געהאַט אַ טבע צו רעדן אין מיטן לערנען, און מן־הסתם — זיך גוט איינגעגעסן דעם לערער אין די ביינער...

מיין באָבע, דער מאַמעס מאַמע, האָט געהייסן וויטל אייזענבערג. מ׳האָט דערציילט, אַז זי איז אויך געווען אַ אשת־חיל, ווי מיין מוטער. די באָבע האָט אויך געהאַט אַ שניט־קראָם. זי האָט איבערגעלאָזן דריי טעכטער און איין זון, מאָטל. די טעכטער זענען געווען: מיין מוטער, צירל גילדנהאָרן און שרהקע בעגון, אַלע פיר קינדער האָבן געהאַט שניט־קראָמען. די שענסטע קראָם האָט געהאַט מאָטל. זיין קראָם האָט זיך גערעכנט פון די גרעסטע געשעפטן אין שטעטל. אין הויז, וואָס ער האָט אויפגעבויט און דאָרט געוווינט און געהאַט זיין געשעפט, האָט אויך געוווינט דער אַפּטייקער ראָטענבערג מיט זיין פאַמיליע, און דאָרט געהאַט די אַפּטייק.

טראָץ דעם וואָס מאָטל און זיינע דריי שוועסטער האָבן געצויגן זייער חיונה פון די זעלבע געשעפטן, האָבן זיי געלעבט צווישן זיך מער־ווייניקער אין האַרמאָניע.

יעדערער פון זיי האָט געהאַט זיינע קונים. דער פעטער מאָטל, למשל, וואָס האָט געהאַט אַ שענערע קראָם און האָט גערעדט אַ בעסערן פויליש, האָט צוגעצויגן די פוילישע שליאַכטשיקעס פון גראַף פליאַטערס הויף. די צוויי עלטערע שוועסטער, די מאַמע און צירל, האָבן געצויגן זייער חיונה פון די באַלעבאַטישע יידישע פאַמיליעס און פון די פויערים; די יינגסטע שוועסטער, שרהקע, האָט אין איר קראָם געהאַלטן נישט בלויז מאַנופאַקטור, נאָר פון אַלץ צו ביסלעך. די מומע שרה, האָט זיך נעבעך זייער געמאַטערט. זי האָט געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע מיט צען קינדער, און די פרנסה איז געווען זייער געשלאָגן. זי איז אויך געווען די איינציקע אין דער פאַמיליע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אייגן הויז. זי האָט געוווינט אין דער „סוקענע" — די לאַנגע, שמאָלע, גרויע, געמויערטע געביידע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קאַזאַרמע.

גאָר טיף אין מיין זכרון, איז איינגעקריצט מיין מאַמעס טויט. איינמאָל, אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט, איז זי פּלוצים געפאַלן אין חלשות. ס'איז געקומען צו לויפן דער פעלדשער סאַנדלער. אויך האָט מען געבראַכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ מוח־אויפטרייסלונג, אָבער זי וועט קומען צו זיך. ערשט אין מיטן דער נאַכט האָט זיך די מאַמע אויפגעכאַפּט, דער טאַטע און אירע שוועסטער זענען אַ גאַנצע נאַכט געזעסן לעבן דער מאַמעס בעט. אויפן פרימאָרגן האָט זי פאַרלאַנגט אירע קליידער. זי האָט דערקלערט, היות ס'איז אַ מאַרק־טאָג, מוז זי זיין אין קראָם, ווייל מ'וועט זיך דאָרט אָן איר נישט קאָנען באַגיין. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. מ'האָט איר געמוזט געבן די קליידער, זי איז אָבער ממילא נישט געגאַנגען יענעם טאָג אין קראָם, ווייל אין מיטן אָנטאָן זיך, האָבן איר אָנגעכאַפּט שרעקלעכע קאָנווולסיעס און זי איז ווידער געבליבן ליגן באַוווסטלאָז.

יענעם טאָג איז געקומען קיין דאָמבראָוויץ אַ באַרימטער ספּעציאַליסט. ער איז געקומען צו איינעם פון דעם גראַפס מקורבים, וועלכער האָט געליטן אויף אַ מוח־אָנצינדונג. דער פעטער מאָטל האָט געפּועלט, אַז דער דאָקטאָר זאָל קומען אונטערזוכן דער מאַמען, און ער האָט געהייסן גלייך פאָרן קיין קיעוו און זי דאָרטן אָפּערירן אויפן מוח.

גלייך ווי די מאַמע איז אָנגעקומען קיין קיעוו, האָט מען זי אָפּערירט אויפן מוח. נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער מצב בעסערט זיך און די מאַמע וועט געזונט ווערן. זי איז פאַרבליבן אין קיעוו. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, האָט איר צושטאַנד זיך פאַרערגערט און מ'האָט געמוזט גיין צוריק אין שפּיטאָל וווּ מ'האָט זי ווידער אַמאָל אָפּערירט אויפן מוח. נאָך דער צווייטער אָפּעראַציע האָט זיך איר געזונט־צושטאַנד שוין מער נישט געבעסערט, זי האָט געלעבט בלויז עטלעכע טעג און אויסגע־הויכט איר נשמה.

איך האָב מיין מאַמעס קבר קיינמאָל נישט געזען. איך ווייס נישט, אויב נאָך די צוויי שרעקלעכע וועלט־מלחמות, איז פאַרבליבן אין קיעוו אַ וועלכער ס'איז צייכן פון דער מאַמעס קבר. פונקט אַזוי ווייס איך נישט, אויב עס זענען ערגעץ פאַרבליבן די קברים פון מיין טאַטן, מיינע ברידער, שלום און וועלפל, מיינע שוועסטער, מינדל,

מרים גיטל, וויטל און ברכה, אַלע מיט זייערע פאַמיליעס, צי פון אונדזער גרויסער משפחה איז ווער פאַרבליבן ביים לעבן.

מיין ברודער אָשר איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַוועק ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל און פון דאָרטן אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אין פאַרשאָלטענעם פוילן האָבן זיך געראַטעוועט מינדלס צוויי קינדער: יאַנקל און שבתי, ברכהס איין קינד: לייבל. זיי אַלע געפינען זיך אין ישראל.

אברהם פרענקל

דער קן פון „השומר הצעיר"

אין אָנהויב די דרייסיקער יאָרן איז אין דאָמבראָוויץ אַנטשטאַנען דער „השומר הצעיר".

ווי געווינלעך איז אויך פאַראַן אַ „פּרעהיסטאָרישע צייט", ד. ה. ס'זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן נאָך פריער געהאַט פּלאַנירט, אָבער נישט רעאַליזירט. דאָס זענען געווען: לייבל קאַנטאָר, יאַנקל פרענקל און זייערע חברים.

די פּאַקטישע רעאַליזאַטאָרן פון אויפשטעלן ביי אונדז אין שטעטל דעם „השומר הצעיר" זענען געווען די ח"ח: וואלקע קאַנטאָר, משה פעטרושקא, ישראל אהרן שעוו, אברהם פרענקל, ישראל שליטא, שמעון גורוויץ, מאיר פליישון; אויך דוד בייגל,


Żyd. Org. Skaut.
„HASZOMER - HACAIR"
w Polsce.
KOMENDA NACZELNA.

הסתדרות
„השומר הצעיר"
בפולניה.
ההנהגה הראשית.

№ 0162 Warszawa, d. 6/VII 1923 ורשה, יום ... תרפ״ג L. 158

ZAŚWIADCZENIE.

אשור.

Niniejszem zaświadcza się, iż Mowsza Pietruszka członek naszej org. w Dąbrowicach jest skautem III stopnia i ma prawo noszenia oznaki „Chazak we'emacówki".

בזה הננו מאשרים, כי משה פעטרושקה חבר(ת) הסתדרותנו ב... הנהו(הנה) שומר(ת) המדרגה השלישית ורשאי(ת) לנשא את הציון השומרי „חזק ואמץ".

F. 27. IX. 83. 1000. Druk. L. Grünberg i S-wie, Nowolipki 9.

באַשטעטיקונג פון „השומר הצעיר" א"ג פון משה פעטרושקא פון יאָר 1923

מאיר טילטשין, יצחק שוועץ, לייב לאַנדוי, אסתר מאַטאַרן, דאָבקע האַלאָווּעשקע, דאָבקע קאַטשקע, כאַסקע בינדער, אסתר פּאָמעראַנץ, לאה טראַכטנבערג, מרדכי שוואַרצ־טוך, יוסף סלוצקי, די שוועסטער שפּיל, איטקא צאַצקעס, די שוועסטער פּאַטרוך א״אַ.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך געטיילט אויף „קשישים" און „כפירים", לויטן עלטער. דער אַלגעמיינער קן איז געווען איינגעטיילט אין גדודים. בראש פונעם קן איז געשטאַנען וואָלקע קאַנטאָר; סגן איז געווען משה פּעטרושקאַ; מזכיר־גזבר — י. א. שעוו און נאָכהער — ישראל שליטא. יצחק שוועץ איז געווען שר המשמר, ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז אין די אָוונט־שעהן זאָלן אַלע זיין אין די היימען. שרי־גדודים און שרי־קבוצות זענען געווען: שמעון גורוויץ, מאיר פליישון און אברהם פרענקל.

דאָס מזכירות איז אין אָנהייב געווען אין מרדכי קליגונס הויז, שפּעטער אין יידל דעם קצב׳ס הויז, און לסוף — אונטערן באַרג, אין יצחק שמידס הויז.

די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַרומגענומען: ספּאָרט, לייענען, רעפעראַטן. דער קלוב „שומריה" האָט זיך פאַרנומען מיט: גימנאַסטיק, מאַרשירן און לויפן, און לייענען אין עברית ציוניסטישע ליטעראַטור, ווי אויך לעקציעס אויף אַקטועלע טעמעס, וועלכע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די צייטונגען און אין זשורנאַל „על המשמר".

די דאָזיקע טעטיקייט האָט אָנגעהאַלטן יאָרן. די אָרגאַניזאַציע האָט געבליט. און ווען די „קשישים" זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, ווער קיין אויסלאַנד, ווער לערנען און ווער קיין ארץ־ישראל, פלעגן די אונטערגעוואַקסענע „כפירים" גיין אין די זעלבע וועגן ווי די־„קשישים" זענען געגאַנגען.

דער „השומר־הצעיר איז געווען שטאַרק טעטיק אין דער צייט פון די וואַלן צום פּוילישן סיים: בעת די וואַלן צום ערשטן סיים — לטובת אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און שפּעטער — לטובת דעם ציוניסטישן בלאָק.

אין די יאָרן פון אונדזער טעטיקייט פלעגן מיר האָבן שווערע קאַמפן, הן מיט די בונדיסטן, הן מיט דער רעגירונגס־פּאַרטיי. דער „בונד" פלעגט ברענגען רעדנער פון וואַרשע. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין דער ווייבערשער שול. מיר האָבן פיל מאָל אויפ־געריסן זייערע פאַרזאַמלונגען. צוו. אַנד. איז איין מאָל געקומען יהושע גאָטליב, אַ צווייט מאָל — אלחנן צייטלין. ווען מיר פלעגן אַראָפּברענגען אַ פּערזענלעכקייט פון דער פרעמד, פלעגט דער „בונד" וועלן אופרייסן, אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט דערלאָזן דערצו.

פון די פוילישע פקידים אין שטעטל איז געווען אַ פוטבאָל־דרחשינע. זיי פלעגן אָפטמאָל זיך פאַרמעסטן מיט אונדזערע ספּאָרטלער פון „שומריה" און בעת מעשה לאָזן הערן אַ סך גיפטיקן אַנטיסעמיטיזם, און אָפטמאָל אַפילו אונטערהאַקן אונדזערע פיס, אָבער מיר פלעגן כמעט תמיד געווינען און האָבן אַ סאַטיספאַקציע אַפילו ווען מיר זענען געגאַנגען אַ היים צעשלאָגענע.

שפּעטער האָט זיך ביי די טאַרטאַקן פון די יידישע האָלץ־סוחרים אויפגעהאַלטן אַ קיבוץ־הכשרה פון „השומר־הצעיר", וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גאַר הויכן ניוואָ.



א גרופע חברים פון „השחר" ביים בנין פון דער העברעישער שול (1922)



די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון „שומריה" (1925)
זיצן (פון רעכטס): לייבל שוועץ, בצלאל האָלצמאַן, אברהם פרענקל, זאב שוועץ, אשר פרענקל; קניען: יאַנעק ראָטנבערג, לייבל לאַנדאַו, פרויקע פּיקמאַן; שטייען: בערל גילמאַן, מאיר טילטשין, דוד בייגל.



גדוד־כפירים פון „השומר־הצעיר" (1931)



גדוד־צופים פון „השומר־הצעיר" (1932)





קשישים (דערוואַקסענע) פון „השומר־הצעיר" (1933)

זלאטע פלעסקון

דער חלוצישער הכשרה־קיבוץ

מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ, דערמאָנער איך זיך וועגן יענע חלוצים, וועלכע האָבן פאַרלאָזן זייער בעלי־בתּישע היימען און פול מיט ענערגיע און קרבנות־גרייטקייט זענען זיי געקומען אין שטעטל אויף הכשרה. זיי זענען געקומען מכלומרשט נאָר אויף 6 חדשים, און לסוף, ווייל די ענגלענדער האָבן פאַרהאַלטן די סערטיפיקאַטן, זיך געפלאָגט גאַנצע צוויי יאָר אין זייער שווערע באַדינגונגען. נישט איין מאָל זענען אָט די חלוצים אַרויס נישט־דערעסענע, צו דער אַרבעט, און אין די גרויסע פרעסט — נישט געווען אָנגעטאָן אין וואַרעמע מלבושים און נישט אויף די פיס קיין גאַנצע שיך.

זייער מנהל־הספקה, וועלכער פלעגט דאַרפן אויסקומען מיט 20—30 זלאָטעס אַ טאָג, פלעגט גוט ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי צו שטילן מיט די פּאָר זלאָטעס דעם הונגער פון דער יוגנט, וועלכע האָט שווער געאַרבעט.



יוגנטלעכע פון שטעטל מיט אַ גרופּע חלוצים פון הכשרה־קיבוץ, פאַרן עולה זיין קיין א״י (1930)

און דאָך איז מען פריילעך אין קיבוץ און האָפערדיק. יעדן שבת פלעגט קומען אונדזער שטעטלדיקע יוגנט אין קיבוץ. אפילו די מתנגדים פון דער באַוועגונג, האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר די דאָזיקע חלוצים. און ווי נאָר אַ כינוס, אַ חגיגה, אָדער אַן אָפּשייד־מסיבה פאַר אַ חבר, וועלכער איז עולה קיין ארץ־ישראל — פון קיבוץ — איז די גאַנצע שטעטלדיקע יוגנט געווען באַטייליקט אין די שמחות. מען זאַמלט זיך ביים חדר־האוכל קעגנאיבער דעם טאַרטאַק, אונטערן פרייען הימל. מען טאַנצט „הוירא" און די געזאַנגען טראָגן זיך

ווייט איבערן שטעטל. אַפילו פיל פון די בעסערע שכנים־גויים, פלעגן קומען זען די לעבנסלוסטיקייט פון דער טייערער יוגנט.

די גרעסטע צאָל הכשרה־מיטגלידער האָבן געאַרבעט אין די טאַרטאַקן, אָבער די חלוצים האָבן זיך נישט געמיאוסט אויך מיט קיין שוואַרצער אַרבעט, אַבי נאָר אַרבעטן. פון־צייט־צו־צייט פלעגן זיך שטעטלדיקע חלוצים אַראָפּכאַפּן אויף עטלעכע טעג אין קיבוץ און אויספילן פאַרשידענע פיזישע אַרבעטן, וואָס דער קיבוץ פלעגט דאַרפן אויספילן. איך געדענק, אַז זלמן פלעסקון, י. סילענדער, יוסף פערלשטיין, יענקל פלעסקון, י. ראַטושניק און אַנדערע חברים, האָבן געאַרבעט אַ לענגערע צייט לטובת דער הכשרה. די שטעטלדיקע חלוצים און חלוצות האָבן זיך געפילט ווי אפּוטרופּסים פון דער הכשרה און געהאָלפן די פרעמדע הכשרהניקעס מיט אַלע מעגלעכקייטן.

מרדכי רובין

זכרונות פון אן הכשרהניק

כ׳בין איצט אַ חבר אין קיבוץ נען אין כ׳שטאַם פון ווילנע, — איינער פון די שרידים פון ווילנער אויסגעקוילעטן יידנטום. ס׳קלאָגט מיין האַרץ נאָך ווילנע, אָבער כ׳טרויער גלייכצייטיק נאָך די יידן פון שטעטל דאָמבראָוויץ, ווו כ׳האָב דורכגעמאַכט מיין הכשרה אין אַ קיבוץ פון „החלוץ״, אין די יאָרן 6־5־1934.

זיבעציק בחורות און בחורים פון די א״ג „גוטע היימען״, פון אַלע עקן אין פוילן, זענען מיר דאָן געווען אויף הכשרה אין דאָמבראָוויץ. מיר האָבן געאַרבעט אין די יידישע טאַרטאַקן פון שניידמיל און העלער, ווי אויך ביי אַנדערע פיזישע אַרבעטן אין שטעטל. סיי ווינטער, סיי זומער, פלעגן מיר אויפשטיין 4 אַזייגער פאַרטאָג און אַרבעטן ביז 10 אַזייגער אין אָוונט. מיר זענען אַלע געווען באַשיידן באַשוכט און באַקליידעט, ווייל די אַמביציע איז געווען זיך צוגעוווינען צו שווערער אַרבעט און שווערע באַדינגונגען. די פּעקלעך שפּייז און באַקליידונג וואָס מיר פלעגן באַקומען פון די היימען, האָבן מיר צוריקגעשיקט, און דאָס האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ פאַר אונדז ביי די דאָמבראָוויצער תושבים, ספּעציעל ביי דער יוגנט.

די אָנערקענונג, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן ביי די שטעטלדיקע איינוווינער, האָט אונדז צוגעגעבן מוט אויסצוהאַלטן די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע מיר האָבן דאָן געלעבט. מיר האָבן געפילט, אַז אַלע קרייזן אין שטעטל, אפילו די נישט־ציוניסטיש געשטימטע, באַגלייטן אונדזער הכשרה מיט זאָרג און מיט האָפענונג, אַז מיר וועלן ביישטיין דעם נסיון וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען. מען האָט אונדז געגעבן אויף באָרג אַלע נייטיקע פּראָדוקטן און קיינמאָל נישט געמאָנט ביי אונדז די חובות, כאָטש מען האָט געוווּסט אַז אונדזערע קרעדיט־פעיקייטן זענען באַגרענעצטע און וואַקלדיקע. און ווען מיר האָבן אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג וועגן אַן אַלגעמיינעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג אין די יידישע אונטערנעמונגען, האָבן מיר געהאַט אַרום זיך די סימפּאַטיע און אונטערשטיצונג

נישט נאָר פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פּראָגרעסיווע קרייזן, נאָר אפילו אין די חסידישע „שטיבלעך" האָט מען אונדז צוגעטאַקעוועט און אויסגעדריקט הסכמה.

פון דער צווייטער זייט, האָט אונדזער הכשרה מיטגעווירקט דירעקט און אומדירעקט צו דער קאָנצענטרירונג און פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטעטל. אונדזער קיבוץ האָט געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר אַלע ציוניסטישע יוגנט־גרופּירונגען, און אויך די דערוואַקסענע פון אַלע ציוניסטישע שאַטירונגען פלעגן זיך ביי אונדז טרעפן, ביי מסיבות, חגיגות, פאַרלעזונגען, שמועסן און פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן. אַדאַנק אונדזער הכשרה־קיבוץ איז דער צווישנפּאַרטייאישער קאַמף נישט געווען שאַרף און פאַר־ביסן, ווייל די אידעאָלאָגישע וויכוחים און קאָנטראַסטן זענען געמינערט געוואָרן אין אָנבליק פון אונדזער פּראַקטישער פיזישער אַרבעט פאַרן געדאַנק פון חלוצישן ציוניזם.

ווען אַ הכשרהניק איז באַשטעטיקט געוואָרן צו עליה און האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ כדי זיך צוגרייטן צום אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל דאָמבראָוויץ געפרייט צוגלייך מיט אונדז. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען ביי דער פייערונג, ווען מיר האָבן געזעגנט דעם אָפּפאָרנדיקן חבר, און צענדליקער דאָמבראָוויצער איינוווינער פלעגן אים גיין באַגלייטן ביז צו דער באַן.

דאָס אַלץ איז עד־היום איינגעבאַקן טיף אין מיין האַרצן און איך טרויער אויפן חורבן פון דאָמבראָוויץ אַזוי ווי איך טרויער אויפן חורבן פון מיינע נאָענטסטע פריינד.



דער ערשטער הכשרה־קיבוץ ביים טאַרטאַק פון ה. העלער אין מאַטשולישטש (1927)
ס׳שטייען פון רעכטס צו לינקס: מאיר פליישון, ישעיה פערלשטיין, אברהם פרענקל, אינשל שיפּמאַן, יצחק קאפליק, חיים סאסניק, משה קאַפּטן; צווייטע שורה (פון רעכטס): ברײנדל האָלצמאַן, מאיר טאָלטשין, אהרן זאליאר, פעסל יפה; ערשטע שורה (פון רעכטס): סנדר פערלשטיין, חייה הארוויץ, ברוך פעטשעניק, פנחס פערלשטיין.



הכשרה־קיבוץ אין דאָמבראָוויץ — אַן אָפּטיילונג פון דער קלאָסאָווער גרופּירונג (1933)

מאטל באַרפאַק

א פּאָר פאַרצייכענונגען פון מיין שטעטעלע

דאָמבראָוויץ איז פון די עלטסטע שטעטלעך אין פּאָלעסיע — וואָלין. אין דאָמבראָוויץ האָט זיך אָפּגעהיט אַ פּינקס פון זיבן־הונדערט יאָר, און ס'זענען פאַראַן השערות, אַז דער ישוב איז אַפילו פיל עלטער פונעם פּינקס. דאָמבראָוויץ האָט געהאַט אַ שיינע, אַ הויכע און אַ לאַנגע בריק. מען האָט דערציילט, אַז ביים אויסענדיקן די בריק (1884 יאָר ?) האָבן די אַרבעטער געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף די שטעטלדיקע יידן. אויפן אַלטן בית־עולם איז געבליבן אַ קבר פון אַ הרוג ביי דעם פּאָגראָם. פאַרן ווידערשטאַנד פון אונדזערע יידעס קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, איז איין ייד פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר.

די רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר האָט אויפגעטרייסלט די יידישע גאַס. ס'האָבן זיך געשאַפן פּאַרטייען: ציוניסטן, סאָציאַליסטן, בונדיסטן, זאַנגוויליסטן און נאָך „איסטן". איך בין דאַן געווען גאָר יונג און ס'איז מיר אין זכרון נישט געבליבן קיין גענויע פּרטים פון יענער פּאַרטייאישער טעטיקייט. דאַקעגן געדענק איך גוט די איינציקע שולע, די פּריוואַט־שולע פון יהושע־יאַנקל גאלצמאן און משה פּאָמעראַנץ, אין וועלכער מען האָט געלערנט תנ"ך און העברעיש („חדר מתוקן"). פיל תלמידים פון יענער שולע זענען געבליבן טריי דער העברעאישער שפּראַך און דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. ווען אין דער ערשטער קריג, איז אַדורך דורך דאָמבראָוויץ אַ שטראָם פון יידישע טויזנטער משפּחות, געיאָגטע דורך די אַרמייען, האָבן די אַמאָליקע תלמידים פון יהושע־יאַנקלס שולע געשאַפן אַ הילף־קאָמיטעט צו געבן שטיצע און טרייסט די וואַנדערער. די זעלביקע תלמידים זענען אויך געווען דער קערן פון דער שפּעטערדיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין 1917־טן יאָר האָט זיך געשאַפן אין שטעטל דער שטאָט־קאָמיטעט אין וועלכן ס'האָבן דאָמינירט די ציוניסטן: אברהם מאַנקאָווסקי, אברהם בינדער, אליעזר דער איינבינדער, אליעזר אהרנסאָן, הערשל זאָליאַר, י. שטאפּער, מרים פּעטשעניק און רייזל יסוד. צו יענער צייט איז דערשינען ד"ר יעקב בערמאַן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט פיל פרישקייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס איז געגרינדעט געוואָרן די העברעאישע שולע, די ערשטע אין גאַנצן אומגעגנט. עס קומען צו פרישע חברים: שמואל זאַלצמאַן, מאַנציע גערשטיין און בונים — בראש פון די „צעירי ציון". אָנהייב 1918 ווערט געגרינדעט אַ גן־ילדים.

ס'האָט אויך עקזיסטירט אַן אָנפאַנג שולע אין יידיש, אָנגעפירט דורך די צוויי בונדיסטישע מיטגלידער אין דעם ועד־הקהילה: מאָטל שוואַרץ און בערקאַ פּערלשטיין, וועלכע האָבן לאָיאַל מיטגעאַרבעט מיט די ציוניסטן אין דער קהילה.

אין 1922־טן יאָר האָב איך פאַרלאָזן דאָמבראָוויץ. ווען איך האָב לעצטנס באַזוכט ישראל, האָב איך אין מרתף־השואה, אויפן הר־ציון אין ירושלים, געזען דעם אָנדענק־טאָוול מיטן אויפשריפט „לזכר קדושי דומברוביץ", און דאָס האַרץ האָט מיך פאַרקלעמט פון ווייטיק און פּיין...

סנדר דובער [פייגעלשטיין]

דאָרפישע יידן פון אומגעגנט

אין מאַטשולישטש־אָסטראָווצי

פון עק מאַקאַראָווער־גאַס, רעכטס, ביי די ליים־גריבער, פירט דער וועג קיין מאַטשולישטש־אָסטראָווצי. אין דעם דאָרף אָסטראָווצי האָבן אַמאָל געוווינט די ברידער לייבע און יאָסל מאַטאָרן — ביי ביידן זענען געווען גרויסע פאַמיליעס, מיט קינדער. די טאַטעס האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דער חיונה, ווייל קיין פרנסה איז נישט געווען...

לייבע איז געווען אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים, אַ בן־תורה, געדאַוונט שיך, פון די חשובע בערעזנער חסידים.

יאָסל, אַלס קאָוואַל, האָט מיט גרויס מאַטערניש אויסגעקלאַפּט זיין צער־לחם, אָבער ר׳ לייבע, דער שיינער ייד אין דאָרף, האָט נישט געמאַכט קיין פרנסה און שטענדיק געקרעכצט אויף עול־הגלות און אויף דער פרנסה, וואָס איז געווען כקריעת־ים־סוף...

אין דאָרף מאַטשולישטש האָט געוווינט פסח, אַ ייד אַ בעל־מרץ, אַ „פּאַדראַטשיק״, געפירט „גרויסע״ געשעפטן, אָבער געהאַט פרנסה בדוחק.

אַדורכפאָרנדיק די צוויי דערפער פלעג איך כמעט תמיד אַריינגיין פאַרברענגען געמיטלעך אַ האַלבע שעה, און אַרויסגיין פון דאָרט באַלאָדנט מיט מחשבות, ווייל — פסח האָט דערציילט אַ פאַסירונג, לייבע האָט געזאָגט אַ דבר־תורה, יאָסל האָט צוגעגעבן אַ פאַקט פון דער שווערער צייט, וואָס שטעכט דורך די זיבעטע ריפּ... און דערצו, די לאַכנדיקע, ר׳ לייבעס שיינע טעכטער! עס איז פשוט נישט צו פאַרגעסן אָט יענע דאָרפישע יידן...

די קרופּער שמידן

פון עק מאַקאַראָווער־גאַס, לינקס, נעמט זיך אַ געסל קיין קרופּע. דאָ זענען געווען גרויסע משפחות, וואָס קומען אַרויס פון איין טאַטן: ר׳ עוזר, נאָך פון פריערדיקן דור. פון די עלטערע ברידער איז געווען — ר׳ דאָדיע, אַ בן־תורה, ר׳ שמוליקלס אַ חסיד, און שפּעטער — ר׳ נחומצעס. ער האָט געהאַט הנאה פון זיין זון, אויך אַ בן־תורה, כאָטש אַ קבצן, אָבער, אַ שמח־בחלקו. מיט אים איז תמיד געווען גוט צו פאַרברענגען: ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגענומען די לולקע פון מויל, געשיט מיט מעשיות וועגן גוטע־יידן און מיט דברי־תורה. פון אַלע וואָלינער רבי׳ס האָט ער געוווּסט מופתים.

אין קרופּע האָבן דאָמבראָוויצער יידן, דאָרפסגייער, שטענדיק איבערגעפולט די יידישע הייזער פון די דאָרטיקע קאָוואַלעס: דאָרט — געגעסן, געגעסן און געטרונקען; און ווען ס׳האָט וועמען אויסגעפעלט געלט — אויך געכאַפּט ביי זיי גמילות־חסדים. אין זייערע קוזשניעס האָט מען אויסגעשמידט סקליוטעס־טאַפּאָרעס פאַר די אַרבעטער אין אַרומיקע וועלדער, און אויך העק און וועגענער, אַקערס און באָראָנעס פאַר קרופּער גויים. זיי האָבן געגעבן אויף באָרג, אָן געלט, און דער רוב

חובות איז געגאַנגען פאַרלאָרן. די קרופּער גוים האָבן נישט געצאָלט און די יידישע קאָוואַלעס האָבן נישט געמשפּט די גוים, און אויך זיך נישט געקריגט מיט זיי. טאָ פאַרוואָס איז געווען אַ שנאה צום יידן ?...

קריוויץ־זאַלושין־ליטוויץ

דער וועג דורך קרופּע פירט אויך צום דאָרף קריוויץ, צום דעמאָלטיקן נגיד מיכל קראַצמאַן, דער וואַלד־סוחר און אייגנטימער פון אַ מיל. געווען אַ נגידיש הויז, מיט סאַלאָנען און גרויס־שטאָטיש מעבל, מיט אַן עכט יידישע פרוי, שיינע קינדער און אייניקלעך.

משה קריוויצער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט גריבעס, טשערניצעס און ויליעס, האָט געהאַט אַ שטוב שיינע יידישע טעכטער און זין.

אין די דערפער זאַלושין און ליטוויץ האָבן געלעבט האָרעפּאַשנע יידן, אויפגעהאָדעוועטע אויף שוואַרץ־ברויט, קאַרטאָפל און באָרשטש. שבת גאַנץ פרי, פלעגט מען נעמען אַפּער פון אונטערן ברעטל, פון אויוון, געבראָטענע ציקאָריע, און זיך געלאָזט אַוועק צוויי קילאָמעטער, דאַוונען מיט מנין ביי ר׳ מיכלען, ווו עס זענען געווען צוויי ספרי־תורה און אַ וואַרעמע מקווה.

ראַניער און טריפּיטנער חסידים

אין די דערפער ראַן און טריפּיטניע זענען אַלע יידן געווען קאַרלינער חסידים. פאַר ראש־השנה האָט מען זיך געקליבן צום רבין, כדי זיך אָפּצוטרייסלען פון דער וואָכעדיקייט. אַלע זענען געווען יודעי־ספר, געקענט לערנען חומש מיטן „אור־החיים״. שבת האָט מען געזונגען ביים טיש חסידישע מאַרשן און אין שמחת־תורה האָט מען געטאַנצט גאַנצע דריי טעג. ביי מיכל קריוויצער האָט מען זיך משמח געווען — אַ טאָג מיט אַ נאַכט. צומאָרגנס האָט מען אַוועקמאַרשירט, אַ גרעסערע עדה, מיט געזאַנג, צו ר׳ מענדל מאַטוסאָוו אויף דער סמאָלאַרניע. אַלע קריוויצער, זאַלישינער און ליטוויצער יידן, זענען מיטגעגאַנגען און געטאַנצט. אַלע זענען געווען יראי־שמים.

ר׳ אשר טריפּיטנער איז שוין געווען אין די אַכציקער, במשך די יאָרן זיך אָנגעזונגען און אָנדערציילט חסידישע תורה און מעשיות. ווען ער פלעגט פאַרציען אַ פרישן זמר, האָט ער תמיד געמישט לשון־קודש מיט יידיש און גויש. ער פלעגט אַ טופּע טאָן מיט דעם אַלטן פוס און אויסרופן אין התלהבות : „בודעם הוליאַטי דא פּיטי, פּאַנאָ באָהאַ כוואַליטי, יעדען באָג נאַ סוויטי, אחד הוא אלקינו בשמים ובארץ״... דער צווייטער זקן, ר׳ שלום־מאיר טריפּיטנער, האָלט אונטער, און די איבעריקע זקנים : ר׳ סראָלע ראַניער, ר׳ מאיר זיסע כאַמסקי, זינגען מיט אין פּסחדיקן נוסח : „מי פּיעם אי הולייעם, ואתה תשמע מן השמים״.

דאָס זענען געווען יידן גרויסע אין זייער יידישקייט, אויסגעווייקטע אין „ליקוטי־צבי״, „זוהר״ און „חוק־לישראל״, איינגעפונדעוועטע אין אהבת־ישראל, און צוזאַמען מיט זיי — יינגערע יידן, וואָס האָבן שפּעטער דערלעבט היטלערן און זענען מיט מיר צוזאַמען געגאַנגען דעם לעצטן וועג צו די טויט־גריבער. זיי האָבן טאַקע נישט געוואָלט

אומקומען פון רשעס הענט, און זײ האָבן אין גרויס תּרעומות שטאַרק גערודערט אויף אַלץ און אויף אַלעמען...

אָבער אין יענעם איסרו־חג, נאָך שמחת־תּורה, איז גאָר קײנעם אויפן געדאַנק נישט געקומען דער שפּעטערדיקער אומקום. דאַן האָבן יענע ייִדן: יאַנקל דער גרויסער, יאַנקל דער קרומער, יאַנקל דערקאַטש, מאיר ר׳ נחומס, גאַלינסקי דער ליטוואַק, משה־עליע, ברוך ראַניער, מאָטל ראַניער, אבא ראַניער און אַ מענגע ײנגלעך — אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען און געטאַנצט און געפרײט זיך מיט גאָטס־תּורה, מיטן פאָלק ישׂראל, וואָס וועט זיך דערוואַרטן משיחן. אײ, די טאָג־טעגלעכע שווערקייטן? דאָס דחקות? — דאָס איז דאָך גאָרנישט שבגאָרנישט אַנטקעגן דעם זכות „וואָס מיר זענען גאָטס ייִדן״...

מענדל מאַטוסאָוו און מיכל קריוויצער, די אויסגעטײלטע גבירים פון דעם קרײז האָבן שטאַרק הנאה געהאַט און געקוויקט זיך מיט די ערלעכע ייִדן. און בכדי דער ליטוואַק מאַטוסאָוו זאָל וויסן, האָט אים ר׳ מיכל דערצײלט, אַז מאירס טאַטע, ר׳ נחום האָט געקענט גאַנץ „חובֿת־הלבבֿות״ און „מסילת־ישרים״ פון דף־ביז־דף אויף אויסנווייניק, און אַז ווען ר׳ נחום איז געוואָרן אַן אַלמן, האָט ער אַ צווייט מאָל נישט חתונה געהאַט, געלעבט אַזוי 14 יאָר באַלמנותו, שלאָפנדיק זומער און ווינטער אויף דער האַרטער פּאָדלאָגע. און ר׳ מיכל פּירט אויס: „אָט די אַלע ייִדן, זענען ברידער און שוועסטער־קינדער פון דעם ר׳ נחומען, און זײ האָבן געהאַט פון וועמען צו ירשנען ייִדישקייט״.

מיר מעגן הײנט זאָגן, אַז אָט דעם עקזעמפּליאַר ייִדן וועלן מיר מער נישט זען...

ר׳ בצלאל דובער

דער וועג צום דאָרף דובע, ציט זיך פון מאַקאַראָווער־גאַס זײער ווײט, איבער בערג און טאָלן, פעלדער און וועלדער, צווישן הונדערט־יאָריקע בוימער, איבער זומפּן, און ווידער וועלדער און פעלדער. דער דאָרף דובע איז אַרומגערינגלט מיט נאַסע לאָנקעס, בלאָטיקע וועלדער, זאַמדיקע פעלדער, בערגלעך און טאָלן. צווישן אַ פּאָר הונדערט קלײנע כאַטקעס, זענען געווען צוואָרפן אַ פּופצן ייִדישע הײזער, אַ ביסל העכערע, ברײטערע, און עטלעכע־צימערדיקע. אין אײנס אַזאַ הויז האָט דורכגעלעבט זײן „ביסל יאָרן״ מײן זײדע, דער עטלעכע־און־אכציק־יאָריקער ר׳ צלאל דובער, מיט זײן יונגערן דור קינדער: חיים דובער, אהרון דובער, מיט זײערע משפּחות — אַ גאַנצער שבט בני־צלאל, וואָס האָט זיך צעשפּרײט איבער די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, און אַנגעשפּאַרט אויך אַזש אין דער ווײטער אמריקע.

דער אַלטער צלאל האָט ליב געהאַט פון־צײט צו־צײט וואַרפן אַ בליק אויף צוריק, מיט גאַנצע פופציק־זיבעציק יאָר, און אַרויפּברענגען אין זכרון זײן פינף־און־צוואַנציק יאָריקע „צאַרסקע סלוזשבע״, שמיץ און ענויים קשים. ער איז געווען פון די „געכאַפּטע״, וואָס מען האָט געשיקט אין די ווײטע סיבירער קאַנטאָנען „דינען דעם קײסער״, און גלײכצײטיק געמײנט זײ אַריבערצופירן פונעם ייִדישן גלויבן. ר׳ צלאל פלעגט דערצײלן, ווי אַזוי די טרעגער פון „פּראַוואָסלאַוויע״ האָבן אים געוואָלט אַרײננעמען אין איר „מלכות פון חסד ורחמים״. כדי דער יונגיטשקער סאָלדאַט זאָל פאָלגן און וועלן אָננעמען

דעם קריסטלעכן חסד, פלעגט מען אים קאַטעווען, פאַרטרייבן אין אַ שוויץ־באַד אויף די אויבערשטע בענק און דאָרט לייגן אויף גאַנצע רעטשקע, אָדער אויסשמירן אין געזאַלצענעם דזשעגעכץ און שטאַרקן די פאַרע עס זאָל זיין נאָך הייסער ווי עס איז.

פון דאָמבראָוויץ און אומגעגנט זענען דאַן געכאַפּט און אָפּגעשיקט געוואָרן אַ דריי־צענדליק יינגלעך, אין די יאָרן צווישן ניין און עלף. אַלע זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, חוץ מיין זיידע ר׳ צלאל דובער — דער גיבור, וועלכער האָט נאָך אין די אַכציקער יאָרן זיינע געקאָנט אָפּשטויסן אַן אָנגריף פון אַ גוי, אַ רשע. מיין זיידע האָט אין זיין יוגנט געהאַט גענוג כוח און מוט אויסצושטיין אַלע יסורים, און אָפּגעוואָרפן אַלע גוטע הבטחות פון נאַטשאַלסטוואָ, אַז אין „מלכות פון רחמיה״ דערוואַרט אים אַ גלענ־צנדיקע צוקונפט צו ווערן אַזש אַ גענעראַל. צוזאַמען מיט אים האָט זיך דאַן אויך אַנטקעגנגעשטעלט און אויסגעהאַלטן — מיכל פיראָג. פון אַלע דאָמבראָוויצער און פון אומגעגנט „געכאַפּטע יינגלעך״, זענען זיי געווען די בידע, וועלכע האָבן זיך נישט געשמדט.

ביים 39־טן יאָר פון זיין לעבן איז דער זיידע געקומען אַ היים, מיט זיין גאַנצער יידישקייט. גייענדיק צופוס, פון סימבירסק, האָט ער דערזען ווידער די ערשטע יידן — אין שטעטל שקלאָוו, וועלכע האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי מלאכים. ער איז געפאַלן צו דער ערד און געקושט די זאַמדן פון שקלאָווער שול־הויף. פון דאָרטן איז ער געגאַנגען צופוס צו ר׳ אהרון קאַרלינער און געזוכט דאָרטן אַ תיקון אויף די מאכלים־אסורים און חילולי־שבת, במשך פון זיינע 25 יאָר סאָלדאַטסטוואָ. ערשט שפּעטער איז ער געקומען אַ היים צו זיין אַלטער מאַמען און ברידער. ווען די מאַמע מיט די ברידער האָבן געוואָלט אים חתונה מאַכן, האָט קיין יידישע טאָכטער מיט אים נישט געוואָלט חתונה האָבן, — „ער איז דאָך אַ סאָלדאַט״! ערשט — ווען דער רבי, ר׳ אהרן קאַרלינער, האָט צוגעזאָגט, אַז די פרוי וואָס וועט חתונה האָבן מיט צלאלן, וועט זוכה זיין צו אריכת־ימים, קינדס־קינדער, עולם־הבא און אַ חשובן אָרט אין גן־עדן, איז קלאָר געוואָרן, אַז מען האָט פאַרגעבן צלאלן זיינע „סאָלדאַטסקע״ עוונות, און מען מעג מיט אים חתונה האָבן...

צלאלס פרוי, ווידער, — האָבנדיק עדות אויף דעם — וואָס דער רבי האָט איר צוגעזאָגט, — האָט טאַקע מיט יאָרן שפּעטער, פאַר איר יציאת־נשמה, שטרענג פאַרזאָגט אירע קינדער, אַז מען זאָל זי מקבר זיין אין בערעזשניץ, ווייל דאָרטן ליגן באַגראָבן אירע עדות אויף דעם צוגעזאָגטן עולם־הבא, פון ר׳ אהרן קאַרלינערס הייליקן מויל...

באַלד נאָך דעם זיידנס חתונה, האָט דער רבי געהייסן, אַז דער זיידע זאָל זיך אויסשרייבן פון „סאָלדאַטסטוואָ״, ווייל ער דאַרף נישט קיין „פּריווילעגירטע יידן״ צווישן זיינע חסידים. אָבער מיט דרייסיק יאָר שפּעטער, איז דער זיידע ווידער געוואָרן געצוואונגען אויפצופרישן זיינע „סאָלדאַטסקע רעכט״. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען דער גובערנאַטאָר האָט געיאָגט די יידן פון די דערפער, און איבער וואָלין און פּאָלעסיע האָבן זיך געשלעפּט פורן מיט יידישע בעבעכעס, פאַרפרוירענע קינדער און דאַכלאָזע פאַמיליעס. אַ געוויסן טאָג איז אַראָפּגעקומען קיין דובע דער פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק

און דעסיאַטניקעס, כדי אַרויסצוּוואַרפן דעם 70־יאָריקן צלאָל דובער און פאַריאָגן אים מיט זיינע יונגע בנים פון שטוב. דער זיידע האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ פערטל־הונדערט ביטעס: צום קייזער, צו דער קייזערין, צו די פרינצן, צום סענאַט און אויך צום מעטראָפּאָליט, מיט אַ קאָפּיע צום גובערנאַטאָר. אין די ביטעס האָט ער געשריבן, אַז די „מאַטושקאַ ראָסייאַ״ וועט זיך אייביק דאַרפן שעמען פאַר די מעשים פון אירע אַדמיניסטראַטאָרן, אויב אַ מענטש, וואָס האָט געדינט דעם הייליקן פאָטערלאַנד 25 יאָר, שווערע מיליטערישע דינסט, זאָל אויף די עלטערע יאָרן געיאָגט און פאַרפאָלגט ווערן ווי אַ פאַרברעכער.

די ביטעס האָבן געהאָלפן — דער זיידע און זיין משפחה זענען פאַרבליבן אויפן פלאַץ.

ר׳ אלתר דובער

געווען איז אויך אין דובנע אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ אלתר דובער, וועלכער האָט זיך געקליבן פייערן זיין צווייטע בר־מצווה, צו 113 יאָר, און איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם. ער האָט געהאַט קינדער אין אמעריקע און אויך אין דובנע, וועלכע זענען געשטאָרבן בחייו.

ר׳ אלתר האָט געדענקט קלאָר און דייטלעך אַלץ וואָס איז געשען מיט גאַנצע נײַנציק יאָר צוריק — אין פינסק, לוצק, ראָוונע, בערעזשניץ און אין דאָמבראָוויץ. ער האָט געדענקט: גבירים, תקיפים, שיינע יידן, בעלי־מחלוקת, קבצנים, דלפנים, שלעכטע פריסטאַוועס, פוילישע גוט־באַזיצער, מיעטעזשניקעס, בונטאַרן קעגן די הערשנדיקע רוסן, און רוסישע גענעראַלן, וועלכע האָבן אין אַ טייך פון בלוט דער־שטיקט דעם פוילישן מיאַטיעזש. ער האָט אויך געדענקט דאָמבראָוויצער יידן, אומ־געקומענע אין דיביידע פוילישע אויפשטאַנדן: אין 1830־טן יאָר און אין 1863־טן יאָר (ער האָט געוווּסט ערטער, דאָרט ווו פוילישע פּאָווסטאַנצעס האָבן באַהאַלטן געווער אין 63־טן יאָר).

צו ר׳ אלתרן פלעגט אָפט קומען אין געסט ר׳ אברהמל כינאַטשער, ר׳ אהרן קאַרלינערס אַ חסיד, אַ בן־תורה. ער פלעגט זאָגן: „עיקר־העיקרים איז צדקה. די נדבה פאַר אַן אָרעמאַן דאַרף געגעבן ווערן מיט אַן הוספה, און די הוספה דאַרף זיין איבערוויגנדיק. למשל, ווען די נדבה איז דריי קאָפּיקעס, דאַרף די הוספה זיין פופצן, ווייל די תורה זאָגט „נתן תתן״ — איין מאָל געבן, און באַלד אַ צווייטן מאָל, שטאַרק געבן, ,אוסילענאַ געבן״...

ר׳ מאָטל סידעלמאַן

געווען אין דובנע ר׳ מאָטל סידעלמאַן, אַ שטאַרקער בעל־הבית. נדבות האָט ער געטיילט ביד רחבה און קומענדיק יעדן זונטיק קיין דאָמבראָוויץ, פלעגט ער ווערן באַלאַגערט דורך אביונים און כלל־טוערס. אַלעמען האָט ער געטיילט און באַפרידיקט, און אין דער היים מקיים געווען הכנסת־אורחים. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר תורה־

יידן און רבנים און האָט זיי ליב געהאַט. ר׳ מאָטלען האָט גאָט געגעבן שכל, און ער מיט זיין פרוי, חיה, האָבן אַרויסגעפירט זייער משפחה קיין ארץ־ישראל, עטלעכע יאָר פאַרן אומגליק.

די פאַמיליע פייגעלשטיין

ביי ר׳ חיים און אהרון פייגעלשטיין, אין דובע, ביי ביידן זענען געווען פאַר־צווייגטע משפחות. אין זייערע הייזער זענען פאָרגעקומען אָפטע חסידישע שמחות, שלוש־סעודות׳ן, קידוש־רבה׳ס, מלווה־מלכה׳ס; היינט אַ הילולא און אַ צווייטן מאָל אַ יומא־דפגרא, אָדער סתם אַ צוזאַמענקום פון אַלע שכנים־יידן, ווו מען פלעגט זיך משׂמח זיין, געזונגען זמרלעך, דערציילט חסידישע מעשיות, געזאָגט דברי־תורה.

ווען דער קאַרלינער רבי, ר׳ מיילאכקע, פלעגט קומען ל״ג בעומר קיין דובע, פלעגן זיך צוזאַמענפאָרן יידן פון דאָמבראָוויץ, וולאָדימירעץ, ברעזשניץ און פון די אַלע אַרומיקע דערפער. אונדזערע מאַמעס, מרים און הינדע, האָבן געבאַקט און געקאָכט מיט גרויס שמחה. די טאַטעס מיט אַלע דובער יידן האָבן געטיילט „לחיים״ ביד רחבה. מען האָט געזונגען און געטאַנצט, און דאָס אהבת־ישראל האָט מען ממש מיט די הענט געקענט אָנטאַפּן. ווען ר׳ מיילאכקע איז שבת געקומען אין דאָמבראָוויץ, פלעגט חיים פייגעלשטייק, מיט מרימען, פאָרן צום רבין אויף שבת.

פון ר׳ חיים׳ס משפחה — קינדער, שנור און איידעמס — האָבן זיך געראַטעוועט אין די וועלדער צוויי זין און צוויי אייניקלעך. פון אהרנס קינדער זענען געבליבן 4 זין.

וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרן?

אָט אַזוי האָבן אַמאָל אויסגעזען די יידישע משפחות אין אַלע דערפער פון דאָמבראָוויצער אומגעגנט. די יידן האָבן אַלע יאָרן, במשך דורות, געלעבט אין גוטע פריינטלעכע באַציונגען מיט די שכנים־גויים, ביז עס זענען געקומען די היטלערישע בעסטיעס און האָבן פאַרסמט די גויים, פאַרוואַנדלט זיי אין חיות־רעות.

בערך פינף הונדערט דאָרפישע יידן זענען אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין דאָמ־בראָוויצער געטאָ, דאָרט געפייניקט געוואָרן און דערנאָך פאַרשלעפּט געוואָרן קיין סאַרנע. בעת דער ליקווידאַציע פון סאַרנער געטאָ, זענען אויך די דאָזיקע יידן גע־שליידערט געוואָרן אין די גריבער, געלייגט געוואָרן נאַקעטערהייט גוף־אויף־גוף, מיטן בויך אַראָפּ, אין פינף שיכטן, דערנאָך צעשאָסן און דערשטיקט געוואָרן. ווען אייניקע פון די דאָזיקע דאָרפישע יידן זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער, זענען אַ סך פון זיי געכאַפּט געוואָרן דורך די דאָרפישע גויים, מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן, אויפן אָרט געטויט געוואָרן, אָדער איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּאָליציי. ס׳זענען געווען בלויז איינצלנע פאַלן, ווען גויישע שכנים, אוקראַינער און פּאָליאַקן, האָבן אויסבאַהאַלטן די דאָרפישע יידן, געשטיצט און געגעבן זיי עסן, און פאַרזאָגט איינער דעם צווייטן זיך צו באַציען גוט צו די געפלאָגטע דאָרפישע יידן. אַ דאַנק דעם זענען

אביסל יידן, און איך אויך בתוכם, ניצול געוואָרן. דאָס איז אָבער געווען אַ נישטיקער ליכט־שטראַל אין דער פינצטערער היטלער־תקופה, ווען מאָרד איז געווען אַ קולט, אַ גאָטעס־דינסט.

אָט למשל אַזאַ פאַקט. אַ גוי האָט געאַקערט זיין פעלד און צווישן די בוימער באַמערקט אַ יידיש יינגל פון דאָרף אַנדרוהע, וועלכן ער האָט גוט געקענט. האָט דער גוי דעם יינגל געיאָגט, געכאַפּט און צוגעבונדן צום פערד, און דער פויער טרייבט דאָס פערד און לאַכט פון דעם וואָס דאָס יינגל מוז נאָכלויפן דעם פערד. דערנאָך האָט דער גוי צוגעבונדן דעם יינגל מיט אַ שטריק צום וואָגן און זיך געלאָזט ווייטער אַקערן דאָס פעלד. דעם יינגל איז געלונגען זיך אויפצובינדן און אַנטלויפן, און דער גוי האָט שפּעטער באַקומען זיין שכר אויף דער תליה דורך די פּאַרטיזאַנער.

אויך אין די וועלדער זענען אויסבאַהאַלטענע דאָרפישע יידן אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך באַקאַנטע דאָרפישע גוים. אַזוי, למשל, האָט פּאַסירט מיט בערל סער־ניקערס פרוי און מיט אירע קינדערלעך: זי איז געגאַנגען צו אַ גוי, אַ ידיד, זוכן אַ מליצה, און ער האָט זיי אויסגעמאָרדעט. בערל איז שפּעטער געקומען מיט יידישע פּאַרטיזאַנער צום גוי, און דער גוי איז געפאַלן צו בערלס פיס און געבעטן רחמים: ער איז נישט שולדיק — האָט ער זיך פאַרענטפערט — ער האָט נישט געוווּסט, אַז ס'וועלן זיין יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָרום די היטלעראָווצעס מיט דער פּאָליציי האָבן געזאָגט, אַז רוסלאַנד איז שוין „קאַפּוט" און יידן זענען שוין געווען נישטאָ... „איך בין נישט שולדיק — האָט ער זיך געבעטן — בערקאָ, האָלובטשיק, האָב פּחד פאַר גאָט". בערלס ידיד, דער רוצח פון זיין פרוי און קינדער, האָט באַקומען זיין שכר אויף דער תליה...

איך דערמאָן דאָ צום גוטן דעם גאַנצן גויישן דאָרף „זעלין", וואָס האָט זייערס אַ ייד, דינערמאַן מיט זיין משפּחה, פאַרשטעקט אין וואַלד, און זיי אויסבאַהאַלטן און אויך געשפּייזט די גאַנצע צייט. אויך דובער גוים האָבן געגעבן שוץ זייערע דאָרפישע יידן. איך און ברײַנדל קראַצמאַן, מיט מיין שוועסטער יתומהלע, זענען געווען באַהאַלטן ביי אַ קריסטין, אַן אלמנה, אַ גלוביקע, וואָס האָט אונדז פאַרהוילן פון אירע צוויי זין, פּאָליציאַנטן.

אָבער דאָס אַלץ איז נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער בלוט־באָד, וואָס די גויים האָבן איינגעאָרדנט איבער די יידן, ווען הייליק וואַסער האָט באַשפּריצט די העק און דרענגער, און געבענטשט די הענט וואָס האָבן געהאָלפן די נאַצי־דייטשן פאַרניכטן דאָס יידנטום.

*

די מגילה פון אומקום און נקמה וועגן די יידן פון דאַמבראָוויץ און די דאָרפישע יידן פון אומגעגנט, איז איין טרויעריקע איכה־מגילה: — „בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה; אין לה מנחם מכל־אוהביה; כל רעיה בגדו בה היו לה לאויבים"...

מאַנעס בורשטיין

לידער וועגן דאָמבראָוויץ

מאַנעס בורשטיין איז געווען אין דאָמבראָוויץ אַ תלמיד פונעם „חדר מתוקן", אין יאָר 1903; שפּעטער — אַן אַקטיווער חבר אין דעם פאַרבאַנד „חובבי־שפת־עבר", אין יאָר 1910. ער האָט זיך דאַן אויסגעצייכנט מיט זיין טעטיקייט פאַר דער העברעישער שפּראַך; געשריבן לידער און עסייען אין העברעיש (אויך אין יידיש) און געווען מיטרעדאַקטאָר פון אַ צווייוועכנטלעכער אויסגאַבע א"נ „העיירה" („דאָס שטעטל"), וואָס דער פאַרבאַנד „חובבי־שפת־עבר" האָט דאַן פאַרעפנטלעכט.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט מאַנעס בורשטיין פאַרעפנטלעכט לידער און דער־ציילונגען אין פאַרשידענע יידישע און העברעישע אויסגאַבעס.

די רעדאַקציע

דעם טאַטנס מנורה

פאַרשעמט איז געוואָרן דעם טאַטנס מנורה,
באַדעקט שוין געוואָרן מיט ראָסט און מיט שטויב;
אַ מערדער־האַנט האָט זי גערויבט ביי דעם טאַטן,
אַ מערדערישע האַנט זי פאַרכאַפּט מיטן רויב.

ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל מיט שפּינוועבס,
הענגט די מנורה און קלאָגט אין דער שטיל;
מיט ברוכוואַרג באַדעקט איז די ליבע מנורה,
זי וואַלגערט זיך אום אויפן שמוציקן דיל.

קומט ווער צוגיין, גיט אַ נעם די מנורה,
באַטראַכט זי אַלזייטיק און גיט זי אַ שמייך;
עס האָט די מנורה קיין ווערט ביי די רוצחים,
צי קאָן זי חוץ יידן דען ברענגען אַ גייך?

געברענט האָט די מנורה מיט גלעטלעכן פייער,
דערציילט וועגן גבורה פון וויטן אַמאָל;
ווען ריטער עס האָבן געצונדן די פלאַמען,
אין ביבלישע ערטער פון שרון און פון טאָל.

יאָרן לאַנג האָט געברענט די מנורה,
סימבאָליש געדינט דעם אוראַלטן ייד,
ער האָט די שיין פון דער מנורה פאַרשטאַנען,
געזונגען זיין אַלטן היסטאָרישן ליד.

און ווען מען האָט אומגעבראַכט יידישע לעבנס,
געשענדעט דעם יידן אויף יעטוועדן שריט;
האָט אויך דער טרויעריק־יידישער שיקזאַל,
אויך זיין ליבע מנורה נישט אָפּגעהיט.

ווען רוצחישע הענט געשלעפּט האָבן זאַכן,
פון יידישע לעבנס געלאָשן די שיין;
דאַן איז די מנורה געפאַנגען געוואָרן,
זי ווייקט זיך אין טרערן, אין ראָסט און אין פּיין.

(„אונדזער וועלט", דייטשלאַנד, 1947)

מיין פאַרשניטענע היים

(צום 10־טן יאָרצייט)

איך גנבע אַריין זיך אין שטעטל,
איך גיי שטיל איבער די גאַסן;
טראַכים און סטעפּאַן בעלי־בתים,
נישטאָ מער קיין יידישע מאַסן!

עס שטייען דאָרט קראָמען געעפנט,
אויך דאָרט „באַלעבאָס" איז דער פויער;
איך דריק שטאַרק מיין האַרץ, ס'זאָל נישט פּלאַצן
פון ווייטיק, פון פיין און באַדויער!

איך קוק דאָרט אַריין אין אַ פענצטער
און זע נישט קיין משה, קיין שרה;
ווי צ'אונדז, ווו זענען די יידן?
דאָרט וווינט איצט יעפּים און כוועדאָרע.

איך באַמערק דאָרט פיל יידישע זאַכן,
שאַפעס, בענק און אויך טישן;
די ווענט מיט צלמים באַהאַנגען,
פּאָר אַפּגאָט אַ נייעם, אַ פרישן!

צי דאָס זענען די יידישע טישן,
די טישטעכער, ווייסע סערוועטן;
די פוכענע קאָלדרעס, די קישנס,
די זויבערע יידישע בעטן?

ווו איז די יידישע שכינה,
ווו זענען די שרענק מיט די ספרים?
עס ציטערט די לופט נישט פון תקיעות —
נישט תקיעה, נישט תרועה, נישט שברים.

ווו הערט מען דאָרט ערגעץ אַ ברכה,
אַן אָפּקלאַנג פון אוראַלטן תהלים?
די קדושה פון אַ יידישן ספר —
איך גאָר אים, איך זוך אים, איך וויל אים!

ווו זענען די זומער־פאַרטאָגן,
ווו איז די עבודת־הבורא?
ר' וועלוול דער שוסטער, ווו איז ער?
עס באַפאַלט מיר אַ פחד, אַ מורא!

איך שטיי ביי אַמאָליקע ברעגן,
ביים האָרין פון אייגענעם שטעטל;
אין אים האָט מיין מאַמע געוואַשן
די ציכלעך פון קינדערשן בעטל!

אין אים האָט מיין מאַמע געוואַשן
אין זומער ביי זאַמדיקע ברעגן;
געשלעפּט זיך אַ היים צו די קינדער
דורך היימישע שטעטלשע שטעגן.

אין וואַסערן קלאָרע אום זומער,
האָבן יידישע קינדער געשווימען;
האַלב־נאַקעט צום טייך זיך געלאָזן,
מיט פריילעכע, הילכיקע שטימען.

אויף שיפלעך האָבן זיי זיך געטראָגן,
מיט קינדערשן רעש און געטומל;
אין שטיל מעלאַנכאָלישע שעהן,
געצונדן זיך שטערן אין הימל.

קלאָר איז מיין האָרין געוועזן,
געפּליסטערט מיט שטילינקע וועלן,
מיין האַרציקער, ליבינקער טייכל,
דו ביסט דאָך מיר שטענדיק געפעלן.

נישט ווייט פון דיין ברעג איז געלעגן
מיין שטעטל, מיין היים די געטרייע;
מיט שטילע, מיט רויקע גאַסן,
מיט הייזלעך אַלטע און נייע.

מיט אייגענע ברידער און שוועסטער,
פון אייגענעם שטאַם — מיינע יידן;
און איך בין אַלס יינגל געלאָפן,
געשפּילט זיך אין פערדלעך — צופרידן!

שורות מיט קראָמען געשטאַנען,
מיט קרעמער־פאַרקויפער פאַרזאָרגטע;
וואָס קוקן אויס שטענדיק אַ קונה:
צי צאָלט ער מזומן, צי באָרגט ער...

„צי ברענגסטו אַ רובל אויף אַלטן,
צי ווילסטו דעם חשבון באַנייען?"
דער קרעמער פאַרשרייבט אין זיין ביכל
און בייגט־זיך בעת־מעשה אין דרייען!

איך געדענק זיי די אָרעמע קרעמער,
ז'יי זענען אין האַרץ איינגעשריבן;
ווי מיינע טייערע ברידער,
פון אייך איז קיין זכר געבליבן!

אַצינד ליגט מיין היים אַ פאַרברענטע,
די יידן פון שטעטל אַנטרינען;
אין סאַרנע אַ באַרג איז געבליבן,
דאָרט קאָנט איר נאָר ביינער געפינען.

לאָמיר זיי תמיד דערמאָנען,
איצט און אין יום־הזכרון;
לאָמיר די קדושים באַווײנען,
און אלץ וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן!

לאמיר קריעה צוזאמען דא רייסן
און שבעה זיך זעצן, ווי איינער;
קיין טרייסט איז געבליבן ביי קיינעם,
ארויס פון „שטיבל" גייט קיינער.

גאטירלעך אז מען איז געשטארבן —
מיט טהרה, תכריכים, מצבה:
„דא ליגט א צדיק באהאלטן,
דא ליגט באהאלטן ר' לוי"!

אנדערש זעט אויס דארט דער קבר
פון צדיקים, פון קדושים, פון ריינע;
ס'האבן אין גרוב זיי געווארפן —
די בלוטיקע הענט פון געמיינע.

תכריכים אויף זייערע לייבער —
א חרפה פון טייוול באשפיגן;
אין סארגע א בארג פול מיט ביינער
פון טויזנטער קערפערס דארט ליגן!

(„מזרחי־וועג", ניו־יארק, 1953)

ישראל־מיכל שיינמאן

מיין ליב און טייער שטעטעלע

מיין שטעטעלע דאמבראוויץ: איך דענק תמיד וועגן דיר! אין חלום וואנדער איך איבער דיינע רואינען. איך זע דיין חורבן פאר מיינע אויגן. ווו איז מיין מוטער, ווו זענען מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע קרובים און באקאנטע, מיינע קינדער־חברים און יוגנט־פריינט?

אלעמען האבן די מערדער פארפייניקט און אויסגעשאכטן.

א, דו הייליקער גאט פון אברהם, יצחק ויעקב: שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו. כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו. שפוך עליהם זעמך וחרון־אפך ישיגם. תרדוף באף ותשמידם מתחת שמי יי.

גאט, ווארף דיין פייער אויף די רוצחים, גפרית ואש על עם־סדום! דורות זאל ברענען את דאס פייער און נישט אויסגעלאשן ווערן, ביז די רוצחים וועלן נישט פארטיליקט ווערן. דאס הייליקע בלוט שרייט צום הימל: נקמה, נקמה, נקמה!

אין ברען פונעם נקמה־פייער זאלן געהייליקט ווערן די נעמען פון מיליאנען קדושים פון פאלק ישראל, און צוגלייך מיט זיי די נעמען פון מיינע נאענטסטע משפחה־מיטגלידער: מיין מוטער טעמע; ברודער ישעיהו בער, משה שיינמאן, פרוי מלכה און קינדער; ברודער שלמה, פרוי צילע; שוועסטער דבורה און קינדער; שוועסטער רחל, מאן יוסף, טאכטער מאשע; שוועסטער גיטעניע, מאן שמואל; פעטער שמעון שיינמאן ומשפחתו; פעטער יקותיאל שיינמאן ומשפחתו.

דייער אנדענק און דער אנדענק פון מיין ליב און טייער שטעטעלע, וועל איך טראגן מיט זיך אויף אייביק!...



ההסתדרות הציונית בפולניה.

שקל לשנת תרפ"ח.

מר מירל פצ'ניק

הוא (היא) חבר..... לסניף ההסתדרות הציונית ב דומברוביצה

בשם הועד המרכזי:

תעודה זו נותנת לבעליה את הזכות להשתתף בבחירות לועד של הסניף ואל הועידה הארצית.

שקל ע"ש מירל פצ'ניק (בן־דור), משנת 1928

אַ שקל א"נ פון מירל פעטשעניק (בן־דור) פון יאָר 1928



ORGANIZACJA SJONISTYCZNA w POLSCE ::: ההסתדרות הציונית בפולניה

Zalegalizowana dn. 26. X. 1926. za № B. P. 23032/26.

WAŻNA NA ROK 1930. № szekla legit. 15393 כרטיס-חבר

P. A. Binder — מר אברהם בינדר

w Dąbrowicy — בעיר

jest członkiem Organizacji Sjonistycznej — הוא (היא) חבר(ה) להסתדרות הציונית

Za Centralny Komitet: בשם הועד המרכזי:

Podpis własnoręczny / החתימה


כרטיס־חבר של אברהם בינדר (בן־דור), מטעם ההסתדרות הציונית, משנת 1930

ציוניסטישע מיטגליד־קאַרטע פון א. בינדער (בן־דור) פון יאָר 1930



הסתדרות־נוער ציונית "הרצליה" (1922)

ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציע „הרצליה" (1922)



הוועדים וחבר־הפעילים למען הקק"ל (למעלה — 1926 ; למטה — 1932)

די קאמיטעטן און אַקטיווע עסקנים פאַרן קרן־קימת־לישראל (אויבן — 1926 ; אונטן — 1932)




הקן של כנסת „השומר הדתי — תורה ועבודה” (1930)

די מיטגלידער פון „השומר הדתי — תורה ועבודה” (1930)



הנהלת הקן של כנסת „השומר הדתי — תורה ועבודה” (1930)

די פאַרוואַלטונג פון „השומר הדתי — תורה ועבודה” (1930)



קיבוץ־הכשרה „גאולה" של חברי „החלוץ־המזרחי" (1933)
דער הכשרה־קיבוץ „גאולה" פון „החלוץ־המזרחי" (1933)



הסניף של ברית הצה"ר (1930)

די אָפּטיילונג פון פאַרבאַנד הצה"ר (1930)



הסניף של „פועלי־ציון" (צ. ס.) בשנת 1935

די אָפּטיילונג פון „פועלי־ציון" (צ.ס.) אין יאָר 1935



הוועד של ה„ליגה למען א"י העובדת" (1932)

דער קאָמיטעט פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" (1932)



הסניף של הסתדרות „העובד" (1933/34)

די אָפּטיילונג פונעם פאַרבאַנד „העובד" (1933/34)



הסניף המקומי של הסתדרות „החלוץ" בשנת 1933

די אָפּטיילונג פון „החלוץ" אין יאָר 1933



הוועד המקומי של סניף „החלוץ" בשנת 1935

די פאַרוואַלטונג פון „החלוץ" אין יאָר 1935



סניף הסתדרות „החלוץ" בשנת 1934

די אָרגאַניזאַציע פון „החלוץ" אין יאָר 1934



בכינוס מחוזי של חברי הסתדרות „החלוץ", שנערך בדומברוביצה בימים 21—22 באפריל 1935

קרייז־קאָנפערענץ פון „החלוץ", פאָרגעקומען אין דאָמבראָוויץ דעם 21—22 אַפריל 1935



השתלטות גרמניה הנאצית באירופה (1938 — 1945)

במסגרת מצד ימין משתקף החשבון הטראגי של אבידות
העם היהודי באירופה בתקופת השואה, המסתכם ב־6.000.000 נפש.

בחשבון טראגי זה של כלל העם היהודי, מתפקדים לזכרון עולם, בדפים הבאים,
4327 אבידות יקרות וקדושות של קהילתנו ד ו מ ב ר ו ב י צ ה.

חלק שלישי
דריטער טייל

פינקס השואה והנקם
דער פינקס פון אומקום און נקמה

וְאָרוּר הָאוֹמֵר: נְקֹם!
נְקָמָה כָזֹאת, נִקְמַת דַּם יֶלֶד קָטָן
עוֹד לֹא-בָרָא הַשָּׂטָן —
וְיִקֹּב הַדָּם אֶת-הַתְּהוֹם!
יִקֹּב הַדָּם עַד תְּהוֹמוֹת מַחֲשַׁכִּים,
וְאָכַל בַּחֹשֶׁךְ וְחָתַר שָׁם
כָּל-מוֹסְדוֹת הָאָרֶץ הַנְּמַקִּים.

(ח. נ. ביאליק — „על השחיטה״)



ילדה דומברוביצאית בגיל 7, שצולמה בשנת 1939, בקצה רחוב שאָסיינאַ, על רקע שכונת המגורים של „הגויים״.

אַ 7־יעריקע דאָמבראָוויצער מיידעלע, פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1939, ביי עק פון שאָסיינאַ־גאַס, אויפן הינטערגרונד פון דעם גוייִשן וווינונגס־קוואַרטאַל.

התוכן — אינהאַלט

למען תזכור!

סוף חודש נאָך דער שחיטה איז אונדז, דאָס רעשטעלע פון דאָמבראָוויצער קהילה, שוין קלאָר געווען נישט נאָר די גרויס פון חורבן דאָמבראָוויץ, נאָר אויך פון גאַנצן אייראָפּעישן יידנטום. אויך איז שוין דאַן פאַר אונדז נישט געווען קיין סוד, אַז פון די יעניקע וואָס בלאָנקען אַרום אין וואַלד וועלן נאָך זייער אַ סך אָפּפאַלן ביזן סוף פון דער מלחמה, אפשר וועלן אַלע ווערן פאַר־כאַפּט.

אין אונדזער וואַלד־גרופּע האָבן זיך דאַן געפונען: האָכמאַן, די דריי ניימאַנס, געגזל, ראָזנבערג, פעלדלייט, פעלדמאַן, פאַרפל־מאָזע, קראַצמאַן־מאַנעס, אָוסיענקאָ, מיילעך באַקאַלטשוק, צאַצקעס, יצחק פייגעלשטיין, סנדר פייגעל־שטיין, אַלע דריי ברידער שפּין און נאָך דערשלאָגענע יידן וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. מיר האָבן געגלויבט אַלע, אַז היטלער מיט זיינע מיטרוי־בער וועלן האָבן די מפּלה, אָבער ווער ווייסט צי ביז יענעם טאָג וועט ווער בלייבן, וואָס זאָל דערציילן דער וועלט וואָס מען האָט פון אונדז געמאַכט, און ווי אַזוי מיר זענען געפּייניקט געוואָרן דורך היטלערן מיט זיינע מיטהעלפער — אונדזערע שכנים, די אוקראַינער און פּאָליאַקן.

שותפים צו דער שחיטה איבער די שוצלאָזע יידן זענען אויך געווען די אַלע פעלקער און מדינות וואָס האָבן זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון דער נאַצישער מערדער־ממשלה אין אייראָפּע. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט אַז טאָג־איין טאָג־אויס מאָרדעט מען טויזנטער יידן, אָבער די גאַנצע וועלט האָט געשוויגן און געלאָזן אויסשעכטן די יידן. אין אַ קאַסטאָפּאָלער אוקראַאינישער צייטונג וואָס דער גוי יורקאָ זכרונו לברכה האָט געבראַכט צו אונדז אין וואַלד, איז געווען געשריבן, אַז די יידן אין די וואָלינער געביטן „האָבן פאַרדינט זייער שענדלעכן הינטישן טויט" און אַז אין יאָר 1944 וועט פון דער יידישער „הינ־טישער ראַסע" איבערבלייבן בלויז איין ייד אַלס עקספּאָנאַט פאַרן בערלינער מוזעאום.

אין אונדזערע הערצער האָט געברענט אַ העלישער פייער און אין אונ־דזערע קעפּ האָט געעקבערט אַ זאָרג צי ס'וועט כאָטש בלייבן ווער ס'זאָל שרייבן קינות נאָכן גרעסטן חורבן, ווער ס'זאָל דער צביעותדיקער וועלט זאָגן דעם שענדלעכן אמת אַז אַלע אירע פעלקער זענען געווען שותפים צום גרויליקן מאָרד פון אַן איין־און־איינציק פאָלק. האָבן טאַקע די יחידים, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דער יידישער טאָטאַלער פאַרניכטונג, אַזוי פיל צו דערציילן, אַז

בלאָס און שוואַך ווערן די שילדערונגען פון אַלע ביז איצטיקע יידישע חורבנות: דער חורבן פון בית ראשון ושני, אַנדריאַנוסעס שיתוק-עצמות, די גזירות שמד, די מסעי הצלב (ראשון, שני ושלישי), די שוואַרצע מגיפה, די גזירות טאָרקווע-מאַדאַ, ת"ח ות"ט, דער ספר-הדמעות פון אַלע צייטן, ביאַליקס זעם און צאָרן, מאַרקישעס „קופּע" און אַפילו דער האַרציקער שבתדיקער אב-הרחמים — דאָס אַלץ צוזאַמענגעפּלאָכטן איז נאָך אויך נישט ממין המעשה וואָס מיט אונדז איז געשען. ווי וועט מען נעמען אַ האַרץ, אַ קאָפּ, אַ פּעדער, לדורות צו פאַרשרייבן אַט די אַלע מיתות משונות וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען.

אין אונדזער אויבנדערמאָנטער גרופּע, צווישן איר אויך באַוואָפנטע פּאַר-טיזאַנער וואָס האָבן געבלוטיקט און זיך געשלאָגן מיטן שונא, זענען אין וואַלד פאַרגעקומען לאַנגע שמועסן אויף דער דאָזיקער טעמע. מיר האָבן געשמועסט אָבער און ווידער מיט גרויס זאָרג וועגן דעם עולם השיכחה איבער אונדזער אומגליק, נישט נאָר וועגן ווילקיר פון די דייטשן און זייערע פאַרבינדעטע די אוקראַינער, וואָס זענען אין אונדזערע אויגן געווען שלאַנגען, עקדישן, משוגענע חיות, נישט נאָר וועגן דער צוואַנציק-יאָריקער פּוילישער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע און „הורא נאַ זשידאַ!", וואָס האָט געהאַט איר ווירקונג אויף די טעמפּע אוקראַאינישע שקצים און שיקסעס — נאָר קודם כל וועגן דער אויסער-לעכער וועלט, די וועלט, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אונדזער אומגליק און האָט געשוויגן!...

האָט געזאָגט מיילעך באַקאַלטשוק, דער פּאַרטיזאַן-ראַדיסט: גאָט, וואָס שווייגסטו! ווו ביזסטו! קום, ראַטעווע! זאָל בלייבן כאָטש אַ זכר, וואָס זאָל קדיש זאָגן, וואָס זאָל אויסשרייען אונדזער פּיין, וואָס זאָל באַוויינען אונדזער אומגליק און פאַרשרייבן לדורות, וואָס די מערדער האָבן אונדז געטאָן, און אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן געשוויגן!

ווען מיר האָבן דערלעבט צו זען, אַז די הויפּט-מערדער די דייטשן און זייערע געהילפן די באַנדעראָווצעס, ליטווינער, לאַטישן א"א זענען פאַריאָגט געוואָרן פון דער רוסישער ערד, האָבן מיר דערלעבט צו זען מיט אונדזערע אויגן ווי הונדערטער עשאַלאָנען אויסגעפּילטע מיט אָפּגעריסענע האַלב-נאַקעטע און לייזיקע דייטשן זענען אַלס קריגס-געפאַנגענע געפירט געוואָרן אין די ווייטענישן פון רוסלאַנד. מיר האָבן מיט אונדזערע אויגן געזען אויף ביידע זייטן פון די באַן-טעראַסעס ווי ס'ווערן אַרויסגעשליידערט טויטע גופים פונעם „הערן-פאָלק" וואָס האָבן געהאַט אַ צורה פון געפּגרטע הינט און קעץ, ווי אויך צענדליקער עשאַלאָנען באַנדעראָווצעס מיט זייערע פרויען און קינדער אין געשלאָסענע בהמות-וואַגאָנען, וואָס זענען געגאַנגען אויפן ווייטן מזרח. דאַן האָבן מיר זיך געטראָפן אין סאַרנע, לעבן דעם ברידער-קבר, דאָס רעשטל פּאַרטיזאַנער — יצחק פייגעלשטיין, פּנחס גענזל, לייבל פּערלשטיין, און זכרונם לברכה ברוך מאַנקאָווסקי, מיילעך באַקאַלטשוק, ברוך פעלדמאַן, און האָבן

באַשלאָסן צו פאַרשרייבן אונדזערע צרות. צו יענער צייט האָבן מיר שוין געוווּסט, אַז זעקס און אַ פערטל מיליאָן יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן, אַז פון זייערע הייליקע גופים איז קיין זכר נישט געבליבן. אין די טויט-לאַגערן האָט מען פון די קדושימס לייבער געמאַכט זייף, די הייליקע ביינער געמאָלן אויף שטויב, פון די פרויען-האָר געמאַכט מאַטראַצן, פון די אָפּגעשיילטע הויטן פּראָדוצירט פאַרשידענע קונסט-זאַכן. די סאָוויעטישע זיגער האָבן געשפּאַרט פאָרויס איבער די רואינען, אייגענע און דייטשישע, און געזאַמלט באַריכטן און דאָקומענטן וועגן די אכזריותדיקע רציחות און אויסראָטונגען וואָס ס׳האָבן דורכגעפירט די דייטשן מיט זייערע געהילפן די באַנדעראָווצעס. אָבער אין דער אַלגעמיינער צוזאַמענגעשטעלטער דאָקומענטאַציע פון די זיגער, איז אונ־דזער יידישער פאָלקס-אומגליק געווען געשילדערט בלאָס און שוואַך, כמעט אומבאַמערקבאַר.

קיינער האָט דאָן נישט דערמאָנט, אַז אין אָנהייב פון דער מלחמה זענען אין אייראָפּע געווען 9 מיליאָן מיט זיבן הונדערט און פופציק טויזנט יידן, און אַז נאָך דער מלחמה זענען אין דער געוועזענער היטלעריסטישער אויסשפּריי־טונג פאַרבליבן בלויז איין מיליאָן יידן און בערך צוויי מיליאָן יידן אין סאָוויעט-רוסלאַנד. אויך איז אין דער אַלגעמיינער דאָקומענטאַציע בלאָס און נישטיק אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די מיטבאַטייליקונג פון יידן אין אַלע קעמפ־פערישע אַרמייען קעגן די דייטשן. בערך אַנדערהאַלבן מיליאָן יידישע סאָלדאַטן און פּאַרטיזאַנער האָבן געקעמפט קעגן די דייטשן, און דער חשבון איז אַ פאָלגנדיקער: סאָוויעט-רוסלאַנד — 600.000; אַמעריקע — 450.000; ענגלאַנד מיט די קאָלאָניעס — 85.000; פראַנקרייך — 80.000; פּוילן אין אירע אַלע אַרמייען — 150.000; ארץ-ישראל (די בריגאַדע) — 25.000; די איבעריקע אַרמייען און פּאַרטיזאַנער — 100.000; סך-הכל — 1.490.000 יידישע סאָלדאַטן. קיינער פון די זיגער האָט דעם דאָזיקן חשבון נישט דערמאָנט.

קיינער פון די אומות העולם, פון מלוכות און קולטורן, פון געטער און קלויס־טערס, וואָס האָבן געהאַט השפּעה אויף זייערע ווילד-געוואָרענע שעפעלעך, פון אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, פון צער-בעלי-חיימניקעס איבער הינט און אַלטע פערד, קיינער פון זיי קאָן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס היטלער מאַכט פון די יידן אין די אָקופּאַציע-געביטן, ווייל דער מטורף און אַלע זיינע באַהעלפער האָבן קיין סוד נישט געמאַכט פון דעם, אַז די יידן-אויסראָטונג איז זייער ציל. ווען צב״ש אין אַ ריי שטעטלעך פון סאַרנער פּאָוויאַט, זענען די יידן פאַרנאַרט געוואָרן אין מכלומרשטע אַרבעטס-וואַרשטאַטן און זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן נאָכדעם ווי מען האָט זיי לעבעדיקע אויסגעלייגט אין זעקס רייען אין פאָרויס צוגעגרייטע גריבער, — איז אין דער זעלבער וואָך געווען וועגן דעם אַ גענויער באַריכט אין דער מאָסקווער פּרעסע, וואָס איז געלייענט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. די נאַצים גופא האָבן דאָך בקולות וברקים

געשריגן און פראָקלאַמירט וואָס זיי טוען מיט די יידן, די קולות און פּראָקלאַ־מאַציעס זענען דאָך דערגאַנגען צו אַלעמען, אָבער אַלע האָבן פאַרמאַכט אויגן און אויערן.

אַ קליין רעשטל פון דריי אויסגעקוילעטע גובערניעס איז נאָך דער דייטשי־שער מפלה אַריין אין דעם געוועזענעם יידישן שטעטעלע ראַפּאַלאָווקע — דאָרט אָנגעטראָפן אַ געמישטע קאָמיסיע פון סאָוויעטישע און מערב־אייראָפּעישע פאַרשטייער, און ראַפּאַלאָווקער גלחים, און אַ דאָקטאָר, וואָס האָבן זיך מטפל געווען מיט אויפגראָבן די אָרטיקע יידישע קדושים־קברים. די קאָמיסיע האָט אָבער פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, אַז אין די גריבער ליגן דערשאָסענע און דערשטיקטע דורך די דייטשן 2250 סאָוויעטישע בירגער. אונדז די יידישע מטפלים האָט מען געהייסן אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל, האָבן מיר אָבער געענטפערט: שרייבט אַריין „צעשאָסענע סאָוויעטישע יידן" וועלן מיר חתמענען. האָט מען אונדז געענטפערט: איר ווילט נישט, דאַרף מען נישט...

איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער אַלגעמיינער דאָקומענטאַציע וועגן היטלערס בעסטיאַלישע פאַרברעכנס איבער יידן, סיי אין מזרח, סיי אין מערב, ווערט אויסגעמיטן אָדער איבערגעהיפּערט, אָדער מגלה טפח ומכסה טפחיים, אָדער צעריבן אונטער די ציינער — דער יידישער מוראדיקער אומגליק.

אפילו אינעם פּראָטאָקאָל וועגן דער אויסראָטונג אין טויטן־לאַגער מיידאַ־נעק, ווערט געזאָגט, אַז ס'זענען דאָרט אומגעקומען אַ מיליאָן מיט פינף הונדערט טויזנט מענטשן דורך שיסן און הענגען און דורך כל מיני סאַדיסטישע טויט־אורטיילן, אָנגעווענדעטע קעגן סאָוויעטישע און פּוילישע קריגס־געפאַנגענע און קעגן בירגער פון פראַנקרייך, פּוילן, איטאַליע, בעלגיע, האָלאַנד, און קעגן סערבן, גריכן און יידן. נאָך גענויערע אויספאָרשונגען איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז פון די סאָוויעטישע און פּוילישע קריגס־געפאַנגענע, ווי אויך, אַז צווישן אַלע אויסגערעכנטע בירגער און פאַרשטייער פון די מדינות און פעלקער זענען כמעט אַלע געווען יידן.

אין באַריכט פון יאָר 1945 וועגן אוישוויץ לייענען מיר, אַז אָט די טויט־פאַבריק איז ספּעציעל געבויט געוואָרן צו פאַרטיליקן סאָוויעטישע בירגער און קריגס־געפאַנגענע און אַז דאָרט זענען אומגעקומען פיר מיליאָן מענטשן, בירגער פון די לענדער: רוסלאַנד, פּוילן, פראַנקרייך, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָ־וואַקיע און בעלגיע. אין דער רשימה פון פיר מיליאָן פאַרשניטענע לעבנס איז אפילו נישט דערמאָנט דער נאָמען ייד, כאָטש ס'איז געווען באַוווּסט אַז אַרום 90 פּראָצענט פון די אומגעקומענע אין אוישוויץ זענען געווען יידן פון די דערמאָנטע לענדער.

אויף דעם זעלבן אופן האָבן די זיגער אויסבאַהאַלטן אונדזער יידישן חורבן אויך אין די באַריכטן וועגן די טויט־לאַגערן פון דאַכאַו, בערגען־בעלזען, בוכענ־

וואַלד א״אַ. בלויז אין די נישט־אָפיציעלע באַריכטן, אין די זייטיקע, די צווייט־ראַנגיקע, דאָרט איז יאָ אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער יידישער גרויסער חורבן.

אַפילו אויף דעם נירנבערגער פּראָצעס, ווו ס׳זענען געמשפּט געוואָרן די גרויסע נאַצישע מטורפים, די משוגענע מנהיגים פון דריטן חרוב־געוואָרענעם רייך, און זיי זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן אָפּצוגעבן חשבון פאַר זייערע ווילדע אַכזריותדיקע מעשים, — אַפילו אויף דעם דאָזיקן פּראָצעס איז במשך פון אַנדערהאַלבן יאָר נישט צוגעלאָזט געוואָרן קיין יידישער באַשולדיקער און מען האָט אויך כמעט אויסגעמיטן צו דערמאָנען אָפן און דייטלעך, וואָס מיט אונדז יידן איז געמאַכט געוואָרן. מען האָט דאָרט, אין די ראַמען פון פרעמדע צרות, איינגעשלונגען אונדזערע יידישע טויטן און בלויז איין און איינציק מאָל האָט דער אַמעריקאַנער הויפּט־פּראָקוראָר דזשאָנסאָן גערעדט וועגן יידישן אומגליק. דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1945 און ס׳איז טאַקע פאַרשריבן געוואָרן די דאַטע בעתן פּראָצעס אַלס „דער יידישער טאָג״. איינער פון די באַשולדיקטע האָט דאַן געזאָגט אַז דער טאָג איז נאָך איין פּורים פון די יידן.

דעריבער דאַרפן מיר, די געציילטע לעבעדיקע עדות פונעם גרויסן חורבן, דערציילן און פאַרשרייבן אַלע גרוילקייטן פון אונדזער יידישן חורבן. זאָלן די יידישע קומענדיקע דורות לייענען אויך אין דעם דאָזיקן בוך דעם דורך אונדז באַשריבענעם גרויליקן און יסורימדיקן פּורעניות־וועג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און זאָלן זיי וויסן קלאָר און דייטלעך ווער ס׳זענען געווען די מערדער וואָס האָבן אונדז אַזוי געפּייניקט און געמאָרדעט. זאָלן זיי אויך וויסן ווי אַזוי אַ טייל פון אונדז האָט זיך געשלאָגן מיטן שונא, פאַרטיידיקט העלדיש און מוטיק אונדזער יידישן כבוד און אומגעקומען, ווייל גרויסע ווילדע האָרדעס האָבן זיך געוואָרפן אויף אונדז, זיי האָבן געדורשט אונדזער יידיש בלוט און נאָך אונדזערע טויטן האָבן זיי געמאָרדעט זיך אַליין.

*

אין מדינת ישראל, בעת דעם ערשטן צוזאַמענטרעף פון דעם קליינעם וואַלד־רעשטל מיט אונדזערע ברידער די דאָמבראָוויצער ותיקים, מיר צוזאַמען, די קליינע שארית־הפליטה וועמענס עלטערן, ברידער, שוועסטער און פריינד זענען אַלע פאַרשניטן געוואָרן אין דאָמבראָוויץ — האָבן געמיינזאַם אויסגעדריקט דעם ווילן צו פאַראייביקן דורך דעם געדרוקטן וואָרט דאָס אַלץ וואָס יעדער פון אונדז ווייסט און געדענקט וועגן דער תקופה פון אומקום און וועגן שטעטלדיקן לעבן ביז דעם חורבן. דער ערשטער טייל פון אונדזער יזכור־בוך נעמט אַרום די תקופה פון ווייטן און נאָענטן עבר, ווי אויך געשטאַלטן און לעבן־שטייגער ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אַזוי אַרום ווערט דאָרט

געשילדערט און פאַרשריבן דאָס לעבן. דער צווייטער טייל פון אונדזער בוך נעמט אַרום זכרונות פון פיין און פון אומקום ווי אויך פאַקטן און שילדערונגען פון נקמה און גבורה — דאָס איז אונדזער דאָמבראָוויצער פינקס פון טויט און אומקום און נקמה, פון גבורה און תקומה ביז דער ווידעראויפלעבונג אין מדינת ישראל.

דאָס אַלץ וואָס איז אין דעם יזכור־בוך פאַרשריבן דאַרף דינען אַלס מצבה פאַר די פאַרשניטענע לעבנס און „למען תזכור את אשר עשה לך עמלק!"

*

און זאָל דאָ פאַרשריבן ווערן לטובה ולברכה די גאַנצע עדה פון דער דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה אין ישראל און אין די תפוצות, וואָס האָט מיטגעאַרבעט ביים אַרויסגעבן אונדזער יזכור־בוך. אַ האַרציקן יישר־כוח קומט דער קליינער גרופּע עסקנים, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן דער דאָזיקער אַרבעט בלב ונפש, דורך זאַמלען מאַטעריאַל און שרייבן זכרונות, דורך באַאַרבעטן און קאָרעגירן צוגעשיקטע מאַטעריאַלן און באַשרייבונגען, און האָבן אָעוועקגעגעבן פיל צייט און אָנשטרענגונג (דאָס זענען לויטן א"ב): אייזנבערג בועז און יפה, בייגל (חופשי) יוסף חיים, בינדער (בן־דור) אברהם און מירה, גענזל פּנחס, האָלצמאַן בצלאל, ווײַנער (אבנר) יצחק, זאָלצמאַן שמואל, היגער חיים, סאַלאַמאַן (הויכרייך) יצחק, פייגעלשטיין יצחק, פליישון מאיר, פרענקעל אברהם און צאַצקעס יהודה. ובמיוחד יבורך זאָלצמאַן שמואל פאַר באַאַרבעטן און קאָרעגירן אַ גרויסן טייל פון דעם מאַטעריאַל.

ועל כולם הברכה לעולם ועד אמן.

יצחק פייגעלשטיין

אין נאָמען פון די געוועזענע פּאַרטיזאַנער

...ויאמר יהוה אל־משה כתוב זאת זכרון בספר ושים באזני יהושע כי־מחה אמחה את־זכר עמלק מתחת השמים; ...ויאמר כי־יד על־כס יה מלחמה ליהוה בעמלק מדור דור.

(שמות י"ז, יד—יח)

יעקב ויינר

ויבוא הפליט...

לזכר ר' שמחה כשר ומשפחתו, הי"ד

נאטם לבנו... יבש מקור הדמעה... גדול האסון מכדי שיוכל לב האדם להכילו... גדול השבר מלבכותו...

ניתנה האמת להיאמר: לא האמנו, מפני שנוחה היתה ההשליה. אמנם, לא הכל ידענו ולתהום האימים לא ירדנו, עד שהתחילו להגיע ארצה השרידים המעטים של דומברוביצה. ויבוא הפליט... אז הבינונו פתאום מה עוללו להם ולנו. אכן, דברי הפליטים מקפלים בתוכם את כל המציאות במערומיה, מציאות חורבננו ואבדננו.

כואב הלב ושותת הדם למראה הפליטים. אך, מי שנשאר בחיים ועבר את חשכת הלילה, זכה לראות את יום־הגאולה. הוא רואה את אור השמש העולה, כי אחרי כל שקיעה בא התור של הזריחה. לא כן הוא עם יקירנו שניספו — „לא המתים יהללו יה", אותם לא נראה עוד...

לא ברוב דברים, כי אם בכאב כבוש, יספר אב לבנו ואם לבתה, שהיה־היתה עיירה דומברוביצה ואיננה עוד. יהודיה הישרים, נקיי־הכפיים, נגזלו מן החיים באכזריות ובזדון, על לא עוול בכפם, רק משום היותם בני העם העברי. אנשי דומברוביצה נטבחו, נשרפו ונסקלו בידי טמאי־אדם, הושפלו ודוכאו עד עפר.

דורות גיבשו בדומברוביצה צורות־חיים מיוחדות במינן, מושתתות על המסורת ועל מצוות־הדת. סביב היתה דלות ושנאה חשוכה, אך בפנים — אור של אמונה. גופם — בגלות הרעה, אך רוחם — לימות־המשיח ולפדות. הגעגועים לגאולה לבשו אצלם צורה ממשית. בתוך חיי־החומר הדלים, שהיו בדומברוביצה, נשתמרה הגחלת היהודית ונתלקחה ברוב הימים ללהבה של הגשמה ציונית. עדים לכך הם עשרות בניה־בוניה במולדת המחודשת.

אני ובעלי נשארנו במחבוא בתוך הבית. ראינו דרך הסדקים שבקירות, כיצד „השכנים הטובים״ מוציאים מהבית מה שניתן להוציא. בלילה החלטנו לברוח ליער. לא רחוק מהכפר יסיניץ הקימונו סוכה מענפים ושכבנו בתוכה. בלילות, כשהלכנו לחפש בשדות מזון, נפגשנו עם עוד יהודים וחיינו בצוותא, כשלושים איש, עד החורף 1943.

באותו זמן נפגשנו עם פרטיזנים יהודיים, ביניהם: אברהם ניימן, פנחס ניימן, יהודה צ׳אצ׳קס, פנחס גנזל, טילצ׳ין, האחים זלמן, לייב ויצחק שפין, משה קובזלו ואחרים. הבחורים עבדו יפה. הם שרפו טחנת־קמח, גשר, בתים ותבואות והצליחו גם להינקם באחדים מהאוקראינים, ששיתפו פעולה עם הגרמנים. הבחורים שלנו תפשו את האוקראינים והשמידום. שומרי־היער האוקראינים קיבלו אזהרות חמורות מהבחורים שלנו, שלא ימסרו לשלטונות על תנועות היהודים ביערות. היו גם קרבנות מצד הפרטי־זנים בפעולות אלו.

הגרמנים גייסו נגדנו כוחות גדולים והוכרחנו לעבור ממקום למקום. היה לנו בית־חולים על עגלות. אני ובעלי חלינו והיינו בטיפולו של ד״ר ארליך מדומברוביצה ורופא סובייטי שנשלח ממוסקבה. בעלי מת ממחלת הטיפוס.

היה לנו קשר עם ה„סובוטניקים״ שהתגוררו בסביבה והם המציאו לנו מזונות. בחג הפסח 1944 ניפגשנו עם פרטיזנים־יהודים מרוסיה. היה זה בסביבת רפלובקה. דומברוביצה היתה כבר משוחררת מהנאצים. מרפלובקה נסענו ברכבת לדומברוביצה, שם פגשתי ניצולים אחרים מבני־עיירתי. תקופה קצרה התהלכנו בעיירה ולא יכולנו לשאת בצער ובכאב הגדול כשעינינו רואות את החורבן. החלטנו לעזוב את האדמה הארורה ולהגיע לפולניה, ומכאן — לארץ־ישראל.

יצחק פײַגעלשטײַן

איך האָב דאָס אַלײן איבערגעלעבט

צום אײביקן אָנדענק פון מײַנע טײַערסטע און ליבסטע:

מײַן פֿאָטער, ר׳ אַבֿרהם־חיים ב״ר מרדכי פײַגעלשטײַן; מײַן מוטער, מרים בת ר׳ בצלאל; מײַן פֿרױ, בײַלקע, בת יחיאל־מיכל קראַצמאַן; מײַן ברודער, אַהרן און זײַן פֿרױ, פּערל, און קינדערלעך; מײַן שװעסטער, חינקע, איר מאַן זעליג בן שלמה הכהן און זײערע קינדערלעך; מײַן שװעסטער חוהלע, איר מאַן ישׂראל און טעכטערל מירעלע; מײַנע ברידער אליהו (עליע) און ישעיהו, געפֿאַלענע אין קאַמף קעגן די נאַציס; מײַן שװיגער דינה בת יעקבֿ; מײַן שװאָגער מאָנעס ב״ר מיכל און שװעגערין סעמע מיט זײערע קינדערלעך; מײַן פּלימיעניק נאַטע און אַלע איבעריקע פֿרײַנט מײַנע, חבֿ־ים און חבֿרות, באַקאַנטע און אָנגעהעריקע פֿון דאָמבראָװיץ און אומגעגנט, װעלכע זענען דערמאָרדעט געװאָרן דורך דײַטשן און אוקראַינער אין דער גרױליקער תּקופֿה פֿון דער צװײטער װעלט־מלחמה.

ת. נ. צ. ב. ה.

א. פֿאָרװאָרט

אין אָנבליק פֿון מיליאָנען אױסגעקױלעטע ייִדן און טױזנטער חרובֿ־געװאָרענע קהילות, נאָגט טיף אין מײַן האַרצן דער אָנדענק פֿון מײַן אומגעקומען שטעטעלע דאָמבראָװיץ, די צעממיתטע, אױסגעשאָכטענע און אכזריותדיק פֿאַרפּײַניקטע תּושבֿים־ייִדן, פֿרױען און קינדערלעך.

דאָמבראָװיץ האָט פֿאַרמאָגט אַן אָריגינעלן חן, אירע ספּעציפֿישע פֿרײדן און לײדן, ישועות און צרות, אױפֿשטײַג און ירידות, נחמות און אױפֿטרײסלונגען. מיר דוכט זיך, אַז אױך אַלע אַנדערע אָנטפּלעקונגען אינעם עקאָנאָמישן, געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן פֿון אונדזער שטעטעלע, — װי מסחר און האַנטװערקערײַ, פֿאַראײנען און אָרגאַניזאַציעס, מתנגדות און חסידות — אױך אױף דעם איז געװען אױסגעגאָסן אַ באַזונדערער חן, אַן אײגנאַרטיקע האַרציקײט און פּשטות. דאָמבראָװיצער װאַלד־סוחרים און פֿערד־הענדלער, קרעמער און קאַראַבעלניקעס, פֿיש־פֿאַרקױפֿער און היגער־טרעגער — זענען מיט זײערע דאגות און הצלחות געװען אַנדערע װי אין די אַרומיקע שטעטלעך. דאָמבראָװיצער טישלער, שינדל־שלעגער און ברעטער־זעגערס האָבן אַמאָל געשמט אין דער גאַנצער סבֿיבֿה. װען די מעכאַניזירטע טאַרטאַקן האָבן גענומען אַרױסשטױסן אונדזערע ברעטער־זעגערס פֿון זײער אַרבעט, זענען זײ אַװעקגעפֿאָרן צו ר׳ שמילעקלען זיך פֿאַר אים באַקלאָגן. האָט זײ ר׳ שמילעקל געזאָגט: „ייִדן, קלאָגט נישט, איר זעט נישט, אַז עס אַנטשטײט אַ נײַער פּרנסה־צװײַג פֿאַר ייִדישע סוחרים און אַרבעטער: דער רבונו של עולם איז הזן ומפרנס לכל בריותיו; גענוג אײַך צו קריכן אױף די סטעלװאַגעס״... זענען זײ צוריקגעפֿאָרן אַהײם, האָבן פֿאַר־קױפֿט זײערע זעגן און — אױס ברעטער־זעגערס. דאָמבראָװיצער חסידים זענען געװען אַן פֿאַרריסנקײט און דאָמבראָװיצער מתנגדים — אַן פֿאַרביסנקײט; אונדזערע גבֿירים — פֿרײ

פון סנאָביזם, אונדזערע בעלי־עגלות — פריי פון גראָביונגערישקייט. אַפילו, להבדיל, אונדזערע שלעגערס, מוסרים, גנבים — האָבן פאַרמאָגט אַ באַזונדערן קלסתר־פּנים און אין אַן עת צרה האָבן זיי זיך געקאָנט מוסר נפש זיין פאַר יידן. דאָמבראָוויצער חסידים זענען געווען אַנדערש ווי קאָסטאָפּאָלער חסידים, דאָמבראָוויצער מתנגדים — אַנדערש ווי די לוניניעצער. דאָמבראָוויצער ציוניסטן — אַנדערש ווי די בערעזשניצער; דאָמבראָוויצער בונדיסטן — אַנדערש ווי די סטאָלינער; דאָמבראָוויצער פעלדשערס און אַפּטייקערס — אַנדערש ווי די סאַרנער. דאָמבראָוויצער יידישע דאָקטוירים זענען געווען וואַרעמע, גוטע יידן. דאָמבראָוויצער קאַראַבעלניקעס — אַנדערש ווי וויסאָצקער; דאָמבראָוויצער פּאָזשאַר־ניקעס — אַנדערש ווי די וולאַדימערצער.

„איר וועט אויספאָרן אַ גאַנצע אימפּעריע און וועט נישט געפונען אַזוינע רבנים ווי אונדזערע" — פלעגן זאָגן דאָמבראָוויצער יידן: — „אונדזער ר' נחומטשע — זיין ערלעכ־קייט, זיין גוטסקייט, זיין דאַוועגען"; אונדזער ר' יאַנקל דער רב — זיין תורה־לערנען, זיין חכמה, זיינע איינפאַלן". „און ווו זענען: הרב ר' יעקב נתן, ר' איטשע דיין און ר' סנדר נתן דער דיין?" און דער דאָמבראָוויצער ייד איז ממשיך זיין התפּעלות: — „און דאָמבראָוויצער חזנים? עפּעס אַ קלייניקייט? שאַליטע! געשפּילט פּיאַנע, געשריבן נאָטן, געשאַפן אייגענע קאָמפּאָזיציעס!... און מנחם דער שטיבל־חזן? זיין פרומקייט, זיין דאַוועגען... און די דאָמ־בראָוויצער קאַפּעליע קלעזמערס, מיט זייער אַמביציע פאַר יידישער נגינה און אַלוועלט־לעכער מוזיק? יאָ, דאָס אַלץ איז געווען, דאָס אַלץ איז שוין מער נישטאָ. פאַרשניטן און אָפּגעמעקט איז עס פון דער ערד! ווו נעמט מען די געבענטשטע האַנט, וואָס זאָל דאָס אַלץ פאַראייביקן? ווו נעמט מען כוח צו פאַרצייכענען כאָטש אַ טייל פון דעם, וואָס ס'איז געשען אין יענע גרויזאַמע טעג, ווען די הייליקע דאָמבראָוויצער יידישע עדה איז געגאַנגען איר לעצטן מאַרטירער־וועג, אָט אַזוי ווי איך האָב דאָס אַליין איבערגעלעבט?

ב. פאַרוואָס?... פאַר ווען?...

אין אַ טונקעלער זונטיקדיקער נאַכט פון חודש יולי 1941, האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע און פאַרענדיקט האָט זי זיך אין אַ נאָך מער טונקעלער דינסטיקדיקער נאַכט פון חודש אויגוסט 1942. אגב, די לבנה האָט אין יענער גרויליקער נאַכט העל געלויכטן, אָבער איר ליכט איז נישט דערגאַנגען צו אונדז, דאָמבראָוויצער געטאָ־יידן. להיפך, די ליכטיקע לבנה האָט געבראַכט אומגליק. די מערדער האָבן געקאָנט אַ גאַנצע נאַכט האַלטן אונדז „אויפן אויג" און געשטערט דאָס אַנטלויפן. די מאַסן־הריגה האָט זיך אָנגעהויבן דעם 26־טן אויגוסט 1942 און דריי טעג האָט זיך געצויגן די גרויליקע שחיטה ביי די סאַרנער גריבער. נאָך דעם איז געקומען דער גרויזאַמער המשך: 19 חדשים פּיין און מאָרד פון געבליבענע יחידים וואַנדערנדיקע איבער וועלדער און פעלדער, און שרעקלעכע מיתות משונות, וואָס נאָר די קראַנקע סאַדיסטישע פאַנטאַזיע פון דער נאַציסטישער חיה האָט געקאָנט צוטראַכטן.

טיף איינגעגעסן אין האַרצן זענען יענע גרויזאַמע טעג און עס איז גאָר קיין וווּנדער נישט

וואָס אין יעדער פרייער מינוט גיבן זיך אַ שפּרייט אויס פאַר מיינע אויגן יענע טראַגישע בילדער!

אָט זע איך יודל פישמאַנס האַלב־פאַרברענטע קינדערלעך און נאָך הונדערטער צעטראָטענע דאָמבראָוויצער קינדערלעך.

אָט זע איך ריטשקעס פאַרגליווערט בלוט, אויסגעשטאָכענע אויגן, אויסגעקרימטע ברוסט־קאַסטנס, אָפּגעשיילטע, צעשמעטערטע טשערעפּעס.

אָט זע איך בערעלען, דער האַלב־משוגענער, מיט זיין מאַמען, ווי זיי ליגן אונטער קריוויץ, נאָך נישט אין גאַנצן דערשאָסענע. די קוילן האָבן זיי דורכגעלעכערט פון די פּיאַטעס ביז די לענדן. ס'איז אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט, זיי ליגן אַרומגעפרוירן אין אייגענעם אויסגערונענעם בלוט. זיי יאָמערן און בעטן רחמים. דערשיסט אונדז.

אָט זע איך בראַנדיסעס קאָפּ, אַן אָפּגעהאַקטן מיט אַ טעמפּער האַק. „כיבאַ נאַ עטו פּאַדלו, אַסטרו סעקירו פּארטיטי״ — האָבן געזאָגט זיינע מערדער.

אָט זע איך די גריבער מיט איינגעפּרעסטע צעפּוילטע קערפּערס. איך האָב געזען די גריבער שוין נאָך דער מלחמה, ווען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וואָס איז אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע, האָט זיי אויפגעגראָבן. און כ'האָב באַמערקט דערביי ווי איינער פון די קאָמיסיע־מיטגלידער האָט געשלעפּט פון די מיילער פון די הרוגים די גאָלדענע ציין פון די נאָך נישט אויסגעשיילטע שאַרבנס און געלייגט זיי אין קעשענע.

אָט זע איך דעם טויטן קערפּער פון מאַנעס, דער קריוויצער, וועמען אַ שכן, אַן אוקראַינער, האָט מיט אַ דובעשקע צעשפּאָלטן דעם טשערעפּ. ווען מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם טויטן קערפּער אין גרוב, האָב איך באַשיינפּערלעך געפילט, אַז זיינע פאַרגליווערטע ליפּן האָבן זיך פּלוצים אַ באַוועג געטאָן און האָבן שטיל געשעפּטשעט אין חלל פון דער לעבעדיקער וועלט: „פאַרוואָס ?... פאַר ווען ?״...

ג. דער קבלת־פּנים פאַרן דייטש

כ'געדענק זייער גוט יענע זונטיקדיקע נאַכט פון חודש יולי 1941, ווען די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגעהויבן: דער אויפרייס פון בית המדרש, דער שדים־טאַנץ פון קרופּער, בערעסטיער און דאָמבראָוויצער משוגע־געוואָרענע גוים. דער מיוחס, גאַווריל־טשיקס שוואָגער, דער אוקראַינער, די קריווע־מאָרדע — וועמענס קראָם עס האָט זיך געפונען אַנטקעגן מיין שוועסטערס הויז — איז פּלוצים דערשינען אויפן בריקל און האָט אַריינגעשריגן: „זשידובסקימי האַלאָוואַמי — נימצאַ ווסטריטשאַטי!״ („מיט אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ — מקבל פּנים זיין דעם דייטש!״). יענע נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן די רויבערייען. אַ טומלדיק געשריי, ווי פון ווילד־משוגענע וועלף, האָט זיך געטראָגן איבערן שטעטל פון עק ביז עק. די יידן האָבן זיך פאַרמאַכט אין די הייזער און האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויפן פרימאָרגן מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט דער פרימאָרגן ברענגען די הילף, אַז אפשר וועלן זיך נאָך אומקערן די סאָוויעטן. דער פרימאָרגן איז געקומען און האָט נישט געבראַכט קיין ישועה. ס'איז מאַנטיק, און די גויים גרייטן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים מיט

ברויט און זאַלץ. די גלחים נעמען אַרויס די הייליקע בילדער. און בכדי צו מאַכן דעם דייטש אַ נחת־רוח לכבוד זיין זיגרייכן אַריינמאַרש אין שטעטל, אָרגאַניזירן זיי אַ געיעג אויף יידן און די געכאַפּטע אין גאַס און אַרויסגעשלעפּטע פון די הייזער, ווערן געטריבן צום מאַרק און מען באַפעלט, אַז איינער זאָל האַלטן דעם צווייטן, איינבייסנדיק זיך מיט די ציינער אין צווייטנס אַקסל. איבער די גאַסן און אין מאַרק הילכט אָפּ אַ טריוּמפאַניש געלעכטער.

און אָט זיצן שוין אויף דער ערד פינף הונדערט יידן אַרומגעשטעלט מיט קוילנוואַרפערס פון דער אָנגעקומענער דייטשישער מערדער־איינהייט. טויזנטער גויים און גויטעס, אָנגעטאָן יום־טובדיק, שטייען מיט פריידיקע און גיריקע פּנימער און וואַרטן אויף דער טויט־עקזע־קוציע פון די היימישע יידן. נעכטיקע אַרבעטס־געבער און בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן די דאָזיקע גויים באַדינט, זיי באַנייט און באַשוכט, געשמידט זייער אַקעראייזן, געשטאָלט זייער האַק, געשאַרפט זייער מעסער און זעג, געקעמט זייער וואָל, געמאָלן זייער קאָרן, געהיילט זייערע קינדער — די דאָזיקע גויים ווילן איצט זען דעם יידנס טויט.

די דייטשישע האָרדעס, די שליחים פון אַשמדאי, האָבן געפונען אין די דאָמבראָוויצער גויים גוטע און געטרייע מיטהעלפער. און עס איז שווער צו שילדערן די יסורים פון די פינף הונדערט יידן — טאַטעס פון קינדער, מענער פון פרויען, בעלי־משפחות, בעת זייער זיצן אַזוי אויף דער ערד, וואַרטנדיק אויפן באַלדיקן טויט. ס'זענען דאָרט געווען די שענסטע, די חשובסטע, די געזונטסטע, אַרבעטנדיקע יידישע כוחות, די גאַנצע שטעטלדיקע יידישע אינטעליגענץ: די דאָקטוירים, לערערס, אַפּטייקערס, רבנים. אַ יאָמערלעך געוויין האָט זיך געטראָגן פון די פרויען און קינדער נאָך זייערע מענער און טאַטעס, פאַר וועמענס לעבן זיי האָבן געציטערט. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל יידן. אָבער דער גורל האָט נישט געוואָלט, אַז פינף הונדערט יידן זאָלן האָבן אַ גיכן, באַלדיקן טויט. די פּלענער פון אשמדאיס שליחים זענען געווען גאָר אַנדערע. זיי האָבן פּלאַנירט צו דערפירן דעם יידישן מענטש צו אַזאַ מצב, אַז דאָס לעבן זאָל אים אַליין נמאס ווערן. דעם יידן דאַרף מען אַזוי אויספּייניקן, אַז די דייטשישע קויל זאָל זיין אַ גנאַדע־קויל פאַר אים, אַן אויסלייזערין פון גרויליקע יסורים. זיי האָבן פּלאַנירט אַזוי צו דערגיין די יאָרן, אַז דער ייד זאָל זיך אַליין אָנכאַפּן אין דער קויל. און נאָך אַ מאָטיוו האָט אָפּגעהאַלטן די דייטשן פון אויסהרגענען די 500 יידן: ווען מען וואָלט יענע ערשטע פינף הונדערט יידן געווען דאָן דערשאָסן, וואָלטן די איבעריקע נאָכדעם זיך אפשר צעלאָפן, ווייל היטלערס באַנדיטן זענען נישט געגאַנגען מיט אַ פונאַנדערגעשפּרייטן פראָנט. די מערדער האָבן זיך געקלינעוועט אין דער טיף, זיי האָבן זיך באַרימט: „אונדזער מאַרש איז ענלעך צום גרויסן מאַרש פון אַלכסנדר מוקדון אויף פּערסיע, וועלכער האָט אין זעקס חדשים צעקלאַפּט די פּערסישע אַרמיי". אַזוי אַרום זענען דאָן צווישן די קליינעס אַנטשטאַנען בלויזן, דורך וועלכע מען האָט זיך געקאָנט דורכ־רייסן און אַנטלויפן, און דאָס איז געווען איינער פון די גורמים צוליב וועלכע מען האָט די 500 יידן נישט אויסגעשאָסן. מען האָט אויסגעטיילט פון זיי צוואַנציק ערובניקעס, כדי מכלומרשט צו זיין זיכער, אַז די יידן וועלן נישט שיסן אויפן דייטשישן מיליטער. די איבע־ריקע האָט מען, מיט אויסגעשרייען „הייל היטלער!", צעיאָגט איבער די הייזער און ביז מען האָט זוכה געווען צו זען די זאַלאָשניקעס אין דער היים, האָבן מיר איבערגעלעבט אַ סך פּחדים.

ד. די נאַצישע „נייע אָרדענונג"

מיט יעדן אָפּגעלאָפענעם טאָג, האָט זיך דאָס אומגליק אויסגעשפּרייט טיפער און פּײנלעכער. די געשעענישן וויקלען זיך פונאַנדער אַזוי גיך און אַזוי שרעקלעך, אַז דער גרעסערער פּחד פאַרטרייבט דעם קלענערן. די דייטשן פּראָקלאַמירן פאַר די אוקראַינער מכלומרשטע „זעלבסטפאַרוואַלטונג". זיי שטעלן אויף אַן אוקראַינישע פּאָליציי און אַן אַר־טיקן ראָט אונטערן אויפזיכט פון די דייטשישע געביטס־קאָמיסאַרן און ראַיאָן־קאָמענדאַנטן.

די אָנגעשטעלטע פון די אוקראַינישע אינסטיטוציעס, מיט זייער גאַנצער אומ־געצאַמטער און ווילדער גויישער אכזריותדיקייט, לאָזן זיך וווילגיין איבער די שוצלאָזע יידן. פון ערשטן טאָג אָן, האָט דער דייטש אונדז געשטעלט אויסערן געזעץ און מיר זענען געוואָרן הפקר. און די גוים רעדן צווישן זיך: „וואָס מען וועט אָפּטאָן מיט די יידן וועט זיין פאַרפאַלן". אויף אונדזערע אומגליקלעכע קעפּ הויבן זיך אָן שיטן קלעפּ, זלזולים, בלבולים און אָן אַ שיעור בזיונות. מען האָט געהייסן צובינדן צום אָרבל אַ שמאַטע מיט אַ מגן־דוד, און מיר האָבן זיך אַפילו געפּרוווט וויצלען, אַז דער דייטש איז פאַר אונדז די בעסטע מאַכט, ווייל ער אַנערקענט אונדזער יידישקייט דע־יורע און צייכנט אונדז אָפּ דע־פאַקטאָ. אָבער די לאַטע מיטן מגן־דוד איז געווען כלפּי־חוץ אַ סימן מובהק, אַז עס גייט אַ נידעריק באַשעפעניש און מען מעג טאָן מיט דעם וואָס נאָר דאָס גוישע האַרץ גלוסט. אַ וואָך שפּעטער האָט מען אַראָפּגעריסן דעם מגן־דוד און יעדן איינעם צוגעטשעפּעט צוויי געלע שמאַטעס — ביים האַרצן און אויף דער פּלייצע. די גויים האָבן גערופן די שמאַטעס „יידן אוניפאָרם". זיי האָבן דאָס אַרויס־געזאָגט מיט אַ סאַדיסטיש שמייכעלע. אין די־אַ טעג רויבן די גויים די שוצלאָזע זשידעס און אויף דער יידישער גאַס גייען אום הפקר־באַנדעס און טוען אָפּ שרעק־לעכע טאַטן.

עס הייבן זיך אָן באַוויזן דייטשע דעקרעטן. דער ערשטער דעקרעט האָט געלויטעט, אַז אַ ייד טאָר נישט האָבן: קיין פערד, קיין בהמה, קיין הון. די יידן ביי וועמען מען וועט געפינען בעלי־חיים וועלן אַרויסגעפירט ווערן צום טויט. אין משך פון צוויי שעה נאָכן פּראָקלאַמירן דעם דאָזיקן דעקרעט, זענען אַלע אויבנדערמאָנטע בעלי־חיים איבער־געגעבן געוואָרן דער אָרטיקער מאַכט. קיינער האָט נישט געוואַגט צו קוילענען פאַר זיך אַפילו אַ הון און אַלץ אָפּגעגעבן. מיט וואָס פאַראַ צער די בעלי־עגלות האָבן פאַרפירט קיין וואָראָבין זייערע פערד און וועגענער! גרויס איז געווען דער צער פון יעדער יידישער פרוי בעת זי האָט זיך געזעגנט מיט איר בהמה — די מילך־געבערין פאַר אירע קינדערלעך, ווייסנדיק, אַז קיין מילך וועט מען שוין מער נישט זען. וואָרעם אַזוי איז טאַקע געווען — מילך האָט מען שוין מער נישט געזען און נישט טועם געווען.

די אוקראַינישע פּאָליציי פלעגט יעדן פאַרטאָג אַרויסיאָגן אויף אַרבעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג: מאַן און פרוי, אַלט און יונג און אויך קינדערלעך. טרייבנדיק צו דער אַרבעט, פלעגן די פּאָליציי־לייט הייסן שרייען אויפן קול, אַזוי, אַז עס זאָל רייסן אין האַלדז: „טשערעז נאַס וואָינאַ" — „צוליב אונדז איז דער קריג". יעדעס וואָרט פלעגט

מען דאַרפֿן שטאַרק אויסציען און אַקצענטירן. די פּאָליציאַנטן זענען אַרומגעלאָפֿן מיט די שטעקנס און געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, געקראָכן אין די הייזער און געשלאָגן, געכאַפּט אין גאַס און געשלאָגן. איין מאָל האָבן זיך עטלעכע יונגע שקצים געוואָרפֿן אויפֿן גרייז־גראָען רב, ר׳ נחומציען זצ״ל, און מיט זייערע מערדערלעכע טמאדיקע הענט אויסגעריסן זיין שיינע באָרד און דערצו אים נאָך מערדערלעך געשלאָגן, וועלנדיק אים פאַרפייניקן ביז צום טויט. נאָר דער טוב שבנחשים, גאַווארילטשיק, האָט דעם פאַרבלוטיקטן און האַלב־טויטן רב, אַרויסגעריסן פון זייערע הענט. און אַזוי האָבן די גוים ממשיך געווען זייער אַרבעט. זיי פלעגן זיך אַריינרייסן אין מיטן העלן טאָג אין ידישע הייזער און ראַבירן וואָס נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט. עס איז נישט געווען ביי וועמען צו זוכן שוץ. מיר האָבן אָבער נאָך דעמאָלט נישט תופס געווען וואָס מען וויל מאַכן פון אונדז. מיר האָבן גערעכנט, אַז בלויז אין אָנפאַנג הערשט כאַאָס, אָבער עס וועט זיך סטאַביליזירן און אויסבעסערן. לעת עתה, שרייען ידן צום יידישן רבונו־של־עולם און כביכול איז אַוועק פון דער זינדיקער ערד אין די וויטע הימלען, און לאָזט אַזוי, אַז עשוס אייניקלעך זאָלן טוען מיט די ידן וואָס זיי ווילן. צו ביסלעך האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז מיר האַלטן ערשט ביים אָנהייב פון שטורמישן בלוטיקן ים, און דער וועג איז נאָך ווייט און לעבנס־געפערלעך. מיר האָבן אָנגעהויבן משלים זיין מיט די צרות, וויסנדיק, אַז די מענטשן זענען געפערלעכע שלאַנגען און ס׳איז נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן. האָבן מיר געווענדעט אונדזערע אויגן צום הימל, ווייל דאָס קוקן צום הימל האָט מען אונדז נישט געקאָנט פאַרבאָטן. געוועזענע אַפּיקורסים זענען געוואָרן גלוביקע, יעדער פון אונדז האָט שטיל געשעפּטשעט זיין תפילה צום רבונו־של־עולם און געגלויבט, אַז דער אל־רחום־וחנון וועט נאָך אַראָפּנידערן פון זיינע היכלן און אַ קוק טאָן ווי מיר ווערן פאַרפייניקט.

אָבער, יעדער פּאָליציאַנט רויבט באַזונדער, יעדער פּאָליציאַנט שלאָגט דעם ידן ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך אים, און די גאַנצע פּאָליציי אינאיינעם, פּאָדערט, עד לחשבון, פופציק גוטע גאַרניטורן, פופציק פּאָר כראָמאָווע שטיוול און פופציק גוטע היט. אַלץ דאַרף צוגעשטעלט ווערן צו דער מינוט. דאָס איז דער ערשטער אָרגאַניזירטער רויב. אַלע דאָמבראָוויצער שניידער זיצן, אונטער אלתר קלידס אָנפירערשאַפט, און נייען פון דער סחורה, וואָס איז גיך צונויפגעטראָגן געוואָרן פון די יידישע קראָמען און הייזער. אַלע דאָמבראָוויצער שוסטער זיצן און מאַכן שטיוול. די יידישע בעלי־מלאכות פלייסן זיך, אַז די גאַרניטורן און די שטיוול זאָלן זיין צוגעפּאַסט פאַר יעדן פּאָליציאַנט לויט זיין מאָס. זיי מיינען, אַז אפשר וועט מען דעם רוצחס האַרץ קענען ווייכער מאַכן. אויך ווייסט מען, אַז ווען אַפילו איין אנצוג וועט חלילה האָבן אַ שטיקל פגם, וועלן זיך שיטן קלעפּ און שטעקנער. נאָכדעם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן נייע פּאָדערונגען און פאַראָרדענונגען. זיי קומען פון דער פּאָליציי, פון די אָרטיקע און אַרומיקע מאַכט־אָרגאַנען. די אַלע פּאָדערונגען פלעגן אָנקומען מיט איין מאָל, און אַלע אָרגאַנען פּאָדערן: „זאָפּאָרט״. ווען עס האָט זיך געשאַפן דער יודענראַט, איז די לאַגע אין דעם פרט עטוואָס נאָרמאַליזירט געוואָרן: די דייטשן פלעגן פאַראָרדענען, די

אוקראַינער פעלדער און די אַרומיקע פּאָלוואַרקעס. יידן האָבן געאַרבעט אויפן באַן־הויף, אין די האָלץ־פאַבריקן, אין מאַטכּולישטשער טאַרטאַק. יעדן טאָג גייט מען פּופּצן קילאָ־מעטער אויף וואַלד־אַרבעט און ביינאַכט מוז מען גיין צוריק אין שטעטל. מען דאַרף אונדז האָבן שטענדיק „אויפן אויג". מען טרייבט אין וואַלד אויף צוואַנגס־אַרבעט דאַמבראַ־וויצער הונגעריקע, צעשלאָגענע יידן, וועלכע האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט ווי אַזוי מען גייט צו אַראָפּלאָזן אַ בוים און עס געשעט נישט איינמאָל, אַז בוימער, נישט ריכטיק אונטערגעהאַקטע, ווערן צעשפּאָלטן פאַלנדיק, אָדער זיי גיבן אַ פאַל גאָר אין דער פאַר־קערטער ריכטונג. ווען אָט די פאַרקערט פאַלנדיקע בוימער הרגענען נישט קיינעם פון אונדז, נעמען עס יידן אָן, אַז דער שומר־ישראל היט אונדז. ער שטראָפט טאַקע, אָבער ער גיט אויך אַכטונג. און מען זעט אין דעם, אַז כּביכול וועט אויסהיטן זיינע יידן פון שלעכטס ביזן סוף פון היטלערס מפּלה, אין וואָס יידן האָבן שטאַרק געגלויבט.

די וואַלד־אַרבעט האָט געהאַט אויך גוטע זייטן. דאָס גיין אין וואַלד איז געווען שווער, די אַרבעט סכּנותדיק, מען איז געווען הונגעריק און אָן כּוח, דאָך איז מען אָבער אַ גאַנצן טאָג געווען פריי. מען האָט נישט געזען קיין דייטש פאַר די אויגן, נישט געהערט דאָס ווילדע געשריי פון דער פּאָליציי. פיל ערגער איז געווען די אַרבעט אויף דער סטאַנציע ביים לאָדן וואַגאָנעס. דאָרט פלעגט מען צו דער אַרבעט אַ גרופּע פון אַכט יידן, אָן שום מכשירים, צופירן זיי צו אַ גרויסן יאַרוס פון נייַן־צען מעטראָווע, קאַנטאָווע אָדער רונדע גראָבע קלעצער און זאָגן: „במשך דעם טאָג מוז אָט דער יאַרוס אויפגעלאָדנט ווערן אויף די וואַגאָנעס". ביים זייט שטייען צוויי דייטשן מיט שמיץ־רוטן און שמייסן איבער די קעפּ, איבער די צעביילטע הענט און שרייען: „טעמפּאָ", „טעמפּאָ"! די נישט געוווינטע און אומגעשיקטע הענט פון די אויסגעהונגערטע יידישע מענטשן, קענען נישט בייקומען דעם גרויסן שווערן יאַרוס. די קלעפּ, שמיץ און זידלערייען העלפן אויך נישט. מען בעט אויף זיך דעם טויט. קומענדיק צוריק אין שטוב וויינען די צווי הונדערט יידן, וועלכע אַרבעטן ביי די וואַגאָנעס, ווי קליינע קינדער.

די אומשיכטונג פון קרעמער, שניידער, סוחרים און לערער אויף האָלץ־אַרבעטער איז נישט קיין לייכטע. און די דייטשן פירן דאָס דורך אָן פאַרבערייטונגען, אָן אַנווייזונגען, נאָר מיט שמיץ־רוטן, שטעקענער און זלזולים. און מיר גייען אַרום צעבראָכענע, צעשראָקענע, אומגליקלעכע מענטשן.

דאַמבראָוויצער גוים האָבן אויך חשק אויף אומזיסטע יידישע אַרבעטס־הענט, און זיי מאַכן באַשטעלונגען ביי דער פּאָליציי. האָרווילאַ דאַרף צוויי יידן זיי זאָלן ביי אים אויסריייניקן דאָס בית־הכּסא מיטן חזיר־שטאַל, מיכאַלקע דאַרף צוויי יידן אויסצורייניקן זיין פאַמוינע־יאַמע, כּרישטאָפאַר דאַרף יידן זיי זאָלן מאַכן אָרדענונג ביים מיסט אין שטאַל, סאַווקאַ דאַרף אויך יידן. אַלע דאַרפן יידן. עס אַרט שוין נישט די שמוציקע אַרבעט. עס איז בלויז פּיינלעך דאָס חחק־מאַכעריי, דער טעראָר, דער אופן ווי אַזוי דו ווערסט צוגעשטעלט דורך דער פּאָליציי צו דעם בית־הכּסא און דער שפּאָט מיט

וועלכן כרישטאָפאָר בעגעגנט דיך. גרויס איז דערפֿון דער וויטאָק און גרויס — דער פחד.

די גוישע פּאָליציי איז רעקרוטירט פון די ערגסטע עלעמענטן פון אוקראַינישן פאָלק. זי איז שרעקלעך ווילד, ברוטאַל. זי ווייסט נישט פון קיין מאָס אין איר רשעות. ווען דער דייטש האָט דורך זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטן, זיי דערהויבן צו פאָלקס־העלדן, האָבן די אוקראַינער געזען זייער העלדנטאַט אין פייניקן די יידן און זענען נאָך אַריבערגע־וואקסן זייער רבין. די אוקראַינישע פּאָליציי שלאָגט סתם, אָן אַ פּאַרוואָס. גייט אַ ייד אַדורך די גאַס — שלאָגט מען אים, יאָגט מען אים, מען הרגעט, מען סטוקעט. זיצן יידן אין די הייזער — שלעפּט מען זיי אַרויס און מען באַהאָגלט זיי מיט קלעפּ און מיט געשרייען: „פּאַרשאָלטענע זשידעס". טרעפט, אַז ערשט נאָר־וואָס האָט מען זיך אומגע־קערט, נאָך אַ צען־צוועלף שעהדיקן אַרבעטסטאָג און פּלוצים וואַקסט אויס אַ פּאָלי־ציאַנט, שלעפּט דיך אַרויס אויפן גאַס און טורזעט און שלאָגט און שרייט. די גאַנצע תוכחה מיט אַלע אירע גרויזאַמע קללות, שטעלט נאָך מיט זיך נישט פאָר דאָס, וואָס מיר האָבן געליטן. און ווען יידן האָבן געפּרובירט ריידן, טענהן, בעטן ביי די אוקראַינישע מנהיגים, אַז זיי זאָלן אויפקלערן אונדזער אומשולד, האָט איינער, אַ זון פון אַ גלח, אַ סטודענט פון פּוילישן אוניווערסיטעט, און וועלכער איז געווען אַן אויספאָרשונגס־ריכטער אין דער פּאָליציי, אַזוי געזאָגט: — „אונדז, אַריער, לערנט די היסטאָריע, אַז ווען איר, זשידעס, ווערט געפּלאָגט און איר וויינט — איז עס פאַר אונדז די ריכטיקע צייט צום לאַכן. וועלן מיר טאַקע לאַכן און איר — וויינען".

איינע פון די סאַדיסטישע צוגעטראַכטע פאַראָרדענונגען פון דער פּאָליציי איז געווען די, אַז יידישע שיינע מיידלעך זאָלן קומען אויף נאַכט־שיכטן באַדינען די פּאָליציי־קאָמענדאַנטור. דאָס שטעטל גייט כאָדאָראָם. מאַמעס, טאַטעס, קלאַפּן זיך קאָפּ אין וואַנט. די שאַנד וועט מען נישט איבערטראָגן. מען באַהאַלט אויס די קינדער און מען ווערט דערפאַר מערדערלעך געשלאָגן. אלתר באָרמאַנען האָט מען געשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט און געשריגן צו אים: „גיב דיינע מיידלעך, זשיד!" נאָר אָט האָט שוין די פּאָליציי געפונען אַ פּאָר באַהאַלטענע שיינע יידישע טעכטער און מען פירט זיי דערשראָקענע, פאַרשעמטע. און דער בזיון און דער צער זענען אומדערטרעגלעך. אָבער די אומגליקן שיטן זיך ווי פון אַ זאַק און קענסט אַפילו נישט אַ טראַכט געבן. ווייל אָט איז שוין דאָ אַ פרישע מכה, נאָך אַ פיינלעכערע.

אין איינעם אַ טאָג, איז פּלוצלינג אַריין אין שטעטל אַ מחנה פון אַ פּאָר הונדערט צעשלאָגענע, צעבלוטיקטע, האַלב־נאַקעטע פרויען און קינדער פון דאַוויד־האָראָדאָק. זיי יאָמערן און דערציילן, אַז די דייטשן האָבן צוגענומען זייערע מענער צו גראָבן שוץ־גרובנס. זייערע הייזער האָט מען צעראַבירט און זיי, די פרויען מיט די קינדער, האָט מען אַרויסגעיאָגט פון שטעטל. מיר שיקן שטילערהייט שליחים קיין דאַוויד־האָראָדאָק און דערוויסן זיך, אַז אַלע יידן פון דאָרט זענען דערשאָסן געוואָרן. די גרויליקע ידיעה באַהאַלטן מיר אויס פון די אלמנות און יתומים.

דער חורבן דאַוויד־האָראָדאָק מיט דער לעבעדיקער מצבה: אלמנות ויתומים ביי

אונדז אין שטעטל, וואַרפט אויף אונדז אָן אַזאַ גרוילעכן, איבער־מענטשלעכן ווייטאָק, אַז אונדזערע געדאַנקען ווערן מטושטש. מיר ווערן אומפעאיק אַפילו צו באַטראַכטן וואָס מען טוט מיט אונדז. און נישט בלויז מיר ווערן אומפעאיק זיך ווידערצושטעלן בפועל, צו טראַכטן וועגן אַנטלויפן, נאָר מיר קענען אַפילו נישט טראָגן די אייגענע גופים. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זענען לעבעדיקע מענטשן און מען קען זיך נעמען דאָס לעבן. אָבער די דייטשן לאָזן נישט בלייבן אין דעם מצב און שיטן מיט פרישע אומגליקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה קאָנטריבוציעס. צוערשט האָט מען געפאָדערט גאָלד, דערנאָך — פעלצן, דערנאָך — שטיוול און דאָס אַלץ אין פאַנטאַסטישע, כמעט אַסטראָנאָמישע ציפערן. ס'איז שוין געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז עס זאָל זיין אוממעגלעך אויסצופילן די פאָדערונגען, כדי ס'זאָל שמעקן מיטן מלאך־המות.

צו יענער צייט איז נאָך נישט אינגאַנצן רייף געווען דער טייוולאַנישער פּלאַן פון טאָטאַלער פאַרניכטונג. ס'איז געווען דער פעריאָד פון טיילווייזער אויסראָטונג. מען האָט אויך גערעדט, אַז די דייטשן ווילן אונדז יאָ פאַרלענדן, אָבער נישט דורך מאָרד, נאָר דורך שווערער אַרבעט, דורך קאַסטראַציע. און באמת האָבן זיי נאָך דאַן געזוכט אַ געוויסע באַרעכטיקונג פאַר די מאָרד־טאַטן. צו יענער צייט האָבן די דייטשן און אוקראַינער זיך נאָך גערעכנט, אין אַ געוויסער מאָס, מיט די יידישע געטאָ־אינסטיטוציעס געשאַפענע דורך די דייטשן און האָבן געזוכט זייער מיטאַרבעט. דער יודנראַט און די געטאָ־פּאָליציי — בערך 40 מאַן, האָבן געדאַרפט רעאַליזירן אַלע פאַראָרדענונגען. כמעט יעדן טאָג זענען צוגעשיקט געוואָרן נייע פאָדערונגען. אָט פאָדערט מען טאָנען פעפער, דערנאָך — טאָנען צימרינג, טיי, צוקער, קאַקאַאָ, פאַפּיראָסן, לעדער. דערנאָך פאָדערט מען געפעס, פעלצן, וועש, ליילעכער, הענטשקעס. אָט פאָדערט מען פערסישע טעפּיכער, מעבל, קישנס. על־פי־רוב ווערט אַזוי געמאַכט, אַז צוויי־דריי פאָדערונגען קומען אָן מיט אַמאָל: פון געביטס־קאָמיסאַר, פון געסטאַפּאָ, פון דער אַרמיי. דער יודנראַט מיט דער געטאָ־פּאָליציי מוזן דאָס אויספירן.

פון די אַלע יודנראַטלער און פּאָליציסטן איז נאָר שלמה זאַלוזשער אַרויס אַ לעבעדיקער, ווייל ער איז אַנטלאָפן אין וואַלד. די איבעריקע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן, אייניקע זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. אין די צוויי יידישע געטאָ־אינסטיטוציעס האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זענען ביזן אַריינמאַרש פון דער היטלער־האָרדע געווען די בעסטע, די שענסטע, די קלוגסטע און געלערנטסטע פון דאָמבראָוויץ. דער יודנראַט און די יידישע געטאָ־פּאָליציי — דאָס איז אַ שווער און קאָמפּליצירט קאַפּיטל פאַר זיך, אָבער עס מוז געזאָגט ווערן, אַז צו יענער צייט איז נישט געווען מקנא צו זיין אָט די געוועזענע טייערע יידן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויספירן אַלע דייטשע פאָדערונגען און אויך אויפקלערן זיי, אַז אָט די סכומים זענען נישט צום רעאַליזירן. זיי זענען אויך אַריינגענאַרט געוואָרן דורך די דייטשן און די פאַראָרדענונג צו צוגרייטן די יידן צו דער אויסזידלונג קיין סאַרנע ווי אַרבעטער, איז גאָר געווען אַ פאַראָרדענונג צו פירן די יידן צום לעצטן טויט־מאַרש.

אויף דעם אַדרעס פון יודנראַט שיקן אויך היטלערס באַנדיטן אויפרופן פון אַלגע־

מיינעם כאַראַקטער און וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג: יידישע און גויישע. אמת, דער יידישער נאָמען איז אין זיי נישט דערמאָנט, אָבער אַ קאָפּיע פון זיי באַקומט אויך דער יודנראַט, כדי מיר זאָלן וויסן און זיין איינגעשטעלט לטובת דעם דריטן רייך.

די אַלגעמיינע פּראָקלאַמאַציעס פלעגן זיך לייענען בערך אַזוי: — „מיר האָבן שוין פאַרניכטעט אַלע באַנדיטסקע זשידאָ־קאָמונאָ־אַרמייען, אויך דערשלאָגן מיר שוין די רעשטלעך פון די אַנגלאָ־זאַקסן, וועלכע ווערן אויך אָנגעפירט דורך די יידן. אונדזערע העלדישע דייטשע אַרמייען שטייען איצט אין די ווייטע געביטן פון געוועזענעם זשידאָ־קאָמונאָ לאַנד. דאָרט איז זייער קאַלט און אונדזער אַרמיי נויטיקט זיך אין וואַרעמע וועש. לכן מוז יעדער געטרייער בירגער, וועלכער וויל געוויס אויף אייביק פּטור ווערן פון דער זשידאָ־קאָמונע, שפּענדן פאַר אונדזערע סאָלדאַטן אונטער־וועש, וואַרעמע וועש און הענטשקעס." יידן האָבן „געשפּענדעט" דאָס לעצטע פון זיך און אין דער שטיל זיך געוויצלט: „די דייטשן מוזן שוין בייטן די אונטער־וועש..." מיר האָבן דווקא געוווּסט, אַז די מערדער באַקומען קלעפּ פון די רוסן, אָבער מיר האָבן נישט געוווּסט צי עס וועלן קלעקן כוחות איבערצולעבן די באַנדיטן. ס'איז צו אונדז דערגאַנגען היטלערס אַ באַריכט וועגן די ערשטע זעקס חדשים קריג מיט רוסלאַנד. אין דעם באַריכט האָט היטלער געשריבן: „איך האָב געזאָגט נביאות, אַז אַלע פעלקער וועלן אויפשטיין קעגן די יידן — האָבן די יידן געלאַכט. ווי עס וועט זיך ענדיקן די קריג, פאַר וועמען צום גינסטן, ווייס איך נישט אין דעם מאָמענט. איינס ווייס איך אָבער קלאָר, אַז עס וועלן מער נישט זיין קיין יידן וואָס וועלן לאַכן".

ה. 10 חדשים טויט־שרעק

אַחוץ דאָס אויספּילן פאַרשיידענע אָפיציעלע פאָדערונגען, פלעגט דער יודנראַט שטענדיק קלייבן מתנות פאַר כל־מיני דייטשישע הענקערס. דער ספּעץ אויף געבן מתנות איז געווען אַ „ביעזשעניעץ" פון פּוילן, אבאלסקי, וועלכער קען שיין איינבעטן, אַז די רשעים זאָלן באַוויליקן צו נעמען און יידן זאָגן, אַז אויב מען וועט נעמען וועט מען נישט טאָן קיין שלעכטס. יידן געדענקען, אַז ווען אַ שלעכטער פּריסטאַוו אָדער אַ פּוילישער קאָמענדאַנט האָט גענומען, איז נישט שלעכט געווען, טאָ אויב אַזוי, וועט אפשר דער שלעכטער דייטש אויך בעסער ווערן? גיט מען טאַקע מתנות: גוטע שטאָפן, טכוירענע פוטערס, זייגערס מיט איינגעפאַסטע בריליאַנטן, שיינע אייל־בילדער, צירונג און אַנדערע ווערטפולע חפצים. אבאלסקי טוט איינבעטן די הויכע באַאַמטע, זיי זאָלן נעמען און זיי נעמען. מען מוז מודה זיין, אַז אין אייניקע פּונקטן איז אַ ביסל גרינגער געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן מיינען, אַז עס וועט שוין גוט זיין און — אי"ה, מען וועט איבער־לעבן.

אָבער פּלוצים קומט צו לויפן פון ראַוונע צו פוס אַ דערשראָקענע, צעטומלטע מיידל, טביה דעם שוחטס אַ קרובה, און צו מאָרגנס, נאָך איינע, נחמן פעלדס אייניקל און די

מיידלעך דערציילן וועגן אַ גרויזאַמער שחיטה אין ראָוונע איבער זיבעצן טויזנט יידן. די מיידלעך האָבן זיך בייגאַכט אַרויסבאַקומען פון גרוב, פון אונטער די הרוגים. דאָמבראָוויץ גיט זיך אַ וואַקל. ס'ווערט אַ יאָמער און אַ געווין. עס שטעלט זיך ווידער די פראַגע: וואָס קומט פאַר מיט אונדז, יידן? מען פאַרשטייט נאָך נישט דעם אשמדאיס פּלאַן. עס טומלט זיך לאַנג. אמת, די אייגענע טעגלעכע צרות פאַרטונקלען דעם ראָוונער אומגליק און מען זוכט תירוצים. עמעצער קאָמענטירט דעם ראָוונער פאַל מיט דעם, אַז מן הסתם איז דאָס געשען צוליב אַ בלבול פאַר קאָמוניסטישע טעטיקייט. אָבער, לגבי אונדז אין דאָבראָוויץ, איז דאָס נישט שייך, וואָרעם די פאַר קאָמוניסטן, וועלכע זענען געווען, זענען אַנטלאָפן מיט די רוסן און מער זענען ביי אונדז קיין קאָמוניסטן נישט פאַראַנען, אַזוי אַז ס'וועט ביי אונדז נישט פּאַסירן קיין שלעכטס... די הערצער ברענען פון ווייטאָק. מיר קלאָגן אויפן ראָוונער אומגליק און אונדזערע גרויזאַמע הערשער מאַכן שוין אַזוי, אַז מיר זאָלן נישט האָבן קיין צייט און כוח צו קלערן וועגן ראָוונע.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט אַראָפּ אין שטעטל אַ קליינע אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ אין באַשטאַנד פון 35 דייטשן. מען דערקענט אין זיי די אַנטיילנעמער אין ראָוונער שחיטה. ס'פאַלט אויף אונדז אָן אַ געוואַלדיקער פּחד. מיר זען שוין, אַז ראָוונע איז נישט קיין אויסנאַם. מיר הויבן אָן צו פאַרשטיין, אַז דאָמבראָוויצער געהאַרכזאַמע לאָיאַליטעט וועט אונדז נישט אויסהיטן. און דאָך נעמט מען זיך ווידער צו דער אַלטער סגולה: „אכפרה את פניו במנחה". באַלאָדנט מיט שיינע מתנות, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, גייען די בעסטע יידן פון שטעטל בעטן רחמים ביי דער אָנגעקומענער געסטאַפּאָ. בלויז די אַלטע פּליאַטערס פּאַלאַצן אין פּליאַנט, אין וועלכע ס'זענען איינגעקוואַרטירט די געסטאַפּאָ־מערדער, זענען געווען עדות פון דעם ציניזשן און אכזריותדיקן שפּאַט מיט וועלכן עס זענען באַגעגנט געוואָרן די פאַרשטייער פון אונדזער עדה. מען האָט זיי טאַקע אויפגענומען און אַרויפגעלייגט אויף זיי די אחריות פאַרן אויסהאַלטן די געסטאַפּאָ־איינהייט און באַזאָרגן זיי מיט די שענסטע מעבל, רייכסטע געשיר, בעסטע בעטגעוואַנט, טייערע געטראַנקען און עסנוואַרג. אַלעס ווערט גיך און פּלייסיק צוזאַמענגעשלעפּט, כמעט מיט שמחה, ווייל מען מיינט אַלץ, אַז מען קויפט זיך אַזוי אויס פון די מערדערס הענט.

אין דער זעלבער צייט הונגערט שוין אַ גרויסער טייל פון די דאָמבראָוויצער יידן. אַלע מקורות פון באַשפּייזונג זענען אַוועקגענומען. די דייטשן לאָזן נישט אַריין פאַר דער יידישער באַפעלקערונג קיין שום פּרייע שפּייז. צו יענער צייט פלעגט מען צוטיילן אַכציק דעקאָ געבאַקטע ברויט פאַר אַ פּערזאָן אויף אַ גאַנצע וואָך. די דייטשן קוקן אַריין אין די אייוונס, אין שפּייז־קעסטלעך, און ווען חלילה זיי געפינען פלייש, קען ווערן דעמאָלירט די גאַנצע שטוב. און דאָך גלייבן יידן, אַז מיט מתנות וועט זיך איינגעבן צו צוימען די ווילדע בעסטיע און — אי"ה, אי"ה, מען וועט שוין אַריבערלעבן, ווייל עס זענען שוין דאָ אַ פאַר יידן וועלכע כאַפּן פון צייט צו צייט אַ שמועס מיט די מערדער און זיי טרייסטן דעם עולם, אַז דער אשמדאי איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים. ס'האָט מיט מיר דאַן געטראָפן, אַז די אוקראַינישע פּאָליציי האָט מיך פאַרכאַפּט צו זיך און במשך אַ גאַנצע נאַכט מיך געשלאָגן אכזריותדיק. פאַרטאָג האָבן זיי מיך אַרויס־

געוואָרפן אויף דער גאַס אַ צעבלוטיקטן און געשוואָלענעם. דאַן האָט זיך באַוויזן דער קרוב למלכות, דער הער אבאלסקי, אין דער באַגלייטונג פון אַ דייטש, און מיך געטרייסט, אַז די פּאָליציי וועט דערפאַר באַשטראָפט ווערן. פאַרשטענדלעך, אַז קיין איין אוקראַי־נישער פּאָליציאַנט איז דערפאַר נישט באַשטראָפט געוואָרן.

אין דער אמתן איז אונדזער גורל צו יענער צייט שוין געווען אַ געחתמעטער. די דייטשן האָבן שוין וועגן דעם געוווּסט און זיי פלעגן אין געוויסע פאַלן אַרויסווייזן אַ סימן פון מענטשלעכקייט, בלויז כדי אונדז אָפּצוהאַלטן פון דעפּרעסיע־אַקטן און כדי אויסצומיידן, אַז מיר זאָלן אָנהויבן אַנטלויפן, אַז מיר זאָלן זיך נישט טומלען און זיך נישט אָרגאַניזירן. (שוין נאָכן פאַריאָגן די דייטשן האָבן מיר גוים איבערגעגעבן, אַז די דייטשן האָבן פאַר דעם זייער מורא געהאַט). פון דער צווייטער זייט, פלעגן זיי אַ חוץ די טאָג־טעגלעכע יסורים צוטראַכטן פון צייט־צו־צייט פאַרשידענע שיקאַנעס, כדי אונדז נאָכמער צו פאַרפּאָלגן און אויסמאַטערן. אַזוי למשל אָראַנזשירן זיי אַ פּראָ־וואָקאַציע מיט אַ שטיקל פיש און פאַרפייניקן צום טויט די פאַמיליע טילטשין. דערנאָך האָט מען אַריינגעכאַפּט הערשל ליטוויצער און מען האָט אים נישט געשלאָגן און נישט געשאָסן, נאָר אַזוי געקניפּן ס׳פליש, ביז ער איז אויסגעגאַנגען פון ווייטאָק. אויף אַזאַ אופן האָט די געסטאַפּאָ געוואָלט אומברענגען די 35 יידן, וועלכע זי האָט געהאַלטן און איבער וועלכע זי האָט זיך במשך אַ פּאָר טעג אַזוי אומברחמנותדיק איזדעקעוועט, אַז ס׳קלעקט נישט דער כוח פון מענטש דאָס אַלץ צו באַשרייבן. און נאָר אַ דאַנק דער שתדלנות פון באַקאַנטע, חשובע אוקראַאינצעס און כופר פון גאָלדענע מטבעות און קאָסטבאַרע חפצים, ווי אויך אַ דאַנק די הבטחות פון יודנראַט וועגן לוקסוס־אויסהאַלטונג פון געסטאַפּאָ, זענען די פאַרהאַלטענע אַרויסגעלאָזן געוואָרן, אָבער שוין האַלבע מתים, געשוואָלענע און צעקאַלעטשעטע, ממש שטיקלעך פליש.

און וואָס מער כופר, וואָס מער מען האָט געגעבן מתנות, אַלץ מער איז געוואַקסן דער אַפּעטיט ביי די תליינים. דער הער אבאלסקי און נאָך איינער, ניימאַן, אויך אַ בעזשע־ניעץ פון פוילן, זענען געוואָרן סטאַבילע פאַרבינדלער צווישן די דייטשן און דער יידישער באַפעלקערונג אויף צו נעמען און געבן מתנות. ס׳נעמט דער סאַרנער געביטס־קאָמיסאַר, ס׳נעמען אוקראַאינישע ראַדניקעס און פּאָליציסטן, ס׳נעמען זייערע מקורבים און סתם בלוט־זויגערס און רשעים. און ווען דער קאָמענדאַנט פון דער אוקראַאינישער פּאָליציי, נעמענדיק די מתנה, זאָגט אויף יידיש „איך פעלט אַ גאולה שלמה״, ווערן די יידן צעשמאָלצן פון נחת און גלייבן נעבעך אין אַ סך זאַכן. אַ טאָג פאַר דער גרויסער הריגה איז דער זעלבער קאָמענדאַנט אַרומגעגאַנגען צווישן די יידישע כלל־טוער און פריינדלעך און גוטמוטיק געשמועסט מיט זיי, אַזוי, אַז עס האָט קיינעם גאָרנישט געקענט קומען אויפן געדאַנק, אַז עס איז בלויז איין טאָג פאַרן אומקום. צומאָרגנס, אין שחיטה־טאָג, וואָס האָט ביי זיי געהייסן „איבערזידלונג״ אין אַן אַנדערן גרעסערן און באַקוועמערן געטאָ, איז אָט דער רוצח, דער פסוקים־זאָגער און ווינטשער פון גאולה שלמה פאַר יידן, אַרומגעלאָפן צווישן אונדז מיט אַזאַ ווילדע אכזריותדיקייט, ווי אַ וואָלף ווען ער שטיקט דאָס שעפּעלע.

און זאָל קיינער נישט טראַכטן, אַז אָט דער קאָמענדאַנט און פסוקים־זאָגער איז חלילה געווען אַ פאַרשטעלטער ייד. ער איז נאָכהער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער גערעכטיקייט און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז ער איז אַ גוי, ווייל היטלער האָט געהאַט ערטער ווו זיינע מערדער האָבן געלערנט ידישקייט, כדי אונדז צו נאַרן און אָפּווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט.

נאָר מיר האַלטן נאָך אַ שפּאָר ביסל צייט פאַר דער אויסראָטונג. די שרעקלעכע אוקראַינישע בעסטיע, וואָס איז צו יענער צייט באַפרייט געוואָרן פון יעדער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, פאַר וועלכע עס זאָלן נישט זיין סאַדיסטישע מעשים, האָט באַוויזן אירע חיהשע כוונות. די אוקראַינישע באַנדיטן האָבן געגאַרט נאָך אונדזערע יסורים, נאָך יידיש בלוט, פּונקט ווי עס גאַרט אַ שיכור נאָך בראָנפן.

אַזוי דערציילט מיר ברײַנדל קראַצמאַן, וועלכע איז געווען פאַרשטעקט ביי אַן אוקראַאינקע, וועמעס זון ס'איז געווען אַ פּאָליציאַנט און שפּעטער געוואָרן אַ חוזר בתשובה און איבערגעגאַנגען צו די רויטע פּאַרטיזאַנער, אַז אָט דאָס זונדל — אַ מישלינג פון געבורט: די מאַמע אַן אוקראַאינקע און דער פאָטער אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען לעפּ־קאָווסקי — האָט, רעדנדיק וועגן זיינע העלדנטאַטן אין דער פּאָליציי, זיך באַרימט, אַז דער יידישער גוטבאַזיצער ליפּשיץ, זיין טאַטנס ידיד, האָט זיך געבעטן, אַז ער וויל גהרגעט ווערן פון לעפּקאָווסקיס האַנט און ער, דער מוטיקער פּאָליציאַנט, האָט טאַקע ליפּשיצן געטאָן די טובה און אים אַליין דערשאָסן. אַזאַ פּנים האָט געהאַט די אוקראַינישע פּאָליציייאישע באַנדע. זייער טרוים און זייער חיות זענען באַשטאַנען אין קענען מאָרדן. וואָרעם דאַן, ווען זיי האָבן שוין נישט געהאַט קיין יידן צו מאָרדן, האָבן זיי לפּחות וועגן דעם געטרוימט. ווייל אָט די מעשה מיט ליפּשיצן איז אַן אויסטראַכטעניש פון לעפּקאָווסקעס זונדל. ליפּשיץ עליו השלום האָט זיך גאָר אויסבאַהאַלטן אין סאַרנע און איז געשטאָרבן אין דער באַהעלטעניש. איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט זיין זון יאַסקע שוין נאָכן פאַריאָגן די דייטשן און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַליין מקבר געווען זיין טאַטן גלייך נאָכן טויט. מיר ביידע האָבן געוואָלט אים אויסגראָבן און מקבר זיין אין אַלגעמיינעם ברודער־קבר, אָבער די סאָוויעטן האָבן אונדז געזאָגט: „האָט געדולד"... און ליפּשיצס ביינער רוען אין גאָרטן אין מיטן פון סאַרנע.

די דערציילונג פון פּאָליציאַנט לעפּקאָווסקי איז דעריבער אַ באַוויז פון דער קרענק־לעכער פאַנטאַזיע פון די הענקערס. דער זעלבער האָט אויך דערציילט, אַז אַ שיין יידיש מיידל האָט פון צווישן פּופּצן פּאָליציאַנטן אים אויסגעקליבן, און זיך ביי אים געבעטן, אַז ער, מיט זיין ריטערלעכער האַנט, זאָל זי דערשיסן. אויך אַנדערע יידן האָבן זיך געווונטשן געטויט צו ווערן דווקא פון זיין העלדישער האַנט און לעפּקאָווסקי האָט צוגעגעבן: „יענער טאָג האָבן מיר אַרויסגעשלעפּט אַ מענגע יידן פון די לעכער און זיי צעשאָסן ווי די האָזן". גאַנץ מעגלעך, אַז ווען במקום מתנות געבן, וואָלטן מיר גלייך פון אָנהייב גענומען צוריקשלאָגן די רוצחים און בעת יעדע פאַרניכטונגס־אַקציע וואָלט אויך פאַרגאָסן געוואָרן אוקראַיניש בלוט, וואָלטן אפשר די רוצחים אין אַ געוויסער מאָס זיך געווען צוריקגעהאַלטן, זיי וואָלטן זיך טיילווייז געווען אויסגעניכטערט פון זייער

סאַדיסטישער בלוט־דורשטיקייט און אַ גרעסערע צאָל יידן וואָלטן אפשר געבליבן לעבן. ווארעם די אוקראַינצעס האָבן געהאַט פחד פאַרן טויט. דאָס האָט זיך נאָכהער אַרויסגעוויזן אין די פּאַרטיזאַנער קאַמפּן. די אוקראַינער האָבן מורא געהאַט פאַר באַוואָפנטע יידישע כוחות, וועלכע האָבן געקענט צוריקשלאָגן און זיי האָבן זיך דעריבער צוריקגעצויגן און אויסגעמיטן צאַרייַנצוטרעטן אין אָפענע קאַמפּן מיט די יידן. די דאָמבראָוויצער יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיי טאַקע לאַנג געהאַלטן געצאַמט. נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה האָב איך אויף דער טעמע לאַנג געשמועסט מיט לערער און גלחים און אויך מיט איינעם, אַ געוועזענעם גוט־באַזיצער, זיניעוויטש, אַן אוקראַינער, אַ שונא ישראל, וועלכער איז געווען אַ קלוגער מענטש און קרוב למלכות ביי די דייטשן, אַ פאַרוואַלטער איבער אַ שטיק לאַנד אין ראַפּאַלאָווקער געגנט. זיי אַלע האָבן באַשטעטיקט מיין אויבן־פאָרמולירטן געדאַנק, אַז אַפילו די דייטשן אַליין פלעגן זיך צו אַן אַקציע שטאַרק גרייטן, מאַכן פּלענער, אַריינשיקן אין די געטאָס פאַרשטעלטע פּסיכיאַטרן און אַפילו איסטראַטעגן. ווייל זיי האָבן געהאַט פחד פאַר יעטווועדן ווידערשטאַנד. נאָכדעם ווי די דייטשן זענען פאַרטריבן געוואָרן, האָט מיר דערציילט אַ רוסישע פרוי פון ראַפּאַלאָווקע, וועלכע האָט פריער געאַרבעט אין דער אוקראַינישער ראַדע, אַז צו דער ענדגילטיקער שחיטה, האָט מען זיך געגרייט לאַנגע חדשים און דאָס אַלץ, כדי די אַקציע זאָל דורכגעפירט ווערן שנעל, אָן פאַרלוסטן פאַר די רוצחים און אָן דראַמאַטישע אויפטרייסלונגען. דער ערשטער שריט אין אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער ליקווידאַציע־הריגה, איז געווען דאָס אַריינטרייבן די יידן אין אַ געטאָ. מיטן מאָמענט ווען די יידן זענען איזאָלירט געוואָרן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, האָט זיך פּאַקטיש אָנגעהויבן דאָס רעאַליזירן פונעם פּלאַן וועגן טאָטאַלער פאַרניכטונג.

אין געטאָ פלעגן מיר גאַנץ אָפט דיסקוטירן וועגן דעם ענין און תמיד פלעגן מנצח זיין די, וועלכע זענען געווען פאַר געלאַסנקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. די דאָזיקע האָבן זיך געשטיצט אויף דער דייטשישער העפלעכקייט און האָבן זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז דאָס וועט זיי צוריקהאַלטן פון טאָטאַלע פאַרניכטונג. אין געוויסע פאַלן פלעגן די דייטשן טאַקע מאַנעוורירן מיט זייער העפלעכקייט און דאָס פלעגט אונדז אויפמונטערן און באַרויקן אויף אַ געוויסער צייט. די רשעים זענען געווען מבינים אויף אונדז, געזען אונדזער שטימונג און צוגעוואָרפן אַ ביסל טאַקטישע העפלעכקייט. אָט למשל זיצן מיר איינמאָל ביי ראָזענבערגן אין פריזערניע. מיט מיר זיצט אויך אַ פּינסקער ייד, אַ געוויסער וועלאָוועלסקי. פלוצעם גייט אַריין אַ דייטש. ער קוקט זיך אַרום און זאָגט: „וואָס טוען דאָ יידן, די לייזיקע באַנדע?" וועלאָוועלסקי נעמט אַרויס זיין צייגעניש, אַז ער איז אַ דרוקער אין דער אוקראַינישער צייטונג און אַז ער אַרבעט אין דער נאַכט־שיכט. איך ווייז אויף, אַז כ׳בין אַ וואַלד־אַרבעטער און היינט ערלעדיק איך ענינים אין בוכהאַל־טעריע אין דער אוקראַינישער ראַדע. „יאַ־יאַ, די שווינדלער־באַנדע געפונט שוין צו אַנטוואָרטען" — זאָגט דער דייטש און זעצט זיך שערן. ראָזענבערג גלעט אים זיין טריפהן פּנים, מאַסאַזשירט זיינע רוצחישע הענט און אַרבעט אין פחד און הכנעה. יעדע סעקונדע נייגט ער זיך און זאָגט: „ביטע, ליבער הער". אָבער דער דייטש מורמלט ביית און

מרוקעט: „פוילע באַנדע, דער פירער וועט שוין מאַכן אָרדענונג. איר, דער איינגעזונ־סענער קרעבס אין קערפּער פון די אייראָפּעישע פעלקער, די פאַרשפּרייטער פון דעמאָראַליזאַציע, יאַ־יאַ, דער פירער האָט רעכט".

דער דייטש האַלט די האַנט אויף דער קאַבורע פון רעוואָלווער און איך געזעגן זיך במחשבה מיט אַלץ און אַלעמען. ראָזענבערג איז ממש אַ מת. וואָלאָוועלסקי ציטערט ממש אין קאַנוווּלסיע. לבסוף, נאָכן שערן, הויבט זיך דער דייטש אויף און זאָגט: „אַ גוטען טאַג מיינע הערשאַפט" און ווענדנדיק זיך דירעקט צו מיר, זאָגט ער: „די דויטשן האָבן אימער ליב פּינקטליכקייט, אַ גוטן טאַג". די צווייַ מאָל „אַ גוטן טאַג" און „מיינע הערשאַפט" ווירקן ווי באַלזאַם און וואָלאָוועלסקי זאָגט: „איר הערט, יידן, דער דייטש שרייט און פייניקט, אָבער ער איז קולטורעל און העפלעך, ער וועט נישט מאָרדן". דער פאַרלאָפּענער פּאַקט האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן געטאָ און אַ בלאָסער אָפּשיין פון אַ מענטשלעך וואָרט האָט געמאַכט פאַרגעסן די גאַנצע פּיין.

און אָט איז אַ צווייטער פּאַקט: אַ גרופּע אַרבעטער איז צוריקגעגאַנגען פון וואַלד אין געטאָ אַריין. עס איז שוין געווען שפּעטלעך ווען מיר זענען אַרויס פון וואַלד. לויט דער פאַראָרדענונג האָט מען געדאַרפט געענוי צו שקיעת החמה זיין אין געטאָ. פריער מיט אַ האַלבע שעה טויג נישט, און שפּעטער מיט אַ האַלבע שעה טאָר מען נישט. פאַרבייגייענדיק דעם דאָרף קרופּע, שלאָגן מיר זיך אָן אויף 6 אוקראַינישע באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. איינער פון זיי רעדט גאָרנישט און כאַפּט אַראָפּ די ביקס פון פּלייצע, אַ צווייטער טוט דאָס זעלבע און זיי הויבן אָן צילעווען גלייך אין אונדז. מיר הויבן אָן בעטן און יאָמערן. דער פאָראַרבעטער ווייזט זיי דעם פּראָפּוסק מיט דער ספּעציפיקאַציע פון די טעלעגראַפן־שטאַנגען פון דער צ־רבעט און דאָס העלפט אויך נישט. זאָגט דער פאָראַרבעטער: „איבערן וואַלד איז צעשפּרייט און צעוואָרפן די גאַנצע אַרבעט, ווען איר וועט אונדז דערשיסן, וועט די גאַנצע אַרבעט גיין לאבוד. דאָס, כנראה, ווירקט אויף די איבריקע פּאָליציאַנטן, און זיי פּרובירן אָפּהאַלטן די דערמאָנטע צוויי, וועלכע שרייען: „אויף וואָס פאַר אַ שד דאַרפט איר די זשידעס, איר זעט די איבערגעשראָקענע האָזן? זיי וועלן זיך לייגן ווי זאַנגען אונטערן סערפּ".

דערווייל איז צוגעקומען אַן עלטערער גוי און זיך אָפּגערופן: „דאָ אין דאָרף טוט עס נישט, איר וועט איבערשרעקן אונדזערע קינדער און די בהמות. פירט זיי אַריין אין וואַלד און מאַכט עס דאָרט." צום סוף האָט מען אונדז אָפּגעלאָזט און מיר האָבן זיך דערשלאָגן אין געטאָ און דערציילט דעם יידנראַט וואָס מיט אונדז איז פּאַרלאָפן. אבאלסקי האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט גלייך קיין סאַרנע צום געביטס־קאָמיסאַר. דער אַלטער ראָטנבערג האָט געעצהט זיך צו ווענדן צום אָרטיקן ווירטשאַפטס־קאָמענדאַנט, וועלכער אַמטירט ביי דער אָרגאַניזאַציע „טאָדט" און ביי אים וועט מען געפונען שוץ. חיים גילדענגאָרן שיקט רופן יאַנקעלע בושקעס, דער מאַכער ביי דער אוקראַינישער פּאָליציי און יאַנקעלע לויפט גלייך צום אוקראַינישן קאָמענדאַנט. אין אַ האַלבער שעה אַרום רופט מען מיך מיט נאָך אַ פּאָר יידן צום קאָמענדאַנט און יחיאל זאַלישינער דערציילט אַלץ און וויינט ווי אַ קינד. דער קאָמענדאַנט, דער פּסוקים־זאָגער, זאָגט: „טאָ ניץ, —

כלאַפּצי שוטילי״ — „די בחורים האָבן זיך געוויצלט און מער גאָרנישט״. אָבער דער ווירטשאַפטס־קאָמענדאַנט, דער דייטש, וועמען ראָטנבערג האָט אין צווישנצייט אַלץ דערציילט, איז אויך געקומען, ער רופט אַרויס די צוויי פּאָליציאַנטן און גיט זיי אַ פּאָר קאַנטשיקעס און הייסט זיי צושטעלן צום ראַפּאָרט. די פּאָליציאַנטן האָט מען גאָרנישט געטאָן, ווייל אין צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אונדז געפירט צו דער שחיטה. און צווישן די 200 פּאָליציי־לייט, וועלכע האָבן יענעם טאָג אונדז אַרומגערינגלט, זענען געווען אויך די צוויי וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן צום ראַפּאָרט. פונדעסטוועגן האָט עס צום מאָמענט געהאַט אַ ווירקונג אויף אונדזערע איבערגעשראָקענע געמיטער און אויף צו מאָרגנס איז די אַרבעטער־קאָלאָנע אַרויס אין וואַלד מיט אַ געפיל פון זיכערקייט, אַז מען איז נישט הפקר. שפּעטער, אין וואַלד זייענדיק, שוין נאָך דער שחיטה, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט די זעלבע פּאָליציאַנטן, וועלכע מיר האָבן געטראָפן דאָן אין דאָרף קרופּע האָבן פריער אויסגעקוילעט די ראָזישצער קהילה, די קלעוואַנער קהילה און אַנדערע קהילות און דאַן ווען מיר האָבן זיי געטראָפן אויפן וועג צוריק פון וואַלד, האָבן זיי שוין געוווּסט, אַז אין צוויי וואָכן שפּעטער, וועלן זיי אונדז אויסקוילענען.

אויף די אַרומיקע גוישע באַפעלקערונג האָט געוווּסט, אַז מען וועט אונדז אַלעמען אויסשעכטן. בלויז מיר יידן האָבן נישט אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון חלף אין דער האַנט פון מלאך־המות און ביז דער לעצטער מינוט זיך געטרייסט, אַז די צרה וועט אונדז אויסמיידן. ווען מיר פלעגן, בעת דער אַרבעט אין וואַלד, שמועסן וועגן דעם, האָבן מענטשן אַזוי געטענהט: „איר וועט זען, אַז די דייטשן וועלן סוף־כל־סוף אויפהערן אויך מיט די איינצלנע הריגות, וואָרעם זענען דען אַנדערע אָקופּאַנטן געווען בעסער פאַר דער יידישער באַפעלקערונג? האָבן דען די באָלשעוויקעס, אין יאָר 1918, נישט געהרגעט שלמה פאַטרוך? און די פּעטליוראָוועצעס האָבן נישט געהרגעט יצחק דעם שוחט, און די פּאָליאַקן האָבן נישט געהרגעט בעריל שפּיראָס ברידער? און מושערן מיט פישמאַנען ווער האָט פאַרפייניקט? פּעטליורא! די פּאָליאַקן האָבן אונדז אַן אַ פאַרוואָס געשמיסן אין מיטן מאַרק. הכלל, קיינער האָט אונדז נישט געשוינט און ברוך השם מיר לעבן. אַזוי וועט זיך יעצט אויך איינשטילן און מירן נאָך זוכה זיין צו פיל נחת״.

איינמאָל איז צו אונדז אין וואַלד אַריינגעקומען אַ דאָמבראָוויצער גויעץ, וואָס איז פריער געווען אַ שומר ביי אהרל טענדלער אין ציגעלניע. מיר אַלע האָבן אים גוט געקענט, ווייל פון ערשטן טאָג אַן זינט די דייטשן זענען אַריין צו אונדז, האָט ער אונדז פאַרשאַפט גרויסע יסורים. און אָט דער רשע האָט צו אונדז אַזוי געזאָגט: „וואָס האָרעוועט איר? מען וועט אייך במילא צעשיסן. וואַרפט אַוועק די אַרבעט און קלערט וועגן ראַטונעק״. האָט זיך אָפּגערופן וואָראָנאַ, דער שניידער: „דער רשע האָט שוין געפונען אַ ניי מיטל כדי אונדז צו פייניקן און שרעקן. וואָרעם פאַרוואָס וועט מען אונדז אויס־שיסן?״ אָט אַזאַ איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג ביי אַ סך יידן. נאָך דעם ווי די רשעים פלעגן אויף אונדז געבן אַ גוטן קוק, פלעגט מען אין אַלץ פאַרגעסן. ווייל, זייענדיק געיאָגט און געפּלאָגט, געשענדעט און געטראָטן, פלעגט זיך אַזוי שטאַרק בענקען נאָך אַ גוט

מענטשלעך וואָרט, נאָך אַ וואַרעמען בליק. און ווען אַזאַ בליק האָט דיך אַמאָל אַרומ־גענומען, האָסטו גלייך געוואָלט פאַרגעסן אין אַלע צרות און האָפן צו בעסערע צייטן.

יאָ, מיינע מחשבות האָבן אַרויפגעבראַכט אויפן פאַפיר געשעענישן, וועלכע זענען ערשט שפעטער געקומען. לויט דעם לויף פון די פאַסירונגען, האַלטן מיר ערשט אין סוף ווינטער 1941/42. אמת, מיר זענען שוין דערשעפט און פאַרמאַטערט. מיר האָבן שוין הרוגים. פון די בעסערע מאַטעריעלע ווערטן איז שוין אַ סך אָוועקגערויבט. אונדזערע גייסטיקע ווערטן זענען צעטרעטן, באַשפיגן. אָבער מיר זענען נאָך נישט אָפגעשלאָסן הערמעטיש אין געטאָ. בייטאָג באַוויזט זיך קיינער נישט אויסערן שטעטל, אָבער די שטעטלדיקע גאַסן זענען נאָך אונדזערע.

ו. אין געראַנגל פאַר אַ גרעסערן געטאָ

די גרונט־פאַראָרדנונג וועגן פאַרמאַכן די יידן אין אַן אָפגעזונדערטן געטאָ, האָט פאַראויסגעזען דאָס אָפטיילן פאַר דעם צוועק די פאָלגנדיקע גאַסן און געסלעך: איין זייט פון דער שאָסיי־גאַס, דאָס פאַראַלעלע שול־געסל, די שטיבל־גאַס און איין זייט פון דער באַלניטשנער גאַס. די גרענעצן האָבן געזאָלט זיין: פון איין זייט — די צענטראַלע מאַקאַראָווער גאַס, פון ראָג שאָסיי, פון גערופענעם פאָרט־אַרטור ביז דוד פיראַקס שטוב, ד״ה, בעסער געזאָגט, פאָרט אַרטור — ישראל ציגעלניקס מויערל; ווייל פון דער אַנדערער זייט מאַקאַראָווער גאַס (דוד פיראַק — יאָסל בעהון), האָט געזאָלט ווערן יידנריין, צוזאַמען מיט אַלע געסלעך פון דער אַנדערער זייט צום וואַלאַסט. פון דער צווייטער זייט האָט דער גרענעץ פון געטאָ געזאָלט זיין — די פּראַוואַליע, ביז באַלניטשנער גאַס.

צוערשט האָט אונדז די פאַראָרדענונג צעטומלט און אויפגעטרייסלט. דערנאָך האָבן יידן אָנגעהויבן די זאַך קאָמענטירן צום גוטן. זיידל טילטשין, וועמענס זון און שנור עס זענען פריער דורך די דייטשן געהרגעט געוואָרן, האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: „ווען דער דייטש זאָל טראַכטן אונדז אַלעמען „פּאָגאַלאָוונאַ״ אויסהרגענען, טאָ צו וואָס דאַרף ער דעם געטאָ? ווער האַלט אים אָפּ פון אויספירן גלייך זיין רציחה?״ אויך שייקע שיינמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער גאַרבאַרניע, ווי אַ ספעץ, האָט גערעדט מיט מיר בזו הלשון: „הערסט, איציק, איך זאָג דיר, אַז מיט אָט די רשעים קען מען דורכקומען. זיי זענען נישט ערגער פון די פּאָליאַקן און פון די נ.ק.וו.ד.יסטן. זיי זענען אפשר בעסער פון אונדזערע דאָמבראָוויצער גוים, וועלכע זענען אין גאַנצן משוגע געוואָרן״. אויך אברהמל ליבערסאָן, דער ראש פון יודנראַט, האָט אַנאַליזירנדיק די פאַראָרדנונג וועגן געטאָ, געזען אין דעם אַ ווענדע־פונקט צום גינסטן אין דעם דייטשישן אַנטיסעמיטיזם. „מיר דאַרפן — האָט ער געטענה׳ט — טאָן אַלץ, אַפילו זיך נאָך מער אויספּאָמפּען, אַבי נאָר אויסצופּועלן אַ גרעסערן געטאָ, מיר זאָלן קענען בעסער און באַקוועמער זיך אויסלעבן״. און אין דער שטיל האָט מען געשמועסט: „מיר וועלן נאָך, אם ירצה השם, דערלעבן אין געטאָ היטלערס מפלה״. און עס געפונען זיך שוין אַלץ־ווייסנדיקע יידן, וועלכע קענען דערציילן וועגן אַמאָליקע דייטשישע בישאָפן, צווישן

וועלכע עס זענען געווען חסידי אומות העולם, וואָס האָבן באמת געוואָלט שיצן זייערע יידן פון די אַמאָליקע רוצחישע קרייץ־ריטער און דעריבער האָבן זיי געהייסן אָפּטיילן די יידן אין אָפּגעצוימטע געטאָס. דער איצטיקער געטאָ, זאָגן די יידן, קען דינען ווי אַ שוץ קעגן ווילדן און בלוט־דורשטיקן אוקראַינישן המון. לויט די מיינונגען, דאַרף מען טאָן אַלץ כדי דער געטאָ זאָל זיין אַ גרויסער ווי ווייט מעגלעך. מער שטח, מער לופט צום אָטעמען, מער מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן.

מען הויבט אָן צו זאַמלען מתנות. יידן גראָבן אויס די רעשטלעך פון זייער אַמאָליק האָב און גוטס. דער אַלטער ראָטנבערג פירט אָן מיט דער שתדלנות פון אויבן און חיים גילדענגאָרן מיט אַ גאַנצן שטאָב דריקן פון אונטן. אבאלסקי פאָרט קיין סאַרנע. מען טיילט מתנות צווישן די מיטגלידער פון דער אָרטיקער ראַדע און פּאָליציי. אברהמל ליבערמאַן דערלאַנגט צום געביטס־קאָמיסאַר אין סאַרנע און עס געלונגט אים באמת צו באַקומען אַ גרעסערן געטאָ. דער יודנראַט טריומפירט און מען שמועסט ממש בקול ענות גבורה, וועגן דער דערגרייכונג. דער קלוגער בערל שפּירא — ר׳ איטשע דיינס איניקל; און בנימין שוואַרצטוך — כעמיע דעם סטאַראָסטעס איניקל, זעען אין דעם אַן אויסדרוק פון די דורך זיי אַמאָל געפּריידיקטע אידעען וועגן זעלבסט־הילף פון די געדריקטע מאַסן און וועגן סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער אַלטער ראָטנבערג זאָגט: „דאָס איז אַ רעזולטאַט פון אייראָפּעישער קולטור". אַלע צוזאַמען האָפן און זענען כמעט זיכער, אַז מיטן מלאך־המות שמעקט עס נישט.

אָבער אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט די פּאַקטישע דערגרייכונג פון אַ גרעסערן געטאָ? מיר וועלן נאָך אַמאָל גענויער באַשרייבן די גרונט־פאַראָרדענונג וועגן געטאָ־שטח און דערנאָך פאַרצייכענען די ענדערונגען וואָס זענען שפּעטער אַריינגעטראָטן.

לויט דער גרונט־פאַראָרדענונג האָט עס אויסגעזען אַזוי: — פאָרנדיק פון מאַרק צום וואקזאל, פון ווינקל מאַרק שאָסיי־גאַס, די רעכטע זייט, ביז גבריאל דעם כלי־זמר׳ס הויז, אָן אַן אַרויסגאַנג צו דער גאַס, מיט אַ פאַרבאָט זיך צו באַווייזן אויפן בריקל און צו עפענען אַ פענצטער צו דער שאָסיי־גאַס. די שול־גאַס ביז אַראָפּ צו דער זייט פון די גערטנער, פון דעם געסל וואָס פירט פון שאָסיי צו דער באָלניטשנע גאַס. אַלע פּלויטן און צווישן־שטאַלן זענען אָפן און דורך דער שול־גאַס קומט מען אַריין צו די הייזער פון שאָסיי־גאַס. אַזוי בין איך געגאַנגען צו חנינה ביטשיק, צו עטל לוטינסקאַ, צו איציל ביטשיק, פון שול־גאַס, דורך די געעפנטע פּלויטן און שטאַלן.

די שטיבל־גאַס פון טאַשקענטן און אשר שטראָם, ביזן עק, נאָך שווייצאַרן, דאָס בעדל־געסל און איין זייט באָלניטשנע גאַס, פון ישראל זאַלצמאַן, ביז געגזלס געסל אויך פון ישראל זאַלצמאַן ביז ווינקל שאָסיי־גאַס, אָן אַן אַרויסגאַנג צו דער גאַס, מיטן פאַרבאָט צו עפענען אַ פענצטער און זיך באַנוצן מיט די בריקלעך. פון בעדל־געסל קומט מען צו די יידישע הייזער און באָלניטשנע גאַס. אַהער האָבן זיך געדאַרפט אַריינפּרעסן אַלע 4327 נפשות, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין דאָמבראָוויץ.

נאָך דעם איז דער שטח פון געטאָ פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דער צוקאָאָפּטירונג

פון די פאָלגענדע גאַסן: איין זייט פון וואראבינער גאַס, ווו ס'איז געווען די אַפטייק, פון מאַטוסאָווס הויז, ביזן מאַרק־ווינקל; די זייט מאַרק פון משה הערש פּאַטרוכס מויער, ביז פיניע דעם שניידערס מויער, מיט אַלע אויבנדערמאָנטע באַגרענעצונגען, ד"ה, נישט אַרויס צום מאַרק און נישט עפענען קיין פענצטער און נישט אַרויס אויפן בריקל. די גאַנצע זייט מאַרק פון אהרנזאָן ביז יאָסל בעגון, אברהמטשעס מויער, מיט אַלע אויבנ־דערמאָנטע באַגרענעצונגען. דערנאָך פון יאָסל בעגון, ביז אַראָפּ צו דער באַלניטשנער גאַס, דוד פיראָקס הויז, און פון דאָרטן, מיט דער באַלניטשנער גאַס, ביז צו חנה לייבן, מיט אַלע אויבנדערמאָנטע באַגרענעצונגען. די קאַלאַדיעזנע גאַס, די וואָלאָסטנאָיע גאַס, ביז יעקב יאָסיעס מויער, און אַלע צווישן־געסלעך. לעם פריידל ריקלס מויער איז געמאַכט געוואָרן אַ דורכגאַנג צווישן איין טייל געטאָ און דעם צווייטן, ד"ה, פון שטיבל־גאַס צו דער גמינע־גאַס און אַזוי אַרום זענען פאַראייניקט געוואָרן בײדע טײלן.

די יידישע געטאָ־פּאָליציסטן היטן ביים געטאָ־דורכגאַנג און אויך ביי די זייטן און גרענעצן פון געטאָ. דער יודענראַט זאָגט, אַז דאָס איז פאַר אונדז אַ טובה.

דאָס אַרומגיין פריי איבערן געטאָ איז געווען פאַרבאָטן און מען האָט געמוזט זיך שמוגלען דורך שטאַלן און צעטרעטענע גערטנער כדי צוצוקומען פון וואראבינער גאַס, למשל, צו פיוואוואַזן, אָדער צו בארזוכס מויערן, וועלכע האָבן אויך באַלאַנגט צום געטאָ־שטח. דער פאַרבאָט פון פרייען באַוועגן זיך איבערן געטאָ האָט שטאַרק דערדריקט דעם עולם, אָבער, צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר כמעט פאַרגעסן, אַז מיר אַלע האָבן זיך ווען עס איז פריי באַוועגט איבער אַלע דאָמבראָוויצער גאַסן, איבער די אַרומיקע פעלדער און גרינע לאָנקעס, דערפער און נאָענטע שטעטלעך. טיילמאָל האָסטו געטראַכט, אַז מן הסתם איז דאָס איצטיקע דיווירקלעכקייט און דאָס אַמאָל געווזענע — בלויז אַן איינרעדעניש, אַ חלום וואָס איז קיינמאָל קיין ווירקלעכקייט נישט געווען.

נאָכן פאַרענדיקן דעם געראַנגל וועגן אַ גרעסערן געטאָ און נאָך דעם ווי די גרענעצן פון געטאָ זענען אָפּגעצייכנט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער געראַנגל פאַר אַ נידעריקן פּלויט. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך באַוויזן דער גאַלאָווא פון דער ראַדע, דער דאָמבראָוויצער רשע קארזשיק, ימח־שמו, אַ געוועזענער פעטלוראָוועץ און אָנטייל־גענומער אין באַוווסטן פראסקוראָווער פּאָגראָם. דער דאָזיקער רוצח גיט אַרויס אַ פאַר־אָרדענונג, אַז מען זאָל אַרומצאַמען דעם געטאָ מיט אַ הויכן פּלויט און שטעכל־דראָט, כדי מען זאָל נישט קענען אַריבערקוקן צו דער אַרישער זייט. מיר האָבן די גזירה אָפּגעשריגן ביים געביטס־קאָמיסאַר און באַצאָלט דערפאַר גוטן כופר. די דייטשן האָבן מסכים געווען, אַז דער פּלויט זאָל זיין אַ נידעריקער. דער דערמאָנטער קארזשיק איז גיך דערמאָרדעט געוואָרן דורך די בולבאָווצעס (אוקראַאינישע עקסטרעמיסטן). און פּונקט ווי עס האָט אונדז געשוידערט דער פאַקט, אַז אַ דאָמבראָוויצער גוי, וועלכער איז אויפ־געוואַקסן מיט אונדז, זאָל אונדז וועלן אַזוי פיל שלעכטס טאָן, אַזוי שוידערלעך איז געווען זיין טויט. מען האָט אים אַרויסגענומען אין מיטן נאַכט פון שטוב, אַרויסגעפירט הינטערן שטעטל און צעשניטן דעם בויך, אַרויסגעצויגן זיינע גדערעם און אים געלאָזן נאָך אַ לעבעדיקן זיך מוטשען. זיינע קולות האָבן זיך וויט געטראָגן. יידן האָבן דאַן געבעטן,

אַז כן יאבדו כל הרשעים, אָבער נישט מיט אַזאַ אכזריותדיקן טויט. מיר האָבן דאַן נאָך זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַ ביסל שפּעטער וועלן אָט די בולבאָווצעס אומברענגען אויסבאַהאַלטענע יידן אין די וועלדער, מיט ענלעכע אכזריותדיקע טויטן.

דער יודנראַט איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, אַז יידן זאָלן נישט אַריבער־טרעטן דעם שטח פון אָפּגעצאַמטן געטאָ און זאָלן נישט קומען אין קאָנטאַקט מיט די איינוווינער פון דער צרישער זייט. פאַר באַווייזן זיך דאָרטן האָט געדראָט פאַרפייניקט צו ווערן ביז טויט. יידישע געטאָ־פּאָליציסטן האָבן שטרענג אָפּגעהיט די פּונקטן ווו עס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן די געטאָ־גאַסן מיט די גאַסן פון דער אַרישער זייט. דאָך האָבן יידן זיך נישט איינגעהאַלטן און פלעגן ריזיקירן מיטן לעבן, כדי זיך אַרויסבאַקומען צו דער גוישער זייט און קענען אויסבעטלען ביי באַקאַנטע אוקראַאינער אַ שטיקל ברויט, אָדער מילך פאַר אַ קראַנק קינד.

איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך זיך שטילערהייט צובאַקומען צום אַרויסגאַנג אין באָל־ניטשנער גאַס, פון איציק מאירס געסל, ווו עס האָט געהאַלטן וואַך יהושע שמאַלץ. כ׳בין צו אים צוגעפאַלן און געבעטן: — ברודערקע, לאָז מיר אַדורך אויף דער צווייטער זייט. כ׳וויל אויסבייטן ביי אַ באַקאַנטן גוי אַ פּאָר שיך אויף עטלעכע קילאָ מעל. אָבער יהושע האָט מיך מיט כעס אַוועקגעשטויסן פון זיך און געזאָגט: „אַוועק פון דאַנען וואָס גיכער, ווייל כ׳וועל דיך איבערגעבן צו בנימין שוואַרצטוך און ביי אים וועסטו כאַפּן אַ פּסק״.

אַזוי פלעגן אויך האַנדלען אַלע איבעריקע 57 יידישע געטאָ־פּאָליציסטן ווען זייערע פריינד, אָדער גוטע חברים האָבן זיך ביי זיי געבעטן דערלויבעניש אויף איבערצוטרעטן די געטאָ־גרענעץ.

אין ליכט פון אַזוינע באַציונגען צווישן די פּשוטע געטאָ־איינוווינער און דער יידי־שער פּאָליציי, האָט זיך אַנטוויקלט אַ שנאה צו די יידישע אינסטיטוציעס מצד די געטאָ־איינוווינער. דער אַנטאַגאַניזם איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די אוקראַאינישע מאַכט־אָרגאַנען און סתם שונאי־ישראל האָבן געקליבן נחת. אויך די צרות און דער הונגער האָבן גורם געווען, אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן מקנא זיין איינער דעם צווייטן, אַמאָל צוליב אַ סיבה און אַמאָל סתם אַזוי. אָט בין איך איינמאָל אַריין צו אַ מיטגליד פון יודענראַט, צו חיים גילדענגאָרן, אין שטוב, כדי אים צו דערציילן, אַז גייענדיק פון וואָלד־אַרבעט האָבן מיר געטראָפן אויפן וועג דעם רשע ספּערעדאָן, און ער האָט צו אונדז אַזוי געזאָגט: „כלאָפּצי, מען האָט אייך פאַרשפּאַרט אין געטאָ ס׳זאָל זיין גרינגער אייך אַלעמען אויסצושעכטן״. חיים! — זאָג איך — איר זייט דאָך אַלע קלוגע יידן, פאַרוואָס טוט נישט דער יודענראַט עפּעס אַזעלכעס, אַז מיר זאָלן נישט זיין סתם ווי „כצאן לטבח יובל״?... גיט מיך חיים אַ מעסט־אָפּ מיט זיין כיטרע אייגל און זאָגט איראָניש: „אויב דו וועסט לערנען פון רשע ספּערעדאָן חכמה, וועסטו זיין אַ לייט. דאָס זענען פּוסטע רייד און שוין״... און חיים זעצט זיך געלאַסן צום טיש וואָס איז באַדעקט מיט אַ ווייסן סערוועט. ס׳איז אָנגעשטעלט שיינע געשיר, ער עסט רחבותדיק, במנוחה, און עטל טראָגט אונטער גוטע מאכלים ווי אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן... כ׳האָב זיך נישט

געקענט באַהערשן פון קנאה־געפיל און כ׳האָב צו אים בייז אַרויסגעזאָגט: „דו לעבסט, זע איך, גאַנץ נאָרמאַל און דריבער קענסטו נישט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר מיט אונדז. ווי' איז צו אונדז וואָס אַ חוץ אין די הענט פון היטלערן, ליגט אויך אונדזער גורל אין די הענט פון אַזעלכע מנהיגים ווי איר אַלע."

כ׳בין אַרויס פון זיין שטוב מיט אַ האַרץ פול מיט שנאה און קנאה און דאגה וועגן ספּערדאַנס רייד. דעם זעלבן אָוונט איז צו מיר אין שטוב אַריין לייבל סלאָוועשנער און טרעפנדיק מיך עסן שטשאַוו־באָרשט מיט ברויט, האָט ער מיר אויך אַריינגעזאָגט, ווייל ער נעבעך האָט דאָס אויך נישט געהאַט.

ז. די גאָלד־צרה

ווען די יידן פון די אַרומיקע גאַסן האָבן זיך גענומען אַריינציִען אין געטאָ אַריין, איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון געביטס־קאָמיסאַר: „יידן גייען אין געטאָ „גאָלד־ריין". דער יודנראַט איז גלייך אַוועקגעלאָפן קיין סאַרנע און האָט זיך צוריקגעקערט מיטן פאָלגענדיקן פירוש: „אַלע יידן, אָן אויסנאַם, דאַרפן אַוועקגעבן אַלע גאָלדענע חפצים וואָס זיי פאַרמאָגן: מטבעות, צירונג, געשיר א. אַז. וו.". דער געביטס־קאָמיסאַר האָט געזאָגט צום יודנראַט, אַז ער ווייסט גענוי וויפל גאָלד עס פאַרמאָגן די דאָמבראָוויצער יידן און אַלץ מוז דעריבער אָפּגעגעבן ווערן.

אָט די גאָלד־צרה האָט מען נישט גרינג אַראָפּגעשלונגען. יעדער באַזונדער האָט עס אויפגענומען זייער טראַגיש, ווייל, פּרנסה איז דאָך נישטאָ; הונגער און נויט זענען גרויס. דאָס דחקות און די פאַראויסגעזעענע צרות פון צוויי־דריי משפחות אין איין שטוב, איז זיך געווען פאַרצושטעלן. מען האָט אויך געוווּסט, אַז דאָס אַלץ קען ברענגען פאַר־שידענע מחלות, האָט מען געהאָפט, אַז מיט דעם גאָלד וועט מען זיך קענען ראַטעווען. די מענטשן פון יודנראַט האָבן געהאַלטן בסוד, אַז אָט דער גאָלד־רעסורס ביי די מענטשן, וועט צונוץ קומען, על כל צרה שלא תבוא, אויך אויף אַלגעמיינע באַשפּייזונג, און דאָ פאָדערן די דייטשן אָן אַ שום סיבה דאָס גאַנצע גאָלד פון שטעטל! „יודען, גאָלד־ריין" — איז די פאַראָרדענונג, און באם לאו — איז טויט־שטראָף. היינט ווי אַזוי נעמט מען אַרויס פון די אַלע יחידים אָט די קידושין־רינגלעך, אַז עס זאָלן די דייטשן נישט געפונען נאָכהער עפּעס אָן איבערבלייב דערפון און אויך געבן צוליב דעם יידישע לעבנס אין די הענט פון מלאך־המוות?

דאָמבראָוויצער יידן האָבן שוין געגעבן דעם דייטש גאָלד נאָך בעת זיין אַריינמאַרש. מען האָט שוין אויך געגעבן אַ צווייט מאָל אַ געוויסן סכום. אָבער איצט פאַרלאַנגט מען אָן אַ מאָס און אָן אַ סכום. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט אַ פאַנטאַסטישע השערה וועגן דעם „גאָלד־רעזערוואַט" ביי יידן אין דאָמבראָוויץ און ער פאָדערט עס אין גאַנצן, ווען נישט, איז דער מלאך־המוות גרייט הינטער דער טיר.

דאָמבראָוויצער ווייסן דעם טעם פון כופר־נפש. אין יאָר 1921 האָבן דאָמבראָוויצער יידן געצאָלט כופר די פּאָליאַקן פאַר אַ צלם, וואָס די אָפּטרעטנדיקע באָלשעוויקעס האָבן

אָראָפּגעשאָסן פון שפּיץ קלויסטער. אויך אין יאָר 1919/1920 האָט מען געצאָלט כּופר כּדי צו פּאַרגיטיקן די אויפגעברויזטע געמיטער פון דאָמבראָוויצער רעוו־קאָם פון די אַרטיקע באָלשעוויקעס ליאָסקאָוועץ־סאַדאָווסקי. אָבער אין די אַלע פאַלן האָט מען מער־ווייניקער געוווּסט אַ צאָל און אַ מאָס. די פאָדערונגען גופא זענען געווען מענטשלעכערע און פאַרשטענדלעכערע. אַפילו דער כּופר, געגעבן די פּעטלוראָווצעס, איז געווען אין די ראַמען פון מעגלעכקייט, דאַקעגן איצט איז די פאַראָרדענונג ברוטאַל און בכלל נישט פאַרשטענדלעך. איין זאַך אָבער איז יאָ געווען קלאָר, אַז אויב מען וועט נישט באַפרידיקן פולשטענדיק די זשעדנעקייט פון די הענקער, וועט מען באַצאָלן מיט מענטשלעכע לעבנס. און אַפילו דאָס ביסל ביטערע לעבן איז זייער טייער. עס איז מיר אַ שאָד מיין לעבן און אויך אַ רחמנות אויף דעם חבר. איז וואָס טוט מען? יעדער שרייט צום צווייטן: „חכמים, גיט אַן עצה", אָבער קיין חכמים זענען נישטאָ.

די עדה יידן האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צוויי מחנות. איינע האָט געטענהט: אויסרופן אַ חרם, אַז אַלץ מוז אָפּגעגעבן ווערן, אַפילו קידושין־רינגלעך. אַזוי אַרום וועט מען שפּעטער אויסמיידן קאָמפּליקאַציעס. די צווייטע האָט געטענהט: דורכפירן די אַקציע, אָבער אָן אַ חרם. נאָך שטורמישע זיצונגען און באַראַטונגען, האָט קהל באַשלאָסן און די רבנים האָבן צוגעשוויגן, אַז עס זאָל דורך זיי אויסגערופן ווערן אַ חרם. זענען אַוועק די קעגנער פון חרם און צונויפגעפּירט ביידע רבנים: ר' נחומטשען, דער גרייז־גרויער רב, און ר' אבאלען, דער יונגער, און זיי האָבן אַזוי געזאָגט: „קהל האָט טאַקע באַשלאָסן אויסצורופן אַ חרם, כּדי די גאַנצע עדה זאָל נישט ליידן צוליב גאָלד־גיריקייט פון יחידים. אָבער צי קען מען מיט גאָלד אויסלייזן די נשמה, וועלכע, ווי ס'וויזט אויס, וועט מוזן אין גיכן גיין איר אָנגעצייכנטן וועג? צו וואָס זשע נאָך אַ חרם? זאָל די נשמה זיין ריין פון דעם! גענוג אַז ס'איז דער קערפּער פאַרשאָלטן! און ווו איז די זיכערקייט — האָבן זיי געפרעגט, — אַז נאָכן אויסרופן דעם חרם, וועלן זיך נישט געפינען אַזעלכע, וועלכע וועלן פאַרהאַלטן ביי זיך אַ פּאָר מטבעות, אָדער אַ קידושין־רינגל? ס'קען דאָך אויך זיין, אַז מענטשן האָבן פאַרגעסן ווו זיי האָבן אין צווישנצייט פאַרשטעקט זייערע גאָלדענע חפצים". ביידע רבנים האָבן, אויסהערנדיק די דאָזיקע רייד, זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט: „מיר האָבן נאָך נישט מסכים געווען צו דער החלטה. מיר זענען קעגן דעם און זאָלן אונדזערע נשמות גיין צום בית־דין של מעלה אָן חרם".

דאָן האָט זיך אויפגעהויבן, פון אַרום טיש, דער 90־יעריקער ר' ישראל בארזוך און אַ זאָג געטאָן צו זיין פרוי צפּורה: „קום אַהיים". „וווהין גייט איר, ר' ישראל — האָבן מענטשן געפרעגט — וואַרט צו ביז מען וועט קומען צו אַ טאָלק". „איך בין שוין געקומען צו אַ טאָלק", האָט ר' ישראל געענטפערט, און איז אַרויסגעגאַנגען. אין אַ שעה שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט אַ גאַנצע טאָרבע גאָלדענע מטבעות און אַ צווייטע טאָרבע גאָלדענע חפצים. קיין חרם האָט מען שוין נישט אויסגערופן.

אַ דאַנק ר' ישראל בארזוכ'ס טאַט און אַ דאַנק דעם וואָס אַלע, אָן אויסנאַם, האָבן אַריינגעטראָגן דאָס גאָלד, איז די איינזידלונגס־אַקציע אין אָפּגעשלאָסענעם געטאָ אַריין (דעם 10טן מאַי 1942) אַדורך אָן שום ספּעציעלע אויפטרייסלונגען.

ח. די איינזידלונגס־אַקציע אין געטאָ

די איבערזידלונג האָט אַרומגענומען אַלע יעניקע יחידים און משפחות, וועלכע האָבן געוווינט אויסער די אָנגעצייכנטע גרענעצן פון געטאָ, ווי אויך די יידן פון די אַרומיקע דערפער. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די גוישע שכנים אָפּצולעקן אַ ביינדל פון דעם, וואָס איז נאָך ביז דאַן פאַרבליבן ביי די יידן און זיי האָבן דאָס געמאַכט אויף פאַרשידענע אופנים: מיט גוטן און מיט בייזן. ברוך דעם ראַניערס זון, איז, פאַרנדיק פון ריין אין געטאָ אַריין, באַפאַלן געוואָרן, ביים דאָרף זאַלישין, דורך אָרטיקע גויים, וועלכע האָבן ביי אים אַלץ צוגענומען. אויך מיך זענען מיינע קריוויצער שכנים באַפאַלן פון אַלע זייטן בעת כ׳האָב גענומען אַרויסטראָגן די זאַכן פון שטוב און אָנלאָדענען אויף די פורן. זיי האָבן ממש געריסן פו די הענט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געזען. כ׳האָב צו זיי געזאָגט: „שכנים, איר בלייבט דאָך דאָ אויפן אָרט, איר וועט זיך קענען פריי באַוועגן, אַרבעטן און פאַרדינען, אָבער איך גיי דאָך אין פאַרמאַכטן געטאָ אַריין און יעדע זאַך וואָס איר וועט מיר אַוועקנעמען וועט מיר נאָכדעם זייער פעלן". אָבער אין זייערע אויגן האָט געברענט אַ בייז פייערל און כ׳בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן און מיט מיין ביסל אָרעמ־קייט.

אין אַ צייט אַרום, שוין נאָך דער שחיטה, האָב איך זיך געטראָפן אין וואַלד מיט אַ היימישן גוי (קאַרניי האָט ער געהייסן). ווען כ׳האָב זיך צו אים געווענדעט און געבעטן, אַז ער זאָל מיר אַרויסהעלפן, וואָרעם כ׳דריי זיך אַרום אַ הונגעריקער אין וואַלד, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ווען דו וואָלסט איבערגעלאָזט ביי מיר דיין גוטס אין טאָג, ווען דו האָסט זיך געצויגן אין געטאָ אַריין, וואָלט איך דיר איצט געגעבן ברויט און קאַרטאָפל און אַפילו חזיר־פלייש, אָבער סתם אַזוי, אומזיסט, איז אַן עבירה דיר צו געבן". ביי דעם זעלבן גוי האָט ישראליק פערלשטיין איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פאַרמעגן און ישראליק האָט נאָך געטאָן טובות אַנדערע יידן און זייערע חפצים טאַקע באַהאַלטן ביי קאַרנייען. דער גוי האָט זיך זאָגאַר באַרימט פאַר זיינע חברים זאָגנדיק: „אויב ער וועט לעבן נאָך פופציק יאָר און גאָרנישט טאָן, וועט ער אויך האָבן פון וואָס צו לעבן". אָבער ער האָט דאָס נישט דערלעבט. די רויטע פאַרטיזאַנער, צווישן זיי, אָרטיקע יידן, האָבן אונטער־געצונדן קריוויץ, ווייל אַלע זענען געווען בולבאָוצעס, און דאָס אָנגערויבטע יידישע האָב־און־גוטס איז אַזוי אַרום פאַרברענט געוואָרן.

פאָרנדיק אין געטאָ אַריין, שוין גאָר נאָענט צו דאָמבראָוויץ, שטויס איך זיך אָן אויף אַ געוועזענעם קרופער פאַסטעך און איצט — אַ פּאָליציאַנט. ווען איך האָב אים דערזען, האָט זיך מיר ממש אָפּגעריסן אין האַרצן. ווייל בעת די סאָוויעטן זענען געווען די בעלי־בתים אין שטעטל און איך בין געווען נאַטשאַלניק פון וואַלד־אַרבעט און ס׳איז געווען אַן אויפגאַבע צו נעמען קינדער פון פאָלק און מאַכן זיי פאַר מענטשן, האָב איך — לויטן באַפעל פון פּראָקוראָר — צוגענומען אָט דעם פאַסטעך פון די חזירים־שטאַלן און אים אַרויסגעהויבן צו דער מדרגה פון אַן אָפּנעמער. ער האָט באַקומען גוט געצאָלט און איז דורך מיר פיין באַהאַנדלט געוואָרן. ווען די דייטשן זענען אַריין, איז ער באַלד

געקומען צו מיר אין שטוב און געזאָגט סאַרקאַסטיש: „חבר נאַטשאַלניק, גיב נאָר אַהער דעם ראָוועור און דעם וואַנט־זייגער, כ׳וויל עס האָבן ביי מיר אין שטוב. גיב מיר אויך דיין פלימעניקס ראָווער, איך דאַרף אים נייטיק האָבן״. די ראָווערן האָב איך אים אָפּ־געגעבן, דעם זייגער נישט. איצט שטייט ער נעבן מיר און האַלט די ביקס אין האַנט. די אויגן זיינע פלאַקערן. ער לאַכט און זאָגט צו מיר נאָך אַ מאָל: „חבר נאַטשאַלניק, גיב דיינע זאַכן״. אַז כ׳האָב געפּרובירט עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אַ שליידער געטאָן אויף מיר ווי אַ משוגענער הונט און אַ געשריי געגעבן: „שווייג, דו הונטישער זון, דו פאַרשאָלטענער זשיד!״ און מאַנעווורירנדיק מיט דער ביקס, האָט ער געליאַרעמט: „דו לעבסט און טרעטסט נאָך אויף אונדזער הייליקער, אוקראַינישער ערד? אָט, ווי דו זעסט, מאַך איך פון דיר אַ נבלה!״ זאָגנדיק דאָס, האָט ער אָנגעהויבן רויבן פון די וועגענער. אין דעם מאָמענט איז צופעליק אָנגעפאָרן אַ צווייטער אוקראַינער. אַ גרעסערער רשע פון אים, וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט און דוקא דער, וועלכער האָט אין די ערשטע חדשים נאָכן דייטשן אַריינמאַרש אָנגעטאָן די יידן זייער אַ סך צרות, און איצט געוואָרן אַ ביסל מעסיקער, איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן פּאַוולען. אין רעזולטאַט דערפון איז דער פּאָליציאַנט אַוועק פון וואָגן איבערלאָזנדיק מיר אַ פּעקל קללות און דראָונגען מיט די קולאַקעס. לבסוף בין איך מיט מיינע מטלטלין אַריינגעפאָרן אין געטאָ, אָבער ליידער פון זיי גאָרנישט געפּונצט. איך האָב נישט געהאַט אַפילו דעם זייגער ווי צו הענגען און אַלץ איז במילא געבליבן פאַר די רויבער.

ט. אין שרעק פאַרן צווייטן טאָג שבועות

דער אַרבעטס־טאָג אין געטאָ הויבט זיך אָן מיט זון־אויפגאַנג. צו דער צייט זענען שוין אַלע געטאָ־תושבים, קינדער און אַלטע, בחורים און בחורות, אויסגעשטעלט ביים יודנראַט אין לאַנגע רייען. הונגעריקע און יאושדיקע, נישט זאָגנדיק זיך אַפילו איינער דעם צווייטן קיין „גוט מאָרגן״, ווערט אָט דער גאַנצער המון צעשפּאַרט, צעשטופּט און צעטיילט אויף גרעסערע און קלענערע אַרבעטס־גרופּעס: פאַר די דייטשישע אַרבעטס־פּלעצער, פאַר וואַראַבין מיט אַלע נאָענטע און ווייטע פעלדער, פאַר די טאַרטאַקן, צו די טייכן — אָפּבויען די בריקן און די פּלאַטיליע, אויף וואַלד־אַרבעט, צום באַן־הויף און אויך פאַר די גוים — פּוצן זייערע הויפן, חזיר־שטאַלן און רייניקן זייערע מיסט־גריבער. צו יעדער גרופּע זאָגן אָן די יידישע פּאָליציאַנטן: „חס וחלילה נישט אָפּנויגן פון וועג אַפילו אויף אַ האַלבן מעטער און צום זון־אונטערגאַנג זיין צוריק אין געטאָ״.

צוערשט האָב איך געמיינט, אַז מיין וואַלד־גרופּע אַרבעט צום שווערסטן. יעדן טאָג האָבן מיר געהאַט צו גיין צופוס צוועלף־דרייצן קילאָמעטער און צוריק. אין וואַלד האָבן מיר אַ גאַנצן טאָג שווער געאַרבעט. אָבער ווען ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט אונדז גענומען אויף אַ פּאָר טעג צום וואָקזאַל אָנלאָדן וואַגאָנעס, האָט דאָס אומקערן זיך צוריק אין וואַלד געקענט הייסן: גן־עדן, אַפילו ווען מיר האָבן געהונגערט, זיך צעקלאַפּט די הענט, אָפּגעריבן די פיס ביזן ביין און אַפילו נעמענדיק אין אַכט, אַז נישט קענענדיק

די אַרבעט אין וואַלד, זענען מעגלעך געווען טויט־פאַלן צוליב צעריסענע בוימער, אַזוי, אַז מ׳האָט נישט איין מאָל געטראַכט, אַז דער מלאך המוות וואָלט שוין געווען דער בעסטער גואל. ישראליק סלאָוועשנער האָט כאַראַקטעריזירט אונדזער אַרבעט אויף אַזאַ אופן: „ביי פּרעה׳ן אין מצרים איז געווען ביטער, אָבער: „ויזעקו״, מען האָט געקענט קאָנצענטרירן די געדאַנקען און שרייען צו גאָט; איצט זענען מיר אַזוי דערשלאָגן, אַז מען קען אַפילו נישט אַ געשריי טאָן צו גאָט״.

אַ פּאָר טאָג פאַר שבועות, גייענדיק צוריק פון וואַלד, האָבן מיר גענומען דערמאָנען די אַמאָליקע שבועותן און אונדזערע טאַטעס, ווי אַזוי זיי פלעגן פראַווען דעם יום־טוב. ס׳איז אונדז באַפאַלן אַזאַ מרה־שחורה, אַז מיר האָבן זיך אַלע שטאַרק צעוויינט און איינער פון צווישן אונדז האָט זיך גענומען אַזוי טרייסטן: „כ׳האָב געהערט, זאָגט ער, פון איציק מאיר בליזניוק, אַז דער טערק וועט אָפּקויפן ביים דייטש אַלע יידן״. אַ צווייטער האָט גענומען דערציילן, אַז אהרל לאטקא, דער איינציקער ייד אין געטאָ, וועמען די דייטשן גיבן אַ מעגלעכקייט זיך פריי צו באַוועגן און ער האַנדלט נאָך מיט גוים, זאָל האָבן פון זיי געהערט, אַז דער דייטש וועט אינגיכן אַרויסשיקן אַלע יידן אויף אַ ווייטן אינדזל, בלב ימים און אַז אָט דאָס אינדזל רופט זיך „מאַדאַגאַסקאַר״. „אַ־ה־אַ — כאַפּט אונטער אַ דריטער — מאַדאַגאַסקאַר! דאָרט וועט איר שוין מעגן פּגרן, אַפילו שלאַנגען לעבן נישט דאָרט. אויף דעם אינדזל בושעווען די געלע כאָלערע, טאָ זאָל מען אונדז שוין בעסער דאָ צעשיסן און פּטור אַ מעשה״. שלינגט מען אַראָפּ די האַרבע רייד און אַלע קרעכצן און ווישן די אויגן. איך זע, אַז צימינסקי וויינט און באַרויקט זיך נישט. „וואָס וויינסטו? — זאָגט צו אים יחיאל זאַלישינער — וועמען זשאַלעוועסטו דאָ איבערלאָזן? וועמען? אָט די גוים מערדער?!״

אַזוי שמועסנדיק, גייען מיר אַריין אין שטעטל. שקצימלעך פון מאַקאַראָוויטשינע לויפן אונדז נאָך און דרייען מיט שפּאָט אַנטקעגן אונדז די עקן פון זייערע העמדלעך. אייניקע באַשיטן אונדז מיט זאַמד און אַנדערע מאַכן כיק־כיק איבער די העלדזולעך און שטעקן אַרויס זייערע צינגלעך. מיט דעם זאָגן זיי אונדז אָן, אַז מען וועט אונדז קוילענען.

קומענדיק אין געטאָ ביז טאַשקענטס מויערל צעטיילן מיר זיך. איין טייל פון אונדז גייט אין רעכטן האַלבן־געטאָ, און דער צווייטער — אין לינקן האַלבן־געטאָ. איך זע נעבן רבס הויז שטיין צעשראָקענע יידן, שוואַרצע ווי קויל, ממש האַלבע מתים, מיט צעשוי־בערטע האָר און אויסגעגלאָצטע אויגן. אונדזערע פרויען זענען אויך דאָ אָפּוואַרטנדיק אונדז ביים אַריינגאַנג אין געטאָ און זיי ברעכן די הענט און וויינען. „וואָס איז געשען?״ פרעגן מיר. זאָגט מיר זלמן ווירוועס, מיין פעטער: „דו זעסט נישט, קוק אויף דער וואַנט!״ כ׳גיב אַ קוק און לייען אַ פאַראָרדענונג פון געסטאַפּאָ, אַז דעם צווייטן טאָג שבועות, 6 אַזייגער פרי דאַרפן אויף וואַראַבינער גאַס, ביים גוישן בית־הקברות, זיך צושטעלן מענער, פרויען און קינדער, אויך די זויג־קינדער צו אַן אַלגעמיינער ציילונג. איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אַמאָל געלייענט, אַז די דייטשן פלעגן אויסקלייבן ספּעציעל די יום־טוב־טעג פאַר אַלע זייערע שיקאַנעס קעגן יידן און דער ערשטער געדאַנק, נאָכן איבערלייענען

די פאַראָרדענונג, איז, אַז דער סוף רוקט זיך אָן. דאָס זעלבע טראַכטן אויך אַנדערע און איינער אויפן צווייטן קוקט מיט רחמנות־בליקן.

כ׳קום אַהיים און נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון פרוי און קינדער. איך געזעגן זיך אין מחשבה מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. די ביטערע נאַכט קומט אָן און גייט פאַרביי אַ שלאָפלאָזע. גאַנץ פרי לויפט מען צו דער אַרבעט. אין וואַלד רעדן מיר כמעט נישט אַ גאַנצן טאָג צווישן זיך. מיר מיידן אויס אַפילו אַריינצוקוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין. אָבער יעדער איז פאַרשטיינערט. ס׳איז נאָך אַלץ אַ שאָד דאָס ביסל נישטיקע לעבן. מחשבות עגבערן און זאָגן אונטער: „דאָס זענען, די לעצטע טעג״.

דער יודענראַט האָט פיל געאַרבעט בכדי אונדז צו באַרויקן. אָט גייט צו צו מיר דער אַלטער ראָטנבערג און זאָגט אַ מימרא מיט אַן אויספיר, אַז ס׳איז נאַריש צו דענקען, אַז מען וועט נעמען מענטשן און פלוצלינג צעשיסן. אין אַ מינוט אַרום, נאָך אַלץ פאַרן אַרויסגאַנג צו דער אַרבעט, קומט צו אברהמל ליבערסאָן און פרעגט מיר: „וואָס, דו האָסט זיך אויך דערשראָקן? ס׳איז אַן אַבסורד צו טראַכטן אַזאַ נאַרישקייט״. און אָט באַווייזט זיך גלייך חיים גילדנגאָרן מיט אַ כיטרער חכמהלע און איז מבטל דעם גאַנצן פחד. בערל שפּירא באַווייזט זיך און קוקט אין דער טיף אַריין, שאָקלט מאַיעסטעטיש מיטן קאָפּ און מורמלט: „דערשראָקענע שאָף״. בנימין שוואַרצטוך רעדט האָפערדיק: „גייט, יידן, צו דער אַרבעט און טראַכט נישט פון נעכטיקע טעג, טוט דאָס וואָס מען דאַרף״. אָבער די הענט און פיס ברעכן זיך אונטער מיר, אין קאָפּ טומלט. דאָס האַרץ נאָגט. „רבונו של עולם! ס׳ווילט זיך לעבן און איבערלעבן״ — שעפּטשעט זיך אויס שטיל אַ תפילה.

ערב שבועות האָבן די דייטשן דערלויבט צו עפענען די גרויסע שול. דער יודענראַט הייסט אַלעמען גיין אין שול, ווייל אשר שטראָם וועט דאָרט רעדן מיט אונדז וועגן דער פאַרשטייענדיקער ציילונג. אשר שטראָם איז דער שטענדיקער ראש־המדברים ביי אַלע קאָנטריבוציעס און אויפטרייסלונגען.

יאָ, כמעט אַ יאָר איז פאַרביי זינט די דייטשן האָבן פאַרמאַכט די גרויסע שול און במשך פון דער צייט איז דאָרט קיין יידישער פוס נישט געווען. איצט, קוקסטו אויף די פאַרלאָזטע־שוואַרצע־ווענט, דיקע שיכטן שטויב, פאַרלאָזטן ארון־קודש און הערסט זיך צו ווי אַזוי אשר שטראָם אַרגומענטירט די פאַראָרדענונג און באַמיט זיך צו באַרויקן די אויפגעטרייסלטע געמיטער. ער ברענגט ראיות פון אַמאָליקע צייטן, פון מאַרטירער־תקופות, כּון וועלכע מיר זענען אַרויס גאַנצע. אויך איצט וועט אונדז קיין שלעכטס נישט געשען. „ס׳איז אוממעגלעך — זאָגט ער — מען זאָל נעמען נוצלעכע מענטשן, וועלכע אַרבעטן געטריי, און אָן לוין און סתם אָן אַ פאַרוואָס זיי הרגענען. די קלאַנגען, וואָס זענען דערגאַנגען פון פינסק און ראָוונע — דערקלערט ער — זענען נישט באַשטעטיקט געוואָרן. און אויב אַפילו דאָרט איז יאָ עפּעס פאָרגעקומען, זענען מן הסתם געווען גורמים דערצו. דער יודענראַט אין דאָמבראָוויץ — מעלדעט שטראָם — שטייט אויף דער וואַך, אַז ס׳זאָל נישט פאָרקומען קיין שום פּראָוואָקאַציעס, וועלכע קענען אַרויסרופן שוידער־לעכע פאָלגן. לכן, דאַרפן אַלע יידן זיין געהאָרכזאַם און אויספילן די פאַראָרדענונג

ווענן צושטעלן זיך צו דער ציילונג, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט ביי די מאַכט־אָרגאַנען. אַלע ווי איין מענטש דאַרפן זיך צושטעלן דעם צווייטן טאָג שבועות, גאַנץ פרי, צו דער ציילונג און נאָכהער וועט מען, ווי געוויינלעך, אַרויסגיין צו דער אַרבעט״

יידן טראַכטן אַריין אין די אַרויסגעבראַכטע אַרגומענטן, אַז אין דער צייט ווען מען נייטיקט זיך אין אַרבעטס־הענט, שיסט מען נישט קיין מענטשן און אויך, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ קולטור־פאָלק און נישט מיט סתם רוצחים און מען קוקט זיך אַרום מיט אומעטיקע בליקן אויף די שול־ווענט, אויפן ארון־קודש, אויף דער בימה, וועלכע זענען אַזוי באַקאַנט און איינגעבאַקן אין האַרצן נאָך פון די קינדער־יאָרן. מען דערמאָנט זיך אין די אַמאָליקע ערב שבועותן — די שול איז פייערלעך אויסגעפוצט מיט געמאָלעכצער, בעריאָזענע ביימלעך, גרינע טאָסקאַזיליע, שיינע לאָמפּן און הענג־לייכטער. מען זעט, אין דער פאַנטאַזיע, די אַמאָליקע גערעמע, ציכטיקע און לופטיקע הייזער, דאָס שמעקעוודיקע יום־טוב־געבעקס און די פאַרשידנאַרטיקע מאכלים, אויסגעצוואָגענע און פריילעכע קינדערלעך. יידן גייען פון וואַרעמען טייך. אין שטוב פאָרען זיך — לכבוד יום־טוב — די פרויען, שוועסטערן און ליבע מאַמעס. אָט זע איך פאַר מיינע אויגן דעם אַמאָליקן נאָסיע־הערש־פּאַפּוש, דעם אַמאָליקן שול־גבאי, שיע־מאיר דעם שמש, די אַמאָליקע זויבערע שוואַרצע קאַפּאָטעס, ווייסע העמדער, צעקעמטע בערד און ליכטיקע אויגן — — — איצט שטייט דאָ אַן אומגליקלעכע עדה, באַהערשט פון טויט־שרעק און דורכגעדרונגען מיט טויט־מחשבות. אַ קוואַל פון ביטערע טרערן רינט אויס און געצוימטער וויטאָק דריקט אין זיך, וואָגט נישט אים אָפּן אַרויסצוברענגען. און אשר שטאם שטייט נאָך אַלץ אויף דער בימה און רעדט וועגן אַלע חורבנות פון ווייטע תקופות, גלותן און גאולות, צרות און יסורים, ישועות און נחמות. מען זעט, אַז ער איז אויך צוזאַמענגעבראָכן. פּלוצעם האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט און טיף אויסגעאָטעמט, האָט זיך פון זיין מויל צעטראָגן אין דער טיפער שטילקייט דער פאָלגענדיקער זאַץ: „דאָס מאַרשירן פון די יידישע קהילות צום די ציילונגס־פּלעצער טראָגט מיט זיך דעם אָנזאָג פון טויט״. גלייך דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט. מיר אַלע זענען פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ערטער. אויף וועמען נאָר ס׳איז געפאַלן מיין בליק, האָב איך געזען טויט, פאַרגליווערטע מתים. קיינער האָט שוין נישט געקענט וויינען. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שלוכצן פון דעם איינעם מענטש, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בימה.

די שבועות־נעכט מיטן ערשטן טאָג פון יום־טוב זענען אַדורך אין יסורים און אין חששות. די גאַנצע עדה איז באַהערשט פון טויט־געדאַנק. אין די־אַ שעה׳ן, וועלכע מיר האָבן געזען ווי די לעצטע פון אונדזער לעבן, לאָזט מען נישט קומען צו חשבון־הנפש און מען יאָגט ווי געוויינלעך צו דער אַרבעט.

און מיר האָבן זיך טאַקע אומזיסט געשראָקן, ווייל די געסטאַפּאָ האָט מאַנעווירט מיט אונדז און פאַרגעברייט פאַר אונדז אַן אמתדיקן טויט־מאַרש און געוואָלט, אַז מיר זאָלן דאָן זיך צושטעלן און גיין מיט פולן צוטרוי צו איר. אין איצטיקן פאַל זענען מיר געגאַנגען צו דער ציילונג און טאַקע צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין אָן קרבנות. דער דאָזיקער

פאַל האָט אויפסניי דערוועקט ביי אונדז אַ פונק צוטרוי און גלויבן. און ווען מען האָט אונדז, אין דריי חדשים שפּעטער, ווידער גערופן צו אַ ציילונג, זענען מיר אַלע געגאַנגען אָן טראַגיש אַריינגעגנאַרט געוואָרן. דאַן איז דאָס טאַקע געווען דער וועג צום טויט. און ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז ווען מיר זענען שבועות געגאַנגען צו דער ציילונג, איז גאַנץ וואַראַבינער גאַס געווען פון ביידע זייטן אויסגעפּולט מיט הונדערטער גוים און אויסגעפּוצטע גויעס. זייערע פּנימער האָבן געשטראַלט. אויך אַרום זאַמל־פּונקט איז געשטאַנען אַ המון פון גוים און גויעס און זיי האָבן צווישן זיך פריידיק געשמועסט. און ווען ס׳איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז נאָך נישט געקומען אונדזער טויט, זענען זיי זיך אַלע צעגאַנגען אַנטוישטע.

י. די לעצטע דריי חדשים געטאָ־לעבן

פון טאָג צו טאָג, איז דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער קלעם געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. די לעצטע דריי חדשים געטאָ־לעבן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איין גרויסן קאָשמאַר פון אומדערטרעגלעכער לייד און גרויזאַמער פּיין. אין יעדן הויז האָבן זיך געפּייניקט שוצלאָזע נפשות. אין יעדן צימער האָט געוויטיקט אַ צענדליק אויסגעלאָשענע לעבנס. אַלץ איז געווען איינגעוויקלט אין ספיקות און אין מחשבות: וואָס וועט זיין? צי וועט נעמען אַ סוף צו דעם? און די־אַ טעג, פון שבועות ביז חצי אלול, זענען געווען אַ גהינום־איביקייט. די קליינע צימערן זענען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. צווישן זיי — אַ גרויסע טייל קראַנקע. די געזונטע זאָרגן צו באַקומען אויך ברויט פאַר די קראַנקע. די גופים זענען אויסגעדאַרט פון נישט דערעסן און פון שווערער אַרבעט. הערצער ווערן צעריסן פון צער איבער די דערשראָקענע און אויסגעהונגערטע קינדער. איבעראַל זעסטו אויסגעדאַרטע, צעקנייטשטע פּנימער און פינצטערע, אויסגעלאָשענע אויגן. עס קוקט פון זיי אַרויס דער מלאך־המות.

אין יענער צייט פאַרשפּרייט בערל יונגשטיין אַ גוטע בשורה: ער האָט געהערט פון מישטשוקן, דער דירעקטאָר פון דאַמבראָוויצער טאַרטאַקן, וועלכער איז נאָר וואָס צו־ריקגעקומען פון לוצק, וווּ ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע דירעקטאָרן פון דער אוקראַאינישער האָלץ־אינדוסטריע, אַז דאָרט האָט מען דייטלעך גערעדט וועגן דער וויטערדיקער באַשעפטיקונג פון די יידן אין דער געגעבענער אינדוסטריע. אַזוי אַרום איז געוואָרן אַ שטיקל שעת־רצון און מען האָט גוט געוווסט וואָס עס הייסט אַרבעטן ביי די דייטשן, אומזיסט, פאַר 50 גראַם ברויט. אָבער, גאָט קען העלפן.

דערווייל, אַרבעט מען שווער און פחדים פעלן נישט. איבערן געטאָ לויפן אַרום דייטשן און פאָדערן קעגנשטאַנדן און פאַנטאַסטישע סכומים. זיי זענען אכזריותדיק און ברוטאַל. אויך ווילדע, אומגעצאַמטע גוישע פּאָליציאַנטן, לאָזן זיך ווילגיין אין געטאָ, שלאָגן, פּייניקן.

דערווייל לאָזן די דייטשן אין גאַנג זייער אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע. זיי צילן דער־מיט נאָך מער צו פאַרמיאוסן דאָס אַזוי שוין פאַרמיאוסטע לעבן און נאָך מער אויפצוהעצן

די אַרומיקע גוישע וועלט קעגן יידן. אין איינעם אַ טאָג, האָט זיך באַוויזן אויף די ווענט פון געטאָ אַ גרויסער פּלאַקאַט, אויף וועלכן מען האָט געזען צוויי אוקראַינער, איינגע־שפּאַנטע אין אַ שווערן קאַלכאָזנעם אַקער. פון זייערע מיילער רינט שוים און פון זייערע אָנטבלויזטע גופים טריפט בלוט. אַ סאָוויעטישער קאָמיסאַר מיט אַ יידישער נאָז און יידישן קלסתר־פּנים, מיט שוואַרצע, שפּיציקע אויגן, מיט אַ יידישן ווינקל־שטערן, טרייבט זיי אונטער מיט אַ בייטש אין איין האַנט און מיט אַ נאַגאַן אין דער צווייטער האַנט. אונטער דער דאָזיקער צייכענונג איז געווען פאָלגנדיקער אויפשריפט: „אַזוי האָבן די יידישע קאַניבאַלן געפּייניקט דעם אוקראַינישן מענטש".

אין יענעם טאָג און עטלעכע טעג נאָכדעם, האָט מען אונדז פאַרוואָרפן — בעת מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, דורך מאַקאַראָווער גאַס — מיט שטעקנס און באַגלייט מיט זלזולים און קללות.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אויסגעקלעפּט געוואָרן נאָך אַ פּלאַקאַט, וואָס האָט אַנט־האַלטן אַ וואָרענונג צו דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, זי זאָל וויסן, אַז די יידן האָבן אַפּגעסמט די ברינעמער.

נאָך דעם זענען געקומען העצערישע אַרטיקלען אין דער אוקראַינישער צייטונג. אין איין אַרטיקל האָט זיך געשריבן, אַז די יידן האָבן געקרייציקט יעזוסן און עד היום צאַפּן זיי בלוט פון קריסטלעכע קינדער פאַר זייערע ריטועלע צערעמאָניעס. אונטער דעם אַרטיקל איז געווען אונטערגעשריבן אַ גלח פון דער־און־דער עפּאַראַכיע.

אַ צווייט אַרטיקל האָט געשילדערט די יידן אין זייער אַמאָליקער פּלשתינא, ווו זיי האָבן פאַרפּייניקט די אַריער די עמלקים. לויט דעם מחבר פון אַרטיקל, האָבן יידן זיך נאָכהער צעשפּרייט לויט אַן אויסגערעכנטן פּלאַן, כדי צו באַטריגן, באַשווינדלען די אַריער, די אַלטע־רוימער, די סלאַוון, די אַלטע־גערמאַנער און היינט ווילן זיי ווייטער מיט דעם זעלבן ממשיך זיין. דאָס אַרטיקל האָט זיך געענדיקט מיטן רוף: „ווערט זיך, ברידער, אוקראַינער!" אונטערגעשריבן איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון היסטאָריע פון דעם און דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

אין אַן אַנדער אַרטיקל האָט זיך גערעדט וועגן דעם, אַז יידן האָבן חרוב געמאַכט מצרים, בבל און אשור, גריכנלאַנד און רוים, כמעלניצקין און דעם לעצטן אַדלער — פּעטלורען.

אין אַ ריי אַרטיקלען אין דער צייטונג איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון יידישער עקספּאַנסיע, פון יידישן דראַנג צו באַהערשן די גאַנצע וועלט, אָנהויבנדיק פון די אוראַלטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. די צווייטע וועלט־מלחמה איז אין די דאָזיקע אַרטיקלען אויפגעפּאַסט געוואָרן ווי אַ געמיינזאַמער פּרווו פון וועלט־יידנטום צו פאַר־ניכטן דאָס דייטשישע רייך. סטאַלין און רוזוועלט, איז געזאָגט געוואָרן אין יענע צייטונגס־אַרטיקלען, זענען פאַרשטעלטע יידן, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען לויט דירעקטיוון וואָס זיי באַקומען פון דעם יידישן געהיימען וועלט־ראָט („זקני ציון").

און כאָטש די דאָזיקע היסטאָרישע אויפפּאַסונג איז נישט געווען פאַרשטענדלעך פאַר דער אוקראַינישער באַפעלקערונג (הגם ס'זענען שוין געווען „רבי'ס", וועלכע האָבן

געפּרוּווט אַריינקלאַפּן אין קאָפּ די דאָזיקע אידייען און נאָך צוגעגעבן פּירושים דערצו) און אמעלקאָ, דער קריוויצער זאָגט: „טאָ מוסיט ברעכניאַ" — „ס'איז ליגן", איז אָבער איך זאָך יאָ געווען פאַר די פאַרשטענדלעך און דאָס איז געווען: דער רוף: „אַ טויט די יידן!". אָט דער רוף האָט זיך איבערגעחזרט ביים ענדע פון יעדן אַרטיקל אין צייטונג ווי אויך אויף יעדן פּלאַקאַט אויף דער וואַנט. אַפילו די מכלומרשטע אינטעליגענץ צווישן דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, וואָס האָט גאָר גיך איינגעזאַפּט אין זיך דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער דאָזיקער נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע, איז געוואָרן אונדזער בלוטיקסטער שונא און געוואָרט מיט אומגעדולד אויף אונדזער אומקום. איין מאָל, ווען כ'האָב געאַרבעט אויפן טאַרטאַק, טראָגנדיק די ברעטער, קוק איך אַזוי אויף די אַרטיקלען, אויסגעקלעפּטע אויף די ווענט. דאָן איז צו מיר צוגעגאַנגען דער דירעקטאָר, דער אויבן דערמאָנטער מישטשוק, און האָט צו מיר געזאָגט: „מיר זענען ביידע געווען ידידים במשך אַ סך יאָרן. איך היינט בין איך דיין א גוטער־ברודער און ס'מאַכט נישט וואָס איך בין דירעקטאָר און דו טראָגסט ברעטער. אָבער לייען דורך דאָס אַלץ און זאָג דעם אמת, צי קען מען אויף אייך רחמנות האָבן? אַז איר אַלע זייט אַזעלכע שלעכטע מענטשן?!"

אין רעזולטאַט פון אַזאַ צוגאַנג צו אונדז, יידן, האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט די באַציונג פון אַלע גוישע אָנגעשטעלטע און אויפזעערס אויפן טאַרטאַק. נאָך ערגער איז געווען ביי דער קאַלקער בריק. דאָרטן זענען די נוגשים אויך געווען אוקראַינער, אָבער אונטערן אויפזיכט פון געסטאַפּאָ און מען האָט אונדז דאָרט געשלאָגן פון אַלע זייטן, געשפּיגן אין פּנים אַריין, געקאָפּעט מיט די פיס, געשאָלטן און געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער. די אוקראַינער האָבן זיך אויסגעלערנט און געשריגן „יודע דרעק־זאַק" און צו דעם נאָך — אַ ציפּ, אַ ריס. דער זעלבער מצב האָט געהערשט אין אַלע איבעריקע אַרבעטס־פּלעצער. אומעטום, ווו מיר זענען נאָר געקומען און אַפילו אין די גוישע הייזקעס, האָבן מיר געטראָפן אויסגעקלעפּט אַנטיסעמיטישע פּלאַקאַטן און „לומדישע" אַרטיקלען. אַזוי אַרום האָבן שוין די גוישע נוגשים און אויפזעערס אונדז געפּייניקט מיט גרויס חשק.

פון צייט צו צייט פלעגט מען אונדז איבערוואַרפן פון איין אַרבעט צו אַ צווייטער. און אַפילו אין פעלד האָט אויך געהערשט דער זעלבער מצב, דער שטענדיקער גהינום. אומעטום — מאיומדיקע אויפרופן אין גוישע אויגן, אין וועלכע עס פלאַקערן האָס און רציחה. אַלע עטלעכע און נײַנציק געטאָ־טעג און אַלע עלף מאָנאַטן, ביזן געטאָ, זענען אויסגעפילט מיט איין אינהאַלט פון אכזריותדיקע, גרוילעכע יסורים.

איין מאָל האָט די אוקראַינישע פּאָליציי פאַרהאַלטן ביים געטאָ־טויער אַ גרופּע פון 50 קינדער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט אין מאַטשולישטשער הויף. זיי האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין די קעשענעס און האָבן ביי זיי געפונען פאַרשטעקט צו דריי קאַרטאָפל. מען האָט אָפּגעפירט די גאַנצע גרופּע קינדער צו כאַרטשאַקס הויז, ווו עס האָט זיך געפונען די פּאָליציי און מען האָט זיי מערדערלעך געשלאָגן. דער יודענראַט האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען און ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען די צעקיילטע און צעביילטע קינדער אַריינגעטריבן אין געטאָ. ס'איז נישט צו באַשרייבן דעם צער

פון די עלטערן און פון אַלע געטאָ־יידן, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז איצט וועט מען אַלעמען אויסשיסן. ביינאַכט האָט געדאַרפט זיין אַ טויט־שטילקייט אין געטאָ. ווי נאָר אַ טומל, האָט געשמעקט מיט מלאך־המות. אָבער אין יענער נאַכט איז שוין נישט געווען קיין אָרט פאַר פּחד צוליבן טומל. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. אין אַ געוויסער מאָס האָט טאַקע דער טומל דאַן אָפּגעראַטעוועט די קינדער.

שפּעטער איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן אַ מאַסן־הריגה אין טשאַרטאָריסק. 65 דאָרטיקע און ראַפאַלאָווקער יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אַ יאָר צייט ביים אויפבויען צוריק די אויפגעריסענע בריק, זענען דערשאָסן געוואָרן אין זעלבן טאָג ווען די בריק איז פאַרטיק געוואָרן און דער ערשטער צוג איז איבער איר דורכגעפאָרן. איצט איז שוין נישט קיין פראַגע פון פּחד, צי ווייטאָק, נאָר עפּעס אַ מהומה־שטימונג האָט אַלעמען אַרומגענומען. איינער קלאַפּט קאָפּ אין וואַנט, אַ צווייטער פּאַטשט מיט די הענט און שרייט: „אוי ווי איז מיר, טאַטע זיסער". מען לויפט אַהין און אַהער און מען דרייט זיך אויפן אָרט, ווייל ס'איז דאָך נישטאָ וווהין צו לויפן! מענטשן לויפן צום יודענראַט און אויך דאָרט זענען אַלע איבערגעשראָקן און צעטומלט. לויפט מען צו ר' נחומטשען, צו ר' אבא'לען און מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אין דער זעלבער צייט זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז ס'איז שקר וכזב. מיר זאָגט עליע שפּין: „אַפילו ווען ס'איז אמת, דאַרף מען אויך שרייען, אַז ס'איז אַ ליגן, ווייל וואָס קענען מיר דען מאַכן?"

דערווייל האָט זיך דער הונגער געשטאַרקט. איבערן געטאָ גייען אַרום גויים מיט טאָרבעטשקעס קאָרן צו 15 קילאָ און שלעפּן אַרויס פאַר דעם אַ גאַנץ בעט מיט קישנס, פּערענע און צודעק, אָדער אַן אַנצוג. פאַר צוויי פּוד קאָרן — אַ ניי־מאַשין. אַ שטיק מעבל — פאַר אַ קליין נושקעלע קאָרן. און אָט קען מען זיך שוין נישט גריבלען אין מעשה טשאַרטאָריסק, ווייל אַ פרישע איוב־בשורה איז אָנגעקומען אין געטאָ וועגן אַ מאַסן־הריגה אין מאַראָטשנע, וווּ ס'זענען געווען קאָנצענטרירט איבער 500 יידישע נפשות פון די אַרומיקע דערפער און די רעשטלעך פון פּאַהאָסטער געטאָ. און ווידער זענען די דעות געטיילטע: אייניקע ליאַרעמען, וויינען, שרייען, אַז ס'איז דער סוף פון אַלע יידן. אַנדערע טענה'ן, אַז ס'איז נישט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש און זיי פּאָרען זיך ווייטער אַרום קלייניקייטן, כדי נאָר איבערצולעבן די שווערע צייטן און טענהן אין מיט די איבעריקע, אַז ס'איז נישט אמת. און מאָדנע, עפּעס אַ געהיימער כוח באַרויקט און זאָגט אונטער, אַז מענטשן זענען נישט קיין חיות רעות און אַפילו דייטשן שעכטן נישט סתם אַזוי...

איין מאָל, גייענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך ריזיקירט און זיך אַריינגעכאַפּט צום אָביעזטשיק אויף דער וואָוקאָווניע, אַ געוועזענער סאָוויעטישער בירגער. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן וואָס עס הערט זיך, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: „ס'איז נישט נויטיק צו וויסן. איר האָט אָנגעוווירן די קעפּ. אין דאָמבראָוויץ וועט אויך געשען דאָס זעלבע. פאַרשטייט שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז דער דייטש וועט איך אויסשעכטן, טאָ לויפט וואָס פריער מיט געווער אין וואַלד אַריין און נעמט אויף אַן אָפענעם קאַמף, ווייל אין ווייטן הינטערלאַנד קען מען זיך קעגנשטעלן די דייטשן, מען קען זיי אויסהרגענען

אין די נעכט". די דאָזיקע ווערטער האָבן אַריינגעדרונגען טיף אין מיין האַרצן, אָבער כ'האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, ווי אַזוי מען אַנטלויפט אין וואַלד און ווי אַזוי מען קען מיט ליידיקע הענט שלאָגן דעם דייטש. מיין שמועס מיט מענטשן וועגן דעם אָביעזשטשיקס עצה, ווערט קאָמענטירט און אָפּגעוואָרפן, ווייל מען גלויבט אין די ליגנערישע הבטחות פון די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע נעמען מתנות און זאָגן צו. מען ווייסט אויך, אַז אַלע שכנותדיקע שטעטלעך: ראַפּאַלאָווקע, וולאדימירעץ, ראקיטנע, קלעסאָוו און בערעזשניץ, שיקן אויך וואָך־איין וואָך־אויס גוטע מתנות און באַקומען גוטע הבטחות פון סאַרנער מאַכט־האָבער און גלויבן, אַז „בעה"י, וועט גוט זיין". מען האָט דעריבער געהאַלטן, אַז ווען מיר וועלן נעמען די שיטה פון קאַמף, וועלן באַדראָט ווערן אַלע אויבן דערמאָנטע יידישע ישובים און אין איין טאָג וועט מען אַלעמען אויסמאָרדן צוליב אונדז.

דערנאָך איז געקומען די בשורה וועגן אַ מאַסן־הריגה אין קאָרעץ. אַ גוי גיט איבער בסוד־סודות, אַז דאָס יידישע קאָרעץ איז אויסגעקוילעט. איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי מיין שכנטע טעמע שיינמאַן, וועלכע האָט געהאַט אַ טאָכטער אין קאָרעץ, איז אַרומגעלאָפן אַ גאַנצע נאַכט איבערן צימער און האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, צעריסן די הלבשה אויף זיך, די קישנס און צעבראָכן דאָס געשיר. געוויין און ווייגעשרייען האָבן זיך געטראָגן איבערן געטאָ ביזן פרימאָרגן. צומאָרגנס האָט זיך באַוויזן אין געטאָ אַ גוי און געבראַכט צו פירן פעסער סיראָפּ פון קאָרעצער צוקער־פאַבריקן און ער האָט דערציילט, אַז אין קאָרעץ זענען אַלע יידן אויפן אָרט און מען קען אויך קויפן מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע און ציבעלעס. הערשט ווידער אַ צעמישונג און אַ צווייפלעניש.

אָט אַזוי האָט געאַרבעט די דייטשישע אויסראָטונגס־קאָמאַנדע: געפייניקט, געמאָרדעט און אונטערגעשיקט גוים און באַרויקט, כדי ווען ס'וועט קומען דער טאָג פון אונדזער שחיטה, זאָלן מיר גיין מיט צוטרוי ווי שעפעלעך. און זיי האָבן זייערס דערגרייכט.

אין דאָמבראָוויצער געטאָ איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ צו מאַניפאַקטור אָדער גאַלאַנטעריע. ווען אַ גוי שמוגלט אַריין אַ ביסל ציבעלעס, אָדער אַ ביסל פרישע קאַרטאָפל, הייסט ער זיך דערפאַר באַצאָלן מיט אַ קישן אָדער מיט אַ פּאָר שיך, אָדער מיט וואַרעמע וועש, וועלכע זענען שוין לאַנג נישטאָ כמעט ביי קיינעם. צו מיר האָט אַ דאָרפישער גוי אַריינגעבראַכט אַ ביסל שטשאַוו, אַ פּאָר בוראַקעס, אַ צענדליק פרישע ציבעלעס, אַ צענדליק קליינע אוגערקעס, צוויי טעפּעלעך פרישע קאַרטאָפל און געזאָגט בזו הלשון: „גיב מיר דיין יום־טובדיקן אַנצוג". אָבער דער רוב יידן האָט שוין זיינע אַנצוגער געהאַט אָפּגעגעבן. פאַרשטייער פון יודענראַט קומען יעדן טאָג מיט נייע פאָדערונגען צו געבן מתנות פאַר די דייטשישע און אוקראַאינישע מאַכט־האָבער. און ווען מען האָט זיך איינמאָל דערוווּסט, אַז ביי איינעם זענען אויסבאַהאַלטן צוויי גאָלדענע זייגערס און אַנטיקלעך, וועלכע קלינגען און שפּילן אין איינגעפאַסטע שטיינדלעך, האָט מען זיי ביי יענעם

צוגענומען און אבאלסקי האָט זיי אָפּגעפירט צום דייטשישן געביטס־קאָמיסאַר און שעף פון אָרטיקן געסטאַפּאָ.

שטענדיק ווען אבאלסקי קומט צוריק פון סאַרנע, גיט ער איבער, אַז די מאַכט־האָבער זענען ווי משוגענע הינט און שרייען: „די יודען, די יודען". מען מוז דעריבער פאַרשטאָפּן זייערע מײַלער, ווייל דער ענין פון לחיים או למות איז אין זייערע הענט. טאָ אויב אַזוי שלעפּט מען אַרויס פון די הייזער וואָס עס לאָזט זיך. ווער ס'גיט אָפּ מיט גוטן ווילן און פון וועמען מען נעמט מיט כוח. דער יודענראַט האָט אַלעמענס ווירטשאַפט געהאַט אויפן אויג און כמעט יעדן דריטן, פינפטן טאָג באַזוכט מענטשן. אַט איז מען געקומען צו אַביגדור כארפאק, ער זאָל אָפּגעבן זיין פערסישן טעפּיך און ער וויל נישט געבן. קומט אַ פאָרשטייער פון יודענראַט מיט יידישע פּאָליציאַנטן נעמען מיט כוח און ס'איז אַ טומל. באותו־רגע האָבן זיך באַוויזן צוויי געסטאַפּאָ־לייט אויף מאָטאָציקלען און צוגעשטעלט אביגדו'רן צו דער וואַנט כדי אים צו שיסן אויפן אָרט. מיט גרויס מי און אַ דאַנק גוטע מתנות און נאָך פיל בקשות מצד דעם יודענראַט, האָט מען אביגדור כארפאקן אַרויסגענומען פון זייערע הענט. פאַרשטייט זיך, אַז דעם טעפּיך האָט מען צוגענומען און אים אָפּגעגעבן דעם פאַרטרעטער פון געביטס־קאָמיסאַר.

נישט אַלע, און אפשר טאַקע גאָר ווייניק האָבן תופס געווען וואָס עס קומט פאַר און וואָס עס דערוואַרט אונדז. אביגדור כארפאק — אַוודאי נישט. זיין אײדעם האָט מיר אַליין געזאָגט: „מען האַקט האָלץ, פאַלן שפּענדלעך. ס'איז איבערגאַנגס־צייט, מוז עפּעס פאָר־קומען. אָבער ביי די דייטשן וועלן יידן אויסגלייכן זייערע ביינער און וועלן לעבן גוט". איין ייד אין דאָמבראָוויץ, אהרן גאַלפּערן, האָט תופס געווען דעם מצב, און ער האָט אַזוי געזאָגט: „אויף צו זוכן עפּעס אַן עצה, און טאָן דערצו, איז ער נישט קיין חכם, אָבער זיכער איז, אַז מען וועט אונדז אַלעמען, ביז איינעם, אַלט און יונג, פרוי און מאַן אויסשעכטן". און בעת מעשה האָט ער פאַר אונדז אנטוויקלט זיין פילאָזאָפיע אויף אַזאַ שטייגער: „אַלע גאָטס באַשעפענישן זענען מערדער און דער מענטש איז דער אַרכי־מערדער. נאָר וואָס? תורות, געזעצן, שטראָפן, האָבן געצאַמט אַט דעם חיה־מענטש. און איצטער איז געקומען דער דייטש און האָט אונדז מפקיר געווען. די אויסדערווײלטע אוקראַינישע אינטעליגענץ פאַרוואַנדלט די יידן־מערדער אין אוקראַינישע פאָלקס־העלדן. די גלחים אין די קלויסטערס, זאָגן צו עולם הבא, און היטלער האַנדלט איין פרעמדע שטחים פאַר יידיש בלוט. מען וועט אונדז אויסמאָרדן, און די מתנות וועלן נישט העלפן". און לאחר המעשה מיט אביגדורס טעפּיך זאָגט אהרן גאַלפּערן צו אביגדורן: „דו דאַרפסט נישט דעם טעפּיך. צוואָס האָסטו אים בכלל אויסבאַהאַלטן? האָסט אים געדאַרפט צעשניידן אויף שטיקלעך און אַוועקוואַרפן, אַז די דייטשן, אָדער אוקראַינער זאָלן קיינמאָל פון אים קיין נוצן נישט האָבן. האָסטו טאַקע געטראַכט אַז דו אַליין וועסט נאָך ווען עס איז פון אים אַ נוצן האָבן?".

און אַט דאָס שרעקלעכע לעבן ציט זיך אַזוי פאַמעלעך. די פרימאָרגן־זון יאָגט אַרויס פון געטאָ אויף אַרבעט און צום אונטערגאַנג יאָגט זי אַריין צוריק אין די אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשן דו'שנע הייזקעס. באַמערקסט ווי במשך פון די פאָר חדשים אין געטאָ, זענען

די קינדער און פרויען געל און אויסגעדאַרט געוואָרן. די אויגן ביי זיי צעשראָקענע. די באַוועגונגען נערוועזע. מען פּלייסט זיך צו רעדן שטיל. באַמערקסט, אַז נישט נאָר דו אַליין, נאָר אַלע שטוב־מענטשן, שלאָפן נישט גאַנצע נעכט און קרעכצן און רופן צו הילף דעם רבונו־של־עולם. נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט איז דער טאָג פון עבודת־פּרך מיט די זלזולים — אַ מין קאַמפּאַט. שאלות און ספיקות לאָזן נישט אָפּ. ווילסט איבערלעבן און כאַפּסט זיך אָן אין אַ שטרוי. למשל, מאַכט זיך, אַז די גוישע „געסט" אין געטאָ מיט זייערע נאַשקעס קאָרן, וועלכע העלפן דיר מכלומרשט קרעכצן און טוען דיר אַ טובה, דערציילן יאַסל טליבעס אויפן אויער, אַז די סאָוויעטן שלאָגן דעם דייטש. פּעטרעס בשורה גייט איבערן גאַנצן געטאָ פון מויל צו מויל און מען באַקומט ווידער קוראַזש און מען האָפט ווייטער.

און פּלוצעם איז אָנגעקומען אַ שלעכטע בשורה. דער גאַנצער געטאָ ווערט אויפ־געשווידערט און צעטומלט אַזוי, אַז אין פאַרגליך מיט די פריערדיקע אומגליקן, האָט אָט דער וויי־געשריי אין געטאָ אַליץ איבערגעשטיגן. מען דערוווּסט זיך, אַז אַלע ראַזשישטשער יידן האָט מען אַרויסגעפירט הינטערן שטעטל און זיי צעשאָסן פון קוילנ־וואַרפערס. דערנאָך האָט מען זיי אַריינגעוואָרפן אין איין גרויסן גרוב און פאַרשאָטן. אַ טייל פון זיי זענען פאַרשאָטן געוואָרן נאָך האַלב־לעבעדיקע. מען האָט שוין אָפילו אָנגעוואָרן די שרעק. מען לויפט, מען טומלט אַרום במשך אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס זענען אַ סך נישט אַרויס צו דער אַרבעט און דער יודענראַט מיט דער געטאָ־פּאָליציי לויפן און שלעפן פון די הייזער און יאָגן צו דער אַרבעט.

עס קומען אָן טעג אין וועלכע די דייטשן ווערן גרויליקער און אכזריותדיקער. די אוקראַינישע פּאָליציי — צעווילדעוועטער. דערביי זענען די אַרבעטס־אויפגאַבעס זייער שווערע און דאָס פּלאָגעניש איז אַזוי גרויס, אַז דו קענסט נישט קומען צו די געדאַנקען. דייטשן פון פאַרשידענע פאָרמאַציעס פאָדערן פון יודענראַט פאַנטאַסטישע סכומים פון פעפער, געשיר, לעדער. מען זעט ווי די שטריק זענען שוין פאַרלייגט אַרום האַלדז און איינער פרעגט דעם צווייטן: וואָס איז דאָס שווייגן? פאַרוואָס טוט מען גאָרנישט? אָבער ביי מענטשן איז דאָס לעבן שוין נמאס ומאוס געוואָרן און זיי האַלטן, אַז עס איז נישט כדאי צו קעמפן פאַר אַזאַ לעבן און ווען איך זאָג צו חיים האָכמאַן, אַז אָט־אָט קומט דער טויט און אַז אַליץ, פון טשאַרטאַריסק ביז ראָזשישטשע, איז אמת, שווייגט ער לכתחילה און שפּעטער, שוין זייענדיק אין וואַלד, גייט ער צו צו מיר און זאָגט: „זאָלן די רשעים אונדז שוין וואָס גיכער אויפעסן און זאָלן אונדזערע ביינער זיך שטעלן זיי אין האַלדז און דערשטיקן".

צו יענער צייט האָבן זיך געפונען יחידים וועלכע האָבן געטראַכט וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד און זאָגאַר פּראָיעקטירט אונטערצוצינדן דאָס שטעטל פון אַלע זייטן און אין איין שעה זאָלן אָנהייבן ברענען די טאַרטאַקן, מילן און גאַרבאַרניעס, סקלאַדעס און אַלע יידישע הייזער. ביי דער געלעגנהייט, זאָל מען מיט העק און מיט אַנדערע מכשירים אַדורכרייסן זיך פון שטעטל אין וואַלד אַריין. צווישן די יעניקע, וועלכע האָבן געטרוימט

וועגן אַזאַ אַקציע, האָבן זיך געפֿינען: ליטמאַן גדליה'ס, שמואל ברוינפּן, נוח גערצקעס און דאָדל יונגשטיין.

און ווידער האָט זיך באַוויזן אַ גוי אַן אונטערגעשיקטער שליח־מיוחד, וועלכער האָט געבראַכט ווייצענע מעל, געקויפטע ביי אַ יידן אין ראָזישטשע — אַ סימן, אַז די גאַנצע מעשה־ראָזישטש איז גאָר אַן אויסגעטראַכטע און ראָזישטשער יידן לעבן און מסחרן. מיר וויסן נאָך דאָן נישט, אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע און אַז דער סוף קומט אָן אומגעריכט.

און ס'געשעט אַזוי: איבערן געטאָ שפּאַצירן אַרום דייטשישע מיליטער־לייט נישט אין געסטאַפּאָ־אוניפאָרם און נישט ירגזונדיק. זיי פֿאַרפֿירן פֿריינדלעכע שמועסן מיט יידן, לייגן אַפֿילו פֿאַר אַ סיגאַר און באַנוצן זיך מיט „ביטע שיין" און „דאַנקע שיין". די טעמעס פֿון זייערע שמועסן זענען פֿאַרבונדן מיטן קריג. זיי טענהן, אַז די דייטשן האָבן נישט געוואָלט די מלחמה, נאָר אַנדערע פֿעלקער האָבן זי אויף זיי אָנגעוואָרפֿן. ווען זיי פֿלעגן זיך פֿאַרגאַלאָפּירן אין זייערע אויספֿירונגען וועגן די סיבות פֿון קריג, פֿלעגן זיי אויך אַריינוואַרפֿן, אַז די יידן זענען די הויפּט־שולדיקע אין דעם און דאָן זיך העפֿלעך צוריקציען און צוגעבן, אַז זיי מיינען די יידן פֿון מאָסקווע, לאָנדאָן און ניו־יאָרק און נישט די פֿון דאָמבראָוויץ. „מיר וועלן אָבער אַזוי לאַנג דריקן די דאָמבראָוויצער יידן — האָבן זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין — ביז די לאָנדאָנער וועלן דערפֿילן און זיך צוריקציען פֿון זייערע עקספּאַנסיע־צילן". זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז קיינער פֿון אונדז האָט נישט אָפּאָנירט און קיינער האָט נישט געוואַגט אַ שמייכל צו טאָן. אַלע רעדן דאָס זעלבע וואָס עס איז געשריבן אין די אוקראַינישע צייטונגען. צו יעדן ייד קלעפּט זיך צו אַ דייטש און שמועסט אין אים אַריין. אָט די שיינע דרשות האָבן געקענט עפֿענען אונדזערע אויגן און שכל, כדי צו פֿאַרשטיין צו וואָס דאָס צילט. אָבער, דער שיינער טאָן און „ביטע באַקומען זיי אַ סיגאַרעט" האָט אונדז פֿאַרבלענדט די אויגן און עד היום איז מיר שווער צו פֿאַרשטיין, וואָס עס האָבן אָט די דייטשישע שליחים געוואָלט פֿון אונדז: צי אָפּנייגן אונדז פֿון חשד, אַז מען פֿירט אונדז צום טויט, אָדער, אפשר גאָר אַריינקלאַפּן אין אונדזערע קעפּ, אַז שטאַרבנדיקע זאָלן מיר זאָגן „צדוק הדין", ד"ה, אַז דער דייטש איז גערעכט?

קומענדיק אַזוי איינמאָל צוריק פֿון וואַלד־אַרבעט, האָב איך ביים געטאָ־איינגאַנג זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַ דייטש, וועלכער האָט אין מיר אַריינגעטענהט אַ גוטע האַלבע שעה. אַ פֿאַרמאַטערטער פֿון דער אַרבעט בין איך שוין אַריין אין שטוב דענערווירט און צעטומלט. זאָגט צו מיר מיין פֿרוי, עליה השלום: „וואָס ערגערסטו זיך אַזוי? וואָס ווערט מען דאָ אָן? עס מעג שוין קומען דער סוף! נישטאָ מער קיין כוח אויסצוהאַלטן!"

יא. דער 26־טער אויגוסט 1942 (י"ג אלול תש"ב)

אין אַלע געסלעך פֿון געטאָ זענען אויסגעקלעפּט אויפֿרופֿן פֿון יודענראַט, אַז אַלע יידן זאָלן קומען זיך רעגיסטרירן און זיך פֿאַרברייטן צו דער ציילונג, וואָס וועט פֿאַר־קומען קומענדיקע וואָך, מיטוואָך פֿרי. אַ צווייטע פֿאַראָרדענונג איז קאָמפּליצירטער

פון דער ערשטער: קודם־כל דאַרף מען זיך מעלדן אין ביוראָ פון יודענראַט און דאָרט אויספילן אַ גענויע אַנקעטע וועגן אַלע משפחה־מיטגלידער. נאָכדעם ווי די רעגיסטראַציע אין יודענראַט וועט זיך פאַרענדיקן, וועט פאָרקומען אַ קאָנטראָל־ציילונג אין אויסגע־שטעלטע רייען, אַזוי ווי אין ערשטן מאָל.

אַלע יידן ווערן אויפגעציטערט און פרעגן איינער ביים צווייטן דעם באַדייט פון דער ציילונג. אַן עדה פון אַריבער פיר טויזנט יידישע נפשות לויפט אַרום, מען רעדט, מען שרייט, פרויען וויינען און ספּאַזמירן. דער יודענראַט האָט זיך באַמיט צו באַרויקן די אויפגעטרייסלטע געמיטער מיט דער אַרגומענטירונג, אַז די דייטשן ווילן וויסן ווי גרויס עס איז דער אַרבעטס־פּאָטענציאַל אין געטאָ און וויפל ברויט און קאַרטאָפל מען וועט דאַרפן גרייטן אויף ווינטער. איך זאָגן זיי, אַז ס'איז דאָ אַ גילוי־דעת, אַז מען וויל ליקווידירן אונדזער געטאָ און אַריבערפירן אַלעמען קיין סאַרנע, ווייל דאָרט נויטיקט מען זיך אין אונדז פיל מער ווי דאָ. און כאָטש מענטשן לויפן אַרום צעטומלטע און וויסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווערן די דאָזיקע אַרגומענטן צעטראָגן איבערן גאַנצן געטאָ, און אַ פונק פון גלויבן הויבט אָן ווידער טליען אין דער נשמה. דער ווילן פון לעבן איז שטאַרקער פונעם פחד פאַרן טויט. מיין יונגערער ברודער אהרן ז״ל האָט מיר צו יענער צייט געזאָגט, אַז ער וואָלט מסכים געווען צו לעבן אין די זעלבע באַדינגונגען ווער־ווייס־וויפל־יאָרן, אַבי נאָר צו דערלעבן די מפּלה פון די דייטשן און קענען דערנאָך ווידער פירן אַ פריי מענטשלעך לעבן. חיים האכמאַן האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז אין יענע טעג האָט די אַריבער אַכציק־יעריקע נעכע, די ליכט־ציערין, אַזוי געזאָגט: „קינדערלעך, אַנטלויפנדיק, נעמט מיך אויך מיט. שוין 40 יאָר ווי איך מאַך יעדן טאָג הונדערט ברכות און איך וועל זיך דערפאַר מיט אייך טיילן מיט מיין פאַרפּראַצעוועטער עולם־הבא״...

אָט דער אַרגומענט פון „פירן קיין סאַרנע אין אַ גרעסערן געטאָ״ האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ גוט מיטל און מען ווערט רויק, וואָרעם אויב הרגענען, צו וואָס זשע נאָך פירן קיין סאַרנע? אַנדערע ווידער זאָגן, אַז אין סאַרנע איז דאָ אַ גרויסער גאַרניזאָן דייטשן, וועט אים זיין גרינגער אָפּצוטאָן דאָס שטיקל אַרבעט. זאָגט אַ צווייטער: אויב אַזוי קען ער דען נישט ברענגען דעם גאַרניזאָן אויף אַ שעה קיין דאָמבראָוויץ? אָט די אַלע קלוגע, אויסגע־רעכנטע יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען היטלערס כוונות און האָבן געפּאָלגט און זענען געגאַנגען אין ביוראָ פאַרשרייבן זיך, פרוי און קינדער, און האָבן זיך געגרייט צום מיטוואָך, אין וועלכן מען וועט אונדז ציילן. אַלע יסורים, קלעפּ און בזיונות, זענען צו יענער צייט, נישטיק געווען אין פאַרגלייך מיטן לעבן אַליין. און פון יעדן פּנים האָט אַראָפּגעשריגן: „געוואַלד, רבונו־של־עולם, איך וויל לעבן״.

אָבער נישט קוקנדיק אויף אַלע גוטע אַרגומענטן, שפּאַרט פאָרט אַרויס פון יעדן דער פחד און דער רצון צום לעבן און מען זוכט אַ תירוץ אויף ספיקות. אַלע לויפן אין יודענראַט און שרייען: „גיט אַן ענטפער!״ „וואָס וועט זיין?״ — „גאָרנישט, חלילה, וועט געשען — קומט אַן ענטפער — נישט מער ווי אַ ציילונג, פּונקט אַזוי ווי אין שבועות; האָט רחמנות אויף אייערע קינדער און טומלט נישט, ווייל אויב דער טומל וועט דערגיין

צו די דייטשן, קענען פאַלן חלילה קרבנות״. פרעגט איינערביים צוויטן וועגן דעם וואָס קען געשען, ענטפערט ער: „איז וואָס? האָ? ס׳טוט דיר באַנג? נישטאָ וואָס עס זאָל באַנג טאָן!״ און זיינע אויגן ווייקן זיך בעת מעשה אין טרערן.

יידן לויפן צום אַלט־געוואָרענעם רב ר׳ נחומטשע, זוכן ביי אים אַ טרייסט. איך הער און כ׳קוק זיך גוט צו וואָס עס וועט אונדז זאָגן דער אַלטער אוהב־ישראל. מיט צער־פולע אויגן קוקט ער אויף אונדז און זאָגט: „מען דאַרף רחמים״. ער מוסרט נישט קיינעם, רופט נישט תשובה צו טאָן און זאָגט אַפילו נישט, אַז כביכול איז אַן אל רחום וחנון און ער וועט העלפן. ער רעדט וועגן קידוש־השם און וועגן די וואָס וועלן זוכה זיין צו דער גאולה אומדערוואַרטעט.

און דערווייל ציט זיך די רעגיסטראַציע אין יודענראַט. דער אַלטער ראָטנבערג באַגעגנט יעדן אַריינקומענדיקן מיט אַ טרויעריקן שמייכל און מורמלט אונטער: „יידן, ס׳וועט נאָך אם ירצה השם גוט זיין. פאַרגעסט נישט צו קומען מיטוואָך גאַנץ פרי צו דער ציילונג״. אין אַ צייט אַרום, ווען היטלערס אַרמייען זענען שוין געווען פאַרטריבן, האָט מיר דערציילט אַן אוקראַינישער אַדוואָקאַט פון ראָוונע, אַז די דייטשן האָבן באַטראַכט די פאַר־רעגיסטראַציע אין ביוראָ פון יודענראַט נישט נאָר ווי אַזאַ כדי צו וויסן פון פאָרויס וויפל מענטשן זיי וועלן פירן צו דער שחיטה, נאָר אויך ווי אַ מיטל צו באַרויקן, אין אַ געוויסער מאָס, דעם עולם און פאַרמיידן אומגעוווּנטשענע אויפטרייסלונגען אין די לעצטע טעג פאַר דער ליקווידאַציע פון אונדזערע געטאָ־יידן. און אַ פּאַליאַק, זשיטינ־סקי, פון וולאָדימערעץ, אויך אַן אַנטלאָפענער אין וואַלד, האָט מיר געזאָגט, אַז „זיי האָבן פאָראויסגעזען, אַז יידן וועלן זיך צעלויפן אין וואַלד, האָבן זיי געוואָלט וויסן וויפל עס זענען צעשאָסן און וויפל עס זענען אַנטלאָפן, כדי צו וויסן וואָס פאַראַ כוח מען וועט דאַרפן, כדי זיי אויסצוגעפינען אין די וועלדער״.

אָט דער זעלבער ראָוונער אַדוואָקאַט, מיט וועלכן איך האָב שפּעטער געאַרבעט צוזאַמען און אַז ס׳איז געווען „כטוב לבו ביין״, האָט מיר געזאָגט בסוד, אַז ער האָט געהאַט ברייטע קאָנטשאַפטן מיט די דייטשישע מאַכט־האָבער אין ראָוונע און אַז דאָרט, אין דער גרעסערער קרייז־שטאָט פון וואָלין, איז געזעסן אַ גאַנצער שטאַב: דייטשישע געלערנטע, אויך מעדיצינער, פּסיכיאַטרן, אינזשינערן, עקאָנאָמיסטן און סטראַטעגיקער און זיי האָבן זייער פאַרזיכטיק אויסגעפּלאַנירט די הריגה איבער אונדז. אַזוי אַרום האָבן זיי אונדז אַריינגענאַרט, צעטומלט און דערשראָקן און אויך געטאָן אַזעלכע שריט, אַ דאַנק וועלכע מיר זאָלן האָפן, אַז מען פירט אונדז נישט צום טויט.

אַ קאָרגע וואָך האָט געדויערט די רעגיסטראַציע און מיטוואָך, י״ג אלול תש״ב, דעם 26־טן אויגוסט 1942, האָט געזאָלט פאָרקומען די אַלגעמיינע ציילונג. דער דינסטיק־דיקער טאָג פאַר דעם איז געווען אַ נאָרמאַלער אַרבעטס־טאָג. אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן יידן זיך, ווי תמיד, אויסגעשטעלט ביים יודענראַט און געוואַרט אָפּגעפירט צו ווערן אויף די אַרבעטס־פּלעצער אויסער דעם געטאָ. פּלוצעם האָבן זיך באַוויזן דייטשן פון אַרבעטס־אַמט און האָבן געמאָלדן, אַז היינט דאַרף מען אַ דאָפּלטע צאָל אַרבעטער ווי געכטן. ווען בערל שפּירא האָט זיך אָפּגערופן, אַז מיר האָבן בכלל נישט אַזוי פיל יידן

אין גאַנץ דאָמבראָוויץ, האָבן די דייטשן געשריגן: „דאָנער וועטער, עס מוס זיין!״ עס שטייען דערביי, ווי תמיד, דער קאָמענדאַנט מיט די אוקראַינישע פּאָליציי-לייט און אַלע מאַנעוורירן מיט די רעוואָלווערן, מיט די קאַנטשיקעס אַנטקעגן די פּנימער פון די מיטגלידער און די יידישע געטאָ-פּאָליציי האָט אַפילו אויך באַקומען געשלאָגן.

אין רעש וואָס איז אַנטשטאַנען, האָבן די אַלע פּאָליציסטן מיטן קאָמענדאַנט בנימין שוואַרצטוך בראָש זיך צעשפּרייט איבערן געטאָ און אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער אַלע קראַנקע, וועלכע מען פלעגט ביז דאַן נישט שיקן — ביי דער מיטהילף פון יודענראַט — צו שווערע אַרבעט. אויך אַלע יידישע פּאָליציסטן און די מיטגלידער פון יודענראַט זענען יענעם טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט אויסלאָדן קאָרן און אָנלאָדן טעלעגראַפן-סטאָלבעס. צו דער וואַלד-גרופּע האָט בנימין שוואַרצטוך צוגעטיילט נאָך אַ פּאָר לייכט-קראַנקע. טוענדיק איינעם אַ פּאַטש, האָט ער זיך אָפּגערופן צו מיר: „ווען ער באַקומט נישט פון מיר דעם פּאַטש, שיסט אים דער דייטש, ווייל ער האָט נישט געוואָלט גיין צו דער אַרבעט״. קען זיין, אַז בנימין איז גערעכט געווען. אָבער איך געדענק דעם פאַקט און פאַרצייכן אים.

די טעלעגראַפן-שטאַנגען וואָס די וואַלד-גרופּע האָט אויסגעאַרבעט זענען צעשפּרייט איבערן וואַלד און אין דעם דינסטיק, 25 אויגוסט, גייט מיט מיר אום אַ מיטגליד פון דער אוקראַינישער ראַדע און איך דאַרף אים ווייזן ווו ס'געפונען זיך אויסגעאַרבעטע טעלעגראַפן-שטאַנגען. ער ווייסט שוין, אַז מאָרגן גייען מיר אַלע צום טויט און ביי אים איז נישט צו באַמערקן קיין פונק פון רחמנות. ער באַוועגט זיך פריילעך. זיין פּנים שיינט פון שמחה און שיט וויצן וועגן יידישער אומגעשיקטקייט, דערציילט מעשיות וועגן יידישע קאָמוניסטישע קאָמיסאַרן און לאַכט מיט אַ פול מויל.

דינסטיק פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, איז פאַר־פאָרן אין שטעטל, פון סאַרנער ריכטונג, אַן אויטאָמאָביל מיט באַוואָפנטע דייטשן און אויך אַ גרופּע באַוואָפנטע אוקראַינצעס און שוין אין תחילת אָוונט, האָבן מיר זיך פּלוצלינג דערזען צערומגערינגלטע. דער געטאָ — שטאַרק באַוואַכט און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט. אין די עק געסלעך וועלכע גייען אַרויס צו דער אַרישער זייט פּאַטרולירן גרעסערע אָפּטיילונגען אוקראַינער און זייערע ביקסן זענען געווענדעט צו דער יידישער זייט. אויך גייען אוקראַינער אַרום פון אָרט צו אָרט און גיבן אויף אונדז אַכטונג. ס'איז ווייניק צו זאָגן, אַז מיר זענען דערשראָקן, צעטומלט און פאַרצווייפלט; מען קען אויך נישט זאָגן, אַז פון צער זענען מיר חלילה משוגע, הגם אונדזער אויסערלעכער אויסזען איז כמעט ווי פון משוגענע בריות. איצט צווייפלט שוין נישט קיינער וואָס דאָ וועט פאַרקומען. מענטשן לויפן אַרום איבערן געטאָ מיט פאַר־שטיינערטע בליקן און פאַרקרומטע מיילער. מען זוכט עפּעס און מען ווייסט נישט וואָס. אין מיין געסל זיצט דאַדיק מאַטוסאָוו, אַ מקורב צום ווירטשאַפטס-קאָמענדאַנט. מיר שיקן אַרויס מאַטוסאָוון, ער זאָל זיך דערוויסן ביים דייטש פאַרוואָס מיר זענען פּלוצים באַלאַגערט און הערמעטיש אָפּגעשלאָסן. די האַלבע שעה וואָס מיר וואַרטן אויף דאַדיקן איז אַן אייביקייט. איינער זאָגט: „איך האָב געהערט אַ רעוואָלווער-שאָס, געוויס האָט

מען אים געהרגעט״. אָבער דאַדיק קומט צוריק איינגאַנצן פריילעך און זאָגט: „אָט די אַלע נאָר וואָס אָנגעקומענע, באַוואָפנטע דייטשן, דרייען זיך אַרום ביים ווירטשאַפטס־קאָמענדאַנט און זיי האָבן מיך באַגריסט און געזאָגט, אַז ס׳וועט גאָרנישט געשען און אַז גאָר אינגיכן וועלן יידן קענען פאָרן קיין בערלין נאָך סחורה״. אונדז האָט דאַדיקס בשורה שוין נישט באַרויקט. איצט האָבן זיך יידן דערפילט ווי אַ פוקס וועמענס פוס ס׳איז אַריינגעקלאַמערט אין פאַסטקע און ער איז גרייט אָפּצוגריזשען זיין פוס און אַנטלויפן. מיט צוויי שעה פריער וואָלט קיין שום דאָמבראָוויצער ייד נישט געווען גרייט צו לויפן און איבערלאָזן די איבעריקע אויפן דייטש־אוקראַיינישן חסד. איצטער וואָלטן אַלע וועלן זיך צעלויפן. אָבער, אין יענער אומגליקלעכער נאַכט האָט די לבנה זיבן מאָל שטאַרקער געלויכטן און דער הימל איז געווען קלאָר, אָן וואָלקנס. און דער געטאָ ווערט געהיט נישט נאָר דורך שומרים מיט ביקסן. גוים און גויטעס און שקצימלעך אָבסערווירן און קוקן אַריין אין געטאָ. נעכטן האָט מען זיך נאָך געקענט גרייטן צום קאַמף: ברענען, צינדן, הרגענען און געהרגעט ווערן, היינט האָט מען שוין אַלץ פאַרשפעטיקט.

צומאָרגנס פרי, ווען דאַדיק מאַטוסאָוו האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז מיאוס אָפּגענאַרט און אויסגעלאַכט געוואָרן, האָט ער איינגענומען סם און איז שוין נישט געגאַנגען צו דער אַלגעמיינער ציילונג. צוגלייך מיט אים האָט זיך אָפּגעסמט זיין שוועסטער און איר בלינדע טאָכטער.

די נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך איז געווען די לעצטע פאַר די יידישע געטאָ־איינוווינער. מענטשן זענען אַרומגעלאָפן פון הויז צו הויז און פון הויף צו הויף ווי פאַר־סמטע און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. אויך אין די אַרומיקע גוישע הייזער און הויפן איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. דאָרט זינגען און טאַנצן די אוקראַיינישע שקצים און שיקסעס. זיי גרייטן זיך מיט שמחה צום מאָרגנדיקן בלוט־ספעקטאַקל. עס שטייגט דער טומל. מען לויפט צו די הייזער פון די יודנראַטניקעס און מען פאָדערט, זיי זאָלן עפּעס טאָן. אבאלסקי דער מתנות־פירער און מקורב צום געביטס־קאָמיסאַר איז אַרויס אַ פאַרשלאָפענער און האָט אַזוי געזאָגט: „אַ חוצפה צו וועקן מענטשן אין מיטן דער נאַכט! וואָס לויפט איר אַרום ווי משוגענע? גייט שלאָפן און קומט מאָרגן פרי צו דער ציילונג״. און אברהמל ליבערסאָן, דער ראש פון יודענראַט, זאָגט: „יידן, וואָס טומלט איר? מען וועט אונדז איבערציילן און צוריק לאָזן לעבעדיקע. אויב אָבער איר וועט פרובירן זיך צו צעלויפן, וועט מען די אַנטלאָפענע כאַפּן און אויפהענגען און דאָס גאַנצע שטעטל וועט אָפּגיין אין בלוט״. חיים גילדנגאָרן און קלעסס לויפן אום פון איינעם צום צווייטן און טענהן איין: „גייט שלאָפן, ווייל נאָך דער ציילונג וועט מען דאַרפן גיין צו דער אַרבעט״.

איך בין נישט געגאַנגען שלאָפן און מיר, אַ גרופּע פון בערך דרייסיק מענטשן, האָבן אויסגעפּלאַנעוועט זיך צו דערלאַנגען איינציקוויז צו חנה לייבס הויז און פון דאָרט, דורך באַלניטשנע גאַס אַרויסבאַקומען זיך אין פעלד אַריין און פון דאָרט — אין וואַלד. צו דער באַשטימטער שעה זענען מיר זיך צונויפגעקומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ, יעדער מיט אַ פּאַק, געוויקלט אין אַ ווייסן ליילעך. איבערגיין באַלניטשנע גאַס מיט די אַ ווייסע

געפּעק האָט געהייסן גיין באַוווסטזיניק צום טויט. יאַנעק ראַטענבערג און זיין פרוי, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין געפּעק, האָבן זיך טאַקע דאַן אַרויסבאַקומען פון געטאָ. אַלע איבעריקע האָבן זיך אַזוי לאַנג געקווענקלט און דיסקוטירט צווישן זיך, ביז ס'איז אָנגעקומען אַ גרופּע אוקראַאינצעס, וועלכע האָט פאַרכאַפּט אַלע יידן און זיי אָפּגעפירט צו דעם אוקראַאינישן פּאָליציי־אַמט. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן פאַרשפּאַרט ביז צומאָרגנס פרי און דאַן האָט מען זיי די ערשטע געטריבן צום עקזעקוציע־פּלאַץ, שוין אָן זייערע פּעק, ווייל די פּאָליציי האָט, קודם כל, אַלץ צוגערויבט. שוין שטייענדיק אויפן פּלאַץ, האָבן די יידן געהאַט אויף מיר שטאַרק תרעומות, ווייל איך האָב דאָך אָרגאַניזירט די גרופּע צום אַנטלויפן, און צוליב מיר, הייסט עס, האָבן זיי פאַרלאָרן די געפּעק.

דער ערשטער קרבן פון צווישן די וועלכע האָבן געוואָגט אין יענער לעצטער נאַכט זיך אַרויסצובאַקומען פון געטאָ, איז געווען וואַראַנאַ מאַוווטשוק. ער האָט געפּרוווט אַריבערכאַפּן זיך פון זיין הויף אין דער באַלניטשנער גאַס און איז דאָרט דערשאָסן געוואָרן. איציק בינדער, לייבע פון בארג'ס איידעם, איז ביי ענלעכע אומשטענדן דער־שאָסן געוואָרן דורך אַן אוקראַאינישן פּאָליציאַנט, זיינס אַ שכן און ידיד במשך לאַנגע יאָרן. ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז איציק בינדערס מוטער איז מיט אַ פּאָר וואָכן פריער פּראָוואָצירט געוואָרן דורך אירס אַ גוטע באַקאַנטע, אַ גויטע, אַ פריינדין במשך לאַנגע יאָרן. זי איז אין איינעם אַ טאָג געקומען צו איר פאַרלייגן הילף און אַז זי זאָל ביי איר אויסבאַהאַלטן אַלע אירע זאַכן... אין לויף פון שמועס, פרעגט די פרוי בינדער דער גויע, הלמאי זענען די גוים געוואָרן אַזעלכע בלוטיקע ידישע שונאים פון יידן ? זיי דאַרפן דאָך וויסן, אַז היטלער וועט דאָ נישט בלייבן בעל־הבית, וואָרעם מען וועט אים צוריקשטויסן פון דאַנעט. אויסגעהערט די רייד, רופט די גויטע אויס אויפן קול : „פאַרשיוואַ זשידוווקאַ" און גייט גלייך אַוועק אין דער פּאָליציי און גיט אַלץ איבער, קיין צרות און טומלענישן האָבן שוין נישט געפעלט. מיט גרויס מי און נאָך פיל בקשות און מתנות האָט מען אַרויסבאַקומען די פרוי בינדער אַ צעדורסטע, ממש קוים מיטן לעבן.

און אָט דער פּאָליציאַנט, איציק בינדערס שכן, וועלכער האָט מיט זיינע הענט אים דערשאָסן, האָט זיך דערנאָך באַרימט, אַז ער האָט ביי דעם יידן געפונען אַ סך געלט אין די זאַכן.

די לעצטע נאַכט האָט קיין מענטש אין געטאָ נישט צוגעמאַכט קיין אויג. ווי נאָר די זון האָט אויפגעשיינט, אין פרימאָרגן פון 26טן אויגוסט 1942, האָט די גאַנצע פיר־טויזנט דריי־הונדערט קעפּיקע מענטשן־מאַסע פון געטאָ זיך אַרויסגעשאָטן איבער דער וואָלאָסטנאַיער גאַס פון יעקב־יאָסיעס מויער, ביזן רבס הויז. די סטיכיע האָט זיי געטריבן. ס'איז שוין פאַר זיי געווען אַלץ איינס צי מען וועט יאָ ציילן צי נישט. איך הער, אַז במשך פון דער נאַכט האָבן זיך עטלעכע צענדליק מענטשן אַרויסגעריסן פון געטאָ. איך הער, אַז אַלשאַנסקין און קראַנענבערגן האָט מען דערשאָסן און זיי ליגן אין גאָרטן ווי חזירים לעקן זייער בלוט. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ היסטעריש געוויין, אַ געיאָמער, אַ געפּילדער. איך בין נאָך געגאַנגען זען דעם ערשטן קרבן וואַראַנאַ. די פרוי און די

קינדער וויינען איבערן הרוג. איך האָב זיי נאָך געזאָגט אַ פּאָר נאַרישע טרייסט־ווערטער און געעצהט אויסגראָבן אויפֿן אָרט אַ קבר און אים מקבר זיין.

די מיטגלידער פון יודנראַט, פּאָליציי און באַאַמטע, לויפֿן אַרום צווישן עולם און אָרדנען, מען זאָל זיך אויסשטעלן לויטן אלף־בית צו דער צייִלונג. פּלוצים דערזע איך, אַז אין צענטער פון מענטשן־מאַסע רייסט זיך אַריין אַ גרופּע באַוואָפנטע דייטשן (40 בערך), אין ווייסע הענטשקעס, גוט אויסגעפּוצטע, ווי צו אַ מיליטערישן פּאַראַד און הויבן אָן מאַכן אָרדענונג. דער עולם האָט זיך צוריקגעצויגן און מען האָט אָנגעהויבן אויסגלייכן די שורות. נאָר דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן נאָך אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט באַוואָפנטע אוקראַאינישע פּאָליציסטן. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיך אין די אַרומיקע גוישע גאַסן קאָנצענטרירט טויזנטער פויערן און פויערטעס, מיט וועגענער און זעק — גרייטע צום גרויסן, לעצטן רויב.

דער יודענראַט און די יידישע פּאָליציי־לייט האָבן זיך אויסגעשטעלט נעבן די דייטשן. אַ טויטע שטילקייט האָט מיט אַמאָל אַראָפּגענידערט. פּלוצים האָט אָפּגעהילכט דאָס קול פון שמואל „דעם געלן״: „ראַטענבערג! פרעג די דייטשן וואָס זיי ווילן דאָ מיט אונדז מאַכן״. אַלע זענען געבליבן פאַרגליווערט אין דערוואַרטונג.

דער קאָמענדאַנט פון דער דייטשישער געסטאַפּאָ־אָפּטיילונג איז פאָראויסגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעריסן פון זיין קאָפּ אַ האָר און געזאָגט צו ראַטענבערגן בזו הלשון: „קיין איין־און־איינציקע האָרינע וועט קיינעם פון די דאָ פאַר־זאַמלטע נישט פעלן. ס'וועט קיינעם קיין שלעכטס נישט פּאַסירן. אַלע יידן פון אומגעגנט ווערן איצט קאָנצענטרירט אין סאַרנע, ווו מיר האָבן אויסגעבויט נייע ריזיקע וואַרשטאַטן און דאָרט פעלן אַרבעטס־הענט. מיר וועלן אייך אַלעמען ברענגען קיין סאַרנע. און די וועלכע זענען זיך ביינאַכט צעלאָפן פון געטאָ וועלן מיר אויך אַהין ברענגען און דאָרט זיי עפנטלעך אויפהענגען״.

אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מאַסע. מענטשן ווינטשן זיך „מזל טוב״ און פאַלן איינער דעם צווייטן אויף די העלדזער, קושן זיך און וויינען פאַר פרייד. יעדער איינער איז גרייט צו קושן דעם דייטשס שטיוול פאַר זיינע גוטע רייד.

עס איז שווער צו באַשרייבן יענע אָפּגענאַרטע שמחה. מענטשן האָבן געזען אין דעם: אַ גליק, אַ גאולה, אַ נס. אין איין מינוט האָט מען פאַרגעסן אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט דורכגעלעבט. מיין מאַמע כאַפּט מיך אַרום און קושט מיך, קושט אירע איבע־ריקע זין און טעכטער. זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זאָגט: „ווען איך האָב דאָ יעצט מיינע איבעריקע קינדער, וועלכע די סאָוויעטן האָבן מאָביליזירט און צוגענומען מיט זיך, וואָלט מיין שמחה געווען אַ גאַנצע״.

אָך, טייערע, אָפּגענאַרטע מאַמע! ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק האָט זי געשריגן: „קינדער — האַלט זיך אַלע נעבן מיר, זאָל אונדזער בלוט אין גרוב זיין צוזאַמען״. איצט קוקט זי אויף אונדז מיט אַזאַ רויקייט, ווי אַמאָל ווען עס פלעגט ביי איר אַ קינד אַרויס פון אַ שווערער קרענק.

אָט שטייט נעבן אונדז אַ גאַנץ משפחהלע. ער איז געל ווי אַ מת. די פרוי האָב איך

געקענט ווי אַ העלדישע יידענע. איצט איז זי צעשויבערט, נישט קיין פאַרקנעפלטע, דאָס מויל אירס אַראָפּגעלאָזט, פאַרקרימט און סלינעט. די אויגן — פאַרשטיינערט. זי קוקט שוין נישט אַפילו אויף אירע קינדער. אָבער ווי נאָר דער דייטש האָט אַזוי פייערלעך צוגעזאָגט, אַז עס וועט גאָרנישט געשעען מיט אונדז, האָט די פרוי צוזאַמענגעקליבן אירע האָר, אויסגעגלייכט איר מויל, זי כאַפּט אַרום יעדן איינעם, הויבט אויף קליינע קינדער, קושט און וויינט, לאַכט און שרייט: „דאַנקען גאָט, מיר לעבן".

שפּעטער, שוין נאָכן פאַריאָגן היטלערן און זיינע באַנדיטן, האָט מען מיר דערציילט, אַז אָט דער רוצח, דער הויפּט פון דער געסטאַפּאָ-אָפּטיילונג, האָט אין קאַרעסטין אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלן מאָרד-אינסטיטוט, אין וועלכן מען פלעגט צחאַמעניאָגן יידן און עקספּערמענטירן איבער זיי פאַרשיידענע טויט-מעטאָדן. מען פלעגט דאָרט דערמעגלעכן צו אַנטלויפן און דערנאָך פאַרפאָלגן און כאַפּן און ווידער עקספּערימענטירן, ווי אַזוי עס רעאַגירט אַ געבילדעטער ייד ביים מאָרדן אים און ווי עס רעאַגירט אַ ייד פון דער מאַסע. ווי אַזוי עס גייט צום טויט אַ גלויביקער ייד און ווי אַזוי — אַ פריידענקער, ווי אַזוי עס פירן זיך אויף די קרבנות אין די לעצטע שעהן פאַרן טויט, און צי זענען זיי דאַן נאָך פעיק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

אָט דער ראַפינירטער הענקער, וועלכער האָט אַרטיסטיש אָפּגעשפּילט זיין ראָל מיט דער „האָרינקע", איז געווען, כנראה, אַ גוט-אויסגעשולטער פּסיכאָלאָג און גוטער, פּראַקטיצירטער מאַסן-מערדער. זיין געמאַכטע פּאָזע, די אויסדרעסירטע ווילקיר-מימיק און זשעסטיקולאַציע, די אַקצענטירטע רעציטאַטאָרישע זיסע רייד — האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע ווירקונג און האָבן אַלעמען באַרויקט. דער עולם האָט זיך גאָר גיך אָרגאַניזירט און אויסגעשטעלט אין גרופּן לויטן אלף-בית. די ערשטע גרופּע האָט באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן צום וואָקזאַל און זי האָט דיסציפּלינירט און געהאָרכזאַם געפירט פון אָרט, ד"ה, פון זיציק פליישאַנס שטוב, פון יידנראַט און איז דורך גראַוועררס געסל אַרויס צום מאַרק.

נאָכדעם האָבן געפירט די איבעריקע גרופּן, שוין נעבן רבס שטוב. זיי זענען אַרויס צו דער הויפּט-גאַס און אויך ווייטער צום מאַרק און דורך דער שאָסיי-גאַס, גלייך צו באַרמאַנס מיל און צום וואָקזאַל.

דער גאַנצער עולם איז טיף איבערצייגט, אַז מען פירט זיי קיין סאַרנע אויף אַרבעט און אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע זאַך, ווייל די מפּלה פון דייטש טאַפּט מען דאָך שוין אַן מיט דער האַנט. אלא וואָס, מען פירט אונדז מיט אַ גאָר שטאַרקער שמירה? — דאָס איז שוין אַזוי דעם דייטשס שטייגער. און דאָס וואָס די גוים ראַבעווען און פּלאַנדרעווען אין די פאַרלאָזטע הייזער, אַרט קיינעם נישט. ווי נאָר די קאָלאָנע יידן האָט גענומען מאַרשירן צום וואָקזאַל, האָבן טויזנטער גוים זיך אַריינגעריסן אין געטאָ-שטח און אָנגעהויבן אַרויסטראָגן פון די הייזער: די מעבל, בעט-געוואַנט און וואָס נאָר זיי האָבן דאָרט געפונען. איך האָב נאָך געזען ווי אַרום יאָסל טליבעס מויערל שטיין אָנגעלאָדענע פורן מיט יידיש האָב און גוטס און די גוים שלאָגן זיך איינער מיטן צווייטן. ווייזט אויס — נישט געקענט צעטיילן צווישן זיך דעם רויב. און אינטערעסאַנט: יידן גלויבן

נאָך אַלץ צוריקצוקומען... אָט, למשל, שפּרייזט אַזוי ענערגיש אשר ריצקיער, דער קאָוואַל, אַ ייד, אַ גברן. די פּלייצע איז שוין עטוואָס איינגעבויגן, אָבער זיין ברוסט איז נאָך האַרט און קרעפּטיק. ער גייט אין איין שורה מיט זיין זון, טעכטער און איידעמעס. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער באַמערקט פון דערווייטנס ווי אַ גרופּע ריצקיער גויים און גויטעס שלעפּן פולע אָנגערויבטע זעק. מיט די גויים איז ער צוזאַמען אויפגעוואַקסן און פונציק יאָר האָט ער געלעבט מיט זיי אינאיינעם. „איי, בראַטצי, בערעזשיטיע מאָיו כאַטו״, „ברידער, היט׳ס אָפּ מיין שטוב״ — האָט ער צו זיי אויסגערופן... דער דאַזיקער, פּשוטער דאָרפס־ייד און נאָך הונדערטער אַנדערע יידן, וועלכע האָבן אין יענע מינוטן מאַרשירט צוזאַמען צום וואָקזאַל, האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג, דער וועג צום טויט.

אָבער, ווען די ערשטע גרופּעס זענען, קומענדיק צום וואָקזאַל, פאַרלאָדנט געוואָרן — לויט אַלף־בית — אין לאַסט־וואַגאָנעס ווי הערינג אין פאַס און הערמעטיש פאַרשלאָסן געוואָרן, האָבן אַלע זיך אַרומגעזען, אַז אייגנטלעך ווערן אַזוי געפירט גענדז צו דער שחיטה און נישט מענטשן אויף אַרבעט. מענטשן האָבן גלייך פון וואָקזאַל אָנגעהויבן אַנטלויפן, און די דייטשן — נאָכשיסן. אונדזער גרופּע „פ״, האָט, נאָך זייענדיק אין שטעטל, אויפן מאַרק, געהערט דאָס קנאַלן פון מאַשינען־געווער און מיר האָבן מאַרשירט זייער צערודערטע און אויפגערעגטע.

יב. דאָס אַנטלויפן פונעם טויט

ווען אונדזער גרופּע „פ״ איז דערגאַנגען ביז דער בריק, האָבן מיר דערזען, אַז מען נאַרט אונדז אָפּ. אָט די אוקראַינצעס, אונדזערע באַגלייטער פוןביידע זייטן גאַס, באַוואָפנטע מיט ביקסן און קוילנוואַרפערס וואָס זענען געווענדעט צו אונדז, האָבן נישט פאַרויסגעזאָגט קיין גוטס. צוקומענדיק צום וואָקזאַל־שטח הערן מיר דאָס קנאַלן פון מאַשינען־געווער און דאָס יאָמערן פון הילפלאָזע מענטשן. מיר זעען ווי אַזוי יחידים און קליינע גרופּעס לויפן פון וואָקזאַל, און פון שטעטל יאָגן זיך צום וואָקזאַל אָט די אַלע דייטשן און אויך אוקראַינער און שיסן איבערן לוג צו די אַנטלאָפענע. אָט זע איך אויך ווי אַ גרופּע קראַנקע יידן שלעפּט זיך און שרייט, אַז זיי ווילן נישט געשאָסן ווערן. איך זע דעם לערער פרידמאַן, ממש, אַ טויטער מענטש. אָט איז יאַנקל דער קרומער, דער קאָוואַל פון טריפּיטניע, אַ קראַנקער איז ער און ער ברומט ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה. אָט שלעפּט מען אונטער די הענט נחמן, אַלתר נחמנקעס, ממש אַ סקעלעט. ער שרייט: „קינדערלעך לאָזט מיך נישט איבער, ווייל די מערדער וועלן מיך דאָ שיסן״. אָט גייט מאָטל אייזנבערג און פירט זיין קראַנקע פרוי און ער אַליין איז שוואַרץ ווי קויל, באַגאָסן מיט שווייס. אויף דער בריק טוט ער אויס זיין פוטערנעם מאַנטל, טוט אים אַ טרייסל און גיט אים שנעל אַ לייג אַוועק אויף דער פאַרענטש פון דער בריק. דער אַלטער ראָטנבערג פירט אויך זיין אַלטע האַלב־טויטע פרוי, זיי גייען טריט ביי טריט. בלויז פון נעכטן ביז היינט זענען זיי ביידע עלטער געוואָרן מיט גאַנצע הונדערט יאָר.

אַזוי זעען אויס געשטאָרבענע, וועלכע מען גראָבט אַרויס פון קבר. איך טראַכט מיר: „אָט די מתים פירט מען אויך צו די אַרבעטס־וואַרשטאַטן אין סאַרנע״?

איך זע ווי אַלע מאַרשירנדיקע יידן זענען שטאַרק דערשראָקן און פאַר דער בריק בלייבן אַלע שטיין און מען גיט איבער איינער דעם צווייטן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג מען מוז זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. אפשר וועט געשען אַ נס. איך זע ווי אַלע לויפן. אָט לויפט מיין טאַטע, חיים דובער ז״ל און מיטן גאַנצן אימפעט, האַקט ער זיך אַריין מיטן פנים אין די שטעכלדיקע דראָטן. מיין מאַמע, מרים, העלפט אים זיך אויפהויבן און ביידע לויפן פאָרויס און צוריק. פאַרביילויפנדיק לעם באַרמאַנס מיל, זע איך ווי דאָדל יונגשטיין רעדט מיט אַ באַוואָפנטן פּאָליציאַנט און שפּאַרט אים געלט אין האַנט אַריין. אָט באַמערק איך ווי לייבל לאַנדאַו־קראַסניטשוק וואַרפט אַריבער איבערן פּלויט זיין מיידעלע צו אַ גוי אין הויף אַריין, און דער גוי גיט דאָס קינד אַ שליידער צוריק. נאָך באַרמאַנס מיל, אויף בערעסטיער גאַס, פּרוביר איך מיט מיין פרוי און קינדער זיך דורכרייסן אין פעלד אַריין, אָבער עס שטייען די בעלי־בתים מיט איזערנע ווידלעס אין די הענט און לאָזן נישט דורך. פּרוביר איך אין צווייטן, אין דריטן, אין פערטן הויף און פון אומעטום ווערן מיר צוריקגעשטויסן מיט אַן אויסגעשריי: „וואָס אַנטלויפסטו, פאַר־שיווער זשיד? גיי אויף דיין פּאַהיבעל!״ און די קוילן זשומען איבערן קאָפּ און מענטשן פאַלן. דאָס קרעכצן און דער געיאָמער דערגייט עד לב השמים. אָט לויפט אַ פאַרפאַלק, האַלט זיך פעסט פאַר די הענט. ער באַקומט אַ צענדליק קוילן פון מאַשין־געווער און זי טוט אַ פּאַטש מיט די הענט און לויפט אָפּ נאָך אַ צען מעטער, גיט אַ געשריי און קערט זיך איבער.

איך האַלט מיין פרוי מיט איין האַנט און די ביידע קינדער מיט דער צווייטער האַנט, כדי זיך נישט אָנצוווערן. אַלע צוזאַמען האָבן מיר זיך אַראָפּגעקאַטשעט אין אַ זייטיקן שמוציקן קאַנאַל און מיר קריכן אויפן בויך, לענגאויס בערעסטיער גאַס, ביז צו דער קאַפּליצע און דאָרטן כאַפּן מיר זיך אַריבער אין פעלד, קוועטשן זיך אַריין אין טיפע מעזשעס צווישן קאַרטאָפל־בייטן, פאַרדעקן זיך מיט די בעטיעס. און מיר זענען געבליבן אַזוי ליגן.

די ברייטע דאַמבראָוויצער פעלדער, ביז דוקראַווסקער וואַלד, זענען שוואַרץ פון מענטשן. יידן אַנטלויפן. פּאָליציי און סתם גויים יאָגן זיי נאָך. איבערן פעלד איז אַ שיסעריי, אָט פירט מען שוין געכאַפּטע יידן. זיי ווערן געיאָגט און געשלאָגן. אָט פירן פּאָליציאַנטן אַ גרופּע פון פופציק יידן. עס דוכט זיך מיר, און אפשר איז עס באמת טאַקע אַזוי געווען, ווייל פון מיין ליג־אָרט האָט מיך אָפּגעטיילט פון זיי בערך אַ צוויי הונדערט מעטער — אַז צווישן דער גרופּע, זע איך מיין פאָטער און מוטער, מיין ברודער, אהרן, מיט זיין פרוי, פערל און ביידע קינדערלעך, מיין שוועסטער, חוהלע מיט איר קינד אויף דער האַנט. מיר דוכט זיך אויך, אַז איך הער מיין מאַמעס קול: „קינדערלעך, צעטיילט זיך נישט, — זאָלן אונדזערע אַלעמענס ביינער ליגן צוזאַמען״. און תמיד — „את חטאי אני מזכיר״, איך דערמאָן מיינע זינד: ביי דער בריק, ווען מיין פאָטער איז געלאָפן און זיך אָנגעשטויסן אָן די שטעכלדראָטן און נאָכהער, ווען די פּאָליציי האָט געפירט די פופציק יידן און ווי

געזאָגט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז מען פירט און מען שלאָגט מיין גאַנצער משפּחה, האָב איך אין זינען געהאַט בלויז מיין פרוי און מיינע קינדערלעך און איך בין געלעגן דאָן צווישן די קאַרטאָפל־בייטן און געשוויגן. אַזוי שטאַרק איז געווען דער ווילן צו לעבן און אַזוי שטאַרק די קנאה צו די וואָס בלייבן לעבן.

איך זע מענטשעס יידן וועלכע זענען שוין נעבן וואַלד און כ׳בין זיי מקנא. מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען שוין געראַטעוועטע און איך ליג נאָך אַ מהלך צום וואַלד, אפשר נאָך אַ זעקס קילאָמעטער און איבערן שטח בושעווען באַנדיטן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פון בריק זענען אַכט הונדערט מענטשן אַנטלאָפן גלייך קיין וויסאָצק אין געטאָ... אמת, וויסאָצקער יידן אין געטאָ האָבן זיי זייער וואַרעם און ברידערלעך אויפגענומען, אָבער צוויי וואָכן שפּעטער קומען זיי אום מיט אַלע וויסאָצקער יידן צוזאַמען. בערך צוויי הונדערט יידן האָבן זיך עטלעכע טעג אַרומגעדרייט איבערן וואַלד. די פּיצימאַנינקע קינדערלעך זענען צעשטאַרבן און די מאַמעס האָבן די טויטע גופימלעך געלאָזט ליגן אין וואַלד. זיי האָבן מיט ליידיקע הענט זיך אומגעקערט אין שטעטל אַריין און זענען דאָרט צעשאָסן געוואָרן.

אַ גוי האָט מיר שפּעטער דערציילט: מיין שוועסטער, חינקע און דער שוואָגער, זעליג לעווין, פון פּאַרט־אַרטור, האָבן זיך געבלאָנקעט איבערן וואַלד. נאָך אַ פּאָר טעג איז זייער יינגסטע קינד אויסגעגאַנגען אין יסורים אויף די הענט פון טאַטע־מאַמע. דאָן האָבן זיי אַריינגעקוועטשט דאָס קינד אין מאָך, עס באַדעקט מיט בלעטער און זענען אַוועק וויטער. דריי טעג נאָכדעם איז דאָס מיטעלע קינד געשטאָרבן פון דעזינטעריע, און אין אַ טאָג שפּעטער האָט דאָס עלטערע קינד אָנגעהויבן אויסגייען פון הונגער. דאָן זענען די עלטערן אַוועק צוריק אין שטעטל מיט דער אויסרעכענונג צו זוכן שוץ ביי אַ גוישן ידיד, פּיסאַרענקאָ ימח שמו. מיין שוועסטער האָט ביי אים געבעטן ברויט כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן דאָס קינד, איז דער ידיד אַוועק אויף דער פּאָליציי פרעגן צי ער מעג געבן דער יידישקע ברויט. מיין שוועסטער מיטן קינד האָט מען באַלד דערשאָסן, דעם שוואָגער האָט מען געפּייניקט צוויי וואָכן און געפּאַדערט פון אים ער זאָל ווייזן דאָס אָרט פון די באַהאַלטענע אוצרות פון „פּאַרט־אַרטור". נאָכדעם האָבן זיי אים דערשלאָגן מיט דרענגלעך.

צווישן די געכאַפּטע איז געווען ישראליק סלאָוועשנער מיט זיינע דריי טעכטער. אַ פּאָר טעג האָט מען זיי אַלעמען געפּייניקט. צו דער יינגסטער, וועלכע איז געווען זייער אַ שיין מיידל, איז צוגעגאַנגען דער דאָמבראָוויצער שייגעץ לוגאַנאָוויטש, דער פּאָר־טרעטער פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט און האָט איר פאָרגעלייגט פאַרן פרייז פון איר קערפּער זי צו לאָזן לעבן, דורך אויסבאַהאַלטן איר. זי האָט אָבער אים אַ שפּיי געטאָן אין זיין טריפהנעם פּרצוף און אויסגערופן: „מערדער! דו ווערסט עס נישט דערלעבן!" און דאָן האָט זי זיך געשטעלט אַנטקעגן אים און געזאָגט: „מערדער! שיס גיך, ווייל כ׳וועל דיך דערווערגן". און זי איז דערשאָסן געוואָרן. אָט דער לוגאַנאָוויטש האָט געהאַט אויף זיין געוויסן פיל יידיש בלוט, אָבער, ער האָט באַקומען זיין פּסק. איך האָב אים געזען הענגען אויף דער תליה אין ראָוונע. איך וויל אָבער צוגעבן, אַז די סאָוויעטן האָבן אים געהאַנגען נישט פאַר די יידן־מאָרדן, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך דערלויבט אַריינצופירן אַ

דייטשע איינהייט ביז דאָמבראָוויץ. אמת, די איינהייט איז צעקלאַפּט געוואָרן, און אויף די פעלדער און אין וועלדער אַרום דאָמבראָוויץ האָבן זיך געוואַלגערט דייטשע פּגרים, אָבער לוגאַנאָוויטש, דער מערדער, האָט נישט געהאַט קיין מזל געהרגעט צו ווערן. ער איז אַנטלאָפן, האָט זיך פאַרשטעקט און איז לבסוף אַריינגעפאַלן אין די סאָוויעטישע הענט און איז צוזאַמען מיט נאָך מערדער דורך זיי אויפגעהאַנגען געוואָרן אין ראָוונע ווו זיי זענען במשך 4 טעג נישט אַראָפּגענומען געוואָרן. אָבער ליגנדיק אונטער די קאַרטאָפּל־בייטן, האָב איך גוט געזען ווי לוגאַנאָוויטש און פיל צענדליקער באַוואָפנטע פּאָליציסטן, האָבן געפירט יידן, און זיי געשלאָגן מכות־רצח.

ווען כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז נישט ווייט פון אונדז, ליגן נאָך צוויי מענטשן: זיידל גראַוער־ציגאַרניק און די טאָכטער פון נאָטע ליבערמאַן־קאַפּוש. אונדזער ליג־אָרט איז געווען נעבן די הייזער און דאָס האָט אונדז געראַטעוועט, ווייל מיט 50 מעטער טיפער אין פעלד, האָבן די גויים מיט די פּאָליציסטן גענישטערט אַלע מעזשעס און נעבן די הייזער זענען זיי געווען זיכער, אַז קיינער וועט דאָרט נישט זיין און האָבן נישט געזוכט. אַ שעה צו נאַכט, זע איך, אַז די פעלדער זענען ליידיקע. נישטאָ קיין פאַר־פאָלגער און נישטאָ קיין פאַרפאָלגטע. זענען מיר אַרויסגעקראָכן פון די קאַרטאָפּל און האָבן זיך געלאָזט גיין מיטן וועג. פלוצים איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַ דאָמבראָוויצער גוי בוסקאָ, וועלכער פלעגט אַמאָל אַרומפאָרן מיט יידן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און איך האָב זיך געגרייט צום קאַמף, אָבער דער גוי האָט אונדז באַרואיקט און אונדז געראָטן נישט גיין מיט די וועגן, ווייל אַלע וועגן וואָס פירן צום וואַלד זענען באַזעצט מיט רויבער. ער האָט אונדז געראָטן צו גיין לענגאויס דעם וויגאָן, כדי זיך צו דערלאַנגען צום וואַלד. זיין עצה האָט אונדז דאַן געראַטעוועט דאָס לעבן, וגם חרבונה זכור לטוב, ווייל אויף די וועגן האָבן זיך אַרומגעדרייט צענדליקער גויים מיט ווידלעס און העק און האָבן געהרגעט יעדן אַנגעטראָפענעם יידן.

אויך אונדזער וועג איז נישט אַדורך אָן צרות. גייענדיק איבערן וויגאָן, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרופּע פון אַ דריי צענדליק פאַסטעכלעך, וועלכע האָבן אונדז אַרומגערינגלט און זיך געוואָרפן אויף אונדז, וועלנדיק אונדז נייטן זיך אומצוקערן אין שטאָט. נאָכהער האָבן זיי געוואָלט אָוועקרויבן מיין קליין קינד. איך האָב זיך מיט זיי געראַנגלט און אַ פּאָר האָבן באַקומען פון מיר שטעקנס איבער די פּלייצעס. איך זע אָבער, אַז ס׳איז נישט גוט, איך וועל זיך פון זיי נישט אָפּשלאָגן, האָב איך אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון האַנט און האַלטנדיק אַ הויפן שפּולקעס פאָדעם, האָב איך עס אַ שליידער געטאָן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. זיי זענען געלאָפן כאַפּן דעם פאָדעם און מיר זענען דערווייל אָפּגעלאָפן אַ פּאָר הונדערט מעטער. מער האָבן זיי אונדז נישט פאַרפאָלגט.

ווען מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם וואַלד, בין איך אַוועק צום אביעזשטשיק פון דער וואָוקאַווניע, מיינער אַ גוטער ידיד, נאָך פון דער צייט ווען די סאָוויעטן זענען ביי אונדז געווען און איך האָב זיך גענומען ביי אים אויספרעגן וואָס עס איז געשען אויפן וואָקזאַל און וואָס ער ווייסט וועגן סאַרנע. דער גוי האָט מיר דערציילט, אַז אין סאַרנע זענען מיט צוויי וואָכן צוריק צוגעגרייט געוואָרן גריבער פאַר די יידן פון אַלע אַרומיקע

געטאָס. ביים וואָקזאַל און אין די דערנעבנדיקע גאַסן, וואַלגערן זיך הרוגים. אויך האָט ער געוווּסט מיר צו דערציילן, אַז זלאַטע די מילכיקערין און איר מאַן, האָבן זיך אויפֿגעהאַנגען, די משפּחה מאַטוסאָוו, פֿון אַפּטייק, האָט זיך אָפּגעסמט און אָלשאַנסקי און קראַנענבערג ליגן דערשאָסענע ערגעץ אין אַ גאָרטן. דער אַביעזשטשיק האָט מיר געעצהט צו דערשלאָגן זיך קיין פּינסק, ווייל פֿון די פּינסקער יידן האָט מען שוין אויסגעקליבן 9500 יידן און שוין לאַנג אויסגעהרגעט און די רעשט וועלן שוין בלייבן לעבן.

זיינע רייד האָבן זיך אויף מיר געשיט ווי טויזנטער דונערן; און הגם איך האָב זיך נישט מער געקימערט וועגן מיין לעבן, פּשוט דערפֿאַר, ווייל כ׳האָב נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פֿון בלייבן לעבן ביים דייטש, האָב איך אָבער נישט געוואָלט אַריינפֿאַלן צו די מערדער אין די הענט און כ׳האָב דעריבער באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַלד און זיך פֿאַרשטעקן, טון אַלץ כדי צו דערהאַלטן כאָטש אַ קליין רעשטל פֿון דאָמבראָוויצער יידן וועמעס גרעסטער טייל ס׳איז דערמאָרדעט געוואָרן אין די דריי ערטער: א) אין סאַרנער גריבער, ב) אין וויסאָצקער געטאָ (די 800 יידן, אַנטלאָפֿענע פֿון וואָקזאַל, פֿון בריק, פֿון בארגמאַנס מיל, זענען באַוואָרפֿן געוואָרן אין וויסאָצק מיט האַנט-גראַנטן), ד) אויף די דאָמבראָוויצער פֿעלדער, ווו עס זענען געכאַפּט געוואָרן די אַנטלאָפֿענע פֿון דער ציילונג און זענען דאָרט דערשאָסן געוואָרן, אָדער דערשלאָגן מיט דרענגער.

נאָך דער טאָטאַלער ליקווידאַציע זענען פֿאַרבליבן ביים לעבן בערך 250 דאָמבראָוויצער יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט קאַרגע 19 חדשים, איבער פֿאַלעסיער בלאָטעס און וועלדער. אויך די דאָזיקע זענען אויסגעשטאַנען פּיין און יסורים און 60 מאָל אין שעה — טויט-שרעק. בערך 50 פּערזאָן זענען אַרויס לעבעדיקע פֿון די וועלדער. נאָכדעם ווי די דייטשן זענען פֿאַרטריבן געוואָרן דורך אונדזערע גואלים, דורך דער זיגרייכער סאָוויעטישער אַרמיי. פֿון מיין משפּחה זענען געבליבן ביים לעבן: איך און מיין ברודער סענדער, מיינע צוויי קינדער חנצ׳ה און חיה און מיט אונדז צוזאַמען — מיין שוואָגערס צוויי קינדער: ברײַנדל און אסתר.

יג. מיר בלאָנקען איבער פֿעלדער און וועלדער

שוין דריי חדשים ווי מיר בלאָנקען זיך אַרום אין וואַלד. אין די ערשטע טעג איז דער פּחד פֿאַר די פֿאַרפֿאָלגער געווען אַזוי גרויס, אַז במשך דעם טאָג האָבן מיר פֿינף-זעקס מאָל געביטן די ערטער. שפּעטער האָבן מיר יעדן טאָג געביטן דעם פּלאַץ, געזוכט וואָס טיפֿערע נאָרעס, וואָס העכערע לאָזעס, וואָס מער פֿונאַנדערגעצווייגטע דעמבעס. קרופּער גוים און כינאַטשער פּאָליציאַנטן האָבן געוווּסט, אַז איך האָב זיך געראַטעוועט פֿון דער מאַסן-הריגה און זיי האָבן מיך אַרומגעזוכט. שפּעטער האָב איך, במשך 6 וואָכן, געלעבט ניט ווייט פֿון קריוויץ, טאַקע נעבן דאָרף. צוויי דאָרפֿסלייט האָבן מיר געשטיצט און פֿלעגן געבן צו וויסן ווען ס׳האָט געדראָט אַ סכנה. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינער פֿון זיי, — אַ גנב און אַ דם שונא פֿון פּאָליאַקן, אַ געוויסער יורקאָ, פֿלעגט מיך באַזאָרגן מיט עסנוואַרג און אַפֿילו מיט צייטונגען און יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך מיט מיר געטראָפֿן, פֿלעגט ער

וויינען אויף מיין ביטערן גורל. „בולבאָווצעס" האָבן אים און זיין זון שפּעטער דערשאָסן. תהא נשמתו צרורה בצרור החיים. פון מיינע גוישע פאַרבינדלער מיט דער אַרומיקער וועלט, האָב איך געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן די קלעפּ וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן באַקומען אויף די פראָנטן, ווי אויך וועגן די פאַרטיזאַנער וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין די וועלדער. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז אויף יענער זייט וולאַדימירעץ האָבן דאָרפישע גוים געפונען אין וואַלד 13 יידן און זיי דער־שטיקט מיט די הענט און אַז לעם וואָווטשיק, ביים ברעג פון טייך סטיר, האָבן גוים צוגעפירט סערניקער פאָליציאַנטן און דערשאָסן 17 סערניקער יידן. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז בולבאָווצעס פרעגן זיך נאָך צי עמעצער פון די גוים שטיצט יידן און וואָרענען, אַז אויב עמעצער וועט אויסבאַהאַלטן יידן, וועלן זיי נעמען נקמה. די שאָנסן איבערצולעבן האָבן אויסגעזען שוואַכע, אָבער די תאווה אויסצוהאַלטן און זען די מפּלות פון אָט די אַלע רשעים איז געווען גרויס און געגעבן כוח זיך נישט מייאש צו זיין.

בינתים באַגעגן איך אין וואַלד אַ פּאָליאַק און כ׳דערשרעק זיך שטאַרק. איך האָב אים געקענט פאַר אַ שלעכטן מענטשן. זיין נאָמען איז: דאָקטאָר. ער פאַלט צו מיר צו און וויינט אויף מיין גורל און זאָגט: „ביי מיר אין שטוב איז דאָ האַכמאַן, איציק פעלדלייט און זיין משפחה, און הגם איך בין אַ גרויסער קבצן, וועל איך אייך אַלעמען שטיצן און העלפן מיט נאָר וואָס איך וועל קאָנען". ער האָט זיינע רייד מקיים געווען און אונדז אויך געטרייסט, אַז ס׳וועט נעמען אַן ענדע צו אונדזערע יסורים. מיר זענען שוין צוויי משפחות צוזאַמען. דער ברייטער וואַלד מיט זיינע נאָרעס, גריבער און לאָזעס, דעקט אונדז צו און די הענט פון די מערדער טאַפּן אונדז נישט אָן. זייער אָפט קומען מיר צום גוטן פּאָליאַק דאָקטאָר, און ס׳איז גרייט פאַר אונדז אַ נאַשקע קאָרן, אַ ביסל קרויט, אַ פּאָר בוראַקעס און אַ וואַרעמע, מענטשלעכע באַציונג.

אָבער אָט דעם גוטן פּאָליאַק האָבן די בולבאָווצעס אין איינער אַ נאַכט דערהרגעט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה (אַלטע מאַמע, פרוי און קינדער). אָט דער דאָזיקער פּאָליאַק, איז צו יענער צייט געווען פאַר אונדז איינער פון די בעסטע מענטשן אין דער וועלט און זיין טויט האָט אונדז שטאַרק ווי געטאָן און מיר זענען געווען אַזוי דערשלאָגן, ווי אין טאָג פון דער גרויסער שחיטה.

איינמאָל האָב איך געטראָפן אין וואַלד משה קריוויצערס טאָכטער, ליבקען, מיט דריי פּיצלעך קינדער. זי פלעגט זייער אָפט איינשטעלן איר לעבן, אַרומגיין זוכן שפּייז פאַר אירע קינדער און האָט נישט געהאַלטן בסוד אונדזערע באַהאַלטענע ערטער. שלעכטע פּאָליאַקן, אונטער זאַלושין, האָבן זי אַריינגענאַרט און איינלאַדנדיק זי, זענען זיי אַוועק און געבראַכט דייטשן. מיר אַלע זענען צו יענער צייט געווען אין דעם געביט און זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם אָפּשניט וואַלד, אַזוי, אַז מיר האָבן געזען די דייטשן און על פּי נס איז אונדז דאַן געלונגען צו אַנטלויפן. אָבער אָט די ליבקע האָט פון דעם פאַל גאָרנישט געלערנט, און פלעגט זיך ווידער אַרומשלעפּן איבער די דערפער. אַלע מיינע טענות, אַז זי וועט ברענגען אויף זיך און אויף אונדז דעם טויט, האָבן נישט געהאָלפן. איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך זיך פון איר אַרויסגעגנבעט, און געלאָזן די אלמנה מיט די דריי פּיצלעך

קינדער אַליין אין מיטן וואַלד. ס'איז באמת געווען אַ רשעות פון מיין זייט, אָבער, אין אָנבליק פון לעבן פאַר וועלכן איך האָב זיך געפלאָגט און אין אָנבליק פון טויט פון וועלכן איך האָב געמוזט אַנטלויפן, בין איך אַוועק מיט אַ קילאָמעטער טיפער אין וואַלד, און כ'האָב אָבסערווירט, וואָס ליבקע וועט טאָן. דריי טעג איז זי, ממש אַ משוגענע, אומגעלאָפן איבער די אַרומיקע דערפער, געפרעגט ביי די גוים אויף מיר און גערופן מיין נאָמען. זי האָט, דאַנקען גאָט, איבערגעלעבט היטלערן. אָבער נאָכן רעש האָבן מיר אַלע געמוזט אַריינרוקן זיך טיפער אין טיפער אין וואַלד. אין די בלאָטעס האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שלאָפנדיקן מענטשן און, אָפּגערוקט אַ צען טריט, איז געשלאָפן אַ קינד. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען יידן. מיר האָבן זיי אויפגעוועקט און דאָס איז געווען מיין פרויס ברודער, מאַנעס קראַצמאַן און זיין קליין מיידעלע. שפּעטער אַ ביסל, האָבן מיר געפונען אין וואַלד מאָטל נאָווינזאָנס יינגל. איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן, אויג־אויף־אויג, מיט אַ פּאָר באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן מיך אָפּגעשטעלט און איך האָב זיי געזאָגט אַז איך בין דער גוי „מעקדאַן" פו דאָרף ריין. ס'איז געווען גוט פינצטער, און ס'ווייזט אויס, אַז זיי האָבן מיך יאָ דערקענט, ווייל אויך איך האָב זיי אַלעמען דער־קענט. דאָס זענען געווען קרופּער און רעצקיער שקצים. קאָן זיין, אַז זיי זענען שוין געווען זאַט מיט יידיש בלוט און האָבן זיך געפּוילט אין דער פינצטערניש און אין בלאָטע און רעגן האָבן צו טאָן מיט מיר. זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט. נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעפאָרן, בין איך געפאַלן אין חלשות אין דער בלאָטע. דאַן איז אין דעם אָרט דורכגעגאַנגען שמואל קליגון און מיר האָבן זיך דערקענט אין דער פינצטער. מיר זענען ביידע אַוועק אויפן קריוויצער גויאישן בית הקברות און דאָרט צווישן די צלמים און קברים, לאַנג־לאַנג געשמועסט און געוויינט.

נאָכדעם האָט אַ גוי פון טריפיטניע געבראַכט צו אונדז מאירס טאָכטער, דעם קיסלעס פרוי. זינט דאַן האָבן מיר שוין אָנגעהויבן וואַנדערן, 16 פערזאָן צוזאמען. אַזאַ גרויסע גרופּע איז געוואָרן געפערלעך, ווייל ס'איז גרעסער געוואָרן די סכנה אַנטדעקט צו ווערן. אינצווישן האָט אָנגערוקט דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שנייען. מיר שלעפּן זיך אום אונטערן פרייען הימל און מוזן פון צייט צו צייט פאַנאַנדערלייגן אַ פייער כדי צו דערוואַרעמען אַביסל די ביינער. שלעכטע גוים זוכן אונדז אַרום און מיר לאָזן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז מיר זענען איבער טויזנט פערזאָן, אַלע מיט געווער. דער קלאַנג שרעקט זיי אָפּ און לעת עתה מיידן זיי אונדז אויס. מיר שלעפּן זיך אַרום אין גרויסן, טיפן וואַלד. איבער אונדז — הימל און ערד, און אַרום אונדז — ביימער וואָס בייגן זיך און רעשן. עס פאַלט אַ געדיכטער שניי, וועלכער דרייט זיך אין אַ וויוגע. יעדער פון אונדז איז באַשאָטן מיט פייכטן שניי. די פייכטקייט קריכט אין די ביינער אַריין און אַלע טרייסלען זיך פון קעלט. די קינדער טוליען זיך צו די מאַמעס און וויינען צוזאמען. אויך דו אַליין ווילסט וויינען אָבער עס רינען נישט אויס קיין טרערן. אין אַזאַ נאַכט פאַרגעסט מען אַלע הרוגים און אַלע רשעים און עס ווילט זיך בלויז אַביסל אָנוואַרעמען. מען לייגט פונאַנדער אַ פייער און מען לאָזט זיך אַוועק אין די זייטן כאַפּן אַ קוק אויף ווי ווייט עס זעט זיך דאָס פייער. דער וואַלד איז הויך און געדיכט און ווייט פון ישוב. ביסלעכווייז איז מען משלים

מיטן געדאַנק, אַז קײנער װעט אין אַזאַ נאַכט נישט קומען אונדז זוכן. אויב אַזוי, מאַכט מען גרעסער דאָס פײַער, אַז אַלע זאָלן זיך דערוואַרעמען. אײַנגעװיקלטע אין זעק װערט מען אײַנגעשלאָפן. איך און איציק פעלדלײַט באַטראַכטן אונדזערע אומגליקלעכע משפּחות, װעלכע ליגן אַרום דעם פײַער, אין טיפן שלאָף, און מיר ריכטן אויס אַלעמענס פיס צום פײַער. נאָכהער לײגט זיך אײנער פון אונדז אויך שלאָפן און דער צװײטער גײט אַרום, הערט זיך צו און קוקט, טאָמער חלילה לויערט אַ סכנה. גאַנץ פרי, פאַרװאַנדלט זיך דער שנײ אין אַ קאַלטן רעגן. מיר זענען גוט נאַס און ס׳װילט זיך נישט אַװעקגײן פון פײַער, אָבער, צוליב פאָרזיכטיקײט טראָגן מיר זיך איבער אויף אַ צװײט אָרט און דער רעגן מיטן נאַסן שנײ לאָזן נישט מאַכן קײן פײַער. לויפן מיר אום איבערן װאַלד כדי זיך צו דערוואַרעמען און דעמאָלט, פאַרגנבעט זיך אַ מחשבה: „איז עס כדאַי?” און אפשר איז גערעכט געװען אַנטאָן קרעטשקאָ, װעלכער האָט געזאָגט צו ליבקען: „דו װעסט נישט איבערלעבן, גיב זיך איבער די דײַטשן און אַ סוף, צו װאָס זיך מאַטערן?”. אָבער די תאווה צום לעבן איז, — װי שוין געזאָגט, — שטאַרקער פון אַלע צרות און מײַן שװאָגער, מאַנעס הויבט אָן צו פּלאַנירן װעגן אַ בײדל אָדער אַ גרוב, אין װעלכן מיר זאָלן קאָנען איבער־װינטערן. צװישן בלאָטעס, אויף אַ קלײן בערגעלע, הויבן טאַקע מאַנעס און שמוליק אָן צו גראָבן אַ גרוב און זאָגן דערבײַ: „דאָ װעלן מיר װינטערן און איבערלעבן היטלערן”.

מיר שמועסן אָפט צװישן זיך און מיר װילן אײנער דעם צװײטן שטאַרקן און איבער־צײַגן, אַז דער דײַטש װעט האָבן די מפּלה, װײַל, װען נישט דער גלויבן אין זײַן מפּלה, האָט דאָך נישט קײן זין דאָס מוטשען זיך אין װאַלד. פון דער אַנדערער זײַט עגבערט די פראַגע: און װאָס װעט זײַן, אַז מיר װעלן שוין יאָ אויסהאַלטן? מיט װעמען װעלן מיר דאָ קאָנען לעבן, מיט די פאַרשניטענע אין די סאָרנער גריבער? מיט די צעשפּרײטע בײנער איבער די װעלדער און אויף די דעקן פון די אָזיערעס? אָבער, נישט געקוקט דערויף װילט זיך בלײַבן לעבן. אין די בעסטע יאָרן איז דאָס לעבן נישט געװען אַזוי טײַער װי דאַן, בעת מיר זענען געװען אין װאַלד. לעבן װי אַ חיה, װי אַ װאָרעם, — אַבי לעבן. אָט נעם איך אײנמאָל מײַן קלענער מײדל צו אַ גוטן גוי כדי זי דאָרט אויסצובאָדן. װען מיר דערנענטערן זיך, תחילת אָװנט, קײן קריװיק, צו אַ שטוב, װעלכע איז אַביסל אָפּגעטײלט פון דאָרף, הער איך װי מען פאָרט, מען רעדט הויך. טראַכט איך מיר: געװיס זענען דאָס דײַטשן אָדער פּאָליצײַאַנטן. נעם איך דאָס קינד פאַרן הענטל און כאַפּ זיך אַרײַן צו אַ גוי אין חזיר־שטאַל. דאָרט ליגט אַ מאַמע־חזירה מיט אירע אַכט קינדער, שײנע היפּשע חזירים און זײ סאַפּען אַזוי רחבותדיק. איך לײג זיך דאָרט צו מיט דעם קינד. די חזירה װערט אומרואיק און הײבט אָן ריטשען, װײַל איך שטער איר רואיקײט...

און אָט זענען שוין דורכגעפאָרן די פורן און איך טראַכט מיר: פאַרװאָס זענען איך און מײַן קינד ערגער װי די חזירה מיט אירע חזירימלעך? פאַרװאָס קומט זײ מנוחה און אונדז נישט?

*

דער 20־טער דעצעמבער 1942 איז אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון. דעם טאָג האָט מײַן

גאַנצע משפּחה פון פיר פּערזאָן, איבערגעלעבט בלויז מיט אַ האַלב טעפּעלע קאַרטאָפל־שאָלעכץ, האַלטנדיק זיך ביי מיין וואַלד־פּרינציפּ, אַז ווען ס׳איז נאָך פאַראַן צוויי־דריי קאַרטאָפל, שטעלט מען נישט אין סכנה דאָס לעבן און מען גייט נישט אַרויס פון וואַלד. אָבער מיין פּרוי איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט און מען האָט זי געדאַרפט דערהאַלטן ביי די כוחות. צוליב דעם האָב איך, אין בין־השמשות, פאַרלאָזן די נאָרע, און געלאָזט זיך גיין, מיטן וואַלד, צום טראַקט. עס איז גוט פינצטערלעך און איך גיי זייער פאָרזיכטיק. פּלוצים הער איך, אַז מען גייט. איך הער דייטלעך דעם טאַקט פון מיליטערישע טריט. איך נעם זיך צוריקציען אין וואַלד אַריין, אָבער עס איז שוין שפּעט. און הגם ס׳איז שוין גוט טונקל, זען מיר זיך איינער די אַנדערע. אַ וועלכע ס׳איז 40 מעטער פון מיר שטייען באַוואָפנטע מענטשן און ווענדן די ביקסן גלייך צו מיר. זיי שרייען: „שטיין בלייבן!" איך בין זיך משער, אַז זיי ווילן מיך נעמען אַ לעבעדיקן, דעריבער שיסן זיי נישט און שרייען אַלע אויף רוסיש: „שטיין!". און אָט רוקן זיי זיך טיפער אין וואַלד און נעמען מיך אַרומרינגלען. די גאַנצע גרופּע איז שוין אין וואַלד. בלויז איינער שטייט אויפן טראַקט מיטן געווער אין האַנט, גרייט צו שיסן, אויב איך וועל וועלן דורכלויפן דעם וועג. דאַך האָט זיך מיר איינגעגעבן אַריבערצולויפן דעם טראַקט. איך לויף איצט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג פון מיין נאָרע, כדי זיי זאָלן נישט וויסן ווו עס זענען די איבעריקע. אַלע לויפן נאָך און שרייען: „שטיי, הינטישער זון", אָבער מען שיסט נישט. מען שרייט אויף רוסיש: „אין דיין מאַמען אַריין" און דאָס גיט מיר אַ סיבה צו טראַכטן, אַז דאָס זענען נישט קיין דייטשן און אויך נישט קיין אוקראַינער, וועלכע וואָלטן געשריען: „פאַרשאָלטענער ייד" און וואָלטן זיכער נאָכגעשאָסן. לויפנדיק אַזוי, קוק איך זיך אַרום און איך דערקען אין קול פון מיינע פאַרפאָלגער, דאָמבראָוויצער, יידישע יינגלעך. עס זענען דאָרט געווען דריי זין פון חיים טליבעס, קראָנענבערגס ברודער, מודריק פון הארוועניץ. מיר פרייען זיך און וויינען גלייכצייטיק. איך פיל זיך דערשעפּט, דערשראָקן און איבערראַשט. מיט זיי זענען אויך געווען צוויי רוסן. איינעם פון זיי האָבן זיי גערופן: „חבר קאָמאַנדיר" און איינעם — וואַסקאַ. אין זייער גרופּע זענען אויך געווען, אַ פּרוי פון דאַוויד־האָראָדאָק מיט איר זון, שוין אין די פערציקער און נאָך אַ מאַן, פון פּוילן, מיטן נאָמען אָוסיאַנקאַ, וועלכער האָט אין דאָמבראָוויץ חתונה־געהאַט מיט וואָראָנעס טאָכטער. זיי האָבן דערזען, אַז איך בין כמעט אַ באָרוועסער, מיינע פיס זענען אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס און די פּיאַטעס זענען אינגאַנצן נאַקעט. אָוסיאַנקאָ טוט אויס זיינע שטיוול און הייסט מיר אָנטאָן. זאָג איך אים, אַז איך בין שוין צוגעוווינט, און אַז עס איז נישט אַ פראַגע פון מיר אַליין, ווייל אין נאָרע זענען פאַראַן 16 פּאָר באָרוועסע פיס. כ׳גיב צו, אַז איך ווייס ביי וועלכן גוי ישראליק פערלשטיין האָט באַהאַלטן אַ גאַנצן אוצר פון שיך, מאַנופאַקטור און בעטגעוואַנט.

מיר זענען אַוועק אַהין און אָנגענומען פעלצן, וועש, שטיוול און מיר האָבן אַלעמען אַ ביסל אויסגעקליידט.

ווי אַ קענער פון דער סביבה, פון אַלע דאָרטיקע שטעגן און וועגן בין איך געוואָרן דער באַגלייטער און וועגווייזער פון דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנער־גרופּע.

יד. צווישן סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער

די ערשטע אַקציע אין וועלכער איך האָב זיך באַטייליקט איז געווען דאָס קאָנפיסקירן אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט ביי דער פרוי פון זאַלישינער פּאָפּ. די בולבאָווצעס האָבן געהרגעט איר מאַן, ווייל ער האָט געפּרעדיקט, אַז מען טאָר נישט מאָרדן קיין אומשולדיקע, ציווילע בירגער און ווייל דורכדעם וועט אוקראַינע נישט אויפגעבויט ווערן. אַזוי ווי ביי אים אין שטוב זענען געווען צוויי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, האָבן די פּאַרטיזאַנער צוגענומען איינעם. אויך האָב איך אַרויסגעשיקט אַ קריוויצער גוי מיט באַטעריעס קיין דאָמבראָוויץ, כדי זיי אָנצינדן אין בארמאנס עלעקטראָווניע. דער גוי איז געגאַנגען אונטער טויט־דראָונגען, אַז אויב ער וועט אויסגעבן דעם סוד פון אונדזער קיום דאָ אין דער סביבה, וועט מען אומברענגען זיין פאַמיליע.

מיינע לייט ווייסן נישט פון מיין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער, אָבער איך דערצייל זיי שוין נייעס פון די ווייטע פראָנטן, ווייל די פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָט שוין געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט. דערביי איז אָבער פון אונדזער נאָרע ביז צו אונדזערע גואלים, די רוסן, נאָך געווען אַ מרחק רב און מיר זענען צוליב דעם, נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין יאוש.

דערנאָך האָב איך געפירט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע צום כינאַטשער וואָקזאַל און זיי האָבן אָנגעשראָקן די דאָרטיקע פּאָליציי, אַריינוואַרפנדיק דורכן פענצטער איינעם פון די דריי האַנט־גראַנאַטן וועלכע זענען געווען אין זייער באַזיץ. אַזוי פיר איך אַרום די פּאַרטיזאַנער איבער די וועלדער און פעלדער, דערפּער און כוטאָרעס און ווייז זיי די וועגן דורך בלאָטעס, קאַנאַוועס א.אַז.וו. איינמאָל, זענען מיר געגאַנגען קיין קריוויץ. דאָרט זענען, איידער די דייטשן האָבן אָקופּירט די געגנט, באַהאַלטן געוואָרן צוויי ביקסן, דריי רעוואָלווערן און אַ גאַנצער זאַק קוילן. ביי דער אַקציע האָב איך צום ערשטן מאָל געזען וואָס עס הייסט פּאַרטיזאַנער־כוח. 9 פּערזאָן, און איך — דער צענטער, זענען אַריין אין דאָרף און האָבן אָפּגעשטעלט צענדליקער פורן וועלכע האָבן געפירט פון דאָמבראָוויץ יידיש האָב־און־גוטס און אַזעלכע וואָס זענען ערשט געפּאָרן דאָס נעמען. יעדע פור ווערט קאָנטראָלירט און פאַרהאַלטן. עס שטייען שוין בערך הונדערט פורן און מיט זיי דער גאַנצער דאָרף מיט גויים. אַלע זענען טעראָריזירט און רירן זיך נישט פון אָרט. איין רוצח האָט געפּרוווט זיך קעגנשטעלן, האָט זלמן שפּין זיך געווענדעט צום קאָמאַנדיר, זאָגנדיק: „אָט דער דייטשער אונטערלעקער וויל נישט אויספילן אונדזערע באַפעלן". אויף דעם איז דער קאָמאַנדיר, מאַסלוק, צוגעגאַנגען צו אים און מיטן פּריקלאַד איבערגעמאָסטן די פּלייצעס, דערנאָך מיטן רעוואָלווער געגעבן אים אַזאַ שטויס אין די ציין אַריין, אַז דער רוצח איז געוואָרן קליין און נעבעכדיק.

דאַן האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין וואַלד, אונטער דעם מאַטשיליטשער טאַרטאַק, איז פאַראַן נאָך אַ גרופּע דאָמבראָוויצער יידישע פּאַרטיזאַנער, בראש פון וועלכער עס שטייען: פנחס ניימאַן, פנחס געַנזל און יודל צאַצקעס. אויך האָב איך זיך דערוווסט, אַז אונטערן דאָרף סוואַריטשעוויטש איז דאָ גאָר אַ שטאַרקע פּאַרטיזאַנער־איינהייט צווישן וועלכע

עס זענען דאָ דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן, ווי אויך דער דאָמבראָוויצער יונגער דאָקטאָר ערליך. אויך איז דאָ אַ גרופּירונג אין וואַלד, אַרום דאָרף אָזערסק. איך הער אויך, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די גויאישע רשעים און אַז אויך די דייטשן אַליין ציטערן אימת־מות. מיין ידיד, יורקאָ, דערציילט מיר, אַז ס'האָט זיך פּראָיעקטירט צו גיין אויף יאַגד אין פּליאַטערס וועלדער און אַלע היוכע דייטשע באַאַמטע, פון סאַרנער און סטאָלינער געביטן, האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן. נאָך דעם ווי מען האָט במשך דריי וואָכן געמאַכט אַלע פּאַרברייטונגען, האָט מען דערפון רעזיגנירט און יודעי־חן, אוקראַאינישע קאָרפּן־קעפּ, זאָגן, אַז דאָס איז צוליב די פּאַרטיזאַנער.

בינתיים, האָט מען געבראַכט אין אָרדנונג די ביקסן מיט די רעוואָלווערן און די גאַנצע גרופּקע גייט אַוועק צו די הארוועניצער כוטאָרעס. דאָרטן האַלטן זיך אויף בולבאָוו־צעס און די אויפגאַבע איז „זיי פונאַנדערצויאָגן". עס צעפּלאָקערט זיך אַ קאַמף און זלמן שפּין באַקומט אַ קויל אין האַנט. מען קערט זיך אום אין וואַלד אַריין, מען ברענגט דעם ד"ר ערליך פון אָזערסקער וואַלד און ער בינדט איין זלמנס האַנט אין דעמבענע ברעטלעך.

איך נעם דאַן דעם ד"ר ערליך צו זיך אין נאָרע. ער באַטראַכט אונדז, טרייסט אַלעמען און זאָגט: „נאָך אַ ביסל וועט זיין פרילינג, דער וואַלד וועט זיך איינוויקלען אין בלעטער, ס'וועט זיין גרינג זיך אויסצובאַהאַלטן און איבער אַ יאָר ווינטער, וועט דאָ היטלערס פוס מער נישט זיין". צומאָרגנס קומט ער און ברענגט רפואות, אַרויסבאַקומענע — דורך קאָנטאַקט — פון דאָמבראָוויצער שפּיטאָל. בעת אַ געשפּרעך מיט אים זאָגט ע"ר צו מיר: „דיין בינטל יידן זענען שטאַרק דערשעפּט, זיי זענען קאַנדידאַטן אויף מתים און מוזן ווערן געשטאַרקט". פיניעלע בושקעס ברענגט אונדז, טאָקע פון די פּאַרטיזאַנער, אַ גאַנצע בהמה פליייש און מיר הייבן אָן גלויבן, אַז ס'וועט זיך אונדז אפשר פאָרט איינגעבן צו דערלעבן דעם דייטשס מפּלה...

פירנדיק די פּאַרטיזאַנער, זע איך ווידער בלוט און טויט. איך דערוויס זיך, אַז אין דאָרף רייִן ביי אַ געוויסן יעסופן, איז פאַראַן געווער. גייען מיר קיין רייִן. דערווייל בין איך ארומגעבונדן און פאַרמאַסקירט, אַז די גוים זאָלן מיך נישט דערקענען. איך וויל נישט אַרויסרופן די גוים קעגן די שוצלאָזע יידן, אַזוי פאַרגייען מיר קיין טריפּיטניע. דאָרטן דערשמעקן מיר, אַז דער גאַנצער דאָרף איז קעגן דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. מאַסליוק זאָגט זיי דברים קשים און וואָרנט, אַז פאַר יעדן הרוג אין זייער שולד, וועלן זיי געבן דין־וחשבון. ער עצהט זיי, אַז אַזוי ווי היטלערס מפּלה איז נאָענט און דער חשבון מיט אַלע רוצחים איז אַ באַלדיקער, זאָלן זיי דעריבער תשובה־טאָן און איבערגיין צו דער פּאַרטי־זאַנער־באַוועגונג. ער דערמאָנט זיי, אַז ער ווייסט ווער פון זיי עס האָט געמאָרדעט סאָוויע־טישע בירגער און מיידט אויס דערמאָנען יידישע הרוגים. אויפן וועג קיין רייִן פרעג איך ביים קאָמאַנדיר: „ח' קאָמאַנדיר! פאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוואָרנט וועגן זייער פאַר־פאָלגן יידן?" ענטפערט ער מיר: „איך האָב דאָך געזאָגט: סאָוויעטישע בירגער". אָט דעם תירוץ קאָן איך לאַנג נישט צעקייען...

און אָט זענען מיר שוין אין רייִן. איך ליג אונטערן פלויט, ביי יעסיפּס שטוב. די פּאַרטיזאַנער פאָדערן פון אים ער זאָל אָפּגעבן דאָס געווער. מען שיסט איבער זיין קאָפּ,

נעבן די פיס און ער האָט איין ענטפער: „ניין, איך האָב נישט". אין דער אמתן האָט יעסיפ יאָ געהאַט געווער, און עס שפּעטער אויסגענוצט קעגן די פּאַרטיזאַנער.

מיר גייען אַוועק אין דאָרף אזיערא. דאָרטן איז פאַראַן אַ גרופּע מערדער, אין וועמעס שפּיץ עס שטייט אַ הענקער, וועלכער האָט אויף זיין געוויסן הונדערטער פאַרפּייניקטע וולאדימערצער יידן. ער איז קאָמענדאַנט פון דער וולאדימערצער פּאָליציי. מיר האָבן געוווּסט, אַז ביינאַכט איז דער רוצח ביי זיך אין שטוב. ס'איז נאָר אַ פראַגע ווי אַזוי זיך צוצושאַרן אין דער שטיל צו זיין שטוב. אין דעם דאָרף האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ קאַמף. מען האָט אונטערגעצונדן הייזער און געשאָסן רוצחים, אָבער נישט דעם הויפּט־רוצח. אין דעם קאַמף איז געפאַלן דער ערשטער פּאַרטיזאַנער־קרבן פון אונדזער גרופּע, דער ייד אָווסיאַנקאָ. דעם קרבן האָבן די חברים געבראַכט אין וואַלד אַריין. דאַן זענען מיר געווען 9 מענטשן: 6 מענער, יידן, איין יידישע פרוי און צוויי גוים. אַלע האָבן זיך מטפל געווען מיט דער קבורה. מיר זענען דאַן געווען זיכער, אַז באַלד וועלן מיר אַרומגערינגלט ווערן דורך דייטשן און אוקראַינער. אָבער קיין וועג צוריק איז פאַר אונדז נישט געווען. די צוויי גוים האָבן אויפגעקליבן אויף אַ בערגל דעם העכסטן בוים, צוגעבונדן צו אַ לאַנגן שטאַנג אַ רויטע פאָן. אים אַרויפגעצויגן אויפן סאַמע שפּיץ בוים און דער קאָמאַנדיר, מאסלויק, האָט אַזוי געזאָגט: „זאָלן די מערדער זען, אַז אין וואַלד איז דאָ אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער און זאָלן זיי קומען". זיי האָבן אויך אַרומגעמינעוועט די שמאָלע סטעזשקע, וועלכע פירט איבער דער בלאָטע צוםביידל און באַוואָפנטע מיט ביקסן און גראַנאַטן האָט מען אָפּגעוואַרט דעם שונא. איך האָב אינצווישן געטאָן דעם טויטן זיין רעכט. ביים אָפענעם קבר פון אָווסיענקאָ האָבן אַלע יידן ספּאָנטאַן אויסגעשריען: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא". מיר האָבן געוויינט, און מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז די ביימער וויינען מיט. דאָס איז נישט געווען קיין קדיש פון צידוק הדין. דאָס האָבן מיר געפירט אַ וויכוח מיט כביכול. דאָס איז געווען אַ וויי־געשריי פון עטלעכע, נישט־דערקוילעטע יידן, וועלכע באַגראָבן די רעשטלעך פון זייער דור.

דער צווייטער קרבן איז געווען מודריק, וועלכער איז געפאַלן פון אַ פאַררעטערישער ג'יאישער האַנט, אַ מכלומרשטער פּאַרטיזאַן, וועלכער האָט אים פאַרנאַרט און איבער־געגעבן צו די בולבאָווצעס. די רשעים האָבן פון אים געריסן שטיקער, פאָדערנדיק פון אים, ער זאָל זיי ווייזן ווו עס זענען פאַראַן יידן אין וואַלד. דער דריטער קרבן איז געווען דער יונגער קראָנענבערג. ער פאַלט אַ ביסל שפּעטער אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן די דייטשן. פּנחס גענגזל, וועלכער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם קאַמף, האָט זיך מטפל געווען מיט זיין קבורה. ער ליגט אין אַ ברידער־קבר מיט נאָך געהרגעטע פּאַרטיזאַנער, קריסטן. צוקאָפּנס פון דעם קבר האָבן די פּאַרטיזאַנער אַוועקגעשטעלט אַ צלם. ביים פאַרשיטן דעם דאָזיקן קבר, האָבן די פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן געזאָגט: „אַלע זענען געפאַלן פאַר איין גערעכטער זאַך און זאָלן אַלע רוען צוזאַמען".

איך האָב שוין אַמאָל געהערט אַזאַ דרשה נאָך אין יאָר 1918, אויך ביים פאַרשיטן אַ קבר פון קעמפער פאַרן קאָמוניזם. דאַן האָט דער דאָמבראָוויצער פּאָפּ געזאָגט: „די העלדן זענען געפאַלן פאַר דעם, אַז מער זאָל נישט זיין קיין טיילונג אויף רוסן, פּאָליאַקן

און יידן, און זאָלן זיי רוען אין איין ברידער־קבר". נאָך דער דעמאָלטיקער שיינער דרשה, האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף יידישע קעפּ אַ מבול מיט פּאַגראָמען, און בלויז אין דאָמב־ראָוויץ האָט מען דאָן, אין יאָר 1918, דערשאָסן: מושערן, מיכל פישמאַן, חיים פּאַסמאַן, יצחק דעם שוחט, שלמה פּאַטרוך און אין דער דאָמבראָוויצער סביבה האָט מען דעמאָלט דערהרגעט: שטראַמען, יעקב הערשס זון, זאַלצמאַנען, ישראל יאסיניצערס זון, דאָדל דעם פויזנערס זון.

אין היטלערס צייטן האָבן זיינע נאָכפּאָלגער, דאָמבראָוויצער פּאָפּן, עפּנטלעך, איןביידע קלויסטערס, געהאַלטן דרשות און באַרעכטיקט די שחיטות אויף יידן. אויך נאָך דער דרשה ביים קבר פון קראַנענבערגן, אין יאָר 1943, האָבן נישט אויפגעהערט די יידן־שחיטות, און דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אויך אין אַנדערע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס האָבן נישט געפעלט קיין דאָמבראָוויצער יידישע קרבנות. ישעיה ווילגון, דעם האָלאָפּיאַטניקס זון, זעליקאָוויטש, ראָטנבערגס איידעם, באַרמאַן־קוט און זייערע קינדער קעמפן אין די רייען פון קאָווּפּאַקס גרופּירונג, דערגייען ביז די קאַרפּאַטן און קומען דאָרט אום. כיגער, אַ יונגער בחורל, וועלכער איז אַרויסגעקראָכן פון די סאַרנער גריבער פון אונטער די צעשאָסענע און אונדז אַ סך דערציילט וועגן די אַלע עינוים קשים ביי די גריבער און אין די גריבער, קומט אום ווי אַ פּאַרטיזאַנער אין קאַמף. אשר מאַנקאָווסקי פון דאָרף רעטשיצע, אַ העלדישער פּאַרטיזאַן, קומט אום אין אָפענעם קאַמף אין לעצטן טאָג פון פאַריאָגן די דייטשן.

פון מיין גרופּירונג זענען אומגעקומען, שוין נאָך דער באַפרייאונג, די דריי ברידער שפּינעס, חיים טליבעס זין, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין פיל קאַמפן און באַזונדערס אין פאַרטרייבן די דייטשן פון ראָוונע. זייער טויט איז ביז היינט איינגעהילט אין אַ סוד. פון די 9 פּאַרטיזאַנער, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט דעם 20־טן דעצעמבער 1942, זענען די זיבן דאָמבראָוויצער יידן מיט דער האַראַקטער יידישער פרוי, אומגעקומען אין די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן. די צוויי גוים: מאסלויק און וואַסקע, זענען אַרויס לעבעדיקע.

טו. יידן־מאָרד אין די וועלדער

אַפילו שוין אין וואַלד זייענדיק, האָט דער טויט נישט אויפגעהערט צו לויערן אויף יעדן ייד, סיי ווען ער איז געווען איינזאַם, סיי ווען ער איז געווען אין אַ גרופּע. יידן־פּאַרטיזאַנער האָבן שטענדיק גענומען אויף זיך די געפערלעכסטע אויפגאַבעס און זענען די ערשטע געגאַנגען אין קאַמף. דעריבער זענען פּראָצענטמעסיק זייערע קרבנות געווען פיל גרעסערע ווי די קרבנות פון נישט־יידישע פּאַרטיזאַנער. די יידן האָבן דאָס געטאָן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, צוליב נקמה־באַגער איבערן דייטש און אַנדערע רוצחים; צווייטנס, ווייל זיי האָבן געוואָלט וויזן פאַר אַנדערע, אַז יידן דרייען זיך נישט אַרויס פון קאַמף און האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט. טראָץ דעם זענען געווען מערערע פאַלן ווו יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געפונען זייער טויט, נישט נאָר אין אָפענעם קאַמף, נאָר — פון די הענט פון פאַרשטעלטע אָדער אַנטיסעמיטיש־געשטימטע פּאַרטיזאַנער. ווען אַ

יידישער פּאַרטיזאַן איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דייטשן, אוקראַינישע פּאָליציסטן, „בולבאָווצעס", אָדער סתם נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע אוקראַינער, אָדער פּאָליאַקן — איז זיין גורל אין אַלע פאַלן געווען — דער טויט. און נישט נאָר סתם — טויט, נאָר באַגלייט מיט די שרעקלעכסטע יסורים. ווען אַנדערע פּאַרטיזאַנער פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון די אויבנדערמאָנטע, זענען, אין געוויסע פאַלן, געווען אויך אויסזיכטן צו בלייבן לעבן.

נאָך שוידערלעכער איז געווען דער גורל פון די יידן, וועלכע האָבן זיך סתם אַרומ־געבלאָנקעט איבער בלאָטעס אין וועלדער, אָן געווער און אָן קיין שום צוגעהעריקייט צו וועלכער נישט איז באַוואָפנטער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. די דאָזיקע זענען געווען הפקר שבהפקר. יוצאים מן הכלל זענען געווען די שוצלאָזע יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַרום מיסיורעס פּאַרטיזאַנער. אָט דער וויטשעוועקער גוי, וועלכער איז געווייזן דער קאָמאַנדיר פון אַ שטאַרקער פּאַרטיזאַנער־גרופּע, האָט אַכטונג געגעבן אויף די יידן פון זיין געביט, פון ערשטן טאָג אָן ביזן סוף. אין די איבעריקע אָטריאַדן, צעשפּרייטע איבער פּאָלעסיע, איז ערשט שפּעטער דער מצב פון די יידן בעסער געוואָרן. אויך ווען אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד האָט געהאַט אין זיינע רייען כאָטש אַ ביסל יידישע פּאַרטיזאַנער, איז שוין דער מצב פון די ציווילע יידן געווען אַ זיכערער. אָט אַזוי, למשל, האָט זיך אין וואַלד, אַרום דאָרף זעלין, אין סערניקער געגנט, איינגעקוואַרטירט, פאַר פּסח 1943, אַ רוסישע פּאַרטיזאַנער־איינהייט. מען האָט געזאָגט, אַז זיי אַלע זענען געוועזענע פּאָלי־ציאַנטן אין דינסט פון די דייטשן און איצט — חוזרי־תשובהניקעס. אָבער זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן פאַרפאָלגן יידן, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט גוט אָנגעממיתט סערניקער יידן. גוים זאָגן מיר אָן, איך זאָל זיך היטן, ווייל זיי ווייסן פון אונדז און ווילן אונדז צעשיסן.

נאָך אַ פּאָר וואָכן האָט מען צו זיי צוגעגעבן אַ צענדליק יידישע פּאַרטיזאַנער און די גאַנצע איינהייט איז געוואָרן יידנפריינדלעך. און נאָך אַ פאַקט. ס'איז האַרבסט 1943. עס רעגנט און מיר ליגן אין בלאָטע, קעלט און נאַסקייט. אַלע ציווילע מוזן רירן פון אָרט און זיך אָפּרוקן אויף אַ 50 קילאָמעטער. די פּאַרטיזאַנער גרייטן זיך אין קאַמף קעגן בול־באָווצעס וועלכע שפּאַרן זיך אַהער. מיר האָבן אונדזערע קינדערלעך אַנגעטאָן ווי עכטע אוקראַאינקעס און זיי געלאָזט אין שטוב פון אַ גוטן גוי. זיי פלעכטן פאַר אים סוועטערס, שפּינען, מאַכן זאָקן און ער שפּייזט זיי. איינמאָל קומען אָן פּאַרטיזאַנער און ווילן טאָן שלעכטס די קינדער, אָבער באותו רגע יאָגט זיך אָן אַ גרופּע אויסשפּיר־פּאַרטיזאַנער און זייער קאָמאַנדיר, דער סטעפּאַנער ייד, וואַקסמאַן, האָט צעיאָגט אַלע שלעכטע פּאַרטיזאַנער.

ווען איך זאָל דאַרפן געבן אַ קאָנקרעטע תשובה אויף דער פראַגע: „צי די רויטע פּאַרטיזאַנער האָבן געשיצט יידן, אָדער אפשר אויך געהאָלפן מאָרדן?" וואָלט איך קיין ענטפער נישט געקאָנט געבן. איינס קאָן איך זאָגן: יידן, אין וואָלינער־פּאָלעסיע און אויך טיילווייז, אין ווייסרוסלאַנד, זענען געבליבן לעבן נאָר אַדאַנק די איינהייטן פון די רויטע פּאַרטיזאַנער. אָבער איך גיב אויך צו: אין דובער וועלדער זענען געשטאַנען פּאַרטיזאַנער, די א. ג. „שיטאווצעס". אין זייערע רייען זענען געווען דריי יידן: פּנחס שלעפּאַק, נאָך

אַ וואָלאַדימערצער, און אויך, אברהם דעם כינאַטשערס זון. אַלע דריי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די אייגענע פּאַרטיזאַנער.

דער אָנפירער פון אַ גרויסער פּאַרטיזאַנער־איינהייט — דיאַדיאַ פּעטיאַ, האָט אַרום זיך יידן און ער היט זיי. ס'איז אָבער אַ ביטערער אמת, אַז זיינע פּאַרטיזאַנער האָבן געהרגעט יידן, ווי נאָר זיי האָבן זיך מיט זיי באַגעגנט. איך און מיין ברודער, סענדער פּיגלשטיין, האָבן זיך אויף זיי אָנגעשטויסן, און ווען נישט די פּאַרטיזאַנער פון קאָמאַנדיר „מאַריאַק", וואָלטן זיי אונדז אַוועקגעהרגעט. דער זעלבער מאַריאַק, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון אַ שטאַרקער פּאַרטיזאַנער־איינהייט, אַרום יאַנעווע, אין וועלכער עס זענען געווען יידן, געשיצטע דורך אים, האָט אין אָנהויב אויסגעקוילעט 45 יידן פון שטעטעלע. ס'איז אַ לאַנגער צעטל פון הריגות דורך פּאַרטיזאַנער־הענט אין אַלע געביטן. הגם ס'איז אמת, אַז אין פּינסקער געביט, אין סימכאָוויטשער וועלדער, אַרום די פּאַרטיזאַנער פון רוס דיאַדיאַ מישאַ, ווערן יידישע וואָגלער געשיצט. אַזוי איז אויך אמת, אַז אין די קאַראַסינער און אָזעריער וועלדער האָבן דאָמבראָוויצער יידן געפונען שוץ ביי די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער. אַרום די וואַסערן פון טייך סטיר, אין דער הויך, אין די געביטן פון די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון רוס, קרוקאָוו, האָבן יידן דורכגעלעבט די שלעכטע הריגה־צייט. אויך דער געשיקטער פון מאָסקווע, דער פּוילישער גענעראַל סאַטאַנאָווסקי און די פּוילישע רויטע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, אויפן נאָמען פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, האָבן געשיצט יידן. די אָטריאַדן פון די גענעראַלן פיאָדאָראָוו און ביעגמאַ, שיצן יידן.

אָבער עס מוז צוגעגעבן ווערן — פּירוש רש"י: אַרום דיאַדיאַ מישאַ זענען געווען זייער גינסטיקע פאַקטאָרן. אין די קאַראַסינער וועלדער איז צו דערמאָנען די אָרטיקע יידישע פּאַרטיזאַנער: שמעון פייקאָוו, אָלשאַנסקי און שמחה ראָזנבערג פון דאָמבראָוויץ, וועלכע האָבן ביד־חזקה אַריינגעפּירט אין פּראָגראַם פון דער איינהייט — „יידן־שוץ". אויך צווישן די „קרוקאָווצעס" זענען געווען פּאַראַנטוואָרטלעכע יידן, וועלכע האָבן געהאַט השפּעה. די אַלע סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן, אין די איינהייטן פון גענע־ראַל ביעגמאַ, זענען עס דער גורם פון די עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פאַר די געפּלאָגטע יידן.

די גענעראַלן (די „פיאָדאָראָווס") זענען די וואָרטזאָגערס און משגיחים איבער דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג און האַלטן אויך אויפן אויג די יידן. בעת מיר, קרוב הונדערט יידן, מוזן אַריבערוואַנדערן קיין דאָראָהיטשן, גיט אונדז דער גענעראַל מיט אַ בריוו וועלכער אַנטהאַלט אויך אַ וואָרענונג צו די באַוועגלעכע און איינגעזעסענע איינ־הייטן, זיי זאָלן אונדז אויפנעמען. אויך אין דעם גוטן מיסיורעס אָטריאַד, האָבן מיר זיך געקאָנט האַלטן, ווייל אין זיינע רייען זענען דאָ די באַקאַלטשוקעס, ד"ר ערליך, ברוך מאַנקאָווסקי, אַליק, קאַוואַלאַ, גאַלעצקי א. אַנד.

טראָץ דעם זענען אַרום די אַלע אויבנדערמאָנטע איינהייטן געווען הריגות. אויך ביי מיסיורען האָט מען ממש פאַר גאָרנישט, אַוועקגעשאָסן אַ סוואַריטשעוויטשער יידישן פּאַרטיזאַן. עס איז אויך געווען אַ מאָמענט ווען די גוים־פּאַרטיזאַנער ביי מיסיורען, האָבן געוואָלט אַנטלאָפּענען אַלע זייערע יידישע חברים אין אָטריאַד. איינמאָל האָבן זיי אַפילו

כמעט ווי אויסגעליפערט די אַלע יידישע פּאַרטיזאַנער אויפן חסד פון די בולבאָווצעס, פון וועלכע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך מיט גרויס מסירת־נפש קוים אַרױסגעשלאָגן און זיי פּאַריאָגט.

מיר, אַ גרופּע נע־ונדניקעס, כאַפּן זיך אַרויס פון פליאַטערס וועלדער, ממש פון אונטער די הענט פון די בולבאָווצעס. אַרום צוועלף בייגאַכט באַגעגענען מיר אַ באַוואָפנטן רייטער און דאָס איז דער ייד גאַלעצקי. ער זאָגט אונדז דעם פּאַראָל און צוקומענדיק צו דער ערשטער וואַך, וואָלט דער פּאַראָל אויך נישט געהאָלפן, ווען נישט דער צווייטער יידישער פּאַרטיזאַן „פּורים", וועלכער גיט אונדז איבער צו אַ געוויסן רעציוקן און ראַפּאָרטירט אים דערביי וועגן דעם ווי אַזוי מיר קומען אַהער, צוגעבנדיק, אַז ער קען מיך פּערזענלעך. אָבער ווי נאָר מיר זענען געבליבן מיטן קאָמאַנדירל רעציוקין אַליין, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גהינום פון חקירה ודרישה, בעת וועלכער ער זאָגט אונדז, אַז מיר זענען דייטשע שפּיאָנען. אונדז איז געשען אַ נס וואָס צומאָרגנס פרי האָט אונדז אָנגעיאָגט, רייטנדיק, דער ייד באַקאַלטשוק, און אַדאַנק זיין אינטערווענץ זענען מיר אַרויס בשלום. מיר איז געבליבן אין זכרון באַקאַלטשוקס אַ פּאָר ווערטער צו רעציוקן: „זיי נישט קיין הונט".

און איצט וועגן דעם גורל פון אויבנדערמאָנטן גענעראַלס בריוו. יונה זילבערפּאַרב, פון סערניק, איז קאָמענדאַנט פון דער איבערזידלונג און ער האַלט דעם בריוו. די ערשטע פּאַרטיזאַנער אויף וועלכע מיר טרעפן אָן אין וועג, שלאָגן אונדז גוט אָן, שלעפּן אונדז אַראָפּ די שטיוול פון די פיס, צערייסן דעם בריוו, און מיר בלייבן הפקר. מיר שניידן אַדורך אַ הונדערט קילאָמעטער וועלדער און בלאָטעס און באַגעגענען עטלעכע פורן באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. זיי רינגלען אונדז אַרום און פרעגן ווער מיר זענען. מיר שווייגן טויט־דער־שראָקענע. „נו, ווער זענט איר?" — קומט ווידער אַ פראַגע. ענטפער איך: „פליטים, וועלכע אַנטלויפן פון די דייטשן און פון די אוקראַינער". „איר זענט פּאָליאַקן?". זאָג איך: „כוזשע — ערגער". „וואָס? ציגיינער?". „כוזשע — ערגער". „טאָ ווער זשע לבסוף זענט איר?". שטאַמל איך אויס: „יידן"... „דאַ ניע כוזשע! שלום עליכם, יידן!" און דער ייד האָט אונדז איינגעקוואַרטירט אין אַ דאָרף, ווו מיר זענען נישט לאַנג דאָרט געווען און געמוזט ווייטער לויפן.

קומט אויס אַזוי: די דייטשן האָבן צעשאָסן צענער טויזנטער יידן. די אוקראַינער האָבן דערמאָרדעט צענדליקער און הונדערטער. יחידים און צענדליקער זענען אויך געפאַלן פון שלעכטע פּאַרטיזאַנער און מיר, די יחידים, אַרויסגעגאַנגענע פון וואַלד, זענען מיט גאָטס רצון און פּאַרטיזאַנער־שוץ געבליבן לעבן. דאָס איז דער סך־הכל. אָבער אין אָנפאַנג, איז אַ שוצלאָזער, נישט־באַוואָפנטער ייד, געוואָרן געיאָגט ווי אַ קרעציקער הונט, פון דאָרף אַרויס. אַזאַ מענטש־ייד, וועלכער האָט זיך ערגעץ ווו אָנגעשטויסן אויף אַן אַנדערן מענטש, אָבער נישט־ייד, איז אָן שום שהיות דערמאָרדעט געוואָרן. יידן־מאָרד אין די וועלדער, איז אַלזאָ, געווען אַ נאַטירלעכער המשך פון הריגות און שחיטות וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיטן טאָג, ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די דייטשע נאַציסטישע האָרדעס.

אין די ערשטע טעג פון לעבן אין וואַלד, טעג פון שרעק און פון הונגער, האָט איציק

פעלדלייטס פּיטשימאַנינקער ייִנגעלע, אַהרנטשיקל, אַזוי געזאָגט צו זיין פּאָטער: „טאַטע, כ׳וויל דיך פרעגן: צי זענען מיר דאָ אין וואַלד טאַקע גליקלעכער פון די אומגעקומענע, אָדער מיר זענען אומגליקלעכער פון זיי?".

אין די ערשטע וואָכן האָבן אונדז געמאָרדעט סתם גוים. יונגע קריסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו העלדנטאַטן, האָבן געלויערט אויף יידן און זיי געהרגעט צוליב רויב־צוועקן, אָדער אין רעזולטאַט פון סתם אויפגעהעצטן יידן־האַס. אַ ביסל שפּעטער איז דער מצב געוואָרן נאָך ערגער. די אָרגאַניזירטע אוקראַינישע נאַציסטישע באַנדע „בולבאָוו־צעס", וועמעס פּראָגראַם עס איז געווען: אַ יידן־ריינע אוקראַינע, האָט סיסטעמאַטיש גערויבט און געמאָרדעט, גענישטערט די וועלדער, געזוכט יידן, כדי אַלעמען אויסצו־מאָרדן! פון זיי איז נישט געווען זיך אויסצובאַהאַלטן. זיי פלעגן אַריינדרינגען אין די טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע ערטער אין וואַלד.

זיי האָבן דערמאָרדעט מאַנעסן פון קריוויץ. נאָכדעם ווי ער מיט זיין קליין מיידעלע, אסתרקע, זענען שוין געווען אין וואַלד איבער פינף חדשים, און האָבן געליטן הונגער און נויט. געשען איז עס אַזוי: אין יאַנואַר 1943, אין אַ טאָג פון אַ געוואַלדיקן פראָסט, לאָזט זיך מאַנעס אַרויס פון וואַלד, אין וועג צו אַ קריוויצער גוי מיט וועלכן ער איז אויסגע־וואַקסן צוזאַמען, האָפענדיק צו באַקומען פון אים פאַרן הונגעריקן קינד אַ ביסל עסן. ביים אַרויסגיין פון וואַלד האָט ער אָנגעטראָפן אויף צוויי שכנים, אויך געוועזענע ידידים. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פון זיינע פיס די שטיוול און מיט אַ פלאָקן צעשמעטערט זיין קאָפּ. דריי טעג נאָך דער פּאַסירונג, האָבן מיר זאַלבעדריט: איציק פעלדלייט, איך און שמואל קליגון אַראָפּגעלאָזט דעם הרוג אין אַ קבר וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן אין פּחד און מיט מסירת־נפש.

אויף אַ טראַגישן אופן זענען אומגעקומען בערעלע דער היטלמאַכער און זיין מאַמע, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געווען אין וואַלד אַריבער פינף חדשים. דאָס האָט פּאַסירט אין אַ מוצאי שבת, אין פעברואַר 1943. מיר זענען הונגעריק און שטאַרק דערפרוירענע. מיר ווייסן, אַז מען זוכט אונדז. אָבער דער הונגער טרייבט אַרויס פון דער קאַלטער נאָרע. מיר ווילן אַלע אַז דער שומר־ישראל זאָל אויסהיטן בערעלען מיט זיין מאַמען, און זיי ברענגען צוריק אין זייער נאָרע אין וואַלד. נאָך פאַר זייער אַוועקגיין, זאָגן מיר אַלע, לויט קבלה־ספרים די קאַפּיטלעך תהלים „יענך ד׳ ביום צרה" און צו 9 מאָל „אלי אלי למה עזבתנו". בערעלע און זיין מאַמע זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט, און מיר ווערן אַלע רויקער און זיכערער. אָבער בערעלע און זיין מאַמע זענען נישט מער צוריקגעקומען. אין פראָסט האָבן זיי אוקראַינישע רוצחים אַרויסגעפירט אין דאָרף ליטוויץ און מיט אַן אויטאָמאַט־ביקס דורכגעשאָסן די פיס און זיי געלאָזט אין פראָסט גוססן אין שרעקלעכע יסורים. צומאָרגנס, זונטיק, האָט מען די פאַרפייניקטע פאַרפרוירענע קערפּערס צוגעבונדן צו די עקן פון פערד, אַרומגעשלעפּט זיי הינטערן דאָרף, צום ברעג וואַלד און דאָרט האָט מען זיי אַרויפגעזעצט אויף פּיענקעס. דעם טויטן בערעלען האָט מען אין האַנט אַריינ־געשטעקט אַ נאָדל־פאָדעם און אין דער צווייטער האַנט — אַ שמאַטע, ווי ער וואָלט מכלומרשט געטון זיין פאַך און גענייט היטלען. און אַזוי זענען די טויטע געזעסן צוגע־

פרווירעגע און הינט און חיות האָבן אָנגעהויבן שטיקלעכווייז פון זיי שלעפּן טיילן פון קערפּער. כ'האָב געבעטן מאַסליוקן, דעם קאָמאַנדיר פו אַ קליינער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיי־לונג און ער איז אַרויסגעפאָרן אין דאָרף און אָנגעזאָגט, אַז אויב מען וועט נישט מקבר זיין די הרוגים, וועט ער פאַרברענען דאָס דאָרף. דאַן ערשט האָט מען בערעלען און זיין מאַמען באַערדיקט.

איינמאָל, ביינאַכט, זענען יידן געקומען צו באַקאַנטע בערעסטיער גוים, בעטלען עפּעס עסן, האָט מען זיי דאָרט פאַרהאַלטן. עס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן בערעסטיער און דאָמב־ראַוויצער גוים פון באַרג און זיי האָבן געשלאָגן די יידן, געהייסן זיי זינגען און טאַנצן. דערנאָך האָבן זיי געריסן שטיקער פון די יידן, אַרויסגעשליידערט זיי אויפן פראָסט און באַגאָסן מיט קאַלטע וואַסער. ווען זיי זענען שוין געווען דערפרווירעגע, האָט מען די טויטע אויסגעשטעלט נישט ווייט פון וועג און געלאָזט זיי אַזוי נאָך מער איינפרירן. חדשים לאַנג האָט דאָס דאָזיקע טראַגישע בילד געווילט די דורכפאָרנדיקע גויים. פרילינג האָבן הינט זיי צעשלעפּט און אויפגעפרעסן.

שמעון שיינמאַנען האָבן זאָלאַטייער בולבאָווצעס פאַרפּייניקט צום טויט.

קאַפּלען, באסל געגנזוירס איניקל, האָבן זיי שוידערלעך פאַרפּייניקט, געצויגן פון אים די אָדערן, געשיילט זיין הויט. אַזוי האָבן די אוקראַאינישע סאַדיסטישע בעסטיעס געטאָן מיט אַלע יידן וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

איך שטרייך אונטער : זאָל קיינער נישט טראַכטן, אַז איך טרייב איבער ! חס וחלילה ! מען וועט דורך די ספיקות, מחלל זיין די עינוים קשים פון די קדושים. אָט דעם קאַפּלען האָט מען זייער לאַנג געפּייניקט. צו ערשט האָט מען אים איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן און געהייסן לויפן און שטאַרק געשמיסן מיט בייטשן. ערשט דערנאָך האָבן זיי אים פאַרפּייניקט צום טויט. זיין באָבע, באסל־געגנזוירס, וועלכע איז געשטאָרבן נאָכן אַריינמאַרש פון היטלערן און צו אירע 90 יאָר צוגעזען די אַלע יסורים פון די יידן, האָט פאַרן טויט גזאָגט, אַז באַלד ווי זי קומט אויף יענער וועלט, גייט זי גלייך אַוועק צום כסא־הכבוד און וועט אָננעמען כביכול פאַרן גאַרטל און וועט נישט אויפהערן שרייען, הלמאי ער לאָזט היטלערן מיט זיינע רשעים טאָן אַזוי פיל שלעכטס יידן. ווייזט אָבער אויס, אַז מען האָט באסלען נישט צוגעלאָזט צום כביכולס גאַרטל און איר איניקל, דעם בן תורה און מזג טוב, דעם גרויסן נזהר אין מצוות קלות כבחמורות, האָט מען אָנגעטאָן אַזויפיל שלעכטס...

בולבאָווצעס האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער נאָרע פון משה פישמאַן, דער קצב, און די קינדער פון יודל אלתר נחמקעס און האָבן זיך איבער זיי געוואַלדיק איזדיעקעוועט. איך האָב נישט קיין ווערטער צו קאָנען פאַרצייכענען זייערע יסורים. די מאַמע פון די קינדער איז צופעליק מיט איין יינגל אַרויס פון נאָרע זוכן עפּעס עסן און צוריקקומענדיק האָט זי געטראָפן בלויז צעקאַליעטשעטע און נישט־דערברענטע קערפּערלעך.

שוין ביים סאַמע סוף האָבן בולבאָווצעס זיך אָנגעשטויסן אויף לייזער קלעס'ס פּרוי מיט אַ גאַנצע גרופּע יונגעלייט פון דאָרף אַזיערי און מאַנעס בייגלס יינגערן זון דוד און זיי צעשניטן אויף שטיקלעך. לייזער קלעססן האָט מען פריער נאָך געהרגעט אין פּליאַטערס וואַלד.

אין חודש מאי 1943, האָט לעם דאָרף סוואַריטשעוויטש, אין די אַזוי גערופענע וווערבעס, זיך אַריינגעריסן אַ באַנדע בולבאָווצעס און געפינענדיק דאָרט 57 שוצלאָזע יידן, דאָמבראָוויצער און סערניקער, זיי אכזריותדיק פאַרניכטעט, ממש צעריסן אויף שטיקלעך.

דעם רשעס פאַנוניעס אידעם, פון דעם מויערל, אויף מאַקאַראָווסקער גאַס, אַ מכלומרשטער פּאַרטיזאַן, האָט געוואָלט אין וואַלד מאַנס זיין אַ סערניקער יידיש מיידל און כדי עס זאָל נישט זיין קיין שטערונג מצד אַ סערניקער יידן — דערשיסט ער אים. שפּעטער, נאָך דער באַפרייאונג, גייט פאַנוניעס אידעם מיט אַ האַנט־גראַנאַט צום טייך כאַפּן פיש. דער גראַנאַט רייסט אויף און ער ווערט צעריסן אויף שטיקלעך. דער שווער זיינער און זיין ווייב קלייבן אויף די שטיקלעך פון זיין גוף און לאָזן מאַכן אַ פייערלעכע לוויה. ס׳באַטייליקן זיך ביידע דאָמבראָוויצער גלחים מיט הייליקע בילדער פון ביידע דאָמבראָוויצער קלויסטערס און פאַרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט. ס׳וויינט זיינס ווייב און שרייט: „מיין שטערן, מיין לבנה". גייט צו חיים האַכמאַן, אַ פאַרוויינטער, אַ צוזאַמענגעקאַרטשעטער, ער בעט אַ וואָרט און זאָגט: — „חשובע בירגער און פאַרשטייער פון קלויסטער, פאַרשטייער פון די סאָוויעטן, און איר יונגע פרוי, וועלכע וויינט אַזוי ביטער; הערט מיך אויס! ניט קיין גלחים מיט הייליקע בילדער דאַרפן דאָ זיין, ווייל ניט קיין קדוש און ניט קיין העלד איז געפאַלן, נאָר אַ הונט איז אומגעקומען מיט הינטישן טויט. עס זענען נאָך וואַרעם די ביינער פון דעם געשאָסענעם יידן פון סערניק און די געשענדעטע יידישע מיידל גייט אַרום אַ פאַרשעמטע. אין נאָמען פון דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט, פאָדער איך איבערצורייסן די גאָטעס־דינסט און ניט אָפּגעבן כבוד אַ מערדער!". די ערשטע זענען אַנטלאָפן די גלחים מיט די הייליקע בילדער און מיט זיי — אַלע גוים וועלכע האָבן געהאַט אויפן געוויסן יידיש בלוט. צום סוף האָבן פאַנוניע, זיין טאָכטער און דריי שכנים אַליין אַוועקגעפירט די נבילה און זי באַגראָבן.

טריפּיטניער פינף יידן, — ניט קיין קאָמוניסטן, ניט קיין גבירים און ניט, ווי היטלערס פּראָפּאַגאַנדע האָט געשריבן, קיין יידישע פּראָצענטניקעס, בלויז זייגערס — נאָר פינף קאַוואַלעס, האַראָוואַלניקעס, וועלכע האָבן אַלע יאָרן געשמידט אויף באַרג, פאַר נישטיקע פּרייזן די גוישע אַקערס, העק און וועגענער, זענען דורך גוים, זייערע שכנים פון דאָרף יאַצולי פאַרנאַרט געוואָרן אין אַ הויז. עס האָט געהייסן, אַז מ׳וויל זיי געבן עסן און אָפּרו, אָבער במקום זה האָט מען זיי געפייניקט, געשלאָגן און דערנאָך זיי אַוועקגעפירט צו די דייטשן און יעדער פו זיי האָט באַקומען אַ קילאָ זאַלץ פאַר יעדן יידן. אַזוי זיינען אַ סך, אַ סך איבערגעגעבן געוואָרן אין דייטשע הענט און די איבערגעבער האָבן באַקומען אַ קילאָ סאָוויעטישע זאַלץ וואָס דער דייטש האָט פאַרכאַפּט.

מאיר־חיים יונגשטיינס זון אפרים האָט געהאַט אַ ידיד אויף מאַטשוליטשער גאַס. לעם זיין ציגעלניע, ביי וועמען ער האָט פאַרשטעקט זיינע אַלע ווערטפולע זאַכן. אין טאָג פון אויסראָטונג נעמט אפרים זיין פרוי און קינד און לויפט זיך אויסבאַהאַלטן ביים ידיד. דער גוי האָט זיי אַלע דריי אַוועקגעהרגעט.

איציק שפּירא ווערט מכלומרשט געשיצט דורך אַ ידיד, אַ דאָמבראָוויצער גוי.

ער נאַרט אַרויס פון אים אַלע ווערטפולע זאַכן, נאָכהער רופט ער די דייטשן און די פּאָליציי וועלכע שיסן אויס די גאַנצע משפּחה.

דער רשע איז שפּעטער אַנטדעקט געוואָרן אין לאָדז דורך יאַנעק ראָטנבערגן, וועלכער האָט אים פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן דעם סאָוויעטישן קאָמענדאַנט אין לאָדז.

שייקע שיינמאַן און אהרון גאַלינסקי פון טריפּיטניע, האָבן געהאַט אַ בשותּפותדיקן ידיד אין דאָמבראָוויץ וועלכער האָט זיך געחברט מיט יידן. געווען איז דאָס דער גוי, לאָסעק. זייערע זאַכן זענען געווען ביי לאָסעקן און זיי זענען געקומען זוכן ביי אים שוץ. גוים האָבן מיר געזאָגט, אַז ער האָט די בײדע משפּחות איבערגעגעבן די דייטשן.

ברוך פייגלשטיין, דער גערופענער „פּעטליא", האָט געהאַט אַ ידיד ביי וועלכן עס זענען געווען אויסבאַהאַלטן אַלע זאַכן פון גאַנץ „פּאָרט־אַרטור". ווען ברוך מיט זיין משפּחה זענען אַנטלאָפן צום ידיד, האָט מען זיי צוערשט גוט צעקלאַפּט מיט שטעקנס און נאָכהער איבערגעגעבן דער פּאָליציי.

אין וואַלד, האָבן זיך גוים אָנגעשלאָגן אויף דער נאָרע פון אַ צענדליק דאָמבראָוויצער יונגע־לייט. אַ חוץ שייקע בארמאַן, זענען אַלע מערדערלעך געוואָרן פאַרפּייניקט. שייקען האָט מען אָפּגעפירט אין די קאַלראַשער בערג און דאָרט האָט ער אויפגעבויט אַ פאַר־מאַסקירטע מאַטאַראָווע מיל מיט עלעקטרישע איינריכטונגען, וועלכע די „בולבאָווצעס" האָבן גענוצט צו לאָדן ראַדיאָ־באַטעריעס פאַר זייערע מיליטערישע צוועקן. אין טאָג פאַרן צוריקקער פון די סאָוויעטן האָבן די אוקראַינישע באַנדיטן אים דערשאָסן.

אין סך־הכל זענען אָט די 250 יידן, אַנטלאָפענע פון טויט, אין י"ג אלול תש"ב, — טאַקע ווי דער קליינער אהרונטשיקל האָט געזאָגט: „די אומגליקלעכסטע פון די אומגליקלעכע", במשך די ניינצן חדשים זיין אין וואַלד, כמעט אַלע געהרגעט געוואָרן. זיי זענען אומגעקומען מיט שוידערלעכע טויטן און זייערע ביינער זענען צעשפּרייט איבער פּליאַטערס וועלדער.

מענטשן זענען אויך געשטאָרבן אין וואַלד מיט אַ נאַטירלעכן טויט. דער ערשטער שטאַרבט הערשל דער שוחט, באַסל גענזורס זון. די גויים האָבן אים באַלד אין ערשטן טאָג געכאַפּט, צעראַפּגעריסן פון אים דאָס גאַנצע אָנטועכץ און זיין געזונט האָט ניט געקענט אויסהאַלטן די שווערע באַדינגונגען אין אַ קאַלטער וואַלד־נאָרע. זיין טויט האָט אַלעמען דערשיטערט. אברהם קאָוואַלאָ האָט זיך געוואָלט מוסר־נפש זיין ביי נאַכט און אַוועקטראָגן הערשלס גוף 20 קילאָמעטער אויפן דאָמבראָוויצער בית־הקברות, אָבער מען האָט אים מיט געוואַלד אָפּגעהאַלטן פון רעאַליזירן דעם דאָזיקן געדאַנק.

נאָכהער שטאַרבט מיין פרוי, ביילקע, מיכל קריוויצערס טאָכטער. איר טויט וואָס איז געקומען גאָר קורץ נאָך די הריגות פון איר ברודער מאנעסן און בערעלען מיט זיין מאַמען הילט אונדז איין אין טיפן טרויער און שליידערט אונדז אַריין אין געוואַלדיקן יאוש. מיר זענען זי מטהר, וויקלען זי איין אין ווייסע ליילעכער, וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן געבראַכט פון דאָרף, מיר זאָגן תהילים און בעטן מחילה. איציק פעלדלייטס פרוי זאָגט איר אָן, אַז זי זאָל גיין צום כסא הכבוד און טענהן און בעטן פאַר אַלעמען. איך,

און איציק פעלדלייט און דער יונגער שמואל קליגון האָבן אויסגעהאַקט אַ קבר אין דער געפרוירענער ערד און זענען זי מקבר. מיר האָבן געמאָסטן וויפל טריט עס זענען דאַ צום וואַלד־וועג און געמאַכט סימנים ביים קבר כדי אים צו קענען נאָכדעם אויפזוכן און ברענגען די ביינער צום קבר־ישראל. אָבער נאָך דער באַפרייאונג האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ גאַנצע דיוויזיע סאָלדאַטן, כדי צוקומען צו דעם אָרט, ווייל אין וואַלד האָבן זיך דאַן אויסבאַהאַלטן צענער טויזנטער אוקראַאינישע באַנדיטן. אַזוי אָרום זענען די ביינער פון מיין פרוי פאַרבליבן אויף דעם זעלבן אָרט, צווישן הויכע סאָסנעס, גרינע בעריאָזעס און אַלטע, פונאַנדערגעצווייגטע דעמבעס, דאָרט ווו עס קרייצן זיך פיר וואַלד־ וועגן, ניט ווייט פון אַ קריניצע וואַסער וואָס הייסט — „קאַדובעץ״.

נאָכדעם איז געשטאָרבן מיין שוועסטערס קינד. ווען דאָס קינד האָט געלעבט, האָט מיין ברודער סענדער, אין די גרעסטע פרעסט, עס אַרומגעטראָגן אין אַ זאַק איבער די וועלדער. נאָכן ווינטער, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן פיבערן און במשך עטלעכע טעג געראָפּן אַן אויפהער מיין ברודערס נאָמען און זיך געשראָקן. נאָך געציילטע טעג איז עס אויסגעגאַנגען. ס׳איז געווען דעמאָלט חול המועד פסח, 1943, אין די ערשטע טעג פון קריסטלעכן פסח. צו יענער צייט יאָגן זיך אָרום איבער גאַנץ פּאָלעסיע צענדליקער פּאַרטיזאַנער־איינהייטן און שלאָגן זיך אין אָפענעם קאַמף מיט די דייטשן און מיט זייערע געהילפן: אוקראַאינצעס און ולאַסאָווצעס. אוקראַאינצעס און פּאָליאַקן שלאָגן זיך צווישן זיך אַליין. דאָרט ווו די דייטשן שפּאַרן אַרויס די פּאַרטיזאַנער פון אַ געביט, ברענען זיי די דערפער און וואַרפן לעבעדיקע מענטשן אין פייער. אין דאַברויסק האָבן זיי פאַרכאַפּט 20 גוים און אַלעמען אַריינגעוואָרפן אין פייער. אין דאָרף הוטע האָבן זיי פאַר־ כאַפּט 6 פּאָליאַקן און זיי צוריינגעוואָרפן אין פייער.

אַז די אוקראַאינצעס רייסן זיך אַריין אין אַ פּוילישן דאָרף הרגענען זיי אַלעמען אויס און פאַרברענען דעם דאָרף. אַזוי אַרום ווערט דער וואַלד דאָס שוץ־אָרט פאַר אַלע געיאָגטע. צוזאַמען מיט אונדז אין וואַלד האָבן זיך יענעם חול המועד פסח, געפונען פיל הונדערטער משפחות פּאָליאַקן מיט זייערע בהמות און שעפסן, מיט אַלע הייליקע קאַטוילישע בילדער און ווי נאָר איך און מיין ברודער סענדער האָבן געבראַכט דאָס קינד צו קבורה אויף אַ בערגל, אונטער אַ בוים איז זיך לעם אונדזער נאָרע צוזאַמענ־ געקומען אַ מענגע פּאָליאַקן און האָבן אַזוי געטענהט: „איר זענט פאַרשטויסענע, ניטאָ ביי אייך אין וואַלד קיין שום רעליגיעזע מנהיגים, ווייל אַלעמען האָבן די מערדער אומ־ געבראַכט, האָבן מיר געוואָלט אָפּריכטן איבערן טויטן גוף אַ קאַטוילישע תפילה״. כ׳בין דאַן געווען געריררט ביז טרערן און מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף די פּאָליאַקן פאַר זייער גוטן רצון, ווייל פונעם טאָג פון דייטשישן אַריינמאַרש, האָבן גוים געחוזקט איבער יידישע מתים ווי להבדיל איבער נישטיקע שרצים.

גאָר ווייט פון דאַמבראָוויצער בית הקברות, ערגעץ אין די וועלדער, נאָך יאַנאָווע, איז געשטאָרבן פון טיפוס אברהם קאָוחאלאָ. מיר ווייסן, אַז אברהם האָט זיך געוואָלט מוסר־נפש זיין און מקבר זיין הערשל דעם שוחט אויפן דאַמבראָוויצער בית־הקברות און

מיר ווילן גומל־חסד זיין מיט אברהם׳ס גוף און אים מקבר־זיין אויפן פאַרלאָזטן, אַלטן בית הקברות אין נאבעל אַ שטעטעלע וואָס איז חרוב געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און זינט דאַן האָבן זיך יידן דאָרטן ניט באַזעצט. אָבער גראָד ווערט דאַן אומרויק ווייל די „בולבאָווצעס״ ווילן זיך אַריינרייסן אין אונדזער פּאַרטיזאַנער געביט. האָ ן מיר מקבר געווען אברהמען אין וואַלד, לעם צוויי פריערדיקע יידישע קברים: איי ר, אַ ייד פון ראַפאַלאָווקע, און איינער פון סטאַרע־סעלאָ. עס האָט אונדז זייער פאַרדראָסן דאָס וואָס מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אין זיין אייביקער רו, אין טיפן וואַלד, כאָטש צו יענער צייט זענען שוין דאָמבראָוויץ און סאַרנע געווען אָפּגערייניקט פון די דייטשן. די סיבה איז די, וואָס מיר האָבן זיך דאַן געפונען בערך 120 קילאָמעטער פון דאָרטן.

*

דער טיפוס בושעוועט אין וואַלד. ס׳קומען אום פיל פוילישע משפחות. עס קומען אום אַ סך פון די אַנטלאָפענע גוים וועלכע באַהאַלטן זיך אויס אין וואַלד און אין די לעצטע טעג שטאַרבט אַ ייד, ערגעץ פון אַ דאָרף, ארום סטאָלין. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קליין יינגעלע און ער פאַריתומט אים. ביז דאַן האָבן מיר שוין אַ סך טויטע געזען, אָבער דאָס שטאַרבן נאָך יאָרן מאַטערניש רודערט אונדז געוואַלדיק אויף און מיר וויינען ווי קינדער. זיין טויט רופט אויך אַרויס אַ פּראָבלעם. ס׳איז אָנהייב פרילינג. אין פּאָלעסיע זענען די נידעריקע וועלדער פאַרגאָסן מיט וואַסער און מיר אַלע זענען צוליב דעם אַריינגעיאָגט געוואָרן אין פּאַרטיזאַנער־דאָרף און קאָנען פון דאָרט זיך נישט אַרויסבאַקומען. די גוישע בעלי־בתים לאָזן נישט מקבר זיין אויף די פעלדער, און אין וואַלד קאָן מען נישט דעם מת אַריינלייגן אין וואַסער. די פּאַרטיזאַנער הייסן מקבר זיין דעם מת אויפן גוישן בית הקברות. מיר זענען שוין מסכים, אָבער די גוים לאָזן נישט. „וואָס? לייגן אַ ייד אויף זייער בית הקברות? — טענהן זיי — דאָס, נישט״. האָבן מיר געפונען אַ בערגעלע אויף וועלכן ס׳זענען געווען באַגראָבן דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דאָרטן האָבן מיר מקבר געווען אונדזער הייליקן מת און מיר׳ן געבעטן ביי אים מחילה פאַר דעם אָנגעטוענעם בזיון פון לייגן אים צווישן די טאַטעס פון די היינטיקע דייטשישע מערדערס...

אין וואַלד איז געשטאָרבן נאָך אַ ייד וועמענס טויט איך האָב נישט געזען, נאָר מען האָט מיר וועגן דעם דערציילט. געווען איז דאָס זיידל גראַוועך־ציגאַרניק. ער איז געווען קראַנק אַ שטיק צייט און איז אויסגעגאַנגען ערגעץ אין וואַלד, אין אַ נאָרע. ער איז געבליבן ליגן נישט באַערדיקט.

טז. איבער יידישע חורבות און הייליקע גריבער

מיר ווייסן שוין, אַז אונדזער זיין אין וואַלד פאַרענדיקט זיך. פּאַרטיזאַנער פאָרן מיט פורן קיין סאַרנע, קיין דאָמבראָוויץ און ברענגען פון דאָרט אַמוניציע, אָבער מיר מוזן זיין אין וואַלד אַרום דראַהיטשן ביז די רוסן וועלן קומען. אמת, קיין דייטשן זענען אויפן

וועג נישטאָ, אָבער בולבאָוצעס זענען יאָ דאָ. און פּלוצים ווערן מיר אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. די פּאַרטיזאַנער פירן אַ קאַמף מיט די אָפּטרעטנדיקע דייטשע אַרמייען וועלכע מוזן דורכגיין דעם וואַלד. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת לאָזן זיך די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן אויף מזרח, צום סטיר, דאָרט ווו עס זענען איינגעפעסטיקט די רעגולערע רוסישע אַרמייען. אונדז זאָגט מען דערפון גאָרנישט. און ווען מיר ווענדן זיך אין דער בהלה צו זייערע קאָמאַנדירן, זיי זאָלן אונדז נעמען מיט זיך, שטויסן זיי אונדז אָפּ, און זאָגן אָן שטרענג, מיר זאָלן נישט וואַגן זיי נאָכגיין. זיי עצהנען אונדז זיך צו פאַררוקן טיף אין וואַלד, ווייל מאָרגן, איבערמאָרגן קומען זיי צוריק. מיר לעבן איבער אַ שרעקלעכן טאָג. מיר, דאָס רעשטל דאָמבראָוויצער, וולאַדימירעצער און סערניקער יידן, צוזאַמענגעלאָפענע פון אַלע עקן וועלדער צום צענטער, זעענדיק די בהלה און געלויף פון די פּאַרטיזאַנער, וועלכע שטויסן אונדז אָפּ מיטן אויסרייד, אַז זיי גייען אין קאַמף, קלייבן אויס דעם גרינגערן טויט און לויפן נאָך די פּאַרטיזאַנער. נאָך אַ פּאָר שעה מיטלויפן, מאַכן די פּאַרטיזאַנער שלום מיט דעם פּאַקט און שוויגן. אַרום האַלבער נאַכט קומען מיר אָן אין דאָרף סוואַלע־וויטש און די פּאַרטיזאַנער, ווי אויך מיר, שטעלן זיך דאָרט אָפּ נעכטיקן.

דייטשישע אויסשפּיר־עראָפּלאַנען געפינען אונדז אויס און ס׳ווערט אַ מהומה. די פּאַרטיזאַנער יאָגן זיך אַוועק פאָראויס און מיר פאַרלירן זיי פון אויג. עס בלייבט אונדז נישט קיין אַנדערער אויסוועג ווי צו גיין צוריק אין וואַלד און זיך אויסבאַהאַלטן. מיר, יידן, פאַרלירן צווישן זיך דעם קאָנטאַקט און איך מיט מיין ברודער סענדער, זוכן שוין צוזאַמענצוקלייבן די אייגענע משפּחה. מיר ציילן זיך איבער, מיר זענען דרייצן נפשות, ד״ה, אַלע פאַרלאָזטע יתומות וועלכע האָבן זיך געהאַלטן מיט אונדזערע צוויי קינדער. מיר קריכן אַרויס פון דאָרף און נאָך אַ שעה שטילן גאַנג אין טיפן וואַלד שטעלן מיר זיך אָפּ און רופן איינער דעם צווייטן אויפן נאָמען. די קליינע יתומה אסתרקע ענטפערט נישט. מיר קוקן זיך אַרום. ס׳איז דאָ אַ פּיצימאָנינקע מיידעלע, אָבער אַ צוגעקומענע און אסתרקען וואָס איז מיט אונדז געווען די גאַנצע צייט, האָבן מיר פאַרלאָרן. מיר קערן זיך אום צוריק אין דאָרף זוכן אסתרקען. אינצווישן איז אַריין אין דאָרף אַ צווייטע פּאַרטיזאַנער־איינהייט וועלכער די פריערדיקע האָט על פּי טעות אָנגענומען פאַר וולאַסאָווצעס און איז פאַר זיי אַנטלאָפן. מיר געפינען אסתרקען און גייען נאָך די פּאַרטיזאַנער. אַזוי אַרום, — און אפשר אין זכות פון אסתרקען — זענען מיר ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט, ווייל אין יענעם וואַלד וווהין מיר זענען פריער אַריין, האָבן זיך די דייטשן באַפעסטיקט און זיך דאָרט געהאַלטן נאָך אַ האַלב יאָר.

דעם 3־טן מערץ 1944 זענען מיר אַרויס פון וואַלד און די זיגרייכע סאָוועטישע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן. יידן האָבן זיך גלייך געקאָנט צוריקקערן אין זייערע שטעטלעך. די באַפרייאונג פון טויט־שרעק און פון אומדערטרעגלעכע יסורים, האָט אָבער נישט געבראַכט מיט זיך קיין פולע יידישע באַפרייאונג. די לעצטע טעג פאַרן פאַרלאָזן דעם וואַלד זענען אַלע יידן אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער געמיט און די פרייד וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט אַלע גוים וועלכע זענען געווען מיט אונדז, האָט אונדז נישט אויפגעהייטערט. מיר האָבן געוווסט, אַז מיר וועלן זיך אויפסניי מוזן באַגעגענען מיט די מענטשן וועלכע

האָבן אונדז פאַרפאָלגט, וועלכע האָבן, אין יענעם פינצטערן טאָג פון דער שחיטה, מיר נאָכגעשריגן: „פאַרשאָלטענער ייד, וואָס אַנטלויפסטו פון דעם טויט?". יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מחשבה, צי איז כדאַי געווען צו וואָגלען איבער וועלדער, זיין פאַרשטעקט אין זומפּיקע בלאָטעס, זיך פּייניקן אין הונגער און קעלט, איבערלאָזן אין וואַלד־גריבער די נאָנטסטע און ליבסטע — כדי נאָכדעם זיך אומצוקערן אין שטעטל און לעבן איינזאַם צווישן די גרעסטע שונאים און געפערלעכסטע רוצחים.

נאָך אַ דרייטאָגיקן מאַרש פון הינטער דראָהיטשין, זענען מיר אָנגעקומען אין דער אַמאָליקער יידישער שטעטעלע ראַפאַלאָווקע, וועמענס אַלע יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן. די הייזקעס און דאָס בית מדרש זענען דאָ געבליבן גאַנץ. אָט דאָ זענען די רשעים דיר אומבאַקאַנט. און הגם איך ווייס, אַז אויך דאָ האָבן די אָרטיקע מערדער אויסגעשאָכטן זייערע יידן, איז אָבער מיר לייכטער דערמיט, וואָס איך קען זיי דאָ נישט. מיר בלייבן דעריבער דאָ זיצן, כדי נישט צו טרעפן זיך מיט דאָמבראָוויצער רוצחים, וועלכע איך קען און ווייס ווער ס'האָט וועמען געמאָרדעט. אָבער מיר געפינען נישט קיין רו. ערשט איצט שטעלט זיך אַוועק די פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט: וואָס איז דער תכלית? מיר, די פאָר הונדערט יידן, דאָס רעשטל פון גאַנץ וואָלין און פּאָלעסיע, וועלן דאָ ממשיך זיין דאָס יידישע לעבן? און ווען מיר וועלן שוין אפילו אין עטלעכע דורות אַרום ציילן טויזנ־טער, וועט מען אונדז דען אויפהערן הרגענען? זייער קולט ווילן מיר דאָך נישט און קאָנען נישט אָננעמען... און פאַר אונדזער ביסל יידישקייט קוילעט מען אונדז, ברענט מען אונדז, טאָ צו וואָס זשע דאָס זיצן דאָ? אין די הערצער פון די פאַרבליבענע פאָר הונדערט יידן ברענט איצט אַ פייער. עס שטאַרקט זיך די בענקשאַפט, מען קאָן נישט זיך־איבערטראָגן די עלנטקייט. אַלע יידן פילאָזאָפירן, ריידן, אַמפּערן זיך און זוכן אַן אויסוועג.

אָבער די אומשטענדן לאָזן אונדז נישט לאַנג אַריינקלערן. די טראַגעדיע איז פריש און זי לאָזט אונדז נישט זיך אָפּרייסן פון איר. מען רעדט ביינאַכט אין חלום מיט די היימישע וועלכע זענען אויסגעריסן פון לעבן, מען האָט וויזיעס אין מיטן וואַכנדיקן טאָג. מיר טאַפּן און נישטערן, זוכן, שמעקן ווי געשיקטע חיות און געפינען די פלעצער ווו ס'ליגן באַגראָבן דערשאָסענע אָדער דערשטיקטע יידן. פאַראַן אַ סך אַזעלכע פלעצער אין ראַפאַלאָווקע. מיר געפינען די דריי גרויסע גריבער מיט 2500 דערשאָסענע ראַפאַלאָווקער יידן. מיר געפינען אַ חזיר־שטאַל אָנגעפילט מיט צעריסענע ספרי־תורות, אויסגעשמירטע אין צואה. ווען אָשר מאַנקאָווסקי — וועלכער איז אין ראַפאַלאָווקע שפּעטער געשטאָרבן מיט זיין פרוי פון טיפוס און האָט פאַריתומט צוויי קינדערלעך מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַרומגע־טראָגן אויף די הענט איבערן וואַלד — האָט דערזען די צעריסענע, פאַרשמירטע ספרי־תורות, האָט ער אַזוי געטענהט: „נו, רבונו של עולם, וואָס האָסטו געמאַכט פון אונדז, און פון זיך?".

און אָט האָט אַ יידיש מיידל דערקענט איר מאַמעס בגדים אויף אַ גויע, האָט דאָס מיידל זיך געקאַטשעט איבער דער ערד און געריסן פון זיך די האָר. אין יענע טעג האָבן מיר געפלעגט אויפגעטרייסלט ווערן פון יעדן צוזאַמענטרעף מיט גויים, ווייל זיי האָבן

געפלעגט זיך וווּנדערן און פרעגן: „וואָס, דו לעבסט?". אָבער, טאַקע דערפאַר האָט זיך ביי אונדז געשטאַרקט דער ווילן צו ווייזן די רשעים, אַז מיר לעבן, אַז מיר זענען דאָ. מיר זענען דעריבער מחליט, על אפם ועל חמתם, צו באַנייען אונדזער יידישקייט, צו ווייזן די מערדער, אַז כאָטש די יידן זענען מער נישטאָ אָבער יידישקייט איז אייביק. מיר קלייבן צונויף געשענדעטע ספרי־תורות, נעמען אַרויס יריעות, שטעלן צוזאַמען אַ ספר־תורה און הייבן אָן דאַווענען בציבור. 200 יידן, מענער, פרויען און קינדער, זאָגן יעדן טאָג קדיש נאָך די אויסגעשאָכטענע וואָלינער און פּאָלעסיער קהילות.

נאָך אַ קורצער צייט, האָט די סאָוויעטישע מיליטער־מאַכט מאָביליזירט אַלע אונדזערע יונגע מענטשן און זיי געשיקט אויפן פראָנט. באַלד איז איינער געקומען צוריק אָן אַ פוס. ער דערציילט, אַז פון די געוועזענע וואַלד־מענטשן איז שוין אַ שפּאָר ביסל געפאַלן אין די שלאַכטן אויף דעם פראָנט. מיר, עלטערע מענער, פרויען און יונגיטשקע קינדער זאָגן שוין איצט אַ פּילפאַכיקן קדיש: נאָך די קהילות, נאָך די פריש געפאַלענע אויף די פראָנטן, נאָך די, וועלכע שטאַרבן אויס פון טיפוס און אפשר אויך — נאָך דעם גאַנצן ביסל יידישקייט, וואָס איז געגאַנגען לאיבוד. ווייל, ווען מיר באַגעגענען זיך מיט יידן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, זענען זיי קודם כל רוסן־באָלשעוויקעס און בלויז ערגעץ ווו אין דער פאַרבאָרגנהייט, אַז קיינער זאָל חלילה נישט וויסן, איז פאַראַן ביי זיי אַ פינטעלע פון פאַרקריפלטער יידישקייט. — גאָר זעלטן געפינען מיר מיט זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

אַזוי אַרום האָבן מיר געזוכט אַ טרייסט אין אונדזער אייגענער קרענקונג און פּיין, פונקט ווי רבי עקיבא וועלכער האָט נאָך זיין געשטאָרבענעם זון געפונען אַ טרייסט בלויז אין זיינע אייגענע טרערן. וויינענדיק איבער די הייליקע גריבער, האָבן מיר געזוכט אַ טרייסט אין דעראינערונגען וועגן אַמאָל. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט במחשבה, אַז אָט די הייליקע גריבער אין וולאַדימירעץ, אין סאַרנע, אין ראַפאַלאָווקע, זענען אונדזער „כותל־מערבי" נאָכן יידישן חורבן פון וואָלין און פּאָלעסיע.

צו אָט די הייליקע גריבער איז אין איינעם אַ טאָג געקומען אַ קאָמיסיע פון מאָסקווע. זי איז געקומען עפענען די גריבער און באַטראַכטן צי איז אמת דאָס וואָס מען דערציילט און מען שרייבט, אַז היטלער האָט געלאָזט אומברענגען סאָוויעטישע פרידלעכע בירגער... צו דער מאָסקווער קאָמיסיע האָט מען צוקאָאָפּטירט מענטשן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און צווישן זיי דעם אוקראַינישן גלח וועלכער טראָגט אַ פּאָר הויזן־זשילעט פון אַ געהרגעטן יידן, דעם דאָקטאָר, אַן עלטערער רוס — אַן איבערבלייבעניש פון די אַלטע צאַרישע אַנטיסעמיטן, ווי אויך אַ צענדליק אוקראַאינער, טאַקע די זעלבע אוקראַאינער וועלכע האָבן נישט איין ייד דערמאָרדעט. אונדז, יידן, מיידט מען אין גאַנצן אויס, ווייל עס איז אַן ענין פון דער סאָוויעטישער מאַכט און נישט דווקא פון יידן... מיר וויסן, אַז דער פּראָטאָקאָל דאַרף פעסטשטעלן, אַז דאָ איז דורכן שונא אויסגעפירט געוואָרן אַ מאָרד־אַקט איבער 2500 סאָוויעטישע בירגער. מיר זענען דערשיטערט געוואָרן פון דער אַ פּראָפּאַגאַציע ביז די טיפענישן פון אונדזער געפּלאָגטער נשמה. מיר האָבן געמאַכט אַ טומל. מיר האָבן פאַריאָגט דעם גלח, פאַרטריבן דעם דאָקטאָר, צעטריבן די אוקראַאינער

און, שבת גאַנץ פרי זענען אַלע יידן געקומען מיט גראַב־אייזנס און מיט יידישע הענט אויפגעגראָבן דעם גרוב פון אומגליק און טויט. עס איז נישט צו שילדערן אין ווערטער דאָס בילד ווי אַזוי אַ פּאָר הונדערט יידן, פרויען־אלמנות פון די דאָ באַגראָבענע מענער, קינדער־יתומים, טיילווייז פון די צעשאָסענע דאָ טאַטע־מאַמע, שטייען איבער די אָפענע גריבער און רייסן פון זיך די האָר, קלאָגן און יאָמערן, ווילן דערקענען באַקאַנטע און ווערן אויפגעציטערט פון יעדן באַריר מיט די הייליקע עצמות זייערע. נאָכאַמאָל האָבן מיר איבערגעלעבט אַלע שחיטות, נאָכאַמאָל זענען מיר געפייניקט געוואָרן...

*

מיין אַרבעט, ווי דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער וואַלד־אַרבעט פון וואָלינער וואַלד־טרעסט, גיט מיר אַ מעגלעכקייט זיך צו קאָנען חברן מיט די פאַרשטייער פון דער מאַכט. זייער אָפט טרינקען מיר „וואָדקאַ" און דער פּראָקוראָר איז אויך אַ גוטער־ברודער. איך ווייס אפילו, אַז יענער פאַקט פון נישט צולאָזן די גוים זיך מטפל צו זיין מיט די קדושים, איז ביי אים פאַרנאָטירט, ווייל ער האַלט זיין האַנט אויפן דופק פון דער באַפעל־קערונג. אין אַ צייט אַרום האָב איך מיט אים אָנגעקניפּט אַ שמועס, און אַז ס'איז געווען „כטוב לבו ביין", פרעג איך אים פאַרוואָס מען האָט געוואָלט אויסמיידן די באַטייליקונג פון די געראַטעוועטע יידן ביים עפענען די ברידער־קברים פון די אומגעקומענע יידן. ביי דער געלעגנהייט האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט דער פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

— „דאָס איז אַ גרויסע עוולה — האָב איך געטענהט — ווייל נישט גענוג וואָס איר האָט אונדז אויסגעמיטן, האָט איר נאָך איינגעלאַדן אָט די אַלע וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דעם דייטש אונדז פאַרניכטן און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָבן זיי געדאַרפט אונטער־שרייבן דעם פּראָטאָקאָל, אַז די דייטשן האָבן געמאָרדעט. דאָס הייסט, אַז זיי אַליין זענען אינגאַנצן ריין פון דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. חוץ דעם איז אין פּראָטאָקאָל געווען אַ פּונקט, אַז די דערמאָרדעטע זענען סאָוויעטישע בירגער, אָבער ס'איז בכלל נישט דערמאָנט געוואָרן, אַז זיי זענען יידן און בלויז יידן. אויך די אוקראַינער זענען סאָוויע־טישע בירגער, אָבער זיי זענען געווען די מערדער, און בלויז די יידן זענען געווען די דערמאָרדעטע".

אויף דעם האָט דער פּראָקוראָר געענטפערט קורץ און שאַרף:

„דו דענקסט און רעדסט ווי אַ נאַציאָנאַליסט און ביי אונדז איז דאָס נישט דערלאָזבאַר".

„דאָס הייסט ביי דיר נאַציאָנאַליזם? — האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און געפרעגט — אויב איך קעמף דערפאַר, אַז דער זכר פון מיין פרוי, פון מיין טאַטן און מאַמען, פון מיין גאַנצער פאַרניכטעטער משפחה זאָל נישט פאַרלעצט ווערן, בין איך אַ נאַציאָנאַליסט? זיי זענען אומגעקומען בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען געווען יידן און דער פאַקט טאָר נישט פאַרטושט ווערן, ווייל דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אויך אַ פאַרלעצונג פון דער מאַרקסיס־טישער אַנשויונג. וואָרעם ווען איר באַמיט זיך צו פלעגן די נאַציאָנאַלע געפילן פון די אוקראַינער, אָדער פון אַנדערע צענדליקער פעלקער, וועלכע לעבן אין די נאַציאָנאַלע

סאָוויעטישע רעפּובליקן, טאָ פאַרוואָס זענען מיר ערגער פון זיי? פאַרוואָס ווילט איר פאַרווישן די שפּורן פון אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע וואָס האָט קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע? פאַרוואָס ווילט איר אָפּמעקן דעם אָנדענק פון די אומגליקלעכע יידן וועמעס לעבנס עס זענען אַזוי שוידערלעך פאַרשניטן געוואָרן?״. ביי די ווערטער האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט און נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַרויקט, האָט דער פּראָקוראָר צו מיר אַזוי געזאָגט:

„איר זענט אַנדערש ווי אַלע פעלקער אויף דער וועלט. אייער קולטור, איז, אין איר מהות, אַ פּאַסיסטישע און אַן עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע. לויט אייער קולט איז דערלויבט עקספּלאָאַטאַציע פון מענטש דורך מענטש. איר באַטראַכט זיך ווי די אויסדערוויילטסטע צווישן אַלע פעלקער״.

איך האָב געזען, אַז כ׳האָב פאַר זיך אַן אַנטיסעמיט, וואָס איז קלאָר אין דער אַנטי־סעמיטישער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע און איז נישט בעסער פון אַלע אַנדערע פּרינציפּיעלע אַנטיסעמיטן. כ׳האָב איבערגעריסן דעם שמועס און בלויז געטראַכט צי זענען דאָס בלויז זיינע פּערזענלעכע אַנשויונגען, אָדער ס׳איז אַן אויסדרוק פון אַ פּרינציפּיעלער שטעלונג פון דער מאַכט וועלכע ער רעפּרעזענטירט. ווען כ׳האָב זיך צוריקגעקערט אין מיין וווינונג, האָב איך זיך ביטער צעוויינט אַזוי, אַז די קינדער, פרויען און שכנים זאָלן נישט זען. כ׳האָב געוויינט נאָך דער פאַרלאָרענער ליבער פרוי — די מאַמע פון מיינע יתומות. איך האָב באַוויינט מיינע טייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער און אַלע אומגעקומענע גוטע פריינד פון מיין אָפּגעמעקט שטעטעלע דאָמבראָוויץ מיט אירע אַרומיקע דערפער און זייערע האַרציקע יידן. איך האָב באַוויינט מיין עלנט און מיין גאַנץ יידיש פאָלק, די בני ישראל, וועלכע זיצן, אָדער ביים שלאַנג אין גרוב, אָדער ביים בער אין די לאַפּעס.

יז. צוריק מיט די סאָוויעטן

עס לויפן די טעג און די וואָכן, און כאָטש די היטלעריסטישע אַרמייען זענען שוין גאָר ווייט, זענען אָבער די יסורים נאָך זייער נאָענט און פריש. דאָס גרויסע אומגליק איז נאָך טיף איינגעקריצט אין האַרצן און די געראַטעוועטע יידן הערן נישט אויף צו קלאָגן. אויך די נייע אומשטענדן זענען נישט קיין גינסטיקע און אַלץ צוזאַמען דריקט און מאַכט שווער דאָס לעבן. די מאַכט־אָרגאַנען באַציִען זיך צו אונדזערע נעכטיקע מערדער אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. פיל פון די נעכטיקע רויבער האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין די סאָוויעטישע אַמטן און וויזן דאָרט אַרויס זייער שנאה צו אונדז. ווען מיר קלאָגן אַן אַ מערדער, ווערט דער אָנגעקלאָגטער געשיצט דורך זיינע חברים שותפים צו די נעכטיקע מאָרד־טאַטן. ווען מיר האָבן זיך אין אַ געוויסן פאַל באַקלאָגט פאַר דער אָרטיקער מאַכט אויף אַ יידן־מערדער וועלכער איז אַרומגעגאַנגען פראַנק־און־פריי. — האָבן מיר באַקומען אַזאַ ענטפער: „איצט פירן מיר קריג מיטן שונא פון דער מענטשהייט און עס איז נישטאָ קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אייערע ענינים; ווען עס וועט קומען דער

שלום, וועלן מיר זיך דאַן פונאַנדערקלייבן, ווער פון אייך, אוקראַינער צי יידן, זענען גערעכט". אָט דער ענטפער האָט אונדז נאָכמער פאַרשאַפט פיין און לייד.

איינמאָל, פאַרנדיק מיטן צוג קיין קיעוו, האָט מען אין קופע מיך באַגעגנט מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע און דאַן גיפטיק צוגעגעבן: „א־הא, אַ־ב־ר־אַ־ש־אַ איז דאָ! דער ייד איז געבליבן לעבן". דערנאָך זייענדיק אין קיעוו, אין פאַרשידענע אָמטן ווו כ׳האָב געדאַרפט דערליידיקן ענינים פון וואַלד־אַרבעט, האָב איך געפילט, אַז דער ענין ווערט אויפגעהאַלטן נאָר דערפאַר, ווייל כ׳בין אַ ייד. איך האָב זיך דאַן אויך געטראָפן מיט קיעווער יידן, נאָר־וואָס זיך אומגעקערטע פון אוראַל, האָבן זיי מיר געגעבן אַן עצה טובה, נישט אַרויסצוווייזן דאָס יידישקייט.

צו יענער צייט האָט מען אין קיעוו, אויפן אַזוי גערופענעם „יעווריעיסקן באַזאַר", געשלאָגן יידן און אויסגעשריגן דעם באַוווּסטן פּאָגראָם־פּזמון: „שלאָג די יידן און ראַטעווע רוסלאַנד". אמת, געטאָן האָבן דאָס מלחמה־אינוואַלידן און די פּאָליציי האָט זיי שנעל אַרעסטירט. און ווען איין אינוואַליד מיט אָרדנס אויפן ברוסט־קאַסטן, האָט געטענהט, אַז אים טאָר מען גאָרנישט טאָן, האָט מען אים געענטפערט: „ברודערל, ווען דו האָסט פאַרדינט אויפן שלאַכט־פעלד, האָסטו באַקומען אָרדנס, איצט האָסטו ווידער פאַרדינט, וועסטו ווידער באַקומען". אָבער, סיי ווי — די לופט איז אַ פאַרפעסטעטע און ווייט נישט קיין גינסטיקע פאַר יידן.

אין אַ געוויסן טאָג קומט אָן קיין ראַפּאַלאָווקע אַ גאַנצע דיוויזיע פראָנט־סאָלדאַטן. מען דערציילט, אַז דער גענעראַל און די פּאָליטרוקן זענען יידן און אַז אויך די דאָקטוירים פון פעלד־לאַזאַרעט זענען יידן. אַזוי זאָגן ראַפּאַלאָווקער גוים און אויך די פאַרשטייער פון דער מאַכט. איך שפּאַציר אַזוי איבערן שטעטל און קוק זיך צו ווי אַזוי סאָלדאַטן שמועסן גרופּנווייז, אָדער שפּילן אין קאָרטן. אייניקע שפּילן אויס אויף גאַרמאָשקעס האַרציקע, רוסישע מעלאָדיעס. אַנדערע ווידער טרינקען סאַמאָגאָנקע און סקאַנדאַלעווען. נעבן מיין שטוב, אין גאָרטן, שטייט אַ גרופּע סאָלדאַטן און דיסקוטירן היציק וועגן דעם אָנטייל פון יידן אין דער מלחמה און קומען צום אויספיר, אַז אויפן פראָנט זענען דאָ ווייניק יידן, ווייל זיי דרייען זיך פון דעם אַרויס. גיי איך צו, כ׳בעט אַ וואָרט, און זאָג צו זיי אַזוי: „צי ווייסט איר נישט, רוסישע ברידער, אַז עס זענען דאָך בכלל נישטאָ אַ סך יידן. היטלער האָט זיי אויסגעקוילעט און אין אונדזער סאָוויעטן־לאַנד, מיט אירע צוויי הונדערט מיליאָן בירגער, זענען פאַרבליבן בלויז ביי אַ צוויי מיליאָן יידן און צווישן הונדערט סאָלדאַטן זעט מען דאָך מער ווי איין יידן..." כ׳ווייס נישט צי זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען, אָבער אַ יונגער סאָלדאַט האָט מיר אַזוי געענטפערט: „פעטערל, אָט די שדים האָבן פאַר־פלייצט דאָס גאַנצע סאָוויעטן־לאַנד און דו האָסט אַ טעות. זיי זענען פאָראַן אַ פערציק מיליאָן און אַלע זענען דאָקטוירים און שנײדן אונדזערע רוסישע ברידער". אַ צווייטער, שוין אַן עלטערער סאָלדאַט, האָט זיך אָפּגערופן: „מיר ווילן נישט, אַז די פאַרשאָלטענע „אַבראַשעס" זאָלן אונדז היילן. זאָלן זיי גיין צו הונדערטער שדים". די ביידע סאָלדאַטן זענען זיכער געווען איבערצייגט, אַז איך בין אַ זייעריקער. אָט די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען האָבן אונדז שטאַרק וויי געטאָן. עס ווילט זיך אַנטלויפן, אָבער וווּהין? מיר באַשליסן צו

עמיגרירן קיין בירעבידזשאַן און איניקע פון אונדז גיבן אַן ביטעס מען זאָל זיי דערלויבן דעם אַרויספאָר אַהין. איך וועל איניקע מאָל געפֿונען אויף אַ פֿאַרהער און אַלע פֿראַגן זענען געווענדעט צו איין פּונקט: ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן? און אפשר בין איך גאָר געווען אַ גוטער ברודער מיט די דייטשן. צום סוף רופט מיך דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און זאָגט מיר גאַנץ קאַלט און ערנסט: „מיר, סאָוויעטן, דולדן נישט קיין ווייבערישע סענטימענטן. מיר ווילן, אַז מען זאָל אַן אַלץ פֿאַרגעסן. דער בירגער פון אַט די געביטן איז נישט שולדיק, דער דייטש האָט געמאָרדעט און מיר קעמפן קעגן אים אויף טויט און לעבן. בלויז אים און זיינע מענטשן וועלן מיר באַשטראָפן. מיר וועלן אויך שטרענג באַשטראָפן די אַלע וועלכע וועלן צוליב האַרץ־ווייכקייט פון דאַנען אַנטלויפן. מיר דאַרפן אייך דאָ האָבן און אויב איר וועט אונדז אַליין פֿאַרלאָזן, וועלן מיר דאָס באַטראַכטן ווי דעזערציע".

צענדליקער פּאַסירונגען ווייזן אונדז אָן, אַז דער געראַטעוועטער ייד דאַרף זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, נישט מיט זיין יידישקייט און נישט מיט זיינע יסורים און אַז ער דאַרף אויך נישט זוכן קיין גערעכטיקייט און וועלן שטראָפן די מערדער. להיפך, מען פֿלייסט זיך גאָר זיי ריינצוּוואַשן.

צו יענער צייט איז דערשינען אין „פּראַוודאַ" אַ האַרציקער אַרטיקל פון איליאַ ערענבורג אין וועלכן, פון איין זייט ווערט געשילדערט דער אומקום פון יידישע שטעטלעך און ווי אַזוי די דייטשישע אויסוואורפן האָבן בעסטיאַליש געמאָרדעט די יידן, און פון דער צווייטער זייט ווערט געשילדערט די האַרציקע באַציונג פון אַן אוקראַינערין מיטן נאָמען זינאַידאַ סטעפּאַנאָוואַ, פון דאָרף סעלץ, ביי דאָמבראָוויץ, צו איר אַדאָפּטירטער טאָכטער — דאָס יידישע מיידל, פּישמאַן. דער אַרטיקל איז פול מיט לויבגעזאַנגען פֿאַר די גוטע אוקראַינער. איידער איליאַ ערענבורג האָט געשריבן דאָס אַרטיקל, האָט ער טאַקע באַזוכט דאָמבראָוויץ. ער האָט זיך אָבער דאַן נישט געטראָפן מיט קיין שום ייד און ער האָט בלויז אויסגעהערט מעשיות פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג. ווען ער וואָלט זיך דאַן געוואָלט טרעפן מיט די צוויי געראַטעוועטע יידן: משה קאַוואַלאַ און פּנחס ניימאַן — וואָלטן זיי אים שוין דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן אוקראַינישער גוטהאַרציקייט... ס'איז טאַקע אמת, אַז פון 37 דערפער אין דאָמבראָוויצער אומגעגנט, האָט זיך געפונען איין זינאַידאַ, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אַ קליין יידיש מיידעלע. ס'איז אָבער פֿאַראַן אַ המשך צו דעם אמת: זינאַידאַס שוועסטער־קינדער, האָבן נאָכגעשפּיאָנירט די גרופּע יידן צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען דעם מיידעלעס טאַטע, דער קצב, משה פּישמאַן, און אים אָנגעטאָן אַלע ארבע מיתות בית דין! ס'איז אויך אמת, אַז אַ דאָמבראָוויצער קריסט מיטן נאָמען פּוגאַטש, האָט אויסבאַהאַלטן אַ דאָמבראָוויצער ייד — לייבל פּערעלשטיין. ס'איז אמת, אַז איך גופא האָב צו פֿאַרדאַנקען מיין לעבן עטלעכע גוים און, אַז אַ געוויסער אוקראַינער מיטן נאָמען נאַזאַר און זיין פרוי יעוודאָכאַ, מיט זייערע צוויי זין פון דאָרף זאַלישין, ביי דאָמבראָוויץ, האָבן באַגעגענדיק מיך אין וואַלד, פֿאַרפירט צו זיך אין שטוב. די זין האַלטן וואַך אויף דער גאַס, טאַטע־מאַמע באָדן מיך אויס, זייפן מיך און ווינען, קוקנדיק אויף מיך, מיט קרעץ באַשאָטן לייב, בייטן מיין אָנטועכץ, איך זאָל ענלעך זיין

אינגאַנצן צו אַן אוקראַינער, גיבן מיר עסן און פּאַקן מיר איין אַנטועכץ מיט עסן פֿאַר מיין פֿאַמיליע, וועלכע איז דאַן געווען אין וואַלד. ס'איז אָבער אויך אמת, אַז טויזנטער, טויזנטער דאָמבראָוויצער גוים, האָבן פֿאַרפֿאָלגט און פֿאַרנאַרט, געׄרודפֿט און געממיתט, דערשטיקט און דערשאָסן יעדן ייד וועלכן זיי האָבן נאָר אָנגעטראָפֿן. טאָ פֿאַרוואָס האָט איליאַ ערענבורג נישט אויפֿגעזוכט איציק פֿעלדלייט, חיים האָכמאַן, אָדער איציק פֿייגלשטיין און געזאָגט צו זיי: „דערציילט, יידישער ברודער, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט?". און מיר וואָלטן דאָך אים דערציילט דעם גאַנצן אמת!

חיים האָכמאַן וואָלט אים געזאָגט, אַז זיי האָבן פֿאַרפֿייניקט זיין זון שוין אין אַ סך חדשים אַרום, נאָך דער גרויסער שחיטה. אויך וואָלט ער אים דערציילט, אַז ראָמאַן, דער עלטערער גוי, האָט אים אויפֿגענומען און געגעבן עסן, אָבער בזה הרגע האָבן די יונגע צוויי זין אַריינגעפֿירט אַ גאַנצע כאָפּטע אוקראַינער. ראָמאַן האָט אים פֿאַרשפּאַרט אונטערן בעט, און ליגנדיק אַזוי הערט ער ווי איינער דרשנט און הייסט שטעכן יעדן ייד מיט אַ ווילקע, שלאָגן מיט אַ פֿלאָקן, האַקן מיט אַ האַק, אָבער נישט לאָזן לעבן. די פֿאַרזאַמלטע רוצחים שרייען: „הוראַ, בראַוואָ", און אַז ראָמאַן פֿרעגט, צוליב וואָס זאָל מען מאָרדן מענטשן, ענטפֿערן אַלע: „דו ביסט שוין אַלט און ווייסט גאָרנישט".

טאַראַס גיל פֿון דאָרף ריין באַרימט זיך, אַז ווען ער זאָל אויפֿקלייבן אַלע בלוטן פֿון די יידן וואָס ער אַליין האָט צעקוילעט, וואָלט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצער טייך. מיר, די עטלעכע יידן, ווערן ממש משוגע פֿון קרענקונג, אַלע מערדער באַוועגן זיך פֿריי, און ווען איינער פֿון אונדז מעלדעט שריפֿטלעך וועגן אַ רוצח, פֿרעגט דער נאַטשאַלניק פֿון נ.ק.ג.ב.: „האָט דער רוצח געמאָרדעט בלויז יידן, אָדער אפֿשר אויך רויטאַרמייער?" זאָגט דער ייד: „די צעקוילעטע יונגע יידן, וואָלטן דאָך איצט געווען רויטאַרמייער". ענטפֿערט דערויף דער נאַטשאַלניק: „ציווילע ענינים וועלן ווערן באַהאַנדלט נאָכן קריג, אָבער, מיר מיינען, אַז די פֿרידלעכע אוקראַינישע באַפֿעלקערונג איז נישט שולדיק, די גרוילקייטן האָבן געטאָן די דייטשן."

ווען די מאַכטהאָבער וואָלטן זיך צוגעהערט צום שמועס צווישן דעם אונטערגעשאָסענעם באַנדיט גיל פֿון דאָרף רייך און חיים האָכמאַן, געפֿירט אין דאָמבראָוויצער שפּיטאָל, וואָלטן זיי אפֿשר נישט געזאָגט, אַז די אוקראַינער זענען צדיקים. בעת דעם געשפּרעך, האָט חיים האָכמאַן אים געפֿרעגט: „גיל, דו ביסט מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, ווען דו טרעפֿסט מיך אין וואַלד, וואָלט איך פֿון דיינע הענט נישט אַרויס אַ לעבעדיקער. פֿאַרוואָס האָט איר געמאָרדעט יידן?". דער קראַנקער אוקראַינער, וועלכער איז געלעגן אויפֿן טויטן־בעט, האָט געענטפֿערט: „געוויס, האָכמאַנקאַ, וואָלט איך דיך דערשאָסן, ווייל אַלע אונדזערע גוים ווייסן, אַז אויב מען וועט אויסראָטן אַלע יידן, וועט גוט זיין".

בלויז אין איין פֿאַל האָבן מיר יאָ געהאַט אַ געוויסע סאַטיספֿאַקציע. די סאָוויעטן האָבן פֿאַרכאַפּט אין וואַלד דעם מערדער בוהייטשיק. אין לויף פֿון דער אויספֿאָרשונג, האָט דער רוצח געפּרוּווט אומבייטן זיין פֿעל, האָט פֿאָרגעלייגט זיין דינסט פֿאַר די סאָוויעטן און צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַלע זיינע חברים וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און איצט זענען זיי בולבאָוועס. ער האָט קאַלטבלוטיק

דערציילט, אַז ער אַליין האָט אומגעבראַכט 98 יידן און אַז ער האָט געהאַט בדעה איצט צו הרגענען נאָך צוויי יידן כדי ס'זאָל זיין אַ קיילעכדיקע צאָל פון הונדערט. איצט וויל ער אָבער שוין זיין גוט און פרום. ביי דער אויספאָרשונג איז געווען פנחס ניימאַן און ער האָט געפרעגט דעם רוצח: „פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?" — האָט דער רוצח געענטפערט: „כ'וויס? — מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ווען מען וועט אויסהרגענען אַלע יידן, וועט בלייבן אַ ריינע אוקראַינע". פנחס ניימאַן האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז דער סאַדיסט זאָל באַקומען דעם געהעריקן פסק.

אָבער מיט דעם ווערט אונדז נישט גרינגער. מיר אַלע פילן, אַז מיר קענען דאָ ניט בלייבן.

אין נאָמען פון אַ קליינע גרופּע יידן, אַן איבערבלייבעניש פון צוואַנציק טויזנט נפשות, וועלכע קענען ניט לעבן אויף די קברים פון זייערע נאָענטסטע און מוזן שטענדיק קוקן די מערדער אין די אויגן אַריין, — האָבן מיר געבעטן אַ דערלויבעניש זיך איבער־צוזידלען קיין צענטראַל־רוסלאַנד. מיט צוויי וואָכן שפּעטער ווער איך גערופן אין נ.ק.וו.ד. און מען זאָגט צו מיר: „דו האָסט געשריבן צום חבר סטאַלין, דאָס מאָל לאָזן מיר עס דורך, אָבער אין דער צוקונפט זיי קליגער און רו:קער. מיר פאָדערן עס פון דיר, ווייל אויב ניט, וועלן מיר קעגן דיר אָננעמען געהעריקע מיטלען".

יח. דער 9־טער מאַי 1945

ענדלעך איז געקומען דער גרויסער טאָג פון היטלערס מפּלה. סטאַליי האָט אויסגערופן: „געקומען איז די צייט און דאָס דייטשישע פאָלק שטייט אויף די קני פאַרן רוסישן פאָלק". איך האַלט, אַז קיינער אין דער וועלט האָט ניט אַזוי געפילט די גרויסע באַדייטונג פון דעם טאָג ווי מיר, דאָס קליינע רעשטל וואַלד־יידן. אין יענעם 9טן מאַי 1945, האָבן מיר געזאָגט בציבור „הלל", בשם ובמלכות. אַ רוסישער אַגיטאַטאָר האָט גערעדט וועגן נצחון און אונטערגעשטראָכן דאָס געוואַלדיקע פאַרברעכן וואָס די דייטשן זיינען באַגאַנגען קעגן פעלקער און מענטשן. ער האָט ג׳יזאָגט, אַז אַלע באַפרייטע פעלקער וועלכע זענען ביז נעכטן געלעגן אונטער היטלערס שטיוול, וועלן איצט קענען פריי אָטעמען און וועלן זיך קענען אויסלעבן קולטורעל, נאַציאָנאַל און זעלבסטשטענדיק. ער האָט דערביי אויסגערעכנט: פוילן, יוגאָסלאַוויע, טשעכיע, סלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, בולגאַריע און רומעניע. די „פּראַוודאַ" האָט געשריבן, אַז אַלע פעלקער פון גרויסן סאָוויעטנלאַנד — נאַראָד־סטאַ־נאַראָדאָוו — דאָס פאָלק פון הונדערט פעלקער, האָבן מיט זייער בלוט בייגעשטייערט צו באַפרייען די וועלט פון קנעכטשאַפט. ווערן ווידער אויסגערעכנט פעלקער, אָבער קיינער דערמאָנט ניט דאָס יידישע פאָלק וואָס האָט געליטן מער פון אַלע אַנדערע און געגעבן בלוט מער פון אַנדערע פעלקער. עס ווערט פיינלעך אויפן האַרצן, און דער צער און פאַרדראָס הויבן ווידער אָן צו עגבערן.

דאָך האָבן מיר אין טאָג פון נצחון אָנטייל גענומען אין די אַלגעמיינע פייערלעכקייטן.

איינער פון אונדז האָט אַפילו געפּרוּווט אונדז איבערצייגן, אַז מיר דאַרפן טרינקען „לחיים", טראָץ אונדזער אומגליק, ווייל עס זיינען דאָך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן מיליאָנען אַנדערע יידן אין דער גרויסער וועלט.

האָבן מיר טאַקע געמאַכט אַ גוטן „לחיים" און איינער אַ דאָמבראָוויצער ייד, וועמענס אומגעקומענע משפחה־מיטגלידער עס זיינען געוועזן דאַוונער פון סטאָלינער שטיבל אין דאָמבראָוויץ, האָט זיך דערמאָנט אין אַמאָליקע צייטן, אין זייך טאָטן דעם קדוש און טרויעריק, אָבער מיט בטחון, האָט ער פאַרצויגן לויטן אַלטן קאַרלינער נוסח — „עד הנה עזרונו — עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך"... אַלע פאַרזאַמלטע יידן האָלטן אים אונטער, ברומען צו און וויינען, וויינען בדמעות שליש...

* * *

טעג און וואָכן נאָכדעם, זענען דורכן שטעטל פאַרבייגעגאַנגען צענדליקער עשאַלאָנען מיט טראָפּייען און באַפרייטע זעלנער פון די ווייטע פראָנטן. סאָלדאַטן זינגען און טאַנצן און זיינען צופרידן. עס שפּילן אָרקעסטערס, מענטשן פרייען זיך און קושן זיך. אין די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער קערן זיך צוריק הונדערטער דעמאָביליזירטע זעלנער און די שמחה איז גרויס. בלויז ביי אונדז הערשט אומעט און איבער אונדזערע קעפּ הענגט טיפער טרויער. דאָס האָב און גוטס וואָס די רוסן האָבן טראַנספּאָרטירט פון די פאַרנומענע דייטשישע געביטן צו זיך אין טיפן הינטערלאַנד, האָט אונדז פאַרשאַפן אַ ביסל נחת, אָבער קיין שמחה האָט דאָס ביי אונדז נישט אַרויסגערופן, ווייל מיר האָבן געגוי געוווּסט, אַז קיין יידן וועלן פון דעם גוטס נישט געניסן און דעם יידישן פאַרשניטענעם לעבן וועט דאָס נישט פאַרגיטיקן...

אויך די פיל צענדליקער עשאַלאָנען מיט די טויזנטער דייטשישע געפאַנגענע, האָבן אונדז ניט משמח געוועזן. ס'האָט זיך געוואָלט פון זיי נעמען נקמה, זען זייער הינטיש בלוט זיך גיסן אַזוי ווי זיי האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט. אָבער דאָס איז ניט מעגלעך געוועזן. דאָרום פלעגן מיר, כמעט באַוווּסטזיניק, אויסמיידן נאָכצוקוקן די עשאַלאָנען און וועלכע מען אָט געפירט געפאַנגענע.

איינמאָל, באַמערק איך אויפן וואַקזאַל אַן עשאַלאָן מיט דייטשן און אויף איין וואַגאָן אַן אויפשריפט: „אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט". דער עשאַלאָן איז באַוואַכט, מען לאָזט ניט צוגיין. איין סאָלדאַט פון די היטער איז מיר, לויט זיין אויסזען, נאָענט צום האַרצן... זאָג איך צו אים: חבר, לאָז מיך צו צום וואַגאָן, איך האָב זיי וואָס צו זאָגן. ער באַטראַכט מיך און לאָזט מיך צו. איך גיי צו צום וואַגאָן, אין וועלכן ס'זיינען פאַראַן אַ פּאָר צענדליק דייטשע אָפיצערן. נו, איך האָב זיך אַ ביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן... „איך בין אַ ייד — האָב איך גלייך אָנגעהויבן — אין אונדזערע אַלטע ביכער ווערט געזאָגט, אַז ווען מערדער ווערן געבונדן און פאַרשפּאַרט, איז דאָס גוט פאַר זיי און גוט פאַר אַנדערע, אין באַצוג צו אייך איז דאָס אָבער גאָר ווינציק. איך און אייער גאַנצן מערדער־פאָלק, דאַרף מען צעשיסן ווי די הינט און אייערע קערפּערס וואַרפן צו די ווילדע חיות, זיי זאָלן אייך

פּרעסן״. איך האָב אַ שפּיי געטאָן אין זייער זייט און כ׳בין אַוועק; איך האָב געפילט, אַז עס איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרץ.

שפּעטער, זיינען צו אונדז דערגאַנגגען קלאַנגען, אַז אין מאָסקווע ווערן געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן רעפּאַטריאַציע פון יידן קיין ארץ ישראל. דערנאָך האָט מען גערעדט, אַז מען וועט אויפשטעלן אין קרים אַ רעפּובליק פאַר די לעבן־געבליבענע יידן פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע. געוויינטלעך, פלעגט מען די אַלע קלאַנגען איבערגעבן פון מויל־צו־מויל און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט. לבסוף איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה וועגן אַן אָפיציעלן אָפּמאַך מיט דער פוילישער רעגירונג, אַז אַלע געוועזענע פוילישע בירגער פון פאַרן יאָר 1939, קענען פריי זיך אומקערן קיין פוילן. פּאָלאַקן און אוקראַינער האָבן וועגן דעם גערעדט גאַנץ אָפן, אָן מורא, און פּאָליאַקן האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. מיר, יידן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געשאַפענער מעגלעכקייט. ס׳איז אונדז ניט גרינג אָנגעקומען דורכצופירן די דאָזיקע זאַך, ווייל אויך אין דעם פאַל האָט מען זיך צו אונדז באַצויגן אַנדערש ווי צו פּאָלאַקן, אָדער ליטווינער. מיר האָבן געמוזט קעמפן ביז וואַנען מען האָט אַנערקענט אויך אונדזער רעכט אויף רעפּאַטריאַציע קיין פוילן.

און כאָטש מיר האָבן געוווּסט, אַז אויך אין פוילן וועלן מיר ניט האָבן קיין רו, צווישן דער דאָרטיקער באַפעלקערונג האָבן מיר דאָך, מיטן פולן באַוווּסטזיין, געוואָלט אַהין פאָרן. דער אינסטינקט האָט אונדז דיקטירט, אַז פון דאָרט קען מען זיך אַרויס־באַקומען קיין ארץ ישראל. אויך די פאַרנעפּלטע גרוסן וואָס מיר האָבן באַקומען פון דאָרטיקע יידן, האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַשטעטיקט די דאָזיקע מעגלעכקייט.

דאָס אַרויסבאַקומען זיך קיין פוילן האָט געקאָסט פיל געזונט און מאַטערניש. ס׳זיינען געווען פאַלן, אַז יידן זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן אָרט נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט פריער דערליידיקט אַלע נויטיקע פאָרמאַליטעטן. כ׳ווייס וועגן פאַלן, ווען יידן פון אונדזער סביבה זיינען טעראָריזירט געוואָרן דורך פאַרשידענע באַאַמטע, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט די פּאַספּאָרטן אין האַנט און זיינען געזעסן אויף די פּעק, וואַרטנדיק בלויז אויפן טראַנספּאָרט. אין איינצלנע פאַלן איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל די אָרטיקע סאָוויעטישע מאַכט־האָבער האָבן ניט געוואָלט פאַרלירן די יידישע באַאַמטע, אָדער פאַכלייט, וועלכע זיינען געווען די פעיקסטע אויפן אָרט. אין אַ סך פאַלן, איז דאָס אויך געווען אַ רעזולטאַט פון סתם בלינדער שנאה. אין אַלע פאַלן איז דאָס אָבער געווען קעגן דעם אָפיציעלן דעקרעט פון די העכסטע אינסטאַנצן פון דער סאָוויעטישער מאַכט.

ס׳זיינען אויך געווען יידן, וועלכע האָבן זאגאר זיך ניט געקענט דעצידירן אָנצוגעבן די געהעריקע ביטע אויף רעפּאַטריאַציע. איינער פון זיי, למשל, איז געווען יאָסל, דער זון פון איצקע, דער שמיד. דער ייד האָט אויסגעלעבט 25 יאָר אין סאָוויעטישן גן־עדן און איז צוריקגעקומען אין זיין געבוירן־שטעטעלע דאָמבראָוויץ. ער האָט דאָן געאַרבעט אין קלעסאָוו ווי אַן אָנגעשטעלטער. איך האָב אים צוגערעדט ער זאָל פאָרן מיט אונדז און ער האָט געזאָגט: „לאָז מיך ענדיקן מיין וועלטל דאָ אויפן אָרט״. אַנדערע ווידער זיינען דאָרט געבליבן, ווייל צו יענער צייט האָבן זיי דערוואַרט זייער זון, אָדער ברידער

וועלכע זיינען געווען ערגעץ ווו מיט די סאָוויעטישע אַרמייען אין די ווייטע אָקופּאַציע געביטן.

אַנדערע ווידער האָבן ניט געהאַט מער קיין כוח און קיין מוט צו נעמען ווידער דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און לאָזן זיך איינזאַם און עלנט אין דער גרויסער וועלט אַריין. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצולעבן זייער לעבן אויף די קברים.

יאַסקע זאַמראַטשענער האָט צו מיר דאַן געזאָגט: „צו וואָס פאָרן איצט קיין ארץ ישראל, אַז דאָרט קוילענען אונדז די אַראַבער און די ענגלענדער? ניטאָ מער קיין כוח צו קעמפן. גענוג זיך אויסגעמאַטערט אין די וועלדער און אין די בלאָטעס".

בערקאָ פערלשטיין, אַ נאַר וואָס צוריקגעקערטער פון רוסלאַנד, קלוג און פאַר־שטענדלעך בנוגע דער געשאַפענער לאַגע, וויינט און באַדויערט און זאָגט מיר: „איך בין נע ונד נאָך פון 1938, פריער אין קאַרטוז־בערעזאַ, נאָכהער, געוואָגלט איבער רוסלאַנד, איך וועל שוין מיינע יאָרן אויסלעבן דאָ, נעבן די קברים, ניטאָ קיין כח ווייטער צו וואַנדערן".

ווען די דייטשן זיינען אַריין, האָבן יידן ניט געוואָלט אַנטלויפן פון דאָמבראָוויץ, ווייל זיי איז דאָ געווען אַלץ ליב און טייער. איצט האָבן זיי ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס שטעטל ווייל זיי האָט געפעלט סיי מוט און סיי כוח.

אין צווישן, ווערט אונדז קלאָר, אַז די רוסן, אוקראַינער, און אַפילו סיביריאַקעס זיינען אָנגעזאָפּט מיט אַנטיסעמיטיזם און אַז אַלע צוריקגעקערטע סאָלדאַטן פון פראָנט, האָבן שטאַרק פיינט יידן. דאָס לאָזט זיך שטאַרק פילן בעת'ן פאָרן מיט דער באַן. ווען זיי דערקענען ניט אַ ייד איז דער ליבסטער שמועס — וועגן יידן. דערקענען זיי יאָ אַ ייד מוז ער, אויב ער וויל שאַנעווען זיין לעבן, פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. שטענדיק הויבן זיי אָן מיט דעם פּאָפּולערן שטעכווערטל: „וואָס דאַרף דען אַן אָרעמער ייד? — אַ לעבעלע ברויט מיט אַ וואַגאַנטשיק פוטער". גלייך קומט אויך אָן אַנעקדאָט וועגן אַ ייד וועלכער מעלדעט זיין קאָמאַנדיר, אַז ער האָט געבראַכט אַ דייטש און עס קומט אים דערפאַר אַ מעדאַל. „ווו איז דעם דייטשס קאָפּ?" פרעגט דער קאָמאַנדיר. אויף דעם ענטפערט דער ייד: „ער האָט ניט געהאַט קיין קאָפּ". אַן אַנדערער אַנעקדאָט דערציילט וועגן אַ יידישן כירורג וועלכער האָט פאַרגעסן אַ שערעלע אין בויך פון אַ רוסישן סאָלדאַט.

אין קיעוו הער איך וועגן אַ יידישן פּאָלקאָווניק וועלכן אַ קיעווער רוס האָט געשאָסן, ווייל, קומענדיק פון פראָנט, האָט דער ייד געפאָדערט פון רוס צו באַפרייען זיין שטוב, וואָס ער האָט באַזעצט בימי היטלער.

אין ראָוונע האָט אַ סאָלדאַט געשאָסן אויף דער הויפּט־גאַס און אין מיטן טאָג, אַ יידישן בחור מיטן נאָמען: „בודאַ" פון קלעסאָוו. און אונדזערע געדאַנקען פירן אין איין ריכטונג: ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דעם גהינום?!

אַ פּאָר וואָכן פאַר מיין פאַרלאָזן ראַפּאַלאָוקע, האָט די מאַכט דורכגעפירט אַ קאָנטראָל אין דער ביוראָ פאַר וואַלד־אַרבעט, אין גערופענעם „ליעס־פּראָם־כאָז", ווו איך האָב אויסגעפילט דעם אַמט פון הויפּט־בוכהאַלטער. עס זיינען גערופן געוואָרן אַלע

באַאַמטע און מ׳האָט איבערגעקוקט זייערע דאָקומענטן. איך, דער איינציקער ייד, ווער איינגעלאַדן אין גרויסן זאַל אין וועלכן עס זיצן אַלע מיינע גוטע באַקאַנטע, אָפטע מיט־טרינקערס און גוטמוטיקע מיט־שמועסערס. עס זיינען אויך דאָ: דער דירעקטאָר פון שול, דער דאָקטאָר, נאַטשאַלניקעס פון נ.ק.וו.ד. און נ.ק.ג.ב., פאָרזיצער פון אויספיר־ראַט. דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר און גיט מיר אַ פרעג אָפיציעל און שטרענג: „ווי רופט מען דיר?" און אַזוי פרעגט ער מיר אויס די נעמען פון מיינע עלטערן, דאָס יאָר פון מיין געבוירן, אָרט פון געבוירן, ווו איך בין געווען פאַר דעם אַריינקומען פון די דייטשן און ווו בעת דער אָקופּאַציע, ווו איך האָב געאַרבעט, און נאָך און נאָך פאַרשידענע פראַגן.

כ׳בין געבליבן דערשטוינט. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳שטיי דאָ פאַר אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע, כאָטש אַלע אַנוועזנדיקע האָבן מיך גוט געקענט און געוווּסט וועגן מיר כמעט אַלע איינצלהייטן. איך זע ווי דער פּראָקוראָר קוקט נאָך אַלע מיינע באַוועגונגען. איך האָב אָבער קאָנצענטרירט מיינע געדאַנקען און איך האָב צו זיי געזאָגט: „חשובע בירגער, פאָרשטייער פון די סאָוועטישע מאַכט אָרגאַנען! מיר איז גאַנץ קלאָר, אַז איר ווילט אויפהאַלטן מיין אַרויספאָר קיין פּוילן און איר טראַכט מיך צו פאַרפּלאָנטערן אין צו־געטראַכטע, ניט געשטויגענע זאַכן. זייט אָבער וויסן אַז, ס׳וועט אייך ניט געלונגען, ווייל איך באַזיץ שוין אַלע נויטיקע דאָקומענטן און כ׳האָב דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן אין איינקלאַנג מיטן געזעץ. כ׳בין געווען אַ פּוילישער בירגער פאַרן יאָר 1939 און כ׳קער זיך איצט צוריק קיין פּוילן, אַזוי ווי ס׳איז פאָראַויס געזען אין דעקרעט פון העכסטן־סאָוועט. די פּוילישע רעפּאַטריאַציע־קאָמיסיע ווייסט וועגן דעם, און זי פאָלגט נאָך אַלע מעגלעכע אַנטוויקלונגען, אַז מיר זאָל ניט געשען קיין שלעכטס. ס׳איז אמת, אַז מיינע זיידעס און עלטערן האָבן דאָ געלעבט, אין ראָוונער קרייז, העכער 500 יאָר. גאַנץ מעגלעך, אַז ווען ס׳וואָלט ניט געשען דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט אונדז דאָ, אויף דער ערד, אין דער לעצטער מלחמה, וואָלטן אויך מיינע קינדער און קינדס־קינדער פאַר־געזעצט דאָ זייער לעבן, אָבער יעצט קען דאָס מער ניט זיין. איך קען דאָ ניט פאַרבלייבן. עס פאַרפאָלגט מיך דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון מיינע נאָענטסטע און פון מיינע מיליאָנען ברידער. עס פאַרפאָלגן מיך אויך די בלוט־דאָרשטיקע בליקן פון די רוצחים וועלכע האָבן אונדז אַזוי אומברחמנותדיק געמאָרדעט. ס׳טוט מיר זייער לייד, אָבער כ׳קען דאָ מער ניט בלייבן און כ׳וועל דאָ מער ניט בלייבן. כ׳דאַנק אייך אַלעמען האַרציק פאַר דעם, וואָס איר האָט מיך געראַטעוועט פון טויט, געגעבן מיר אַרבעט און אַ מעגלעכקייט צו לעבן אויף דער פריי אין סאָוויעטן־לאַנד. מיין איינציק געבליבענער ברודער, סנדר, איז אַוועק אין דער אַרמיי און האָט מיט טאַטע אייך באַדאַנקט און געטריי געדינט דער „מוטער" רוסלאַנד. אָבער דאָס אַלץ גיט אונז נאָך ניט קיין מנוחה. כ׳גלויב דעריבער, אַז איר אַלע פאַרשטייט אונדז זייער גוט".

כ׳בין אַרויס פון צימער און קיינער האָט מיך שוין ניט געוואַגט צו פאַרהאַלטן און גאָר גיך האָבן מיר זיך געלאָזט אין אַ נייעם, ווייטן וועג אַריין...

חיים האנכמאן

מיינע זכרונות פון געטא און באהעלטעניש

א

ווער אין דאמבראוויץ האט ניט געקענט יוסף־פנחס „דער ליכטציער״? — זיין הויז איז געשטאַנען אין סוף פון דער שול־גאַס, ביים שאָסיי וואָס פירט צו דער באַן־סטאַציע. אין צייט פון געטאָ האט אין דעם הויז געוווינט יוסף־פנחסעס אײדעם, פסח־אהרן פרידמאַן, אַ לערער אין דער „תרבות״־שול. צוגלייך מיט אים האבן דאָרט דאַן געוווינט אַן ערך 30 פערזאָן, און בתוכם איך און מיין גאַנצע משפחה.

אַ גאַנצן טאָג איז דאָס הויז געווען כמעט פוסט. אַפילו קינדער אין עלטער פון 10—12 יאָר זענען צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע געטריבן געוואָרן צו צוואַנגס־אַרבעט. בלויז אין די אָוונט־שעה׳ן, ווען מען האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, פלעגט זיך דאָס הויז אָנפילן מיט מענטשן. אָבער אויך דאַן האָט אין דעם הויז, צוגלייך ווי אין אַלע איבעריקע געטאָ־הייזער, געהערשט אַ טויטע שטילקייט. אויסגעמאַטערט פון דער שווערער אַרבעט און צופוס־גיין, פלעגט יעדערער פון אונדז זיך פאַראייניזאַמען אין זיין ווינקל, יעדערער מיט זיינע געדאַנקען. בלויז איין געדאַנק האָט אונדז אַלעמען דאַן פאַר־אייניקט — לאָזן אויסרוען דעם צעווייטיקטן גוף און די פאַרפייניקטע נשמה. גאַנץ אָפט פלעגן עטלעכע פון מיינע מיטוווינער פאַלן צו דער ערד, גלייך נאָר ווי זיי האָבן דער־גרייכט דעם שטח פון הויף, וואָס האָט געפירט צום הויז, נישט האָבנדיק מער קיין כוח זיך צו דערשלעפּן נאָך אַ פּאָר מעטער כדי אַריינצוגיין אינעווייניק.

אַרום 12 ביינאַכט, ווען דער גוף האָט זיך שוין עטוואָס אויסגערוט און דער הונגער האָט דערגרייכט זיין הויך־פּונקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין דעם הויז. מענטשן זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און האָבן זיך גענומען עסק׳ן אַרום אַ ביסל עסן פאַר זיך און פאַר די נאָענטסטע. ביי דער געלעגנהייט פלעגט מען שוין הערן שמועסן איינער מיטן צווייטן. די שמועסן זענען געווען דירעקטע, קורצע און זאַכלעכע, ווי צב״ש: ווי פילסטו זיך? וואָס מאַכט דיין קינד? אָדער — אפשר קאָנסטו מיר לייען אַ פּאָר קאַרטאָפל, אַ ביסל גרויפּן, אַ שטיקל ברויט?... נאָכדעם ווי מען פלעגט אָפּעסן און ווערן אַ ביסל מונטערער, פלעגן שוין די שמועסן אַרומכאַפּן אַ גרעסערן קרייז און פלעגן ווערן מער אַלגעמיינער, ווי צב״ש: די טעטיקייט פון יודענראַט; די באַציאונג פון דער אוקראַי־נישער באַפעלקערונג, אָדער — וואָס וועט ברענגען מיט זיך די צוקונפט; וואָס טוט מען?...

איינמאָל, אינמיטן פון אַזאַ שמועס האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז אין הויז אַריין היסטערישע געשרייען פון פרויען. דאָס האָט די אוקראַאינישע שטאָט־פּאָליציי זיך אַריינ־געריסן אין געטאָ־שטח און אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער יידישע מיידלעך צו רייניקן די פּאָליציי־קאַזאַרמעס און אַמטן. די פּאָליציאַנטן האָבן ספּעציעל אויסגעקליבן צו דער אַרבעט די שענסטע און איידלסטע מיידלעך און זיי געטריבן גרופּנוויז לענגאויס דעם

געטאָ, מיט הילכיקע אויסגעשרייען. אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן זיך די מידלעך צוריק־געקערט אין געטאָ אַריין צעביילטע און צעקיילטע, מיט אויסגעריסענע האָר פון די קעפּ און מיט בלוטיקע ווונדן אויפן לייב.

די אָרטיקע אוקראַינישע פּאָליציאַנטן פלעגן אונדז פּאַרשאַפן פּיין און חרפה נישט נאָר אין דער נאַכט. די גאַנצע 24 שעה פון מעת־לעת פלעגן זיי אונדז פּאַרפּאָלגן און פּייניקן: געיאָגט צו דער אַרבעט, גענישטערט אין אונדזערע וווינונגען, אויסגעפּרעסט קאָנטריבוציעס, געטריבן צו ציילונגען, געשלאָגן מיט נאַגייקעס און געשפּיגן אין די פּנימער. און כאָטש מיר זענען דורך זיי דערפירט געוואָרן צו פולשטענדיקער אָפּהענטיקייט, צו אַ פיזישער און גייסטיקער דערשעפּטקייט — דאָך פלעגן זיך נישט איינמאָל צונויפ־קוועטשן די פויסטן און דאָס האַרץ האָט באַגערט נאָך נקמה. אָבער בלויז די פון צווישן אונדז וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון געטאָ און האָבן זיך נאָכדעם געפונען מיט פּאַרטי־זאַנער — בלויז די האָבן דערלעבט צו נעמען נקמה. מיר זעלבסט איז בייגעשטאַנען דער זכות ווען כ׳האָב זיך שפּעטער געפונען אין אַ פּוילישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין דער אומגעגנט פון פּינסק. אונדזערע פּאַרטיזאַנער האָבן געפאַנגען דריי אוקראַינישע פּאָליציאַנטן און צוויי דייטשן. נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג האָט מען אַלע פינף פּאַרמשפּט צום טויט דורך שיסן. אונדזער קאָמאַנדיר האָט פּאַראָרדנט, אַז מען זאָל וואַרטן דריי טעג ביז צום אויספירן דעם אורטייל, און אין משך פון דער צייט זאָל מען געבן די אוקראַינער עסן און טרינקען וואָס נאָר זייער האַרץ גלוסט, דאַקעגן די דייטשן זאָל מען קיין עסן נישט געבן. ווען מיר האָבן פּראָטעסטירט פאַרן קאָמאַנדיר אויף דער דאָזיקער פּאַראָר־דענונג, האָט ער אונדז געענטפערט: „די דייטשן זענען זעלנער וואָס פילן אויס באַפעלן, אָבער די אוקראַינער זענען פרייוויליק געגאַנגען העלפן דעם דייטש. דערפאַר דאַרפן מיר די דייטשן פאַרלייכטערן מאָראַליש זייער טויט. אויב מיר וועלן זיי דורך דריי טעג גוט אויסהונגערן און דערצו גוט אָנברעכן די ביינער, וועלן זיי גיין צו דער עקזעקוציע מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג. דאַקעגן די אוקראַינער דאַרפן מיר אויך מאָראליש פּייניקן, און אויב זיי וועלן די לעצטע דריי טעג פון זייער לעבן פרעסן און זויפן, וועט זייער ווייטיק אין אָנבליק פון טויט זיין פיל גרעסער און אונדזער נקמה וועט זיין פיל שטאַרקער״. און כאָטש די דאָזיקע פילאָזאָפישע אויספירונג פון מיין קאָמאַנדיר האָט מיר דאַן נישט איבערצייגט און נישט באַפרידיקט, האָט מיר אָבער דאַן איבערצייגט און באַפרידיקט דער עצם־פאַקט, וואָס כ׳האָב מיט מיינע אייגענע אויגן און מיט מיינע אייגענע הענט זוכה געווען צו זען און צו נעמען נקמה פון דריי אוקראַינישע פּאָליציסטן און פון צוויי דייטשישע זעלנער — צוזאַמען פינף רוצחים, וואָס האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק יידיש בלוט.

ב

צווישן די בערך דרייסיק פּערזאָן, וואָס האָבן אין געטאָ באַוווינט דאָס הויז פון פּסח־אהרן פרידמאַן, האָט זיך אויך געפונען זיינס אַ שוויגער — די אַכציק־יאָריקע נעכע. די דאָזיקע אַלטיטשקע איז נאָך צו יענער צייט געווען פעיק צו אַרבעטן, און דעם הונגער

פלעגט זי איבערטראַגן לייכטער ווי אַנדערע, און תמיד איז אַ גוטמוטיקער שמייכל געווען אויסגעגאָסן אויף איר צעקנייטשטן פּנים. איר איז באמת געווען פיל גרינגער ווי אונדז — די ייִנגערע פון איר. זי האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט און האָט נישט געזאָרגט פאַרן „מאָרגן". זי האָט געלעבט מיטן „היינט", מיט יעדער מינוט, מיט יעדער סעקונדע. אַ גאַנצן טאָג פלעגט איר מוח זיין פאַרנומען מיטן איינאונאיינציקן געדאַנק: ווי פאַרדינט מען אַ מצווה.

נעכע האָט מיר אין געטאָ דערציילט, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק איז זי איינמאָל געווען ביי אַ גרויסן צדיק און זיך מיט אים געהאַלטן אַן עצה ווי אַזוי זיך צו פאַרזיכערן נאָך „הונדערט און צוואַנציק יאָר" אַ פּלאַץ אין גן־עדן. האָט איר דער צדיק געהייסן, אַז זי זאָל אָפּהיטן צו מאַכן יעדן טאָג הונדערט ברכות, ווייל הונדערט ברכות איז הונדערט מצוות און הונדערט מצוות איז אַ גאַראַנטיע אויף אַ פּלאַץ אין גן־עדן. האָט נעכע זיך צוריקגעקערט פונעם באַזוך ביים צדיק און זיך גענומען צו דער אַרבעט...

צונויפקלייבן הונדערט ברכות אַ טאָג האָט איר געגנוג באַשעפטיקט. זי פלעגט גיין אַרום אירע קינדער, קרובים און באַקאַנטע און וווּ נאָר עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט האָט זי אַריינגעכאַפּט אַ ברכה — אַ מצווה. זי פלעגט ספּעציעל פונאַנדערטיילן עפּעלעך אָדער זיסוואַרג צווישן אירע אייניקלעך און פרעמדע קינדערלעך אַבי צו הערן אַ ברכה. איינער פון אירע אייניקלעך — אברהמלע האָט ער געהייסן — האָט אַ געוויסע צייט געדינט אַלס „פּריוואַט־בוכהאַלטער" ביי זיין באָבע נעכע. ער פלעגט אַרומגייען מיט איר און ציילן די ברכות, ווייל ווען זי האָט זיך געעלטערט און דער זכרון איז ביי איר אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פלעגט זי פאַרלירן דעם חשבון וויפל ברכות זי האָט שוין דעם טאָג אַריינגעכאַפּט. געוויינלעך, אַז דאָס ייִנגל איז געווען פאַר דער מלחמה, איידער די דייטשן האָבן אָקופּירט אונדזער שטעטל און איידער מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ.

אָבער אויך אין געטאָ האָט נעכע נישט פאַרנאַכלעסיקט אירע „הונדערט ברכות". אמת, דאָ איז עס איר אַנגעקומען אַ סך שווערער, זי האָט באַדאַרפט אָנווענדן אַנדערע מעטאָדן, זי האָט זיך נישט געקאָנט שאַפן מיט אַ „פּריוואַט־בוכהאַלטער" און איר טאָג־בילאַנס איז אַלע מאָל געווען נישט קיין אויסגעגלייכטער. ווען זי פלעגט אין געטאָ קריגן צום עסן אַ געזאַלצענעם מאכל, איז עס געווען אַ „גרויסער טאָג" פאַר איר, ווייל נאָכדעם פלעגט זי פיל מאָל טרינקען וואַסער (און דאָס האָט נישט אויסגעפעלט), און ביי יעדן טרינקען פלעגט זי אַריינכאַפּן אַ ברכה. ווען ווער פון אונדז פלעגט זיך שטעלן אין אַ ווינקל דאַווענען בלחש אָדער שעפּטשען אַ ברכה ביים עסן, פלעגט נעכע זיך צו אים זיך דער־נענטערן און האַרציק בעטן: „זאָג, זונעלע, העכער, אַז איך זאָל אויך הערן די ברכות". און אַזוי איז איר פיל גרינגער געווען אַריבערצוטראָגן דעם קאָשמאַר פון געטאָ־לעבן, ווייל זי האָט געזוכט אינהאַלט אין יעדער מינוט, אין יעדער סעקונדע פון איר לעבן אויף „ד ע ר וועלט", זייענדיק טיף איבערצייגט, אַז דורך דעם וועט זי באַקומען איר שכר אויף „י ע נ ע ר וועלט". נעכע האָט טיף געגלויבט, אַז דער גיהנום וועלכן זי לעבט איבער אויף דער ערד איז בלויז אַ צייטווייליקער דורכגאַנגס־קאָרידאָר, וואָס פירט אין די הימלישע אייביקייטן פון גן־עדן. אַ שאָד, וואָס בלויז געציילטע פון צווישן די געפּייניקטע אין געטאָ־

גיהנום, זענען אימשטאַנד געווען ביי זייער נישטיקן לעבן דאָ, זיך אָפּצורייסן דורך זייער פאַנטאַזיע פון דער גרויליקער ווירקלעכקייט.

ג

אין יענעם גרויליקן אָוונט, ווען ס׳איז אונדז אַלעמען שוין קלאָר געוואָרן אַז צומאָרגנס וועלן מיר געפירט ווערן צו דער לעצטער הריגה, איז נעכע צו מיר צוגעגאַנגען און אַזוי געזאָגט: „חיים׳קע, זונעלע מיינער, לאָמיר אַנטלויפן אין וואַלד. לויפט, קינדערלעך, און נעמט מיך אויך מיט. כ׳וועל אייך אָפּגעבן אַ העלפט פון מיין גן־עדן, פון מיין עולם־הבא. אין זכות פון מיינע ברכות און מצוות וועלן מיר געראַטעוועט ווערן. טוט, קינדערלעך, תשובה, ווי אין הייליקן מחזור שטייט געשריבן: „כי לא תחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה״. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל, אויגן פול מיט טרערן, צוזאַמענגעבראָכן די הענט, און אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה. כ׳ווייס נישט צי זי האָט פאַרגעזעצט די אויבנדערמאָנטע תפילה פון מחזור צי אַן אַנדערע תפילה, צי אפשר האָט זי גאָר געמאַכט דעם חשבון מיט גאָט וויפל ברכות־מצוות זי האָט ביי אים אויף איר קאָנטע. כ׳ווייס אָבער, אַז דאָס איז געווען דער לעצטער שמועס אירער מיט גאָט אויף „דער וועלט״, ווייל צומאָרגנס אין די אָוונט־שעהן האָט נעכעס נשמה שוין געשוועבט אין די ווייטע הימלען, וווּ זי האָט מן הסתם געזוכט דעם כסא הכבוד אירן אין גן־עדן...

ווען נעכע האָט געענדיקט איר לעצטן מאָנאָלאָג מיט גאָט אויף „דער וועלט״, האָט זיך פּלוצים אין חלל פון הויז דערהערט אַ וויינענדיק קול פון איר איידעם, דער לערער פּסח־אהרן פרידמאַן, וואָס האָט אַזוי געזאָגט: „יידן טייערע, לאָמיר בציבור דאַווענען מעריב. טייערע ברידער און שוועסטער — ס׳איז אַוודאי אונדזער לעצטער מעריב, אונדזערע לעצטע שעהן. לאָמיר זיך נישט טרייסטן אַז ס׳וועט געשען אַ נס און אונדז וועט אויסמיידן דאָס, וואָס ס׳איז שוין געשען אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. כ׳בין זיכער אַז ס׳וועט קומען דער טאָג פון נקמה, כאָטש מיר וועלן אים נישט דערלעבן. אל נקמות ה׳ — גאָט וועט פאַר אונדז נקמה נעמען. ענטפערט אַלע „אָמן״. און מיר אַלע האָבן געענטפערט מיט גרויסן כוונה „אָמן״, און אויפן האַרצן איז עפּעס גרינגער געוואָרן. דאָן האָט פּסח־אהרן פרידמאַן אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ האַנטעך, זיך מיט אים אונטערגעגאַרטלט, זיך געווענדעט מיטן פּנים צו מזרח און האָט מיט אַ ציטערדיקער אָבער הילכיקער שטימע אָנגעהויבן זאָגן: „והוא רחום יכפר עון ולא ישחית והרבה להשיב אפו ולא יעיר כל חמתו, ה׳ הושיעה המלך יעננו ביום קראנו״. די דאָזיקע ווערטער האָט שוין פּסח־אהרן נישט פאַרטייטשט אויף ידיש, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט דעם פּירוש המלות. און גוט וואָס ער האָט נישט פאַרטייטשט, ווייל קיינער פון אונדז האָט שוין אין יענעם מאָמענט נישט געהאַט די מינדסטע האָפענונג אַז ס׳איז פאַראַן אַ וועלכער נישט איז כוח— נישט קיין מענטשלעכער און נישט קיין געטלעכער — וואָס זאָל קאָנען אָפּהאַלטן דעם משחית און זאָל וועלן אויפנעמען אונדזער געבעט. אונדזער עדה פון בערך 30 מענער, פרויען און קינדער, האָבן אין דעם לעצטן מעריב־דאַווענען בציבור געזונגען זייער קאָלעקטיווען ווידוי פאַרן טויט. דערנאָך האָבן זיי אַלע געזאָגט קדיש בציבור, אין אויך ביי דעם האָבן זיי געפילט אַז דער

קדיש איז נישט נאָר פאַר די נשמות פון די פאַרשניטענע לעבנס, נאָר אויך דער לעצטער קדיש נאָך זייערע אייגענע לעבנס.

פון אַלע נפשות וואָס האָבן זיך אין יענעם מאָמענט געפונען אין הויז פון פסח־אהרן פרידמאַן, און האָבן דאַן געדאַוונט זייער לעצטן מעריב בציבור, און געזאָגט זייער לעצטן קדיש בציבור, בין איך איינער בליים לעבן פאַרבליבן. און יעדן יאָר, אין טאָג פון י״ג אלול גיי איך דאַווענען מעריב בציבור, און ביים ענדע פון מעריב שטיי איך אַ צעבראָכענער מיטן פנים צום אָרון־קודש, און כ׳זאָג די זעלבע ווערטער וועלכע ס׳האָבן דאַן געזאָגט בציבור מיינע מיטווינער אין געטאָ, אין לעצטן מאָמענט פון זייער לעבן: „יתגדל ויתקדש שמיה רבא״...

ד

נעבן דעם הויז פון פסח־אהרן פרידמאַן האָט זיך געצויגן דער פּלויט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס יידישע געטאָ פון דער אַרומיקער גוישער וועלט. די ערשטע שטוב וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט פּלויט, איז צו יענער צייט געווען באַוווינט דורך דעם פּויער וואָלאַדיאַ בירוק, וועמעס צוויי זין ס׳האָבן געדינט אין דער פּאָליציי, איינער אַפילו אַלס דער ראַיאָן־קאָמענדאַנט פון דאָמבראָוויץ.

אין יענער נאַכט פון י״ג אלול תש״ב (1942), נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מעריב און אָפּגעזאָגט קדיש בציבור, בין איך אַרויס אין הויף פון אונדזער הויז, זיך שטיל דערנענטערט צום פּלויט און אַריבערגעקוקט אויף יענער זייט. ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט און כ׳האָב דייטלעך געזען ווי אַזוי איבער דער גאַנצער געגנט דרייען זיך אַרום פאַר־שטאַרקטע פּאָליציי־פּאַטרולן. אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט האָט זיך די באַוועגונג פון די פּאָליציסטן איינגעשטילט. דאַן האָבן מיר ביידע, איך און ברוך־נחמן, דער שמאָטאַרס זון, — זיך דערנענטערט צום פּלויט און גענומען זיך אונטערגראָבן. צוערשט האָב איך אַרויסגעפּירט אויף יענער זייט מיין משפחה און דערנאָך איז אַרויס ברוך־נחמן מיט זיין משפחה. מיר האָבן זיך געפונען אין סאָד וואָס האָט געהערט צו בירוקן. ווען מיר זענען שוין געווען ביים צווייטן עק פון סאָד (אין דער שטיבל־גאַס), האָבן זיך פּלוצים דערהערט ווילדע אויסגעשרייען און צענדליקער קוילן האָבן גענומען שווישטשען איבער אונדזערע קעפּ. כנראה, אַז עמעצער פון בירוקס משפחה האָט אונדז נאָכגעשפּיאָנירט און וועגן דעם אַלאַרמירט די פּאָליציי. בלויז איך און מיין זון זענען געלאָפן ווייטער, ווייל אַלע איבעריקע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן. זיי אַלע זענען געטריבן געוואָרן צוריק אין געטאָ אַריין, און מען האָט זיי מערדערלעך געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ. צומאָרגנס זענען זיי אומגעקומען בעת דער ענדגילטיקער פאַרניכטונגס־אַקציע.

מיין זון האָט זיך נאָכן אַנטלויפן אויסבאַהאַלטן 4 חדשים ביים פּויער וואַסיל הלאדקי, אין קרומער גאַס. דערנאָך האָט ער געפּרוווט זיך צו דערלאַנגען צו מיר אין וואַלד, האָבן אים קרופּער גויים געכאַפּט און אומגעבראַכט.

נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ, האָב איך זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום דאָרף קריוויץ, וואָס ליגט 15 קילאָמעטער פון דאָמבראָוויץ. אין דעם דאָרף האָט געוווינט מיינער אַ גוטער

באַקאַנטער אוקראַינער — דעמיאַן מישטשור. אין זײַן הויז האָב איך פריער געוווינט בערך 9 יאָר און בערך 15 יאָר געהאַלטן דאָרט דעם קאַנטאָר, ווען כ׳בין געווען באַשעפ־טיקט בײַם האַקן די וועלדער פון גראַף פּלאַטער, וואָס יידישע סוחרים האָבן בײַ אים אײַנגעקויפט (העללער, ליאַדעצקי, די ברידער שנײַדמיל). צו יענער צײַט בין איך געווען מיט דעמיאַנס משפּחה אין גאָר פרײַנדלעכע באַציונגען. כ׳פּלעג אים אַלע מאָל צושאַרן אַ גרינגערע אַרבעט און אַ גרעסערן פאַרדינסט. אויף אונדזערע יום־טובים פלעג איך אים אײַנלאַדענען צו מיר אין שטוב אַרײַן, און ער פלעגט טאַקע אויפנעמען די אײַנלאַדונג און אַראָפּקומען מיט זײַן גאַנצער מִשְׁפּחה. צו אַזאַ געלעגנהייט פלעגט דעמיאַן אָנטאָן אַ רײַן ווײַס העמד און פריש־געפּרעסטע קאַרטענע הויזן, זיך אונטערגאַרטלען מיט אַ ברייטן רויטן גאַרטל, אויסשמירן די שטיוול מיט פרישן דזשעגעכץ, פונאַנדערקעמען די פלאַק־סענע באָרד. אויך זײַן פרוי און קינדער פלעגן אַראָפּקומען אויסגעצוואַגענע און פאַרפּוצטע אין זייערע שענסטע בגדים. איך פלעג זיי אויפנעמען מיט גרויס פאַראַד, אויסזעצן מיט גרויס כבוד בײַם טיש און דערלאַנגען זיי די בעסטע מאכלים און געטראַנקען. דעמיאַנס משפּחה האָט אין פאַרלויף פון יאָרן זיך אַזוי צוגעוווינט צו מײַן טיש און אונדזערע יום־טובים, אַז ער פלעגט אויך אין זײַנע חגאות אַראָפּקומען צו מיר און פראַווען בײַ מיר די סעודה. צו יענער צײַט איז ער געווען אַ רויקער, אַ פרײַנדלעכער, און שטענדיק צו מיר אַ שמייכלענדיקער.

איצט, ווען כ׳בין אַ געפּלאָגטער און פאַרפאָלגטער אַרײַנגעקומען צו אים אין הויז, האָט ער מיך באַגעגנט מיט גרויס אויפרעגונג און באַשײַנפּערלעכער שנאה. אַ ווילדער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן פּנים, און ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: דײַן גאַנץ האָב־און־גוטס האָסטו איבערגעלאָזט אין שטאָט פאַר אַנדערע, און צו מיר ביסטו געקומען אַז כ׳זאָל דיך ראַטעווען און העלפן. כ׳האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן מענטש, אָבער איצט זע איך אַז דו ביסט אַ גרויסער טיפּש. היטלער האָט אײַנגענומען כמעט די גאַנצע וועלט און ער וועט אויסקוילענען אַלע זשידעס דערפאַר, וואָס זיי האָבן געקרייציקט אונדזער יעזוס. צי טראַכסטו דען, אַז דו וועסט זיך ראַטעווען פון דעם אורטייל. דו האָסט נישט באַדאַרפט אַנטלויפן פון געטאָ, וואָלסטו כאָטש זוכה געווען צו ליגן אין איין קבר מיט דײַן משפּחה. אָבער איצט, ווער ווייסט ווו דו וועסט דײַן טויט געפינען. איך ראָט דיר, אַז דו זאָלסט גיין צוריק אין געטאָ אַרײַן. נאַ דיר אַ לעבל ברויט און מער זאָלן דיך מײַנע אויגן נישט אָנקוקן, ווײַל אַ שד בלײַבט אַ שד און אַ זשיד בלײַבט אַ זשיד...

אַ חוץ דעמיאַנען, זענען אַלע איבעריקע מיטגלידער פון זײַן משפּחה געווען אין יענער שעה אין דאָמבראָוויץ. צוגלײַך מיט אַנדערע פּויערים און פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער, האָבן זיי דאָרט געראַבעוועט דאָס פאַרלאָזטע יידישע האָב־און־גוטס, זיך אַרומגעיאָגט איבער די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, כדי אויסצוקוילען די געציילטע יידן, וואָס זענען אין יענעם טאָג אַנטלאָפן פון דער גרויסער הריגה אין געטאָ.

מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך ווידער געקומען צו דעמיאַנען אין הויז, דאָס מאָל מיט אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. ער האָט מיך דערקענט, און הכנעהדיק צו מיר געטענהט: האַכמאַנקע טײַערער, זעסטו דען נישט, אַז כ׳האָב פאַרלוירן מײַן גאַנץ פאַר־

מעגן. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז געקומען אין דאָרף משה קאַוואַלאַ מיט אַ באַנדע באַנדיטן־פּאַרטיזאַנער און האָט פאַרברענט אונדזערע הייזער, אונדזערע שייערן און שטאַלן. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך אַלעמען אַרויסגעטריבן פון די הייזער און מערדערלעך געשלאָגן. אַזאַ פאַרשיווער זשיד איז ער, דער משה קאַוואַלאַ...

דאָס מאָל האָב איך שוין נישט געשוויגן. כ׳האָב דעמיאַנען דערמאָנט זיינע ווערטער צו מיר מיט אַ יאָר צוריק, ווען כ׳האָב זיך ביי אים געבעטן ער זאָל מיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ געוויסע צייט. זעסטו — האָב איך צו אים געזאָגט — אַז דיין נבואה וועגן אויס־מאָרדן אַלע זשידעס איז נישט מקוים געוואָרן. אָט לעב איך, ס׳לעבט משה קאַוואַלאַ און ס׳לעבן נאָך צענדליקער און הונדערטער יידן, וואָס וועלן נקמה נעמען פון דיינע אוקראַינער און פון זייערע דייטשישע שותפים, וועלכע האָבן אויסגעמאָרדעט אונדזער פאָלק.

ה

אין דער אומגעגנט פון דאָמבראָוויץ זענען דעם גראַף פּלאַטערס וועלדער רייך נישט נאָר אין סאָסנעס, דעמבעס און אָלכעס — זיי פאַרמאָגן אויך צענדליקער און הונדערטער בלאָטעס און קאַנאַוועס. די וועלדער פאַרנעמען אַ שטח פון פערציק קילאָמעטער די לענג און פערציק קילאָמעטער די ברייט — פון וויסאָצק ביזן דאָרף דובע פון איין זייט, און פון דאָרף סוואַריטשאַוויטש ביז ביעלע פון דער צווייטער זייט. אויפן דאָזיקן שטח זענען צעוואָרפן צענדליקער דערפער לענגאויס דער באַן־ליניע און דעם טייך האָרין וואָס שניידן דורך די וועלדער. אין דער אומגעגנט פון קריוויץ־דובע האָב איך גוט געקענט יעדעס דאָרף און כמעט יעדע סטעזשקע אין וואַלד. אָבער ווען כ׳האָב זיך דאָרט דערלאַנגט כדי צו ראַטעווען מיין פאַרפלאָגטן גוף, האָב איך קיין מקום־מנוחה דאָרט נישט געקאָנט געפינען. איבערן וואַלד האָבן זיך אַרומגעטראָגן ווילדע קולות פון גרופּעס אוקראַינער, וועלכע האָבן געגישטערט נאָך אַנטלאָפענע פון די געטאָ־הריגות. צענדליקער אַזוינע יידן האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן וואַלד און געזוכט פאַר זיך באַהעלטעניש.

אין דער אומגעגנט פון קריוויץ זענען געווען צעוואָרפן עטלעכע צענדליק כוטאָרעס פון פוילישע קאָלאָניסטן. אין איינ׳ער פון זיי האָט געוווינט דער קאָלאָניסט וואַלענטי דאָקטאָר, מיט וועלכן כ׳בין געווען גוט באַפריינדעט אין משך פון אַ סך יאָרן. ווען כ׳האָב זיך ביינאַכט דערנענטערט צו זיין כוטאָר, האָט מיך דער הונגער שוין גאָר גוט געפייניקט. וואָס נענטער כ׳בין געווען צום כוטאָר, אַלץ מער איז געוואַקסן דער הונגער און אַלץ שטאַרקער האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. כ׳האָב געטראָגן מיט זיך דעם זכרון פון יענער ערשטער באַגעגעניש מיטן אוקראַינישן פויער דעמיאַן, אויך אַ געוועזענער גוטער באַקאַנ־טער און מכלומרשטער פריינד, וואָס האָט מיר זייער אַנטוישט און דערשלאָגן. דאָך בין איך געגאַנגען אַלץ נענטער און נענטער צום כוטאָר פון מיין פוילישן באַקאַנטן און פריינד וואַלענטי דאָקטאָר, און דאָס מאָל האָב איך מיך נישט אַנטוישט. אַ לענגערע צייט האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַרום כוטאָר, האַלטנדיק זיך נאָענט ביי די קוסטעס, אַזוי, אַז ווען ס׳וועט זיך באַווייזן אַן אומבאַקאַנטער, זאָל איך מיך קאָנען גיך אויסבאַהאַלטן. ענדלעך האָב איך דערהערט דאָס בילן פון אַ הונט. כ׳האָב מיך אָריענטירט, אַז דער הונט איז אָנגעבונדן,

ווייל דאָס בילן האָט זיך געטראָגן פון איין אָרט. וואָס מער כ׳האָב זיך דערנענטערט צו דער שטוב, אַלץ נענטער איז געוואָרן דאָס בילן פונעם הונט. אָבער ווען כ׳בין געשטאַנען אויף איין אָרט, איז דאָס בילן אויך געשטאַנען אויף איין פּלאַץ. ווען כ׳האָב שוין גוט געזען דאָס הויז, האָט זיך פּלוצים אויפגעעפנט די טיר און מיין באַקאַנטער איז אַרויס אין הויף אַריין. כ׳האָב אים אָנגעהויבן רופן בייב נאָמען, אָבער ער האָט מיך נישט געהערט. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם הונט פון דער קייט און דער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין מיין ריכטונג. דער הונט איז מיך באַפאַלן, און כ׳האָב זיך פון אים קוים אָפּגעיאָגט מיט אַ שטעקן.

באַלד האָט זיך צו מיר דערנענטערט מיין פריינד וואַלענטי. ער האָט מיך גלייך דערקענט און אַזוי געזאָגט: אומגליקלעכער האָכמאַן, האָב פאַר מיר קיין מורא נישט. איך און מיין משפחה וועלן דיר קיין שלעכטס נישט טאָן. מיר וועלן דיר העלפן מיט וואָס מיר וועלן נאָר קאָנען.

זיינע האַרציקע ווערטער האָבן מיר גערירט ביז טרערן. ער האָט מיך באַרויקט און איז צוריקגעגאַנגען אין שטוב. ער האָט מיר געבראַכט עסן און געזאָגט: קודם כל עס אָפּ, די נאַכט איז גרויס, מיר וועלן זוכן אַן עצה דיך צו ראַטעווען. דערנאָך איז ער ווידער געגאַנגען אין שטוב און זיך דאָרט לאַנג געסודעט מיט זיין פרוי און שוויגער. נאָכדעם האָט ער מיך געפירט אין שייער אַריין. דאָרט אונטער דעם סטויג היי איז געווען אַ גרויסער גרוב, אויסגעריכטעט אַזוי, אַז מען האָט דאָרט געקאָנט באַקוועם זיצן און פרישע לופט זאָל דאָרט צוקומען (עד היום ווייס איך נישט צו וועלכן צוועק וואַלענטי האָט געהאַט צוגעגרייט דאָס דאָזיקע גרוב). אינעם גרוב פלעג איך זיצן אַ גאַנצן טאָג, און ביינאַכט פלעג איך אַרויס פון דאָרט און זיך בלאָנקען איבערן אַרומיקן וואַלד, כדי אויסצוגלייכן אַ ביסל די ביינער און איינזאַפּן פרישע לופט.

דאָס עסן וואָס כ׳פלעג באַקומען פון מיין גוטן פריינד, איז געווען ווינציק. ער האָט אָבער אַליין נישט געהאַט גענוג צום עסן. זיין משפחה איז באַשטאַנען פון עלף פּערזאָן, דערונטער אַכט קינדער, פון וועלכע דאָס עלטסטע איז אַלט געווען קוים 14 יאָר. וואַלענטי פלעגט אָפט שמועסן מיט מיר אויף דער טעמע, און זיך פאַרענטפערן, אַז ער האָט ווייניק צום עסן און אַז מען דאַרף זיך דורכמאַטערן די שווערע צייט. די דאָזיקע שווערע צייט — האָט ער געטענהט — וועט פאַרביי, און דערווייל דאַרף מען ליידן. ער פלעגט מיך טרייסטן און וואָרענען, אַז כ׳זאָל זיך ביינאַכט נישט אַרומדרייען צופיל איבערן וואַלד, ווייל מען קען מיך נאָך באַמערקן. ער האָט מיך אויך געוואָרנט, אַז כ׳זאָל נישט וואַגן גנבענען קיין קאַרטאָפל אין די אַרומיקע פעלדער, ווייל די פּויערים וועלן מיך נאָכשפּיאָנירן און לויט די טריט קאָנען זיי אַנטדעקן מיין באַהעלטעניש. און אויב זיי וועלן מיך געפינען ביי אים אין כוטאָר, וועט ער און זיין גאַנצע משפחה באַצאָלן דערפאַר מיט זייערע לעבנס.

איינמאָל איז וואַלענטי געקומען צו מיר מיט אַ פריידיקע בשורה, אַז די סאָוויעטן, פון איין זייט, און די אַמעריקאַנער, פון דער צווייטער זייט, גיבן גוטע קלעפּ דער דייטשישער אַרמיי, און ס׳איז צו האָפן, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך ענדיקן די מלחמה מיט אַ גרויסן נצחון איבער היטלערן. גלייכצייטיק האָט ער מיר דערציילט, אַז ס׳איז צו אים געקומען

יצחק פעלדלייט פון דאָמבראָוויץ מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. ער האָט זיי אָוועקגעפירט אין אַ זיכערן פּלאַץ צווישן קוסטעס און בלאָטעס וווּ קיינער וועט זיי נישט קאָנען אַנטדעקן. די ביידע בשורות האָבן מיר זייער דערפרייט. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך אָנגעהויבן מאַכן פּלענער אויף צומאָרגנס נאָכן נצחון איבערן דייטש. אָבער קודם כל האָב איך געגומען טראַכטן ווי אַזוי העלפט מען די משפּחה פון יצחק פעלדלייט. מיין גוטהאַרציקער וואַלענטי האָט אויך פאַר דער דאָזיקער משפּחה געזאָרגט העלפנדיק זיי מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

ליגנדיק גאַנצע טעג אין מיין מלינה, אונטערן סטויג היי, פלעג איך קוים קאָנען איינ־שלאָפן. זעקס חדשים בין איך דאָרט אָפּגעלעגן. ווען כ׳פלעג אויף אַ קורצער ווייַלע איינ־דרימלען, פלעגן מיך אַרומכאַפּן שרעקלעכע חלומות. פאַר מיין דמיון פלעגן זיך אויפסניי אַנטפּלעקן יענע גרויליקע בילדער פון געטאָ־לעבן, די שטענדיקע הריגות, די לעצטע שחיטה, דאָס אַנטלויפן אין וואַלד, דאָס פּלאָגן זיך ווי אַ ווילדע חיה וואָס ווערט אומאופהערלעך פאַרפאָלגט. נאָך די טרויעריקע בילדער פלעגן אין מיין פאַנטאַזיע אויפגיין די אַמאָליקע פריידיקע בילדער: דאָס שטעטל פון אַמאָל, מיין שטוב, מיין משפּחה, מיין פרוי און קינדער. און דאַן פלעגן די זיסע חלומות פּלוצים פאַרשווינדן און פון טיפן האַרצן פלעגט זיך אַרויסרייסן אַ יאָמערלעך געוויין. גאַנץ אָפט, ווען כ׳פלעג זיך אויפכאַפּן אין יאָמערלעכער פּיין, נאָך אַזעלכע קאָשמאַר־חלומות, פלעגט ביי מיין זייט שטיין וואַלענטי. ער פלעגט מיך טרייסטן, באַרויקן, און צוגעבן מוט אַריבערצוטראָגן די פּיין און דאָס קאָשמאַרפולע לעבן.

בעת יענע שמועסן און צוזאַמענטרעפן מיט מיין רעטער וואַלענטי, איז קיינעם פון אונדז ביידע אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז דווקא איך וועל איבערלעבן די מלחמה און ער וועט דערמאָרדעט ווערן. צום סוף איז דאָס אָבער אַזוי געשען. אין אַ געוויסן טאָג איז אַ באַנדע צעיושעטע אוקראַינער באַפאַלן די כוטאָרס פון די פּוילישע קאָלאָניסטן און האָבן געמאַכט אַ מוראדיקן פּאָגראָם אויפן אָרט. זיי האָבן אונטערגעצונדן די הייזער און די שטאַלן, זיי האָבן אַרויסגעפירט אויפן פרייען פעלד אַלע מענער, פרויען און קינדער און זיי אַלעמען אויסגעשאָכטן. דאָס האָבן די אוקראַאינער נקמה גענומען פון דער געוועזענער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט, נאָך פאַר דעם יאָר 1939, באַזעצט אויף אוקראַי־נישער ערד פאַרדינסטפולע פּוילישע אָפיצירן, מיטן געדאַנק, אַז די דאָזיקע פּאָליאַקן זאָלן דאָרט זיין די טרעגער פון דער פּוילישער קולטור און די רעאַליזאַטאָרן פון דער פּוילישער אָרדנונג. די דייטשן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן בלוטיקן שפּיל פון די צוויי פעלקער, וואָס האָבן זיך פיינט געהאַט. די דייטשן זענען געווען מער פאַראינטע־רעסירט אין דער אוקראַינישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געבילדעט די איבערוויגנדיקע מערהייט אין יענע ראַיאָנען, און וועלכע האָט געאָטעמט מיט ווילדער שנאה, סיי צו יידן, סיי צו פּאָליאַקן און סיי צו די רוסן. אַ חוץ דעם, זענען שוין צו יענער צייט געווען אין אונדזערע געגנטן גרויסע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַקטיוו געקעמפט קעגן די דייטשן.

מיר האָבן געוווּסט וועגן די מאָרד־טאַטן פון אוקראַינער איבער פּאָליאַקן, וואָס זענען

פאַרגעקומען אין פאַרשידענע ערטער. איך און יצחק פעלדליט האָבן זיך געבעטן ביי וואַלענטין, אַז ער זאָל מיטנעמען זיין פאַמיליע און מיר אַלע זאָלן אַוועקגיין אין ראַיאָן פון פינסק, ווו ס'זענען געווען גוט אָרגאַניזירטע פוילישע פּאַרטיזאַנער־איינהייטן. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי דאָס אַדורכצופירן, אָבער דאָס אומגליק איז געקומען פריער. אַלע עלף נפשות פון וואַלענטי דאָקטאָרס פאַמיליע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אוקראַינער אין יענעם פּאָגראָם וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף די פוילישע אָסאַדניקעס, ביי וועלכן ס'זענען אומגעקומען הונדערטער פּאָליאַקן. צווישן די דערמאָרדעטע פּאָליאַקן זענען געווען אויך אַזוינע וואָס האָבן פריער טריי געדינט דער דייטשישער מאַכט און האָבן מיט זייערע אייגענע הענט אומגעבראַכט הונדערטער יידן. וואַלענטי דאָקטאָר איז געווען טאַקע איינער פון די געציילטע וואָס האָבן מיטגעהאָלפן ראַטעווען יידן. איך און יצחק פעלדליט האָבן שטאַרק באַוויינט דעם שוידערלעכן טויט פון אונדזער רעטער און זיין באַרעמהאַרציקער משפחה. מיר האָבן ביידע אַוועקגעשטעלט אַ קרייץ אויפן קבר ווו זיי זענען געווען פאַרשאָטן. מיר האָבן פיל געטרויערט און געשעפטשעט אַ תפילה צום יידישן גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף די עלף קריסטלעכע נשמות און זאָל זיי פאַררעכענען צו די הייליקע נשמות פון חסידי אומות העולם.

ו

בשכנות מיטן כוטאָר פון וואַלענטי דאָקטאָר, האָט זיך געפונען דער כוטאָר פון דער פאַמיליע רוזשיצקי, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס פערזאָן — אַלטע פאָטער און מוטער, דריי זין און איין טאָכטער. די זינדלעך, וואָס זענען פאַר דער מלחמה אָנגעגאַנגען פאַר שטילע שקצים און האָבן זיך געפריינדלט מיט יידן — זענען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע געווען גאָר ווייט אַנגאַזשירט ביים מאָרדן יידן. די טאָכטער, דאַקעגן, האָט פאַרמאָגט אַ מענטשלעך האַרץ. זי איז געווען אַ דינסט ביי דעם דאָמבראָוויצער קסיאָנדז. איינמאָל, ווען זי איז געקומען אויף אורלויב אַ היים, האָט זי צו אירע ברידערלעך אַזוי געטענהט: דער קסיאָנדז האָט געזאָגט, אַז ווען ס'ברענט אַ שכנס הויז, דאַרף מען נישט האָבן קיין שאָדנפרייד, ווייל דאָס פייער קאָן זיך אַריבערכאַפּן אויך אויף דיין הויז. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ווען די אוקראַינער מאָרדן יידן, דאַרפן די פּאָליאַקן זיך נישט פרייען און זיי דאַרפן נישט מיטהעלפן, ווייל דאָס מאָרדן קאָן זיך אַריבערטראָגן אויך אויף די פּאָליאַקן גופא. און דאָס איז טאַקע דערנאָך מקוים געוואָרן. אירע דריי ברידער, צוזאַמען מיט די עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַינער בעתן פּאָגראָם אויף די פוילישע אָסאַדניקעס.

די וואַקכאַנאַליע פון מאָרד האָט זיך אַזוי צעשפּילט, אַז ס'איז מקוים געוואָרן דער יידישער אַפאָריזם „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון”. די פּאָליאַקן וואָס האָבן געמאָרדעט יידן זענען דערנאָך געמאָרדעט געוואָרן דורך אוקראַינער. נאָכדעם האָבן די דייטשן זעלבסט דערמאָרדעט אין ראָוונער טורמע אַרום 800 אוקראַינער, צווישן זיי עטלעכע צענדליק דאָמבראָוויצער תושבים און בתוכם מיין שכן וואָלאָדיאַ בירוק, וואָס איז געווען אַ פּאָליציסט אין געטאָ און נאָך עטלעכע דאָמבראָוויצער פּאָליציסטן — באַוווסטע פּאָגראָמשטשיקעס און יידן־מערדער. די ידיעות וועגן אָט די דאָזיקע אָנטפּלעקונגען האָב איך

באַקומען זייענדיק אין וואַלד. און כאָטש צו יענער צייט בין איך זעלבסט געווען אויסגע־שטעלט אויף טויט־סכנה, נישט ווילנדיק וואָס דער מאָרגן וועט מיר ברענגען, האָבן דאָך די ידיעות וועגן טויט פון מיינע בלוטיקע שונאים־פאַרפאָלגער פאַרשאַפט מיר אַ ביסל נחת און עטוואָס פאַרגרינגערט מיינע לײדן. כ׳האָב אָנגעהויבן מער גלויבן אין נצחון פון גערעכטיקייט און די האָפענונג אויף באַפרייונג איז געווען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און כוח אַריבערצוטראָגן די פּיין און לײדן, ביז כ׳האָב דערלעבט צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן די ענדגילטיקע מפּלה פון דער היטלעריסטי־שער מיליטערישער בעסטיע. כ׳האָב דערלעבט דעם נצחון פון גאָט פון נקמה.

לייבל פּערלשטיין

אין וואַלד צווישן פּאַרטיזאַנער

דער לעצטער דינסטיק אין געטאָ

אין טאָג פון דער גרויסער הריגה אין דאָמבראָוויץ, בין איך אַנטלאָפן צו אַ באַקאַנטן קריסט וועלכער האָט מיך געהאַלטן ביי זיך אין שטוב אין אַ נאָרע, במשך 14 חדשים. נישט ווייט פון דעם הויז האָט זיך געפונען דער אַמט פון דער געסטאַפּאָ. יעדן טאָג פלעגן אוקראַינער ברענגען אַהער געכאַפּטע יידן, און איך פלעג הערן די יללות פון די דערשאָ־סענע נעבן דעם הויז. דאָס איז געווען דער גורל פון דעם גרעסטן טייל פון די געכאַפּטע יידן. אין אויסנאַם־פאַלן פלעגט מען זיי אַרויספירן אויפן בית הקברות און נאָכדעם ווי זיי פלעגן דאָרט אַליין אויסגראָבן פאַר זיך די קברים — פלעגט מען זיי דאָרט דערשיסן.

איך געדענק גוט דעם לעצטן דינסטיק אין געטאָ, אַ טאָג פאַר דער גרויסער הריגה. טראָץ דער פאַרזיכערונג, אַז די באַשטימטע ציילונג אויף צומאָרגנס איז בלויז אַ פאָרמאַ־ליטעט פאַר דער עוואַקואַציע אויף אַרבעט אין אַ צווייט אָרט, זענען כמעט אַלע אין געטאָ געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין די ענדע.

חיים גילדנגאָרן, אַ מיטגליד פון יודענראַט, איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג איבערן געטאָ און האָט אַלעמען באַרויקט. אָבער אין אָוונט, ווען אַ גרופּע יוגנטלעכע האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַ הויז, איז חיים פּלוצלינג דערשינען אינגאַנצן אַ צעבראָכענער, אַ שפּל־דיקער, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס — האָט ער שטיל אַריינגעזאָגט: „מען דאַרף אַנטלויפן אין וואַלד". די פראַגע וועגן וועלכער מען האָט דיסקוטירט איז טאַקע געווען — ווי אַזוי מען באַקומט זיך אַרויס פון געטאָ. פּנחס ניימאַן, דער סאָרנער, פּנחס גענזל, יודל צאַצקעס, סילענדער־הערמאַן, חיים גילדנגאָרן און איך, — מיר אַלע האָבן געטענהט: באַלד אַנטלויפן מיט די פרויען און קינדער. טאָמוך גאָורילטשוק, דער איינ־ציקער גוטער גוי, האָט אין יענעם אָוונט צוגעזאָגט אונדז אַלעמען אויפצונעמען ביי זיך

און פון דאָרט אַרויספירן אין וואַלד. אָבער דער צווייטער, פּנחס ניימאַן, וועלכער האָט געהאַט גוטע באַקאַנטשאַפט און מכלומרשטע פריינט אין דער פּאָליציי, האָט צעשטערט דעם פּלאַן פון באַלדיקן אַנטלויפן און געזאָגט אַז עס וועט נאָך זיין צייט.

דערווייל האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ, און עס איז געוואָרן אוממעגלעך זיך אַרויסצובאַקומען. אייניקע וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפן זענען דורך דער אוקראַי־נישער פּאָליציי דערשאָסן געוואָרן. די דאָזיקע קרבנות האָבן זיך געוואַלגערט איבער די גויישע גערטנער. אַזוי אַרום זענען שוין די פרויען מיט די קינדער געבליבן פאַרשטעקט אין די הייזער כדי צו וואַרטן אויפן צווייטן אָונט. אָבער אין קומענדיקן אָונט איז שוין געווען צו שפּעט.

אין איין הויז מיט דער געסטאַפּאָ...

אונטער דער השפּעה פון ביינאַכטיקע שמועסן, אַז גיין צו דער ציילונג — הייסט טויט, בין איך אַוועק אין פליאַנט געסל, צו מיין באַקאַנטן גוי, מיכאַיל פוגאַטש. כ׳האָב אויסגערעכנט, אַז ביי אים אין הויז איז איינגעקוואַרטירט די געסטאַפּאָ, ממילא וועט מען ביי אים נישט זוכן. אין דיך חזיר־שטאַל בין איך געלעגן 401 מעת־לעת, געציילטע טריט פון דער דאָפּלטער דייטשער וואַך. די פּאַטרולן אַרום הויז פלעגן דאָרט מאַרשירן אַהין און צוריק, פון מזרח צו מערב און פון מערב צו מזרח, אַזוי, אַז די פּנימער זענען תמיד געווען געווענדעט אין אַלע ריכטונגען. אַזוי האָט זיך עס געצויגן טאָג־איין־טאָג־אויס, פון 6 אינדערפרי ביז 8 אין אָונט און אויף דער נאַכט האָבן זיי זיך געפלעגט פאַרקלייבן אין די באַפעסטיקטע בונקערס, פון פּחד פאַר די פּאַרטיזאַנער. נישט איין מאָל במשך פון מיין ליגן דאָ, האָב איך געהערט ווי די פּאַרטיזאַנער באַשיסן מיט קוילן די בונקערס, און ווי עס רייסן אויף גראַנאַטן. עס איז גוט געווען דאָס צו הערן און וויסן, אַז די דייטשן זענען פאַרשטעקט און ציטערן פון שרעק, אָבער אַרויסגיין האָב איך נישט געקאָנט, ווייל איך האָב געקאָנט באַשאָסן ווערן פוןביידע זייטן. אין יענע מאָמענטן, האָב איך׳ געבעטן ביי גאָט, אַז די בונקערס מיט די דייטשן זאָלן אויפגעריסן ווערן, און איך זאָל קאָנען אַרויס־שפּרונגען צו די פּאַרטיזאַנער. בעת אַזאַ צוזאַמענשטויס האָב איך אין איינ׳ער אַ נאַכט געהערט ווי די דייטשן זענען אַרויס פון זייערע בונקערס. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל און זיך פאַרפעסטיקט ביים וואָקזאַל. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי אַטאַקירט, אונטערגעצונדן די מילן, די בריק און איך האָב געהערט גענוי געשרייען פון משה קאַוואַלאַ און פון ראָזנ־בערגן. אַזוי האָב איך אויך געהערט ווי יודל צאַצקעס, פּנחס גענזל און פּנחס ניימאַן שרייען אויף קולי־קולות, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוקריכן פון חזיר־שטאַל. אויך מיין בעל־הבית האָט מיך נישט געלאָזט אַרויס. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז די פּאַרטי־זאַנער וועלן אַוועק צוריק אין וואַלד, און די דייטשן וועלן צוריקקומען און אויב זיי וועלן דערשמעקן, אַז דער בעל־הבית האָט ביי זיי אונטערן נאָז אויסבאַהאַלטן אַ ייד, וועלן זיי אים און זיין גאַנצע משפּחה אומברענגען. אַזוי אַרום בין איך ווייטער געבליבן שטעקן אין חזיר־שטאַל.

אַ צווייט מאָל האָב איך געזען גיין די דריי ברידער שפּינעס און זעליג שיינ״אַן. אַלע זענען געגאַנגען מיט די ביקסן אויף די אַקסלען. ווי נאָר די דייטשן האָבן דערזען דעם ערשטן פּאַרטיזאַן, האָבן זיי, איבער דעם געפּרוּירענעם טייך, גענומען לויפן צום וואָקזאַל. די פּאַרטיזאַנער האָבן דאַן באַלעבאַטעוועט אַ טאָג מיט אַ נאַכט און זענען אַוועק. ערשט דאַן האָבן די דייטשן מיט דער פּאָליצײַ זיך אומגעקערט.

טאָג־טעגלעכע יידישע קרבנות

פאַר דער צייט וואָס איך בין געלעגן פאַרשטעקט, איז כמעט נישט אַדורך אַ טאָג אָן אַ יידישן קרבן. דאָס פלעגט מען אויסגעפינען אַ ייד ערגעץ ווו פאַרשטעקט, ברענגען אים אַהער און דאָ טויטן. אַזוי האָב איך איינמאָל געזען ווי מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַביגדור כאַרפּאַקס משפחה פון זייער באַהעלטעניש. מיין בעל־הבית האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט זיי אַוועקגעפירט אויפן אַלטן בית־עולם צו אַ גרוב אין וועלכן עס זענען שוין פון פריער געלעגן נישט פאַרשאָטענע יידן. ביי דעם אָפענעם גרוב האָט שיינדל כארפּאַק, די מוטער פון דער משפחה, געבעטן מען זאָל זי שיסן די ערשטע און אביגדור האָט זיך געבעטן מען זאָל אים שיסן דעם ערשטן. אויך דער איידעם, ראָזענשטיין, דער פאָטער פון די קליינע קינדער, האָט דאָס זעלבע געבעטן. אָבער דער קאָמענדאַנט האָט צוערשט געשאָסן די קליינע קינדער, נאָכדעם, זייער מאַמען און טאַטן און געלאָזט אַביגדורן און שיינדלען זיך רייסן די האָר פון קאָפּ. דערנאָך האָט ער געשאָסן אַביגדורן, בעת שיינדל האָט זיך געקאַטשעט איבער דער ערד און געביסן די פינגער פון שרעקלעכע יסורים. צום סוף האָט ער אויך זי דערשאָסן.

מאָטל שער מיט זיין משפחה האָט מען געשאָסן און באַגראָבן אין פליאַנט. אונטער אַ בריקל האָט מען דערשאָסן: עטל ליבערסאָן, רבקה לאַטקא, רבקה רייזל יונגשטיין, ליפּא ראַביי, חיים פעקאַטש און אפרים יונגשטיינס משפחה. שיקא שפירא האָט באַצאָלט זיינעם אַ ידיד אַ גאַנץ פאַרמעגן און דער האָט צוגעזאָגט צו געבן שוץ ערגעץ אויף וואראבינער גאַס. שפּעטער האָט דער ידיד געבראַכט דייטשן און מען האָט שיקא שפירא צוגעשטעלט צו דער וואַנט און דערשאָסן. כמעט יעדן טאָג פלעגן די גויים פאַרשלעפּן געכאַפּטע יידן אויפן אַלטן בית־החיים און דערשלאָגן זיי מיט פלעקער. יאַנקל בושקעס איז אַרומגעלאָפן אין איינער אַ נאַכט איבערן שטעטל, האָט אונטערגעצונדן דאָס ברונעם־געסל און זיך אַריינגעוואָרפן אין פייער. שפילמאַנס טאָכטער, רבקה, איז אַריינגעשפרונגען לעם דער ציגעלניע אין גרוב און זיך דאָרט דערטרונקען. ליטמאַן ווערקל האָט אונטערגעצונדן זיין אַלעיאַרניע און זיך אַליין אויך פאַרברענט.

יידישע פּאַרטיזאַנער זענען זיך נוקם

צו יענער צייט האָט מיר מיין בעל־הבית דערציילט, אַז אויך אין די וועלדער ווערן יידן טאָג־טעגלעך אומגעבראַכט דורך די בולבאָווצעס. אָן אַנדערש מאָל האָט ער מיר אויך געבערענגט פריידיקע נייעס. געווען איז עס אין אָנהייב 1943. די באַן־בריק אין קאָלק, וואָס

יידישע הענט האָבן אויפגעבויט מיט פיל יסורים אין משך פון 14 חדשים צוואַנגס־אַרבעט, איז געווען געהיטן דורך 20 באַוואָפנטע דייטשן. צווי פון זיי האָבן זיך שטענדיק געפונען אויף דער בריק און 18 — אין בונקער. יעדע צוויי שעה האָבן זיך די צוויי וואָס אויף דער בריק געביטן. אין אַ געוויסן טאָג האָט חיים מודריק, אַ געבוירענער אין דאָרף קאָלק און וועלכער האָט געקענט דאָרט אַלע וועגן און סטעזשקעס, זיך דורכגעריסן מיט אַן אָפּטיילונג פּאַרטיזאַנער און באַוואָרפן די בונקערס מיט גראַנאַטן. אַלע דייטשן זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. דערנאָך האָבן די פּאַרטיזאַנער אַוועקגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַל אונטער די בריק און זי איז געשפּרונגען אין דער לופטן. מיין חזיר־שטאַל און אַלע דאָמבראָוויצער הייזקעס האָבן זיך דאַן אַ טרייסל געטאָן ווי בעת אַן ערד־ציטערניש.

אַזעלכע מעשים האָבן זיך איבערגעחזרט. פּאַרטיזאַנער האָבן אויפגעריסן בריקן, אַראָפּגעלאָזט באַנען פון די רעלסן און אומגעבראַכט פיל דייטשן. יידישע קעמפער האָבן דערפילט דעם טעם פון נקמה און געהאָפּט אויפן שונאס מפלה. אין איינעם אַ טאָג, זומער 1943, האָט מיר מיין באַשיצער דערציילט, אַז אויפן פראָנט, אַרום קורסק, פירט זיך אַ קאַמף אויף טויט און לעבן און אַז אונטערן דרוק פון די רוסן, מוזן די דייטשן פאַרלאָזן איין געביט נאָכן צווייטן. אין די געגנטן פון קיִעוו, אויף די וועגן פון ראָוונע, בריסק, האָמעל און מינסק האָבן די פּאַרטיזאַנער פאַרשטאַרקט דאָס אויפרייסן באַנען און אויס־געפירט פאַרשידענע סאַבאָטאַזש־אַקטן. די געסטאַפּאָ איז צעטומלט געוואָרן, האָט זיך באַ־פעסטיקט אין די בונקערס. ביי וויסאָצק, לעם די אַזוי גערופענע דובעשניצעס, איז געגאַנגען אַן אָפּטיילונג פּאַרטיזאַנער כדי זיך איבערצושיפן איבערן טייך. פון סטאַלין זענען אָנגעקומען צען אויטאָס מיט באַוואָפנטע געסטאַפּאָ־באַנדיטן און אָנגעהויבן שטערן די פּאַרטיזאַנער דאָס איבערשיפן זיך איבערן טייך. די פּאַרטיזאַנישע אויסשפּיר־אָפּטיילונג האָט ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די דייטשע כוחות, פאַרלוירן 4 פערזאָן, צווישן זיי אַ דאָמבראָוויצער ייד. די הויפּט־אָפּטיילונג פון די פּאַרטיזאַנער האָט אויפגענומען דעם קאַמף און אַריינגעצויגן די דייטשן טיפער אין וואַלד. דאָ האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף אויף טויט און לעבן, די פּאַרטיזאַנער איז געלונגען אַריינצוקוועטשן די דייטשן אין אַן ענגן רינג, צונעמען ביי זיי דאָס געווער און אַלעמען פאַרניכטעט.

פון באַהעלטעניש אין וואַלד אַריין

איינמאָל, האָט מיר מיין באַשיצער געבראַכט די בשורה, אַז דאָמבראָוויצער געסטאַפּאָ איז זייער אומרואיק, ווייל זי ריכט זיך אויף פּאַרטיזאַנישע אָנגריפן. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַרברייטונגען. צו דעם צוועק האָבן זיי פאַראָרדנט צו צענעמען אַלע הייזער אַרום דער געסטאַפּאָ. אויך מיין באַשיצערס הויז איז אַרונטערגעפאַלן דער פאַר־אָרדנונג און איך האָב אין איינער אַ נאַכט געמוזט זיך אַרויסקלייבן.

מיין צווייטער ידיד, טאַמוך גאַווורילטשיק האָט מיר באַזאָרגט אַ ביסל עסן און געהייסן מיך גיין צום דאָרף ווילין, ווייל דאָרט שטייט אַ קליינע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. ווען איך בין צוגעקומען צום דאָרף, האָב איך געהערט קולות און שיסערייען, געזען ווי גויים לויפן אין אַלע ריכטונגען. גלייך איז דאָס דאָרף געוואָרן אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן אוקראַינער און דייטשן אַרומגערינגלט דאָס דאָרף. אַכט פּאַרטיזאַנער זענען בעסטיאַליש פּאַרפּייניקט געוואָרן, צווישן זיי אויך דער דאָמבראָ־וויצער ייד מיכל שניצער ז״ל. די דייטשע באַנדיטן האָבן אים דורכגעשטאָכן מיט פּיקעס און נאָך אַ לעבעדיקן געוואָרפן אין פייער.

נאָכדעם ווי די דייטשן מיט די אוקראַאינצעס האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, האָט דער ווילינער גלח צוזאַמענגעקליבן אין איין קאַסטן די פאַרברענטע גוישע און יידישע ביינער, מספּיד געווען די קרבנות און זיי מקבר געווען.

בעת דעם קאַמף אין דאָרף, בין איך געלעגן איינגעגראָבן טיף אין שניי. ווען די פּאַרטיזאַנער זענען אָפּגעטראָטן, בין איך אַרויס צו זיי. איין פּאַרטיזאַן האָט מיך לאַנג געפאָרשט. ער האָט פון מיר געפאָדערט געלט, גאָלד און בריליאַנטן, פאַרלאַנגט איך זאָל אים זאָגן, ווו ס׳איז פאַרגראָבן יידיש געלט. אין אַ זעקעלע האָב איך געהאַט שטיוול מיט קאַלאָשן, וועלכע זענען נישט אַרויף אויף מיינע געשוואָלענע פיס. דער פּאַרטיזאַן האָט עס ביי מיר צוגענומען און דערנאָך מיך געוואָלט שיסן. נאָר אַזוי ווי טאַמוך האָט מיר איבערגעגעבן דעם נאָמען פון זייער קאָמאַנדיר, האָב איך זיך אָפּגערופן: „אייער קאָ־מאַנדיר, באַהירא, איז מיינער אַ ידיד, ער וועט זיך פרייען מיט מיין קומען״. די פּאָר ווערטער האָבן געווירקט. דער פּאַרטיזאַן האָט מיך אַוועקגעפירט צום קאָמאַנדיר, וועלכער האָט מיך אויפגענומען אין זיין אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַריין צו כאַרטשאַקס סמאָליאַרנע. איך האָב געפילט, אַז מיינע פיס דינען מיר נישט, האָט מען מיך אַריינ־געלייגט אין אַ שליטן צווישן מיטן עסנוואַרג. „עס וועט זיין פליייש״ — האָבן די פּאַרטי־זאַנער גוטברודעריש זיך אָפּגערופן, אָבער נישט אָן שלעכטע כוונות.

נישט ווייט פון סטאַנציע „בילע״, האָבן מיר געדאַרפט אַריבערפאָרן די באַן־ליניע, וועלכע איז געווען שטאַרק באַוואַכט. דייטשן מיט אוקראַינער האָבן געעפנט אויף אונדז אַ פייער. די פּאַרטיזאַנער זענען אַנטלאָפן צוריק אין וואַלד. די שליטנס עסנוואַרג און איך אויף איינעם פון זיי, זענען געבליבן אויפן טראַקט. איך האָב זיך אַראָפּגעקייקלט פון שליטן און זיך אַריינגעקוועטשט אין שניי, צווישן יונגיטשקע בוימעלעך, געוואָרט אויפן טויט, וועלכן כ׳האָב פאַרויסגעזען. אָבער, די פּאַרטיזאַנער האָבן געמאַכט אַ געלונגענעם מאַנעוור. פיר רייטער זענען אַוועק אין דער ריכטונג קיין דאָמבראָוויץ, אויפגעריסן אַ גראַנאַט און געעפנט אַ שיסעריי. די דייטשן ביי דער באַן־ליניע האָבן פאַרשטאַנען דערפון, אַז דאָרטן זענען די הויפּט־כוחות פון די פּאַרטיזאַנער און זענען אַוועקגעלאָפן אין דער ריכטונג פון דאָמבראָוויץ. דערווייל איז דאָ געבליבן פריי דער וועג. מיר האָבן שנעל דורכגעשניטן די באַן־ליניע און זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין.

באַגעגעניש מיט דאָמבראָוויצער יידן

אין דער קליינער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג בין איך געווען דער איינציקער ייד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין אונדזערע וועלדער זענען צווישן די פּאַרטיזאַנער פאַראַן נאָך דאָמבראָוויצער יידן. ווען מיר זענען געקומען אַהין, האָב איך דאָרט געטראָפן יודל קראַצמאַן דעם קאַראַסינער. ער איז געווען דער ערשטער לעבעדיקער

ייד, וועלכן איך האָב באַגעגנט נאָך פּופּצן חדשים. עס איז שווער צו באַשרייבן דעם צער און פּיין פון יענער באַגעגעניש. שפּעטער האָב איך געטראָפן אין וואַלד אַנדערע געפלאָגטע יידן פון דאָמבראָוויץ. עס איז פּיינלעך געווען דער ביטערער סך־הכל, כאָטש מען האָט זיך געטרייסט, אַז מען זעט נאָך אַ יידן. שפּעטער זענען אויך אַ סך פון די ווינציק געבליבענע יידן אומגעקומען. יידישע פּאַרטיזאַנער זענען געשיקט געוואָרן אויף אַלע שווערע אויפגאַבעס, איבערהויפּט דאָרט, ווו עס איז געווען אַ ספק צי אַ גוי וועט עס אויספירן. אַזוי האָבן געטענהט די רוסישע קאָמאַנדירן... אָבער מיר האָבן געוווסט דעם סוד... יידישע פּאַרטיזאַנער זענען געשיקט געוואָרן אין אַלע סכנותדיקע ערטער, הן אין קאַמפן קעגן דייטשן, הן אין קאַמפן קעגן די בולבאָווצעס, ווייל אַ גוי האָט געקענט דעזערטירן, זיך איבערגעבן הן דעם דייטש און הן די בולבאָווצעס, דער ייד דאָקעגן האָט עס נישט געקענט טון...

בעת מיין אָנקומען אין אָזוירער וועלדער, איז אַנטדעקט געוואָרן אויף אַ כוטאָר אַ באַוווסטער באַנדיט, וועלכער האָט אין זיינער צייט דערמאָרדעט פיל מענטשן, ווי אויך דעם פּאָרזיצער פון וויסאָצקער רייאָיספּאָלקאָם. צוויי יאָר האָבן די פּאַרטיזאַנער אים אַרומגעזוכט. איצט האָט מען באַשלאָסן אים צו ברענגען אַ לעבעדיקן אין אָטריאַד און משפּטן פאַר זיינע באַנדיטישע מעשים איבער יידן און איבער סאָוויעטישע בירגער. אונדזער קליינע אָפּטיילונג, מיטן קאָמאַנדיר באהירא בראש, האָבן אים אַרומגערינגלט, גענומען אים אַ לעבעדיקן און מיך, דעם ייד, וועלכער האָט נאָך דאַן רעכט נישט געקענט האַלטן די ביקס, געהייסן אים אָפּפירן אין שטאַב אַריין. איך האָב נאָך דאַן נישט געקענט דעם וואַלד. דער באַנדיט איז געגאַנגען פאָרויס, געטראָטן אין טיפן שניי, און איך, מיטן געלאָדענעם ביקס — נאָך אים. פּלוצלינג האָב איך דערזען ווי זיין ברודער באַווייזט זיך פאַר אונדז און גרייט זיך אים אָפּצושלאָגן. איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ קויל אין יענער ריכטונג און זיין ברודער האָט זיך אָפּגעטראָגן. איך בין אָנגעקומען בשלום אויף דער באַזע און איבערגעגעבן דעם באַנדיט דער אָנפירערשאַפט אין די הענט. ס'איז מיר דערפאַר אויסגעדריקט געוואָרן אָנערקענונג. דער באַנדיט האָט זיך מודה געווען אין זיינע מעשים און געבעטן, אַז מען זאָל אים מוחל זיין, ווייל ער איז איצט אַ בעל־תשובה, ער פאַסט און לערנט שטענדיק די עוואַנגעליע, און גאָט איז דאָך אַלעמען מוחל. אָבער די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געוווסט פון קיין סליחה און מחילה. אין זעלבן אָוונט האָט שוין דער באַנדיט נישט געלעבט.

און אָט איז שוין סוף 1943 יאָר. דאָס דייטשע מיליטער ווערט שטאַרק געשלאָגן אויף אַלע סאָוויעטישע פראָנטן. און מיר, די פּאַרטיזאַנער, אַקטיוויזירן וואָס מערער אונדזער טעטיקייט. די אינסטרוקציעס וואָס מיר באַקומען פון די שוין באַפרייטע סאָוויע־טישע טעריטאָריעס, זענען געצילט אָפּצושניידן דעם צוריקמאַרש פון די היטלעריסטישע חיילות, אויפרייסן די באַן־ליניעס און מינירן די שאָסייען און טראַקטן. מען באַאויפטראַגט אונדז איבערצופאַלן מיליטערישע גאַרניזאָנען און איינריכטונגען, כדי צו פאַרגרעסערן דעם פּחד צווישן די דייטשע זעלנער און זייען כאַאָס און פּאַניק צווישן דער דייטשער מיליטערישער און ציווילער מאַכט. ווען אָבער די דייטשן האָבן אָנגעהויבן עוואַקואירן

די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך פון אונדזער געגנט, האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון די אינסטרוקציעס און אויפגאַבעס. מיר האָבן געדאַרפט — פון איין זייט, שלאָגן די דייטשן, און פון דער צווייטער זייט, זאָרגן, אַז בעת זייער פאַרלאָזן די אָרטשאַפט, זאָלן זיי מאַכן וואָס ווינציקער שאָדנס. די־אָ אויפגאַבע איז געווען די שווערסטע.

די באַפרייאונג

מײַנע לעצטע טעג מיט די פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַט דעם פאָלגענדיקן פאַרלויף: מיר זענען געשטאַנען אין אָסטראָווצי־מאַטשולישק און געהאַט די אויפגאַבע אויפצונעמען אַ קאַמף מיט די דייטשע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן סטאַציאָנירט אין סטאָלין און וועט נויטיק — אויך פּרוּוון דאָ אָנגרייפן. (סאַרנע, דאָמבראָוויץ און וויסאָצק זענען שוין דאַן געווען באַפרייט).

פּאַרטיזאַנער זענען געווען אין צענער טויזנטער. אַלע צוזאַמענגעשלעפּטע פון גאַנץ פּאָלעסיע. מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן אויפסנייַ באַזעצט וואָראָ־בין און דוקאַראָווסקע מיט אַ גרויסן כּוח פון אינפאַנטעריע און קאַוואַלעריע, וואָס ווערן אונטערשטיצט דורך אַרטילעריע און עראָפּלאַנען. אויך האָט מען איבערגעגעבן, אַז דער דאָזיקער דייטשער כּוח אַנטוויקלט אַ העפטיקן קעגן־אָנגריף אויף די סאָוויעטישע אייַנהייטן אַרום דאָמבראָוויץ, פאַרעפעסטיקנדיק זיך אין די בערעסטיער, קאַלראַשער און קרופּער בערג. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך צוריקצוציען ביזן דאָמבראָוויצער וואָקזאַל, אויסגלייכן די רייען, נישט אָפּלאָזן דעם טייך און צוריבערגיין אין אָנגריף. די דייטשן האָבן נישט אויסגעהאַלטן אונדזער דרוק און זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק אַ סך הרוגים. מיר האָבן פאַרלוירן פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי, עטלעכע יידן פון דאָמבראָוויץ און אָזערי.

נאָך דער אַקציע איז אונדזער קליינע אָפּטיילונג אַוועק קיין סאַרנע. די דייטשן זענען שוין דאָרט נישט געווען, אָבער די בולבאָווצעס האָבן געבושעוועט אין דער געגנט. מיר, אַ פּאָר צענדליק פּאַרטיזאַנער, זענען אַוועק אין דאָרף ניעמאָוויטש און אַריינפאַרנדיק אַהין זענען מיר שטאַרק באַשאָסן געוואָרן פון די הייזער. מיר האָבן געפירט אַ העפטיקן קאַמף. אין סך־הכּל איז אומגעקומען דער דאָמבראָוויצער ייד מאָנעס קירזשנער־סמאַטוך. איך, דער איינציקער ייד, האָב בייגעווען זיין קבורה, אַ קבורה פון אַ יידישן קעמפער שוין נאָך דער באַפרייונג פון די דייטשן. צום באַדויערן איז ער אָבער נישט געווען דער לעצטער יידישער קרבן נאָך דער באַפרייונג.

אין אונדזערע געביטן, וואָס זענען פאַקטיש געוואָרן באַפרייט פון די דייטשישע אָקופּאַנטן, האָבן נאָך אַ לענגערע צייט געבושעוועט אָרגאַניזירטע אַנטי־סאָוויעטישע גרופּעס פון אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן, מיט וועלכע די באַנייטע סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געפירט בלוטיקע קאַמפן. אויך אין די קאַמפן האָבן זיך באַטייליקט יידישע פּאַרטיזאַנער און זענען אומגעקומען. אַחוץ דעם זענען אויך אַ סך פריערדיקע יידישע פּאַרטיזאַנער איינגעגלידערט געוואָרן אין דער פאַרויסגייענדיקער רויטער אַרמיי, וואָס האָט געטריבן די דייטשן ביז בערלין, און אויך אין דעם דאָזיקן מאַרש אויף בערלין זענען געפאַלן געגוג יידישע קרבנות.

שיינע ראזנבערג

אן אפגעראטעוועטע מאמע און אירע דריי קינדער

ווען איך בין געווען אין דער גרויסער סכנה פון אונטערגאַנג, האָב איך שטענדיק געטראַכט, צי עס וועלן זיך געפינען מענטשן וואָס וועלן דאָס אַלץ איבערלעבן. צום גליק, בין איך איינע פון די ווייניקע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם גיהנום און אָפּגעראַטעוועט דריי קינדער.

*

ווער עס געדענקט אונדזער שטעטעלע דאָמבראָוויץ פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה (1930—1939) דאַרף וויסן, אַז מיטן אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן, אין סעפּטעמבער 1939, האָט זיך אַלץ געענדערט. פון אָנהויב איז דער עולם נישט געווען אַזוי צופרידן מיט דער נייער מאַכט, אָבער מען האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט און אָנגעהויבן זיך אַריינפּאַסן אין די נייע באַדינגונגען. געוועזענע סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט פיזיש אַרבעטן, און געוועזענע אַרבעטער זענען געוואָרן „נאַטשאַלניקעס". ווען נאָך צוויי יאָר סאָוויעטישער אָרדענונג האָבן זיך שוין אַלע איינגעלעבט — איז פּלוצלינג געקומען דער גרויסער חורבן.

עס איז געווען אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן אין טיף רוסלאַנד, צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער סאָוויעטישער אַרמיי אָדער מיט די סאָוויעטישע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך עוואַקואירט. אָבער נישט אַלע זענען געווען גרייט דערצו. מען האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט די פאַמיליעס. אַזוי אַרום, אַז בלויז געציילטע מענטשן פון אונדזער שטעטעלע זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. דער גרעסטער טייל איז געבליבן אויפן אָרט.

*

דער אַריינמאַרש פון די דייטשן איז פאָרגעקומען זונטיק. איך און מיינע קינדער זענען געשטאַנען אין הויף ביים טויער און צוגעקוקט ווי די דייטשישע מאָטאָציקליסטן פאָרן אַריין. זיי קוקן אויף די שטייענדיקע גרופּקעס יידן און לאַכן גרויזאַם. אין דער עלבער צייט האָבן זיך איבער די יידישע הייזער אַ לאָז געטאָן די פּויערים און פּויערטעס און האָבן גענומען ראַבירן וואָס נאָר ס'איז זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט. די דייטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, אַריינגעריסן זיך אין די הייזער, אַרויסגעשלעפּט די געכאַפּטע יידן און געבראַכט זיי צום מאַרק. זיי האָבן פאַרכאַפּט 200 יידן און געוואָלט זיי דערשיסן אויפן מאַרק. דאַן האָט זיך באַוויזן אויפן מאַרק אַ דייטש, אַ שוסטער, וואָס האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין דאָמבראָוויץ, און אויך אַ דייטשקע, וואָס האָט געהאַלטן ביי אונדז אין שטעטל אַ רעסטאָראַן — די ביידע האָבן אָפּגעבעטן, אַז מען זאָל די יידן נישט דערשיסן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך געשאַפן דער יודענראַט וואָס האָט געציילט 30

פֿערזאָן און די ייִדישע פּאָליציי. די בײדע אינסטאַנצן האָבן זיך פֿאַרנומען בעיקר מיט צושטעלן פֿאַרשידענע זאַכן פֿאַר די דײַטשן — דאָס וואָס זיי האָבן נאָר פֿאַרלאַנגט, ווי אויך צושטעלן אַלעמען צו דער אַרבעט אויף די אַרבעטס־פּלעצער, וואָס די דײַטשישע מאַכט האָט אָנגעצייכנט. ווען מען איז געגאַנגען גרופּנווײַז צו דער אַרבעט אָדער פֿון דער אַרבעט, האָבן אַלע געמוזט זינגען „טשערעז זשידאָוו וואָינאַ". ווער עס האָט נישט געזונגען האָט געקריגן געשלאָגן פֿון דער אוקראַיִנישער פּאָליציי, וואָס פֿלעגט עסקאָרטירן די אַרבעטס־גרופּעס. מען האָט געאַרבעט פֿון פֿרי ביז גאַר שפּעט — ביי פֿעלד־אַרבעטן, ביים ברוקירן די וועגן, בויען בריקן, אין די פֿאַבריקן און אויף די באַן־סטאַציעס. אין דאָרף קאַלק האָבן געאַרבעט 16—17־יאָריקע קינדער ביים גלייכן דעם וועג. זיי פֿלעגן דאָרט קריגן איין מאָל אין טאָג אַ ביסל זופּ פֿון געדרשטענע גרויפּן.

זיבן אַזייגער אָוונט האָבן אַלע געמוזט זיין אין די הייזער און זיך מער נישט ווייזן אויסער דער שטוב, אַפֿילו אויפֿן הויף אויך נישט, און אין שטוב איז געווען פֿינצטער, קאַלט און ענג, און וואָס צום עסן איז נישטאָ. איינמאָל, אין אַזאַ אָוונט האָט זיך אונדזערע שכנים פֿאַרוואַלט דאַווענען מעריב. דאָס זענען געווען: יאַנקל טילטשין, ווי אויך אברהם, שאַיע און שמואל בארמאַן. זיי און מיין פֿאָטער יצחק ביטשיק האָבן שטיל געדאַוונט. פּלוצ־לינג האָט זיך געעפֿנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען טילטשינס 9־יאָריקע מיידעלע. מיט אַ מינוט שפּעטער האָט זיך אויפֿגעפּראַלט די טיר און ס'האָט זיך באַוויזן אַ דײַטשישער פּאָליציסט — ער האָט באַמערקט ווי דאָס מיידעלע איז אַריבער פֿון שטוב צו שטוב. דער פּאָליציסט האָט גענומען שלאָגן מיט אַ שפּיץ־רוט דאָס מיידעלע ביז זי איז אַנידערגעפֿאַלן און געחלשט. מיין פֿאָטער האָט גענומען לויפֿן איבערן צימער און איז פֿון שרעק אַרויס־געלאָפֿן אין הויף. דאָן האָט דער פּאָליציסט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים און אים מערדערלעך געשלאָגן איבערן קאָפּ און איבערן פּנים. „ווער האָט דיר דערלויבט אַרויס פֿון שטוב" — האָט ער געשריגן צו מיין פֿאָטער. דער דײַטש האָט געהייסן מיין פֿאָטער אַריין אין קלאָזעט, האָט פֿאַרשלאָסן די טיר און אָנגעזאָגט אַז ער זאָל דאָרט זיצן ביז ער וועט נישט קומען אים אַרויסלאָזן. נאָכדעם ווי דער דײַטש איז אַוועק, האָט מיין זון שמחה אָפּגעקלאַפּט דאָס שלעסל פֿון קלאָזעט און באַפֿרייט דעם זיידן זיינעם. מיין זון האָט געטראַכט, אַז דער דײַטש וועט פֿאַרגעסן דעם ענין. אָבער דער דײַטש האָט נישט פֿאַרגעסן, ער איז נאָכהער צוריק־געקומען און אין שטוב האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גיהנום־סצענע. מיר האָבן קוים זיך אָפּגעבעטן, אַז ער זאָל שמחהן נישט אומברענגען.

*

אַ סך מענטשן אין געטאָ האָבן זיך ביז דער לעצטער מינוט געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז די „פּראָווירקע" וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף יענעם לעצטן מיטוואָך, איז טאַקע בלויז כדי דורכצופֿירן אַ ציילונג פֿון אַלע געטאָ־איינוווינער. דאָך האָבן מיין מאַן חיים און אונדזער זון שמחה צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש אין קעלער פֿון אונדזער דירה. דינסטיק, אַרום 11 אַזייגער אין אָוונט, בין איך און מיינע קינדער (בתיה, אברהם און פֿרידע) אַראָפּ

אין דער באַהעלטעניש. מיין מאַן און אונדזערע צוויי זין (שמחה און יונה) זענען פאַרבליבן אין דער דירה. זיי האָבן אויסגעגלייכט די פאָדלאָגע־ברעטער איבער דער באַהעלטעניש און איבערגערוקט אַהין די גרויסע קליידער־שאַפע. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אויב די לאַגע וועט באמת זיין אַזאַ, אַז מען וועט הרגענען, וועלן זיי אונדז אַרויסבאַקומען פון דער באַהעלטעניש און מיר וועלן אַלע אַנטלויפן אין וואַלד.

צומאָרגנס האָבן מיר געהערט די קולות פון די הונדערטער יידן וואָס מען האָט געטריבן צו דער שחיטה. מיר האָבן אויך געהערט די קולות פון די פויערים, וואָס האָבן גלייך נאָך דער שחיטה געראַבירט ביי אונדז אין הויז און אין די אַרומיקע הייזער. מיר זענען געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין טויט־שרעק, אָן אַ שטיקל ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער. ווען ס'האָט אַראָפּגענידערט די נאַכט, האָט מיין טאָכטער פרידע אַרויסגענומען אַ קליין מעסערל, וואָס זי האָט געהאַט באַהאַלטן ביי זיך, און גענומען שניצן אַ שפּאַרונג צווישן צוויי באַוועגלעכע פאָדלאָגע־ברעטער. ווען זי האָט אויסגעשניטן אַ לאָך אויף אַרייַנצורוקן אַ פּאָר פינגער — האָט זי אויפגעהויבן אַ ברעט און נאָכהער האָבן מיר מיט בשותפותדיקע כוחות אָפּגערוקט די שאַפע. מיין זון אברהם איז אַרויס פון דער באַהעלטעניש און האָט געבראַכט וואַסער פון נאָענטן פלימפּ. דערנאָך איז אַרויס פרידע און זי האָט גענומען נישטערן אין די אַרומיקע דירות צו געפינען עפּעס עסן. אין דער דירה פון גבריאל דעם קלעזמער האָט זי געפונען אַ טאָרבע מיט געטריקנטע שוואַרצע יאַגאָדעס. און דערמיט האָבן מיר זיך געשפּייזט 8 טעג.

אויפן ניינטן טאָג איז אַרויס מיין טאָכטער בתיה פון באַהעלטעניש און האָט זיך דערלאַנגט ביז צו דער שטוב פון אַלעקסאַנדער בערנאַצקי, אַ גוטער באַקאַנטער פון אונדזער פאַמיליע. ווען דער גוי האָט איר דערזען, האָט ער צו איר אויסגעשריען: „דיין פאָטער האָבן מיר אויך נישט אַריינגעלאָזן — אַנטלויף גיכער, ווייל מען וועט דיך הרגענען". זי איז אָפּגעטראָטן און געקומען מיט לידיקע הענט צוריק אין אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין אַלע פיר, זיך אַריבערטראָגן אויפן בוידעם פון גבריאל דעם קלעזמערס דירה און פון דאָרט אויסקוקן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון דאַנען. אַ טאָג און אַ נאַכט האָבן מיר געלויערט פון בוידעם און מיר האָבן געזען, אַז עס איז אוממעגלעך זיך אַרויסצוקריגן — זענען מיר געגאַנגען צוריק אין אונדזער באַהעלטעניש. גייענדיק — הערן מיר פלוצלינג אַ רוף: „פרידאַ". דאָס איז געווען מיין ברודער דוד און אַ האַראַדאָקער מיידל שפרה מאַרגאַלין, וואָס האָט געוווינט אין געטאָ ביי בערל באַרמאַן. מיין ברודער האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדע חיה און האָט געבעטן ביי אונדז מיר זאָלן אים געבן אַ שטיקל ברויט פאַר זיין קראַנקן זון לאַליעק.

*

מיר זענען געזעסן נאָך אַ פּאָר טעג אין אונדזער באַהעלטעניש. דערווייל האָבן די גויים אָנגעהויבן ברעכן ווענט און רייסן פאָדלאָגעס אין די הייזער. נאָכדעם ווי זיי האָבן אויסגערייניקט אַלץ וואָס איז געווען אויפן אויג, האָבן זיי גענומען זוכן פאַרבאַהאַלטענע

אוצרות און פאַרגראָבענע גאָלד. מיר האָבן געזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין ברירה און מען דאַרף אַנטלויפן. מיין טאָכטער בתיה האָט געפונען אַ ליילעך און געמאַכט דערפון 4 דאָר־פישע קאָפּ־טיכלעך. פרידע האָט אויסגעזוכט 3 געפלאָכטענע קאָשיקעס און קאָפּאַטשקעס צום גראָבן קאַרטאָפל. פאַרנאַכטלעך, ווען די פויערטעס זענען געגאַנגען פון פעלד, זענען מיר אַרויס פאַרשלייערטע פון אונדזער באַהעלטעניש, מיט די קאָשיקעס און קאָפּאַטשקעס אין די הענט, און זיך געלאָזט גיין מיט דער וואָראָבינער גאַס. ערשט דאַן האָט זיך אַנט־פּלעקט פאַר אונדזערע אויגן דער גרויסער חורבן פון אונדזער שטעטל. אָבער מיר האָבן זיך אין ערגעץ נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געגאַנגען פאַראויס. אַרויסגייענדיק פון שטעטל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אוקראַינישע פּאָליציסטן, און אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געזעסן באַהאַלטן אין אַ פעלד מיט קאַרטאָפל. צומאָרגנס פרי זענען מיר אַדורך דעם דאָרף ליטיניטש און זיך געלאָזט גיין מיטן וועג קיין וויסאָצק. אין דאָרף פּראַצידוווקע, זעקס קילאָמעטער פאַר וויסאָצק, זענען מיר אַריין צו אַ באַקאַנטן פויער סקאָרעצקי. ער האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען, געגעבן עסן און דערציילט, אַז מיט דריי טעג צוריק איז ביי אים געווען מיין מאַן חיים מיטן זון יונה. נאָכדעם ווי זיי זענען פון אים אַוועק, האָבן זיי שקצים געכאַפּט און איבערגעגעבן אין די הענט פון דער אוקראַינישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי ביידע אומגעבראַכט.

צומאָרגנס, איז מיין טאָכטער בתיה, אין דער באַגלייטונג פון אונדזער פריינד סקאָרעצקי, אַוועק קיין וויסאָצק. זי איז דאָרט פאַרבליבן ביי מיין טאַנטע און אָנקל, בעלאַ און פייוול געלמאַן. דער פויער איז צוריקגעקומען און האָט אונדז געבראַכט עסנוואַרג, וואָס מיינע פריינד האָבן אים פאַר אונדז געגעבן. ער האָט דערציילט, אַז אין וויסאָצק איז זייער רויק. צומאָרגנס איז דער פויער ווידער אַריין צו אונדז אין שטאַל און געזאָגט, אַז מיר מוזן פון דאַנען גלייך גיין, ווייל די פאַמיליע זיינע וויל נישט מיר זאָלן דאָ בלייבן. מיר האָבן גענומען גיין קיין וויסאָצק. עס איז געווען אַרום 4 אַזייגער פאַרטאָג, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום שטעטל. אַ פויער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, האָט זיך געווענדעט צו סקאָרעצקין און געזאָגט: „וווהין פירסטו די זשידקעס ?". ביידע פויערים האָבן זיך אַ פּאָר מינוט געסודעט צווישן זיך און סקאָרעצקי איז מיט אונדז געגאַנגען ווייטער. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פון דער ריכטונג פון שטעטל. צווישן מיר און מיין טאָכטער פרידע האָט זיך אַנטוויקלט אַ וויכוח וואָס צו טאָן. אין משך פון דעם וויכוח איז סקאָרעצקי נעלם געוואָרן, און בלית־ברירה זענען מיר איינזאַם געגאַנגען ווייטער אין דער ריכטונג פון דער שיסעריי.

אויפן ראַנד פון שטעטל האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ פויערטע, וואָס האָט אונדז דערציילט, אַז די שיסעריי אין געטאָ האַלט שוין אַן עטלעכע שעה. זי האָט אונדז געהייסן גיין אין דער ריכטונג ווו פון דערווייטנס האָט מען געזען אַן איינצלנע שטוב. מיר זענען אַהין געגאַנגען און געטראָפן דאָרט רייזל ליפשיץ פון ביאַלע מיט אַ טאָכטער, זיידל יונגשטיין, ישראל יאַפּע מיט צוויי זין און נאָך דאַמבראָוויצער, וואָס זענען אַנטלאָפן נאָך דער שחיטה קיין וויסאָצק. די דאָזיקע האָבן אונדז באַגעגנט זייער נישט גערן, און מיר זענען אַוועק צוריק צום שטעטל. פּלוצלינג איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ וואָגן מיט אַן איינזאַמער שיקסע.

זי האָט אונדז געהייסן אַרויפֿלייגן די פּעקלעך אויפֿן וואָגן און מיטפֿאָרן מיט איר. בעת דער סאָוויעטישער הערשאַפֿט פֿלעגט זי אָפֿט צו אונדז פֿאַרפֿאָרן און איצט האָט זי אונדז דערקענט. זי האָט אונדז געבראַכט צו זיך אין הויז, אין פּראַצידוווקער וואַלד. מיר האָבן זיך ביי איר אויפֿגעהאַלטן 10 טעג. נאָכדעם האָבן מיר שוין נישט געהאַט מיט וואָס איר צו צאָלן, און זי האָט אונדז אַריינגעפֿירט טיף אין וואַלד, ווו מיר האָבן זיך אָנגעטראָפֿן אויף דער משפּחה פֿון וואָלף אַדלער־ליכטענפֿעלד פֿון אָזערי (זיין פֿרוי גאָלדע גילדענגאָרן האָט געשטאַמט פֿון דאָמבראָוויץ). מיט זיי זענען אויך געווען וויסאָצקער יידן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער דערוויטערט פֿון אונדז. די משפּחה פֿון אָזערי האָט זיך געהאַלטן מיט אונדז אַכט וואָכן. מיר האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן וואַלד און יעדע פּאָר טעג געביטן דעם פּלאַץ. ביינאַכט פֿלעגט וואָלף און מיין טאָכטער פֿרידע אַרויסגיין פֿון וואַלד און זוכן אויף די פֿעלדער קאַרטאָפֿל. דער הונגער און די שרעק זענען געווען אומבאַשרייבלעך.

*

אויף דער ניינטער וואָך פֿון אונדזער צוזאַמענלעבן מיט דער פֿאַמיליע אַדלער־ליכטענפֿעלד, האָט מיין טאָכטער פֿרידע און גאָלדע ליכטענפֿעלד זיך געלאָזט גיין קיין פּראַצידוווקע צו אונדזער פֿריינד סקאָרעצקי. זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט ביינאַכט ווען ער גייט אַרויס אין שטאַל. מיין טאָכטער איז אים געפֿאַלן צו די פֿיס און געבעטן הילף. ער האָט געזאָגט, אַז ער פֿילט אַ חוב לגבי חיימס קינדער, ווייל זיי האָבן שוין נישט קיין פֿאָטער וואָס איז געווען זיינס אַ פֿריינד. ער האָט צוגעזאָגט קומען צו אונדז אין וואַלד און פֿאַרויסגעזאָגט אַז מיר וועלן דאַרפֿן דורכמאַכן אַ וועג פֿון בערך 40 קילאָמעטער. צומאָרגנס אָוונט איז ער געקומען און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ביים אַריבערגיין דאָס וויסאָצקער טייכל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע אוקראַינישע פּאָליציסטן. מיר האָבן זיך צעשאָטן איבערן וואַלד. זיי האָבן אונדז נאָכגעשאָסן און זענען פֿאַרשוווּנדן. מן הסתם האָבן זיי געמיינט, אַז מיר זענען פּאַרטיזאַנער. ווען מיר האָבן זיך צוריק אַלע אָפּגעפֿונען, האָט אונדז סקאָרעצקי דערפֿירט ביז צו אַ כוטאָר און אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פֿון אַ צווייטן פּויער, וואָס האָט אונדז דערפֿירט ביז צום דאָרף אָזערי, פֿון וואַנען עס האָבן געשטאַמט די ליכטענפֿעלדס. דאָ איז דער פּויער פֿלוצלינג נעלם געוואָרן און די פֿאַמיליע ליכטענפֿעלד האָט זיך אויך פֿון אונדז דערווייטערט. די ליכטענפֿעלדס זענען צוועק זוכן באַקאַנטע פּויערים. איך און מיינע צוויי קינדער זענען ווידער געבליבן אַליין.

*

עס איז געווען אַ קאַלטע רעגנדיקע נאַכט. אַ מאַמע מיט אירע צוויי יתומים שפּרייזן הונגעריקע און איינזאַמע אין אַ געדיכטן וואַלד, נישט ווִיסנדיק וווהין זיי גייען און צו וועמען זיי גייען. פּלוצלינג האָט געגומען פֿינקלען אַ פֿייערל פֿון דערווייטנס, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג. מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר פֿון אַ כוטאָר און

געבעטן מען זאָל אונדז אַריינלאָזן. צו אונדז זענען דערגאַנגען צוויי קולות: אַ קול פון אַ פויער, וואָס האָט געטענהט אַז ער וועט נישט אַריינלאָזן און אַ קול פון אַ פויערטע וואָס האָט געטענהט: „לאָז אַריין די אומגליקלעכע נשמות און אפשר וועל איך דורך דעם געהאָלפן ווערן". דאָס קול פון דער שוועראַקראַנקער פויערטע האָט גובר געווען און די טיר האָט זיך געעפנט. מען האָט אונדז געגעבן אָפּעסן און געלאָזט איבערנעכטיקן די נאַכט אויפן אויוון, אָבער צומאָרגנס האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן די שטוב.

די קומענדיקע נאַכט האָבן מיר זיך אויסגעבעטן ביי אַ פויער פון אַ צווייטן כוטאָר אין דער געגנט. ביי אים זענען זיך צונויפגעקומען אויך אַנדערע פויערים. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט מיטלייד און געטענהט: „אַ שאָד וואָס איר מוטשעט זיך אומזיסט; איר וועט סיי ווי לאַנג נישט אויסהאַלטן אַזוי: עס גייט צו ווינטער און איר וועט דערפרוירן ווערן אין די בלאָטעס, ווייל קיינער וועט אייך צו זיך נישט אַריינלאָזן". אָבער טראָץ די דאָזיקע פאָרויסזאָגונגען האָבן מיר זיך אויסגעהאַלטן אַ גאַנצן ווינטער אין די אָזערער כוטאָרעס — ביי וועמען אַ טאָג, ביי וועמען צוויי און ביי וועמען אַפילו לענגער. עס זענען געווען אויך אַזוינע פויערים, וואָס פלעגן אונדז פאַרטרייבן מיט הינט און אויפן שוועל נישט צוּרויפלאָזן. אָבער עס זענען געווען אויך אַזוינע, וואָס האָבן אונדז אויסגעשטרעקט אַ מענטשלעכע האַנט און געטרייסט. צוויי פאַקטאָרן האָבן אונדז דערמיט בייגעהאָלפן: א) צו יענער צייט האָבן זיך שוין צו די פויערים דערטראָגן ידיעות וועגן פאַרטיזאַנער און אויך וועגן יידישע פאַרטיזאַנער, וואָס זענען זיך נוקם אַן די פויערים וואָס הרגענען יידן; ב) מיר האָבן אויף יעדן פלאַץ שווער געאַרבעט. איך און מיינע קינדער פלעגן אויפשטיין 3 אַזייגער פאַרטאָג און טאָן די שווערסטע אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב זיך אויסגעלערנט שפּינען און דאָס האָט זיך ביי זיי גערעכנט אַלס גאָר וויכטיקע אַרבעט. מיינע קינדער פלעגן אַרבעטן אין פעלד, אין גאָרטן, אין שטאַל און געטאָן יעדע אַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און פלייסיקייט.

אַ חוץ דעם גליק פון נושא־חן זיך אַלס אַרבעטזאַמע דינסט ביי די פּוערים, האָט מיר צו יענער צייט געטראָפן נאָך אַ גרויסער גליק — ס׳האָט זיך אָפּגעפונען מיין זון שמחה. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף קאַראַסין, 18 קילאָמעטער פון אונדזער אויפ־האַלטונגס־אָרט. ער האָט דאָרט געהערט דערציילן וועגן אַ יידישער פרוי מיט צוויי קינדער, וואָס האַלטן זיך אויף אין די כוטאָרעס ביי פּראַצידוווקע, און דער אינסטינקט האָט אים געטריבן ער זאָל גיין אָנקוקן ווער זיי זענען. ער האָט אונדז גלייך דערקענט, אָבער מיר האָבן אים נישט געקאָנט דערקענען. ער איז געווען ווילד באַוואַקסן מיט אַ לאַנגער באָרד, באַהאָנגען מיט שמאַטעס, און דערצו בלאַס און אויסגעצערט. ער איז געווען מיט אונדז אַ פּאָר שעה, האָט מיטגענומען זיין יונגן ברודער אברהם, וואָס איז ביז דאַן געווען מיט מיר, און איז אַוועק צוריק צו זיין פּלאַץ. ער האָט דאָרט געאַרבעט ביי אַ פויער נאָך אַ פּאָר וואָכן און אַוועק פון דאָרט צו די פּאַרטיזאַנער. מיין זון אברהם איז פאַרבליבן ביי דעם פויער אַלס פּאַסטעך.

מיט זעקס חדשים שפּעטער איז געקומען צו אונדז שמחה און האָט אונדז מיטגענומען צו זיך אין די פּאַרטיזאַנער, אין ראַיאָן פון אָזערי. דאָרט האָבן מיר געטראָפן מענטשן פון

דאָמבראָוויץ ווי אויך דריי קינדער פון מיינע קוזינען חוה און אברהם (דער האָרוועניצער). מיינע קוזינען זענען געכאַפּט געוואָרן אין וואַלד דורך אוקראַינער און אומגעבראַכט געוואָרן. די קינדער האָבן זיך געראַטעוועט (צוויי געפינען זיך אין ישראל און איינער אין אַמעריקע). איך און מיינע צוויי קלענערע קינדער האָבן זיך געהאַלטן מיטן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד — געוואַשן וועש, געבאַקן ברויט און געטאָן אַלע אַרבעטן. דאָרט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די „בולבאָוצעס" האָבן געכאַפּט אין אָזערי די פאַמיליע ליכטענפעלד און נאָך צוויי יידישע פאַמיליעס וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן, און זיי אַלעמען אומגעבראַכט.

*

אין צווישנצייט האָט די סאָוויעטישע אַרמיי באַפרייט צוריק סאַרנע. מיר זענען געקומען אַהין און זיך דאָרט געוואָלט פאַרהאַלטן. אָבער די דייטשן האָבן שרעקלעך באָמבאַרדירט די שטאָט און מיר האָבן זיך געוואָלט דערלאַנגען קיין קיעוו. די מיליטערישע מאַכט האָט אונדז פאַרהאַלטן אין קאַראַסטין און נישט געלאָזט ווייטער פאָרן. אין קאַראַסטין זענען מיר געווען אַ קורצע צייט און אויך דאָרט האָבן די דייטשן שרעקלעך באָמבאַרדירט. זענען מיר אַוועק קיין זשיטאָמיר און נאָך לאַנגע מאַטערנישן זענען מיר דאָך אָנגעקומען קיין קיעוו. דאָרט האָבן מיר געטראָפן ראָזע און משה קאַפּטאַן (פון דאָמבראָוויץ) מיט זייער טאָכטער פאַניע. מיר האָבן זיך צוזאַמען געהאַלטן 6 חדשים. איך פלעג קאָכן באָרשטש און פאַרקויפן עס אויפן „פרייען מאַרק". מיין זון אברם פלעגט פאַרקויפן „סיעמיטשקעס" און אַזוי האָבן מיר פאַרדינט אויפן עסן. מיין טאָכטער פרידע האָט זיך אַרומגעדריי־ט אָן אַרבעט און זי האָט באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין סאַרנע. דאָרט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אונדזערס אַ קוזינקע, ראָזע שאַפּירא, לעבט אין קאָסטאָפּאָל — איז זי אַוועקגעפאָרן צו איר און פאַרבליבן דאָרט אַ לענגערע צייט. גלייכצייטיק איז מיין זון אברהם אויך געפאָרן קיין סאַרנע און איז אַ לענגערע צייט נישט צוריקגעקומען. איך בין געבליבן איינזאַם אין קיעוו, נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן מיינע קינדער.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר זיך צוריק אָפּגעפונען, און אַלע דריי האָבן זיך באַזעצט אין קאָסטאָפּאָל. דאָרט האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אַ יאָר צייט. דאָס איז געווען דער ערשטער פלאַץ אונדזערער, נאָך די מלחמה־איבערלעבענישן, ווו מיר האָבן געוווינט מענטשלעך און געקומען אַ ביסל צו זיך. פרידע האָט געאַרבעט אויף אַ גוטן פּאָסטן און איך מיט אברהמען האָבן אויך צוביסלעך פאַרדינט.

*

אין צווישנצייט האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציע פון געוועזענע פוילישע בירגער קיין פוילן. די סאָוויעטישע מאַכט אין קאָסטאָפּאָל האָט נישט געוואָלט באַפרייען פרידען פון דער אַרבעט און מען האָט איר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. מיר האָבן אָבער געוווּסט, אַז פון פוילן גייט אַן עליה קיין ארץ־ישראל און מיר האָבן זיך איינגעעקשנט צו פאָרן. מיר האָבן

זיך דערלאַנגט קיין ביטאָם און זיך דאָרט איינגעקוואַרטירט אין אַ זייער רייכער און שיינער דירה. מיר האָבן קודם כל אָנגעהויבן זוכן די שפּורן פון אונזער זון שמחה. ער האָט אין צווישנצייט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פראָנט אין פוילן און האָט זיך געדאַרפט צוריקקערן מיט זיין פּולק קיין טאַשקענט. ער האָט זיך צופעליק דערוווּסט, אַז מיר זענען אין ביטאָם, איז ער מיט זיינס אַ חבר, אהרן העלבערט, פון קאָלאָמיי, געקומען צו אונדז — אין די סאָוויעטישע מונדירן. זיי זענען שוין פאַרבליבן מיט אונדז און מיין פרייד איז געווען זייער גרויס.

*

אין ביטאָם האָבן מיר געטראָפן באַקאַנטע פון בערעזנע, סאַרנע, ראָקיטנע, קלעסאָוו און קאָסטאָפּאָל, און מיר האָבן זיך אַ געוויסע צייט געהאַלטן צוזאַמען און אָנגעהאַלטן פריינדלעכע באַציִונגען צווישן זיך. נאָכהער האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז די פריינד־שאַפט ווערט אָפּגעקילט. יעדער איינער האָט געזוכט נאָר זיין טובה. די אַטמאָספער איז געוואָרן אָנגעשטרענגט און אויפן האַרצן איז געוואָרן פיינלעך. דערצו האָבן זיך גענומען מערן די איבערפאַלן פון פּוילישע אַנטיסעמיטן אויף די געראַטעוועטע יידן. אין ביטאָם גופא האָט מען אין מיטן העלן טאָג, אין אַ געשעפט, דערשאָסן צוויי יידן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פוילן מיט די גרופּעס וואָס זענען געגאַנגען קיין ארץ־ישראל. מיר זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע פון בערך 350 מענטשן — אַלטע, יונגע און קינדער — וואָס האָט געמאַכט דעם וועג דורך טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך ביז זי איז אָנגעקו־מען קיין איטאַליע. די גרענעצן פלעגן מיר דורכמאַכן ביינאַכט און גיין צענדליקער קילאָמעטער צופוס. פון עסטרייך קיין איטאַליע זענען מיר געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אין די פאַרשנייטע שפּיצן פון די אַלפּן. אַן 21־יאָריקער בחור פון ארץ־ישראל, אַ סאָלדאַט פון דער יידישער בריגאַדע, האָט אונדז געפירט אין דעם וועג. מיר זענען געגאַנגען שטיל, אַז קיין פאַרע זאָל מען נישט הערן. דער הונגער האָט אונדז דערקוטשעט און די יסורים זענען געווען גרויס. אָבער מען איז געגאַנגען ערנסטע און שווייגנדיקע, טראָגנדיק אין האַרצן דעם באַוווּסטזיין, אַז מיר דערפילן אַ הייליקע פליכט פון עולה־רגל־זיין צום הייליקן לאַנד. מען האָט געגלויבט, אַז מיט דעם וועג וועלן זיך שוין ענדלעך ענדיקן אַלע ביז איצ־טיקע צרות און יסורים. דער וועג פון פוילן קיין איטאַליע האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים און מיר האָבן אין צווישנצייט זיך געוואַלגערט אין פאַרשידענע לאַגערס און אויף צענד־ליקער סטאַציעס וועגן וועלכע כ׳האָב אין מיין לעבן קיינמאָל פריער נישט געהערט.


*

אין איטאַליע זענען מיר געזעסן צען טעג אין פּאַדוע, אין אַ געוועזענער מיליטע־רישע קאַזאַרמע, דערנאָך האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין קרעמאָנע — אַ לאַגער פון פּליטים, וואָס האָט געציילט איבער 2000 מאַן. דער לאַגער האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער יידישער אַגענץ. די מענטשן האָבן געקריגן בעטגעוואַנט, אָנטועכץ

און עסנוואַרג און מען האָט געוואָרט אויף דער ריי אָפּגעשיקט צו ווערן אויף אַן אומלעגאַלן אופן קיין ארץ־ישראל. אַ סך פון די אַרטיקע איינוווינער האָבן געמאַכט אויספלוגן איבער דער שיינער איטאַליענישער מדינה און אַ סך האָבן געמאַכט „ביזנעס" צווישן זיך און מיט די איטאַליענער. איך בין דאָרט קראַנק געוואָרן און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון די אויספלוגן. כ׳בין די גאַנצע צייט געזעסן אין לאַגער (אַ חודש צייט בין איך געווען אין אַ סאַנאַטאָריע אויסער דעם לאַגער).

דערווייל האָט מיין טאָכטער אסתרקע, וואָס איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1939, גענומען מאַכן אָנשטרענגונגען אַראָפּצובריינגען אונדז צו איר. איר מאַן האָט געאַרבעט אין אַן ענגלישן מיליטערישן „קעמפּ" און ער איז צוגעשטאַנען צו זיינע באַקאַנטע ענגלענדער אַז זיי זאָלן אים העלפן. ענדלעך, נאָך לאַנגע חדשים, האָבן די ענגלענדער באַוויליקט צוצושטיילן אַ סערטיפיקאַט פאַר מיר און פאַר מיין יינגסטן זון אברהם. איך האָב זיך געמוזט צעשיידן מיט מיין זון שמחה און טאָכטער פרידע. אין יולי 1946 יאָר בין איך עולה געווען מיט אַ שיף קיין ארץ־ישראל.

נאָך 5 טעג רייזע זענען מיר אָנגעקומען קיין חיפה. ס׳איז געווען אַרום 4 אַזייגער פאַרטאָג. ווען כ׳האָב דערזען מיט מיינע אייגענע אויגן די ברעגעס פון הייליקן לאַנד און די פייערלעך פון חיפה, האָט מיך באַגאָסן אַ ים פון טרערן — ענדלעך בין איך געקומען אַ היים...


ВРЕМЕННОЕ УДОСТОВЕРЕНИЕ № 31374

Предъявитель сего ______
(фамилия)
______
(имя и отчество)
Награжден приказом начальника ______ штаба
партизанского движения № ___ от „___" ______ 194__ г.
за доблесть и мужество, проявленные в партизанской
борьбе против немецко-фашистских захватчиков
медалью „Партизану отечественной войны"
___ степени медаль № ______
Начальник ______ штаба
партизанского движения
Подпись вручившего
(должность и фамилия)
„___" ______ 194__ г.

ציטווייליקע באַשטעטיקונג א״נ פון דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַן פּנחס פאַרפלמאַזע, אַרויסגעגעבן דורך דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב פון אוקראַינע. אין דער באַשטעטיקונג ווערט געזאָגט, אַז דעם אד״ם איז צוגעטיילט געוואָרן אַן אויסצייכנונג־מעדאַל (ערשטן שטאַפּל) א״נ „דעם פּאַרטיזאַן פון דער פּאַטערלאַנד־מלחמה". דער דאָזיקער מעדאַל איז געגעבן געוואָרן פאַר מוט און דרייסטקייט, וואָס זענען אַרויסגעוויזן געוואָרן בעת די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן קעגן די דייטשיש־פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

דבורה ביאַלער (לעווין)

ווי אַ מויז וואָס זוכט אַ נאָרע

„לאָמיר לויפן" — האָט געזאָגט צו אונדז מײַן ברודער קאָפּל, אין יענעם פינצטערן מיטוואָך, י"ג אלול תש"ב, ווען אַלע יידן פון שטעטל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט לעם יודענראַט צום לעצטן מאַרש. מיר האָבן אָנגעכאַפּט דעם טאַטן און דער מאַמען פאַר די הענט און אָנגעהויבן לויפן צוזאַמען מיט נאָך פיל יידן (פון לייבע בארמאנס עלעקטראָווניע). מיר זענען געלאָפן ווי אַן אָקס וואָס אַנטלויפט פון שעכטהויז, נישט וויסנדיק וווּהין צו לויפן. אַ האָגל קוילן האָט זיך געשאָטן איבער אונדזערע קעפּ. טויטע קערפּערס זענען געווען צעשפּרייט אונטער די פיס. מען קוקט נישט, מען לויפט. בעסער אַ קויל אין פּלייצע איידער אַרײַנפאַלן לעבעדיקערהייט אין מערדערס הענט.

אַ מחנה קליינע שקצימלעך באַפאַלן אונדז: „דאָ באַיני" — שרייען זיי, באַוואַרפנדיק אונדז מיט שטיינער און מיט העלצער. מיר וואַרפן צוריק צירונג און ווערטפולע זאַכן, די שקצימלעך זאָלן אונדז לאָזן דורכלויפן דעם וועג. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין קרופּער וואַלד.

איבערן וואַלד טראָגט זיך אַ יאָמערלעך געוויין. האַרצרייסנדיקע קולות האָבן אָנגע־פילט דעם חלל ביז די הימלען, אָבער דאָרט אַהין זענען זיי נישט דערגאַנגען. קיין איין משפּחה איז נישט אָנגעקומען גאַנץ אין וואַלד. דעם פעלט די פרוי, יענעם אַ קינד און ווער ס'איז גאָר אַליין געקומען זוכט באַקאַנטע און חברים. אין וואַלד הויבן זיך אָן צו שאַפן קבוצות. יעדע גרופּע, פונקט ווי מײַזעלעך, זוכט אַ בעסער לאָך ווו זיך צו באַהאַלטן — „ובאו במערות צורים ובמחילות עפר מפּני פּחד ד' בקומו לערוץ הארץ". און ביים בילדן די גרופּעס, שפּילן זיך אָפּ טראַגעדיעס. אָט שטייט א. מ. ז"ל, אַ וואַלד־סוחר פון דאָמב־ראָוויץ, און זאָגט צו אונדז: איך האָב אַ גוט און זיכער באַהעלטעניש, אין מײַן סעקציע, ביי מײַנע גויים — זיי וועלן מיר קיין שלעכטס נישט טאָן. אָבער נישט יעדן וויל מ. מיטנעמען. לייזער קלעס און פינטשוקס אידעם זענען פון די גליקלעכע וועמען ער נעמט מיט צוליב זייער געלט און גאָלד. צוויי פרויען וועלכע ווילן מיטגיין אין דער זיכערער באַהעלטעניש, וואַרפן אַרײַן זייערע צוויי קליינע קינדערלעך אין אַ קאַנאַווע פאַר אונדז אין די אויגן. די פרויען און נאָך איניקע לאָזן זיך לויפן נאָך מ. אָבער צום זיכערן פּלאַץ זענען זיי נים דערגאַנגען. אַפּלויפנדיק עטלעכע הונדערט מעטער, האָבן גויים זיי באַפאַלן, צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און דורך עינויים קשים אַלעמען דער־הרגעט.

אָט שטייט פאַר מײַנע אויגן דאָס בילד פון זעליק לעווין פון וויסאָצק, זײַן פרוי חינקע און די דריי יינגעלעך. איך געדענק די נעמען: לייבעלע (דער עלטסטער, 6 יאָר בערך), צאַלקעלע און שלמהלע (פון אַ יאָר בערך). לויפנדיק אין וואַלד האָבן די שקצים פאַרשטעלט זיי דעם וועג. האָט זעליק אַראָפּגעשלעפּט פון די קינדערלעך די שיכעלעך און די מאַנטעלעך און דאָס צוגעוואָרפן די שקצים, זיי זאָלן זיי דורכלאָזן. נאַקעטע און באָר־

ויעסע האָט ער די קינדערלעך געבראַכט אין וואַלד, אָבער קיין שום גרופּע האָט אים נישט געוואָלט אויפנעמען צוליב די קינדערלעך. ווי אַזוי האָט דאָס האַרץ נישט געפּלאַצט? ווי אַזוי האָט זיך דאַן נאָך געוואָלט לעבן? די קינדערלעך האָבן צוויי טעג געסמאָקעט ס׳בלוט פון זייערע פינגערלעך — נישט געוויינט און נישט געבעטן עסן. די קליינע עופעלעך האָבן אינסטינקטיוו דערפילט די לאַגע, קוקנדיק דעם טאַטן און דער מאַמען אין די אויגן. „לאָמיר גיין קיין וויסאָצק — זאָגט זעליק צו זיין פרוי — אונדזערע באַקאַנטע גויים דאָרט וועלן אונדז אפשר העלפן איך קאָן נישט מער צוזען דעם צער פון די קינדערלעך״. זיי זענען אַוועק קיין וויסאָצק, אָבער מער האָט מען זיי נישט געזען און נישט געהערט.

נאָך צוויי פּרויען האָבן באַשלאָסן צוריקצוגיין אין שטאָט מיט זייערע קליינע קינדערלעך: ליובע מאַטוסאָוו און רחל שווען. זיי זענען געווען צוויי טעג אין וואַלד און האָבן נישט געהאַט קיין אויסוועג. „וואָס דאַרפן מיר זיך מאַטערן מיט די קינדערלעך, לאָמיר גיין; אפשר וועלן מיר טרעפן באַקאַנטע גויים וואָס וועלן אונדז העלפן״ — האָט געזאָגט ליובע מאַטוסאָוו. זיי זענען אַוועק און זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

מיר און נאָך עטלעכע גרופּעס האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַלד. אויפן דריטן טאָג זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ באַנדע גויים. זיי זענען געקומען מיט העק און אַנדערע טעמפּע מכשירים און געוואָלט אַלעמען אויסהרגענען. מיט תחנונים און געוויינען האָבן מיר זיך אָפּגעבעטן. זיי האָבן פון אונדז אַלעמען אַראָפּגעצויגן די זאַכן, די מענער געלאָזן בלויז אין די אונטערהויזן און די פרויען בלויז אין נאַכטוועש. זעענדיק אַז עס לאָקט אויף אונדז די געפאַר, האָבן מיר באַשלאָסן פאַרלאָזן דעם וואַלד. מיט אונדז איז געווען אברהמטשיק דער האַראַוויניצער און זיין ווייב חוהל פון פּוזניע, מיט זייערע דריי קינדער. לויט זייער פאָרשלאַג זענען מיר אַוועק קיין פּוזניע. מיט אונדז איז אויך געווען כיענקע אייזענבערג. 7 חדשים האָבן מיר זיך געבלאָנקעט אין די בערג פון פּוזניער געגנט. יעדע פּאָר טעג האָבן מיר געטוישט אונדזערע נאָרעס. ביינאַכט פלעגן מיר גיין צו די קאָפּצעס קאַרטאָפל הינטער וואָראָבין. אַ האַלבן קילאָמעטער פון דאָרט זענען געווען די דייטשן. מיט די פינגער און נעגל פלעגן מיר אויפגראָבן די גריבער, אַרויסנעמען צו האַלבע זעקלעך קאַרטאָפל און גיין ביינאַכט אין פינצטערניש צוריק צו אונדזער מלינה. נישט איינמאָל פלעגן מיר זיך אויסגליטשן גייענדיק, און ס׳פלעגט זיך דוכטן, אַז מיר וועלן שוין נישט אויפשטיין מער. אַזוי פלעגן מיר זיך מוטשען און מען אָט אַלץ געהאָפט אויף בעסערס. ביז מיין פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט, ווייל בלויז מיט די עטלעכע קאַרטאָפל האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען. ער איז געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און פון קעלט און האָט זיך געמוטשעט 8 טעג אין יסורים ביז ער האָט אויסגע־הויכט זיין נשמה (י״אָ בשבט תש״ג). מיין ברודער קאָפל, נישט קוקנדיק אויף דער לעבנס־געפאַר איז אַוועק און געבראַכט אַ מנין מענטשן און האָט קובר געווען דעם טאַטן ווי געהעריק אין פּוזניער וועלדל.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט צו אונדז אָשר ביטשיק (אויך א פּוזניער) מיט זיינעם אַ יינגל. ער איז פריער אַנטלאָפן קיין וויסאָצק מיט זיין משפחה. אָבער דאָרט איז שוין אָנגעקומען דער יום־הדין און די פרוי זיינע, סאָניע, מיטן מיידעלע, לאהלע, האָט

מען אומגעבראַכט אין וויסאָצק. אַשר מיטן יינגל האָבן זיך על־פּי־נס געראַטעוועט און זענען געקומען צו אונדז. אַזוי אַרום איז אונדזער גרופּע פאַרגרעסערט געוואָרן, און חוהל האָט שוין מיט זיך אויך דעם ברודער. אָבער גאָר קורץ נאָכדעם, איז חוהל מיט אברהמטשיקן אַרויסגעגאַנגען פון בודקע אָנקלייבן אַ ביסל רויטע יאַגאָדעס. אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן מיר דערהערט אַ שאָס, און דאָס איז געווען זייער לעצטער וועג. זייערע דריי קינדער זענען פאַרבליבן מיט זייער פעטער אַשר און מיט אונדז. מיר האָבן געזען אַז אונדזער פּלאַץ איז באַקאַנט די גויים, האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן. ביטאָג האָבן מיר געביטן דעם אָרט און ביינאַכט זענען מיר געגאַנגען אין בודקע נעכטיקן. עס איז געווען אַ געלעגער אויף דער ערד, פול מיט שלאַנגען.

דאָך האָבן מיר אָנגעטראָפן אויך גוטע גויים. איינמאָל, אין אַ זונטיק אינדערפרי, האָבן מיר זיך פאַרקליבן פון בודקע אין אַ וואַלד. ס׳איז חודש שבט, דער פראָסט איז גרויס. מיר האָבן געמאַכט אַ פייער און מיר וואַרעמען זיך. עסן איז נישט געווען וואָס. מען האָט שוין מורא געהאַט גיין זוכן עפּעס צום עסן. הייב איך זיך אויף און גיי אַרויס אין פעלד, אפשר וועל איך געפינען עטלעכע געפרוירענע קאַרטאָפל. איך גיי און קוק זיך אום און עס דוכט זיך מיר אַז קיינער זעט מיך נישט. כ׳האָב באמת געפונען עטלעכע קאַרטאָפל און אַ ביסל שוואָמען צו דערהאַלטן דאָס לעבן. איך גיי צוריק און בין שוין ביים וואַלד, אָבער פּלוצלינג הער איך ווי עמעצער שרייט: „זשידאָווקאַ סטאָי!״. איך האָב זיך גלייך געזעגנט מיט מיין לעבן, איך האָב דאָך שוין נישט וואָס אָנצוווערן. איך בלייב שטיין. גייט צו מיר צו אַ גוי און זאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט שרעקן, ער וועט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן. דערנאָך פרעגט ער ווו מיר געפינען זיך. זאָג איך אים, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין קאָמפּאַניע און איך ווייס נישט פון קיינעם, איך אַליין האָב פאַרבלאָנדזשעט. זאָגט ער מיר: „מיין נישט, אַז איך ווייס נישט ווו איר געפינט זיך, איך ווייס גענוי ווו אייער בודקע איז; נאָר איך וועל אייך קיין שלעכטס נישט טאָן, איך וועל אייך העלפן מיט וואָס איך וועל קאָנען; נאָר ווי אַזוי וועט עס אָנקומען צו אייך? איך טענה מיינס, אַז איך בין דאָ איינע אַליין. זאָגט ער צו מיר: „ווייסטו וואָס, איך וועל אַריינלייגן דאָ צווישן די לאָזעס אַ פּעקל עסן און דו וועסט קומען פאַרנאַכט וועסטו דאָס צונעמען״. און ער איז אַוועק קיין זאַלאַטאַיע. פאַרנאַכט איז קיינער פון אונדז נישט געגאַנגען זוכן דאָס פּעקל עסנוואַרג.

אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי, מיר זיצן אַלע ביים פייער און וואַרעמען זיך, הערן מיר פּלוצלינג ווי עמעצער שלענגלט זיך אַריין דורכן לאָך פון דער בודקע. דאָס איז געווען דער נעכטיקער גוי. „איך זוך די זשידאָווקע, וואָס איך האָב נעכטן געטראָפן״ — זאָגט ער. איך האָב זיך אָפּגערופן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל מיט עסנוואַרג: ברויט, קאַרטאָפל, מילך, פאַסאָליעס, מעל אויף זאַטשערקע. דעם צווייטן זונטיק האָט ער אונדז ווידער געבראַכט עסן און דערצו צוויי פּאָר פּאסטאלעס מיט שמאַטעס. ער האָט געזען אַז איך בין געווען פּשוט אַ באָרוועסע אין דעם גרויסן פראָסט. מיר האָבן געזען, אַז ער איז ממש אַ שליח מן השמים. פרעגן מיר אים, וואָס עפּעס האָט ער פאַרשטאַנען אונדז צו העלפן. דערציילט ער אונדז, אַז אים האָט זיך געחלומט דאָס ער געפינט זיך אין קלויסטער און מאַליעט זיך. אין דעם רופט זיך צו אים אָן דער באַטיושקע: „זאָלסט געדענקען וואָס איך

זאָג דיר, וועלכן מענטש דו וועסט טרעפן וואָס נייטיקט זיך אין הילף, זאָלסטו אים העלפן מיט וואָס דו וועסט קאָנען". „איך זע — זאָגט ער צו מיר — אַז דו ביסט אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון הימל כדי איך זאָל מקיים זיין גאָטס פאַרלאַנג".

אַ שטיק צייט האָט ער אונדז פשוט דערהאַלטן ביים לעבן. ביז עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די גרופּעס פון די בולבאָווצעס. דאַן האָט ער מורא געקריגן און האָט אויפגע־הערט צו קומען צו אונדז.

ווען מיר האָבן געזען אַז די לאַגע אין פּוזניע ווערט ערגער, מען ווייסט שוין וועגן אונדז, זענען מיר אַוועק אין אַ צווייט דאָרף, 8 קילאָמעטער פון פּוזניע. מיר האָבן זיך דאָרט פאַרקליבן אין אַ טיפן וואַלד, ווייל אַרום און אַרום האָט מען שוין געהערט פון די בולבאָווצעס, אַז זיי גייען ספּעציעל אַרום איבער די וועלדער זוכן יידן. דאַן זענען צו אונדז געקומען נאָך צוויי אומגליקלעכע: כאַנטשע פישמאַן, יודל דעם שמאַטארס פרוי, מיט איר יינגערן זון שיקע. זי האָט אונדז דערציילט פון וואָס פאַר אַ פייער זיי זענען אַנטלאָפן. זי איז געגאַנגען מיט שיקען זוכן עסן און איבערגעלאָזן אין זייער פריערדיקער בודקע זייערע דריי קינדער (ס'עלטסטע טעכטערל דבורהל און דער עלטערער זון שמוליק און אַ מיידעלע). מיט זיי אין בודקע איז אויך געווען משה פישמאַן פון דאָמבראָוויץ. ווען חנהטשע און שיקע זענען געגאַנגען צוריק פון דאָרף מיט אַ ביסל עסנוואַרג וואָס זיי האָבן אויסגע־בעטלט, זעען זיי פון דערווייטנס אַז עס גייט אַ רויך פון זייער בודקע. ווען זיי קומען צו נענטער דערזען זיי אַ בילד ווי אַלע פיר ברענען מיט איין פלאַם. מען האָט זיי אַרויפגעלייגט איינעם אויפן צווייטן און לעבעדיקערהייט האָט מען זיי אַלעמען אונטערגעצונדן. חנהטשע און שיקע האָבן אויפגעקליבן אַלעמענס ביינער און קובר געווען לעםביידל אין וואַלד הינטער דאָמבראָוויץ. זיי זענען געקומען צו לויפן צו אונדז קוים מיט די נשמות.

ביינאַכט פלעגן מיר זיך פאַרגנבענען אויף די אַרומיקע פעלדער און ברענגען צוביסלעך קאַרטאָפל. מען פלעגט אָפּבאַקן צו דריי קאַרטאָפל אויף אַ מענטשן, צוויי מאָל אַ טאָג. ווען די לאַגע איז געווען ערגער, און גיין אָפּט זוכן עסן האָבן מיר מורא געהאַט, האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ ביידל פון לאָזעס און דאָרטן געלעגן. איך געדענק איינמאָל, אַז 8 טעג צייט זענען מיר נישט אַרויסגעגאַנגען פון ביידל. עס זענען דאַן געווען גרויסע רעגנס און מיר האָבן באַשלאָסן נישט אַרויסגיין, וואָס עס זאָל נישט זיין מיט אונדז.

עס איז געווען פאַר פּסח. מיר זענען געלעגן 8 טעג אין וואַסער, די זאַכן זענען אויף אונדז צעפוילט געוואָרן און מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין. ווי לאַנג קאָן מען ליגן אָן עסן מיט קליינע קינדער?

ווען עס איז געווען גאָר שלעכט, רופט זיך אָן קאָפּל צו אָשרן: „וואָס וועט זיין — אַזוי דער טויט און אַזוי דער טויט, אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן קריגן עפּעס עסן כאָטש פאַר די קינדער". און זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין קיין פּוזניע. אויך אָשרס יינגל זאָגט, אַז ער וועט מיטגיין. זיי זענען אַלע דריי אַוועק און שוין צוריק נישט געקומען. דאָס איז געווען צוויי טעג אין אייר תש"ג. מען האָט זיי געכאַפּט, געקאָוועט אין קייטן און אַריינגעוואָרפן אין אַ בודע. ביינאַכט האָבן זיי צעביסן די קייטן, זיך אַרויסגעריסן און זיך געלאָזן לויפן ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ זאַסטאַווע פון אוקראַאינער. מען האָט זיי ווידער

געכאַפּט און אָנגעטאָן אַזעלכע יסורים אַז ס׳איז נישט צו באַשרייבן. מען האָט זיי איינגע־שפּאַנט אין וואָגן און זיי האָבן געשלעפּט דעם וואָגן באַלאָדן מיט 100־טער קילאָ משאות. אַשר דער פּוזניער האָט זיך געבעטן ביי זיינע באַקאַנטע גויים אַז מען זאָל זיי ראַטעווען. נאָכהער האָט מען פון זיי געשניטן שטיקער אברים לעבעדיקערהייט. ביז זיי האָבן אויס־געהיכט זייערע נשמות. הי״ד.

מיר זענען געבליבן אויף דעם פּ ריערדיקן אָרט אַ קורצע צייט. דערנאָך געזוכט אַ נייעם פּלאַץ ווו זיך אויפצוהאַלטן. ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז נישט ווייט פון אונדז געפינען זיך פּאַרטיזאַנער. זענען מיר אַוועק זיי זוכן און טאַקע געוויר געוואָרן אַז דאָרטן זענען אויך דאָ דאָמבראָוויצער. מיר האָבן אָפּגעזוכט די פּאַרטיזאַנער און געווען אונטער זייער שוץ ביז דער באַפרייאונג.

סימקאַ סוסעל

דורך דאָמבראָוויץ - בערעזשניץ צו די סאַרנער גריבער

גויישע שכנים דערציילן וועגן יידן

אַלע גויישע שכנים פון דאָרף קריוויץ און אומגעגנט האָבן גוט געקענט מיין פאָטער יוסף קריוויצער ע״ה. נישט איין מאָל זענען צו אים געקומען די דאָרפסלייט בעטן אַן עצה, אָדער הילף אין אַן עת־צרה. איצט קומען זיי צו אים און רעדן שלעכטס אויף יידן.

אָט גייט אַריין דער שענסטער בעל־הבית אין דאָרף, אגב, אַ גוטער מענטש און זאָגט: „די יידן זענען משוגע געוואָרן. זיי נעמען דעם הייליקן צלם, קלאַפּן אים צו צו די פּאָדעש־וועס פון די שיך און יעדע „כייקאַ״ טרעט מיט די פיס אונדזער גאָטס „חתימה״. „דימיטראָ, — זאָגט מיין טאַטע — וואָס פּלאַפּלסטו? וואָס פאַראַ נאַרישקייטן רעדסטו?״. און דער גוי ענטפערט שוין מיט רוגזה: „רעד נישט בעסער, דו ביסט אויך נישט בעסער. מען האָט אָפּגעריסן אַ פּאָר גומענע פּאָדעשוועס פון סאָוויעטישע שיך, האָט מען דאָרט געפונען אַ צלם, און די סאָוויעטן זענען דאָך יידן, אי סטאַלין זשיד״ — גיט ער צו מיט כעס. אַרום טיש זיצן אַ צענדליק גויים. זיי דרייען גראָבע פּאַפּיראָסן פון טאַטנס טאַבאַק־פּושקע און שיטן פעך און שוועבל אויף יידן.

דער טאַטע גיט זיי צו פאַרשטיין ווי נאַריש און גרונטלאָז ס׳זענען אָט די אַלע בלבולים. אָבער, דאָס וואָס היטלערס פּראָפּאַגאַנדע האָט אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ איז שווער אַרויסצורייסן.

אַ צווייט מאָל האָב איך געהערט ווי דער יונגער אַנטאָן האָט דערציילט ביי אונדז אין שטוב ווי אַזוי ער האָט אויסגעהרגעט די ידישע וואָך פון אַ סאָוויעטישן פּאָלק, וואָס האָט געהיט די אוקראַינער אַז זיי זאָלן זיך נישט צעלויפן. דערנאָך האָט ער דערציילט ווי אַזוי

דר האָט געכאַפּט אַ „פּיסעוואָטן זשיד" מיט אַ קריגל סם ביי אַ ברונעם, און ער האָט געפּרעגט דעם יידן, ווער עס האָט אים מיט דעם געשיקט, האָט דער ייד געענטפערט: „סאַם סטאַלין". אַלע גויים קאָכן זיך: אַזאַ פאַדלער ייד זאָל וועלן אָפּסמען אַ דאָרף מיט גויים?! נאָר איין יורקאַ, דער באַקאַנטער גנב האָט זיך אָפּגערופן: „אַנטאָן, ברעשעש" — „דו בילסט". האָבן טאַקע אַנטאָנס חברים דעם גוטן יורקע דערשטיקט שפּעטער אין מיט דאָרף.

אין דער געוועזענער שול איז איינגעקוואַרטירט די פּאָליציי וואָס באַשטייט פון אויס־געקליבענע שקצים פון די אַרומיקע דערפער, אויסוווּרפן און בלוטדורשטיקע חיות. זיי כאַפּן זייער אָפט אַריין אַ ייד און שלאָגן אים ביז חלשות. דאָס האָט נישט אויסגעמיטן אויך מיין פאָטער און מוטער און אַנדערע יידישע שכנים. איינמאָל, האָבן זיי אַריינגעכאַפּט חנצהלעס טאַטן און מען האָט אים געשלאָגן ביז האַלבער נאַכט. נאָך די קלעפּ איז ער וואָכן לאַנג געלעגן אַ געשוואָלענער.

האָפענונגען און אילוזיעס

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך באַוויזן אַ ייד פון צוויטן דאָרף זאַלישין, מיט אַ פריידיקער בשורה, אַז די סאָוויעטן שלאָגן און שפּאַרן צוריק די דייטשן. אַ צעשטראָלטער אינגאַנצן פון פרייד, איז ער אַריין צו אונדז אין שטוב, ממש מלא שמחה, אָבער די שטוב איז פול געווען מיט גויים. האָט מען געמוזט אויסבאַהאַלטן די פרייד. צוליב דעם האָט יחיאל, דער בשורה־ברענגער, געזאָגט צו מיין מאַמען מיט אַ געמאַכט אומעטיק קול: „מיין ווייב איז קראַנק. גיב מיר, סאַרקע, ריצנאַייל". איז די מאַמע אַוועק מכלומרשט געבן ריצנאַייל און די באַקן אירע רויטלען זיך. זי ווייסט, אַז יחיאל האָט געבראַכט אַ גוטע בשורה. רופט זי פון פאַר־מאַכטן צימער: „יאָסל, קום, איך זע נישט, קום, גיס אָן ריצנאַייל". און באַלד גייט נאָך דער ברודער פּנחס און די שוועסטער מעניע. איך קום די לעצטע, און איך טרעף אַלעמען פריידיקע. מען האָט שוין דעם דייטש „אַרויסגעטריבן" פון קיעוו און אַ ליאַדע טאָג וועט מען פּטור ווערן פון די צרות.

אַזעלכע מכלומרשט־גוטע בשורות זענען דורך יחיאלן דעם ערשטן ווינטער פון דייטשער ממשלה ביי אונדז עטלעכע מאָל געבראַכט געוואָרן. קאָנטראָלירן זיי האָט מען נישט געקאָנט. די צען קילאָמעטער וואָס טיילן אָפּ דאָמבראָוויץ זענען געוואָרן אַ מהלך רב. אויף די וועגן האָבן געבושעוועט די דייטשן און די אוקראַינער און יעדער טריט האָט געשמעקט מיט מלאך המות. איז מען געזעסן אָפּגעשלאָסן אין שטוב, און געוואַרט אויף ניסים, געגלויבט אין די גוטע בשורות.

די גויים, דאַקעגן, האָבן געפּלעגט דערציילן, אַז דער דייטש פאַרוואַרפט מיט פייער גאַנץ אַמעריקע און אַז ענגלאַנד איז שוין אינגאַנצן צעשלאָגן, אַז מיט אַמעריקע וועט גיך נעמען אַ סוף, ווייל דאָרטן זענען אויך פאַראַן בלויז יידן, און „וויעדאַמאַ, די יידישע וואַיאַקעס"...

די גויים האָבן אָפט געשמועסט וועגן מכלומרשטע יידישע שפּיאָנען לטובת רוסלאַנד און לטובת אַמעריקע. זיי האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז הערשקאַ דער ליטוויצער פון אַ

נאָענט דאָרף איז מכלומרשט אַנטלאָפן פון די סאָוויעטן, אָבער אין דער אמתן איז דאָך הערשקאַ געווען אַן אונטערגעשיקטער שפּיאָן. אַ שכן אַ גוי האָט וועגן דעם צוגעטראָגן די דייטשן און זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט פאַרפּייניקט, קנייפּנדיק אים מיט צוואַנגען און רייסנדיק פון אים שטיקער. זיי האָבן אפילו די ביינער זיינע נישט אָפּגעגעבן צום קובר זיין.

די גויים וואָס זיצן ביי אונדז אין שטוב זאָגן: „קיין מאָל האָבן זיי נישט געהאַט אַזאַ גוטע צייט ווי איצט, זיי נעמען וואָס זיי ווילן און פון וועמען זיי ווילן. די דייטשע געזעצן זענען די בעסטע, און הלוואי וואָלט אַזוי געבליבן אויף שטענדיק". דאָס זענען על פּי רוב די שמועסן פון די גויים צווישן זיך און דו זעסט און פילסט, אַז אַלע אַרום זענען דיינע בלוטיקע שונאים. דער ווייטיק דערפון איז גרויס און פונדעסטוועגן ווילט זיך לעבן.

איין מאָל האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט פון דאָמבראָוויץ צוויי ייִדן, באַגלייט פון אוקראַי־נער. זיי האָבן איבערגעגעבן, אַז מען דאַרף דעם דייטש אָפּגעבן דאָס גאָלד און זילבער, און אויב מען וועט אויסבאַהאַלטן, וועלן די דייטשן דערשיסן אַלע ייִדן.

במשך דעם ווינטער זענען מיינע משפּחה־מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סקעלעטן. מען שלאָפט נישט קיין נעכט, מען טוט גאָרנישט אין די טעג, מען זיצט פאַרדאגהט און מען קלערט וואָס עס וועט זיין.

און אָט איז געוואָרן נאָך פּסח. די גויים טוען זייער אַרבעט אין פעלד מיט פרייד און חשק. מען אַקערט, מען פאַרזעצט קאַרטאָפל, מען פירט פון וואַלד געהילץ און מען גרייט זיך איבערצובויען די הייזער. מען פאָרט צו דער מיל, מען טרייבט די בהמות אויף פּאַשע, מען פאָרט אויף באַזוך אין פרעמדע דערפער — אַלץ אין בעסטן אָרדנונג. קיין שום שינויים, קיין אויפטרייסלונגען. מען הלייבט זיך צונויף ביי אונדז אין שטוב, און מען דערציילט נייעס וועגן דערשאָסענע ייִדן. איינמאָל, האָט מען דערציילט אַ מעשה וועגן דערשאָסענע גויים: ביי וולאַדימירעץ איז געווען אַ מושב־זקנים פון גויים און דער דייטש האָט זיי אויסגעשאָסן. דערנאָך האָט מען פון וואַלד נאָכגעשאָסן אויף אַ פּאַטרול פון דייטשן. מען זאָגט, אַז דאָס האָבן געטאָן ייִדישע באַנדיטן. האָבן די דייטשן פאַרברענט דריי גוישע ווירטשאַפטן און דערשאָסן די בעלי־בתים מיט זייערע משפּחות. רופט זיך אויף דעם אָפּ אַ גוי: „צוליב די ייִדן האָבן אונדזערע ברידער צרות". מיין טאַטע קאָן זיך נישט איינ־האַלטן און פרעגט: „אַדאַם, דו ביסט זיכער, אַז ייִדן האָבן נאָכגעשאָסן? אָט די פאַרשפּאַרטע ייִדן, וועלכע ווערן געהיט, געציילט און געשלאָגן? און פאַרוואָס האָבן די דייטשן געמאָרדעט די גוישע סטאַרצעס?" ענטפערט שוין אַ צווייטער גוי: „די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן, נישט מער ווי אַ בלבול אויף די גוטע דייטשן".

מיין טאַטע און מיר אַלע האָבן געהאַפט, אַז סוף־כל־סוף וועלן זיך עפענען דעם גויס אויגן, און ער וועט דערזען דעם גרויליקן אמת. אָבער מיר זענען געבליבן איינזאַם אין אונדזער גורל.

פון דאָרף אין געטאָ אַריין

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז עס זענען געקומען די פאַראָרדענונגען, אַז אַלע יידן זאָלן פאַרלאָזן די דערפער און פאָרן אין דאָמבראָוויצער געטאָ אַריין.

אין דאָמבראָוויץ האָבן מיר זייער געליטן. דאָרטן איז געווען אַ געוואַלדיקער רעזשים. מיין פאָטער, אַ געבוירענער אין בערעזשניץ, האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. אין איינעם אַ טאָג האָבן מיר זיך אַרויסגעגנבעט און אַוועקגעלאָפן צו פריינד אין דער סביבה פון קרובים. דאָ האָבן מיר געפילט, אַז מיר זענען אַרויס פון דער איינזאַמקייט און האָבן געפונען אַ סך אַחים לצרה.

פון בערעזשניצער געטאָ זענען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון און אין מיין האַרצן דרייערליי יסורים: צוואַנגס־אַרבעט, הונגער און שאַנדע.

די צוואַנגס־אַרבעט האָט אַרומגענומען אַלעמען אָן אונטערשיד: יונגע קינדער, גרייז־גראָע מענער און פרויען. דער הונגער האָט באַהערשט דאָס גאַנצע געטאָ. מענטשן פלעגן איינשטעלן דאָס לעבן און אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ כדי אויסצובייטן ביי באַקאַנטע גויים מלבושים אויף עסנוואַרג. פאַר אַרויסגיין פון געטאָ האָט געדראָט דערשאָסן צו ווערן דורך הפקר־יונגען, אוקראַינישע שקצים, און ווען מען האָט וועמען געכאַפּט האָט די יידישע עדה באַצאָלט גאָר אַ גרויסע סומע געלט אָדער ווערטפולע זאַכן, כדי צו ראַטעווען אַ יידיש לעבן. די צוואַנגס־אַרבעט און הונגער האָבן פון אַלעמען געמאַכט שפּלדיקע, נעבעכדיקע, ממש סקעלעטן מיט צעשראָקענע אויגן אין וועלכע ס'האָט געגלאַנצט אַ קאַלט פייערל פון יענער וועלט.

מען שליידערט קינדער אויף אויטאָס

אָט האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים. מען שמועסט, אַז אין די הייליקע טעג וועט מען אויך יאָגן אויף אַרבעט. און וואָס וועט מען עסן אין יום־טוב? דערביי איז דער הונגער נאָך שטאַרקער געוואָרן און די אַרבעט ביי דער בריק איז נאָך שווערער געוואָרן.

פלוצלינג האָט מען אַלעמען צוזאַמענגעיאָגט, און געהייסן גיין צום רעמטשיטשער טראַקט. די עלטערע מענטשן האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט. די יונגע האָט מען געצוואונגען טרייבן קיין סאַרנע מיט אומוועגן, דורך וועלדער און זייטיקע פעלדער. דער טאָג איז געווען אַ געוואַלדיק הייסער. מען האָט נישט געלאָזט טרינקען קיין וואַסער, נאָר געיאָגט סתם אַזוי, אַהין און צוריק. אין חלל האָבן זיך געטראָגן געשרייען פון קינדער אָפּגעטיילטע פון זייערע עלטערן. אונדזערע באַגלייטער, באַוואָפנטע דייטשן און אוקראַאינישע פּאָלי־ציסטן האָבן אומאויפהערלעך געלאַכט און געמאַכט חוזק פון אונדז. ענדלעך האָט מען אונדז פאַרפירט אין אַ מיט וואַלד, געהייסן אַלעמען זיך זעצן און קוקן צו דער ערד. עס זענען אָנגעקומען אַ פּאָר אויטאָס און מען האָט אָנגעהויבן וואַרפן אין זיי די קינדער, ווי שטיקער האָלץ. בעת מען האָט אַזוי געשליידערט די קינדער אויף די אויטאָס, האָבן די עלטערן געחלשט. האַרצרייסנדיקע געשרייען האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן וואַלד. די קינדערלעך האָבן געשריגן ווי שעפעלעך. די מאַמעס האָבן זיך געקאַטשעט איבער דער

ערד, מיט טענות צום בלייענעם הימל. דאָן האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן מיט שטעקנס: „מאַרש, פאָרויס!״. אונטער די קלעפּ האָט מען אונדז מיט נאַכט־אָנקום אַריינגעפירט הינטער סאַרנע אין אַ לאַגער וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט עטלעכע רייען שטעכל־דראָט. באַלד ביים טויער האָבן מיר געזען ליגן אין אַ קאַלוזשע בלוט פינף דערשאָסענע ייִדן. איבער אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געוואַלגערט דערשאָסענע. די אוקראַינער האָבן אָנגעוויזן מיט די פינגער און געזאָגט צו אונדז: „אָט די זשידעס האָבן געוואָלט אַנטלויפן, ל'יגן זיי ווי געפּגרטע הינט״.

הינטער שטעכל־דראָט אין סאַרנער לאַגער

דאָ טרעפן מיר ייִדן פון דאָמבראָוויץ, ראָקיטנע, קלעסאָוו און פון אַלע אַרומיקע דערפער, ווי אויך אייניקע ציגיינער־משפּחות. אין שטעטל סאַרנע גופא הויבן זיך אָן שׂריפות אין אייניקע ערטער. מען הערט געשרייען און שיסערייען. אונדז אַלעמען הייסט מען זיך צריינפּרעסן אין די פינף באַראַקאַן און אַזוי לעבן. ווען מען וואָלט אונדז צו יענער צייט אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, וואָלטן מיר סיי ווי זיך נישט געקאָנט רירן — אַזוי אָפּגעשוואַכט און דערשלאָגן זענען מיר דאָן געווען. בלויז געציילטע פון צווישן אונדז גייען נאָך אַרום און רעדן, אַז מאָרגן וועט מען אַלעמען צעטיילן אין אַרבעטס־בריגאַדעס, און עס וועט זיין אַ רויִקע נאַכט.

מען זאָגט אַפילו, אַז מען וועט צעשטעלן אַלעמען אויף קוואַרטירן, אָבער מיר פאַר־שטייען, אַז די שׂריפות אין סאַרנע זענען נישט קיין צופעליקע, און אונדז איז טאַקע קשה, מען דאַרף דאָך האָבן די הייזער פאַר די צוזאַמענגעשלעפּטע מענטשן, מען האָט דאָך אונדז אַהערגעבראַכט אויף אַרבעט?!

צומאָרגנס פרי האָבן מיר געפונען צווישן זיך אַ סך מתים. ביינאַכט האָבן פרויען געמפלט און אייניקע זענען געשטאָרבן. די ביינאַכטיקע קוילן, אַריינגעשאָסענע דורך די דייטשן, וואָס זענען געשטאַנען פון יענער זייט צוים, האָבן אויך גורם געווען אַ סך קרבנות. אָבער מען דענקט נאָך, אַז עס איז נישט דער סוף, נאָר אַזאַ מין איבערגאַנג צו אַן אַנדער לעבן און ווער עס וועט בלייבן נאָכן איבערגאַנג, וועט שוין אין יסורים ממשיך זיין דעם שווערן לעבן...

פּלוצלינג האָבן מיר דערזעען אַ כמאַרע מענטשן און גלייך האָבן מיר דערקענט אַ המון ייִדן, צעשראָקענע, צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע. דאָס זענען געווען די סאַרנער ייִדן, צו אונדז געבראַכטע. דערווייל איז די זון שוין געשטאַנען הויך, און די היץ איז געווען אַ גרויסע. אַ דורשטיקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען, ממש דערשטיקט צו ווערן. וואַסער איז נישט געווען צו באַקומען, ס'איז אויך נישט געווען אין וואָס צו נעמען וואַסער. נאָר אָט האָב איך געזען ווי אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, אהרל פייגעלשטיין, טראָגט אין שטיוול וואַסער און גיט צו טרינקען זיין פרוי און זיינע צוויי קינדערלעך. דאָס נעמט אַ גוי פינף גאָלדענע רובל און ברענגט אַ שטיוול וואַסער. מענטשן חלשן פון דורשט. אַלע שטייען מיט פאַרברענטע ליפּן און שווייגן. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער קומען די דייטשן אַריין אין

לאַגער און זאָגן „יודען קלייבט זיך צוזאַמען. מיר'ן נעמען 500 פערזאָן, און מיר וועלן מאַרשירן אויף אַרבעט". מען האָט אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן געקלערט, אַז ביי דער אַרבעט וועט זיין אַנדערש — עס וועלן זיין וואַסער און לופט, און נישט אַזאַ שטיקעניש. און הגם די פּרעכקייט פון די דייטשן, דער באַהאַלטענער ציינישער שמייכל אויף זייערע ליפּן, און די שנאה אין זייערע אויגן האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס, האָט מען אָבער געטראַכט און געהאָפט, אַז מען וועט די דייטשן איבערלעבן...

אין דער זעלבער צייט זענען יידן געשטאַנען אין טליתים איינגעהילט און געדאַוונט הויך. די וועלכע האָבן נישט געדאַוונט, האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, געקוקט און זיך געוווּנדערט: מען דאַוונט גאָר?! פאַר וועלכע מעשים? פאַר די קרבנות פון דער לעצטער נאַכט? פלוצלונג האָבן די דייטשן געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די ערשטע גרופּע פון 500 יידן זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט און צוזאַמענלייגן די בגדים אין אָרדענונג. לכתחילה איז מען געבליבן ממש געפּלעפט, נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס באַדייט. מענער און פרויען זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט? וואָס פאַראַ ווילקיר איז דאָס? אָבער גאָר שנעל האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס פירט מען צום טויט, און אַלע זיבעצן טויזנט צוזאַמענגעפּרעסטע יידן האָבן אָנגעהויבן יאָמערן, קלאָגן, שרייען און חלשן. אייניקע זענען אויפן אָרט משוגע געוואָרן, פרויען האָבן גענומען רייסן די האָר פון זייערע קעפּ ,מענער — זייערע בערד. די צוזאַמענגעקוועטשטע מאַסע האָט זיך געוואָרפן, ווי אין קאָנוווּלסיע, פון דראָט צו דראָט.

די דייטשן מיט די אוקראַינער זענען געשטאַנען מיטן געווער אין די הענט און געלאַכט, זיך געווילט. עס האָבן גענומען אָפּהילכן זאַלפן פון קוילן־שיסעריי און עס זענען געפאַלן מענטשן. בלוט איז געראָנען אויף דער ערד ווי וואַסער. אַט פאַלט איינער און די אַנדערע טרעטן איבער דעם געפאַלענעם און ווערן געטראָפן דורך די קוילן. מען לויפט צו די דראָטן וועלכע ווערן אויפגעריסן. פון דער וויטנס הערן זיך געשרייען און זאַלפן פון מאַשין־געווער. אַנדערע ליגן שוין מיט אויפגעריסענע בייכער אָדער מיט אונטערגעשאָסענע פיס. איך זע ווי עס פאַלן הונדערטער מענטשן, אייניקע לויפן און עס גיסט זיך פון זיי בלוט. דערנאָך פאַלן זיי אַוועק. איך לויף מיט מיין עלטערער שוועסטער און פאַל צו דער ערד. די שוועסטער לויפט ווייטער, איך הער ווי זי שרייט צו מיר, אָבער אויף מיר ליגן שוין צענדליקער מענטשן, לעבעדיקע און טויטע. איך ליג פון אונטן און עס דערלאַנגען נישט די קוילן צו מיר. איך קריך אַרויס און לויף ווייטער, מען שיסט נאָך.

געראַטעוועט פון טויט

אין די אָוונט־שעהן האָב איך זיך דערשלאָגן צום וואַלד צוזאַמען מיט אַ הייפל פאַרוווּנדעטע און פאַרבלוטיקטע יידן. בלויז איך איינע בין אַרויס אַ גאַנצע פון דער שחיטה. אַלע דאָ צוזאַמענגעלאָפענע זענען, ווער מער און ווער ווייניקער, פאַרוווּנדעט. אייניקע ליגן אין אָנמאַכט. פון די יידן וועלכע איך האָב דאָן געטראָפן, זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן אין וואַלד דורך די דאָרפישע גויים. מיין מוטער מיט צוויי קינדער האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן וואַלד במשך אַ פאָר וואָכן, ביז גויים האָבן זיי געכאַפּט. די מוטער האָט ביי

זיי געבעטן מען זאָל זי לאָזן לעבן, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. דאַן האָט זי געבעטן מען זאָל זיי צופירן צום בית־עלמין און דאָרטן וועט זי אויסגראָבן אַ גרוב פאַר זיך מיט די צוויי קינדער און דאָס האָט מען איר צוליב געטאָן.

דעם אַ לעצטן גרוס פון מיין מאַמען, האָט מיר איבערגעגעבן אַ גוי שוין נאָכן פאַר־טרייבן היטלערן, ימח שמו.

איך גופא האָב זיך געפּלאָגט איבער וועלדער און פעלדער, ביזן פאַרטרייבן היטלערן פון פוילן. אַ צייט בין איך נאָך אַרומגעפאָרן און געזוכט, געטראַכט, אפשר וועל איך טרעפן עמעצן פון מיין פאַמיליע.

פון פוילן האָב איך זיך, צוזאַמען מיט דער שארית הפליטה, דערשלאָגן קיין ישראל.

שמואל קליגון

העלדישער טויט פון א יידיש מיידל

ווינטער אין וואַלד

פערצן חדשים האָב איך מיטגעמאַכט אין געטאָ; צוויי יאָר געבלאָנקעט אין וואַלד; אַנדערטהאַלבן יאָר זיך געפּלאָגט אויפן פראָנט.

די פראָנט־שלאַכטן זענען געווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט דעם גהינום וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין געטאָ, אָדער אין וואַלד. אין אַלע דריי אויבנדערמאָנטע עטאַפּן, האָט מען געדאַרפט קעמפן פאַר אויפהאַלטן דאָס לעבן. אין דעם פּרט איז דער ערגסטער און שווערסטער עטאַפּ געווען — דאָס געטאָ. וואָס שייך דעם, איז פאַראַן זייער פיל צו פאַר־שרייבן, כדי די רשעותדיקע וועלט זאָל וויסן ווי אַזוי מען האָט זיך געפּלאָגט מיט אויפ־האַלטן דאָס נישטיקע לעבן. טויזנטער געפאַרן האָבן געלויערט און טויזנטער שטרויכלונ־גען זענען געווען אויסגעשפּרייט אויף דעם וועג. ווען דער גורל האָט מיך געבראַכט אין וואַלד בין איך נאָך געווען אַ ייִנגל. כ׳האָב אָבער גלייך פאַרשטאַנען מיין מצב אין די וועלדער און געפּאַלגט וואָס עלטערע האָבן געהייסן. האָט מען למשל געדאַרפט אויפשטעלן אַ ביידל, איז מאַנעס קראַצמאַן עליו השלום געווען דער פּלאַנירער און איך האָב געשלעפּט האָלץ, געזעגט, געהאַקט און צוזאַמענגעבונדן דאָס ביידל. האָט מען געדאַרפט לויפן אַ פינף קילאָמעטער אין טיפן שניי פון איין בורלאַגע צו א צווייטער און מיטטראָגן דער קראַנקער ביילקען, האָב איך פון פלעקער צוזאַמענגעבונדן אַ טראָג־בעטל, געמאַכט שלייעס פון שמאַטעס און זיך איינגעשפּאַנט מיט נאָך צוויי ביי די זייטן און געטראָגן די קראַנקע צום נייעם פונקט.

און אָט זיצן מיר אין וואַלד אין אַ גרוב. ס׳איז אַריינגעדרינגען וואַסער. עס פייפן און וואָיען ווינטן, זיי ברעכן ביימער און דרייען סטאָלבעס שניי אין דער לופט. מיר האָבן נאָר וואָס

געהאַט מקבר געווען דעם געהרגעטן מאַנעס, זכרונו לברכה, און געזען די פאַרפייניקטע גופים פון בערעלען מיט זיין מאַמען וואָס ליטוויצער גויים האָבן געשענדעט און באַשפּיגן. מיר האָבן מקבר געווען ביילקען, עליה השלום. צווישן די פאַרבליבענע הערשט אַ געוואַל־דיקער יאוש. די שטאַרקע פרעסט קריכן ממש אין די ביינער אַריין. דאָס עסן איז אויס־געגאַנגען, די באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געפונען ביז איצט אין זעלבן וואַלד, פינף קילאָמעטער פון אונדז, זענען ערגעץ נעלם געוואָרן. מיר זענען אין גאַנצן הפקר און שוצלאָז. די אַרומיקע דערפער זענען באַזעצט דורך די אַכזריותדיקע בולבאָווצעס. דער הונגער פון די קינדער־יתומים איז גרויס. זייער צער — אין לשער. ממש משוגע צו ווערן. מיר באַשליסן זיך צו לאָזן דורכן וואַלד קיין זאַמראַטשעניע. פאַרשנייעטע און זומפּיקע זענען די וועלדער און וועגן. דער פראָסט איז מער פון 20 גראַד, אָבער הינטערן שניי זענען די זומפּן נישט געפרוירן. און מען פאַלט זייער אָפט אַריין מיט אַ פוס אין זומפּ. ווען דו קאַראַבקעסט זיך אַרויס פון זומפּ, כאַפּט דיך אַרום דער פראָסט און די נאַסע בגדים ווערן ווי האַרטע בלעך. די פיס בייגן זיך נישט, ווייל די געפרוירענע בגדים־שמאַטעס לאָזן נישט. ווען די בגדים דערוואַרעמען זיך, פאַרעווען זיי ווי אַ לאַקאָמאָטיוו.

דיין צעשוויצט לייב, פון די פיס־פינגער ביזן האַריקן קאָפּ, נעמט אַרום אַ בייסעניש און ברענונג. טויזנטער באַשעפענישן פרעסן דיך און מען קאָן ווייטער נישט גיין. דאַן טוען מיר זיך אויס אָדם־נאַקעט און שאַרן פון לייב אין שניי טויזנטער לייז, און ווען דער פראָסט מיטן שאַרפן קאַלטן ווינט פאַטשן אויס און פרירן אויס דעם נאַקעטן צעבלו־טיקטן גוף, שלעפּט מען אַרויף די געפרוירענע צעפוילטע שמאַטעס און מען גייט ווייטער. מיטן פחד פון אַ האָז און מיטן שאַרפן חוש פון אַ הונט — שמעקט מען, האָרכט מען, קוקט מען אין אַלע זייטן. ביי יעדן מינדסטן שאָרך טוליעט מען זיך אַריין אין טיפן שניי כדי זיך אויסצובאַהאַלטן פון שונאס אויג.

אַ וויכוח מיטן אוקראַינער ווישניעווסקי

דעם וועג קיין זאַמראַטשעניע האָב איך געמאַכט צוזאַמען מיט י. פייגעלשטיין. צום גליק האָבן מיר באַצייטנס באַמערקט דעם שונא — אַ באַנדע באַוואָפנטע דאָרפישע שקצים, די אַזוי גערופענע: בולבאָווצעס. מיר האָבן זיך איינגעגראָבן אין שניי און אַזוי ליגנדיק, האָבן מיר געבעטן ביי גאָט, אַז די מערדער זאָלן גיין קאָנצענטרירט מיט זייער וועג, ווייל אַנדערש חלילה וואָלטן זיי אַרויפגעטראָטן אויף אונדז. און גאָט האָט, כנראה, אויסגעהערט אונדזער תפילה און מיר זענען פון יענער שרעקלעכער באַגעגעניש אַרויס מיטן לעבן. אַוודאי האָט נישט געפעלט קיין שרעק באַגלייט פון פיינלעכע מחשבות. און ועל כולם האָט זיך געוואָלט לעבן, פאַר יעדן פּרייז — לעבן, אַפילו ווען ווערעם פרעסן דעם גוף לעבעדיקערהייט.

ליגנדיק אַזוי אַ געפרויערענער הינטערן שניי האָבן מיר געטראַכט: מענטשן זענען ערגער פון חיות רעות, פון שלאַנגען. ווייל אַ וואָלף שטיקט אַ שעפּעלע, אָבער נישט אַ צווייטן וואָלף. אַ שלאַנג בייסט אַ מענטשן, אַ בהמה, אָבער נישט אַ צווייטער שלאַנג און דאָ ווערן מענטשן אַזוי גערודפט, געטריבן און געפייניקט דורך מענטשן...

און אַזעלכע זענען די טעג און אַזעלכע די נעכט. ווען עס קומט דער אָונט קריכן מיר אַרויס פון שניי. דער כוח פון ווען לעבן הויבט דיך אונטער, שטעלט דיך אויף די פיס און דו גייסט ווייטער. אָט, למשל, קומען מיר צו דער ערשטער שטוב פון אַ דאָרף. זי איז — ווי דער שטייגער — אָפּגעטיילט פון די איבעריקע הייזער און איז נאָענט צום וואַלד. מיר קענען דעם בעל־הבית פון שטוב פאַר נישט קיין גרויסן רשע. שטילערהייט קריכן מיר אונטער צו דער הייזקע. אונדזער אויסזען איז נאָר מענטשן אָפּצושרעקן: האַלב נאַקעט, האַלב באָרוועס, צערומגעוויקלט אין צעפּוילטע שמאַטעס פון וועלכע עס הענגען נאָך שטיקער. אונדזערע גופים — אויסגעדאַרטע, געשוואָלענע מיט ווילד־באַוואַקסענע פּנימער. צעשראָקענע, צעטומלטע אויגן. צעקרימטע האַלב־אָפענע מיילער. אָבער ווי רויק עס איז דאָ אין דער פּויערישער שטוב. דער בעל־הבית גייט אום איבער דעם גרויסן קיך־צימער, וואָס איז באַלויכטן פון קין־שפּענדלעך. מען רעדט צווישן זיך שטיל, פריינטלעך. דאָ זעט אַלץ אויס אַזוי, ווי עס וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט געשען.

פּלוצים צעסקריפּעט זיך דער שניי פון אַ סך פיס. מיר לויפן צו דער האָלץ־שאָפע און פאַרשטעקן זיך דאָרט. עס קומען אָן גויים וועלכע רעדן הויך, אָן פּחד. זיי גייען אַריין אין שטוב, און זעצן זיך אַרום פייער, דערנאָך עפנט זיך די טיר און דער בעל־הבית גייט אַרויס. איך זאָג צו אים שטילערהייט: ווישניעווסקי! דערשרעק זיך נישט און קום אַהער. ער גייט צו נענטער און דערקענט מיך. מיר גייען אַריין אין שטוב. אַלע גויים זענען אונדזערע באַקאַנטע. מען גיט אונדז די הענט. אייניקע פון זיי קוקן אויף אונדז מיט רחמנות און אייניקע — מיט צאָרן. אָבער אַלע זאָגן: „נעכטיקט דאָ אָן שרעק, אייערע פּאַרטיזאַנער מאַכן דאָ אָרדענונג". זיי דערציילן, אַז די פּאַרטיזאַנער נעמען אַוועק פון די פּאָלוואַרקעס דאָס אָנגערויבטע גוטס. איינער פון זיי זאָגט: „די דייטשן האָבן גערויבט און געזאַמלט קאָרן, קאַרטאָפל, חזירים, בהמות און עופות. גוט, וואָס דער פּאַרטיזאַנער נעמט דאָס איצט אַוועק". מיר פילן זיך אַ ביסל באַרויקט. מען טראָגט אַריין ספּירט, טאַקע פון דער צעקלאַפּטער וואָראָבינער ברויערײַ. מען גיט אונדז עסן. דערנאָך גייען אַוועק די געסט, און דאָס רופט אַרויס ביי אונדז אַ חשד. אפשר גייען זיי רופן מערדער. אָבער דער בעל־הבית באַרויקט אונדז און זאָגט: „דער פּחד פון די פּאַרטיזאַנער איז איצט גרויס, קיינער וועט נישט וואַגן טאָן אייך עפּעס שלעכטס, ווייל די פּאַרטיזאַנער זענען דאָך יידן". בעתן שמועסן, זאָגט זיך דער בעל־הבית אַרויס דווקא קעגן די פּאַרטיזאַנער. ער טענהט: „פאַרוואָס עפּעס זיצן אין וואַלד און אָנגרייפן? די דייטשן האָבן שוין לאַנג צעקלאַפּט די סאָוויעטן, זיי וואָלטן געמאַכט אָרדענונג, אָבער די פּאַרטיזאַנער לאָזן נישט".

מיר קאָנען באַצאָלן מיט אונדזערע קעפּ (האָבן מיר געטראַכט) פאַר מעשים פון די פּאַרטיזאַנער פון וועלכע דער בעל־הבית איז נישט צופרידן. דערווייל הייסט אונדזער בעל־הבית עסן די געשיילטע קאַרטאָפל מיט זויערמילך. דער טיש איז צו יענער צייט פאַר אונדז אַ שולחן מלכים. איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן ווי עס זעט אויס אַ טיש מיט אַ טישטעך, אַ ברויט מיט זאַלץ, אַ שיסל, אַ לעפל, אַ מעסער. ער גיסט אָן אַ ביסל ספּירט און זאָגט צו אונדז: טרינקט, געסט! ביי אונדז פאַרגנבעט זיך אַ מחשבה, אַז ער וויל אונדז אָנטרינקען און דאַן הרגענען. זאָג איך צו אים: „טייערער בעל־הבית און גוטער שכן,

איך דאַנק דיר פאַר דיין גאַסטפריינדלעכקייט, אָבער פאַרוואָס פרעגסטו נישט, ווי אַזוי איך קום צו דיר?". און דאַן דערציייל איך אים אַ מעשה וועגן אַ גרויסע פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג וואָס שטייט הינטערן דאָרף און אַז מיר האָבן זיך בלויז אָפּגעבעטן צו לאָזן אונדז גיין באַזוכן אַ „גוטן ברודער", זיך זען און פאַרברענגען דעם אָוונט צווישן אייגענע מענטשן... אין האַרץ ביי זיך האָב איך געטראַכט, אַז אַזוי אַרום מאַך איך אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע לעבנס.

נאָך דער אויסגעטראַכטער מעשה פילן מיר זיך באַרויקט און דאַן רופט זיך אָן דער בעל־הבית אַזוי: „אייערע פאַרטיזאַנער טוען נישט גוט. נעכטן האָט מען דאָ טאַקע איינעם געהרגעט אינגאַנצן אומזיסט. געטען האָט עס איינער פון אייערע דאָמבראָוויצער יידעלעך. משה קאַווזאַלאַ האָט אים אַרויסגעפירט הינטערן פענצטער און אַריינגעשאָסן פינף קוילן, ווייל אין טאָג פון דער דאָמבראָוויצער שחיטה האָט דער דערשאָסענער אַריינגענאַרט צו זיך דעם זשידעק יודל צאַצקעס, אים פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער כדי איבערצוגעבן אים די דייטשן. זיי וואָלטן דעם זשידעק געוויס דערשאָסן, אָבער צאַצקעס האָט זיך אונטערגעגראָבן און איז אַנטלאָפן. ער לעבט און איז אויך אַ פּאַרטיזאַן. ביי אייך יידן, איז דאָך פאַרשריבן אין אַלטן טעסטאַמענט: בלוט־פאַר־בלוט. פרעג איך דיך, פּאַניע איציאַ, (געמיינט יצחק פייגעלשטיין): פאַר וואָס קומט הרגענען אַ בעל־הבית און מאַכן זיינע קינדער יתומים?"...

דערווייל האָט מען אַריינגעטראָגן אַ שיסל קאַשע. דער בעל־הבית גיסט אָן פאַר זיך אַ גלעזל בראָנפן און אויך פאַר מיר. עס ווערט מיר קאַלט פון פחד און איך טראַכט ווי אַזוי מען אַנטלויפט פון דער סכנה. אפשר נעמען אַ קוואָרט וואַסער — זאָגט מיר אונטער דער געדאַנק — מכלומרשט צום טרינקען און אַ גאָס טאָן אויף דעם פייער, כדי מיר זאָלן קאָנען אַנטלויפן אין דער פינצטער? „פאַרוואָס טרינקסטו נישט?" פרעגט דער בעל־הבית. „גיב מיר אַ זויערע אוגערקע, אָדער אַ ביסל זויער קרויט" — ענטפער איך און כ׳קלער דערביי, אַז ווען דער בעל־הבית וועט אַרויסגיין ברענגען די אוגערקעס, וועלן מיר אַנטלויפן. אָבער מיין בעל־הבית כאַפּט זיך נישט גיין. „טרינק פריער אויס" — זאָגט ער — און גלייך דערציילט ער מיר, אגב אורחא, אַז אין דער צווייטער שטוב זיצן אויך פאַרטיזאַנער און לייבקע, יאָסל זאַמראַטשעניערס בחורל פון דעם זעלבן דאָרף איז אויך מיט זיי. טרינקען מיר שוין מיטן בעל־הבית „לחיים", און איך פרעג אים: „זאָג נאַר, טייערער בעל־הבית, אָט דער אומגליקלעכער שכן דיינער, וועמען משה קאַווזאַלאַ האָט דערשאָסן איז טאַקע באמת געווען אַ שטילער מענטש, וואָס אַ חוץ דעם זשידעק צאַצקעס, האָט ער מער קיין שלעכטס נישט געטאָן? מיין בעל־הבית קראַצט זיין פּאַטילניצע און זאָגט: „נישט גאָר קיין שטילער. אָט, למשל, ווען דער דייטש האָט פאַריאָגט די סאָוויעטן און אין דאָרף האָבן זיך באַוויזן פינף סאָוויעטישע פאַראַשוטיסטן, זענען אונדזערע ברידער, אוקראַאינצעס, געלאָפן און זיי דערשלאָגן. מיין שכן איז אויך דאָרט געווען און מיט אַ וויאַסלע האָט ער איינעם צעשפּאָלטן דעם קאָפּ".

שוין שיכורלעך פון די פאַר גלעזלעך ספּירט, האָט יצחק פייגעלשטיין זיך אַזוי אָפּגערופן: „טייערער ווישניעווסקי, מיר קענען זיך שוין מער פון צען יאָר. דו פלעגסט ברענגען צו מיר קאָרן צום מאָלן, און מיר האָבן געלעבט בשלום. דו האָסט מיר פאַר

דער אַרבעט געצאָלט און איך האָב דיין קאָרן געמאָלן אויף מעל, אָן פּרעטענזיעס, אָן טענות. קיין מאָל האָסטו מיר דאָן נישט געזאָגט וואָס ס'איז פאַרשריבן אין אַלטן טעסטאַ־מענט. איך, איציאַ, האָב ביי דיר דאָן נישט געפרעגט וועגן דיין נייעם טעסטאַמענט. דו זאָגסט, אַז דו ביסט נישט אָנגעשטעקט מיט דער אַכזריותדיקער רשעות פון מאָרדן אומשולדיקע יידן, אָבער באַטראַכט נאָר וואָס דער דייטש האָט געמאַכט פון דיין געוויסן. דו באַקלאָגסט דיין שכן וועמען יידישע פאַרטיזאַנער האָבן דערשאָסן. אָבער דיין שכן האָט געכאַפּט אַן אומשולדיקן ייד און אים פאַרשלאָסן, כדי אים איבערגעבן די דייטשן. ווען דאָס יינגל וואָלט זיך נישט אונטערגעגראָבן און אַנטלאָפן, וואָלט ער אים דאָך געוויס איבער־געגעבן צו די דייטשן". („געוויס, — שאָקלט ווישניעוווסקי צו מיטן קאָפּ — אוודאי וואָלט מען אים דערשאָסן"). „דיין ‚גוטינקער' שכן האָט קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט אַ פּאַראַשו־טיסט — זאָגט י. פּ. — און דאָס איז שוין אַ באַווייז אַז אין אים האָט געברוויזט מערדערלעך בלוט און ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן נישט נאָר צאַצקעסן און דעם פּאַראַשוטיסט, נאָר מערערע יידישע און מענטשלעכע אומשולדיקע לעבנס. ער איז געווען אַ מערדער און גאָט האָט אים דערפאַר באַצאָלט. גאָט קלייבט צונויף יעדעס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט און יעדער מערדער וועט סוף־כל־סוף באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף."

י. פּ. האָט ווייטער גערעדט וועגן „אונדזער אַלטן טעסטאַמענט" און גלייך האָט ער צוגעגעבן: „דו זעסט דאָס ברויט פון גאָט וואָס איז ביי דיר אויפן טיש? דו זעסט די הייליקע בילדער וואָס הענגען איבער דיין קאָפּ? אין דיין טעסטאַמענט איז פאַרשריבן, אַז הימל און ערד וועלן פאַרביטן ווערן, אָבער נישט גאָטס וואָרט. ווישניעוווסקי! דו מיינסט אוודאי אַז דו שטייסט שוין פון דער צווייטער זייט פון דעם בלוטיקן טייך, וואָס איז אַנטשטאַנען אויפן דאָמבראָוויצער מאַרק, ווען עס זענען דאָרטן דערטרונקען געוואָרן מאַסן יידן? ווען דיינע שכנים האָבן געראַבירט, געשלאָגן, געפייניקט, געפירט צוריק אויפן מאַרק און געוואָרפן אין בלוטיקן טייך אַריין יעדן ייד, וועלכער איז פון דאָרט אַנטלאָפן? אָט דער דאָזיקער טייך וועט איצט אַרומרינגלען זאָלאָטאַיע און זאַמראַטשעניע און הונדער־טער אוקראַינישע און פּוילישע דערפער, און מיט זיין יידיש בלוט וועט ער פאַרפלייצן אַלע מערדער, רויבער און באַנדיטן. אַלע דייטשע שטעט און דערפער, פון וואַנען זייערע האָרדעס זענען אַהערגעקומען!".

מיין בעל־הבית, ווייזט אויס, האָט אַזעלכע רייד נישט דערוואַרט. ער איז געזעסן בלאַס, און געזאָגט צו זיך פרוי: „דו הערסט וואָס איציאַ זאָגט?". און נאָכהער האָט ער זיך געווענדעט צו י. פּ. און געזאָגט דערשראָקן: „איז עס אמת? אַזוי וועט עס טאַקע זיין? דיינע רייד האָב איך שוין געהערט פון א סטאַלינער יידישקע, זי האָט אויך דאָס זעלבע געזאָגט, אַזוי גערעדט ווי דו. איצט אָבער איז זי שוין נישטאָ, מען האָט זי דערשאָסן, אָבער דאָס וואָס זי האָט געזאָגט איז מיר איינגעקריצט אין זכרון. עס איז אַ שרעק".

גרויליקע שטראָף־רייד ביים אָפענעם קבר...

און אַזוי זיצנדיק ביים טיש האָט ווישניעוווסקי דערציילט אַ מעשה וועגן אַ סטאַלי־נער אומבאַקאַנט יידיש מיידל. זיין קול האָט אינגאַנצן געציטערט, ער איז געווען אויפ־

גערעגט און איך בין געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן אים אַרויסגעבראַכט פון זיין גוישער טעמפּקייט. איך אָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אין דער מינוט איז ער נישט פעיק צו מאָרדן, להיפך, איך האָב באַמערקט אין אים סימנים פון פאַרדראָס אויף זיין גאַנץ אוקראַיניש פאָלק.

ווישניעווסקי האָט דערציילט און איך מיט יצחק פייגעלשטיין האָבן זיך צוגע־הערט:

„דער אַנטיכריסט, דער דייטש, האָט שוין געהאַט ליקווידירט די יידן פון דאָמבראָ־וויץ, בערעזשניץ און וויסאָצק. מיר, אוקראַאינער, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שטעט־לעך און געשלעפּט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. נישט געגנע-טיקט אין די הייזער. שטענדיק — אין וועג: היינט געפאָרן קיין דאָמבראָוויץ און געבראַכט אַ שאַפע, אַ טיש, אַ בעט, אַ פּאָר שטיוול, אָנגעפילט דעם שייער און צומאָרגנס זיך אַוועקגעלאָזט קיין בערעזשניץ, איבערמאָרגן — קיין וויסאָצק. איך האָב זיך אַליין געפרעגט: „צו וואָס אַזויפיל רויב?" און גלייך געבעטן ביי גאָטס דערבאַרעמדיקער מוטער, אַז זי זאָל מוחל זיין דעם זינדיקן. אָבער מענטשן האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז אין סטאָלין קאָן מען אָננעמען שיינע זאַכן, אַז סטאָלינער יידן זענען שוין לאַנג אויסגעהרגעט, אָבער די זאַכן זייערע געפינען זיך אין די הייזער כמעט נישט גערירט. די פּרוי מיינע האָט אָנגעהויבן עגבערן מיר דעם מוח: „שפּאַן די פערד, לאָמיר אַריינפאָרן קיין סטאָלין!". איך האָב איר געפאָלגט. אויסגעשמירט דעם וואָגן, געשפּאַנט די פערד, אַרויפגעזעצט די פרוי אויפן וואָגן און גלייך, מיט נאַכט אַרויסגעפאָרן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך אַזוי געשלעפּט, און ערשט אַרום 8 אַזייגער פרי זענען מיר אָנגעקומען קיין סטאָלין. ווי נאָר כ'בין אַראָפּ פון וואָגן האָב איך געזען אַ מענטשן־מאַסע וואָס שפּאַרט זיך און שטויסט זיך. איך שפּאַר זיך צו צו אַ גרופּע מענטשן און פרעג: „ברידער, קריסטן, וואָס איז עס פאַר אַ צוזאַמענלויף?". ענטפערט מען מיר: „דו זעסט נישט? דאָס פירט מען אַ ייד מיט זיין טאָכטער, לעבעדיקערהייט אויפן יידישן בית־הקברות. ער וועט פאַר זיך און פאַר זיין טאָכטער אויסגראָבן אַ גרוב, און מען וועט זיי דאָרטן דערשיסן. דאָס איז געווען דער גרעסטער גביר אין סטאָלין — האָבן זיי מיר דערציילט — אַלע יידן האָט מען שוין מיט אַ חודש צוריק באַגראָבן, אָבער ער האָט פאַר אַ סך געלט זיך אויסבאַהאַלטן, נישט געוואָלט פּגרן. ערשט, אונדזערע העלדישע יונגען האָבן זיי דערשנאַפּט און איבערגעגעבן די דייטשן. דער זשיד האָט אויסגעזאָגט וועגן זיינע באַגראָבענע געלט און דערפאַר האָט ער געפּועלט מען זאָל אים פירן אַ לעבעדיקן אויף די יידישע מאָהילעס צו זען מיט די אייגענע אויגן, אַז ער ווערט באַגראָבן צווישן זיינע זשידעס, ווייל די איבעריקע נבלות באַגראָבט מען ווי די הינט. מען דערציילט אויך, אַז דער דייטש האָט חשק געהאַט צו דער יידישקע, האָט זי אים אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין".

ווישניעווסקי דערציילט ווייטער וואָס עס האָט דאָרט פּאַסירט: „איך גיב אַ קוק אויפן יידן, ער איז איינגאַנצן באַוואַקסן, צעשויבערט, אָבער זעט נאָך אויס ווי אַ ייד, דער טאָכטערס פּנים צוגעטוליעט צום טאַטנס האַרץ. דער פאָטער קושט איר אין קאָפּ און וויינט. זיינע ליפּן שעפּטשען עפּעס. ווייזט אויס ער זאָגט ווידוי — אַ יידישע תפילה. אַ סך

מענטשן האָבן אַזוי מיטבאַגלייט די אַ לעבעדיקע לוויה. אַנדערע זענען געווען ערנסט און אַנדערע האָבן גערעדט און געטומלט.״

„פּלוצלינג איז אָנגעקומען איינער אַן אוקראַאינער און זיך אָפּגערופן צו די באַוואָפנטע פּאָליציסטן: „וואָס צערעמאָניעט איר זיך מיט די נבלות?״ אָבער די אַלע נאָכגייער האָבן זיך צעשריגן: „לאָז נאָך, מען דאַרף זען ווי דער ייד וועט פּאַר זיך און זיין טאָכטער אויס־גראָבן אַ גרוב״. און פּלוצלינג... ביים בריקל פון איר שטוב, גיט זיך דאָס מיידל אַ גלייך אויס. גיט אַ טרייסל אָפּ די צעשויבערטע שוואַרצע לאַנגע האָר, זי כאַפּט אַרום מיט אירע פּייערדיקע שיינע אויגן די מיטגייענדיקע מענטשן. זי גיט עפּעס אַ פּיר אין חלל מיט איר שיינער ווייסער האַנט און אַלע מענטשן ווערן ווי פאַרשטיינערט. אַזאַ שיינהייט! ממש אַ מלאכל, אַ רוסאַלקע, אַ שלאַנקע ווי אַ סטרונע. איבערגעוואָרפן מיט אַ דינעם שאַל וועל־כער גיט איר צו גראַציע, האָט זי אויסגעזען ווי עפּעס אַ פאַנטאַזיע, באַשריבן אין אַ מעשה־ביכל. זי גיט ווידער אַ קוק מיט אירע פּייערדיקע גרויסע, ברייט־צעעפנטע שיינע אויגן, און דער קוק נעמט ווידער אַלעמען אַרום. זי גיט נאָך אַ מאָל אַ פּיר מיט דער האַנט און זאָגט אויף אונדזער אוקראַאיניש לשון: „גראָמאַדיאַנע, איך בעט אַ פּאָר מינוט רויקייט. עס איז פאַראַן אַ געזעץ, אַז ווען אַ פאַרברעכער פאַרלאַנגט עפּעס איידער ער ווערט געקעפּט, קומט מען אים אַנטקעגן. טוט מיר אַלזאָ די געפעליקייט און לאָזט מיך געניסן פון דעם געזעץ. דאָ, אין אייער קעגנוואַרט וועל איך זיך געזעגענען, אין אייער שפּראַך, מיט מיין אומגליקלעכן פאָטער״. און זי רעדט צום פאָטער האַלב־פּויליש, האַלבט־אוקראַאיניש: „טאַטאַ, וואָס ווייגסטו? וועמען לאָזסטו דען איבער אויף דער וועלט, אַז עס זאָל דיר באַנג טאָן? עס איז דאָך נישט קיין וועלט פון מענטשן, נאָר שלאַנגען, משוגענע חיות וועלכע דאַרפן בלוט, מען מאָרדעט אונדז, ווייל עס איז גרינגער אָנצוהייבן פון די שוואַכסטע. מיר זענען שוין די לעצטע קרבנות פון די שוואַכע. איצט וועלן די שטאַרקע צווישן זיך אָנהייבן אַ געראַנגל אויף טויט, ווייל זיי דאַרפן און מוזן זען בלוט. אַ זון וועט שטיקן זיין פאָטער, אַ טאָכטער וועט אירע נעגל אַריינקוועטשן אין איר מוטערס האַלדז, טויט וועט זיין די טאָג־טעגלעכע שפּייז פאַר זייערע מערדערלעכע נשמות״.

און זי האָט ווייטער געצויגן:

„נאָך אונדז גייט איצט נאָך אַ טויזנט־קעפּיקער המון וואָס איז דורשטיק נאָך בלוט. שפּעטער וועט פון דעם דאָזיקן המון, איין ברודער הענגען זיין שוועסטער, אַ שוועסטער וועט בייסן איר ברודער און מאַמעס וועלן שטיקן זייערע קינדער״.

און ווישניעווסקי זאָגט: „אַ שוידער האָט אַרומגענומען, אַלע האָבן געוואָלט איבער־רייסן דאָס רעדן. אָבער קיינער האָט עס נישט געוואָגט צו טון. ווייל זי האָט גערעדט נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ נביא פון אַלטן טעסטאַמענט״.

און זי האָט ווייטער געזאָגט:

„עס טוט מיר באַנג מיין צעקוילעטע פאָלק. עס טוען מיר אויך באַנג די אַלע פון אייך וועלכע וועלן נאָך געוויס דערשטיקט און געקוילעט ווערן. עס טוט מיר באַנג, וואָס עס וועט נישט זיין ווער ס׳זאָל זיך אָפּרעכענען מיטן שטן, מיטן אַשמדאי, מיטן דייטש, וועלכער

האָט פון גיהנום אַראָפּגעבראַכט אויף אונדזער ערד דאָס פייער און דעם באַגער צו מאָרדן. ווענדעט אָן אייער האַס קעגן דעם שונא פון דער גאַנצער וועלט — דעם דייטש!״.

אָבער, אין דעם מאָמענט איז אונטערגעשפּרונגען צו איר דער אוקראַינער, וועלכער האָט פריער געפּרעגט הלמאי מען צערעמאָניעט זיך מיט זיי, אַ שלייַדער געטאָן דאָס יידישע מיידל צו דער ערד און אַריינגעשאָסן אין איר אַ גאַנצע סעריע קוילן. דער טאַטע, אַ צעבראָכענער, איז צוגעפאַלן צום טויטן קערפּער פון זיין שיינער טאָכטער און איז געבליבן אַזוי ליגן. ער האָט אוודאי געוואָלט מיט זיין גוף שיצן זיין טאָכטער און אויך באַקומען אַ סעריע קוילן. מיר אַלע זענען זיך צעלאָפן אין אַנגסט און אין שרעק.

גלויבט מיר, בראַטצי, — האָט ווישני־עווסקי פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך — פון סטאַלין האָב איך שוין קיין זאַכן אַהיים נישט געבראַכט און וואָכנלאַנג דערנאָך האָבן מענטשן אין די דערפער נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער סטאַלינער יידישקע.



פּאַרטיזאַנער אין אַן אָבסערוואַציע־פּונקט

אינזש. מישא גילדענמאַן
(„דיאַדיאַ מישאַ")

א מעשה־נס מיט א דאמבראוויצער פארטיזאן

אינזש מישאַ (משה) גילדענמאַן, פון קאָרעץ, אַ באַוווּסטער און אויסגעצייכנטער קאָמאַנדיר (א"נ „דיאַדיאַ מישאַ") פון אַ יידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס האָט געקעמפט אין קאָרעצער, וויסאָצקער און וואָלינער ראַיאָנען — דערציילט אין דער דאָזיקער באַשרייבונג וועגן דעם דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַן באָרי־באָריס גאָלדפאַרב (דער ברודער פון נינאַ ראָטנבערג), וועלכער האָט געקעמפט אין זיין אָטריאַד. די רעדאַקציע

זאַלבע אַכט גייען זיי אַרויס פון וואַלד, לויפן שנעל אַריבער דעם וועג און דער־נענטערן זיך צו די אָפּגעהאַקטע בוימער, וועלכע ליגן אָנגעוואַלגערט אויף דער צווייטער זייט וועג. עס דערהערן זיך עטלעכע שאָסן, נאָר זיי זענען שוין אַריין אין דער געדיכ־טעניש פון די צווייגן און פאַרנעמען אַ פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע, ווייל די דייטשן גרייפן אָן.

באָריס, וועלכער פירט אָן מיט דער גרופּע, הייסט שיסן פּאָרזיכטיק, ווייל זיי האָבן ווייניק קוילן. דער שונא ווערט מיט יעדער מינוט אַלץ אַגרעסיווער. באָריס גיט אַ באַפעל צוגרייטן די גראַנאַטן.

די דייטשן שפּרינגען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און לאָזן זיך לויפן איבערן וועג צו אַטאַקירן די פּאַרטיזאַנער. עטלעכע גראַנאַטן פליען אין דער ריכטונג פון די אָנגרייפער. אויסנוצנדיק די בהלה, לויפן די פּאַרטיזאַנער שנעל אַדורך דעם פרייען פּלאַץ, וואָס טיילט זיי אָפּ פון אַ צווייטן באַרג אָפּגעזעגענע בוימער, הינטער וועלכע עס הויבט זיך אָן אַ געדיכטער וואַלד.

באָריס לויפט דער לעצטער. ער הערט די ווילדע געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע דייטשן. ער פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע צוליב אַ גראָבן דעמב, וואָס ליגט אויף דעם וועג, — נאָר אַריבערקריכן איבער אים, און זיי זענען געראַטעוועט. איין פוס האָט ער שוין אַריבערגעוואָרפן איבער דעם בוים, אָבער ער דערפילט פּלוצלינג אַ שאַרפן ווייטיק אין לינקן אָרעם. געלע און רויטע קרייזן הויבן אָן שוועבן פאַר זיינע אויגן, — און וואָס ווייטער געדענקט ער נישט...

*

דער אָפיציר איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אים אויפגעפּראַלט. צוזאַמען מיט דעם שטראָם פרישע לופט האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער דער ריח פון בליענ־דיקע אַקאַציעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער און באַפוילן באָריסן זיך אַוועקשטעלן אַקעגן אים. און דרייענדיק מיט צוויי פינגער דעם שפּיצרוט האָט ער זיך געווענדעט דורך דער דאָלמעטשערין צו באָריסן און אַזוי געזאָגט: דו ביסט נאָך יונג, דו קענסט און דאַרפסט נאָך לעבן און ברענגען נוצן דיין פאָלק. דו האָסט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך די „יידן־קאָמוניסטן", וועלכע האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען אייער אוקראַינע

אין אַן עקספּערימענטאַלן פעלד פאַר סטאַלינס ווילדע אידייען. איצט האָט אונדזער פירער באַפרייט אייער לאַנד פון דער באָלשעוויסטישער פעסט און מיט דער הילף פון אייער פאָלק וועט ער אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע זעלבשטענדיקע מלוכה.

ער ווייסט נישט, אַז איך בין אַ ייד, האָט באַריס אַ טראַכט געטאָן מיט צופרידנהייט.

לייג זיך איבער — האָט דער דייטש פאַרגעזעצט מיט אַ געמאַכטער פריינדלעכער שטים, און ווענדנדיק זיך צו דער אוקראַינערין (די דאָלמעטשערין) האָט ער צוגעגעבן: ברענג צו אים די קראַנקן־שוועסטער, זי זאָל אים איבערבינדן די ווונדן; גיט אים עסן, און דאַן פירט אים אַריין אין מיין קאַבינעט אויף דעם פאַרהער.

דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט זיך געווענדעט צו דער אוקראַינערין: פרעג אים ווי פילט ער זיך. די דאָלמעטשערין האָט איבערגעזעצט די פראַגע אויף אוקראַיניש.

— איך פיל זיך גענוג שטאַרק אויף אויסצוהאַלטן אייערע גרעסטע פּייניקונגען און נישט פאַרראַטן קיינעם פון מיינע חברים — האָט געענטפערט באַריס.

— ער זאָגט, אַז ער פילט זיך בעסער, הער קאָמענדאַנט (האָט געזאָגט די דאָלמע־טשערין), און ער דאַנקט אייך דערפאַר וואָס איר האָט אים געשיקט די קראַנקן־שוועסטער.

באַריס, וועלכער האָט פּערפעקט באַזיצט די דייטשישע שפּראַך, איז דערשטוינט געוואָרן פון דער איבערזעצונג פון דער אוקראַינערין, און האָט נישט געהאַט מיט וואָס דאָס צו דערקלערן.

— אויב ער וועט ענטפערן אויפריכטיק אויף אַלע מיינע פראַגן, וועל איך אים האַלטן נאָך אַ קורצע צייט פאַרשפאַרט און דערנאָך אַרויסלאָזן אויף דער פריי — האָט פאַרגעזעצט דער קאָמענדאַנט.

נאָך איידער די אוקראַינערין האָט באַוויזן צו איבערזעצן דעם אָפיצירס רייד, האָט באַריס שוין אויסגעשריגן: — אומזיסט אייערע רייד! איך ווייס וואָס מיר דערוואַרט, איר מעגט שוין צוטרעטן רייסן מיין פליייש און ברעכן מיינע ביינער. אָבער געדענקט, אַז איך דערוואַרט אין דער נאָענטסטער צוקונפט נאָך פיל ערגערס!

— וואָס זאָגט ער? — האָט געפרעגט דער קאָמענדאַנט.

— ער זאָגט, אַז ער פילט זיך נאָך זייער אָפּגעשוואַכט און דערשעפּט, און בעט אייך, אַז איר זאָלט אים אַ טאָג־צוויי לאָזן צורו, און דאַן וועט ער גערן געבן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס — האָט „איבערגעזעצט" די אוקראַינערין.

באַריס האָט געוואָלט אויסשרייען, אַז נישט דאָס האָט ער געזאָגט, נאָר אַן אינער־לעכער קול האָט אים דיקטירט זיך אָפּצוהאַלטן דערפון. ער האָט בלויז געקוקט אויף דער אוקראַינערין מיט פאַרוווּנדערונג.

*

באַריס האָט נישט געהערט, ווי דער דייטש וואָס באַוואַכט אים, האָט אַ פּאָר מאָל אויפגעעפנט די טיר, און האָט אַריינגעקוקט אין צימער. ער איז געווען איצט פאַר־זונקען אין זיינע חלומות וועגן זיין היים־שטעטל. אָט זעט ער פאַר זיך זיין פאָטער און

מוטער, אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים, קלייבן זיך גיין צו כל־נדרי. באָריס ליגט אין עס־צימער אויף אַ קאַנאַפּע און דער פאָטער ווענדעט זיך צו אים מיט אַ בייזלעכער שטים: נאָך לאַנג וועסטו אַזוי ליגן, צוליב דיר וועלן מיר פאַרשפּעטיקן צו כל־נדרי. באָריס וויל זיך אויפהויבן און קען נישט, דער גאַנצער קערפּער איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, ער קען נישט רירן מיט קיין אבר. און דער חלום וועבט זיך: פון אַ זייטיקן צימער גייט אַריין די אוקראַינישע דאָלמעטשערין מיט אַ ווייס־זיידן טיכל אויפן קאָפּ, מיט אַ קליין מחזורל אין דער האַנט...

— צעטשוכע זיך, פּאַרטיזאַן, די צייט איז קורץ. אַ שטאַרקע שיין פון אַן עלעקטריש לעמפּל האָט אים אַ בליק געטאָן אין די אויגן און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די אוקראַאינערין, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען אין חלום, מיטן מחזורל, איז געשטאַנען איבער אים איינגעבויגן, און הינטער איר איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער דייטש.

— אָט דאָ האָסטו אַ קאָלדרע, האָט זי געזאָגט מיט אַ סודותפולער שטים, וועסטו זיך אויפוויקלען ווען מיר וועלן אַוועקגיין. דו וועסט גיין גלייך פאָרויס ביז עס ענדיקט זיך דער גאָרטן, דאָרט, אויף דעם שליאַך, וועל איך דיר אָפּוואַרטן.

— זאָג מיר, ווער ביסטו, פון וואַנען שטאַמסטו און ווי רופט מען דיר? איך דאַרף וויסן וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען מיין לעבן און וועמענס זיכרון איך וועל אייביק טראָגן אין האַרצן.

— נישט דו מיר, נאָר איך דיר דאַרף דאַנקבאַר זיין, וואָס דו האָסט מיר געגעבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן פון דעם גיהנום אין וועלכן איך האָב זיך געפונען אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר... איך בין אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען יידישן שניידער פון אַ קליין שטעטל אויפן דניעפּער, און מיין נאָמען איז רייזעלע אַסטערמאַן...

יאָ, יענע תקופה האָט געשאַפן פיל יידישע העלדן, פיל יידישע טעכטער וואָס האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס, בכדי אָפּצוראַטעווען אַ ייד, און פיל יידישע זין וואָס זענען גרייט געווען אויף טאָרטורן און נישט אַרויסגעגעבן דעם שונא קיין האַלב וואָרט.

באָריס גאָלדפאַרב לעבט נישט, רייזעלע אסטערמאַן איז נישטאָ, און נאָך פיל טויזנטער אַזעלכע זיינען אומגעקומען...

יהי זכרם ברוך!

די ערשטע גרופּע פון „דיאַדיאַ מישאַ" (עטלעכע און דרייסיק יידן, באַוואָפנטע מיט 1 רעוואָלווער און 2 ביקסן) איז אַוועק אויף פּאָלעסיע. אויפן וועג צווישן קלעסאָוו און ראַקיטנע איז די גרופּע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן און בלויז געציילטע האָבן זיך געראַטעוועט. די פאַרבליבענע האָבן אַ געוויסע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין וויסאָצקער ראַיאָן, אין אומגעגנט פון בילע, מילאַטש, כאָטשין (צפון־וואָלין), נעבן דאָמבראָוויץ.

...שפּעטער זענען זיי אַריבער אין זשיטאָמירער ראַיאָן, דאָרט האָט זיך די גרופּע פונאַנדערגעוואַקסן אין אַ צאָלרייכן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד א"נ „דיאַדיאַ מישאַ". דער קאָמאַנדיר אינזש. מישאַ גילדענמאַן האָט אָנגעפירט מיט דעם אָטריאַד ביז דער באַפריי־אונג און איז באַאָרדנט געוואָרן מיט די העכסטע אויסצייכענונגען פון דער רויטער אַרמיי. אינזש. מ. גילדענמאַן איז נאָך דער מלחמה געקומען קיין ישראל און דאָ נפטר געוואָרן (רעד.)

פאַרטיזאַנער דערציילן

זיבעצן יידישע פּאַרטיזאַנער, אָפּשטאַמיקע פון דאָמבראָוויץ, איצטיקע תושבים פון ישראל, האָבן זיך געטראָפן צוזאַמען און געמיינזאַם אויפגעוויקלט די מגילה פון זייער בלוטיקן און העראָישן דערנער־וועג. די זיבעצן זענען: די ברידער יצחק און סנדר פייגעלשטיין, ברוך מאַנקאָווסקי ז״ל, פנחס געניזל, יהודה צאַצקעס, פיניע פּאַרפּלמאַזע, שמחה ראָזנבערג, אַלעק אַבוגאָוו, משה קאַוזאַלאַ, חיים האַכמאַן, חיים מודריק, צוויי ברידער און זייער שוועסטער חיה לבית ר׳ חיים לאַנדוי, מאַן און פרוי יעקב און ניגאַ ראָטענבערג, ווי אויך מעניע באַרמאַן, איצט אַסטער (אַמעריקע).

עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך געטראָפן און יעדעס מאָל האָט זיך דער שמועס געצויגן שעהן־לאַנג: מערסטנס פלעגט איינער דערציילן און אַלע האָבן זיך צוגעהערט, אָבער ס׳זענען אויך געווען נישט ווינציק פאַלן ווען צוויי־דריי האָבן גערעדט אָדער אַפילו אַלע צוזאַמען. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך „אַראָפּגערעדט פונעם האַרצן״, פעסטגעשטעלט פאַקטן און נעמען אַלעמען באַקאַנטע, אויסגעגליכן געוויסע ספקות וועגן געשעענישן און אויספירן, און אַזוי אַרום אויסגעשליירט פון פאַרגעסנקייט איינעם פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער מגילה פון אומקום און גבורה פון דאָמבראָוויצער יידן.

יצחק פייגעלשטיין, דער איניציאַטאָר פון די צוזאַמענטרעפן און דער טאָנגעבער ביי די שמועסן, האָט אויך נאָטירט, אויף זיין שטייגער, דאָס אַרויסגעזאָגטע אינעם לויף פון די שמועסן און אין דער פאָרם געבראַכט דאָס מאַטעריאַל פאַרן דאָזיקן בוך. כדי אָפּצוהיטן דאָס ממשותדיקייט פונעם דאָזיקן מאַטעריאַל, ברענגען מיר אים אין זיין אייגנאַרטיקער פאָרם, אָן עיקרדיקע ענדערונגען.

ד י ר ע ד אַ ק צ י ע

א. בשותפותדיקע דערציילונגען פון יצחק און סנדר פייגעלשטיין

די אַנטלאָפענע פון טויט

מיר, די אַנטלאָפענע פון די דייטשע און אוקראַינישע הענט, בעת זיי האָבן אונדז פאַרלאָדנט אין וואַגאָנען אין דאָמבראָוויץ, מיטן ליגנערישן אויסרייד, אַז זיי פירן אונדז „אויף אַרבעט״, בלאָנקען אַרום אַ סך טעג אין דער דאָמבראָוויצער וואַלד־אויסשפּרייטונג, און מיר ווייסן שוין, אַז אונדזערע ליבע און טייערע זענען אַריינגענאַרט געוואָרן, כדי אָפּגעשיקט ווערן צו, פון פאָרויס צוגעגרייטע גריבער אין סאַרנע, און אַז דאָרט זענען זיי פריער געשלאָגן און געפּייניקט געוואָרן און צום סוף — צעשאָסן. די אַלע צעלאָפענע רעשטלעך ווערן אין וואַלד פאַרפאָלגט דורך דאָמבראָוויצער און דאָרפישע גויים וועלכע הרגענען זיי צום טויט, אָדער שלאָגן, פּייניקן און גיבן איבער צו די דייטשן, פאַר וואָס זיי באַקומען צו צוויי קילאָ זאַלץ פאַר יעדן יידישן קאָפּ. מיר קומען צום אויספיר, אַז ס׳מוז עפּעס געטאָן ווערן, אַז ס׳מוז געשאַפן ווערן אַ כוח, וואָס זאָל אָפּהאַלטן די בעסטיע פון דער מערדעריי. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? מיר זענען עלנט און פאַרשטויסן, פאַריאושט און הילפלאָז און צום ווידערשטאַנד פעלן כוחות און ווילן. ס׳איז נישטאָ קיין געווער און נישט קיין אָרגאַניזיר־כוח, אַזוי אַז עס בלייבט

נישט מער, ווי אָכצוּווּצרטן דעם מלאך־המוות. און דאָך האָבן אייניקע פון די אַנטלאָפענע יוגנטלעכע אין וואַלד נישט אַנגעוואָרן די קעפּ און אָנגעהויבן שאַפן אַרום דער דאָמ־בראָוויצער וואַלד־אויסשפּרייטונג קלייניקע ווידערשטאַנד־גרופּן פון קאַמפּס־פעיקע מענטשן פון דאָמבראָוויצער און סערניקער אָפּגעראַטעוועטע און פון דאָרפישע יידן פון דער אומגעגנט. אָט די גרופּעס האָבן גלייך אָנגעהויבן נעמען נקמה פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. מען טרעפט זיי אין דאָמבראָוויצער פליאַטערס וועלדער און אין סוואַרי־טשעוויטשער וואַלד, נעבן בילע, אויפן טייך האָרין און אויך אין אָזעריער וועלדער. מיט לייַדיקע הענט, אָן געווער, צווישן די אומענדלעכע וואַלד־בלאָטעס, אונטער פליאַ־טערס זעגמיל, און דאָרט וווהין עס קומען גויים פאַנגען ווילדע חזירים — דאָרט באַזעצן זיך דאָמבראָוויצער יידן: די ברידער ניימאַן, 3 ברידער שפּין, פּנחס געגזל, יהודה צאַצקעס, אָוסיאַנקאָ, קראָנענבערג, מאיר מודריק. מיט מעסערס שלאָגן זיי אָפּ פון אַ גוי אַן אָפּגעשניטענע רוסישע ביקס מיט קוילן, און מיט דער־אָ ביקס גייט מען ביינאַכט צו גויים, וועלכע האָבן געווער און פאַרפאָלגן יידן. מען נעמט צו ביי די־אָ גויים זייערע ביקסן און גלייך איין טאָג שפּעטער, זאָגט מען אָן אַ קאַמף אַלע דאָרפישע איינוווינער. מען דראָט זיי מיט דערשיסן, אויב זיי וועלן ווייטער פאַרפאָלגן די אַרומ־בלאָנקענדיקע יידן. די גויים באַקומען פּחד און שפּרייטן פונאַנדער לעגענדאַרישע מעשיות וועגן גרויסע באַוואָפנטע יידישע כוחות. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז די מכלומרשטע אומבאַזיגבאַרע דייטשן דערשרעקן זיך און באַווייזן זיך נישט אין וואַלד.

דאָס ביסל געווער און די ערשטע קאַמפן

צו דער גרופּע באַוואָפנטע יידן, צווישן די קאַנאַוועס, אונטער פליאַטערס זעגע־מיל דערשלאָגן זיך צוויי באַוואָפנטע רוסן — אַנטלאָפענע פון דייטשער געפאַנגענשאַפט. שפּעטער האָט מען פון זיי צרות, ווייל זיי האָבן מיטגעבערענגט נאָך רוסן. צום סוף האָט מען זיך געמוזט שטעלן מיט די ביקסן קעגן זיי און זיי לערנען דרך־ארץ. אָבער לעת־עתה, איז דער כוח שטאַרקער געוואָרן. אויך פייגעלשטיין יצחק גיט זיי איבער באַהאַל־טענע דריי רוסישע נאַגאַנעס און צוויי ביקסן מיט קוילן, נאָך אַ ירושה פון ר׳ מיכל קריוויצער, אויסגעהיטן נאָך פון צאַר ניקאָלייס צייטן. אָט דאָס געווער האָט מען אַמאָל מורא געהאַט איבערצוגעבן הן צו די פּאָליאַקן און הן צו די דייטשן, ווייל אַזאַ זאַך וואָלט געשמעקט מיט סכנות נפשות. איצט האָבן די ביקסן זיך דערוואַרט, אַז יידישע דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך מיט זיי באַנוצן. אין יענע ערשטע טעג זאָגן אָן יידישע פּאַרטיזאַנער, מיט פּנחס ניימאַן בראש, אַלע דאָרפישע גויים אַז פאַר יעדן דורך זיי אומגעבראַכטן ייד, וועלן געטויט ווערן גויים און פאַרברענט ווערן דערפער. בינתיים זענען אויף די האַרווענינצער כוטאָרעס קאָנצענטרירט אוקראַאינישע באַנדיטן. די יידישע גרופּע פאַרגנבעט זיך אַהין און ס׳פאַרבינדט זיך אַ הייסער קאַמף. זלמן שפּין ווערט פאַרווונדעט אין האַנט און ד״ר ערליך, דער געוועזענער שפּיטאָל־דאָקטאָר אין דאָמבראָוויץ און איצטיקער יידישער פּאַרטיזאַן, אָפּערירט אים, נעמט אַרויס פון זלמנס האַנט די קויל, שפּאַלט לאַנגע און דינע שפּענער און מיט זיי בינדט ער אַרום שפּינס

קראַנקע האַנט. מיט צוויי טעג שפּעטער באַקומען מיר גיפּס, דער דאָקטאָר לייגט אַריין זלמנס האַנט אין גיפּס און זי היילט זיך אויס. זלמן שפּין קעמפט נאָך אַריבער צוויי יאָר. אַזוי אַרום ווערן דאָמבראָוויצער און אַנדערע דאָרפיש̇ע גויים צוריקגעהאַלטן און די קליינע דייטשע גאַרניזאָנען האָבן מורא זיך צו באַוויַזן אין וואַלד. נאָר דאָך הייסט עס נישט, אַז דער וואַלד איז געוואָרן פריי פאַר יידן. אין צווישנצייט קומט אונטער אַ גרויזאַמער שונא: די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן, בלוטדאָרשטיקע חיות, וועלכע קענען גוט די וואַלד שטחים און פאַר זיי איז קיין שום באַהעלטעניש נישט פאַראַנען.

אָט די ווילדע אוקראַיִנישע האָרדע פירט אויס בלוטיקע מעשים איבער דאָמבראָוויצער און סערניקער שוצלאָזע אַרומבלאָנקענדיקע יידן. אָבער זיי טרעפן אָן אויף אַ באַוואָפנטן יידישן כוח, אויף יונגע העראָישע קעמפער, וועלכע שלאָגן זיי שטענדיק צוריק, פאַרניכטן, אָדער פאַריאָגן זיי.

אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד

אַ צווייטער קאָמפּאַס־פונקט איז אַנטשטאַנען אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. דאָרט האָבן לכתחילה ארומגעבלאָנקעט אַ פאַר הונדערט יידן: פּרויען, מענער און קינדער, פון וועלכע גויים האָבן שוין אַ סך אויסגעהרגעט, אָדער איבערגעגעבן צום דייטש פאַרן באַוווסטן לוין: צוויי קילאָ זאַלץ, אָדער קאַראָשקעס, און אַפילו פאַר אַ האַלבן קילאָ צוקער. דאָ הערשט אויך יאוש, אומגליק און טויט. און דאָך, כמעט אין די זעלבע טעג, אָרגאַניזירן זיך עטלעכע יידן און איין גוי, מחסידי אומות העולם, מאַקסים מסיוראַ. שפּעטער, מיט איניקע טעג, קומען צו זיי צו די דאָמבראָווצער יינגלעך, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דאָמבראָוויצער געטאָ און האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אין די בראָניצער בלאָטעס — די ברידער און שוועסטער לאַנדוי. אויך די גרופּע שטייט פאַר דער זעלבער פראַגע: ווו נעמט מען געווער? אין אָנהייב, האַקט מען אויס פון האָלץ ביקסן־סקעלעטן. אָבער, דער יונגער שמואל פורים, ווייסט ווו זיין פאָטער, עליו השלום, אַ רעוואָלוציאָנער פון די צאַרישע צייטן, אַז ער האָט באַהאַלטן אין סערניק אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. מען גייט קיין סערניק ברענגען אָט דעם רעוואָלווער און דאָס איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, ווייל אַלע סערניקער גויים זענען מערדער. חוץ דעם איז דאָרט איינקוואַרטירט אַ שטאַרקע פּאָליציי־אָפּטיילונג, וואָס איז רעקרוטירט פון די אוקראַיִנישע מערדער.

אין איינער אַ גאָר פינצטערער נאַכט ,באַלאָדן מיט די הילצערנע, מכלומרשטע ביקסן, מעסערס און העק, לאָזט מען זיך אין אַ גרופּע אַוועק קיין סערניק און מען ברענגט טאַקע אין וואַלד אַריין דעם אַלטן פורימס נאַגאַן. גייענדיק אין שטעטל אַריין, האָט יעדער געפילט, אַז אין האַרצן ברענט אַ העליש פייער און ס'איז נישטאָ וואָס אָנצוווערן. מען האָט גוט געוווּסט, אַז אָן געווער וועלן גויים דערשיסן דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע יידן. מיטן כח פון אָט דעם נאַגאַן באַקומט די גרופּע נאָך אַ פּאָר ביקסן, און אין עטלעכע טעג שפּעטער ברענגען גוישע כוטאָרעס מיט די אָנגעזאָמלטע יידיש האָב און גוטס. די ספּעציעלע יידן־כאַפּערס ווערן געהאַנגען און אַ פחד פאַלט אָן אויף אַלע רשעים. אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קלוגע העלדישע יידן, צוזאַמען מיטן גוטן און שכלדיקן גוי

מאַקסים מיסיורא, ווערט אַנגעזאָגט אַ קאַמף אַלע מערדער אין אומגעגנט. מיט בלוט און גבורה שרייבט איין די פּאַרטיזאַנער־איינהייט פון דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן, אַ בלאַט אין דער געשיכטע פון קאַמף קעגן די דייטשע אָקופּאַנטן. פון דער קליינער גרופּע וואַקסט אויס אין וואַלד אַ מעכטיקער מיליטערישער כוח. דער אַ כוח באַשטייט פון אַכציק פּראָצענט סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן, וועלכע קעמפן העלדיש און ווערן דורך כביכול געהיט איבערנאַטירלעך פון ערשטן טאָג אָן, ביזן פּאַריאָגן די דייטשן פון דאָמבראָוויצער, ראָוונער און פינסקער געביטן. צו אָט דעם מעכטיקן אָטריאַד וועט נאָך, אין דער באַשרייבונג, אויסקומען זיך אומצוקערן פיל מאָל.

אויך אין די אָזערסקער וועלדער, ווו עס בלאָנקען אַרום דאָמבראָוויצער יידן, זענען שוין איצט פאַראַן פרישע קרבנות: געמאָרדעטע, אָדער געכאַפּטע און איבער־געגעבענע צום דייטש, ווי אויך פאַרוווּנדעטע. אויך דאָ שלאָפן נישט די יוגנטלעכע און מען טוט אַלץ, כדי צו באַקומען געווער. דאָרט געפונען זיך די באַוואָפנטע ברידער ברוך און אשר מאַנקאָווסקי, משה קאַוואַלא און אויך לייבל פישמאַן. דאָס זענען קעמפער, וועלכע פאַרשרייבן אויך אַ העלדיש קאַפּיטל אין דער דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג.

נקמה־אַקטן פון ניימאַנס גרופּע

אין צווישנצייט ווייזט אַרויס דער אָזיגערופענער דאָמבראָוויצער ניימאַנס־אָטריאַד אַ שטאַרקע טעטיקייט. זיי האָבן זיך גלייך באַוואָפנט און איינגעגלידערט מער מענטשן. עס זענען צוגעקומען שמחה ראָזענבערג, טילטשין יונה, פיניע פּארפּעלמאַזע, אָוסיאַנקאַ, די דריי ברידער שיינמאַן. ד״ר ערליך איז געווען פאַרשטעקט אין דאָמבראָוויצער שפּיטאָל אין אַ שאַפע און אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ קריסטין, האָט אים געשפּייזט. זי האָט אונדז וועגן דעם געגעבן צו וויסן. מיר זענען ביינאַכט אַוועק קיין דאָמבראָוויץ און אויף די פּלייצעס האָבן מיר אים אַרויסגעטראָגן אין וואַלד אַריין, ווייל גיין האָט ער נישט געקאָנט. אויך איז צוגעקומען מודריק חיים. צוזאַמען מיט אונדזערע שותפים — פרעמדע רוסן — איז מען געוואָרן זייער אַקטיוו. די פּאַרטיזאַנער פאַרברענען די דאָמבראָוויצער פאַסט, רייסן אויף די דאָמבראָוויצער עלעקטראָווניע — די ירושה נאָך די יידן באַרמאַן. אין צענטער שטאָט פאַרברענט מען די מיל — אויך אַ ירושה פון צוויי יידישע שותפים: געגזעל־ניימאַן. מען פירט, פון איין זייט, אָפענע קאַמפן מיט דער דאָמבראָוויצער פּאָליציי, און פון דער צווייטער זייט, שלאָגט מען זיך אָפּ פון די אוקראַינישע פאַשיסטן. ס׳ווערן אַרויסגעצויגן פון זייערע היימען די אַלע, וועלכע אַרבעטן מיט מיטן דייטש און זיי ווערן געבראַכט אין וואַלד.

פנחס געגזל, יהודה צאַצקעס, שמחה ראָזענבערג און אַנדערע, האָבן געבראַכט אין וואַלד אַ גרופּע שונאי־ישראל, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויסגעטיילט דער הויפּט־מערדער פון דאָרף ליטוויץ. אָט די אַלע האָבן אין וואַלד באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר די איבערפאַלן איבער שוצלאָזע יידן. מען מאַכט אַן איבערפאַל אויפן דאָרף יאַצולי, ווו די גוים האָבן פאַרנאַרט יידן, זיי געפייניקט, געבונדן און דערנאָך זיי איבערגעגעבן

דעם דאָמבראָוויצער דייטשן גאַרניזאָן. די אַדעליקע דייטשן האָבן אויסגעצאָלט די מערדער צו צוויי קילאָ זאַלץ און שפּעטער זיי מכבד געווען מיט אויסשיסן די יידן.

אַזוי האָבן זיי פאַרנאַרט פייגעלשטייק יצחק און זיין קינד אין דאָרף און זיי פאַר־שלאָסן אין אַ שטוב. פייגעלשטייק האָט אומבאַמערקטערהייט אַרויסגענומען אַ פּענצטער און איז מיט זיין טאָכטער אַרויסגעקראָכן און זיך באַהאַלטן אין אַ גרוב הינטער אַן אַלטן בוים. די מערדער, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, האָבן געזוכט, געטומלט, אָבער פייגעלשטיין מיטן קינד האָבן זיך נישט אַרויסגערוקט. פאַר די מעשים פון די דאָרפס־לייט פאָדערן שפּעטער די פאַרטיזאַנער חשבון. ס׳ווערט אָרגאַניזירט אַן איבערפאַל אויפן פאַשיסטישן דאָרף אָזוראַ און אין דעם קאַמף פאַלט דער בעסטער קעמפער גבריאל אָווסיאַנקאַ ז״ל. אָבער אָזוראַ גייט אָפּ אין פלאַמען. גויים ווערן געשאָסן. עס פירט זיך אַ הייסער קאַמף און די אוקראַאינישע פאַשיסטן באַקומען זייער שטראָף פאַרן קדוש גבריאל אָווסיאַנקאַ.

אין שווערע גרעאַנגל־טעג, פאַרלירט די גרופּע דעם יונגן פאַרטיזאַן מודריק מאיר. דאָס געשעט אין רעזולטאַט פון דעם וואָס פון די 4 גויים, צוגעשטאַנענע צו דער גרופּע, צוזאַגנדיק אונדז געטרייע מיטאַרבעט, פאַרראַטן די גרופּע ביי דער ערשטער געלעגנהייט און מודריק מאיר קומט אום אין שרעקלעכע יסורים. די אוקראַאינישע פאַשיסטן האָבן פון אים לעבעדיקערהייט געריסן שטיקלעך, פאָדערנדיק פון אים ער זאָל אויסגעבן די ערטער פון די באַהאַלטענע יידן. אָבער מאיר איז נישט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, האָט נישט אויסגעגעבן און קומט אום העלדיש. כבוד זיין אָנדענק. דער מערדער באַקומט פון די יידישע פאַרטיזאַנער זיין שטראָף. מען פירט אויס איבער אים אַ טויט־אורטייל. אָבער מאיר מודריק שטייט נישט אויף צוריק צום לעבן.

די יידישע פאַרטיזאַנער אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד־פּונקט פון דאָמבראָוויצער געגנט זענען געווען דער יסוד פון אַ גרויסער פאַרטיזאַנער באַוועגונג. אין איר ווערן איינגעגלידערט אַלע דאָמבראָוויצער פאַרטיזאַנער יידן, און זיי פירן אָפענע קאַמפן מיט דייטשע גאַרניזאָנען. און ווען אַפילו אַט דער אָטריאַד איז שוין אַ טייל פון אַ פאַראייניקונג פון פיל פאַרטיזאַנער אָטריאַדן, בלייבט נאָך אַלץ אַט דער סוואַריטשעוויטשער אָטריאַד מיט זיינע אַכציק פּראָצענט יידן אַ הויפּט־כוח, וואָס וואַרפט אַן פחד אויף דעם געביט צווישן די טייכן הארין און סטיר און אויך אויף דער צווייטער זייט פון זייערע ברעגן, ביז הינטער פּינסק—סטאָלין און אויך אין וואָלינער געגנט.

דער יידישער פאַראַשוטיסט פון כאַרקאָוו

ס׳איז פאַראַן אַן אָרט, וואָס איז מוכן לפורעניות, און אויך — ערטער פון ניסים. און איך, יצחק, פאַרשרייב: אין יאָר 1942, אין חודש פעברואַר, די צייט פון אונדזערע גרויזאַמע איבערלעבענישן, פּחדים, יסורים און פּיק, פאַרפאַרט צו מיין שטוב אין קריוויץ, דער זאַלישינער גלח, וועלכן איך האָב געמאַכט פאַר אַ בעל־תשובה. אמת, שפּעטער דערמאָרדן אים די אוקראַינער צוליב זיין אָפּזאָגן מיטצואַרבעטן מיט זיי. אָבער איצט רוימט ער מיר איין אַ סוד: „היות אין פאַליציי־אַמט פון דאָרף אָזערסק, נעבן דאָמ־

בראָוויץ און וויסאָצק, האָט אַ פֿאַראַשוטיסט דערשאָסן דריי דייטשן און צוויי פּאָליציאַנטן, וויל מען מאַכן פֿאַראַנטוואָרטלעך די דאָמבראָוויצער און וויסאָצקער יידן. לכן, זאָלסטו זיך אויסבאַהאַלטן. איך וועל דיר איבערעגבן נאָך פרטים, נאָר פלאָפּל גאָרנישט אויס".

אויף צוויי טעג בין איך אַוועק צו גויישע שכנים און אויפֿן דריטן טאָג קומט דער גלח און גיט מיר איבער פֿאָלגנדיקס: „אין יאַנואַר פירט מען אַריין אין פּאָליציי־אַמט אַ יונגנמאַן און די פּאָליציאַנטן פֿאָדערן פֿון אים ער זאָל זיך לעגיטימירן. פּאַמעלעך שפּילעט ער פֿונאַנדער זיין לעדערנעם מאַנטל, מכלומרשט, אַרויסצונעמען זיינע דאָקו־מענטן, אָבער כהרף עין צעבלישטשעט זיך אין זיין האַנט אַ גרינג אויטאָמאַטל און מיט איין דריק פֿאַלן טויט דריי דייטשן און צוויי פּאָליציאַנטן. די איבעריקע פּאָלי־ציאַנטן, אָזערסקער און דאָמבראָוויצער שקצים, שפּרינגען אַרויס דורך די פֿענצטער. גלייך נאָך דעם קומט פֿאָר אין דאָמבראָוויץ אַ צוזאַמענטרעף פֿון סאַרנער און סטאָלינער געביטס־קאָמיסאַרן מיט זייערע אונטערגעאָרדנטע וועגן דעם פֿאַל אין אָזערסק. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דעם, אַז וויסאָצקער און דאָמבראָוויצער יידן דאַרפֿן שוין צעשאָסן ווערן. צו יענער צייט, האָבן שוין די דייטשן געהאַט אויסצושטיין צרות פֿון איבערפֿאַלן אַרום קאָרעסטין, אַרום האָמעל און אין ווילנער קאַנט. אמת, זיי האָבן נאָך נישט באַגריפֿן געגנוג די באַדייטונג דערפֿון, און דער סאַרנער געביטס־קאָמיסאַר האָט געזאָגט, „אַז מען מוז זיין פֿאָרזיכטיק און אויסבאַהאַלטן פֿון דער באַפֿעלקערונג אָט דעם פֿאַקט, אַז איין מענטש זאָל אין מיטן העלן טאָג קאָנען אויספֿירן אין פּאָליציי־אַמט אַזאַ געלונגענעם איבערפֿאַל". „זיי שעמען זיך, — זאָגט מיר דער גלח — און זענען צעטומלט. אַזוי אַרום קענסטו זיין רואיק אין שטוב".

שפּעטער דערוויסן זיך אונדזערע פּאַרטיזאַנער פֿאָלגנדיקס: אָט דער איבערפֿאַלער איז געווען אַ פֿאַראַשוטיסט, אַ ייד פֿון כאַרקאָוו, און האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו אָרגאַ־ניזירן פּאַרטיזאַנער. זיין פֿאַרבינדלער, אַן אָזערסקער גוי, האָט אים אויסגעגעבן און בעתן שלאָפֿן, האָט מען אים גענומען פֿון זיין וואַלד־בײדל. דעם פֿאַררעטער האָבן די פּאַרטיזאַנער שפּעטער געשאָסן.

אין יענעם אָזערסקער אור־וואַלד קאָנצענטרירן זיך דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן און הייבן אָן פֿאָדערן חשבון פֿון די גוים, וועלכע האָבן געהאָלפֿן דעם דייטש אויס־שעכטן די יידן פֿון דעם גאַנצן אַרום. איניקע פֿון זיי האָט מען שוין אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט... זייערע הייזער און זייערע שפּייכלערס, אָנגעפּראָפּט מיט יידיש האָב און גוטס, האָט מען פֿאַרברענט. דאָרפֿישע קאָאָפּעראַטיוון זענען צעקלאַפּט געוואָרן. די אָזערסקער סמאָלאַרניע מיט אַלץ צוזאַמען איז אַוועק מיט פֿייער. די דאָמבראָוויצער גויים און די דאָרפֿישע פּויערים ווערן צעטומלט און אָנגעשראָקן. צו יענער צייט דער־לאַנג איך זיך בין השמשות צו אַ גוי אויף די טריפּיטנער כוטאָרעס און זאָג צו אים: „ניטשיפאָר, גיב עפּעס פֿאַר מיין הונגעריקער משפּחה". ביים גוי טרייסלען זיך די הענט פֿון פּחד. ער שיט אָן וויסינקע טאָרבעס מעל און גרויפּן. ער גיט פֿלייש, חזיר, אוגערקעס און קאַרטאָפֿל. און דער גוי זאָגט צו מיר: „איך וועל עס דיר צופֿירן ביזן וואַלד. נאַ דיר קליידלעך פֿאַר די קינדער, אָט האָסטו העמדער און זיי ביי די פּאַרטיזאַ־

נער אַ מליץ יושר פאַר מיר". און ער גיט צו: „ס'איז עק וועלט. פריער האָבן די דייטשן מיט אונדזערע כלאַפּצעס צעממיתט די יידן, איצטער כאַפּן די פאַרטיזאַנער אונדזערע ברידער און הרגענען זיי. ס'איז שלעכט, ברודער, ראַטוי! יאָ, און ווייסטו וועך עס טוט דאָס אַלץ? אַט דער ניימאַנטשיק און פינקעס גענזל און נאָך יידן. הער, אַפילו די דייטשן באַהאַלטן זיך אויס!". „אין דאָרף אָזערסק ווידער — קלאָגט דער גוי פאַר מיר — האָבן גאָר לעצטנס די קראַסנאָטשיקעס געהרגעט צוויי בעלי־בתים. געטאָן האָבן עס משה קאָוואַלאָ און די ברידער לאַנדאַו." פרעג איך אים: „ניטשיפּאַרקאָ, אפשר ווייסטו פאַרוואָס האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער געטון אַזאַ שרעקלעכע זאַך?" ענטפערט ער: „מען האָט דערשטיקט אַ קליינעם זשידיאַנאָק. ס'איז טאַקע אַן עולה צו כאַפּן אַ ייד אין וואַלד און אים דערשטיקן, אָבער אין מיטן טאָג אַוועגלייגן צוויי בעלי־בתים!! און דערצו ברענט מען נאָך די הייזער! ממש, עק וועלט. עק וועלט! מען קומט בייִנאַכט קיין דאָמבראָוויץ און מען נעמט וואָס מען וויל. דו הערסט? פון דער נייער גאַס האָבן די פאַרטיזאַנער אויסגערייניקט אַלע הייזער און צעיאָגט די בעלי־בתים נאַקעטע. ברודער איצוי, אַן אומגליק, אַן אומגליק!"

דער נס ביי דער גרעבליע

אין יענער צייט ווענדן זיך ליטוויצער גויים צו די דאָמבראָוויצער דייטשן און בעטן עס זאָל קומען אַן עקספּעדיציע צו פאַרניכטן די יידן. די כוטאָראַנצעס אַרום סערניק, וואָס האָבן פּחד פאַר סוואָריטשעוויטשער יידישע פּאַרטיזאַנער, זוכן הילף ביים סטאַלינער געביטס־קאָמיסאַר, און אַ ס.ס.־אָפּטיילונג גייט אַרויס פון סטאָלין אָנגרייפן דעם סוואָרי־טשעוויטשער וואַלד, מיטן ציל צו פאַרניכטן די פאָר צענדליק יידישע פאַרטיזאַנער. די גויים ווייסן גענוי די צאָל פאַרטיזאַנער און אויך וועגן זייער שוואַכע באַוואָפענונג. זיי ווייסן אויך וועגן די אלמנות און יתומים אין וואַלד און באַשליסן אַז דאָס רעשטל יידן פון דאָמבראָוויץ און סערניק מוז פאַרניכטעט ווערן. אָבער דער באַשעפער האָט געוואָלט לאָזן אַ שארית פון די אומגעבראַכטע יידישע קהילות און עס געשעט אַ נס, ממש, בבחינת „נס גדול היה שם".

צו יענער צייט רייסט זיך אויף מזרח אַ קליינער אָטריאַד פאַרטיזאַנער, געוועזענע רויטע־אַרמייער, וועלכע האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון פּלען. זיי זענען גוט באַוואָפנט און אויך גוט אויסגעשולט. זיי מאַנעווּרירן גוט און ווילן זיך דערגרייכן צום פראָנט. נישט ווייסנדיק גאָר, טרעפן זיי זיך אָן, בסך־הכל אַ האַלבן קילאָמעטער פון אונדז, אויף די סטאַלינער ס.ס., וועלכע וואָלטן געוויס אונדז אַלעמען געוווען אויסגעשאָכטן. פּלוצלינג דערהערן מיר אַ געוואַלדיק שיסעריי. מיר זענען צעטומלט און פאַרנעמען פּאָזיציעס צום אָפּשלאָגן זיך. די פרויען און קינדער לויפן אין די בלאָטעס אַריין. דער דעמאָלט־דיקער נצחון פון אָט דעם קליינעם אָטריאַד איז אַ באַדייטנדיקער. ווען זייערע אויסשפּירער דערזען די דייטשן אויף דער גרעבליע, גיבן זיי איבער דער אָנפירערשאַפט וועגן דעם און גלייך לאָזט מען זיך צו נאָענט צו זיי. די פאַרטיזאַנער עפענען אַ פייער פון מאַשין־געווער און האַנט־גראַנאַטן און זיי מאַכן אָן אַ חורבן ביי די דייטשן. דער פאַרטרעטער

פון געביטס־קאָמיסאַר, די אַלע ס.ס.־אָפיצירן וועלכע האָבן געוווּסט, אַז אין וואַלד איז פאַראַן אַ נישטיקער יידישער כוח, זענען געפאַרן די ערשטע און אַלע האָבן געפונען דעם טויט. צענדליקער געסטאַפּאָווצעס זענען געבליבן ליגן צעריסענע און פאַרווונדעטע. שטיקלעך קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אין מיטן וועג. די פורן זענען געבליבן צע־שמעטערטע און אַרום זיי — פּגרים־נבלות. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן. די גוישע אונטערפירער האָט מען אין סטאָלין געהאַנגען און דאָס ביסעלע יידן אין וואַלד האָבן געזאָגט „גאָט האָט צוריקגעקערט זיין פּנים צו אונדז, און מיר ווערן געטרייסט און דערמוטיקט צום קאַמף“.

נאָך אַ פּאָר טעג פון זיין צוזאַמען מיטן רוסישן אָטריאַד, באַקומענדיק פון זיי פאַר־שידענע אָנווייזונגען, ציט זיך אָט דער קעמפערישער אָטריאַד אַוועק. בלויז איניקע פון זיי בלייבן מיט אונדזערע יידישע פּאַרטיזאַנער אין סוואָריטשעוויטשער וואַלד, צוואַנ־ציק קילאָמעטער פון חרוב געוואָרענעם יידישן דאָמבראָוויץ. די פרייש צוגעקומענע זענען אויסגעשולטע און אויסגעפּרוּווטע אין קאַמפן קעגן דייטש. צווישן זיי טיילט זיך באַזונדער אויס דער אָדעסער ייד און דאָמבראָוויצער איידעם, דער מאַן פון ר׳ חיים לאַנדוי׳ס איניקל, די פּאַרטיזאַנקע חיה, אַליק אַבוגאָוו.

אָט די קליינע גרופּע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן פאַרצייכנט אַ שיין העראָיש קאַפּיטל אין דער צייט פון 10טן נאָוועמבער 1942. זי נעמט אין שוץ די בלאָנקענדיקע יידן, נעמט נקמה פאַר די אומגעקומענע, פירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן בלוטיקן מערדער אויף אַלע וועגן און שטעגן. די יידן פון דער גרופּע נעמען אויך חשבון פון די גויים וועלכע האָבן געהאָלפן דעם דייטש.

אָט די קליינע גרופּע גלידערט אין זיך איין נאָך און נאָך יידן, ווי אויך גויים און ס׳וואַקסט אויס אַ מעכטיקער אָטריאַד וואָס וואַרפט אַן פּחד אויף די דייטשן אויף אַ שטח פון צענדליקער קילאָמעטער. ס׳ווערן דורכגעפירט געלונגענע איבערפאַלן: אויף דער פּאָליציי, ביי וועלכע מען נעמט צו זייער געווער; אויף די געוועזענע פּריצישע ווירטשאַפטן וואָס זענען איצט דאָס אייגנטום פון די דייטשן, און אויף די קליינע ס.ס.־גאַרניזאָנען אין די אַרומיקע שטעטלעך.

קאַמפן קעגן די „בולבאָווצעס“

אין צווישנצייט שלאָפט נישט די צווייטע גרופּע דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער, וואָס איז אונטערן טאַרטאַק, נעבן ווינטשאַוועק. אויף זייער גורל פאַלט אויס צו פירן קאַמפן מיט די אוקראַינישע באַנדעס. ווי גוטע, קלוגע גויים האָבן געשמועסט, האָט דאַן דער דייטש זיך סומך געווען אויף די אוקראַינישע באַנדעס, אַז זיי וועלן ליקווידירן די פּאַר־טיזאַנער. ווייל דעמאָלט האָבן די סאַרנער און דאָמבראָוויצער דייטשן, מיט די פּאָליציאַנטן, אויפגעהערט צו זיין אַגרעסיוו און כמעט ווי זיך פאַרשטעקט. אָט די באַנדעס, באַלאָדנט מיט גוט דייטש געווער, גרייפן אָן די יידישע גרופּע און עס קומען פּאָר שווערע און גרויליקע פאַרמעסטן. די־אָ יידישע גרופּע האָט זיך דאַן צעטיילט און איין צענדליק האָט געמאַכט אַ נעסט טיף אין די בלאָטעס אויף אַ קליין אינדזל, אַרומגערינגלט מיט

הונדערטיאָריקע סאָסנעס און אַלטע דעמבעס. פון יענעם אָרט פירט זיי אַרויס יצחק פייגעל־שטיין צו די דערפער, צו די רשעים וואָס אַרבעטן מיטן דייטש, און אין אַ שבת־צו־נאַכטס גייען מיר קיין טריפּיטניע, ווו מיר טרעפן שיקסעס און יונגע גויעס אַרומגעבונדענע אין לענטעס, באַהאַנגען אין שנורן פּאַטשערקעס. די שקצים — אין ברייטע הויזן אַריבער־געוואָרפן איבער די שטיוול. בערך אַ 150 מאַן. דער צענדליק פּאַרטיזאַנער גייט איבערן דאָרף מיט די אַנגעלאָדענע ביקסן אין די הענט, באַהאַנגען מיט גראַנאַטן. דער אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנער גרופּע, דער רוס מאַסליוק, זאָגט צו די שקצים: „נו, ברידער, מיר קומען צו אייך אין שליחות פון די פּאַרטיזאַנער מיט פרידלעכע פאָרשלאַגן, ווי פון ברידער צו פריינד. זאָל אייך זיין קלאָר, אַז אונדזער אַלעמענס שונא איז דער דייטש וואָס מאָרדעט און רויבט און שענדעט אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן. צו וואָס שפּילט איר זיך מיט פייער?“ אויף זיינע רייד קומט אַן ענטפער: „אויב עס זענען דאָ יידן און ליאַכן אין אייערע רייען, זענען מיר נישט קיין ברידער. אַ טויט די יידן! מיר'ן נאָך באַקומען ניימאַנטשיקן און שינדן לעבעדיקערהייט זיין הויט“.

פון דאָרט זענען מיר אַוועק אין דאָרף ראַן און זיי געוואָרנט, „אַז פאַר בולבאָווסקע טעטיקייט וועלן מיר הענגען און ברענען. די פעלקער פון רוסלאַנד גייען אָפּ אין בלוט — האָבן מיר געטענהט — און איר העלפט דעם דייטש?! זייט וויסן, אַז מיר זענען נישט אַליין. הונדערטער און טויזנטער אַנטלאָפענע פון מערדערישן, דייטשן פלען, שטייען באַוואָפנט, און ווען איר וועט פאַרניכטן אונדזער גרופּע, וועיל מען רעדט אייך איין, אַז דאָס זענען יידן, וועלן זיך וואַרפן אויף אייך גאַנצע דיוויזיעס און מען וועט אייך צעטרעטן. מיר, פּאַרטיזאַנער, דאַרפן נישט אייער הילף. מיר זענען דאָ גענוג. אָבער, טאַקע אָט די באַוואָפנטע יידן וועלן פון אייך פאָדערן חשבון. מיר פאַרלאַנגען דעריבער איר זאָלט זיצן רויק, נישט העלפן דעם שונא און מיר וועלן אונדזער כוח אָנווענדן נאָר קעגן דייטש, צוליב וואָס ער וועט אייך מוזן לאָזן צורו.“

אָבער דווקא די צוויי דערפער זענען געוואָרן דער צענטראַל־צוזאַמענטרעף פון די בולבאָוצעס. ס'איז אמת, אַז אַ ביסל שפּעטער האָבן אונדזערע פּאַרטיזאַנער אונטער־געצונדן אָט די דערפער, געשאָסן און געהאַנגען, אָבער די בולבאָוצעס זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און מיט זיי האָט אָנגעפירט דעם גלחס זינדל, דער בלוטיקער סאַשקאַ. זיינע מענטשן זענען געווען גוט באַוואָפנט און האָבן אונדז פיל צרות אָנגעטון. די ערשטע קאַמפן טראָגט טאַקע אויס אויף זיינע פּלייצעס אָט דער קליינער יידישער פּאַרטיזאַנער אָטריאַד פון נעבן דעם טאַרטאַק.

דייטשע ליגנס וועגן די פּאַרטיזאַנער

מיר באַקומען סאַרנער בלעטלעך, אין וועלכע עס איז באַשריבן ווי אַזוי ס'איז פאַר־ניכטעט געוואָרן אַ זשידאָ־באַנדיטסקער פּאַרטיזאַנען־נעסט, און אַז ערגעץ אַנדערש האָט מען גענומען לעבעדיקע אַלע זשידאָ־באַנדיטן און די באַפעלקערונג האָט זיי גע־לינטשעט. אונדז ווערט קלאָר, אַז די פּאָלעסיער וועלדער זענען אָנגעפילט מיט פּאַרטי־זאַנער און אַז די אַלע באַרימערייען פון ליקווידאַציעס, פון לינטש — זענען איין גרויסער

שקר. אַט למשל, גייען אַוועק סוואַריטשעוויטשער יידישע פּאַרטיזאַנער קיין וויסאָצק: לייגן אונטער אַ באָמבע אין דער ראַדע, אין דער נאַכט ווען צומאָרגנס דאַרף קומען פון סטאָלין דער געביטס־קאָמיסאַר מיט דייטשן. אונדזער חברה קומט צוריק אין וואַלד אומבאַשע־דיקט. די באָמבע רייסט אויף, ס׳קומען אום דייטשן, פּאָליציאַנטן מיט זייער שעף, און אין אייניקע טעג שפּעטער ברענגט מיר יורקאַ עליו השלום (ער איז געווען מחסידי אומות העולם, און די בולבאָווצעס האָבן אים מיט זיין זון שפּעטער דערשטיקט. כבוד זיין אָנדענק) דאָס סאַרנער בלעטל, ווו ס׳איז געשריבן: „אין דעצעמבער 1942 האָבן סאָוויעטישע פּאַראַשוטיסטן דורכגעפירט אין וויסאָצק דיווערסיע־אַקטן. דאָס רוב איז געכאַפּט און פאַרטיליקט געוואָרן. די אוקראַינישע באַפעלקערונג דאַרף העלפן כאַפּן די איבעריקע". יורקאַ דערציילט מיר, אַז דאָס האָבן געמאַכט דאָמבראָוויצער און סער־ניקער יידן, וועלכע זענען בשלום צוריקגעקומען אין וואַלד און אַז פּאָליציאַנטן און דייטשן זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אין אַלע אַרומיקע וועלדער זענען דאָ פיל פּאַרטיזאַנער. זייענדיק אין פּוילישן דאָרף בערעזינאַ, דערוויסן מיר זיך, אַז אין דאָרף וויטשעווקע האָבן גויים געכאַפּט אַ יידישן פּאַרטיזאַן, צוגעבונדן זיין קאָפּ צום עק פון אַ פערד און דער שעף פון די סערניקער דייטשן האָט רייטנדיק אויף אים געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ, און דער ייד איז אומגעקומען מיט אַ מיתה משונה. אויך דערציילן בערעזינער פּאָליאַקן, אַז אין בוטאָוווע האָבן די דייטשן אָפּגעוואַרט די סוואַריטשעוויטשער יידישע פּאַרטיזאַנער, פאַרפירט מיט זיי אַ קאַמף אין וועלכן די דייטשן האָבן געכאַפּט גוטע קלעפּ, פיל געסטאַפּאָווצעס זענען אומגעקומען. די פּגרים וואַלגערן זיך און הינט גריזשען זיי. אויך די הינטישע גויים, וועלכע האָבן אונטערגעזאָגט, אַז די פּאַרטיזאַנער קומען קיין בוטאָווע, זענען געהאָנגען געוואָרן און ערשט דערנאָך זענען די פּאַרטיזאַנער אַוועק צוריק אין וואַלד. אין אייניקע טעג שפּעטער איז געקומען אַ דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע און פאַרכאַפּט בערך צוואַנציק גויעטעס, ווייל די מענער זענען זיך צעלאָפן. די דייטשן האָבן פאַריאָגט די פרויען אין אַ שטאַל און זיי לעבעדיקערהייט פאַרברענט. נאָך דעם האָבן אַלע בוטאָווער גויים זיך איינגעגלידערט אין די פּאַרטיזאַנער. אויך הערן מיר, אַז נעבן דער סטאַנציע אודריצק איז אַ גאַנץ דאָרף אויפגעשטאַנען קעגן די דייטשן, זיי פאַריאָגט, צוגענומען דעם גאַנצן אַרסענאַל פון גאַרניזאָן און אַלע זענען אַוועק אין די בלאָטיקע וועלדער און ווען פון לוניבעץ איז געקומען אַ גרעסער אָפּטיילונג דייטשן כדי צו באַשטראָפן די גויים פון דאָרף, האָבן די פּאַרטיזאַנער זיי פאַרנאַרט אין זומפּיקן וואַלד און זיי אויסגעראָטן, אַזוי, אַז אַ קליין רעשטל פון זיי איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן.

די פּאָליאַקן עצהנען אונדז צו גיין קיין סוואַריטשעוויטש, ווייל דאָרט איז דאָס נייע יידישע מאָסקווע. די פּאָליאַקן ווייסן גענוי אַלע נעמען פון די דאָמבראָוויצער יידישע קעמפער. אין יענע טעג קומען פאַר אָפטע קאַמפן כמעט בלויז מיט די נאַציאָנאַליסטן, ווייל דער דייטש מיט זיין מערדערלעכער גוישער פּאָליציי האָבן זיך פאַרטאַיעט.

אין יענער צייט הערן מיר וועגן גרויסע פּאַרטיזאַנער־אײנהייטן. אייניקע גויים דערציילן אונדז וועגן דעם מיט פרייד, און גיבן צו: „זייער גיך וועט איר אַרויסגיין פון

וואַלד. מען וועט נאָכיאָגן דעם דייטש, פונקט אַזוי, ווי ער פאַרפאָלגט אייך". מען זאָגט מיר, אַז פון דער אַנדערער זייט פון טייך סלוטש שטייט אַ גרויסער פאַרטיזאַנער־כוח, א. נ. „באַטיאַוצעס". פון דער אַנדערער זייט פון טייך סטיר, זאָגן גויים, שטייען פאַר־טיזאַנער־מאַסן וועמענס קאָמאַנדיר עס איז דער ייִד דיאַדיאַ פעטיאַ. מיר הערן וועגן אַ גרויסער פאַרטיזאַנער־איינהייט פון וואָלינער ייִדן, מיט וועלכע עס פירט אָן דער ייִד דיאַדיאַ מישאַ. די פּאָליציי אין די דערפער איז געוואָרן פאַרניכטעט, אָדער זיך צעלאָפן. קיין דייטשן באַווייזן זיך נישט. הכלל — משיח'ס צייטן. אָבער עס הייבן אָן זיך באַווייזן און לאָזן פון זיך הערן די בולבאַוצעס, וואָס שוין אין די ערשטע טעג פון זייער טעטיקייט דערפילן מיר, אַז דאָס איז אַ געוואַלדיקע פּלאָג. סוף דעצעמבער 1942 זענען שוין דאָ געפאַלענע דאָמבראָוויצער פאַרטיזאַנער: אָוסיאַנקאָ גבריאל און מודריק. אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד הערן מיר וועגן דריי קרבנות און מיר וויסן נישט זייערע נעמען.

אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1943, ווען דער ווינטער האָט זיך געשטאַרקט, האָט די אוקראַיִנישע באַוועגונג אַרומגענומען דאָמבראָוויץ און כמעט אַלע אירע דערפער. איך ווער אָן פון אויג די פאַרטיזאַנער. איך קען אָבער די מענטשן פון די פאַרמאַסקירטע פאַרטיזאַנישע רעזערוו־גרופּעס. אין אָזערסק און אין זאַמראָטשעניע זענען דאָ אַזעלכע גרופּעס. מיין גוי יורקאָ קומט מיט זיי אין באַרירונג. איך דערוויס זיך, אַז אַלע פאַר־טיזאַנער זענען קאָנצענטרירט אין אָזערסקער בלאָטעס. די אַלע דאָמבראָוויצער פון סוואַריטשעוויטשער אָטריאַד זענען אויך אין אָזערסק. דער אָטריאַד איז גוט אָרגאַניזירט און געטיילט אויף קלענערע גרופּן, יוגנטלעכע גויים זענען אויך איינגעגלידערט אין אים. דער דאָמינירנדיקער כוח, אין טאַט און אויך אין ראַט, זענען אָבער די ייִדן און זייערע ייִדישע קאָמאַנדירן. מיטן אָטריאַד פירט אָן דער הויפּט־קאָמאַנדיר מאַקסים מיסיוראַ. צו מיר פאַלן אַריין פינסקער און סאַרנער בלעטלעך, וועלכע שרייבן וועגן סוואַריטשעוויטשער ייִדן און ציגיינער־באַנדעס, אָנגעפירט דורך ייִדישע קאָמיסאַרן און אַז זיי וווינען אין טיפע היילן און באַקומען אינסטרוקציעס דירעקט פון מאָסקווע. די באַפעלקערונג ווערט דעריבער גערופן צו וואַכזאַמקייט און צו העלפן דער דייטשער מאַכט אויסראָטן די ייִדישע פעסט.

און אינצווישן טראָגן זיך אַדורך איבער דאָמבראָוויץ — ווי אַ הוראַגאַן — די „באַטיאַוצעס"־אָטריאַדן און עס קריכן אַרויס פון באַהעלטעניש לייבע בערמאַנס זון און אייניקל און גייען אַוועק מיט די פאַרטיזאַנער. אויך גייען אַדורך קאָוופּאַקס גרויסע אָטריאַדן און שטעלן זיך אָפּ אין דובער, אין זעלינער, דאָברויסקער דערפער און אין בילע, נעבן טייך סטיר. זייערע אויסשפּירער שפּאַרן אָן פון איין זייט ביז סטאָלין און פון דער צווייטער זייט ביז ראַפּאַלאָווקע און מאַראָטשנע און אויך ביז סאַרנע. חוץ זיי מאַרשירן אַדורך אַנדערע פאַרטיזאַנער־איינהייטן. מען זאָגט, אַז דאָס זענען די סאַבאַ־ראָוצעס און צווישן זיי איז דאָ אַ גרופּע, וועלכע האָט מיט אַכצן יאָר צוריק, אין די ערשטע יאָרן פון פּוילנס אַנטשטייק, איבערגענומען דעם לוקסוס־צוג פון די פּוילישע וואָיעוואָדעס, און אויף דער סטאַנציע בילע, נעבן דאָמבראָוויץ, אים אָראָפּגעפירט אויפן

טופיק און די וואָיעוואָדעס האָבן געכאַפּט פּשוטע שמיץ. ווי מען דערציילט, איז דער דעמאָלטיקער אָנפירער מיכאַ־מיכאַלסקי, איצט אויך אין די סאָבאָראָווצעס.

אַ שמועס מיט ברוך מאַנקאָווסקי

עס איז די צייט נאָך דעם דייטשס מפּלה אין סטאַלינגראַד. שוואַרצע פּענער זענען אַרויסגעהאַנגען אויף אַלע דייטשע קאָמענדאַטורעס אין דאָמבראָוויץ און וולאָדימירעץ, און גוים זאָגן, אַז די דייטשן גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אין די־אָ טעג דוכט זיך, אַז די שוואַרצע כמאַרעס גייען זיך פונאַנדער. עס קלעמט ביים האַרץ פון ווייטאָג. פאַר אונדזערע ווינענדיקע אויגן שפּרייט זיך אויס דער גרויזאַמער חורבן און מען טראַכט, אַז אויב די גאולה וועט טאַקע קומען, וואָס וועלן מיר, דאָס רעשטעלע צעבראָכענע, אומגליקלעכע וואַלד־יידן, צווישן זיי אלמנות און יתומים, מאַכן מיט אָט דער פינצטערער, פאַר אונדז, גאולה? נאָר מען קען לאַנג נישט אַריינטראַכטן, ווייל אָט באַקומען מיר ידיעות וועגן פרישע וואַלד־קרבנות, אומגעבראַכטע דורך די בולבאָווצעס.

דאָס זענען טעג ווען צו אונדז דערגרייכט אַ ידיעה וועגן גבורה־אַקטן פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין אומגעגנט, אָבער מיר קענען נישט קאָנטראָלירן זייער אידענטישקייט. ערשט שפּעטער באַגעגענען מיר זיך איבער די וואַלד־וועגן מיט אַ גרופּע דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער, פאַר וועלכע איך דערשרעק זיך ממש ביז טויט, און זיי נעמען מיך אָן פאַר אַ בולבאָווסקן שפּיאָן, רינגלען מיך אַרום און האַלטן זייערע ביקסן אויף די מוש־קעס קעגן מיר (זייער אויסזען איז אין מיינע אויגן נישט פון מענטשן מן הישוב, נאָר ווי פון מאָנסטערס), ביז איינער שרייט אויס: „אוי, ר׳ איציק!", און מיר דערקענען זיך.

ביי יענעם צוזאַמענטרעף דערציילט מיר ברוך מאַנקאָווסקי די פאָלגנדיקע פּרטים:

אַ קאָלאָנע פּאָליציי האָט זיך געווענדעט צו די פּאַרטיזאַנער מיט אַ פּאָרשלאָג: פאַרראַטן די דייטשן און איבערצוגיין צו פּאַרטיזאַנער טעטיקייט. זיי גראָבן זיך איין אין די אָזערסקער בלאָטעס, נעבן די יידישע פּאַרטיזאַנער. אין יענע מינוטן דער־קענען מיר דעם שונא פון ווען עס זענען געפאַלן אונדזערע ליבע און טייערע, און מיר ווייסן, אַז זייערע הענט זענען איינגעטונקען אין פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. מיר האָבן דאָס געפיל, אַז נאָך איצט נעסטיקט אין זייערע רוצחישע הערצער די שנאה צו אונדז און אַז געוויס קומען זיי מיט שלעכטע מחשבות. מיר, יידישע פּאַרטיזאַנער ווערן זיך און זענען נישט מסכים צו האָבן אָט די רשעים פאַר שכנים. אָבער, זייערע רייד זענען צוקער־זיס. זייערע פאַרגעלייגטע פּלענער ווי וויסער פון אַלע דייטשע באַזעס און זייערע שוואַכקייטן, לאָקן אונדזערע רוסישע חברים. נאָך אַ שיקול הדעת גלידערן מיר זיי איין און באַזעצן זיי אין וואַלד, נעבן די יידן. מיר טראַכטן: אפשר זענען זיי באמת געוואָרן בעלי־תשובה און מיר נייטיקן זיך דאָך אין פריינד.

אין איינעם אַ טאָג געשעט, אַז מיר נעמען איבער אַ בריוו פון דייטשן וויסאָצקער גאַרניזאָן, אַז ס׳איז שוין צייט צו מאַכן דעם אָפּגערעדטן איבערפאַל און פאַרניכטן די זשידאָ־קאָמונאַ. אונדז איז שוין געווען קלאָר וואָס די באַנדיטן ווילן דאָ מאַכן. וואָס זשע טוען מיר? די יידישע פּאַרטיזאַנער וואַרפן זיך אויף די פּאָליציסטן־

רוצחים און פאַרניכטן פון זיי פופציק באַנדיטן מיט זייער קאָמאַנדיר — אַ געוועזענער סאָטניק אין די דעניקאָוועצעס, מיט אַן אַלטן סטאַזש פון פאַרגאָסן יידיש בלוט. אַ פּאָר צענדליק פון זיי צעלויפן זיך, איבערלאָזנדיק זייער גאַנץ געווער, וואָס איז צו יענער צייט אַ געוואַלדיק פאַרמעגן. נאָך דער מפּלה, שיקט אונטער דער דייטש אַ גרעסערע שטראָף־עקספּעדיציע, געפירט דורך גויים, אונדזערע מכלומרשטע פאַרבינדלער, וועלכע פאַרראַטן אונדז, און ווייסן געגוי, אַז מיר זענען אַוועק פון דעם אָרט ווו מיר האָבן אויסגעהרגעט די פּאָליציי־לייט און מיר געפינען זיך טיפער אַ צען קילאָמעטער אין די בלאָטעס. אויך ווייסן אונדזערע פאַרבינדלער, אַז אונדזערע הויפּט־אָנפירער: אבוגאָוו אַליק, זילבערפאַרב נחמן און באַקאַלטשוק אפרים, זענען אויף דיוועריסיע נעבן דער באַן־ליניע. זייער חשבון איז, אַז ס'איז די ריכטיקע צייט צו קענען אונדז פאַרניכטן.

דער אומענדלעכער זומפּיקער וואַלד איז אונדזער פריינד און באַשיצער, און כביכול היט אונדז און מיר זענען מקדש שם שמים אין אונדזער הילפלאָזער לאַגע. מיר ווייסן, אַז די עקספּעדיציע מוז אָנקומען פון דער טרוקענער זייט, ווייל די אַדעליקע ס.ס.־לייט וועלן דאָך נישט אַריינדרינגען אין וואַלד דורך זומפּיקן שטח. ווען אונדזערע וואַכזאַמע פאַרפּאָסטנס אין די ראַנדן פון וואַלד, ביי דער טרוקענער אויסשפּרייטונג, האָבן באַמערקט דעם שונא׳ס אויסשפּירער, גיבן זיי אונדז גלייך צו ווייסן. ברוך מאַנקאָווסקי, זכרונו לברכה, פון דאָמבראָוויץ נעמט איבער די קאָמענדע און כהרף עין זענען מיר איינגעגראָבענע, שוין דוקא ביים ראַנד פון וואַלד. ברוך פירט אָן, שטייענדיק פאָרויס, דער ערשטער. ער לאָזט זיי צו נאָענט און גלייך פאַרשיטן זיי די פאַרטיזאַנער מיט האַנט־גראַנאַטן און מיט קוילן פון מאַשין־געווער. פון אונטער אונדזערע שוץ־בערגלעך און וואַלד־ביימער זעען מיר זייער צעמישונג. אין דער שלאַכט בלייבן אַ צוואַנציק פון זיי ליגן טויט און מיר, געדעקטע אין די גראָבנס, האָבן קיין איין אבידה נישט. די איניציאַטיוו גייט איבער אין אונדזערע הענט. אָבער, מיר באַמערקן, אַז מיט זייער פּילצאָליקן כוח ווילן זיי אונדז אַרומרינגלען, אַז אַ פּאָר הונדערט פּאָליציאַנטן קריכן אונדז אַרום אין די בלאָטעס און פון דער יבשה גרייפן אונדז אָן אַ הונדערט דייטשן. אונדזער לאַגע אין יענע מינוטן דיקטירט אונדז צו טון אויסערגעוויינלעכעס. מיר באַוואַרפן די דייטשע רייען מיט האַנט־גראַנאַטן — די ירושה פון דער פריערדיקער פּאָליציי — און זיי לייגן זיך ווי שטרוי נאָך אַ רעגן, ביז זיי טרעטן אָפּ. דאַן ווענדן מיר אָן אַ שטאַרקן פייער אויף די פלאַנגען, און די פּאָליציי ווערט אויך שיטערער און מיר ציען זיך אַרויס פון אַרומרינגלונג, טיפער אַריין אין די בלאָטעס, אָן איין קרבן. און ברוך דערציילט ווייטער: „ווען מיר באַמערקן, אַז ס'פעלן אונדז צוויי יתומים, קריכט משה לאַנדוי צוריק און ברענגט זיי פאַרחלשטע". ברוך פירט אויס: „ר' איציק, אין דעם קאַמף האָבן אונדזערע אומגעקומענע הייליקע עלטערן און פריינד אונדז געהאָלפן".

אָט די לעצטע קאַמפן, די מעשה וועגן דער פאַרניכטונג פון די פאַרשטעלטע ווייסאַצקער פּאָליציי מיט זייער קאָמענדאַנט דעם אַרכי־רשע און אַמאָליקער פּאָגראָמשטשיק, ווי אויך דער קאַמף מיט די דייטשן און די פרישע פּאָליציאַנטן, מאַכן אַ געוואַלדיקן רושם אויף דער גאַנצער באַפעלקרונג. צו יענער צייט באַגעגן איך גויים, זייער צופרי־

דענע און באַגייסטערטע, וועלכע גיבן מיר איבער, אַז די דאָמבראָוויצער פּאָליציי איז דערשלאָגן און אַ סך פון זיי זאָגן זיך אַרויס, אַז זיי גייען נישט אין ריכטיקן וועג. ווי עס זעט אויס, האָט מען צו טון מיט אַ שטאַרק אויסגעשולטן כח, מיט גענישאָלער טאַקטיק און סטראַטעגיע און דעריבער קענען דאָס נישט זיין קיין דאָמבראָוויצער יידעלעך...

ד"ר ערליך — אַן אָנפירער פון אַן איבערפאַל

נאָך די קאַמפן ציען זיך די פּאַרטיזאַנער אַרויס פון די אָזערסקער וועלדער און אַלע זענען ווידער קאָנצענטרירט אין סוואַריטשעוויטשער וואַלד. אין יענע מאָנאַטן פירן אויס די פּאַרטיזאַנער איבערפאַלן אויף דאָמבראָוויץ און אויפן הויף ווראַבין, ווו עס געפינט זיך אָנגערויבט יידיש פּאַרמעגן און אַפילו יידישע בהמות און פערד וואָס דער דייטש האָט רעקווירירט באַלד נאָך זיין אַריינדרינגען אין שטעטל. חוץ דעם האָבן זיך דאָרט געפונען תבואות און קאַרטאָפל, גענומענע פון די גוים אין גאַנצן ראַיאָן. אָט דאָס אַלץ ווערט געהיט דורך הונדערט מאַדיאַרן. נאָך באַראַטונגען ווערט איבער־געגעבן דעם ד"ר ברוך ערליך דורכצופירן דעם אָנגריף אויף די מאַדיאַרן. זייער גע־לונגען פירט ער דורך דעם איבערפאַל אויף דער מאַדיאַרישער וואַך, וועלכע צעלויפט זיך און מיר גיבן איבער דאָס אָנגערויבטע גוטס דער גוישער באַפעלקערונג, וואָס איז גיריק און צעשלעפּט אַלץ כהרף עין, פירט אַהיים צו זיך די בהמות און פערד, חזירים און שעפּסן. דער ספּירט־זאַוואָד ווערט דורך אונדז אונטערגעצונדן און גייט אַוועק מיטן רויך. די תבואות־שפּאַכלער ווערן צענומען. אַ צווייטע גרופּע צינדט אונטער די בריק איבערן טייך האָרין. די דייטשן אַנטלויפן צו דער סטאַנציע און פאַרשטעקן זיך אין די צוגעגרייטע בונקערס.

דאָמבראָוויץ איז אין רשות פון די פּאַרטיזאַנער ביז עס ווערט אויסגעליידיקט און אַרויסגעפירט אַלץ וואָס די דייטשן האָבן אָנגערויבט און נאָך נישט באַוויזן אַרויס־צושיקן אין זייער פאַרשאָלטן פאָטערלאַנד. ביי דער אַקציע ווערט ווידער אַ מאָל אַרויס־געוויזן געוואַלדיקער יידישער העראָיזם און געשיקטקייט. צוויי הונדערט ביקסן און מאַשין־געווער אין די הענט פון סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן, געוועלטיקן איבער צענער טויזנטער גוים, איבער פיל מערדער־פּאָליציסטן און דייטשן. איבער די שליאַכן פון דובע, סוואַריטשעוויטש, כינאַטשע און אַנדרוהע פון איין זייט; פון לוטינסק ביז וויסאָצק, פון ניוועצק ביז הינטער וואָלדימערעץ, פון קריוויץ, ראַן און טריפּעטניע, פון צענדליקער דערפער אין דאָמבראָוויצער סביבה, ציען זיך פורן מיט האָב און גוטס אָנגעלאָדענע אין דאָמבראָוויץ און אין וואָראָבין. דאָס פירן אַזוי די פויערים אָפּגענומען פאַרמעגן ביי די דייטשן. די יידישע פּאַרטיזאַנער רופן צו זיי: „נעמט, נעמט צוריק דאָס אָנגערויבטע!"...

די נקמה פון משה קאָוזאַלאַ

דערציילט משה קאָוזאַלאַ: „איך האָב דאַן געקילט מיין האַרץ הן אין די דייטשן

מיט זייערע געהילפן — די גוישע פּאָליציי, והן אין די דאָמבראָוויצער גוים. אַזוי למשל, האָבן מיר אונטערגעצונדן די בריק, אָבער צוליב דער נאַסקייט האָט זי נישט געקענט ברענען. צוזאַמען מיט נאָך דריי ייִדן, גוט באַוואָפנטע, האָלטנדיק די ביקסן פאָרויס און באַהאַנגען מיט גראַנאַטן, מאָביליזירן מיר ביי די גוים פון בערעסטיער גאַס צענדליקער פורן שטרוי, הייסן עס אָוועקפירן אויף דער בריק, און ערשט דעמאָלט צעברענט זיך אַ פייער, אַז ס'איז אַזש אַ נחת צו קוקן. נישט נאָר אונדזער וועלט — האָב איך מיר דעמאָלט געטראַכט — נאָר אויך די גוישע וועלט זאָל זיין וויסט און חרוב. איך האָב וואָס אַן אמת חשק געהאַט אונטערצוצינדן אַ צענדליק הייזער, אָנגע־פראָפּטע מיט רייכטימער פון די אויסגעהרגעטע ייִדן, אָבער די חברה האָט מיך נישט געלאָזט עס טון".

„אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אַוועק צוריק אין וואַלד. מיין האַרץ האָט אין מיר געוויטיקט. אין שטעטעלע האָב איך קיינעם נישט באַגעגנט — נישט מיין פרוי און נישט מיינע קינדער, אַזוי, אַז אַפילו די נקמה אין די שונאים האָט נישט געשטילט אין מיר דעם צער איבער די טייערסטע וואָס זענען אומגעקומען."

די „באַנדעראָוצעס" און „בולבאָוצעס"

אין די מאָנאַטן יאַנואַר־פעברואַר 1943, דאַכט זיך אונדז אויס, אַז די פאַרטיזאַנישע טעטיקייט האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט אין אונדזער געביט. צענדליקער עשאַלאָנען ליגן איבערגעקערטע, בריקן — באַשעדיקטע, דייטשע גאַרניזאָנען זענען איזאָלירט און דאָס מיליטער — פאַרשפאַרט אין בונקערס. מיר זעען ביי דער גוישער באַפעל־קערונג גרויס האַס צו די דייטשן. אויך פון פראָנט דערגיין צו אונדז ידיעות וועגן דעם, אַז די דייטשן כאַפּן קלעפּ און ליידן שווערע מפּלות. מיר מיינען, אַז אָט באַלד ווערט דער שונא געבראָכן און דער רויטער משיח קומט מיט אָפענע אָרעמס און מיר וועלן ווערן ענטוזיאַסטיש אויפגענומען. אָבער, דווקא אין יענע מאָנאַטן אָרגאַניזירן זיך די באַנדעראָוצעס אין ברייטן פאַרנעם.

אין וואָלין אַנטשטייען פּוילישע אָטריאַדן נוסח א.ק.־אָוצעס, און דאָס ערשטע — הייבט מען אָן מאָרדן די שוצלאָזע וואַלד־ייִדן. די וועלכע זענען פאַרשטעקט ביי גוים אין בונקערס, ווערן אַרויסגעשלעפּט און פאַרפייניקט. די אוקראַינער הייבן אויך אָן מאָרדן אומברחמנותדיק די דאָרפישע פּוילישע באַפעלקערונג. אָט די גוט באַוואָפנטע באַנדעס וואַרפן זיך אויף די פאַרטיזאַנער מיט אַ געוואַלדיקן כוח און עס הייבט זיך אָן אַ געראַנגל אויף טויט און לעבן, אַזוי, אַז די פריערדיקע קאַמפן וואָס מיר האָבן געפירט קעגן זיי זענען, אין פאַרגלייך צו דעם אָרגאַניזירטן מערדערלעכן אָנגריף, ווי אַ ברונעם וואַסער קעגן אַ שטורמישן טייך. זיי וואַרפן גרויסע אויסגעשולטע כוחות מיט פּאַטריאָ־טישע לאָזונגען, מיט אימהדיקע געשרייען: „טויט און אומקום די ייִדן, טויט די פּאָליאַקן, די רוסן, און פריי וועט ווערן די הייליקע אוקראַאינישע ערד!". די שטעטלעך און די דערפער שליסן זיך אָן און גיבן זיך איבער מיט זייער גאַנצן טעמפּן באַוווסטזיין די באַנדעראַ־כוחות. מיר, די אַרומבלאָנקענדיקע און שוצלאָזע, אויסגעמאַטערטע ייִדן,

ווערן אָן דעם גלויבן אין דעם פּאַרטיזאַנער־כּוח. מיר זוכן זיך אויסצובאַהאַלטן און אַ סך פון אונדז פאַלן אַריין אין רוצחישע הענט און קומען אום אין שרעקלעכע יסורים.

נעבן מיר האָט זיך געהאַלטן נאָטע ליבערמאַנס טאָכטער. אין פּאַרצווייפלטע טעג, איז זי אַוועק זוכן אַ באַהעלטעניש ביי איר טאַטנס אַ ידיד, אָבער ער הרגעט זי אויף טויט. איך, פייגעלשטיין יצחק, דערלאַנג זיך צו אונדזערן אַ משפחה־ידיד, אכרעם, וועלכער וווינט אין צענטער אור־וואַלד, אינגאַנצן אָפּגעזונדערט. איך רעכן ביי אים צו געפינען שוץ מיט מיינע קינדער. איך ווייס, אַז ער איז אַ פאַרבינדלער ביי די סוואָריטשעוויטשער ידישע פּאַרטיזאַנער. איך ווייס אויך, אַז גרויס איז זיין זכות, ווייל אין יענעם ווינטער האָט פּאַסירט און אַ קאָלאָנע פון אַ 200 דייטשן זענען געגאַנגען פון וולאַדימירעץ אויף סוואָריטשעוויטש, דורך דובער וועלדער און נעמען מיט זיך מיט אָט דעם גוי, ער זאָל זיי צופירן דורכן וואַלד אומבאַמערקט צו דער פּאַרטיזאַנער באַזע, כדי זי איבערצופאַלן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָן עק מאַכן מיט דער זשידאָ־קאָמונאַ. ער, ווי אַ פאַרבינדלער, ווייסט, אַז אין וואַלד זענען דאָ נישט מער ווי אַ צוואַנציק ביקסן, ווייל, אַלע זענען אַוועק אויף דיווערסיע־אַקטן. אויך ווייסט ער, אַז אין וואַלד געפינט זיך אַ פּאָר הונדערט אַלטע ידן, פרויען און קינדער, און ער זעט פאָר, אַז אַלע וועלן אומקומען. גייט ער אַזוי מיט זיי און אין מיטן וועג, אין צענטער פון די זומפּן, רופט ער זיך אָפּ צו די דייטשן: „אין וואַלד שטייען צען טויזנט גוט אויסגעשולטע און גוט באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, אַלע — אַנטלאָפענע פון דייטשן פלען. זיי זענען אַלע מוראדיק אין כעס אויף די דייטשן און עס איז צו גלויבן, אַז זיי וועלן זיך שלאָגן ווי לייבן. כדי זיי צו באַזיגן דאַרף מען עטלעכע דיוויזיעס. צו וואָס זשע שיקט איר מיך אָן אומבאַוואָפנטן פאַרויס אויף אַ זיכערן טויט, מיינעם און אויך אייערן?".

די דייטשן האָבן זיך פאַרקערעוועט און זענען געלאָפן אַזוי שנעל, אַז זיי האָבן אפילו פאַרלאָרן אין די בלאָטעס דריי ביקסן, וועלכע אַכרעם זאַמלט זיי שפּעטער צונויף און גיט איבער די פּאַרטיזאַנער. אָבער איצט, זייענדיק ביי אים פאַרטאָג, באַמערק איך זיין שוואַכקייט און זיין סימפּאַטיע צו דער אוקראַינישער באַוועגונג, אַזוי, אַז ער דינט ביידע ריכטונגען. איך פרעג ביי אים: „אַכרעם, ס'איז דאָך נאַריש צו טראַכטן, אַז די אוקראַאינער וועלן האַמעווען דעם פאָרויס־מאַרש פון די רוסן, וועלכע שפּאַרן זיך צו אונדז און שלאָגן די דייטשן. וואָס זשע טומלען איצט די אוקראַאינער? זיי וועלן דאָך מוזן פאַר אַלץ באַצאָלן מיט תליות, מיט סיביר". ענטפערט ער מיר צוריק: „מיר האַלטן, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט פאַר אַ זעלבשטענדיקער אוקראַאינע, וואָרעם, דער דייטש ווערט געשלאָגן, די רוסן זענען פאַרמאַטערט און אונדז וועט העלפן ענגלאַנד און אַמעריקע".

און אַזוי ווערט גאַנץ וואָלין באַדעקט מיט באַנדעראָווצעס. זייער אַטאַמאַן בולבא־באָראָוועץ, אַ גוי, אַ מערדער, פון נעבן ראָוונע. אויף זיין נאָמען רופן זיך די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן וועלכע מאָרדן און רייסן שטיקער פון זייערע קרבנות. אַנדריי מעלניק פון גאַליציע, — באַנדעראַ איז דער וואָס האָט אין זיין צייט געהרגעט דעם פּוילישן מיניסטער פּיעראַצקי. און אַכרעם, מיין ידיד, זאָגט: זיי אַלע זענען געקומענע פון דייטשלאַנד, אויס־

דערעסירטע און אויסגעשולטע. זיי וועלן צעקלאַפּן די קאָמוניסטן. טראַכט איך מיר: ביי ייִדן איז פאַראַן אַן אימרה: „יש שקונה עולמו — בשעה אחת״, אָבער מ׳קאָן זי אויך פאַרלירן אין איין שעה... איך האָב געפּילט, אַז אַכרעם וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג מציל געווען אונדזער קליין רעשטעלע ייִדן פון טויט, איז עלול צו ווערן פאַר אונדז געפערלעך, ווייל צו פיל ווייסט ער וואָס עס טוט זיך ביי די פאַרטיזאַנער. מען גיט טאַקע צו וויסן אונדזערע, ווי ס׳האַלט מיט אים, און ער ווערט ליקווידירט.

אין יענע טעג רייסן זיך די אוקראַינער אַריין אין די פּוילישע דערפער און הרגענען אויס אַכזריותדיק פרויען און קינדער. זיי באַקומען די געציילטע לעבן־געבליבענע ייִדן און שינדן זייער הויט לעבעדיקערהייט. אָבער, על פּי רוב דערהרגענען זיי מיט העק און מיט ווילעס שטעכן זיי דורך די בייכער. געווען פאַלן און זיי האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איבער זייערע קרבנות: פריער זיי געבונדן און שפּעטער געשאַרפט די מעסערס אין די אויגן פון די קרבנות — ווי עס שאַרפט דער ייִדישער שוחט זיין חלף, און דערנאָך געקוילעט די קרבנות מיט אַ ווילדקייט וואָס איז אויסער פון מענטשלעכן באַגריף.

פאַראַן אויך אַ ריכטונג פון מעסיקערע. דאָס זענען מעלניקאָווצעס וועלכע גראַסירן איבער וואָלין און אין גאַליציע. אין דאָמבראָוויצער ראַיאָן ווילדעווען די באַנדעראָווצעס אונטער דער קאָמאַנדע פון בולבאַ־באָראָוועץ. אין אַלע דערפער קומען פאָר ווילדע אָרגיעס: מען זויפט און מען זינגט אכזריותדיקע און שאָוויניסטישע לידער אין וועלכע ס׳קומט צום אויסדרוק: „אַ טויט — די ייִדן, פּאָליאַקן און די רויטע פאַרטיזאַנער״.

אָבער עס איז צו באַמערקן, אַז די אַכזריותדיקע אוקראַינישע פּראָפּאַגאַנדע ווערט פונדעסטוועגן געהאַמעוועט. די פאַרטיזאַנישע איינהייטן, די דאָמבראָוויצער און סערניקער פאַרטיזאַנער, שפּרייטן אויס זייער השפעה אויף פיל דערפער ווי: דובע, הוטע,ביידלעך, זעלין, דאָברויסק, אָסטרי־ראָג, לוקע און בילע. אין די דאָזיקע ערטער דרינגען נישט אַריין די בולבאָווצעס און דאָרט האַלט זיך אויף דאָס ביסל לעבנגעבליבענע ייִדן. דיאַדיאַ פּעטיאַ מיט זיינע אָטריאַדן אויפן טייך סטיר, און אַלע אָטריאַדן פון ביעגמאָס סאַיעדיע־ניעניע, און דיביידע „פּיאַדאָראָווצעס״, ווענדן אָן כוח און אויפקלערונג צווישן דער באַפעלקערונג פון פּינסקער, סטאָלינער און קאָברינער געגנטן. אַ 10—15 קילאָמעטער פון אונדז, אין אָזערסק און אין זאמראַטשעניע, קריוויץ, ביז וולאָדימערעץ, פון זאַרמראַ־טשעניע ביז נאָך דאָמבראָוויץ, און אין בערעזשניץ און סטעפּאַן — געוועלטיקן די בולבאָווצעס. אַזאַ איז דער מצב אין פרילינג 1943.

אין קאַמף קעגן די אוקראַינישע פאַשיסטן

די גאַנצע איינהייט וואָס נעמט אַרום אַ צאָל אָטריאַדן איז קאָנצענטרירט אַרום די טייכן סטיר און סטובלאַ און איז וואַך כלפּי די מעשים פון די בולבאָווצעס און פון די דייטשישע גאַרניזאָנען. אָבער די גאַנצע לאַסט פון קאַמף קעגן די בולבאָווצעס, פאַלט אויפן אָזוי־גערופענעם וואָראָשילאָוו־אָטריאַד מיט זיינע 170 ייִדן און אַרום 80 גויים מיט זייערע קאָמאַנדירן: מיסוראַ, אַבוגאָוו, זילבערפאַרב און די באַקאַלטשוקעס, מיט ד״ר ברוך ערליך, ברוך מאַנקאָווסקי און נאָך ייִדישע געהילפס־קאָמאַנדירן — דאָמבראָוויצער

און סערניקער יידן. פנחס ניימאַן איז אין דער צייט פאַרוווּנדעט און ס׳איז אַ פאַרלוסט, אָבער, די מענטשן פון אָטריאַד שטייען אויף דער וואַך, ווייל אין יענעם פרילינג פון יאָר 1943 זענען די בולבאָווצעס אויסגעשפרייט אין דאָרף און אין שטאָט, אין וואַלד און אין פעלד פון גאַנצן דאָמבראָוויצער ראַיאָן און זיי זוכן די פּאַסיקע שעה איבערצופאַלן און פאַרניכטן. דורך די פאַרבינדלער ווייסן די פּאַרטיזאַנער אַלע זייערע מאַרשרוטן און פּראָיעקטן און מיר שטייען גרייט צום קאַמף מיט זיי. די פוילישע דערפער אַרום דאָמבראָוויץ זענען אויסגעקוילעט. דאָס זעלבע איז מיט אויסבאַהאַלטענע יידן וועמען זיי האָבן אויסגעזוכט און צעפּערטלט. מיר, אַ קליין רעשטעלע יידן, האָבן זיך מיט ניסים אַרויסגעריסן און געפינען זיך צו יענער צייט אין דער זאָנע פון סוואַריטשעוויטשער פּאַרטיזאַנער.

אין דאָרף אָסטרי־ראָג טרעף איך דעם דאָמבראָוויצער אָטריאַד שוין מיט אַ געמיש פון גויים. מיטן אָטריאַד פירט אָן דער סאָוויעטישער גוי, מאַסליוק. ס׳איז אַ טאָג נאָך דעם ווי די בולבאָווצעס האָבן אויסגעקוילעט און פאַרברענט דאָס פוילישע דאָרף זהאשט. די פּאָר יידן זענען מיט ניסים אַנטלאָפן. גויים דערציילן מיר, אַז די בולבאָווצעס ווילן מאַכן אַן איבערפאַל אויף דעם דאָמבראָוויצער אָטריאַד. איך זאָג מאַסליוקן, אַז מיר קאָנען קומען פריער און מאַכן אויף זיי אַ לויערונג און איך דערקלער מיין גרייטקייט דורכצופירן דעם אָטריאַד דורך די בלאָטעס צו אַ גוטן פונקט. אויף מיינע רייד שרייט ער אויס צו מיר: „שפּיאָן!“ זאָג איך: צו אים: „קאָמאַנדיר, אין די חדשים דעצעמבער־יאַנואַר האָב איך געפירט מיט הצלחה און אויסגעמיטן געפערלעכע פונקטן, און איצט בין איך פלוצלינג געוואָרן אַ שפּיאָן?“ שרייט ער צו מיר: „טראָג זיך אָפּ מיט דיינע ביינער“. אָבער, ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן די בולבאָווצעס זיך גערעכנט מיט די אַרומיקע אָטריאַדן וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער די וועלדער: אין סוואַריטשעוויטש, און אין דובע — די „שיטאָווצעס“, און אין לאַסיצק — אַ שטאַרקער אָטריאַד, אַ געמיש פון פּאָהאָסטער און מאַראַטשנער יידן און סאָוויעטישע אַנטלאָפענע פון דייטשער געפאַנגענשאַפט.

אַזוי אַרום האָבן זיי געהאַט פחד און געלאָזט צורו דעם דאָמבראָוויצער אָטריאַד.

אין אָנהייב פרילינג פון דעם יאָר, זענען אויסגעקוילעט געוואָרן פיל פּאָליאַקן פון די פוילישע דערפער ווי: מאָסטעס, בערעזינע, טשייקאָוו און אַנדערע. דאָרט זענען אויך אומגעקומען פיל יידן. אין קראָשין האָבן געוווינט רוסן פון ניקאָלייס צייטן, האָט מען אויסגעשניטן זייערע צינגער, לעבעדיקערהייט געשניטן זייערע בייכער און געשלעפּט פון זיי די קישקעס. אין בערעזינע איז געווען פאַרשטעקט אַ וואַרשעווער ייד, האָט מען אים אָפּגעשניטן דעם אות הברית און געלאָזן ליגן.

און פונדעסטוועגן... אין דער פּאַרטיזאַנער זאָנע קומען זיי נישט. אמת, זיי האָבן געפּרוּווט זיך אַריינרייסן אין וואַלד און זענען געוואָרן צוריקגעשטויסן, ווייל אָט די יידן שלאָגן זיך ווי טיגערס און די בולבאָווצעס ווייסן, אַז די גאַנצע איינהייט פון די רוסישע אָטריאַדן וועט קומען צו הילף.

די בולבאָווצעס און די דייטשן האָבן ענג צוזאַמענגעאַרבעט. אמת, שפּעטער איז געקומען צווישן זיי אַ שפּאַלטונג, אָבער, ווי די געשעענישן האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט

אין יענעם פרילינג, האָט עס באַרעכטיקט צו טראַכטן, אַז זיי ביידע זענען איינס און דאָס זעלבע.

גוטע האָפענונגען אויף מאָרגן

ווינטער, ווען איך האָב געבראַכט ד״ר ערליך צו מיין ביידל אין וואַלד, און ער האָט געהיילט מיינע קראַנקע, האָט ער אונדז געטרייסט, זאָגנדיק: „האָט צוטרוי צום וואַלד, גאַנץ שנעל וועט ער זיך איינוויקלען אין זיינע גרינע בלעטער און ער וועט אונדז פאַרשטעלן פון שונאס אויג. די געדיכטע פאַלעסיער וועלדער, די הויכע גראָזן און די פינסקער בלאָטעס וועלן געבן פרישע מעגלעכקייטן פון קאָנען אויסבאַהאַלטן אַט די קינדער און פרויען. אויפן פראָנט ווערט דער דייטש געשלאָגן און געיאָגט און ס׳וועט דאָ זיין רויק״. נאָר דערווייל געשעט דאָס פאַרקערטע. עס קרייזן אַרום מעסערשמידס איבערן וואַלד און באַמבאַרדירן די דערפער פון גאַנצן אַרום. עס שווימלט מיט כל מיני גוימלעך, פאַרשטעלטע שפּיאָנען און די דייטשן גרייפן אָן פון פינסק און די בולבאָוועצעס פון וואָלין. די וועלדער ווערן באַשאָטן מיט פלוג־בלעטלעך אין דער רוסישער שפּראַך אין וועלכע ס׳רעדט זיך וועגן דער געפאַר פון זשידאָ־קאָמונע, פון יידן־ציגיינער און וואַלד־באַנדעס. מזרח און מערב זענען באַזעצט מיט בולבאָוועצעס און פון צפון — רייסן זיך די דייטשן. אונדזערע אויסשפּירער גיבן איבער וועגן גרויסע כוחות און גוט־באַוואָפנטע דייטשן וואָס שפּאַרן זיך אויפן סוואַריטשעוויטשער וואַלד און אַז זייער פאַר־פאָסטן געפינט זיך שוין אין ניקאָלאַיעווע, אַ 10—12 קילאָמעטער פון אונדזערע ערטער.

אַלעק אַבוגאַוו און נחמן זילבערפאַרב פירן צו נצחונות איבער די שונאים

מיין יוגנט־חבר פון די ישיבה־יאָרן, דער לערער פון דאָמבראָוויצער שולע, מלך באַקאַלטשוק, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דאָמבראָוויצער געטאָ און איז ראַדיסט און רעדאַקטאָר פון פאַרטיזאַנער בלעטל, דערציילט וועגן יענע קאַמפן פאָלגנדיקס:

„מיר האָבן דאָס פינסקער בלעטל וואָס מאַכט אַ סך הכל פון יענע קאַמפן מיט די פאַרטיזאַנער, און טיילט מיט, אַז זיי האָבן פאַרניכטעט די יידישע פאַרטיזאַנער אין סוואַריטשעוויטש. אָבער פאַרגעקומען איז אַזוי: אַ דייטשע קאָלאָנע טרעפט זיך אויג־אויף־אויג מיט ברוך מאַנקאָווסקיס אויסשפּיר־גרופּע. מיר אָריענטירן זיך גלייך, אַז אונדזער לאַגע איז אַ ביטערע, ווייל די דייטשן האָבן באַזעצט אַלע וועגן. און מיר האָבן קוים אַ שמאָלן פּאַס צו די פינסקער בלאָטעס. אמת, צוויי אָטריאַדן זענען אונדז געקומען צו הילף, אָבער, איינער פון זיי — די טשאַפּאַיעווצעס, פאָליציאַנטן בעלי־תשובה, געקומענע פון קאַרטוז־בערעזע, מיטן געווער, צו זיי האָבן יידן נישט קיין צוטרוי, ווייל זיי קאָנען פאַרראַטן. נאָך אַ שנעלן, דעצידירנדיקן ישוב־הדעת, באַשליסן מיר, אַז קודם־כל מוזן מיר אויסרעכענען אויף אונדזערע אייגענע יידישע כוחות און שלאָגן זיך אויף טויט און לעבן. דאָס אייגענע לעבן איז טייער געוואָרן, אַ פייער פון נקמה האָט זיך אָנגעצונדן אין האַרצן און באַזונדערס איז גרויס געווען דער ווילן אויפצוהיטן דאָס

לעבן פון דריי הונדערט צוזאַמענגעלאָפענע שוצלאָזע זקנים, אלמנות ויתומים. און אַזוי האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין קאַמף קעגן גרויזאַמען דייטש — דעם מערדער פון יידישן פאָלק. איין גרופּע יידן האָט מינירט אַלע וועגן וואָס פירן צום וואַלד, אַ צווייטע גרופּע האָט זיך פאַרמאַסקירט און געמאַכט לויערונגען, און אַ גרעסערע גרופּע, בערך אַ הונדערט מאַן, פון זיי — 80 פּראָצענט יידן און 20 פּראָצענט גויים, אונטער דער אָנפירערשאַפט פונעם אָדעסער ייד און דאָמבראָוויצער אידעם — דער חבר אַבוגאַוו אַליק, האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַנטקעגן די דייטשע מערדער. אונדז האָט גאָט געהאָלפן, אַז אין אָנהייב פרילינג איז דער מצב געווען אַזאַ: ס׳רוב פאָלעסיער לאָנקעס, פעלדער און וועלדער, זענען געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער. די סערניקער יידן מיט זייער קאָמאַנדיר זילבערפאַרב, קענען דאָ יעדן קאָרטש און בערגל, יעדעס גריבל. זיי ווייסן ווו עס איז האַרטער באָדן און העכער, און ווו עס איז נידעריק און זומפּיק. איין טייל פון דער זילבערפאַרב־גרופּע מינירט דעם אָפּענעם, טרוקענעם באָדן, און די צווייטע טייל, מיט זילבערפאַרבן בראש, האָבן צוגעלאָזט די דייטשן נאָענט צו דער פאַרמאַס־קירטער לויערונג. באַוואָפנט מיט גראַנאַטן, האָבן זיי אויפגעהויבן אַ געשריי — „הוראַ אין קאַמף!" און גלייכצייטיק געשיט מיט פייער פון מינאָמיאָטן און מאַשין־געווער. כהרף עין איז אין די דייטשע רייען געוואָרן אַ חורבן. די לעבן־געבליבענע, וועלכע זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן, זענען באַשיט געוואָרן מיט אַ האָגל פון ביקסן־קוילן פון דער צווייטער לויערונג, און האָבן געפונען זייער טויט אַריינפאַלנדיק אין די זומפּן. אַליק אַבוגאַוו מיט זיין סאָטקע, באַוואָפנטע מענטשן, זענען אין דער זעלבער פינצטערער נאַכט אַוועק צו דער גרעבליע האָראָדנאָיע־סערניק, ווייל די פאַרבינדלער האָבן איבער־געגעבן, אַז דורך יענער גרעבליע קומט אָן אַ דייטשע פאַרשטאַרקונג".

„אין די זומפּיקע ערטער אַרום דער גרעבליע, זענען די פאַרטיזאַנער געלעגן פאַר־מאַסקירט אַ מעת־לעת. דער פאָלעסיער רעגן האָט אַלעמען דורכגעווייקט, מען האָט מורא באַקומען, אַז דאָס נאַסע געווער וועט נישט וועלן שיסן, האָט מען עס כסדר געווישט, געטרוקנט און מיטן אייגענעם לייב געוואַרעמט די אויטאָמאַטן. די דייטשן האָבן זיך נישט באַוויזן. די פאַרבינדלער האָבן איבערגעגעבן וועגן צעטומלונגען אין די דייטשע גאַרניזאָנען און אין די שטעטלעך סטאָלין און האָראָדנאָיע. עס איז אַדורך אַ צווייטער מעת־לעת און די דייטשן זענען נישט געקומען". איך, פייגעלשטיין, גיב דאָך צו, אַז מיר, די ציווילע, זקנים, אלמנות ויתומים, אָפּנעמענדיק גרוסן פון דעם געלונגענעם אָנגריף פון נחמן זילבערפאַרבס גרופּע, דאַנקען גאָט מאה פעמים ואחת פאַר דעם חסד זיינעם, אָבער ווען עס גייען פאַרביי דריי טעג און פון אַבוגאַווס הויפּט־כוח איז נישטאָ קיין שום ידיעה, זענען מיר אַלע זייער דערשלאָגן און דערשראָקן און בעטן גאָט מיט די ווערטער: „היט, רבונו של עולם, אַליקן מיט דעם קליינעם רעשטעלע יידן".

עס קומט פאָר אַזוי: אויפן דריטן טאָג, באַוויזט זיך אַ טראַנספּאָרט פורן מיט בערך אַ הונדערט דייטשן, וועלכע פאָרן זיך רויק און דרימלען. מען האָט זיי געלאָזט אַריבערפאָרן די בריק צום דעם אָרט ווו דער הויכער אָנגעשאָטענער וועג איז פון ביידע זייטן זומפּיק און פאַרגאָסן. אין דעם מאָמענט גיט אַבוגאַוו אַ באַפעל: „פייער!" אין דער

זעלבער מינוט ווערט די בריק אויפגעריסן דורך די פאַרטיזאַנער. די דייטשן ווערן פאַרשאָטן מיט מינעס און קוילן. פיל פון זיי קאַטשען זיך אין אַנגסטן אויף דער גרעבליע מיט אויפגעריסענע בייכער, אָפּגעריסענע הענט און פיס. אייניקע לויפן אין די זומפּן אַריין און ווערן דערשאָסן לויפנדיק. אייניקע הייבן די הענט, אָבער זיי ווערן באַשאָסן פון די לויער־פונקטן. נאָכן אויפקלייבן זייער געווער און אַמוניציע, קומט אַבוגאָווס גרופּע צוריק אין וואַלד. דער נצחון פון אונדזערע פאַרטיזאַנער איז געווען אַ קאָלאָסאַלער און געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

און די „בולבאָווצעס" פּרובירן אויך...

ווי מיר האָבן זיך דערנאָך דערוווּסט, איש מפּי איש, האָבן די בולבאָווצעס גוט געוווּסט וועגן דייטשן אָנגריף און זיי האָבן געהאָפּט, אַז דאָס מאָל וועט קומען אַ סוף צו די יידן. אָבער דערהערנדיק וועגן דער מפּלה פון די דייטשן און וועגן דער יידישער גבורה, ווערן זיי אומרויק און אָרדענען איין אַ צוזאַמענקום אין דאָרף ראַן, און זיי באַשליסן, אַז איצט איז די צייט אָנצוגרייפן די פאַרמאַטערטע יידן־פאַרטיזאַנער און זיי פאַרניכטן. אין אומגעגנט פון בערעזשניץ, וולאַדימערעץ און דאָמבראָוויץ איז אַ קאָנצענטראַציע פון בולבאָווצעס. זיי גייען אַרויס פון די בלאָטעס צווישן טריפּיטניע אָזעראַ און ראַן, און ווען זיי באַגעגענען אין וועג, מאָרדן זיי בעסטיאַליש. מען האָט געכאַפּט פּאָליאַקן און יעדער איז פאַרפּייניקט געוואָרן מיט אַ באַזונדערע מיתה משונה. אַזוי, למשל, האָט מען בעלאַווסקען פון דאָרף ראַן, אויפגעשניטן זיין נאָפּל, אַרויסגעצויגן זיינע קישקעס און שפּעטער אים דערשלאָגן מיט שטעקנס. איצט שפּאַרן זיי זיך אויף די פאַרטיזאַנער, און נאָך אַ ביטערן קאַמף, ווערן זיי דאָס מאָל אויך צוריקגעשטויסן, מיט פאַרלוסטן פון ביידע זייטן.

נאָך זייער מפּלה אויף האָראָדנאָיער גרעבליע, האָבן די דייטשן אין וויסאָצק און אין האָראָדנאָיע אויסגעגראָבן בונקערס, איינגעאָרדנט פייער־פונקטן אין סטאַלין און אין סערניק, און פון אָט די פונקטן דערלאַנגען זייערע אויסשפּירער ביזן וואַלד. מיר, די ציווילע, זענען אין יאוש, ווייל אָט קומט אַ גוי און זאָגט: „איך האָב געזען דייטשן פינף קילאָמעטער פון דאָנעט". אַ צווייטער גוי זאָגט, אַז זעקס קילאָמעטער פון אונדזער נעסט, אין כינאַטשע, האָבן זיך איינגעקוואַרטירט וולאַדימערצער דייטשן. אַזוי דערציילן אונדז די גוים, אַז דער דייטש קאָנצענטרירט אַ גרויסן כוח פון מיליטער און פּאָלי־ציאַנטן פון די אַרומיקע גאָרניזאָנען מיטן ציל צו פאַרניכטן אַלע דיווערסאַנטן, אַפילו אויך די בולבאָווצעס. אַנדערע ווייסן צו דערציילן, אַז אין אַנבליק פון איצטיקן מצב האָבן די רוסישע פאַרטיזאַנער פאַרגעלייגט די בולבאָווצעס אַ בשותּפותדיקע אַרבעט און אין רעזולטאַט דערפון איז געקומען צו אַ צוזאַמענטרעף פון פאַרשטייער פון ביידע צדדים, כדי אויסצואַרבעטן אַ געמיינזאַמע פאַרטיידיקונגס־ליניע קעגן דייטש. אָבער שוין ביים ערשטן צוזאַמענטרעף אין כינאַטשער זומפּיקן וואַלד, — דערציילן אונדז די גוים — פאַרראַטן די בולבאָווצעס און הרגענען אויס די פאַרטיזאַנישע פאַרשטייערשאַפט.

עד היום איז מיר נישט קלאָר, וויפל אמת עס איז געווען אין דעם סיפור המעשה און וויפל שקר, ווייל צו יענער צייט האָבן די פאַרשטעקטע, נישט־באַוואָפנטע ייִדן, געהאַט פון אַט דער געשיכטע נישט וויניק צער, הערנדיק, אַז די פּאַרטיזאַנער, די רוסן, שליסן ברודערשאַפט מיט די בולבאָווצעס אויפן חשבון פון די ייִדן וועלכע דאַרפן זיין דער שעיר לעזאזל. טאַקע צוליב דעם זענען מיר שטאַרק אומרויִק און וואַרטן אויף אַ נס, אָדער חס־ושלום — אויף דעם טויט.

אָבער די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן בירושה דעם כלל, אַז „אין לנו על מי להשען, אלא על אבינו שבשמים״, טאָ בעטן מיר גאָט, און די פּאַרטיזאַנער רוען נישט, זיי ווייסן פון אַלע שמועסן, אַז דער דייטש וועט נישט שווייגן, לכן, מאַכן זיי איבערפאַלן פון לויער־פונקטן אויף זייערע אויסשפּירער, און מיט הצלחה. די דייטשן ווערן צעטומלט און האַלטן זיך אָפּ פון אָנגרייפן דעם וואַלד.

פּאָליאַקן און ייִדן אין וואַלד

אינצווישן קומען אָן אין דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע און אין די פּוילישע דערפלעך, ווי: הוטע, הורנע, דאָברין, אָסטרי־ראָג — וווהין די בולבאָווצעס האָבן נישט קיין צוטריט, ווייל די פּאַרטיזאַנער שטויסן זיי כסדר אָפּ, — רעשטלעך פּאָליאַקן פון די אַלע אויס־געקוילעטע פּוילישע דערפער אויף וואָלין. אויך מיר, דאָס רעשטעלע ייִדן געפינען זיך דאָ. אייניקע פּאָליאַקן, באַוואָפנטע מיט לאַנגע איינקוילנדיקע ביקסן, באַרדאַנקעס פון 19־טן יאָרהונדערט, קומען אין דעם געביט און ווילן ווערבירן יוגנטלעכע פּאָליאַקן אין דעם ריין פּוילישן אָטריאַד „קאָשטשושקאָ״. אָבער די פּאָליאַקן גייען נישט. אויף מיין פראַגע: „פאַרוואָס?״ ענטפערט מען מיר, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זענען קאָמוניסטן און אַז נעבן לוצק זענען פאַראַן פּאַרטיזאַנער פּאָליאַקן נישט קיין קאָמוניסטן, דאָרט אַהין וועלן זיי יאָ גיין. זאָג איך: „ברידערלעך, אַהינצו וועט איר נישט דערגרייכן, די אוקראַינער וועלן אייך אין וועג אויסקוילענען. אָט די פּאָליאַקן וועלכע רופן אייך, זענען אַ טייל פון אונדזערע אָרטיקע איינהייטן, דאָ נישט ווייט, ביים טייך סטיר. גייט צו זיי און איר וועט זיך ראַטעווען״. אויף מיינע רייד קומט ווייטער דער ענטפער: „מיר וועלן נישט גיין צו די קאָמוניסטן, בעסער שטאַרבן״.

דער 19יאָריקער שמוליק קליגון ווענדט זיך מיט די ווערטער: „פּריצימלעך, נעמט מיך אין אייער אָטריאַד״. ענטפערן זיי: „גוט, אָבער צי קענסטו האַלטן אַ ביקס?״ „ניין, — ענטפערט שמוליק — אָבער איך וועל קענען״. און איך זע, אַז פּאָליאַקן ווילן אים יאָ נעמען אָן שאלות. שפּעטער גייט צו חיים האָכמאַן, און זאָגט: „איך בין אַ סאָלדאַט פון דער רוסישער אַרמיי און איך קאָן יאָ האַלטן אַ ביקס, איך וויל גיין מיט אייך״. ענטפערן זיי: „דו ביסט צו אַלט״. נאָך וואַקלעניש זאָגט איינער: „מיר׳ן דיך נעמען כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז מיר מיידן אויס ייִדן״. במשך דעם גאַנצן וועג רעדן זיי אַריין אין האָכמאַנען וועגן ייִדן, דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן במשך 20 יאָר געהערט פון די פּוילישע אַנטי־סעמיטן.

דער פּוילישער קאָמאַנדיר סאַטאַנאָווסקי איז גאָר... אַ ייִד

אויף דער באַזע, אין קרימנער כוטאָר, טרעפט האָכמאַן דאָרטן אַרום 200 באַוואָפנטע פּאָליאַקן, צווישן זיי אויך, ייִדישע פּאַרטיזאַנער און אַ ביסל ציווילע ייִדן, פרויען און קינדער. מיט דעם אָטריאַד פירט אָן אַ יונגער קאָמאַנדיר מיטן נאָמען סאַטאַנאָווסקי. ער גיט אויך אַכטונג אויף די ציווילע ייִדן.

אין אָטריאַד איז שטענדיק באַוועגלעך. זיי זאַמען אין וועג אַ וואָך צייט און קומען צוריק, רוען אָפּ און פאָרן ווידער. זייער קאָמאַנדיר סאַטאַנאָווסקי פאָרט אַליין מיט די מענטשן זיינע אויף דיווערסיע־אַקטן, עס פאַלן מענטשן אין שלאַכטן, און מען ווערבירט פרישע, מען פאָרט ווידער און ווידער. סאַטאַנאָווסקי מיט זיינע פּאָליאַקן און ייִדן, רוען נישט, לאָזן נישט דורך קיין שום געלעגנהייט צו שלאָגן דעם דייטש. אויך ער, האָכמאַן, באַטייליקט זיך אין די אַקציעס. אַ ביסל שפּעטער קומען צו פרישע מענטשן, געבוירענע פּאָליאַקן. זיי האָבן זיך איינגעגלידערט אין אָטריאַד, נאָר לעת עתה נעמט זיי נישט סאַטאַנאָווסקי אויף אַרבעט. שפּעטער־צו הערט מען ווי זיי רעדן, אַז די ייִדישע פּאַר־טיזאַנער אין אָטריאַד זענען גאָרנישט שבגאָרנישט און אַז די ציווילע פרויען און ייִדישע קינדער עסן אומזיסט ברויט און מען דאַרף פון זיי פּטור ווערן. סאַטאַנאָווסקי הייסט זיי איזאָלירן, אָבסערווירן און נאָכפאָרשן. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן זענען דאָס געווען אונטערגעשיקטע שפּיאָנען און מען האָט זיי צעשאָסן. דער קאָמאַנדיר סאַטאַנאָווסקי האָט נאָך דעם דערקלערט פאַר די שטאַב־מענטשן, אַז ווען אַזעלכע קומען אין וואַלד און דאָס ערשטע איז ביי זיי ייִדן־האַס, איז אַ סימן, אַז זייער קומען האָט איין ציל — אונדז חרוב צו מאַכן.

האָכמאַן דערציילט אַ צווייטן עפּיזאָד: קרימנע שטעלט מיט זיך פאָר אַ כוטאָר אין מיטן וואַלד, נישט ווייט פון טייך סטיר. דאָ זענען פיר הייזער אַרומגערינגלטע מיט שוואַרצע בלאָטע־וועלדער. איינער אַ גוי האָט דאָרט געשלאָגן אַ ייִדישע יתומה און זי באַעוולהט. סאַטאַנאָווסקי הייסט נאָכשפּירן יענעם גוי. אין אַ צען טעג שפּעטער באַפעלט ער פּלוצלינג אַוועקצולאָזן זיך פון אָרט. יענעם גויעץ, וועלכער האָט געטאָן שלעכטס דער ייִדישער יתומה, נעמט מען אים מכלומרשט מיט פאַר אַ וועגווייזער, און אין מיטן וועג דערשיסט מען אים, ווייל ער איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן. האָכמאַן געפינט זיך אין יענעם אָטריאַד ביזן פאַריאָגן די דייטשן פון ראָוונע. אין אַ יאָר אַרום, נאָך דער מלחמה, איז האָכמאַן אין ראָוונער אָבלאַסטנאַיער קאָמענדאַנטור. פּלוצלינג דערזעט ער אַ באַקאַנט פּנים און ער ווייסט נישט ווער יענער איז. „האָכמאַן! — פרעגט יענער — וואָס קוקסטו אויף מיר?" — ענטפערט האָכמאַן — „איך האָב דיך ערגעץ געזען, און איך געדענק נישט ווו". „נו, אויב דו געדענקסט נישט — שמייכלט דער אומבאַקאַנטער — דאַרף מען נישט". און איז אַרויס, איז אָבער האָכמאַן נייגעריק צו וויסן און פרעגט אַ צווייטן באַאַמטן ווער עס איז דער, וועלכער איז נאָרוואָס אַרויס? דאָס איז דאָך אונדזער ייִד, דער קאָמאַנדיר סאַטאַנאָווסקי. און באמת, קיינער פון די פּאָליאַקן און ייִדן האָבן נישט געוווּסט, אַז אָט דער סאַטאַנאָווסקי איז אַ ייִד. זיין ראָל און זיינע פליכטן, די סטראַטעגיע

און די קלוגע אָנפירערשאַפט — אַלץ האָט ער געטון ממש מיט אַ ײדישן גאונישן קאָפּ.

און איך, פײגעלשטײן יצחק, גיב צו: די עלטערע פּאַליאַקן, װעמענס יונגע זין און אײדעמס עס זענען געװען אין קאָסטיושקאָ אָטריאַד, פלעגן װעגן גענעראַל סאָטאַ־נאָװסקי רעדן, צלמענדיק זיך און מיט טרערן.

געצײלטע פון אונדז האָבן יאָ געװוּסט, אַז אין דאָרף װילין, נעבן דאָמבראָװיץ, האָט זיך אַ יונג פּאָרל אױפגעהאַלטן אױף אַרישע פּאַפּירן און דער מאַן איז עס דער קאָמאַנדיר פון פּױלישן אָטריאַד „קאָסטיושקאָ", אין נוסח פון אָטריאַד פון די עלטערע פּאַליאַקן, איבער װעמען עס האָט אױסגעשפּרײט זײן שוץ דער גענעראַל סאָטאַנאָװסקי. אַזעלכע נסתרים זענען געװען נאָך פיל אין װאַלד און צו אײניקע פון זײ װעלן מיר זיך נאָך אומקערן אין לױף פון שרײבן.

די דײטשן פאַרברענען ציװילע זקנים לעבעדיקערהײט

אין אײנעם אַ טאָג פון ענדע מערץ, צי אָנהײב אַפּריל 1943, דערהערן מיר אַ שיסערײ פון מאַשין־געװער און פון לײכטע האַרמאַטקעס, װאָס דערגײט צו אונדז צום דאָרף הורנע. מיר אָריענטירן זיך, אַז דאָס שיסט מען נאָר פון אײן זײט. מיר זענען זיך משער, אַז די דײטשן באַשיסן דעם סװאַריטשעװיטשער װאַלד. אַ פּאָר שעה שפּעטער טרעפט איך פּאַרטיזאַנער. זײ דערצײלן, אַז די װעגן זענען מינירט און אַז עס זענען אױך פאַרזײט מינען־פעלדער. די פּאַרטיזאַנער ציען זיך אַרײן קײן דובע און נאָך זײ גײען נאָך די ציװילע ײדן. מען דערצײלט אױך, אַז אַ סך רוסישע אָטריאַדן גײען אַרױס צו הילף.

װען די דײטשן האָבן געפונען אין װאַלד אַן אױסגעלײדיקטע באַזע, האָבן זײ דאָרט אַלץ איבערגענישטערט און דערנאָך אַלץ חרוב געמאַכט און אױפגעריסן. נאָכדעם זענען זײ אַרײן אין דאָרף סװאַריטשעװיטש און דאָרט קוים געפונען עטלעכע זקנים, אַלטע גױים און גױיטעס מיט אײן אַלטן ײד. זײ טרײבן אַלעמען אַרײן אין קלױסטער, צינדן אונטער דאָס דאָרף און פאַרברענען די לעבעדיקע נפשות. אין דאָרף זעלון האָבן זײ געטראָפן דרײ גױים און זײ פאַרברענט צוזאַמען מיטן דאָרף. אין דאָרף דאָברױסק יאָגן זײ אַרײן די אַלטע, נישט אַנטלאָפענע גױים אין שטאַל און צינדן אים אונטער. עטלעכע און צװאַנציק גױים װערן אין אים פאַרברענט און דאָס גאַנצע דאָרף גײט אַװעק אין פלאַמען. אין דאָרף הוטע־סטעפּאַנגאַראָדסקע טרעפן די דײטשן זעקס אַלטע גײם. זײ װאַרפן זײ אַרײן אין אַ שטוב און צינדן זײ אונטער. דאָס גאַנצע דאָרף מיט די זעקס גױים װערן פאַרברענט. אָבער ס'רוב גױים און גױטעס מיט זײערע קלײנע קינדער פ'ן די אַלע ברענענדיקע דערפער, זענען אין זומפּיקן װאַלד. דאָ גײען אױף ריחות פון געבראָטענע פלײשן, װײל פערד, בהמות, שעפּסן און חזירים זענען אין פײער אַרומגעקומען און די קולות פון די באַשעפעניש מישן זיך אױס מיט דער קאַנאָנאַדע פון די האַרמאַטקעס און פון מאַשין־געװער אין אײן װילד ברומערײ. דער גאַנצער װאַלד אַרום װערט באַשאָסן און באַשאָטן מיט אַ האָגל פון קױלן־פײער. אײניקע גױים האָבן, אַנטלױפנדיק אין װאַלד אַרײן, מיטגענומען מיט זיך די הײליקע בילדער פון מוטער און זון, האָט

מען די בילדער אויפגעהאַנגען אויף די צווייגן פון די אַלכע־ביימער און געקניט, געוויינט, געבראַכן די הענט און געקושט דעם זומפּיקן באָדן. נאָך צוויי־דריי טעג ציען זיך די דייטשן אַרויס, לאָזן איבער נאָך זיך אַ שטיק פאַרוויסט לאַנד. די באַפעלקערונג בלאָנקעט אַרום און באַוויינט דעם חורבן. און איך, אַן איבערבלייב פון די צעקוילעטע יידן, גיי אַרום מיט זיי און כ'בין זיי מקנא. שטיל אין האַרצן חזר איך די ווערטער פון ייִדישן דענקער, אָבער אַ ביסל אַנדערש: „ווען אַ לאַנד ווערט חרוב, וועלן נאָך קומען מענטשן און עס אויפבויען", אָבער מיין חרוב געוואָרן פאָלק ווער וועט אויפבויען?!

אַ בלוטיקע שלאַכט ביים דאָרף פּערעקאַליע

איך פאַרליר פון אויג אונדזערע פאַרטיזאַנער. איך זע נישט קיין איין דאָמבראָוויצער און קיין איין סערניקער. איז דאָס פאַר מיר אַ פּרשה סתומה. נעבן דובע, אין די בלאָטעס, שטייט אַ קליינער אָטריאַד, די אַ. ג. „שיטאָוצעס", צווישן וועלכע עס זענען אויך דאָ אַ פּאָר ייִדישע פאַרטיזאַנער. אַרום זיי האַלטן זיך אַנטרינענע פּוילישע משפּחות פון זייערע צעקוילעטע דערפער. שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי אין די נעכט, זענען די הימלען רויט אויף ווייטע שטחים. — דאָס ברענען פּוילישע דערפער, אין וועלכע די פּאָליאַקן מיט זייערע פרויען און קינדער ווערן אכזריותדיק פאַרניכטעט און רעשטלעך לויפן אַהער, אין דער פאַרטיזאַנער־זאָנע זוכן שוץ נעבן אָט דעם קליינעם אָטריאַד. דאָ, אין די בלאָטעס, האַלטן זיי וואָך מיט שפּיזן, קאָסעס, לאַנגע מעסערס, שאַרפע העק. אָט ווערט אַ מהומה. די דערשראָקענע פּאָליאַקן שרייען: „עס גייען בולבאָווצעס!" מען לויפט פאַרויס מיט די קאָסעס. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען פאַרבלוטיקטע, האַלב־טויטע פּאָליאַקן, פּליטים פון אויסגעהאַרגעטע דערפער.

איינמאָל זענען אויך געקומען צולויפן אַ דרייסיק וואָלאָדימירצער ייִדן, וואָס זענען געווען אין וואַלד נעבן אַ פּויליש דאָרף און זענען קוים אַנטלאָפן פון דאָרטן. אָט די מהומות חזרן זיך איבער פיל מאָל, און אין די דובער בלאָטעס איז אַ עולם התוהו. אינעם ווירוואַר פון פּחדים דערהערן מיר, אַז אויף דער צווייטער זייט פון טייך „סטיר", אַכצן קילאָמעטער פון אונדז, אין דאָרף פּערעקאַליע, איז איינקוואַרטירט אַ גרויסער כּוח פון דייטשן. די פּוילישע רעשטלעך, צווישן וועלכע איך דריי זיך אַרום מיינען, אַז די דייטשן וועלן זיי שיצן קעגן די אוקראַינער און זענען צופרידן פון די דייטשע שכנים. מיר ייִדן זענען אָבער באַזאָרגט. מיר קוקן אויף אונדזערע קינדער מיט גרויס רחמנות און ווייטאָג. מיר האָבן מורא, אַז עס קומט דער סוף, אַז דער מלאך המוות טאַנצט פאַר די אויגן. איך הער זיך צו וואָס עס קומט פאָר אויף די שליאַכן. אין אַ געוויסן טאָג, נאָך טרויעריקע ידיעות און שרעק, שטיי איך ביים ראַנד פון וואַלד און איך הער אַ גאַלאָפּ פון פערד. איך מיין אויף געוויס, אַז דאָס זענען בולבאָווצעס, און אַז אָט ווער איך אַרומגערינגלט. אָבער דאָס זענען גאָר געווען אויסשפּירער פון אונדזערע דאָמבראָוויצער און סערניקער פאַרטיזאַנער.

מיט אַ שעה שפּעטער, ציט זיך דער גאַנצער אָטריאַד צום טייך סטיר. קיין איינציק וואָרט קען מען פון קיינעם נישט אַרויסבאַקומען. זיי רעדן נישט. שפּעטער מיט אַ פּאָר

טעג, אין אַ פאַרטאָג, הערן מיר פון יענער זייט סטיר אַ גוואַלדיקע קאַנאָנאַדע, וואָס ציט זיך אַ גאַנצן טאָג. לויט די קולות וברקים פאַרשטייען מיר, אַז ס׳איז אַ שווערער געראַנגל, און מיר יידן זענען שטאַרק אומרויק און באַזאָרגט פאַרן לעבן פון די אַלע דאָמבראָוויצער און סערניקער, וועלכע זענען איצט אין קאַמף. מיר וויינען און בעטן בײַ גאָט, אַז עס זאָל זיי נישט געשען קיין שלעכטס.

פון דעם, וואָס עס דערציילן אונדזערע יידן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין יענעם קאַמף, באַקומען זיך אַזאַ בילד:

פון פינסקער און סטאָלינער זייט און פון די אַלע שטעטלעך אין גאַנצן אַרום, זענען אַלע גוט־באַוואָפנטע ס. ס. לייט צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרן און איינקוואַרטירט אויף דער אַנדערער זייט פון סטיר, אין דאָרף פּערעקאַליע, מיטן פּלאַן צו פאַרניכטן אַלע אָטריאַדן פון דער איינהייט. די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרויסגעזען אַ שווערן קאַמף, און אויף דעם סוואָריטשעוויטשער אָטריאַד, מיט זיינע יידן און גוטע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן שוין געהאַט סטאַזש און דערפאַרונג אין קאַמפן, אין וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן מסירת נפש און פלינקער אָריענטאַציע, האָט מען אַרויפגעלייגט צו זיין די ערשטע אָנגרייפער, און אַזוי מאַנעווורירן, אַז די דייטשן זאָלן אַריינפאַלן אין אַ צעטומלעניש.

אַ צווייטאָגיקער קאַמף האָט נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן און קיין שום נצחונות. אָבער קרבנות זענען געווען אין ביידע זייטן, — ביי די דייטשן פיל מער געפאַלענע, ווי ביי די פּאַרטיזאַנער. פשוט, עס איז גרינג געווען צו הרגענען שוצלאָזע יידן, אָבער אַנטקעגן פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן קיין אַנדער ברירה, ווי זיך שלאָגן, צו הרגענען, אָדער געהרגעט צו ווערן — אַנטקעגן זיי זענען די דייטשן נישט אַזעלכע גרויסע גבורים. די פּאַרטיזאַנער וואַרפן זיך אויפן שונא ווי צערייצטע טיגער. און די „העלדישע" דייטשן פאַלן ווי פליגן. ביינאַכט טרעטן די דייטשן אָפּ, און אויפן וועג פאַרברענען זיי אַלע שוצלאָזע דערפער מיט די עטלעכע פאַרבליבענע מענטשן און אויך אַלע בעלי־חיים. לאַנג האָבן פּאַרטיזאַנער גערעדט וועגן די פּערעקאַליער קאַמפן. געוועזענע פראָנט־סאָלדאַטן האָבן געזאָגט, אַז די קאַמפן זענען איבערגעשטיגן אין זייער באַדייטונג אַפילו פראָנט־שלאַכטן, רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געהאַט קיין הינטערלאַנד, וווהין צו קענען אָפּטרעטן, בעת אַרום און אַרום שטייען גוט באַוואָפנטע ס. ס. איינהייטן.

ס׳איז פאַרטאָג. אַלע דייטשן, אויסער זייער וואַך, שלאָפן. אָבער צוקומען צום דאָרף מוז מען דורך אַן אָפענעם ליידיקן שטח. און דאָס ווערט געמאַכט נאָך איידער ס׳הייבט אָן טאָגן. ערשט, אַז זיי זענען שוין גאָר נאָענט, עפענען די פּאַרטיזאַנער אַ פייער און כהרף־עין שטויסט מען זיך אָן אין אַ האָגל פון כל מיני קוילן — פון מאַשין־געווער, פון אויטאָמאַטן און האַרמאַטן. אָבער אַלע אין דאָרף ברענענדיקע הייזער, אין וועלכע די דייטשן זענען איינקוואַרטירט, די געשרייען פון מענטשן און באַשעפענישן, אונדזער קוילן־האָגל און דער מעכטיקער „הוראַ" און דאָס וואַרפן זיך פנים אל פנים אויף די דייטשן, האָבן זיי צעטומלט. זיי שיסן סתם אין דער וועלט אַריין, אָן חשבון. זיי האָבן

שוין פיל קרבנות. און די פאַרטיזאַנער — וואָס ווייטער, אַלץ מער אָנגרייפעריש זענען זיי. אונדזערע פאַרווונדעטע, וועמען ד״ר ערליך און די סאַניטאַרן קלייבן צונויף אונטערן מבול פון שונאס קוילן, און אונדזערע הרוגים, צינדן אָן ביי די פאַרטיזאַנער נאָכמער אַ פייער פון נקמה און מען לויפט אין אָפענעם קאַמף. אַזוי אַרום האָט דער אָטריאַד פון דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן אַליין געקעמפט קעגן אַ ריזן־כוח פון דייטשן, וועלכע האָבן געמוזט פאַרלאָזן פערעקאַליע, איבערלאָזנדיק אַ סך פרישע אָנגעשאָטענע בערגלעך. אין דער־אָ נאַכט האָבן מיר געהאַט פיל פאַרווונדעטע. אַכט יידן זענען געפאַלן און איין גוי. די פאַרלוסטן זענען פאַר אונדז געווען פיינלעך און גרויס דער ווייטאָג איבער די געפאַלענע חברים און פריינד.

סאַשקע און זיין מערדער־באַנדע

אָבער אַ צווייטער אומגליק האָט גלייך געמאַכט פאַרגעסן דעם ערשטן. און געשען איז אַזוי: ווען די פאַרטיזאַנער האָבן זיך געשלאָגן אין פערעקאַליע, איז דער ציווילער יידן־לאַגער געבליבן אויף די ווערבעס, ווייל די אַלע יידן, פרויען און קינדער, האָט מען נישט געקאָנט מיטפירן מיט זיך. אין יענעם מאָמענט טאַקע, זענען די באַנדעראָווצעס, מיט זייער אָנפירער — דער אכזריותדיקער מערדער, דעם ראָנער גלחס זונדל, סאַשקע — באַפאַלן די יידן אויף די ווערבעס און אויסגעקוילעט, צעריסן אויף שטיקלעך די אַלע וואָס זענען זיך נישט צעלאָפן. די דאָזיקע באַנדע האָט זיך רעקרוטירט פון ראָנער, קרי־וויצער און טריפיטניער גויים, פון וואַנעט אָט דער סאַשקאָ שטאַמט, און שוין אין די ערשטע וואָכן נאָכן אַנטשטיין פונעם קליינעם יידישן אָטריאַד, מיט פנחס ניימאַן בראש, מח מען כסדר פירן קאַמפן קעגן זיי. די באַנדע איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ דריי הונדערט גוט באַוואָפנטע באַנדיטן מיט גענוגנדיקע רעזערוון פון יונגע שקצים און שיקסעס. היינט הרגעט מען זיי אויס און מאָרגן זענען דאָ אַנדערע. לויט זייער אויפפירונג זענען זיי געווען די דירעקטע יורשים פון כמעלניצקי און גאָנטע, ימח שמם: נאָכן באַפאַלן יידן, אָדער אַ פויליש דאָרף, האָבן זיי געפלעגט מיטנעמען אויף זייערע שפיזן די אָפגעהאַקטע קעפּ, הענט און פיס און אַריינפאָרן אין זייערע דערפער מיט ווילדן געזאַנג, טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט, הוליען און טרייבן זנות, און די קעפּ, הענט און פיס וואַרפן פאַר די הינט.

די 6 פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געבליבן היטן די ציווילע יידן, האָבן זיך נישט געקאָנט אַקעגנשטעלן און אָפּשלאָגן אָט דעם אומדערוואַרטן איבערפאַל פון סאַשקען מיט זיינע 300 באַוואָפנטע באַנדיטן און אַ פינף הונדערט נאָכלויפנדיקע נאָך זיי שקצים און שיקסעס מיט קאָסעס, העק און ווידלעס, אין זייערע רוצחישע הענט. אַלע צוזאַמען מאַכן אָן אַ מאוויימדיקן חורבן און מיט אָפּגעהאַקטע יידישע קעפּ, הענט און פיס אויף זייערע ווידלעס און שפיזן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט צום בראַניצער וואַלד און דאָרט אָנגעהויבן הולטאַיעווען, שיכורן, פראַווען אָרגיעס און הויך אויסזינגען זייער נצחון איבער די צעקוילעטע סערניקער און דאָמבראָוויצער שוצלאָזע יידן.

די פאַר הונדערט פאַרטיזאַנער, טאַקע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן און אויך

גויים, וועמענס קרובים זיי האָבן אויך אויסגעשאָכטן, אויסשפּירנדיק געגוי חז די באַנדע געפינט זיך, טראַכטן שנעל דורך אַ פּלאַן מיט אויסרעכענונג און סטראַטעגיע, וואַרפן זיך אומדערוואַרט אויף אָט דער רוצחישער באַנדע, אין סאַמע ברען פון זייער ווילדער נאַכט־אָרגיע. הונדערטער פון זיי זענען אויפן אָרט דערשאָסן און צעריסן געוואָרן. צענדליקער זענען זיך צעלאָפן אין דער ריכטונג פון נאָסן, זומפּיקן וואַלד און זענען דאָרט באַגעגנט געוואָרן מיט פייער פון די פריער צעשטעלטע לויערונגען. זיי פאַלן דאָרט ווי אונטערגעהאַקטע צווייגן. צענדליקער זענען אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די קעמפער. אַ סאָוויעטישער פּאַרטיזאַן האָט איינעקע פון זיי צוגעבונדן צו ביימער און האַלטנדיק אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון אַן אויף שטיקער צעריסן יידיש מיידל, מיט אַן אָפּגעשניטענער ברוסט, געשריען: „יידן, טוט אָט דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געטאָן". און די דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער, די דריי ברידער שפּין, מודריק, משה לאַנדוי, טילטשין, לייזויק פּישמאַן, די ברידער ברוך און אָשר מאַנקאָווסקי, משה קאָווזאַלאַ, פּנחס געגנזל, יהודה צאַצקעס און אַלע איבעריקע יידן, — האָבן אויסגעגלייכט דעם חשבון... גענומען נקמה פאַר שמעון שיינמאַן, פאַר קאָפּל לעווין, פאַר יודלס פאַר־ברענטע קינדער, פאַר משה פּישמאַן, פאַר אַלך און פאַר אַלעמען. אויך די סערניקער יידישע העלדישע פּאַרטיזאַנער, האָבן באַצאָלט די באַנדיטן פאַר זייער גרויזאַמקייט, פאַר אַלע בעסטיאַלישע מאָרדן איבער אונדזערע שוצלאָזע יידן. אָבער, דער בלוטיקער סאַשקאַ איז אַנטלאָפן. ער קלייבט צונויף אַ פרישע באַנדע, וואָס באַוואָפנט זיך פונדאַסניי מיט גוט געווער, נאָכדעם ווי דאָס פריערדיקע איז טיילווייז פאַרברענט געוואָרן און טיילווייז געבליבן ביי די פּאַרטיזאַנער. אונדזערע יידן און אויך די פּאַרטיזאַנער באַגע־גענען זיך נאָכאַמאָל מיט אָט דער ווילדער האָרדע.

די פּאַרטיזאַנער קלייבן צוזאַמען די שטיקלעך גופים: קעפּ, הענט און שטיקלעך פיס פון די קרבנות, און ד״ר ערליך שטעלט פעסט, אַז מען האָט זייערע טיילן געבראָכן לעבעדיקערהייט. מען איז זיי מקבר אין פּיין, טרערן און יסורים. איך, פייגעלשטיין יצחק, גיי צו מיין נעסט אין דובער וואַלד אַריין, אויפן וועג באַגעגן איך אַ גוי, אַ ידיד, און ער זאָגט צו מיר מיט תרעומות: „איצוניו, איך וואָלט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז יידן זאָלן זיך אַזוי קענען נוקם זיין". אויף מיין פראַגע, צי ער האָט געזען די צעריסענע, אויף פּיצלעך, יידישע הרוגים, דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס סאַשקעס באַנדע האָט געמאַכט איבער די אומגליקלעכע יידן, ענטפערט ער מיר: „דאָס זענען דאָך פינצטערע גויים, אומוויסנדיקע מענטשן, אָבער יידן דאַרפן נישט נקמה נעמען אויף אַזאַ אופן".

שוין וואָכן, ווי איך הער נישט פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער, ווייל זיי זענען אַוועק אין אַ צווייטער ריכטונג. איך קריך אונטער נעבן דער הוטע און איך טרעף אָן אויף צווי פּאַרטיזאַנער, וועלכע שלעפּן אַרויס האָניק פון אַ בינשטאָק. איך דערקען ר׳ אפרים קאַז׳ס זון און כהרף עין יאָגט זיך אָן אַ וואַטאַגע פּאַרטיזאַנער און איך דערקען גלייך דעם קאָמאַנדיר, דער סערניקער ייד מיט די לאַנגע וואָנצעס — אפרים באַקאַלטשוק. איך פרעג זיך אויס אויף אונדזערע פּאַרטיזאַנער, אויך אויף די ציווילע, און מיר דער־

וויסן זיך פּאָלגנדעס: נאָך דער קבורה פון די שטיקלעך יידישע גופים און די פּאָר צעקיילטע גוישע משפחות — פריינד פון די יידן און פּאַרטיזאַנער, צוליב וואָס זיי האָבן געטיילט אונדזער גורל און זענען אויך פּאַרפייניקט געוואָרן, באַזעצט זיך דער אָטריאַד אַרום די וויטשעווקער כוטאָרעס און וויל נעמען נקמה פאַר די געפאַלענע העלדן אין פּערעקאָליע. אין איינער אַ נאַכט דערשלאָגט מען זיך קיין סערניק און מיט גראַנאַטן פאַרוואַרפט מען די דייטשע בונקערס. מען מאַכט אָן אַ חורבן אין דעם קליינעם דייטשן גאַרניזאָן, פון וועלכן בלויז אַ טייל אַנטלויפן קיין האַראַדנאַיע. צוזאַמען מיט יענעם גאַרניזאָן בויען זיי אויף די דייטשע „דאָטן״, פייער־פונקטן און בונקערס אין וועלכע זיי נעכטיקן. בייטאָג היטן זיי פון די פייער־פונקטן דעם טראַקט סטאָלין—פּינסק. ווען סערניק איז געוואָרן אָפּגערייניקט פון די דייטשן, קלייבן זיך איבער די פּאַרטיזאַנער און אויך די ציווילע אין האָרף וויטשעווקע. אַ גרופּע מיט לייוויק פישמאַן בראש לויערן אויפן טראַקט סטאָלין—פּינסק, ווייל די פאַרבינדלער גיבן איבער, אַז דער סטאָלינער געביטס־קאָמיסאַר מיט אַ וואַטאַגע ס״ס, דאַרפן דערפאָרן קיין פּינסק. און ס׳געשעט אָט וואָס: ס׳פאָרט אָן דער אויטאָ, פון פאָרנט — באַוואָפנטע מאָטאָציקליסטן און ביי די זייטן און נאָכן אויטאָ, אַ באַוואָפנטער כוח. פון דער פאַרמאַסקירטער פּאַרטיזאַנישער לויערונג שיטן זיך אויף די דייטשן קוילן, מינעס און האַנט־גראַנאַטן און עס געלונגט אויסצוראָטן די גאַנצע מחנה. דאָס היטל פון סטאָלינער געביטס־קאָמיסאַר איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ בוים. לייוויק נעמט עס אַראָפּ און קומט צוריק צו דער באַזע קיין וויטשעווקע מיטן היטל פון געביטס־קאָמיסאַר אויף זיין קאָפּ. די פּאַרטיזאַנער אין וויטשעווקע טריומ־פירן מיט זייער נצחון. אַ צווייטע גרופּע איז אַוועק צום טייך פּריפּיעט און געלויערט ביז ס׳איז צוגעשווימען אַ באַרקע מיט אָנגערויבטע תבואה, אויף וועלכע עס זענען געזעסן פיל דייטשן. די פּאַרטיזאַנער האָבן אין ריכטיקן מאָמענט באַשאָסן און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די באַרקע און זי האָט אָנגעהויבן זינקען. סאָלדאַטן זענען געפאַלן טויט און פאַרוווּנדעט געוואָרן. צוויי פון זיי האָבן זיך דערשלעפּט צום ברעג און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געבראַכט קיין וויטשעווקע. ביידע האָבן געגומען טענהן, אַז זייערע באָבעס זענען געווען יידישקעס, אַז זיי זענען מיטגלידער פון דער אומלעגאַלער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, און זיי זענען טאַטעס פון קינדער, דעריבער בעטן זיי, אַז מען זאָל זיי נישט טאָן קיין שלעכטס.

און עס געשעט אַזוי: די וויטשעווקער נאַציאָנאַליסטן פירן אַריין דורך די גערטנער סאַשקעס באַנדע, ווייל אויף די גאַסן און וועגן וואַכן די פּאַרטיזאַנער. די דאָזיקע באַנדיטן מאַכן אָן אַ צווייטן חורבן. פון דעם אומדערוואַרטעטן איבערפאַל פון אַזאַ גרויסן ערב־רב, וואָס איז באַשטאַנען פון גוים, גויעטעס, באַוואָפנטע מיט ביקסן, העק און ווידלעס, ווערן די פּאַרטיזאַנער לכתחילה צעטומלט. ביז מען קומט צו זיך זענען שוין דאָ קרבנות. אמת, די פּאַרטיזאַנער אָריענטירן זיך שנעל און מען שטויסט אַרויס דעם גרויזאַמען שונא, אָבער דעמאָלט זענען שוין פאַראַן זיבן טויטע פּאַרטיזאַנער און פופצן טויטע פון די זקנים, אלמנות ויתומים, צווישן זיי אויף די דאָמבראָוויצער: זיידל גראַוער און חיה שיינמאַן. די איבעריקע זענען סערניקער, ווי אויך אַ מיידל פון קאָרעץ און אַ פּאָר

דאַרפישע יידן. אַט די אַלע אומגליקן קומען פאָר אין דעם צייט־אָפּשניט פון פסח—שבועות פון יאָר תש״ג — 1943.

פאַרנאַכט־צו נאָכן מקבר זיין די הרוגים, זאָגן אָן די פאַרבינדלער ווו די באַנדיטן געפינען זיך און די פאַרטיזאַנער יאָגן זיי אָן און דערגרייכן זיי אין אַ וועלדל נעבן שטעטעלע רובליע, ווו זיי האָבן געמאַכט אַ פּריוואַל און אָנגעהויבן זייערע הוליאַנקעס. פאַטעפאָנען האָבן געשפּילט און זיי האָבן געטרונקען, געהולטאַיעוועט, געפּראַוועט בציבור — ווי זייער מנהג — ווילדע אָרגיעס. די ביקסן זענען געווען אויפגעשטעלט אין קאָזלעס. אַזוי זיכער האָבן זיי זיך געפילט. שטיל און פאָרזיכטיק רוקן זיך אונטער די פאַרטיזאַנער און רינגלען זיי אַרום. אין איין מינוט האָט זיך אַ שיט געגעבן אַ פייער־האָגל פון כל מיני געווער: מינאָמיאָטן, מאַשין־געווער און האַנט־גראַנאַטן. מיט די שפּיזן אויף די ביקסן זענען די פאַרטיזאַנער געווען גרייט צו אַ קאַמף פון פנים אל פנים, צו וואָס עס איז נישט דערגאַנגען, ווייל די פאַרטיזאַנער האָבן זיי נישט דערלאָזט צום געווער. מיט דעם איצטיקן איבערפאַל ווערט ליקווידירט די גאַנצע באַנדע, וואָרעם די וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן לעבעדיקערהייט, האָבן די פאַרטיזאַנער מיט אַ שעה שפּעטער אויך געשאָסן. און עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ווי זיס עס זאָל נישט האָבן געווען דאָן דאָס געפיל פון נקמה, איז עס דאָך נישט געווען פאַר אונדז קיין טרייסט, ווייל, צו גרויסע אבידות האָט מען געהאַט — ווי איך האָב שוין דערמאָנט — אין דעם קורצן צייט־אָפּשניט צווישן פסח—שבועות תש״ג און אויך פיל פאַרוווּנדעטע.

די יידישע קראַנקן־שוועסטער מאַטילדאַ, וועלכע איז אַרויס גאַנץ פון די פערקאַליער קאַמפן אויפן אָפענעם פעלד, ווו זי האָט געגעבן הילף די דעמאָלטיקע פאַרוווּנדעטע, אונטערן האָגל פון דייטשע קוילן, האָט געפונען איר טויט אין וויטשעווקע, פון סאַשקעס הענט, וועלכער האָט זי דערשטאָכן מיט אַ מעסער.

בינתיים גייט אָפּ די צייט אין שווערן טרויער. אין דעם דובער קריסטלעכן אָטריאַד, אין וועלכן עס זענען געווען צוויי וולאַדימערצער יידן און איין כינאָטשער ייד, געשעט אַז זיי גייען אַוועק אויף דיווערסיע און קומען נישט צוריק. מיר דערוויסן זיך, אַז אַלע דריי יידן זענען אומגעקומען פון די הענט פון זייערע אייגענע חברים, גויישע פאַרטיזאַנער.

דער אָטריאַד פון גענעראַל פיאָדאָראָוו

צו יענער צייט קומט אָן אַ גרויסע פאַרטיזאַנער־איינהייט פון די בראַנסקער וועלדער. מען זאָגט, אַז די איינהייט באַשטייט פון 60 אָטריאַדן וואָס ווערן אָנגעפירט דורך אַ רוסישן גענעראַל פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי; זיי גייען דורך אָפענע וועגן אין מיטן ליכטיקן טאָג, ווי זיי וואָלטן אָפּגעהאַלטן מאַנעווורעס. זייערע אויסשפּירער געפינען אויסבאַהאַלטן אין קאָרן, — סנדר פייגעלשטיין, און זיי זענען אים חושד, אַז ער איז אַ בולבאָווסקער שפּיאָן און ווילן אים שיסן אויפן אָרט. ס׳העלפן נישט זיינע בקשות, ביז עס לויפט איינער אונטער, קוקט זיך איין אין אים און רופט זיך אָפּ: „חברה גיט אים איבער אין שטאַב״. מען פירט אָפּ דעם ברודער צום גענעראַל, וועלכער פרעגט אים: „וואָס איז אין דיין

טאַרבע? גראַנאַטן? פּלאַנען? צי פּאַטאַ־אַפּאַראַטן?" מיין ברודער קערט איבער זיין טאַרבע און עס פאַלן אַרויס שטיקלעך ברויט און ר׳ יעקב עמדינס סידור. דער וואָס האָט אים צוגעפירט צום גענעראַל בלעטערט אין סידור און זאָגט: „גענעראַל, דאָס איז אַ יידישער סידור". זאָגט דער גענעראַל: „סטופּיי דוראַק". אין יענע אַטריאַדן זענען געווען יידן, און האָבן ביי יעדער געלעגנהייט מציל געווען און געטאָן יידן טובות.

איצט מאַכן זיי אַ פּריוואַל אין דובער וועלדער, פונאַנדערשפּרייטנדיק זיך ביזן דאָרף בילע. פאַר אונדזער קליינער דובער אַטריאַד גיבן זיי במתנה אַ שיין ביסל געווער. די סאַפּיאָרן פאַרלייגן אַ בריק איבערן טייך סטיר און מען מאָביליזירט אין די דערפער פּורן און מען לאָזט זיך אַוועק אויף דעם וואָלאַדימערצער דייטש־פּאָליציאַישן גאַרניזאָן. ביז טאָג רינגלען טויזנט פּאַרטיזאַנער אַרום דאָס שטעטל און ווען אינגאַנצן אומדער־וואַרטעט „פאַלן" דאָרט אַריין די ערשטע פאַר צענדליק פּאַרטיזאַנישע האַרמאַטן־קוילן, אַנטלויפן די דייטשן מיט די פּאָליציסטן און פאַרשטעקן זיך אין די צוגעגרייטע בונקערס, ליגן דאָרט באַהאַלטן און אין שטעטל בעלי־ביתעווען די פּאַרטיזאַנער. צוויי דייטשן רוקן אַרויס זייערע קעפּ פון די דאַטן און גלייך בלייבן די קעפּ ליגן אין דרויסן. זיבן וואָלאַדימערצער גויים, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט מיטן דייטש ווערן אויפ־געהאַנגען. און נישט בלויז פון שטעטל אַליין, נאָר פון גאַנצן אַרום ווערן אַרויסגעיאָגט פיל הונדערטער פורן און אַלץ וואָס עס געהערט צום דייטשן גאַרניזאָן און באַזונדערס די אָנגעגרייטע תבואות, פערד, בהמות, חזירים און שעפּסן ווערן מיטגענומען און גע־שלעפּט צום דובער וואַלד. די פאַרשטעקטע דייטשן לאָזן די פּאַרטיזאַנער טון וואָס זיי ווילן במשך דער גאַנצער צייט פון זייער זיין אין שטעטעלע. און ס׳איז צו פאַרציי־כענען, אַז אין יענע טעג האָבן זיך דאָרט קאָנצענטרירט דייטשן פון ראַפאַלאָוועקער, אַנטאָנעוועקער און אויך מאַניעוויטשער ראַיאָנען. אינגאַנצן דריי קילאָמעטער האָט זיי אָפּגעטיילט פון שטעטל, אָבער זיי האָבן פּחד געהאַט אָנצוהייבן מיט די פּאַרטיזאַנער. און ווען אַפילו פון סאַרנע און סטעפּאַן איז צוגעקומען אַ דייטשישע פאַרשטאַרקונג, האָבן זיי זיך איינגעגראָבן אַ פּאָר קילאָמעטער הינטערן שטעטל און געשוויגן. ערשט ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט רעש און געזאַנג פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָבן זיך די דייטשן אַריינגערוקט צוריק קיין וואָלאַדימערעץ.

אָט די מעכטיקע פּאַרטיזאַנקע גייט פון דובע צום שטעטל ליובאַשיי, פעסטיקט זיך דאָרטן איין און מיר בלייבן אין אַזאַ שטימונג ווי נאָך אַ גרויסן יום־טוב נאָך וועלכן ס׳ווערט אָפּגעוואַרט דער קאַלטער טריבער אָסיען. אונדזער טרויער און פּחד פאַרגרעסערן זיך ווייל אין יעדער נאַכט זענען די הימלען רויט אויף אַ דרייסיק־פערציק קילאָמעטער אַרום דעם זומפּיקן וואַלד, און צומאָרגנס לויפן רעשטלעך פון צעקוילעטע, פּוילישע דערפלעך און כוטאָראַנעס, צווישן וועלכע עס זענען אויך פאַראַן יידן־יחידים פון סטעפּאַן און מאַניעוויטש. יעדער פון זיי וויינט אויף דעם ערשטן חורבן פון זיין ליבהאַרציק שטעטעלע, אויף זיין פאַרלאָרענער משפּחה און אויך אויפן צווייטן חורבן, אין די וועלדער, אַרום די פּוילישע דערפער, ווו מ׳האָט נאָר וואָס פאַרלאָרן אַ לעצט קינד, ברודער, אָדער שוועסטער — דאָס רעשטל פון אַן אויסגעקוילעטער משפּחה.

די „באַנדעראָווצעס" פאַלן אָן און ווערן געשלאָגן

אָבער מען לאָזט אונדז נישט בלייבן אין אונדזער יאושדיקער פאַרגליווערונג, מיט אונדזער טרויער און ווייטאָג. פּלוצלינג, אין אַ פֿאַרטאָג, דערטראָגט זיך צו אונדז אַ שיסעריי פון טויזנטער כלים־מחבלים. מיר אָריענטירן זיך, אַז דאָס קומט פון דאָמבראָוויץ—וולאָדימערעץ. דער רעש שטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט, אַזוי, אַז אונדז דוכט זיך, אַז דער זומפּיקער וואַלד פֿאַלט אין אָפּגרונט. מיר קוקן זיך אַרום, אַז דער קליינער דובער אָטריאַד מיט זיינע 70—60 ביקסן איז אויך נישטאָ. עס קומען צו לויפן, אויף טויט דערשראָקענע, פּאַליאַקן, וועלכע דערציילן, אַז 17 אָטריאַדן פּאַרטיזאַנער זענען אַרומגערינגלט דורך אַ מחנה פון צען טויזנט באַנדעראָווצעס, נישט ווייט פון אונדז, פון דער אַנדערער זייט דובע. און דעמאָלט געשעט אַזוי: ווען די סאָיעדיניעניע האָט זיך געדאַרפט באַוועגן אין אַ געוויסער ריכטונג, האָבן שפּיאָנען וועגן דעם איבער־געגעבן דעם שונא און אויף די פעלדער פון דובע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פינף שעהדיקער קאַמף קעגן גרויסע מחנות באַנדעראָווצעס, וועלכע זענען אָנגעקומען פון דאָמבראָוויץ, בערעזשניץ און וולאָדימערעץ. נאָר דעמאָלט זענען געקומען צוהילף, פון סטיר, די טשערניגאָווצעס און פון סוואָריטשעוויטש — די סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן.

זיי זענען אָנגעקומען ריכטיק, אין דער צייט, ווען די גרויסע כוחות פון די באַנדעראָוו־צעס זענען געווען געוואָנדעט קעגן דער סאָיעדיניעניע. די באַנדראָווצעס באַקומען שטאַרקע קלעפּ, ווערן צעטומלט און אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק זייערע הרוגים און פאַר־וואונדעטע מיט זייער געווער. פאַר אונדז, ציווילע יידן און פּאַליאַקן, איז „אַ יום־טוב אין די 9 טעג". מיר ציען זיך אַרויס קיין לאַסיצק. דאָרט באַגעגן איך איניקע דאָמ־בראָוויצער פּאַרטיזאַנער: יאַנעק ראָטענבערג און זיין פרוי, משה קאָוואַלאַ, די דריי ברידער שפּין, די רוסן מאַסליוק און וואַסקאָ. איך דערוויס זיך וועגן אַלע דאָמבראָוויצער יידישע פּאַרטיזאַנער, צעשפּרייטע איבער פּאָלעסיע, אין פאַרשידענע אָטריאַדן.

רשימה פון דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער (לויטן א"ב)

אַבוגאָוו אַלעק (מאַן פון חיה לאַנדאו)
אָוסיענקאָ גבריאל (איידעם פון וואַראַנאָ)
באַרמאַן אברהם
באַרמאַן יחיאל
באַרמאַן בערל (פאָטער)
באַרמאַן יידל (זון)
באַרמאַן לאה און מעניע (טעכטער)
באַקאַלטשוק מלך
בייגל דוד
ברוינפמאַן אבא
ברוינפמאַן משה
גענזל פנחס
האַכמאַן חיים
וויליגון שמואל
זעליקאָוויטש (פאָטער)
זעליקאָוויטש בעבוס (זון)
חייט
טילטשין יונה
טענענבוים זרח
יפה אייזיק ומשה (ברידער)
לאַנדאו חיה
לאַנדאו אפרים ומשה (ברידער)
מודריק חיים (פון האָרוועניץ)
מודריק חיים (פון קאָלק)

מודריק מאיר
מאַנקאָווסקי ברוך
מאַנקאָווסקי אָשר
ניימאַן אברהם ופנחס (זין פון מאַנדל)
ניימאַן פנחס (איידעם פון מאַנדל)
ערליך ברוך (דאָקטאָר)
פאַרפלמאַזע פיניע
פייגעלשטיין: אייזיק, יוסף, יעקב,
פישמאַן לייוויק
פערלשטיין לייבל
צאַצקעס יהודה
קאָוואַלאָ משה
קאַריך
קירזשנער מאַנעס
קראָנענבערג
קראַצמאַן נאָטע
ראָזענבערג שמחה
ראָטענבערג יאַנעק
ראָטענבערג נינאַ (פרוי)
שיינמאַן זעליג
שיינמאַן לייבל
שיינמאַן מיכל
שפין איצל
שפין זלמן
שפין משה

חוץ זיי האָבן נאָך הונדערט מאַן, סערניקער און דאָרפישע יידן פון דאָמבראָוויצער און סערניקער אומגעגנט געקעמפט אין איינעם. יעדער איינער פון דער רשימה איז אין וואַלד געווען אַ גיבור. און, אין יענע קריטישע צייטן, אַרויסגעוויזן פלינקע אָריענ־טאַציע וואָס האָט אין פיל פאַלן דעצידירט דעם אויסגאַנג פון די נישט גלייכע פאַר־מעסטן מיט די שונאים. יעדער איינער פון אָט דער רשימה האָט נקמה גענומען, און אַלע צוזאַמען האָבן אַרויסגעוויזן זייער אַ סך אהבת ישראל און מסירת נפש פאַר מציל זיין אַ ייד. איניקע זענען געפאַלן אין אָפענעם קאַמף, אייניקע זענען פאַררעטעריש, דורך אייגענע, מכלומרשטע קאַמפס־חברים גויים, פאַרפייניקט געוואָרן, אָדער אויס־געליפערט געוואָרן דעם שונא. אָט די אַלע געפאַלענע זענען קדושים פון דער העכסטער מדריגה. אַ גרויסער טייל פון דער רשימה געפינט זיך אין ישראל און אַ טייל — אין די תפוצות. אַ קליינער מיעוט איז געבליבן אין רוסלאַנד. זייער אַלעמענס זכות איז גרויס. זיי האָבן געראַטעוועט יידן. זיי האָבן געראַטעוועט דעם פאָלקס־כבוד. נישט וויניק פון די דייטשע טמאים און אוקראַינישע מערדער ווען גוט געדענקען אָט די 170—160 דאָמבראָוויצער און סערניקער באַוואָפנטע יידן.

נאָר אָט פאַרליר איך ווידער מיינע דאָמבראָוויצער און סערניקער פאַרטיזאַנער. מיר זענען שוין אַ גרעסערע צאָל ציווילע יידן. דאָס רעשטל פון פיל ראַיאָנען זענען איצט קאָנצענטרירט אין די לאַסיצקער וועלדער, נעבן טיך סטיר. אויך אונדזערע שותפים, די רעשטלעך פאָליאַקן, זענען דאָ מיט אונדז. איבער אונדזערע וועלדער קרייזן אַרום דייטשע עראָפּלאַנען און מיר דערוויסן זיך, אַז די אַלע פאַרטיזאַנער גייען אַוועק פון דעם אָרט, ערגעץ ווו צו מזרח־זייט און ווידער וועלן מיר בלייבן שוצלאָז פאַר די בולבאָווצעס, וועלכע וועלן אונדז קענען לייכט אויסשעכטן און די דייטשע עראָפּלאַנען וועלן אונדז פאַרוואַרפן מיט באָמבעס. באַצייטנס אַנטלויפן מיר אַלע און ציען זיך טיפער אין די פינסקער בלאָטעס, ביז הינטער דראָהיטשין, אין די מקומות, ווו עס געפינען זיך פאַרטיזאַנישע באַזעס.

מיר ווערן אָן דעם קאָנטאַקט מיט אונדזערע פּאַרטיזאַנער, אַזש ביז נאָכן פּאַריאָגן די דייטשן פון אונדזערע געביטן. ערשט דאַן דערוויס איך זיך וועגן זייערע פּאַסירונגען: אָפּענע, העראָישע קאַמפן, העלדנטאַטן און אומקום פון אַ סך ליבע מענטשן, אין וועמענס זכות און מיטן אייבערשטנס רצון איז געבליבןביים לעבן דאָס קליינע רעשטעלע ציווילע יידן. זכותם יגן עלינו.

ב. די דערציילונג פון ברוך מאַנקאָווסקי ז״ל

לאָמיר פאַרטרינקען דעם טרויער...

פיל פון אונדז זענען געפאַלן. מיין ברודער אשר, זכרונו לברכה, איז געפאַלן אין קאַמף אויפן שוועל פון דער באַפרייאונג — צוויי טעג פאַרן פאַריאָגן די דייטשן.

נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך געטראָפן מיטן הויפּט־קאָמאַנדיר פון אָטריאַד — איינער פון די אמתע חסידי אומות העולם — מאַקסים מיסיוראַ. אויפן טיש איז פאַראַן ספּירט און די צינגער זענען פריי און איך זאָג: „חבר קאָמאַנדיר, און דאָך איז אָט דער הינטישער זון, סערגיי, נישט געווען געראַכט ווען ער האָט דערשאָסן דעם יונגן העלדישן פּאַרטיזאַן מאַטעס פון סוואַריטשעוויטש. ווען איך וואָלט אים איצט געטראָפן, וואָלט ער פון אָט דעם נאָגאַן געפאַלן. אין וואַלד נאָך האָב איך אים געוואָלט אָוועקלייגן, אָבער צוליב דעם ציווילן לאַגער מיט די יידישע זקנים, אלמנות און יתומים, האָב איך עס נישט געמאַכט. דו, חבר קאָמאַנדיר, האָסט געדאַרפט דעמאָלט רעאַגירן, און האָסט עס אַדורכגעלאָזט. דאָס איז אַ זינד״.

„עך באַריס, — ענטפערט אָפּ מאַקסים, — דיר דוכט זיך אַלץ אויס, אַז מען האָט אים געשאָסן, ווייל ער איז אַ ייד. ניין! הער זיך איין ברודער, אין פּאַרטיזאַנקע איז, צוליב פאַרזיכטיקייט, דאָס לעבן געווען הפקר. איין קליינער דיסציפּלין־ברוך, און גלייך — אַ קויל. מיר טוט באַנק דאָס סוואַריטשעוויטשער יינגל, באַבראָוו, ווי ס׳טוט מיר באַנק דער סאָוויעטיש־רוסישער פּאָלקאָווניק אין דאָרף אָסטראָווע, וועלכער האָט פאַר אַרויסברענגען אַ נאַרישן געדאַנק, אַז „ס׳איז נישט די צייט פאַר פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט״, באַקומען אַ קויל. וואָרעם ,שטעל דיר פאָר, מיר בלוטיקן, מיר טאַרמאָזירן דעם דייטשן טראַנספּאָרט, רייסן זיינע עשאַלאָנען, ווערן געהרגעט, מאָסקווע אָנערקענט אונדזער אַרבעט, און דער אַנטלאָפענער פון דייטשן פלען מאַכט עס צו קליין געלט. און שוין נישט סערגיי אַליין, נאָר דער גאַנצער שטאַב; איך און דו, און אבוגאַוו און די באַקאַלטשוקעס און די סאָוויעטישע פּאָליטרוקן טראָגן אַרויס אַן אורטייל און מען שיסט אַ פּאָלקאָווניק. עד היום טוען מיר באַנג אָט די דערשאָסענע מענטשן״.

און דער גוי, מאַקסים מיסיוראַ, דער קלוגער קאָמאַנדיר, קוקט ווייט און טרויעריק, און זעצט פאָר: „עך, באַריס! לאָמיר פאַרטרינקען דעם טרויער״. און מען גיסט אַריין אין זיך גלעזער שטאַרקן בראָנפן, און אויך איך טרינק מיט. איך פיל, אַז אַלץ וואָס ער רעדט צו מיר טוט אים גוט ווייל.

מען האָט אונדז פיינט

דער יסוד פון די פאַרטיזאַנער אין אונדזער געביט, זענען מיר, דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן. אָבער מען לאָזט אונדז נישט, גלייך אין די בראשית־טעג, זיין זעלבסט־שטענדיק. מען שיקט צו עטלעכע סאָוויעטישע קאָמאַנדירלעך: מאַקסים מיסיוראַ איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר. צו די יידישע קאָמאַנדירן ווערן צוגעטיילט קליינע גרופּקעס פאַרטיזאַנער, און די פרעמדע גויים, אַלע אָפיצירן, הייבן אָן צו בעלי־ביתעווען און האָבן חשק אונדז צו צעטרעטן מיט די פיס. אַ סך יידן פאַרלאָזן אין פּראָטעסט דעם אָטריאַד און נעמען מיט זייער געווער. מיסיוראַ מאַכט אַ פּשרה און דעם ערגסטן רשע, וואַסקאַ, שיקט ער אַוועק צום דיאַדיאַ פּעטיאַ און דאָרטן באַקומט ער די מיתה משונה. „אין אמתן, זאָגט ברוך, איז ביי אונדז געווען אַ באַשלוס אויסצושיסן עטלעכע הינט צוליב מאַטוסעס טויט, און פאַרלאָזן דעם אָטריאַד. אָבער, נאָך אַ שיקול־דעת און פון פּחד וועגן גורל פון די שוצלאָזע זקנים, אלמנות ויתומים, קערן מיר זיך אום אין אָטריאַד און ראַנגלען זיך אינעווייניק, ביז גענעראַל ביעגמאַ ווערט קאָמאַנדיר איבער אַ סך אָטריאַדן און אויך איבער אונדזערן. אָט די ביעגמאַ־אַפּוטרופּסות דערשטיקט די אַנטיסעמיטישע טענדענצן פון די סאָוויעטישע קאָמאַנדירלעך, וועלכע האָבן זיך אַפילו פאַרמאָסטן אויף ד״ר ערליך און מיט גרויס מסירת־נפש האָבן מיר אים אויס־געהיט פון זייערע הענט. זיי האָבן פאַרטריבן די יידישע קעכינס, און איינגעקוואַרטירט נעבן אונדז די מכלומרשטע בעלי־תשובה — די וויסאָצקער פּאָליציי, וועלכע מיר האָבן דעמאַסקירט און צעשאָסן.

מען האָט אונדז פיינט. שטעלט זיך פאָר אַ לאַגע: מיר, יידן, זענען 80% אין אָטריאַד, שלאָגן זיך ווי לייבן, אַזוי, אַז ס'איז נישטאָ קיין גלייכן צו די סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן און דאָ קומען אַ פּאָר אַנטיסעמיטן און ווילן אונדז שיקאַנירן.

נעמט למשל דעם איצטיקן מצב: די דייטשן זענען שוין פאַריאָגט און די סאָוויע־טישע באַאַמטע מיט וועלכע איך קום אין באַרירונג טענהן נאָר איינס, אַז מיר, יידן, האָבן זיך געשלאָגן אין דער פאַרטיזאַנקע, ווייל קיין אַנדערער אויסוועג איז פאַר אונדז נישט געווען, אָבער, באמת, זענען מיר נישט קיין גרויסע פריינד פון דער סאָוויעטן־מאַכט. און די אַלע העראָישע קאַמפן פון אונדזער אָטריאַד, וועגן וועלכע איך דערצייל זיי, זענען נישט מגין, האָבן נישט אין זייערע אויגן קיין באַדייטונג. איך זאָג זיי, אַז פון די צומאַנער וועלדער האָבן די פאַרטיזאַנער פאַרטריבן דעם דייטש און געעפנט דעם וועג קיין ראָוונע. בעת די־אָ שלאַכטן בלוטיקט שטאַרק אונדזער אָטריאַד און אויף דער סאַמער שוועל פון דער באַפרייאונג פאַלן טייערע קרבנות. אונדזער יידישער אָטריאַד איז דער ערשטער וועלכער דרינגט אַריין קיין ראָוונע און קעמפט אויף די גאַסן קעגן דער דייטשער רעגולערער אַרמיי.

אָט זע איך מיינע אַלע יידן אין קאַמף: צאַצקעס, לנדוי חיה, לנדוי משה, אבוגאַוו אַלעק, טילטשין יונה, גענזל פּנחס, שיינמאַן זעליק, שיינמאַן מיכל, שיינמאַן לייבל, קאַוואַלאַ משה, זלמן שפּין, משה שפּין, איצל שפּין, לייוויק פישמאַן, גאַלעצקי שאול,

און יעדער סערניקער ייד איז אין קאַמף אויף די אַמאַליקע ראָוונער יידישע גאַסן, און איך אַליין, ברוך מאַנקאָווסקי, וועלכער האָט ערשט נעכטן באַגראָבן מיין ברודער, אשר מאַנקאָווסקי ז״ל — מיר אַלע רייסן זיך פאָרויס און קעמפן ווי לייבן, מ׳האָט נישט חס אויפן אייגענעם לעבן און מיט דער הילף פון אונדזער אָטריאַד, ווערט ראָוונע באַפרייט. לאַנג און אין בלוט פאַרגאָסן איז דער וועג פון דאָמבראָוויצער און סוואַריטשע־וויטשער וועלדער ביזן באַפרייען ראָוונע. יעדער דריטער חבר איז געפאַלן אין וועג און זיינעביינער זענען געבליבן ליגן אויף די בערגלעך, צווישן די זומפּן. נישט אַלע מאָל האָבן די שונאים געלאָזט צורו די ביינער פון אונדזערע געפאַלענע העלדן. פיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן פון אַ פּונקט, און שפּעטער, ווען מיר האָבן ווידער אַרויסגעשטויסן דעם שונא און מיר זענען צוריקגעקומען אויף אונדזער אָרט, האָבן מיר געטראָפן אָפענע קברים און די מתים געשענדעטע. איך דערמאָן זיך אין דעם קרבן באַבראָוו פון סערניק, וועלכן די דייטשן האָבן אויסגעגראָבן און זיין הייליקן גוף געשענדעט, געלאָזט אים פאַר רויב־פייגל, זיי זאָלן אים צעפּיקן.

איינמאָל דערציילל איך אַ סאָוויעטישן הויכן באַאַמטן ווי אַזוי די דייטשן האָבן אין די צומאַנער וועלדער אַרומגערינגלט אונדזערע סאָיעדיניעניעס מיט אַן אייזערנעם רינג פון זייערע פראָנט־דיוויזיעס און אונדזער גאַנצער פּאַרטיזאַנער כוח איז נישט געווען אימשטאַנד זיך צו פאַרמעסטן און פּרובירן דורכרייסן אָט דעם רינג. די רעגו־לערע רויטע אַרמיי האָט זיך דעמאָלט געשלאָגן אַרום דובנע, ווייט פון אונדז אַ הונדערט קילאָמעטער. פון דער זייט זענען געשטאַנען בערך אַ הונדערט פּאַר־טיזאַנער אָטריאַדן וואָס זענען אָפּגעגאַנגען אין בלוט און געקענט אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן. און ווען נישט דער יידישער קאָמאַנדיר, אַלעק אבוגאָוו, וואָלט דער דייטש דאָן געקענט אונדז אַלעמען צעקוועטשן און פאַרניכטן און זיך וואָרפן מיט זיינע דיוויזיעס אויף דער אויסגעמאַטערטער רעגולערער אַרמיי. אָט דער אַלעק אָריענטירט זיך שנעל — אַ דאַנק זיין גאונישער תפיסה — אַז קיין אַנדערע אויסוועג איז נישטאָ, און ער געפינט אין יענע אומענדלעכע וועלדער אַ זומפּיקן אָרט, וווּ די דייטשע פּאַנצער־דיוויזיעס קענען נישט אַדורך, און מיר צערייסן דאָרט דעם שטאָלענעם רינג, עפענען דעם וועג און פאַראייניקן זיך מיט דער רעגולערער אַרמיי און יאָגן דעם דייטש. אָבער דער סאָוויעטישער אַנטיסעמיט נעמט זיך נישט איבער און זאָגט: „דאָס איז גאָרנישט. איר האָט געמוזט זיך אַזעלכע אין אַנבליק פון די געשאַפענע באַדינגונגען פאַר אייך.״

כרושטשאָוו דאַנקט די פּאַרטיזאַנער

דעם אמתן ווייטאָג און בזיון האָבן מיר דערפילט ווען כרושטשאָוו, דער דעמאָלט־דיקער אוקראַינישער מיניסטער, האָט געזאָגט אין סאָרנע: „דער דייטש האָט געמאָרדעט רוסן, פּאָליאַקן, אוקראַינער״ און דעם יידישן נאָמען נישט דערמאָנט. אין יענער רעדע האָט כרושטשאָוו געדאַנקט, אין סטאַלינס נאָמען, דער געטרייער באַפעלקערונג אויפן אָרט, ווי אויך אַלע פּאַרטיזאַנער אין דעם געביט: אוקראַינער און פּאָליאַקן, אָבער דעם יידישן נאָמען האָט ער נישט דערמאָנט. פאַר דעם געטרייעסטן פּאַרטיזאַן, דעם

ייד, איז קיין איין וואָרט פון אָנערקענונג נישט געווען. אינגאַנצן דריי הונדערט מעטער ווייט איז כרושטשאָוו דעמאָלט געשטאַנען פון יענע הייליקע קברים פון די אויסגע־מאָרדעטע יידן און זיי נישט דערמאָנט.

אַ באַשאַנקענער מיט אָרדנס, בין איך געווען דער ערשטער, וועלכער פאַרלאָזט אַט דעם פאַרשאָלטענעם געביט און דורך אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן דער־שלאָגן זיך קיין ארץ־ישראל.

ג. די דערציילונג פון פנחס גענזל

צווישן וואַסערן און אייביקע בלאָטעס

איך בין אַרומגעגאַנגען אין סאַרנע אַ שווייגנדיקער און אַן אומעטיקער, געבענקט שטאַרק נאָך מיין אויסגעקוילעטער משפחה. כ׳האָב נישט געקענט טרעטן אויף אָט דער בלוטיקער ערד און געריסן זיך אין וועג אַריין צו דער ברייטער וועלט, צו יידן.

די בלוטיקע געשעענישן אין פּערעקאָליע, אויף די ווערבעס, אין וויטשעווקע און אויפן שליאַך סטאָלין—האָראָדנאָיע—פּינסק, זענען בלעטער פון יידישן העראָיזם. פאַראַן געהרגעטע און אפילו אין געפאַנגענשאַפט גענומענע לעבעדיקע דייטשן, ווי אויך פאַר־ניכטעטע האָרדעס באַנדעראָווצעס. אָבער, פאַראַן אויך פיל אייגענע בלוטיקע אבידות, הן בעתן אָפּשלאָגן די אָנגריפן פון שונא והן בעתן גֶעיעג נאָכן שונא, כדי זיך מיט אים אָפּצורעכענען פאַר אומברענגען ציווילע, שוצלאָזע יידן. און באמת, ס׳איז דאָך נישט צו באַגרייפן די זעלבסט־פאַרגעסונג אין לויף פון די בלוטיקע קאַמפן. למשל, די שלאַכט אין פּערעקאָליע: ס׳איז אַ קאַנאָנאַדע, גאַרנישט זיך פונאַנדערצוקלייבן. אונדזערע שרייען „נאַסטופּאַט־הוראַ״, „בראַטצי — פּאַרויס״, „אַ טויט די דייטשן״. אַ פּינסקער דערשאַ־סענער ייד בעט: „דערשיסט מיך ווייל פון מיר איז שוין גאַרנישט, און מיין גוטע ביקס גיט איבער מיין חבר, ווייל זיינע איז אַ שלעכטע, זאָל ער נעמען נקמה פאַר מיין יונג פאַרשניטן לעבן״.

נאָך דעם בלוטיקן זומער פון יאָר 1943, אין אָנהייב אָסיען, געפינען מיר זיך צווישן וואַסערן און אייביקע בלאָטעס, נישט ווייט פונעם טייך סטיר אין לאַסיצק. איך זע נישט אונדזערע ציווילע יידן. מען זאָגט, אַז זיי זענען אַרום דאָראָהיטשין, דאָרט ווו עס האָט זיך פאַר דער מלחמה באַוויזן אַ רבי און דאָמבראָוויצער יידישע פרויען פלעגן פאָרן אויסבעטן ביי אים נסים ונפלאות. אפשר געשעט איצט דאָרט אויך וווּנדער, און דעם רבינס זכות וועט מגין זיין אויף די יידישע לעבנגעבליבענע פרויען און זיי וועלן ניצול ווערן מכל רע?
אין יענע לאַסיצקער בלאָטעס, ווו עס ראַיעט מיט קאָמאַרעס און עס קריכן אום שלאַנגען, נעסטיקן איצט די רעשטלעך פון די פּוילישע דערפלעך אַנטשטאַנענע אַרום דאָמבראָוויץ אין דער צייט פון פּוילנס הערשאַפט. זיי טאָפּטשען איצט באָרוועסע און נאַקעטע אין די בלאָטעס. פון יענעם גאַוהדיקן אַנטיסעמיטיזם, איז געבליבן אַ געבראָכענע נעבעכדיקייט. יעדן פון אונדז רופן זיי „פּאַניע טאָוואַזשישו״ און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל מקיים זיין דעם

„בנפול אויבך אל תשמח". עס איז אויך נישטאָ ווער ס'זאָל מיטפילן זייער בראָך. זיי זענען שולדיק אין אונדזער אומגליק. זיי זענען אויסגעשפּרייט אויף אַ מרחק פון 20 קילאָמעטער אין די אַלע זומפּן, צווישן די טייכלעך און גראָבנס. צעביסענע פון די קאָמאַרעס און געשוואָלענע, וואַלגערן זיי זיך פון סטיר ביזן דאָרף דובע, וואָגלען אין שרעקלעכן פּחד, פון איין ראַנד וואַלד צום צווייטן. פיל זענען קראַנק אויף טיפוס און שטאַרבן, אָדער ווערן איבערגעפאַלן פון די באַנדעראָווצעס. זיי ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער און קוועטשן זיך טיפער אין זומפּיקן וואַלד אַריין. איצט ווערן זיי געגומען אין שוץ פון פּוילישן אָטריאַד „קאָשטשושקאָ", אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מכלומרשטן פּאָליאַק, דעם ייד סאָטאָ־נאָווסקי, וועלכער נעמט אויף זיך צו קעמפן אויפן אָרט קעגן די באַנדעראָווצעס, און מיר, די אַלע אָטריאַדן, לאָזן זיך אין וועג אויף מזרח, צו אַ געוויסן פּאַרטיזאַנישן אַעראָדראָם נאָך געווער.

די ראַזוויעדקע מאַכט אָרדענונג

מיין סאָיעדיניעניע באַגלייט די אָפּגייענדיקע, ביז זייער פּאָרסירן דעם טייך האָרין. אויך איז אונדזער אויפגאַבע, אַדורכצומאַרשירן די אַלע בולבאָווסקע דערפער אַרום טייך האָרין, צו דעמאָנסטרירן אונדזער כוח און אויך מאַכן „טשיסטקעס", אַזוי, אַז די בולבאָוו־צעס זאָלן אויפהערן צו בושעווען. פאַרן אַרויסציען זיך פון די לאָסיצקער זומפּן, גייט אַוועק פאָרויס אַ גוט באַוואָפנטער רייטער־כוח, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם דאָמבראָוויצער אידעם אַליק אַבוגאָוו. די געראָפענע ראַזוויעדקע פון ביעגמעס סאָיעדיניע־ניע איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, אַז אויפן וועג זאָלן נישט דייטשן און נישט באַנדעראָוו־צעס מאַכן אַן אומדערוואַרטן איבערפאַל. זיי יאָגן זיך מיט אַ געוואַלטיקער שנעלקייט און שניידן זיך אַריין אין די אַלע דערפער וואָס זענען אין וועג פון פאָרויסגעזעענעם דורכמאַרש, שפּירן אויס אַלע ווינקעלעך און קאָנטראָלירן די דערפער קעגן וועלכע מ'האָט אַ חשד. אָט די ראַזוויעדקע מיט איר גוט אויסגעפּוצט געווער, מיט איר גרויסער צאָל וויכטיקע מענטשן, מיט זייער מיליטערישער און דיסציפּלינירטער האַלטונג, מיט די גוטע זאָטלען אויף די שטאַרקע און פלינקע פערד, וואַרפן אַן אַ פּחד און די בולבאָווצעס טראָגן זיך אָפּ און מאַכן וועג פאַר דער דורכמאַרשירנדיקער פּאַרטיזאַנער־מאַסע וואָס ציט זיך קילאָמע־טערס די לענג.

דער סטאַלינער געביטס־קאָמיסאַר בעט צו שענקען דאָס לעבן

מיר זענען נעבן דאָמבראָוויץ. מיר איז דאָ באַקאַנט יעדעס ביימעלע און איך דערמאָן זיך אין מיין ליב חרוב־געוואָרן שטעטעלע. איך דערזע, אַז אַלע זענען אומרויק, סיי די אָטריאַדן און סיי די קאָמאַנדירן פון די שטאַבן וועלכע טראַכטן אַריין אין דעם וואָס עס קאָן פּאַסירן אויף דער סטאַנציע בילע, ביין דער באַן־ליניע, ווו עס איז קאָנצענטרירט אַ גרויסער דייטשער כוח און אויך, וואָס עס קאָן פאָרקומען ביים פאָרסירן דעם טייך האָרין. נאָך אַ ישוב־הדעת, שיקט אונדזער שטאָב אונטער אַ בריוו דעם דייטשן גאַרניזאָן אין בילע, אין וועלכן מיר מעלדן זיי, אַז אויב זיי וועלן זיין רויק, וועלן אויך מיר שווייגן,

און אויב זיי וועלן אָנגרייפן, וועט אונדזער כוח זיי פאַרניכטן. צוועלף קילאָמעטער פון דאָמבראָוויץ, נעבן דאָרף לוטינסק, מאכן מיר אַ פריוואַל און נעכטיקן דאָרט. אָבער, ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָבן אויף אונדזערע קעפּ גענומען זיך שיטן סנאַראַדן, מינעס און ביקסן־קוילן. עס פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ שטורמישער קאַמף.

מיר זענען אין וואַלד און דער שונא — אויסער אים. אין אָפענעם פעלד איז אונדזער לאַגע אַ בעסערע. נאָך אַ פּאָר שעהדיקער שלאַכט אין אָפענעם פעלד, איז די ערד באַלייגט מיט פיל דערשאָסענע ס.ס.־פּגרים. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק זייער געווער. בעת דער דאָזיקער שלאַכט איז אין אונדזערע הענט אַריינגעפאַלן דער סטאַלינער געביטס־קאָמיסאַר, וועלכער איז ערשט מיט אייניקע טעג צוריק אָנגעקומען פון האַמבורג, כדי צו פאַרטרעטן דעם פריערדיקן געביטס־קאָמיסאַר וועלכער איז געפאַלן בעת לייבל פישמאַנס לויערונג, אונטערן דאָרף לאָפּאַטין. אָט דער נאָר־וואָס געקומענער, אויסגעפּאַ־שעטער געסטאַפּאָוויעץ איז אַזוי געשטאַנען אַ נאַקעטער, אין די זיידענע אונטערוועש, און צוזאַמען מיט זיינע געהילפן — אוקראַינער און פּאָליאַקן — געבעטן רחמים פאַרן לעבן. די פּראָוואָדניקעס האָבן אויפן אָרט צוגעזאָגט אַז זיי וועלן זיין גוטע פאַרטיזאַנער און געטריי דינען אונדזער זאַך. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט אין זיין געפאַלנקייט, צו אונדז אַזוי געזאָגט: „איך האָב אַ פרוי און אַ קינד, און אין זייער נאָמען בעט איך מיר צו שענקען דאָס לעבן". זאָגט מען אים: „ביי אָט די יידן, האָבן די דייטשן דערשאָסן זייערע פרויען און קינדער. ווילסטו רחמים ?". און דעמאָלט נעמען אַליק אַבוגאָוו און זיינע מענטשן און איך אויך און פירן זיי אָפּ אין אַ זייט און צעשיסן זיי.

אויך מיר האָבן ליידער פאַרלוסטן און צווישן זיי — דער דאָמבראָוויצער קראָנענבערג, וועלכן מיר זענען מקבר צוזאַמען מיט די גויים.

די ס.ס.־לייט פאַלן ווי סנאָפּעס

אין לאַסיצקער וואַלד, אין אַ פינצטערער נאַכט, שטייט קראָנענבערג אויף דער וואַך. אַן אָנקומענדיקער רוסישער פאַרטיזאַן רייסט זיך אויף אים. ער פרעגט אים דעם פּאַראָל, און יענער ענטפערט נישט. וואָרנט אים קראָנענבערג: „טרעט אָפּ, איך שיס, איינס, צוויי, דריי, טרעט אָפּ !" אָבער דער רוס פאָלגט נישט און רייסט זיך אויף אים. קראָנענבערג האָט אין אים אַריינגעשאָסן. עס אַנטשטייט אַ טומל. „יידן הרגענען רוסן" — שרייט מען. אָבער גענעראַל בעגמאַ האָט זיי איינגעשטילט און נאָך אַ חקירה ודרישה האָט מען קראָנענ־בערגן געלאָזט צורו. איצט איז ער געפאַלן נישט פון דייטש, נאָר פון אַ פאַרטיזאַנער־האַנט.

נאָך אָט דעם נצחון זענען מיר נאָך אַלץ אומרויק. מיר ווייסן, אַז דער שונא וועט קומען מיט אַ גרויסן כוח זיך רעוואַנזשירן און מיר גרייטן זיך צו. און פּלוצלינג ווערן מיר ווידער שטאַרק באַשאָסן. מיר גייען אין קאַמף אַ צווייט מאָל. מיר לאָזן זיי צו נאָענט אין אָפענעם פעלד און די ס.ס.־לייט לייגן זיך אויס אויף דער ערד ווי סנאָפּעס. אַ סך פון זיי לויפן אין פּחד ווי משוגעים איבערלאָזנדיק זייערע פּגרים. מיר האָבן אַראָפּגענומען זייער געווער און זיך געלאָזט אין וועג, ריכטנדיק זיך, אַז אין בילע, ביים אַריבערגיין די באַן־ליניע, וועט זיין אַ דריטער קאַמף אין דעם מעת־לעת. אָבער, די דייטשן ליגן שוין איצט דער־

שראָקענע אין זייערע דאָטן. בשלום גייען מיר איבער די באַן־ליניע און אין דער זעלבער נאָכט און במשך דעם קומענדיקן טאָג, פאַרסירן מיר דעם טייך האָרין, איבער וועלכן אונדזער באַטאַליאָן האָט אין דעם מעת־לעת אַריבערגעוואָרפן אַ פּאָנטאָן־בריק. אין דער זעלבער צייט האָבן אונדזערע פאַרבינדלער אונדז איבערגעגעבן, אַז אַלע זענען אָנגעקומען בשלום אין די אַזיערער וועלדער אין וועלכע עס שטייען פיל טויזנטער פּאַרטיזאַנער, וואָס נעמען זיי אויף פריינדלעך און זיי רוען זיך אויס.

בדם ואש ותמרות־עשן

גלייך נאָכדעם, האָט די סאָיעדיניעניע אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, און וועלכע האָט באַגלייט די אָפּמאַרשירנדיקע צום עראָדראָם, ביזן טייך האָרין, זיך אומגעקערט צו איר באַזע. עס איז כדאי צו פאַרצייכענען אייניקע פּרטים וועגן אָט דעם מאַרש פון אונדזער אָטריאַדן־איינהייט. ביי דער געלעגנהייט דאַרף מען דערמאָנען דעם גענעראַל ביעגמאַ וועלכער איז אין די יאָרן 1939־41 געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון ראָוונער אָבלאָסט. איצט איז ער געשיקט געוואָרן צו פּיאָדאָראָווס אָטריאַדן וואָס ווערן צעטיילט. איך העלפט פאַלט אונטער ביעגמאַס אפּוטרופּסות און צו איר געהערט מיסורעס אָטריאַד מיט זיינע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן. אַ קליינער טייל בלייבט ביי פּיאָדאָראָוון און איך אויך בתוכם. ווי איך האָב פריער דערמאָנט, איז די אויפגאַבע פון פּיאָדאָראָווס אָטריאַדן געווען איינצוהאַלטן די בולבאָווסקע טעטיקייט און אין די געביטן פון דאָמבראָוויץ, בערעזשניץ און וולאַדימערעץ — ליקווידירן די נעסטן פון די באַנדעראָווצעס. דורך די וועלדער קומען מיר אָן קיין זאַמראָטשעניע, זאַלאָטייע, מאַטשולישטש און מיר דערגייען ביז קרופּע, הינטער דאָמבראָוויץ. פון גויים פון די אויבנדערמאָנטע דערפער רעקרוטירט זיך איצט די בולבאָווסקע באַוועגונג. מיר גייען דאָרט אַדורך בדם ואש ותמרות־עשן. מיר ווערן דאָ באַגעגנט מיט פייער און מיר רינגלען אַרום דאָס דאָרף. אָבער, ביז וואָס־ווען אַנטלויפן פיל פון זיי אין נאָענטן וואַלד דעקנדיק זיך מיט פייער. אָט בין איך נעבן די געוועזענע יידישע הייזער, אין וועלכע עס וווינען גויים וועלכע זענען נאַר־וואָס אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. איך דערמאָן זיך, אַז גויים פון דעם דאָרף האָבן שטאַרק פאַרפאָלגט די צעלאָפענע יידן און מיט טעמפּע העק האָבן זיי אויסגעמאָרדעט פיל יידן וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם וואַלד.

איך געדענק אויך, אַז בעת דער דייטש האָט אַריינגעמאַרשירט, זענען די קרופּער גויים געווען פון די ערשטע פּאָגראָמשטשיקעס. איך פּאָר נעבן קאָמאַנדיר וועלכער ווייסט, אַז איך קען דאָ אַלעמען און איך מאַך „הבדלה" אויפן אויסגעליידיקטן דאָרף... פיל יידיש האָבן־און־גוטס אָוועקגערויבט פון אונדז אין די ערשטע טעג פונעם דייטשן אַריינמאַרש, גייט אַוועק מיטן פייער. און ווען פון אונטער די פלאַקערן רייסן זיך אַרויס באַהאַלטענע שקצים און שיקסעס, באַוואָפנטע מיט ביקסן, זאָג איך צום קאָמאַנדיר: „אָט די זענען די בולבאָווצעס, מיט וועלכע מיר ראַנגלען זיך שוין כמעט צוויי יאָר". איך דערקען זיי און ער רופט אויס: „פייער!". כהרף־עין ווערט דאָס שטיקל פעלד, וואָס צווישן דאָרף און וואַלד, באַדעקט מיט צעריסענע גופים. מיר קלייבן אויף זייער געווער און ציען זיך

אַרויס צום שליאַך וואָס פירט צום דאָרף גיוועצק. דאָרט האָבן מיר באַקומען אַ קבלת־פּנים מיט פייער. אין דעם דאָרף נעסטיקט אַ שטאַרקער כוח פון די בולבאָווצעס. מיר ציען זיך צוריק, רינגלען אַרום דאָס דאָרף און לאָזן דאָרט אַריין אַזאַ צאָל קוילן־מינעס און סנאַראַדן, אַז מיר דוכט זיך נאָך היינט, אַז איך הער דעם טומל און זע פאַר זיך אונדזערע קרבנות, געפאַלענע ביים אַריינרייסן זיך אין דאָרף. אָט די קרבנות, צעררייצן די געמיטער פון אונ־דזערע מענטשן און מיר מאַכן דאָרט אָן אַ גרויסן חורבן ; הרגענען און הענגען די מערדער. פון דאָרט לאָזן מיר זיך צום שטעטעלע בערעזשניץ וווּהין די דייטשן האָבן געהאַט פּחד זיך צו באַווייזן. דאָרטן איז ממש אַ פעסטונג פון בולבאָווצעס, און פאַרטיזאַנער זענען איצט ביז אַהער נישט געקומען. מיר שאַרן זיך זייער פאָרזיכטיק, אַזוי, אַז אָט די צען קילאָמעטער גייען מיר פון באַגינען אָן, און ערשט דריי אַזייגער ביטאָג, ווערט דאָס שטעטל אַרומגערינגלט. אָבער זייערע באַנדעס האָבן זיך אַרויסגעצויגן אין רודניער וואַלד אַריין און מען הערט זיי נישט. באמת, האָבן מיר זיך געגרייט, אַז זיי וועלן זיך שלאָגן מיט אונדז, אָבער, ס׳איז שטיל און די שטעטלדיקע גויים זענען אַלע אין די הייזער און שטוינען פון וואַנעט עס נעמט זיך פּלוצים אַזאַ פאַרטיזאַנער־אַרמיי, די בולבאָווצעס טענהן דאָך, אַז זיי האָבן אַלע פאַרטיזאַנער שוין ליקווידירט...

דער זאַבאַרער ייִד, שוחט, וועלכער איז אַנטלאָפן פון בערעזשניצער געטאָ, ווייסט די ערטער און גריבער אין וועלכע עס זענען באַהאַלטן ייִדישע זאַכן. מיר פּרובירן זוכן און אַלץ איז שוין אַרויסגענומען דורך די בערעזשניצער גויים. לעת־עתה פעסטיקן מיר זיך איין און פאַרשן אויס אָט די גויים אויף וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן. אין מינוטן שפּעטער ברענען שוין אַלע הייזער וואָס געהערן צו די אַנטלאָפענע בולבאָווצעס. מיר, ייִדן, צינדן ספּעציעל אונטער די ייִדישע הייזער וועלכע זענען געווען פאַרנומען און באַזעצט דורך די משפּחות פון די בולבאָווצעס. ביים אַריינפאַלן אין שטעטל, האָבן מיר באַמערקט, אַז אַלע דריי בית־עלמינס זענען צעשטערט און מיר האָבן באַזונדערס געווייטיקט אויפן חורבן פון די בערעזשניצער געשענדעטע קברים ווו עס האָבן גערוט די ביינער פון די אויסגעקוילעטע ייִדן נאָך פון גזירות ת״ח ות״ט, אומגעבראַכטע דורך דעם מערדער פּאַווליוק בעת זיין דעמאָלטיקן מאַרש פון סטעפּאַן קיין בערעזנע דורך בערעזשניץ.

אין חורבן בערעזשניץ

אין אַ פענצטער דערקען איך אַ יונגן גויעצל, וועלכן איך האָב געזען ערגעץ אין די שלאַכטן קעגן די בולבאָווצעס, און מיטן אויטאָמאַט פאַרויס רוק איך זיך אַריין אין שטוב, אָבער אָט דער מערדער שפּרינגט אַרויס דורכן פענצטער אין גאָרטן אַריין און ווערט נעלם. איך בלייב שטיין אויפגערעגט, הלמאי איך האָב אים נישט דערשאָסן ביים ערשטן בליק. איך זע אין שטוב פיל ייִדישע זאַכן : מלבושים, שטיוול. איך וואַרף אַראָפּ מיין שמוציק אָנגעטועכץ און כ׳טו אָן ריינע מלבושים. איך בייט איבער מיינע אויסגעטראָגענע שטיוול אויף אַ פּאָר ייִדישע שטיוול און כ׳גיי אַרויס. עס קאָכט אין מיר מיין בלוט : „ווי אַזוי האָב איך עס דערלאָזט, אַז אָט דער מערדער זאָל באַוויזן צו אַנטלויפן ?״ — האָב איך זיך אַליין געפּייניקט פאַר כעס. און ווען איך האָב שוין אַזוי אַרומגעבלאָנקעט איניקע שעה

און באַטראַכט דעם חורבן בערעזשניץ, דערמאָנענדיק זיך אין די אַלע, וועלכע איך האָב געקענט, לאָז איך זיך צום מאַרק ווו עס האָט זיך איינגעקוואַרטירט אונדזער שטאָב. ווי נאָר איך קום אָן ווער איך צוגעשטעלט צום הויפּט־קאָמאַנדיר, פּיאָדאַראָוו. „זאָג נאָר, — ווענדט מען זיך צו מיר — דו האָסט באַרויבט אַ בעל־הבתישע משפחה און גייסט אנגעטאָן אין די גערויבטע זאַכן? אָט דער אַלטער בעל־הבית ווייזט אָן אויף דיר, אַז דו האָסט אָט דעם פרידלעכן מענטשן באַעוולהט!". מיר איז גוט קאַלט געוואָרן. ווייל אפשר — האָב איך אין זינען געהאַט — דאַרף מען ברענגען אַ קרבן, כדי מפייס זיין בערעזשניצער גויים? נאָר איך ענטפער, אַן אויפגעבראַכטער: „חבר קאָמאַנדיר, אָט דאָס אָנטועכץ איז פון מיינס אַ שוועסטערקינד. זיינע זין האָבן עס פון אים אַראָפּגעצויגן. איצט זענען זיי בולבאָוצעס, איינער איז אַנטלאָפן פון אונטער מיינע הענט. איך זוך אים אין די גערטנער שוין אַ שפּאַר ביסל צייט". קוקט אויף מיר מיין קאָמאַנדיר, גענעראַל פּיאָדאַראָוו, און זאָגט: „מאָלאָדיעץ".

במשך דעם טאָג וואָס מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין בערעזשניץ, האָב איך באַוויזן צו זען, אַז די בתי מדרשים זענען צעפאַלן, צעשלעפּט. די בתי קברות — טיילוויז צעהאַקט און טיילוויז צעראַיעטע דורך חזירים. קיין זכר איז פון יידישן ישוב נישט געבליבן. זייענדיק אין בערעזשניץ קריכט אַרויס פון באַהעלטעניש אַ יידיש מיידל — אַן איבערבלייב פון אויסגעקוילעטן יידישן ישוב. מיר גלידערן זי איין אין אונדזער איינהייט, מיר פירן זיך אום מיט איר איבער די יידישע געסלעך און זי ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף טירן ווו אַמאָל האָבן געשטעקט דאָרט יידישע מזוזות און היינט זענען דאָרט נישט מער ווי הוילע לעכער. אַן אומעט באַפאַלט אונדז און אַ טרויער. אונדזערע אויגן פייכטן זיך און דאָס יידישע צעוויטיקטע האַרץ קלעמט אָן אַ גרענעץ.

צומאָרגנס פאַרלאָזן מיר בערעזשניץ. נאָכאַמאָל האָבן מיר שטאַרק באַקלאָגט דאָס אַמאָליקע פּראַכט פון שטעטעלע, ווו ס'האָט אַמאָל געגעסטיקט יידיש לעבן און צוריק מיט צענדליקער יאָרן געווען לתפארת, אפילו נאָך דעם ווי אַ גרויסער טייל מענטשן האָט עס פאַרלאָזט און זיך באַזעצט אין סאַרנע. ערלעכע חסידישע משפחות האָבן דאָרט געלעבט און אויך האָבן אַלע ציוניסטישע פּראַקציעס דאָ געהאַט סניפים ביז ערב דעם חורבן.

פאַרלאָזנדיק דאָס שטעטעלע קוק איך אַריין אין די פענצטער, און זוך מיט די אויגן: אפשר וועט זיך באַוויזן אַ טאַטע? אַ מאַמע? אַ יידיש קינדעלע? נאָר קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, קיינער נישט...

אין געיעג נאָך „בולבאָוצעס"

מיר מאַרשירן צום קנופּ דערפער קריוויץ, יאַצולי, ליטוויץ — דער צענטער פון די בולבאָוצעס. אויפן וועג, צווישן די דערפער פראַצקי־ריצקי, ווערן מיר באַגעגנט מיט פייער דורך איינגעפעסטיקטע און איינגעגראָבענע בולבאָוצעס. עס קומט צו אַ שלאַכט און מיר טרייבן זיי אַרויס פון זייערע טראַנשעען. די צוויי דערפער ווערן טאָטאַל חרוב. אין יענעם אָרט האָבן מיר פאַרלוסטן אין מענטשן, אָבער, פון בלוטיקן שונא מאַכן מיר עפר ואפר. דעם לעבעדיקן אינווענטאַר נעמען מיר פון אומעטום מיט זיך, און מיר טרייבן

אַ טראַנספּאָרט פון אַ טויזנט באַשעפענישן, דערינטער: פערד, בהמות, חזירים, שעפּסן. מיר פירן זיי איבער פעלדער אין וואַלד אַריין און מיר לאָזן זיי נישט אָפּ.

ענדלעך זענען מיר אַרויס פון דער בולבאַוואָסקער זאָנע, איבערלאָזנדיק אין זייערע דערפער פחד, טויט און אַש. אין די דאָמבראָוויצער וועלדער גייען מיר אַדורך נעבן די פריער פאַרלאָזטע קליינע באַזעס פון אונדזער אַמאָליקן דאָמבראָוויצער אָטריאַד, און נעבן דער פאַרברענטער סמאָליאַרניע פון מאַטוסאָווען — דער דאָמבראָוויצער ייד. דאָרטן מאַכן מיר אַ פּריוואַל און נעכטיקן, זייענדיק שוין זיכער מיט זיך און רויק. די נעכטן געפאַלענע קרבנות, טוען זיך נישט אָפּ פון די אויגן, אָבער, מען לעבט מיט דער מינוט. די נאַכט איז אַריבער אין געזאַנג, די גאַרמאָשקעס האָבן זיך צעשפּילט, אַנדערע זענען אַוועק אין טאַנץ. אין פיל פּונקטן האָט מען אויסגעשטעלט וואַכן און די איינהייט איז שפּעטער אַוועקגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. שפּעט אין טאָג אַריין, מאַרשירן מיר דורך דעם הונדערט־יאָריקן וואַלד, כדי צוצוקומען צום דאָרף זאַמראָטשעניע. צווישן די דערפער זאַלאָטאַיע־זאַמראָטשעניע, אַרום בערגלעך, דאָרט, ווו אין יאָר 1920, האָט מען אומגעבראַכט דריי דאָמבראָוויצער יידן און ס׳איז אַן אָרט המוכן לפורעניות, הייסט דער גענעראַל זיך איינפעסטיקן און בלייבן רוען, זיך גוט אַרומקוקן, ווייל דער גאַנצער וואַלד און די אומגעגנט זענען איבערפולט מיט בולבאַוועצעס און געוויס קאָנען דאָ זיין לויערונגען. און ווידער צעשפּילן זיך די גאַרמאָשקעס, מען זינגט לידער און מיר זענען זיכער אין אונדזער מעכטיקן כוח. נאָר פּלוצלינג, כאַפּט דאָס סאָוויעטישע יידישע מיידל אַ קויל און זי איז שוין פאַרוווּנדעט. עס ווערט אַן אַליאַרם און עס קומט דער באַפעל: „צום געווער!".

מיר ווערן געוווּיר, אַז אין איין זאַסטאַווע, אויף די זאַמראָטשעניער מאָגילניקעס זענען שוין דאָ זעקס קרבנות פון פּוילישן אָטריאַד „קאָשטשושקאָ", און אַז מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסער מחנה פון טויזנטער בולבאַוועצעס. נאָך וועלכע עס גייען מיט אָט די אַלע גויים פון גאַנצן בערעזשניצער אַרום, שקצים און שיקסעס באַלאָדנט מיט העק און אייזערנע ווידלעס. צו ערשט גייען די באַוואָפנטע באַנדעס דוקא מיט גוט דייטש געווער, און נאָך זיי — דער ערב־רב. פונדערווייטנס טראָגן זיך אין חלל ווילדע קולות. אַלע שרייען: „זשידאָ־קאָמונאָ, סמערט!" א. אַז. וו. לכתחילה ווערן מיר צעטומלט פון קוקן אויף אַזאַ גרויסער מחנה פון וועלכע עס שיט זיך פייער, אָבער, כהרף עין אַרבעטן שוין אונדזערע האַרמאַטקעס, מינענוואַרפער און כל מיני מאַשין־געווער. אונדזער שיסעריי זייט גלייך טויט אין זייערע געדיכטע מאַסן. כמעט ווי ס׳איז מיר אַ רחמנות געוואָרן צו קוקן ווי אַ צעיושעטע, אויפגערייצטע מאַסע ווערט כלה ונחרב, לייגט זיך אויס אויף דער ערד אין קרעכצענישן און אין געוואַלדן. פיל הונדערטער פּרויען קומען אום, האַלטנדיק די אייזערנע ווידלעס אין זייערע הענט. מיר זאַמלען אויף זייער געווער און אונדזערע קרבנות.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן זאַלאָטאַיער און זאַמראָטשעניער גויים אָנגעפירט מיט דעם אָנגריף און זיי האָבן עס געהרגעט די זעקס פּוילישע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן טאַקע אונטערגעצונדן אָט די בײדע דערפער און זייער לעבעדיקן אינווענטאַר האָבן מיר אויפגעזאַמלט און זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך האָרין, באַגלייטן

די איינהייטן צום אַעראָדראָם. די טראַפּייען טיילן מיר מיט ביעגמאַ׳ס סאָיעדיניעניע און או׳יפן ראַנד פון וואַלד, ביי ליטיניטשער כוטאָרעס מאַכן מיר אַ פּריוואַל. איין באַטאַליאָן פון אונדז גייט אַוועק צום טייך און אָרדנט איין אַ פּערעפּראַווע איבערן טייך בכדי די איינהייטן זאָלן קענען אַריבער און זיי מאַרשירן אַוועק אויף מזרח — אַ דריי הונדערט קילאָמעטער אין דער טיף. נאָך די קאַמפן מיט די דייטשן אויפן אָרט, ווי מיר האָבן שוין פריער באַשריבן, קערט זיך די פּיאָדראָוו־סאָיעדיניעניע צוריק צום טייך סטיר, אין די לאַסיצקער וועלדער. דאָ שטייען אונדז פאַר שווערע אויפגאַבעס, איבערהויפּט פון דיווערסיע כאַראַקטער און ווידער זענען יידן דער נערוו פון די אַלע אויפטועכצן.

וואָס איז דער סך־הכל

גייענדיק מיט חדשים שפּעטער צוריק פון אַעראָדראָם, בעת דער סוואָריטשעוויטשער ייד שאול גאַלעצקי מיט זיין קאָמענדע, פאַרלייגן איבערן טייך האָרין אַ בריק און די אַלע ביעגמאַ אָטריאַדן פאָרסירן גרינג דעם טייך און די רעגולערע רויטע אַרמיי דער־נענטערט זיך, קומט פאָר, ביים אַריבערגיין די באַן־ליניע אויף דער וואַלד סטאַנציע „בילע״, אַ ביטערער קאַמף און עס פאַלן קרבנות. אונדזערע יידן קעמפן ווי לייבן און דער נצחון איז אויף דער זייט פון די פּאַרטיזאַנער.

אָבער דער סך־הכל איז אַזאַ, אַז די אָרטיקע באַפעלקערונג, שוין נאָכן פאַריאָגן די דייטשן, איז פיינטלעך געשטימט צו די יידן און יעדער לעבנגעבליבענער ייד איז אין זייערע אויגן אַ דאָרן. אויך די רוסן, קלענערע און העכערע באַאַמטע, געקומענע פון צענטער, קיין ראָוונע, האָבן פאַר אונדז אַזעלכע ווערטער: „היינט איז נישט מער פּאַרטיזאַנטשינע״.

אין ראָוונע באַלד נאָך דער באַפרייאונג

די פּיאָדראָוו־סאָיעדיניעניע לאָזט איבער לאַסיצקער וועלדער, און די אַלע אָטריאַדן ציען זיך אַוועק אין די זומפּן־אויסשפּרייטונג וואָס ציט זיך צום בוגינסקי־קאַנאַל. מיר, די ייִדישע קעמפער, די רעשטלעך סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן, וועלכע זענען איינגעגלידערט אין די איינהייטן, ציען זיך מיט. און ווען עס קומט אויס אין הויג אויפצונעמען אָפענע קאַמפן קעגן די פאַררעטער, די וולאַסאָווצעס, זענען די יידן שטאַרק אַקטיוו, מאַנעווורירן גוט, אָריענטירן זיך פלינק, נעמען נקמה פון די פאַררעטער און שטויסן זיי שטענדיק אָפּ. לבסוף פאַרקלייבן מיר זיך צווישן די פּערעקאַליער אָזערעס און זאַמען זיך דאָרט 6 וואָכן. פון יענעם פונקט גייען מיר אויף דיווערסיע־אַקטן צו אַלע אַרומיקע דייטשע און פּאָליציייסקע גאַרניזאָנען. אין יעדער אונטערנעמונג זענען באַטייליקט אונדזערע יידן, וועמענס טאָטן עס זענען קענטיק און פאַר וועלכע די הויכע אָנפירערשאַפט איז אונדז דאַנקבאַר. פיל פון אונדז באַקומען אויסצייכענונגען און אונדז ד׳וכט זיך, אַז מען ווייסט וועגן אונדז און, אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג פון באַפרייאונג, וועלן מיר ווערן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. בינתיים אַנטדעקן אונדז די דייטשע

שפּיאָנען און די אַוויאַציע זייערע צווינגט אונדז צו פאַרלאָזן יענע טונקעלע וועלדער און שוואַרצע אָזערעס. מיר גייען קיין ניגעווישטש, און דייטשע עראָפּלאַנען פליען אונדז נאָך. אין אַ געדיכטן וואַלד שיסן מיר אַראָפּ צוויי עראָפּלאַנען און זייער עסקאַדרע ווערט צעטומלט און ציט זיך אויף אַ ווײַלע אַוועק. מיר גליטשן זיך אַרויס פון זייער אָבסער־וואַציע און גראָבן זיך איין אין וואַלד. עס לויפט אָפּ אַ שטיקל צייט און מיר ליגן פאַר־טאַיעטע.

אין אַ געוויסן טאָג מאַרשירן מיר צו ראָוונע און אין די צומאַנער וועלדער איז אַ גרוילעכער קאַמף בעת וועלכן מיר פאַרלירן פיל מענטשן און צווישן זיי — אַריבער צוואַנציק יידישע קרבנות. אין דער שלאַכט קומען אויך אום דאָמבראָוויצער און חייט איז צווישן זיי. אָבער ראָוונע האָבן מיר איינגענומען. אין אַ פאַרטאָג נאָכן פאַריאָגן דעם דייטש, באַגעגענען מיר אויף שקאָלנער גאַס עטלעכע באַוועגלעכע סקעלעט־יידן וואָס האָבן זיך געקליבן אַרום דער נישט־חרובדיקער גרויסער שול. אַלע זענען געשוואָלן און באַשאָטן מיט קרעץ. אָט די פּאָר צענדליק אומגליקלעכע באַשעפענישן זענען געווען דאָס רעשטל פון שיינעם ראָוונער יידנטום. מיר האָבן געקוקט אויף זיי, געוויינט און געזאָגט צו זיך: אַלע איכה׳ס, קינות, סליחות און פּיוטים — זענען נישט אימשטאַנד אויסצודריקן אונדזער פּיין, אונדזער צער איבער דעם אַלעם וואָס עס איז מיט אונדז געשען.

מיר שלאָגן זיך מיט אייפער, מיט ברען

אין יענעם חודש פון דעראָבערן ראָוונע, גייען מיר איינשטילן די בולבאָוצעס, וועלכע זענען קאָנצענטרירט אַרום דעם טייך סטיר. מיר גייען דורך נעבן ראַפאַלאָווקער יידישע ברידער־קברים. מיר, יידן, רינגלען אַרום די גריבער און וויינען זיך גוט אויס. וויסנדיק, אַז די בולבאָוצעס זענען די דירעקטע היטלערס העלפער, ווילט זיך אין איצטיקן קאַמף נעמען פון זיי נקמה. אין דאָרף סאַפּאַטשאָוו און אין די דערפער אַרום אים, שטויסן מיר זיך אָן אויף זייערע אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע כוחות.

אין דעם קאַמף זענען באַטייליקט אַלע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן, ווי אויך רעשטלעך באַוואָפנטע יידן פון וואָלינער און פּאָליעסער יידנטום. מיר שלאָגן זיך מיט אייפער, מיט ברען. גרויס איז אויך דער צאָרן פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער, ווייל אין די לעצטע טעג האָבן די בולבאָוצעס געמאַכט איבערפאַלן און געמאָרדעט רויט־אַרמייער. די בולבאָוצעס זענען גלייך אַריינגעפאַלן אין פּאַניק און אונטער די סעריעס קוילן פון כל מיני געווער, לייגן זיי זיך ווי שטרוי. מיר צינדן אונטער זייערע דערפער, אַלץ גייט אַוועק אין פלאַמען. אָט דעם קאַשמאַר איז פשוט שווער צו באַשרייבן. מיר, אַלע יידן, דערמאָנען זיך וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט אונדז. אבוגאָוו מיט זיין גרופּע איז איצט אויך דער ערשטער אין קאַמף און די סעריעס בייטן זיך. אָט שטייען מיר צוזאַמען: גענזל, צאַצקעס, פּערלאָוו און מיר שיסן אין איין ריכטונג אויף אַ געדיכטער האָרדע וואָס רייסט זיך אויף אונדז און פאַלט אונטערן האָגל פון אונדזערע קוילן.

אַט צעשפּרייטן מיר זיך און ווערן אַן איינער דעם צווייטן. מיר רייסן זיך פּאַרויס, צוזאַמען מיט סערניקער יידן און רוסן און אַלע שרייען און זייען פייער און טויט. אין יענעם גערעַנגל אַנטדעקן מיר זייערן אַ סכראַן מיט כל מיני פּליישן און פּאַפּירן, לאַנגע רשימות פון ערטער ווו זיי האָבן פאַרפייניקט יידן, פּאָליאַקן און פּאַרטיזאַנער. אַט דער אַרכיוו איז אַוועק קיין מאָסקווע. בעת דער שלאַכט האָבן מיר אַנגעמאַכט אַ חורבן אין די בולבאַווסקע רייען, אָבער מיר האָבן מיט זיך געפירט אַ גרויסע צאָל אייגענע פאַר־ווונדעטע, פון וועלכע אַ טייל האָט אין וועג אויסגעהויכט זייערע נשמות, און מיר האָבן זיי באַערדיקט.

דאָס באַפרייען קאָוועל

איצט שיקט מען אונדז אָפּשלאָגן פון דייטש די שטאָט קאָוועל. מיר גייען דורך שטעטעלעך וואָס זענען יידן־ריין און מיר קומען אָן קיין ראָזשישטשע — אַן אַמאָליק יידיש שטעטעלע מיט חסידים און משכילים, ציוניסטן און בונדיסטן, סוחרים און אַרבעטער. גרויסע יידישע מילן און קראָמען. פון אַלץ און אַלעמען איז דאָ אײַך זכר בלויז — די טראָטואַרן־מצבות מיט די יידישע אותיות און אויסגעשפּרייטע כהנים־הענט פון די מצבה־שטיינער אַראָפּ. אונדז איז נאָכאַמאָל קלאָר און בולט געוואָרן, אַז די יידישע וועלט איז געקומען צו ענדע. מיט דעם שלאַכט פאַר קאָוועל איז אויך אונדזער פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט געקומען צו ענדע.

ד. די דערציילונג פון יהודה צאַצקעס

ווען מיר וואָלטן געווען אָרגאַניזירט...

„וואָס איז דאָ צו רעדן?“ אין געטאָ בין איך נאָך געווען אַ יינגל, און קיין עצות האָט מען ביי מיר נישט געפרעגט. הלוואי וואָלט מען געווען אָרגאַניזירט, וואָלטן אַט די אַלע מערדער: אוקראַינער, פּאָליאַקן און דייטשן אונדז נישט געווען אויסגעשניטן. וויל איצט, אַרומגייענדיק איבער די אויסגעליידיקטע יידישע שטעטלעך, קוקנדיק אויף די יידישע ברודער־קברים וואָס האָבן דעם דייטש מיט זיינע געהילפן נישט געקאָסט קיין אײַך לעבן זייערן, איצט, אַז איך פיר דורך אַ פאַרגלייך מיט דער פּאַרטיזאַנער טעטיקייט, וואָס האָט אָפּגעקאָסט די מערדער פיל טויזנטער הרוגים־נבלות, רייס איך די האָר פון מיין קאָפּ פון פאַרדרוס. איך דערמאָן זיך אין ערשטן אָפּגעשניטענעם ביקס וואָס איך האָב באַקומען פון אַ גוי, ביזן באַפרייט ווערן, איך דערמאָן זיך אין אַלע באַגעגענישן, סיי מיט די גאַוואהדיקע דייטשן און סיי מיט די ווילדע אוקראַינישע באַנדעס. ווען זיי האָבן דערפילט, אַז אין אונדזערע הענט איז דאָ געווער — האָבן זיי, אין נייך און ניינציק פאַלן, זיך צוריקגעצויגן. און ווען עס איז געקומען צו קאַמפן, האָבן מיר פון זיי געגומען הרוגים פירפאַכיק מער, ווי זיי האָבן גענומען פון אונדז. שוין בעת זייער ערשטן געיעג נאָך אונדז, אין דאָמבראָוויץ, אויף דער נייער גאַס, שטייט אַנטקעגן אונדז

דער גאַנצער גאַרניזאָן דייטשן און פּאָליציאַנטן־מערדער, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס. און ווער זענען מיר דאַן געווען? עטלעכע דאָמבראָוויצער יינגלעך מיט שלעכט געווער אין אונדזערע הענט. זיי גרייפן אונדז דעמאָלט נישט אָן, גייען נישט צו נאָענט, נאָר שטייען נעבן בארמאנס מיל, אַ קילאָמעטער פון אונדז און שיסן צום עק פון דער נייער גאַס.

מיר שטויסן אַרויס די דייטשן פון האָראָדנאַיע

אין איינעם אַ טאָג, פאַלט אַ באַשלוס, אַז אונדזער אָטריאַד מוז אַרויסשטויסן די דייטשן פון שטעטל האָראָדנאַיע. מיר האָבן געוווּסט, אַז זייער צאָל איז אַ גאַנץ גרויסע און אַז זיי זענען דאָרטן גוט איינגעפעסטיקט און פון זייערע דאָטן היטן זיי דעם וועג סטאָלין—פינסק. אָבער דעם באַשלוס מוזן מיר אויספירן און כדי צוצוקומען צום אָרט, מוזן מיר אַדורכקריכן אַ שטיקל אָפן פעלד. זע איך נאָך פאַר די אויגן דעם קאַמף ווי ער וואָלט היינט פאָרגעקומען...

עס איז שוין דער דריטער טאָג ווי פון די די דייטשע דאָטן שיט זיך פייער אויף אונדז. זיי וואָלטן זיך געקאָנט דעקן מיט זייער אַרטילעריע און אַרויסקריכן, אַדורכרייסן אונדזער אַרומרינגלונג, און אונדז פאַריאָגן. אָבער זיי טוען עס נישט, נאָר ליגן אין זייערע שוצגרובנס און שיסן... מיר אָריענטירן זיך און שאַצן אָפּ זייער פּחדנות. וואָס זשע טוען מיר? מיר קריכן אונטער געדעקט דורך נישט באַדייטנדיקער אַרטילעריע און מינען־וואָרפערס, און פאַרשיטן זייערע דאטן מיט עטלעכע הונדערט האַנט־גראַנאַטן. גלייך נאָכדעם דערקייקלען זיך אַהין סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן און מיט דינאַמיט ווערט אויפגעריסן איין דאָט מיט דייטשן. זיי אַנטלויפן צום ווינקל ווו מיר לאָזן זיי מכלומרשט פריי, אָבער מיר הערן נישט אויף צו שיסן און זיי ציען זיך אַרויס און רייניקן אָפּ האָראָדנאַיע. אָט דער קאַמף האָט איבערראַשט סיי די באַנדיטן פון גאַנצן אַרום, סיי די ווילדע בולבאָווצעס און אַ שטיקל צייט גייט דורך רויק. אמת, זיי זענען געווען העלדן ווען זיי האָבן אַריינגענאַרט אין פאַסטקע שוצלאָזע זקנים, פרויען און קינדער, דעמאָלט זענען זיי געשטאַנען אויסגעפּוצטע, אין ווייסע הענטשקעס מיט די שפּיצפינגער אויף די שלעסער פון די אויטאָמאַטן און גאַוהדיק געקוקט אויף זייערע קרבנות — די אויסגעהונגערטע, אומבאַהאָלפענע און צעטומלטע יידן. דאַן איז זייער סאַדיזם געווען אומבאַגרענעצט, אָבער ווען מיר האָבן געשאָסן אויף אָט די העלדן וועלכע האָבן אויס־געקוילעט די יידן אין פינסק און סטאָלין, סערניק און מאראטשנע, האָראָדנאַיע און וויסאָצק, זענען זיי געפאַלן אָדער אַנטלאָפן ווי מייז פון אַ שריפה.

דאָס אַריינרייסן זיך קיין ראָוונע

דאָס איז געווען דער סך־הכל פון די קאַמפן מיט זייער רעגולערער אַרמיי, אויפן טייך סטיר, אין ראַפאַלאָווקער געביט. די דייטשן זענען געווען העלדן אין יאָר 1941, ווען די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן, און איצט, אין יאָר 1944, ווען די רוסן האָבן געשלאָגן

און געשפּאַרט פאַרויס, זענען זיי ווי צעשראָקענע לעמעלעך, און ווען ס׳וואָלט עקזיסטירט אַ יידישער זעבלסטשוק, וואָלט זיכער דער חורבן נישט געווען אַזוי מאַוימדיק.

נקמה און סאַטיספאַקציע האָב איך געהאַט ווען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך, אין פאַרלויף פון קאַמף, אַריינגעריסן קיין ראָוונע דורך וואָקזאַלנער גאַס. מיר האָבן אָנגע־גריפן און זיי זענען אַנטלאָפן. מיר האָבן געשאָסן, געיאָגט, געטרעטן איבער דייטשע צעריסענע פּגרים, געזען זייער צוריקצוג, זייער לייגן זיך ווי גראָז אין שטורעם. און ווער טאַקע זענען עס געווען די שיסער? די שלעגער? די יעגער? — סערניקער, דאָמבראָוויצער, ראַפאַלאָווקער און מאַניעוויטשער יידן...

די שנאה מצד דער אָרטיקער באַפעלקערונג און אויך מצד די באַאַמטע, אָנגעפּאַרענע פון רוסלאַנד — האָבן נישט דערמעגלעכט, אַז אַ ייד זאָל זיך קאָנען כאָטש אַ ביסל אויפ־האַלטן אויפן אָרט, ווי אַנדערע. טראָץ אַלע אונדזערע העלדישע מעשים אין פּאַרטיזאַנקע, האָט מען אויף אונדז ווידער געקוקט ווי אויף אַ פרעמדן עלעמענט.

אויב נישט קיין באַן מיט אַמוניציע איז כאָטש אַוועקלייגן אַ ביסל דייטשן... *)

און אָט נאָך אַ פּאָר מאָמענטן וועגן מסירת נפש אין יענער פּאַרטיזאַנער־תקופה. אין חודש מאַי פון יאָר 1943, גייט אַ גרופּע דאָמבראָוויצער באַוואָפנטע יידן אויף דיווערסיע, אויף דעם אָפּשניט פון דער באַן־ליניע: דאָמבראָוויץ—לוניניעץ. עס גייען אויך מיט עטלעכע גויים, אָבער די פּאַכמענער, די מאַנעווורירער פון אָט דעם מאַרש, זענען דאָמבראָ־וויצער יידן. די גרופּע איז נישט קיין קליינע און די יידן מוזן אויך אַכטונג געבן איינער אויפן צווייטן נישט צו ווערן אונטערגעשאָסן דורך די אייגענע רוסן, ווייל די חדשים מערץ־אַפּריל זענען געווען הפקרדיקע אין די פּאַרטיזאַנער־רייען, און ס׳זענען אומגע־קומען פּאַרטיזאַנער־יידן פון די הענט פון די רוסישע פּאַרטיזאַנער. די דריי וואָלאַדי־מערצער יידן: שלעפּאַק, באַריל און אברהמל דעם כינאַטשערס זין, קומען אום אין יענער צייט פון די קוילן פון זייערע גוישע חברים. פיר טעג ליגט מען פאַרשטעקט, און מען קאָן נישט צוגיין צום באַן־נאַסיפּ. און לסוף, אין דער כמורנער, פינצטערער נאַכט, רוקן זיך די יידן אונטער און לייגן אַוועק אַ פּרימיטיווע באָמבע מיט אַ שנור צום ציען ווען די באַן וועט אַרויף אויף דער מינע. אָבער קיין שום באַן קומט נישט אָן און מיר ווערן אומרויק. נאָר דאַן געשעט דאָס נס פון נקמה.

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט געדאַרפט אַדורכגיין אַ באַן מיט אַמוניציע. די קאָמענדע דייטשן, בערך אַ 50—60 מאַן וואָס היט די באַן־ליניע איז, אין איר פולן צוזאַמענשטעל, אַרויס קאָנטראָלירן און זען, צי ס׳איז רויק, און צי עס איז נישטאָ קיין שטערונג, אַז די באַן מיט דער אַמוניציע זאָל אַדורך. מיר ליגן אין דער געדיכטער פינצטערניש, נישט ווייט פון נאַסיפּ און הערן ווי באַשטיוולטע פיס דערנענטערן זיך פון ביידע ריכטונגען: פון דאָמבראָוויצער זייט און אויך פון לוניניצער זייט. די

---

*) דער דאָזיקער פראַגמענט איז געוואָרן דערציילט דורך יהודה צאַצקעס און פנחס געגזל.

דייטשע וואַך איז געשטאַנען אויף דער מינע און געשמועסט צווישן זיך, אַז מען וואָלט געדאַרפט אַראָפּגייען פון נאַסיפּ און דורכקאָנטראָלירן די זייטן. דער דאָמבראָוויצער קירזשנער, חייט, ליגנדיק ביים עק שנור, אַ צען מעטער פון נאַסיפּ, גיט אַ צי די דראָט און אַלע דייטשן ווערן צעריסן אויף שטיקלעך. מיר, ליגנדיק אין די קאַנאַוועס זענען פאַרשאָטן געוואָרן, אָבער מיר זענען אַרויס גאַנצע. די באַן מיט דער אַמוניציע איז שוין געבליבן שטיין אין לוניניעץ...

און אָט איז אַ צווייטער מאָמענט: דאָס באַן־בריקל נעבן ליוביקאָוויטש, איז אין אָפענעם פעלד, נישט ווייט פון דער דאָמבראָוויצער סטאַציע. די וואַך לייגט נישט קיין אַכט און היט עס נישט. זי איז זיכער, אַז דאָרט קאָן גאָרנישט געשען. אָבער, מיר, דאָמב־ראָוויצער יידן נעמען אין געדאַנק אָט דאָס בריקל, און אין איינער אַ נאַכט, קריכן מיר אונטער דורך וועגן און אומוועגן און לייגן אַוועק אַ שטאַרקע מינע. עס קומט אָן אַ צוג מיט סאָלדאַטן, געמישט מיט וואַגאָנען אַמוניציע. אַלץ פליט אין דער לופט. די אַמוניציע רייסט אויף און עס ברענט אַזש די ערד אינעם גאַנצן אַרום. אָבער מיר האָבן דאַן געהאַט ביטערע פאָלגן. דער דייטש איז טאַקע צעטומלט, ממש הינטער דער נאָז, אַ קילאָמעטער פון גאַרניזאָן, האָבן מיר גורם געווען אַזאַ חורבן, אָבער די בולבאָווצעס מאַכן לויערונגען אויף אַלע וועגן און זייערע וואַכן גייען אַרום איבער די וועלדער, פעלדער און זומפּן, זיי מוזן אונדז כאַפּן. מיר נעמען אויף קאַמפּן מיט זיי און האָבן פאַרלוסטן אין נפשות. הונגעריקע און קראַנקע דרייען מיר זיך אַרום ווי אין אַ כישוף־ראָד און קוים וואָס מיר האָבן דערלאַנגט צום וואַלד, צו אונדזעריקע.

פאַר אָט דער מסירת־נפשדיקער טעטיקייט האָט מען אונדז אָפּגעדאַנקט מיט שנאה און מיט וועלן אונדז אין גאַנצן פאַרשווייגן, סיי אונדזערע קרבנות און סיי אונדזער אַרבעט.

ה. די דערציילונג פון פיניע פאַרפּלמאַזע

געכאַפּט דעם גזלן סידאָר

איך בלאָנקע אַרום אַ צעטומלטער און כ'וואָר יעדן טאָג איבעררעשט פון גרוילטאָטן פון די היימישע גויים. דאָ און דאָרטן האָבן זיי געהרגעט יידן, דעם און דעם — געכאַפּט און געשלאָגן, געפּייניקט און איבערגעגעבן צום דייטש. איך בין שוין אויך געווען כמעט אין זייערע הענט און מיט נסים זיך אַרויסגעגליטשט פון זיי. לבסוף בין איך איינגעגלידערט געוואָרן צווישן באַוואָפנטע יידן וועלכע זענען שטאַרק אַקטיוו. מיר האָבן שוין אַנטוואָפנט קליינע פּאָליציי־גאַרניזאָנען, פאַרברענט סמאָליאַרניעס. מיר גרייפן אָן די טראַנספּאָרטן וואָס פירן אָנגערויבטע תבואות. זיי ציטערן פאַר אונדז און זייער באַוועגונג איז טאַרמאַזירט. אָט למשל פעלט אַ באַטעריע צו אונדזער ראַדיאָ אין וואַלד. גייען מיר צום רודניער וואַלד־אויפזעער כדי דאָס צו באַקומען ביי אים. די גרופּע איז אַריין אין שטוב און איך שטיי אין דער פינצטערניש אין דרויסן כדי צו

פאַרהיטן פון אַן אומדערוואַרטן איבערפאַל. פלוצלינג דערהער איך טריט וואָס דערנענ־טערן זיך. איך שטעל אַן מיין צווירערדיקע יאַגד־ביקס און כ׳שריי אויס: „שטיין בלייבן, די הענט אין דער הויך!״. די אָנקומענדיקע, מיינענדיק, אַז זיי באַגעגענען זיך מיט דאָמבראָוויצער דייטשן, אָדער פאָליציי, פאַלגן און בלייבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט. אין שטוב האָט די גרופּע דערהערט מיין רוף און איז אונטערגעשפּרונגען. מיר האָבן אַרומגערינגלט די וויסאָצקער פאָליציאַנטן מיט זייער קאָמענדאַנט, אַ באַוווסטער מערדער וועלכן מיר האָבן שוין פון לאַנג אַרומגעזוכט. אָט דער אַכזר האָט מודה געווען, אַז שוין נאָך דער אַלגעמיינער שחיטה, האָט ער נאָך געכאַפּט און אומגעבראַכט מער פון אַ זעכציק יידן. ביזן היינטיקן טאָג איז מיין גרעסטער פאַרגעניגן צו דערמאָנען, אַז איך אַליין האָב געכאַפּט אָט דעם גזלן — דעם באַוווסטן רוצח, סידאָר, ימח שמו.

אין דאָמבראָוויצער וואַלד איז צו יענע טעג שוין דאָ אַ גוט אָרגאַניזירטע יידישע פּאַרטיזאַנקע, וואָס פירט אָפענע קאַמפן, און אין דאָרף אָזערא, פאַלט אונדזער חבר גבריאל אָוסיאַנקאָ אין אַ נישט געלונגענעם געראַנגל מיט וולאַדימערצער פאָליציאַנטן אין וועלכן אויך איך בין באַטייליקט. איך ווער איינגעגלידערט אין דער גרויסער איינהייט פון גענעראַל פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי. אָט די שטאַרקע פּאַרטיזאַנקע מיט דער גבורה און אָפּפערוויליקייט פון אירע מענטשן, קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן, מיט איר געוואַגטקייט און שלאָגפעיקייט, האָלט צוויי יאָר צייט אין קלעם אַלע דייטשע און פאָליצייאישע איינהייטן אין פּאָלעסיע און פענטעט די ווילדע בולבאָווצעס. די יידן אין דער סאָיעדיניעניע האָבן תמיד דערפילט זייער נאַציאָנאַלע פליכט לגבי אונדזערע שונאים — דייטשן און אוקראַינער.

כבוד דעם יידישן פּאַרטיזאַן!

פיל פון יענע יידישע העלדן זענען געפאַלן אין יענער בלוטיקער צוויי־יאָריקער פּאַרטיזאַנער־מלחמה. ווען מ׳וואָלט אויפגעקליבן און פאַרשריבן אַלע זייערע העלדנטאַטן, וואָלטן זיי געבערענגט גרויס כבוד אונדזער יידיש פאָלק. איין זאַך דאַרף פאַרשריבן ווערן לדורות, אַז אין יענע געביטן ווו מיר זענען געשטאַנען און האָבן געוואַנדערט, האָבן אונדזערע יידן פון אָט דער איינהייט, שטענדיק געפּאַרשט, געזוכט און גענומען נקמה פון די מערדער פון אונדזער פאָלק.

די ציווילע וועלט און אויך מענטשן פון אַלע רעגולערע אַרמייען, וועלן קיינמאָל נישט באַגרייפן די פּאַרטיזאַנער פון דער היטלער־עפּאָכע. יאָ, היטלערס האָט מיט זיינע מעשים אַריבערגעוואַקסן דעם שטן אַליין און דאָס האָט געקאָסט פיל בלוט דער מענטש־הייט, אָבער, די פּאַרטיזאַנער זענען געווען די, וועלכע האָבן געצאָלט מיט בלוט פאַר בלוט.

ו. די דערציילונג פון שמחה ראָזענבערג

פון איין פייער צום צווייטן

נאָך אַלע אויפטרייסלונגען פון דעם אַרויסמאַרש פון די רוסן און אַריינמאַרש פון די דייטשן, גוישע שמחות און ייִדישע צרות, רויבערייען און ווילדן איזדיעקעווען זיך איבער די שטעטלדיקע ייִדן, און דאָס, דווקא דורך זייערע שכנים גויים — ווערט נאָמינירט אַ יודענראַט וועלכער ווערט דער אויפנעמער פון דייטשע באַפעלן און דער אַפּוטרופּוס איבער אונדז ווי אויך דער דערפילער פון אַלע ווילדע קאַפּריזן פון דער גערופענער אוקראַאינישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך רעקרוטירט פון די ערגסטע שבערגסטע, יונגע, ווילדע שקצים.

לויט די פאָדערונגען פון די מאַכטהאָבער, גייען יעדן פרימאָרגן אַרבעטס־גרופּעס צו כל מיני עבודת־פּרך און מיר, עטלעכע יוגנטלעכע: ראָזענבערג שמחה, אשר יונגשטיין, זלמן שפּין, לייבל ווינער, בריינדעס און יוסף פּערלשטיין, זענען צווישן דער מחנה געפּייניקטע ייִדן אין דער דייטשער אָרגאַניזאַציע „טאָדט“ וואָס בויט אויף די בריק וואָס די רוסן האָבן אויפגעריסן בעת זייער פאַרלאָזן אונדזערע געביטן.

די אוממענטשלעכע האַנדלונג פון אונדזערע דייטשע אויפזעערס און די עבודת־פּרך רופן ביי אונדז אַרויס אַ ווילן צו מאַכן אַן איבערפאַל אויף די עטלעכע דייטשן, צונעמען ביי זיי זייער געווער און אַנטלויפן אין וואַלד. אונדזער פּלאַן ווערט דורכן יודענראַט אַנטדעקט, און נאָך פיל פאַרבאָרגענע און פאַרביטערטע זיצונגען, — ווייל לויט זייער אויפפאַסונג שטעלן מיר אין סכנה דאָס לעבן פון אַלע ייִדן אין שטעטל און אפשר פון די אַרומיקע שטעטלעך אויך, — זאָגן זיך אייניקע אַרויס, אַז מען דאַרף דאָ מקיים זיין דעם „ובערת הרע מקרבך“. איך באַשולדיק דאָ נישט קיינעם, ווייל די דייטשן האָבן איינגערעדט, אַז עס גייט זיי נאָר אין דער ייִדישער אַרבעט, און אין ייִדנס לאָיאַליטעט, אָבער חס וחלילה נישט ווע‏מען עס איז אומצוברענגען. אָבער, ווען די דייטשן פאָדערן אין יענע טעג יונגע ייִדן, מיטן אויסרייד אוועקצושיקן זיי „קיין וויניצע אויף אַרבעט“ און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס גאָר געווען אַ טויטן־טראַנספּאָרט, וויל דער יודענראַט אונדז אַלעמען אַוועקשיקן מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. דאַן נעמט אונדז דער אָנפירער פון דער אַרבעט ביי דער בריק, וועלכער נייטיקט זיך אין אונדזער אַרבעט, אַרויס פון יענעם צעטל. שווערע וואָכן און חדשים לויפן אָפּ. מיר זענען אויס־געמאַטערט און דערשלאָגן. מיר ווערן פאַריאושט און ס׳איז שוין נישטאָ קיין כוח צו שלעפּן די געשוואָלענע פיס.

אין איינעם אַ טאָג קומט צו אונדז אַ טראַנספּאָרט מיט יוגנטלעכע דייטשן און אייניקע פון זיי באַפריינדן זיך מיט אונדז. דאָס רופט ביי אונדז אַרויס גרויס פאַר־וווּנדערונג. שפּעטער, הייבן זיי אָן צו דערציילן, אַז זיי זענען פאַרבאָרגענע קאָמוניסטן און זאָגן צו אונדז: „איר זענט אונדז אַ שאָד. אַלע זענט איר קאַנדידאַטן צום טויט, אַנטלויפט ז״. עס באַפאַלן אונדז ספקות צי מיר האָבן נישט צו טאָן מיט פּראָוואָקאַטאָרן.

פונדעסטוועגן הייבן מיר אָן צו פּלאַנירן אַן איבערפאַל און אויך וועגן אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. מיר רעכענען, אַז דאָס אַנטלויפן וועט נישט ברענגען קיין פאָלגן פאַר די שטעטלדיקע ווי אַן איבערפאַל וואָס קאָן באַדראָען דאָס שטעטל מיט ליקווידאַציע. דערוויל לויפן אָפּ טעג און מיר עצהנען זיך נאָך אַלץ. און פּלוצלינג, ווערן מיר אַרויסגעצויגן פון די אַרבעטס־פּלעצער און אַריינגעפּאַקט אין לאַסט־וואַגאָנען מיטן אויסרייד, אַז מען פירט אונדז אויף נוצלעכע אַרבעט קיין סאַרנע. אין גאַנג פון צוג, הייבן מיר אָן צו לויפן פון די וואַגאָנעס. מיר ווערן באַשאָסן פון די קוילנוואַרפערס אויף די דעכער. מענטשן ווערן דערהרגעט און דאָך קומען צענדליקער אין וואַלד.

עס איז שוין אַ פּאָר טעג ווי מיר טאַפּטשען אין וואַלד אָן אַ ציל און אָ תכלית. מיר גלייבן נאָך, אַז אונדזערע יידן אַרבעטן אין סאַרנע, און אַז מסתמא זענען נאָך דאָ יידן אין דאָמבראָוויץ. אָבער, אַ גוי גיט אונדז איבער איובס בשורות, וועגן דעם אויסגעלײדיקטן שטעטל און וועגן די סאַרנער שחיטות. ער זאָגט, אַז דאָס וויסאָצקער געטאָ איז נאָך גאַנץ. מיר לאָזן זיך אַהינצו און טרעפן וויסאָצק אָפּגעשלאָסן, נישט צום אַריינגיין. אָבער מיר קריגן זיך פּאָרט אַריין און וויסאָצקער צעשראָקענע יידן נעמען אונדז אויף מיט טרערן און רחמנות. דאָרט באַגעגענען מיר פיל דאָמבראָוויצער וועלכע זענען אַהין אַנטלאָפן. מיר הייבן אָן פּלאַנירן צו אַנטלויפן. מיר באַקומען לאַנגע מעסערס און גנבענען זיך אַרויס פון וויסאָצקער געטאָ און ווילן אָנקומען צום פראָנט... מיר ווייסן, אַז דאָס איז אַן אומגעלומפּערטער פּלאַן, אָבער די צרות שטויסן צו אַלץ. מיר גייען שוין אַ פּאָר טעג און שלאָגן זיך אָן אויף אַ שלאַכט צווישן רוסישע פּאַראַשוטיסטן און דייטשן מיט פּאָליציאַנטן. מיר האָבן זיך אָבער אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט, ווייל זיי זענען געווען פאַרנומען מיט זיך. פאַרצווייפלטע, קומען מיר צוריק קיין וויסאָצק און גנבענען זיך אַריין אין געטאָ.

באַוואָפנטע יידן וואַרפן אַן אַ מורא

אין וויסאָצקער געטאָ דערוויס איך זיך, אַז מיין מוטער מיט אַ קליינעם טייל פון אונדזער משפחה זענען אין דאָרף פּראַצידובקע נעבן וויסאָצק. ווען איך וויל פאַרטאָג אַרויסגנבענען זיך פון געטאָ כדי אָפּצוגעפינען מיין רעשטעלע משפחה, איז דאָס געטאָ ארומגערינגלט מיט באַוואָפנטע דייטשן און פּאָליציי. אַזוי לעבן מיר איבער אויך די טראַגעדיע פון דעם אויסגעמאָרדעטן שטעטעלע וויסאָצק. פאַר מיינע אויגן רייסט אַרויס אַ פּאָליציאַנט פון דער מוטערס הענט אַ קליין קינד און שנייד איבער דאָס קעפּל זיינס אין טעלעגראַפן־שטאַנג. מיר לויפן ווידער. אייניקע האָבן אַפילו אַרויסגעכאַפּט ביקסן פון די פּאָליצייאישע הענט, געשפּרונגען מיט זיי אין טייך וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם וועג און זיי זענען אין וואַסער דערשאָסן געוואָרן. מיין חבר, יונגשטיין, אַן אונטער־געשאָסענער, ווערט דערשטאָכן דורך אַ דייטש. בלויז אַ קליין רעשטעלע, פון די צענד־ליקער אַנטלאָפענע פון וויסאָצקער געטאָ, האָט דערלאַנגט צום וואַלד, ווו מיר צעטיילן זיך אין גרופּעס און יעדע גרופּע גייט אַוועק בלאָנקען באַזונדער. אינצווישן, פאַלט

איינער אַרייַן צו גויים און זיי הרגענען אים. מיר דערוויסן זיך פון פיל איבער־פאַלן איבער די אַנטלאָפענע יידן וועלכע ווערן אויסגעהרגעט.

איך דערוויס זיך, אַז פון פּראַצידובקע האָבן די גויים פאַריאָגט מיין מאַמע און זי בלאָנקעט ערגעץ אַרום אין דעם וואַלד־מאַסיוו. און דאָ, אין וואַלד, איז געוואָרן זייער ענג: די דייטשן, די אוקראַינישע פּאָליציי, און אַלע גויים, פאַרפאָלגן, זוכן, און מאָרדן אויסגעפונענע יידן. לאָז איך זיך אַוועק צו די קאַראַסינער וועלדער מיט דער אויסרעכענונג, אַז אפשר וועט דאָרטן זיין בעסער, און איך באַגעגן דאָ דעם שפּעטערדיקן העלדישן פּאַרטיזאַן, שמעון פּייקאָוו, פון דאָרף קאַראַסין, וועלכער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר יידן, און אויך ר' אהרן טייך ז"ל און בערל ביק. נאָך אַ שיקול הדעת קויפן מיר ביי אַ שייגעץ צוויי אָנגעלאָדענע ביקסן און מאַכן פון האָלץ צוויי ביקסן־סקעלעטן, הילצערנע גראַנאַטן־סקעלעטן און אויך רעוואָלווערן־סקעלעטן.

אין יענע טעג גייען מיר אום אַ בינטל יידן, באַוואָפנט מכלומרשט מיט כל מיני געווער, וואָס באַשטייט אין דער אמתן, נישט מער ווי פון צוויי אָנגעלאָדנטע ביקסן און דאָס איבעריקע — געהילץ אָפּגעפּאַרבט מיט סאַזשע. אָבער די כוטאָרניקעס גיבן איבער איינער דעם צווייטן וועגן באַוואָפנטע יידן, און ווען דער געוויסער בערעזשקער מערדער, וועלכער יאָגט זיך נאָך יידן, דערוויסט זיך וועגן אונדז, הייבט ער אָן מיט זיין באַנדע צו מאַכן לויערונגען אויף אונדז, און אויך מיר הייבן גלייכצייטיק אָן אים נאָכצושפּירן, ביז אין אַ געוויסן טאָג באַגעגענען מיר זיך אויג־אויף־אויג, און זיי, רעכענענדיק, אַז מיר זענען גוט באַוואָפנט, וויל אונדזערע ביקסן־סקעלעטן נאָרן זייער אויג, הייבן אָן מיט אונדז צו פירן אונטערהאַנדלונגען. מיר שליסן אַ ברודערשאַפט־אָפּמאַך, ער ווערט אַ בעל־תשובה און מיר גייען זיך פונאַנדער. אָט דער מערדער, האָט זיינע יאָרן נישט אויסגעלעבט אין תשובה.

צוגרייטונג־אָפּעראַציעס פאַר דער סאָוויעטישער אַרמיי

אין דאָרף קאַראַסין דערשטיקן מיר דעם דייטשן געהילף און שונא־ישראל, דעם אָרטיקן פאָלקס־לערער. צומאָרגנס רינגלען די דייטשן אַרום דאָס דאָרף און רויבן און ברענען. מיר טראָגן זיך אָפּ אין די אומענדלעכע בלאָטעס ווו איך באַגעגן יונה גליק און ער זאָגט מיר ביי וועלכן גוי מיין מאַמע איז פאַרשטעקט. אונדזער משפחה־באַגעגעניש איז נישט צו באַשרייבן. מיר וויסן שוין פון דער גאַנצער אויסראָטונג.

איך רעד זיך לאַנג פונאַנדער מיטן גוי, מאַך אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון מיין משפחה און ווי נאָר איך הער וועגן אָרט פון דאָמבראָוויצער יידישע פּאַרטיזאַנער, לאָז איך זיך אַוועק צו זיי און שלאָג זיך אָן אויף זייערס אַ פּאָרפּאָסטן, וואָס נעמט מיך אָן פאַר אַ שפּיאָן, אָבער, זיי פירן מיך אַוועק צום אָטריאַד אין וועלכן איך ווער איינגעגלידערט. צו יענער צייט שטייגט דער צופלוס פון גויים, וועלכע מיר גלידערן איין ווי גלייכע מיט גלייכע. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, הייבן זיי אָן אַרויסווייזן זייער שנאה צו אונדז. מיר פאַרלאָזן די גויים און טרעטן אָפּ אין אַ זייט. זיי לויפן אונדז נאָך מיר וואָרענען זיי, אַז מיר קאָנען ווייטער מיט זיי נישט מיטאַרבעטן און אויב זיי וועלן

אונדז נאָכלויפן, וועט צווישן אונדז פּאַרקומען אַ קאַמף. ערשט דעמאָלט לאָזן זיי אונדז אָפּ און מיר ציען אַוועק קיין סוואַריטשעוויטש, וואָס האָט מיט אירע יידישע פּאַר־טיזאַנער געשמט איבער גאַנץ פּאָלעסיע. דאָ הייבן מיר אָן מיט דיווערסיע־אַקטן.

מיין בענקשאַפט צו מיין משפחה טרייבט מיך דערצו, אַז איך גנבע זיך ארויס פון אָטריאַד און אין גרויס סכנה, אויסמיידנדיק בולבאָווסקע באַנדעס, דערלאַנג איך צו מיין מוטער און ווער דאָרטן איינגעגלידערט אין אַן אָטריאַד וואָס האָט די אויפגאַבע צו רייסן באַן־ליניעס. בעתן אויספירן אונדזערע אויפגאַבעס, נעכטיקן מיר איין מאָל אין אַן אַנדערן אָטריאַד, אין די וועלדער צווישן סטאָלין—דאַמבראָוויץ, און מיין קאָמאַנדיר פּאַרקויפט מיך פּאַר צוויי ליטער ספּירט און איך בלייב דאָרטן. מיין מוטער און קינדער זענען איצט נעבן מיין אָטריאַד, אין אַ גוישער שטוב. מיר ווערן אָנגעגריפט, שטויסן אָפּ דעם שונא, גרייפן אָן און באַקומען קלעפּ און גיבן צוריק קלעפּ. די צייט לויפט און דער פראָנט דערנענטערט זיך, מיר האָבן פאַרבינדונג מיט דער רויטער אַרמיי דורך ראַדיאָ און דורך פּאַראַשוטיסטן.

אין אַ געוויסן טאָג באַקומען מיר אַ באַפעל, אַרויסצוציין קיין פוילן און מאַכן פּאַרברייטונגען פאַר דער רויטער אַרמיי. נאָך פיל נאַכט־מאַרשן דערלאַנגען מיר צו די אָנגעצייכנטע ערטער און דאָרטן טרעפן מיר זיך צונויף מיט פּאַראַשוטיסטן. אָבער, דער שפּיאָנאַזש שיקט אונטער אויסגעדרעסירטע אוקראַינישע שפּיאָנאַזש־אַגענטן און מיר אַנטדעקן פיל פון זיי. יענע חדשים אין פוילן זענען פאַר אונדז אַ צייט וואָס נישטאָ איר גלייכן. מיר וואָגלען הונגעריקע, אַרומגעריסענע, ביז אין איינעם אַ טאָג, וואַקסט אויס אַ באַפעסטיקטע לויערונג פון אוקראַאינער וואָס מאַכן ביי אונדז אַ חורבן. אָבער, מיר שטאַרקן זיך, רינגלען זיי אַרום און פאַרניכטן זיי. מיר באַקומען דאַן אַ באַפעל זיך צו רוקן אויף אַ צווייט אָרט און מיר באַקומען ווידער קלעפּ. אָבער די אויפגאַבע צו מאַכן גלייכע פּלאַשטשאַדקעס אין צענטער וואַלד פאַר רוסישע עראָפּלאַנען, האָבן מיר דערגרייכט און אויסגעפילט.

די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך און זי איז שוין פּופציק קילאָמעטער פון אונדז. מיר וואַרטן זי אָפּ מיט גרויס אומגעדולד און נאָכן באַגעגענען זיך מיט איר ווערן מיר אַריינגעצויגן אין דער רעגולערער רויטער אַרמיי, און ערשט איצט הייבן זיך אָן פרישע קאַפּיטלען פון בלוטיקע שלאַכטן, קאַמפן און געראַנגלען אויף לעבן און טויט.

ז. די דערציילונג פון אַלעק אַבוגאָוו

17 וואָגלער פון דייטשן פּלען

אין יאָר 1941, ענדע נאָוועמבער און אָנהייב דעצעמבער, באַגעגענען מיר זיך אין די ליובישייער בלאָטיקע, שוואַרצע געדיכטע וועלדער, וווהין דער דייטש קאָן נישט דערגרייכן און די באַנדיטישע הענט פון דער מערדערלעכער אוקראַאינישער פּאָליציי קאָנען נישט דערלאַנגען. מיר קוקן זיך אַרום און זען אַז אַלע 17 וואָגלער, זענען רוסן —

קריגס־געפאַנגענע, אַנטלאָפענע פון דייטשן פּלען. דאָס איז אַ קליין רעשטל פון הונדערטער טויזנטער צעשאָסענע, צענער טויזנטער פאַרפייניקטע און פון הונגער אויסגעשטאָרבענע פון דער צעקלאַפּטער רויטער אַרמיי, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער אַרומ־רינגלונג. נאָך חדשים פון שרעקלעכן פּיין, דערנידערונג און טויזנטער טויטן, גיט זיך איך אַט דער גרופּע אַרויסצורייסן זיך פון דייטשן גיהנום, פון זיינע טויט־לאַגערן. איצט, זייענדיק געדעקט אין די נישט דורכדרינגלעכע זומפּן און טונקעלע, הונדערט־יאָריקע וועלדער, בלאָנקען מיר אַרום, און איך, אַן אָדעסער ייִד, אַלעק אַבוגאַוו, קאָמאַנדיר פון אַ צעקלאַפּטן פּאַנצער־צוג, בין אויך צווישן זיי. איך הייס: דער אַנטלאָפענער קריגס־געפאַנגענער פון קאָוולער טויטן־לאַגער. איך בין אַזוי אָנגעשראָקן מיט מיין ייִדישקייט, אַז דאָ, אין וואַלד, צווישן מיינע אומגליקלעכע אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע רוסישע חברים, באַהאַלט איך אויס מיין ייִדישע אָפּשטאַמונג. צענער טויזנטער קריגס־געפאַנגענע ייִדן זענען אין מיינע אויגן דערשאָסן געוואָרן אין געציילטע טעג נאָכן אַריינ־פאַלן אין פּלען און טויזנטער אַנדערע ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר מיינע אויגן במשך פון דעם האַלבן יאָר פון מיין זיין אין מערדערלעכן פּלען, ווי נאָר זייער ייִדישקייט איז אַנטדעקט געוואָרן. איך האָב זיך דערהאַלטן נאָר אַ דאַנק דעם, ווייל איך האָב פיגורירט ווי אַ רוס.

באַלד נאָכן אַריינפאַלן אין פּלען, גייען אַרום דייטשן מיט רוסישע איבערזעצער און רופן אויס: „שטעלט זיך אויס לויט נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, אַריער באַזונדער, ייִדן באַזונדער“. אין דער ייִדישער ריי שטיי איך דער לעצטער און דער צווייטער נאָך מיר איז אַ רוס. אינצווישן, גייען אַרום דייטשן צווישן די ייִדישע רייען און רופן אויס: „יודאַ קאַפּוט“. איך שטיי אַזוי נאָך אין דער ריי און איך שטוין אין אַפּוואַרטונג. עס קומען צו דייטשן און פרעגן מיר אויף מיין פאָלקס־אָנגעהעריקייט. „רוסישער“ — ענטפער איך און איך באַקום מיט דער ביקס איבער די פּלייצעס און אַ שטויס צו דער ריי פון די רוסן. „עך, דו רוסישער שווייך — באַגלייט מיר אַ געשריי — שטיי אויף דיין אָרט, אין דיין ריי“. די ייִדן האָט מען אויפן אָרט צעשאָסן, און איך, אַ דערשראָקענער, דערדריקט, צעטומלט, מיט אונטערגעהאַקטע פיס, ווער מיטגעשלעפּט מיט די רוסן. אין בריסקער לאַגער וועלכער האָט אַרומגענומען אַ הונדערט טויזנט געפאַנגענע, בין איך אונטער־געאָרדנט דעם נאַטשאַלניק פון לאַגער וועלכער איז אַ רוס. איך אַרבעט ווי אַן אינסטאַ־לאַטאָר. איך גיב אַריין מיין גאַנץ וויסן און ענערגיע און כ׳פאַרדין אָנערקענונג. איין רוס דערקענט אין מיר דעם ייִד און איך ווער געטרופן צום ראַפּאָרט. אָבער, איך נוץ אויס מיין השפעה אויפן נאַטשאַלניק פון לאַגער און ער לאָזט מיך צורו. אינצווישן ווערן טאָג־טעגלעך אַנטדעקט פאַרשטעלטע ייִדן און זיי ווערן אומגעבראַכט. איך פיל, אַז סוף־כל־סוף וועט מען אויך מיך דעמאַסקירן און געוויס דערשיסן. איך הער נישט אויף צו טראַכטן וואָס מען טוט. און עס קומט אַ טאָג ווען אין לאַגער ווערן אויסגעקליבן געזונטע קריגס־געפאַנגענע וואָס ווערן אַרויסגעפירט קיין דייטשלאַנד. אַלע גייען אַדורך אַ נאַקעטע, קערפּערלעכע אונטערזוכונג און איך זע שוין מיין טויט. אָבער מיין נאַטשאַלניק מעלדעט אַז ווי אַן אינסטאַלאַטאָר, מוז איך בלייבן אויפן פּלאַץ און איך ווער איבערגעשיקט קיין

קאוועל. דאָ היטן וולאַסאָווצעס דעם לאַגער. אויך דאָ ווערן טעגלעך דערשאָסן אַנטדעקטע יידן.

איינמאָל, ביינאַכט, קום איך אין קאָנטאַקט מיטן וולאַסאָוויעץ וואָס היט אַ פּונקט. ער באַקומט פון מיר מיין זייגער, קערט אָפּ זיין קאָפּ און איך אַנטלויף.

איצט זענען שוין פאַרביי חדשים ווי איך בין אין פינצטערן וואַלד, צווישן רוסן. מיט אונדז איז אויך דאָ אַ פּאָלעסיער ייד, אויף וועלכן מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן אין די בלאָטעס. ער איז דווקא אַ גראָטעסנער און מיט זיין פלינקער אָריענטאַציע און קלוגע איינפאַלן, קומט ער אונדז צונוץ. אַלע זענען פריינטלעך צו אים. איך האָב שוין נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן מיין ידישקייט. איך בין אָבער שטאַרק אָנגעשראָקן. צווישן די ביימער, נעבן די פייגל־נעסטן, זשאַבעס, קאָמאַרעס און כל מיני חיהלעך, באַהאַלט איך נאָך אויס מיין אָפּשטאַמונג...

60 גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער

צו אונדזער גרופּע, אין די טונקעלע וועלדער, קומען צו נאָך אַנטלאָפענע און אין צוויי און פערציקסטן יאָר, זענען מיר זעכציק פּערזאָן, גוט־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, אָרגאַניזירטע אין אַ קעמפּעריש אָטריאַד וועלכער גראַסירט אין יענעם לובישייער וואַלד־אויסשפּרייטונג און וואַרפט אָן אַ פּחד אויף די „אומבאַזיגבאַרע" גאַווהדיקע דייטשן און זייערע געהילפן — די מערדערלעכע פּאָליציאַישע איינהייטן. במשך דער קורצער צייט, האָבן מיר באַוויזן צו צעקלאַפּן פיל קליינע פּאָליציאַישע איינהייטן און ביי זיי צוגענומען ס'געווער. מיר האָבן שוין געמאַכט איבערפאַלן אויף שטאָטישע פּאָליציאַישע גרעסערע פּונקטן, זיי אַנטוואָפנט און צוגענומען זייער געווער. אָבער, דער אָנהייב פון אונדזער באַוואָפענונג, קומט פון איין אָפּגעשניטענער מיליטערישער ביקס, פון אַ נאַגאַן, און פון אַ יאַגד־ביקס. אָט מיט דעם אָרעמען געווער, האָבן מיר במשך אַ פּאָר חדשים דעראָבערט פאַר זיך שפּייז אַרום די כוטאָרס פון דאָרף דאָלסק. מיר פלעגן זיך פאַר־רוקן טיף אין די וואַלד־בלאָטעס, צווישן אָזערעס און טייכלעך און זיך פאַרשטעקן אונטער אָלכעס וואָס זענען געווען געדיכט באַצווייגט און אַרומגעוואַקסן מיט לאָזעס.

אין איינעם אַ טאָג געשעט און צו אונדז גייט צו אַ מענטש און זאָגט: „ברידערלעך, איר מוזט זיך באַוואָפענען. איך וועל אייך צופירן צו אַ פּונקט, ווו מיט שכל, גבורה און מוט, וועט מען דעראָבערן גוט געווער, פון אַ באַנדע פּאָליציאַנטן וועמען דער דייטש האָט באַוואָפנט און באַזעצט אין מיטן וואַלד כדי צו כאַפּן צעלאָפענע קריגס־געפאַנגענע. מיר זענען אין ספיקות צי דער האַרציקער מענטש מיינט באמת אונדזער טובה, אָדער ער איז גאָר אונטערגעשיקט דורך דעם שונא און איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אונדזער לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז ווייטער קאָנען מיר נישט ממשיך זיין אָן געווער. נאָך אַ לאַנגן און ווייטן וועג, געפירט דורך וועלדער, בלאָטעס, אויסמיידנדיק דערפלעך, כוטאָרעס, קומען מיר צו אַ קליין וואַך־שטיבל אין מיטן וואַלד. די נאַכט איז אַ שטאַרק טונקעלע און פון דער פינצטערניש שיילט זיך אויס, ביים אַריינגאַנג, אַ זיצנדיקער מענטש מיט אַ ביקס אין האַנט און דרימלט אונטער, אָנגעשפּאַרט אָן דער ביקס. אין שטיבל איז פינצטער און

שטיל. דער וואַלד דערמעגלעכט אונדז אונטערצוקריכן צום דרימלענדיקן פּאָליציאַנט און אין איין אויגנבליק געפינט זיך זיין ווינטאָווקע אין אונדזערע הענט. מיר פאַרשטאָפּן זיין מויל מיט אַ שמאַטע און אַ צווייטע האַנט שטיקט אים. מיר שאַרן זיך גלייך אַלע אַריין ווו מיר געפינען די פּאָליציי־לייט שלאָפנדיקע און זייערע ביקסן שטייען אין די פּיראַמידן. יעדער פון אונדז כאַפּט אַרויס אַ ביקס. מיר שרייען אויס: „די הענט אין דער הויך!". און דערנענטערנדיק די ביקסן צו זייערע קעפּ און זייערע הערצער זאָגן מיר זיי אַז נישט אַרויסצוקומען פון שטוב ביז טאָג. באַוואָפנטע מיט 17 ביקסן און מאַשין־געווער, גייען מיר צוריק צו אונדזער נעסט אין דאַלסקער וואַלד און פון יענעם טאָג אַרבעטן מיר אָפן.

מיר האָבן שוין אַראָפּגעלאָזט אַ באַן פון די רעלסן און עס זענען געווען געהרגעטע דייטשן. מיר האָבן אַנטוואָפנט פּאָליציאַנטן מיט זייערע קאָמאַנדירן און צוגענומען זייער געווער. דער פּאָלעסיער ייד אַרבעט אַנטשלאָסן און גוט און אַלע האָבן אים ליב. מיינע חברים ווייזן מיר אַרויס איבערגעגעבנקייט און טרייהייט. אויך האָב איך ביי זיי פאַרדינט אָנערקענונג ווי אַ מוטיקער און פלינקער קעמפער. אָבער מיר גייט נאָך דער קאָשמאַר פון די דערשאָסענע יידן אין בריסק און אין קאָוועל און איך ציטער אַרויס־צוווייזן מיין ידישקייט.

און אַזוי איז געלאָפן די צייט. אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1942, זענען מיר שוין אַ גוט אָרגאַניזירטער אָטריאַד פון אַ 60 באַוואָפנטע קעמפער אונטער דער אָנפירונג פון אַ גוטן און קלוגן רוסישן קאָמאַנדיר ביי וועלכן איך בין זיין רעכטע האַנט. מיר האָבן שוין אַ דיווערסיע־סטאַזש און אונדזער פּאָלעסיער ייד, האָט אונדז פיל נוצן געבראַכט ווי אַ קענער פון אָט די געביטן. אין איינעם אַ טאָג פּאַסירט און אונדזערס אַ פּאַרטיזאַן נעמט זיין ביקס און גייט אין דאָרף דאַלסק פאַרברענגען. דאָרט באַגעגנט ער זיך אויג־אויף־אויג מיט אַ פּאָליציאַנט, אַ דאַלסקער גוי, וועלכער איז געקומען אַהיים. ביידע באַוואָפנטע קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין, פאַרטשעפּען זיך נישט און גייען זיך פונאַנדער. דער פּאָליציאַנט גיט איבער די דייטשן וועגן זיין באַגעגעניש אין דאָרף דאַלסק. די דייטשן מיט די פּאָליציאַנטן קומען טאָג־טעגלעך קיין דאַלסק און באַאומרויקן די דאָרפישע באַפעלקערונג. וואָס זשע טוען מיר? מיר באַקומען דעם פּאָליציאַנט, הרגענען אים אַוועק און באַגראָבן אים אויפן דעק פון אַ שטיל וואַסערל, אַזוי, אַז מען זאָל אים נישט געפינען. די דייטשן און פּאָליציי דערשמעקן אונדזער שטיקל אַרבעט, און אַ גאַנצע שטראָף־עקספּעדיציע גייט אויף דאַלסק באַשטראָפן דאָס דאָרף. אונדזער פאַרבינדלער גיט אונדז צו וויסן, אַז אין דעם טאָג וועלן זיי אַריינמאַרשירן קיין דאַלסק און מיר באַשליסן צו שטערן זייער מערדערלעכע אַרבעט. מיר גייען אַרויס און פאַרמאַסקירן זיך ביים ראַנד פון וואַלד, נעבן דער שמאָלער באַן־ליניע.

אין אַ זאַסאַדע ביי דאַלסק

מיר ליגן איינגעגראָבענע און פאַרמאַסקירטע. דער קאָמאַנדיר — פּאַרויס, און איך — דער נישט־געקרוינטער אַדיוטאַנט, נאָר דורך אַלעמען, אָנערקענטער, ליג נעבן אים. די איבעריקע 58 מאַן, ליגן אין אַ געוויסער דיסטאַנס איינער פון צווייטן. עס גייט

פאַרביי אַ צייט און די דייטשן מיט זייערע געהילפן, די מערדערלעכע פּאָליציאַנטן, באַווייזן זיך נישט. פון דאָרף גיט מען אונדז איבער, אַז זיי וועלן זיכער קומען. אַלע אין דאָרף ווייסן וועגן אונדזער לויערונג און זיי זענען זיכער אין אונדזער כוח, אין דעם, אַז מיר וועלן שטערן די דייטשן אויסצופירן זייערע טייוולאָנישע פּלענער. די מענטשן זיצן אין די הייזער, אָפּוואַרטנדיק דעם שטורעם, און אַזוי גייען אַדורך: אַ טאָג, אַ נאַכט, מיר ליגן הונגעריקע און אויפגערעגטע, און הייבן אָן אַריינטראַכטן, צי די דייטשן האָבן זיך נישט אַמאָל דערוווּסט וועגן אונדזער לויערונג און זיי קלייבן אַ גרויסן כוח פון אַלע אַרומיקע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּונקטן. איך זאָג אַרויס מיינע השערות פאַרן קאָמאַנדיר, און גיב צו, אַז אונדז איז שלעכט און ביטער איבערצולאָזן דאָס דאָרף אויפן דייטשישן חסד, אָבער אויב זיי גייען מיט אַ פילפאַכיק גרעסערן כוח, וועלן זיי אונדז פאַרניכטן און דאָס דאָרף וועלן זיי סיי ווי אומברענגען. איך ברענג אַרויס מיין מיינונג, אַז אויב זיי זענען היינט אַרויס פון ליובישיי, גייען זיי אַליין, ד. ה. נאָר די כוחות וואָס שטייען אין ליובישיי, און זיי וועלן ביז אַזייגער 9 זיין נעבן דאָרף און אויב זיי קלייבן כוחות, וועלן זיי קומען ערשט אויף דער נאַכט, כדי, ווען דאָס דאָרף וועט ברענען זאָלן אַלע אַרומיקע דערפער זען דאָס פייער. לכן, — האָב איך פאַרגעלייגט — דאַרפן מיר ליגן ביז אַזייגער 9, מיט 10 מינוטן און שפּעטער פאַרלאָזן דאָס אָרט, און אפשר ביינאַכט איבערפאַלן זיי אין דאָרף, וועלן מיר זיי לכל הפּחות צעטומלען און דערשרעקן.

און ווי איך קוק אַזוי מיטן בינאָקל, דערזע איך, אַז פון בערגל לאָזן זיך אַראָפּ פורן מיט באַוואָפנטע דייטשן און פּאָליציאַנטן. פאָרויס לויפט אַ הונט וואָס שמעקט, שטעלט זיך אָפּ, גייט אָפּ אין אַ זייט, לויפט ווידער פאָרויס און די פורן ציען זיך נאָך. דער הונט גלייכט זיך אויס מיט אונדזער לויערונג, גייט צו, שמעקט אונדזער דייטש געווער און אונדזערע הענט, לויפט פאָרויס און די פורן נאָך אים. איך זע, אַז זייער כוח איז גרויס און אין אָפענעם פאַרמעסט וועלן זיי זיך קענען שטאַרקן איבער אונדז. זאָג איך צום קאָמאַנדיר: „זאָלן זיי גיין אין דאָרף, נישטאָ קיין עצה, דאָרטן וועלן זיי זיך אָנטרינקען מיט סאַמאָגאָן. פון דאַלסק, וואָס איז ביים ראַנד פון די בלאָטעס, מוז מען קומען צוריק אַהער, — קיין אַנדער וועג איז נישטאָ. און דאַן, שיכורע און זאַטע פון זייער סאַדיזם, וועלן זיי פאָרן זיכער און רויק און נישט צוגעגרייטע צום קאַמף, — וועלן מיר גרינג קענען מיט זיי זיך אָפּרעכענען".

מיר הערן דעם ערשטן שאָס אין דאָרף און ווייסן, אַז מסתמא האָבן זיי שוין עמעצן געשאָסן. מיר זען ווי אַ שטוב ברענט. עס גייט אויף אַ טומל און עס הערן זיך ווילדע קולות. אַ סך שאָסן און עס הערשט אַזוי לאַנגע שעהן. און אָט פאָרן זיי שוין צוריק. מיר ליגן איינגעגראָבענע און געדעקטע מיטן וועלדל וואָס איז נאָענט צו דער באַן־ליניע און לאָזן זיי צו נאָענט צו זיך. די מענטשן און פערד פון די ערשטע פורן ווערן כהרף עין געטויט און זיי פאַרצוימען דעם וועג. די איבעריקע פורן שטעלן אָן אין אונדזער ריכטונג זייער געווער. אָבער אַ צענדליק האַנט־גראַנאַטן, אַריינגעשלידערטע אין זיי, שטילן איין זייערע קוילנוואַרפערס און זיי הערן אויף צו אַרבעטן. די קאָמאַנדע איז אויסגע־הרגעט און די איבעריקע שפּרינגען פון די פורן גלייך אויף דער אַנדערער זייט פון דער

באַן־ליניע, ווו זיי ווערן געדעקט. אָבער גאָר פלינק וואַרפן מיר איבער עטלעכע האַנט־גראַנאַטן, וואָס מאַכן אַן אין זייערע רייען אַ חורבן. דאַן שפּרינגען מיר אַליין אַריבער די באַן־ליניע מיט אַ געשריי: „הוראַ! — אַ טויט די דייטשן!". זיי שלאָגן זיך אָפּ אין פאַרצווייפלונג און זען זייער סוף. אויך מיר האָבן פאַרלוסטן. אָבער קיין אויסוועג איז נישטאָ. מיט זעלבסטפאַרגעסונג, האַס און נקמה־לוסט, רייסן מיר זיך פאָרויס מיט די געשרייען: „אַ טויט!" און מיר פאַרניכטן זיי, נעמען צו זייער געווער. אויפקלויבנדיק אונדזערע קרבנות, לאָזן מיר זיך אַוועק אין וואַלד. אַ זיבעציק דייטשע און אוקראַאינישע געפגרטע נבלות בלייבן ליגן ביים ראַנד פון וואַלד.

אַ לויערונג אויף דער בראַניצער גרעבליע

אין אַ וואָך שפּעטער גיבן אונדז איבער אונדזערע פאַרבינדלער, אַז אַ גרויסער כוח פון דייטשן גייט אויף קעגן אונדז. מיר מוזן פאַרלאָזן די ליובישייער וועלדער און לאָזן זיך נאָכן קאָמפּאַס צום צפון־מזרח ווינקל. דורך וועגן און אומוועגן קומען מיר אָן נעבן די בוטאווער כוטאָרס, אין צענטער פון בלאָטעס און אור־וועלדער. אויף אַ טרוקן אינדזעלע צעשטעלן מיר וואַך און בלייבן נעכטיקן נעבן אַ כוטאָר. דער בעל־הבית גנבעט זיך אָבער אַרויס און גיט צו וויסן אין שטעטעלע האָראָדניע, אַז אַ קליינע גרופּע פאַרטיזאַנער זענען אַרום זיין כאַטע. 20 דייטשן מיט פּאָליציאַנטן קומען אונדז נעמען. אונדזער וואַך באַמערקט זיי ווי זיי גייען זיכער, דאָס געווער אויף די אַקסל און דער וועג־ווייזער פאָרויס. ווען ס׳הייבט אָן שאַריען אויף טאָג, לאָזן מיר זיי צו נאָענט צו אונדז און שיסן זיי אויס מיט איין פאַרמעסט. מיר נעמען צו זייער געווער און לאָזן זיך צו די וועלדער לויטן קאָמפּאַס און דערשלאָגן זיך צו די בראַניצער וועלדער מיט דער אויס־רעכענונג, אַז דאָ וועלן מיר ווערן באַלאַגערט און וועלן מוזן אויפנעמען קאַמפן, ווייל דער שונא וועט נישט שווייגן. און עס קומט פאָר אַזוי, אַז גראָד צו יענער צייט, פירן סערניקער גוֹיים די סטאָלינער דייטשן צו די סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן. מיר באַמערקן זיי און פאַרלייגן אַ לויערונג אויף דער אָנגעשאָטענער בראַניצער גרעבליע און לאָזן זיי צו נאָענט. דאַן עפענען מיר אַ שיסעריי און מאַכן אַן ביי זיי אַ חורבן. מיט אַ קליין רעשטל טראָגן זיי זיך אָפּ, און מיר בלייבן רוען אין וואַלד, שטעלן זיך אַרום מיט וואַכן אין אָפּוואַרטונג פון ווייטערדיקע געשעענישן.

מיט די רעשטלעך פון אויסגעקוילעטע קהילות

די וואַכן פירן צו צו אונדזער שטאַב, האַלב־צעשראָקענע מענטשן, זקנים, זקנות און קינדער. דאָס איז אַ רעשטעלע פון אויסגעקוילעטע קהילות. דעמאָלט דערוואַכט און ברויזט אויף אין מיר מיין פּינטעלע ייד, און איך לאָז איבער מיין העלדישן אָטריאַד, און בלייב איבער נעבן אָט די אומגליקלעכע נפשות, רעכענענדיק, אַז מיין דערפאַרונג וועט זיי צו נוץ קומען. פון דעמאָלט אָן טייל איך אונדזער יידישן גורל. איך געפין דאָ יוגנטלעכע, שוואַך־באַוואָפנטע און נישט־אָרגאַניזירטע. צחאָמען הייבן מיר אָן פון „אלף" און טראַכטן קודם כל וועגן אויסהיטן און מציל זיין די אומגליקלעכע זקנים און

קינדער, און אויך — באַשטראָפן די גוים וועלכע ווילדעווען און מאָרדן. אַזוי פּלאַנעווען מיר אויך צו ברענגען שאָדן די דייטשע גאַרניזאָנען, צעשפּרייטע איבער פּאָלעסיע, צו רייסן דעם שונאס באַנען און ברענען די אָנגערויבטע סקלאַדעס.

אין יענע טעג האָבן מיר אויך געטון אַלץ כדי אויפצוזוכן און אָרגאַניזירן אַלע סערניקער און דאָמבראָוויצער יונגע יידן, אַרומבלאָנקענדיקע איבער דער וואַלד־אויס־שפּרייטונג. אונדזער שטרעבונג ווערט טאַקע פאַרווירקלעכט און אַלע ווערן פאַראייניקט אין איין מעכטיקן כוח, וועלכער שרייבט איין אין דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע־געשיכטע אַ הערויש בלאַט.

אָנגעהויבן האָט עס זיך פון דעם וואָס אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן מיר געזען ווי עס קאַטשעט זיך צו — ממש אויף אַלע פיר — צו אונדזער סטאַוועק דאָס ווייבל, חיה, פון דאָרף בערעסטיע, נעבן דאָמבראָוויץ, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך צוויי צעשטאָכענע האַלב־טויטע יינגלעך. איינער גוסט אין אונדזער קעגנוואָרט און דאָס מאַכט אויף אונדז אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דעם צווייטן הייבן מיר אָן ראַטעווען און היילן מיט בלעטלעך און וואַלד־גראָזן (ער איז איצט אין ישראל). חיה דערציילט אונדז, אַז דאָס האָט אַ יונגער גוי פון דאָרף אָזערסק אַזוי מאָרדיק צעשטאָכן די קינדער מיט אַ מעסער, און רעכענענ־דיק, אַז זיי זענען שוין טויט, לאָזט ער זיי איבער, גייט זיך רויק אַוועק צוריק צו זיך אין דאָרף.

אַ נקמה איבער אַ באַנדיט פון אָזערסק

מיר זענען געוואַלדיק אויפגערעגט. אָט דער איבערפאַל און טויט פון צעשטאָכענעם יינגל, רודערט אונדז אויף. אויך דאָס קרעכצן און די ווונדן פון נאָך לעבעדיקן יינגל, רופט צו נקמה. איך נעם מיט זיך לייבל פישמאַן, פון זאַמראַטשעניע וועלכער קען גוט די געגנט און דעם דאָמבראָוויצער יונגן לאַנדוי און מיר ווילן זיך לאָזן צום דאָרף. פאַר אונדז שטייט אָבער די פראַגע, צי מיר קאָנען זיך דערלויבן אַרויסצונעמען פון סטאַוועק דריי ביקסן. וואָרעם, טאָמער חלילה פאַלט מען אָן אומדערוואַרט אויף די מענטשן? איך נעם דעריבער נאָר איין ביקס מיט גענוג קוילן און מיינעביידע באַגלייטער באַוואָפנען זיך מיט קאַלט געוועהר און מיר גייען קיין אָזערסק, לויט די אָנווייזונגען פון לייבלען וועלכער קען דעם יונגן גוי און ווייסט ווו עס שטייט זיין שטוב. אָנקומענדיק צום גוי אין שטוב טרעפן מיר דאָרט זיין מאַמע און שוועסטער. ווי עס וויזט זיך אַרויס הוליעט דער באַנדיט אין דאָרף אין וועלכן ס׳איז אַזוי רוישיק און פריילעך. מען הערט געזאַנג און עס שפּילן כלי־זמרים און מען טאַנצט, ווייל ס׳איז יום־טוב. „פאַר אַלע — טראַכט איך — איז דאָ אָרט אויף דער וועלט, נאָר מיר, יידן, מוזן אויסגעקוילעט ווערן, ווייל אַזוי ווילן אָט די באַנדיטן". אין האַרצן ברענט אַ העליש פייער. „מיר מוזן דאָ נעמען נקמה — זאָג איך צו מיר — און זאָלן אַלע דייטשע קאָלאַבאָראַנטן דערפילן אונדזער שטראָף־האַנט".

מיר האַלטן אָפּ אַ קורצע באַראַטונג און מיר באַשליסן, אַז דער רוצח וועט געוויס קומען אַהיים, נאָר מיר מוזן פון שטוב קיינעם נישט אַרויסלאָזן. אַנדערש, וועלן זיי אים געבן צו וויסן. מיר בלאָקירן די שטוב און לאָזן אַלעמען אַריין, אָבער — נישט אַרויס.

לייבל פישמאַן זוכט עסן, און איך האַלט די אָנגעלאָדנטע ביקס אין האַנט. לייבל וואַרפט אַראָפּ אַ שיסל און עס ווערט אַ געררויש. איך וויל כאַפּן אַ קוק וואָס עס איז געשען און די שוועסטער פון גוי געלונגט צו אַנטלויפן דורכן פענצטער. איך שריי אויס צו איר: „שטיי, ווייל איך שיס!" און זי לויפט. איך שיס אין איר אַריין און זי ליגט שוין טויט. אין דאָרף דערהערט מען דעם שאָס און אַלע גויים און גויטעס לויפן אין דער ריכטונג ווו מיר זענען און אויך דער באַנדיט. מיר צינדן אונטער די הייזקעס און מיר ציען אָפּ ביזן עקסטן הויז. איך גיי אַהין אַריין און זאָג צום בעל הבית: „ווילסטו לעבן און דיין הויז זאָל נישט ברענען? גיי זע צי דער באַנדיט איז דאָרטן". ער קומט און זאָגט, אַז ער איז דאָרט פאַראַן. מיט דער איינציקער ביקס גייען מיר אַריין אין דעם צעיושעטן המון און נעמען דעם באַנדיט. דער המון האָט זיך געלאָזט אויף אונדז מיט ווילדע געשרייען, כדי אָפּצושלאָגן דעם רוצח. איך לאָז אַרויס אַ סעריע קוילן און אַלע צעלויפן זיך. האַלטנדיק דעם באַנדיט אין האַנט זאָג איך צו אים: „דו האָסט דערשטאָכן צוויי יידישע קינדער און דו באַקומסט דיין באַצאָלונג — אַ קויל אין האַרצן". מיר האָבן אים געלאָזט ליגן אַ טויטן און מיר זענען אַוועק צוריק צו אונדזער סטאַווקע.

דעם צווייטן זונטיק, נעמען מיר, עטלעכע יידישע פּאַרטיזאַנער, און פאָרן אַריין, רייטנדיק, אין צענטער דאָרף, טרייבן צונויף אַלע גויים און גויטעס, און זאָגן זיי אָן, אַז פאַר יעדן יידישן קרבן וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך דאָס גאַנצע דאָרף אוקראַינער מיט זייערע קעפּ, האָב־און־גוטס. אונדזער חברה צעשפּרייט זיך איבער אַלע אַרומיקע דערפער און וואָרענען אומעטום די גויים, אַז זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די יידן וועלכע וועלן אומקומען אין זייערע דערפער.

אין דובע־סטעפּאַנגאָראָד איז געווען אַ געוויסער סעמאַן, וועלכער האָט געמאָרדעט יידן. נעמט מען אים אַרויס פון שטוב און מען דערשיסט אים אין מיטן גאַס, מיטן אָנזאָג נישט צו באַערדיקן אים, נאָר, אַז די הינט און חזירים זאָלן פון אים רייסן שטיקער. אַ פּאָר טעג איז די נבלה אַזוי געלעגן אין גאַס און עס איז געוואָרן רויק אין די דערפער. ערשט אין אַ צייט אַרום, באַווייזן זיך בולבאָווסקע אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכע פריידיקן מאָרד וואָס ווערט ביי זיי אַ קולט, ממש אַ גאָטעסדינסט. אונדזערע באַוואָפנטע יידן פירן מיט זיי טאָג־איין טאָג־אויס פאַרביטערטע קאַמפן און יעדער געבליבענער פון אונדז איז אַ נס, און יעדער אָפּגעראַטעוועטער זקן, יתום און אַלמנה איז אַ לעבעדיקער עדות פון שוידער־לעכן קאָשמאַר וואָס האָט אין שטורעם זיך דורכגעטראָגן איבער דער ערד פון פּאָלעסיע־וואָלין.

ח. פאַרשידענע בשותפותדיק־דערציילטע עפּיזאָדן

אַרויסגעגנבעט אַ דאָקטאָר פון שפּיטאָל

מיר דערמאָנען דעם האַרבאַטן קאָנדראַט — איינער פון די חסידי אומות העולם. ער איז אַ שטאַרקער גורם אין דעם אַנטשטיין פון אונדזער פּאַרטיזאַנקע. לכתחילה,

ברענגט ער אַ רוסישן נאַגאַן מיט קוילן. שפּעטער פירט ער צו אַ גוי מיט אַן אָפּגעשני־טענער ביקס און מיטן נאַגאַן רייסן מיר אַרויס פון גוי די ערשטע ביקס מיט קוילן. ער גיט אונדז אויך איבער ווי אַזוי און ווען עס דרייען זיך אַרום פּאָליציאַנטן. אין אַ געוויסן זונטיק, גיט ער אונדז צו וויסן, אַז אין דאָרף וועלן זיין אויף אַ הוליאַנקע פּאָליציאַנטן וועלכע קומען אַהיים. מיר מאַכן אַן איבערפאַל, נעמען צו זייער געווער און ביי אונדז זענען שוין דאָ גוטע זיבן ביקסן מיט אַ גאַנצן אַרסענאַל קוילן. מיר גייען אַרויס אין אַלע דערפער פון דאָמבראָוויצער געגנט און זאָגן אָן קאַמף די אַלע רוצחישע גויים וועלכע פאַרפאָלגן יידן. זיי באַקומען פּחד, און אין וואַלד ווערט רויק.

די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע באַהאַלט אויס דעם ד״ר ערליך אין אַ שאַפע, אין שפּיטאַל, זאָגט אונדז אָן וועגן דעם דורך קאָנדראַטן און אַזייגער איינס ביינאַכט גייען מיר, 7 יידן, אַרויס מיט גוטע געלאַדנטע ביקסן און ברענגען אויף די פּלייצעס דעם אָפּגעשוואַכטן ד״ר ערליך מיט זיין פּלעגערין און שוצגעבערין — די קראַנקן־שוועסטער. אין וואַלד קומט צו, אין דער פּערזאָן פון ד״ר ברוך ערליך, אַ טאָפּלטער און אפשר צענפאַ־כיקער כוח. ד״ר ערליך איז געווען אַ קעמפער, אַן אָנפירער און אַ גרויסער אוהב ישראל. ער האָט אונדז געדינט מיט עצות אין די אַלע וואַלד־ענינים וואָס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ גאָר גרויסן פאַרנעם. זיין דאָקטאָרסקע פּראַקטיק איז אין וואַלד געווען זייער נייטיק.

אין איינעם אַ טאָג גיט קאָנדראַט צו וויסן, אַז אין דאָרף מאַטשולישטש, ווערט זיין אַ וועטשערינקע פון שקצים און שיקסעס, כלי־זמרים, און פיר פּאָליציאַנטן וועלן אויך דאָרט זיין, וועלכע מיר קענען פאַר געוואַלטיקע רוצחים פון יידן. ס׳איז אָוונט, אין שטוב איז די שמחה גאָר געהויבן. די כלי־זמרים שפּילן און די מערדער טאַנצן, פאַרגע־סנדיק אַן אַלץ און אַלעמען. זיי זענען דאָך אין יענער צייט די העלדן פון טאָג. אין דער פינצטערניש רוקן מיר זיך אונטער ביז דער כאַטע. דער המון וואָס אין דרויסן, דערזעענדיק אונדז האָט זיך צעלאָפן. גלייך האָבן מיר אַרומגערינגלט די שטוב. די טיר ווערט בלאָקירט דורך זלמן שפּין און פּנחס געגזעל. שפּין משה און שפּין איצל שטייען מיט זייערע אָנגעשטעלטע ביקסן גלייך אין די פענצטער אַריין. פּנחס ניימאַן, צאַצקעס יהודה, גבריאל אווסיאַנקא, שפּרינגען אַריין אינעווייניק מיטן געשריי: „הענט הויך״. מיר שיסן אויס און כהרף עין זענען זייערע ביקסן אין אונדזערע הענט. די פּאָליציאַנטן, צום טויט־דערשראָקענע, בעטן זיך רחמים אויף זייער לעבן, מיטן מאָטיוו, אַז זיי זענען נישט שולדיק... מיר קענען זיי און וויסן וויפל יידישע לעבנס זיי האָבן צוגענומען. מיר רעכענען זיי אויס די קרבנות, געפאַלענע דורך זייערע טומאהדיקע הענט און פירן זיי אַוועק אין וואַלד, שיסן און באַגראָבן זיי. ס׳איז כדאי צו דערמאָנען, אַז אָט דעם נקמה־אַקט פאַרשווייגן די דייטשן, ווי אויך די פּאָליציי.

יאָ, איך האָב נישט דערמאָנט, אַז די ערשטע דריי האַנט־גראַנאַטן גיט אונדז טאַמוך גאָורילטשוק, און אין יענער צייט איז עס פאַר אונדז אַן אוצר. מיר גייען אַרום איבערן וואַלד און זוכן פון איין זייט מערדער, און פון אַנדערער זייט, בלאָנקענדיקע, שוצלאָזע יידן. מיר דערוויסן זיך, אַז אַרום דאָרף זאָלאָטאַיע, זענען אין וואַלד דאָ יידן און מיר טרעפן

דאָרט אַ גרופּע הונגעריקע, נאַקעטע און באָרוועסע, מיט קרעץ באַשאָטענע און פון לייז, צעפרעסענע, האַלבע מתים. געווען זענען דאָס: שמעון שיינמאַן מיט דריי זין און טאָכטער, מאַן און פרוי אַבעריאַנט מיט זייער טאָכטער, אברהם קאָוואַלאַ מיט זיין פרוי, לייזער קלעס מיט זיין פרוי און קינד, חנה פישמאַן מיט קינדער, באָרמאַן שייע און איציק בינדערס יינגל, שמחה טראַכטנבערג און סראַליק, מאיר מודריק, דער זון פון זעליק זונעלעס מיט זיין פרוי און דריי קינדער, דיביידע ברידער „טויבן", און ריגערס פלימיעניק — משה פישמאַן, די משפחה לעווין, באַסל געגנזורס, ר' הערשל, זיין פרוי, זון קאָפּל און טאָכטער, כינקע אייזנבערג, אברהם מודריק, אשר ביטשיק און אַ זון.

מיר פאַרצייכענען לדורות, אַז 95 פּראָצענט פון די דערמאָנטע יידן זענען ענדע ווינטער 43־1942 און אויך שפּעטער־צו, פאַרפייניקט געוואָרן מיט כל מיני מיתות אכזריות דורך די היימישע גויים.

צוויי פון דער גרופּע, טילטשין יונה, און פאַרפלמאזע פיניע קומען און דערציילן, אַז אין אָזערסקער וועלדער שטייט אַ גוט־אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנקע פון סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן, מיט אַ קליינעם צומיש פון גויים, אַנטלאָפענע פון דייטשן פּלען. מיר הייבן אָן קלערן וועגן קאָנטאַקט מיט זיי, אָבער פאַרלויפיק, זענען מיר פאַרנומען אויפן אָרט. מיר דרינגען אַריין אין די דערפער און וואָרענען זיי קעגן איבערפאַלן אויף יידן. מיר אַגיטירן און לאָזן נישט אָפּגעבן דעם דייטש זיינע פאָדערונגען: ברויט און פליישׂ. און ווען ער פאָדערט יונגע אַרבעטער־הענט קיין דייטשלאַנד, רופן מיר זיי צו קומען אין וואַלד אַריין און נישט צו גיין אויף עבודת־פרך קיין דייטשלאַנד. זיי פאָלגן אונדז און בלייבן אויפן אָרט, אָבער שפּעטער־צו האָבן מיר פון זיי גרויסע צרות, ווייל זיי זענען די רעזערוון פאַר די בולבאָווצעס, מאַכן אָן אַ חורבן צווישן די שוצלאָזע יידן און פירן פאַרביטערטע קאַמפן מיט די פּאַרטיזאַנער.

איצט זענען מיר שוין צוואַנציק באַוואָפנטע יידן. עס גייען מיט אונדז מיט צוויי רוסן, אַנטלאָפענע פון פּלען. אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג און וואָכן, האָבן מיר שוין געמאַכט לויערונגען און געהרגעט דייטשן, פּאָליציאַנטן און זייער געווער, אמוניציע און הלבשה זענען געבליבן ביי אונדז. די רוצחים האָבן פּחד און זיי קומען נישט אין וואַלד. עס קומען צו אונדז חיים מודריק, פון דאָרף הארוועניץ, און מאיר מודריק און מיר גיבן זיי געווער. הכלל, מיר הויבן אָן גלויבן אין אונדזער כוח און ווייסן, אַז די דייטשן ציטערן און ליגן איינגעלייגט און, אַז זיי באַוועגן זיך נאָר אין גרופּעס צו 50—40 פּערזאָן. איינמאָל, ווען אַזאַ גרופּע איז געגאַנגען פון דאָמבראָוויץ קיין סטאָלין, דורך וויסאָצק, האָבן מיר געמאַכט אַ לויערונג, זיך איינגעגראָבן און גוט פאַרמאַסקירט. מיר ליגן צוויי טעג הינטער זאמראטשעניע, ביים ראַנד וואַלד, און לבסוף דערזעען מיר אַ מחנה פּאָליציסטן מיט דייטשן. מיר לאָזן זיי צו נאָענט און פון אונדזערע שוצגראָבנס, אין וואַלד, עפענען מיר אַ פייער. ביז וואַנען זיי אָריענטירן זיך, פון ווו דאָס פייער קומט, זענען שוין ביי זיי דאָ פאַרלוסטן. זיי פאַלן אַריין אין אַ צעטומלעניש און צעלויפן זיך, איבערלאָזנדיק די געהרגעטע נבלות, פון וועלכע מיר נעמען צו דאָס געווער און די הלבשה. מיר גייען אַוועק אין דער טיפעניש פון דער וואַלד־אויסשפּרייטונג, טאָקע אין

גאַנצן אומבאַשעדיקט, ווייל די שוצגראָבנס און דער וואַלד האָבן אונדז געדעקט. נאָכדעם ווערט שטיל אין די דערפער און אין וואַלד אויף אַ גוטע פּאָר וואָכן. מיר ווייסן, אַז אין גוט פון דאָרף זאלאטאיע, זענען צוזאַמענגעקליבן פיל תבואות, קאַרטאָפל און בהמות, שעפּסן, חזירים און מיר דערוויסן זיך, אַז די דייטשן קלייבן זיך אַרויסצופירן דאָס אַלץ קיין דייטשלאַנד. אין האַלבער נאַכט גייען מיר אַרויס פון אונדזער סטאַוקע, פון צווישן די אומענדלעכע בלאָטעס, און דערגייען ביז צום גוט. די גויים פון די אַרומיקע דערפער זענען צוזאמענגעלאָפן און קוקן אויף אונדז מיט שנאה. מיר האַלטן זיי פון דערווייטנס און וואָרענען זיי נישט צו דערנענטערן זיך צו אונדז. זיי האָבן פּחד פאר אונדזער וואָפן און שטייען פון דערווייטנס. מיר רייסן זיך אַריין אין גוט, פירן אַרויס דעם לעבעדיקן אינווענטאַר און טרייבן אים אין וואַלד. מיר לאָדענען אויך אָן פורן מיט תבואות און הייסן די גויים נעמען וואָס זייער האַרץ גלוסט נאָר. די גויים, דערזעענדיק אונדזער מוט און דיסציפּלינירטע אויפפירונג און קאַמף־פעאיקייט, ווערן נבהל ונשתומם און זיי גלויבן אין דעם וואָס איינער פון אונדז זאָגט: אַז אין וואַלד שטייען צענדליקער טויזנטער באַוואָפנטע יידן און אַז אַהער איז נאָר געקומען אַ קליינע גרופּע. הן די דייטשן און הן די פּאָליציי מיט די גויים וואָגן נישט מער אַפילו אַ קוק צו טאָן צום נאָענטן וואַלד.

אַקטן פון נקמה איבער רוצחים פון יידן

אין דער־אַ צייט טרעפט זיך אונדזער גרופּע אָן אויף יצחק פייגלשטיין. ווי אַ קענער פון די געביטן, ווערט ער אונדזער וועגווייזער. ער קען אויך אַלע באַנדיטן אין דעם ווינקל און ער פירט זיך אַרום מיט אונדז. אַזוי פירט ער אונדז אויך צו דער זאלישינער גלחטע, וואָס האָט צוויי ראַדיאָס. איינעם נעמען מיר צו און מיר באַקומען ווי מען זאָגט: „אַ פענצטער צו דער ברייטער וועלט". מיר הערן מאָסקווע און ברלין, וואַרשע און לוזאָנו, און מיר אָריענטירן זיך אין די וועלט־געשעענישן. מיר ווייסן גוט, אַז די גאולה איז נאָך ווייט פון אונדז, און מיר טראַכטן, אַז דער דייטש וועט נאָך האָבן גענוג צייט און מעגלעכקייטן צו קאָנען מאַכן מיט אונדז אַ סוף. אָבער, טאַקע מהאי טעמא, ווייל די אויסזיכטן צו בלייבן לעבן זענען שוואַכע, אַרבעטן מיר פיבערהאַפט. ווילן מיר אים אָנטון וואָס מער צרות, וואָס מער הרגענען דייטשן און זיינע מיטהעלפער און מיר לאָזן נישט אדורך קיין שום געלעגנהייט.

און אָט איז דער ראַניער מערדער, טאַראַס גיל, — דער קאָמענדאַנט פון איינ־קע פּאָליציי־אישע פונקטן, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט הריגות איבער יידן. וועגן זיך אַליין האָט ער געזאָגט, אַז אין יידישן בלוט, פאַרגאָסענעם מיט זיינע הענט, קאָן מען אויסבאָדן אַלע גויים פון דאָרף ראַן. עטלעכע נעכט פירט פייגעלשטיין יצחק אונדזער גרופּע צו זיין שטוב, אָבער מען טרעפט אים נישט. אַ גוי זאָגט פייגעלשטיינען, אַז אין דער און דער נאַכט וועט ער געוויס זיין אין שטוב. מען רינגלט זי אַרום און ער איז ווידער נישטאָ. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט געמאַכט טאַראַס גיל אונטער דער ערד אַן ארויסגאַנג אויף אַ פּאָר צענדליק מעטער און איז נעלם געוואָרן.

מיר פאַרלאָדענען פורן מיט אָנגערויבטער יידישער הלבשה און נעמען מיט זיין בן

יחיד און פרוי. די הלבשה ווערט אָפּגעגעבן פאַר די נאַקעטע, דערפרוירענע יידן אין וואַלד. זיין בן־יחיד און פרוי קערן זיך מער נישט אום קיין ראָן... דעם ראַניער גלחס זונדל איז אין דינסט ביי די דייטשן. קומען מיר אין אַן אָוונט צום גלח אין שטוב און פרעגן ביי אים: „פּאַטערל, ווו איז דיין זון, דער פאַררעטער ?". ענטפערט ער מיט פסוקים פון תנ"ך און אויסצוגן פון דער עוואַנגעליע און מיר הערן אַ לאַנגע, פּאַטערלעכע דרשה וועגן אמת, היינו „אַז ס'איז נאָך דאָ אמת ביים רוסישן פאָלק און ס'איז נאָך פאַראַן מענטשן־ווירדע ביי די סאָוויעטן, און אַז דער דייטש רויבט און מאָרדעט נישט נאָר יידן, נאָר אַלעמען אָן אויסנאַם. גאָט, זון און מאַמע, וועלן אַוודאי שטראָפן דעם דייטש — זאָגט דער גלח און אַליין איז ער זיכער אין זיין מפלה. נאָר, וואָס שייך זיין זון, איז ער נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, ווייל דער דייטש האָט אים געמאַכט פאַר אַן אויסוואָרף. פון די גוטע רייד זיינע, ווערן מיר ווייך און לאָזן דעם גלח צורו.

מיר מאַכן אַן אומגליקלעכן מאַרש צום דאָרף אזערא, נעבן וולאַדימערעץ, כדי צו נעמען דעם יידן־מערדער פון דאָרף. אין קאַמף פאַרלירן מיר וואַראַנעס אײדעם — גבריאל אָוסיאַנקא ז"ל. אָט דער פרישער קרבן לאָזט אונדז אין טיפן טרויער. אונדזער קעמפערישע גרופּע נעמט נקמה אויפן אָרט. מיר צינדן אונטער דאָס דאָרף און ברענען הייזער און שטאַלן. פון אונדזערע קוילן פאַלן באַנדיטן. אָנגעפּראָפּטע שפּייכלער מיט גוטס פון וולאַדימערצער יידן גייען אַוועק מיטן רויך, אָבער מיר פירן צוריק אונדזער חבר א טויטן און זיין הייליקן גוף זענען מיר מקבר אויף אַ בערגעלע, נעבן ביידל. אין לויף פון ווייטערדיקע קאַמפן ווערן פאַרוווּנדעט זלמן שפּין און יודל צאַצקעס. אָבער, מיר הערן נישט אויף צו זוכן די מערדער. מיר, די פאַרפאָלגטע ווערן פאַרפאָלגער. איצט נעמען מיר אויפן אויג דעם דאָמבראָוויצער אוליאַן שפּאַק וועלכער איז דער אפּוטרופּוס איבער דעם אָנגערויבטן יידישן פאַרמעגן. אָט דער רוצח, איז אויך דער אויפנעמער פון די געכאַפּטע וואַלד־יידן. מיר קלערן שטאַרק אריין ווי אַזוי מיר וועלן קאָנען, מיט אונדזערע אָרעמע כוחות און נאָך ווייניקער מיליטערישער קענטשאַפט, באַפאַלן אָט דעם שפּאַקן און צונעמען פון זיינע שפּייכלערס דאָס אָנגערויבטע יידישע גוטס.

אין איינעם אַן אָוונט זענען מיר אַרויס דערפילן די אויפגאַבע. די אָנפירערשאַפט איז איבערגעגעבן געוואָרן פנחס ניימאַנען, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאָרויס מיט אָנגעשטעלטע גראַנאַטן און זיין ביקס אין די הענט. נאָך אים זענען געגאַנגען: צאַצקעס יודל, גנזל פנחס, די ברידער שפּין (זלמן און לייבל), קראָנענבערג, ד"ר ערליך, טילטשין יונה, חיים מודריק, ווי אויך אונדזערע צוויי רוסן. ביי אַלעמען זענען די ביקסן אָנגעלאָדן. אויך האָלט מען גרייט די גראַנאַטן. ס'איז שטאַרק פראָסטיק און די ערד, אַ נאָך נישט מיט שניי באַדעקטע, איז שאַרף און האַרט, ווי שפּיציקע שטיינער. עס גייט זיך שווער, ווייל מיר מיידן אויס די שליאַכן און גייען דורך וואַלד און פעלד. אַרום צוויי ביינאַכט רינגלען מיר אַרום שפּאַקס שטוב, אָבער, ליידער האָט דער רוצח, דערהערנדיק אונדזערע טריט נאָך פון דערווייטנס באַוויזן זיך אַרויסצוכאַפּן און איז געלאָפן אָנזאָגן די דייטשן. מיר אָריענטירן זיך און אויף שנעל שפּאַנען מיר זיינע פערד, לאָדענען אָן וואַרעמע מלבושים. מיר נעמען מיט די גויע, אַז זי זאָל צוריקפירן אירע פערד, ווייל מיר זענען

דאָך ידישע גזלנים... בינתיים ווערן מיר שטאַרק באַשאָסן און יודל צאַצקעס כאַפּט אַריין אַ קויל אין פוס. די גויע באַמערקט עס און הויבט אָן אַזוי צו מאַניפּולירן מיט די פערד, אַז די פּאָליציי זאָל אונדז אָניאָגן. דער פאַרוווּנדעטער צאַצקעס רוקט איר אונטער די ביקס צום האַרצן און זי טרייבט שוין די פערד שנעלער. די צעטומלטע פּאָליציי יאָגט אונדז נישט נאָך. זיי האָבן צעשטעלט זאַסטאַווּעס אויף אַלע גאַסן, מיינענדיק אַז מיר וועלן זיך רייסן אין שטעטל אַריין. זיי שיסן סתם אין דער וועלט אַריין און מיר קלייבן זיך אַרויס פון שטעטל. צאַצקעס מיט דער פור זאַכן, פאַרט מיטן שליאַך און מיר גייען מיט די פעלדער און האַלטן וואַך. אינמיטן וועג דוכט זיך אונדז עפּעס, אַז נישט צאַצקעס זיצט אויף דער פור, נאָר פּאָליציאַנטן וועלכע פאַרפּאָלגן אונדז. מיר מאַכן אַ פּרווו און באַשיסן די פור. געוויס וואָלטן מיר געוועזן דערהרגעט צאַצקעסן, אָבער עס געשעט אַ נס. צאַצקעס הויבט אָן שרייען אויף דער גויע זי זאָל פאָרן גיכער און מיר דערקענען זיין קול. מיר זעען דערין ממש אַ נס מן השמים. אין וואַלד הויבט אָן ד״ר ערליך צו באַנדאַזשירן און היילן יודלס פוס און ער ווערט געזונט.

ברידער שטעלן זיך איין פאַר ברידער

מיר דערוויסן זיך, אַז אויף די האַרוועניצער כוטאַרעס, בלאָנקען אַרום בערעזשניצער יידן, וועלכע זענען אין גרויסער סכנה אויסגעמאָרדעט צו ווערן פון דער פּריש אַנטשטאַנענער באַנדע בולבאָווצעס. אין אַ שטאָק־פינצטערער פאַלעסיער נאַכט, אַרום צוויי אַזייגער, לאָזן מיר זיך אַרויס פון אונדזער סטאַווקע, און דורך פאַרשנייטע פעלדער און וועלדער, נאָך אַ צוויי־שעהדיקן מאַרש, קומען מיר צום אָנגעצייכנטן אָרט, ווו לויט דער באַקומענער אינפאָרמאַציע, דאַרף זיך געפינען די נעסט פון די אָרגאַניזירטע בולבאָווצעס, מיט וועלכע אַלע פּאָליציאַנטן פון דאָמבראָוויק, בערעזשניץ און ליוביקאָוויטש אַרבעטן מיט. מיר ווייסן, אַז צווישן זיי זענען דאָ אויסגעשולטע מיליטער־לייט און עס איז אַ פראַגע ווי אַזוי דאָ צו האַנדלען. נאָך אַ קורצער באַראַטונג, עפענען מיר אַ שטאַרקע שיסעריי און זיי ווערן צעטומלט. אָבער דער קאַמף פאַרוויקלט זיך און איז אכזריותדיק. מיר זעען, אַז זיי האָבן אַ גרויסן איבערגעוויכט אין מענטשן און אויך אין וואָפן. אָבער, צו אונדזער גליק, זענען מיר געלעגן פאַרגראָבן און ווערן געשיצט פון זייערע קוילן. בעת מעשה, האָבן די פאַרשטעקטע יידן דערשמעקט אונדזער געפינען זיך אין געביט און אַלע האָבן באַצייטנס אָפּגעצויגן פון יענער געגנט. זלמן שפּין ווערט אין שלאַכט פאַרוווּנדעט. און ווייל מיר האָבן דערשמעקט דעם טויט און נישט געוואָלט אַריינפאַלן צו זיי לעבעדיקע, האָבן מיר זיך געשלאָגן מיט אַזאַ גבורה, אַז אונדזערע שונאים זענען אָפּגעטראָטן. דער קאַמף איז וואָס אָן אמת געווען אַ שווערער. אונדזערס אַ חבר איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער די בערעזשניצער יידן האָבן באַוויזן אַנטלויפן פון יענעם אָרט און זיך געראַטעוועט.

אַ שפּאַציר פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן אין מיטן העלן טאָג...

אין יענע וואָכן אַנטשטייט אויך אַ פּאַרטיזאַנקע אויף דער אַנדערער זייט פון טייך

סלוטש, צווישן די דערפער קאַראַסין און אזורי. אין יענע וועלדער זענען דאָ די יידן: מאיר בעליאַטיטשער, מודריק חיים, שמעון פייקאָוו, זעליקאָוויטש מיט זיין זון, שלמה זאַלוזשער, בערל ביק, א סטרילסקער ייִנגל, אַ העלד, וועלכער איז נעבעך שפּעטער געפאַלן, און שמחה ראָזנבערג. אונדזערע מעשים און אַקציעס דערגייען צו זיי און שמחה ראָזענבערג, וועלכער איז באַוואָפנט מיט אַן אָפּגעשניטענער ביקס וואָס שיסט מיט איין קויל, גייט צו אונדז אָנבינדן קאָנטאַקט. אין אונדזערע געביטן איז אַ גרויס פּחד אויף אַלע שונאי ישראל און שמחה, מיט זיין שוואַכער באַוואָפענונג שניידט אַדורך אינמיטן העלן טאָג די דערפער זאַלוזשע און קאָלק, גייט אַדורך דעם פאַרפרוירענעם טייך האָרין נעבן די גויאישע מאָהילקעס אין דאָמבראָוויץ, שפּאַצירט דורך וואַראַבינער גאַס וואָס איז פול מיט יום־טובדיקע גויים און גויעטעס, וועלכע קענען אים. אמת, מען קוקט אים נאָך מיט שנאה, אָבער, זיי מיידן אים אויס און טראָגן זיך אָפּ, ווי זיי וואָלטן אים נישט געזען. ער גייט אַרויס אויף דוקאַראָווסקע און נעכטיקט ביים וואַלד־שומר, וועלכער איז מחסידי אומות העולם און ווערט טאַקע דערפאַר פאַרפייניקט דורך די בולבאָוועצעס.

צומאָרגנס גייט שמחה דורך דעם דאָרף מאַטשולישטש אין וועלכן עס נעסטיקן בול־באָוועצעס און זיי אַלע זענען איבערראַשט. זיי ווייסן גוט, אַז אויב שמחהן וועט געשען עפּעס שלעכטס, וועלן ברענען די דערפער, וועלן געהרגעט ווערן גויים. זיי רעכענען, אַז מיר זענען אַ גרויסער כוח מיט וועלכן עס לוינט נישט אָנצוהייבן. און ווען שמחה איז שוין ביי אונדז, אָרגאַניזירט ער אַן אַקציע קעגן אַ רוצח אין פּראַצעדובקע, וועלכער האָט געמאָרדעט יידן. זיינע שפּייכלער און די שטוב זענען געווען אָנגעפּראָפּט מיט יידיש האָב און גוטס. מיר זענען דאָרט אַהינגעקומען און אַלץ אויסגערייניקט, אָנגעלאָדן פולע פורן און אוועק מיט זיי אין וואַלד. דאָרט האָבן מיר באַקליידט און באַשוכט די געפּלאָגטע, שוצלאָזע יידן, און די אַלע וואָגלערס אין פּליאַטערס וואַלד, זענען געשטאַרקט געוואָרן, זעענדיק, אַז עס זענען דאָ אויגן און הענט וואָס גיבן אַכטונג אויף זיי. און זיי האָבן באַקומען מוט און האָפענונג איבערצולעבן היטלערן ימח שמו.

אַן איבערפאַל אויפן מאַטשולישטשער הויף

מיר זענען אויפמערקזאַם אויף דעם מאַטשולישטשער הויף, וועלכער איז שטאַרק באַוואַכט דורך גוט באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן און איז פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט דער געסטאַפּאָ אין דאָמבראָוויץ. גלייכצייטיק לייגן אַכט אַלע פּאָליציי־וואַכן פון בערעזשניץ, ליוביקאָוויטש, און אַפילו וויסאָצק אויף דעם אוצר פון תבואות, לעבעדיקע באַשע־פענישן, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין מאַטשולישטש. און דערווייל... רייניקן מיר, פּוצן און שמירן אונדזער געווער. מיר קאָנטראָלירן יעדע קלייניקייט ווי עס וועט פונקציאָ־נירן. מיר ווילן, אַז אונדזער גאַנצער אַרסענאַל קוילן זאָל זיין טרוקן. די האַנט־גראַנאַטן ווערן פאַכמעניש אויסגעפּאָרשט. מיר רעדן אַרום אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע שטרויכלונגען, וועלכע קענען האָבן אָרט אין וועג. מיר טיילן צווישן זיך איין די פונקציעס: פּנחס ניימאַן נעמט איבער די אָנפירערשאַפט און דעם פּאַכאַד, ווייל ער איז באַשאָנקען מיט פלינקער אָריענטאַציע און בערך אַ 30 פערזאָן לאָזן זיך אַרויס

פון וואַלד־ביידל מיט אַ קאָמפּאַס, וואָס מיר שטעלן אַן לויט די שטערן און מיטן פינצטערן וואַלד גייען מיר אַזוי, אַז מיר זאָלן צוקומען גלייך צום הויף. אָבער מיר בלאָנדזשען אָפּ אַ גאַנצע נאַכט און ווען עס הייבט אָן טאָגן פאַרקערעווען מיר זיך צוריק. ווערנדיק אויסמיידן שליאַכן און דערפער און כדי עס זאָל קיינער נישט קענען געבן צו וויסן די דייטשן, גייען מיר אין דער צווייטער נאַכט ווידער דורכן וואַלד. ווי עס ווייזט אויס, נאַרן אונדז די שטערן מיטן קאָמפּאַס און אונדזער אויסרעכענונג איז אַ נישט ריכטיקע. ווידער בלאָנדזשען מיר אַ נאַכט און קערן זיך אום דערדריקטע צו דער באַזע.

אַ גאַנצן טאָג רעכענען מיר אויס אַלע וואַלד־וועגן און אַלע נומערן פון די וואַלד־צייכנס. מיר שטודירן גוט איין די וואַלד־אויסשפּרייטונג און מען לאָזט זיך אין וועג. דאָס מאָל קומען מיר צו צום טעלעפאָן־קאַבעל, וועלכן מיר רייסן באַלד איבער. די פּאָליציאַנטן אַנטדעקן אונדז און עפענען אַ פייער. מיר ענטפערן מיט אַ שטאַרקן פייער און פאַרוואַרפן זיי מיט גראַנאַטן. די פּאָליציי פאַרבאַריקאַדירט זיך אין אַ שטוב און מיר באַהערשן דעם הויף. אויפן אָרט דערשיסן מיר 30 חזירים, שפּאַנען איין אַלע פערד און לאָדענען אָן פולע וועגענער מיט חזירים און תבואה, נעמען מיט זיך בהמות, אָקסן און קעלבער. די איבעריקע באַשפּעניש צעטרייבן מיר. מיר פאַרוואַרפן די פּאָליציאַנטן מיט גראַנאַטן און ביקסן־קוילן און זיי בלייבן ליגן טויט. מיר נעמען צו זייער געווער און לאָזן זיך צוריק אין וואַלד. מיר פירן מיט זיך אַ פאַרוווּנדעטן, אונדזער קאָמאַנדיר — פּנחס ניימאַן פון דאָמבראָוויץ. אויפן וועג באַגעגענען מיר אַן אָפּטיילונג פון סוואָרי־טשעוויטשער אָטריאַד. מיר הייסן זיי גיין צום הויף מאַטשולישטש און זיי רייניקן אים שוין אינגאַנצן אויס.

אונדזער פאַרוווּנדעטן קאָמאַנדיר פירן מיר אַוועק צו די ציווילע יידן, צו די שיינמאַנס און אברהם קאָוואַלאַ. ד״ר ערליך בלייבט נעבן פאַרוווּנדעטן און הייבט אים אָן צו היילן.

די פיר יידישע ביידלעך אין וואַלד

די ברענענדיקע פראָסטן, די קעלט און דער הונגער, קרענק און צרות, די קרעץ און לייז, וואָס האָבן באַשאָטן די ציווילע יידן אין וואַלד, זענען אונדזער גרעסטע זאָרג. אונדז דוכט זיך אַז אין זיי זענען מיר די סיבה פון אַלע אונדזערע אומגעקומענע. מיר וואָלטן זיי גערן געהאַלטן נאָענט נעבן זיך, איז אָבער פאַראַן אַ דאָפּלטע געפאַר: ערשטנס, דער־וואַרטן מיר שטענדיק אַן איבערפאַל פון גרויסע דייטשע און פּאָליציי כוחות אויף אונדז, און צווייטנס, זענען מיר על פי רוב אויף דיווערסיע און פיל רשעים קענען אונדזער נעסט, אָבסערווירן און וויסן ווען מיר זענען אין וואַלד און קענען דאַן לייכט מאַכן אַן איבערפאַל אויף אָט די שוצלאָזע יידן. לכן האַלטן מיר זיך אָפּגעטיילט פון זיי אין דער וואַלד־אויסשפּרייטונג אויף אַ צען קילאָמעטער, גיבן כסדר אַכטונג, וואָס עס טוט זיך ביי זיי. זייער נאַקעטקייט און הונגער זענען אונדזער זאָרג. דאָס צוגענומענע גוטס אין מאַטשו־לישטש פאַרפירן מיר גלייך צו די פיר ביידלעך און זיי שטילן זייער הונגער. צו איינעם

פון די ביידלעך שלאָגט זיך צו חיים כיגערס פלימעניק, וועלכער איז אַרויסגעקראָכן פון די סאַרנער גריבער, פון אונטער די מתים און דערציילט די גאַנצע טראַגעדיע פון דער שחיטה. שפּעטער האָבן די בולבאָווצעס דערמאָרדעט אָט דעם לעבעדיקן עדות פון דער סאַרנער טראַגעדיע. מיר רוען נישט און גייען אויף כל מיני נישט גלייכע פאַרמעסטן.

טראָץ דעם, וואָס אונדזער ווילן צו בלייבן לעבן איז גרויס, איז אָבער די לוסט צו נעמען נקמה נאָך שטאַרקער. מיר זייען חורבן אין די רייען פון אכזריותדיקן שונא און אונדז דוכט זיך, אַז אונדזערע 30 ביקסן קענען באַשטראָפן די גאַנצע וועלט רשעים.

מיר כאַפּן אויף אַ ידיעה, אַז אין דאָרף יאַסיענעץ, נעבן דאָמבראָוויץ, האָט אַ גוי פאַרנאַרט צו זיך יאַנקל סטאָליאַרס זון און ביי זיך אין שייער צעשפּאָלטן זיין קאָפּ מיט אַ דעמבענעם פלאָקן. דער קדוש איז געבליבן טויט אויפן אָרט און קעץ האָבן געגריזשעט זיין צעגאָסענעם מאַרך און בלוט. פינף פּאַרטיזאַנער: ראָזענבערג שמחה, צאַצקעס יודל, פּאַרפּלמאַזע פיניע, טילטשין יונה און גענזל פּנחס לאָזן זיך אַרויס אין דער ריכטונג פון יענעם דאָרף. עס ברענט אַ פראָסט, דער ווינט טראָגט אין חלל גאַנצע גרודעס שניי. מיר זענען זיכער, אַז אין אַזאַ פּאָגאָדע, וועלן מיר נישט באַגעגענען קיין דייטש און נישט קיין פּאָליציאַנט. מיר זינקען אין שניי און קוים וואָס מיר קענען גיין פאָרויס. אין האַלבער נאַכט זענען מיר ביים גוי אין שטוב און אויפן פּאַרטיזאַנישן לשון, כדי אויסצומיידן רעש, דערשטיקן מיר אים מיט די הענט און גיבן אים צייט און מעגלעכקייט איבערצולעבן דעם גאַנצן גרויל פון טויט, אַזוי ווי דער ייד, זיין קרבן, האָט געפילט די קלעפּ פון פלאָקן, מיט וועלכן ער האָט אים אויסגעענדיקט. אויף צוריקוועגס, צעקלאַפּן מיר דעם דאָרפישן קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכן מיר געפינען זאַלץ מיט שוועבעלעך. מיר נעמען מיט וויפל מיר קענען און לאָזן זיך קיין זאַמראָטשעניע, צו דעם פּאָליאַק ראָמאַן, וועלכער האָט מיט מאָנאַטן צוריק פאַרשלאָסן יודל צאַצקעס, כדי אים איבערצוגעבן צו די דייטשן. אָבער די מצווה האָבן ביי אונדז אויסגעכאַפּט די דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער פון אָזערסקער גרופּע: ברוך מאַנקאָווסקי ז״ל, משה קאָוזאלא און לייוויק פישמאַן. זיי האָבן אים דערשאָסן ביי זיין פענצטער.

זאַמראָטשעניער גויים זענען דערשראָקן, אָבער, זייער האַס און שנאה צו דעם רעשטעלע יידן וואָס האָט העזה און מוט צו באַשטראָפן זיינע פאַרפאָלגער, זענען נאָך גרעסער געוואָרן. און אויף אונדזער רעאַקציע, גרייטן זיך די גויים מיט אַ גרעסערער אַקציע קעגן אונדז. מיר זעען דאָס פאָרויס און מיר, פינף גוט־באַוואָפנטע יידן, וואָרענען זיי, אַז זייערע דערפער וועלן ברענען, מענטשן וועלן אומגעבראַכט ווערן, היזער, האָב־און־גוטס וועלן דורך אונדז צעשטערט ווערן, פאַר יעדן ייד וואָס זייערע הענט וועלן אומברענגען.

און זיי האָבן מורא געקריגן, אַ פּחד האָט זיי אַרומגענומען פאַר דעם רעשטל יידן וועלכע זיי האָבן נישט באַוויזן איבערצוגעבן דעם טויט....

דער אוקראַאינישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט

דער רוצח וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אויסזידלונג פון אונדזערע יידן קיין סאַרנע, צו די גריבער, און וועלכער איז ממשיך די שחיטה איבער די געכאַפּטע יידן אין די וועלדער, דער אוקראַאינישער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, גייט יעדן טאָג קיין וואָראָבין שיכורן און נואפן. מיר ווייסן שוין דאָס אָרט און די צייט און אויך זיין פּאַרזיכטיקייט. אין אונדז האָט אויפגעקאָכט דער גאַנצער צאָרן. מיר ווילן אים באַקומען אַ לעבעדיקן, ווייל מאַכן אים דעם טויט איז זייער גרינג: פּשוט, מ'באַדאַרף צוגיין צו דער שטוב פון זיין זונה און דאָרט אַריינשיסן אָדער אונטערלייגן אַ מינע און פּטור. אָבער נעמען אים אַ לעבעדיקן פון וואָראָבין קאָן מען נישט, ווייל דאָרטן שטייען מאַדיאַרן און קאָזאַקן, וועלכע היטן דאָס אָנגערויבטע גוטס און דעם ספּירט־זאַוואָד. לכן, בלייבט ביי אונדז, אַז מיר, צען דאָמבראָוויצער יידן, וועלן מאַכן אַ לויערונג אויפן וועג. אָבער, עמעצער גיט אים צו וויסן און ער אַנטלויפט פון וואָראָבין, דורך די געפרוירענע בלאָטעס און טייכן, גלייך צום וואָקזאַל און דאָרט פאַרשטעקט ער זיך אין זייערע בונקערס, און מיר פאַר־לירן אים פון אויג. זינט דאַן האָבן מיר אים געזוכט במשך דער גאַנצער צייט פון דער פּאַרטיזאַנשטשינע און נישט געפונען. מען האָט גערעדט, אַז ער פירט אָן מיט אַ שולע פון רוצחים אין קאָרעסטין — אַ 250 קילאָמעטער פון אונדז. האָבן מיר געפּלאַנט זיך אַוועק־צולאָזן אַהין, כאָטש דאָס וואָלט געווען פאַרבונדן מיט סכנות, אָבער, ער איז פון דאָרטן אויך נעלם געוואָרן. אין די יאָרן 50־1949, האָבן אים די סאָוויעטן געבראַכט קיין ראָוונע און גענומען וועגן אים אויסקונפטן אין דאָמבראָוויץ, און ער האָט באַקומען זיין שכר.

עס איז צו באַמערקן, אַז אָט דער אויסוואָרף האָט גערעדט אַ גוטן יידיש און אפילו געקענט פּסוקים פון תהלים אין עברית. ווען מען האָט אים געכאַפּט אין לוואָוו, האָט ער זיך געוואָלט דעקן, אַז ער איז גאָר אַן אַסימילירטער נישט געמלטער ייד און אַז אַלע רציחות, אים צוגעשריבענע, זענען שקר. אָבער עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז סיי זיינע מעשים טובים און סיי זיין אָפּשטאַמונג ווי אויך דאָס יידיש־קענטעניש, איז אַ רעזולטאַט פון אַ ספּעציעל דורכגעמאַכטער היטלער־שולע, וואָס האָט צוגעגרייט מערדער מיט ספּעציעלע אויפגאַבן בעת שחיטה־אַקציעס. אָט דער רוצח האָט זיין מיסיע אין דאָמבראָוויץ גוט אויסגעפירט און איז לבסוף אויפגעהאַנגען געוואָרן אין דער ראָוונער גרויסער תפיסה.

יידישע פּאַרטיזאַנער באַהערשן דאָמבראָוויץ

אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1943, קומט פאָר אַזעלכעס, וואָס איז גורלדיק פאַר אַלע באַלדיקע און וויטערדיקע פּאַרטיזאַנער־געשעענישן. אין אַ מיטן העלן טאָג רייסט זיך אַריין קיין דאָמבראָוויץ סאַבוראָווס אייַנהייט, וואָס איז אַ צוזאַמענשטעל פון אַ סך אָטריאַדן. אַלע דייטשע אונטערנעמונגען אין שטעטל ווערן רואינירט און מען נעמט חשבון פון די אַלע וועלכע אַרבעטן לטובת דעם דייטש. לכתחילה, אָריענטירן זיך נישט די דייטשן ווי גרויס עס איז דער אָנגרייפערישער פּאַרטיזאַנער־כוח און צוזאַמען

מיט דער פּאָליצײ פּרובירן זײ שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער, נאָך געציילטע מינוטן, פאַלן שוין די דײַטשן מיט די פּאָליציאַנטן ווי פליגן און דאָס שטעטל בלײַבט אין די העלדישע הענט פון די סאָבוראָווצעס. דײַטשן, אײַנגעגראָבענע ביים וואָקזאַל, פּרוּוון קעמפן, אָבער זײ ווערן כהרף עין אויסגעהרגעט און די גופים זייערע וואַלגערן זיך ווי געפּגרטע קעץ. מיליטערישע און ווירטשאַפטלעכע אָביעקטן ווערן אויפגעריסן, צעשלעפּט און פאַרברענט. אָט די גרויסע סאָבוראָוו־אײנהייט, אויף וועלכער גויים זאָגן, אַז איר קאָמאַנדיר איז אַ ייד וועלכער פירט זײַנע פּאַרטיזאַנער פון איין געלונגענער שלאַכט צו דער צווייטער, און פון איין גורלדיקער דעראָבערונג צו דער אַנדערער, טיילט זיך אין דאָמבראָוויץ. איין העלפט קערט זיך אום צוריק צו דער צווייטער זייט פונעם טײַך סלוטש און די צווייטע העלפט הייבט אָן גראַסירן פון דער זייט טײַך און וואַרפט אָן אַ פּחד אויף די דײַטשן מיט זייערע נאָכלויפערס. און ווידער זאָגן די גויים: „טאָם סאָמי זשידי, אי קאָמאַנדיר זשיד, קעפּסקאָ!". די סאָבוראָווצעס פאַרלאָזן דאָמבראָוויץ, רוקן זיך אַוועק טיפער אין הינטערלאַנד און דער אָקופּאַנט ברענגט אַרײַן פרישע מיליטערישע כוחות פון דײַטשן און פּאָליציאַנטן, וולאַסאָווצעס, קאָזאַקן און מאַדיאַרן. אין רעזולטאַט פון ענטוזיאַזם וואָס עס האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן די טאַטן פון די סובאַראָווצעס באַשטימען מיר נישט צו לאָזן דעם שונא קומען צו זיך, מיר פּלאַנירן אַליין צו מאַכן אַן איבערפאַל איבער די דײַטשן און פּאָליצײ אין דאָמבראָוויץ. מיר פאַרבינדן זיך מיט אונדזערע דאָמבראָוויצער און סערניקער יידן, די אײַנגעגלידערטע אין סוואָריטשעוויטשער אָטריאַד, אונטער דער אָנפירונג פון קלוגן און העלדישן גוי מיסיורע און זײַנע יידישע קאָמאַנדירן. אונדזערע גויישע פאַרבינדלער דערציילן אונדז, אַז אָט די גרויסע דײַטשע פאַרשטאַרקונג, האָט שטאַרק פּחד, און בײַנאַכט פאַררוקן זײ זיך אין די בונקערס און ליגן דאָרט פאַרשפּאַרט ביז ס'הויבט אָן טאָגן.

אין אַ תחילת אָונט, רוקן מיר זיך אונטער, אַ 60 יידן, ביזן נײַעם בית־עלמין. פון די גויישע הײַזער פינקלען אַרויס דורך די פענצטערלעך, שטוביקע פײַערלעך. אין דעם מאָמענט, גיבן מיר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אונדזערע נעסטן זענען חרוב און אַז אונדזערע ליבע קינדער־טײַבעלעך זענען דורך די מערדער,וועלכע באַוווינען די הײַזער, דערשטיקט און אויסגעהרגעט געוואָרן, און עס קלעמט אַזש ביים האַרצן ביז טרערן. אין אָנבליק פון דעם פאַרשטײַענדיקן פאַרמעסט מיטן אַכזריותדיקן שונא, פאַרגעסן מיר אין אונדזערע שוואַכע כוחות און מיר גלויבן, אַז אין דער דאָזיקער נאַכט מוזן געשען נסים, און דעם שונאס בלוט מוז זיך גיסן אין די באַנייטע אײַנריכטונגען נאָכן חורבן וואָס די סובאַראָווצעס האָבן געמאַכט.

מיר טיילן זיך אויף דרײַ גרופּן: איינע, רוקט זיך אונטער ביזן עק פון דער וואָראַ־בינער גאַס; איינע, פון בית־הקברות — באַלניטשנע גאַס, און די דריטע גרופּע — פון מאַטשולישטשער־מאַקאַראָווער גאַסן. אויף דער גאַנצער לענג פון אָט די דרײַ לאַנגע און גלײַכע גאַסן, לאָזן מיר אַרײַן עטלעכע צענדליק זאַלפּן און אָן ווידערשטאַנד באַהערשן זעכציק דאָמבראָוויצער יידן, דאָס שטעטעלע. מיר לאָזן די דײַטשן זיצן פאַרשפּאַרט אין זייערע בונקערס און הייבן אָן באַלעבאַטעווען. בארמאנס מיל און עלעקטראָווניע ווערן

אונטערגעצונדן. די בריק איבער דעם טייך האָרין וויל נישט ברענען, ברענגען מיר אַ פּאָר צענדליק פורן מיט טרוקן שטרוי, שפּרייטן עס אויס, און די בריק ברענט זיך מיט אַזאַ פלאַקער, אַז אין דעם חרוב־געוואָרענעם ידישן דאָמבראָוויץ ווערט אַזוי ליכטיק, כאָטש נאָר צו קלייבן נאָדלען פון דער בלוטיקער ערד. מיר צינדן אויך אונטער די ראַדע אין וועלכער עס איז איצט איינגעקוואַרטירט דער שטאַב פון אָרטיקן דייטשן גאַרניזאָן. אויך די רייען געוועזענע יידישע קראָמען, פולע מיט די אַוועקגערויבטע יידישע חפצים און מטלטלין ברענען און עס פלאַקערן די באַראַקן ביי ענדע וואָראָבינער גאַס (די ירושה פון די סאָוויעטן), ווו עס זענען איצט איינגעמאָנטירט וואַרשטאַטן. מיר שיסן אַריין אין די הייזער ווו עס נעסטיקן דייטשע קאָלאַבאָראַנטן. מיר הייבן אָן אַריינ־קומען אין די אונדז באַוווּסטע מערדערישע נעסטן, אָבער אַלע זענען זיך צעלאָפן. מיר יאָגן אַרויס לײדיקע פורן און לאָדענען אָן יידישע הלבשה, שוכוואַרג און ציען זיך קיין וואָראָבין וואָס איז באַוואַכט דורך וולאַסאָווצעס. זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָבער נאָך אַהעפטיקן קאַמף, צעלויפן זיי זיך ממש, ווי שטייט אין פּסוק: „ואחד מכם ירדוף אלף". פון וואָראָבין שלעפּן מיר אַרויס טאָנען קאָרן. פון דער רעקטיפיקאַציע נעמען מיר אַרויס פיל טויזנטער ליטער ספּירט, נעמען צו אַלע פערד און אָקסן, וואָס ווערן געשפּאַנט צו די אָנגעלאָדענע פורן, און מיר ציען זיך צוריק אין וואַלד אַריין.

מיר לאָזן זיי נישט קומען צו זיך...

אונדזערע פאַרבינדלער גיבן אונדז איבער וועגן אַ גרויס צעטומלעניש ביי די דייטשן און זייערע געהילפן — די פּאָליציאַנטן. אויך די דאָמבראָוויצער צענטויזנט־קעפּיקע באַפעלקערונג, איז אין שטאַרקן פחד. מיר דערוויסן זיך, אַז קיין פאַרשטאַרקונג איז נישט געקומען און מיר לאָזן זיי נישט קומען צו זיך. וואָרעם שוין אַ נאַכט דערנאָך גייען מיר ווידער קיין דאָמבראָוויץ. איצט איז דער כוח אַ גרעסערער. פאַרויס גייט אָן אויספּפיר־גרופּע. פון די אַרומיקע דערפער יאָגן מיר אַרויס פיל הונדערטער פורן מיט ליידיקע זעק, אויך די יידן פון די ביידלעך, די אויסגעהונגערטע, גייען מיט. עס נעמען אָנטייל אין מאַרש אויף דאָמבראָוויץ, אַלע פאַרטיזאַנער פון די דריי פּונקטן פון אונדזערע סטאַוּוקעס אין דאָמבראָוויצער וואַלד, אָזערסקער וואַלד און סוואַריטשעוויטשער וואַלד, אין דער צאָל פון מער ווי צוויי הונדערט גוט־באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער, צווישן זיי אויך רוסישע זעלנער, פון פלען אַנטלאָפענע, אָבער אין אַלגעמיין — 80 פּראָצענט יידן. אונדזער טראַנספּאָרט פורן און צעשפּרייטער באַוואָפנטער כוח ווערט, קומענדיק נאָענט פאַרן שטעטל, אָרגאַניזירט צום אַריינמאַרש. מי צעציען זיך אויף אַ לענג וואָס הייבט זיך אָן צוויי קילאָמעטער הינטערן שטעטל, דורך דער לאַנגער מאַקאַראָווער גאַס, ביזן צענטער פון חרוב־געוואָרענעם יידישן מאַרק ווו עס ברענט נאָך פון אונדזער נעכטיקן איבערפאַל. די רשעים האָבן זיך ווידער פאַרשפּאַרט אין זייערע בונקערס, און אין די הייזער זעט מען נישט קיין איין פייערל, טראָץ דעם וואָס עס איז תחילת אָוונט און אַלע זענען דאָ וואָך.

לויט אונדזער אויסגעאַרבעטן פּלאַן, זענען אונדזערע כוחות קאָנצענטרירט אין שול־

גאַס, נעבן יונגשטיינס מויער, אַ חוץ די אויסשפּירער וועלכע זענען צעשפּרייט איבערן שטעטל. מיר טיילן זיך אויף דריי טיילן מיט באַזונדערע אויפגאַבעס.

די גבורה פון נחמן זילבערפאַרבס גרופּע

די שווערסטע אויפגאַבע האָט די גרופּע יידן, אויטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר — דער סערניקער העלדישער בחור, נחמן זילבערפאַרב, וועלכער האָט שוין אַ סטאַזש פון איבערפאַלן אויף כל מיני רשעים. זיי לאָזן זיך אוועק צו דער פליאַנט גאַס, ווו ס'איז פאַרבאַריקאַדירט די מערדערלעכע פּאָליציי און עס פאַרבינדט זיך זייער אַ שווערער קאַמף. נישט ווייט פון זיי, אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט מעטער, ליגן אין זייערע בונקערס, די דייטשן, אויף וועמעס הילף די פּאָליציי האָט געוואַרט און דערווייל אַליין זיך געשלאָגן פאַרביטערט. אָבער, אונדזער גרופּע שמידט צו די דייטשן צו די בונקערס, לאָזט זיי נישט אַרויס צו אַן אָפענעם קאַמף, וועלכן זיי ווילן אַליין נישט. סוף־כל־סוף האָט זיך נחמנס כוח געשטאַרקט איבער דער פּאָליציי. מען האָט זיי אַנטוואָפנט און צוגענומען זייער געווער. דער אויסערגעוויינלעכער און געלונגענער איבערפאַל פון נחמן זילבער־פאַרבס גרופּע, האָט דעצידירט אין יענער נאַכט דעם אויסגאַנג פון דער גאַנצער אַקציע קעגן די רשעים און מען מוז מודה זיין אין די געשעענע ניסים.

אַ צווייטע גרופּע האָט זיך אַוועקגעלאָזט זוכן די גויים וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן דייטש אין דער יידן־אויסראָטונג. מיר הייבן אָן פון קאַנאַנטשיקס אידעם וועלכער גייט אַרום צווישן די גויים און דרשנט, און באַווייזט, אַז דער דייטש האָט רעכט צו טון זיינע מעשים איבער די יידן. אָבער, די שטוב זיינע איז אויסגעליידיקט. מיר נעמען צו ביי זיי פערד און שליטן און גייען צו די בירוקעס, פון וועמענס משפחה עס האָבן זיך רעקרוטירט די ערשטע פּאָליציאַנטן און קאָמענדאַנטן. אָבער, אַלע זיי זענען נאָך נעכטן זיך צעלאָפן און קערן זיך נישט אום. אויפן וועג צום מילנער פון געגזל־ניימאַנס מיל, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען צו די דייטשן לעבעדיקע פאַרטיזאַנער, אָדער לכל הפחות די קעפּ פון פנחס ניימאַן און שמחה ראַזענבערג, פאַר וועלכע די דייטשן און די גויים ציטערן, טרעפט זיך אָן די גרופּע אויף אַ באַוואָפנטן פּאָליציאַנט. מען רייסט אַרויס פון זיינע הענט זיין וואָפן, מען בינדט אים און מען וואַרפט אים אַריין אין שליטן. אַריינגייענדיק צום מילנער, באַמערקט אונדז די פרוי און וואָרנט דעם רוצח. שמחה ראַזענבערג האָט אין אים אַריינגעלאָזט צוויי קוילן און זאָגט צו אים: „דאָס איז פאַר מייך טאַטן וועלכער איז אומגעקומען פון דיינע הענט". לייבל פישמאַן שרייט צו אים: „שמחה, פאַר מיר אויך!" און ער באַקומט נאָך איין קויל. אַרויסגייענדיק, באַמערקן מיר, אַז אין שוועלעס שטוב איז עפּעס אַ באַוועגונג. מיר גייען אַריין און טרעפן דאָרט אַ באַוואָפנטן יונגן מענטשן וועלכער האָט דעזערטירט פון סובאַראָוס איינהייט. מיר נעמען אים צו זיך מיט זיין האַלבן אויטאָמאַט. איצט גייען מיר צו אוליאַן שפּאַק, וואָס שפּיאָנירט אונדז נאָך און וויל זיך אין אונדז נוקם זיין, הלמאי מיט צוויי חדשים צוריק האָבן מיר ביי אים צוגענומען דאָס אָנגערויבטע יידישע גוטס. אים טרעפן מיר אויך נישט.

זיין ווייב שעלט אונדז און בענטשט היטלערן פאַר זיינע גוטע מעשים איבער קאָמוניסטן און יידן. זי באַקומט אַ קויל און בלייבט ליגן.

מיר נישטערן אין אַלע הייזער ווו נאָר מיר קענען און וויסן פון רשעים. אָבער, דער פחד פאַר אונדז האָט זיי אַלעמען צעיאָגט פון די הייזער. קומענדיק צוריק צו יונגשטיינס מויער, דערזען מיר ווי די שול־גאַס איז באַדעקט מיטליידיקע פורן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען גויים, פון יענער זייט טייך, דערהערנדיק, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַריאָגט די דייטשן, געקומען נעמען ירושה. איצט, טרעפנדיק פּאַרטיזאַנער מיט אונדזערע גויים פון ווייטע דערפער, וואָס לויט זייער אויפפאַסונג, קומט נישט די פרעמדע קיין ירושה, זענען זיי גרייט צו קעמפן מיט אונדז. מיר אָריענטירן זיך, אַז באַלד קאָנען מיר האָבן קעגן זיך אַלע דאָמבראָוויצער גויים, און נאָך אַ קורצער באַראַטונג, לאָזן מיר אַריין — אין יענער, קעגן אונדז, אויפגערעגטער מאַסע, וואָס שטורעמט און רייסט זיך פאָרויס — אַ פּאָר צענדליק זאַלפן און אַ סעריע קוילן פון מאַשין־געווער איבער זייערע קעפּ. זיי דערשרעקן זיך, לאָזן איבער זייערע פורן מיט פאַרוואונדעטע און צעלויפן זיך. זייערע פורן ציען מיר אַרויס אין מאַרק און האַלטן אויג, אַז זיי זאָלן נישט דינען ווי באַריקאַדעס און די גרופּע איז ממשיך אין איר אַרבעט. מיר גייען צום וועטערינאַר־פעלדשער, דעם דייטשן מיטאַרבעטער, וועלכער וווינט אויף וואָלאָסטנאָיער גאַס. ער איז אָבער אויך אַנטלאָפן. אָט ביי דעם אוקראַיינישן אינטעליגענט, האָבן יידן באַהאַלטן פיל זאַכן. מיר נעמען צו אַ גרויסן טייל. מיר גייען צום פּאָליציאַנט, נעבן גמינע, וועלכער האָט אַרויס־באַקומען איצל ביטשיק און אים דערהרגעט. אויך ער איז אַנטלאָפן. מיר זוכן אויך אויף די נישט־באַוואָפנטע יידן און פירן זיי אַרויס פון שטעטל, אַז זיי זאָלן חלילה נישט אַריינפאַלן אין שונאס הענט און אונדזער גרופּע ציט זיך אַרויס פון שטעטל.

די דריטע גרופּע וואָס האָט באַהערשט אַלע עק־גאַסן און זיך דאָרטן אויף שנעל איינגעגראָבן, האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די אַלע צעלאָפּענע, וועלכע האָבן פון דרויסן געשאָסן אויף זיי. גאָט האָט זיי אָבער אויסגעהיט און זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאַרלוסטן. איצט שטייט זי אויף און גייט נאָך פון הינטן מיט געווער אין די הענט, און די אויסשפּיר־גרופּע גייט פאָרויס. מיר ציען זיך צוריק צום וואַלד וואָס דאַרף אונדז אויסהיטן און פאַרהוילן פון אונדזערע שונאים, פון די מערדער פון יידישן פאָלק.

מיר באַהערשן אויף אַ נאַכט דאָס שטאָטישע שפּיטאָל

אונדזער פאַרוואונדעטן פּנחס ניימאַן וועלכער ליגט איןביידל און ד״ר ערליך היילט אים, ווערט כסדר ערגער. די קעלט אין ביידל ווירקט צום שלעכטן. די קויל וואָס ליגט אין פוס און דריקט אויפן ביין וואָס האָט אָנגעהויבן פוילן, מאַכט אָן דעם קראַנקן גוואַלדיקע ווייטיקן. אונדזערע יסורים זענען פילפאַכיקע. מיר זעען ווי אונדזער פּאַקטי־שער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער, איינער פון די געציילטע לעבנגעבליבענע יידן, גייט אויס. „מיר מוזן אים ראַטעווען" — טראַכט יעדער איינער פון אונדז. ד״ר ערליך זאָגט, אַז מען מוז אים אָפּערירן און אַרויסנעמען די קויל, אָבער אין וואַלד קאָן עס נישט געמאַכט ווערן, ווייל עס פעלן מכשירים דערצו און עס זענען נישטאָ די געהעריקע

סאַניטאַרע באַדינגונגען. אין מיטן דער נאַכט, נעמען מיר פנחס ניימאַנען און טראָגן אים אויף אַ נאָסילקע אַרייַן אין שפּיטאָל אין דאָמבראָוויץ. מיר באַוואַכן און לאָזן קיינעם נישט אַרויס. ביים אַריינגיין אין שטעטל, שיסן מיר אַרייַן אַ שפּאַר ביסל סעריעס קוילן און מיר ווייסן, אַז וואָס גרעסער עס וועט זיין דער רעש, אַלץ גיכער וועלן די רשעים זיך פאַר־שטעקן אין זייערע בונקערס. דאָס מאָל שיסט מען פון די בונקערס פון האַרמאַטקעס און עס ווערט שטיל. אַ צענדליק פון אונדז פאָרן צו צום ד״ר מאַלינאָווסקי און פאָדערן אים אַרויס אין שפּיטאָל. די משפחה זיינע האָט אין צייט פון געטאָ, קענען אונדז אַ ביסל אונטערגעזינדיקט. זי ווייסט איר שולד און זיי בעטן רחמים פאַר דעם לעבן פון ד״ר מאַלינאָווסקי. מיר קאַטשען אַרייַן ד״ר מאַלינאָווסקין אין שליטן, באַרויקן די משפחה און זאָגן אַז נישט צו טומלען, נישט ווענדן זיך צו די דייטשן נאָך הילף און געדולדיק וואַרטן. קומענדיק אין שפּיטאָל, וואָרענען מיר די דינערשאַפט מיט ליקווידירן זיי און זייערע משפחות, אויב זיי וועלן עפּעס רעדן וועגן דער אָפּעראַציע איבערן קראַנקן.

די דאָקטוירים מאַלינאָווסקי און ערליך אָפּערירן אין שפּיטאָל ניימאַנען און נעמען אַרויס די קויל. דעם שומר פון שפּיטאָל, וועלכער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן פיל יידיש בלוט, דערטרינקען מיר אין גרוב פון שפּיטאָל־צואה. מיר געפינען דאָרט דעם מערדער בוהייטשיק, וועלכער איז אַ שם־דבר פון רשעות און אכזריות. ער זאָגט אונדז צו שפּיאָנאַזש־אַרבעט לטובת די פּאַרטיזאַנער. מיר לאָזן אים אָפּ, אָבער מאַכן דערמיט אַ גרויסן פעלער, וואָרעם דאָס איז זיך שפּעטער נוקם אין אונדז. סוף־כל־סוף אָבער קומט ער אום פון אונדזערע הענט.

„וולאַסאָווצעס"־פּראָוואָקאַטאָרן

גאָר גיך הייבן זיך דאָרט אָן פונאַנדערוויקלען פרישע, טרויעריקע און אכזריותדיקע געשעענישן. פון גאַליציע קומען מאַסנווייז אָרגאַניזאַטאָרן, לאָזן זיך איבער וואָלין און פּאָלעסיע און העצן די אָרטיקע גויישע באַפעלקערונג צו בעסטיאַלע מאָרדן. אין אומגעגנט בושעווען די באַנדעראָווצעס. צו יענער צייט זענען צווישן אונדז אויך איינ־געגלידערט איניקע נישט־יידן. די צרות האָבן זיך אָנגעהויבן פון צוויי וולאַסאָווצעס פון צעקלאַפּטן דורך אונדז וואָראָבינער גאַרניזאָן, וועלכע זענען צו אונדז געקומען מיט גוט געווער, און עטלעכע דאָמבראָוויצער פּרייווויליקע גויים, וועלכע האָבן אונדז צוגע־זאָגט געטרייע מיטאַרבעט. נאָך אַ קורצן שיקול הדעת, נעמען מיר זיי אַרייַן ווי גלייכע מיט גלייכע און גאַנץ שנעל האָבן איניקע פון זיי אונדז געקאָסט בלוט און פאַרלוסטן. צו יענער צייט געפינט זיך טיף אין וואַלד, אַ 20 קילאָמעטער פון אונדז, נאָך אָזערסק, אַ באַזע פון בולבאָווצעס וועגן וועלכער מיר ווייסן נישט, אָבער אונדזער גוי גיט זיי צו וויסן וועגן אונדז. און עס געשעט, אַז די ציווילע יידן, וועלכע זענען זיך סומך אויף אונדזער גבורה און בלאָנקען אַרום איבער די דערפער, פאַלן אַריין, זייענדיק אין דאָרף זאָלאָטאָיע, אין זייערע הענט. שמעון שיינמאַן מיט זיין זון זעליק, און לייזער קלעס און קאָפּל לעווין ווערן דאָרט אַרומגערינגלט. זעליק און לייזער קלעס אַנטלויפן, אָבער די קדושים: שמעון שיינמאַן און דער יונגער קאָפּל, באַסל געגנזוכס איניקל, ווערן אַרויס־

געשלעפּט אין מיט דאָרף ווו עס זענען פאַרזאַמלט אַלע זאַלאַטאַיער גויים, צערייצטע און גאַרנדיקע נאָך בלוט. צוערשט זענען זיי משפּיל די געכאַפּטע יידן, דערנאָך הייבן זיי אָן דערלאַנגען שמיץ און קלעפּ. מען האָט פון זיי געריסן שטיקלעך קערפּער און געפּאַדערט אויסצוזאָגן די ערטער פון די איבעריקע יידן אין וואַלד. דאָס ספּעקטאַקל האָט זיך געצויגן ביזן אָוונט. און שפּעטער — מיט אַ קאָסע זיי דערקוילעט. אָבער די יידן האָבן זייערע ברידער נישט אַרויסגעגעבן. אַ דערשראָקענער איז זעליק שיינמאַן געקומען צו לויפן צו דער באַזע. דערהערנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט, שיקן מיר אַרויס באַוואָפנטע אויסשפּירער אין אַלע פיר זייטן, ווייל מיר ווייסן נאָך נישט פון דער גרויסער באַנדע אין אָזערסקער וואַלד.

קיין זאַלאַטאַיע שיקן מיר דעם געניטן מיליטערמאַן, דעם וולאַסאָוויעץ מיט מאיר מודריק. דער וולאַסאָוויעץ פירט צו מודריקן גלייך צו די בולבאָווצעס, זאָגנדיק: „אָט נאָט איך נאָך אַ זשידעק". מאירן האָט מען אָנגעטון עינויים קשים. געשניטן שטיקלעך גוף און פאַרפּייניקט. נאָך דעם פאַרראַט, האָבן מיר ליקווידירט די געפאַנגענע. דעם רוצח — אַ פּאָליציאַנט וועלכן מיר האָבן געבראַכט פון דאָמבראָוויץ, האַלטן מיר, ווייל ער זאָגט צו זיין אַ בעל־תשובה. ער אַליין זאָגט, אַז ער האָט דערהרגעט פיל יידן, ווייל מענטשן זאָגן, אַז ס'איז גוט צו טאָן אַזוי און ער איז נישט שולדיק. אין דער באַזע האָבן מיר נאָך געהאַט אַ ליטוויצער, האַלאָווא, אַ גרויזאַמער מערדער און אויך פינף פּאָליציאַנטן — אַ רעשטל געפאַנגענע פון פריערדיקע קאַמפן. מיר האַלטן זיי ביי אונדז און פון דעם וואָס זיי דערציילן שטעלט זיך ביי אונדז אָפּ דאָס פליסן פון בלוט. אויך זיי טענהן, אַז זיי זענען נישט שולדיק, ווייל אַלע האָבן אַזוי געטאָן. זייערע בקשות צו לאָזן זיי לעבן ווירקן אויף אונדז און מיר האָבן געהאַלטן זיי ביי פריי לאָזן. אָבער דער פאַרראַט פון וולאַסאָוויעץ און די ידיעה וועגן דער גרויסער באַנדע וואָס איז איינגעגראָבן אין אָזערסקער וואַלד און זוכט יידן און האָט שוין באַוויזן אין זאַלאַטאַיע צו פאַרפּייניקן אונדזערע שוצלאָזע ברידער — דאָס אַלץ האָט געפאָדערט פון אונדז צו זיין פאָרזיכטיק. מיר שיסן אויס די פּאָליציאַנטן און הייבן אָן אַריינטראַכטן וועגן פאַרלאָזן אָט דעם וואַלד און איבערטראָגן זיך אין אַ צווייטער ריכטונג. אָבער אונדזערע פּאָר גויים האָבן טעמים און נימוקים, אַז מיר ווילן מאַכן אַ נישט ריכטיקן שריט. נאָך פיר טעג אַריינטראַכטן, קומען מיר צום אויספיר, אַז ווי יידן האָבן מיר אַ יסוד פאַר פאַרשידענע חשדים און מוזן זיין וואַכזאַם צו אַלע מעגלעכע און אומדערוואַרטע פּאַסירונגען, אָבער מיר הערן זיך צו צו די רייד פון אונדזערע חברים־גויים און האַלטן זיך דערווייל אָפּ. ביז אין איינער אַ מינוט קומען צו לויפן צום פאַרפּאָסטן ווו עס האָט געהאַלטן וואַך גענזל־צאַצקעס, דערשראָקענע יידן און דערציילן, אַז צו זייערע ביידלעך זענען צוגעפאָרן דריי באַוואָפנטע מענטשן וועלכע האָבן אַלץ גוט באַטראַכט און זענען אָפּגעפאָרן. מיר הייסן זיי מאַכן ביידלעך נעבן אונדז.

נאָר פּלוצלינג ווערן מיר איבערגעפאַלן פון אַ גרויסן כוח באַנדעראָווצעס. מיר ווערן איבערראַשט און צעטומלט און פאַרלירן די גלייכגעוויכט. אָבער, אַ דאַנק דעם, וואָס אין דער באַנדע האָט געהערשט אומאָרדענונג און פּחד, האָט זיך אונדז איינגעגעבן זיך אַרויסצוציען דורך די גראַבנס פון אָרט. מיר קוקן זיך אַרום און זעען, אַז צווישן די

שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע יידן, זענען דאָ קרבנות: לייזער קלעס און אבעריאַנס, קאַפּטאַן און זיין טאָכטער, חיים כיגערס פלימעניק. אויך דערוויסן מיר זיך, אַז גייענדיק צו אונדז זענען משה פּישמאַן און יודל פּישמאַנס קינדער געכאַפּט געוואָרן דורך די באַנדיטן וועלכע האָבן זיי צעשניטן, פאַרברענט. מיר האָבן נאָך אַרויסגעטראָגן קאַפּטאַנס קינדער און, אָפּגייענדק עטלעכע קילאָמעטער, זיך פון דאָס ניי אָרגאַניזירט און זיך וויטיקלעך געשעמט פאַר אונדזער אומבאַהאָלפנקייט. מיר האָבן ביטער געוויינט אויף אונדזערע פאַרלוסטן, און געוואָלט אַפילו באַצאָלן מיטן לעבן, אַבי נאָך דאָס מאָל צו נעמען נקמה. מיר האָבן טאַקע געוואָלט באַלד, אויפן אָרט, מאַכן אַ לויערונג. די שונאים, אָבער, אונדזערע מיטאַרבעטער, די גויים, פאַרשיטן אונדז מיט רייד, גיבן אונדז צו פאַרשטיין, אַז אין דעם פאַרמעסט, קאָנען מיר אין גאַנצן פאַרשפּילן. גענזל און צאַצקעס האָבן געוואָלט גיין אין אויסשפּיר, האָבן די גויים געזאָגט צו זיי: „משוגעים, איר גייט אויף אַ זיכערן טויט!" און מכלומרשט, פון גוטפריינטשאַפט, האָבן זיי אַרויסגעכאַפּט די ביקסן. אָבער גענזל און צאַצקעס לאָזן זיך אַוועק אין וואַלד אָן אַ „זיי געזונט", האַלטנדיק גרייט סם אויף נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט... אין אָנבליק פון אונדזערע פרישע קרבנות זענען מיר ממש צעמישט, און ווען מיר ווילן מאַכן אָן איבערפאַל אויף די פיינט און די גויים אונדזערע רעדן אונדז אָפּ, הייבן מיר אָן נאָכקלערן, און זאָגן צו זיך אין דער שטיל, אַז אפשר זענען זיי גערעכט. אָבער אונדזערע גויים זענען נישט מער כתמול־שלשום. בייטאָג גייען זיי אַוועק אָן אונדזער וויסן, און ביינאַכט קומען זיי באַלאָדנט מיט געדאַנקען און שוויגן.

אין איינעם אַ טאָג, נאָך זייער אַוועקגיין, נעמען מיר די פּאָר יתומים אויף די פּלייצעס און דורך די וועלדער, מיט די ביקסן פאַרויס, פאַרקריכן מיר הינטער פויזנע צום ביידל פון חוה און אָשר פויזנער. מיר רוען דאָרט צוויי טעג. שפּעטער האָבן מיר מאָביליזירט פון דאָרף פורן און אַרויפגעזעצט אויף זיי דאָס רעשטל איבערגעשראָקענע יידן. מיר, די באַוואָפנטע, האָבן זיך געלאָזט פאָרויס קיין סוואָריטשעוויטש, גרייט אויף אַלע עווענטואַליטעטן. אין אָזערסק ווערן מיר באַגעגנט דורך אונדזערע נעכטיקע שותפים צום געווער, די באַוואָפנטע גויים מיט זייערע ביקסן אָנגעשטעלט קעגן אונדז. מיר שטעלן זיך גלייך מיטן געווער, גרייט צום קאַמף, רופן אַרויס איינעם פון זיי און זאָגן: „אונדזער וועג איז קיין סוואָריטשעוויטש, מיר אַרבעטן נישט מער מיט אייך צוזאַמען, ווייל מיר זענען שוין ווער איר זענט. מיר קאָנען זיך דאָ שלאָגן און קרבנות וועלן זיין פון ביידע זייטן". אַזוי רעדנדיק, לאָזן מיר אַדורך אונדזער צעשפּרייטן אָבאָז און מיט די ביקסן געווענדעט קעגן די גויים, רייסן זיך אַרויס די לעצטע פון אָזערסק און דערלאַנגען קיין סוואָריטשעוויטש. דאָ טרעפן מיר פיל דאָמבראָוויצער, באַוואָפנטע יידן וועלכע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט אונדז. מיט דעם אַקט איז געשלאָסן דאָס קאַפּיטל פון קליינעם דאָמבראָוויצער יידישן פאַרטיזאַנער־אָטריאַד און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה — פון סוואָריטשעוויטשער מיסיורעס אָטריאַד מיט זיינע סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן. וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָבן מיר שוין אין אָנהייב באַשריבן „וכל מעשה תקפו וגבורתו, הלא הם כתובים בספר מלחמת השם".

ס איז טאַקע שלעכט און פאַרט — אַ חצי־נחמה...

אין סוואַריטשעוויטש טרעפן מיר דאָס רעשטעלע יתומים פון דער דאָמבראָוויצער משפחה לאַנדוי און ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען זייערע פּאַסירונגען. זיי און זייערע פעטערס: מלך און אפרים באַקאַלטשוק — געבוירענע אין סערניק, געפינען זיך אין דאָמבראָוויצער געטאָ. אָבער, בעת דער אויסראָטונג פון דער דאָמבראָוויצער קהילה, עקזיסטירט נאָך דאָס געטאָ אין סערניק און זיי לויפן אַהינצו. זיי זענען דאָרט אַפּ אַ אייניקע טעג און אויך דאָס געטאָ אין סערניק ווערט ליקווידירט. בערך דריי הונדערט ייִדן, און צוזאַמען מיט זיי — די יתומים לאַנדוי און זייערע פעטערס, די באַקאַלטשוקס, לויפן אין וואַלד אַריין. איצט זענען זיי באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער פון סוואַריטשעוויטשער אָטריאַד און פרייען זיך שטאַרק מיט אונדז.

חיה אַבוגאָוו, לבית לאַנדוי, דערציילט אירע פּאַסירונגען:

„ווען סערניקער ייִדן האָבן דערפילט, אַז די דאָרטיקע פּאָליציי און גויים רינגלען זיי אַרום, לויפן די ייִדן צום טייכל דורך אַלע זייטיקע געסעלעך. די פּאָליציי שיסט נאָך און ג'ויים מיט דרענגער, ווידלעס און לאַנגע מעסערס פאַרפּאַלגן זיי. די געסעלעך ווערן באַדעקט מיט קרבנות. פיל זענען געכאַפּט געוואָרן און, אונטער אַ האָגל פון מאָרדיקע קלעפּ, געטריבן געוואָרן צו די גריבער. אָבער, אַ שפּאַר ביסל, דערגרייכט צום וואַלד. סערניקער גויים וועלכע קענען אָט דעם וואַלד, נעמען זיך צונויף און, באַוואָפנטע מיט הייס געווער, און אַנדערע — מיט קאָסעס און מיט לאַנגע מעסערס, האָבן זיך אַ לאָז געטון איבערן וואַלד, געזוכט און אויסגעפונען פיל און זיי דערמאָרדעט. אַ גוי, איוואַנעטשקאָ, האָט אָרגאַניזירט אַ באַנדע כאַפּערס וואָס גראַסירט איבערן וואַלד און מאָרדעט. מיר אַליין האָבן שוין אַדורכגעמאַכט אַ סך גילגולים, פּיין און וואָגלענישן און פיל מאָל מיט ניסים זיך קוים אַרויסגעגליטשט פון די פאַרפּאָלגערס הענט. אַזוי, למשל, זענען מיר צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ פינצטערן וואַלד־ווינקל, צווישן זומפּן, און מיר ווילן איבערבעטן אונדזער בייזן גאָט און שטעלן זיך יום כיפור זאָגן כל נדרי. באותו רגע ווערן מיר אָבער אַרומגערינגלט און דער ערשטער קרבן איז משה אהרנס פּרוי וועלכע איז באַלאָדנט מיט חפצים. האָבן די איבערפאַלער דערוויל צו טאָן מיטן רויב וואָס זיי קאָנען נישט צעטיילן צווישן זיך און מיר צעלויפן זיך. אַ צווייט מאָל גיבן מיר אָפּ אַ גוי מיין מאַמעס חתונה־מתנות: אַ גאָלדענע קייט און זייגער און אַלע חפצים און הלבשה וואָס אויף אונדז אַז ער זאָגט אונדז צו שוץ, שווערנדיק זיך ביים צלם. צומאָרגנס פירט ער צו אונדז די פּאָליציי. מיר אַנטלויפן ווידער און פאַרשטעקן זיך אין די זומפּן, צווישן די טיפע און ווילדע גראָזן וואָס דעקן אונדז צו. דער וואַלד איז באַדעקט מיט נישט באַערדיקטע ייִדישע קרבנות. מיר לויפן פון זומפּ צו זומפּ. מיר שלאָגן זיך אָן אויף ייִדישע מתים. דאָס געשעט אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, ביז מיר דערשלאָגן זיך צו די בראַניצער וועלדער, ווו עס קומט אָן איבערברוך, ווייל דאָרט אָרגאַניזירט זיך שוין די פאַרטיזאַנקע און עס קומט די תקופה פון קאַמף, געראַנגל, יסורים און נקמה, און ווידער אַמאָל — ייִדן הרוגים“

דער אַפּוטרופּוס אין וואַלד פון די יונגע לאַנדויס, איז דער לערער מלך באַקאַלטשוק — אַ פּאַרטיזאַן און דער אַרויסגעבער פון דער פּאַרטיזאַנישער צייטונג „דער רויטער פלאַג“, אַ געוועזענער ישיבה־בחור אין וואָלאָזשין, וועלכער איז אין די יונגע יאָרן נחמץ געוואָרן.

אין מערץ 1943, טרעפן מיר זיך אין וואַלד און מיר דערמאָנען זיך אַמאָליקע חברישע שמועסן אין די ישיבה־יאָרן, ווען ער איז שוין געווען באַלאַדנט מיט מחשבות זרות. „מלך — זאָג איך צו אים — געדענקסטו וואָס האָסט דעמאָלט געזאָגט, אַז אַלע אמונות וואָס גיבן גן־עדן פאַר מעשים טובים און גיהנום פאַר זינד, האָבן דעם מין מענטש נישט אויסגעבעסערט, און אײן עמנואל קאַנט איז בכוח פון אַלע מענטשן צו מאַכן גלויביקע און גוטע. אַזוי האָסטו אויך געזאָגט, אַז די דייטשע ליטעראַטור איז בכוח פון אַלע מענטשן צו מאַכן צדיקים. וואָס זשע זאָגסטו איצט צו דער דייטשער צדקות און צו קאַנטס פילאָזאָפיע?“. מיין חבר האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן פולע מיט טרערן.

דער צווייטער אַפּוטרופּוס פון די יונגיטשקע לאַנדויס, איז דער אַקטיווער פּאַרטיזאַן און קאָמאַנדיר אפרים באַקאַלטשוק. ער טרעפט מיין ברודער סנדר פייגעלשטיין מיט דער שוועסטערס יתומהלע אויף דער האַנט, פאַרשטעקט ביי אַ גוטער, גויישער משפחה און אפרים זאָגט: „ברידער, אין וואַלד אַריין, ווייל דאָרט איז צרות רבים און ס׳קאָן פון דעם ווערן אַ חצי נחמה“. און אָט דער סוואָריטשעוויטשער אָטריאַד פון סערניקער און דאָמבראָוויצער יידן איז טאַקע געווען די „חצי נחמה“.

דער פּחד פאַר די פּאַרטיזאַנער איז מציל אַ יידישע משפחה

אין שפּעטן האַרבסט פון יאָר 1942, אין די דובער זומפּן נעסטיקט ר׳ משה קריוויצערס טאָכטער מיט אירע קינדער. זי איז נישט געהיט און כינאָטשער פּאָליציי ווייסט וועגן איר. אין איינעם אַ טאָג גייען אַרויס צוואַנציק באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן כדי צו כאַפּן אָט די קרבנות. אין וועג נעמען זיי אַ דובער גוי, יעוודאָקים, זכור לטוב. ער פירט זיי אַ גאַנצן טאָג אין די דובער זומפּן זענען אַזוי ברייט, אַז מען קאָן זיך אַרומדרייען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און נישט וויסן ווו אײן און ווו אויס. דער גוי האָט רחמנות אויף דער משפּחה, בלייבט ער שטיין און זאָגט צו די פּאָליציאַנטן אַזוי: „מיר זענען שוין נאָענט, אָבער איר גייט אויף אַ זיכערן טויט. די יידישע פּאַרטיזאַנער זענען צעשפּרייט איבער אָט די אַלע זומפּן. ס׳איז נישט מיין פליכט דאָ אָפּצוגעבן מיין קאָפּ, איך וויל נישט איינ־שטעלן מיין לעבן כדי אפשר צו הרגענען אַ ידישקע. גייט, אַז איר ווילט און שלאָגט זיך מיט די יידישע פּאַרטיזאַנער, און נעמט צו זייער יידישקע מיט די קינדער“. די פּאָליציי האָט זיך אין פּחד אָפּגעטראָגן. אין האַלבער נאַכט גייט יעוודאָקים און יאָגט אַרויס ליבקען פון דעם אָרט, און דאַנקען גאָט, זיי לעבן איצט אַלע אין אַמעריקע.

די תליות האָבן געווירקט

די בולבאָווצעס האָבן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג געמאַכט חיות רעות. קיין שום זאַך צוימט זיי נישט. זיי נישטערן און פאַרפאַלגן, כאַפּן און פייניקן אימהדיק. אָבער איין טאַט האָט אָנגעוואָרפן פּחד אויף אַלע אַרומיקע דערפער: דאָס איז געשען אין

דאָרף יאַצולי, נעבן דאָמבראָוויץ מיט רייכע פּוערים, וועלכע האָבן שטאַרק פּינט געהאַט די סאָוויעטן־מאַכט און אויף היטלערס מזבח געוואָלט מקריב זיין וואָס מער יידן. זיי האָבן שוין איבערגעגעבן טריפּיטנער יידן דעם דייטש, זיי האָבן דערהרגעט מאַנעס קראַצמאַן מיט אַ פלאָקן, און פיל געמאַרדעט פּאַליאַקן. זיי האָבן שוין אַריינגענאַרט יצחק פייגלשטיין מיט זיין טאָכטער, שוין געקליבן זיך אומצוברענגען די קרבנות מיט גרויס פייערלעכקייט און עינוים קשים, אָבער אין טומל פון די צוגרייטונגען אַנטלויפן זיי קרבנות. אין זייער דאָרף איז אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון בולבאָוועס. אָבער ווען אונדזערע פּאַרטיזאַנער קומען אין דאָרף און טרייבן צונויף אַלע איינוווינער און קלייבן אויס די סאַמע ערגסטע רוצחים און הענגען אויף זעקס פון זיי, האָט עס אַן אָפּקלאַנג און די גוישע באַפעלקערונג הויבט אָן נאָכדענקען, אַז יש דין ויש דיין.

יידן אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע

יידן האָבן געוואָלט זיין אַ באַזונדערע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג מכמה וכמה טעמים, נאָר מאָסקווע האָט דערצו נישט מסכים געווען. אין די וועלדער האָבן מיר געהאַט שטערונגען מצד די רוסישע אָטריאַדן און יידן זענען צעשפּרייט און צעטיילט איבער אַלע רוסישע איינהייטן. אַפילו ביי אונדז ווו 80 פּראָצענט קעמפער זענען יידן און די נידעריקע קאָמאַנדירן זענען אויך יידן, וועלכע פירן פּאַקטיש אָן מיט אַלע אַקציעס, איז די הויפּט־קאָמענדע אַ ריין גויישע. אָבער אין אַלע איינהייטן פון גאַנצן הינטער־לאַנד, אין דער וואַלד־אויסשפּרייטונג איבער פּאָלעסיע, וואָלין און ווייסרוסלאַנד, טרעפן מיר יידן אין אַלע אָפּצווייגונגען פון פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט, אין קאַמף, אין סטראַטעגישער פּלאַנירונג, אין דיווערסיע און אין אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די מאַסן.

אָט, למשל, זענען קאָוופּאַקס אָטריאַדן וועלכע פירן אָפענע קאַמפן און זייען טויט צווישן די דייטשע גאַרניזאָנען. אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1943, בלייבן זיי שטיין אין דעם קנופּ דערפער: דובע, זעלין, דאָברויסק, הוטע,ביידלעך. דער שטאַב איז איינגעקוואַרטירט אין דובע, אין אַ געוועזענער יידישער שטוב. אַ גרופּע אויסשפּירער איז אין כסדרדיקער באַוועגלעכער אָבסערוואַציע, האַלט קאָנטראָל כלפי פנים און כלפי חוץ, ווייל זיי ווייסן וואָס דער דייטש האָט געמאַכט פון דער באַפעלקערונג, און זיי זענען פאַרזיכטיק. זיי טרעפן אין אַ שטוב ברײַנדל קראַצמאַן. לויט איר קליידונג, אַרבעט און האַלטונג בעת זי זיצט און שפּינט פלאַקס און ברומט זיך צו אַן אוקראַיִניש לידל, איז זי ענלעך צו אַ שיקסע. אָבער פּאַרטיזאַנישע יידישע אויגן פון דער קאָנטראָל־גרופּע, דערקענען אין איר דאָס יידישע מיידל און זיי פּרובירן אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט איר, אָבער די „שיקסע", וועמעס טאַטן, ר' מאַנעס קראַצמאַן, מען האָט ערשט געהרגעט — שווייגט. אַ פּאָר מינוט שפּעטער פאָרט צו אַ שליטן און אַ פּאָר יידישע אויגן נעמען זי דורך. מען פירט זי צום שליטן. מיר פאָרן מיט איר צום גענעראַל. קאָוופּאַק רעדט צו איר און זי וויינט. גייט ער צו נאָענט און זאָגט צו איר: „גלייב מיר, דעם אַלטן מענטש, גלייב דיינע יידישע חברים, גלייב אָט דעם רויטן שטערן אויף מיין פּאַפּאַכע. מיר זענען פּאַרטיזאַנער. ווער האָט דיר דאָ שלעכטס געטאָן? דערציייל דיינע חברים און מיר'ן

פאַדערן חשבון". שפּעטער האָבן גויים גערעדט, אַז קאָוופּאַקס אַרמיי איז אַ יידישע, והא ראיה, זיי האָבן דערקענט בערקען פון דאָמבראָוויץ. מיר מיינען, אַז דאָס איז בערל בארמאַן־קוט מיט זיינע טעכטער. מיר ווייסן אָבער, אַז בערל ז"ל איז אומגעקומען אין אָפּענעם קאַמף, אין גאַליציע. יאָ, אין קאָוופּאַקס אָטריאַדן זענען געווען פיל יידן, אָבער צוליב זייערע וואַנדערונגען און שטענדיקע קאַמפן וואָס האָבן געקאָסט פיל קרבנות, זענען זייער ווייניק פון זיינע יידן געבליבןביים לעבן.

מיר ווייסן, אַז אין אַלע אָטריאַדן פון דער וואַלד־אויסשפּרייטונג אין די פּינסקער בלאָטעס זענען דאָ יידן און אַז אַלע אַרבעטן מיט מסירת נפש, — גייען אויף קידוש השם און דרינגען אַריין אין די געפּערלעכסטע ערטער. אָבער אַז מיר זאָלן צווישן דראָהיטשין־בריסק און כוטאַרעס באַגעגענען אַ גרופּע פּאַרטיזנער פון באַראַנאָוויטשער געגנט וואָס איז געקומען אַהער אָנקניפּן פאַרבינדונג און אַ העלפּט פון זיי זענען אַחינו בני ישראל און מיין קוזין פון דובע, איזיק פייגלשטיין — אַ ישיבה־בחור אין דער ליטע איז אויך אין דער גרופּע — דאָס איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג, אָבער, אַ פאַקט.

יידישע פּאַרטיזאַנער קומען אום פון די הענט פון אייגענע חברים

אין אָנהייב פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנקע, ביז דער רעאָרגאַניזאַציע פון די קליינע אָטריאַדן און גרינדונג פון די סאָיעדיניעניעס — האָט געהערשט הפקרות. יעדער רשע איז אין זיין קליינעם אָטריאַדל געווען אַ פרייער פויגל, און דאָרט קומען אום יידישע פּאַרטיזאַנער.

אין די ניגיוויטשער וועלדלעך מאַכט אַ רוסישער אָטריאַד אַן איבערפאַל איבער אַ יידישע גרופּע, נעמט צו ביי אַלעמען דאָס געווער און דערשיסט זיי. פון זיי איז געבליבן אַ זכר — אַ גרוב, אין וועלכן עס זענען באַגראָבן 46 יידישע העלדן, פאַרניכטעט דורך די, צו וועלכע זיי האָבן געהאַט צוטרוי. און ווען דער קליינער דאָמבראָוויצער יידישער אָטריאַד, וואָלט נישט געווען קעמפעריש און דעצידירנדיק, וואָלטן זיי געווען אומגעקומען ביי אָזערסק, בעת דער באַגעגעניש מיט מאַסליוקס באַנדע — גויישע פּאַרטיזאַנער און נעכטיקע חברים צום געווער.

אין דעם קליינעם אָטריאַדל פון די א. ג. „שיטאָווצעס", נעבן דובע, זענען די צוויי וואָלאָדימערצער יידן: שליפּפּאַק און באַריל און דער כינאַטשער בחורל — דערשאָסן געוואָרן דורך זייערע חברים — גויישע פּאַרטיזאַנער.

אָט דער כאַאָס און די הריגות איבער יידישע פּאַרטיזאַנער איז אַ מכה איבער דער גאַנצער וואַלד־אויסשפּרייטונג אַרום פּינסק—ראָוונע—קאָוועל און ווי מיר האָבן געהערט פון יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט דאָס זעלבע פּאַסירט אַרום בריסק און אויך אַרום ווילנע. ערשט אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1943, ווען אַלע אָטריאַדן זענען געוואָרן איינגעגלידערט אין גרויסע איינהייטן, ערשט דאַן, ווערט מען פּטור פון אָט דער פּלאָג, און פיל רוצחים האָבן באַצאָלט מיט זייערע קעפּ.

דער עכאָ פון אַ יידישער פּאַרטיזאַנקע

מיר הערן ווייסן און וועגן אַ זעלבשטענדיקער יידישער פּאַרטיזאַנקע וואָס גראַסירט ערגעץ אין וואָלין, בראש פון וועלכער עס שטייט דער ייד — דיאַדיאַ מישאַ. איש מפי איש גיט איבער וועגן די העלדנטאַטן פון יענעם רייך־יידישן אָטריאַד. מען זאָגט אַפּילו, אַז יידן פון שטעטל בערעזשניץ האָבן זיך דערלאַנגט אַהינצו. אונדזערע יידן וואָלטן גערן אַהין געגאַנגען צו יענעם דיאַדיאַ מישאַ, וועגן וועלכן מער זאָגט, אַז ער איז אַ ייד פון קאָרעץ.

שפּעטער זאָגט מען, אַז זיינע כוחות האָבן זיך אַוועקגעצויגן אין דער טיף פון אוקראַינע און זיי גיבן דעם דייטש צו „שמעקן פעפער"... אין אַ צייט אַרום שמועסט מען, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ לעגענדע, און עס טוט אונדז ווי פּאַרוואָס דאָס איז נישט קיין ווירקלעכקייט. מיר הערן אויך, אַז אין די ווילנער וועלדער זענען דאָ רייך־יידישע אָטריאַדן, און דאָס האַרץ האָט געגאַרט צו יענע העלדן־יידן. מיר האָבן אויך געהערט וועגן אַ יידישן אָטריאַד אין פּאָלעסיע א. נ. „קאַגאַנאָוויטש". נאָר ווי מיר האָבן געהערט, האָט מען אים גלייך צעשפּרייט און אַפילו אַריינגעשיקט אין דעם אָטריאַד בעלי תשובות, געוועזענע פּאָליצײ־לייט.

די יידישע קעמפער זענען אַלזאָ נישט קאָנצענטרירט, נאָר צעשפּרייט איבער אַלע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען, און די דייטשן מיט די באַנדעראָווצעס, האָבן אין זייערע פלוג־בלעטלעך געקאָנט רופן די פרידלעכע באַפעלקערונג, צו קעמפן קעגן די זשידאָ־קאָמונאַ־פּאַרטיזאַנער.

די מחנה פון פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי

אין דעם גרויסן צוזאַמענבונד פון באַטאַליאָנען און אָטריאַדן, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פיאָדאָראָוו טשערניגאָווסקי, זעען מיר פיל יידן. פיאָדאָראָוו אַליין איז אַ יידן־פריינד. זיין וועג צו אונדז ציט זיך פון די בריינסקער וועלדער. אומעטום, קלייבט ער אויף די יידישע רעשטלעך און גלידערט זיי איין אין זיינע אָטריאַדן, אויך דאָמבראָוויצער יידן זענען דאָ אין זיין מחנה וועלכע איז גרויס און מעכטיק, אַזוי, אַז אין די שטעטלעך און דערפער, פון אונטער קאָוועל, קאַמען־קאַשירסק, ביז אונטער פינסק, האָבן די דייטשן מורא זיך צו באַווייזן און די באַנדעראָווצעס וואַגן נישט צו פאַרטשעפּען. קיין אַנטיסע־מיטיזם צו יידישע חברים איז נישט צו זען, ווייל פיאָדאָראָווס שטאַרקע האַנט וואָלט דערפאַר שטרענג באַשטראָפט.

„דיאַדיאַ פּעטיאַ"

אין די אָטריאַדן פון דיאַדיאַ פּעטיאַ, געפינען זיך רעשטלעך יידן פון מאַניעוויטש און ראַפאַלאָווקע. מען זאָגט אַפילו, אַז דער קאָמאַנדיר האַלט שטרענג זיינע פּאַרטיזאַנער, און גויים זאָגן אַפילו, אַז ער איז אַ ייד. אָבער, לכתחילה זענען אין דער וואַלד־אויס־שפּרייטונג פון זיין הערשאַפט געפאַלן יידישע מענטשן. זיינע אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער,

פאַרקריכנדיק צו די ניגעווישטשער כוטאָרעס, האָט זיך אָנגעטראָפן אויף מיר מיט מיין ברודער און ווען נישט די עקשנותדיקע פאַרטיידיקונג פון אַ פאַרטיזאַן פון דער פינסקער סאַיעדיניעניע, וואָלטן זיי אונדז געווען דערהרגעט. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין זיינע אָטריאַדן זענען דאָ פיל יידן און אויך אַ ציווילער לאַגער פון ידישע זקנים, זקנות, אַלמנות און יתומים — די רעשטלעך פון ראַפאַלאָווקע און מאַניעוויטש.

אין דער פינסקער סאַיעדיניעניע זענען באַטייליקט פיל יונגע יידן צווישן וועלכע עס זענען אויך דאָ יידן פון דאָמבראָוויצער סביבה. און ווען עס ווערן אין פעברואַר 1944 אַרויסגעיאָגט פון דאָמבראָוויץ די דייטשע אַרמייען, זעען מיר די פינסקער סאַיעדי־ניעניע אין דאָמבראָוויץ, פון וואַנעט זי מאַרשירט אַרויס אין קאַמף, ביים אָפּשלאָגן סטאַלין פון די דייטשן און שפּאַרט זיך ביז פינסק, בריסק, לובלין און קעמפט ביזן ענד־גילטיקן נצחון. פיל פון יענע דריי הונדערט יידן־פאַרטיזאַנער קומען אום.

מיר האָבן פאַרשריבן פאַרן ספר הזכרון אונדזערע יידן־קעמפער אין די פאַרטיזאַנער־רייען, זייערע העלדנטאַטן, יסורים־איבערלעבונגען, פיין, ווייטיק און נקמה־פרייד, כדי עס זאָל נישט פאַרגעסן ווערן דאָס, וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן און וואָס די אומות העולם ווילן, אַז עס זאָל דווקא יאָ פאַרגעסן ווערן.

דער מזרח־ברעג פון די טייכן האָרין און סלוטש

אין יענע אומענדלעכע וועלדער וואָס ציען זיך אַוועק טיף נאָך די דערפער קאַראַסין און אָזערי, האָבן זיך באַלד איינגעניסטיקט פאַרטיזאַנער־גרופּעס, וועלכע האָבן באַהערשט דעם וואַלד מיט אַלע דערפלעך און די כוטאָרעס און די אוקראַינישע באַנדעס האָבן דאָ נישט געהאַט קיין שליטה.

מיר האָבן שוין געשריבן, אַז דעם ערשטן גיפט־מישער, דעם אוקראַינישן לערער, האָבן יידישע פאַרטיזאַנער ליקווידירט. נאָך זיין מיתה משונה איז שטיל געוואָרן און די צעלאָפּענע יידן פון די סאַרנער גריבער, ווען זיי האָבן דערלאַנגט אין אָזעריער און קאַראַסינער וועלדער, האָבן זיך דאָ זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן. די יידן פון יענע דערפער, זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין די אָרטיקע אָטריאַדן. זיי האָבן באַוויזן פיל העלדנ־טאַטן און זייער פיל געטאָן פאַר די שוצלאָזע יידן. שמעון פייקאָוו פון קאַראַסין און ד אָלשאַנסקיס מיט זייערע אונטערגעאָרדנטע יידן, האָבן דעם דייטש פאַרשאַפט פיל פאַרלוסטן, האָבן משפיע געווען אויף די דאָרפישע גויים, אַז זיי זאָלן שטיצן די זקנים, אלמנות און יתומים. די דייטשן ווי אויך באַנדעראָווצעס האָבן נישט געהאַט קיין מוט זיך דאָרטן צו באַוויזן. אין די אָטריאַדן פון אָזעריער וועלדער זענען אַ חוץ די יידן פון די דערפער פון דאָמבראָוויצער סביבה, אויך פאַרטרעטן דאָמבראָוויצער שטעטלדיקע יידן, וועלכע קעמפן ביזן נצחון און פאַריאָגן דעם דייטש פון פּאָלעסיע און וואָלין. אַלע פאַרטיזאַנישע כוחות גייען אַרויס פון די וועלדער קיין ראָוונע, קיין סאַרנע און אויך קיין וויסאָצק און דאָמבראָוויץ, און די באַנדעראָווצעס וואָס ווערן פאַרפאָלגט דורך דער נ.ק.וו.ד. פאַרלאָזן די שטעטלעך, זוכן שוץ אין די וועלדער, און פאַרקריכן אויך אין די אָזעריער געביטן. אַ פּאָר יידן: ליכטנפעלד פון אָזערי, דוד בייגל און לייזער קלעס

פרוי מיטן זון פון דאָמבראָוויץ, געוועזענע פאַרטיזאַנער ווערן פאַרפייניקט ביז טויט דורך די באַנדעראָווצעס, אין דער צייט, ווען פון אַלע אונדזערע געביטן איז שוין דער דייטש לאַנג פאַרטריבן. אָבער די זענען נישט די לעצטע קרבנות. זייער פיל פאַרטיזאַנער און ייִדן ווערן דורך די אוקראַיִנישע באַנדיטן פאַרפייניקט, אַפילו שוין נאָך דער באַפרייונג.

בעת די שחיטות און באַלד נאָך זיי האָבן די אויסוואָרפן פון דער גויִישער באַפעל־קערונג מיטגעאַרבעט מיטן דייטש, מיטן זיין מערדערלעכער פּאָליצײַ וועלכע איז רעקרו־טירט פון די ערגסטע גויים אויפן אָרט. עס זענען אויך געווען סאָלידע גויים, באַלעבאַ־טים, נישט באַטייליקטע אין מאָרדן ייִדן, און זיי האָבן אין דער שטיל, בײַנאַכט געשטיצט אַ וואַלד־ייִד מיט ברויט און זאַלץ. און ביים ערשטן אָנטשטייך פון די פאַרטיזאַנער, האָבן מיר באַקומען פיל פריינד. די פראַגע איז נאָר געווען ווי אַזוי צו באַקעמפן די אויסוואָרפן וועלכע האָבן שפּעטער באַקומען פחד און געוואָרן שטיל, אַזוי, אַז ווען אַ גרופּע פאַרטי־זאַנער, אָדער אַ יחיד וועלכער איז אין וועג, דערזוּוסט זיך, אַז אין דאָרף זענען נישטאָ קיין דייטשן, אָדער פּאָליציאַנטן, גייט מען פריי. אָבער דער שונא שלאָפט נישט און אָרגאַניזירט די יוגנטלעכע 16—17־יאָריקע שקצים און שיקסעס און זיי מאַכן לויערונגען אויף פאַרטיזאַנער. עס אַנטשטייען אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע באַנדעס מיט גוט דייטש געווער און באַפליגלט מיט „הוראַ־שאָוויניזם". בראש פון זיי שטייען: באַנדעראַ, מעלניק, בולבאַ, — אַ געוואַלדיקער אַכזר. אַט די תקופה איז אַ שווערע פאַר פאַרטיזאַנער און בפרט פאַר ייִדישע מענטשן אין וואַלד. זיי האָבן אונדז געקאָסט פיל קרבנות און דעם דייטש האָבן זיי געבראַכט נוצן. לסוף האָבן זיי אויך געבראַכט פיל אומגליק אויף די גויים אַליין. ווען די באַנדעס וואַרפן אַ חשד אויף אַ גוי, אַז ער איז נישט מיט זיי, קומט מען און מען דערשטיקט אים. שמואל קליגון, פון דאָרף ליטוויץ, נעבן דאָמבראָוויץ, קומענדיק פון פראָנט אַ פאַרוווּנדעטער, פאָרט אין זיין געבורטס־דאָרף און נעכטיקט ביים אַלטן, אַכציק־יאָריקן וואַסיל קאַלאַדאַ. צומאָרגנס קומען בולבאָווצעס און מיט אַ וואַלאַקע פון פאַסטאַלעס דערשטיקן זיי אים.

דאָס קאַפּיטל וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן

מיר, דאָס קליינע ביסל לעבנגעבליבענע פאַרטיזאַנער, וועלכע געפינען זיך אין מדינת ישראל, צווישן אייגענע ברידער און שוועסטער, הערן טייל מאָל פאַרוואָרפן אויפן אַדרעס פון די קדושים הלמאי זיי זענען געגאַנגען כצאן לטבח. דער אמת איז, אַז קיינער פון דער שארית הפליטה, וועלכער האָט נאָר מיטגעמאַכט דעם שווערן, גרויזאַמען וועג און האָט אויף זיינע פּלייצעס אויסגעטראָגן די לאַסט פון יענער צייט, וועט נישט פרעגן אַזאַ פראַגע. ווייל, אויב האָבן מיר נאָך געהאַט אַ קליינעם טייל פון אונדזערע משפחות, האָט די אחריות פאַר זייער לעבן אָפּגעהאַלטן פון יעדן אָפענעם אָדער פאַרבאָרגענעם ווידערשטאַנד וואָס וואָלט געפירט צו טאָטאַלער פאַרניכטונג. במשך דער גאַנצער צייט, האָבן די אויס־ראַטער אונטערגעשיקט ליגנערס וועלכע האָבן געוווסט צו פאַרזיכערן, אַז אַלע מעשיות וועגן פאַרניכטונג זענען נישט מער ווי שקר. און הגם מיר גלייבן נישט אין זייערע רייד,

לעשט מען אָבער די שרעק מיט אַ פּונק פון האָפענונג אין וועלכן מיר קלאַמערן זיך. מיר לײַדן פיל, מיר זעען בלוט פון יחידים, און דאָך האָפן מיר, אַז אונדזערע ליבע משפחות וועלן איבערלעבן און מיר טראָגן אונדזערע יסורים ביז עס קומט אומדערוואַרט די אַלגע־מיינע בלוטיקע ליקווידאַציע, צו וועלכער מיר ווערן אַרײַנגענאַרט מיט ריטערלעכע ערן־הבטחות, אַז מיר פאָרן אויף אַרבעט.

אַט שטייט פאַר אונדזערע אויגן די אויסגעפּוצטע אײַנהייט ס.ס., אַלע — אין גאַלאַ, אין ווייסע הענטשקעס און זייער אַנפירער באַרויקט און שווערט, אַז מיר גייען אויף אַרבעט קיין סאַרנע.

די אַנטרונענע פון די גריבער, די אַנטלאָפענע פון די פּלעצער בײַ וועמען עס איז שוין אָפּגענומען געוואָרן די אחריות פאַרן לעבן פון זייערע משפחות, באַוואָפענען זיך טאַקע און גייען במשך חדשים און יאָרן פון איין סכנה צו דער צווייטער. הונדערטער קומען אום אין קאַמף און צענדליקער קעמפן ווידער. טויזנטער דײַטשע פּגרים ליגן אויפגעריסענע. זייערע באַנען — דורך אונדז אַראָפּגעלאָזטע, צעשטערטע. אַן אַ שיעור דײַטשן געפינען זייער טויט אין זייערע בונקערס דורך אונדז באַפאַלענע. אויך זייערע געהילפן באַקומען זייער לוין. אונדזער שטראָף־האַנט דערלאַנגט טויזנטער און פיל טויזנטער גויישע אויסוואָרפן און מיר ברענגען זיי אום. מיר פירן מיט זיי אָפענע קאַמפן און ווערן געפּרוווט אין פײַער פון די שווערסטע אויפגאַבעס אין סכנהדיקע פּונקטן.

דער אומאויפהערלעכער ווילן צו נעמען נקמה פאַר אונדזערע אומגעבראַכטע ברידער און שוועסטער, דער ווילן איבערצולעבן די פּאַרטיליקער (כאָטש מיר זענען שוין געווען איינציק געבליבענע פון פאַרצווייגטע משפחות), דער יידישער אויפגעוואַכטער כוח, די יידישע אײַנגעבוירענע אינטעליגענץ — דאָס אַלץ העלפט אונדז שנעל אויפצוכאַפּן די סטראַטעגיע פון קאַמף אין די שווערע וואַלד־באַדינגונגען. מיר לערנען אַלע תכסיסי־מלחמה און די מערדערלעכע גוים, די, וועלכע האָבן אונדז געהרגעט און אויסגעראַטן, האָבן אַליין אָנגעהויבן לעבן אין פּחד פאַר דער יידישער האַנט, פאַר דעם יידישן וואַלד־קעמפער, דעם פּאַרטיזאַן.

כבוד און רום האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער געבראַכט דער יידישער אומה אין בלוטיקן גלות בעת די היטלער־יאָרן. און דאָס טאָר בשום אופן נישט פאַרגעסן ווערן.

*

גדעון האַוזנער, דער ישראל־פּראָקוראָר בעת דעם אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים, האָט געזאָגט: „דאָס גרעסטע ווונדער אין יענער אומקום־תקופה, איז, ווי אַזוי אויסגע־הונגערטע און אויסגעמוטשעטע יידן האָבן געהאַט דעם מוט זיך קעגנצושטעלן מיט געווער אין האַנט דער מעכטיקער מלחמה־מאַשין פון דײַטשישן נאַציזם. קיינער קאָן זיך נישט פאַרגלײַכן מיט זײַן דרייסטקייט צום יידישן פּאַרטיזאַן און געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד אין די גרוילעכסטע יאָרן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. אַפילו דאָס פאַרטיפן זיך אין פאַקטן און געשעע־נישן פון יענעם קאַפּיטל, איז נישט אומשטאַנד אויפצוקלערן די דאָזיקע רעטענייש".

כבוד און ליבּ די דאָמבּראָוויצער פּאַרטיזאַנער!

רבי יוחנן בן זכאי האָט אויסגערעכנט און געציילט די מעלות טובות פון זיינע תלמידים, מיט וועלכע יעדערער פון זיי איז געווען באַשאַנקען, און אַזוי אַרום האָט ער זיי איינגעטיילט אין פאַר־שידענע מדרגות. אָבער אַלע זיינע תלמידים זענען אין זיינע אויגן געווען גלייך מיט זייערע מידות, ווייל אַלע צוזאַמען האָבן בייגעטראָגן זייער צושטייער פאַר דער געשטאַלטיקונג פון יידיש־קייט אין זייער תקופה און פאַר די קומענדיקע דורות.

יעדער איינער פון אונדזערע דאָמבּראָוויצער פּאַרטיזאַנער האָט געהאַט זיינע מעלות טובות, אָבער אַלע זענען געווען גלייך אין זייערע מידות און דער צד השווה שבכולם איז געווען: אָפּפער־ווייליקייט און אומבאַגרענעצטע מסירת־נפש פאַר די רעשטלעך פאַרבליבענע יידן, וואָס האָבן שוצלאָזע און גערודפטע אַרומגעבלאָנקעט אין די וועלדער, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט זיך איינצוגלידערן אין די קעמפערישע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. יעדער איינער פון די פּאַרטיזאַנער־קעמפער איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ העליש פייער פון נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט, יעדער פון זיי האָט געמוזט זיין פאַרביסענער, דרייסטער און העלדישער ווי די פּאַרטיזאַנער פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דעריבער דאַרף אויף זיי אַלעמען געזאָגט ווערן: כולם אהובים, כולם גבורים וקדושים שעשו רצון קונם!




אין די ערשטע טעג נאָכן פאַריאָגן היטלערס באַנדעס

דער צווייטער פון רעכטס — לייבל פערלשטיין; דער מיטלסטער — שמואל קאַטשקע



צאַצקעס יהודה בן שלמה



ליפשיץ אברהם בן משה־לייב



בארמאַן מעניע בת דב




קאָוואַלאָ משה



אַבוגאָוו אַלעק
(איידעם פון אברהם לאַנדאו)



חיה בת אברהם
(די פרוי אַבוגאָוו־לאַנדאַו)




לאַנדאו אפרים בן אברהם



באַקאַלטשוק מלך בן ברוך



לאַנדאו אפרים (רעכטס)
און באַקאַלטשוק מלך



לאנדאו משה בן אברהם




ס׳זיצן פון לינקס: אַלעק אַבוגאַוו, מאיר בן הרב צבי באַקאַלטשוק, מלך באַקאַלטשוק, אפרים לאַנדאו. ס׳שטייען פון לינקס: איינשל לאַנדאו, שלום סעגאַלאָוויטש, משה און אהרן לאַנדאו.



ראָטענבערג נינאַ
(פרוי פון יעקב־יאַנעק)



ראָטענבערג יעקב בן לייב



גאָלדפאַרב באָריס ז״ל
(ברודער פון ראָטענבערג נינאַ)




ראָזענבערג שמחה בן חיים




ניימאַן פּנחס
(איידעם פון ניימאַן מאַנדל)



פּערלשטיין לייבל



גענול פּנחס בן משה־דוד



בארמאַן אברהם בן שמואל



מאַנקאָווסקי ברוך בן יהושע ז״ל
(נפטר בישראל)



שיינמאַן יהודה־לייב בן שמעון ז״ל
(נפטר בישראל)



סתימת הגולל אויפן קבר פון ר׳ ברוך מאַנקאָווסקי ז״ל
(בית־הקברות קריית־שאול, ביי תל־אביב)

צום אָנדענק די געפאַלענע פּאַרטיזאַנער!

ביים סתימת-הגולל אויפן קבר פון ר' ברוך בן יהושע מאַנקאָווסקי ז"ל, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן צו קבר-ישראל אין מדינת-ישראל אינעם טאָג פון כ"ז ניסן תשכ"א — דער טאָג פון אומקום און גבורה צום אָנדענק פון די 6 מיליאָן קדושים — האָבן די געוועזענע פּאַרטיזאַנער און אַלע דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט אין ישראל געווענדעט זייערע מחשבות און כוונות פאַר דעם אָנדענק פון אַלע יידישע קדושים, פון אַלע דאָמבראָוויצער קדושים און פון אַלע דאָמבראָוויצער פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן היטלערס האָרדעס און וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן על קידוש שם-שמים וכבוד האומה.

„יזכור אלוקים את נשמות הקדושים והטהורים"

די פּאַרטיזאַנער:


אָוסיאַנקאַ גבריאל (חתן וואראנא)	זעליקאָוויטש יונה בן אלימלך
באַרמאַן בערל בן יעקב	יאפע משה
באַרמאַן יידיל בן בערל	מאַנקאָווסקי אשר בן יהושע
באַרמאַן לאה בת בערל	מודריק מאיר
בייגל דוד בן מאַנעס	קראַנענבערג
ברוינפּן אביל בן שמואל	שפּין זלמן בן חיים
גאָלדפאַרב ברוך (באָרי)	שפּין משה בן חיים
ווילגון שמואל בן יקותיאל	שפּין איצל בן חיים
זעליקאָוויטש אלימלך (חתן רוטנברג)	ת" נ" צ" ב". ה'



די משפחה פון חיים האָכמאַן (ערשטער, לינקס), דער פאַראומגליקטער מאַן און פאָטער, וואָס איז
אַן איינזאַמער געקומען קיין ישראל. אויבן: פרוי כאַשקע; זון לייבל; טעכטער — שפרה, חוה, יוכבד.



פייגעלשטיין יצחק בן חיים



מודריק חיים

חלק רביעי
פערטער טייל

ניצולים מספרים
אפגעראטעוועטע דערציילן



„גויים" מתושבי־המקום מפרקים את ביתו השומם של משה פישמן (1944)
ארטיקע גויים דעמאָנטירן דאָס פאַרלאָזטע הויז פון משה פישמאַן (1944)

התוכן — אינהאַלט

שמחה רוזנברג

שנתיים ימים תחת השלטון הסובייטי [1939 / 41]

האדמיניסטרציה

דומברוביצה סופחה לאוקראינה הסובייטית. בכל רחבי אוקראינה המערבית, שהיתה קודם לכן תחת השלטון הפולני, נערך „משאל־עם", שבו הוחלט על הסיפוח... המשאל נערך בצורה זו: הוקמו קלפיות אזוריות, שם חולקו מעטפות סגורות, וכל „מצביע" היה שם מעטפה זו לתוך תיבת־קלפי. לאחר ספירת הקולות בתחנות־הקלפי של דומברוביצה, נוכחו לדעת, שכל תושביה הצביעו „פה־אחד" בעד סיפוחה של העיר ל„ריפובליקה הסובייטית הסוציאליסטית של אוקראינה"...

הרשות החדשה החלה לבסס את שלטונה בעיר. הגיעו חברי המפלגה הקומוניסטית מרוסיה והם אירגנו את השלטון המקומי. הם עמדו בראש הפקידות ונעזרו על־ידי אנשי המקום.

תעודות־זהות

הוטלה החובה לקבל תעודות־זהות במשטרה. מקבלי התעודות חולקו לפי המעמדות, כגון: חנוונים וסוחרים; בעלי־מפעלים; בעלי־מלאכה; מקצועות חפשיים, חברי מפלגה וכדומה. השלטונות הקפידו מאד על „המוצא הסוציאלי" ועל עברו החברתי־ציבורי של כל אחד, והם ציינו זאת בתעודת־הזהות במספר־סתרים מיוחד, שהוא זהה למספר־הסעיף בקודקס החשאי בדבר בטחון המדינה.

חיי הכלכלה

המצב הכלכלי ירד פלאים. החנויות הפרטיות נסגרו, הסחורות נעלמו, מקצתן הוחרמו. צריך היה לעמוד בתור כדי להשיג מנה לחם (בין העומדים בתור ללחם, היו גם איכרים בעלי־קרקעות). הלחם נמכר בצרכניות ולכל מפעל היתה צרכניה משלו (למלבנות, מנסרות, טחנות וכו'). הוקמה מאפיה גדולה סמוך לנהר (מאחורי ה„פלאנט"), שם עבדו כמה עשרות אנשים. את הלחם היו רודים מהתנור לפני שנאפה די־צרכו, כדי להעלות את משקלו, ואי־אפשר היה לאכלו, אלא לאחר יום־יומיים, כאשר התייבש.

היו גם מחלבות שיתופיות, כן נוסדו אגודות שיתופיות (ממשלתיות) לאספקת בשר ודגים ומצרכים אחרים. כל מפעלי־הייצור הולאמו והם אורגנו מחדש בצורת „ארטלים" (קואופרטיבים). נקבעו דרגות־שכר לפועלים ולפקידים. השכר היה זעום ולא היה בו אלא כדי קיום של מספר ימים בלבד. רק אלה שעבדו במפעלי־מזון, היה להם אוכל לשובע.

על האיכרים הוטלו מכסות לספק דגן, בקר, חלב, צמר וכיו"ב. הוכרז על החובה והזכות לעבוד... היה מספר צעירים שלא עבדו והם עסקו במסחר חשאי של צרכי־מזון ודברי הלבשה והנעלה, שקשה היה להשיגם בצרכניות הממשלתיות.

נעשו שיכלולים ברחובות העיר ובוצעו שיפורים בבניינים ציבוריים. הובאו מכוניות־משא, שהיו מובילות עצים מהיער. הוקמה תחנה לאספקה ולתקון טרקטורים ומכונות־חקלאיות.

היו כאלה שלא השיגו עבודה והיו לא מעטים שבגלל „מוצאם הסוציאלי האנטי־סובייטי" הפסידו את מקום־עבודתם. אלה שחששו להיות מגורשים לסיביר, בגלל העבר שלהם, עזבו בחלקם את העיר.

זקנים לא עבדו והם נתמכו ע"י בני־המשפחה.

החורף הראשון (1939) היה קשה. הקור היה גדול ועצי־הסקה כמעט ולא ניתן להשיג, כי האיכרים סרבו למכור עצים תמורת כסף, אלא רק בחליפין לסחורות או חפצי־בית.

נוסד סניף של תנועת „הקומסומול". למפלגה נתקבלו יחידים בלבד, ואף הם כמועמדים.

רבים מהצעירים היו אובדי־עצות: להישאר במקום ולהשלים עם המצב, פירושו היה — ניוון מכל הבחינות; להתקיים על השכר הזעום אי־אפשר היה זמן ממושך; „ריווח צדדי" היה קשור בסיכון רב. היו שחיפשו דרכים כיצד לצאת מהכלוב הסגור. בחשאי נמסר, שמווילנה אשר סופחה לליטא יש אפשרות לעלות לארץ־ישראל. כמה צעירים החליטו להגיע לווילנה, אעפ"י שהדבר היה קשור בקשיים רבים ובסיכון רב. במטרה זו התארגנה קבוצה חשאית של עסקנים ציוניים, בראשם א. ברמן, שעסקה בהעברת צעירים לווילנה. בינתים נתגלו קשיים בווילנה עצמה, והיחידי שהגיע משם לישראל הוא א. ברמן (כל השאר חזרו לדומברוביצה).

התנאים הכלכליים נעשו קשים מיום ליום. מצרכים רבים אזלו לחלוטין והתורים ליד הצרכניות הלכו וגדלו. זריזים היו נעמדים בתור מחצות־לילה, בחילופי־משמרות של כל בני־המשפחה, ורבים מאלה היו חוזרים הביתה מאוכזבים. היהודים נחלצו לכל עבודה שהיא ובלבד להתקיים. בחורף עבדו גם בכריתת עצי־היער.

ניתנה אפשרות ללמד מקצועות חדשים ולהשתלם במקצועות, כגון: נהגות, מכונאות וכדומה. היו שהתעסקו באיסוף פסולת: שברי־זכוכית, מתכות, סמרטוטים וכו' — תמורת תשלום זעום.

פליטים

חלף החורף עם הכפור העז והגיע הקיץ. קימעא קימעא החלו להסתגל למצב. הפליטים מלודז' פיתחו תעשיה טכסטילית, בצורה פרימיטיבית. פליטים מערים אחרות של חלקי פולין, הכבושים בידי הנאצים, החלו להתארגן בקואופרטיבים (נגרים, סנדלרים, חייטים וכיו"ב) ואליהם הצטרפו פועלים מאנשי־המקום. פתאום הכריזו השלטונות, שהפליטים הרוצים לחזור לבתיהם בכיבוש הגרמני — תינתן להם הרשות לכך.

הפליטים, שסבלו ממצוקת דיור ומחסור במזון ובגדים, ברובם הגדול נתפתו לכך והצהירו על נכונותם לחזור למקומות־מגוריהם הקודמים. בגמר הרישום של הרוצים

לחזור, נאספו אלה בלילה אחד ע״י המשטרה וגורשו לסיביר. בין השאר, הוצאו בתקופה הנדונה, לגירוש גם אנשים שנחשדו באי־לויאליות כלפי הרשות כגון קצינים ופקידים פולניים, בעלי־אחוזות וכיו״ב.

תנאי העבודה

העבודה במפעלים התנהלה תחת פיקוח קפדני והיתה השגחה רצופה על פריון העבודה. אם פועל איחר לעבודה רבע שעה, קיבל בפעם הראשונה — נזיפה; בפעם השניה — נכוי של 25% משכרו; בפעם השלישית — צפוי היה לחצי שנת־מאסר. בלי אישור־רפואי אסור היה להעדר מהעבודה, והרופאים פחדו לתת אישורים. ביכרו לעבוד גם במצב של מחלה. כי רק כשהיתה המחלה גלויה ורצינית, אפשר היה להעדר מהעבודה.

בטחנות־קמח ובמפעלי־החרושת האחרים שהולאמו, עבדו הבעלים הקודמים כפועלים. חברי המפלגה מבין הפועלים היו מטיחים בפניהם, לעתים קרובות את חטא העבר, בהיותם „קפיטליסטים ומנצלם״, ואיימו למסרם לשלטונות באשמת אי־נאמנות למשטר החדש.

את הזמן כיוונו לפי שעון מוסקבה, היינו: בשעתיים קדימה מכפי שהיה קודם לכן. יצא, איפוא, שלעבודה הלכו בחשכה וחזרו בחשכה.

אורחים חוזרים מבני־העיר

באחד הימים הופיע בעיר שמעון מודק, שעזב את המקום עם הסובייטים הנסוגים בשנת 1920. הוא בא כקצין־צבא בדרגת פולקובניק ונשא נאום באסיפה ציבורית. אחריו הופיעו: חוה גוטליב, אשר לוין ודוד שפטריק — כולם בתפקידים גבוהים.

אורחים־חוזרים אלה שהו בעיר מספר ימים בלבד; הם ערכו קניות של בגדים, שעונים וכל מה שהשיגה ידם, ונסתלקו כלעומת שבאו.

החלו לזלזל בדת, והיו שחדלו למול את בניהם. ביחוד הפגינו את „אדיקותם״ בדת־החדשה — המועמדים למפלגה הקומוניסטית. הדבר גרם מורת־רוח ומפח־נפש לרוב תושבי העיר, ששמרו על מסורת אבותיהם. הזקנים המשיכו לבקר בבתי־הכנסת ולהתפלל, אולם צעירים כמעט שלא נראו שם והם עבדו גם בשבתות ובחגים. לחג הפסח נאפו מצות ע״י ה„ארטלים״ של אופים והמצות נמכרו בצרכניות.

חינוך ותרבות

נפתחו כמה בתי־ספר עממיים נוספים, הונהג לימוד־חובה בגיל 7—14 שנה וניתנו סטיפנדיות לתלמידים מצטיינים. הלימודים התנהלו באוקראינית ורוסית. נפתח גם סמינר למורות, שהמרצים בו היו מהחוץ.

בבית־הספר הקודם של „תרבות״ החלו ללמד באידיש, אך בגלל ההסתייגות של ההורים („אין תכלית באידיש״) עברו גם בבית־ספר זה לאוקראינית ורוסית.

נפתח מועדון לנוער, עם חדרי־קריאה ומשחקים וכיו״ב. נוסדו חוגים ללימוד

ה„קונסטיטוציה הסטאלינית", תולדות המפלגה ולבירור נושאים אקטואליים בעלי אופי מפלגתי.

ה־1 במאי, יום המהפכה האוקטוברית, יום הצבא האדום — בימים אלה היו ימי־חג המוניים, בהם נערכו אסיפות־עם, תהלוכות וחגיגות.

התגייסות מרצון למכרות דונבאַס

עם גבור המצוקה הכלכלית, החלו רבים לעקוב אחרי אפשרויות של שינוי מקום, לשם שיפור התנאים, כאשר נפתחה תעמולה בדבר התגייסות לעבודה בדונבאַס, נמצאו „קופצים" על הזדמנות זו. אני הייתי בין המתגייסים והצטרפתי לאחת הקבוצות שיצאה ללבוב, שם נקבע מקום־הריכוז. חלק התחרט מיד עם בואם ללבוב וסירב להירשם, אולם השאר נרשמו. בין הנרשמים מדומברוביצה היו: חיים רויזין, שמואל פרלשטיין, מנדל יפה, חיים מודריק, לייב שיינמן, משה פרלשטיין; ואחדים מהפליטים, שהשתקעו בדומברוביצה לאחר פרוץ המלחמה. רוב הנרשמים היו נוצרים.

כונסנו לתוך קרונות־משא והוסענו מזרחה. שבעה ימים נמשכה הנסיעה. כשהיינו באזור הפולני, נראו עוד סימני חיים כלשהם, אולם כשעברנו את הגבול הקודם ונכנסנו לרוסיה, התחילו סימני הדלות לתת אותותיהם. בתחנות־הרכבת אפשר היה להשיג רק מים רותחים.

בשבוע המסע סיפקו לנו: לחם, סוכר ודגים מיובשים. כשהתקרבנו למטרה, הופיע פקיד ורשם בגיר על כל קרון את שם הנקודה, אליה מיועד הקרון. הדומברוביצאים ובני הסביבה היו בקרון אחד והם הובאו כולם לנקודה שסומנה על הקרון. הגענו לשם בבוקר השכם ונלקחנו מיד לאכסניה ציבורית, שמנתה חדרים רבים (6 מיטות בכל חדר). הובאנו אח"כ ל„בית־תרבות", שם הסבירו לנו את מהות העבודה שצפויה לנו והודיעו, שנעבוד רק 6 שעות ביום. לפני שהתחלנו בעבודה נערך למעננו קורס מיוחד של שבוע ימים, שם לימדונו הלכות־זהירות, סדרי ירידה ועליה במכרות ותנאי־העבודה, בכלל.

בגמר הקורס הובאנו למשרדי המכרה, שם חילקו לנו בגדי עבודה ופנסים. הורידו אותנו במעלית לעומק של קילומטר וחצי, שם היה חום נורא. למטה חולקו התפקידים: מי במשור חשמלי, מי בפטיש ומי בדינמיט. עבודתי אני היתה, חיזוק העמודים במקומות החלולים, משם הוצא הפחם. היו מקומות, שאפשר היה לעברם רק בזחילה. במקרה של אסון — סתימת פתח — היו זוחלים מרחק קילומטר וחצי במים, עד שהגיעו למעלה. היו מקרים של אסונות, הרוגים ופצועים.

העבודה היתה מייגעת, אעפ"י שנמשכה רק 6 שעות. בגמר העבודה היינו רוחצים במים חמים. התנאים הו קשים: אויר דחוס, אוכל רע, תלבושת דלה, שינוי מתמיד במזג האויר (למעלה קר ולמטה חם); ונוסף על כל זה — גניבות וסכסוכים תמידיים.

עבר חודש ימים — נפצעתי והוכנסתי לבית־חולים, שם שהיתי כשבועיים. כתבתי לדודי בחארקוב, שברצוני להתראות אתו והוא הזמינני לבוא אליו. בצאתי מבית־חולים עסקתי במקח־וממכר ב„שוק השחור" והרווחתי קצת כסף. החלטתי לעזוב את

המקום וכעבור כמה ימים הגעתי ברכבת לקויבישב. בדרך גנבו ממני את התעודות, האוכל והכסף, אך הנוסעים ברכבת עזרו לי וחילקו אתי את מזונותיהם. בקויבישב הודעתי למשטרה על גניבת התעודות שלי וקיבלתי תעודת־זהות חדשה.

הצלחתי להגיע אל דודי בחארקוב, כשהנני רעב, תשוש־כוח ורועד מקור. שהיתי שם כשבועיים ימים, וכאשר געגועי הביתה גברו עזבתי את בית הדוד והגעתי לקיוב. הקור היה גדול והותקפתי בכאב־אזנים עז. מקיוב הגעתי לתחנת זדלבונוב, שם צריך היה להצטייד ברשיון כדי לעבור את הגבול הקודם (בין רוסיה לפולניה). התערבתי בשורת אנשים בעלי רשיונות והצלחתי לעבור אתם את הגבול וכך הגעתי לרובנה. לאחר יומיים חזרתי לדומברוביצה. במרוצת הזמן חזרו העירה באופנים שונים גם שאר חברי הקבוצה, שהתגייסו מרצון, כמוני, למכרות דונבאס.

גיוסי־כפייה למבצעים צבאיים

באפריל 1941 גוייסו לעבודה פועלים שהיו נאמנים למשטר והם נשלחו לבסרביה, שם עבדו לפי מכסות של פריון־עבודה. מגוייסים אלה חזרו העירה זמן קצר לפני פרוץ המלחמה עם גרמניה.

בתקופה זו התחילו לבנות ע״י דומברוביצה שדה־תעופה תת־קרקעי. למטרה זו הב־או אלינו פועלים רבים ממקומות מרוחקים, בני עמים שונים: קירגיזים, אוסטיקים ואחרים.

בני העיר, שלא היו מועסקים בעבודות קבועות, חייבים היו למלא מכסות של עבודות־כפייה במשך שבועיים ימים. על האיכרים הוטלה החובה לספק סוסים ועגלות לעבודה.

ערב מלחמה

חלף החורף של שנת 1941, בא האביב, חודש מאי הגיע. אימת פורענות חדשה החלה מרחפת באויר, אימת מלחמה עם גרמניה.

היו סימנים בולטים לכך. כל המגוייסים לעבודה שחזרו מבסרביה, גויסו מחדש לאחר שהותם בעיר כמה ימים בלבד, והם נלקחו למחנה צבאי. באסיפות־עם התריעו התועמלנים: „עומדים להתקיפנו!״. פני האנשים שוב לבשו קדרות, נעשו חיוורים יותר ונחרשו עוד קמטים עליהם, נוספו שערות־שיבה, התוגה והדאגה נשקפו בעינים. האנשים התהלכו אובדי עצות: לנסוע? להישאר? לברוח? לאן?...

איכרי העיר והסביבה לבשו עזות ופניהם הביעו שמחה: „עוד מעט וניפרע משלטון הז׳ידים והקומוניסטים״ — מילמלו.

המלחמה החלה

ב־22 ביוני 1941 החלו הגרמנים להפציץ את ערי רוסיה, צנחנים גרמניים הוצנחו במקומות שונים באוקראינה, והאיכרים החביאום במקומות־סתר. גם בסביבת דומברוביצה הוסתרו צנחנים ע״י האיכרים.

יענעם שבת, נאָך מיטאָג, איז מיין מאַמע פלוצים אַריינגעלאָפן אין בעקעריי און אויסגערופן: „קום גיך אַהיים, ס׳איז אַ גרויסער חורבן, אַלע יונגעלייט פּאַקן זיך״. איבער די גאַסן זענען אַרומגעלאָפן מענטשן, געוויינט און געשריגן: — וואָס טוט מען, דער דייטש האָט שוין פאַרנומען סאַרנע!

שבת־צו־נאַכט, 12 אַזייגער, האָב איך און מיין עלטערער ברודער אשר זיך דערלאַנגט צו דער באַן־סטאַנציע. עס זענען דאָרט געשטאַנען צוויי וואַגאָנען, אָנגעפּיקעוועט מיט מענטשן — דאָס רוב סאָוויעטישע באַאַמטע און אַקטיווע שטעטלדיקע קאָמוניסטן, וועלכע די אָרטיקע מאַכט האָט באַשלאָסן צו עוואַקויִרן אין טיף רוסלאַנד. אַ חוץ אונדז זענען

דאָרט געווען צענדליקער יידישע יונגעלייט, פאַר וועמען ס'איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ אין די וואַגאָנען. אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע יונגעלייט האָבן באַשלאָסן זיך לאָזן צופוס אין וועג אַריין. אויפן פרימאָרגן האָט מען פלוצים צוגעפירט צו דער סטאַציע נאָך צוויי ליידיקע וואַגאָנען און אין געציילטע סעקונדעס האָבן זיי זיך אויסגעפילט מיט מענטשן אין יעדן איינעם פון די 4 וואַגאָנען זענען געווען בערך 50 פּערזאָן, אַזוי אַרום איז פאַראַן אַ גרונט אַז בערך 200 דאָמבראָוויצער יידישע נפשות האָבן זיך דאַן געלאָזט אויפן וואַנדער־וועג, אַנטלויפנדיק פון דייטש.

זונטיק, אַרום עלף אַזייגער פאַרמיטאָג, האָט מען צוגעטשעפּעט אַ לאָקאָמאָטיוו און אונדזער עשאַלאָן האָט גענומען רירן פון אָרט. דער געוויין פון די פאַרבלייבנדיקע משפחה־מיטגלידער, דאָס רוב עלטערע טאַטע־מאַמע, איז געווען אומבאַשרייבלעך. מיין מאַמע איז נאָכגעלאָפן דעם פאָרנדיקן עשאַלאָן, האָט געריסן די האָר פון קאָפּ און געשריגן צו מיר, אַז איך זאָל פאַרבלייבן. אָבער מיין ברודער אָשר האָט מיך אָנגעכאַפּט שטאַרק ביי די הענט און נישט אָפּגעלאָזן ביז דער עשאַלאָן האָט זיך דערווייטערט פון דער סטאַציע און איז אַריין אין פולן גאַנג.

אין סאַרנע האָט מען צו אונדזער עשאַלאָן צוגעטשעפּעט נאָך וואַגאָנען מיט „ביע־זשענצעס" פון די אַרומיקע שטעטלעך און מען האָט אונדז געריכטעט נאָך קיעוו. די צוגעגעבענע וואַגאָנען, אַזוי ווי אונדזערע, זענען אויך געווען „טיעפּליאַטניקיעס" — וואַגאָנען צום פירן בהמות, ברודיקע און אָן בענק. ווען מיר האָבן איבערגעשריטן דעם אַמאָליקן פּויליש־רוסישן גרענעץ, האָבן מענטשן געטענהט: — די רויטע ארמיי טרעט אָפּ ביז צום אַלטן גרענעץ, און פון דאַנען וועט זי שוין מער נישט אָפּטרעטן; עס וועט נעמען אַ פּאָר טעג און מיר וועלן צוריק זיין אין דער היים. אָט די „פּאָר טעג" זענען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וואָכן, די וואָכן אין חדשים, די חדשים אין לאַנגע יסורימדיקע יאָרן.

אַ טייל פון אונדזערע מיטפאָרנדיקע האָבן געראַטן מיר זאָלן אין קיעוו פאַרלאָזן דעם עשאַלאָן און דאָ פאַרבלייבן. צום מזל האָבן מיר דאָס נישט געטאָן (מיט דריי וואָכן שפּעטער האָבן די דייטשן פאַרנומען קיעוו) און מיר זענען דערפאָרן מיט אונדזער עשאַלאָן ביז פּאָלטאַווע. אַ טייל פון די דאָמבראָוויצער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ קאָלכאָז לעבן פּאָלטאַווע. איך מיט מיין ברודער און נאָך אַ 30 פּערזאָן זענען געשיקט געוואָרן אין אַ ווייטערן קאָלכאָז ביי דער שטאָט נאָוואָ־סענזארא, וווּ מיר האָבן געאַרבעט אַ פּאָר וואָכן. נאָכדעם האָב איך און מיין ברודער אָשר, ווי אויך מילקע און יענטל פּיעטשעניק (דעם רבס טעכטער), פייגל און זלאַטקע מושער — מיר אַלע צוזאַמען האָבן זיך אַריבער־געצויגן אין שטאָט אַריין. דאָרט האָבן מיר געטראָפן יחיאל פּישמאַן מיט זיין פרוי און זלאַטקע בריק. יענטל און פייגל האָבן געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל, און אַלע איבעריקע — אין אַ פאַבריק פון וועגענער. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען מיין ברודער אשר מאָביליזירט אין דער אַרמיי און פון דאַן בין איך געבליבן אַן איינזאַמער.

דערווייל האָט די דייטשישע אַרמיי זיך גערוקט פאָרויס, און מען האָט גענומען שמועסן, אַז אירע פאָרפּאָסטנס דערנענטערן זיך צו פּאָלטאַווע. איך האָב זיך פאַרשטענדיקט

מיט עטלעכע דאַמבראָוויצער פון די אַרומיקע קאָלכאָזן, מיר האָבן דערשנאַפּט אַן עשאַלאָן וואָס גייט אויף דרום און האָבן זיך דערלאַנגט קיין פּסקאָוו. דאָרט האָבן מיר זיך איבער־געזעצט אויף אַן עשאַלאָן וואָס איז געגאַנגען אויף קאַווקאַז און דערפאָרן ביז מינעראַלנע־וואָדי. מען האָט אונדז איינגעהאַלטן און פונאַנדערגעשיקט אויף אַרבעט אין די אַרומיקע קאָלכאָזן. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען ווידער מאָביליזירט די מענער, וואָס האָבן זיך מיט אונדז עוואַקויִרט. מיט מיר זענען דאָרט פאַרבליבן צוויי קוזינס קאַראַס (זון פון די צוויי ברידער־קאַוואַליעס פון קרופּע), ווי אויך די פרוי פּישמאַן מיט אַ פּיצל קינד, מילקע פּיעטשעניק, זלאַטקע סלוצקי און זלאַטקע מושער.

מיט צוויי חדשים שפּעטער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן דערנעענטערן זיך צו אונדזער ראַיאָן. די אַלע אויבנדערמאָנטע דאַמבראָוויצער האָבן זיך צונויפגערעדט צו טרעפן אויפן וואָקזאַל און וואַנדערן ווייטער. אָבער אויפן וואָקזאַל האָט די פּאָליציי פאַרהאַלטן די מענער. (מיר און די צוויי קוזינס קאַראַס) און צוגענומען ביי אונדז די פּאַספּאָרטן מיר זאָלן נישט קאָנען אַנטלויפן. די פרויען האָבן אויף אונדז געוואַרט אַ פּאָר טעג און זענען אַליין געפאָרן ווייטער. מיר, די „מענער", האָבן זיך געמוזט אויפהאַלטן אַ חודש צייט אויפן פּלאַץ, און נאָכדעם איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן. אונדזער פּלאַן איז געווען — אַריבערכאַפּן זיך איבער דעם קאַספּישן ים און זיך דערלאַנגען קיין מיטל־אַזיע. מען האָט געשמועסט, אַז דאָרט איז שוין עק־וועלט און אַהין וועלן די דייטשן זיכער נישט דערגייך. צו אונדזער גליק זענען טאַקע אַהין די דייטשן נישט דערגאַנגען, אָבער מיר האָבן זיך נאָכהער איבערצייגט אַז דאָרט איז נאָך נישט עק־וועלט. אַ סך יידן האָבן זיך שפּעטער פון דאָרט אַרויסבאַקומען, מיט דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי, דורך פּערסיע קיין ארץ־ישראל.

אין אַ קאָלכאָז ביי בוכאַרע

ס'האָט גענומען מער ווי אַ חודש ביז מיר האָבן זיך דערלאַנגט פון קאַווקאַז קיין אוזבעקיסטאַן, און זיך פאַרהאַלטן אין בוכאַרע. מען האָט אונדז געשיקט אַרבעטן אין אַ קאָלכאָז — אַן אָרעמער און אַן אָפּגעשטאַנענער. אונדזערע וווינונגס־באַדינגונגען זענען געווען אומדערטרעגלעכע, און דאָס עסן — קוים די נשמה צו דערהאַלטן. אָבער אַרבעטן האָט מען געמוזט פון זון־אויפגאַנג ביז גאָר שפּעט. קיין יונגע מענער זענען כמעט נישט געווען — זיי זענען געווען אויף די פראָנטן — און מיר, די דריי אונטערוואַקסנדיקע יידישע יינגלעך, האָבן געדאַרפט אויספילן אַלע שווערע מאַנסבילערישע אַרבעטן אין קאָלכאָז. דער פאָרזיצער פון קאָלכאָז, פלעגט כמעט יעדן טאָג און אונדז אַריינטענהן סטאַלינס תורה און אַזוי זאָגן: „צי ווייסט איר כאָטש, אַז ביי אונדז אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד היטן מיר אָפּ סטאַלינס געבאָט — ווער עס אַרבעט נישט, דער עסט נישט!". מיר, פון אונדזער זייט, האָבן פולשטענדיק אָפּגעהיט די ערשטע העלפט פון דעם געבאָט; אָבער ער, דער פאָרזיצער פון קאָלכאָז, האָט באַגאַטעליזירט דעם צווייטן טייל פון געבאָט — קיין עסן האָט ער אונדז נישט געגעבן...

אַלס רעזולטאַט פון דעם שמוץ און הונגער וואָס האָט געהערשט אין קאָלכאָז איז

דאָרט אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. איך און איינער פון די קרופּער ייִנגלעך זענען אויך געטראָפן געוואָרן פון דער עפּידעמיע און מען האָט אונדז ביידן געגומען אין שפּיטאָל. איך האָב זייער שטאַרק געפיבערט און די טעמפּעראַטור איז ביי מיר געשפּרונגען ביז איבער 40 גראַד. איך בין געלעגן אַן איינזאַמער און נידערגעשלאָגענער אין שפּיטאָל, נישט הערנדיק קיין טרייסט־וואָרט און נישט האָבנדיק קיינעם פאַר וועמען מען קאָן זיך אין אַזוינע מאָמענטן פון האַרצן אַראָפּרעדן. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, אַז דווקא אין יענע טעג, וואָס כ׳בין געלעגן אין שפּיטאָל, האָט מיר אַרומגעכאַפּט אַ פּיינלעכע בענקשאַפט אַהיים, און אין מיין צעהיצטן קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט איבערלעבענישן און זכרונות פון די פאַרלאָפענע קינדער־יאָרן אין דאָמבראָוויץ.

איינמאָל האָט מיך דער טרוים פאַרטראָגן אויף אַ מאָנטיקדיקן אָדער דאָנערשטיקן יאַריד אין דאָמבראָוויץ, און כ׳האָב אַ לענגערע צייט געפּלוידערט מיט מיין טאַטן משה באַרמאַן ע״ה — דער סטעלמאַך, וועלכער האָט דווקא „יענעם־טאָג״ פאַרקויפט אַ סך רעדער און געהאַט אַ גוטן פדיון. אַ צווייט מאָל האָב איך זיך געפונען, אין טרוים, ביי „משה־רבנו״ אין חדר. אַ חוץ „משה־רבנו״ האָט מען דעם זעלבן רבי אויך גערופן „די קאַטשאַלקע״, ווייל אַנשטאָט אַ לעדערנעם קאַנטשיק פלעגט ער נוצן אַ הילצערנעם וואַלגערהאָלץ (אַ קאַטשאַלקע). ער איז געווען אַ טייערער ייִד, אַ תלמיד־חכם, און אַריינגעלייגט דעם גאַנצן לעבן, אַז זיינע תלמידים זאָלן עפּעס קענען. אין יענעם טרוים מיינעם, האָב איך אים געזען, ווי דער רבי שטורכעט מיר מיט דער קאַטשאַלקע און מורמלט: — שייגעץ־יונגאַטש, דו ווילסט נישט לערנען... אַן אַנדער מאָל, האָט מיך מיין טרוים איבערגעטראָגן אין דער אַמאָליקער „תרבות״־שולע, ווו איך האָב געלערנט. און האָב געזען ווידער מיינע חברים־שילער און די לערער. מיין טרוים איז פאַרשווּנדן, ווען עס איז פּלוצים אַריין אין קלאַס מאַנציע מיט די גרויסע ברילן אויפן שפּיץ נאָז, און זיך צו מיר אָנגערופן: — געלט האָסטו געבראַכט (געמיינט דעם שכר־לימוד), אויב נישט — לך הביתה...

ווען די קאָשמאַרן אין שפּיטאָל האָבן מיר פאַרלאָזט, איז דאָס געווען אַ בולטער סימן, אַז די היץ איז ביי מיר געפאַלן. צוגלייך מיט דעם האָט מען מיר אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און צוריקגעשיקט אין קאָלכאָז. אָבער די היץ־חלומות האָבן אויפגעוועקט אויפסניי מיין זכרון, און פון דאַן אָן פלעג איך נישט נאָר אין שלאָף, נאָר אויך אויף דער וואָר טרוימען גאָר אָכט וועגן דעם שטייגער־לעבן אין דאָמבראָוויץ. יעדע געשעעניש אָדער דערשיינונג אין מיין איצטיקן לעבן אין קאָלכאָז, פלעגט ביי מיר דערוועקן אַנאַלאָגישע רעמינעסצענצן פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דאָבראָוויץ.

ווען כ׳האָב, אַ קראַנקער און אָפּגעשוואַכטער, זיך דערשלעפּט פון שפּיטאָל צוריק אין קאָלכאָז (ס׳איז געווען בלויז 2 קילאָמעטער גאַנג, אָבער ביי מיר האָט דאָס געדויערט איבער 4 שעה) — האָט זיך ביי מיר אַנטפּלעקט, אַז דאָס עסן ווערט צוגעטיילט נאָר פאַר די קאָלכאָז־איינוווינער וואָס גייען אַרויס צו דער אַרבעט. היות ווי איך האָב קיין כוח געהאַט אַרויסגיין צו דער אַרבעט — האָב איך נישט באַקומען צוגעטיילט קיין עסנוואַרג, אַזוי אַרום אַז כ׳בין געווען אויסגעשטעלט אויף פולשטענדיקן הונגער. אָבער די איינפאַכע

קאַלכאַז־איינוווינער (ספּעציעל 5 יידישע משפּחות, עוואַקואירטע פון דניעפּראָפּעטראָווסק), האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין גורל און האָבן מיך אויסגעהאַלטן אַ פּאָר חדשים, טראָץ דעם וואָס די צוגעטיילטע שפּייז־ראַציעס האָבן זייער הונגער זעלבסט נישט געקאָנט שטילן. אין יענע טעג האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער גרויסער ספּאָנטאַנישער הילפס־אַקציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע קרייזן פון דער דאָמבראָוויצער יידישער באַפעלקערונג, ווען ס׳איז דורכגעגאַנגען אין שטעטל די כוואַליע פון יידישע און פוילישע היימלאָזע, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ליגנדיק איינזאַם אויף אַ שטרוי־זאַק אין אַ פינצטערער „קיביטקע", ערגעץ־ווו אין וויטן אוזבעקיסטאַן, האָב איך אין יענע טעג נישט איינמאָל געטראַכט: גרויס און אומבאַגרייפלעך איז דאָס געפיל פון מענטש־לעכער סאָלידאַריטעט, אָבער קליין און אומפאַרשטענדלעך איז דאָס געזעץ פון מאַכט־האָבעריי. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אויפסניי דאָס בילד פון סעפּטעמבער 1939 יאָר, ווען די טרופּן פון דער סאָוויעטישער באַפרייאונגס־אַרמיי האָבן באַזעצט דאָס שטעטל — ווען „שמחה און גדולה" האָט אַרומגעכאַפּט כמעט אַלע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג. ליגנדיק אַ קראַנקער, און הונגעריקער אין דעם קאַלכאָז ביי בוכאַרע, האָבן אין מיינע אויערן אָפּגעהילכט די שיינע פראַזן, וועגן דער מדינה פון מענטשלעכער פרייהייט, גלייכהייט און ליבשאַפט, וועלכע כ׳האָב געהערט מיט בלויז 2 יאָר פריער אויפן דאָמבראָוויצער מאַרק־פּלאַץ, פון די סאָוויעטישע פּאָליטישע קאָמיסאַרן. און אויף מיין צעווייטיקטער און אומעטיקער נשמה איז מיר געוואָרן נאָך פיינלעכער און נאָך טרויעריקער...

אין דער סאָוויעטישער אַרמיי

נאָכדעם ווען כ׳האָב זיך אַ ביסל אויסגערוט און דערקוויקט נאָך מיין קרענק, האָב איך באַשלאָסן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. כ׳האָב זיך געמאָלדן צו דער מיליטערישער מאַכט און געזאָגט, אַז כ׳וויל פרייוויליק גיין קעמפן אויפן פראָנט קעגן די דייטשן. אָבער ווען מען האָט מיר צוגעשטעלט צו אַ מעדיצינישער קאָמיסיע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין געזונט־צושטאַנד איז אַן אינוואַלידן־צושטאַנד (כ׳בין געווען געשוואָלן פון נישט־דערנערונג און בלוט־אָרעם) — אַזוי אַרום, אַז כ׳קאָן נישט גענומען ווערן צו אַקטיווער מיליטערישער דינסט. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך זיך ווידער געמאָלדן צו דער מיליטערישער מאַכט און ווידער אַמאָל געפאָדערט מען זאָל מיך מאָביליזירן אין דער אַרמיי. דאָס מאָל האָב איך נישט געוואָלט נאָכגעבן, און מען האָט מיר באַוויליקט איינ־גלידערן אין דער מיליטערישער אַרבעטס־אַרמיי. פון בוכאַרע בין איך געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין אַ מיליטערישער פאַבריק נעבן מאָסקווע.

די אַרבעט אין דער פאַבריק איז געווען אַ גרינגע, און דאָס עסן אַ גוטער. אַזוי אַרום, האָב איך זיך אומגעקערט צו מיינע כוחות און כ׳האָב זיך געשטאַרקט. ווען מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרבעסערט און כ׳האָב זיך דערפילט פולשטענדיק געזונט, האָט מען מיך איבערגעשיקט אין אַ מיליטערישן לאַגער פאַר אויסבילדן אַקטיווע קאַמפּס־גרופּן. נאָך דריי חדשים האָט מען מיך איינגעגלידערט אין אַ קאַמפּס־איינהייט, וואָס האָט זיך

פאַרמירט אין לענינגראַד. דאָס איז געווען אין אָנהויב פון 1944, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט באַשלאָסן דורכברעכן די לאַנגע בלאָקאַדע אויף לענינגראַד.

כ'האָב אָנטיילגענומען אין אַ ריי קאַמפּס־אָפּעראַציעס פון דער סאָוויעטישער אַרמיי לענג־אויס דעם צפון־מערבדיקן פראָנט־אָפּשניט נאָכדעם ווי ס'איז דורכגעבראָכן געוואָרן די בלאָקאַדע אויף לענינגראַד. נאָך דער ענדע פון דער מלחמה, בין איך פאַרבליבן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי (אין עסטלאַנד) ביזן יאָר 1947. נאָכן באַפרייען פון דער אַרמיי, האָב איך זיך דערלאַנגט אַלס פּוילישער רעפּאַטריאַנט קיין פּוילן.

איך פאָר אַהיים...

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די יידישע באַפרייאונגס־מלחמה אין ארץ־ישראל (מאַי 1948), האָב איך זיך געפונען אין שטשעטשין (פּוילן). גאָר צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ קאָנספּיראַטיווער מאָביליזאַציע פון יידישע פּאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע — צום קאַמף אין די רייען פון דער ישראלדיקער אַרמיי. כ'האָב גלייך געמאָלדן מיין גרייטקייט אָנטיילנעמען אין דעם דאָזיקן קאַמף, און אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך אָנגעקומען קיין ישראל.

דעם וואַנדער־שטעקן וואָס כ'האָב געמוזט נעמען אין האַנט אין דאָמבראָוויץ, אַנטלויפנדיק פון די דייטשן אין יוני 1941 יאָר, — האָב איך נאָך 7 שלעכטע־שווערע־יאָר אריינגעוואָרפן אין די טיפענישן פון ים, ביי די ברעגעס פון אַ זעלבשטענדיקער יידישער מדינה, מיט דער האָפענונג, אַז כ'וועל דעם דאָזיקן שטעקן שוין מער נישט באַדאַרפן...

סנדר שווארצטוך

אין טויט־פייער ביים שטילן דאָן...

מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך ארויסגעיאָגט, כ'זאָל אַנטלויפן פון דאָמבראָוויץ, ממש אין דער לעצטער מינוט, כמעט פון אונטער דעם דייטשס הענט. זיי זאָגן צו מיר: „לויף און ראַטעווע זיך" — מיט אויגן פאַרווייִנטע און גלייכגילטיקע צו אַלץ. עד היום איז מיר קשה, פאַרוואָס זענען דעמאָלט אַלע נישט אַנטלאָפן. זיי האָבן דאָך שוין געוווּסט, אַז די היטלעריסן ברענגען נישט פאַר יידן קיין אַריכות־ימים.

דער וועג, איבער וועלכן איך גיי־לויף, איז באַדעקט מיט יידיש בלוט. אומעטום ליגן יידישע הרוגים. נעבן זיי טוליען זיך, אין האַרץ־רייסנדע געוויינען, פּיצעמאָנינקע יידישע קינדערלעך. גויים לויפן נישט, — בלויז יידן לויפן. אויך צעקלאַפּטע רעשטלעך פון רוסישע ארמייען טרעטן אָפּ. זיי ווערן באַשאָסן דורך דער גויישער, אַרטיקער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן לויפן יידן מיט זיי מיט. דער דייטש מיט זיין אַוויאַציע זייט

כמעט אומגעשטערט טויט און פאַרניכטונג. דער גאַנצער וועג איז שוין דאַן געווען באַפּאַרבט מיט יידיש בלוט.

און אַזוי האָבן מיר, דאָמבראָוויצער יינגלעך, איך און אבא טויזנער, זיך דערשלאָגן אויף יענער זייט וואָלגע, אין סאַראַטאָווער געגנט, און זיך איינגעגלידערט אין קאָלכאָז, „קראַסני־פּאַרטיזאַן". מיר האָבן גערעכנט זיך אַ ביסל אויסרוען, אָבער מיר ווערן אַרויס־געכאַפּט און אַוועקגעשיקט אין אַן אָפיצירן־שולע. אין מאַנאַטן אַרום דערזען מיר זיך אויפן ברעג פון שטילן דאָן, אויפן פראָנט, אין די ערשטע רייען, ווי קאָמאַנדירן פון קליי־ניטשקע פוסגייער אָפּטיילונגען.

מיר ליגן אויפן לינקן ברעג, אין א טאָל. דער דייטש איז באַפעסטיקט אין שוצגראָבן, אויפן רעכטן ברעג דאָן, אויף בערגלעך. צו יענער צייט הייסט עס, אַז אויפן פראָנט איז פּיל־וויניק רויק. מיר האָבן צייט זיך צוהערן וואָס עס שרייבן די רוסישע צייטונגען. מיר לייענען וועגן די גרויזאַמקייטן פון די דייטשן איבער דער ציווילער באַפעלקערונג, וועגן בעסטיאַלע מאָרדן און אויסגעראָטענע יידישע קהילות. די יידישע סאָלדאַטן און יידן־אָפיצירן אין פּאָלק זענען אומרויק. עס קלעמט מיין האַרץ אין צער פאַר מיין שטעטעלע דאָמבראָוויץ. איך וויין אויפן גורל פון מיין טאַטע־מאַמע.

איך און אבא טויזנער, ווען מיר קומען זיך צוזאַמען אין די טראַנשייען, האַלטן מיר אין איין שמועסן און דאגהן זיך וועגן דער ווייטער היים, דאָמבראָוויץ, אויפן טייך האָרין.

און דאָך גלויבט מען נישט, אַז דאָס וואָס איז באַשריבן אין די צייטונגען, קען באמת געשען. מיר נעמען עס אָן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אַזוי ווי, למשל, עס ווערן דורך אונדז פאַר־שאָטן די דייטשישע טראַנשייען מיט אויפרופן, אַז דער היטלעריזם וועט צעקלאַפּט ווערן און די אָנפירערשאַפט — באַשטראָפט ווערן. דער שכל האַמפּערט זיך, אָבער טיף אין האַרצן נאָגט און ברויזט אַ דורשט צו נקמה. ס׳ווילט זיך זען דעם דייטשס מפּלה.

און זי קומט טאַקע אָן. מען קלייבט צווישן די זעלנער פרייוויליקע פאַר אַן אויסשפּיר־גרופּע. איך רוף זיך אָפּ. אבא טויזנער זאָגט צו מיר: „וואָס טוסטו? — דאָרט איז זעכציק געפאַלן אין א מינוט!". אָבער אין מיר ברויזט און עס לאָקט מיך, צו באַגעגענען זיך מיט דייטשן, אויג אויף אויג.

און איך דערצייל דאָ דעם ערשטן טאַט פון א דאָמבראָוויצער יידישן סאָלדאַט אויפן טייך דאָן, דער לעצטער טאַט אויף דעם פראָנט־אָפּשניט, בעתן ארויסיאָגן דעם דייטש פון זיינע שטאַרק־באַפעסטיקטע שוץ־גראָבן.

נאָך אַ געהעריקער צוגרייטונג, און נאָך אַן אויסשפּירונג מיט דער הילף פון פאַר־גרעסער־גלעזער, שפּיגלען און באַוועגלעכע ראַמען מיט איינגעאָרדנטע רערן ארויף און אַראָפּ, און מיט דער הילף פון מאַפּעס, מעסטער און גוטע זאַכקענערס, — האָבן מיר אין אונדזערע טראַנשייען, באַקומען אַ באַגריף וועגן שונאס אויסשפּרייטונג אויפן בערגל פון דער אנדערער זייט דאָן.

אין א פינצטערער נאַכט, האָט זיך אונדזער גרופּע איבערגעשיפט אויף דער צווייטער זייט טייך. יעדער פון אונדז איז באַוואָפנט געווען מיט לייכט מאַשין־געווער און גראַנאַטן ווי אויך מיט אַן עלעקטריש לעמפּל צו קענען סיגנאַליזירן, אין אַן עת צרה, צו די אייגענע.

די שיפלעך האָבן מיר פארשטעקט אין „קאַמיש" און זיך אָנגעהויבן שטילינקערהייט פויזען און קריכן אין שונאס פּאָזיציעס. מיר הערן ווי עס טופּעט א גרופּע און מען זינגט דייטשישע ניגונים. מיר צעלייגן זיך שיטער: זיבן, אכט מעטער, איינער פון צווייטן און מיר ווארטן אָפּ. מ׳יר איז אויסגעקומען צו זיין דער ערשטער, פון וואנעט די דייטשן דאַרפן אָנקומען. איך בין מיט מיינע מחשבות און געהער קאָנצענטרירט צו דער זייט פון זייער אָנקום.

ווען די דייטשן זענען געווען פון מיר א 15־20 מעטער, דערזע איך, אז איך בין איינער אַליין, — מיינע חברים זענען אַנטלאָפן. איך אָבער קען שוין נישט אַנטלויפן, און איך גיב אַ שלידער פאַרויס אַ גראַנאַט און אַ קוועטש אויפן צינגל פון האַנט־פּולעמיאָט. כהרף־עין דערהערט זיך אַן אויפרייס, און גלייך — אַ יאָמער, אַ ריטשען, אַ קרעכצן. איך זע, אַז ביי מיר אויפן האַרצן ליגט א העלם אין וועלכן ס׳איז נאָך דאָ א טייל קאָפּ. צעטומלטער־הייט, כאַפּ איך די אייזערנע פאַרבלוטיקטע דייטשישע היטל און לויף צו די שיפלעך, אָבער איך האָב פאַרשפּעטיקט: די שיפלעך זענען שוין נישטאָ. אויפן אָרט הער איך אַ טומל, א רופן און אַ קרעכצן. איך אָריענטיר זיך אין מיין לאַגע און צי זיך אָפּ פון ברעג, טיפער אין דער יבשה אַריין, און כ׳פאַרשטעק זיך צווישן קאַרטאָפל־בייטן. דאָס האָט מיך טאַקע אָפּגעראַטעוועט.

די דייטשן האָבן לאַנג געבישטערט דעם ברעג. איך האָב געהאַט פּחד פאַר שמעק־הינט, אָבער דערצו איז נישט דערגאַנגען. אזוי בין איך געלעגן א טאָג און א נאַכט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך געגעסן רויע קאַרטאָפל, און געהאַלטן דאָס פאַרבלוטיקטע היטל נעבן זיך, טאָמער וועל איך עס דאַרפן האָבן ווי אַ זאַכלעכן באַווייז. אויפן דריטן פאַרנאַכט, ווען ס׳ווערט טונקל, האָב איך צוגעפויזט צום ברעג און סיגנאַליזירט מיטן לעמפּל, אָבער — אין קול ואין קשב. אויף דער פערטער נאַכט האָט מען באַמערקט מיינע רופן און געשיקט א שיפל וואָס האָט מיך פאַרנומען. דאָס פאַרבלוטיקטע היטל איז געווען מיין עדות, אז בלויז איך, דער איינציקער, האָב אויסגעפילט די אויפגאַבע. דעם אָפיציר פון אונדזער גרופּע האָט מען דעגראַדירט אין זיין שטאַפּל און מיך האָט מען דערהויבן און נאָמינירט אלס אָנפירער פון אַן אויסשפּיר־גרופּע.

ווען אונדזער גאַנצע איינהייט האָט שפּעטער פאַרסירט דעם טייך דאָן און זיך אריינ־געריסן אין די דייטשישע אָקאָפּעס, בין איך געווען אין דער פאָדערשטער גרופּע, וואָס האָט געזייט טויט מיט מאַשין־געווער צו די אַנטלויפנדיקע דייטשן. ביי דעם אָנגריף איז געפאַלן טויט מיין חבר אבא טויזנער און מיך האָט די האַנט פון גורל געשיצט די גאַנצע צייט. איך האָב דורכגעמאַכט דעם לאַנגן קאַמף־וועג ביז בערלין, און תמיד זיך געריסן מיט די ערשטע גרופּן אין פייער אריין, כדי צו נעמען נקמה פאַר דאָס פאַרגאָסענע אומשולדיקע ידישע בלוט.

אין אַלע קאַמפן אויפן פראָנט, האָב איך תמיד אין זינען געהאַט, אַז מיין אויפגאַבע איז, אַלס ידישער־סאָוויעטישער קעמפער, קודם־כל נעמען נקמה פאַר דאָס פאַרגאָסענע ידישע בלוט, פאַר די צו־יענער־צייט געפייניקטע און געמאָרדעטע ידן אין מיין היים־שטעטל דאָמבראָוויץ. פאַר דעם דאָזיקן ציל בין איך דרייסט געגאַנגען אין קאַמף און געווען גרייט צום אויספילן יעדע סכנהדיקע אויפגאַבע.

עוזר לאנדאו

דער יידישער פּאַלקאָווניק און יידישער גענעראַל

א.

יאַנואַר, 1943. מיר שטויסן שוין אַרויס דעם דייטש פון די רוסישע געביטן. אומעטום זענען מיר נאָר חורבן. מיר באַגעגענען גויאישע פּנימער, אָבער אַ ייד אַפילו נישט אויף אַ רפואה. מיר, די יידישע רויט־אַרמייער, זענען באַאומרואיקט וועגן גורל פון אונדזערע משפּחות.

אין קורסקער געגנט, האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אויף אַן אונגאַרישער איינהייט אין געלע לאַטעס. זיי זענען דורך אונדז געוואָרן אַרומגערינגלט און שטעלן נישט קיין ווידער־שטאַנד. איך, דער ערשטער פּולעמיאָטשיק, באַמערק זיי דער ערשטער און זאָג צו מיין פּאַלקאָווניק: דאָס זענען אוודאי יידן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זענען דאָס טאַקע געווען אונגאַרישע יידן, מאָביליזירטע אין אַרבעטער־באַטאַליאָנען. מיר, אַ צענדליק יידישע רויט־אַרמייער האָבן געוויינט פון פרייד, צוליב דער באַגעגעניש. מיר האָבן זיי געגעבן אַ סידורל. איך זאָג צו מיין פּאַלקאָווניק, אַז זיי פרעגן, וואָס מען וועט טאָן מיט זיי. ענטפערט ער מיר: „גאָט וועט זיי העלפן און לעת־עתה זאָלן זיי נעמען פון די טראָפייען, וואָס זיי ווילן, וואָרעם זיי זענען דאָך אויסגעהונגערטע און צעשלאָגענע". איך האָב באַמערקט, אַז ביים פּאַלקאָווניק זענען די אויגן פייכט. נאָך צוויי יאָר בלוטיקע קאַמפן דערוויס איך זיך, אַז מיין פּאַלקאָווניק איז „משלנו".

ב.

יוני 1945. אונטער דער קאָמענדע פון גענעראַל־לייטענאַנט מאַיסיי גאַווריליאָוויטש, וואָס פירט אָן מיט אַ דיוויזיע אין פּולן מלחמה־סאָסטאַוו, מיט אַ צוגאָב פון אַ דיוויזיאָן אַרטילעריע, טאַנקן און מינענוואַרפער, האָבן מיך אַרומגערינגלט, אין קאָוולער געגנט, אַ גרויסע גרופּירונג פון באַנדעראָווצעס. מיר דערקענען צווישן זיי גויים פון דאָמבראָוויצער אומגעגנט. מיר זאַמלען זיי צונויף אויף אַ גרויסן פעלד. אין פאַרלויף פון שעהן, שטייען אין קאָוועל 17 סאָסטאַוון, צו 80 וואַגאָנען, און מיר פּאַקן זיי צו 70—80 מאַן אין יעדן וואַגאָן. איך שטיי ביים פּולעמיאָט אויף דער וואַך. זיי דערקענען מיך, אַז איך בין אַ ייד און זאָגן מיר אַריין: „אַלץ צוליב די פאַרשאָלטענע זשידעס". איך ווער צעטומלט פון כעס און אויפרעגונג. איך ווייס שוין, אַז דאָמבראָוויצער יידן זענען אויסגעשאָכטן מיט זייער הילף. איך גיב אַ דריק אויפן צינגל פון פּולעמיאָט און אַ צענדליק ליגן שוין טויט.

עס ווערט אַ טומל עד לב השמים: „זשידי" — שרייט מען. באַלד באַווייזט זיך דער גענעראַל, און איך ווער צוגעשטעלט צו אים אונטער אַ וואַך. נאָכן אויסהערן מיך, שרייבט ער און שרייבט, און הייסט מיר אומקערן צו מיין פּאָסטן. איך באַקום לסוף אַ מעדאַל „זאַ אָטוואַגו".

אָט שטייט דער גענעראַל, אויף אַ בימה, און רעדט צו די באַנדעראָווצעס: „איר רויבער, מערדער, פאַררעטער, איצט זענט איר אין די הענט פון דער גערעכטיקייט. איר וועט אָפּגעבן חשבון פאַר אייערע מעשים, אויך פאַר די מאָרדן איבער דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג. איך, גענעראַל מאָיסיי גאָורילאָוויטש גרינשפּאַן, אַ ייד־קאָמוניסט גיב אייך איבער אין די הענט פון דער קאָמוניסטישער גערעכטיקייט".

נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט רעדן, ווענדעט זיך צו אים דער אויפזעער איבער די סאָסטאַוון און פרעגט: „ח' גענעראַל, וואָס פאַראַ עסן באַזאָרגט מען פאַר זיי?" און דער גענעראַל ענטפערט: „דאָס זעלבע וואָס די יידן האָבן באַקומען אויפן וועג קיין מיידאַנעק — געזאַלצענע הערינג, אָן וואַסער"...

בצלאל בערגער

די ארבע מיתות פון מאידאנעק

דעם פעריאָד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך דורכגעמאַכט אין דאָמבראָ־וויץ, ווו מען האָט מיך גערופן „דער כעלעמער בעזשעניעץ", כאָטש פאַקטיש האָב איך געשטאַמט פון זאַמאָשטש. היות ווי סיי כעלעם און סיי זאַמאָשטש געפינען זיך אין לובלינער געגנט, האָבן די דאָמבראָוויצער יידן, כנראה, פאַרביטן די יוצרות און צוגעטשעפּעט אלע דעמאָלסדיקע ביעזשענצעס פון יענער געגנט די באַצייכענונג „כעלעמער", וואָס איז געווען סיי מער באַוווסט און סיי מער אָנדייטנדיק... איך האָב אויף די דאָמבראָוויצער קיינמאָל דערפאַר נישט געהאַט קיין פאַרדראָס; פאַרקערט, כ'האָב זיי זייער געשעצט פאַר דער גאַסטפריינטשאַפט און הילף, וואָס זיי האָבן ארויסגעוויזן פאַר די יידישע פּליטים אין יענעם פעריאָד. אויך נאָכדעם ווי כ'האָב פאַרלאָזט דאָמבראָוויץ, האָב איך סיסטעמאַטיש אָנגע־האַלטן קאָנטאַקט מיט דאָרטיקע פריינד און באַקאַנטע, און זיך באַטראַכט ווי א דאָמבראָ־וויצער לאַנדסמאַן.

אין דעם הינזיכט, בין איך דער איינציקער דאָמבראָוויצער ייד, וואָס האָט דורכגע־מאַכט דעם שרעקלעכן פאַרניכטונגס־לאַגער אין מאידאַנעק, ביי לובלין, און איז פון דאָרט אַרויס א לעבעדיקער. איך פאַרצייכן דאָ בלויז 4 שווידער־בילדלעך, וואָס כ'האָב מיט מיינע אויגן געזען אין מאידאַנעק, בעת וועלכע הונדערטער יידישע נפשות זענען אומגעקומען דורך חניקה, ריסוק־אברים, טביעה און שריפה.

1.

אין ווינטער 1942 האָט מען מיך געבראַכט אין דעם לאַגער און אריינגעזעצט אין אַ קאַלטן באַראַק, אין וועלכן ס'זענען געלעגן אויף די נאַרעס בערך פופציק יונגטלעכע — אלע צעקאַלטשעטע ביז בלוט; זייערע גופים זענען געווען הוילע ווונדן. נאָך האַלבער

נאָכט, זענען אריין אין באַראַק עטלעכע דייטשן, זיי האָבן אראָפּגעצויגן פון די פריש־געקומענע לאַגערניקעס די פּאָסן פון די הויזן, אָנגעצויגן זיי אויף די העלדזער פון די צעקאָטעוועטע יוגנטלעכע און זיי דערשטיקט צום טויט.

.2

פון א פריש־אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט, האָט מען אויסגעקליבן עטלעכע צענדליק ידדן — יונגע און געזונטע. צוערשט האָט מען פון זיי אַראָפּגעצויגן די מלבושים, און נאָכער געלאָזן אויף זיי א סטאַיע צעבושעוועטע הינט. די הינט האָבן זיך געוואָרפן אויף די קרבנות, געריסן און געביסן אַלע אָפּשטייענדיקע אברים, און געפרעסן די גופים, ביז זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמות אין יסורים.

.3

מען האָט אויסגעשטעלט לאַנגע רייען און אויסגעווילט קרוב 200 געזונטע מענטשן, מכלומרשט אויף אַרבעט. דערנאָך האָט מען יעדן צווייטן פון די אויסגעווילטע געבונדן מיט שטריק די פיס און איינציקוויז אראָפּגעלאָזן אין פעסער מיט וואסער, מיט די קעפּ אַראָפּ. ווער ס׳האָט באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן מיט די אייגענע כוחות פון פאַס ארויס, איז דערהרגעט געוואָרן דורך דריקן־שטיקן מיט די פיס אויפן האַלדז...

.4

מען האָט באַגאָסן א שטח־ערד מיט סמאָלע און געבראַכט אהין א גאנצן אויטאָ מיט קינדערלעך. דער אויטאָ האָט זיך איבערגעדרייט אויטאָמאַטיש אזוי ווי מען שיט ארויס זאַמד, און ווען ער האָט זיך דערווייטערט פונעם שטח, האָט מען פון אַלע זייטן אונטערגעצונדן די סמאָלע. דאָס פייער האָט גאָר גיך ארומגעכאַפּט דעם שטח, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געקלאַמערט די איינס־צום־צווייטן אומגליקלעכע קינדערלעך...

*

כ׳קען עד־היום נישט צוטראַכטן: וואָס וואָלטן געזאָגט דערצו די דאָמבראָוויצער רבנים, רביים, דיינים, חזנים און סתם ידדן, חסידים און מתנגדים, וועלכע איך האָב גוט געקענט — ווען זיי וואָלטן דאָס מיט די אייגענע אויגן געזען? צי וואָלטן זיי געהאַט צו טראכטן און צו זאָגן עפּעס אנדערש ווי ס׳איז שוין דערטראַכט און דערזאָגט געוואָרן?... כ׳וויס גענוי וואָס דאָמבראָוויצער ידדן האָבן דורכגעמאַכט — צו ערשט אין זייער געטאָ, און שפּעטער אין סארנע, אין בונקערס, אין וועלדער — וואָס פארא עינויים זיי זענען אויסגעשטאַנען און מיט וואָס פארא מיתות־משונות זיי זענען געפּרוווט געוואָרן. דאָך האָט דער כביכול געטאָן פארמיידן פון זיי די גהינום־עינויים און די ארבע מיתות פון טויט־לאַגער מאַידאַנעק. ס׳האָט שוין עמעצער געזאָגט ביים אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים, אַז מאַידאַנעק איז געווען אַ פּלאַנעטע פאַר־זיך אינעם גיהנום־קאָסמאָס פון 20־טן יאָרהונדערט...

יוסף דובער (פייגעלשטיין)

אין די פּראַנט־קאַמפּן קעגן דייטש

מיין קאַפּיטל יסורים הויבט זיך אָן, ווען כ׳בין געווען אין מיין פריסטער יוגנט. איינער אַליין בין איך אַנטלאָפן אין די דובער וועלדער. פיל וואָכן בין איך געווען אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט, אָן קאָנטאַקט מיט א לעבעדיקן מענטש, זיך געשפּייזט מיט ווילד־געוויקסן, און אין די פינצטערע נעכט געגראָבן קאַרטאָפל אויף די דובער פעלדער. שפּעטער טרעף איך זיך צונויף מיט מיין ברודער יעקב און מיר וואָגלען ביידע פון־אָרט־צו־אָרט אין דער געגנט פון פינסק, יאַנאָווע, דראָהיטשין, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט.

אין יאָר 1943, זענען מיר געווען אין שטענדיקן געראַנגל מיט די דייטשישע גאַר־ניזאָנען פון פינסקער און קאָברינער געגנט. אין 1944, ווען דאָמבראָוויץ ווערט באַפרייט און אויף די דוקאַראָוסקער פעלדער, ווי אויך הינטער אָסטראָווצי, קרופּע, מאַטשולישטש, ווערן קאָנצענטרירט פיל פּאַרטיזאַנער־איינהייטן, בין איך און מיין ברודער, יעקב, אויך צווישן זיי. אין א פּאָר מאָנאַטן שפּעטער ווערן מיר צוגעטיילט צו א פּאָלק, איך — אין איין באַטליאָן און מיין ברודער — אין א צווייטן באַטאַליאָן. מיר מאַרשירן אָפּ צו סטאָלין צו, און פון דאָרט, איבער בלאָטעס, טייכלעך, ביז הינטער פינסק. מיר ווערן אַריינגעוואָרפן אין שיפלעך און מיר פּאַרסירן דעם פינסקער טייך. אין איינער א נאַכט ווערט דער דייטש אַרויסגעקוועטשט פון פינסק און אומגעגנט. פינסק גייט אָפּ אין פלאַמען. עס ברענען אויך די אַרומיקע דערפער. די גאַסן אין פינסק זענען באַדעקט מיט הרוגים: רוסן און דייטשן. פערד און בהמות ליגן צעריסענע. אויפן ברעג, טרעף איך מיין ברודער יעקב, צווישן דרייצן סאָלדאַטן, געבליבענע פון א גאַנצער ראָטע. ער באַגעגנט מיך מיט די רייד: „יוסף, פון געטאָ און פון די וועלדער האָבן מיר זיך אַרויסגעריסן גאַנצע, אָבער דאָ איז אונדזער סוף, און דער סוף פון דעם טאַטנס גרויסער משפחה״.

אין זעלבן טאָג ווערן אָנגעפילט די אויסגעליידיקטע ראָטעס מיט פרישע סאָלדאַטן. מיר לאָזן איבער פינסקער געגנט אין רויטע פייערן, אין עיפּושדיקע געסמאַליעטע גופים, און יאָגן דעם דייטש, וועלכער אַנטלויפט צו בריסק צו. דאָ באַגעגן איך סערניקער יידישע פּאַרטיזאַנער. איך ווער אָן פון אויג מיין ברודער, הגם, ער איז מיט מיר אין איין פּאָלק. מיר לויפן א 60־70 קילאָמעטער אין מעת־לעת און הינטער בריסק, פון דער צווייטער זייט פון אן אָפּגעברענטן דאָרף, שטויסן מיר זיך אָן אויף פּאַרפּעסטיקטע, קענטיק פון פריער צוגעגרייטע, טראַנשייען. די קאָמאַנדירן מעלדן אונדז: „אָט דאָ, נעמען מיר אויף א קאַמף, רוט זיך אָפּ״.

אין צוויי שעה אַרום קומט צו אַן אָפיציר און ס׳הייסט מכלומרשט, אז ער פרעגט ווער עס מעלדעט זיך פרייוויליק אויסצופילן אַן אויפגאַבע, און אין דער אמתן, מעלדעט ער, אַז דער און דער, איך און נאָך אייניקע, מוזן אַרויסקריכן פון די טראַנשייען צופויזען צו דעם דייטשן פונקט און אויפרייסן דעם שונאס באַטעריע, וועלכע באַשיסט אונדז. אָט די סכנה־

דיקע אויפגאבע איז מיר געבליבן אין זכרון מיט איר גאַנצער גרויזאמקייט. איך האָב זיך געקאָטשעט אין נאסע קאנאוועס, בין באמערקט און באשאָסן געוואָרן און דאָך האָב איך זיך דערלאנגט צום אָנגעצייכנטן פונקט, און מיט מיין מאַשין־געווער און האנט־גראנאטן באַשאָסן און באוואָרפן דעם שונאס פונקט. נישט קוקנדיק אויף דעם, איז דעם שונאס באַטעריע געבליבן א גאנצע. איך בין ווידער באשאָטן געוואָרן פון שונאס קוילן און קוים מיטן לעבן צוריקגעקערט זיך צו די אייגענע און געמוזט מעלדן, אז אונדזער אויפגאבע איז דורכגעפאַלן.

עס האָט נישט געהאָלפן אונדזער מסירת־נפש און אויך נישט אונדזער קלוגע טאַקטיק פון מאנעווורירן און שיסן אין איין ריכטונג אויפן שונא און וועלן צוקומען צום ציל פון אן אנדערער ריכטונג. די באַטעריע האָט נאָך לאַנג געשאָסן אויף אונדזערע טראַנשייען, ביז מען האָט זיך מתגבר געווען אויפן שונא און ער האָט אָנגעהויבן אנטלויפן פון בריסק. אין די אָ שלאַכטן האָבן מיר געליטן געוואלדיקע פארלוסטן אין מענטשן און צווישן זיי — פון די געציילטע איבערגעבליבענע יידן פון אונדזער געגנט. אָבער די מלחמה פאָדערט אירס... און ס׳איז דאָ א צופלוס פון פרישע רוסישע סאָלדאטן און אָפיצירן און איך דערקען צווישן זיי פיל יידן. אייניקע פון זיי, גיבן נישט צו דערקענען זייער ידישקייט, און די זאך איז מיר געווען א חידוש...

מיר ווערן איבערגעוואָרפן הינטער ביאַליסטאָק. מיר קומען צו צום אָרט, ווו די דייטשן האָבן פארברענט די אויסגעראַבענע, פאַרפייניקטע יידן, כדי אזוי ארום צו פאַר־באַרגן די גרויסע ביאַליסטאָקער הריגה. נאָך שווערע קאַמפן האָבן מיר ארויסגעשטויסן די דייטשן פון ביאַליסטאָק און באַצאָלט דערפאר מיט פיל קרבנות. דעמאָלט ווערן מיר איבער־געוואָרפן אויף אַ צווייט פראָנט. דורכפאָרנדיק אין אַ קרייז האַלב רוסלאַנד, ווערן מיר אויסגעלאָדן הינטער פסקאָוו. דאָ אנטוויקלען זיך שווערע קאַמפן קעגן די דייטשן און מיר האָבן דאָרט גרויסע פאַרלוסטן אין מענטשן, צווישן זיי, מיינע פאַרטיזאַנער חברים: יידן פון יאנעווע, פון סערניק, פון דראָהיטשין.

מיר שטויסן צוריק דעם דייטש, אָבער יעדער מעטער דעראָבערטע ערד קאָסט אונדז פיל קרבנות. פיל מאָל בין איך געווען אין אַן אויסשפיר־גרופּע, פון וועלכער ס׳פלעגט זיך אומקערן אַ דריטל מענטשן. פיל מאָל האָבן מיר געבראַכט ריכטיקע נאַכריכטן און הצלחה־דיק זיך אומגעקערט, שלעפּנדיק מיט זיך געפאנגענע דייטשישע סאָלדאטן. אָבער שטענדיק האָבן מיר געשפּאנט איבער גופים פון סאָלדאַטן: דייטשן און רוסן.

ווען מיר האָבן זיך געפונען הינטער ריגע, האָט דער דייטש פארנומען אַ פּאָזיציע ערגעץ ווו, אויף א בארג. א שטח פון קרוב דריי קילאָמעטער, איז געווען פריי, אָדער ווי מען רופט עס: „קיינעמס לאַנד". נאָך די דריי קילאָמעטער האבן זיך געפונען אונדזערע רוסישע טראַנשייען. כדי צו פארהיטן די רוסישע סאָלדאטן, איז מען מפקיר פון פאָלק אַ גרופּע פון 60 סאָלדאטן, וועלכע מוזן ארויסקריכן אין „קיינעמס־לאַנד" און זיך דאָרט איינגראָבן. דער ציל איז, אז ווען דער דייטש וועט וועלן אָנגרייפן, זאָל ער זיך צוערשט אָנשטויסן אויף דער גרופּע. צוויי וואָכן בין איך דאָרט געלעגן, הונגעריק, געפרוירן, אונטער שלאַקס־רעגנס, ביז ס׳איז ממש נמאס־און־מיאוס געוואָרן דאָס לעבן.

אַ געוויסן טאָג האָבן זיך פלוצלינג אנטפלעקט פאַר אונדזערע אויגן דריי הייזער. איך און נאָך איינער, א טאַטאַר, האָבן דערקראָכן צו איין הויז און געפונען דאָרט א פאַס מיט חזיר־פליש. מיר האָבן זיך ארומגעוויקלט מיט פלאַטן פונעם פליש און דערקראָכן צוריק. דערווייל האָבן די דייטשן אונדז באַמערקט און באַשאָסן מיט א האָגל פון קוילן. צו אונדזער גליק זענען דאָרט געווען טיפע גריבער פון אויפגעריסענע שראַפּנעלן, און דאָרט האָבן מיר זיך פאַרטאַיעט ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן. די גאַנצע גרופּע אונדזערע, סאָלדאַטן און אָפיצירן, האָבן זיך זייער דערפרייט מיט אונדזער צוריקקער, ווייל אלע האָבן געגעסן פונעם חזיר־פלייש און געפראַוועט א גרויסע געמיינזאַמע סעודה. כ׳האָב זיך דערמאָנט דער־מאָנט, אַז מיין מאַמע ע״ה פלעגט זאָגן: „מאַגן־פרייד — איבער אַלע פרייד״.

דערנאָך האָבן מיר די דייטשן ארויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס, און ווידער האָט אונדזער איינהייט באַקומען אַ „דאַפּאָלניעניע״ פון פרישע יונגיטשקע רוסן.

אין דער שלאַכט פאַר דעראָבערן ריגע, נעמט אויך אָנטייל אונדזער פּאָלק. אין דער גרויסער און שיינער שטאָט אין וועלכער מיר קומען אריין, איז נישט צו געפינען קיין איינציקן ציווילן יידן. די יידישע פראָנט־סאָלדאַטן זוכן און גאַרן צו טרעפן א יידיש פּנים, אָבער עס איז נישטאָ.

אויפן אָפּשניט פון ליבאַווע קומען מיר פאַר שווערע קאַמפן. דער דייטשישער ים־פלאָט באַשיסט אונדז זייער שטאַרק. די דייטשישע אוויאַציע איז גרויזאַם. די דייטשן זענען שטאַרק באַפעסטיקט אין די טראַנשייען. אונדזערע פּאָלקן לייַדיקן זיך אויס און פילן זיך אָן מיט פרישע מענטשן. מיר שטורעמען דעם שונאס פּאָזיציעס און עס העלפט נישט. איך בין לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן און אָנקומענדיק אין פעלד־שפּיטאָל, טרעף איך בלויז יידישע דאָקטוירים: כירורגן און אינערלעכע. זיי אַרבעטן אַ סך און איבערגעגעבן. איך טרעף זיך מיט א סך פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן פון אונדזערע געגנטן. מען באַהאַנדלט זיי מיט איבער־געגעבנקייט און ליבשאַפט. אָבער איך בין דערביי ווי סאָלדאַטן, נאָך די אָפּעראַציעס, שרייען: „זשידי פּראָקלאַטי — ווי נאָס ריזשיטע״. יידישע דאָקטוירים נעמען זיי איין מיט גוטע רייד, און די אוקראַינער הערן נישט אויף צו שימפן און שעלטן, אזוי אז איך ווער נבהל ונשתומם פון דעם בילד.

און אָט בין איך ווידער אין די טראַנשייען. אַ דייטשע איינהייט שפּאַרט זיך אויף מיין באַטאַליאָן. זי וויל פאַר זיך דורכשלאָגן אַ וועג, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט די איבעריקע דייטשישע כוחות. די דייטשן מאַכן דאָס אומדערוואַרט און מיר זענען צעטומלט. אָבער אין דעם מאָמענט באַקומען מיר צופעליק אַ פאַרשטאַרקונג און מיר נעמען די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט. מיר איז געבליבן אין זכרון אַ הויכער דייטשישער אָפיציר, וועלכער, וויפל מען זאָל אים נישט האָבן אויסגעפרעגט, האָט ער נישט געוואָלט ענטפערן, נאָר געשריגן: „איך וועל אייך נישט דינען״. דערנאָך האָב איך אים געשאָסן.

עס זענען אַוועק טעג און מיר ליידן שווערע פאַרלוסטן. מיר מאַנעווורירן — פאַרויס־מאַרשן און מאַכן זייטיקע צוגן, ביז מיר זעען זיך אַרום, אַז אונדזער באַטאַליאָן איז אָפּגעריסן פון פּאָלק. מיר ווערן דערשראָקן. פון אַ לעבעדיקן דייטש, וועלכן מיר כאַפּן, ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט, און אַז דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר איז

נעלם געוואָרן. ס׳ווערט שווער אויפן האַרצן. מיר פאַלן אַריין אין יאוש און מיר זעגנען צעטומלט. די סאָלדאַטן וואַרפן די ביקסן. אין דעם מאָמענט שפּרינגט אַרויס אַ יונגער לייטענאַנט און שיסנדיק אַ פּאָר אייגענע סאָלדאַטן, שרייט ער אויס: „הערט אויס מיין באַפעל, — פאָרויס אין אָנגריף!" די דייטשן באַשיסן אונדז מיט אַ קרייץ־פייער און מיר וואָלטן געקאָנט גיין פאַרלאָרן, ווען נישט דאָס, וואָס אין דעם מאָמענט הייבן אָן אונדזערע דיוויזיעס, אין דער גאַנצער ברייט, אָנצוגרייפן דעם שונאס פּאָזיציעס. די דייטשן מוזן אָפּטרעטן און מיר ווערן ניצול.

אין דער שלאַכט מיט די דייטשן בין איך געבליבן ליגן אין פעלד שטאַרק פאַר־וווּנדעט אין בויך. איך זע ווי מען פירט דייטשישע געפאַנגענע, מען שלעפּט טראָפייען און איך גיי אָפּ אין בלוט. אין אַ פּאָר שעה אַרום, נעמען מיך סאַניטאַרן אויף און פירן מיך אין פעלד־שפּיטאָל. די דאָקטוירים פאָרען זיך אַרום מיר. בעת מען שרייבט מיין נאָמען „פייגעלשטיין", רופט זיך ווער אָפּ: „וואָס הייסט דאָס? נעכטן ביסטו דאָך פאַר־שריבן געוואָרן ווי אַ פאַרוווּנדעטער אין פוס און היינט, אין בויך". איך דערוויס זיך ביי דער געלעגנהייט, אַז מיין ברודער, יעקב, איז מיט אַ טאָג פריער געווען אַ פאַרוווּנדעטער אין פוס און מען האָט אים אָפּגעשיקט אין טיל.

מיין אָפּעראַציע איז פאָרגעקומען אין זעלבן טאָג, אַ ביסל ווייטער פון פראָנט. אָדורכ־געפירט האָט זי אַ יידישער כירורג מיטן נאָמען אַראָנאָוויטש, וועלכער האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין ידישקייט. ווען איך בין אַרויס פון די שפּיטאָלן, איז שוין געווען נאָך דער מלחמה.

י. ח. פ־ן

דאס קאשמאר וואס פארפאלגט מיך

ס׳איז אַ גרויסער קאָשמאַר פאַר אַ מוטער, וואָס האָט אינעם גרויליקן טאָג פון אומ־קום אַרויסגעריסן אַלע אירע קינדער פון די היטלעריסטישע רוצחים־הענט, און האָט שפּע־טער געוואָגלט איינזאַם איבער פעלדער און וועלדער. ווען די הונגער־ליידן פון די קינדער זענען דערגאַנגען צו דער העכסטער שטופע, האָט די מוטער מיטגענומען מיט זיך איין יינגל און געגאַנגען זוכן עסן. ווען זי איז געקומען צוריק צו דער נעסט פון אירע קינדער, האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר אירע אויגן אַ טרויעריק בילד: שטיקלעך צעהאַקטע קערפּערלעך פּרעגלען זיך אויפן פייער. דאָס האָבן געמאַכט הימישע גויים.

און עס איז פּשוט נישט צו באַגרייפן די מאָרד־לוסט, דעם סאַדיזם פון אונדזערע שכנים־גויים, אָבער עס איז זיכער נישטאָ קיין שפּראַך, כדי צו קאָנען שילדערן די טראַגעדיע, דעם צער פון דער אָט דער מאַמע.

שוין קרוב 20 יאר פארפאלגן מיך די יסורים פון אט דער אומגליקלעכער מאמע, פון די געקוילעטע און געפרעגלטע קינדער. איר געוויין און טרויער באגלייטן מיך שטענדיק און אומעטום.

און נאך א מאמע האב איך באגעגנט, וועמען מען האט אין אוישוויץ געהייסן טאנצן, בעת איר קינד און מאן און נאך הונדערטער קרבנות האבן געברענט. אויך פון דער מיר דערציילטער געשיכטע, קאן איך זיך נישט באפרייען.

ד״ר רויטמאן, פון דובנע, האט זיך ארומגעטראגן מיט א בילד פון זיין בת־יחידה, און יעדן טאג געבעטן מתפללים, זיי זאלן מאכן אן „אל מלא רחמים״ נעבן בילד. צום סוף איז ער אראפ פון זינען, דאס הארץ האט נישט אויסגעהאלטן און עס האט געפלאצט...

די וועלכע האבן בייגעווען אין דעם קאשמאר און לעבן דאך ווייטער, זענען אוודאי שטארקער ווי אייזן. פיל מאל שטעל איך מיר די פראגע: ווי אזוי האלטן מיר אויס, ווען אונדזערע פאמיליעס זענען פולשטענדיק פארשניטן געווארן.

די פרוי חנה פישמאן, וואס האט דערציילט וועגן דער ערשטער מאמע, האט צוגע־געבן:

„פון מיין פאמיליע האב איך פארלארן די פאלגנדיקע: יהודה בר׳ נחמן פישמאן, זיין זון שמואל און פינף טעכטער — דבורה, פייגל, סאניע, חיה־רחל און ציפע. זאל שוין גאט אפהיטן זייערע הייליקע נשמות, און געבן מיר כוח צו טראגן מיין פיין אין הארצן כל־זמן מיר איז באשערט צו לעבן״.

שמואל קאטשקע

כ׳פארלאז מיין שטעטל אויף אייביק

דעם 22־טן יוני 1941, אין א זומער־טאג, ווען מענטשן זענען געווען פאריאגט מיט זייערע טעגלעכע ענינים, האבן זיך פלוצלינג באוויזן דייטשישע עראפלאנען, וואס האבן אנגעווארפן א פחד אויף דעם רואיקן שטעטל, און מענטשן האבן פארשטאנען, אז די געפאר איז גרויס. דעם זעלבן אוונט איז דורך דער רוסישער מאכט מאביליזירט געווארן א גרויסע צאל יונגע מענטשן — און איך צווישן זיי. אין דער זעלבער נאכט האט מען אונדז אוועקגעפירט קיין סארנע.

עס האבן אונדז באגלייט עלטערן, ברידער, שוועסטער, פרויען און קינדער. די קולות בעתן געזעגענען זענען געווען נישט צום באשרייבן. דאס איז אויך געווען דאס לעצטע מאל, וואס איך האב געזען מיין פאמיליע.

אוועקפארנדיק פון סארנע, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף דעם ראקיטנער וואקזאל, ווו איך האב געטראפן דאמבראוויצער מענטשן, וועלכע זענען אנטלאפן פון שטעטל זוכן שוץ. ווי א זעלנער, האב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געהאלפן מענטשן ארויפצוקריכן אויף די רוסישע פראכט־וואגאנען, וואס האבן זיך געשלעפט

טיפער אריין קיין רוסלאַנד. אייניקע מענטשן געדענק איך: צאַלקע גאַלצמאַן, איציק שאַפּיראָ און נאָך אַנדערע. איך האָב געזוכט װעמען פון מײַן פאַמיליע און נישט געפונען. דאָס שטעטל ראָקיטנע איז געװען זײער דערשראָקן און צעטומלט.

נאָך אַ קורצן קאַמף מיט די דײַטשן, האָט מען מיך, אַ פאַרװונדעטן, אָפּגעפירט טיף אין סיביר, אין אַ רוסישן שפּיטאָל אַרײַן.

מיט 5 יאָר שפּעטער (1946), נאָך שװערע װאַנדערונגען, האָט מיך דער צוג פון קיעװ צוריקגעבראַכט צו דער רואינירטער סטאַציע, דאָמבראָװיץ. אַרויסקריכנדיק פון װאַגאָן, האָבן מײַנע אויגן לאַנג געקוקט אויף דעם אַרום. אַלץ איז פאַר מיר געװען פרעמד. איך האָב געזען ליידיקע פּלעצער, חורבות, און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: װאָס איז דאָ פאָרגעקומען?

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און געלאָזט זיך גיין אין שטעטל אַרײַן. מײַן ערשטער „פּאָלסטאַנעק" איז געװען ביי לייבען, אויפן באַרג. װער האָט נישט געװוסט פון דער מיל און עלעקטרישע סטאַציע? אָבער ליידיק און פּוסט איז דאָ אַלץ. דורכגייענדיק פאַרביי די גױישע הײַזער, װאָס זענען געשטאַנען גאַנץ און פול מיט אָנגעראַבירט ייִדיש האָב־און־גוטס, האָט מען פון זיי אַרויסגעקוקט צו מיר מיט פרעמדע בליקן. אַזוי בין איך אַרײַן אין ייִדישן קװאַרטאַל, פון דער באַליבטער שאָסיינער גאַס. אָט גיי איך פאַרביי איצל ביטשקיס הויז, צאַצקעס הויז, לוצקיס הויז, סלוצקיס הויז, דעם אַנטיקס הויז. אַלץ ליגט דאָ הינטער בערג מיט שטיינער, אַלץ איז דאָ וויסט. צוקומענדיק צו װעלפּל דעם קאַנ׳ס הויז אָדער „פּאָרט־אַרטור", האָבן מײַנע אויגן פריי געזען ביז דער באַלניטשנער גאַס, אָדער די רעשטלעך פון פאַרברענטן שפּיטאָל — אַזוי ליידיק איז דאָרט געװען. אַלע ייִדישע הײַזער זענען דאָרט געװען פאַרברענט, אָדער צענומען דורך די אַזוי גערופענע „גוטע" גױישע שכנים, נאָכדעם װי די ייִדישע באַפעלקערונג איז געװאָרן אומגעבראַכט.

שטייענדיק אין ראָג, האָבן מײַנע בליקן געזוכט באַקאַנטע פּנימער פון מײַנע פריינט, חברים, מיט װעלכע איך פלעג זיך דאָ טרעפן. אַלץ איז געװען ליידיק און פרעמד. נישטאָ די חברה „הולאַטע"...

אַזוי גייענדיק, צװישן פּאַרק און סאַנדלערס מויער, פאַרביי דורך גאָטליבס האָטעל, דורך מאַטוסאָװוס אַפּטייק, בין איך געקומען דורך יקותיאלס באַרג, צום באָד־געסל, װאָס פירט אַראָפּ צו מײַן אַלטער היים. איך האָב דאָרט געזען, אַז יקותיאלס הויכער פּאַרקאַן איז צעריסן, שלמה דעם בלינדנס (דער איזװאָזשציק) הויז איז נישטאָ, פּסח שװעצס הויז איז נישטאָ. מיך האָט געװוּנדערט װאָס יאַנקל חיגערס הויז שטייט גאַנץ. דער נס איז געשען, װײַל אַ שכנה, אַ גויע, האָט זיך דאָרט אַהין אַרײַנגעקליבן און דאָס איז געבליבן װי אַ זכר פון באָד־געסל, װײַל אַלע אַנדערע הײַזער זענען פאַרברענט אָדער צענומען געװאָרן. אָט אַזוי בין איך צוגעקומען צו אַ באַרג מיט שטיינער, װאָס איז געװען מײַן הויז, די שטוב אין װעלכער עס האָט געװוינט די משפּחה קאַטשקע. אַ דערשעפּטער און זייער מיד, האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם בערגל מיט שטיינער...

אין דעם מאָמענט זענען אין מײַן מוח דורכגעלאָפן פאַרשידענע בילדער פון אַמאָל. דאָ האָב איך דערפילט דעם ביטערן אמת, אַז קיינער פון מײַן פאַמיליע האָט זיך נישט

געראַטעוועט. זיצנדיק אזוי פארטיפט אין מיינע מחשבות, האָט פלוצלינג א גוישע שטימע מיך אויפגעציטערט: „דו לעבסט נאָך? פון וואַנעט קומסטו?״ דאָס איז געווען אַ שכן, וועלכער האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיין פאַמיליע קאַטשקע האָט זיך אויסבאהאלטן, נאָר זי איז שפּעטער געכאַפּט געוואָרן הינטער סעלץ און געבראַכט געוואָרן אין שטאָט צו די דייטשן, וועלכע האָבן באַצאָלט פאַר איין ייד מיט איין פונט זאַלץ... דער גוי האָט מיר דערציילט, אַז מיין ברודער הערש־בער מיט זיין פרוי און 4 זין, מיין שוועסטער דאָבל מיט איר מאַן, (משהל קאַפּטאַן פון וויסאָצק), און זייערע 2 טעכטער, צוזאַמען מיט גדליה שוועץ, זיין פרוי און 2 קינדער — זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אויף דעם אַלטן בית־עולם און דאָרט רוען זייערע ביינער.

דאָס האָט מיך זייער צעבראָכן, איך האָב געמוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און בין אַוועק זוכן אַ יידיש פּנים. קומענדיק אין שטעטל, האָב איך געטראָפן איציק שאַפּירא, (דער לאַנגער), וועלכער האָט מיך אַוועקגעפירט צו וואָלף פּאַטרוך אין הויז, ווו ער האָט געוווינט זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון רוסלאַנד. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער מיר געשילדערט די שרעקלעכע עינויים פון אַנדזערע קדושים און ווי אזוי דאָס אומגליק איז פאָרגעקומען.

צומאָרגנס פרי איז צו מיר געקומען נאָטקע קראַצמאַן, פון טשאַוועס פאַמיליע, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין איבער די רואינירטע גאַסן. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דורך דעם באָד־געסל צום טייך האָרין. געגזלס וואַסער־מיל איז שוין נישט געווען. די פּלאַזשעס זענען געווען פאַרלאָזן. דער טייך איז געווען ווי אויסגעטריקנט. מיר האָבן זיך דערמאָנט ווי עס האָט אַמאָל אויסגעזען שבת, אין אַ זומער טאָג, דעם קויציס פּלאַזשע: די ווילדע געשרייען פון אַזוי פיל יוגנטלעכע, זייער געלעכטער און זייער פרייד. אָבער די יוגנט איז מער נישט געווען, אַלץ האָט דאָ אויסגעקוקט ווילד און פרעמד. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט.

אומקערנדיק זיך פון די ליידיקע פּלאַזשעס, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט צום לעצטן מאָל אויף דעם פּלאַץ, ווו איך האָב געוווינט במשך אַזוי פיל יאָרן. איך האָב נישט געזען מער ווי ווילדע ביימער, וואָס זענען זיך צעוואַקסן אין אונדזער סאָד. אַ דערדריקטער און מיט שווערע טריט, האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט, דורך ישראל פּיעטרושקעס באַרג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, ווו עס איז געווען גדליה שוועצס הויז, דאָרט ווו ס׳איז געווען דער „השומר־הצעיר״. דאָס הויז איז צענומען געוואָרן און איבערגעטראָגן צוגעגעבן אין ליטיניצער דאָרף.

איך בין געגאַנגען באַרג אַרויף, דורך וואָראָבינער גאַס, און צוגעקומען צו אַ ליידיקן פּלאַץ, ווו עס איז פריער געווען די „תרבות״־שול. ס׳איז שאַ שטיל דאָרט, מען הערט נישט דעם טומל און געפּילדער פון די ישראליקלעך און משהלעך — אַלץ איז פאַרשוווּנדן, און עס נעמט דיך אָרום אַ וויסטע שרעק.

איך האָב זיך געלאָזט ווייטער גיין, דורך וואָלאָסטנויער גאַס און גמינע־גאַס, צום אַלטן בית־עולם. די קברים צעריסן, דער פאַרקאַן צענומען, די הויכע סאָסנע־בוימער וויגן זיך און מורמלען, ווי זיי וואָלטן נישט אויפגעהערט עדות־זאָגן וועגן דעם אומקום. איך

בין דורכגעגאַנגען קאַלאַדיזשנער־גאַס, ווו עס האָט געוווינט מיין פעטער זעליג זינעלעס (קאַפטאַן). אַלץ איז דאָ ליידיק, נישטאָ קיין הייזער. איציק־מאיר בלעזנוקס הויז, ווו איך פלעג קויפן פעל, איז נישטאָ. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווו עס האָט געוווינט מיין בעסטער חבר, מיט זיין פאַרצווייגטער פאַמיליע — מישקע שוואַרצטוך. ווער האָט נישט געקענט בנימין שוואַרצטוך, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער שטאָטישער באַנק? בנימין מיט זיין פאַמיליע האָבן געפונען זייער טויט אויפן אַלטן בית־עולם. מישקע שוואַרצטוך איז אומגעקומען אין רוסלאַנד.

גייענדיק איבער די חורבות, זענען מיר דורכגעגאַנגען פאַרביי די בתי מדרשים. אַלע צעשטערט און צעבראָכן. בלויז די גרויסע שול האָט איבערגעלעבט דעם חורבן. עס פרעגט זיך אָבער: צו וואָס — אַז קיין מתפללים זענען נישטאָ?!

די פאָזשאַרנע, ווו עס איז געווען דער הויפּט־פאַרוויילונגס־זאַל, איז אויך איבער־געבליבן. דאָס איז איצט די „קולטור־הוים" פון שטעטל. עס פרעגט זיך אָבער: פאַר וועמען איז עס געבליבן?

מיר זענען צוגעקומען צו יונגשטיינס ראָג, ווו מען פלעגט גיין צום מאַרק — פוסט איז דאָרט, בלויז אייניקע פויערים דרייען זיך אַרום. דאָ האָט אונדז געטראָפן יאָסל פעטשעניק, מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן געוווינט אין אסתר חיינעס הויז. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט און אונדז דערציילט זיינע איבערלעבונגען אין די יאָרן פון אומקום.

דעם זעלבן טאָג נאָך בין איך אַוועק פון שטעטל. איך האָב נישט געהאַט אַ סך איינ־צופאַקן, גענומען מיין קליין פעקעלע אין האַנט און זיך געלאָזט אין דער ברייטער וועלט אריין.

די נאַכט איז דעמאָלט געווען אַ פינצטערע. דער ווינט האָט געוויגט די ביימער ארום די הייזער, אַז עס האָט אַזש אָנגעוואָרפן אַ שרעק. איך בין נישט געגאַנגען אַליין. מיר זענען געווען אַ קליינע גרופּע: שלום באַק מיט זיין פאַמיליע, אייניקע דאָרפישע מיידלעך וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט, (צווישן זיי זלאַטקע פלעסקון), און משה שוואַרצטוך, דעם שוס־טערס (וועלפל „דעם שוואַרצנס" זון). ווי אבלים זענען מיר געגאַנגען איבערן שטעטל, ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צום וואָקזאַל. איך בין אַריינגעקראָכן אין א פראַכט־וואַגאָן און געמאַכט זיך אַ געלעגער אויפן שטרוי. אונדזער באַן האָט מיט גאָטס־הילף געריכט ערשט דעם צווייטן טאָג, אָוונט־צייט. אָנקומענדיק קיין סאַרנע, איז נאָך אַ קליינע גרופּע אַרויף צו אונדז: חנטשע פישמאַן מיט איר זון (יידל דעם שמאטארס), ווי אויך איציק שאַפּיראָ, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפן פון די רוסן.

נאָך 6 וואָכן שלעפּן זיך מיט באַנען, זענען מיר אויסגעמאַטערטע אָנגעקומען קיין וורצלאַוו (פּוילן), פון דאָרט האָט יעדער איינער זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, ווו ער האָט נאָר געקאָנט. איך בין אָנגעקומען קיין צאַלסהיים, אַ לאַגער פון פליטים, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, פון מערב־דייטשלאַנד, און נאָך א קורצער צייט האָב איך, מיט דער הילף פון מיינע ברידער, פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע דייטשישע ערד און זיך באַזעצט אין אמעריקע.

יצחק פייגעלשטיין

איבער איינזאמע גאסן און פוסטע הייזער

אַ בית־הקברות פון 25 דורות

ווען מיינע רעפּאַטריאַציע־פּאַפּירן צו פאָרן קיין פוילן זענען שוין געלעגן ביי מיר אין קעשענע, בין איך אַוועק ווידער שפּאַצירן איבער דאָמבראָוויצער חרובע גאַסן און פוסטע הייזער — דאָס מאָל כדי זיך צו געזעגענען און כדי איינזאַפּן אין זיך דעם חורבן און אים געדענקען. און אָט איז דאָס בילד פון יידישן דאָמבראָוויץ, וואָס איז איינגעקריצט געוואָרן דאַן אין מיין זכרון. אין מאַרק און אין די אַרומיקע געסלעך, איז נישט געבליבן קיין צייכן פון די אַמאָליקע יידישע הייזער. די חורבות ציען זיך ביז דער גוישער באַל־ניטשנער גאַס. פון די צענטראַלע יידישע גאַסן זענען געבליבן בלויז הורבעס גרוז באַדעקטע מיט הויכע ווילדע גראָזן, קראָפּיווע און תשעה־באבדיקע שטעכלקעס. די איינציק־געבליבענע יידישע שטוב, וואָס האָט פריער געהערט צו זלמן בייגיל ווירוועס און געפינט זיך איצט אין רשות פון א גוישער משפחה, שטייט נעבעכדיק, איינזאַם און קלאָגט אויפן יידישן חורבן. אַנטקעגן אָט דער שטוב, דאָרט ווו עס האָט אַמאָל געוווינט דער דאָמבראָוויצער גביר אשר שיינבייך מיט זיין פרוי אסתר און וואָס האָט במשך די לעצטע צוויי צענדליק יאָר געדינט ווי די רעזידענץ פון רב, ר׳ נחומטשע זצ״ל, און ווו עס האָט שטענדיק געשפּרודלט מיט יידיש לעבן, פון עלטערע און יוגנטלעכע, — אָט די שטוב, אין וועלכער עס פלעגן אין געטאָ־צייט זיך צוזאַמענקלייבן יידן זוכן און ווענן געפינען אַ טרייסט־וואָרט אין מויל פונעם גרייז גרויען רב — פון דעם מויערל איז ביזן לעצטן ציגל צעשלעפּט. דער פּלאַץ — גוט צעגראָבן, ווייל די גויים זענען געווען זיכער, אַז ביים זשידאָווסקין ראַבין זענען באַגראָבן אוצרות מיט געלד און גאָלד...

פון דעם־אָ אָרט, קוקנדיק צו צפון־זייט, זעט זיך גוט אַרויס דער אָפּענער, נישט אַרומגעצוימטער אַלטער בית־הקברות, ווייל דעם פּלויט מיט די הילצערנע מצבות האָבן די פּראַים פאַרברענט און די שטיינערנע מצבות זענען צעשלעפּט געוואָרן אויף מיל־זשאָרנעס. איז זע, אַז נישט נאָר דאָס לעבעדיקע דאָמבראָוויץ איז אויסגעהרגעט געוואָרן, נאָר אויך דאָס טויטע, 25־דורותדיקע דאָמבראָוויץ, איז נאָך אַ מאָל געטויט און געשענדעט געוואָרן. חזירים, הינט און שקצימלעך גייען דאָרט איצט אַרום און שענדן דעם הייליקן פּלאַץ. קוקנדיק אויף דעם אַלעם דערמאָן איך זיך, מיט וואָס פאַר אַ קדושה, אימה און פּחד מיר, קליינשטעטלדיקע יידן, פלעגן זיך באַציען צו דעם אַלטן הייליקן אָרט, ווו עס רוען בערך 25 דורות דאָמבראָוויצער יידן, צווישן זיי — רבנים, מקובלים, חסידים ואנשי מעשה. מיר אַלע האָבן הייליק געגלויבט אין דער קדושה און נצחיות פון אָט דעם בית־החיים ביז סוף כל הדורות; געגלויבט, אַז צו תחיית־המתים וועלן אַלע אויפ־שטיין, און ערשט דאַן וועט זיך אָפּליידיקן דער פּלאַץ.

ווען דאָמבראָוויץ האָט קובר געווען דעם לעצטן בר מינן אויפן אַלטן בית־החיים

ר׳ נחמיה סטאַראָסטאָ, וועלכער האָט ביים לעבן באַצאָלט פאַר אַן אָרט לעם אַרטשיק קירזשנער, איז דאַן האַלב דאָמבראָוויץ אַרויס אויפן בית־עולם צו זיין אָפּשליסונג און דאַן האָט איינער צום צווייטן געזאָגט: „בלע המות לנצח" און דער גבאי פון בערעזנער חברה־קדישא (דוכט זיך מיר ר׳ נחמן פעלד)) האָט אויסגעשריגן: „הייליקע נשמות, זייט מקבל פנים דעם געקומענעם גאַסט". דעמאָלט האָבן מיר במחשבה טאַקע געזען ווי מחנות שטייען אויף פון זייערע הונדערט־יאָריקע קברים און גייען אויפנעמען דעם אורח.

איצט שטיי איך אויפן בריקל פון דער איינציק געבליבענער יידישער שטוב און כ׳קוק אויפן בולטן חורבן, אויף דער פאַרשוועכונג פון בית־החיים און כ׳פרעג מיט גרוי־ליקן פיין: „פאַר וועמען לאָזן מיר דאָ איבער אונדזערע 25 דורות הייליקע ביינער? איבער די אַלע לידיקע שטחים, געוועזענע גאַסן און געסלעך באַווייזן זיך איצטער נישט קיין איין יידיש פנים, קיין איין יידישע מאַמע, קיין איין יידיש קינד, קיין איין יידישער אַלטער מאַן. אין דער זעלבער צייט זענען אַלע פאַרבייגייענדיקע לעם מיר גויים אָנגעטאָן אין יידישע בגדים. אין אַ סך פאַלן דערקען איך צו וועלכע יידן די בגדים האָבן געהערט. וויל איך אפילו צולויפן און אַ געשריי טאָן: „דאדיל! קום אַהער, דו ביסט עס דאָך!".

מען הערט נישט מער פון שול־גאַס דאָס ברומען און פון שטיבל־גאַס דעם רעש פון די מתפללים. מען זעט נישט די קינדערלעך פון די חדרים, שולן און שקאָלעס, גייענדיקע. נישטאָ מער די יידישע בעל־עגלות וואָס שטייען אין מאַרק, וואַרטנדיקע אויף אַרבעט. מען זעט נישט די שאַראַבאַנעס אויף וועלכע עס זיצן די אַלע יידישע איזוואָשטשיקעס און קוקן אויף די גרויסע ניקלנע זייגערס כדי צו וויסן וויפל צייט ס׳איז נאָך צום אָנקום און אָפּגיין פון באַן, שמועסט מען דערוויל און מען זאָגט זיך אַריין איינער דעם אַנדערן. און עס זענען נישטאָ די קרעמער און קרעמערקעס אויף דער גאַנצער לענג פון ביידע רייען קראָמען בשעת פאַר יעדער טיר רוט אַן אַנדערע דאגה, אַ טיפע פאַרזאָרגטקייט, וואָרעם ס׳איז דאָך נישטאָ קיין פדיון און איבערמאָרגן איז דאָ אַ וועקסל, אָדער מען דאַרף אויס־קויפן אַ נאַכנאַמע, צי גאָר באַצאָלן אַ ראַטע פון פּאָדאַטקעס.

אָפּגעמעקט זענען די סוחרים מיט זייערע קאַנטאָרן, בראַקאַרעס און בוכאַלטאָרן. אויסגעריסן מיטן וואָרצל — די יידישע בעלי־מלאכות, די שוסטערס, די שניידערס, די קאָוואַליעס. נישטאָ שוין מער איטשע יונגשטיין דער יידישער כמו־בורמיסטוש. נישטאָ אהרן גאַלפּערן מיט אַלע לאַווניקעס. אויס איז מיט די שאַצונקאָווע פּאָדאַטקאָווע קאָמי־סיעס, אויס מיט יידישע אַפּטייקערס און דאָקטוירים וועלכע האָבן באַדינט די דאָמבראָ־וויצער באַפעלקערונג, גויישע און יידישע צוגלייך. נישטאָ מער די מלמדים מיט זייערע תלמידימלעך וועלכע גייען אין דער גרויסער שול זאָגן תהילים און מתפלל זיין, אַז אויף די גויישע פעלדער זאָל גיין רעגן און עס זאָל פון הימל אַראָפּ אַ שפע. נישטאָ מער די שיינע יידן מיט די גרויסע טליתים־זעק, נישטאָ מער די לערער — די פאַרשפּרייטער פון קולטור און ציוויליזאַציע ביי דער יידישער באַפעלקערונג. נישטאָ קיין פאַרטיי־מנהיגים און כלל־טוער וועלכע האָבן אַמאָל געררופן צו נייע פאָרמען, צו שיינע באַגריפן פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט.. נישטאָ מער די פאַרשידענע חסידים, אַנהענגער פון

רביים און שיטות. נישטאָ די פאַרדאַגהטע קבצנים, די מרה־שחורהדיקע גבירים. נישטאָ מער די אַרבעטנדיקע מאַסן. אויסגעריסן מיטן וואָרצל איז דאָס יידישע דאָמבראָוויץ.

איך בין אַזוי געשטאַנען נעבן די צעבראָכענע ווענט פון מיינע עלטערנס הויז, אויף דעם וויסטן פלאַץ אויף וועלכן ס'האָבן געוווינט די אַלע פייגלשטיינס פעטערס, מומעס און שוועסטער־קינדער, און אין געטאָ־צייט — טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברודער. דער־אָ ווינקל, וועלכן מ'האָט גערופן: „פאָרט־אַרטור", איז געווען אַ לאַבירינט פון צוזאַמענגע־פלאָכטענע הייזקעס און איז אויך געווען אַן אָביעקט פאַר דאָמבראָוויצער וויצן און גלייכווערטלעך. פון דעם אָרט איז עס טאַקע געווען זייער לעצטער אַרויסגאַנג צום טויטן־מאַרש. איצט, שטייענדיק נעבן די האַלב־צעשאָטענע ווענט און גוט־צעבראָכענעם פלאַץ, שווימען אויף פון די טיפענישן זכרונות, דערינערונגען וועגן דעם אַמאָליקן לעבעדיקן דאָמבראָוויץ. אומקערנדיק זיך במחשבה צו די פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן, זענען אויפגעגאַנגען פאַר מיינע אויגן אַלע באַקאַנטע משפחות, וועלכע האָבן באַוווינט אָט די אַלע חרוב־געוואָרענע היימען, און איך האָב פאַר זיך דערזען דאָס גענויע בילד פון פריערדיקן דאָמבראָוויץ.

אין מיינע פריסטע קינדער־יאָרן

...כ'שטיי אָנגעשפאַרט אָן דעם טעלעגראַפן־שטאַנג, נעבן מיין משפחה־הויז וואָס כ'געדענק נאָך פון די קינדער־יאָרן ווען איך, מיט נאָך אַן האַלבן טוץ שוועסטער־קינדער, אַלע דרדקי־יינגלעך דרייען זיך דאָרט אַרום דעם שטאַנג אין אַ קאַראַהאָד, שטיפן, שפּילן און זינגען: „אַראָד און אַראַנו". כ'דערמאָן זיך אָן מיינע פריסטע קינדער־יאָרן. מען פירט מיך צום זיידן קיין דאָמבראָוויץ בכדי דאָרט צו גיין אין חדר.

אַרויספאָרנדיק פון וואַלד, ביים קרופּער באַרג, באַווייזט זיך פאַר מיר גאַנץ דאָמ־בראָוויץ. צו ערשט — די הויכע קלויסטער־טורעמס, די דעכער פון דער יידישער שול און פון די אַרומיקע ווייסע מויערלעך. דעכער — בלעכענע, גרינע און רויטע. כ'זע פאַר מיינע אויגן די גאַנצע פונאַנדערגעשפּרייטע פלאַכקייט ביז צו איר ווייטסטער אומ־ענדלעכקייט. מיינע קינדערישע אויגן קאָנען זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער אַנטפּלעקטער שיינקייט. אַזוי אַז יענע ערשטע איבערלעבונג פאַרדעקט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַלע קליינשטעטלדיקע פעלערן.

אָט איז אַ זומערדיקער פרייטיקדיקער טאָג. מיר, אַ כנופיה יינגלעך, לויפן צום וואָקזאַל הערן דעם רעש און דאָס פייפן פון די באַנען און זען די פאַרבייפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן. גייענדיק צוריק פון וואָקזאַל מיטן שאָסיי, צווישן דיביימער, דערזעט דאָס אויג ווייטע שטחים. דער בליק נעמט אַרום אַ סך געפאַלדעוועטע וויאָרסטן באַדעקטע מיט טיפע און הויכע, גרינע גראָזן, געמישטע מיט פאַרביקע קווייטן און קליינע גלאַנצנדיקע אָזיערעס און טייכלעך.

אַנטקעגן, פון רעכטס, שיילט זיך אויס דאָס שטעטל אויפן באַרג, צו ערשט די קלויס־טער־קופאָלן און דערנאָך דאָס גאַנצע יידישע דאָמבראָוויץ מיט אַלע אירע יידישע גאַסן און געסלעך. צופוסנס דעם באַרג, ווייט אַראָפּ, לויפט דער טייך, געבויגן שלענגלדיק און

אין אים — נאַקעטע, ייִנגלשע גופים. שטייענדיק אויפן הויכן הילצערנעם בריק זעט מען פון לינקס ווי עס הויבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ די לאָפּעטעס פון דער וואַסער־מיל. פון רעכטס — אַ שווימענדיקער פּאַס געהילץ אויף וועלכן ס׳כאַפּן זיך אַרויס די נאַקעטע ייִנגלעך.

אָט איז דער שאָסיי. נעבן לייבעס אַליייניצע שטייט אַ מענגע פורן. גויים טראָגן אַראָפּ נאַשקעס פון די וועגענער. ס׳איז אַ טומל, אַ געשריי. זעסט פאַרשמאַלצטע בגדים און איבער זיי שפּרייטן זיך ברייט־צעוואַקסענע ייִדישע בערד. פון לינקס ציט זיך אַוועק אַ לאַנגע גאַס. זי גרייכט אַוועק ווייט, צו דערפער און שטעטלעך. און אָט פאָרט טאַקע אַהינצו אַ פור פול געפּאַקט מיט ייִדן. מען זאָגט, אַז קיין בערעזשניץ פאָרן זיי. שקצימלעך לויפן נאָך און דרייען די עקן פון זייערע צעריסענע בגדים ווי אַ חזיריש אויער און מיינען, אַז זיי דערצערענען די ייִדן.

אַנטקעגן ציט זיך אַ גאַס, דורך וועלכער גויים פאָרן צו זייערע גרינע פעלדער. דו זעסט ווי דער ווינט וויגט די תבואה, לייגט און הויבט דעם גרינעם קאָרן.



יאַנקל לאַקש און זיין ברודער

אין דער גוישער גאַס געפינט זיך דאָס איינציקע ייִדישע הויז פון ר׳ חיים־תניא׳ס משפחה מיט וועמענס ייִנגלעך מיר לערנען אין איין חדר. דער עלטערער, יאַנקל, טיילט זיך אויס און איז דער בעסטער תלמיד אין חדר. דער רבי, ר׳ שלמה־חיים, באַטאַנט כסדר, אַז אויב ער וועט גיין בדרך הישר, וועט ער אויסוואַקסן אַ וואַזשנע כלי. ר׳ חיים־תניא (לאַקש) איז אַ ייִד וואָס גלעט יעדן מענטשן מיט זיין קוק, ווייל אין זיינע אויגן איז פאַראַן אַזוי פיל ייִדישע האַרציקייט! קיינער אין דאָמבראָוויץ האָט נישט געהערט קיינמאָל, אַז ער זאָל צו וועמען עס איז רעדן דברים קשים אָדער אַ קוק טאָן אויף אַ צווייטן בהקפדה. אויך האָט קיינער נישט געזען, ער זאָל מיטן בייטש אָנרירן זיין פערד.

ער איז אײַגנאַרטיק. אַ גאַנצע וואָך זעט מען אים אין דער שוואַרצער געשפּאַלטענער, אַל־טער, נאָר זויבערער קאַפּאָטע. די באָרד און פּאות — שטענדיק אין אָרדענונג. דײַנע שמועסן אינדערוואָכן, ביי דער אַרבעט, זענען ווען ס׳איז נייטיק דורכגעפלאָכטן מיט אַ מאמר חז״ל. שבת לייענט ער אין דער תורה, אָבער נאָר ווען ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער.

יאַנקל האָט נישט געפאָלגט דעם רבין און איז נישט געגאַנגען בדרך הישר. ער איז פאַרקראָכן אין דער גוישער שקאָלע און נאָכן ענדיקן, הויבט ער אָן לערנען רוסיש די דאָמבראָוויצער חדר־ייִנגלעך. יאַנקל לאָקש איז געווען אַ חבר אין דאָמבראָוויצער „בונד״. ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַלע אירע אָפּצווייגונגען. לכתחילה געגלויבט פּעטלורען, אַז ער האָט גוטע כוונות און ווען עס זענען קיין דאָמבראָוויץ דערגאַנגען קלאַנגען וועגן די מעשים תעתועים פון פּעטלורעס חיילות, ווערט ער שטאַרק דערשיטערט און באַקומט אַ נייגונג צום קאָמוניזם. אין די יאָרן 1920־21 פאַרלירן מיר אים פון אויג. נאָכהער דערוויסן מיר זיך, אַז ער אַרבעט אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין בערלין. ווען ער אַנטוישט זיך צום צווייטן מאָל, ווערט ער קראַנק און שטאַרבט.

וועגן חיים תנחום לאָקש און זיין טייערע פרוי חנה רייזל, וואָס האָט שטענדיק געזאָרגט, אַז די אָרעמעלייט זאָלן האָבן חלה אויף שבת, איז כדאי זיך ברייטער אָפּצו־שטעלן. דאָס איז געווען אַ פאַרצווייגטע משפּחה: 8 קינדער, פון זיי 5 זין און 3 טעכטער. דער עלטסטער זון, נחמן, איז אַוועקגעפאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלעבט מיט אַ פיינער משפּחה אין פּאַריז, ביז די נאַציס זענען געקומען און זיי אַלע אומגעבראַכט אין אוישוויץ. דער צווייטער, דוד, איז געווען מיט אַ פיינער משפּחה אין דעטראָיט, אַמעריקע. ער איז געשטאָרבן אין 1954 און איבערגעלאָזן גראַטעטנע קינדער וועלכע טוען גוטע אַרבעט פאַר ישראל. איין טאָכטער, אַ געבליבענע אין רוסלאַנד, איז אומגעקו־מען. יעקב, אַן אַנטוישטער אין רוסישן גן־עדן, שטאַרבט, ווי דערמאָנט, ווי אַ וויצע־אַמבאַסאַדאָר אין בערלין אין יאָר 1934. דער קלענסטער, שמוליק, — אַן אינזשעניר אין לענינגראַד, קומט אום איז [illegible] ווייסט נישט ווו. פון די טעכטער שטאַרבט סאָסל אין דעטראָיט אין עלטער פון [illegible] יאָר און לאָזט איבער אַ שיינע משפּחה. די קלענסטע — שרהל, האָט חתונה־געהאַט מיט אַ דאָמבראָוויצער — יצחק סאָלאָמאָן און איז צוזאַמען מיט איר מאַן אַוועקגעפאָרן אין 1930 קיין וויניפּעג, קאַנאַדע, איצט געפינען זיי זיך אין ישראל און גיבן זיך אָפּ מיט פאַראייביקן אַלע דאָמבראָוויצער וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער. שרהל און יצחק האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט און געהאַלטן אָפּן זייער שטוב פאַר די אָנטיילנעמער אין בוך און זיך באַמיט אַז דאָס בוך זאָל דער־שיינען. שרהל און יצחק האָבן מאָראַליש און מאַטעריעל געהאָלפן צום דערשיינען פון בוך, וואָס וועט בלייבן דער אָנדענק נאָך אונדזער ליב און אומפאַרגעסלעך שטעטעלע.

פון דעם ווינקל גאַס, ווען דו קערסט אום דעם קאָפּ רעכטס און לאָזט זיך גיין צו דער ייִדישער היימישער גאַס, גייסט נאָך אַ שטיקל וועג צווישן ווייסע, גוישע הײַזקעס, געדעקטע מיט שטרוי, און דאַן הייבן זיך אָן די ייִדישע מויערלעך.

און אָט איז סלוצקיס סאָד. די נישט צײַטיקע באַרן הענגען אַראָפּ פון די צווייגן. מיר

יינגלעך זענען שטאַרקע בעלנים אויף זיי. מען ווייסט אָבער, אַז דאָ קאָן מען שלעכט אָפּשניידן. פּאַסמאַקעווען מיר זיך בלויז מיט דער זויערקייט און גייען ווייטער.

עס איז פרייטיק און אויף דער גאַנצער לענג, פון ביידע זייטן שאָסיי־גאַס זענען אָפן טיר און פּענצטער. אינעווייניק, אין די הייזער, וואַשט מען די פּאָדלאָגעס און אין דרויסן די בריקלעך. אויף די פענצטער זיצן מיידלעך, זיי פּוצן די שויבן און זינגען לידלעך. יידן זריזים, מיט פּעקלעך ווייסע וועש אונטער די אָרעמס, לאָזן זיך, ווער צום טייך און ווער צו דער באָד, אָדער בעדל. און אויפן מאַרק רודערט זיך. גויים און גויעטעס מסחרן אין די יידישע קראָמען. די בעלי־עגלות, אַראָפּפאָרנדיק פון עק שאָסיי־גאַס אין זאַמד אַריין, לאָזן אויס זייער ביטער האַרץ צו די פערד, טומלען און שפּאַרן די שווערע וועגענער, ווער עס העלפט וועמען אַרויסציען דעם וואָגן פון זאַמד און ווער עס טראָגט אַראָפּ די זעק. אברהם קוט האָט זיין וואָגן שוין אויסגעליידיקט און שטייענדיק נאָך אויפן וואָגן, פּאַכעט מיט דער בייטש אין האַנט און איילט צום וואָקזאַל אָנלייגן נאָך אַ פור. באַלד לויפט נאָך אים משה די באָרד אויך כדי צו כאַפּן אַ פּאָר זעק. אַ דריטער בעל־עגלה, וועמענס פערד עס וויל נישט גיין און וועלכער האָט נאָך נישט באַוויזן צוצופאָרן צו רחלס אָדער גאָלפּערנס קלייט, שילט זיי, די בעלי חיים אָן אויפהער, שרייט און שפּאַרט דעם וואָגן און כאַפּט אַ קוק מיט קנאה אויף די אויסגעליידיקטע פורן.

די רעכטע זייט פון מאַרק

מיינע בליקן וואַנדערן פון הויז צו הויז און דערגייען ביז צום שאָסיי־ווינקל, רעכט פון מאַרק. אָט דערמאָן איך זיך ווי ביי ר׳ שלמה זאַמדוויס זענען די טירן ברייט פונאַנדערגעעפנט. ר׳ שלמה אַליין רייניקט פּאַמעלעך דעם לאַנגן קאָרידאָר פון גאַסטהויז. פון אַן אינעווייניקסטער טיר באַווייזט זיך אַ גאַסט, אַ שיינער ייד, וואָס רופט ביי אונדז אַרויס פּאַראינטערעסירונג. מיר שטעלן זיך אָפּ און קוקן אויפן גאַסט, וואָס שמועסט מיט ר׳ שלמהן. דער ייד באַמערקט אונדז, און זאָגט שמייכלענדיק: „אַהאַ, חדר־יינגלעך — עשרים וארבע לערנט איר?" ווייסן מיר נישט, וואָס ער מיינט צו זאָגן. פרעגט ער ווייטער: „פּסוק איז דאָך עשרים וארבע, אַ, יע?" „מיר לערנען תרי־עשר" — ענטפערן מיר. „פאַרוואָס הייסט דאָס תרי־עשר? — ווייל צוועלף נביאים זאָגן נבואה, טאָ זייט ווייסן, שטיפערס, אַז עשרים וארבע באַצייכנט — 24 נביאים זאָגן נבואה און ברענגען צו אונדז גאָטס וואָרט, איז איר זאָלט וועלן לערנען און זויסן ווי אַזוי צו זיין גוטע יידישע מענטשן. און איצט — פּסוק לי פּסוקך: זאָל יעדער זאָגן אַ פּסוק און איך וועל קויפן צוקערקעס". געהערט דאָס, האָב איך געזאָגט אַ פּסוק, נאָך מיר האָט געזאָגט קדיש לאַזאר קדישעס, נאָך אים האָט לאַזאַר אהרן יחיאלס געזאָגט אַ פּסוק, און אשר רחלס האָט געגומען זאָגן אַ פּסוק, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעשטעקט זיין צונג. דאַן זענען מיר אַלע אַוועק צו אָשר חיהלעס בודקע, און דער ייד האָט געקויפט פאַר יעדן פון אונדז אַ שקאַרמיץ מיט צוקערקעס און געגעבן צו טרינקען סאָדע־וואַסער. מיר האָבן געמאַכט אַ ברכה און דער ייד האָט זיך האַרציק צעשמייכלט, אַ הנאה געהאַט.

אָט דער ייד איז געווען אַ וואַלד־סוחר ביים ראַנער פריץ און שפּעטער־צו פלעג איך

אים אַפּט הערן איינטענהן מיט דאַמבראָוויצער יידן וועגן עפּעס אַ דאָקטער הערצל, וועגן פּאַלעסטינע — ארץ־ישראל. מיין באָבע חיהלע, זיצנדיק ביי זיך און הערנדיק פון קאַנס בריקל זיינע טענות, פלעגט שאָקלען מיטן קאָפּ: „עפּעס אַן אַפּיקורס"... אויך ביידאַך פּאַטרוך, וועלכער פלעגט קרעדיטירן מעל דער „פאַרטאַרטורער" פּיעקאַרניע. און קומען יעדן טאָג אויסליידיקן דאָס טיש־קעסטל מיטן פדיון, פלעגט צוגעבן: „דו הערסט, חיהלע? עפּעס אַ משוגענער אפיקורס מיט ווילדע איינפאַלן, ער דאַרף שוין נישט משיחן"...

אין צווייטן הויז פּאַרעט זיך די רובליער רביצין. מיר רופן אַרויס כאַניען, דער רביצינס יינגל און זאָגן אים אַריין: „דיין מאַמע וואַסט און סייערט לכבוד סאַבעס". (דעם רבס משפּחה האָט געריידט מיט אַ סמך). מיר צעשלאָגן זיך אויפן אָרט מיט כאַניען דער רביצינס און אין רעזולטאַט דערפון קומט אַרויס דער רובליער רב און זאָגט גאַר זיין כאַניען מוסר הלמאי ער שלאָגט חדר־יינגלעך. מיר ווערן אַ ביסל צעטומלט פון רבס מוסר, ווייל מיר וויסן דאָך דעם אמת. מיר זעען, אַז אויך דער רב ווייסט דעם אמת, און עס פאַרדריסט אונדז דער גאַנצער ענין. מיר זענען זיכער, אַז גאָט וועט אונדז באַשטראָפן פאַר דעם וואָס מיר האָבן מצער געווען דעם רב. בלויז אשר רחלס זאָרגט זיך נישט און ער גיט נאָך אַ שנעל כאַניען אין אויער און טראָגט זיך אָפּ. דערווייל שטעט נחמהטשקע אשר ברוכס ביי זיך אויפן בריקל. זי באַטראַכט אונדז און שמייכלט. אירעביידע זין: ברוך און לייבל, וועמען די דאָמבראָוויצער האָבן גערופן מיטן נאָמען: „די קוילן", רעדן אינעווייניק זייער הויך. מיר דערנענטערן זיך און שרייען אַריין: „לייבל קויל". זייער מאַמע נחמה גיט זיך אַ פּאַטש און זאָגט: „זע נאָר די שקצים" און הויבט גלייך אָן שעלטן אויפן קול.

ס'באַווייזט זיך יאַנקל כעמלס גילדנגאַרן. אויף איין אויג איז ביי אים אַרויפגע־זעצט אַ פאַרגרעסער־גלאָז און אין האַנט האַלט ער אַ צעשרויפט זייגערל. ער כאַפּט אַ קוק אויפן מאַרק און טראַכט אַוודאי דערביי ווו מען קאָן באַקומען אַן אומזיסטן פּאַפּיראָס.

דאָס פליאַנט־געסל

נישט ווייט, אויפן ראָג, שטייט דאָס גביריש ווייסע מויערל פון יאָסל בילער. שפּע־טער־צו, נאָך יאָסלס טויט, זענען דאָרט שטענדיק געזעסן שכנים, עפּעס פון גאַנץ אַנדערע וועלטן: האַלבע פּריצים, האַלבע דייטשן, פּוילישע קאָמיסאַרן און וואַלד־קאַנטאָרן. פון דעם מויערל איז גוט אַריינצוקוקן אויף רעכטס, אין פליאַנט־געסל אַריין. אין מיינע קינדער־יאָרן איז דאָס פליאַנט־געסל געווען אַ געשמאַק געסל. אַ ביסל יידיש, אַ ביסל פּריציש. דאָרט איז געווען אַ הויכער פּלויט איבער וועלכן ס'פלעגן אַריבער־הענגען צווייגן פון הונדערטיאָריקע ביימער, און דורך די שפּאַרונעס פון פּלויט פלעגט מען זען שיינע אַליען וואָס ציען זיך באַרג אַראָפּ, צום טייך צו, ווי אַ טונעל.

אין היטלערס צייטן איז דאָס געסל געווען אַ צענטער פון אומגליק, יסורים פּחדים און טויט. דאָ איז געווען איינגעקוואַרטירט די מערדערישע אוקראַאינישע פּאָליציי און די געסטאַפּאָ־גרופּעס. אויך פאַר דער צייט פון די פּאָליאַקן איז דאָס געסל געווען אַ נעסט פון פּוילישן אַנטיסעמיטיזם.

דאָ איז דאָס מויערל פון שטילסטן יידן אין דאָמבראָוויץ — ר׳ יאַנקל האַלצמאַן. אונטער איך דאַך מיט אים, וווינט אויך מאַדאַק דער שניידער, וועלכער רעדט נאָר רוסיש און מישט זיך נישט אויס מיט די איבעריקע געוויינלעכע יידן. זיין יינגל פלעגן מיר באַגעגענען נאָר זומערביים טייך און ווינטער — ביים גליטשן זיך. אין חדר איז ער נישט געגאַנגען. זיין מוטער, זעלדיטשקע, האָט געהאַט נאָר גוישע חברים און נישט קיין יידישע חברטעס. פון מאַדאַקס יינגל איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ פּולקאָווניק פון נ.ק.וו.ד. און די גוים האָבן דערפאַר אין די יאָרן פון צרות און לייד געררופן: „זשידי קאָמוניסטי״.

אַ ביסל נידעריקער, אין פליאַנט געסל, צווישן פּריצים, אַקציזניקעס און סליעדאַ־וואַטעליעס — אין גראַף פּליאַטערס דירה, וווינט דער שטעטלשער גביר ר׳ איצל קראַצמאַן. זיין שטוב איז פול מיט מיידלעך און יינגלעך. דאָ איז דער צוזאַמענטרעף־פּונקט פון דער שטעטלדיקער יוגנט. ווער פון דער דאָמבראָוויצער יוגנט איז אין דער שטוב נישט געווען קיין בן־בית? די אָנפירער פון „בונד״ פלעגן קומען כאַפּן אַ שמועס מיט די קלוגע מיידלעך פון דער רעאַקציאָנערער משפּחה. אַלע גבירישע קינדער פון שטעטל האָבן דאָ געפונען אַן אָרט צו שמועסן, צו לאַכן, צו שפּילן מאַנדאָלינע און גיטאַרע. די אויפגייענדיקע ציוניסטישע יוגנט האָט דאָ געפונען גוטע אויסהערער און דיסקוטאַנטן. שפּעטער, אונטער דער פּוילישער הערשאַפט איז פון אָט דעם גבירישן הויז געוואָרן אַ באַרג אַש. די זין, אברהמל און משה זענען אומגעקומען ביי די סאָוויעטן. די הויזווירטין, די צניעותדיקע און שיינע פרוי, פייגל, איז פּלוצים געשטאָרבן. דערנאָך איז דער גביר אַליין אויך פון דחקות געשטאָרבן. אין דאָמבראָוויץ איז דאַן אַרומגעגאַנגען אַ גלייכווערטל: ביי אונדז שטאַרבן נישט קיין גבירים, זיי קאָנען לעבן אייביק, אָבער, לכן מוזן זיי פריער ווערן קבצנים.

אָט פאָרט נפתלי פעלדמאַן קאָסטיוק, מיטן גאַנצן בעל־עגלהשן טראַסק. די צווי פערד, ווי לייבן, טראָגן דעם שאַראַבאַן אין דער לופט, ביים דישעל — אַ גלאָק. איבערן האַלדז און איבערן זשילעט הענגט ביי נפתלין אַ גרויסע זילבערנע קייט וואָס פירט צום פאַרשטעקטן אין קעשענע גרויסן ניקלנעם זייגער. אָט גיט נפתלי אַ טרייסל די באָרד, גלייכט אויס די ברייטע פּלייצעס מיטן קאַרק און דערלאַנגט אַ קנאַל מיט דער בייטש. דער גלאָק צעקלינגט זיך. אין שאַראַבאַן זיצט דער גביר. דערנאָך קומט אַ קנאַל מיט דער בייטש און — סטאָפּ. נפתלי גיט ווויליונגעריש אַ שפּרינג אַראָפּ פון די קאָזלעס און העלפט דעם גביר אַראָפּקריכן. דורך די ברילן קוקט דער גביר זייער דורכדרינגלעך. אָבער פּלוצים דערזעט ער ביי דעם צווייטן טויער דעם שטייענדיקן אַקציזניק, גיט ער זיך אַ בויג, און נאָכאַמאָל טיף אַ נייג: „זדראַוסטוואוויטיע, קאַק פּראָזשיוואַיעטיע״ און גייט אַריין צו זיך אין קליי‏טעם טויערל און עס באַגעגענען אים דאָרט זיינע מיידלעך און יינגלעך.

ר׳ איצל קראַצמאַן האָט דווקא נישט געהאַלטן פון גוים און נישט פון זייער חכמה און מאָראַל. ער פלעגט שטענדיק ליב האָבן איינטענהן מיט יוגנטלעכע, אַז יידן זענען אַן „עם חכם ונבון״. בעת ביילּיסעס פּראָצעס, האָט ער אין אַ שמועס מיט דעם אָנפירער

פון דאָמבראָוויצער „בונד", מושער, וועגן דעם ענין אַזוי געזאָגט: „גרוזענבערג, וועט שוין אויסגעפינען דעם אמת. זיי וועלן די יידן נישט פאַרפּוּשעווען מיט שקרים און בלבולים". מושער ווערט אַזש בלייך פון כעס, און זאָגט: „ווער וועט דאָרטן אויסהערן דעם יידישן אַדוואָקאַט". זאָגט ר' איצל: „ער וועט אַלע שקרים פונאַנדערוואַרפן". און פאַרציענדיק דעם שמעקנדיקן פּאַפּיראָס „סטאַמבאָלי", שלינגט ער אַראָפּ רויך, גיט אַ הוסט, פאַרקלערט זיך און דערציילט אַ מעשה:

„אין קיעווער פּאַלאַטע, האָט צוריק מיט 20 יאָר זיך געפירט אַ משפט קעגן אַ יידן. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אויסגעשטעלט אַ פאַלשן וועקסל אויף אַ גוי'ס נאָמען און קיין געלט האָט ער אים בכלל נישט געגעבן. די אַנטיסעמיטן האָבן דאַן געטומלט נישט ווייניקער ווי היינט ביים בלוט־בלבול. איז געקומען דער יידישער אַדוואָקאַט קאָפּערניקאָוו און האָט געוואָרט ביז מען האָט דעם יידן פאַרמשפט אויף 20 יאָר קאַטאָרגע, וואָס טוט קאָפּערניקאָוו? ער גייט קלייבן נדבות צווישן די הויכע געסט וועלכע זענען געווען אויפן משפט, כדי צו העלפן דער משפחה פון באַשטראָפטן יידן. דער גוי וועלכער האָט אָנגעקלאָגט דעם יידן האָט אויך אַרויסגענומען אַ געלט־אַסיגנאַציע און דערלאַנגט קאָפּערניקאָוון. דאַן האָט קאָפּערניקאָוו אויסגערופן: די אַסיגנאַציע וואָס כ'האָב איצט באַקומען איז אַ פאַלשע און דער וועלכער האָט זי געהאַלטן דאַרף געמשפט ווערן און פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. אויף די ווערטער האָט זיך די פּרוי פונעם אָנקלאָגער צעוויינט און אויסגערופן: „דאָס איז דאָך פונעם געלט וואָס דער ייד האָט אונדז געגעבן בעת מיין מאַן האָט אונטערגעשריבן דעם וועקסל!".

אָבער לעת עתה, דאָ אין גלות, איז ר' איצל קראַצמאַן ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיין הכנעהדיק און זיך טיף אַ נייג געבן פאַר אַ גוי, אַ פּריץ...

מיר קוקן אַריין צו מאיר סנדר גאָטליב אין גאָסטיניצע אַריין. דער ברייטער אַריינפאָר איז אָפן און ס'שטייט דאָרט אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד, גרייטע צום אַרויספאָר. מאיר סנדר גאָטליב אַליין גייט פון צימער צו צימער מיט עפּעס אַזאַ מין רואיקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַ בן־תורה און חסידישן עלטערן יידן אין ערב שבת. ער וואַרפט אַדורך אַ פּאָר שטילע ווערטער מיט זיין אַלטער רייזען און זיינע טעכטער, וועלכע רייניקן די צימערן.

א בליק אויף „פּאָרט־אַרטור"

מיר גיבן אַ שפּרונג ביזן ווינקל פון דער שאָסיי־גאַס. דאָרט שטייט מיין פעטער משה יהושע דער פּיעקאַרניק איינגעטונקען אין מעל און גיט אַרויס אויף אַ פור פּריש געבעקס צום בופעט אויפן וואָקזאַל. איך באַקום פון אים אַ פּאָר בייגל און אַלע יינגלעך עסן מיט. אין „פּאָרטאַרטור", אויפן בריקל, שלאָגן זיך חיה שרהלעס בײדע יינגלעך, מאיר מיט מנחמען. זייער טאַטע פּרוווט זיי באַרואיקן און חיה שרהלע קנייפּט און שטורקעט זיי. אונטערן בריקל, אין בודקע, שטייט אָשר און פאַרקויפט סאָדע־וואַסער, איריסלעך און כלערליי זיסקייטן פאַר אַ קאָפּיקע אָדער פאַר דריי גראַשן.

אָט איז יאָסל ווײנערס קראָם מיט פּיקאַנטע זאַכן: בלעכענע זייגערלעך מיט דראָטענע קייטעלעך, פּאַפּירענע מענטשעלעך וואָס באַוועגן זיך, שאָקאָלאַד־רעוואָלווערלעך און כלערליי

אַנדערע זאַכן וועלכע קאָנען פאַראינטערעסירן יינגלעך. טאַקע צוליב אַט די שיינע זאַכן רופט מען ווינערן „אַנטיק". ווען ער האָט גענומען אויסריכטן זיין קראָם, האָט מען אים געפרעגט „וואָס וועט זיין אין קראָם ?" — „כל מיני אַנטיקלעך" — האָט ער געענט־פערט.

אין זעלבן „פאָרט־אַרטור" איז אויך די קראָם פון ר׳ מאיר חיים יונגשטיק. ער טענהט איין מיטן גוי, רעדט געזוינלעך גויש און וויצלט זיך מיט האַלב־יידישע קללות: „קאב טאָבי קרענק דאָברי" און דער גוי ענטפערט קאב טאָבי מאיר חיים סטאַ חאָלערי אי שוכלא דאָבראַ". ביידע לאַכן גוטברידעריש, און דער גוי זאָגט: „נו, חיימקה, זיי געזונט" און מאיר חיים טאָפּט אים און וואָגן צי די ביי אים געקויפטע זאַכן ליגן אין אָרדענונג און זאָגט דערביי אָן דעם גוי, ער זאָל אַכטונג געבן און נישט פאַרלירן עפּעס אויפן וועג. בעתן געזעגענען זיך גייט אויך אַרויס מאיר חיימס פרוי, ביילע, און זאָגט אָן דעם גוי און מאַכט צו אים מיטן פינגער: „שיינער מענטש", זאָלסט זיך נישט אָפּשטעלן לעם אַ שענק און טרינקען בראָנפן, דיין ווייב און די קינדער זענען דאָך הונגעריקע".

מען קאָן נישט לייקענען: עס איז פאָרט אַמאָל געווען אַ גוטברודערשאַפט מיט די שכנים־גויים. אָבער, דער דייטשער מערדער האָט זיי כהרף עין אָפּגעסמט, און זיי זענען דאָן געוואָרן נאָך ערגערע מערדער פון די דייטשן גופא.

אין היטלער־צייט איז „פאָרט־אַרטור" געווען באַזעצט דורך גאָר אַנדערע מענטשן — די טעכטער און אייניקלעך פון זיינע אַמאָליקע איינוווינער. אויפן אָרט פון משה יהושען, געפינען זיך דאָ אברהם און ביילקע פייגעלשטיק, וועלכע פירן אַ שטרענגע וועגעטאַר־יאַנער קיך. אברהם איז פריער געווען פּרעזעס פון דאָמבראָוויצער „טאָז" און אַרויס־געוויזן אַ סך אַקטיוויטעט. ער האָט מחנך געווען יונגע תלמידים פון „תרבות"־שול ווו ער איז אַ שטיק צייט געווען לערער. ער האָט בכלל געהאַט אַ נייגונג צו אַלע שיינע אידייען און פּרינציפּן פון סוף 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט.

אברהם פייגלשטיין איז שוין לאַנג בין המתים, ערגעץ ווו אין די ווייטע רוסישע סטעפּן. ס׳פעלן אויך פון דער משפחה: ברוך פייגלשטיין, דער גערופענער „פּעטליא", זעליק און כינקע לעווין, אפרים־ברוך מיט זיין פרוי און זיין מוטער פערל.

בימי פוילן איז אפרים ברוך געווען דער עלעקטריקער פון דאָמבראָוויץ. בימי הסאָוויעטן, איז ער דער ראַדיסט פון דער סאָוויעטישער ראַדיאָ־סטאַציע אין דאָמבראָ־וויץ. ווען די סאָוויעטן האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָמבראָוויץ, איז די ראַדיאָ־סטאַציע געווען טעטיק ביז דער לעצטער שעה און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן קאָנטאַקט מיט דער וועלט און טאַקע אין דער לעצטער שעה, איידער די סאָוויעטן ווערן פאַריאָגט, הערט אפרים־ברוך אַ שמועס פון לעמבערג וואָס איז שוין 8 טעג אין רשות פון די דייטשן און גיט אונדז איבער וואָרט ביי וואָרט פון אַן אויפרוף פון גאַליציאַנער מעטראָפּאָליט שעפּטיצקי, וועלכן מיר האָבן געקענט פאַר אַ יידן־פריינד.

שעפּטיצקי האָט מער וויניק געזאָגט אין ראַדיאָ: „היטלער מיט זיינע אַרמייען קומען נישט אָקופּירן, נאָר פאַרטרייבן די מאָסקאַלן פון אוקראַינע און באַפרייען די הייליקע ערד. ברידער אוקראַינער און אַלע וועלכע באַוווינען די הייליקע ערד — מאָרדעט

נישט איינער דעם צווייטן, ווייל דאָס געזעץ וועט אייך באַשטראָפן און גאָט וועט נישט מוחל זיין״. דאָמבראָוויצער יידן האָבן אויפן סמך פון מעטראָפּאָליטס אויפרוף זיך באַרואיקט. אָבער אונדז איז באַוווּסט, אַז אונטער היטלערס ממשלה האָט זיין גוטסקייט אַרומגענומען בלויז אַ צענדליק יידישע יחידים און נישט מער.

אפרים ברוך דער עלעקטריקער, איז צוזאַמען מיט זיין פרוי, קינד און מוטער אַנטלאָפן פון עקזעקוציע־פּלאַץ אין וואַלד אַריין. זענען געקומען גוים פון דאָרף יאָסי־נעץ און האָבן אפרים ברוכן צעשמעטערט דעם קאָפּ מיט אַ פלאָקן, פאַר די אויגן פון דער אַלטער מוטער און זיין יונגער איבערגעגעבענער פרוי און שוין פאַרשטענדיק קינד. דאָס געזעץ האָט נישט באַשטראָפט — ווי עס האָט אַנגעזאָגט דער מעטראָפּאָליט שעפּ־טיצקי — און גאָט, ווייזט אויס, האָט יאָ מוותר געווען אויפן לעבן פון אפרים־ברוכן און פון נאָך הונדערטער און צענער־טויזנטער יידישע לעבנס.

די געביידע מיטן בריקל און קיילעכדיקע סטאָלבעס

און אָט איז אסתר־חיינעס קראָם. עס פאָרט צו אַ פור פון וועלכער מען טראָגט אַראָפּ פאַסקעס פּוטער און קעז. ווייבער איילן זיך און אַלע מיט אַמאָל שרייען: „אסתר, מיר אַ פערטל קעז און אַ פערטל פּוטער אויף שבת; מיר אַ פונט קעז אויף שלוש־סעודות; פאַר 20 גראַשן שווייצער־קעז; משה, מיר אַ קריגל מאַסליאַנקע פאַר די קינדער; מיר אַ פלאַש אָפּגעצויגענע מילך; אַ פאָר קוואָרט פרישע סערוואַטקע צום שטשאַוו־באָרשטש״. אַזוי האָט עס אויסגעזען מיט יאָרן צוריק און פאַרן חורבן פלעגט אויף אסתר חיינעס פּלאַץ סתם אַזוי זיצן יאַנקל בושקעס פאַרפּלמאַזע, אַ פאַרמעגלעכער יונג, אַ גוטער ברודער מיט אַלע אוקראַינער. אָבער אין טאָג פון אומגליק האָבן אים זיינע גוטע ברידער, די אוקראַינער, דערמאָרדעט, און ווען ער האָט געפּרוּווט איינטענהן מיט די רשעים, האָבן זיי אים געזאָגט: „זשידו, נאַשטאָ טי נאַם סדאַווסיאַ?״ (ייד, אויף וואָס דאַרפן מיר דיך?). ווייס איך נישט צי ס׳איז אמת, אָבער מען זאָגט, אַז יאַנקל האָט אונטערגעצונדן זיין שטוב און איז אַליין אַריינגעשפּרונגען אין פייער.

אונטער איין דאַך מיט אסתר חיינען, אין דער גרויסער געביידע פון וועלכער ס׳רוקט זיך אַרויס אין מאַרק אַריין אַ בריקל מיט ווייסע קיילעכדיקע סטאָלבעס, פון וואַנען מען גייט אַריין אין אַ פינצטערן קאָרידאָר, פירן צו אַלתר זאַיעץ. אַ שטוב מיט קינדער: יינגלעך און מיידלעך. אַ צווייטע טיר פירט צו יאָסל געצלס הויז מיט קלוגע געראָטענע יינגלעך. יאָסל אַליין איז אַ שטילער ייד. די ברילן שטענדיק אויף די אויגן, עס זעט אויס, אַז זיינע מחשבות רוען נישט, טיפן זיך אין פאַרשידענע ענינים. די לעצטע צייט וווינט דאָ איינער פון יאָסלס קינדער, חיים גילדענגאָרן — אַ מיטגליד פון יודענראַט, זיין פרוי, עטל, ליבערסאָנס טאָכטער האָט נאָך צוויי טעג פאַר דער אויס־ראָטונג אין מיר אַריינגעטענהט, אַז די דייטשן זענען קולטורעלע מענטשן און עס קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלן טאָן שלעכטס. רעדט עטל איין אַלעמען, אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן ביי די דייטשן גוטע צייטן. זאָל נאָר נעמען אַ סוף צו דער מלחמה. זי האָט

טאַקע באמת געגלויבט און געהאַפט, אָבער איר מאַן, דעם מיטגליד פון יודענראַט, האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן אַ לעבעדיקן אין פייער.

אויף דער וואלאסטנאיער גאַס איז געווען די אַלייניצע פון ליטמאַן גדליהס. אין לעצטן מאָמענט האָט ליטמאַן אונטערגעצונדן זיין שטוב מיט דער אַלייניצע און איז אַליין אַריינגעשפרונגען אין פייער. אַזוי האָבן די דייטשן אַריינגעוואָרפן אויך חיים גיל־דענגאָרן אינעם פייער, און בעת מעשה ווילד געלאַכט.

אין דער שול־גאַס

אויפן ראַג פון דער שול־גאַס איז דאָ אַ מויער אין וועלכער ס׳וווינען אַ ריי משפחות: זין און אייניקלעך פון אַלטן יונגשטיין, דער געוועזענער „קאַוואָרוש" — זיין זון ר׳ איציע יונגשטיין האָט אַ פאַרצווייגטע גרויסע משפחה, צעשפּרייט איבער די שטעטלעך פון וואָלין. דאָס איז געווען די שענסטע מויער אין דאָמבראָוויץ. ר׳ איציע אַליין איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ וואַלד־סוחר און אַ טריסקער חסיד. פאַר פּוילנס ממשלה איז ר׳ איציע דער וויצע־בירגערמייסטער פון דאָמבראָוויץ. געהאַט האָט ער אַ שטוב שיינע חסידיש־נגידישע טעכטער, מיט געראָטענע יינגלעך און אַ זון וועלכער איז שוין אַליין געווען אַ וואַלד־סוחר, אַן עכט יידישער יונגערמאַן און דערצו אַ מזג־טוב.

פון דער יונגשטיין־משפחה איז געווען אַ רייכער יונגערמאַן, ליאָווע, וועלכער האָט געפירט אַ יידישן אַרט לעבן. מיט אים איז פאַרבונדן אַ פּראָיעקט אַרום וועלכן עס האָט זיך געטומלט און ס׳איז גאָרנישט דערפון געוואָרן. די ערשטע פאַזע פון פּראָיעקט האָט געזאָלט רעאַליזירט ווערן דורך ר׳ שלמה גראָוועך. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּקויפן ביי פּליאַטערן צען טויזנט העקטאַר באָדן פון דעם אויסגעהאַקטן וואַלד און דאָמבראָוויצער יונגעלייט, ווי אויך יידן פון אַרומיקע שטעטלעך האָבן געדאַרפט ווערן ערד־אַרבעטער. שלמה גראָוועך האָט געדאַרפט רעאַליזירן די קניה. ליאָווע האָט געהאַט אַרום זיך אַ קאָמיטעט צו אָרגאַניזירן די יוגנט. פון דער דאָמבראָוויצער יידישער זייט איז אַלץ געווען גרייט. אָבער דער פּראָיעקט האָט אַרויסגערופן קעגנערשאַפט מצד דער פּוילישער רעגירונג און עס איז גאָרנישט געוואָרן.

אויך שיקע יונגשטיין האָט דאָ געוווינט מיט זיינע יינגלעך. אויך גאָלדע חוהס מיט אירע זין. זי אַליין קלייבט געלט אויף שמחות און טיילט צדקה. איר זון, אהרן דוד יונגשטיין איז געווען דער ערשטער לערער פון עברית אין דאָמבראָוויץ, ער איז אומגע־קומען אין וואַרשע. דער צווייטער זון, משהל, לעבט, מעגלעך, ערגעץ ווו אויף דער וועלט. אויך איז געווען וועלוול יונגשטיין מיט זיינע טעכטער און קלוגע געראָטענע יינגלעך. פון אָט דער פאַרצווייגטער משפחה יונגשטיין, איז קיינער נישט געבליבן.

בשכנות מיט די יונגשטיינס האָט געוווינט עליע שפּין. ער האָט שווער געהאָרעוועט און האָט זיך געפּלייסט געבן זיין משפחה אַ בעסערן לעבן. דאָ האָט אויך געוווינט די משפחה פלעסקון. אַ רויקער, טייערער ייד, אָן תרעומות און אָן פּרעטענזיעס. אין דעם האָלבן מויערל האָט אין יענע יאָרן געוווינט שלמה מאירס פּערלשטיין, אַן ערלעכער ייד, און הגם פּרנסה איז שטענדיק געווען בדוחק, האָט ער צו כביכול קיין טענות נישט

געהאַט. ער איז געווען אַ עובד את ד' באהבה. ווען ער פלעגט ראש־השנה דאַוונען מוספים אין קוריערסקער שול, האָט זיך אַרויסגעפילט אהבת השם און אהבת הבריות. זיין פרוי, חנה, האָט שטענדיק צוגעשמייכלט און געבעטן פאַר אירע טעכטער גוטע זיווגים. דערנאָך האָט אַ שטיק צייט דאַ געוווינט זייער איידעם אייזנבערג, אַ טייערער יונגערמאַן מיט מידות טובות און יידישקייט, תורה און פאַרשטאַנד. ער איז נעבעך יונג געשטאָרבן. זיינע לעצטע בריוו און די צוואה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט זאָגן עדות וועגן זיין מאָראַל צידוק הדין און קידוש שם שמים.

די אַלטע איינגעבויגענע און אונטערגעשפּאַרטע שטוב פון פרײדל ריקילס, פלעגט אַרויסגיין אַ נישט־באַשעדיקטע פון שריפות, ווייל אַ מקובל האָט איר געבענטשט. ווען די אַלטקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס'האָבן שוין נישט געקענט העלפן די קליאַמערס און פּאַדפּאָרעס, האָט מען די שטוב איינגעלייגט און אויף דעם פּלאַץ אויסגעבויט אַ שיין מויערל. פון דער משפּחה איז אויסגעוואַקסן אַן אייניקל מיטן נאָמען אשר שטראָם — יעקב הערש, דעם זאַלאַטאַיערס זון. ביי אים איז געווען תורה וגדולה במקום אחד. אַפילו זייענדיק אין יודענראַט איז אשר געווען אַ מענטש פון יושר און גערעכטיקייט. די שיינע ריקל, זיין פרוי, איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. דאָרט האָט איר געכאַפּט די פּאָליציי און געפירט אין שטאָט אַריין. אַריינגייענדיק אין שטעטל, האָט זי מיט אַ גראָבער טיכל פאַרבונדן די אויגן זי זאָל נישט קוקן אויף די יידישע לײדיקע הייזער.

לענג־אויס דער לאַנגער גאַס

פון אשר שטראָמס ווינקל־מויער זעט זיך די גאַנצע לאַנגע גאַס. רעכטס, צום וואַלאַסט, ציען זיך יידישע הייזער ביז יעקב יאַסיעס צווייסטאָקיקן אָפּגעלאָזטן מויערל. דערנאָך זעט מען דעם הויכן פּאַרקאַן מיט די צווייגן פון בית־עלמין. לינקס — די גאַנצע שטיבל־גאַס, אָנגעפּיקעוועט מיט יידישע הייזער ביז דאָרט אַראָפּ, ווו עס טיילן זיך אויס מיט זייער הויך און ברייט די ביידע סטאָלינער שטיבלעך. איבער דער גאַס, אין ווינקל מויער, וווינט דער שניידער קאָזלאָוו, און ווייל ער האָט געדינט אין צאַרישן מיליטער אין טאַשקענט, רופט מען אים „טאַשקענט". ער פלעגט טאָקע ליב האָבן צו דערציילן, אַז זייענדיק אין טאַשקענט האָבן די פּאָלקאָווניקעס מיטן גענעראַל געטראָגן נאָר די מונדירן, וועלכע ער, קאָזלאָוו, פלעגט נייען. געווען איז ער אַן ערלעכער ייד און האָט געטריי געדינט זיין קליענטעלע.

אונטער איין דאַך מיט „טאַשקענטן" וווינט דער אַלטער, אָבער נאָך קרעפּטיקער יידל, חיים הערשקעס. ער באָדט זיך אין טייך פון אייז ביז אייז. אינמיטן זומער, איז ער, באָדנדיק זיך אין טייך, אַ גוטער־ברודער מיט אונדז חדר־ייִנגלעך. ער קלייבט אויף אַרום זיך אַ פּאָר מנינים ייִנגלעך און רופט אויס: „אַ נו, קינדער, ווער פון אונדז עס וועט העכער אויסשפּרינגען אין וואַסער, באַקומט פון מיר אַ קאָפּיקע". ער אַליין שפּרינגט אויך און לערנט די ייִנגלעך ווי אַזוי אַרויסצוטאַנצן פון וואַסער. די פרוי זיינע איז געווען זייער אַן ערלעכע ידענע.

צוריק מיט 80 יאָר, האָט חיים פאסמאַן געבראַכט פון קיעוו קיין דאָמבראָוויץ די ערשטע ניי־מאַשין. אַ חודש צייט איז גאַנץ דאָמבראָוויץ, קינד און קייט, געגאַנגען באַטראַכטן די מאַשין. שניידער האָבן אָנגעהויבן צו אים טראָגן זייער אַרבעט צו שטעפּן און געצאָלט דריי גראָשן פון אַרשין. דאַן האָט חיים פאסמאַן אויך געבראַכט די ערשטע שער־מאַשינקע צו שערן די האָר פון קאָפּ. דער עלטערער זון זיינער, אלתר, האָט זיך באַזעצט אין סאַרני און דערלעבט ביז היטלערן.

און אָט איז דאָס הויז פון פעלצן־מאַכער, דער אַזוי־גערופענער קוצו. אַ דאַרער און אַ בלייכער. נאָכער קומט דער שוסטער זאַמדוויס, אַ פּראָגרעסיווער מענטש, אַ געטרייער בונדאָוויעץ. אַלע אַרטיקלען פון יאַנקל פּאָט מיט די לאָזונגען פון מעדעם האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק. אויך האָבן דאָ געוווינט מאָטיע דעם זאַלוזשערס אײדעם, דער היטלמאַכער — חיט. אָט די, נאַר־וואָס דערמאָנטע יידן זענען אין געוויסע פּעריאָדן פון זייער לעבן געווען געטרייע בונדאָווצעס. אייניקע זענען, צוליב זייער שווערער האַרעוואַניע און זאָרג פאַר פרוי און קינדער, אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער באַוועגונג. אַנדערע האָבן זיך אַנטוישט אין די מנהיגים. אַזוי, למשל, איז אהרל פאסמאַן משום מעשה שהיה, אַנטלאָפן פון „בונד" און איז געוואָרן אַ פּוילישער פּאַטריאָט.

אָבער, ווער מאַכט איצט חשבונות מיט אַמאָליקער פּאַרטייאישער צוגעהעריקייט און מיט אַמאָליקע לעבן־איבערוואַנדלונגען, אַז דער גאַנצער געוועזענער אַמאָל ליגט אין גרוזן, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געווען...

די באָד־געסל און איר אַרום

דו כאַפּסט אַ קוק אויף לינקס און זעסט אַ שמאָל געסל. ווער פון אונדז האָט אין דעם באָד־געסל נישט געזומערט און נישט געווינטערט? לכל הפחות צוויי זמנים געלערנט ביים דרדקי־מלמד ר' מנשה. אויך שפּעטער, ווען מען האָט זיך שוין דער־לאַנגט צו גמרא, איז דאָך אין דעם געסל געווען דער חדר פון אלתר־פּרץ, דער גמרא־מלמד. אויך איז דאָ געווען די אינסטיטוציע, וועלכע האָט במשך דער הונדערט־יעריקער געשיכטע אונדז תמיד באַגלייט, און אָן וועלכער קיין שום יידישע קהילה האָט נישט געקענט עקזיסטירן: דאָס בעדל מיט אירע מקוואות. צו יענער צייט האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע געוווּסט צו דערציילן, אַז יעדע נאַכט, צוועלף אַ זייגער, קומען דאָרט אַהין אַלע צוואַנציק דורות דאָמבראָוויצער מתים זיך טובל זיין.

איצט, נאָכן גרויסן חורבן, בין איך געווען גרייט זיך אַנידערצוזעצן אין באָד אויף אַ גאַנצער נאַכט, כדי צו באַגעגענען דאָ מיינע דערשאָסענע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, ליבע פרוי און טייערע שכנים. די גאַנצע גאַס ליגט איצט אין רואינעס. אויף משה מאירס פּלאַץ שטייען צלמים. דאָרטן זענען באַגראָבן רוסישע סאָלדאַטן, געפאַלענע אין קאַמף פאַר אַרויסרייסן דאָמבראָוויץ פון דייטשישע הענט. אָבער די „זשידאָווסקע־באַניע" איז געבליבן אַ גאַנצע. די מקווהס שטייען פאַרוואָרלאָזטע. אין אָט דער טיפער מקווה פלעגן חסידים ואנשי מעשה זיך טובל זיין פאַר חצות אָדער

פאַרן דאַוונען. און דער אַלטער שוחט, עליע מנקר, און מאָטל אַרעלעס, זענען אין דער הייסער מקווה פאַרחלשט געוואָרן און געשטאָרבן.

אַנטקעגן דער באָד איז געזעסן משה מאירס — אַ קלוגער ייד, מיט יידישער העזה און אַנגעלערנט, כדי צו זיין אַ „ודע מה שתשיב״, ווען מען דאַרף...

אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן, קומט פון ארץ־ישראל אלתר, דעם הארוועניצערס בחור. מען זאָגט אַז געקומען איז ער זוכן אַ כלה. דאָמבראָוויצער יידן לויפן נאָך דעם גאַסט און באַלאַסטן אים מיט פראַגן וועגן ארץ־ישראל־לעבן. וואָס שייך די קיבוצים, האָבן יידן שאלות מיט פאַדערונגען. זאָגט ר׳ משה: „הער זיך איין, ברויט, קאַרטאָפל, ירקות, אַפּעלסינען, זאָגסטו, זענען פאַראַן, אַ דאַך איבערן קאָפּ — אויך, טאָ פרעג זיי די דאָמבראָוויצער נגידים וואָס האָבן זיי דאָ מער? אויב נישט קאָפּ־דרייעניש, צרות מיט וועקסלען, מיט פּאַדאַטקעס״. דער ר׳ משה האָט געהאַט מיידלעך און ייִנגלעך, און דערצו קנאַפּ פרנסה... זיין זון, בערקאָ פערלשטיין, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז געווען פון די ערשטע יינגע ציוניסטישע עסקנים. נאָכהער, איז ער אַריבער צום „בונד״ און געוואָרן שטאַרק טעטיק, געאַרבעט פאַר ציש״אָ־שול און געטאָן אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט.. בערקאָ פערלשטיין איז בין החיים און איז נאָך דער מלחמה אַוועק קיין ארץ־ישראל.

נעבן בעדל איז אויך געזעסן די משפּחה כאָמעט־מאַכערס. דער יונגער זון האָט פּרעטענדירט אויף אינטעליגענץ. אים האָבן די רשעים פאַרפּייניקט אין וואַלד און זיין גוף ממש צעפּערטלט.

הינטערן באָד, פון דער אַנדערער זייט, איז געווען דאָס הויז פון מאיר־חיים יונגשטיין. אַ רייכער בעל־הבית, געהאַט צעגעלניעס, קראָמען און געמסחרט מיט האָלץ. געהאַט אַ שטוב ייִנגלעך מיט שאַרפע קעפּ. איינער פון זיינע ייִנגלעך איז געווען רב אין רובליע און אַ שיינער למדן. ער איז אומגעקומען. אַ צווייטער ייִנגל איז אַוועק מיט די חלוצים קיין ארץ־ישראל. דער דריטער, משה — אַ לערער אין דאָמבראָוויצער „תרבות־שולע״. ער איז געווען נאָכן חורבן אַ מדריך פון „השומר הצעיר״ ביי דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד און אַ אַרויסגעבער פון אַ יידישער צייטונג. ער לעבט אין ישראל און איז דער איינציק איבערגעבליבענער יורש פון דער גרויסער און פאַרצווייגטער משפּחה יונגשטיין.

אַרום בעדל האָט געוווינט חיים־ניסעליכע מיט איר חיים ניסלען. אַ דאַר קליין יידל מיט אַ געלער באָרד וואָס הענגט שטענדיק אַראָפּ איבערן סורדוט. איינגעגעסענע סאַזשע אין די קנייטשן פון פּנים און נאָך מער אויפן צעאַקערטן האַלדז. אָפט, אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרצער שטריק מיט אַ נאָכהענגענדיקער באָמבע און אַ בעזעם. אַזוי האָט ער געהיט, אַז אין די יידישע קוימענס זאָל זיך נישט אָנקלייבן סאַזשע און עס זאָלן נישט זיין קיין שריפות. חיים־ניסל פלעגט זאָגן: ווען עס איז אַ שריפה, זענען זייטיקע וועלכע קומען העלפן, זוכה מן ההפקר...

זיין ווייב, חיים ניסעליכע, האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט איבער דאָמבראָוויצער ביידע בית־החיימס. זי האָט געקענט אַלע מתים פון די לעצטע 60 יאָר. אַלעמענס זיידעס, טאַטעס, ברידער און שוועסטער. זי האָט געדענקט ווו יעדער באַזונדער רוט. און ווען

אין אַ משפּחה איז געווען אַ שווערע סיטואַציע, אָדער אַ פּאַסירונג, אַ שווערער געבורט, אָדער אַ חולה מסוכן און אַפילו ווען אַ בן־יחיד האָט געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו — האָט זי נישט געוואַרט, אַז מען זאָל איר זאָגן. נאָך פריער פאַר אַלעמען, איז זי אַוועק אויפן אַלטן בית־הקברות רעדן דאָרט מיט די זיידעס און באָבעס. זי האָט געפּלעגט מיט זיי אײנטענהן אין גאַר אַן אַנדער שפּראַך: — „הייליקע צדיקים, (און דאָ פאַרגייט זי זיך גלייך אין אַ געוויין און אין אַ יאָמער), איר זיצט דאָך מיט דער שכינה אין גן־עדן, פאַרגעסט נישט אין צער פון אייער אייניקל. קינדס־קינדער זענען ווי קינדער, און עס שטייט געשריבן אין דער הייליקער תורה: כרחם אב על בנים, טאָ האָט טאַקע רחמנות, איר זענט דאָרטן נאָענט צו כביכול, דעם אל רחום וחנון, דערלאַנגט אַ זכות פאַר אייער אייניקל שרה בת חנה, וואָס גייט שווער צו קינד". ביי דער באָבען אָדער מאַמעס ברודערס קבר האָט זי אַנדערש גערעדט: „געלייטערטע נשמות, (אויך דאָ פאַרגייט זי זיך בעת מעשה עד כלות הנפש און באַגלייט איר געבעט מיט געוויינען און קרעכצן), איר הערט? איך שטיי ביי אייער קבר און וועק אייך, איר זאָלט נישט פאַרגעסן דעם צער גידול בנים, וואָס איר האָט געהאַט ביים האָדעווען אײערע קינדער. געדענקט וואָס עס פּילט אַ מאַמעס האַרץ ווען אַ קינד ווערט קראַנק. וועקט אויף אַלע הייליקע אמהות, קלייבט אויף אַלע נשים צדקניות און גייט צו דער פמליא של מעלה, און מיט זיי צוזאַמען — צום האַר פון דער וועלט, צום רבונו של עולם, גייט גיכער, ווייל דאָס יונגיטשקע ווייבל וואָס דאַרף געבוירן אַן ערשטלינג, גייט שווער צו קינד".

קוקנדיק אַזוי אויף די חורבות ארום מיר, האָט זיך מיר געוואָלט אַ זאָג טאָן: שטיי אויף חיים ניסעליכע מיט דיין ליבשאַפט צו יונגע מאַמעס, שווערע געווינערינס, מיט דיין שטאַרקן גלויבן אין כוח פון די מתים די מליצי־יושר, כאַפּ אַ בליק אויפן בית־החיים און זע ווי אַלעמענס קברים זענען צעגראָבן, ווי אויך דיין קבר איז צעאַקערט, ווי הונדערט־יעריקע הייליקעביינער וואַלגערן זיך אַרום. קיינער וועט שוין נישט קומען באַאומרואיקן די מתים און שיקן זיי אין שליחות צום כביכול, ווייל דאָמבראָוויצער גויים בשותפות מיט די דייטשן האָבן אין איין טאָג אויסגעשאָכטן אַלע געווינערינס.

שטייענדיק אַזוי ביים ווינקל פון באָד־געסל, נעבן חייטס הויז, כאַפּסטו אַ קוק אויף רעכטס, אויף חיים דעם סופרלס שטוב. אַן איבערבלייבעניש פון דורות. אַלע דאָמבראָוויצער שריפות האָבן די שטוב אויסגעמיטן. זי שטייט איינע אַליין אויפן שייד־וועג פון גאַסן, ביים זייט פון אַ ברונעם וואַסער, און ווי מען האָט דערציילט האָט אַ צדיק געגעבן זיין ברכה, אַז עס זאָל קיין פייער נישט קיין שליטה האָבן אויף דער שטוב. פאַר מיין צייט זענען צוויי דורות איינוואוינער פון דער שטוב געשטאָרבן און ביים דריטן דור האָט דער צדיק צוריקגענומען זיין ברכה. וואָרעם דער דור איז אינגאַנצן אויסגעשאָכטן געוואָרן און די שטוב איז אויך נישטאָ.

די שיכטן פון קאָלאָדיעזנע־גאַס

פון הינטער דער שטוב ציט זיך אַוועק די קאָלאָדיעזנע גאַס, וועלכע האָט עטלעכע מאָל געביטן איר נאָמען. אין דער גאַס האָבן געוווינט נישט די אויבערשטע שיכטן.

אַמאָל איז דאָ געווען יהושע בויטעס האַראוואַלנער שניידער־וואַרשטאַט. און אַזוי האָט דאָרט אויסגעזען: אַרום אַ בליך־לאָמפּ זיצן די געזעלן און האָרעווען און בעת מעשה זינגען זיי ליבע־לידער. על פי רוב פראַצעווען זיי אַזוי ביז עלף אַזייגער אין אָוונט און פאַר יום־טוב אָדער פאַר אַ גויאישער חגא אַפילו ביז צוויי. אַרום צוועלף ביינאַכט שטעלט די בעל־הביתטע אַוועק אויפן טיש אַ שיסל מיט קאַרטאָפל און גלעזער ראָסל, ווי אויך גראָבע המוציאס פון אַ צעשניטענעם קאָרענעם ברויט.

דאָס איז די גאַס פון זעגערס, בעלי־עגלות, שמאַטאַרעס, באַגרעבערס און שמשים. אין דעם געסל איז געבוירן געוואָרן דער חברה־מאַן יאַנקעלע סאַנדלער—סיאַסקיאַ. זיינס אַ ברודער, אַ בלינדער זינגער, פלעגט מיט זיינע ליריש־נאַגנדיקע טענער פאַנגען אונדזערע קינדערשע הערצער און ממש זיי צושמידן צו זיך. אַביסעלע אָן אַ זייט, אין דעם שמאָלינקן געסעלע, האָט געוווינט אָן ערלעכער ייד, אָן אייגנאַרטיקער טיפּ — וועלפל סאַראַקאַטש. אָט גייט ער אין אַ טיפער בלאָטע אָדער זאַווערוכע אין אַ פינצטערער נאַכט און זינגט אויס דעם געזאַנג, וועלכן נישט מיר און נישט די קומענדיקע דורות וועלן אים מער הערן: — „ישראל עם קדושים! שטייט אויף, שטייט אויף תהלים זאָגן, כאַפּט זיך אויף לעבודת הבורא כי לכך נוצרת".

דאָ האָט געוווינט שמואל דער גלעזער, דער טיפּישער יידישער איזוואָשטשיק, וועלכער, זיצנדיק אויף דער קאָזלע, זינגט ער זיך אונטער אַ שטיקל חזנות אָדער דערציילט מעשיות פון צדיקים.

דאָ וווינט אויך שמאי פעלדמאַן — קאָסטיוק. אים האָבן די מערדער באַקומען אַ וואָך נאָך דער שחיטה. ווען די פּאָליציי האָט אים געפירט צום שיסן, האָט ער געשריגן: „בראַטקי, כאַטשו זשיטי, ראַטויטע". אָבער אַ געלעכטער פון הונדערטער גויים און גויעטעס האָט אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג און צו דעם נאָך — ווילדע אויסגעשרייען: „זשידו, אידי נאַ פּאָהיבעל".

אין דער אַ גאַס האָט אויך געוווינט ר' גדליה עטעלעס פעטשעניק, אַ שיינער חסידישער ייד, אַ בן־תורה. לעבט בדוחק און איז צופרידן אויף גאָטס וועלט, האָט ליב כלל ישראל. זיין זון, יאַסל, א שטילינקער אַרבעטס־מענטש. פון די איינוווינער פון דער גאַס האָבן זיך רעקרוטירט די מנהיגים פון „בונד" רעוואָלוציאָנערן: רעכטע, לינקע און גאָר לינקע. אויך זענען אין דער גאַס געווען צוויי גרויסע האַנדלס־הייזער, וואָס האָבן קאָנקורירט צווישן זיך: איציק מאיר בליזנוק און „קאָמפּאַניע פעטשעניקעס". אין דער קעגנזייטיקער קאָנקורענץ האָבן ביידע פירמעס זיך גאַרנישט געשאַנעוועט און זיך אַליין אונטערגעבראָכן.

די פּאָליאַקן האָבן געוואָלט וויזן זייער ליבעראַליזם און האָבן אָנגערופן דאָס געסל מיטן נאָמען בערעק יאָסעלעוויטש. מיטן אַריינקום פון די סאָוויעטן, איז דאָס שילדל — „בערקאָ יאָסעלעוויטש" אַראָפּגעריסן געוואָרן און דאָס געסל האָט באַקומען דעם נאָמען „פּרץ־גאַס. דאָ האָט אויך געוווינט יידל אַלטער נחמנקעס משפחה, מיט זייערע צרות, שוידער און פחד. אַפילו די פרייד וואָס מיר זענען פטור געוואָרן פון היטלערן און די שמחה פון פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָבן נישט געקאָנט גורם זיין, כ'זאָל פאַרגעסן

אין דער טראַגעדיע פון ידלס פרוי, די אַזוי אומגליקלעכע מאַמע, ביי וועלכער מען האָט אין וואַלד אויסגעמאָרדעט אירע קינדער און נאָך געזען זייערע דערשטיקטע גופים זיך בראָטן אין פייער. איר צער, איר געוויין און טרויער גייען מיר נאָך זינט דעמאָלט און איך קען זיך נישט פון דעם באַפרייען.

און נאָך אַ טראַגישער פאַל באַגלייט מיר אַלע יאָרן. דאָס איז דער פאַל מיטן דאָקטאָר רויטמאַן, דער דובנער כירורג, וועלכער טראָגט אַרום אַ בילד פון זיין טאָכטער און טאָג־איין, טאָג־אויס בעט ער זיך ביי יעדן רחמים: — יידן זאָגט „אל מלא רחמים" נאָך מיין איינציקער טאָכטער. פון צער איז ער אַראָפּ פון זינען. אָבער אויך זיין האַרץ האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און איז צעריסן געוואָרן. זאָג איך טאַקע יעדעס יאָר „אל מלא רחמים" נאָך דער יונגעטשקער בת יחידה און איר אומגליקלעכן טאַטן.

אין וועג האָב איך געטראָפן אַ מאַמע, וועמען מען האָט געהייסן זינגען און טאַנצן, בעת איר איינציק קינד, איר מאַן און נאָך פיל אַנדערע זענען געשליידערט געוואָרן אין פייער אַריין.

די דאָפּלטע־הויז און אַרומיקע מויערלעך

קוקסט זיך צו צום חורבן פון דעם טאָפּלטן הויז. פון איין זייט משה דינעס בורשטיינס יורשים (אייניקע פון זיי זענען אין ארץ־ישראל) און פון דער צווייטער זייט — בינדערס מויערל. די קינדער — אויך אין ארץ־ישראל. און עס ווילט זיך אויסשרייען: „גוים רוצחים", על אפכם ועל חמתכם זענען נאָך דאָ יידן, וואָס לעבן און וועלכע וועלן תמיד געדענקען זייערע אויסגעשאָכטענע עלטערן, און אויך אייך שכנים, די מערדער זייערע.

אונדז יינגלעך פלעגט שטענדיק אינטערעסירן דער „סקליעפּ" מיט דער אייזערנער טיר. דאָ האָט געוווינט ר' יאָסל איצקעס, אַ גרויסער ערלעכער ייד. אַ בן־תורה, וועלכער האָט געלערנט מדרש יעדע פרייע מינוט. געווען א נהנה מיגיע כפיו, אַ שניידער. אין מיינע קינדער־יאָרן האָט מיין באָבע חיהלע געשיקט מיין מאַמען מיט מיר צו ר' יאָסל איצקעס, נייען פאַר מיר אַן אַנצוג און דערביי געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה צו אריכת־ימים און צו יידישקייט. ר' יאָסל האָט זיין פאַרמעגן צעטיילט אויף פיר חלקים, דריי — פאַר די קינדער, און איין חלק לעליית נשמתו — אויף צדקה. פון וואָרשטאָט זיינעם, האָט ער פאַרן טויט פאַרזאָגט צו מאַכן אין קבר דעם אינעווייניקסטן אָרון. דאָמבראָוויצער יידן פלעגן דערציילן, אַז ר' יאָסל האָט קיינמאָל נישט געלאָזט פאַר זיך קיין יתור, נישט גענומען קיין הויכע פרייזן און געגעבן אומזיסט פאַר קבצנים.

נאָכהער האָט דאָ געוווינט זיין זון שרה־וועלפל בינדער, אַ טיכטיקער סוחר, פול מיט ענערגיע און מיט אַ סך טעמפּאָ. אין די יונגע יאָרן האָט ער אויך נישט מסכים געווען מיטן חדר־חינוך און פלעגט וועגן דעם עפנטלעך רעדן. אַזוי האָט ער אויך נישט מסכים געווען און רעוואָלטירט קעגן די פירעכצער אין סטאָלינער שטיבל. ער האָט צוזאַ־מענגענומען אַלע דעמאָלטיקע יונגעלייט פון שטיבל, אַליין אַרויסגענומען פון טאַש דעם

ערשטן הונדערטער רובל, נח בורשטיין — דעם צווייטן, איציקל דער קאַוואַל — דעם דריטן, שמעון איסאַד דעם — פערטן. און אַזוי האָבן 20 יונגעלייט געגעבן צו הונדערט־רובלדיקע און אויפגעבויט די סטאָלינער קוריערסקע שול. כאָכלי דער בעל־עגלה איז געוואָרן דאָרט דער בעל־קורא. דער עמוד איז געוואָרן צוגענגלעך פאַר אַלע מיטדאַוונער, נישט ווי אין סטאָלינער שטיבל ווו אַלץ איז געהאַלטן געוואָרן נאָר פאַר די „מורה־מורינוס״.

אָט דער שׂרה וועלפל, האָט זיינע קינדער שוין געלאָזט לערנען וועלטלעכע לימודים. זיין עלטערער זון, וועלכן מיר פלעגן רופן: „בינדער״, איז פון זיין פריסטער יוגנט אָן, געווען אַריינגעטאָן אין ציוניסטישער אַרבעט, ווי אויך אין העברעישן חינוך אין שטעטל. ער האָט זיך באַמיט, אַז אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום עפנטלעכן לעבן אין שטעטל, זאָל זיין ציוניסטיש. מיר איז געבליבן אין זכרון, זיין הייסע דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן בימי קערענסקי, ווען מיר האָבן געקליבן דעם ועד־הקהילה.

ווייטער איז אַ מויערל וואָס איז אַמאָל געווען באַוווינט דורכן איינבינדער, וועלכער האָט שטאַרק הנאה געהאַט ווען ער פלעגט בינדן גרויסע יידישע ספרים, ווי למשל אַ ש״ס גמרא, אין לעדערנע רוקנס מיט אויסגעקלאַפּטע גאָלדענע אותיות. דער יונגער זון זיינער, איז געווען צופרידן ווען מיר יינגלעך, פון רוטקינס חדר, פלעגן ברענגען צום בינדן „רוסקיע פּיסאַטעלי״. שפּעטער האָט דאָס מויערל געהערט צו די זאַלושער האַרעפּאַשניקעס, צו ר׳ מאָטיען, יידן אַריינגעטוענע אין פעלד־אַרבעט און אין דאָרפישע פּרנסות. אין זייערע שמועסן, פלעגן זיי זיך באַנוצן מיט אַ סך גוישע ווערטער. פון דער גאַנצער משפּחה איז ערגעץ־ווו געבליבן אַ טאָכטער.

אָט דאָס אָרט האָט געהערט צו די יורשים פון ר׳ ישׂראל זאַלצמאַן, דער ציגעלניק, דער ברודער פון דאָמבראָוויצער רב ר׳ יעקב. ר׳ ישׂראל איז געווען אַ בעל־יחוס עצמו. געווען אַ נהנה מיגיע כפּיו, און ביי זיך אין ציגעלניע שטענדיק אַליין געהאָרעוועט. ר׳ ישׂראל האָט געקענט גוט לערנען, און טאַקע אויך אַ סך געלערנט. אָבער נישט כּדי צו מאַכן פון לערנען אַן עטרה להתעטר בה. ער איז געווען דער אמתדיקער פּשוטער מענטש און אַ נוח לבריות. קיינמאָל זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן מיט זיין תורה־קענטעניש, געדאַוונט האָט ער קאַרלינער נוסח, מיט ברען, מיט התלהבות, נישט חזנות־מעסיק, נאָר פשוט ווי דורכצורעדן זיך מיטן רבונו של עולם. אין אַ שמועס, האָט ער איינמאָל אַזוי געזאָגט: „ספרים קדושים זאָגן, אַז ווען אַ ייד דאַוונט, רעדט דאָן דער ייד מיטן כביכול, און בשעת קריאת התורה, רעדט כביכול מיט די יידן, דעריבער טאָר מען נישט שמועסן ווען מען לייענט די תורה״. זיינע זין זענען אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. ער אַליין, ר׳ ישׂראל ז״ל, איז געשטאָרבן מתוך לימוד התורה. פאַרן טויט, האָט ער געזאָגט צו זיינע חברים, קאַרלינער חסידים: „איך האַלט אין גמרא נדרים ביי דעם און דעם דף, ענדיקט זי צו אויף מיין נאָמען; דאָס וואָס איז מיר דאָרט קשה, זאָל מיין ברודער, ר׳ יעקב, דער רב געפינען דעם פשט און עס זאָל גיין לעלית נשמתי״. דער לעצטער איינוווינער פון דעם הויז איז געווען ר׳ ישׂראלס זון — יוסף.

אין דער מאַקאַראָווער־גאַס און אין דער באַלניטשנער

אַ ביסל אַראָפּ, אויף מאַקאַראָווער גאַס, צווישן די גוישע הייזער, האָט אַמאָל געוווינט חיים ביטשיק, אַ טאַטע פון צען אָדער צוועלף יינגלעך. דאָמבראָוויצער פלעגן זיך וויצלען און דערציילן, אַז ביים אַכטן יינגל האָט ר׳ חיים נישט געוואָלט ענטפערן אויף מזל־טוב־ווינטשן, ווייל ער האָט כסדר געהאָפט אויף אַ טאָכטער און ס׳איז נישט געקומען. אָבער פּאַמעלעך, נישט אויסגעבעטן זענען צוגעקומען נאָך פיר יינגלעך... ר׳ חיים אַליין, אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, איז ב״ה שטענדיק פאַרזאָרגט געווען מיט מחשבות וועגן דעם ווו מען נעמט פרנסה. אין די לעצטע יאָרן האָבן אין דער שטוב געוווינט אשר ביטשיק פון פויזניע און אלתר דעם האָרוועניצערס זון, אברהם מודריק. פויזניער גוים האָבן זיי פאַרפייניקט מיט אַזעלכע עינויים קשים וואָס קענען זיך גאָרנישט לייגן אויפן שכל.

די לאַנגע באלניטשנע גאַס, אויף לינקס פון ר׳ ישראלס שטוב, איז נישט מער ווי פון איין זייט אַ יידישע, אויף דער צווייטער זייט וווינען שוין גוים. אין ערשטן מויערל וווינט אַ פעלצן־מאַכער. נאָך דעם איז נפתלי פעלדמאַנס הויז. באַנייט און אויסגעפּאַרבט. דער בעל־הבית פון הויז, ווען ער איז געווען שרייבער אין „מיעשטשאַנסקע אופּראַווע״, איז די פּען שטענדיק געווען פאַרשטעקט אונטערן אויער און ווען ער האָט גערעדט האָבן ביידע אויגן געקוקט אין פאַרשידענע ריכטונגען. שפּעטער האָט נפתליס הויז געדינט ווי אַ מעדיצינישער פונקט פון „טאָז״ אָדער „אָזע״ פאַר נישט פאַרמעגלעכע יידן. אונטער פוילנס ממשלה, ווען אַ גרויסער טייל דאָמבראָוויצער יידן זענען פאַראָרעמט געוואָרן, האָט דער „טאָז״ דאָרט אַרויסגעגעבן אַ סך מעדיצינישע הילף.

איצט קומט אַפרים דעם „נאַטשאַלניקס״ שטוב, אַ סוחר, אָדער כמו סוחר און מער — אַ מעקלער פון פערד. נאָך אַרומלויפן אַ גאַנצע וואָך פון יאַריד צו יאַריד, האָט ער פון מעקלעריי קיין סך נישט אַריינגעבראַכט אויף שבת אין שטוב אַריין. ער האָט פאַר זיין פרוי, די מאַמע פון זיינע קינדערלעך, וועלכער ער האָט בכבוד און מיט ליבשאַפט געהאַלטן, קיין ברויט צו דער זעט נישט געקאָנט געבן. אין לעצטן טאָג פון לעבן, איז ער אַרומגעלאָפן מיט פאַרוויינטע אויגן אַרום יודנראַט מיט אַ צעשויבערטער באָרד און אַ געל פּנים ווי אַ פאַרטיקער מת. קיינער פון זיינע גויאישע שכנים האָט אים נישט געראַטעוועט, אַמאָל פלעגן זיי זיצן ביי אים אין שטוב גאַנצע אָוונטן און שמועסן וועגן ווייטע פאַרגאַנגענע צייטן ווען יידישע ציגן און בהמות פלעגן פריי אומגיין איבער די גויאישע הויפן און גויאישע חזירים פלעגן אומגעשטערט ליגן אין יידישע שטאַלן. דערמאָנט מען זיך טאַקע אין יענע צייטן, ווען אַ ייד פלעגט ברענגען צום גוי צו טרייבן, אַ חזירטע מיט קליינטשקע, נאַר־וואָס געבוירענע, חזירימלעך אָדער אַ גויע פלעגט ביינאַכט אויפוועקן אַ יידן און אים אומקערן זיין בהמה מיט אַ נאַר־וואָס געבוירן קעלבל. אָבער יענע צייטן זענען אַוועק... היינט וואָלטן זיי נישט אויסבאַהאַלטן אפרימס פרוי... פאַרקערט, זיי וואָלטן איר נאָך אַליין דערהרגעט...

אין גענזולס געסל

איצט קומען מיר צו גענזולס געסל, אין וועלכער ס'איז אַ פּחד אַריינצוקומען. דאָ וווינען יאָסל דעם פּאַניטשס שוואַרצע ייִנגלעך, וועלכע חברן זיך מיט קיפּקעס ייִנגלעך און זאָגן אויף זיך, אַז זיי זענען דער קליינער „בונד". אונדז, חדר־ייִנגלעך, גיבן זיי אַריין אַ שפּאַר ביסל סטוסאַקעס און רופן אונדז אָן „יאַלדך". יאָסל דער פּאַניטש, פון פאַך אַ שניידער, אַ שיין געפּוצט יידל, וווינט אונטער אין דאַך מיט אברהמל דעם מלמד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן ר' נחומציעס גבאי. איצט זיצט יאָסל פּאַניטש אויפן גאַס און נייט. ער פּאַרטיקט עפּעס אויס, באַטראַכט דעם בגד, ציט אָפּ די אַרבל, שלעפּט אַרויס די פּאַסטריגעס און אַלץ אַזוי געשיקט, אַזוי געוואַגט. די באָרד זיינע אין וועלכער עס זילבערן זיך שוין אַדורך וויסע האָר, איז ברייט און קאַנטאָווע פונאַנדערגעקעמט. דאָס היטל האַלט זיך שטייף אויפן קאָפּ. די קנעפּלעך שטענדיק צוגעשפּילעט, אַלץ אַזוי אַקוראַטנע. דאַמבראָוויץ האָט נישט מיט אומרעכט אים צוגעשפּאַנט דעם נאָמען „פּאַניטש". זיין שוואַרצע יידענע קוקט שטענדיק אויף יאָסלען און בלאָזט אין פרעס אַריין. קוקט ווידער אויף אים און רופט זיך אָפּ: „נו, שוין, יאָסל! דער פרעס איז פּאַרטיק". זיינע שוואַרצע ייִנגלעך זענען אויפן טייך, און מיר גייען דאָרט דורך אומגעשטערט, בלייבן שטיין ביי גענזולס גרויסן שפּייכלער ווו עס רודערט זיך איצטער. מען לייגט אַראָפּ פורן מיט געוואַנט און זעק מיט מעל. דער אידעם, איציק ענטל, איז דערביי שטאַרק באַשעפטיקט. ער רעדט מיט די יידן און מיט די גויים, וואַרפט צו אַ וואָרט דעם אַלטן ר' חיים, גיט אַ מילדן קוק אויף זיין פרוי וועלכע קומט אַרויס אַ צופרידענע.

מיר קריכן אַרויף אויף דעם אַלטן געהילץ פון אַ צענומענער וואַסער־מיל. אין די דורכגעבויערטע לעכלעך זענען נאָך אין אַ סך ערטער געבליבן זיצן שפּיציקע פלעקלעך. דער אַלטער ר' חיים הייסט אונדז אַראָפּקריכן „ווייל — גיט ער אונדז צו פאַרשטיין — איר קענט זיך נאָך חלילה צעקאַליעטשען".

מיר אָבער ווילן דווקא נישט אַראָפּקריכן פון דער הורבע קאַנטאָווע באַלקנס, וואָרעם פון דאַנען זעען מיר די גאַנצע לענג פון שטיבל־גאַס.

די „שטיבל"־גאַס

נישט ווייט וווינט דער אַלטער איזוואָשטשיק, אברהם קעק, וועלכער האַלט זיך שוין אַ ביסל געבויגן. אָט פאָרט ער אַרויס זיצנדיק אויף די קאָזלעס פון זיין שאַראַבאַן, געשפּאַנט אין אַלטע קאַשטאַנאָווע פערד. ער טראָגט די גאַלאָטעטע, אַמאָל שבתדיקע קאַפּאָטע, די באָרד צוזאַמענגעפּרעסט און ביים סוף — צעלאָזן. ער קערט אַהין און אַהער דעם בייטש אין האַנט און שלאָגט נישט די בעלי־חיים זיינע, נאָר רעדט צו זיי. עלעהיי זיי וואָלטן אים פאַרשטאַנען. זעענדיק דאָס, וועקט זיך ביי אונדז ייִנגלעך עפּעס אַזאַ רחמנות־געפיל צום אַלטן, אַז עס צופּט אַזש ביים האַרצן.

אַ ביסל ווייטער וווינט משה דער סאָטניק. מיט אים איז פאַרבונדן אַ גאַנץ קאַפּיטל דאַמבראָוויץ, אַ פּעריאָד פון פּריסטאַוועס און אוריאַדניקעס, פּריקאַזן און אופּראַוועס, ווי אויך דאָס בעדל. ער איז צו יענער צייט אַ נאַכט־שומר און שפּעטער ווען נייע פאַקטאָרן

באַהערשן דאָמבראָוויץ, און מער קיין צוגאַנג האָט משה סאַטניק נישט צו זיי, איז מען אַ הולך על הפתחים אין נאָמען פון בעדל.

און אָט איז יידל האקמאַן דער ציגעלניק מיט זיין משפחה. די יידענע זיינע איז אַן אָפּשפּרעכערין. שטענדיק איז די שטוב פול מיט גויעטעס „קליענטקעס". ביי זיי אין שטוב זענען אין מיין צייט פאַראַן דאָס יינגל יאַנקל און אַ מיידל ביילקע, וועלכע זענען אַוועק קיין אַמעריקע.

און אָט שטייען פאַר די אויגן דריי דורות וואָס דאָמבראָוויץ האָט זיי גערופן „אַנטיגנוס איש סוכי" — הערשל זשוק, זיידע, טאַטע און אייניקלעך. איינער פון זיי, יהושע, אַ בן־תורה, האָט זיך באַזעצט אין בערעזשניץ. די איבעריקע, פון עלטסטן ביזן קלענסטן — אַרבעטנדיקע מענטשן. צווישן די אייניקלעך זענען דאָ אַזעלכע וואָס ווילן פאַרזאָרגן די וועלט מיט אַ בעסערן, יושרדיקן מאָרגן. זיי שפּאַרן אַן אין מרחקים, חייל זיי ווערן אויפן אָרט פאַרפאַלגט. זייער הויף איז פול מיט וועגענער. אַ לאַנגער שטאַל מיט סעטשקאַרקעס, קרופּאַרקעס, אַלע גויים רופן, שרייען „הערשקאָ" און ער לויפט פון ראָד צו ראָד, פון פאַס צו פאַס. הערשלס אַ טאָכטער, ווען זי האָט מיט יאָרן צוריק זיך געגרייט פאָרן מיטן „החלוץ" קיין ארץ־ישראל, האָט איר דער פאָטער געהייסן זיך לערנען זיין פאַך — גלאָזן פענצטער. ער האָט עס דעמאָלט מאָטיווירט, וואָס ארץ־ישראל וועט זיך בויען און וועט דאַרפן גלעזערס...

אין זעלבן הויף וווינט יהושעלע קדישעס, אַ קראַנקער יאָדאשליוער קבצן, מיט אַ שטוב קינדער. זיין פרוי איז טויב ווי די וואַנט, אָבער זי האָט גיך דערשמעקט היטלערס שחיטות און געוואַלדיק געשריגן. זייער זון, אהרן לייב, דער מאָדערנער שוסטער איז דער שפּייזער פון דער גאַנצער שטוב. די משפחה ציטערט איבער אים, ער זאָל חלילה וחס נישט אַראָפּ פון וועג און אַריינפאַלן צו די פּאָליאַקן אין געפאַנגעניש צוליב זיינע לינקע אַנשויאונגען. אָבער ער ציט זיך צוריק און ווערט אַן אַקטיוויסט אין „העובד הציוני". אים האָבן די באַנדיטן אויסגעפונען אין באָד ווו ער האָט זיך באַהאַלטן. אַ געזונטער און אַ קעמפערישער, האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיי און לבסוף — געפאַלן אין קאַמף. זיין שוועסטער, כינקע, אַנטלויפט אין וואַלד און מאַכט דורך 19 חדשים שווערן וואַלד־לעבן. נאָכהער וואָגלט זי פון רוסלאַנד ביז איטאַליע, גייט אויף אין לאַנד אַריין מיט מעפּילים, שפּרינגט אין ים אַריין ביי די ברעגעס פון תל־אביב, און באַקומט אַ שווערן קלאַפּ אין האַרץ. פון תל־אביב ווערט זי דורך די ענגלענדער פאַרשלעפּט קיין קפּריסין און ווען די ענגלענדער ווערן פאַריאָגט פון לאַנד, קומט זי קיין ישראל אַ דערשעפּטע און אַ קראַנקע, אַן אַ האַרץ. נאָך פינף יאָר מאַטערן זיך, שטאַרבט זי און אויף איר מצבה אויפן תל־אביבער בית החיים, איז אָנגעשריבן: „דאָ רוען די ביינער פון אַן עלנטער פרוי".

שלמה שייע־דודס טוראַק, מיט זיין פרוי חיינע, די סאַרווערין, מיט אַ שטוב יינגלעך. ר' שלמה איז אַ ייד, אַ יודע ספר. שטאַמט פון אַ שיינער משפחה. אין די יונגע יאָרן — גוט געמסחרט, דערנאָך קומען אָן שווערע צייטן און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער פרנסה, פּרוּווט אַלץ טאָן און אַז עס גייט נישט, הויבט ער פאָרן צום וואָקזאַל.

איז אָבער אַ צרה, אַז עס פאַלט ביי אים זייער אָפּט אַ פּערד, האָט ער תרעומות און זוכט אין די ספּרימלעך מיט די דראָבניטשקע אותיות אַ תירוץ, און אַזוי זאָפּט ער דערווייל אין זיך אַריין אַלע משלים פון דובנער מגיד, אין וועלכע ער געפינט דעם נמשל אויף אַ סך משלים. ווען מיין פעטער ברוך־דובער, אַן ענלעכער טיפּ מענטש ווי ער, פרעגט אים: „זאָג נאָר, שלמה סערדצע, ווי גייט דיר?" ענטפערט שלמה קורץ און שאַרף: „על כרחך אתה חי". און גלייך פרעגט ער דעם דובנער מגיד'ס קשיא: „ווי באַלד אַזאַ מאַטערניש, אַזוי פיל יסורים, און אַ לעבן בעל כרחך, טאָ פאַרוואָס זשע נאָך „אתה עתיד ליתן דין וחשבון"? איז דען אַ יושר אויסצוטראָגן אַזוי פיל שווערע יאָרן, און לבסוף נאָך קומען אויף יענעם עולם, און דאָרט ערשט אַ פריש פּעקל?" און אַזוי רעדנדיק ברענגט ר' שלמה אַ משל מיט אַ נמשל פון דובנער מגיד וועגן אַ גביר מיט צוויי נישט־געראָטענע טעכטער און נישט־געראָטענע אידעמס, פון וואַנען עס באַקומט זיך אַ תירוץ, אַז דער אויבערשטער פירט קלוג און גוט זיין וועלטל, און ווי עס זאָל נישט זיין, איז מען טאַקע עתיד ליתן דין וחשבון. נישט מער, וואָס צו פרנסה האָט עס נישט. די שפּייזערין איז טאַקע זיין פרוי, כיינע, די סאַרווערין. גאַנצע 40 יאָר סערווירט זי און בעל־הביתעוועט אויף אַלע דאַמבראָווויצער חתונות. אין די עלטערע יאָרן האָט כיינע ליב באַקומען צו רעדן וועגן איר זון יאַנקל טוראַק — אַ שיינער בעל־הבית אין סאַרני, וועלכער פירט דאָרט אַן אָנשטענדיק יידיש הויז. דער געבליבענער זכר פון דער משפּחה איז ישראל טוראַק, וועלכער וווינט אין ישראל.

שוין ביים עק גאַס, וווינט משה שווייצאַר. אַ שטילינקער ייד און איז אַ יגיע כפּים. ער איז אַ בויער, שטענדיק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. דאָרט וווינט אויך יאַנקעלע הערצעלעס. אַמאָל געווען אַ דרדקי־מלמד און שפּעטער געוואָרן שמש אין סטאָלינער שטיבל. דאַן זענען שוין געווען זיינע זיבן גוטע יאָר. ווייל פריער, בעת דער מלמדריי, האָט ער זייער געבידעוועט.

איבער דער גאַס, ביים עק, איז פאַראַן אַ סאָד. פון איבערן פלויט, ממש מיט די יינגלערישע הענט צו דערלאַנגען, הענגען אַראָפּ רויטע ווייַנשלען, וועלכע גייען שוין איבער אין שוואַרצקייט. זיי דאַרפן זיין זיס און ווייניק אַז עס גייט אַזש איבער די סמאַיע פון חשק נהנה צו זיין פון זיי. גייען צוויי יינגלעך אַוועק זען ווו עס געפינט זיך דער שוואַרצער קודלאַטער הונט און דערווייל קוקן מיר זיך אַרום צי מען זעט אונדז נישט, ווייל עס וואָלט דאָך געווען אַ געוואַלדיקע חרפּה, ווען אַ שטייגער דער גוי וואָלט אונדז געפּאַקט ביי דער „מלאכה" און אַראָפּגעריסן ביי אונדז די היטלען. נאָר פלוצלונג באַווייזט זיך הערצעלע. מיר זען אים אין דער יאַרמלקע וואָס נעמט אַרום זיין קאָפּ ביז דער פּאַטילניצע. די אַרבלען פון העמד — ציכטיק און ברייט, און דער טלית־קטן זיינער — שניי־ווייס. מיר בלייבן אין גרויס פאַרלעגנהייט, טרעטן אָפּ פון סאָד און הויבן אָן מכלומרשט אַריינקוקן אין דעם פענצטער פון לייזער דעם שוסטער. ביי אים זיצן די ברילן נישט אויף דער נאָז, נאָר דווקא אויפן שטערן. ער פאַרעט זיך אַרום גוישע שטיוול און די יידענע זיינע רעדט הויך טוענדיק ביים אויוון. דערזעענדיק אונדז לויפן זיינע יינגלעך אַרויס פון שטוב און יאָגן אונדז אַוועק פון פענצטער. עס

קומט אַן איציק בינדער „שמאַלץ״. ער קומט פון באָד און איז רויט ווי אַ צוויקעלע. עס לויפט אים נאָך זיין יהושע, אויך אַ חדר־יינגל. זייער שטוב איז אויפן הויף. יהושע העלפט צו לייזערס יינגלעך אונדז צו פאַרטרייבן. מיר אַמפּערן זיך, אָבער צום סוף באַקומען מיר אַ גוטן יאָג און בלייבן שטיין ביי פּיזווישיכערס הייזער. דאָ איז דער סאָד אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן און דאַך ווינקען צו אונדז די גרויסע באַרנעס און די ווענגערקעס. כאָטש נאָך פּריציטיקע אָבער דאָך וואָלטן מיר זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיי פּיזווישיכע היט דעם סאָד ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ווען זי האָט דערזען אַ כנופיה יינגלעך, רופט זי אַרויס פּיזווישן און איר מוזינקעלע מיט די פלאַקסענע צעפּלעך — די שפּעטערדיקע אַקושערין אין דאָמבראָוויץ — און עס קען שוין קיין רייד נישט זיין, אַז מען זאָל פון דעם סאָד עפּעס גענישן. זענען מיר יינגלעך זיך נוקם, און שרייען אַריבער צו פּיזווישיכעס מוזינקע „פלאַקסענע שיקסע״. דערפאַר באַקומען מיר אַ יאָג פון פּיזווישן און אַ צענדליק קללות פון פּיזווישיכין.

אין איינעם פון פּיזווישיכעס הייזער איז אַמאָל געווען אַן אַרעסטאַנטן־הויז. נאָך דעם, ווי מען האָט דאָס הויז געעפנט, זענען אַוועק אַ סך טעג און ס׳האָט זיך נישט געמאַכט קיין אַרעסטאַנט. אין אַ געווויסן טאָג גייט פאַרביי דער פּריסטאַוו און ביים הויז געפינט ער מיסט. נעמט מען מיין פעטער אשר און מען משפּט אים צו 48 שעה אַרעסט. אין אַרעסט זענען די ווענט באַהאַנגען מיט הייליקע גויאישע בילדער און אשר דאַרף איינער אַליין נעכטיקן אין דער ליידיקער טורמע, אַן מזוזות, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכנה, ווייל געוויס זענען דאָרט דאָ שדים. האָט מיין באָבע געפּועלט ביים נאַדזע־ראַטעל, אַז איך זאָל אויך גיין נעכטיקן אין אַרעסט. דער פעטער האָט אָנגעטאָן אַ פרישן טלית קטן און ביי מיר האָט מען איבערגעקוקט די ציציות. דער פעטער האָט מיטגע־נומען אַ חוק־לישראל און אויך דעם רבינס ספר. איך בין באַלד איינגעשלאָפן און דער פעטער אשר האָט נאָכדעם דערציילט, אַז אין צווייטן צימער האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך גערודערט, אָבער ביי אונדז אין צימער איז אַלץ אַדורך בשלום.

ישראל פּרעשקולניקן האָט מען גערופן „האַלבער גאָט״, ווייל איינמאָל האָט געטראָפן אַז שטייענדיק ביים עמוד צו מעריב, האָט ער זיך פאַרהוסט ביי קריאת־שמע און עס איז אַרויס ביי אים אין איין אָטעם — „אני ד׳ אלוקיכם אמת״. ווען מיר יינגלעך פלעגן בין מנחה־למעריב אַרומשטיפן אין בית המדרש, פלעגט ר׳ ישראל פּרעשקולניק אונדז יאָגן מיט אַ האַנטעך און שרייען: „אַרויס, ווייסע חברהניקעס, איך וועל אייך נישט לאָזן איבערקערן דאָס בית המדרש״. דאָס בית המדרש איז געווען אַ טייל פון ר׳ ישראלס לעבן. נאָך אין אַלטן, נידעריקן בית המדרש, האָט ר׳ ישראל געלאָזט אויסריכטן דאָס זייטיקע שטיבל, אַריינגעשטעלט דאָרט שיינע מעבל, און געלאָזט אויפהענגען אַ גרויסן זייגער אויפן וואַנט וואָס האָט שטאַרק געקלונגען. בשעת עס צעפלאַקערט זיך די מחלוקת צווישן דאָמבראָוויצער חסידים, צו וועלכן רבין מען זאָל פאָרן, נעמט ר׳ ישראל אַ מנין יידן, גייט אַוועק קיין בערעזנע און ברענגט אַראָפּ קיין דאָמבראָוויץ דעם דעמאָלטיקן יונגן רבי, ר׳ שמואליקל זצ״ל. ער האָט דערצו אָרגאַניזירט די אַרבעטערשאַפט און עמך־יידן.

אין דעם פּיין אײַנגעאָרדנטן שטיבל האָט מען אַרויפגעזעצט דעם יונגן רבין אויפן שטול, און אים געזאָגט: „מזל טוב, איר זענט אונדזער רבי".

ווען דאָס בית המדרש האָט אָפּגעברענט, האָט ר' ישראל אַרײַנגעלייגט פיל אַרבעט, איניציאַטיוו און געלט כדי עס צוריק אויפצובויען. ער האָט גענומען צו הילף פּנחס מאַניסטראַפּער און מרדכי־הערשן דעם סטאָליער, וועלכער איז שפּעטער שוין געבליבן גבאי פון בית המדרש. ר' ישראל אָבער דאַרף נישט קיין גבאות. ער דאַרף בלויז אַז דאָס בית המדרש זאָל אויסגעפּאַרטיקט ווערן. אין צוריקאויפגעבויטן בית המדרש פלעגן קומען אויף שבת בערעזנער רביס. לכבוד יעדן פון זיי פלעגט ר' ישראל שטענדיק צוגרייטן אַ שבת כיד המלך.

אין דער זעלבער שטוב וווינט שפּעטער מענדל דער בערעסטיער, אויך אַ ייד פון מעשים טובים, אַ בעל משפחה מיט קינדער. איינער פון זיינע זין, פּנחס, איז געווען שוואַרק אַקטיוו אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און איז, ב"ה, געבליבן לעבן.

איבערן געסל, אויפן ראָג, אין וויסן מויערל, אין וועלכן די בעלי־בתים האָבן זיך אָפּט געביטן, האָט אין 1884 אויף דעם אָרט אַ ייד מקדש השם געווען. די אַרבעטער, וועלכע האָבן צו יענער צייט געלייגט די באַן־ליניע ראָוונע־ווילנע, האָבן אָנגעהויבן פּאַגראָמירן דאָמבראָוויץ. שרה כאַרפאַק האָט זיך אָנגעטאָן אין גוייִשע מלבושים און אַזוי אַרום פאַרהיט איר האָב־און־גוטס. אַסך יידן זענען דאַן אַנטלאָפן צו גויישע שכנים און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן. אין יענע טעג זענען דאָמבראָוויצער גויים געקומען מיט הייליקע בילדער און זיי אויפגעשטעלט לעם יידישע קראָמען און געזאָגט אַז די קראָמען זענען זייערע. די דעמאָלטיקע גויישע שכנים זענען נישט געווען ווי די רשעים פון אונדזער מאָדערנער צייט, נאָר מענטשן וועלכע האָבן געגלויבט אין גאָט. זיי האָבן טאַקע געשיצט די יידן פון די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס. אַ סך יידן זענען געשיצט געוואָרן דורך די דעמאָלטיקע גלחים. אַזוי, למשל, איז דאַן געקומען צו לויפן דער גלח פון דאָרף ווילין, אָנגעטאָן אין זיינע בגדי כהונה, מיטן צלם אין האַנט און האָט גערופן די פּראַוואָסלאַוונע צו אָרדענונג. דער דעמאָלטיקער בעל־הבית פון דעם דערמאָנטן מויערל, גרשון חצקלס, האָט מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַ פּאָגראָמשטשיק. אמת, די סומאַטאָכע האָט זיך נאָך דערנאָך געצויגן, די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אָרגאַניזירט אַ רעוואַנש־אַקציע, געוואָלט נעמען נקמה פון די יידן, אָבער די דעמאָלטיקע רשעים האָבן זיך גערעכנט מיט דעם וואָס יידן קענען האַקן קעפּ פון זייערע מערדער, און עס איז שטיל געוואָרן.

איבערן גאַס גייט אַרום דער שטאָט־משוגענער יונה וועטשקאַ און רעדט צו זיך אַליין. אָט, גיט ער אַ שמייכל, אַ ברום, רופט זיין געשטאָרבענעם טאַטן עסן וועטשערע. במשך זיין גאַנץ לעבן האָט ער קיינעם נישט אָנגערירט און ווען מיר ייִנגלעך האָבן אים ווערצערנט, איז ער געוואָרן בייז, און געשריגן מיט זיין דערשטיקט קול: — „געהרגעט זאָלסטו ווערן!". און ער איז זיך געגאַנגען ווייטער זיין וועג.

מיר קומען איצט צו משה דעם שוסטער אין הויף. דאָרט איז פאַראַן אַ קליין פאַבריקל פון בערשטלעך. מיר קוקן זיך צו ווי עס אַרבעט זיך דאָרט, מען בויערט לעכלעך און מען

פאַרציט די האָר מיט שפּאַגאַט. אונדז דוכט זיך, אַז אין דעם פאַבריקל זענען נכלל אַלע שבע חכמות פון דער וועלט. אָט גייט אַרויס משהס פאָטער, וועלוול דער שמש, וועלכן מיר געדענקען גוט פון שמחת־תורה בעת ער טאַנצט אַזוי אין מיטן מאַרק אַנטקעגן אַ גרופּע יינגלעך און זינגט: משה שמח בשמחת תורה טאַ־דריטאַ־טאַ", "יעקב שמח בשמחת תורה טאַ־טאַ־טאַ".

איבערן פּלויט וווינט דער דאָמבראָוויצער סופר. שטענדיק אין גרויסן טלית קטן אויף דעם זויבערן העמד. די ווייסע אַרבל — אַרויפגעשאַרצט, דער קאָפּ טיף אין דער יאַרמלקע, די פּאות — פּייכטע, ווי ערשט פון באָד אַרויס. עס גייען אים נאָך קינדער מיט גרויסע אָפענע אויגן, און האַלטן שטיקער חלה אין די הענטלעך. איך זאָג צו די יינגלעך, אַז אָט דער ייד איז אַ הייליקער מענטש און אַז ער הייבט שוין אָן שרייבן די דרייסיקסטע תורה.

די הייזער פון די „קאָנדוקטאָרלעך" — „קאַפּושיצעס" — „שקאָפּעס"

קעגנאיבער דער גאַס ציען זיך די הייזער פון די „קאָנדוקטאָרלעך". קליינע, דאַרע, יידעלעך, שטילינקע מיט אומרויקע אויגן. אַלע זענען דאַרפסגייער. איינער פון זיי אַ קרומער, טראָגט שטענדיק אַרום אַן עוף צו פאַרקויפן. דאָרט האָט אויך געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען שמחה כשר, וועלכער פלעגט פיר מאָל אין דער וואָך פאָרן קיין וואַרשע און ברענגען ביליקע שיך פאַר דאָמבראָוויצער קבצנים. די אונטערגעוואַקסענע טאָכטער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, און איז טאָקע געבליבן לעבן.

צווישן אָט די הייזער, אין אַן אונטערשטער דירה וווינט סראַליק סלאָוועשנער־פישביין — מיט אַ שטוב מיידלעך. אַן ערלעכער ייד, אַ מעורב בין הבריות. צווישן חסידים איז ער אַ זינגער, אַ דאַוונער. פּרנסה האָט ער שווער אַרויסגעצויגן. שטענדיק געהאָרעוועט אויף ברויט. אים מיט זיינע צוויי טעכטער האָבן די מערדער ערשט שפּעטער אויסגעפונען. ביים פירן צו דער עקזעקוציע, איז ער געגאַנגען געאָרעמט מיטביידע טעכטער און זיי געטרייסט, אַז באַלד וועלן זיי אַוועק אין אַ בעסערער וועלט. גוייִם האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז בעת מען האָט זיי געכאַפּט, איז דער באַוווּסטער מערדער, דער פאַרטרעטער פון קאָמענדאַנט, לוגאַנאָוויטש, ימח שמו, צוגעגאַנגען צו דער קלענערער וועלכע איז געווען זייער אַ שיין קינד, און איר פאַרגעלייגט דעם וועג פון טומאה, כדי זי זאָל בלייבן לעבן. אָבער זי האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון צניעות.

אָט אין די הייזער האָבן געוווינט די ליבערמאַנס, די אַזוי גערופענע „קאַפּושיצעס". אַלע — שטילנקע יידן. כ׳געדענק, אַז איינער פון זיי איז געשטאָרבן יונגערהייט און עס איז געבליבן אַ שטוב מיט קינדער. שפּעטער איז אין די הייזער געווען אַ שטענדיקער טומל פון מאַשינען וואָס האָבן געקעמט וואָל. איינער פון דער משפּחה, נאָטע, חברט זיך מיט יקותיאלן און ביידע ווילן זיך אָננעמען די קריוודע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן און אין איינצוועגס אראָפּוואַרפן דעם צאַר ניקאָליי, צונעמען ביי די פּריצים די ערד און זי איבער־געבן די האָראָוואַלנע גויים און יידן. מען זעט זיי ביידע זייער אָפט ביים דאַווענען ביז עס

ווערט אויס מיט די צוויי רעוואָלוציאָנערן פון די סטאָלינער חסידים... ייִנגלעך האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז די צוויי האָבן אַפילו געוואָלט אַ מאָל וואַרפן אַ באָמבע אויף דאָמבראָוויצער גבירים, אָבער זיי זענען דאָך געווען ייִדן וועלכע האָבן געדאַוונט, האָט מען זיך ביי זיי אָפּגעבעטן.

יקותיאלס אַרט לעבן איז אַוועק אַזוי, אַז ער האָט געטון אַלץ אויף צו ווערן אַליין אַ גביר. און דאָך האָט ער ביי זיך אין גאַרבאַרניע געשאַנעוועט די אַרבעטער. יעדן שבת גלייך נאָכן דאַווענען, פלעגט ער פאַררופן צו זיך אויף קידוש יאַנקל דעם בעדער און מאַכן אַ גוטן „לחיים". ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט ווען ביי יאַנקלען האָבן נאָכן בראָנפן די אויגן גענומען גלאַנצן.

נאָטע איז געשטאָרבן אַ יונגערמאַן. זיינס אַ מיידל איז אַנטלאָפן אין וואַלד. די רשעים האָבן זי פאַרנאַרט און דערמאָרדעט.

אין דער שטוב האָט מען די בעלי־בתים גערופן „שקאָפּעס". טאַטע־מאַמע און זין זענען געווען הויכע, ברייטע, געזונטע מענטשן, ממש — ריזן. אָבער מען האָט זיי אין שטעטל נישט געהערט, זייערע כוחות האָבן זיי פאַרווענדעט אין שווערער פראַצע; אויפגעבויט גאַנצע גוישע דערפער, געהאָרעוועט מיט דער האַק פון זונטיק פרי ביז פרייטיק ביינאַכט און שבת זענען זיי געשלאָפן פון איין דאַווענען ביז דעם צווייטן דאַווענען.

אַרום סטאָלינער שטיבל

לעם סטאָלינער שטיבל — אַ ליידיקער, נישט־פאַרבויטער פּלאַץ. אין דער ערד זיצן נאָך אָפּגעסמאַליעטע שטיקער האָלץ. גאָר אַמאָל האָט דאָ געוווינט שמואל יאָסל, זיין פרוי פייגע נעכע און זון אלתר לערנער. אַ משפחה וואָס איז באַשטאַנען פון טאַטע־מאַמע און אַ בן־יחיד, אַ משכיל. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן בגד און אַ באָרד, האָבן פון זיין קעשענע תמיד אַרויסגעשטעקט העברעישע צייטונגען ווי „המליץ" א. אַנד. די גאַנצע משפחה איז געשטאָרבן אין איין וואָך. דאָמבראָוויץ האָט זיך דאַן געוואָלדיק מצער געווען. שפּעטער איז געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ אַ קוזניע און אויך אַ וואַרשטאַט פון רעדער.

אין סטאָלינער שטיבל גרייט אברהם דער שמש צו די לאָמפּן, הענגט אויף פרישע האַנטעכער, גיסט אָן אין כיור פריש וואַסער. פאַרשפּעטיקטע ייִדן לויפן פון אַלע זייטן גיך אין בעדל אַריין. פאַרביילויפנדיק לעם שטיבל, קוקן זיי אַריין דורך די פענצטער כדי צו זען וואָס עס טוט זיך דאָרט. שלמה שמעקער רוקט זיך אַריין פאַמעלעך אין שטיבל, אָבער עמעצער איז אים מקדים און זאָגט שוין אויפן קול שיר־השירים, זאָגט מיט התלהבות, מיט מתיקות. אין דער זעלבער צייט פאַרט אַרויס אַ גוי מיט אַ פול פאַרלאָדענע פור פון אייזיק סענדערקעס הויף אַרויס. דער אַלטער טערעבילאַ מיט דער ווייסער באָרד שטייט ביי זיך אויפן בריקל, שוין אַ שבתדיקער. דער עלטערער זון באַוויזט זיך פון שטוב נאָך אַ וואָכעדיקער. פון שמעון שיינמאַנס הויז דערטראָגן זיך קולות ווי עס וואָלט זיך דאָרט געטומלט, אָבער למעשה ריידן דאָרט בלויז אַזוי יונג און אַלט צווישן זיך און אַלע צוזאַמען.

אייזיק כשר, דער בלעכער, איז נאָך אָנגעטאָן וואָכעדיק, האַלט אין האַנט דאָס לייט־

איזן און אַרבעט שטילינקערהייט. פון צימער רוקט זיך אַרויס די יידענע זיינע און גיט אַ זאָג: „נו, שוין גענוג! באַלד בענטשט מען דאָך ליכט, נאַ דיר אַ העמד, לויפט גיך אין באָד אַריין". (אייזיקס קינדער געפינען זיך אין ישראל).

ביי די מיליעס זענען ברייט צעעפנט די גרויסע פענצטער און עס פינקלט אַרויס די זויבערקייט, די אויפגעראַמטקייט לכבוד שבת. אין דעם מויערל האָט שפּעטער געוווינט אַליע פּאַטרוך. דאָ האָט שטענדיק געהערשט אַ מין צוזאַמענגעפּרעסטע רויקייט און אַ זויבערקייט.

פון אהרל טענדלערס הויף לאָזן זיך אַרויס גויים וועלכע טראָגן אויף שטעקנס נאָר־וואָס איבערגעשמידטע רעדער. אין די הענט האַלטן זיי צעבראָכענע בוקסעס. פון די אָפענע פענצטער פון יאָסל פישמאַנס מויערל שלאָגט אַרויס אַ ריח פון געפעפערטע פיש און צוגעברענטע ציבעלעס. עס ווייעט דאָ מיט רויקער זאַטקייט און איינגעפונדעוועטער בעל־הבתישקייט.

פון מאַרק יאָגן זיך די בעלי־עגלות אַהיים כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן מכין צו זיין זיך לכבוד שבת. דאָרפישע פורן זעט מען שוין נישט אין מאַרק. פון די קראָמען גייען נאָך אַרויס פאַרשפּעטיקטע יידענעס מיט קליינע פעקלעך לכבוד שבת. באַלד נאָכדעם שליסן זיך קראָמען און די קרעמער איילן שנעל אַהיים. און אָט באַווייזט זיך אַ פור, איין פערד געשפּאַנט אין די האַלאָבליעס און דאָס צווייטע — לויז צוגעשפּאַנט. דער גוי טרייבט די פערד אַז זיי זאָלן גיך לויפן. אין אויסגעבעטן וואָגן זיצט נפתלי סנדלר און האַלט אין האַנט אַ קעסטעלע מיט זיינע מעדיצינישע „פּריפּאַסן". ער קומט פון אַ ווייטן דאָרף, פון אַ גויישן חולה־מסוכן, און איילט זיך אַהיים אויף שבת.

דער אַלטער איזוואָשטשיק מרדכי קליגון־„ויזתא" קנאַלט מיטן בייטש. די גלעקלעך קלינגען, ער פאַרפאָרט גיך צו בערל גאָטליבס גאַסטהויז, דרייט זיך גיך אויס און לאָזט אַרויס פון שאַראַבאַן אַ וואַלד־סוחר, וועלכן ער האָט געבראַכט פון סוואַריטשעוויטשער הויף.

די קראָמען מאַכן זיך צו, איינע נאָך דער צווייטער. דער רובליער רב לאָזט זיך אַרויס פון טיר מיט זיינע בידע יינגלעך צו דער שול צו.

ביי מיין באָבע אין שטוב איז אַ גאַנצע מהומה, קודם־כל גייט אַרויס מיין מומע מלכה און גיט מיר אַ פּאָר פּעטשלעך (ווי ליב זענען מיר היינט יענע הענט און ווי טייער זענען מיר יענע פּעטשלעך פון דער מומע וואָס איז שוין מער נישטאָ!).

די באָבע איז אַ בלייכע און אַ דערשראָקענע. דער פעטער אָשר און יאָסל אַנטיק זענען ביים טייך און זוכן מיך דאָרט, מיינען, אַז איך בין דערטרונקען. דער גוטער פעטער משה יהושע (ער שטייט אָן איינגעטונקטער אין מעל, האָט צוליבן טומל פון מיין פאַרפאַלן ווערן זיך נאָך נישט אַרומגערייניקט לכבוד שבת), נעמט מיך אין שויס און ראַטעוועט מיך פון קלעפּ. פון איבערן גאַס קומט אָן שיינדל כאַרפּאַק. אויך זי שרייט אויף מיר. צפורה משהלעס, וועלכע איז געקומען פון איר שטוב געוויר ווערן ווו איך בין, הייסט מיך אָנשמייסן און שרייבן אַהיים, אַז די מאַמע זאָל מיך קומען אָפּנעמען צוריק אין דאָרף

אַריין. אָשר דער בלעכער לאַכט און פרעגט מיך: „אָנו זאָג, דו האָסט געווים ערגעץ גערייסן וויינשלען". שמוליק גאָטליב, וועמענס קראַם ס'איז געווען ביי אונדז אין מויער, גיט צו: „לאָזט אָפּ דאָס יינגל, איר האָט אים דאָך אויף טויט דערשראָקן".

געווען אַמאָל יידישע פאַבריקן

אין דער גרויסער האָלץ־פאַבריק פון די שנײַדמילס, האָבן 25 יאָר אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, געקלאַפּט די מאַשינען. די הויפּט־קעפּ, יוסף און סאַלאָמאָן, האָבן פאַר דער צייט 25 מאָל געהאַלטן שמאָל און 25 מאָל — ווידער גוט. זיי האָבן אַריינגעבראַכט ענגלענדער מיט אַ צופלוס פון פרישע קאַפּיטאַלן, פרישע ענערגיע. יוסף מאַכט יעדן טאָג פרישע קאָנטראַקטן און סאַלאָמאָן אינוועסטירט און שטעלט אַריין נייע מאַשינען. עס אַרבעטן ביי זיי יידישע אָנגעשטעלטע און יידישע אַרבעטער. אַ גאַנצע מחנה מחותנים, שוואָגערס און פריינט פון שוואָגערס. איינער פון זיי, זינגער, איז ביי דער געסטאַפּאָ געווען אַ שטיקל מאַכער. דאָרט האָט אויך געאַרבעט בעניק שינדלער, אַ יונג, אַ גערטנער, צום סוף — אַ מקורב ביי מלכות־געסטאַפּאָ, אַ „בוצלעכער יודע" אין יידישע ענינים, די רעכטע האַנט פון סאַרנער געביטס־קאָמיסאַר. בעת דער שחיטה האָט ער, חלילה, גאָרנישט געטאָן, אָבער געווען איז ער אַ צושויער, צוגעקוקט זיך ווי די דייטשן מאָרדן אויס אין משך פון צוויי טעג 17.000 יידן און לייגן זיי אויס — פרויען, מענער און קינדער — צו 6 שיכטן אין גרוב נאַקעטע, לעבעדיקע, מיטן פנים אַראָפּ. נאָכן פאַרענדיקן די עקזעקוציע, גייט דער געביטס־קאָמיסאַר מיט בעניק שינדלער אין שטאָט און ביידע שמועסן געמיטלעך. פלוצים, נעמט אַרויס דער געביטס־קאָמיסאַר זיין פאַפּיראָסן־מאַשינקע(?)

דערנאָך נעמט ער אַרויס די צינד־מאַשינקע, פאַררויכערט און גיט בעניקן פייער. דער לעצטער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ צום פאַררויכערן, נאָר דאַן, כאַפּט דער דייטש אַרויס פון טאַש אַ רעוואָלווער, שיסט אַריין בעניקן אַ קויל אין קאָפּ און רופט אַרויס פון שטוב אַ פּאָליאַק און זאָגט: „נעם אַוועק די נבלה".

פון רעכטס איז געשטאַנען העלערס טאַרטאַק. אַ גרויסע, רייכע און סאָלידע פירמע, וועלכע האָט בערך צען יאָר ממש געקיניגט אין דאָמבראָוויץ. העלערס פירמע האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסן אַפּאַראַט מיט מענטשן: בוכהאַלטאָרן, קאַסירערס, דירעקטאָרן מיט בראַקאַרעס. דער אויפזעער, ניימאַן, האָט דיספּאָנירט מיט אוצרות געלט. מען צאָלט שטאַרקע פרייזן — פאַר אַרבעט, פאַר וואָזקע און גרוזקע. גויים האָבן געטראָגן טייסטערס מיט הונדערטערס און יידן האָבן געהאַט פרנסה בשפע. אַפילו די בעלי־עגלות האָבן זיך דערפילט בכוח און האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפצושטעלן אַ בעל־עגלישן בית־המדרש. שפּעטער איז דער טאַרטאַק איבערגעגאַנגען צו די געוועזענע באַאַמטע, בשותפות מיט ליבערסאָנען. יידן האָבן זיך גיך איינגעבירגערט אין דאָמבראָוויץ (זאַראבניק — קראָנענבערג) און עס האָט ווייטער געבליט דער מסחר.

אונטער היטלערס ממשלה פלעגן די יידן אַרבעטן אין טאַרטאַק שווער און ביטער, פון פינצטער ביז פינצטער. דער שונא־ישראל מישטשוק איז געווען דירעקטאָר און

דאָמבראָוויצער שקצים — אויפזועער. מען האָט אונדז געפּייניקט, געיאָגט און אויסגענוצט.

אַט איז געשטאַנען לייזער קלעס׳ס שטוב. לייזער איז געווען אַ שטילער, אַ רויקער יונגערמאַן. געווען אין ארץ־ישראל און געקומען צוריק. אַנטלאָפן אין וואַלד, נאָך עטלעכע חדשים מאַטערניש, האָבן אים געכאַפּט אוקראַינישע באַנדיטן און פאַרפּייניקט.

מישטשוק האָט מיר נאָך דער מלחמה באַוויזן, אַז ביי לוואָוס הויז, אונטערן פענצטער, זענען באַגראָבן בערך 25 יידן, צווישן זיי בערל יונגשטיין, ווי אויך מיינע קוזינען פון ראָן, די ברידער איזיק און נחום, זייער שוואָגער אהרל און משה דעם קריוויצערס איידעם — נפתלי בעקערמאַן. דער גרוב איז פאַראַקערט און פאַרזייט, אָבער דער שטח איז נידעריקער, ווי עס וואָלט די ערד דאָרט איינגעפאַלן. אין לוואָווס שטוב איז איצט אַ סאָוויעטישער אַמט. דער איינציק פאַרבליבענער ייד, משה קאַוואַלאַ, דער פאַרטיזאַן, דרייט זיך אַרום מיטן אויטאָמאַט אין די צימערן פון אַמט.

אַט דער משה האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַלע מערדער. זיי ציטערן פאַר זיין נקמה אימת־מות. אין זיין האַרץ ברענט אַ העליש פייער. זיין לעבן איז אים נישט ליב, ער איז הפקר און דרייט זיך אַרום צווישן די נעכטיקע רוצחים, וועלכע האָבן זיך היינט פאַרטאַיעט. ער גייט אַרום ווי אַ צעיושעטער טיגער.

פון חרובן וואָקזאַל גיי איך צום גרעסערן חורבן — צום שטעטל. ביים אַריינגאַנג געפינט זיך באַרמאַנס מיל. ס׳איז אָבער נישטאָ דער אַלטער ר׳ לייבע און עס זענען נישטאָ זיינע קינדער און נישט די יידישע אַרבעטער און סתם יידן. די מיל מאָלט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַסירט. פון אַלע דערפער קומען הונדערטער גויים און באַלאַגערן די מיל, ווייל אַלע מילן אַרום זענען דורך די פאַרטיזאַנער אויפגעריסן געוואָרן. אויך די מיל איז געווען אויפגעריסן, אָבער די סאָוויעטן האָבן זי פאַרראָכטן און זי אַרבעט. איך זוך דעם איידעם, איציק בינדער, וועלכער פלעגט על פּי רוב וועגן און מעסטן געשיקט און שנעל. איך ווייס אָבער, אַז אים וועט מען שוין מער נישט זען. ווייל אין יענעם אומגליקלעכן מיטוואָך פאַרטאָג, איז ער געלאָפן מיטן פעלד צו זיינע מכלומרשטע ידידים, די „קאָמענדיאַנצעס״, ביי וועמען ער האָט חפצים און ווערטפולע זאַכן פון פריער. ער מיינט דאָרט זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער זיינער אַ שכן, ממש אַ שטוב לעם אַ שטוב, שיסט אים און דערהרגעט אים. מיט ווייטיק אין האַרץ פרעג איך: ווו איז בערל באַרמאַן מיט זיין שטענדיקן שמייכל? ווו איז שייקע באַרמאַן דער תמיד ערנסטער? ווו איז שמואל באַרמאַן? יאָ, איך ווייס: אַלעמען האָט די מערדעלעכע האַנט דערגרייכט, וועמען פריער און וועמען שפּעטער. דער אַלטער באַרמאַניכען האָט מען געטאָן אַ טובה. זי האָט געבעטן, אַז מען זאָל איר לעבעדיקערהייט פירן אויפן בית־עולם און דאָרטן זי שיסן. און מען האָט איר דאָס צוליב געטאָן...

פון שטוב צו שטוב

אין דער שטוב איז געזעסן דער „אָרבעס״ גענדלמאַן. געווען איז ער שטענדיק פאַרטראַכט און געטראַכט וועגן דעם ווי אַזוי מען מאַכט פרנסה. דאָ ווידער האָבן געוווינט

די קאַוואַלעס מיט זייערע קינדער און איידעמס. פּראַצאַוויטע, טייערע, שטילע יידן. דאָ האָבן אַמאָל געוווינט שפּעטריק און לעווין, צוויי דאָמבראָוויצער יידישע רעוואָלוציאָנערן פון די צוואַנציקער יאָרן. זיי האָט דער באָלשעוויזם נאָך דעמאָלט מיטגענומען. פון יענעם פּעריאָד, פון דער נאַר־וואָס אַנטשטאַנענער דאָמבראָוויצער רעפּובליק, געדענק איך גוט לעווינס דרשה, געהאַלטן אין מיטן מאַרק, ביי גענזלען אויפן בריקל. ער האָט, צווישן אַנדערן, געזאָגט אַזוי: „די גויים, די האַראָוואַלנע ערד־אַרבעטער, זאָלן האָבן גענוג ערד און פרייהייט, און זאָלן חלילה נישט דאַרפן אַרבעטן פאַרן בורזשוי״.

אין דער שטוב האָט אַמאָל געוווינט דער מאַראַטשניק, ענטעל. זיין זון, לייבל, האָט חתונה געהאַט מיט בעגונס טאָכטער און איז אַוועק קיין קאַנאַדע. שפּעטער האָט זיך דאָ באַזעצט שמואל בראַנפּן מיט זיינע קינדער. באַלד פון ערשטן טאָג נאָך היטלערס אַריינמאַרש, ביזן לעצטן טאָג פון דער הריגה, האָט דער ייד געגלויבט אין טאָג פון היטלערס מפּלה און אין דער מיתה־משונה פון זיינע מיטהעלפערס. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נאָך זוכה זיין צו גוטע רויקע צייטן. די אוקראַאינער האָבן דאָס דערשמעקט און מען האָט אים צוגענומען אויף דער פּאָליציי. עס האָט געקאָסט אַ סך מי און קאָסטבאַרע חפצים און מ׳האָט אים אַרויסגענומען. ער איז דאַן אָפּגעקומען בלויז מיט שווערע שמיץ.

אַ ביסל אין אַ זייט, רעכטס, זענען געזעסן די ברידער שייקע און יקותיאל ווילגון, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „האַלאַפּיאַטניקעס״. יידן דאָרפס־גייער, אָקסן־סוחרים, מעקלערס. דער עיקר — אַ סך פּרנסות און ווייניק ברכות...

אין היטלערס צייטן האָבן די דייטשן זיי געשיקט צו די לאַסעצקער סטאַוון אויפן טייך סטיר ברענגען פיש. אין די דערפער וואָס אויפן וועג, זענען נאָך דאַן געזעסן דערשראָקענע יידן, שוין צען מאָל געפּייניקטע און באַרויבטע. האָט שייקע זיי געטרייסט: „די קיסרים האָבן שוין שלום געמאַכט. מילא, בלע המות לנצח — וואָס מען האָט ביז היינט געהרגעט איז פאַרפאַלן: האַראַדנייער 56 יידן — פאַרפאַלן, סאַרניקער 129 יידן — פאַרפאַלן, די בעסטע 9500 פּינסקער יידן — פאַרפאַלן, די 17000 ראָוונער יידן — פאַרפאַלן, וואָס זאָל מען טאָן? אָבער שוין, — די קיסרים האָבן געהייסן אַוועקלייגן די ביקסן, און לאָמיר דאַנקען זיין ליבן נאָמען״. זייענדיק אין געטאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט די נחמה־מיסיע צו די דאָרפישע יידן איז נישט געווען אַ צופעליקע, נאָר עס איז געזאָגט געוואָרן אין נאָמען פון יודענראַט, כדי צו באַרויקן די געפּלאָגטע, דאָרפישע יידן. מען איז געווען אַזוי הערמעטיש פאַרשלאָסן, אַז פיל וואָכן זענען די רייד אַנגעגאַנגען אין דאָרף פאַר אַן אמת.

ביים שאָסי שטייען: הוקס מויערל, גדליה מענדעלעס מויערל. עס קומט נישט אַרויס קיין יידיש פּנים. די יידיש מיל, לעם פּראַוואַליע, שטייט אַ פאַרברענטע. דאָס איז דווקא גוט! אָבער ווו זענען די בעלי־בתים — די טאַטעס מיט די קינדער? איידעמס און שוואָגערס? די אַלע „גענזעלעך״ און ניימאַנס, דער טייערער חבר מיינער, דער יידישער יונגערמאַן, סילענדער? אַלץ איז פאַרשניטן!

אָט דאָ איז געווען גבריאל מיט זיינע קינדער. אַ המשך פון דורות דאָמבראָוויצער

כלי־זמרים. גבריאל אויפן קלאַרנעט, די בנים אויף די פידלען. קומט אַ יידישע חתונה, שפּילט איין פידל סאָלאָ, די צווייטע — האַלט אונטער, און גבריאל אויפן קלאַרנעטל פאַרגייט זיך אַזוי מתיקותדיק. איך געדענק נאָך די צייטן, ווען דער הויפּט־פידלער איז געווען שמואל, וועלוול דעם באַס׳ס זון. בנימין, שמואלס זון, אויך אַ גוטער פידלער, נאָכן טאַטנס טויט נעמט ער איבער די ערשטע פידל. געווען אויך נחום דער קלעזמער. וועלוול דער „באַס" ברומט, הודעט, זשומעט, פּייוויש קרעכצט אויף זיין קליינער מעשענער טרובע און נאָך אַ גרויסע טרובע, פון וועלכע עס דונערן אַרויס יידישע ווייגעשרייען, בעת מאָטל פּלאַצקא קלאַפּט אין באַראַבאַן און מיט די טאַצן.

און אָט גייען גבריאל מיט שמואלן פאַראויס און עס טראָגן זיך אין דער לופט אַזעלכע האַרציקע טענער. די גרויסע טרובע האַלט נאָר אונטער און גיט צו קוראַזש. פּייוויש קרעכצט אונטער, וועלוול דער באַס ברומט צום טאַקט און ר׳ נחום, אין די גראָבע ברילן, האַלט די פידל געבויגן צום אויער, און מען פירט די מחותנים אויף וועטשערע אין אַ ל״ג־בעומר נאַכט. אין יאָרן אַרום איז ביי גבריאלן געווען אַ זון משה „די וואָליע". אין דאָרף איז אַחתונה, אַ סך מחותנים אַרום די טישן, די „וואָליע" שפּילט לכבוד די געסט און גבריאל האַלט אונטער. די התפעלות פון עכט־יידישע מוזיק איז גרויס. נאָכער שפּילט די גאַנצע קאַפּעליע אין פריילעכס נאָכן צווייטן, און עס לאָזן זיך אַוועק אין טאַנץ די מחותנים, די געסט. עס שאַפּט זיך אַ ראָד אין אַ ראָד. די שוואַרצע קאַפּאָטעס באַוועגן זיך. פון אונטער די זיידענע היטלעך שיינען אַרויס פּנימער, באַקרוינטע מיט כל מיני בערד. עמעצער שרייט: „געלט די קלעזמער" און מען וואַרפט זלאָטעס. גבריאל פייפט שטאַרקער, משה „די וואָליע" שפּילט זיסער, האַרציקער און יידן שוועבן ממש אין דער לופטן. עלטערע יידן דערציילן: דאָמבראָוויצער כלי־זמרים זענען שטענדיק געווען גוטע שפּילער און ערלעכע יידן. האָט אַמאָל געטראָפן און איינער מיטן נאָמען „יאַנקעלע" איז פּלוצים נעלם געוואָרן, האָט מען גערעדט, אַז ער איז ערגעץ אין „פּייטערבאַרג" און שפּילט אין קייזערלעכן טעאַטער. שפּעטער קערט ער זיך אום אַהיים, נעמט ביים רבין „תשובה" און שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער קאַפּעליע, וואָס באַשטייט פון דרייצן אינסטרומענטן, לערנט זיי שפּילן פון נאָטן, און אין די יאָרן 1880 — 1900 האָבן זיי געשפּילט אויף אַלע יידישע חתונות און פריצישע בעלער, ביז ראָוונע, לוצק, קאָוועל, פּינסק, ביז טיף אין פּאָלעסיע.

אַרום ר׳ איצל ביטשיקס מויער האָט גאַנצע 40 יאָר זיך געררודערט. אָדער מען פירט אַריין פון באַן וואַגאַנעס סחורה, אָדער צענדליקער פורן ציען זיך פון דער מויער אָנגעלאָדענע מיט ווייצענע מעל, הירזש, כל מיני גרויפּנס צו אַלע קרעמער אין דער סביבה. איך געדענק ר׳ איצלען פון די קינדער־יאָרן. איך זע אים נאָך היינט ווי אַזוי ער טאַנצט אין שמחת תורה אין מאַרק צוזאַמען מיט אַ סך יידן. ר׳ איצל טיילט זיך אויס פון אַלע. איבער זיין שוואַרצער קאַפּאָטע איז איבערגעוואָרפן אַ ווייסע טאָרבע מיט שטיקלעך קוילעטש. עס לויפן נאָך יינגלעך און ר׳ איצל שרייט: „צאן קדשים", די יינגלעך ענטפערן: מע־ע. ר׳ איצל טאַנצט אַזוי אָן אויפהער און זיין לאַנגע יידישע באָרד טרייסלט זיך צום טאַקט. זיין באָרד ווערט פרי גרוי און ווייס. אַנדערש ווי ביי

זיין אַלטן שווער ר׳ אבא טשיפּטשעוויטשער, ר׳ אהרון׳ס חסיד, וועמענס באָרד ס׳איז נאָך שוואַרץ. אָט איז דער רבי אין דאָמבראָוויץ אויף שבת. חסידים טאַנצן, ר׳ אבא פאַרציט אַן אַלטן קאַרלינער ניגון און זאָגט, אַז ער איז שוין אין דער „דריטער סלוזשבע״. ר׳ איצל מיט דער ווייסער באָרד טאַנצט שטאַרק און חסידים רופן איצלען — שווער, און ר׳ אבאן — איידעם, און אַלע לאַכן גוטמוטיק. די פרוי זיינע, חנה ביטשיק, אַ ווירטין, אַ פּיקחית, ווי דאָמבראָוויצער זאָגן: אַ מאַנסבילשער קאָפּ, פירט דעם גאַנצן הורט־מסחר. געווען איז דאָרט אַ שטוב מיט קינדער: יינגלעך, מיידלעך. אייניקע פון זיי זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל. איין זון, הערשל, האָט שוין אין יענע יאָרן דער־קלערט, אַז ציוניזם איז נישט הלכתא למשיחא. ווען ס׳איז אַוועק די ערשטע גרופּע דאָמבראָוויצער חלוצים קיין ארץ־ישראל, איז הערשל בתוכם. ר׳ איצל האָט קיינמאָל נישט געפּרוזשנעוועט. אַליין אַרויסגעגעבן סחורה, געחשבונט, מדריך געווען די קינדער, געפאָרן נאָך סחורה, אָדער אַריינגעקוקט אין חוק לישראל, צי אין אַן אַנדער ספרל, אָדער גאָר געזעסן אין סטאָלינער שטיבל, געדאַוונט און צוגעהערט זיך צו אַ גוט וואָרט. פון דעם אַלעם איז נישט געבליבן קיין זכר. איצט איז דאָ אַ פּוסטקייט און אונטערן פענצטער, זאָגן גויים, ליגט חנה באַגראָבן.

אין די צוויי, צווישן זיך קאָנקורירנדיקע האַנדלס־הייזער, האָבן געוווינט צוויי בעלי־משפּחות, געקומענע פון דער פרעמד. איינער פון וואָלין, — פון קרעמעניעץ —, אַ רויק מענטשל, זיך נישט געמישט אין שטאָטישע ענינים, שטענדיק פאַרנומען מיט זיין רעזער־וואַר פון גאַז־־שמירעכץ און ברען־מאַטעריאַל. ער איז געווען אַ טאַטע פון קינדער. אין די היטלער־יאָרן האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון טויטן־מאַרש, זיך אַרומגעבלאָנקעט מיט אַ טאָכטער איבערן וואַלד און איז שפּעטער געכאַפּט געוואָרן. זיין זון, יודל, איז נאָכן אַנטלויפן, אַריינגעפאַלן צו אַ גוי פון אַ דאָרף זאַמראַטשעניע. יענער האָט אים פאַרשלאָסן, כדי אים איבערצוגעבן די דייטשן. אָבער יודל צאַצקעס האָט זיך אונטערגעגראָבן און זיך אַרויסגעראַטעוועט. דאָס יונגע בחורל איז געוואָרן אַ פּאַרטיזאַן. אויסגעהאַלטן צוויי יאָר אין פּאַרטיזאַנער־קאַמפּן קעגן דייטשן און אוקראַינער. דעם גוי וועלכער האָט אים פאַר־האַלטן, האָט מען אומגעבראַכט. דערנאָך האָט יודל געשמוגלט גרענעצן און איז אַוועק מיט העפּלה קיין ישראל. ער איז טאַקע דער איינציקער שריד פון דער פאַמיליע צאַצקעס, פון דעם הויז ווו יעדער איינגייער פלעגט דורך פרוי צאַצקעס ווערן באַגעגנט אַזוי וואַרעם און האַרציק.

אין צווייטן הויז האָט געוווינט אַ ייד פון ליטע, וועלכן מען האָט טאַקע גערופן: אפרים דער ליטוואַק, אָדער לוצקי. געווען אַ טאַטע פון קינדער: מיידלעך און אויך אַ בחורל, לייבל. אויך ער האָט געפירט אַ מסחר מיט גאַזע, שמירעכץ און ברען־מאַטעריאַל. געווען אַן אויסערגעוויינלעכער טיפּ מענטש: זייער אַ קלוגער און אַפילו ליב געהאַט צו דענקען. ער האָט אָפּטמאָל דערקלערט, אַז די וועלט איז נאָך ערגער פון הבל הבלים. דער מענטש איז נישט מער ווי אַ מאַשינקע וואָס עסט, מאַלט און פירט איבער אַלע זאַכן, אַזוי, אַז דער גאַנצער ענין איז נישט כדאי. מיט זיינע טעכטער האָט ער זיך נישט אָפּגע־געבן. דאָס בחורל איז געוואַקסן ווי ווילד־גראָז. זיי האָבן חלילה קיין שלעכטס נישט

געטאָן, אָבער ביי זיינע מעגלעכקייטן, וואָלטן די קינדער באַדאַרפט זיין גאָר אַנדערש. אָט דער ליטוואַק פלעגט זאָגן, אַז „אין דער אמתן איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו פּאַראינטערעסירן, בלויז נאַרישע מענטשן האָבן אויסגעקלערט אַן „עגל הזהב״, — איז נו, מילא, מאַך איך זיי נאָך״. לכן האָט ער געהאַרעוועט, נישט געוועזן קיין אויסגעבער און געזאַמלט געלט...

לוצקי האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער צוגעשטעלט נאַפט און ברען־מאַטעריאַל פאַרן פראָנט, און געהאַט מיט דעם מיליטער גרויסע חשבונות. איינמאָל איז נעבן זיין הויז פאַרפאָרן אַ מאַשין אין וועלכער עס זענען געזעסן אַ גענעראַל און אַ פּולקאָווניק. אין דעם מאָמענט איז ער גראַד געשטאַנען לעם שטוב און געשפּאָלטן האָלץ. געוועזן זייער פשוט אָנגעטאָן. די הויכע מיליטער־לייט האָבן געפרעגט ווי מען רופט אים און ער האָט געענטפערט, אַז זיין נאָמען איז אפרים לוצקי. אויף דעם האָט דער גענעראַל זיך אָפּגערופן: „נעמט דיך דער שד, פירסט מסחר אויף גרויסע געלטער און פירסט זיך ווי אַן אָרעמאַן״.

אין דער זעלבער שטוב האָט געוווינט אהרן גאַלפּערן, אַן אַלטער בחור. געוועזן קלוג און אינטעליגענט. ער האָט נישט חתונה געהאַט, ווייל ער האָט געוואָלט אַ פרוי מיט גרויסע מעלות, אַנדערש — האָט ער געהאַלטן — איז נישט כדאי צו באַגרענעצן זיך די פרייהייט און נעמען אַ ריחיים על צוארו. אין אַ שמועס מיט אים, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט: „דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אַ טרויעריק בלאָט, בלויז איין פונקט איז דאָ אַ גוטער — די פרייהייט, און דאָ קומט אַ פרוי און פאַרקנעכטעט דיך, ווען קאָן עס זיין כדאַי, ווען די פרוי איז אַן אויסערגעוויינלעכע, און ווען נישט אַזאַ — איז מוחל, מוחל!״. אַזוי אַרום איז ער געבליבן אַן אַלטער בחור און געהאַט כמעט דריי דורות בחורים־חברים. מיט מיך טאַטן האָט ער גלייך אָנגעהויבן לערנען חומש, מיט מיר האָט ער זיך געחברט, און מיט קינדער פון מיינע חברים האָט ער שוין געשמועסט. איך דערמאָן זיך: ווען עס זענען, נאָך בימי היטלער, געוועזן יידן, וועלכע האָבן געצווייפלט אין זיינע כוונות און נאָך געהאָפט דערלעבן גוטע צייטן, האָט אהרן געזאָגט: „יידן, מען וועט אונדז אויסהרגענען, ווייל, לעולם, איז דער מענטש אַ חיה רעה, וואָס גאַרט צו פאַרצוקן, נאָר וואָס? אָט דער דושא־גובעץ איז געבונדן. תורה׳ס, געזעצן, קאַטאָרגע, — דאָס אַלץ האָט אָפּגעהאַלטן דעם מענטשן. איצט איז געקומען היטלער און געגעבן פרייע הענט. די גלחים זאָגן צו גן־עדן די העצער, איך האַלט דעריבער, אַז מען וועט אונדז אַלעמען אויסשעכטן״.

דאָ האָט אויך געוווינט הערשל מאַנקאָווסקי. ער און זיין פרוי, געבוירענע, דערצויגענע און חתונה־געהאַטע אין שטעטל.

אין דעם הויז האָט געוווינט אלתר דער סטאָליער. זונטיק פרי פלעגט ער אָוועקפאָרן קיין סאַרנע און קומען פרייטיק פאַרנאַכט. ער פלעגט זאָגן: „געמאַכט אַרבעט פאַר קאַזנאַ״ און דערביי קוקן גאַווהדיק דורך די ברילן, וואָס פאַראַ איינדרוק עס מאַכן זיינע רייד. פון אונטן האָט געוווינט שלמה „דער שמעקער״. געהאַט אַ שיינע טאָכטער און אַ יונגן זון. דער אַלטער איז געשטאָרבן און די קינדער האָבן פאַרלאָזט דאָמבראָוויץ. זייער גורל איז אומבאַוווסט. אויף זייער פּלאַץ האָט זיך באַזעצט יאָסל וויינער, „דער אַנטיק״,

אַ ייד, וועלכער האָט שטענדיק געפּלאָנעוועט, געוואָלט עפּעס מחדש זיין אין דאָמבראָוויץ, געהאַט אַ סך איניציאַטיוו. אין דער יוגנט געווען יאָרנלאַנג אין קישיניעוו, געקענט אויף אויסנווייניק איבערזינגען דאָס באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „שולמית", געווען אַ גוטער־ברודער מיט אַלע יידן פון שטעטל. אין זיין לעבנס־וועג האָט ער געהאַט צענדליקער פּרנסות און לאַנג ביי קיין איינער פון זיי נישט געבליבן. זיין פרוי, שפרה, אַ שטילע יידישע טאָכטער, האָט זיינע אונטערנעמונגען קיין איין מאָל נישט געשטערט.. אין געטאָ־צייט האָט ער געזאָגט: „איך דאַנק זיין ליבן נאָמען, וואָס מיין בן־יחיד איז אין ארץ ישראל, הלוואי וואָלטן מיר אַלע דאָמבראָוויצער, געווען אַוועקגעשיקט כאָטש איינעם פון יעדן הויז, וואָלט דאָך געבליבן ווער עס זאָל נאָך אונדז קדיש זאָגן". אויף שמעקערס פּלאַץ און אויך אַרויסגערוקט אין שאָסיי־גאַס, שטייט אַ גרויסער מויער: ער איז געבליבן גאַנץ.

איבער דער גאַס האָבן געוווינט די סלוצקיס — די יורשים פון דער אַמאָליקער גבירישער משפחה זלמן סלוצקי. פאַר דער גרויסער שריפה איז דאָ געשטאַנען די שענסטע שטוב אויף דער שאָסיי־גאַס, די צימערן אויסגעמעבלירט מיט געשניצט מעבל. אַרום שטוב —ביימער מיט גראָז, ווי אין אַ פּריציש גוט. נאָך ביזן סוף האָט זיך איינגעהאַלטן דער גלאַנץ פון דער אַמאָליקער גבירישקייט. ערגעץ ווו אין דער וועלט זענען פאַראַן קינדער פון דער דאָזיקער משפחה.

אויפן ראָג, נישט ווייט פון גלה, האָט באָט זיך אויפגעשטעלט אַ שטוב און געעפנט אַ שניידער־וואַרשטאַט. ער איז געווען אלתר־מיליעס אַ תלמיד און האָט גוט געניית, גענומען צוגענגלעכע פּרייזן און געהאַט אַ שיינע קליענטעלע פון צווישן די בעסערע דאָמבראָוויצער גויים. ער האָט געהאָפט, אַז אין אַן עת־צרה, וועלן אים די גויים מציל זיין.

אין דער שטוב האָט פריער געוווינט אברהם מאַנקאָווסקי, אַן אַריסטאָקראַטישער וואַלד־סוחר. געפירט זיין הויז מענטשלעך, געגאַנגען שיין געקליידט, געלערנט די קינדער, געווען פּאַרטראָטן אין שטעטלדיקע מוסדות. אין די וואַלד־אונטערנעמונגען האָט ער געהאַלטן לעם זיך זיינע ברידער ווי שטענדיקע מיטאַרבעטער. צום סוף איז ער אַוועק אין מרחקים, געפאָרן קיין ארץ ישראל און פון דאָרט קיין אַמעריקע. אין דער שטוב האָט זיך שפּעטער באַזעצט לייבל פּערלשטיין מיט זיין משפחה. ער אַליין איז געראַטעוועט געוואָרן און געפינט זיך אין תל־אביב.

אין דעם דערבייאיקן שיינעם מויערל, האָבן געוווינט חיים בארמאַן, זיין פרוי צירל און זון אלתר. דאָמבראָוויץ האָט אים גערופן „חיים קוט". חיים איז אַלס יונגערמאַן געווען אַ בעל־עגלה און געהאַט פּרנסה בשפע. זיין פרוי האָט אַריינגעקלערט וועגן אַ בעסערן תכלית און געעפנט אַ קרעמל. שפּעטער איז פון דעם געוואָרן אַ גרויסע קראָם. זייער בן יחיד, אלתר, איז געווען אַן אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען, ר'איז אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, אָבער קיין פּרנסה נישט געהאַט. ער האָט אויפגעהאָדעוועט אַ שיינע יונגע טאָכטער, און היטלערס אוקראַינישע פּאָליציי האָט זי גענומען אויפן אויג. ער האָט אָבער זי אויסבאַהאַלטן. אַ סך מאָל האָט ער צוליב דעם געקריגן שטאַרק געשלאָגן און נישט נאָכגעגעבן ווו זי געפינט זיך. זי איז אומגעקומען מיט אַלתרן בקדושה ובטהרה צוזאַמען מיט אַלע יידן. ר' חיים אַליין האָט זיך כל ימיו געהאַלטן אין סטאָלינער שטיבל,

לעם חסידים ואנשי מעשה, געהאַט אַ געוווינהייט איבערצוקערן פסוקים און ווען עמעצער האָט גוטמוטיק געשמייכלט פון ר׳ חיימס תורה, פלעגט ער נישט נתפעל ווערן און מוסיף זיין נאָך אַ צעבראָכענעם פסוק.

אַנטקעגן, איז דאָס הויז פון אהרן משהלעס. די קינדער האָט מען גערופן: הורויצעס. אַ שטוב מיט יינגלעך און מיידלעך. אהרן איז שוין לאַנג נישטאָ. די מאַמע, זלאַטע, אַ יידענע, אַ בריה, האַלט אויף די גאַנצע שטוב. דער זון, שכנא הורוויץ, דער בוכהאַלטער פון דאָמבראָוויצער באַנק, אַ יונג אַ חכם, קומט נעבעך אום.

חנינא ביטשיק, אַ געפּוצטער ייד, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטאָלצן ייד. געווען פריער מיט אַ ביסל געלט. געהאַט אַ שיינעם מויער מיט מעבל, אַ לייטישע פרוי מיט קינדער. געהאַנדלט מיט וואַלד, געפירט אַ חסידישע שטוב און איז געגאַנגען געפּוצט, די באָרד שטענדיק שיין צעקעמט. אין די לעצטע יאָרן — אַ שטאַרקער חסיד פון ר׳ משהלע סטאָלינער. ווען דער רבי איז געקומען אויף שבת האָט ער זיך שטאַרק משמח געווען און פיל געטאַנצט, שבת צו די זמירות ביים רבינס טיש איז ער געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט. די ניגונים פלעגן אויף אים ווירקן ביז טרערן.

דער צווייזייטיקער מויער געהער צו מאיר רייצעס (רוזענפעלד) און ליפּא שוחט. מאיר רוזענפעלד איז אַ סוחר פון האָבער, הירזש און רויטע יאַגדעס. ער קען די סוחרישע וועלט און איז אַ ייד מיט פאַרשטאַנד. ווען ער טראַכט וועגן ענינים, האָט ער אַ טבע צו בייסן זיין באָרד. זיין בן יחיד, אהרלען, האָט ער אַריינגעצויגן זייער פרי אין מסחר און אים באַלאַסטעט מיט דער קראָם. אויך די טעכטער העלפן פירן דאָס געשעפט און נאָכן פאָטערס טויט האָבן זיי אַליין ממשיך געווען די עסקים. איינע פון זיי האָט מען געהאַלטן אין דער פרעמד און זי געלאָזט לערנען. ר׳ מאיר אַליין האָט שטאַרק געהאַלטן פון יידישער איניציאַטיוו. בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די באַשפּייזונג אין רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן אונטערהינקען, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט: „זאָל מען דאָס באַשפּייזונגס-מיניסטעריום איבערגעבן צו יידן, וועלן זיי דעם הונגער ליקווידירן״.

ליפּא דער שוחט איז אַ ייד אַ מזג-טוב. ער איז כסדר פאַרנומען, ווען נישט ביים שטעלן דעם חלף, איז ביי דער גמרא, אָדער ביי הלכות שחיטה. אין דער צייט פון רעוואָלוציעס, זאָגט אָט דער שטילער ייד אַזוי: „וואָס ווילן די יונגע מענטשן? אַריינברענגען אין סכנה דאָס גאַנצע יידישע פאָלק? עס איז נישט אונדזער ענין זיך צו מישן״. ליפּעס פרוי היט זייער איר בן יחידל, מיין חדר-חבר און דאָס טעכטערל. דער זון, איציק לוטינסקי, שפּילט שוין פידל, שרייבט גוט רוסיש, לערנט זך גוט מאַטעמאַטיק. ער האָט חתונה קיין קלעסאָוו. ער קומט אום צוזאַמען מיטן כלל ישראל.

איבער דער גאַס, אַנטקעגן, איז ווידער פאַראַן אַ צווייזייטיק הויז. אין זייט איז באַוווינט דורך משה ברעגמאַן, די צווייטע זייט געהערט צו ר׳ מיכעלע זוליאַר. ר׳ מיכעלע איז אַ שטילינקער ייד, ווערט נישט אין כעס, שמייכלט שטענדיק. קיינער אין דאָמבראָוויץ האָט נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט ווען עס איז געזען ר׳ מיכעלען זיך בייזערן. ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט יינגלעך. ער האָט זיי מחנך געווען צו יידישקייט, זיי לאַנג

געהאַלטן ביי מלמדים. נאָכהער האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער וואָלין און פּאָלעסיע. ער איז געווען כל ימיו אַ קרעמער און גוטמוטיק, שמייכלענדיק, געהאַנדלט.

משה ברעגמאַן, דער דאָמבראָוויצער טיפּזיניקער למדן, האָט ליב גוט צו לערנען אַ בלאַט גמרא און פרעגן צי דו פאַרשטייסט אַ „קצות החושן". ער האַנדלט מיט רויכוואַרג, רויטע יאַגדעס, דערעזש־מעל און פעל. אַמאָל — געווען אַ בעל־פּרנסה. אונטער פּוילנס ממשלה, איז די פּרנסה בצמצום. דער ייד איז שטענדיק באַלאַדנט מיט געדאַנקען, שרייבט עברית מליצהדיק, האַלט פון ר' יונתן אייבעשיץ. דער „יערות דבש" איז ביי אים עולם ומלואו און ער זאָגט זיך אויך נישט אָפּ פון אַ שטיקל „מורה נבוכים". באַלד נאָכן אַריינקום פון די דייטשן איז ער תופס דעם גאַנצן גזר־הדין. ער איז אָבער ביי דער מיינונג, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, לכן זאָגט ער נישט אַרויס זיין מיינונג, כדי נישט מצער זיין די דערשראָקענע און געפּייניקטע יידן. אָבער אין לעצטן טאָג, ווען אַלע טראַכטן נאָך וועגן בלייבן לעבן און גלויבן די דייטשן, אַז מען ווערט איבערגעזידלט קיין סאַרנע אויף אַרבעט, גייט אַרויס משה ברעגמאַן צום טויטן־מאַרש אָנגעטאָן אין קיטל און איינגעוויקלט אין טלית.

די הייזער פון אביגדור כאַרפּאַק און גרשון פּאַדעס פּערלשטיין זענען אַריינגעוואַקסן איינס אין צווייטן. גרשון פאַדעס איז אַ מלמד פון יידישע קינדערלעך, אַ מסתפּק במועט, אַלעמען האָט ער ליב געהאַט און געווונטשן כל טוב. ווען ער איז געווען מלמד אין קריוויץ, האָט ער פיינט געהאַט איינעם פון די שטוביקע בתכלית השנאה. דאָס איז געווען דער הונט. אָבער אַלע איבעריקע, די בעלי־בתים און ספּעציעל די קינדער, האָט ער ליב געהאַט אהבת־נפש. גאָט האָט אים געהאָלפן און ער האָט חתונה געמאַכט די טעכטער. פונעם זון, וועלכער האָט געלערנט אין ווילנע, האָט ער שטאַרק געהאַלטן. ווען דער זון איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, איז עס פאַר גרשונען געווען אַ סיפּוק הנפש און ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער תושב ביי ר' נחומציען זצ"ל.

אביגדור כאַרפּאַק האָט פון די יונגע יאָרן אָן זיך אָנגעהויבן מטפּל זיין מיט אייזנוואַרג און מאַשינען. געווען אַליין אַ שטיקל מעכאַניקער. געווען אַ ייד אַ שוויגער, געהאַלטן בכבוד זיין משפּחה. געווען גבאי אין סטאָלינער שטיבל און זיינע פליכטן אויסגעפילט שווייגנדיק. געווען שטענדיק אַ בעל־פּרנסה און געזוכט נאָך פּרנסה. ער האָט נישט געהאַלטן פון „אל יהא ממונך חביב עליך יותר מגופך". אים האָבן די רשעים געפונען (שוין אַ לאַנגע צייט נאָך דער שחיטה) אַ פאַרשטעקטן ביי זיך אויפן בוידעם. ווען מען האָט די משפּחה געפירט לעבעדיקע צום בית־עולם, זענען זיי אַלע נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען.

חנה טשערנע קאַנאָניטש מיט אירע זין. זי איז געווען באַקאַנט מיט אירע מאָלצייטן, געבראָטענע הינער, געפּרעגלטע לעבערלעך מיט וואָס מ'האָט זיך ביי איר אונטערגעלעגט דאָס האַרץ. געווען איז אין דער שטוב איינער פון אירע זין, ברוך, וועלכער איז פּלוצלינג פּאַראַליזירט געוואָרן. דער צווייטער אין דער שטוב איז געווען דער שיינער ייד, יאָסל חנה טשערנעס, אַ זינגער, אַ דאַווענער, אַן אָפּגעהיטענער ייד, גבאי אין טריסקער שולכל. ער פלעגט אָפט דערמאָנען זיין פאָטער ר' פּנחסל ווי אַ ייד אַ מושלם. דער דריטער, יוחנן אַ געוויינלעכער ייד, אָן יחוס עצמו, אָבער געהאַלטן זיך אין די ראַמען, ווייל ער איז אַ בן טובים און אַ ברודער פון אַ שיינעם יידן.

געבונדן וואַנט־צו־וואַנט מיט יאָסל חנה טשערנס הויז, איז געווען דאָס הויז פון קאַנטאָרן. מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, נאָך אין די יונגע יאָרן זיינע, איז דער דאָזיקער ייד געקומען פון ליטע קיין דאָמבראָוויץ און פאַרלייגט אַ זייגערמאַכער־וואַרשטאַט און אַ קראָם פון זילבערנע חפצים און גאָלדענע זייגערס. געוואָרן אַ דאָמבראָוויצער גביר. כאָטש דאָס גאַנצע לעבן געווען אין דאָמבראָוויץ, האָט ער זיך נישט אַקלימאַטיזירט און איז געבליבן דער ליטוואַק אין דאָמבראָוויץ. געהאַט אַ שטוב מיט קינדער וועלכע האָבן שוין אַנגענומען דאָמבראָוויצער מענטאַליטעט. געווען צווישן זיי ציוניסטן, געווען אויך לינקע. אין ארץ־ישראל איז דאָ אַ טאָכטער, אין פראַנקרייך זענען פאַראַן צוויי זין. דער זון, מענדל, איז געווען אַ באמת סימפּאַטיש דאָמבראָוויצער ייִנגל. ער האָט חתונה געהאַט מיט יאָסל חנה טשערנעס טאָכטער, וועלכע איז געווען אַ שיין מיידל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין סאַרנע און דאָרט אומגעקומען צוגלייך מיט אַלע יידן.

איך דערמאָן זיך דאָ אין אַ קליינער פּאַסירונג: פון אַ דאָרף זענען געקומען חתן־כלה און זענען אַוועק צו קאַנטאָרן איינהאַנדלען כלה־מתנות. זיי האָבן געקליבן, געמאָסטן, געדונגען, און נישט געקויפט, זיך אומגעקערט צו אונדז אין שטוב כדי זיך צו עצהנען. פּלוצלינג לויפט קאַנטאָר אַריין אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטער און צעשרייט זיך: „איר זענט דאָך קיין מענטשן! (ער פלעגט רעדן מיט „צדיק'ן") ווי פאַרלירט מען ביי מיר אין סטוב אַ פופטשיקער? פופטשיק רובל צו פאַרלירן?". חתן־כלה טרייסלען זייערע טאַשן און שרייען אויס: „אוי, נישטאָ!". און ער גיט זיי אָפּ שמייכלענדיק דעם פופציקער. די פרוי קאַנטאָר איז געווען אַן עכט יידישע אינטעליגענטע פרוי. אויף איר פּנים איז געווען אויס־געגאָסן אַ סך יידישע צאַרטקייט און גוטסקייט. זי שטאַרבט יונג.

אַנטקעגנאיבער דער גאַס — אַ הויף מיט יידן. אַלע קינדער פון די „קוואַסניטשקעס". משה מאַנקאָווסקי איז אַוועק אין וואַלד מיט אַ פּלאַן פון פּלאַטערס וועלדער, מיט זייערע ווייטסטע קוואַרטאַלן. ער איז געווען כמעט זיכער, אַז ער וועט איבערלעבן. ער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רשעים און זיי האָבן אים דערשאָסן.

פון הינטן, טיף אין הויף, האָט געוווינט לייזער „חלילים" מיט די קינדער; פון פּאָרנט — מאָטל ווינִיאַר. אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנים, אַ רויקער און שטילער. ערגעץ ווו לעבט זיינס אַ זון.

אָט איז די מויער פון די גילמאַנס. ר' דוד אַליין איז פרי געשטאָרבן. געווען אַ ייד אַ תכשיט. אויך די קינדער זענען אויסגעשטאָרבן. פון מיין דור איז געווען שמוליק גילמאַן. חתונה געהאַט אין קאָסטאָפּאָל. נישטאָ קיין זכר.

אין דער שטוב האָט אַמאָל געוווינט ר' שלמה פּאַטרוך, אַ וועלטלעכער מענטש, וועלכער פלעגט שטענדיק אַרומפאָרן אין די מרחקים. געווען אַ סטאָלינער חסיד. ווען דער רבי קומט קיין דאָמבראָוויץ, שטייט ער איין ביי ר' שלמהן. געווען דאָרט אַ שטוב מיט פאַרגעשריטענע מיידלעך. איינע, אפילו אַ בונדיסטין. ר' שלמה קומט אום פון אַ מערדע־רישער קויל אין מיטן מאַרק, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אויף דעם אָרט האָט זיך באַזעצט משה פּאָמעראַנץ, דער לערער פון ערשטן חדר מתוקן אין דאָמבראָוויץ. דריי פּערטל דאָמבראָוויצער זענען זיינע תלמידים. שפּעטער

ווערט פּאַמעראַנץ אַ סוחר פון האָלץ. ער איז כל ימיו געווען אַ גרויסער ווינצלער און דער הומאָר האָט ביי אים אָנגעהאַלטן אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ווען איך בין געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט ער צו מיר געזאָגט: „האָב קיין פּחד נישט פאַר מתים, און זעץ זיך לעם מיר״, און ער האָט מיר דערביי געזאָגט אַ מילתא דבדיחותא.

אין דעם בינטל הייזער, אין אָפּענעם געסל צום שול־הויף, אין יאָנקע דעם שניידערס שטוב וואָס גייט אַרויס צו דער שאָסיי־גאַס, האָבן געוווינט פאַרשידענע משפחות. צווישן זיי איז געווען דער ייד פאַרפעלמאַזע, דער אַזוי־גערופענער „יאַפּאָניעץ״. אַ שיינער ידישער טיפּ. אַ מזג טוב. האָט זיך פיל מטפל געווען מיט נויטבאַדערפטיקע. האָט ליב געהאַט זיך משמח זיין אויף ידישע שמחות. האָט שטאַרק געשעצט לומדי־תורה און קולטורעלע מענטשן, אָפּגעגעבן כבוד די רבנים. גערופן האָט מען אים „יאַפּאָניעץ״ דערפאַר, ווייל אין די יונגע יאָרן איז ער געווען סאָלדאַט אין איין אָפּטיילונג מיט טרומפּעלדאָרן אויפן יאַפּאַנישן פראָנט.

חיים שפּין האָט דאָס גאַנצע לעבן געניית גויישע היטלען, האָט אויסגעהאָדעוועט דריי בחורים העלדן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון היטלערס הענט און צומאָרגנס שוין געווען באַוואָפנטע פאַרטיזאַנער. נאָך פיל קאַמפן קעגן די דייטשן און אוקראַינער, זענען אַלע דריי געפאַלן אין איין טאָג, שוין נאָכן פאַריאָגן די דייטשן.

דאָס מויערל פון דער משפחה קלעס. געווען דאָ אַ גאַנץ פּעקל קלעסעס — דריי ברידער און צוויי שוועסטער. דער יונגסטער, מאָנעס, איז שוין לאַנג אַוועק אין די מרחקים. דער מיטעלער, האָט זיך באַזעצט אין סאַרנע. די שוועסטערס האָבן חתונה געהאַט אין ווייטע שטעטלעך. משה קלעס מיט זיין משפחה האָבן דאָ געוווינט מיט אַ שטוב קינדער.

איבערן מויערל, אויפן שטאָק, זענען געזעסן פאַרשידענע משפחות, צווישן וועלכע איך געדענק גוט די ליבערסאָנס. דער אַלטער איז געווען אַ בכבודיקער ייד. פון די בחורים איז איינער יונג געשטאָרבן. דער צווייטער, יוסף, האָט חתונה געהאַט קיין לאַדזש. געווען אַ מושלם: אַ שפּילער, אַ זינגער, אַ געלערנטער. שמחת תורה פלעגט אָט דער יוסף אין טריסקער שולכל זיך שטאַרק משמח זיין. אברהמל איז געווען דער שפּעטערדיקער פּאַרזיצער פון יודענראַט. געווען דאָרט אַ שטוב מיט קלוגע מיידלעך. אין הויז ביי די ליבערסאָנס, פלעגט זיך צוזאַמענטרעפן די בעסטע יוגנט. דאָרט פלעגן זיך אויך צוזאַמענטרעפן די איינגעזעסענע און צוגערייזטע וואַלד־סוחרים.

אין קליינעם מויערל, איז איין זייט באַוווינט דורך ר׳ אברהם קירזשנער, אַ ייד אַ יודע־ספר, אַ שטילער, מיושבדיקער מענטש. נאָך אים האָבן דאָרט געוווינט זיינע יורשים. די צווייטע העלפט האָט אַמאָל געהערט צו דער משפחה גאַניקזיס, פון וועלכער עס דאַרף זיך געפינען אַ זון אין מאָסקווע.

אָשר פערלשטיין, דער בלעכער, אַ בעל־משפחה מיט טעכטער און זין. צוויי טעכטער זענען איצט אין ישראל. איין טאָכטער איז אין סאַרנע און די איבעריקע גרויסע משפחה — איז נישטאָ. אין געטאָ האָט ר׳ אשר געהאַט פּחד פאַרן טויט. ער איז געווען שטאַרק

פרום, געקליבן דאַווענערס צו די מנינים, אַריינגעקוקט אין ספרימלעך. מיר האָט ער געזאָגט: „דו ווייסט, דער גוף דאַרף שוין ב״ה גאָרנישט״...

אין דעם עק פאָרט־אָרטור האָט געוווינט איציק בודימלער־זאַמדוויס, מיט אַ שטוב קינדערלעך. אַלע שטילינקע יידן. די פרוי האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר די שטאָטישע יידן. איציק, אַליין אַ געבוירענער אין דאָמבראָוויץ, האָט געקענט אַלעמענס חסרונות. ער האָט געפלעגט זאָגן, אַז היינט מוז מען ליב האָבן אַלע יידן, און ער האָט עס טאַקע מקיים געווען. ער האָט ליב געהאַט אַלע יידן אָן אויסנאַם.

די יורשים פון ר׳ שלמה זאַמדוויס (דער גערופענער: קאַן) זענען: דער איידעם נחמן פעלד, אַ ייד מיט אַ הדרת פנים, אַ באַגאַבטער האָלץ־סוחר, אַ בערעזנער חסיד. אַקטיוו אין אַלע ענינים פון בערעזנער חסידות אין דאָמבראָוויץ. אַ גוטער דאַווענער, אַ שיינער זינגער, אַ מיטגליד אין דער שוחטים־קאָמיסיע, אַ גבאי אין דער בערעזנער חברה־קדישא, אויף שמחות — שמח ושימח את הרבים, געקענט טרינקען מיט חסידים „לחיים״, געהאַט אַ שטוב מיט קינדער, שיינע מיידלעך, שיינע יינגלעך. געווען אַ שטאַרקער מקורב ביים רב ר׳ נחומציע. אין אַמעריקע דאַרף זיך געפינען דער עלטערער זין, לייבל. דער צווייטער שורש פון ר׳ שלמהן איז הערשל פעטשעניק, דער גערופענער — „דינסטיק״. אויך אַ בן תורה, געלייענט און געשריבן עברית, אַ גוטער דאַוונער, אַ זינגער און אַ מבין אויף נגינה. געווען מלא חימה אויף חזנים וועלכע קענען נישט און קומען אין שטעטל אַריין דאַווענען. איינמאָל ברענגט דער גבאי, אַרטשיק דער קירזשנער, אַראָפּ זיינס אַ מקורב, אַ חזן, וועלכער דאַוונט מעריב אין דער גרויסער שול און קען נישט. הערשל פעטשעניק דרייט מיט דער נאָז בעתן דאַווענען. נאָכהער זאָגט ער צום חזן: „די גמרא דערציילט, אַז מיט איינעם אַ מאָן האָט גאָט געטאָן אַ נס און ער האָט אַליין אָנגעזויגט זיין הונגעריק קינד. איך ראָט אייך דעריבער, חזן, ווערט אַן אַם! איי, איר קענט נישט, גאָט טוט נישט קיין נס, נו, און אַ חזן קענט איר זיין?״. עס איז אונטערגעלאָפן אַרטשיק גבאי מיט נאָך גוטע־ברידער, און מען האָט זיך געקריגט ביזן גרויסן טאָג. הערשל האָט געהאַט אַ קראָם. אַ ייד האָט אים איבערגעגעבן 25 רובל, איז ער אים אַליין נאָכגעלאָפן און געשריגן: „וועלוול, דו האָסט אָפּגעברענט מיט אַ 25־ער, נאַ זיי דיר אָפּ״. ער האָט פאַרלאָזט דאָמבראָוויץ און זיך באַזעצט אין פּאַריז מיט זיין גאַנצער משפחה.

דער זון, וועלוול זאַמדוויס, אויך אַ בן־תורה, אַ שאַרפער קאָפּ, אַ גוטער בעל קורא און אַ גוטער מתפלל (זיינע קינדער זענען אין ישראל). דער אַלטער ר׳ שלמה איז געווען מער וואָגיקער פון אים און דאָמבראָוויץ האָט געוואָלט זען אין וועלוולען דעם טאָטן, פאַרגעסנדיק גאָר, אַז אין ר׳ שלמהס דור, איז די גאַנצע וועלט געווען אַן אַנדערע. אין דעם הויז, מיט די גרויסע צימערן, האָבן די סאָוויעטן, נאָכן פאַריאָגן די דייטשן, איינגעאָרדנט אַ קלוב.

שטיי איך אַזוי אויף דעם פּלאַץ פון מיין עלטערנס הויז, טאַקע לעם ר׳ שלמהס שטוב און כ׳זע ווי אין די צימערן טאַנצן די טעכטער פון דאָמבראָוויצער גויים, אונדזערע מערדער. נאָר אָט לויפט גראָד פאַרביי דורך מאַקאַראָווער גאַס, שוין אין חרוב־געוואָרענעם יידישן פערטל, אָן אייניקל פון אַ דאָמבראָוויצער ערלעכן יידן — ר׳ וועלוול

סאראקאטש. דער וואָס לויפט אַזוי איז אַ קאַפּיטאַן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, אנגע־טאָן אין דעם אָפיצירישן אוניפאָרם. די פּאַגאָנעס — באַגילדטע. אויף דעם ברוסטקאַסטן באַמבלען זיך די פאַרדינטע אָרדנס. דער ייִדישער קאַפּיטאַן, באַליק, איז אַ זון פון אויסגעהרגעטן דאַמבראָוויץ און איז נאַר־וואָס געקומען פון פראָנט. ער זוכט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. שוין אַ פּאָר טעג ווי ער בלאָנקעט זיך אַרום איבער די קברים־חורבות און דערזעענדיק מיך, שטעלט ער זיך אָפּ, צעקושט זיך מיט מיר, וויינט אַ ביסל און לויפט גיך אַריין אין וועלוולס אַמאָליקע צימערן צו די טאַנצנדיקע בנות־מואב, און ער טאַנצט שוין צום טאַקט פון מיליטערישן אָרקעסטער...

„באַליק! — זאָג איך צו אים — זי האָט דיין שוועסטער דערשטיקט. איר טאַטע האָט דיין טאַטן דערשטאָכן. איר מאַמע האָט דיין מאַמען דערוואָרגן". ענטפערט קאַפּיטאַן באַליק: „מיר, סאָוויעטישע מענטשן, דענקען אַנדערש. נישט זי, און נישט איר טאַטע־מאַמע זענען שולדיק, דאָס דייטשישע פאָלק מיט היטלערן, ימח שמו, זענען שולדיק איך פאָר פון דאַנען מאָרגן אויפן פראָנט, אין מיין האַרצן ברענט אַ פייער נישט ווינציקער ווי אין דיין האַרצן און איך וועל נקמה נעמען אין די דייטשן, אָבער מיר דאַרפן אונדזערע שכנים, די סאָוויעטישע בירגער, האָבן פאַר גוטע פריינט. לייען — פירט ער אויס — איליאַ ערענבורגן, וועט דיר ווערן קלאָר, אַז אונדזערע שכנים זענען נישט שולדיק".

נישט קיין פייער, נישט קיין ווייטיק, נאָר עפּעס אַ קאַלטן פראָסט האָב איך דערפילט אין מיין האַרץ און געטראַכט דערביי, אַז איליאַ ערענבורג, וועלוול סאראקאטשס איינקל, און איך, — מיר אַלע זענען קאַלטע טויטע גופים און נישט מער... באַליקן האָט זייער גיך אויפן פראָנט דערהרגעט אַ דייטשישע קויל און נקמה, האָט ביז היינט נאָך קיינער נישט גענומען.

אין ווינקל פון פליאַנט, אין גאָטליבס הויז, רודערט זיך. דאָרטן איז איצט אָן אָמט פון אַ טראַקטאָרן־סטאַציע. אין פליאַנט אויף אַ בערגל, האָט מען מיר געזאָגט, זענען דאָ 97 ייִדישע קברים. אויך איבערן גאַנצן פליאַנט זענען צעשפּרייט ייִדישע קדושים. נאָר ס'איז נישט צו דערקענען. אויף די הייליקע ביינער שטייען טראַקטאָרן, ערד־מאַשינען. אַ גוייטע זאָגט מיר: „טאַזש טוט סאַמי מאהילי" — בלויז קברים און קברים. אין די צימערן האָבן דאָ געוווינט דריי דורות, וועלכע איך האָב געקענט. פון ערשטן דור ביזן דריטן איז אַ מהלך רב. דער ערשטער, מאיר סנדר מיט זיין אייגנאַרטיקער ייִדישקייט און תורה־קענטעניש און תכלית פאַרן כלל ישראל. ווען ער האָט באַמערקט, אַז אין הויז פון זיין שכן איז נישט גאָר אין גאַנצן ייִדישלעך, האָט ער נישט גערוט און איינגעטענהט מיטן שכן, הלמאי עס איז אַזוי און ער האָט משפּיע געווען. דער שכן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך דורכשמועסן מיטן ראַבין און מאיר סנדר גאָטליב קוקט נאָך, זעט, אַז עס זענען שוין פאַרביי אַ פּאָר וואָכן און קיין שום שינויים ביים שכן אין שטוב זעט מען נישט, שעמט ער זיך נישט און פרעגט דעם שכן: „ביסט געווען ביים רב? וואָס האָט דער רב געזאָגט?" ענטפערט דער שכן: „דער ראַבין האָט געזאָגט — „טשעפּוכאַ". פרעגט מאיר סנדר אַ צעטומלטער: „ביי וועלכן ראַבין ביסטו געווען?". ענטפערט דער שכן: „נו, ביים קאַזיאָני ראַבין, גאָספּאָדין שיינפּלייש". דער אַלטער ר' מאיר סנדר

גאָטליב האָט געוואָלט אַרויסטרייבן דאָס עם־הארצות פון זיין שכן — אפשר דער איינציקער עם־הארץ אין דאָמבראָוויץ.

זיין זון, ר׳ שמוליק גאָטליב, אַ שטילער, טייערער ייד. שוין נישט קיין גאָטס פּאַרזאָרגער, שוין נישט קיין קעמפער פאַר יידישקייט, אָבער אַליין אַ גאַנצער ייד. נאָכהער קומט נח גערצקעס, ר׳ שמוליקס איידעם פון גאָטליבס הויז. אין די היטלער־יאָרן איז אָט דער נח אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער, אַ פאַרחלשטער, אין קעשענע שטענדיק געהאַט אַ רוסישע צייטונג, אַן אַלטע און נאָך אַן עלטערע, מיט אַרטיקלען וועגן צוקונפטיקע מפּלות פון היטלערן און דערציילט וועגן היטלערס מיתה משונה. איך טרעף אים ביי מאַשקע ראַניער, וועלכער האָט געקויפט דאָס הויז ביי די יורשים פון מאַנעס בייגעל און נח נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ שערעלע און מאַכט אין פּאַפּיר אַ שניט, און עס באַקומט זיך כמו די מאַפּע פון אייראָפּע. זאָגט נח: „היטלער האָט שוין באַזיגט גאַנץ אייראָפּע״. דערנאָך טוט ער ווידער אַ שניט אין זעלבן פּאַפּיר און עס ווערט אַ האַלבער ערד קוגל. זאָגט נח: „היטלער האָט שוין באַזיגט אַ האַלבע וועלט״. און אַזוי שניידט ער ווייטער דאָס פּאַפּיר און עס באַקומט זיך אַ טרומנע מיט אַ צלם. זאָגט נח: „איצט קומט היטלערס מיתה משונה״. נח גערצקעס נבואה איז באמת מקויים געוואָרן, נאָר צו שפּעט. אָבער אין יענעם מאָמענט, האָבן זיך יידן געקוויקט מיט נחס נבואה און אָפּגעכאַפּט דאָס האַרץ.

סנדלרס גרויסע מויער איז געבליבן גאַנץ און איז באַזעצט דורך סאָוויעטישע אַמטן. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געדאַוונט אין שולכל, ביי דער גרויסער שול, האַלב צען אַזייגער, מיט דעם אַזוי גערופענעם „סנדלרס מנין״. סנדלר האָט טאַקע מיטגעדאַוונט. מער האָב איך סנדלרן נישט געזען.

סנדלר איז געווען אַן אַלזייטיקער ייד. אין די צאַרישע צייטן האָט ער זיכער נישט געגלייבט, אַז ער איז אין גלות. ער איז געווען איינגעוואַקסן אין דער רוסישער שפּראַך און אין איר קולטור. געווען אַ ייד אַ תקיף. ביי אים אין שטוב איז אַמאָל געווען אַ חתונה פון זיינער אַ קרובה און דער פּריסטאַוו האָט נישט געלאָזט פירן צו דער חופּה מיט כלי־זמרים, אָבער סנדלר האָט זיך געקריגט מיט קסאָוועריקן און געשלאָגן זיך מיט מאלאדיקן דעם אוריאַדניק. צו יענער צייט איז עס געווען אַ העזה פון אַ ייד צו מאַכן אַזאַ רעש, אונטער דער הערשאַפט פון רוסישן צאַר, אָבער בימי היטלער, ימח שמו, זענען צענדליקער טויזנטער יידן אומגעקומען מיט טויזנטער טויטן און קיינער האָט נישט געמאַכט קיין רעש.

פערציק יאָר האָט סנדלר געהיילט און געראַטעוועט יידישע און נישט־יידישע קינדער, פון כל מיני קינדער־חולאתן. אַלע גויישע הייזער, פון ווייטן אָזערי־קאַראַסין פון איין זייט, ביז דובע־סוואַריטשעוויטש פון דער צווייטער זייט, האָבן פון אים באַקומען רפואות. אין די יאָרן 1918־20, ווען דער טיפוס האָט אומגעשטערט געוועלטיקט, האָט דער רופא סנדלר זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר גויים און פאַר יידן. אין די קאַטאַסטראָפע־יאָרן, האָט זיך אָבער נישט געפונען קיין איין גוטער גוי וואָס זאָל וועלן געבן שוץ זיין פרוי און זיינע קינדער.

און אַט זע איך דעם פּוילישן קלויסטער מיט אַלע זיינע קאַטוילישע הייליקייטן, היסטאָרישע פּוילישע קברים פון העלדן און פון הייליקע. די גאַנצע קאַטוילישע פּראַכט און גלאַנץ איז גערירט פון אָרט און עס הערשט דאָרט אומאָרדענונג און הפקרות. אַפילו אַ רעליגיעזן ייד נעמט אָרום אַ גרויל און ער פילט אַן עקל צו די סאַדיסטישע משוגעים, וועלכע זענען מבזה רעליגיעזע ווערטן פון דער פרעמדער אמונה.

נאַסיע הערשס מויער איז געשטאַנען הונדערטער יאָרן. במשך די לעצטע 300 יאָר — שטענדיק געהערט צו יידן. איבערגעגאַנגען פון טאַטעס צו קינדער און געווען אַן עדות פון יידישער איינגעזעסנקייט. אין מאַגיסטראַט האָט מען, בימי פּוילן, געבראַכט אַ בילד פון וואַרשע, וואָס איז געווען געמאָלן אין דאַמבראָוויץ, צוריק מיט 300 יאָר, און איז געהאַנגען אין וואַרשעווער מוזיי. אויף דעם בילד זעט מען דעם פּוילישן קלויסטער מיטן צוגאַנג פון מאַרק און לינקס — נאַסיע הערשס מויער. איצט איז דאָ נישט מער ווי אַ רואינע. דער לעצטער קרבן פון דעם מויער און פון נאַסיע הערשס איניקלעך, איז דער בחור הערשל גערשטיין. צען חדשים נאָך דער שחיטה, דערהרגענען אים די גויים אין וואַלד.

אַט די געפּאַרבטע רחבותדיקע שטוב האָט געהערט צו בערל גאָטליב. אַ שטוב מיט קינדער, שיינע מיידלעך, געראָטענע ייִנגלעך. פון דאַנען זענען עס געגאַנגען די ערשטע שוואַלבן פון דאַמבראָוויץ זיך לערנען אין וועלטלעכע שולן. דעם עלטערן ייִנגל, משהלען, איז געווען שווער צו לערנען אין די רוסישע שולן, צוליב פּראָצענט-נאָרמע. אָבער די עלטערן האָבן אָנגעווענדעט מי און משה האָט יאָ דאָרט געלערנט. די עלטערע טאָכטער הינדל, האָט שטודירט און איז געוואָרן צאָן־אַרצט. פון דער אַ שטוב, איז מיט גאָר די ערשטע חלוצים אַוועק קיין ארץ ישראל דער יונגערער זון, אברהמל. די שיינע טעכטער האָבן חתונה געהאַט קיין וואַרשע, קיין ראָוונע. די מוטער, דינטשע, מיט בײדע זין, זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל. בערל גאָטליב איז געשטאָרבן אויפן אָרט. איצט בעל־ביתעווען גויים אין דער יידישער שטוב.

שטייענדיק ביי בערל גאָטליבס הויז, דערמאָן איך זיך אין דאָרף באַראַווא, אויפן ברעג פון טייך סטיר. דאָרט האָבן געלעבט צוויי גרויסע יידישע משפחות: איינע מיטן נאָמען באָקסער מיט קינדער און קינדס־קינדער, און די צווייטע — יאָסל זיסקינד, קינדער און קינדס־קינדער. די זין, טעכטער און איניקלעך פון די דאָזיקע משפחות פלעגן יעדעס יאָר פאָרן אויף באַזוך קיין דאַמבראָוויץ — צו דינטשע גאָטליב, און זיך אָפּשטעלן ביי מיין פאָטערס הויז, אין דאָרף דובע, דאָרט אָפּרוען און פאַרברענגען אַ פּאָר שעה. אַט די משפחות האָבן זיך פאַרנומען מיט פּאַסעסיעס, האָבן געבאַלעבאָטעוועט מיט גיטער, הונדערטער קי און שטאַלן־אָקסן, ברויערייען. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּריצישער ברייטקייט, יידישער פּשטות, ליטוויש־גבירישער רחבות, גוטברידערישקייט און אָפנהאַרציקייט. אַט דעם טיפּ ייד וועלן מיר שוין מער נישט זען.

איבער דער גאַס שטייט דאָס מויערל ווי געווען. אינעווייניק — די זעלבע איינריכ־טונגען, די לאַטייניש אויפשריפטן, די פּלעשעלעך, אָבער די פריערדיקע יידישע בעלי־בתים פון אַפּטייק — העניע מאַטוסאָוו מיט איר מאַן און קינד, זענען נישטאָ. אַ דאַמבראָ־

ווינצער ייד פלעגט זיך פילן באַפרידיקט וואָס די אַפּטייק איז אַ יידישע. אין געוויסע פאַלן פלעגן טאָקע דאָמבראָוויצער אַרעמעלייט באַקומען גרויסע הנחות אויף רפואות און אַמאָל, גאָר אומזיסט. אין מיטן דער נאַכט פלעגט אַ ייד, דרייסט, אָן צערעמאָניעס, קלאַפּן אין פענצטער פון שלאָפצימער און רופן: „העניע, איך דאַרף אַ רפואה".

אויף דעם אָרט איז אין אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט געשטאַנען אַ ריזיק הויז פונאַנדערגעשפרייט איבער וואָראַבינער גאַס און אין מאַרק, פון פאָרנט, איז געווען אַ גרויסער ווינקלדיקער בריקל מיט אַ דאַך, אָנגעשפּאַרט אויף ריזיקע ווייסע קיילעכדיקע, געמויערטע סטאָלבעס. בעת דער גרויסער שריפה האָבן סאַרנער, דאָמבראָוויצער און וואָראָבינער פייערלעשער געשוויצט אַ גאַנצן מעת־לעת ביי דעם הויז. דאָן האָט זיך דאָס הויז גערופן אויפן נאָמען פון אברהם יקותיאל. זיין זון, משה־הערש פּאַטרוך, האָט אויף דעם זעלבן פּלאַץ געלאָזט אויסמויערן אַ שיין באַקוועם מויערל. אַ שטיקל צייט איז דאָרט געווען תורה וגדולה במקום אחד. משה־הערש אַליין — אַ ייד אַ נגיד, אַ סטאָלינער חסיד, ירא־שמים, אַ רויקער מענטש מיט זין, טעכטער, איידעמס, וועלכע האָבן שוין אַליין געהאַט גרעאָטענע טעכטער. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז משה־הערשס מלוכה אויך צעטרייסלט געוואָרן. טאַטע, זין און איידעמס זענען אויסגעשטאָרבן, דאָס מויערל איז פאַרקויפט געוואָרן צו העניע מאַטוסאָוו. און אויך זי איז דערנאָך אומגעקומען. איצט שטייט אין אַפּטייק אַ פרעמדע סאָוויעטישע גוייע.

באַלד נאָך דעם הויז שטייט אַ לאַנגע צוויי־זייטיקע געביידע. אין דער ערשטער העלפט וווינען די שפּיראס, אוראייניקלעך פון ר׳ איציע דיין ז״ל. אין דער שטוב האָבן דורות זיך געביטן. פון ר׳ איציע דיין ביזן חורבן זענען פאַרלאָפן 32 יאָר און עס איז שוין דער פערטער דור. אַלע האָבן געהאַט שאַרפע קעפּ. דער לעצטער איז געווען איציק שפּירא, אויך אַ בעל־שכל, אַ חריף. אָבער אויך אָט דעם יונג האָט אַ דאָמבראָוויצער גויעץ צו זיך פאַרנאַרט. פריער האָט איציק צו אים אריבערגעטראָגן זיין גאַנץ האָב־און־גוטס און נאָכהער, בעת דער שחיטה, איז ער מיט דער פרוי געקומען אויף דעם אָפּגע־רעדטן אָרט זוכן שוץ. דער גוי אָבער ברענגט דייטשן וועלכע דערמאָרדן זיי.

די צווייטע האַלבע דירה, ווו אין מיינע יונגע יאָרן איז געווען די אַפּטייק, גייט שפּעטער איבער צו ר׳ מענדל מאַטוסאָוו און קינדער. דאָס הויז האָט זיך דאָן פונאַנדער־געוואַקסן מיט גבירישער רחבות, זיך אָנגעפילט מיט קולטורעלע מענטשן, געלערנטע טעכטער, שיינע איידעמס, אַ גרעאָטענעם זון, אַן אינטעליגענטע שנור. אָבער זייער גיך האָט די שטוב אָנגעהויבן אונטערגייק. זייער אָפּטע טויט־פאַלן האָבן אויסגעליידיקט די שטוב. צו דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ירידה אין די געשעפטן. דער לעצטער קרבן, דער זון, דאַדיק, האָט נעבעך נישט געוואָלט גלויבן, אַז דייטשלאַנד פון געטע, קאַנט און בעטהאָווען, וועלן אַזוי בעסטיאַליש קאָנען מאָרדן אומשולדיקע מענטשן.

אין דער וואָראַבינער גאַס האָבן יידן געוווינט נאָר פון פאָרנט. די גאַנצע לאַנגע גאַס איז באַזעצט מיט גויים. פון רעכטס געפינט זיך מאַשע דעם מלמדס הויז, וועמענס בחורים עס זענען שפּעטער זיך צעפאָרן אין דער וועלט אַריין. אין שטוב האָט זיך

באַזעצט בלעזשאַװסקי, דער בוכהאַלטער, אַ ייד אַ מושלם. זײַנס אַ ייִנגל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שטיקל צייט אין וואַלד, און די גויים האָבן אים דערהרגעט.

דאָ איז געזעסן מנחם, דער חזן פון סטאָלינער שטיבל וועגן וועלכן דער סטאָלינער רבי האָט געזאָגט: „ער האָט אין דאָמבראָוויץ אַנדערהאַלבן חסידים אין ביידע שטיבלעך צו אַ האַלבן חסיד און מנחם־חזן — דער גאַנצער חסיד. דאָס הייסט: אַ גרויסער ערלעכער ייד. די הויפּט־שטריכן פון ר' מנחמען זענען: אהבת אלקי ישראל, אהבת תורת ישראל. זיין אהבת ישראל האָט זיך באַצויגן נאָר צו די וועלכע האָבן אויך פאַרמאָגט אהבת השם ואהבת תורת ישראל. כלפּי אַנדערע איז ער געווען אַ נוקם ונוטר.

דאָ האָבן אויך געוווינט אָפּצוויגן פון אברהם יקותיאלס משפחה, בייראַך, מיט זיינע קינדער. אַ זון, מאיר, אַ קלוגער בחור, און אַ שטומע טאָכטער. און דאַן — אָשר משה־הערשס, אַ שטאַרקער חסיד, אַ התלהבותדיקער דאַווענער. שטענדיק זיך געפּלאָגט און נישט געהאַט קיין פּרנסה. שמעון איסאַד מיט זיין משפּחה: אַ שטילער בכבודיקער ייד מיט יידישע פּאַרקלערטע אויגן, יונגע טעכטער — ציוניסטישע עסקניות און ייִנגלעך וועלכע זענען אַוועק מיט דער שוועסטער קיין ארץ־ישראל. איסאַדס איידעם, בערל שפּירא, אַ טיף דענקענדיקער יונגערמאַן. אין אַן עת־צרה — געגעבן יעדן איינעם יורידישע עצות. ביי אים אין שטוב זיצן טאָקע שטענדיק מענטשן און זענען זיך מיט אים שואל עצה. במשך 20 יאָר פון פּוילנס הערשאַפט אין דאָמבראָוויץ, קעמפט ער יורידיש פאַר אַלעמענס צרות און פאַר געטראָפענע פון אַנטיסעמיטיזם. אין סוף 1939־טן יאָר, ווען די סאָוויעטן הויבן אָן צו באַלעבאַטעווען אין דאָמבראָוויץ, זאָגט זיך בערל אַרויס: „איינס זאָג איך, אַ ביסל אמת איז נאָך דאָ אין דער וועלט, און דאָס איז די סאָוויעטן־מאַכט״. אין יאָר 1941 פרעגט אים אַ דאָמבראָוויצער ייד: „בערל, וואָס איז מכוח דעם ביסל אמת?״... און ער ענטפערט שוין גאָרנישט. אין יאָר 1942 קומען פאַר אין זיין שטוב די געשלאָסענע זיצונגען פון יודענראַט וועגן קאָנטריבוציעס און דייטשישע אכזריות. דאַן האָט בערל ווידער געזאָגט: „אַ ביסל אמת איז דאָ נאָר ביי די סאָוויעטן״.

בערל שפּירא, ר' איציע דיינס איינקל, וועלכער האָט געפונען דאָס ביסל אמת דווקא ביי די סאָוויעטן, אַנטלויפט פון דייטשישע הענט און פּלאָגט זיך אַ סך חדשים און בלאָנקעט איבער פעלדער און וועלדער, נאַקעט און הונגעריק. ער דערוואַרט זיך נישט אויף דעם ביסל סאָוויעטישן אמת און ווערט אין וואַלד דערהרגעט פון די הענט פון רויטע סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער.

די „גבירים״ פון דער צאַרסקער גאַס

אין דער צאַרסקער גאַס זענען געזעסן נישט די אויבערשטע שיכטן פון דאָמבראָ־וויצער יידן. בעת היטלערס פּראָפּאַגאַנדע, אַז יידן ווילן באַהערשן די וועלט און אַז יידישער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט די אוקראַיִנישע מאַסן צי, למשל, אַז יידישע קאָמו־ניסטן זיצן אין קרעמל און ווילן הערשן איבער דער וועלט, — האָט די דאָזיקע גאַס מיט אירע קבצנים, בעלי־עגלות און דאָרפסגייער, נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דאָס מיינט מען זיי. טאָ זאָלן מיר כאָטש געדענקען אָט די „געלט־מאַגנאַטן״, די „באַזיצער״ פון

גרויסע רייכטימער, די „וועלט־רעגירער" און „גרויסע פּאָליטיקער", די „דיפּלאָמאַטן" און „מלחמה־הצעצער", די „וועלט־צינדער", וועלכע זענען אויפגעוואַקסן אין דאָמבראָוויץ אויף דער צאַרסקער גאַס — קעגן וועלכע היטלערס פּראָפּאַגאַנדע האָט געפירט אַ ווילדע קאַמפּאַניע, קעגן וועלכע די אוקראַינישע פּאַטריאָטן האָבן געהעצט און גערופן דאָס אוקראַינישע פֿאָלק צו מאָרדן ייִדן, ווייל זיי האָבן פאַרכאַפּט אוקראַינע, און קעגן וועלכע די רוסישע וואָלאָסאָוועס האָבן געגרייצט די רוסישע מאַסן און זיי גערופן אויסצוראָטן די ייִדן, ווייל אָט די ייִדעלעך פון דער דאָמבראָוויצער סוויניאַטשער גאַס, האָבן אַנגעוואָרפן דער הייליקער רוסלאַנד דעם קאָמוניזם און פאַרטריבן אַלע האָרעפּאַשנע, פרייע רוסן אין קאָלכאָז אַריין...

יאָ, לאָמיר טאַקע געדענקען יעדן ביים נאָמען און וויסן זיין פּאַך און אָרט לעבן.

באַלד ביים ווינקל גאַס פון וואַנען מען פלעגט גיין צום שפּיטאָל, אָדער פירן די מתים צום נייעם הייליקן אָרט, איז געשטאַנען די באַנייטע שטוב פון דעם שטילן, אַרבעטזאַמען שוסטער, חנא־לייב, וועמענס שטיוול ס׳האָבן געטראָגן אַ גרויסער טייל גויים. האַרט לעם זיין שטוב האָט געוווינט אַן איינזאַמע פרוי מיט צוויי קינדער. דער מאַן איז געווען אין אַמעריקע, אָבער די אַמעריקאַנער גענעצן האָבן נישט דערלויבט זיי אַריבערצונעמען און זי האָט אָפּגעפּינצטערט אירע יאָרן דאָ, ביז היטלערס חלף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר האַלדז. איצט קומט בערל „דער געלער", דער איזוואָשטשיק מיט זיין שאַראַבאַן. דער וואָרט־זאָגער ביי די איזוואָשטשיקעס, וועלכע רופן אים טאַקע „בערל קאָמענדאַנט". אין די שבתים איז בערל אָנגעטאָן אין בגדי שבת און איז אַ יושב ביי ר׳ נחומציעס טיש, הערט חסידישע תורה, כאַפּט שיריים און טרינקט אַ ייִדישן „לחיים".

און אָט זענען פייסאַך און דוד, די „ניורקעס" — בעלי־עגלות, וועלכע שלעפּן אויף די פלייצעס שווערע זעק און פעסלעך, בעלי־בתים פון אויסגעדאַרטע פערד און אין שטוב — אויסגעפּראַצעוועטע פרויען און האַבל־הונגעריקע קינדער. זייער שכן איז דער בעל־עגלה, חיים גאַמפּל, דער שטאַמלדיקער, מיטן פאַרמוליעטן פערד און מיט דראָט צוגע־בונדענע שינעס צו די אבאדעס. ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויס־צוריכטן ביים שמיד זיין צעפּאָרענעם וואָגן. יאָסעלע שפּראַגער, דער קוימענקערער, לייזער דער בלינדער וועמען זיין ווייב האָט אַרומגעפירט איבער די הייזער נעמען קצבה. אַמאָל, אין אָדעס, איז ער געווען אַ זינגער, אַ דאַווענער.

חיים וואָראָנאַ איז געווען דער ערשטער קרבן בעת דער שחיטה. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן, האָט אים אַן אוקראַינער דערשאָסן. ער פלעגט ביזן קריג וואַנדערן אַ גאַנצע וואָך איבער די דערפער. געווען זייער אַן אָרנטלעכער, שטילער מענטש. זיין אומזאָץ־קאַפּיטאַל וואָס איז באַשטאַנען פון 200 זלאָטעס, אויסגעבאָרגטע צו באַקאַנטע דאָרפישע גויים, איז געבליבן ביי זיי מיטן טאָג פון היטלערס אַריינמאַרש. עליע וואָראָנאַ, וועמען דאָמבראָוויץ האָט גערופן „באַראָן" איז געווען אַ בעל־עגלה, אַ קבצן, געהאַט אַ שטוב מיט קינדער. אין געטאָ האָט ער גוט אונטערגעהונגערט.

ליפּע דער „ראַביי", איז געווען אַן אָפּשיין פון אַ בעל־עגלה: אַ כּוח, אַן פערד און

אַן אַ וואָגן. געזעסן איז דאָרט אויך מוישל סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט געמעקלט, געהאַנדלט מיט אַלטע פערד און איז געווען אַ גוטער־ברודער מיט אַלע גויים פון דער אַרומיקער סביבה.

ביי דער זייט, אינעם שמאָלן געסעלע, האָט געוווינט שרה־וועלוול „סראַקאַטש", דער פרומאַק. אויף די עלטערע יאָרן האָט ער געטראָגן די זאָרג פאַר די דאַמבראָוויצער קבצנים. אין די יונגע יאָרן האָט ער געלאַטעט און גענייט שטיוול פון דעם שטאַרקסטן לעדער פאַר די ביליקסטע פרייזן, כדי חלילה נישט אָפּצונאַרן נישט קיין ייד, און אַ גוי אַוודאי נישט, ווייל עס איז אַ חילול השם.

סאַניע דער גלעזער, טראָגט אַ גאַנצע וואָך אַ קעסטל אויף די פּלייצעס, צעריבענעם קרייד, אַ טאָרבע מיט אַ באַנקע פּאַקאָסט. ער גייט געבויגן פון שטוב צו שטוב, קיטעוועט און גלאָזט פאַר מזומנים און אויך אויף באָרג, און מאָנט אויף ס׳געלט במשך אַ גאַנץ יאָר.

דאָ וווינען יאָסל „ראַביי" דער שניידער, יאָסל קאַזעקזאַ, יונה בעל־עגלה. דער לעצטער, ווען ער פירט משאות, הוקעט ער און שרייט, שפּאַרט דעם וואָגן, עס גיסט זיך פון אים טייכן שווייס, אַזוי אויך וועלוול דער בעל־עגלה. דאָ האָט געוווינט דער אַלטער אָרילע, ער איז געגאַנגען זיך טובל זיין אין אַ הייסער מקוה און איז פון חלשות געשטאָרבן בטהרה.

דאָ האָבן אַמאָל געוווינט די אַלע קאַוואַלעס, די אַזוי גערופענע „דער צורר". מען האָט אין דאַמבראָוויץ נישט געדאַרפט זיך חלילה קיין צורר צו פאַרדינען אַזאַ נאָמען. אונדזערע האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו געבן נישט געשטויגענע צונעמען. אַזוי, למשל, האָט דער אַלטער ר׳ שמואל קליגון געלייענט איינמאָל אין פורים די מגילה אין בית המדרש און צוקומענדיק צו „ויזתא" פון די עשרת בני המן, האָט ער זיך פאַרהוסט. זינט דעמאָלט איז דער נאָמען „ויזתא" אַריבער צו אים און צו זיינע קינדער בירושה. אַזוי איז אויך געווען מיטן צונאָמען „צורר". געווען זענען זיי יידן דאָרפסגייער, אָדער דאָרפספאָרער, הדרת־פּנימדיקע יידן, מיט שיינע בערד. געווען אויסגעקאָכט מיט הונדער־טער דערפער, און דערביי האָבן זיי געהאַט פרנסה בצמצום.

קיפּקע דער שוסטער, פלעגט טראָגן דאָס היטל זיינס אַ ביסל אין אַ זייט און די באָרד צוגעקעמט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון היטל. אין שוסטער־וואַרשטאַט זענען יאָרן־לאַנג די שויבן געווען זומער אויסגעבראָכן און ווינטער — פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. די יינגלעך זענען געווען אין יוגנט־„בונד" און ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסן זענען זיי געווען גרויסע דלפנים.

אויך האָט דאָ געוווינט דער גבאי פון בית המדרש און פון בערעזנער „חברה קדישא". ער האָט דערפילט די צוויי פונקציעס, נישט, ווייל ער איז רייך געווען, נאָר ווייל יאָרן־לאַנג האָט ער געהאָרעוועט לטובת דעם בית המדרש פון די בערעזנער חסידים, און ווייל דאַמבראָוויצער בערעזנער חסידים האָבן געוואָלט, אַז לאחר מאה ועשרים זאָלן זיי נאָר אייגענע מקבר זיין און סטאָלינער חסידים ווידער האָבן געפּאָדערט אַז לאחר מותם זאָלן זיך מיט זיי מטפל זיין נאָר חסידי סטאָלין. אַזוי אַרום אַנטשטייט אין

דאָמבראָוויץ צווייִ חברה קדישאָ׳ס. דאָ, אויף דער צאַרסקער גאַס, איז געווען די רעזידענץ פון דעם האַרעפּאַשנעם גבאי פון בערעזנער חברה קדישא — ר׳ מרדכי הערש.

מיין בליק נעמט אַרום די גאַנצע גאַס וועמענס אַלע יידן זענען אומגעקומען. פון אַלע הייזער איז נאָר אברהם קאָוואַלעס שטוב געבליבן אויפן אָרט. אברהם אַנטלויפט און וואָגלט איבער וועלדער, פעלדער, בלאָטעס און זיינע ביינער קומען צו קבורה אויף אַ קליין בערגעלע, אין די פינסקער בלאָטעס, לעם אַ הויכן סאָסנע־בוים, אויף וועלכן איך האָב מיט אַ קליין מעסערל אויסגעקריצט די ווערטער: „פ״נ אברהם בן יצחק קאָוואַלאַ״. קוקנדיק אַזוי אויף זיין שטוב זע איך, אַז אַלע גוישע הייזער זענען געבליבן גאַנץ, און אַז עס זענען נאָך צוגעקומען פרישע, אַריבערגעטראָגענע פון דער יידישער זייט.

אין דער גאַס האָט געוווינט אַ ייד, וועלכער איז דאָ געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן און אַפילו דאָ חתונה געהאַט. גאַנצע 86 יאָר האָט ער דאָ געלעבט און צום סוף דערלעבט די היטלער־יאָרן און געהרגעט געוואָרן אין סאַרנע. געווען איז עס דער אַלטער ר׳ חיים לאַנדוי וועלכן מען האָט גערופן „דער גלגול״, ווייל בעת ער האָט גערעדט ביי זיך אין שטוב, האָט מען אים געהערט אַזש אויפן מאַרק. אין זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן איז ער געווען אַ וויכטיקער בעל־הבית: געהאַט קינדער און קינדס־קינדער, משרתים און פאַרנאַליעס. ר׳ חיים האָט געהאַלטן די „זעמסקע פּאָטשט״ און געהאַט אויפן הויף אַ גרויסן גוט איינגעאָרדנטן הילצערנעם שטאַל. אין שטאַל זענען געשטאַנען, ווי ער אַליין פלעגט זאָגן, „אַ פּאָר און צוואַנציק פערד, ווי לייבן, פון אַלע קאָלירן״. ר׳ חיים אליין איז געווען אַ גרויסער מבין אויף פערד. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף יאַרידן, און זיך צוקלייבן אַ שטאַל פערד מיט וועלכע ער האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען, אַפילו ווען מען האָט געדאַרפט פירן מיט זיינע פערד אַ גרויסן נאַטשאַלניק. לעם שטאַל איז געשטאַנען אַ שאַפּע מיט געפּוצטע שאַראַבאַנעס, פאַיעטאָנען פון בעסטן סאָרט. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען בבחינת „לא קם ולא זע״ פאַר קיינעם נישט. ווען דער זשיטאָמירער גובערנאַטאָר, דער שונא ישראל, שיט אויף יידן מיט גזירות און גיט אַרויס אַ דעקרעט צוצונעמען ביי אַלע יידן די אַרענדע פון די פּאָטשטן, נעמט חיים און שרייבט אַ קאָנטראַקט אויף אַ גוישן נאָמען. איינמאָל, ווען דער זשיטאָמירער גובערנאַטאָר קומט קיין דאָמבראָוויץ מיט אַ סאָטניע טשערקעסן כדי איינצושטילן די צעבונטעוועטע מאַטשולעשטשער גויים וועלכע לאָזן נישט דעם גראַף פּלאַטער אַרומגראָבן זיך וואַלד אַרום זייער דאָרף, שפּאַנט איין ר׳ חיים דריי שפּאַקעס, טוט אָן די שבתדיקע שוואַרצע קאַפּאָטע, מיט דעם זיידענעם גלאַנציק־שוואַרצן היטל, פאַרלייגט פון אויבן דעם ווייסן קאָלנער פון דער זויבערער העמד, גאַרטלט זיך אַרום מיט דער זיידענער גאַרטל, צעקעמט די שוואַרצע באָרד, זעצט זיך ברייט אויף די קאָזלעס, נעמט לייצעס אין די הענט און ער אַליין פירט דעם גובערנאַטאָר מיט גרויס שנעלקייט. פרעגט אים דער גובערנאַטאָר: „ווער ביסטו?״, ענטפערט ער: „איך בין חיים לאַנדוי, אַ ייד פון דאָמבראָוויץ; און אייער הויכהייט, דעם גובערנאַטאָר, דעם קיסרס פאַרטרעטער, טאָר מען דאָך קיין ליגן נישט זאָגן: די פּאָטשט איז מיינע און ווער קאָן עס מאַכן בעסער פון מיר?״. און אָט דער שונא ישראל, דער גובערנאַטאָר, האָט באַוויליקט, אַז ר׳ חיים זאָל ווייטער האַלטן די פּאָטשט.

אין די זאַטע יאָרן, האָט ר' חיים זיך באַטייליקט אין אַלע הצטרכותן פון שטעטל, געגעבן ביד רחבה פאַר גוטע־יידן. אויף דער עלטער איז ער געבליבן איינער אַליין. די קינדער זענען אויסגעשטאָרבן נאָך ביי זיין לעבן און אין זיין גרויס הויז געפינט נאַכט־לעגער יעדער דורכגייענדיקער אָרעמאַן, יעדער הימלאָזער, און ביזן סוף פון זיין לעבן קומען צו אים גויים און פרעגן ביי אים מבינות אויף פערדישע פיס...

*

פון דער צאַרסקער גאַס האָבן היטלערס באַנדיטן אַרויסגעשלעפּט אַ ייד בערך אין די 60־ער יאָרן, מיט באָרד און פאות, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און זיי האָבן אים געשלאָגן און פאָטאָגראַפירט אין כל מיני פּאָזעס. שפּעטער, שוין נאָך דער שחיטה, האָט מיר אין וואַלד אַ גוי געבראַכט אַ צייטונג מיט אַ בילד פון דעם יידן, אונטערגעשריבן: „אַ געכאַפּטער ידישער פּאַרטיזאַן מיט דער ביקס אין האַנט".

די היטלעריסטן און זייערע משרתים, די אוקראַינער, לאַטישן, ליטווינער, עסטאָניער און פּאָליאַקן, זענען געווען דאָרשטיק נאָך בלוט. האָבן זיי געשאָפן הונדערטער ליגנס, אין וועלכע זיי האָבן שפּעטער אַליין געגלויבט. און טאָמער איז נאָך ערגעץ געווען אַ פונק פון רחמים, איז עס אויסגעלאָשן געוואָרן. און טאָמער האָט ערגעץ ווער פאַרמאָגט אין אָנ־הייב אַ ביסל חרפה, האָט מען שפּעטער געגלויבט, אַז מיט די ליגנס וועט מען זיך ריינוואַשן. אַזוי האָט מיר שפּעטער דערציילט אַן אוקראַינער, אַ געוועזענער גוטבאַזיצער אין דאָרף דובע, אַ ידיד פון מיין משפחה, מיטן נאָמען זיניעווויטש, אַז ער ווייסט אויף זיכער, אַז ווען די סאָוויעטן האָבן אַרויסגעיאָגט היטלערס באַנדעס פון קיעוו, האָט דער סאַרנער געביטס־קאָמיסאַר גערופן אַ זיצונג פון אַלע מאַכט־אָרגאַנען אין סאַרנע און באַהאַנדלט די פראַגע פון אויפגראָבן די גריבער מיט די אויסגעהרגעטע יידן און פאַרברענען זייערע ביינער, כדי עס זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון דער רציחה. און ווען אַן עלטערער דייטש פון דער ווירטשאַפטס־קאָמענדאַנטור האָט געזאָגט, אַז דאָס הייסט טאָפּלטער מאָרד, האָט מען אָט דעם דייטש מער אין סאַרנע נישט געזען. און זיניעווויטש האָט אין געשפּרעך מיט מיר צוגעגעבן: „הינטישע זין, זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו מאָרדן און מורא געהאַט, אַז די וועלט וועט מאָנען חשבון פאַר דער שחיטה". נאָר, ליידער, ליידער... נישט מענטש און נישט שד, נישט שטן און נישט מלאך און אויך נישט כביכול אַליין פאָדערן דעם חשבון.

הרצחת וגם ירשת?...

שוין אַ פּאָר טעג ווי איך בלאָנקע אַרום צווישן די וויסטע פּלעצער, באַוואַקסענע מיט שטעכלקעס. איך שטעל זיך אָפּ לעם יעדן ווינקעלע און דערמאָן זיך וועגן די מענטשן, וועלכע האָבן געוווינט אויף די ערטער אין ערשטן צענדליק יאָרן פון מיין לעבן און די וועלכע האָבן געוווינט דאָ אין די לעצטע יאָרן און זענען פאַרפייניקט געוואָרן. די גויים האָבן פונאַנדערגענומען די הייזער און זיי אַריבערגעטראָגן צו זיך

אין ווייערע הויפן. זיי האָבן צעגראָבן די פלעצער און געזוכט באַהאַלטענע אוצרות. אַט שטיי איך לעם אברהם ריגזולס צעגראָבענעם פּלאַץ, און מיר איז קשה: „וואָס האָבן זיי דאָ געזוכט אויפן קבצנס פּלאַץ?". גייט אַדורך אַן עלטערע גויע און כ'פרעג איר די שאלה, זאָגט זי: „כראַשי, זאָלאָטאָ שוקאַלי". „לוידעס" זאָגן: אַז דער אָרעמסטער ייד האָט געהאַט גאָלד.

צווישן די חורבות באַגעגן איך יעדן טאָג דעם לעבן־געבליבענעם ייד, — דעם פּאַרטיזאַן, פּנחס ניימאַן, מיט זיין צערפּולן און פאַרשטיינערטן פּנים, אָבער מיט פייערדיקע אויגן וואָס שפּריצן מיט צאָרן. יעדן פון זיי זאָגט ער אַריין ווער און וואָס פאַראַ רוצח ער איז און וואָס פאַראַ תליה ס'קומט אים לויט זיינע מעשים. און צו מיר זאָגט ער: „דו, און נאָך אַזעלכע ווי דו, וואָס אַנטלויפט איר, פּחדנים, פון אייער אומגליק, און לאָזט איבער אַלע קדושים אויף הפקר? אויב מען דאַרף אין דער ברייטער וועלט עפּעס מתקן זיין, טאָ זאָלן עס אַנדערע מאַכן. אונדזער יידישע אַרבעט איז — בלייבן דאָ אויפן אָרט און מאַכן אַ חשבון מיט די מערדער". און ער זוכט נאָך השבון. אַט גייט ער מיט חיים האַכמאַן צו דער גאַס וועלכע האָט אַמאָל געהאַט אַ סך נעמען. זי האָט זיך אויך גערופן די צאַרסקע גאַס. זיי זעען דאָרט ווי אויף אַ יידישן פּלאַץ פאַרלייגט אַ גוי, שאשיק זאַקלאַדטשינעס און וויל אָנהייבן בויען אַ שטוב אויף דעם אָרט. גייען ביידע צו אים צו און פּנחס זאָגט: „זאָג מיר, רוצח, דעם בעל־הבית האָסטו דערשטיקט, ווילסטו אויך זיין אַ יורש? ניין! מיין נאָמען איז פּנחס ניימאַן, און דו, מערדער, דו הינטיש בלוט, וועסט דאָ קיין שטוב נישט בויען. ווען דער גוי טוט אַ קוק פּנחסן אין די אויגן אַריין, ווייסט ער שוין ביי זיך, אַז דאָ אויפן פּלאַץ וועט ער שוין קיין שטוב נישט בויען. אָבער פּנחס באַרויקט זיך נישט און זאָגט צום גוי: „אין דער גאַס האָבן געלעבט בלויז קבצנים און האָרעפּאַשניקעס, יידן, וועלכע האָבן געהונגערט. דאָ האָט פערצן שעה אין מעת־לעת חנן־לייב דער שוסטער געניית שטיוול פאַר גאַנץ דאָמבראָוויצער וואָלאָסט און אָפּגעגעבן אַן געלט פּאַוולעז איוואַנען, אָדער ריצין, און נאָכהער דריי יאָר ביי זיי געמאָנט זיין געלט. דו און דיינע ברידער האָבן חנן־לייבן מיט זיינע קינדער אומגעבראַכט, ווילסטו זיי איצט ירשנען?". און פּנחס ניימאַן איז געבליבן אין דאָמבראָוויץ ברענגען לדין די מערדער.

אויפן נייעם בית־הקברות און אַלטן בית־החיים

איך נעם מיין חבר, מיין שותף פון אומגליק און פיין, חיים האַכמאַן, און מיר ביידע גייען אויף קבר־אָבות צום נייעם בית־הקברות. אַלע פרישע קברים פון די דערשאָסענע קדושים, זענען אויסערן שטח פון בית־הקברות — פון יענער זייט צוים. זיי זענען צעאַקערט און דאָס פעלד — פאַרזייט מיט קאָרן. פון דאָרט קומען מיר צו צום אַלטן בית־החיים. דער צוים און אַלע מצבות און שטיבלעך זענען שוין לאַנג אַראָפּגענומען און דער גאַנצער בית־החיים איז צעגראָבן. ווייסינקע ביינער וואַלגערן זיך אַרום. אַט איז אַ טשערעפּ. די ציינער זאָגן עדות, אַז עס איז אַ קאָפּ פון אַ יונגן מענטשן. נישט ווייט נורען אַ חזירטע מיט אירע אַכט קינדער זייערע קעפּ אין ערד. באַלד וועלן זיי צוקומען צום טשערעפּ. אַן אויפגעטרייסלטער, כאַפּ איך דעם טשערעפּ און לייג אים אַריין אין אָפענעם

גרוב. איך גיב אַ קוק און זע אַ שווידערלעך בילד: דאָס גאַנצע הייליקע פעלד איז אַן איין שטיבל. אַלע קברים זענען איינגעפאַלן. איך טראַכט, אַז מסתמא ווען עס רעגנט ווערן די קברים אָנגעפילט מיט וואַסער. עס שנייט אַש ביים הארץ.

אָט שטיי איך ביים טאָפּלטן קבר פון ר׳ איציע דיין און זיין זון. דאָס מויערל איז נישטאָ. דער פונדאַמענט — איז געבליבן. דאָס אָרט האָב איך גוט געקענט, ווייל אין שכנות איז דאָס אָרט פון מיין עלטער־זיידן, דער ערשטער דאַמבראָוויצער רב, דער דיין סנדר נתן. נאָך 90 יאָר ליגן אין קבר איז ער געקומען צו־חלום מיין מומע שיינדלען, אַ שנור פון זיינס אַן איניקל, און איר געזאָגט: „מיינע תכריכים זענען נאַס פון רעגן, מאַכט מיר אַ שטוב מיט אַ דאַך״. האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די אייניקלעך און געמאַכט אַ דאַך איבער דעם עלטער־זיידנס קבר. איצט שטיי איך אויף דעם אָרט, מיין עלטער־זיידע איז שוין ווידער אָן אַ דאַך און דערנעבן, נאָך צוויי איינגעפאַלענע קברים, אָן דעכלעך. פאַרוואָס קומען זיי נישט צו חלום — האָב איך אין האַרצן געפרעגט — דער מערדערלעכער רשעותדיקער וועלט און מאָנען נישט די פאַרשעמונג פון די צעגראָבענע ביינער, צעשפּרייטע פאַר בייזע ווינטן? פאַרוואָס איז ביז היינט די רשעותדיקע וועלט נישט דערטרונקען געוואָרן אין ים פון פאַרגאָסענעם יידישן בלוט? פאַרוואָס?

שטייענדיק אויפן צעשטערטן בית הקברות, האָב איך מיך דערמאָנט ווי אַזוי אַ טאָכטער פלעגט גיין אויפן בית־הקברות דערציילן איר געשטאָרבענער מאַמען, אַז זי לעבט בשלום מיט איר מאַן, אַז עס איז דאָ פּרנסה. און במחשבה האָט זי בפירוש געזען ווי די מאַמע, ליגנדיק אין קבר, קוועלט פון נחת. און אַז מען האָט געהאַט צער, איז מען דאָך גלייך געגאַנגען אויפן בית־החיים, איינטענהן מיט פאַרשטאָרבענע קרובים און מען פלעגט פילן ווי דער זיידע, ליגנדיק אין קבר, איז זיך מצער און קלייבט זיך גיין פאַרלאַנגען מידת החסד ביים כסא הכבוד. אין אַן עת־צרה האָבן יידן געהאַט אַן אָנשפּאַר, וואָרעם עפּעס אַ קלייניקייט? דער גאַנצער בית־החיים איז דאָך פול מיט זכות אָבות! איך אַליין האָב אַמאָל געזען ווי מען האָט געבראַכט אַ מת אויפן אַלטן בית־החיים און עס איז שוין נישט געווען קיין אָרט אויף צו גראָבן אַ קבר, האָט אברהם דער שטיבל־שמש, געגעבן אַ געשריי: „בשם כל החיים זענען מיר גוזר, רוקט זיך צוזאַמען און מאַכט אָרט פאַר חיה בת הרב סנדר נתן״. און איך זע כמעט ממש ווי הונדערטער מתים קלייבן צונויף אין די קברים זייערע קיטלען און נעמען מיט זיך די קישעלעך זאַמד פון זייער צוקאָפּנס און רוקן זיך צונויף ביז ס׳ווערט פריי נאָך אַן אָרט. און ר׳ אברהם זאָגט דערויף: „זעט נאָר, שוין 38 יאָר ווי חיהלעס שוויגער ליגט דאָ און עס איז גאָרנישט מעגלעך, אַז לעם איר זאָל זיין אַ פריי אָרט. כנראה, אַז די הייליקע צדקניות האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט און געמאַכט אַן אָרט פאַר דער שנור, אַז זי זאָל ליגן לעם איר שוויגער״.

דאָ אויף דעם בערגעלע איז געשטאַנען אַן אוהל אין וועלכן עס האָבן גערוט צדיקים, מקובלים און תשעה־באב פלעגן אַלע גיין צו אים. דאָרט רוען די רבנים: הרב ר׳ סנדר נתן, הרב ר׳ איציע, הרב ר׳ יעקב, זכר צדיקים לברכה. פאַרוואָס האָט איר געשוויגן?

זענען דער אַלטער רב, ר׳ נחומציע און דער יונגער רב ר׳ אַבעלע, נישט געקומען אָנזאָגן וועגן גרויסן געפאַר? האָט דאָך ר׳ נחומציע אין לעצטן אָוונט, כמעט אויף דעם

אָפּגעגעם קבר אין סאַרנע, געדאַוונט מעריב בציבור, מתפלל געווען באמונה שלימה, געזאָגט מיט אַזאַ התלהבות די ווערטער „והגן בעדינו, והסר מעלינו אויב דבר וחרב ?״...

*

אַט אַזוי האָב איך זיך געזעגנט מיט דאָמבראָוויץ — מיט אירע איינזאַמע גאַסן און פּוסטע הייזער, כ׳האָב איינגעזאַפּט אין מיין נשמה און איינגעקריצט אין מיין זכרון דעם גרויל און פּיין פון חורבן און אומקום. כ׳בין טעג־און־נעכט געשטאַנען צווישן רואינעס, באַוואַקסענע מיט דערנער און ווילדע גראָזן, און נישט בכוח געווען צו קאָנטראָלירן מיינע געדאַנקען. כ׳האָב נישט געמאַכט קיין חשבונות אָבער אויך נישט געקאָנט צוימען דעם רצון. כ׳בין געשטאַנען פאַרשטיינערט אין אָנבליק פון דער גרויליקער אַנטפּלעקונג, און מיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ גרויליק געבעט, אַז אַלע הימלען זאָלן צעבראָכן ווערן, אַז די גאַנצע ערד זאָל מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסן ווערן, אַז אַלעמענס הייזער זאָלן מיטן ווינט פאַרטראָגן ווערן, ווייל די וועלט איז נישט מער ווי אַ שלאַנגען־גרוב. כ׳האָב געבעטן, אַז פון אָט די אַלע שלאַנגען, זאָלן אויך ווערן פולע גריבער מיט ביינער, אַזוי ווי עס איז געוואָרן פון יידישע טאַטעס, מאַמעס און קינדער, אין די טרויעריקע היטלער־יאָרן.

און אויב עמעצער וועט מיר שטעלן די פראַגע: היתכן ? — וועל איך אים ענטפערן: „ראה והבט אם יש מכאוב כמכאובי !״.



די פאַרבליבענע אויף די חורבות פון דאָמבראָוויץ (פון רעכטס): שוואַרץ משה, דבורה, אסיאַ; פּערלשטיין דוד און בערקע; שוואַרצטוך חוה און פּיניע; פּעטשעניק יוסף; שוואַרץ סאָניע; פישמאַן יחיאל, יהושע און שפרה; קאַפּלאַן איטאַ; שוואַרץ יהושע, מאַרטאַ און די אייניקלעך פון שוואַרץ משה; טערבילאַ לאה; פישמאַן פאַניע, האַסטיק עסיע.

תוספות
צוגאב־מאטעריאלן

(עמודים 775—833)

החומר שמכונס כאן (רשימות ותצלומים) הגיע למערכת **לאחר** העימוד של 4 החלקים הקודמים.

די דאָ געבראַכטע מאַטעריאַלן (אָפּהאַנדלונגען און פאָטאָגראַפיעס) זענען אַריינגעפלאָסן אין דער רעדאַקציע נאָכן אויסשטעלן די פריערדיקע 4 טיילן.

התוכן — אינהאַלט



ניצולי־דומברוביצה ליד קבר־האחים בסארני (1945)

אָפּגעראַטעוועטע דאָמבראָוויצער ביים ברודער־קבר אין סאַרני (1945)

יהושע פישמן

דומברוביצה בשנת 1957

מחבר הרשימה הזאת ובני־משפחתו עזבו את דומברוביצה ביום 26 באפריל 1957 והגיעו לישראל.
המערכת

בשנת 1947 באתי לדומברוביצה ממקום־עבודתי ברובנה, כי נודע לי, שהמנהל של הקולחוז הסמוך שלח עגלות לבית הקברות החדש להוציא משם את המציבות הבודדות שנשארו, לצרכי הנחת יסוד למחסן בקולחוז. אני ואחי וליבל בעבעס הלכנו לראש־העיר בתלונה, שלקחו את המצבות מעל הקברים של קרובינו והזהרנו, כי באם לא יוחזרו המצבות למקומן אנו מצדנו נהרוס את המצבות שבבית־הקברות הנוצרי. אכן, לאחר דברים אלה, הוחזרו המצבות לבית־הקברות, אך לא הונחו במקומותיהן הקודמים.

אחר כך התחילו האוקראינים לחרוש את שטח בית־הקברות החדש בכדי לזרוע שם תבואה. אספנו קצת כסף ויחד עם בני־איכרים שקיבלו שכר־עבודה חפרנו תעלה סביב־סביב ועשינו כעין גל־אדמה, וכך היפסקנו את חרישת השטח.

בבית הקברות הנ"ל ישנם קברים המוניים של אנשים שנחטפו אחרי ה„אקציה", כשהם משוטטים ביערות ובשדות — אותם היו הורגים וזורקים לקברים אלו עד שנתמלאו כליל...

ילד של אברהם ניימאַן שניפטר לאחר השיחרור, ניקבר בבית־הקברות הנדון, והוקמה על קברו מצבה, אך למחרת היום נהרסה המצבה בידי זדים.

הבנינים של ה„ווולוסט" שליד בית־הקברות הישן הפכו לבית־יתומים, ואילו על השטח של בית־הקברות עצמו הקימו: מכבסה, בית־מרחץ, אורוות לסוסים ודיר לחזירים. בית־הקברות הישן נמחק ונעלם כליל.

בית־הכנסת הגדול נהפך לקולנוע. בית־המדרש הגדול הפך ל„מעון־פועלים", שם גם המשרד לעסקי־היערות בסביבה ומסעדה לעובדים במשרד זה. ה„טריסקער שטיבל" הפכה לבית־מלאכה לתיקון מכונות. ה„סטאלינער שטיבל" וה„קוריערסקע שטיבל" — נהרסו ואינם עוד.

עוד בשנות ה־50 הראשונות נהגנו כל שארית־הפליטה להתכנס בביתי בשבתות ובחגים והתפללנו בצוותא (מהמוזיאון באוסטרה קנינו ספר־תורה). דבר זה נמשך עד שהתחילה חקירה בעניין, אז העברתי את ספר־התורה לבית־הכנסת ברובנה והמניין שלנו בוטל.

כאשר עזבתי את דומברוביצה בשנת 1957 — עוד היו שם: ניימאן פנחס בן מאַנדל, אשתו (רופאה) ושני ילדים; ניימאן אברהם, אשתו וילד; שוואַרץ משה בן דויד ואשתו; שוואַרץ יהודה בן משה, אשתו ושני ילדים; שוואַרץ סטיסיא בת משה, בעלה (מאודיסה) ושני ילדים; מאנקאווסקי משה (מליטיניטש), אשתו ושני ילדים; גענדעלמאַן עוזר (מראקיטנה), אשתו ושני ילדים; שתי משפחות שהגיעו לעיירה מאוקראינה המזרחית.

ככה נראתה דומברוביצה בשנת 1957...



דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין טיף־רוסלאַנד בעת דער וועלט־מלחמה.



דאָמבראָוויצער פּליטים אין סווערדלאָווסק (1943) :

פון רעכטס : אברהם טענדלער, דניאל קויפמאַן, דוד זאָלאָטאָ, זאב היגער, משה גענזל, רבקה גענזל, אברהם מאַנטלמאַכער, צבי סטאָליאַר, משה קירזשנער, יוסף רוגאַז, משה־מאיר שמש, חיים גאָלאָוונאַ, שלום גענזל, נחום גאָלאָוונאַ.

יצחק פייגעלשטיין

נאך אייניקע פאקטן וואס טארן נישט פארגעסן ווערן

א. וועגן מענטשן אין שטעטל

גוטע, שלעכטע און שטאַרקע מענטשן אין שטעטל

פון פאַרנעפּלטן זכרון שיינען אויף פאַר מיינע אויגן די שיינע געשטאַלטן, וואָס אַמאָל קומען זיי צו מיין האַרץ, פון דעם אויבן־אָן, פון מזרח־וואַנט, און אַן אַנדערש מאָל דווקא פון אונטערן בעלעמער, פון לעבן אויוון, פון די לעצטע בענקלעך ביים טיר. געווען צווישן זיי אָפּשטאַמיקע פון רחבותדיקע דירות, וועמענס הערצער ס׳זענען נישט פאַרשמאַלצט געוואָרן און געווען תמיד וואַרעם און אָפן פאַרן צווייטן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעקכאָוועט אין פּיצימאַנינקע צימערלעך, מיט אויסגעבראָכענע שויבן, לעבן שוסטער־וואַרשטאַטן, ביים טיר און פּאַמאַיניצע, צווישן ווענט באַדעקטע מיט נאַסן דלות, אָבער מיט אויגן ליכטיקע און ליבלעכע, וואָס גלעטן און טרייסטן. געווען מאַמעס זאַטע, וואָס טוען פיל, אַז מאַמעס הונגעריקע זאָלן אויך האָבן מילך פאַר זייערע זויג־קינדער, געווען אויך מאַמעס פאַרשמאַרצטע, אַרומגערינגלטע מיט אַ האַלב טוץ קינדערלעך, דווקא אָט די מאַמעס, האָבן געהאַט מילדע קוקן און טרייסט־ווערטער פאַר נאָך מער געשלאָגענע פון גורל מאַמעס.

כ׳האָב געזען אין געטאָ ווי אַזוי אָט די גוטע ליבע מענטשן האָבן פון אייגענעם דאַרן שטיקל ברויט אָפּגעריסן אַ פּיצל און געגעבן די יעניקע, וואָס האָבן דאָס אויך נישט געהאַט. געווען אַזעלכע, וואָס זענען אין געטאָ געגאַנגען פון טיר צו טיר, גע־טרייסט, אַז היטלער וועט אָט באַלד האָבן די מפּלה און בעת מעשה איבערגעלאָזט אַן אוקראַיִעץ טרוקן ברויט אָדער אַ שטיקל צוקער אויפן פּאַליצע.

יע, ס׳זענען אויך געווען שלעכטע מענטשן אין שטעטל, דאָס שלעכטע אין זיי, איז בדרך כלל געווען אַ פּועל־יוצא פון גלות־לעבן. מאַכן פּרנסה איז געווען כקריעת ים־סוף, פאַרפּאַלגונגען און זלזולים פון די מאכטהאָבער האָבן נישט געפעלט, אין אַזעלכע באַדינגונגען קענען גוטע אויך ווערן שלעכט.

ס׳זענען געווען מענטשן מיט אַ גאָר שטאַרקן ווילן אין שטעטל. אַזעלכע זענען געווען אין אַלע שיכטן, אָבער, זיי האָבן זיך געטיילט אין עטלעכע בולטע גרופּעס. דעם אמת זאָגנדיק, האָבן די אַלע געוואָלט אָנוואַרפן זייערע פּערזענלעכע אָנשויאונגען אויף אַלעמען, אָבער — ווי־ווער און ווו־ווען זייער השפּעה האָט געווירקט...

אייניקע זענען געווען די פירערס אין די בתי־מדרשים און האָבן אַרומגענומען דאָס וואָס ס׳האָט זיך געבונדן מיט רבנות, שחיטה, חברה־קדישא, גבאָות, שמשים, חזנות, חינוך אא״וו. פיל האָבן עס געטאָן ממש מיט יראת־שמים — און מיט מסירת־נפש, גע־

קעמפט פאר זייער רבין, פאַר זייער בית־תפילה, פאַר זייער חינוך, פאַר המשך פון זייער ידישקייט, און פחד פאַר נייע ווינטן...

אַנדערע זענען געווען די טרעגער פון נייע אידעען און אַנשויאונגען, די ראשי־המדברים, וואָס אַ דאַנק זייער טעטיקייט האָבן מיר געהאַט אַלע ציוניסטישע פראַקציעס ווי אויך דעם „בונד" און ראַדיקאַל־לינקע סאָציאַליסטן און פאַרשידענע אַנדערע זרמים. דאָ זענען געווען שטאַרקע, שטאַרקערע און נאָך שטאַרקערע. ביי אונדז אין שטעטל האָט מען „נישט געשלאָפן", די קהלשע ענינים האָבן איינגעשלונגען פיל צייט און אַריינגעבראַכט פיל אינהאַלט. די ראשי־המדברים האָבן אייפערדיק פאַרטיידיקט זייערע אַנשויאונגען און אַזוי אַרום אַריינגעבראַכט דעם דראַנג פאַר וויסן און עסקנות.

אויך די עלטערע חסידים פון די דריי רביסטוועס (בערעזנע, טריסק, קאַרלין־סטאָלין) האָבן ביי יעדער געלעגנהייט באַלויכטן און באַשיינט זייערע שיטות און אויפֿגעקלערט דעם קוצו של יוד פון יעדער שיטה.

ס'איז שווער צו זאָגן, ווו איז דער מקור פון דאָמבראָוויצער שטורעם־דראַנג, ווייל מיט פיל דורות צוריק האָבן שוין דאָמבראָוויצער יידן אַרויסגעוויזן וויטאַליטעט אין גערעאַנגלענישן פון גרויסן פאַרמעסט. דאָמבראָוויצער יונגעלייט האָבן אַקטיוו געקעמפט פאַר דער דאָמבראָוויצער זעלבשטענדיקער פאָלקס־רעפובליק, אין ענדע פון יאָר 1918. ביים שפּעטערדיקן צוזאַמענגוס פון דער דאָזיקער רעפובליק מיט דער אַלגעמיין־סאָוויעטישער רעפובליק, זענען צענדליקער יוגנטלעכע פון שטעטל עולה לגדולה געווען: חיים טאַניעס זון איז געווען אַ דיפּלאָמאַט אין דער סאָוויעטישער אמבאַסאַדע אין בערלין; גדליה עטעלעס זון איז געווען רעקטאָר אין מאָסקווער אוניווערסיטעט; מאַדאַק איז געווען אַ הויכער באַאַמטער אין נ.ק.וו.ד.; שפּעטריק און לעווין זענען געווען סאָוויעטישע דעה־זאַגערס; איצל קראַצמאַנס זון, איז געווען טראָצקיס אַן אונטערשפּאַרער, און סטאַלינס האַנט האָט אים דערפּאַר דערגרייכט...

דאָמבראָוויצער יידן זענען געווען גאָר אַקטיוו אין דער פּוילישער פּאָווסטאַניע פון 1831 יאָר און 1863 יאָר, קעמפער פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין 1905, פרייוויליקע אין דער פּוילישער אַרמיי אין יאָר 1919, און גרויסע בעלי־שמחות ביים אַריינמאַרש פון די סאָוויעטן אין יאָר 1939.

דאָמבראָוויצער בחורים זענען געווען פאַרטראָטן אין די ציוניסטישע צענטראַל־אינסטאַנצן פון לעצטן גלות. דאָמבראָוויצער יידן זענען געווען קעמפערישע פאַרטיזאַנער אין וואַלד־קאַמף קעגן היטלערן ימ"ש.

דאָמבראָוויצער זענען געווען אַקטיוו אין געראַנגל פון מתנגדים־חסידים בעת דעם ווילנער גאונס השפעה קעגן קאַרלינער ערשטע פּאַלעסיער חסידות. יאָסל בערעזשנער, מיין זיידנס זיידע, איז געווען דער פירער פון דער קאַמפּאַניע קעגן פינסקער רב אַביגדור. דורך שתדלנות ביים גראַף פליאַטער פון דאָמבראָוויץ, ביים קניאַזש ראַדזיוויל פון מאַנקעוויטש לעבן סטאָלין, און ביים קניאַזש פון זלאַבין, האָבן זיך פאַראייניקט די חסידישע פאַרבינדלער פון אָט די דריי שטעטלעך, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון

דאָמבראָוויץ, וואָס איז די ערשטע בימי מעזריטשער מגיד געוואָרן חסידיש. זיי האָבן צוגענומען ביי ר׳ אביגדורן דאָס פּינסקער רבנות, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ פּאָ־לעסיער אָקרוג. דאָס האָט געבראַכט צו דער ירידה פון ר׳ אביגדורן, אַזוי ווי עס באַ־צייכנט דער חסידישער היסטאָריקער אברהם כהנא אין זיין „ספר החסידות״ (שנת תרפ״ב).

אויך אין שפּיץ פון ווירטשאַפטלעכן לעבן און ביי קהלשע ענינים זענען געשטאַ־נען שטאַרקע נאַטורן. נאָך דער שריפה אין אונדזער דור האָבן די שטאַרקע נאַטורן גיך אָפּגעבויט די בתי־מדרשים, די גרויסע שול, די מקווה, די חינוך־אינסטיטוציעס, געשאַפן בענק, געקויפט אַ שטח פאַרן נייעם הייליקן אָרט און אאַ״וו. אַפילו יעדן חול־המועד פּסח, דאָס דינגען די פּאַשע ביי די גויים פאַר די יידישע בהמות, איז אַדורכגעפירט געוואָרן פון די שטאַרקערע נאַטורן אין שטעטל.

אויך אין געטאָ איז ביי אונדז דער הונגער געווען גרינגער ווי אין די אַרומיקע שטעטלעך, אַ דאַנק די מענטשן מיט שטאַרקע נאַטורן וואָס האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער אַקציע, — באַזאָרגן מיט ברויט די הונגעריקע.

קינסטלער אין שטעטל

איך טראַכט נישט צו געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן גוטע אָדער שלעכטע קונסט, אָבער איך וויל דאָ פאַרשרייבן, אַז אין דער אַלטער אָפּגעברענטער גרויסער שול איז געווען אַ געשניצטער אַרון־קודש, וואָס מבינים פלעגן באַוווּנדערן אַלס אַ קונסט־שטיק. אין דער אָפּגעבויטער שול האָבן די דאָמבראָוויצער תושבים מאיר־דוד קלעס און זון מאָנעס, אויסגעשניצט אַן אָרון־קודש פון דער ערד ביז דער הויך פון סופיט, אַ געמיש פון בלו־מען, חיות, חצוצרות און אַנדערע שפּיל־אינסטרומענטן, ווי אויך וואָפן דערמאָנטע אין תהילים. אויך אין די קלענערע בתי־תפילה, זענען געווען געשניצטע שיינע היכלים פאַר די הייליקע תורות, וואָס די דאָמבראָוויצער שארית הפליטה דערמאָנט ביז היינט.

אין מיינע קינדער־יאָרן, ביי מיין דרדקי־מלמד ר׳ שמואל הקטנס זון, פלעגט מען מאָלן און צייכנען אויף שבועות פאַרשידענע באַפּוצונגען: די מלחמה פון שור הבר מיטן לויתן, יציאת מצרים, דער מעמד פון הר סיני, ווי אויך כל מיני מזרחס און שויתיס, לייבן און לעמפּערטן, אאַ״וו.

געווען איז אין דאָמבראָוויץ פון עלטערן דור, ר׳ מיכל שאַץ, דער גאָלדשמיד, וועלכער פלעגט מיטן האַנט אויסקלאַפּן כל מיני בראָשעק־שפּילקעס, ענלעכע צו בלומען און פלאַנצונגען, זילבערנע טאַצן און קידוש־בעכערס, מיט פאַרשידענע מאָלונגען: ווי דער כותל־מערבי, יד־אבשלום, מערת־המכפלה, אשל־אברהם.

אויך זענען געווען מעבל־טאָקערס, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט בעטן און שאַפעס מיט געשניצטע קאָפּ און פאַרשידענע בלומען, טישן מיט וווּנדער־פיס און קרוינען־לייסטן.

איך דערמאָן זיך, אַז אונדזערע מאַמעס און שוועסטערס האָבן אויסגעניייט האַנטע־כער און סערוועטן, מיט כלערליי בלומען און פויגלען, פלושענע תפילין־זעקלעך פאַר טאַטעס, ברידער און חתנים, מיט סצענעס פון חומש, סדר־מצה־זעקלעך אין דריי אָפּ־טיילונגען (כהן, לוי, ישראל) מיטן פּלאַן פון דער סדר־קערה.

דאָמבראָוויצער יוגנטלעכע פלעגן אויספירן פאַרשידענע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אויף דער בינע, איינשליסלעך אנסקיס „דיבוק". אַלע פלעצער פלעגן זיין באַזעצט און מען פלעגט מיט גרויס פאַראינטערעסירונג נאָכפאָלגן „די שפּיל", וואָס קומט פאָר אויף דער בינע.

אויף דאָמבראָוויצער כלי־זמר פלעגן יידן זאָגן, אַז דאָס זענען ווירטואָזן, וועלכע האָבן געמעגט שפּילן אין בית־המקדש. איינער פון זיי, יאַנקעלע דער כלי־זמר, האָט זיבן און צוואַנציק יאָר געשפּילט די ערשטע פידל אין פעטערסבורגער קייסערלעכן טעאַטער און לבסוף געקומען צוריק קיין דאָמבראָוויץ. ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, און פלעגט שפּילן אויף חתונות מיט די אויגן צום וואַנט...

די אומות־העולם אין שטעטל

די צענטויזנט־קעפּיקע נישט־יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל איז געווען אויס־געשפּרייט אין אַ רינג אַרום דער יידישער באַפעלקערונג. די אומות העולם האָבן איינ־געזאַפּט די לופט פון ווייטע אויסגעשפּרייטע לאַנקעס איבער דער צווייטער זייט פון טייך האָרין, צו מזרח, און פון פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף פיל קילאָמעטערס צו אַלע זייטן. אין דעם ברייטן מרחב האָבן זיך געגעסטיקט בערך פופציק דערפער מיט נישט־יידישע מענטשן, כאָטש אין יעדן דאָרף זענען געווען אַ צוויי־דריי יידישע משפּחות. דער דאָזיקער דאָרפישער אַרום איז געווען ווירטשאַפטלעך און אַד־מיניסטראַטיוו געבונדן מיט דאָמבראָוויץ.

25—30 דורות יידיש לעבן איז אָפּגעפלאָסן צווישן זיי. דער לעצטער דור וואָס איז שפּעטער אויסגעקוילעט געוואָרן דורכן דייטש אויפן אָרט, האָט מער ווי אַלע פרי־ערדיקע דורות געליטן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס די אומות־העולם האָבן געפירט. בעת דעם אומקום האָבן כמעט אַלע אָרטיקע גויים מסכים געווען מיט דער שחיטה, פּאַסיוו זיך צוגעקוקט צו די הריגות און מיט פרייד געזאַמלט דאָס רויב. בלויז יחידים פון צווישן זיי זענען געווען „חסידי אומות העולם", וואָס האָבן די פּאָר צענדליק לעבן־גע־בליבענע יידן געשטיצט און געשפּייזט.

די נישט־יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל, וואָס אַדמיניסטראַטיוו האָט זי באַ־לאַנגט צום שטעטלשן עלעמענט און געהייסן „מעשטשאַנסטוואָ" איז אָבער פּאַקטיש געווען אַ טיפּיש פּויערישער עלעמענט, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון דער פעטער ערד אַרום שטעטל. אַ חוץ ערד־אַרבעט, וואָס איז געווען דער הויפּט־מקור פון זייער חיונה, האָבן די פּויערים זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע אַנדערע פיזישע אַרבעטן און

האָבן בדרך כלל געפירט אַ שווערן באַשידן לעבן. ס'איז געווען אַ קליינער פּראָצענט געפּאַלענע ערד־ווירטשאַפטן, וואָס האָבן אַנגעוואָרן דעם באָדן אונטער זייערע פיס, און וואָס האָבן געטענהט שטענדיק, אַז דער גרויסער גוטבאַזיצער פּליאַטער איז שולדיק אין זייערע צרות. ווען צאַר ניקאָליי האָט געשיקט אַ קאָמיסיע אין אונדזער געגנט אויס־פאָרשן די לאַגע פון די פויערים, האָבן זיי אַלע געענטפערט: נעמט צו דעם גוט־באַזיצער, וועט ווערן גוט.

ביזן יאָר 1918, האָבן זיך אַלע דאָמבראָוויצער גויים אַנגעגעבן פון רוסישער נאַ־ציאָנאַליטעט. אין דער צוויי־קלאַסיקער פאָלקס־שול, מיט דער רוסישער אונטערריכ־טונגס־שפּראַך, האָט מען געלערנט רוסישע היסטאָריע און רוסישע ליטעראַטור און וועגן רוסישע העלדן און קיסרים. איןביידע פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס האָבן פּאָפּן אָפּ־געריכט תפילות אין דער אַלט־סלאָווענישער שפּראַך. אַלץ האָט געבונדן די אָרטיקע באַפעלקערונג מיט ריין־רוסישער אָפּשטאַמונג און מיט דער רוסישער קולטור.

אין יענער צייט איז די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט אין שטעטל (פּריסטאַווס, או־ריאַדניקעס, סטראַזשניקעס) און די באַאַמטע אין וואָלאָסט, אויף דער פּאָסט, אין באָלניצע, אויף דער באַן, אין סוד, — אַלץ איז געווען רוסיש, אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלער רוסי־שער גאווה.

אין יענע צייטן איז אָבער דער גוי אַלס יחיד נישט געווען אַנטיסעמיטיש, ער האָט זיך אויך נישט געמישט אין וועלט־פּראָבלעמען, נישט אויפגעכאַפּט קיין בלבולים, אַז בלויז די יידן זענען שולדיק אין זייער דלות און אין די רשעות אויף דער וועלט. וועגן דער קייזערלעכער הערשאַפט האָט ער גערעדט מיט גרויס כבוד. אין יאָר 1917 האָב איך ביי אַ גוי אין שטוב געזען אויפן וואַנט אַ בילדער־מאָנטאַזש פון אַלע דעמאָלטיקע הערשער אין אייראָפּע מיט אַ גענויער אָפּצייכענונג ווער פון זיי איז אין קריג און ווער איז אין אַליאַנס מיט די רוסן. זאָגט צו מיר דאָן דער גוי: אונדזער קייסער־באַטיושקאַ איז דער שענסטער, היט אים אָפּ הייליקע מאַמע פון אַלעס בייז.

אין יאָר 1918 איז פאָרגעקומען אַן אויפטרייסלונג אין דעם גויס נשמה. די קיי־סערלעכע דינאַסטיע איז מיטאַמאָל אָפּגעמעקט געוואָרן, דאָס רוסישע לאַנד איז צע־טרייסלט געוואָרן און ס'האָבן זיך באַוויזן בעלי־דרשהס, וואָס האָבן גענומען לערנען דעם גוי, אַז ער איז גאָר אַן אוקראַאיניעץ, אַז זיין לאַנד איז צוגערויבט געוואָרן דורך אַ פרעמד פאָלק (רוסן), און אַז די יידן האָבן געהאָלפן דעם פרעמדן פאָלק רוסיציפירן. אוקראַאינע, אויב אַזוי — טאָ שטיי אויף דו הייליק אוקראַאיניש מארטירער־פאָלק און שלאָג דעם יידן! אמת, דער דאָמבראָוויצער גוי האָט שווער אויפגענומען די נייע תורה און כאָטש מיר האָבן אָנגעהויבן דערפאַר בלוטיקן, אָבער דער דאָמבראָוויצער שכן־גוי איז נאָך דאַן נישט געווען דער רוצח.

צוואַנציק יאָר פּוילישע אַנטי־יידישע אַגיטאַציע אויפן ווירטשאַפטלעכן און קולטור־רעלן געביט, דאָס „הורא נאַ זשידאַ" — האָט צעאַקערט און צוגעגרייט דעם באָדן. שפּעטער, בעת דעם סאָוויעטישן פּעריאָד (1939—1941) האָבן די אַנטיסעמיטישע

אַנטי־סאָוויעטישע פּאָליאַקן אַריינגעקלאַפּט דעם אוקראַיִנישן פּויער אין קאָפּ, אַז דער קאָלכאָז איז אַן אויסגעטראַכטער שפּיצל פון זשידאָ־קאָמונאַ כדי צו פאַרפייניקן דעם גוי און צונעמען ביי אים די ערד און זיין כאָזיאַיסטווא.

היטלער־געבעלס־פּראָפּאַגאַנדע און די לאָזונגען פון סטעפּאַן באַנדערא זענען גע־פאַלן אויף פריער צוגעגרייטן אַנטי־יידישן באָדן, אַזוי אַז פיל דאָמבראָוויצער גוים האָבן זיך אַקטיוויזירט אין אוקראַיִנישער נאַציאָנאַלער טעטיקייט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. לכתחילה איז עס געווען געבונדן מיט היטלערס הבטחות אויפצושטעלן אַ זעלבשטענדיק אוקראַיִנע, אָבער שפּעטער איז די גאַנצע נאַציאָנאַליסטישע גיפט אויסגעשפּיגן געוואָרן אויף אונדז יידן.

די אומות־העולם, אונדזערע שכנים, האָבן דעם שכר פון זייער נאַציאָנאַלער דער־וואַכונג פאַרשפּילט אויפן אויטאָ־דאַ־פע פון יידישן אומקום.

ב. ווי אַזוי מען פלעגט באַקן מצות

ס׳האָט גענומען אַ גאַר לאַנגע צייט ביז די דאָמבראָוויצער יידן האָבן מסכים געווען צו נוצן „מאַשינאָווע" מצות אויף פּסח. ס׳איז דאָך עפּעס אַ רייד געווען וועגן חמץ בפּסח, וואָס אַ „משהו" איז אַן איסור כורת, רחמנא ליצלן, ווייל ווי אַזוי קען מען טאַקע אַריינקירכן צווישן די וואַלצן און רעדלעך פון דער מאַשין און טאַקע אַזוי רייניקן, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין זויער־טייג ?

דער ערשטער וואָס האָט אין דאָמבראָוויץ געגעסן „מאַשינאָווע" מצות איז געווען ר׳ מענדל מאָטוסאָוו, וואָס האָט זיי געבראַכט פון מינסק. מען איז געגאַנגען באַטראַכטן די דאָזיקע מצות, אָבער מען האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט: „מאַלע וואָס דעם ליטוואַק איז איינגעפאַלן"... מ. מאָטוסאָוו האָט גאָר שטאַרק פאַרטיידיקט אָט דעם „חדש", געטענהט אַז מינסק איז די שטאָט פון „גדול" און פון הונדערטער בתי־מדרשים, ישיבות, תלמוד־תורות, בתי־אולפנא, אַז דאָרט זענען ממש מיט יידישקייט אויסגע־פלאַסטערט די גאַסן... או דאָרט עסט מען די מצות — טאָ הלמאי מאַכט פון דעם דאָמבראָוויץ אַ שאלה ?... די טענות האָבן מן הסתם געווירקט, ווייל מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן שוין מיכל קראַצמאַן, ליבערסאָן און ראָטנבערג זיך באַזאָרגט דורך מאָטוסאָוון מיט קעסטלעך מצות פון מינסק. דאָך אָבער זענען אַריבער יאָרן ביז די מערהייט אין דאָמבראָוויץ האָט אָנגעהויבן עסן „מאַשינאָווע" מצות.

די הכנות צום פּסח אין אונדזערע קינדער־יאָרן האָבן קיין פאַרגלייך צו די איצטיקע אין ישראל, אַפילו אין הייזער וואָס היטן אָפּ אויך איצט דעם פּסח כהלכתו און פירן אים אַריין כמשפטו וחוקתו. אונדזערע באָבעס און זיידעס פון יענער צייט, האָבן נאָך אין זומער זיך אָנגעהויבן פאַרען מיטן פּסח: מען האָט לכבוד פּסח געשטעלט ווישניאַק, געפּרעגלט איינגעמאַכטס, געמאַכט עפּל־וויין, געטריקנט עפּל און באַרן, געזויערט אוגערקעס. יעדע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן לויטן שולחן־ערוך מיט גרויס זהירות, מען זאָל חס וחלילה נישט נכשל ווערן אין חמץ בפּסח. מען האָט שוין

בעת יענע צוגרייטונגען אין זומער ספּעציעל געכשרט אַ צימער אין שטוב, ממש ווי ערב פּסח, און בלויז אין דעם צימער געמאַכט די אַלע צוגרייטונגען. מען פלעגט אַראָפּנעמען פון בוידעם די פּסחדיקע בוטליעס, רייב־אייזנס, טעפּ, פּאַרצייטיקע ירושה־פלעשער ,גרויסע ערדענע שיסלען, אַ קיך־באַנק און מען פלעגט ברענען דעם אייוון ווי אויף פּסח און אויסמאַליען די קליינע נייע פּעסעלע אויף אוגערקעס. פון נאָך „שבת נחמו" ביזן אַריינגאַנג פון חודש אלול איז געווען אַ טאַראַראַם מיט די הכנות פאַרן פּסח הבע"ל אין חודש ניסן. אין משך פון אַלע יענע טעג האָט אין שטוב געהערשט אַ יומטובדיקע נשמה־יתרהדיקע שטימונג, די מאַמעס זענען געווען גאַר גוט געשטימט און די טאַטעס אָבן געעצהט און אַריינגעקוקט, אַז ס'זאָל חלילה נישט קומען צו אַ מכשול חמץ און געווען גליקלעך וואָס מען איז יוצא מיט די שווערע דינים פאַרן רבונו של עולם. ווייל אָט רוקן זיך אָן די אלול־טעג, — פון חשבון, דין ורחמים און מען דאַרף זיין אין אָרדנונג...

און אָט איז שוין דער טיפער אָסיען: די גאַסן זענען באַדעקט מיט אַ שיכט בלאָטע, ביינאַכט וואָיען שטאַרקע קאַלטע ווינטן, ס'פּאַלן רעגנס געמישטע מיט שניי, ס'פילן זיך די קליינע פרימאַראָזקעס, און אויפן אַרצן איז עפּעס קאַלאָמוטנע. הגם, אָט באַלד קומען די חנוכה־טעג מיטן אַלטן ליבן „על הניסים", מיט חנוכה־ליכטלעך און הייסע לאַטקעס. אָבער די קאַלטע גרויקייט עסט דערווייל די ביינער. אין יענע האַרבסט־טעג ווערט אַריינגעטראָגן אַ שינוי אינעם שטייגער־לעבן: מען פאַרזעצט גענז, מען קאָכט זיי עסן און מען פאַרשמעקט דאָס עסן, בכדי די גענז זאָלן האָבן אַפּעטיט און ווערן פעט. סוף חודש טבת נעמט מען אַרויס פון שטייג די ערשטע דריי גענז, וואָס זענען שוין גענוג פעט געוואָרן און אין אַ גוטער שטימונג הייבן זיך ווידער אָן פּסחדיקע הכנות. פון בוידעם נעמט מען אַראָפּ אַ ווייקשאָפּט, אַ זאַלץ־ברעט, אַ הילצערנע גרויסע לעפל, אַ שפּיציקן מעסער, אַ פרעגל־טאָפּ, אַ געגלאַזטן סלוי מיט אַ דעקל, און ווידער ווערט דער חמץ פון קיך פאַריאָגט. די קינדער טאָרן אַהין נישט אַריין, ווייל דאָרט ווערט די אייזערנע פּליטע מיטן דרייפוס געברענט און געכשרט, אַ גאַנצע נאַכט שטייט די מאַמע אין קיך און פרעגלט שמאַלץ לכבוד פּסח. דער געפּרעגלטער סלוי מיטן שמאַלץ ווערט הערמעטיש פאַרמאַכט, אַרומגעוויקלט מיט ווייסע זויבערע טאַרבעס און אַרויפגעטראָגן צוריק אויפן בוידעם, דאָרט אין דער הויך, אין ווילטשיק, ווערט דאָס אויפגעהאָנגען, ס'זאָל פאַרפרוירן ביזן ערב־פּסח.

צוויי וואָכן פאַר פּורים האָט מען שוין געוואָשן די וועש אויף פּסח און דעם קראָכמאַל דערצו האָט מען געקאָכט פון קאַרטאָפל אין אַ נייעם טאָפּ. נאָך אַ וואָך פון שווערער און אָפּגעהיטער אַרבעט, נאָכדעם ווי דאָס וועש האָט גוט אויסגעפרירט, האָט מען עס גוט אויסגעוועלגערט און צוזאַמענגעלייגט מיט פאַרזיכטיקייט, עס זאָל, חלילה, אַ קרישקע חמץ זיך נישט אַריינשמוגלען. מיט שמחה און געטריישאַפט צו דער אַרבעט האָט מען דאָס וועש פאַרשלאָסן אין אַ קאַסטן, און ביז פּסח איז נישט געווען קיין צוטריט צום קאַסטן.

אויפן פרימאָרגן נאָך שושן־פורים, האָבן זיך שוין געלאָזט הערן פון די „פּאָדריאַטן" דאָס קלאַפּן פון די קאַטשאַלקעס, דאָס גערויש פון די מצה־רעדלעך און דאָס טשעבע־טשען פון די מיידלעך און פרויען, יינגלעך און דערוואַקסענע מענער, וועלכע זענען געווען פאַרטאָןביים קנעטן, קאַטשען און רעדלען די מצות צום באַקן. מיט אַ טאָג פריער, אין פריילעכן שושן־פורים, ביי זון־אונטערגאַנג, האָט מען געקענט זעען ווי יידן אין שבתדיקע קאַפּאָטעס און זיידענע היטלען טראָגן איבערגעקערטע צעבערקעס וואַסער „מים שלנו" און זיי האָבן מיט פריילעכע פּנימער זיך געווונטשן „לשנה הבאה בירושלים".



אין „פּאָדראַט" ביים באַקן מצות

אויף די „פּאָדראַטן" זענען נישט געווען קיין ספּעציעלע משגיחים אויף כשרות: הגם די רבנים האָבן קאָנטראָלירט דעם גאַנג פון דער אַרבעט, אָבער די פולע אחריות איז געלעגן אויף די בעלי־בתים גופא און קיינער האָט חלילה נישט חושד געווען, אַז אין דעם „פּאָדראַט" פון אַ דאָמבראָוויצער יידן זאָל זיין אַ חשש אויף חמץ. פונקט אַזוי האָט קיינער נישט חושש געווען, אַז דאָדל דעם קצב, אָדער יאַקיר, דער שו"ב, אָדער דעם מנקרס קינדער, אָדער צדוק, צי די ברידער סטאָליאַר זאָלן חו"ח מאכל זיין די שטאָט מיט טרפות... יעדער טרייבערער און מנקר האָט זיין אַרבעט געטאָן בשלמות, אָן משגיחים. ליפּע דער שוחט, אָדער איציק דער שוחט פלעגן זייערע חלפים ווייזן דעם סטאָלינער רבין, טעוויע און דויד פלעגן שמועסן מיט ר' נחומציען און ווייזן אים די חלפים, ווייל אין ענינים פון שחיטה האָט זיך דאָס חסידות געפלייסט

אַריינצולייגן מוסר און שלמות. אַן אַמאָליקער שוחט איז באַטראַכט געוואָרן אַלס פאַרטרעטער פונעם כהן בימי בית־המקדש: אַ שוחט האָט געדאַרפט איבער זיך פיל אַרבעטן, ער זאָל האָבן יראת־שמים, ער האָט נישט געטאָרט נעמען אין מויל קיין משקה, זיין עסן און טרינקען האָבן געדאַרפט זיין אין געוויסע געצוימטע ראַמען.

מען דערציילט וועגן „בית אהרן", אַז ער האָט אַ מאָל געזעען אין אַ הייסן תמוז־טאָג, ווי אַ דאָמבראָוויצער שוחט האָט געטרונקען וואַסער פון אַן עמער נעבן ברונעם, האָט ער צוגערופן דעם שוחט און געזאָגט: אויב די יידן וואָס האָבן מיר ליב פאָלגן מיר, בין איך גרייט צו אַסרן דיין שחיטה. דער שוחט האָט געענטפערט: רבי, איך האָב אייך ליב, און פון היינט אָן עס איך נישט מער פון מיין שחיטה; פון מאָרגן פרי וועט במקומי זיין שוחט מיין זון. און אַזוי איז טאַקע געווען.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום מצות־באַקן. אַלע אין שטעטל האָבן געהאַט פיל צו טאָן מיט אָפּהיטן דאָס כשרות ביי די מצות. דאָס מעל אין קראָם האָט מען אָפּגעהיט אין דאָפּלטע זעק, מיט אַן הכשר כתוב וחתום. ווען מען האָט דאָס מעל געפירט אַהיים, האָט מען די זעק געוויקלט און איינגעדעקט מיט ברעזענט, אַז חס וחלילה קיין פייכט־קייט זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן. אין שענסטן צימער אין שטוב האָט מען די קאַנאַפּע צוגעדעקט מיט יילעכער און דאָרט אויסגעשאָטן דאָס מעל. דאַן האָט די מאַמע זיך אָנגעטאָן יומטובדיק, פאַרשפּאַנט צוויי פאַרטוכער אַרום די לענדן, די קאָפּ גוט פאַר־בונדן, איבערן מויל אַ וויס טיכל פאַרצויגן — און פאַרזיכטיק געזיפּט דאָס מעל.

ביים באַקן די מצות האָט די מאַמע געבעטן: קינדערלעך, שייערט אַרום די קאָטשאַלקעס, די ברעטער, די בעקנס, די רעדלעך, זעט אַז עס זאָל זיין כשר... איז אַ מיירע לויז געוואָרן, האָט זיך אַ מצה פאַרבויגן אָדער אַ וועלגערקע האָט פאַר־געסן און זי איבערגעקערט, פלעגט די מאַמע גיך דאָס אַרויסכאַפּן אויף חמץ. ווי אַן אָפּגעהיט בן־יחידל פלעגט מען איינוויקלען און צודעקן די פרישע מצות און אַזוי פאָרזיכטיק זיי ברענגען אַ היים און אויסלייגן אין דעם פון פריער צוגעגרייטן, אויס־געסמאַליעטן און אויסגעבעטן קאַסטן.

*

אויך אין דעם ערשטן יאָר פון היטלער־פעריאָד האָט כמעט יעדער ייד אין דאָמבראָוויץ צוגעגרייט 3—4 קילאָ מעל און מיט טרערן און מסירת־נפש, אונטער פאַרהאַנגענע פענצטער, האָט מען געבאַקן מצות. יענע מצות זענען באמת געווען „לחם עוני" ביי אַלעמען, און מען האָט געוווּנטשן צו דערלעבן „איבער אַ יאָר". ס'איז אָבער נישט מקוים געוואָרן, ווייל פאַר ראש־השנה 1942 איז דאָס יידישע דאָמבראָוויץ געוואָרן פאַרשניטן פון דער ערד.

אין די סוואַריטשעוויטשער און דובער וועלדער, אין יאָר 1943, האָט אונדזער קליין רעשטעלע יידן געבאַקט אויף פסח רעטשענע קאַרזשעס, געווייקטע אין טרערן אויפן אויסגעשוחטענעם דאָמבראָוויץ, און אַזוי אַרום מקיים געווען די הייליקע מצווה פון באַקן מצות...

ג. וועגן פּאַרטיזאַנער און פראָנט־קעמפּער

מיילאַך באַקאַלטשוק — ספרא וסייפא

מיר זענען געווען חברים במשך פיר צענדליק יאָר. מיילאַך איז אַדורך פיל שלבים אין זיין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָבער שטענדיק האָט פון אים אַרויסגערעדט דער תלמיד־חכם און געוועזענער וואָלאָזשינער ישיבה־בחור. זיין אומבאַגרענעצטע אהבת־ישראל האָט מען ספּעציעל אַרויסגעזען אין דער פּאַרטיזאַנקע. ער איז דאָרט געווען אַ בעל־יועץ, אַ ראַדיסט, אַן אַרויסגעבער פון סוואָדקעס און פון דער פּאַרטיזאַנער־ציַיטונג „די רויטע פאָן״, און געהאַט השפעה אויף דער פּאַרטיזאַנישער וואַלד־אָנפירער־שאַפט. ער האָט פיל געטאָן פאַר די געפּלאָגטע שוצלאָזע יידן, וואָס האָבן געבלאָנקעט אין די וועלדער אַרום דער פּאַרטיזאַנער־סטאַווקע. ער האָט געצוימט די שלעכטע רוסיש־אוקראַינישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין פּאַרטיזאַנער־איינהייט און זענען געבליבן ביי זייערע שלעכטע כוונות צו יידן.

ער איז געווען אַ זשורנאַליסט — זיין שאַרף אויג האָט פיל געזען און זיין גוטער קאָפּ האָט אַלץ באַנומען. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע פּאַרטיזאַנער־מאַרשן, סיי ביים אָנגרייפן און סיי אין דעפענסיווע, סיי אין קאַמף מיט די דייטשן אין פּאָלעסיע און סיי אין געראַנגל מיט די באַנדערוואָצעס־מערדער. אין זיינע באַשרייבונגען וועגן די אוקראַניש־פּאַשיסטישע מערדער שילדערט ער די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון זייערע שוואַרצע נשמות, סאַדיסטישע הערצער און גרויזאַמע מעשים־תעתועים איבער שוצלאָזע יידן, און דעם בלוטיקן געראַנגל פון די יידישע פּאַרטיזאַנער קעגן אָט די מערדער.

די פּאַרטיזאַנער אָנפירערשאַפט האָט אָפּגעשאַצט מיילאַכס גייסטיקן באַגאַזש און האָט אים דעלעגירט צו דער פּאַרטיזאַנער־קאָנפערענץ אין דאָברויסק, וואָס איז פאָר־געקומען אין דער שווערסטער צייט פון דייטשישן אָנגריף אויף דעם סוואָריטשעוויטשער וואַלד. ער איז אויך געווען דער שליח פון די פּאַרטיזאַנער צו די דאָרפישע גוים, אויפ־קלערן זיי די פאַקטישע כוונות פון די דייטשן לגבי די סלאַווישע פעלקער; באַרויבן זייער פרייהייט און פאַרקנעכטן זיי אויף אייביק. אין דער דאָזיקער שליחות איז ער אַריינ־געדרונגען אין דערפער, וואָס זענען שוין געווען פאַרסמטע מיטן גייסט פון באַוווסטן באַנדעראַ. מיילאַך האָט אויפגעקלערט די דאָרפישע פויערים, אַז די באַנדעראָווצעס זענען פאַשיסטן וואָס דינען דעם דייטשס אינטערעסן און אַז דאָס מאָרדן יידן דינט נישט די אינטערעסן פונעם אוקראַינישן פאָלק.

ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט מיילאַך באַקאַלטשוק אונטערשטרייכן די עוולות און אַכזריות וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן יידן און צוגעבן: נישט גאָט און נישט די ציוויי־ליזירטע וועלט וועלן דערפאַר שענקען, בעת ס׳וועט אָנקומען די שעה פון זיג איבער די דייטשן.

מיילאַך באַקאַלטשוק איז נפטר געוואָרן אין דרום־אַפריקע, ט׳ באייר תש״ד.

יהא זכרו ברוך!

דער נדר אין די סוואָלאָוויטשער וועלדער

אַז יום־כיפור פון יאָר תש״ד איז אויסגעפאַלן שבת דעם 9טן אָקטאָבער 1943 — איז אונדז קלאָר געוואָרן מיט 3 יאָר שפּעטער, ווען מיר האָבן געקענט אַריינקוקן אין אַ יידישן לוח. אָבער אין סוואָלאָוויטשער וואַלד האָבן מיר יענעם יום־כיפור געהאַלטן מיט 2 טעג פריער (דאָנערשטיק, דעם 7טן אָקטאָבער), ווייל אַזוי האָט אויסגערעכנט פון זיכרון ר׳ איציק חיימס וואָס האָט בּאַלאַנגט סיי צו דאָמבראָוויץ און סיי צו דובע.

צום בערגל צווישן די ניגאָוויטשער זומפּן האָבן זיך יענעם טאָג צוזאַמענגעצויגן רעשטלעך פון די אויסגעקוילעטע קהילות, פון וואָלינער און פּאָלעסיער וואָיעוואָדס־טוועס. אַרום אַ שטאָם פון אַן אָפּגעהאַקטן דעמב האָבן זיך אויסגעשטעלט אַ צענדליק יידן, מיט די פּנימער געווענדעט צו דער זייט פון וואַנען די זון שיינט אויף אין פרימאָרגן, און האָבן אויסגעוויינט פון אַן אַלט־צעפליקטן סלאָוועטער מחזור די באַוווסטע יום־כּיפּורדיקע תפילות. די תפילות צעטראָגן זיך איבערן גאַנצן וואַלד און ווערן אונטער־געכאַפּט וואָרט־ביי־וואָרט דורך קינדער־יתומים, אַלטע יידן־וואָגלער, מאַמעס פון וועמענס הענט ס׳זענען אַרויסגעריסן געוואָרן זייערע קינדער, טאַטעס אויף וועמענס אויגן ס׳זענען צעשאָכטן געוואָרן זייערע קינדער־עופהלעך און זייערע פרויען־מאַמעס, און קעמפערישע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער וואָס באַגעגענען דעם טויט זעכציק מאָל אין יעדער שעה. אַלע וויינען אויס זייער האַרץ אין די יום־כיפור־תפילות.

ווער קען שילדערן דעם יאָמער פון יענעם הזכרות נשמות? מיר געפינען זיך אין די סוואָלאָוויטשער וועלדער, אַ בערגל וואָס צייכנט אָפּ די אומענדלעכע ניגאָווישטשער זומפּן און גרענעצט מיט די ברייטע און ווייטע שטחים וואָס ציען זיך קיין קאָוועל, פּינסק, קאָברין, יאַנעווע, מאַראָטשנע, ביז אונטער ראָוונע אַריינגענומען דאָמבראָוויצער וועלדער. אויף דעם אָ שטח זענען צעשפּרייט די ביינער פון אַ סך טויזנטער קדושים אומגעקומענע בעת די גרויסע שחיטות וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט אין די יאָרן 1942/43. אונדזער געוויין דאָ איז ללא־ספק געווען שטאַרקער ווי דאָס „על נהרות בבל שם ישבנו וגם בכינו״. אונדזער יום־כיפור דאָ איז בלי ספק געווען טראַגישער ווי אין די צייטן פון טאָרקוועמאַדאַ אין שפּאַניע. אף־על־פּי־כן האָבן די בלייענע הימלען נישט אויפגעעפנט אַפילו קיין קליין טירעלע, אַז דאָס „אל מלא רחמים״ זאָל דערלאַנגען צום כסא הכבוד. צומאָרגנס און אין די שפּעטערדיקע חדשים זענען נאָך טאָג־טעגלעך געפאַלן פרישע קרבנות און אונדזערע רייען זענען ווידער שיטערער געוואָרן.

פאַר נעילה האָט זיך געלאָזט מערקן אַ ספּעציעלע אומרואיקייט צווישן די מתפּללים. יאָסל דער אַנדרועס, שלמה דער וואָלדימערצער, באַריל און סענדער — האָבן זיך לאַנג געסודעט צווישן זיך. די אַנדערע זענען געשטאַנען טיף פאַרטראַכט אין זייערע מחשבות: איציק חיים׳ס האָט אוודאי דורכגעפירט אין זיינע געדאַנקען פינף דורות יידן פון דאָמבראָוויצער אומגעגנט... ר׳ יאָסל דער בערעזשקער אַרענדאַר, האָט אַוודאי זיך אַריינגעטראַכט אין יראת־שמים, אין ר׳ אהרן הגדולס חסידות, אין הכנסת־אורחים און צדקה און אהבת הבריות...; זיין איידעם, ברוך בערעזשקער, אַ געקומענער פון

וויטן דייטשלאַנד קיין פּאַדאָליע זוכן בעל־שמס חסידות, האָט אַוודאי זיך אַריינגעדענקט אין די נגלות ונסתרות פון דער תורה... איך אַליין טראַכט איצט וועגן מיין פאָטער חיים דובער, פאַר וועלכן צענדליקער דערפער מיט גויים האָבן דרך־ארץ געהאַט און יום־כיפור צו כל־נדרי פלעגן זיי אויסלייגן אונטער די אָפענע פענצטער פון אונדזער הויז זייערע קראַנקע ווייבער און קינדער בכדי די תפילות פון מיין טאַטן זאָלן שוועבן איבער זייערע קעפּ... קוים נעכטן, ערב יום־כיפור, ווען איך און מיין ברודער סענדער זענען געגאַנגען קיין נאבעל אויפן חרוב־געוואָרענעם בית־החיים מתפלל זיין אויף די קברים, זענען מיר קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן פון אַ גרופּע גויים וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג.

איצט פאַר נעילה אין די סוואָלאָוויטשער וועלדער, בין איך אַרויסגעקראָכן אויפן אונטערגעהאַקטן דעמבענעם שטאָם און האָב געזאָגט: „אומגליקלעכע רעשטלעך יידן, — נישט וויינען נאָר אויסהערן!" און ס'האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט ספּאָנטאַניש אַ היסטאָרישער איבערבליק איבער דריי טויזנט יאָר קיום פון יידישן פאָלק, וואָס איז אויסגעוויקט אין מאַרטירערטום און אומקום, גבורה און אויסגעהאַלטנקייט אין יידיש־רעליגיעזער אייגנאַרטיקייט. כ'האָב געמאַכט אַן איבערבליק פונעם מצב אויף די פראָנטן פון וועלכע ס'האָט זיך שוין אַרויסגעזען היטלערס מפּלה און דעם אומקום פון די דייטשישע האָרדעס. כ'האָב פאַרענדיקט מיינע ווערטער זאָגנדיק אַזוי: „ס'דערנענטערט זיך דער טאָג אין וועלכן ס'וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון אויך די אוקראַאינער און פּאָליאַקן, ליטווינער און לאַטישן — פאַר די מעשים און שחיטות איבער אונדז על לא עוון בכפינו. ס'איז קלאָר, אַז נישט די אַלע וואָס זענען דאָ וועלן דערגיין צום ברעג פון הצלה. אָבער מיר זענען זיכער, אַז אַ טייל פון אונדז וועט דאָך דערלעבן דעם טאָג פון באַפרייאונג. דעריבער, על דעת המקום ועל דעת די פאַרפייניקטע אומגעקומענע קדושים, דורך כל מיני מיתות משונות ואכזריות, געפאַלענע פון די הענט פון די אָרטיקע גויים־מערדער, בעטן מיר אַלע מתפּללים צושטיין צו אונדזער פאָרשלאָג: אויסרופן אַ חרם אויף דער דאָזיקער ערד, אויף די דאָזיקע גרויסע וועלדער און אומענדלעכע זומפּן, און טאָן אַ נדר, אַז קיין איין יידישער מאַרטירער־פוס זאָל נאָכן נצחון איבערן מערדער, דאָ נישט פאַרבלייבן. און זאָל זיך ציען דאָס איבערגעבליבענע קליינע רעשטעלע יידן צו אונדזערע ברידער וואָס ליידן און קעמפן און בויען אַ זיכערע צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל!"

נאָך מיינע ווערטער האָט זיך אַ מעכטיקער אויסגעשריי צעטראָגן איבערן וואַלד: „אמן, מיר שווערן!"

מיט 6 יאָר שפּעטער, אין יאָר 1949, זייענדיק אין דייטשלאַנד, האָט מיך דאָרט אָפּגעזוכט איינער פון יענע יידן וואָס האָבן געטאָן דעם נדר אין וואַלד און האָט מיך געבעטן: „איך האָב אין וואַלד געשוואוירן גיין קיין ארץ־ישראל נאָכדעם ווי איך בין אַרויסגעקראָכן פון די טויט־גריבער און פאַרלוירן מיין משפחה; איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיינס אַ טאָכטער האָט זיך געראַטעוועט און זי געפינט זיך אין אַרגענ־

טינע; דעריבער בעט איך אייך — זייט מיר מתיר דעם נדר אַז איך זאָל קענען פאָרן צו מיין איינציקער טאָכטער".

מיר זענעןביידע געגאַנגען צו הרב סניעג פון מינכען — הרב הראשי פון דער שארית הפליטה אין מערב־דייטשלאַנד — און ער האָט מתיר געווען דעם נדר.

אַלע איבעריקע יידן וואָס זענען געווען יענעם יום־כיפור אין די סוואָלאָוויטשער וועלדער און האָבן דאָרט מקבל נדר געווען — די פון זיי וועלכע האָבן נאָך דער מלחמה פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָבן דעם נדר צו גיין קיין ארץ ישראל מקיים געווען.

קאַפּיטאַן נאָום באַליק — העלד פון ראטנפארבאנד

צווישן די געפאַלענע דאָמבראָוויצער יידישע קעמפער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי זענען געווען: מיינע צוויי ברידער, עליע און שייע, בני אבי ר׳ חיים פייגעלשטיין ז״ל; מיין שוואָגער סראָליק זעלצער; אבא טויזנער, אהרן גענזל, יוסף פיקמאַן, זעליק מודריק, משה־הערש שוועץ, זלמן פייגעלשטיין, אבא ברוינפּן, ברוך פעטשעניק, יעקב שוועץ, בולבע, קאָטיק, פליישאַן, יצחק פינקעלשטיין, יצחק שפּעטריק. אויך די וועמענס גורל איז נישט געווען באַוווּסט, אָבער זיי זענען צוריק פון פראָנט נישט געקומען, זענען בחזקת אומגעקומענע. פון די אַלע צענדליקער יוגנטלעכע וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער ערשטער וואָך פון היטלערס איבערפאַל אויף די סאָוויעטן (יוני 1941), אָדער נאָך פריער בעת היטלערס איבערפאַל אויף פוילן (סעפּטעמבער 1939) — פון זיי אַלעמען האָט זיך צוריקגעקערט קוים אַ האַלב צענדליק. די אויבן אויסגערעכנטע געפאַלענע אויף די פראָנטן, ווי אויך אַלע איבעריקע געפאַלענע פון דאָמבראָוויץ וועגן וועלכע מיר ווייסן נישט, — תהא נשמתם עדן.

די סאָוויעטישע־אינסטאַנצן האָבן מאָביליזירט אויך גויים פון מערב־אוקראַינע אָבער נישט האָבנדיק צו זיי קיין צוטרוי, האָט מען זיי אַוועקגעשיקט אין הינטער־לאַנד אויף אַרבעט. דאַקעגן די יידישע יינגלעך, צווישן זיי אויך דאָמבראָוויצער, האָט די אַרמיי געהאַלטן אין אירע רייען, אויסגעשולט זיי אויף קאָמאַנדירן, דערהויבן זיי אין מיליטערישע ראַנגעס, און זייערע ביינער ליגן צעשאָטן אויף די שלאַכטפעלדער פון סטאַלינגראַד ביז בערלין. איינעם פון זיי האָב איך באַגעגנט אין באַפרייטן דאָמבראָוויץ, אין פעריאָד פון זיגרייכן פאָרויסמאַרש פון דער סאָוויעטישער אַרמיי (1944), בעת ער איז געקומען פון פראָנט זוכן אַ רעשטל פון זיין משפחה. דאָס איז דער דאָמבראָוויצער יוגנטלעכער, נחום באַליק, יששכר־וועלפּילס אַן איינִיקל, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי בימי מלכות פוילן. אין די ערשטע וואָכן פון צעקלאַפּטן פוילן, בעתן סאָוויעטישן אַריינמאַרש קיין דאָמבראָוויץ אין יאָר 1939 (יום־כיפור ת״ש), האָט ער זיך געשטעלט אין דינסט פון נ.ק.וו.ד. אויפן באַן־וואָקזאַל.

בעת אונדזער טרויעריקער באַגעגעניש אין דעם חרובן שטעטל, איז שוין דער אַמאָליקער יינגל געווען אַ רייפער יונג מיט ביינער, באַהאָנגען מיט אָרדנס און באַפּוצט

מיט גאָלדענע עפּאָלעטן — קאַפּיטאַן נאָום באַליק „גערײַ׳ פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד״. דער דאָזיקער „גערײַ״ האָט געוויינט ווי אַ קינד, געשאָטן פעך און שוועבל „אויפן היטלעריזם וואָס האָט מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע דערגרייכט זיין אויפשטייג און פאַרשניטן מיליאָנען פּראָלעטאַרישע לעבנס. די טאָטאַלע אויסראָטונג פון די אומ־גליקלעכע יידן האָט נישט אָפּגעטיילט צווישן רייך און אָרעם, נישט נאָר מיין טאַטנס חברים, שוסטער און שניידער, זענען אומגעקומען נאָר אויך מאָטל אייזנבערג און לייבעס זון, די קאַפּיטאַליסטן, זענען געקוילעט געוואָרן אין רעזולטאַט פון גבירישן שקר״.

אויף די דאָזיקע ווערטער האָב איך דאַן געטראַכט: „אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה, כי קול ענות אנכי שומע״. אָבער אין מוח מיינעם האָט שטאַרקער געגומען עגבערן די גרויסע פראַגע: — פאַרוואָס האָבן די סאָוויעטן, אין אָנבליק פון אַ גרויסער יידישער פאַרניכטונג, סיי אינעם פעריאָד פון חורבן וועגן וועלכן זיי האָבן געוווּסט, און סיי נאָכדעם בעת די טאָטאַלע אויסראָטונג איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען — פאַרוואָס האָבן זיי זיך נישט באַמיט אָפּהיטן און איינשפּאָרן די ווינציקע יידישע לעבנס...

אין יענער פינצטערער נאַכט, אין דער צווייטער וואָך נאָך שבועות (1941), ווען דייטשישע פליער האָבן אַ גאַנצע נאַכט געזייט טויט איבער קיעוו און כאַרקאָוו, האָט מען פון דאָמבראָוויץ אַרויסגעפירט 70 מאָביליזירטע יוגנטלעכע, אויף האַרמאַטן־פלייש פאַר היטלערן. לויטן חשבון פון די אַלגעמיינע רוסישע געפאַלענע אין קריג, האָבן זיך געדאַרפט אומקערן עטלעכע צענדליק פון זיי, אָבער בלויז 2—3 זענען געבליבן לעבן. שפּעטער ווידער, אין פעריאָד פון פאַרטיזאַנער־קאַמפן: דרייצן פאַרטיזאַנער זענען אַוועק פון „שיטאָווס״ אָטריאַד, פון אונטער דובע, אויף דיווערסיע; די צוועלף גויים זענען געקומען צוריק, און פנחס שליפּאַק דער איינציקער ייד, איז צוריק נישט געקומען. צוויי גרופּעס צו זעקס פאַרטיזאַנער זענען אַוועק צו דער כינאטשער באַן־ליניע אויף דיווערסיע, די צען גויים זענען צוריקגעקומען אָבער שלום כינאטשער און באַריל וולאַדימערצער — די צוויי איינציקע יידן — זענען נישט צוריקגעקומען.

שוין נאָך דער באַפרייאונג, אַרויסגייענדיק פון וואַלד, האָב איך באַגעגנט אַ סאָוויע־טישן מאַיאָר מיט אַן עכט יידיש פנים, און געוואָלט זיך צוקלעפּן צו אים אויף אַראָפּריידן אַ ביסל פון האַרצן די יידישע צרות, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזן. שפּעטער האָט ער זיך מודה געווען אין זיין יידישקייט און האָט מיר געראָטן, אַז איך זאָל זיך אָנשליסן אין די רייען פון דער אַרמיי, ווייל אין טיל וועט פון אונדז נישט בלייבן קיין שריד ופליט, אָבער אויך אין דער אַרמיי איז גלייכער אויסבאַהאַלטן די יידישקייט, אויב מען וויל אויסמיידן די ערשטע פייער־ליניע.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום „גערײַ״ — קאַפּיטאַן נאָום באַליק. ער האָט מיט מיר לאַנג געשמועסט און געוועבט זיינע מלחמה־דערפאַרונגען. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז פאַר נישט צושטעלן געפאַנגענע דייטשן לעבעדיקערהייט אויף אַן אַנגעוויזן אָרט, איז ער דעגראַדירט געוואָרן פון פאַדפּאָלקאָווניק צו אַ ריאַדעוואָי — „ווייל ביי אונדז קאָמוניסטן איז דעם שונאס בלוט נישט הפקר; איך האָב אַפילו געקענט ווערן

קירצער מיט אַ קאָפּ (און צוליב וועמען, צוליב רוצחישע געפאַנגענע דייטשן, אַ שד זאָל זיי נעמען); אָבער מיינע חברים סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן האָבן מיך מציל געווען".

נחום באַליק פון דאָמבראָוויץ, יששכר־וועלפּילס אַן אייניקל, ווישט אויס זיינע אויגן, שפּייט אוי׳ס און אָטעמט טיף אָפּ, ציט אַרויס פון הויזן־קעשענע אַ רויטע טאָר־בעטשקע מיט קאַרעשקעס און אַ שטיקל צייטונג־פּאַפּיר, פאַרדרייט אַ גראָבן פּאַפּיראָס, באַנעצט אים מיט שפּייעכץ צום פאַרקלעפּן, צינדט אָן דעם פּאַפּיראָס און פאַרציט זיך טיף מיטן רויך. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע אָפּגעאָטעמט און לאַנג אַראָפּגערעדט פון פאַרביטערטן האַרצן וואָס ער האָט ביז יענעם מאָמענט קיינעם נישט דערציילט — וואָס עס איז מיט אים פאַרגעקומען אין די שלאַכטן צווישן קורסק און אָריאָל.

„הערזשע דיאַדיאַ מיט קאָפּ — אַזוי האָט ער אָנגעהויבן — דאָ האָסטו אויף דער ערד אַ צייכענונג פון אַ האַלב ראָד מיט צוויי געשלענגלטע עקן צו צפון און צו דרום. אין דעם האַלב־ראָד אַ גרי׳בעלע. דאָס איז קורסק, אויסערן האַלב־ראָד אַ גריבעלע, דאָס איז אָריאָל. פון פונקט ביז פונקט איז דער מרחק 220 קילאָמעטער. ביז מיר זענען דערגאַנגען צו דער פראָנט־ליניע האָב איך נאָך אָפּט באַגעגנט דאָמבראָוויצער ייִנגלעך, אָבער נאָך די בלוטיקע היסטאָרישע סראַזשעניעס אויף דעם פראָנט־אָפּשניט, האָב איך שוין מער קיינעם נישט געזען, און זיי זענען שוין אַוודאי נישט צווישן די לעבע־דיקע".


קאַפּיטאַן נאָום באַליק (לינקס)

„אַ גרופּע פּריוויליקע, צווישן וועלכע איך בין געווען דער פּאַרטרויאונגס־מאַן און קאָ־מאַנדיר, האָט דורכגעפירט אַ געלונגענע אַק־ציע און גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַ דיי־טשישן פּאַטרול, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן נאָענט צו אונדזערע פּאָזיציעס. איך האָב גענומען פאַרשן דעם דייטשישן אָפיציר און ווען ער האָט גענומען „געבן צונג" האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער פּלאַן פון אָפענסיווע אויף אונדזער האַלב־ראָד און אויף די פלאַנ־קען כדי צו עפענען אַ פרייען וועג אויף מאָסקווע. זיי האָבן צו דעם צוועק צוזאַמענ־געשלעפּט אַהערצו בערך אַ האַלבן מיליאָן קעמפער, צווישן זיי זיבעצן דיוויזיעס פוס־גייער, און די אַלע איבעריקע פּאַנצער־דיווי־זיעס, געדעקט דורך זעקס טויזנט טאַנקן, צען טויזנט האַרמאַטן, דריי טויזנט באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען און טויזנטער פּאַנצער־מאַשינעס. דער דאָזיקער קאָנצענטרירטער כוח האָט געדאַרפט אונדז אַטאַקירן פון דריי פונקטן — און אַזוי אַרום דורכברעכן דעם פראָנט".

„אונדזערע שטאַבן האָבן זיך גענומען גרייטן בכדי צונישטמאַכן דעם שונאס פּאַר־מעסט. קודם כל האָבן מיר אין די נעכט געגראָבן טיפע גראָבנס, פאַרמאַסקירט אין זיי מינעס, און אויך פאַרשפּרייט טויזנטער פעלדמינעס לענג אויס דעם פראָנט. נאָכדעם האָבן מיר צוזאַמענגעשלעפּט טויזנטער האַרמאַטן און טויזנטער טאַנקן און זיי צע־שטעלט איבערן שטח און פאַרמאַסקירט. מיט אַ טאָג פריער איידער די דייטשן האָבן געזאָלט אונדז אַטאַקירן, האָבן אונדזערע אַעראָפּלאַנען און אַלע איבעריקע כלים גענומען זייען פייער אויף די דייטשישע אָקאָפּעס. אין ערשטן טאָג האָט דער באַנדי־טישער שונא פאַרלאָרן זעכציק טויזנט מענטשן און איז צעטומלט געוואָרן".

„דער סטעפּ, אויף דריי הונדערט קילאָמעטער לאַנג און הונדערט פופציק קילאָ־מעטער טיף, האָט געברענט. אין פיל פּונקטן זענען געגאַנגען אין אַטאַקע טאַנקן אויף טאַנקן, פּאַנצער־מאַשינעס אויף פּאַנצער־מאַשינעס. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט סאַמאָליאָטן אונדזערע און זייערע און מיר אַלע זענען טויב געוואָרן פון זייער גערויש. אויפן פערצנטן טאָג פון בלוטיקע קאַמפן איז דער דייטש אַריבער אין פאַרטיידיקונג, מיר האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אָפענסיווע און פאַרנומען די שטאָט אָריאָל. אין באַפרייטן אָריאָל האָט מען מיר גערופן צום פראָנט־קאָמאַנדיר און דאָרט האָב איך אַוואַנסירט אויף פאָדפּאָלקאָווניק מיט אַ צוגאָב פון הויכע אָרדנס. אָבער מיין פרייד איז געווען אויסגעמישט מיט טרויער. ווייל אין די קאַמפן האָב איך פאַרלאָרן אַלע דאָמבראָוויצער חברים, וואָס זענען געווען מיט מיר אין דער אַרמיי".

„שפּעטער האָבן מיר אָפּגעשטויסן דעם דייטש צו מערב און בעת דער אָפּעראַציע האָב איך ליקווידירט דייטשישע פּלעניקעס. און דערפאַר האָט מען מיר געשטעלט פאַרן פעלד־געריכט, און אַלע מיינע פריערדיקע גוטע זכותן האָבן נישט געהאָלפן — ס'האָט געהאַלטן דערביי אַז כ'זאָל ווערן קירצער מיט אַ קאָפּ. מען האָט מיך דעגראַדירט ביז צו אַ פּשוטן סאָלדאַט, אָבער אין אַ וואָך אַרום, נאָך אַ גאָר געלונגענער אַקציע, ווער איך גערופן צום ראַפּאָרט און באַקום מלאדשי־לייטענאַנט. שפּעטער בין איך ווידער געוואַקסן צוריק און דערגרייכט ביז צו קאַפּיטאַן".

„קאַזשעטסיאַ, דיאַדיאַ, דיר רופט מען איציק דובער, געדענקזשע וואָס איך האָב דיר דערציילט און וויס, אַז דעם אמתן יושר קאָן מען געפינען ביי אונדז אין סאָוויעטסקי סאָיוז" — אַזוי האָט קאַפּיטאַן נאָום באַליק פאַרענדיקט זיין דערציילונג.

קאַפּיטאַן נאָום באַליק, דער העלד פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, איז אַוועק ווידער אויפן פראָנט באַפעסטיקן דעם סאָוויעטישן יושר. ער איז געפאַלן אין קאַמף, און זיינע ביינער רוען אין דער דייטשישער ערד. מעגלעך, אַז ער האָט זוכה געווען און מען האָט אים קובר געווען מיטן פּנים צום מזרח — צו מאָסקווע. די רעגנס אויף דער מיט יידיש בלוט אָנגעזאַפּטער ערד שווענקען זיינע ביינער צוגלייך ווי זיי שווענקען די ביינער פון אַלע איבעריקע געפאַלענע דאָמבראָוויצער יינגלעך, וועלכע זענען געפאַלן אין אָפענעם קאַמף מיטן היטלעריסטישן צורר. טאָ זאָלן זייערע נשמות זיין געבונדן אינעם אַלגעמיינעם בינטל פון לעבן.

ד. וועגן חורבן

אויף דעם מאַרק־פּלאַץ נאָכן חורבן

געבויגן און געבראָכן שטיי איך אַנטקעגן דעם אָפּגעברענטן מערב־טייל פון געוועזענעם יידישן מאַרק, אויף פון דעם טייל זענען די בעלי־בתּים צעקוילעט און צעשאָסן, און פאַרפייניקט ביז טויט. איך זע ווידער דעם גויאישן דאָמבראָוויץ, ווי ער איז אַ גאַנצער, אַזוי ווי ס׳וואָלט אויף דער וועלט גאָרנישט געשען — און טראַכט וועגן פינף און צוואַנציק דורות יידן אויף דעם מאַרק און וועגן מיין לעצטן צעקוילעטן דור. ס׳גייען אויף אין מיין זכרון דערציילונגען וועגן די פריערדיקע דורות בעת דאָס לעבן האָט געפלאָסן אָן באַזונדערע אויפטרייסלונגען, כ׳מיין יענע מעשיות וואָס האָבן נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף.

אין צענטער מאַרק, אויפן לאַנגן בריקל פון מיינע עלטערנס הויז, ווינקל דער שאָסייגאַס, אַנטקעגן סראָליק משהלעס גרויסער קראָם, זיצן אויסגעזעצט די בעלי־עגלות און מיט זיי די דאָרפס־גייער ווי יצחק קאַוויזאַלאַ, נחמן בייגל, וועלפל בעבעס א. א. זעליק זונעלעס גייט אָן פון די קראָמען מיט אַ פּעקל צושלאָג צו שניידער־אַרבעט און שטעלט זיך אָפּ אויסהערן א מעשה וועגן אַמאָליקע בעלי־עגלות, וואָס פלעגן זיך דערלאַנגען מיט זייערע לייוונטענע בוידן ביז ווייטע מרחקים. זיי זענען געווען די טראַנספּאָרטירער פון סחורות פאַר קרעמער און סוחרים און ס׳איז געווען אַ פריילעך לעבן, ווייל אַלע האָבן געהאַט פּרנסה. היינט קורסירט די באַן מיט נייע פאַריאַדקעס, אָבער פּרנסה איז אויפן שפּיץ מעסער.

זעליק זונעלעס קראַצט זיין שיטער בערדל און זאָגט: פּרנסה אויפן מאַרק פעלט נישט, ס׳איז נישטאָ אַ נאָדל אין וועלכער ס׳איז נישטאָ קיין מזל ברכה. ס׳איז אַן אַלטער כלל, אַז אין סוחעריי און קרעמעריי קען געשען אַ נס און אַ ברכה פון אַ גוטן יידן. זעט, מען דאַרף נישט גיין ווייט, אָט דאָ ביי אונדז אין מאַרק האַלט זיך די ברכה פון אַ צדיק פון אונדזער דור און נשמתו במרומים איז געוויס אַ מליץ יושר, — כ׳מיין ר׳ שמיליקל זכותו יגן עלינו...

און וועלפל בעבעס זאָגט: אַהאַ, ס׳געערט צו יענער צייט, ווען ס׳האָט זיך געפּאָדערט ווייזן אַ מופת. יע, יע, ס׳איז די צייט ווען פון אויבן גייט נאָך אָן די מחלוקת, דער המשך — ר׳ אהרן קאַרלינער און די צדיקת פּערעלע פון דער נאָבעלער גזע, און דער יונגיטשקער ר׳ שמיליקל זיצט און פאָרט נישט אַרויס. אָבער, פועלי־צדק פון דאָמבראָוויץ לויפן אַוועק קיין בערעזנע און ממש מיט כּוח זעצן זיי אריין דעם יונגיטשקן רבין אין אַ קאַרעטע און לאָזן זיך גאַלאָפּ צוריק קיין דאָמבראָוויץ. ס׳איז געווען אָפּגערעדט פון פריער, אַז אין אַלטן פיל־הונדערט־יאָריקן בית־המדרש און זייטיקן שטיבל, זאָלן בעת זייער אָנקומען זיין פאַרזאַמלט קינד־און־קייט אַרום אַן אויסגעבעטן שטול. גרויס איז געווען די שמחה ווען די קאַרעטע האָט זיך דערנענטערט צום שטעטעלע, דעם רבין

טראָגט מען אויף די הענט און מען באַזעצט אים אין שטול מלכותדיק. ס'איז געווען אַן ערב־שבת, אַ שבת און אַ מלווה־מלכה, וואָס ווער זעט היינט אַזעלכע שמחות! גאָט און לייט האָבן זיך געפרייט באמת, כאָטש דעם צד שכנגד האָט עס נישט געשמעקט, אָבער ווער הערט זיי. נאָך שבת, מאָנטיק, איז דער רבי אַרויסגעפאָרן צום מאַרק, געמאַכט הקפות אַרום די קראָמען און געבענטשט: „על המחיה ועל הכלכלה".

ווען איך האָב זיך אָנגערופן: ר' זעליק, אָט די מעשה מיט דער ברכה האָב איך גאָר געהערט אין ר' אהרן קאַרלינערס נאָמען, האָט ר' זעליק מיר געוואָלט ממש דורסן, און אויסגעשריגן: זיי און דו, זענען שקרנים. איך געדענק גוט — ווי, וואָס, און ווען. ר' זעליק האָט זיך באַרואיקט און איז ממשיך: וואָס זאָל איך אייך זאָגן, פון יענעם טאָג אָן, — ווער ס'האָט נאָר אַ טיר אין מאַרק האָט פּרנסה; ווער ס'שטייט מיט אַ פערד און וואָגן, מיט אַ שאַראַבאַן אין מאַרק, לעבט זיך אַדורך. די רשעים האָבן שוין פיל מאָל באַרויבט די יידישע קלייטן דאָ אין מאַרק, למשל: ביים בויען די באַן־וועג מיטן בריק איבערן טייך, אויך אין די מלחמה־יאָרן; און היינט די פּאָליאַקן רויבן טאָג־טעגלעך מיט זייערע איבערגעטריבענע פּאַדאַטקעס, אָבער ר' שמיליקלס ברכה איז מקוים גע־וואָרן. די פּאָגראָמען האָבן נישט פאַרניכטעט, און די פּאָליאַקן ממזרים קענען נישט פאַריאָגן, — דער מאַרק איז דער איינציקער אָרט פון יידישער פּרנסה. דערפאַר, אין די איבעריקע גאַסן האַלטן זיך נישט אין קיין קראָמען. אויף דער טשערעפּיטשנער גאַס האָט חיים מיט צירלען געהאַט אַ שיינע קראָם, היינט איז זי נישטאָ. אין וואָלאָסטנאַיער גאַס האָט מאָטקע בראָנפן געהאַט אַ גרויסע קראָם און זי איז אויך בטל געוואָרן. עס האַלט זיך נישט איין, עס צעקריכט זיך פּשוט ווי שניי, — אַזוי אין שול־גאַס און אין שטיבל־גאַס האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל באַוויזן קראָמען און זיי ווערן נעלם.

איציק קאַוזאַלאַ פּרווט איבערשלאָגן און זאָגט, אַז אין די איבעריקע טיילן שטאָט האָבן אויך יידן פון זייערע קראָמען פּרנסה. אָבער דאָ ווערט ר' זעליק ווידער שטאַרק אומרואיק און חזרט איבער נאָך אַמאָל, אַז זיינע אויספירן זענען ריכטיקע... ער איז ממשיך: אָט די מאַרק־קראָמען זענען שוין אַפילו פיל מאָל אויסגעליידיקט געוואָרן דורך גנבים און ווערן אָנגעפולט צוריק.

*

אָט איז דער מאַרק מיט זיינע פיר שורות אַלטע און נייע קראָמען, וואָס רינגלען אַרום דעם פירקאַנטיקן גרויסן שטח. אין מיינע קינדער־יאָרן איז דער שטח געווען ברייט און זאַמדיק אין מזרח־זייט, דאַקעגן שמאָלער און האַרטער אין מערב־זייט. דאָ איז געווען דער הויפּט־מקור פאַר מחיה און כלכלה פון אַ העלפט שטעטלשע יידן און דער הויפּט־קוואַל פאַר אַלע באַדערפעניש פון צעשפּרייטער דאָמבראָוויצער קריסטלע־כער און יידישער באַפעלקערונג.

יידן זענען געווען די צופירער פון כל מיני סחורות פון דער פרעמד, און די צונויפ־קויפער פון אַלע אָרטיקע פּראָדוקטן פון וואַלד און פעלד. יידן זענען געווען די אָפּטראַנס־פּאָרטירער פון די דאָזיקע פּראָדוקטן צו די ווייטע רוסישע גובערניעס און אַפילו קיין

אויסלאַנד. אַלץ וואָס די דרייסיק טויזנט גויים פון גאַנצן וואָלאָסט האָבן פאַרפּראַצעוועט אין פעלד און גאָרטן אין משך פון יאָר, איז אַדורך דעם ברייט־פונאַנדערגעשפּרייטן פּיר־קאַנטיקן ייִדישן מאַרק.

אין די אַמאָליקע רוסישע צייטן, איז אַלץ געטאָן געוואָרן אָן רעש. טאָג־טעגלעך קומען אַריין אין שטאָט פורלעך פון דאָרפישן אַרום. און דער פּדיון און אויסטויש גייט זיך פויל און קאַלט, אָן הייסע בלוטן. מען קען נישט זאָגן, אַז ס׳איז געווען אַ ייִדיש־גויאישע אידיליע, אָבער דאָך אָן טומל, בלויז מיט קליינע אויסנאַמען. סוף בלאָטיקן האַרבסט שטעלן זיך צווי יאָרידן — איינער אין „פּיאַטניקעס" — און דער מאַרק מיט אַלע זייטיקע גאַסן פלעגן דאַן אין זיך אַריינגעמען אַלע דרייסיק טויזנט אַרומיקע גויים מיט זייערע ווייבער, זין און אויסגעפּוצטע טעכטער — אין פאַרביקע קליידער און גלעזערנע קאָרעלן מיט מטבעות אַריינגעפלאָכטענע אין זייערע לאַנגע צעפּ. און ס׳האָט זיך געפירט אַ האַנדל־וואַנדל מיט געוודז, הינער, קעלבער, גריבעס, זעליעס, פאַרשידענע תבואות, סימיע, פעסער און דער רעש איז עד לב השמים. אַרום און אַרום סטראַגאַנעס מיט בגדים, ווינטערדיקע היטלען, אָנגעדיאַכטעוועטע שטיוול, און אַלע קראָמען זענען אָנגע־פּראָפּט מיט מענטשן. ס׳דרייען זיך ציגיינער מיט בייטשן אין די הענט און בייטן אויס דאָרע פערד. ס׳ריטשען חזירים ווען מען רירט זיי אָן. ציגיינערינס לייגן קאָרטן און רעדן, אַזוי ווי מען שיט ארבעס. אַלץ רעדט און שרייט, מען דינגט זיך און מען פּאַטשט אין די הענט. אָט האָט אַ גוי געגנבעט אַ היטל, אָדער אַ פּאָר שטיוול, אָט איז שוין דאָ דער אוריאַדניק און ס׳טראָגן זיך קולות מיט קללות. אָבער אַלץ גייט אַריבער אָן אויפטרייס־לונגען און אַ גאַנץ יאָר איז ווידער שטיל.

זונטיק פאָרן אַריין אין שטעטל די ייִדישע דאָרפישע קרעמער און לידיקן אויס ביי איציק מאירן, ביי משה ברעגמאַן, ביי יאָסל קאַנאַניטש, ביי יוסף גדליה עטעלעס — זייערע זיליעס, גריבעס, טשערניטשעס. אַסיען ברענגען אַריין די דאָרפישע קרעמער טראַנספּאָרטן רויטע יאַגאָדעס אין ווייסע פעסער, וואָס ווערן צוגעשטעלט גלייך צום וואָקזאַל. פאַר די קריסטלעכע יום־טובים איז מער לעבעדיקער און אויך ערב אונדזער פּסח זעט מען אין שטעטל כמעט יעדן טאָג די דאָרפישע יידן פון גאַנצן צעשפּרייטן וואָלאָסט. זיי קומען אויפן מאַרק און כאַפּן זיך אַריין צו די רבנים פאַרקויפן דעם חמץ און געבן זייער חלק אין מעות־חיטים.

אַזוי ווי ווינטער איז דער ברייטער מאַרק באַדעקט מיט שניי אַזוי אין זומער, איז דער מזרח־זייט זאַמדיק. מיר ייִנגלעך שפּילן דאַן דאָרטן אומגעשטערט אין קיסרים אָדער גייען אויף די הענט מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער מלכות פּוילן האָט יענע רחבותדיקע מזרח־זייט איבערגעאַנדערשט — מען האָט דאָרט פאַרפלאַנצט אַ פּאַרק און דער מאַרק איז געבליבן נאָר אין דער מערב־זייט. גלייכצייטיק זענען צוגעקומען נייע גויאישע סטראַגאַנעס אָדער ייִדישע קראָמען זענען אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון גויים. דאַן איז דער מאַרק געוואָרן טומלדיק און ס׳האָבן זיך צעשפּילט בייזע בלוטן, פון פּוילישע און אוקראַיִנישע קרעמער.

אין די צוויי יאָר פון סאָוויעטישער ממשלה האָט דער מאַרק זיין אינהאַלט אָנגעוואָרן, אָבער ס'איז דאָרט רואיק געווען. אונדזערע קינדערלעך און אַלטע לייט האָבן איבערן מאַרק זיכער געטראָטן, קיין בייזע פּאָליאַקן און קיין אויפגעברויזטע אוקראַינער האָבן דאָן נישט געוואָגט מאַכן אַ מאָרדענונג. בעתן אַריינמאַרש פון די היטלעריסטן האָבן קרופּער און בערעסטיער גויים צוזאַמענגעיאָגט אויפן מאַרק די בעסטע יידן פון דאָמב־ראָוויץ אויף אויסצושיסן. ס'איז געשען אַ נס און זיי זענען געבליבן לעבן אויף מאַטער־נישן און יסורים. דער לעצטער טויט־מאַרש צו די סאַרנער גריבער האָט געפירט דורך דעם מערב־זייט פון פיל־הונדערט־יאָריקן יידישן מאַרק.

*

אויף דעם מאַרק האָבן אין די יאָרן 5־1904 פּאַטרולירט יידישע יונגעלייט געקומענע פון מינסקער זעלבסטשוץ, באַוואָפנטע מיט קליינע רעוואָלווערלעך און האַנט־גראַנאַטן. נעכט זענען זיי געזעסן צווישן די קלייטן און געהיט דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם. זיי פלעגן אַריינלויפן צו פייגעלשטיינען אין פּעקאַרניע זיך אָנוואַרעמען און דערקוויקן די הערצער מיט אַ פרישׁ געבעקס.

אין אָנהייב 1918 האָט ביי דוד משהן אויפן מאַרק זיך איינקוואַרטירט דער גענע־ראַל פון דער רוסישער 83־סטער דיוויזיע. ביי וועלפל יונגשטיין אין שטוב איז געווען דער שטאַב, וואָס האָט דעמאָביליזירט די סאָלדאַטן איידער זיי זענען זיך צעלאָפן און געלאָזן אָפן דעם פראָנט פאַר דער דעמאָלטיקער דייטשישער אינוואַזיע אויף אוקראַינע. דאָן האָבן רויבערישע סאָלדאַטן געמאַכט אַן איבערפאַל אויפן מאַרק, בעת טויזנטער גויים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען מיט זעק און מיט קאַלטן געווער און ווינטאָוועקעס, כדי צו ראַבעווען יידיש פאַרמעגן. אָבער דאָן האָבן זיך אָרגאַניזירט די יידן געקומענע פון פראָנט, אויך מיט געווער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קלעס מאַנעס מאיר־דו'דס, און פעלדמאַן יעקב נפתלים, און האָבן געשטעלט אויף דעם ברייטן מאַרק אַ ווידערשטאַנד. די דאָמבראָוויצער יידישער זעלבסטשוץ וואָס האָט זיך אָרגאַ־ניזירט כהרף עין, האָט געצוווּנגען די טויזנטער גויים אנטלויפן ווי צעשראָקענע שעפסן. און אויך די רויבער־סאָלדאַטן האָבן זיך צוריקגעצויגן קיין סעליץ און דאָרטן געהרגעט שמואל סעלצער ז"ל.

אין דער צייט בעת מען האָט געבויט די באַן־ליניע מיטן בריק איבערן טייך האָרין (1884), האָבן די אַרבעטער זיך אָרגאַניזירט, לויט אַלע כללים פון פּאָגראָמשטשיקעס, זיך אַריינגעריסן אין שטעטל און אָנגעהויבן פּלאַנדרעווען די יידישע סטראַגאַנעס אין מאַרק. נאָכדעם ווי זיי האָבן געהרגעט אַ יידישע פרוי האָבן די יידן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פונעם אַ פּאָגראָמשטשיק. די דאָמבראָוויצער איינגעזעסענע גויים זענען געווען פּאַסיוו און; געזעסן אין זייערע הייזער פארשלאָסן. דער פּאָפּ פון דאָרף ווילין, אַן אוהב ישראל, איז דערשינען ביי נאַכט אין שטעטל מיט ווילינער גויים, וואָס האָבן געטראָגן הייליקע בילדער און האָבן דורכגעפירט אַ פּראָצעסיע אויפן מאַרק. דאָס האָט געווירקט אויף די שעפּעלעך פון דער קירכע און ס'איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ בלוטיקער פּאָגראָם.

יעדע משפחה האָט איר חופּה־מאַרש געמאַכט דורך דעם מאַרק — כלי־זמרים און טאַנצנדיקע מחותנתטעס מיט קוילעטשער אין די הענט. אויך לוויות מיט טרויעריקע באַגלייטער און אומעטיקע קולות פון „צדקה תציל ממוות״ האָבן זייער טויטן־מאַרש געמאַכט דורך דעם מאַרק. בעת אַ חשובע לוויה איז דער גאַנצער מאַרק, פון ווינקל ביז ווינקל, געווען באַדעקט מיט מענטשן. פאַרווײנטע ווייבער, מענער מיט געבויגענע קעפּ, אַלץ וויגט זיך פאַרויס, ווי אַ שוואַרצער וואַלד.

אין די צייטן פון וואַלף און פריזיווך האָט זיך אַלץ אָפּגעשפּילט אויפן שטח פון מאַרק. דער אַמאָליקער „חדר מתוקן״ און די ערשטע „תרבות״־שול זענען אויך געווען אויפן שטח פון מאַרק. צוגערייזטע צירקן און קאַראַסעליעס, האָבן זיך אויסגעשפּרייט צווישן די גרענעצן פון ידישן מאַרק.

אויפן ווינקל פון מאַרק, ביי מאַקאַראָווער גאַס, האָבן זיך אין מיינע יאָרן פיר דורות געביטן. דאָ איז געווען אברהמצע דער אָקסן־הענדלער, שוין אין מיינע קינדער־יאָרן אַן אַלטער געשלאָגענער ייד, און שפּעטער זיין זון יודל פּערלשטיין מיט אַן אָנגע־פּראָפּטער קראָם סחורה. דאָ אין דעם גרויסן ווינקל־מויער האָבן זיך געביטן עטלעכע בעלי־בתים. דאָרט האָט געוווינט אשר בעגון, חתונה געמאַכט טעכטער, וואָס וואַנדערן אויס און קלייבן זיך איבער צו זייערע מענער אין צווייטע גאַסן. ר׳ אשרס בן־יחיד יוסף, דער שטילער און גוטער יונגערמאַן, האָט געוווינט אויף דעם אָרט, ביז ער ווערט אַריינגע־צויגן אין יודענראַט און איז מיט זיין משפּחה אומגעקומען צוגלייך ווי די גאַנצע קהילה קדושה.

אין די ערשטע יאָרן פון פּוילנס ממשלה איז אין אַ טיר פון דעם מויער געווען אַ פאַרקויף פון בראָנפן, וואָס האָט געהערט צו ראָניע און טאַניע פּישמאַן. דאָרטן איז אויך געווען אַ פריזערניע פון נידעריטשקן מאָטל סאָסעלעס זון. אויף יענעם צעבערעקלטן פּלאַץ האָט געוווינט אויך וועלוול דיטינקא און זיין פרוי רייזל, ווי אויך די משפחה פון אייזנבערג (דער שוסטער מיט זיין פרוי בריינדל), וואָס האָט שכל געהאַט אין געלויף פון אַרמייען זיך פאַרקלייבן קיין סיביר און שפּעטער געקומען קיין ישראל.

נאָכהער איז אַ פּלאַץ אויף וועלכן ס׳זענען געווען הייזער און אין יעדער טיר אַ מחיה. די פעלדלייטעס האָב דאָ געוווינט, און דאָ זענען אויך געווען צוויי פליש־קראָמען פון אהרן קיכעל און יעקב־עליע דעם מנקרס זון. דאָ האָט אויך געזעסן דער יונג־פאַרשטאָרבענער ר׳ פיניע דער גמרא־מלמד, ביי וועלכן אַלע דאָמבראָוויצער ייִנגלעך האָבן גמרא געלערנט. (זיין פרוי און קינדער האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל). אויף דעם אָרט איז שפּעטער געקומען יאָסל קאַפּלאַן, דעם קעסלערס זון, אים האָט כביכול אַרויסגעריסן אַ לעבעדיקן, אָבער זיין פרוי און קינד זענען אומגעקומען.

איך געדענק נאָך ווען פאַר „זכור ברית״ פלעגן זיך אָפּשטעלן בערעזשניצער חסי־דים ביי יענע הייזער און זאָגן „זכור ברית״ מיט אַזאַ רעש און גבורה, אַז דער מאַרק האָט זיך געטרייסלט און נאָכהער געמאַכט אַ לחיים מיט אַ ריקוד, און זיך געלאָזט צום רבין קיין סטאָלין.

דאָ איז ערשט נישט לאַנג געווען דער מויערל פון ר׳ שלמה גראווער, פון דער משפחה ציגאַרניקעס, וואָס האָט געלעבט אין טרויער און אין שמייכל, אין דחקות און אין רחבות, שטענדיק שני־הפכדיק, אין שאַרפע קאָנטראַסטן, ממש שתי־קצוותדיק. ר׳ שלמה האָט היטלערן אָפּגעטאָן, ער איז צו להכעיס געשטאָרבן נאטירלעך, אָבער זיינע קינדער: שייקע, איציק, חיים, מיט זייערע פרויען און קינדער, האָט היטלער אויסגעשאָכטן.

אַמאָל איז אויף דעם פּלאַץ געשטאַנען אַ גרויסע הילצערנע געביידע מיט אַן אויבער־שטיבל, מיט גרויסע געפּאַרבטע ווייסע פענצטער און שווערע געשניצטע טירן, מיט אַ הויכן גאַנעק, — דאָס האָט געהערט צום דעמאָלטיקן דאָמבראָוויצער גביר אשר סלוצקי. אין מיינע פריסטע קינדער־יאָרן, האָב איך געקלערט, אַז אַזוי האָבן אוודאי אויסגעזען די פּאַלאַצן פון שלמה המלך, געבויט פון ארזי־לבנון, פון ברייטע און לאַנגע געהובלטע ברוסעס. דאָס הויז האָט אָפּגעברענט, אשר סלוצקי איז געוואָרן אויס גביר און זיינע זין זענען אַוועק אין מרחקים. דער פּלאַץ איז פאַרבויט געוואָרן דורך עטלעכע בעלי־בתים: מרדכי קליגון דער איזוואָשטשיק, די משפחה יאָפע, מאַמע מירקע, קינדער חיים און אַהרן, פאָטער אָדער געשטאָרבן אָדער געשאָכטן, געביי פאַרדאָרבן — און חרוב ונחרב.

ווייטער איז געזעסן די משפחה וועליכאָווער, אברהם און פייגל, קינדער, קראָם, פרנסה און חורבן. אין דער צווייזייטיקער הויז, מיט די טשיינעס: פון איין זייט איז געווען טראכטנבערג, אַ משפחה פון צוויי דורות, אַ טייל עולה געווען קיין ארץ־ישראל, אַ טייל געשאָכטן און פאַרפייניקט; פון דער צווייטער זייט איז געווען די משפחה כארפאַק, צוויי דורות, ביז היטלערס שחיטה.

די קראָם פון חסידישן יידן בעריש מיט דער בעזעם־באָרד, אַ קאַרלינער חסיד, און הייזעריקער, אָבער אַ גוטער זינגער פון חסידישע ניגונים — חרוב ונחרב.

די קראָם פון שלמה טענענבוים, פון רודניע, וועמענס קינדער זענען אין ישראל, — נישטאָ קיין קראָם, נישטאָ קיין שלמה.

אָט איז די געמויערטע הויז פון די אהרנזאָנס, ווו באַשיידן און רואיק האָט געפלאָסן דאָס מאַטעריעלע לעבן, אָבער מיט אָפטע טויט־אויפטרייסלונגען. אַלע טייערע ווערט־פולע מענטשן: דער אַלטער ר׳ אהרן, זיין יונג־פאַרשטאָרבענער זון, רחלס מאַן, דער פאָטער פון יונג־פאַרשטאָרבענעם אייניקל לאַזאַר אהרנזאָן; דער צווייטער זון יחיאל, דער אַראָפּברענגער פון די ציוניסטישע אידעען קיין דאָמבראָוויץ און שטאַרק־באַטייליקטער אינעם אויפבוי פון דער „תרבות״־שול, אויך יונג געשטאָרבן; און דאָס רעשטל פון דער משפחה, לאזאר און פרוי, געקוילעטע דורך היטלערן.

איבערן געסל — דער לאַנגער ווינקל־מויער פון משה פליישאָן און מנשה פיוואָוואַז, צוויי דורות משפחות, שטילע ווי טויבן; די טאַטעס אַוועק בדרך כל האדם, דער צווייטער דור האָט טיילווייז אויסגעוואַנדערט און אויך עולה געווען קיין ארץ־ישראל; די איבערגעבליבענע אויפן אָרט זענען צעשאָסן געוואָרן.

יעדע משפחה מיט איר דאגה, אירע זאָרגן, אירע פריידן און ליידן, אירע שמחות

און האָפּענונגען אויף נחת און רואיקע צייטן, אויף באַניאונג פון הסידישע טישן און רביישע באַזוכן. ווער האָט געהאַפט אויף קידמה, אָבער אַזאַ חורבן...

איבערן פאָסט־ווינקל און דאָס מאַרק־געסל, צום מאַרק, איז אַ צוויי־זייטיק מויערל: איין זייט איז איין־שטאָקיק, געוווינט באַוווינט דורך דער שטילער משפחה פון פּיניע שניידער, אַן אַרבעטער און תורה־ייד, אַ מזג־טוב און מעורב עם הבריות. טעכטער און זין האָבן געהאַט פאַרשידענע אידייען: דער בן־יחיד איז געווען פרום, די טעכטער אַר־בעטאַרינס־אַטעאיסטקעס, איינע אין „בונד", די צווייטע אין עקסטרעמען סאָציאַליזם, (זיי האָט היטלער נישט פאַרכאַפּט). ר' פּיניע מיט זיין זון וועלפל זענען אויפן עולם האמת, די טעכטער זענען אין מרחקים. אויף דעם אָרט האָט שפּעטער געוווינט דער פריי־זער ראָזנבערג, ער מיט זיין משפחה זענען אומגעקומען.

די צווייטע זייט פון דעם מויערל איז צוויי־שטאָקיק, האָט געהערט צו ר' שמערל פרענקל, אַ ייד אַ קוועקזילבער, אַ חסיד און אַ פאַרערער פון ציוניזם און אויך אַ כלל־פאַרזאָרגער. אין דעם מויערל איז דער זון אשר און פרוי אומגעקומען, דאָקעגן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, אַ דאַנק דעם ציוניזם און גאָטס רצון, האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. הונדערטער חסידישע משפחות פון שטעטל האָבן געקענט גיין אין די דרכים פון די פרענקעלס, און זענען נישט געגאַנגען. און ס'איז כדאי זיך אָפּצו־שטעלן דאָ ביי ר' שמערל פרענקעל און מאכן א קורצן איבערזיכט איבער אַ געוויסן צייט־אָפּשניט אינעם לעבן פון שטעטלדיקן יידישן ציבור.

די לעצטע פערציק יאָר גלות אחרי גלות (צאר ניקאָליי, פוילן, באָלשעוויקעס און היטלער ימ"ש) איז דאָס יידישע לעבן אין דאָמבראָוויץ, ווי אין אנדערע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, געווען באגלייט מיט איבערפאַלן, פּאָגראָמען און בלוט־פאַרגיסונג. אַפילו אין די ערשטע צוויי „סטאבילע גלותן" האָבן יידן געהאַט אַ שווער לעבן און צרות צרורות. כאָטש לא הרי זה כהרי זה, אָבער הצד השוה שבהן: אַלע מאַכט־האַלטער אויפן אָרט האָבן געזוכט סיבות צו קענען פאַרביטערן אונדז די יאָרן. יידן זאָגן, אַז גאָט גיט די רפואה פאַר דער מכה, זענען טאַקע אין אַלע דריי ערשטע גלותן געווען יידן אנשי־מעשה, שעמדו בפני הרשעים און האָבן געהאַט השפעה אויף די פּריסטאַוועס, אוראַדניקעס, אַקציזניקעס, טשינאָווניקעס, סטאַראָסטעס קאָמענדאַנטן. מען איז צו זיי געלאָפן און פאַרגלעט אָדער געצוימט די אויפגעבראַוזטע גאווה.

אין גלות ניקאָליי זענען עס געווען די שתדלנים: ר' מיכל קראַצמאַן (פון קריוויץ), ר' איציל קראַצמאַן (וואָס איז געזעסן אין פּליאַנט), ר' ישראל באַרזוך און ר' מאָטל אייזנבערג. בימי גלות פוילן איז געווען דער „סוחרים־פאַריין", אין וועלכן ר' שמערל פרענקל איז געווען דער וואָס האָט פאַרגלעט די יידישע צרות און פיל מאָל אָפּגע־שריען ליציטאַציעס אויף יידישע מטלטלים פאַר שטייערן, אָדער מבטל געמאַכט ראַ־פּאָרטן אין דער פּאָליציי, אָדער אויסגעגליכט ענינים אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. די שתדלנים און מתקנים האָבן געמוזט שטיין אויף אַ געהעריקער הויך כדי צו קענען זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם פּעקל יידישע צרות, פון כלל ופרט, זיך איבערנעמען מיט

יידישער פיין און טאָן זייערע מעשים פאַרזיכטיק און ריין, אַז מען זאָל חלילה נישט קענען זאָגן אויף זיי — „משיב חכמים אחור ודעתם יסכל״.

איך זע נאָך איצט ווי ר׳ שמערל פרענקעל לויפט אַדורך דעם מאַרק אײלנדיק צו דער באַן אָדער צו דער סטאָלינער שטיבל, אָדער טאַקע צום קאָמענדאַנט און אפשר צום ראַטהויז. ער האָט זיך געהאַלטן אַביסל אויסגעבויגן פאָרויס, און אויך האַלב אין אַ זייט, סיי זומער, סיי ווינטער אויפן קאָפּ די האַרטע הוט, אַביסל גערוקט צוריק, די אויגן פערטל־זייטיק, שטענדיק פאַרטראַכט, — הכלל ער לויפט, ווייל ידו בכול. אָבער שמחת־תורה און אויך ווען דער רבי איז אין שטעטל, איז ר׳ שמערל געווען דער טענ־צער און ניגונים־זינגער, דער שטיפער און פריילעך־מאַכער ביי די חסידים. דאַקעגן ראש־השנה און יום־כיפור איז ער געווען פאַרקלערט און בלויז אונטערגעברומט צום טאַקט דעם בעל־תפילהס אלטע ניגונים און נוסח, אָדער אונטערגעכאַפּט די נייע ניגונים און מאַרשן, אַלץ האַלב־הייזעריק.

גאָר אַקטיוו איז ר׳ שמערל געווען ביי וואַלן אָדער נאָמינירן פון גבאים און שמשים, צו דער קארלינער חברה־קדישא. דאָ האָט מען פיל אַריינגערעדט, ווייל ס׳איז דאָך געווען אַ מחלוקת לשם שמים — בערעזנער חסידים האָבן דאָך אויך אַן אייגענע חברה־קדישא. בנוגע דער שחיטה, וואָס איז הונדערט און פופציק יאָר געווען אין די הענט פון קאַרלינער חסידים, האָבן בימי ר׳ שמערל די בערעזנער און טריסקער גע־מאַכט אַן איבערפּאַל און אָפּגעריסן אַ שטיק זייט. הכלל, ר׳ שמערל איז געווען אומעטום גוט פאַרטראָטן און האָט געהאַט פיל עסקנות, אויך אין די בענק האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן. ס׳האָט געטראָפן, אַז מיין פאָטער ר׳ חיים דובער האָט געהאַט צו צאָלן אַ נאָכ־נאָמע אויף מאַשינעס פון לעמבערג, דורכן באַנק אין דאָמבראָוויץ, און קיין געלט איז ביים טאָטן אין שטוב נישט געווען. האָט ר׳ שמערל דאָס מסדר געווען אין וועקסלען און די מכשירים זענען באַפרייט געוואָרן.

אויך מוז דאָך אַ ייד מעיין זיין אין אַ ספר, ווי לופט צום אָטעמען, בפרט אַז מען איז אַ יודע ספר, אויך דאַווענען בציבור, זיך באַטייליקן אין אַ יומא־דפּגרא, אַ הילולא פון צדיקים, וואָס זענען אין עולם האמת, ווען ביי פּיצימאָגינקע גלעזעלעך ווערט גע־רעדט תורה בשמם, ווערן דערציילט סיפּורים לשמם, — ביי דעם אַלעמען איז געווען ר׳ שמערל אַ משתתף און פלעגט אַריינזיצן ביזן סוף, ווייל אין שטוב און אין קראָם האָט ער געהאַט אויף וועמען זיך סומך זיין: זיין פרוי מלכה, נחמה מנישקעס טאָכטער, איז געווען אַן אשת חייל, און האָט געפירט די שניט־קראָם און הויז־ווירטשאַפט מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ר׳ שמערל פרענקעל האָט געהאַט אַ האַנט אין אַלע מגביות לצרכי־ציבור אין שטעטל, און ס׳איז וועגן דעם אַרומגעגאַנגען אַן אינטערעסאַנטע מעשה. געווען איז עס אין יאָר 1918, אין דאָמבראָוויץ האָט זיך צוגעשלאָגן אַ יונגער מיליטער־מאַן, אַ ייד פון די פּוילישע חיילות, וואָס צוליב זיין הויכן וווּקס, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „שבת הגדול״, און ער איז געבליבן אַ תושב אין שטעטל. איינמאָל האָט מען אים גע־פרעגט: דו ביסט געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין לאָדזש, אויך ביסט נישט פון די

וואָס היטן די „מנחה גדולה", אַ פּוילישער פּאַטריאָט ביסטו ומעשיך יוכיחו, טאָ וואָס־זשע האָסטו זיך באַזעצט אין אַ וואָלינער שטעטל דאָמבראָוויץ? און דער ענטפער איז געווען: נאָך זייענדיק אין פּוילישן מונדיר, אין צייט פון מלחמה־אָפּעראַציעס, האָב איך געטראָפן ביי אייך אין גאַס צוויי יידן מיט בערד, וואָס האָבן געזונגען און געטאַנצט און אַזוי אַרום געקליבן מעות־חטים פאַר אָרעמע אויף פּסח. דאָס זענען געווען שמערל פרענקעל און פאַרפלמאַזע (דער גערופענער „יאַפּאַניעץ"), וואָס צוליב זיי האָב איך זיך אומגעקערט נאָך דער מלחמה צו אייך אין שטעטל און באַשלאָסן זיך דאָ צו באַזעצן.

אונטערן שלטון פון ממשלת פּוילן, זייענדיק א שתדלן, האָט מען געקענט זיך אַריינרוקן אין גרויסע סכנות. איינמאָל איז טאַקע ר׳ שמערל אַריינגעפאַלן אין אַזאַ סכנה: פּוילישע אָפיצירן האָבן אים צוגעשטעלט צום וואַנט אויף שיסן. אין שטעטל איז געוואָרן אַ רעש, אָבער איידער וואָס זענען אָנגעלאָפן דעם שכנס צוויי טעכטער, דבורה און רחל בנות ר׳ משה שיינמאַן, און מיט זייערע קערפּערס פאַרשטעלט ר׳ שמערלען. די קולות מיטן טומל האָבן אָפּגעשראָקן די אָפיצירן פון דער דאַן אָפּטרעטנ־דער פּוילישער אַרמיי, און ר׳ שמערל איז אַרויס גאַנץ פון דער סכנה.

און זאָל נאָך געזאָגט ווערן לשבחו פון ר׳ שמערל פרענקעל, אַז זייענדיק שטענדיק מעורב מיט די קאַרלינער חסידים אין שטיבל, ווו די ציוניסטישע ארץ־ישראל איז געווען שווארץ רעקאָמענדירט, זענען דווקא ר׳ שמערלס קינדער געווען פאַרטראָטן אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַר ארץ־ישראל. ס׳איז אונטערגעקומען די צייט ווען טאַטע־מאַמע און אַלע בני־בית האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל, בלויז איין זון אשר ז"ל איז געבליבן ליקווידירן די גלות־ווירטשאַפט און היטלערס האַנט האָט אים דערגרייכט.

אין ארץ־ישראל האָט ווידער אַמאָל זיין אשת־חייל מלכה, נחמה־נישקעס טאָכטער, זיך געשטעלט פירן דאָס הויז און די מכולת־קראָם, בעת ר׳ שמערל האָט אויך אין תל־אביב געפונען א פעלד פאר געזעלשאפטלעכער עסקנות. ס׳זענען אויך דאָ פאַראַן קאַרלינער חסידים צום פאַראייניקן און צום געבן אַ שטויס פאָרויס. מען האָט געבויט אַ בית־המדרש, ס׳זענען פאַראַן קהילה־ענינים, בוררותן בין אדם לחברו א"א חשובע ענינים. ווידער איז ר׳ שמערל דאָ געווען ידו בכול, אָבער, לײַדער גאָר פרי „שבק חיים לכל חי". ער האָט געפונען זיין אייביקע רו אויפן תל־אביבער הייליקן אָרט.

יהי זכרו ברוך!

בלייבן אָדער פאַרלאָזן דאָס היימשטעטל

נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג, האָט אַ גרופּע פון דער דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה גלייך פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע ערד און זיך דערלאַנגט קיין ארץ־ישראל (דער זקן־החבורה ר׳ יוסף ב"ר ברוך פעטשעניק האָט נישט זוכה געווען דערצו, ער איז געשטאָרבן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל). צו יענער צייט האָבן אַנדערע ביים לעבן־פאַרבליבענע

דאָמבראָוויצער בלויז זיך צוריקגעקערט פון אַלע טיילן סאָוויעט־רוסלאַנד אין זייער היים־שטעטל און האָבן אָפט צווישן זיך דיסקוטירט איבער דער פּראַגע: בלייבן דאָ, אָדער גיין דעם וועג פון די איבנדערמאַנטע? פאַרשידן זענען געווען די מיינונגען און פאַרשידן איז געווען די אַרגומענטאַציע, הן פון די וואָס האָבן געטענהט „דאָ בלייבן", און הן פון יענע, וואָס האָבן גערופן „גיין קיין ארץ־ישראל".

מיר האָבן נאָך דאַן געגלויבט, אַז די סאָוויעטישע זיגרייכע מאַכט וועט אַלע מערדער־קעפּ אויפהענגען אויף תליות און אַלע מערדער־הענט פאַרשמידן אין קייטן. אַזוי אַרום, האָט מען געטראַכט, איז דער חוב פון דער שארית־הפליטה דאָ צו פאַרבלייבן, בכדי עדות־זאָגן וועגן די בלוטיקע מעשים איבער דעם אויסגעהרגעטן יידישן דאָמבראָוויץ און אָפּהיטן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכע דערפאַר זאָלן זייער שטראָף באַקומען.

און זאָל טאַקע פאַרצייכנט ווערן דער פאָלגנדיקער פאַקט, וואָס ס'האָט מיר דער־ציילט י. פישמאַן, כאָטש דאָס איז פאָרגעקומען שוין שפּעטער, אין יאָר 1953.

„דער דעמאָלטיקער נאַטשאַלניק פון נ.ק.ג.ד. האָט מיטגענומען נפתלי קאַפּלאַן, דעם פאָטאָגראַף פון שטעטל, און מיט אים אַוועק אויפן נייעם בית־הקברות, דאָרט האָבן גויים אויפגעגראָבן די צוויי מאַסן־קברים. ווען דער ריח פון די דערהרגעטע האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פילן און די דאָמבראָוויצער גויים האָבן מער נישט געוואָלט גראָבן, האָט דער נאַטשאַלניק צו זיי געזאָגט: איר האָט געקענט מאָרדן און באַגראָבן, דאַרפט איר אויך קענען אויפגראָבן. דער פאָטאָגראַף האָט געמאַכט בילדער פון די אַרויסגענו־מענע גופים און דאַן איז פון אַ בגד אַרויסגעפאַלן דער פּאַספּאָרט פון בנימין שוואַרטוך...

די ביינער האָט מען צוריק אַריינגעלייגט און פאַרשאָטן. ווען מען האָט געפרעגט, צוליב וואָס האָט מען אויפגערודערט די קדושים־ביינער, האָט מען געענטפערט אַז דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געוועזענעם אוקראַינישן קאָמענדאַנט, וואָס האָט אָרגאַניזירט די שחיטה אין יאָר 1942, וועלכן מען האָט געכאַפּט אין מערב־דייטשלאַנד. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז ער געווען אַ שפּיאָן אין דעם אַמאָליקן פּוילן (געקענט פיל שפּראַכן). ווען מען האָט אים געפאַקט און געבראַכט קיין ראָוונע, האָט ער לכתחילה געטענהט, אַז ער איז גאָר אַ ייד, והראיה, ער רעדט יידיש און אַפילו עברית. אברהמל ניימאַן איז געפאָרן קיין ראָוונע, האָט אים דערקענט און דעמאַסקירט זיין אמתן פּרצוף. אין רעזולטאַט פון דעם עדות־זאָגן איז דער מערדער געגאַנגען אויף דער תליה".

זאָלן מיר זיך אומקערן צו דער דיסקוסיע וועגן בלייבן אָדער פאַרלאָזן דאָס היים־שטעטל, וויסנדיק, אַז „פאַרלאָזן" הייסט זוכן דעם וועג קיין ארץ־ישראל. דאָ זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט דעם חשבון, אַז סייווי איז במשך פון דורות קיין רו נישט געווען פאַר יידן, אַפילו אין דעם „יידישן לענדעלע" — היות ווי דאָס לאַנד איז דאָך אויסגעשטעלט אויף פּורעניות פון די אַרומיקע שכנים, די שכינה אַליין איז נאָך בגלותא, די אַנטיסעמיטישע וועלט וועט נישט דערלאָזן, אַז יידן זאָלן זיך אַנטוויקלען אין זייער אויסגעבענקט היימיש לאַנד...

די טייערע יידן פון וועלכע איך האָב גענומען אָפּשייד, בכדי זיך צו דערשלאָגן צום

אויסגעבענקטן הייליקן לאַנד האָבן בעת אונדזער געזעגענען זיך גאַר ברייט אַרומגערעדט די לעצטע צוויי דורות פון יידיש לעבן אין דאָמבראָוויץ. אין זייער זיכרון האָבן אויפסניי אויפגעלעבט די בילדער פון יענע צייטן ווען שליחים פון די צאַרישע גובערנאַטאָרן האָבן אין פראַסטיקע נעכט אַריינגעפירט פון אַרומיקע דערפער און אַרויסגעשליידערט אין מיטן מאַרק פון שטעטל גרופּעס זקנים און זקנות, מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, דערשלאָגענע יונגעלייט — די אַרויסגעיאָגטע פון זייערע נעסטן אין די היים־דערפער. מיר האָבן אַרויסבאַקומען פון זיכרון די בילדלעך פונעם בלוט־באַד, וואָס די צאַרישע אָפּריטשניקעס האָבן דורכגעפירט איבער די יידן אין די יאָרן 1903—1906. מיר האָבן דערמאָנט די יאָרן 1917—1921, ווען די מכלומרשטע רעטער פון רוסלאַנד, באַוואָנפטע מיטן געווער פון אויסלענדישע גרויסמאַכטן (די אַ״ג „„אינטערווענץ״) האָבן געמאָרדעט יידן.

מיר האָבן געזען די באַנייאונג פון פריצישן פּוילן, מיר ווייסן, אַז אין פּינסק, ווילנע, לידע, לבוב א״אַ שטעט האָט זיך דאַן געגאָסן יידיש בלוט, און די בלוט־באַד האָט דאָמבראָוויץ אויך נישט אויסגעמיטן. בערל שפּיראָס ברודער, יעקב־הערש זאַלאַטאַיערס זון, דאַדל פּויזנערס זון, ישראל יאַסינעצערס זון, און נאָך יידן זענען דעמאָלט אַן אַ פּאַר וואָס צוגעשטעלט געוואָרן צום וואַנט, צום בוים, און דערשאָסן געוואָרן (אין בעסטן פּאַל האָט מען זיך באַנוגנט מיט אַרויסשלעפּן יידן אין מאַרק, אַנטקעגן דעם קאָשטשאָל, און פאַרשמיסן ביז בלוט). מיר האָבן געזען די געהאַנגענע יידן וואָס די שותפים פון פּוילנס באַפרייאונג, די באַלאַכאָווצעס, האָבן אויפגעהאַנגען אין די דערפער און שטעטלעך פון גאַנץ פּאָלעסיע.

אָבער מיר האָבן אויך געדענקט, אַז פּאַראַלעל צו אָט די מערדער־באַנדעס, אָדער נאָך זיי, איז געגאַנגען די רויטע אַרמיי, וואָס איז דאַן אָפּגעגאַנגען אין בלוט, און אין וועלכער ס׳זענען דאַן געווען אויך קעמפער פון דער יידישער יוגנט פון דאָמבראָוויץ. אַ טייל פון די דאָזיקע דאָמבראָוויצער יוגנטלעכע איז געפאַלן אין קאַמף בעתן פאַריאָגן די אַלע באַנדעס. כאָטש די רויטע אַרמיי איז בלויז אַריין אין דאָמבראָוויץ, אַרויס און ווידער אַריין, דאָך האָט דאָס פאַרמינערט די צאָל קרבנות פון דער יידישער באַפעלקע־רונג. מ׳דאַרף פאַרצייכנען, אַז יענער פעריאָד (1917—1921) פון דער רויטער אַרמיי איז אַריבער אָן אויפטרייסלונגען, אָן שרעק, אָן אויסטיילן יידן צום שלעכטן, אָן פאַר־פאָלגונגען. אין יענעם פעריאָד פונעם לאַנגן גלות, איז דער דאָמבראָוויצער ייד רואיק געשלאָפן, געהאַט וואָס צום עסן, געווען מיט אַלעמען גלייך אין אַרבעט, די קינדער גלייך מיט אַלעמענס קינדער — דאָס אַלץ אין זכות פון נייעם רעזשים און אין זכות פון די יידישע שטעטלדיקע בחורים, וואָס זענען געשטאַנען בראש.

די נאָר־וואָס דערמאָנטע פאַקטן, האָבן געדינט אַלס אַרגומענטאַציע פאַר „בלייבן אויפן אָרט״ בעת די דיסקוסיעס צווישן דער דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה.

ה. דער הייליקער ניגון

במשך די 25 דורות פון אַפריכטן גלות אין דאַמבראַוויץ, לענג אויס דעם פיינלעכן דערנער־וועג, האָט דאָך אַ ליכטיקער שטראַל באַלויכטן אַ סך טרויעריקע דערשיינונגען, געוואַרעמט און געגעבן כוח צו ליידן, און זיין פאַרפּאַנצערט אין יידישער אייגנאַרטיקייט. דער שטראַל איז געווען אַ פילפאַרביקער, ווייל אויף דער יידישער גאַס האָבן פיל גייסטיקע פאַקטאָרן געפורעמט דאָס יידישע לעבן און אין אונדזער דור זענען אַלע פאַרטייען געווען דערציעריש.

פון „מזרחי" ביזן „בונד" — אַלע האָבן אויסגעגלייכט אַ ביסל דעם יידישן געבויגענעם רוקן. אַלע האָבן געבראַכט פּרעלעגענטן, וואָס האָבן אויפגעקלערט אונדזער פּראָבלעמאַטיק, געשמועסט וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם. דער עם־הספר האָט תורה געלערנט, תהילים געזאָגט, יידיש און עברית געלייענט, זיך געגריבלט אין פרעמדע ליטעראַטורן, געלייענט די טעגלעכע פּרעסע. אָבער ביזן אַנהויב פון בלוטיקן 20סטן יאָרהונדערט, האָבן דורות יידן זייער יניקה געצויגן נאָר פון די מקורותדיקע תורה־אוצרות און די לעצטע אַכט דורות האָבן זיך טעגלעך ממש געטובלט אין חסידות.

חסידישע ניגונים האָבן געהאַט השפעה אויף אַלעמען, הייליקע ניגונים האָבן אַלעמען באַגייסטערט, און דאַמבראַוויצער חסידים האָבן געהאַט עטלעכע הייליקע ניגונים. דער ניגון פון ר' אשר „דעם גרויסן" פלעגט געזונגען ווערן „אליהוס" בעת אויסערגעוויינלעכע מלווה־מלכהס, ווען אַלע פלעגן זיך אַ הייב־טאָן ממש צו גילוי אליהו. דעם הייליקן ניגון פון בית־אהרן פלעגט דאָס גאַנצע שטיבל חסידים זינגען צו שלוש־סעודות מיט גבורה: „יה אכסף נועם שבת", אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּשטויסן די אָנקומענדיקע וואָכעדיקייט. די בעל־שמסקע יחוס־ניגונים אין יום־הקדוש, צום „אדון עולם", פלעגט דער אַלטער אליעזר אַזוי התלהבותדיק אויסמייסטרעווען, אַז בעתן זינגען פלעגן די מתפללים זעען דעם אָפענעם הימל און זיך ממש פאַרגיין אין זעלבסטפאַרגעסן.

מיין גמרא־רבי פון דאָרף ריין, רבי מאיר־זיסיע כאָמסקי, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט קאָברינער און סטאָלינער חסידות, האָט געהאַט ח"י (אַכצן) הייליקע ניגונים (אין שמחת־תורה פלעגט ער באַנוצן פינף ניגונים אַנטקעגן חמישה חומשי תורה, ער פלעגט אָנהייבן מיט „ועל הכל יתגדל" און ענדיקן מוצאי־חג מיט „אני מאמין"). ל"ג בעומר, אין דאָרף דובע, בעתן באַזוך פון קאַרלינער רבי, פלעגט זינגען ר' זעליג טשערניאַק פון וולאָדימערעץ מיט אַ הייליקן ניגון „רבי שמעון בר יוחאי" און צוואַנציק מניינים יידן זענען מיטגעריסן געוואָרן אין התפעלות צו יענעם וויטן עבר...

שמחת־תורה אין „„טריסקער שילעכל" פלעגט יוחנן שרייען צו זיין ברודער יאָסל: „טאַ־טאַ זינג שוין דעם הייליקן ניגון", און עקסטאַז האָט נישט געפעלט. אין דעם בערעזנער בית־המדרש בעת אַ הילולא פלעגן נחמן פעלד מיט איציק־מאירן, פאַרציען אַ הייליקן ניגון און גלייך ווערן אונטערגעכאַפּט דורך די פּראַצאַוויטע: בעריל דער גלעזער, שמואל דער גלעזער, אברהם דער בעל־עגלה. אַלע פלעגן פאַרציען דעם ניגון, וואָס

ר׳ נחומצ׳ה האָט איבערגענומען פון זיינע פאָרגייער — דער הייליקער ניגון פון בערעזנער טישן.

אָבער איך וויל צוקומען צום לעצטן הייליקן ניגון מיט וועלכן דער דור פון אומקום האָט זיך געקוויקט צוויי צענדליק יאָרן. און איך קער זיך צוריק צו אַ געוויסן שבת, ווען אין ביידע חסידישע סטאָלינער שטיבלעך האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער רבי דאַרף קומען קיין דאָמבראָוויץ אויף דעם קומענדיקן שבת. מיר חדר־ייִנגלעך האָבן דאָס דערפילט, ווען אונדזער רבי פון חדר, ר׳ שלמה־חיים (דער חדר איז געווען ביי משה כאַראַדאַטש אין שטוב, עק שול־גאַס), האָט אונדז געגומען מזרז זיין, אַז די שווערע רש״יס זאָלן מיר אויסלערנען ביז דינסטיק ווייל מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק דאַרף מען גיין צו משה־הערשס מויער מקבל־פּנים זיין דעם רבין. אַזוי איז טאַקע געווען: דעם קומענדיקן דאָנערשטיק האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער עדה, וואָס האָט זיך באַוועגט טיף אין דער וואָראָבינער־גאַס אַזש ביז צו דער סוקעננע. ביי אַלעמען האָבן געשיינט די פּנימער בעת מען האָט זיך געשפּאַרט אַרום דער אָנגעקומענער קאַרעטע, פון וועלכער ס׳האָט אַרויסגעשיינט דאָס רביאישע געשטאַלט. צווישן די געקו־מענע באַגלייטער איז אויך געווען ר׳ יאַנקל טעלעכאַנער, דער רבייאישער הויף־זינגער און שעפער פון חסידישע ניגונים, ווען דאָמבראָוויצער חסידים האָבן אַרומגערינגלט מיט פרייד, וויסנדיק, אַז ס׳וועט שוין זיין אַ פריילעכער שבת.

פרייטיק־צו־נאַכט אין שטיבל זענען דעם רבינס טישן געווען באַזעצט מיט חסידים, פון וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעטיילט אַ דריי מניינים זקנים נאָכפאָרערס צום בית־אהרן, און מיין זיידע בתוכם. דאָס שטיבל איז געווען אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן, אויך די עזרת־נשים איז פול געווען מיט פרויען, און דער פּאָליש איז געווען פול. אין אַלע יוינקעלעך פון שטיבל האָבן גרופּקעס חסידים געזונגען פרישע ניגונים ביז ס׳ווערט אַ באַוועגונג — מען פירט דעם רבין צום טיש. נאָכן רבינס באַשיידענעם קידוש, נאָך די שיריים, האָבן זיך גענומען פלעכטן די ערשטע זמירות, געזונגענע דורך מנחם דעם חזן, מיט חדווה און השתפכות־הנפש. נאָך דעם מיושבדיקן שמועס פון רבין מיט די טיש־זיצערס, האָט זיך דערהערט אַ שפּאָגל־נייער ניגון פון יאַנקל טעלעכאַנער: „מה ידידות מנוחתך״, מיט אַזויפיל מתיקות און השפעה אויף דער עדה, אַז אַלע זענען צוגעשמידט געוואָרן צו די ערטער. אין אַלעמענס אויגן זענען אויפגעפלאַמט געוואָרן ליכטיקע פייערלעך, אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אויסגעגאָסן אַ פרייד, און ביי די ווערטער „מעין עולם הבא יום שבת מנוחה״ האָט דער עולם זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ מעכטיקן טאַנץ.

דאָמבראָוויצער חסידים האָבן יאָרן געזונגען יאַנקל טעלעכאַנערס ניגונים מיט האַרץ און השתפכות הנפש. צו די שלוש־סעודותן פלעגן מיין טאַטנס שבתדיקע טישן ווערן באַזונגען מיט יאַנקל טעלעכאַנערס ניגונים. אויך אין ארץ־ישראל, אין שבת־מברכים, זינגען קאַרלינער חסידים דעם „יחדשהו״ מיט טעלעכאַנערס ניגון. בלאָנקענ־דיק אין חורבן־צייט איבערן וואַלד האָבן יידן געמורמלט שטיקלעך פון זיינע ניגונים

און פלעגן ווערן רואיקער. און ווען דעם 9־טן מאַי 1945 האָבן די האַלב־וויסטע רוסישע ערד־שטחים און שטעט געיובלט זייער נצחון איבערן דייטש, האָט אַ קליינער איבער־בלייב פון פּאַליעסער ידנטום ווייַנענדיק געברומט געוויסע שטיקלעך פון יאַנקלס ניגונים, וואָס זענען אַזוי האַרציק און טרויעריק.

יאַנקל טעלעכאַנער איז געשטאָרבן, דער רבי דער גערופענער ינוקא הקדוש איז נסתלק געוואָרן, אָבער זיינע קינדער־צדיקים האָבן ווייטער געפירט ראַביסטוואָ איבער וואָלין און פּאָלעסיע און אין אויסערגעוויינלעכע יומא־דפגראס האָט מען ווידער געזונ־גען אַ הייליקן ניגון וואָס הייבט די נשמה און זעגט דאָס האַרץ. וועגן דער הייליקייט פון ניגון זענען אַרומגעגאַנגען פיל ווערסיעס, אָבער דער געקווילעטער דור האָט געזונגען דעם ניגון און אויך איצט אין ישראל זינגען מיר אָט דעם ניגון, ווייל דאָס לעבעדיקע דאָמבראָוויץ האָט דעם ניגון געזונגען. זינגענדיק שבועות אין סערניק האָט דאָרט מאיר מיט שלום׳ען געזונגען דעם ניגון. אין קאַרלין ביים רבינס טיש, צום יאָרצייט פון ר׳ אהרן הגדול, האָט מען דעם ניגון געזונגען. אין לוצק ביים רבין ר׳ יוחנצ׳הן, אין וואַרשע אין דעם קאַרלינער שטיבל, מעבר לים אין אַמעריקע, אומעטום האָט מען דעם ניגון געזונגען מיטן זעלבן עקסטאַז. נאָכן קריג, אין לאַגער פערנוואַלד (דייטשלאַנד) ווו די שארית־הפליטה האָט געמאַכט אַ צייטווייליקע סטאַנציע ,איז צווישן אונדז געווען אַ ייד, וואָס האָט דעם ניגון געדענקט און געזונגען. דאָס איז געווען דער איינציק פאַר־בליבענער רב פון אַלע וואָלינער רבנים, דער קלעסאָוועער רב ר׳ משה־הערש וולאַדימירסקי.

י. בן־זכאי, דער קענער פון אַלע געשעענישן אין סטאָלינער הויף, באַשרייבט דעם מקור פון הייליקן ניגון און דערציילט די פאָלגנדיקע פּרטים.

ווען דער „נעים זמירות" פון ינוקא הקדוש, ר׳ יאַנקל באַלהושער איז געשטאָרבן, האָט אַ טרויער באַהערשט די עדה, ס׳האָט אויפגעהערט דאָס געזאַנג און ס׳האָט אַראָפּ־גענידערט אַ שטערונג ביי יעדער יידישער שמחה. אין אַ צייט אַרום, ווען דער סטאָלינער רבי איז געווען אין קוידענאָוו ביים רבין צו אַ שמחה פון אַ בר־מצווה, האָט ער געהערט ווי די קוידענאָווער זינגען דעם „קשר תפילין". ווערט דער סטאָלינער רבי שטאַרק צוגעבונדן צום ניגון און זאָגט צום קוידענאָווער רבי: איר באַזיצט אַ וווּנדערבאַרן כלי־געזאַנג, באַרגט מיר אויס אייער כלי, ווייל אונדזער כלי איז צעבראָכן געוואָרן. זאָגט דער קוידענאָווער צדיק דעם סטאָלינער רבין: איר פאַרלאַנגט פון מיר צו פיל, ווייל ווי קענען מיר בלייבן אָן אונדזער „נעים זמירות"; אָבער אין מסרבין לאושפיזין קדושין, לכן וועלן מיר טיילן אזוי, אַז פון ל״ג בעומר ביז איסרו חג סוכות זאָל ר׳ יאַנקל טעלע־כאַנער זיין אין אייער מחנה, אָבער צומאָרגנס נאָך שמחת־תורה דאַרף ער זיין דאָ ביי אונדז אויף זיין פּאָסטן.

אין סטאָלינער הויף זענען געוואָרן אויסגעטיילט חדרים פאַר יאַנקל טעלעכאַנער מיט זיינע דריי משוררים. ר׳ יאַנקל איז זיך דאָרט מתייחד אין די צימערן מיטן עולם הניגון און באַקומט אַרויס די קלאַנגען און זילבן. ווען דער ערשטער פאַל ווערט ביי אים רייף רופט ער צו זיך זיין משורר ר׳ נאָטע ב״ר אשר באַלאָהושער. ער, ר׳ יאַנקל,

זינגט בקול דממה דקה, זיס און האַרציק, און ר׳ נאָטע יעננו בקול. און ווען פון עולם השירה האָט ער אַרויסגעצויגן נאָך אַ פּאַל, דאַן רופט ער צו זיך דעם צווייטן משורר ר׳ מיכל זינגער, קרעכצט אויס דעם צווייטן פאַל און ר׳ מיכל יעננו בקול. און ווען ב״ה ס׳איז שוין פאַרטיק ביי ר׳ יאַנקל טעלעכאַנער דער דריטער פאַל, רופט ער צו זיך דעם דריטן משורר ר׳ יצחק, זינגט שטיל מיט רגש און ר׳ יצחק יעננו בקול. און ווען תם ונשלם שבח לאל בורא עולם, ווען אַלע דריי פאַלן זענען שוין באַארבעט, דאַן זינגען אויס אַלע מיט איין מאָל אַזוי, אַז דער קול גייט ממעמקים למעלה, ביז דער רבי גייט אַראָפּ מיט זיין פידל און פלעכט זיך אַריין מיט זיין באַגלייטונג אין דעם גאַנצן אַרום, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט געזאַנג, און כל הנשמה תהלל יה!

אַזוי גייען צייטן פון ל״ג בעומר ביז שבועות, אַ נייער ניגון ווערט געבוירן פאַר „יה אלי״ אויף שבועות, און ביז ראש־השנה אַ צווייטער ניגון פאַר „היום הרת עולם״. און ס׳האָט געטראָפן, אַז אויף ר׳ יאַנקל טעלעכאַנער האָט גערוט אַן אויסערגעוויינלעכע דערוואַכונג, לויטן חסידישן אויסדרוק, פון „הוד שבהוד״ ביז „מלכות שבמלכות״, אַזוי אַז פון ל״ג בעומר ביז שבועות האָבן ר׳ יעקב מיט זיינע דריי מיטהעלפער, אין באַגלייטונג פון דעם רבינס פידל, געשאַפן ביידע ניגונים מיט אַמאָל.

שבועות איז זיך צונויפגעפאָרן אַ מענגע מיט חסידים און אין סטאָלינער גרויסער שול האָט מען זיך געגרייט צו הערן דעם נייעם ניגון וואָס ר׳ יאַנקל טעלעכאַנער מיט זיינע משוררים וועלן זינגען, דעם ניגון פון „יה אלי וגואלי אתייצבה לקראתך״. דער רבי שטייט רעכטס פון דעם אָרון קודש, און זיין גאַנצע פמליא פון דער לינקער זייט. אַלעמענס אויגן און הערצער זענען געווענדעט צום בעלעמער ווו ר׳ יאַנקל מיט זיינע דריי משוררים דאַרפן אָנהייבן זינגען. פּלוצלינג רופט זיך אָן דער רבי: ר׳ יאַנקל, זע, פאַרבייט נישט די יוצרות פון די ניגונים. דער עולם איז איבעררעאַשט, ווייל ווען ר׳ יאַנקל הייבט אָן זינגען „יה אלי״ קריכן טאַקע זיינע משוררים אַראָפּ פון וועג און כאַפּן גאָר אונטער מיטן ניגון פון „היום הרת עולם״. שרייט אויס דער רבי: אַ דורכ־פאַל, ר׳ יאַנקל! אָבער די משוררים זענען ממשיך דעם טרויעריקן ניגון פון „היום״...

אַ טרויער האָט באַהערשט די מתפללים, און אַלע האָבן געפילט אַז ס׳איז נישט קיין גוטער סימן. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ווערט ר׳ יאַנקל טעלעכאַנער קראַנק, און ליגנדיק אין שפּיטאָל האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט ער זיך פּלוצלינג געשטאַרקט און שטילינקע־זיס אויסגעזונגען האַרציק מיטן ריכטיקן ניגון דעם „יה אלי אתייצבה לקראתך״ און מיט דעם דאָזיקן געזאַנג האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

אין דעם קומענדיקן ראש־השנה האָט מען געזונגען די „היום״ס מיטן ריכטיקן ניגון פון ר׳ יאַנקלס יציאת־נשמה, דער ניגון פון „יה אלי אתייצבה לקראתך״. אַזוי אַרום איז צו די ח״י הייליקע ניגונים צוגעקומען נאָך אַ הייליקער ניגון מיט וועלכן אונדזערע הייליקע טאַטעס האָבן זיך געקוויקט ביז זייערע הייליקע נשמות האָבן דערטראָגן צום כסא הכבוד דעם „יה אלי אתייצבה לקראתך״...

מנשה אונגער

דער רבי זאָגט ווידוי מיט יידן ביי די קברים

די דאָזיקע באַשרייבונג איז דערשינען אין דעם ניו־יאָרקער „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" (דעם 9טן אויגוסט 1959) און מיר ברענגען עס פון דאָרט אין אַ געקירצטער און קאָרע־גירטער פאָרם.

די רעדאַקציע

דער רבי ר' נחום יהושע הלוי פעטשעניק איז געווען רב און רבי אין דאָמבראָוויץ, אַ שטעטל ניט ווייט פון ראָוונע, אין וואָלין. ער האָט געשטאַמט פון דער ברעזנער רבישער דינאַסטיע, און געצויגן זיי רביאישן יחוס פון ר' דוד דער „סטעפּינער מגיד" און פון דער טשערנאָבילער גזע.

דער סטעפּינער מגיד, ר' דוד, איז געווען אַ תלמיד פון גרויסן מגיד ר' דוב בער פון מעזריטש, און ער איז געווען אַן איידעם פון זלאָטשאָווער מגיד, ר' יחיאל מעכל. דער סטעפּינער מגיד איז געווען פאַררעכנט צווישן דער חבריא קדושה פון מעזריטשער מגיד, און אין „דגל מחנה אפרים" ווערט געבראַכט תורות פון אים, וואָס פון זיי ווערן מיר געוואויר, אַז ער איז אויך געווען איינער פון די תלמידים פון בעל־שם־טוב. דער סטעפּינער מגיד, ר' דוד, איז געווען אַ זון פון ר' שמואל הלוי, און ער איז געווען דער פינפטער דור פון דעם גרויסן גאון ר' דוד הלוי, דעם בעל ה„טורי זהב". דער סטעפּי־נער מגיד, ר' דוד הלוי, איז נפטר געוואָרן י"א תשרי, תקע"א (1811). נאָך זיין פּטירה איז זיין זון ר' מעכעלע געוואָרן רב און רבי אין ברעזנע. דער רבי ר' מעכעלע איז פאַרבעטן געוואָרן פון דעם פּריץ גראַף מאַלינסקי ער זאָל קומען זיך באַזעצן אין ברעזנע.

אין יענער צייט האָט זיך חסידות שוין געהאַט פאַרשפּרייט אין פאַרשידענע געגנטן, און דאָרט וווּ עס האָט געוווינט אַ רבי, האָט דאָס שטעטל „אויפגעלעבט". עס זענען געקומען חסידים צום רבין און די שטעטלדיקע איינוווינער האָבן געהאַט פּרנסה. האָבן פּריצים געזוכט רביים זיי זאָלן זיך באַזעצן אין זייערע קליינע שטעטלעך (דער דאָזיקער פאַקט איז שטאַרק פאַרזען געוואָרן פון די חסידות־פאָרשער). אויך צום רבין ר' מעכעלע, וועלכער האָט געוווינט אין סטאָלין, זענען געקומען שליחים פון גראַף מאַלינסקי (אַרום דעם יאָר ת"ר — 1840) און מען האָט אים פאַרבעטן ער זאָל קומען וווינען אין ברעזנע און דערפאַר גיט מען אים אַ מתנה אַ גרויס הויז. אַזוי האָט זיך דער רבי ר' מעכעלע פעטשעניק באַזעצט אין ברעזנע.

פון וואַנען עס קומט צום רבין ר' מעכעלע דער פאַמיליע־נאָמען „פעטשעניק", איז וועגן דעם פאַראַן אַזאַ מסורה צווישן דעם אָפּשטאַם פון זיין גזע. אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן געבן יידן פאַמיליע־נעמען אין רוסלאַנד. איז אַריינגעקומען צום

רבין ר׳ מעכעלע אין הויז אַריין אַ רעגירונגס־באַאַמטער צוזאַמען מיטן סאָלטיס (בירגערמייסטער) און האָט געפרעגט דעם רבין ר׳ מעכעלע וואָס פאַרא פאַמיליע־נאָמען ער וויל האָבן. און אַזוי ווי דער רבי ר׳ מעכעלע איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין זיין התלהבותדיקן זאָגן תהילים, האָט ער גאָר נישט באַמערקט ווי די באַאַמטע זענען צו אים אַריינגעקומען. רופט זיך אָן דער סאָלטיס: ער איז דאָך אַ „פעטשאַני" (אַ געברענ־טער, געבאַקענער ייד), האָט דער רעגירונגס־באַאַמטער פאַרשריבן זיין פאַמיליע־נאָמען „פעטשעניק" (געהערט פון דעם „מזרחי"־פירער אין אַמעריקע, הרב ר׳ אהרן פעטשע־ניק, וועלכער שטאַמט פון דער דאָזיקער גזע און זיין פאָטער איז געווען דער ברעזנער רבי ר׳ יהושע נחום הלוי פעטשעניק אין דאָמבראָוויץ, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם).

דער רבי ר׳ מעכעלע ברעזנער איז נפטר געוואָרן ט״ו אלול תר״ט (1849). נאָך זיין פטירה איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ יצחק (איצקל) פעטשעניק, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון רבין ר׳ אהרן טשערנאָבילער.

דער טשערנאָבילער רבי ר׳ אהרן טווערסקי האָט געהאַט צוויי טעכטער, פערעלע און פייגעלע. האָט ער גענומען פאַר דעם ערשטן איידעם דעם ברעזנער רבין ר׳ איציקל, און פאַר דעם צווייטן איידעם דעם טשאַרטקאָווער רבין ר׳ דוד משה.

דער רבי ר׳ מעכעלע ברעזנער איז נפטר געוואָרן ט״ו אלול תר״ט (1849). נאָך זיין דער טשערנאָבילער רבי אים געוואָלט פאַר אַן איידעם. זיין פאָטער, דער רבי ר׳ מעכעלע, איז אָבער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. דערציילט מען, אַז ווען עס איז געקומען דער זמן־חתונה איז דער ברעזנער רבי ר׳ מעכעלע אַרויסגעפאָרן אין אַ בויד, מיט אַ פגירהדיק פערדל, פון ברעזנע קיין טשערנאָביל. אין דער בויד איז געזעסן דער ברעז־נער רבי, זיין ווייב די רביצין, און דער חתן. פאַר דער שטאָט טשערנאָביל זענען אַנטקעגנגעפאָרן אַ גרויסער עולם חסידים, מקבל פנים צו זיין דעם חתן און מחותן, און אַזוי ווי דער מחותן איז געזעסן אין אַ פשוטער אַלטער בויד, האָבן זיי אים נישט באַמערקט. די חסידים זענען צוריקגעקומען קיין טשערנאָביל טרויעריקע — דער חתן און מחותן זענען נישט געקומען... אין צווישן איז אָנגעקומען דער ברעזנער רבי מיטן חתן קיין טשערנאָביל, און זענען פאַרפאָרן אין אַן אַכסניה, וואָס איז פאַר זיי צוגעגרייט געוואָר פון פריער...

אין טשערנאָביל איז שוין דעמאָלט געווען אַ רייכער רבישער הויף, און אַז די חסידים האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער מחותן איז געקומען צופאָרן אין אַזאַ אָרעמער בויד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דער מחותן איז אַ גרויסער אָרעמאַן, און מען זאָל אָפּלאָזן דעם שידוך. די טשערנאָבילער רביצין איז אַריין צום רבין און האָט געהייסן אָפּלאָזן דעם שידוך. האָט דער טשערנאָבילער רבי אַ געשריי געגעבן: „מיט וועמען זענען מיר זיך משדך, מיט פערד, צי מיט מענטשן — דער חתן איז אַ גרויסער עילוי!" און די חופה איז געשטעלט געוואָרן.

דער רבי ר׳ איציקל איז נפטר געוואָרן ט״ז אלול, תרכ״ח (1865). זיין זון ר׳ שמואל

איז דערנאָך געוואָרן רבי. ר׳ שמואל איז דעמאָלט אַלט געווען אין גאַנצן זיבעצן יאָר, ער איז געווען דער עלטסטער זון. עס זענען געבליבן יתומים, דריי זין און פיר טעכטער, איז די מוטער זיינע געפאָרן צו איר פאָטער דעם רבין ר׳ אהרן פון טשערנאָביל און ער האָט מסמיך געווען זיין אייניקל ר׳ שמואל פאַר אַ רבין. דער רבי ר׳ שמואל איז געווען פופציק יאָר רבי אין ברעזנע. ער איז געווען דער שווער פון אַלטן בעלזער רבין ר׳ ישכר בער רוקח. ער איז נפטר געוואָרן י״א טבת תרע״ח (1917) שוין נאָך דער באָלשעוויסטי־שער רעוואָלוציע.

נאָך דער פטירה פון רבין ר׳ שמואל איז זיין זון ר׳ נחום יהושע געוואָרן רבי. ר׳ נחום יהושע איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ אלטער מרדכי ספרד פון אוסטראָה. ער האָט געקראָגן סמיכה פון דעם בריסקער גאון ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק. ער האָט פופצן יאָר געגעסן קעסט ביי זיין שווער, און ער איז דערנאָך געוואָרן רב און רבי אין דאָמ־בראָוויץ. מען האָט אים גערופן דער „ברעזנער רבי״.

דער רבי ר׳ יהושע נחום איז געווען רב־הכולל איבער אַכט קהלות: סאַרנע, בערעזשערץ, קלעסאָוו, אַנטאָנאָווקע און אַנדערע. ער איז געווען באַרימט אַלס כלל־טוער און ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער אגודת הרבנים אין פוילן. ער איז אין די לעצטע יאָרן אויך געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פאַרן ישוב ארץ־ישראל און ער האָט אַפילו אונטערגעשריבן דעם קול־קורא פאַר דער רעליגיעזער אָפּטייל (מחלקת החרדים), וואָס דער קרן־קימת האָט געגרינדעט, דאָס איז דעמאָלט געווען אַ געוואַגטער שריט פאַר אַ רבין.

דער ברעזנער רבי איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־מנגן, איינער פון זיינע ניגונים איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נחמיה ווינאָווערס בוך „די אַנטאָלאָגיע פון יידישער מוזיק״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער יידישער אַגענטור אין ניו־יאָרק.

*

י״ג אלול תש״ב, פאַרטאָג, איז די גאַנצע שטאָט אַרומגערינגלט געוואָרן מיט געסטאַפּאָ־לייט און אוקראַאינער פּאָליציאַנטן. מען האָט אַרויסגענומען אַלע יידן פון געטאָ און זיי געפירט אויף אַ ליידיק פעלד, הינטער סאַרנע, דער רבי איז געגאַנגען בראש פון דער עדה יידן.

די נאַציס האָבן אָפּגעצוימט דאָס פעלד מיט שטעכעדיקע דראָטן און אין משך פון דריי טעג האָט מען כסדר געבראַכט יידן פון די פאַרשידענע דערבייאיקע שטעטלעך. די נאַציס האָבן געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן צונויפנעמען אַלע יידן, וועט מען זיי פאַר־טיילן אין פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער. אָבער די יידן האָבן דערזען, אַז מען האָט זיי אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, און די געוואַגטע, העלדישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געהאַט מיטגעפירט מיט זיך, אין געהיים, שערעלעך און צוואַנגלעך, האָבן אָנגעהויבן דורכצושערן די דראָטענע צוימען. זיי זענען בשעת־מעשה געפאַלן פון די נאַצישע קוילן, נאָך זיי זענען אָבער געקומען אַנדערע. מען האָט אויפגעריסן די דראָטן, געשאָפן דורכרייסן, די ערטער זענען געווען אָנגעהויפט מיט טויטע קערפּערס, און איבער זיי

זענען געלאָפן מענטשן, און אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געראַטעוועט עטלעכע צענדליק יידן.

מיט אַ טאָג שפּעטער, י״ד אלול, אין דער פרי, ווען מען האָט געזען אָנקומען נאַצישע סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער, האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף.

אַן עד־ראיה, הערשל גרינבערג, פון ראָקיטנע, וועלכער האָט זיך על־פּי־נס געראַטעוועט (ער געפינט זיך איצט אין ישראל), האָט דערציילט, וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען.

די נאַציס האָבן מוראדיק געשלאָגן די יידן און באַפוילן, אַז אַלע מוזן אויסטאָן די מלבושים. זיי האָבן אויסגעקליבן עטלעכע יידן זיי זאָלן צונויפנעמען די אָנגעוואָרפענע מלבושים און זיי אַרויפלייגן אויף אַ וואָגן. הערשל גרינבערג האָט זיך טאַקע געראַטעוועט אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ וואָגן אונטער אַ באַרג מלבושים; און ביינאַכט, נאָך דער שחיטה, ווען מען האָט צוריקגעפירט די וועגענער אין שטאָט אַריין איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם וואָגן און אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער אַריין.

האָט הערשל גרינבערג דערציילט,, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום רבין און האָט ביי אים צוגענומען די מלבושים. דער רבי ר׳ יהושע נחום האָט זיך געבעטן ביי די דייטשן מען זאָל אים דערלויבן אַריינצוגיין אין גרוב אַריין אין טלית־קטן און יאַרמלקע. אַ נאַצי האָט אָנגעהויבן מוראדיק צו שלאָגן דעם רבין און אַ ריטשקע בלוט האָט זיך געצויגן פון דעם אָרט ווו דער רבי איז געגאַנגען אין גרוב אַריין...

זעכצן טויזנט יידן זענען אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן אומגעקומען דורך די נאַציס, און צווישן זיי דער ברעזנער־דאָמבראָוויצער רבי ר׳ נחום יהושע, צוזאמען מיט זיין רביצין הינדע־פּערל, זייער זון ר׳ יצחק מיט זיין רביצין פריידל און דריי קינדערלעך, און צוזאַמען מיט זיי אַ גרויסער צאָל רבנים. הי״ד.

...שפך חמתך על־הגוים אשר לא־ידעוך
ועל משפחות אשר בשמך לא קראו, כי־אכלו
את־יעקב ואכלהו ויכלהו ואת־נוהו השמו.

(ירמיה י׳, כה)



דער ערשטער (פון לינקס) אויף דעם בילד איז הרב ר׳ אבעלע בן הרב ר׳ יעקב הכהן זאַלצמאַן זצ״ל (אין צענטער), אין קרייז פון די איבעריקע משפחה־מיטגלידער. הרב ר׳ אבעלע זצ״ל איז געווען דער לעצטער רב פון דער קאַרלין־סטאָלינער חסידישער עדה אין דאָמבראָוויץ און איז געגאַנגען זיין לעצטן וועג צוזאַמען מיט דער גאַנצער דאָמבראָוויצער יידישער עדה.

הרב ר׳ אבעלע זאַלצמאַן, אַ געבוירענער אין דאָמבראָוויץ, איז דורך זיין חסידישער עדה באַטראַכט געוואָרן אַלס אויפגייענדיקער שטערן אין דער רבנישער וועלט, ווי אַ געטרייער נאָכפאָלגער פון זיין זיידן הרה״ג ר׳ יעקב נתן זצ״ל און פון זיין פאָטער הרה״ג ר׳ יעקב הכהן זצ״ל.

און זאָלן אויך דאָ דערמאָנט ווערן די אַנדערע עוקרי־הרים, געבוירענע אין דאָמבראָוויץ, הנאמנים והמקובלים על אורייתא והקהל הקדוש, וואָס האָבן באַשיינט מיט זייער גאונות דעם כסא־הרבנות פון אונדזער שטעטל: הרב ר׳ סנדר נתן זצ״ל; הרב ר׳ יעקב נתן זצ״ל; הרב ר׳ איטשע שפירא זצ״ל; הרב ר׳ יעקב הכהן זצ״ל.

און זאָלן אויך דאָ דערמאָנט ווערן די נאָכפאָלגער פון תורה און חכמה, וואָס ס׳האָבן איינגעזאַפּט אין זיך ביי אונדז אין שטעטל די פאָלגנדיקע רבנים: ר׳ יעקב ווילגון זצ״ל (רב און ראש־ישיבה אין וואָלין); ר׳ בערל זצ״ל (דעם שניידערס זון, רב אין ליטע); ר׳ לייבוש בר׳ מאיר־חיים יונגשטיק זצ״ל (רב אין רובליע); ר׳ איציקל בן הרב ר׳ נחומציע פעטשעניק זצ״ל (רב אין האָראָדעץ־אַנטאָנאָווקע); ר׳ אהרן בן הרב ר׳ נחומציע פעטשעניק זצ״ל (ר׳ אהרן — אין ישראל, לאריכת־ימים).

אברהם פרענקעל

מיין באבע נחמה־נישקע און איר משפחה

טיף פאַראַנקערט און געבונדן, דור־איין דור־אויס, איינער מיטן צווייטן, אַזוי האָט אַ טאָכטער געקערט צו איר מאַמען און אַ טאַטע צו זיין זון — ביי אונדז אין דאָמבראָ־ווֹיץ. אַ געפלעכט פון דריי־פיר דורות, קערפערלעך או גייסטיק, דורך רחמנות און זאָרג, אָפּפערוויליקייט און איבערגעגעבנקייט, ביזן זיך פאַרגעסן, האָט געבונדן די דורות אין אונדזער קליין שטעטעלע דאָמבראָוויץ.

מיין באָבע נחמה־נישקע, אַ געבוירענע אין פינסק, האָט צו זעכצן יאָר חתונה געהאַט מיט מיין שפּעטערדיקן זיידן יעקב פליישאַן, אַ המשך פון פריערדיקע דורות דאָמבראָ־וויצער יידן. ביי אירע פינף־און־צוואַנציק יאָר איז מיין באָבע געבליבן אַן אַלמנה, אַ מאַמע פון פינף קינדער־יתומים. נאָכן ערשטן פילבאָרן טרויער, צו די שלושים, האָט זיך אָנגעהויבן אין דער משפחה די זאָרג פאַר עקזיסטענץ פון דער יונגער און שיינער אַלמנה מיט אירע יתומימלעך. איר פאָטער, וואָס האָט אויסגערעכנט, אַז אין דאָמבראָוויץ איז זי דאָך אַ פרעמדע, האָט געוואָלט האָבן די טאָכטער לעבן זיך, כדי ציטווייליק קענען זאָרגן פאַר איר און מיט דער צייט איר אַריינפירן נאָך אַמאָל אין לעבן אַריין. היות די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פונעם פאָטער האָבן נישט דערלויבט אַריינפירן צו זיך אין שטוב נאָך זעקס פּערזאָן, האָט די משפחה פון פאַרשטאָרבענעם ברודער מסכים געווען איינטיילן צווישן זיך פיר קינדער און די אַלמנה מיטן יינגסטן קינד זאָל מיטפאָרן קיין פינסק מיטן פאָטער.

אָבער די אַלמנה האָט זיך געלאָזט פאַרטראַכטן וועגן דעם און שוין צומאָרגנס האָט זי אַזוי געזאָגט: „טייערער טאַטע, און איר ליבע פריינט פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן. איך ווייס, אַז איר ווילט מיך פאַרזאָרגן. מיין טאַטע דאגהט פאַר זיין קינד, אָבער איך וועל נישט פאַריתומען מיינע פינף אומגליקלעכע קינדער. אויב גאָט האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן פאַרבלייבן יתומים פון טאַטן, זאָלן זיי כאָטש פאַרבלייבן מיט זייער לעבע־דיקער מאַמען". אַזוי אָרום איז מיין באָבע פאַרבליבן אין דאָמבראָוויץ מיט אירע פינף קינדער, און געבליבן אַן אַלמנה ביז איר טיפן עלטער. פיר פון אירע קינדער — די ברידער יצחק און אהרן, און די שוועסטער צביה און ראָסקע, — האָבן אונטער איר מוטערלעכער שוץ געוואַקסן, חתונה געהאַט און געבראַכט אייניקלעך, אַלע האָבן ביז היטלערס שחיטה געלעבט און דאָן אומגעקומען, אַחוץ אַ פּאָר אייניקלעך, וואָס זענען עולה געווען אַלס חלוצים קיין ארץ־ישראל און זענען אַזוי אָרום געבליבן ביים לעבן. אַגיך דאָס פינפטע קינד פון דער באָבע נחמה־נישקע, מיין מוטער מלכה, איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט איר מאַן, מיין פאָטער ר׳ שמריהו פרענקעל ז״ל, און די קינדער. בלויז איין זון פון מלכה און שמריהו, מיין ברודער אשר מיט זיין פרוי און קינד, איז פאַרבליבן צו ליקווידירן די גלות־געשעפטן און געהאָפט שפּעטער קומען צום פאָטערלעכן נעסט, — זיי אָבער האָט היטלער פאַרכאַפּט, און אומגעבראַכט.

נחמה־נישקעס קליין שפייז־קרעמל האָט געשפּייזט נישט נאָר איר משפּחה, נאָר איז אויך אין דער אלמנהס הענט געווען אַ מקור פון אויסבאָרגן אויף שבת פאַר פיל דאָמבראָ־וויצער אלמנות במשך פון צענדליקער יאָרן. דער דאָזיקער פאַקט האָט שפּעטער געהאַט זיין אָפּקלאַנג, ווען איר טאָכטער צביה, אויך אַן אלמנה, איז אַריינגעפאַלן אין קאַרעסטין, אין די הענט פון נ.ק.וו.ד. פאַר שמוגלען. אַ דאָמבראָוויצער פאַבריקמאַכער איז דאָרט געווען דער נערוו פון פּאָליצייאישן פונקט און ווען מען האָט געבראַכט צו אים צביהן צום אַרעסטירן, האָט ער געזאָגט צו איר: „איך געדענק ווי דיין מאַמע נחמה־נישקע האָט אַריינגעבראַכט אויף שבת צו מיין אָרעמער עלטערן־משפּחה, פאַר דעם קומט דיר צו בלייבן אויף דער פריי.“

די זעלבע צביה האָט פאַרן עולה זיין פון איר שוועסטער מלכה קיין ארץ־ישראל, אַזוי געזאָגט: גאָט זאָל העלפן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיך מיט דיר טרעפן אין ארץ־ישראל. דער ווונטש איז מקוים געוואָרן, אַרום מלכהן האָבן זיך שפּעטער גרופּירט די גרעאַטעוועטע נחמה־נישקעס איינקלעך.

דער טויט פון נחמה־נישקען איז פאַרבונדן מיט אַ טראַגישער געשעעניש. אַ דאָמ־בראָוויצער גוי האָט געהרגעט אַ קינד פון איר זון יצחק, אַ קינד, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט גוטע מעלות און דערצו אויך אַ נאָמען נאָכן סטאָלינער רבין ר׳ ישראליק. דער טאַטע יצחק איז פון גרויס עגמת נפש קראַנק געוואָרן און אין פינסקער יידישן שפּיטאָל האָט מען אים געזאָלט מאַכן אַן אָפּעראַציע. יצחק האָט געבעטן, אַז די מאַמע זאָל זיין לעבן אים בעת דער אָפּעראַציע. נחמה־נישקע האָט געקושט די מזוזה פאַרן פאָרן קיין פינסק און אַזוי געזאָגט: „רבונו של עולם, איך, אַן אייביקע אלמנה האָב זיך מפקיר געווען פאַר מיינע קינדער, לכן זאָלסטו זען אַז חלילה וחלילה זאָל די אַלטע מאַמע נישט גיין נאָכן זונס לוויה, נאָר אַז מיין זון זאָל מיך פירן צו מיין אייביקער רו“. גאָט האָט אויסגעהערט איר געבעט, יצחק איז געקומען אַ האַלב־געזונטער צוריק אַ היים און אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער טאַקע געגאַנגען נאָך דער לוויה פון זיין מוטער נחמה־נישקע.

אויפן אָרט פון נחמה־נישקעס קליינער הייזקע האָט יצחק פליישאַן אויסגעבויט אַ שיין באַקוועם הויז אין וועלכן ס׳איז בימי היטלער געווען דער יודענראַט. איציקן, דעם בעל־הבית פון דעם הויז, האָט מען איבערגעלאָזט אַ קליין זייטיק צימערל, אין וועלכן ס׳האָט אין צייט פון געטאָ געהערשט ענגשאַפט מיט יידישע צרות, פּחדים און גרוי־זאַמקייטן. איציק פליישאַן איז געשטאָרבן אַ טאָג פאַר דער שחיטה און אַזוי אַרום זוכה געווען צו טהרה און קבורה און משפּחה־געוויין פונקט אַזוי ווי דאָמבראָוויץ האָט זיך נוהג געווען פון דור־דורות.

אַלע יידן אין געטאָ האָבן אים מקנא געווען פאַר זיין „גליק“ און האָבן נאָך דאַן נישט געוווּסט, אַז מאָרגן פאַרטאָג וועט פון דעם פאַרשטאָרבענעמס הויז, פון יודענראַט, אַרויסמאַרשירן דאָס גאַנצע שטעטל צום לעצטן טויט־מאַרש.

מעניע בארמאן (אסטער)

קארגע דריי יאר מיט „קאוופאקס סאיעדיניעניע"

מיינע איבערלעבונגען אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג זיינען רייך מיט גרויל־עפּיזאָדן פון גבורה און אומקום.

קאָוופּאַקס איינהייט, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, איז באַשטאַנען פון פינף באַטאַליאָנען, אין יעדן באַטאַליאָן טויזנט קעמפער. יעדער ניינטער פּאַרטיזאַן ביי אונדז איז געווען אַ ייד, אַ רעשטל פון אַ משפחה אָדער רעשטלעך פון אן אומגעקומענער קהילה. במשך פון די קאַרגע דריי יאָר פּאַרטיזאַנשטשינע האָבן מיר געפירט באַוועג־לעכע קאַמפן, געמאַכט איבערפאַלן אויף דייטשע קלענערע און גרעסערע גאַרניזאָנען אין הינטערלאַנד — אין די שטחים פון פּאָלעסיע, אוקראינע, וואָלין און גאַליציע. מיר האָבן אויך געפירט אָפענע קאַמפן מיט דייטשישע דיוויזיעס, אַראָפּגענומענע פון פראָנט, וואָס מען האָט געוואָרפן קעגן אונדזער איינהייט. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט ספּעציעלע פּאַרטיידיקונגס־מאַנעוורן, ביי וועלכע יעדער איינער פון אונדז האָט געמוזט זיין אַ סטראַטעג נישט ווייניקער ווי דער קאָמאַנדיר.

זענען די יידן פון אָט דער גרויסער איינהייט תמיד געווען די אַנזעענדיקע קעמפער, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס און אַזוי אַרום די ערשטע געפאַלן אין קאַמף. מיין טאַטע, מיין ברודער און שוועסטער זענען געפאַלן און פון דער דאָזיקער משפחה־פּאַרטיזאַנער בין איך געבליבן איינע אַליין. מיט אונדז זענען געווען די ברידער משה און אייזיק יפה (משה איז געפאַלן און אייזיק לעבט). איך בין געבליבן לעבן, ווייל איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געלעגן אין וואַלד, אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג. ווען די איינהייט האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אוקראינע זענען די קראַנקע געוואָרן איינגעקוואַרטירט אין אַ דאָרף פון דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. דאָס איז געווען אין מיטן וואַלד צווישן די חרובע יידישע שטעטלעך לעלין, לאַהישען און פּאַגאָסט־זאַגראָדסקי. מיר קראַנקע זענען פאַרבליבן אונטער דער השגחה פון די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען פאַרמאַצעווטן און אַ דאָקטאָר.

איך בין געלעגן אין דאָרף בערעזניקי, שוין נאָך דעם „קריזיס" אָבער מיט היץ און נישט ביים פולן פאַרשטאַנד. אין מיין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט שווערע בילדער פון די איבערגעלעבטע קאַמפן, געפאַלענע קרבנות, שווערע מאַרשרוטן, בלוטיקע אי־בערפאַלן, אויסגעשאָכטענע יידן אין דאָמבראָוויץ. אין יענעם טאָג האָבן די דייטשן אַטאַקירט אונדזער אָטריאַד און אַלע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן אין די טיפע בלאָטיקע וועלדער. אַזוי אַרום ביך איך — אַ געפּלאָגטע און קראַנקע יידישע פּאַר־טיזאַנקע — געבליבן ליגן אין אַ גויאישער שטוב איינע אַליין. דער גאַנצער דאָרף בערעזניקע — פרויען, מענער, קינדער — אַלע זענען אַנטלאָפן אין וואַלד.

*

באַוואָפנטע דייטשן שטייען מיט די ביקסן געווענדעט צו מיר. אין דעם מאָמענט

קערט זיך אום צו מיר דער שכל, איך ווייס גענוי וואָס מיר דערוואַרט, איך טאָר נישט אַרויסזאָגן קיין האַלב־וואָרט, בכדי ס׳זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן מיין ייִדישקייט. זיי שרייען צו מיר און איך שווייג... איך הער ווי עס סטראַטשען די פּולעמיאָטן איבערן גאַנצן דאָרף. די וואָס שטייען איבער מיר האָבן זיך פּלוצלינג צוריקגעצויגן, זיי האָבן אוודאי געמיינט, אז אין דאָרף האָבן זיך אריינגעריסן פּאַרטיזאַנער. ווען די דייטשן האָבן זיך ארויסגעצויגן פון דאָרף, זענען די איינוווינער צוריקגעקומען פון די וועלדער.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ דייטשישער מאַנעוור בכדי אַריינצונאַרן די ציווילע באַפעלקערונג. מיט צוויי טעג שפּעטער ווערט די גאַנצע געגנט באַדעקט מיט אַן ס״ס־איינהייט און די גאַנצע אַריינגענאַרטע באַפעלקערונג פון דערפל בערעזניקי איז צעשאָסן געוואָרן פּאַגאַלאָווגע.

אין אַנבליק פון די געשעענישן בין איך אַנטלאָפן פון דאָרף צום נאָענטן וואַלד. איך בין צוגעקומען אין וואַלד צו אַ שטוב און זע ס׳זיצט אַ גאַנצע משפחה אַרום טיש און עסט. בעט איך מען זאָל מיר דערלויבן זיך אָפּרוען און אָנוואַרעמען און געבן עפּעס עסן. מען האָט מיר געגעבן עסן אָבער פון שטוב האָט מע מיך אַרויסגעיאָגט. איך האָב זיך אָפּגעצויגן נישט מער ווי הונדערט מעטער און געזען ווי די דייטשן האָבן אַרומגע־רינגלט די שטוב, צעשאָסן די משפחה און פאַרברענט די שטוב מיט די גופים.

נאָך דעם שרעקלעכן איבערפאַל און חורבן וואָס די ס״ס־איינהייט האָט אָנגע־מאַכט, זענען אין וואַלד פאַרבליבן בלויז רעשטלעך, נישט נאָר פון ייִדן, נאָר אויך פון בעלאָרוסן און פּאָליאַקן. אין וואַלד איז פאַרבליבן אַ ייִדישער אָטריאַד פון 120 שוואַך־באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געווען פאַרפאָלגט דורך די אוקראַינישע אָטריאַדן.

דער דאָזיקער ייִדישער אָטריאַד האָט דורכגעפירט עטלעכע דיווערסיע־אַקטן. איך האָב זיך באַטייליקט אין אַן איבערפאַל אויף אַ דייטשישן צוג, מיט גאָר פּרימיטיווע מיטלען. אַלע הונדערט ייִדן זענען אַרויס פון וואַלד, אין אַ פינצטערער נאַכט, אונטער־געגראָבן דעם באַן־אָנשיט און מיט דעמבענע פלעקער רואינירט די רעלסן. די באַן מיט אַמוניציע אָט זיך איבערגעקערט צוזאַמען מיט די דייטשן וואָס זענען געפאָרן דאָרט.

איך האָב זיך באַטייליקט אויך אין אַן איבערפאַל אויף אַ דייטשישן צוג ביי לונינעץ־פּאַראַכאָנסק, ווו מען האָט אויפגעריסן אויף צוויי קילאָמעטער די באַן־ליניע און אַ באַן מיט אַמוניציע און סאָלדאַטן איז פאַרניכטעט געוואָרן.

צום סוף האָט דער פּאַרטיזאַנער־שטאַב באַפוילן, אַז אונדזער אָטריאַד זאָל זיך צעשיטן אין אַנדערע סאָוויעטישע אָטריאַדן. איך בין איינגעגלידערט געוואָרן אין אָטריאַד וואָס האָט געהאָט די אויפגאַבע נאָכצופאָלגן פּאָליציי־אָפּטיילונגען פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און זיך מיט זיי אָפּרעכענען נאָך דער באַפרייאונג. אין יולי 1945 ווער איך צוגעשטעלט צום דינסט פון פינסקער נ.ק.וו.ד. און געאַרבעט דאָרט אַ לענגערע צייט. לבסוף — דורך וועגן און אומוועגן — האָב איך זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

דוד קראַצמאַן

אַ בליק אויף מײַן אָפּשטאַם און װײַטיק

טיף אין האַרצן און אין זכרון זענען אײַנגעקריצט דרײַ דורות פֿון משפּחהדיקן אױסלעבן זיך אין מײַן עלטערן־נעסט — אין דאָרף קריװויץ לעבן דאָמבראָוויץ. נאָך אַ פּילטויזנדיקן קילאָמעטער־לאַנגן דורכגעמאַכטן װאַנדער־װעג, אויפֿן װײַטן סיביר און ברייטן אוראַל, אין דעם מערדערלעכן דײַטשלאַנד און אין דעמאָקראַטישן אַמעריקע, װוּ איך האָב אויפֿגעשטעלט מײַן נײַ געצעלט, — בין איך געקומען אין יאָר 1962 אין ליב־היימישן ארץ־ישראל. אַרומגערינגלט דאָ מיט דעם קליינעם רעשטעלע פֿון מײַן אויסגעשאָכטענער משפּחה, האָבן װידער אָנגעהויבן נאָגן אין האַרצן און שווינדלען פֿאַר די אויגן יענע בילדער און יענע געשטאַלטן, וואָס זענען שוין מער נישטאָ...

מיר זענען געזעסן שעהן־לאַנג צווישן לאַנדסלײַט אין ישראל און איבערדערציילט יענע מעשיות װעגן דעם דור פֿון מײַן עלטער־זיידן ר׳ נאָטע, מעשיות פֿון וועלכע מען פֿלעגט פֿיל פֿאַרגעניגן האָבן אין אונדזער היים־שטעטל. מיר האָבן מיט האַרצווייטיק דערמאָנט דאָס תּמימות פֿון די דאָמבראָוויצער יידן פֿון צוריק מיט זיבעציק־אַכציק יאָר, זייער פּשוטן און ריינעם גלויבן אין גאָט און אין מענטש, זייער מיטפֿילן איינער דעם צווייטן אין אַן עת־צרה, זייער שטענדיקע זאָרג פֿאַר עולם הבא, — דאָס אַלץ איז געווען די טרייבקראַפֿט צו מעשׂים טובים.

מײַן עלטער־זיידע ר׳ נאָטע האָט אין זײַנער צײַט געשפּענדעט פֿאַרן בית־המדרש אַ גרויסע ספֿר־תּורה מיט עץ־חיימס און פֿיל באַפּוצונגען צום ספֿר. דאָס אַלץ פֿלעגט אַרויסרופֿן פֿרייד און ליבשאַפֿט, אימה און גלויבן, ווען אַט די ספֿר־תּורה פֿלעגט יום־כּיפּור צו כּל־נדרי זיך געפֿינען אין די שטאַרקע אָרעמס פֿון מײַן זיידן ר׳ מיכל, בעת ער איז געשטאַנען ביים עמוד לעבן דעם בעל־תּפֿילה און די גאַנצע עדה מתפּללים, אײַנגעהילט אין די טליתים, האָבן געליאַרעמט צום הימל: אַ־ה־אַ־אַ! אויך אַ גראָבן מדרש־רבה און אַן אוראַלטן תּיקון־חצות, מיט גראָבע בלעטער באַטרערטע און באַשמאָלצענע מיט טראָפּנס פֿון חלב־ליכט, פֿון פֿריערדיקע דורות — האָט דער עלטער־זיידע ר׳ נאָטע איבערגעלאָזט בירושה זײַן זון, מײַן זיידן ר׳ מיכל קריווויצער. דער זיידע פֿלעגט אין די ווינטער־פֿאַרטאָגן זיצן אויף אַ נידעריק בענקעלע, מיט אַ ביסל אַש אויפֿן קאָפּ, און פֿלעגט פֿון די ספֿרים אַרויסלערנען און אַרויסזאָגן תּיקון־רחל און תּיקון־לאה און מוסיף געווען טרערן און קרעכצן ביים טונקעלן שײַן פֿון אַ בלוי־אַבאַ־זשורטן נאַפֿט־לאָמפּ.

מײַן באָבע דינה האָט אַליין געפֿירט די ווירטשאַפֿט אין אַלע צימערן פֿון דעם גרויסן הויז, אויך אין דער וועראַנדע און שטענדיקער סוכּה, אַליין געוווּשט און געפּוצט די מעבל וואָס זענען געווען פֿיל און מאַסיוו. די מעבל זענען אין זייער סטיל געווען פֿאַרשידנאַרטיק, צוגעפּאַסט צו פֿאַרשידענע תּקופֿות, פֿון ענדע אַכצנטן יאָרהונדערט ביזן סוף פֿון צאַר ניקאָלייס ממשלה. דאָרט זענען געווען כּל מיני קונסט־שטיק, ווי אויך

שניצערייען פון דעם זיידנס הענט. אַ באַפּוצטער ספרים־שאַנק איז געווען אויסגעפּילט מיט כל מיני ספרים פון פאַרשידענע מחברים, מתנגדישע רבנים, מוסר־ספרימלעך פון אַלטע און נייע מוסר־שיטות א״אַ. אין דער שאַנק האָבן זיך געפונען ספרים פון וועלכע מען האָט אַרויסגעלייענט וואָס ס׳טוט זיך אין גן־עדן און ווי זעט אויס דער גהינום, ספרים וואָס האָבן אָנגעוויזן כיצד להתנהג צו צוואָנציק יאָר און צו פופציק יאָר, ספרים וועגן דעם מענטשנס זיין אויף דער זינדיקער ערד, און וואָס דאַרף מען טאָן ווען מען איז שוין זוכה צו זיין אַ בן שמונים... ס׳זענען אויך געווען ספרימלעך אין וועלכע מען האָט געזען דעם חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש, זיינע גרויסע זיילן און גאַלעריעס מיט אַלע אינערלעכע איינריכטונגען: מנורות, מזבחות, כלים, טישן, פייערפאַנען, שפּרינג־בעקן אאַ״וו. די גאַנצע דריי וואָכן פון שבעה־עשר בתמוז ביז ערב תשעה־באב זענען די בית־המקדש־ספרים געווען אויסגעלייגט אויפן גרויסן געשניצטן טיש, דער זיידע פלעגט אין זיי בלעטערן מיט ליבשאַפט, זאָרג, טרויער און אָפּענונג, אַז במהרה בימינו וועט אַלץ באַנייט ווערן. ער פלעגט צונויפזאַמלען אַרום טיש דער באָבען, מיין טאַטן און זיין בת־יחידה מיטן פעטער איציק, און צו זיי אַריינריידן אָנווייזנדיק מיטן פינגער די פאַרשידענע פונקטן אין בית־המקדש און זאָגן: „אשרי העין שראתה כל אלה״, און זיך באַגיסן מיט אַ קוואַל פון טרערן...

מיין טאַטע, ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם צאַר ניקאָלייס אַפּיצירן, — חדשים לאַנג האָט אין שטוב געהערשט אַ טויט־שרעק פאַרן טאַטנס לעבן. איך געדענק אַז ס׳האָט זיך גערעדט וועגן אויסגעטראַכטע בלבולים אויפן טאַטן, וועגן מעשים וואָס ער האָט קיין מאָל אין לעבן נישט געטאָן. ס׳זענען פאַרלאָפן פיל חדשים ביז דער טאַטע האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים אַ האַלבער מת, און געטראָפן די משפּחה אַ קראַנקע און אַ צעבראָכענע. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווען אין געגנט האָבן גראַסירט מיליטערישע אָפּטיילונגען פון פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען (1918), זענען היימישע גויים באַפאַלן אונדזער שטוב צערויבט האָב־און־גוטס און צעריסן די ספרי־תורות. דער זיידע מיטן טאַטן זענען אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן, און בלויז דאַן ווען די פּאַליאַקן האָבן באַהערשט די לאַגע, זענען זיי צוריקגעקומען אַהיים און אָנגעהויבן אויסריכטן דעם צעפּלינדערטן נעסט.

די פּוילישע אַנטיסעמיטישע העץ־קאַמפּאַניע און דיסקרימינאַציע פון די יידן האָט מיט יאָרן שפּעטער ווידער אויפגעטרייסלט די עקאָנאָמישע באַזע פון מיין פאַמיליע. טראָץ דעם האָט מיין משפּחה און אַנדערע משפּחות אין דאָמבראָוויץ פאַרגעזעצט זייער לעבן אין שטעטל ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך האָב פאַרלאָזן דאָס שטעטל אינעם טאָג ווען די פאַשיסטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו איר. בלויז נאָך דער מלחמה איז מיר קלאָר געוואָרן דער חורבן פון מיין היים־שטעטל און אומקום פון מיינע נאָענטסטע. דאָס וואָס היטלערס שליחים און משרתים, אונדזערע שכנים־גויים, האָבן געטאָן מיט די יידן, האָט אַפילו דער שטן, דער אשמדאי, נישט געקענט צוטראַכטן. מיין טאַטן מאַנעס ז״ל האָבן צוויי שכנים, געוועזענע

ידידים, דערשלאָגן מיט אַ פלאָקן, בכדי צוצונעמען זיינע שטיוול. אונדזער שכנה שרה'ל מיט אירע פּיצלעך קינדער האָבן היימישע גויים אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב לעבעדי־קערהייט און דערנאָך צעפּערטלט אויף שטיקלעך זייערע גופים. אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע זענען אומגעקומען אין שרעקלעכע יסורים און איבערגעלאָזט אין מיין האַרץ טיפע וווּנדן וואָס וועלן שוין קיינמאָל זיך נישט פאַרהיילן.





דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט אין ישראל בעת אַן אזכרה נאָך זייערע קדושים



הספדים און „אל מלא רחמים"... בעת אַן אזכרה פון דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט אין ישראל.

יוסף פערלשטיין

בדמייך חיי!

לאַנגע דורות וועלן נאָך פאַריבער, און אפשר וועט עס גאָר זיין באחרית הימים, ביז עס וועט אויפשטיין דער גרויסער משורר, דער מקונן און נביא, וואָס וועט אומשטאַנד זיין אויסצודריקן דעם גרויסן צער, דעם וויי פון גערודפטן און געפּרוווטן איובֿפאָלק, דעם עם־הנסיון־והנצח, וועלכער איז דורך שבעים, און נישט דורך שבעה, מדורי גיהנום, נאָך מער געליטערט געוואָרן, — מעג ער אַפילו ווי האָבן געזינדיקט...

דאָס יידישע פאָלק האָט געדאַרפט פאַרלירן אַזש גאַנצע זעקס מיליאָן (לויט איצט, אַ דרייפאַכיקע ישראל־באַפעלקערונג) ביז עס איז ענדלעך אויפגעשטאַנען אַן אייגענע מדינה.

און נאָכדעם, ווי די גרויסע נסים זענען שוין געשען — דער נס פון איבערלעבן דעם משמיד און דער נס פון ווידערגעבורט — צי זענען די לעבנס־געבליבענע מסוגל תופס זיין דעם גרויסן ווונדער אין וועלכן מיר זעצן פאָר די קייט פון אונדזער דאָ־זייַן?

אין געלויף פון דורות און קומענדיקע צייטן — וועט פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס דאָס יידישע פאָלק אָהט דורכגעלעבט, פאַרבלייבן נישט מער, ווי נאָך אַ פּרק אין בלוטיקן בוך פון אונדזער געשיכטע, נאָך אַ זכר נאָך די קדושים פון קדושים־פאָלק און דאָס אַלץ!

— און דאָס טוט וויי!

דאָס לעכצן פון די קדושים נאָך נקמה איז נישט געקומען! דער משמיד, דער רוצח, זעצט פאָר זיין טייוולאָנישן פאַכען מיטן בלוטיקן שווערד אין דער האַנט, און די וועלט ליגט ביים רוצחס פיס און איז ווי־תמיד מיטן שטאַרקן, מעג אַפילו אָט די שטאַרקייט זיך אויסדריקן אין רוצחישקייט און בלוטדורשטיקייט.

— אַזוי אַמאָל! אַזוי היינט! און אַזוי וועט זיין!

בלייבט דעם שוואַכן בלויז צו באַנוגענען זיך מיט זיין קינה, מיט זיין געוויין, מיט שטאַרק זיין אין זיין שוואַכקייט — מיט שטעלן אַ מאָנומענט די אומגעקומענע, כדי צו די ימים־נוראים־ליכט צושטעלן נאָך אַ ליכטל און צום שלל פון יידישע ימים טובים — אויפלעבן נאָך אַ „יום־טוב" פון אומקום.

אָט די דאָזיקע ברעקלעך מחשבות קומען אַרויף אויפן מוח בעתן שרייבן אַ פּאָר טרערנדיקע ווערטער צום יזכור־בוך נאָך די יידן פון דאָמבראָוויץ און סביבה.

אין אַזאַ מאָמענט קומט, ווי אַ פאַרווונדעטע טויב, די בענקשאַפט און קלאַפּט אָן אין האַרצן און לעבט אויף דעם עבר. ס'קומען אויף יענע טעג, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און מיין דמיון האָט גאָר נישט געקענט באַגרייפן די גרויסע כמאַרעס, וואָס

רוקן זיך אַן אויף אונדזער פאָלק, און נישט געוואָלט טראַכטן, אַז די שענסטע טרוימען וועלן אַזוי ברוטאַל צעטראָטן ווערן דורך באַשטיאַלטע און באַפּאַסקודעטע פיס.

— דאָמבראָוויץ!

צי קאָן מען מיט ווערטער אויסדריקן און שילדערן די אומעטיקע פרייד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ביים באַטרעטן די הילצערנע טראָטואַרן, דעם ברייטן מאַרק, די שאָסיי־גאַס, די וואָראַבינער, וואָס האָט געפירט צו ליטיניטש, צו סעלץ, יאַסעניעץ, ווילין, מיליטש און פיל אַנדערע דערפלעך, ווו עס האָבן וועגעטירט אין זייער פויפערי־זאַציע־לעבן די אָרנטלעכע און תמימותדיקע יידן?

צי איז פאַראַן אַזאַ כוח, וואָס איז גאָר אומשטאַנד ארויסצורייסן פון זכרון די גרינע לאָנקעס, די וועלדער, טייכן און אָזיערעס און די סטעזשקעס אויף וועלכע מען האָט געטראָטן אין דער יוגנט?

אומעטיק איז געווען דאָס לעבן פון די יידן אין די פּאָלעסיער שטעטלעך און דערפער, אָבער פול מיט געמיטלעכקייט, תמימות, מענטשן־ליבע און ספּעציפיש־יידישער חן.

נישטאָ היינט מער קיין יידיש לעבן אין יענע מקומות, חרוב ליגן דאָרט די יידישע קהילות. עס הערט זיך נישט מער דאָס קלינגענדיקע געשפּילעריי פון יידישע קינדער־לעך, עס הערן זיך נישט מער קיין תפילות פון געמיטלעכע בתי־מדרשים, און פון יידישע הייזער פלעמלען מער נישט אַרויס יעדן פרייטיק־צונאַכטס קיין חלבנע ליכטלעך.

עס גלוסט זיך פאַרגעסן!

פאַרגעסן די גזלנישע פּנימער פון איוואַנען און סטעפּאַנען, גאַוורילען און יאַרמולען, וואָס האָבן זיך געריבן די הענט זעענדיק ווי דאָס יידישע לעבן גוססט און זייערע באַקאַנטע „זשידעס" גייען אָפּ מיט בלוט איבערלאָזנדיק פאַר זיי דאָס האָב און גוטס!

— אָבער ווער קען עס פאַרגעסן? ווי אַזוי קאָן מען עס פאַרגעסן?

ווען דו טראַכסט בלויז איבער דעם, גלוסט זיך דיר אַרויסצולאָזן אַ הילכיקן געשריי, אַז די זיילן פון דער וועלט זאָלן אויפגעטרייסלט ווערן. יאָ, די וועלט — די וועלט, וועלכע איז קיינמאָל נישט אויפגעטרייסלט געוואָרן ווען דאָס יידישע פאָלק איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט.

בלייבט בלויז אין די דאָזיקע טעג איין טרייסט: דער זכות פון פאַראייביקן די טרערן דורך שטעלן אַ יזכור־ליכט פאַר די נשמות פון די, וואָס זענען אַזוי פּריצייטיק אַוועק פון אונדז און דער זכות פאַר די לעבנסגעבליבענע צו זאָגן קדיש.

יתגדל ויתקדש שמה רבא!

בעלמא דהוא עתיד לאתחדתא ולאחיא מתיא ולאסקא לחיי עלמא ולמבני קרתא דירושלם ולשכלל היכלה בגוה.


עושה שלום במרומיו ברחמיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל־ישראל ואמרו אמן.



אַ גרופּע דאָמבראָוויצער לאַנדסלייט בעת אַ משפּחה־צוזאַמענטרעף אין ישראל.

די פאמיליע סאלאמאן (הויכראד) אין קאנאדע

מיין ברודער דויד ב״ר משה סאָלאָמאָן (הויכראַד), האָט פאַרלאָזן דאָמבראָוויץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט צוזאַמען מיט זיין פרוי צביה (פון דאָמבראָוויצער אומגעגנט) אויפגעבויט אַ וואַרעם יידיש הויז אין וויניפעג (קאַנאַדע). זיי האָבן דאָרט ביידע זייער שווער געאַרבעט ביז זיי האָבן זיך מאַטעריעל איינגעאָרדנט און דערצויגן זייערע 8 קינדער (5 זין און 3 טעכטער) אינעם יידישן און מענטשלעכן גייסט. די עלטערן האָבן מיט זיך מיטגענומען פון זייער אַלטער היים אַלע גוטע יידישע מידות, ספּעציעל די מידה טובה פון שטיצן און העלפן נויטבאַדערפטיקע, און זיי האָבן איבערגעפלאַנצט ביי זייער לעבן די גוטע דאָמבראָוויצער טראַדיציעס אין די הערצער פון זייערע קינדער. מיין ברודער דויד איז געווען אַן אָנגעזעענער גרויסהאַנדלער־עסקן אין וויניפעג, אַ גבאי אין אַ בית־כנסת וואָס ער האָט געהאָלפן אויפבויען, אַ נדבן פאַר אַרטיקע סאָציאַלע באַדערפענישן און פאַר פאַרשידענע פאָנדן פון ישראל.



דויד און צביה סאָלאָמאָן

זייער עלטסטער זון, דזשעק, איז געווען אויפן איירעפּעישן פראָנט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, געקעמפט קעגן די היטלער־ריסטן, צוריקגעקערט זיך אַ פאַרוווּנדעטער און שפּעטער געשטאָרבן. דער צווייטער זון, איצל, איז אַ פּעיקער אַדוואָקאַט, אַ שטאָל־צער ייד און אַ טוער פאַר ישראל. דער דריי־טער זון, בעני, איז אַן אָנגעזעענער ביזנעס־מאַן, טוט פיל פאַרן ירושלימער אוניווער־סיטעט, שיקט זיינע קינדער אין די העב־רעישע נאָכמיטאָג־שולן און דערציט זיי אין ישראל־גייסט. דער פערטער זון, מאיר, איז אַ הויכער אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטער, אַ שטאָלצרע ייד און אַ גרויסער פריינד פון ישראל. דער פינפטער זון, מיקי, איז אַן אויגן־דאָקטאָר, אַ הייסער ציוניסט און אַן אַקטיווער עסקן אויפן נאַציאָנאַלן געביט. אויך די טעכטער פון דוידן און צביה, זיי און זייערע מענער, גייען אין די דרכים פון זייערע עלטערן. אַזוי אַרום ציט זיך דער גאָלדענער פאָדים פון דאָמבראָוויצער מורשת־אבות אין דער ווייטער קאַנאַדע.

אויך איך און מיין פרוי שרה טראָגן צו אונדזער ביישטייער פאַר די א״ד צוועקן און גרייסן זיך דערמיט וואָס מיר גייען אין די גוטע וועגן וואָס האָבן געפירט פון אונ־

דזשער היימשטעטל דאָמבראָוויץ — צו יענע געזעלשאַפטלעכע געביטן, וואָס ברענגען נוצן דעם כלל, דעם יידישן פאָלק, דער מדינת ישראל.

פון דער רעדאַקציע

אָט איז אַן אויסצוג פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע, וואָס דערציילט וועגן דער וויכטיקער שפּענדונג פון יצחק און שרה סאָלאָמאָן (הויכראַך) לטובת דעם קרן־קיימת־לישראל:

„יצחק און שרה סאָלאָמאָן פון וויניפּעג, קאַנאַדע, האָבן אָפּגעשריבן אין זייער צוואה 100.000 דאָלאַר פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. זייערע נעמען וועלן פאַראייביקט ווערן אויף אַ נחלה פון טויזנט דונאַם לאַנד מיט אַ שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער.ביידע, יצחק און שרה סאָלאָמאָן, זענען געבוירן געוואָרן אין דאָמבראָוויץ (וואָלין), און זענען געקומען קיין וויניפּעג אין יאָר 1930, ווו זיי זענען באַקאַנט געוואָרן ווי גרויסע מנדבים און כלל־טוער אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, באַזונדערס אין קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד."



Isaac and Sarah Solomon of Winnipeg, Canada, inspect their will containing a bequest of $100,000 to the J.N.F.

דער דירעקטאָריום פון די ישראלדיקע נאַציאָנאַלע פאָנדן האָט איינגעלאַדן די ה"ה צביה און יצחק סאָלאָמאָן אויף אַ ספּעציעלער אויפנאַמע אין ירושלים און דערנאָך זיי פאָרגעשטעלט פאַרן פּרעזידענט פון מדינת ישראל.

דער מלוכה־פּרעזידענט ש. ז. שזר האָט אויפגענומען די א"ד אויף אַ ספּעציעלער

אוידיענץ אין מלוכה־קאַבינעט. דער פּרעזידענט האָט זיי אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַר זייער וויכטיקן ציוניסטיש־געזעלשאַפטלעכן טאַט פון שפּענדן 100.000 דאָלאַר פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד און האָט אויך ביי דער געלעגנהייט באַצייכנט זייער אַל־געמיין יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין קאַנאַדע.



דער פּרעזידענט פון מדינת־ישראל ש. ז. שזר נעמט אויף אין ירושלים
די ה"ה צביה און יצחק סאַלאָמאָן

די דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה אין ישראל איז געווען טיף גערירט פון דעם כבוד וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן זייערע לאַנדסלייט צביה און יצחק סאַלאָמאָן. זיי בײדע זענען דאָך געבוירענע און דערצויגענע אין אונדזער היימשטעטל, וואָס האָבן זוכה געווען צו פאַרלאָזן דאָס אומגליקלעכע שטעטל פאַרן אָנקום פונעם חורבן און אויפבויען זיך אַ נייע היים אין דער ווייטער קאַנאַדע.

די דאָמבראָוויצער שארית־הפליטה אין ישראל איז שטאָלץ מיט אַלע לעבנפאַר־בליבענע לאַנדסלייט אויף דער גאָרער וועלט און גרויסט זיך מיטן ווילטעטיק־קאָנ־סטרוקטיוון טאַט פון צביה און יצחק סאַלאָמאָן לטובת דער יידישער מדינה אויף דער ווידערבאַנייטער ישראלדיקער ערד.

דער דאָזיקער טאַט וועט אוודאי דינען אַלס אויסדרוק פאַר דער פאַראייביקונג פון דעם יידיש־ציוניסטישן גייסט, וואָס האָט געשוועבט איבער אונדזער היימשטעטל פאַר דעם גרויס חורבן און אַלס אָנדענק נאָך די דאָמבראָוויצער קדושים וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו זען דאָס אויפגייענדיקע ליכט פון זעלבשטענדיקייט און פרייהייט אין מדינת־ישראל.

חיים ליברמאן נ"ע

עם מותו של חיים ליברמאַן הסתלקה מאתנו אחת הדמויות של בעלי התשובה האמיתיים שבעולם הסופרים. חיים ליברמאן בשחר ילדותו היה סוציאליסט נלהב ורק אחרי מהפיכה פנימית רוחנית סוערת, אחרי התאכזבות קשה בהשקפת־עולם החומרית והחילונית, הוא חזר ליהדות התורתית. בעטו הלוהט וברוחו הנועז היה הוא במשך עשרות בשנים שומר על החזיתות והזכויות של היהדות הדתית. חזירתו ליהדות היתה נאמנה וספוגה חוויות מאד עמוקות.

בעולם הספרות והעתונות פוגשים באחרונה לא בעל־תשובה אחד, ברם אחרת היתה תשובתו של חיים ליברמאן. בשנים האחרונות אנו נפגשים בסופרים ידועים ורציניים, שחזרו למחנה הדתיים, אבל חזירתם היא ברובה ספרותית... המשורר החפשי נשאר באמצע שירתו גלמוד ומרגיש את עצמו בודד ועזוב בתשוקותיו הפיוטיות, ובכן הוא פונה אל האלקים לעזרה נפשית והוא מתחיל להתעורר מתרדמתו הרוחנית ומבקש דף הצלה לנשמתו הכוספת. ולא סופר אחד בלבד שנשא קינה וחרז ווידוי מלאכותי, בהם הוא מבכה את גורלו של הדור הנוכחי שאבדה לו האמונה באלקים. אבל בזה — בהבעת דברים בוטים נגד הדור השובב שאבד את הדרך לאלקים, — מתבטאת כל תשובתו והוא, הסופר, שב למקומו ולתאוותו. מראה הוא מדי פעם בפעם יחס של חיבה פיוטית ליהדות ותו לא. בחייו הפרטיים הוא נוהג כמקדמת דנא, מצוות מעשיות וקיום תורה מאן דכר שמי׳.

חיים ליברמאן לא הי׳ סתם בעל־תשובה מבחינה פיוטית־ספרותית גרידא, הוא באמת נעשה אדם חדש ואחר לגמרי משהי׳ קודם, כהגדרתו של הרמב"ם בענין מהות התשובה: אף שאתמול, היה מה שהיה, היום ע"י תשובתו הוא נעשה נחמד וחביב ורצוי למקום. וכזה נעשה ר׳ חיים, ברי׳ חדשה לגמרי. חלק הארי מכשרונותיו הספרותיים המצויינים הקדיש להגנת כבוד היהדות הדתית.

מלחמתו הלוהטת בשלום אַש היתה ממש קידוש־השם והודות להתקפותיו נאלמה קריאתו המסיתה והזדונית של שלום אַש לנצרות, שהתבטאה ב„סיפורת מודרנית יפה". לא נמצאו הרבה שהעיזו לצאת חוצץ נגד מלך הספרות היהודית, אבל חיים ליברמאַן יצא יחידי להתקפה והוא הי׳ קולט כמה וכמה חצים אף משורות חבריו הסופרים, אבל הוא לא זז מחזיתו וגילה לעיני כל את הרעל המחלחל בדפי ספריו של שלום אַש.

ויש בעלי תשובה שחוזרים לדתיות לעת זקנתם כשעטם כבר מעלה חלודה ומקור יצירתם יבש, וכבר אין בהם כח לתקן את אשר עוותו במשך כל ימי חייהם הארוכים. ברם חיים ליברמאן עשה תשובה בעודנו באיבו ובעוצם פריחתו והתפתחות כשרונו הספרותי. ר׳ חיים לא שב רק בעטו השנון אלא בלבו ובנשמתו, הוא נעשה ליהודי שומר תורה ומצוות להלכה ולמעשה היום־יומיים. מחיצה גדולה מבדילה בין חיים ליברמאן ו„בעלי־תשובה" האחרים: הם למרות מזמוטי תשובה המילולית ממשיכים לחיות בעולמות זרים אבל ליברמאַן חי חיים יהודיים וחיי מסורת.

עטו של חיים ליברמאַן הי׳ משך זמן ידוע מכודן נגד סטמור. כידיד פרטי הערותיו לא פעם על הגחלים שהוא חותה נגד סטמור, רמזתי לו על אמרה ידועה שהוא הי׳ מאמין בה — הזהרו בגחלתן שלא תכווה — אבל במידה גדולה הי׳ הוא שבוי ביד אחרים. בעלי מפלגה ידועה ניצלו את תמימותו להשיא את עטו החד, ואמנם אלה שאילצוהו לכתוב נגד סטמור לא הנחילו לו הרבה כבוד.

הלך לו האיש הישר, הסופר הנעלה, המבורך בעט הקולע אל השער, בעל האומץ התמים והנלהב ואין לו תמורה.

(„הפרדס", ניו־יורק, חוברת ט׳ שנה ל״ז)

מלך דאוויטש

חיים ליבערמאַן ז״ל

(אַן אינטימער פען־פּאָרטרעט פון דער סעריע: מיין לעקסיקאָן)

געבוירן אין יאָר 1890 אין דאָמבראָוויץ (וואָלין). זינט 1905 אין אַמעריקע. פון 1924 שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". אַוועק פון דער וועלט דאָנערשטיק דעם 16טן מאַי 1963 (כ״ב אייר תשכ״ג).

גרויסע ביכער וועלן וועגן אים, וועגן חיים ליבערמאַנען, געשריבן ווערן. גרויסע ביכער האָט ער אַליין געשריבן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים, סיי אַלס מענטש און סיי אַלס ייד און סיי אַלס שרייבער. ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיינס געזוכט, געזוכט מיט אַ פלאַקערדיקן שטורקאַץ אין מיטן טאָג. אפילו ווען ער האָט געפונען, האָט ער אין דער אמתן געזוכט. וואָס האָט ער געזוכט? קודם כל זיך אַליין. אין די ערשטע צייטן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן — און אָנגעהויבן האָט ער גאַנץ יונג — האָט ער נאָך געזוכט דעם מענטש סתם, דאָס שליחות פון דער ליטעראַטור. שפּעטער האָט ער שוין געזוכט נאָר דעם פערפעקטן ייד און דאָס אָרט פון ייד אין דער וועלט.

אין דער ערשטער צייט — אין די 20קער און 30קער יאָרן — געהאַט אַלגעמיינע ליטעראַרישע טעמעס און דווקא פון דער אייראָפּעאישער און אַמעריקאַנישער ליטע־ראַטור. שפּעטער האָט ער געשריבן אויסשליסלעך אויף גליענדיקע יידישע טעמעס. נישט נאָר ביכער פלעגט ער אַרויסגעבן — נאָר אויך פאַמפלעטן אין קלאַסישן זינען פון דעם וואָרט, אַז ער האָט — דער עיקר אין דער לעצטער צייט — געשריבן, האָט ער געטונקען זיין פעדער אין פייער.

לעגיאָן זענען געווען זיינע קעגנער, די, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר קעגנער, אָפּטמאָל צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות, פאַר אים אַליין אפשר אומפאַרשטענדלעך. האָט ער אויפגעהויבן עמעצן, אָדער עפּעס — און ער פלעגט פונקט אַזויפיל אויפהויבן, ווי שליידערן — איז עס געווען עד לב השמים. האָט ער געוואָרפן עמעצן, אָדער עפּעס, איז עס געווען עד לב פון דער שאול תחתיה — אַלץ נאָר עקסטרעם.

וואָלט חיים ליבערמאַן צונויפגענומען אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, וואָלטן עס זיכער געווען הונדערט ביכער. און ער האָט געהאַט אַזאַ פּערפעקטן סטיל און געשריבן אין אַזאַ ריטמישער און בילדערישער און קינסטלערישער שפּראַך, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן האָט מען געקאָנט אַריינגעמען אין ביכער־טאָוולען. אָבער נאָר אַ טייל פון זיינע שריפטן איז דערשינען אין ביכער, לאָמיר אויסרעכענען אַ פּאָר: אַ בוך וועגן יודזשין אָ׳ניעל, שדים אין מאָסקווע, ווען די וועלט האָט געברענט — צוויי בענד, אַן אויסקלייב פון די אַרטיקלען פון די יאָרן פון דריטן חורבן — דאָס פּאַרנעמיקסטע ווערק זיינס; שלום אַש און דאָס קריסטנטום; וואַכט אויף — דאָס יידישע הויז ברענט. אָבער דער וואָס וועט שרייבן דאָס בוך פון חיים ליבערמאַנס לעבן און שאַפן וועט דאַרפן זיך דורכגראָבן דורך אַלע זיינע אַרטיקלען, — כמעט אַלע געדרוקט אין „פאָרווערטס״, וועט ער אין דעם דאָזיקן גאַנץ־בילד געפינען דעם שפּיגל פון די צעטומלטע צייטן אונדזערע? ניין. ער וועט אָבער יאָ געפינען די צעטומלטע צייטן אונדזערע אין שפּיגל פון אַ דינאַמישער — און פונקט אַזוי עקסטרעם־איינזייטיקער פּערזענלעכקייט: חיים ליבערמאַן.

און לאָמיר איצט זען דעם מענטש, דעם ייד פון דער נאָענט.

איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט פּנים אל פּנים, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אין ניו־יאָרק — סוף 1933. ליבערמאַן פלעגט זיין דאַנקבאַר פאַר אַ גוטער קריטיק וועגן זיינע ווערק און איך האָב ביז דעמאָלט שוין עטלעכע מאָל געשריבן מיט באַגייסטערונג וועגן זיינע ביכער, באַזונדערס דעם אָ׳ניעל־בוך. ליבערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זיך נוהג אַ גאַסט צו געבן אַ „גוד טיים״ אויף אַ גאַנצן אָוונט. אויף אויף דעם געביט פון גאַסט־פריינטשאַפט — עקסטרעם. ליבערמאַן האָט מיך גענומען צו אַן ערשטקלאַסיקן קאָנצערט אויף די בעסטע פּלעצער, שפּעטער אין אַן עלעגאַנטן קאַפע און מיך צוגעפירט צום האָטעל, דעם לאַנגן וועג צוריק, אין אַ טעקסי. אָבער אַז איך האָב אין פאַרלויף פון אָוונט דערמאָנט מיט לויב דעם שרייבער... אין וואַרשע, האָט זיך דער מילדער גאַסט־געבער פאַרוואַנדלט אין אַ שאַרפצונגיקן סאַטיר און זיך ממש נישט געקאָנט באַרואיקן. אין אַלץ עקסטרעם. די זיסקייט פון „גוד־טיים״ איז מיר געוואָרן פאַרביטערט. שפּעטער האָב איך מיט ליבערמאַנען קיינמאָל די דערפאַרונג נישט געהאַט. ער האָט געביטערט אויף מענטשן — און נאָך ווי — אָבער מער נישט מיט דעם וואָפן פון לעבעדיקן וואָרט און נייערט מיט דעם געדרוקטן.

די באַגעגעניש פּנים אל פּנים מיט אַ מענטש האָט עפּעס אין ליבערמאַנען דערוועקט די אַלטע יידישע מידת הרחמים און ער פלעגט רעדן מילד און אָפט דורכוואַרפן דאָס וואָרט „טייערינקער״ און מיט אַן אויפריכטיקן אמתן טאָן. אָבער די באַגעגעניש מיט דעם זעלבן מענטש אויף דעם געביט פון אידעען אין געדרוקטן וואָרט פלעגט אין אים תיכף אָנצינדן דעם מידת הדין, די מידה פון קנא ונוקם.

אָפט איז עס אין פאַרלויף פון יאָרן אויסגעקומען צו רעאַגירן אויף ליבערמאַנס אַרויסזאָגונגען, אַלעמאָל צו באַווונדערן זיין עקסטרעמען — אַלץ עקסטרעם — שרייבערישן טאַלענט, זיין רייך יידיש לשון, זיין קענען מסביר זיין מיט ק״ן טעמים זיין

שטאַנדפּונקט — אָבער זעלטן ווען איז עס אויסגעקומען מיט אים שטאַרק מסכים צו זיין. אָפּט פּלעג איך דאָס אַלץ באַטאָנען אין נאָטיצן און אין פּריוואַטע בריוו. און אָט איז אַן ענטפער ליבערמאַנס אויף מיין באַוווּנדערונג פאַר דער פאָרם פון איינעם פון זיינע מאַמרים און קעגנערישקייט צום אינהאַלט. (דער בריוו ליבערמאַנס איז פון 25־טן אויגוסט 1941): „יעדער דור שטאַרבט אין זיין אייגענעם מדבר, און נאָר געציילטע גייען אַריין אין צוגעזאָגטן לאַנד. איר זייט פון די, וואָס שטאַרבן אין מדבר״.

מדינת ישראל — 1956. אַ קאָנצערט אין תל־אביב פון אַן אַרגענטינישער יידישער זינגערין. פון דער ווייטן זע איך חיים ליבערמאַנען און זיין גוטע פרוי, די פריערדיקע אַקטריסע פון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער — סאָניאַ גורסקאַיאַ, איך האָב זי נאָך געקענט פון ווין, ווו זי האָט שטודירט. אָט איז ליבערמאַן: נישט צו הויך, פעטלעך, די טיפּישע געשטאַלט פון אַן אייביקן יושב אוהלים, אַ סעמיטיש פּנים, די אויגן שמייכלען שטענדיק — און אָפּטמאָל גלייכצייטיק אַביסל סאַרקאַסטיש. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין זעלבן זאָל האָט זיך אויך געפונען שלום אַש און זיין פרוי מאַטילדע. עמעץ האָט מיר איינגערוימט אין אויער: צוויי פייערן אין איין שטרוי־שייער... עפּעס וועט דאָ געשען. געשען וועט גאָרנישט, האָב איך געענטפערט, יידישע גזלנים. איך בין צוגעגאַנגען צו די אַשס. אַש איז געזעסן פאַרזיכטיק און שטייף נישט צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן מיט חיים ליבערמאַנען — דעם שאַרפסטן קריטיקער פון זיינע נוצרישע ביכער. אויך ליבערמאַן האָט זיך געהיטן אין די באַוועגונגען... אַש זאָגט מיר: איך ווייס, אַז ליבערמאַן טראָגט לעצטנס אַן ארבע־כנפות, דאַרף דאָך די פרוי טראָגן אַ שייטל, זייט אַזוי גוט און זעט צי עס איז אַזוי. און אַש האָט זיך שטילערהייט צעלאַכט — ווי זיין שטייגער — פון זיין אייגענער הלצה.

גראָד האָט ליבערמאַן מיט עטלעכע יאָרן צוריק מיך גאָר שאַרף קריטיקירט אין זיין „פאָרווערטס״־קאָלום. די נאָטיצן האָבן זיך גערופן: דער אמתער צדיק... קיין קאָמפּלימענטן זענען דאָרט נישט געווען. אָבער מיר גלוסט זיך קיינמאָל נישט לאַנג צו געדענקען אַזעלכע זאַכן און געגלוסט האָט זיך יאָ דורכצורעדן פּנים אל פּנים מיט דעם גייסטרייכן שרייבער. צוגיין? אפשר וועט ער זיך נישט אָנרופן? אפשר וועט ער לאָזן הענגען די אויסגעשטרעקטע האַנט? האָב איך געבעטן אַ חבר ער זאָל סאָנדירן דעם באָדן. האָט ליבערמאַן געענטפערט: נאָך ווי אַזוי! ער וויל זיך טרעפן מיט מיר. מיר האָבן זיך געטראָפן און אָפּגערעדט אַ מאָדנעם אינטערוויו, אַן אינטערוויו אַ דיאַלאָג. ליבערמאַן וועט זאָגן אַלץ, וואָס ער וויל און איך וועל עס איבערגעבן וואָרט־אין־וואָרט, אַפילו עס זאָל מיר ווײ־טאָן ביזן ביין, אָבער איך וועל אויך איבערגעבן מיינע ענטפערס און אויך וואָרט־אין־וואָרט. דער דיאַלאָג איז דערשינען אין ציימונגען און ליבערמאַן האָט געגעבן זיין באַשטעטיקונג, אַז קיין זאַך איז נישט געפעלשט געוואָרן.

און זאָלן פאַרשריבן ווערן עטלעכע שבחי ר׳ חיים ליבערמאַן.

אין ניו־יאָרק איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ חבריש געריכט צוליב אַ ליטעראַרישער עוולה. דער וואָס האָט זיך געדאַרפט פאַרטיידיקן באַלאַנגט לעצטנס צו אַ גרופּע, וואָס

ווערט פון ליבערמאַנען גאָר שטאַרק באַקעמפט. אָבער דער זעלבער איז אַמאָל געווען אַ חבר־לערער ליבערמאַנס און האָט מיט אים געלערנט גמרא. באַוויזט זיך אויפן געריכט ליבערמאַן. אַלע זענען זיכער, אַז ער גייט צולייגן נאָך אַ פּאָר קינדלעך צום פייער פון דער באַשולדיקונג, אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ליבערמאַן איז גאָר געקר־מען פאַרטיידיקן. זענען אַלע דערשטוינט, אָבער דער נייער פאַרטיידיקער האָט איין פאַרענטפערונג: ער איז געווען מיין רבי...

*

און נאָך אַן עפּיזאָד: אין די ניו־יאָרקער ליטעראַרישע קרייזן קומט אָפּט אויס צו זאַמלען פאַנדן פאַר חברים, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין נויט. דערציילט מיר איינער אַ חבר, וואָס טוט אָפּט די מצווה פון דער שווערער אַרבעט פון זאַמלען: אַלע מיינע ליסטעס עפנט — און מיט אַ ברייטער האַנט — חיים ליבערמאַן. דער שווערסטער אין ליטעראַרישן אומגאַנג און דער גרינגסטער מיט דער קעשענע. און קיין גביר איז ער דאָך נישט. און טאָמער האָט ער אַמאָל געגעבן פאַר אַ קעגנער, האָט ער פאַרשריבן דעם נאָמען „אַנאָנים״.

און נאָך עפּעס — דאָס לעצטע. עס איז פּערזענלעך: ליבערמאַן האָט אָפּט מעדי־טירט איבער דער דאַליע פון מאַמע־לשון. וועלכער יידישער שרייבער טוט עס נישט; אַזוי אויך דער שרייבער פון די שורות. אין איינעם אַזאַ מאמר האָב איך מעדיטירט וועגן דעם טראַגישן מיטאָס פון יידיש, דעם לשון, וואָס איז ווי די לאַאָקאָאָן־סקולפּטור פון רוים דורכגעפלאָכטן מיט דעם לשון פון דעם פאָלק פון די שפּעטערדיקע נאַציס. ליבערמאַן האָט אין אַ קאָלום אינטערפּרעטירט און מיר אַליין בעסער מסביר געווען מיין אייגענעם געדאַנק — פּשוט דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ טיפער ווּיסן אויף דעם געביט ווי איך. איז אים אַ געדאַנק געווען צום האַרצן, האָט ער אים געגעבן דעם גרעסטן פּרסום. און זיין קאָלום איז געלייענט געוואָרן שטאַרק.

*

עס איז ליבערמאַנען באַשערט געווען צו פאַרענדיקן זיין לעבן אין אַ רגע. מען זאָגט, אַז עס איז אַ זכות... און עס איז אים באַשערט געווען זיין שרייבן צו פאַרענדיקן מיט צוויי מאמרים „די נייע ריינקייט״ און „שווערע געדאַנקען״, וואָס זענען ממש אַ קווינטעסענץ פון זיין אים אליין ווייטוענדיקן שאָוויניזם אויפן געביט פון ייד און קריסט. דעם צווייטן מאמר האָט ער פאַרענדיקט אַ שעה פאַר דער פּטירה. אויך דאָס איז אַ זכות. יאָ מסכים, אָדער נישט מסכים...

אַ מענטש און אַ ייד אַ געיזער, אַ הייסער קוואַל, ווי די געיזערס אין ניי־זעלאַנד, וואָס לויט עפּעס א טיפן נאַטור־געזעץ, אַ פּאַטום — מוז ער יעדע עטלעכע שעה עקס־פּלאָדירן מיט אַ הייסן שטראָם פון... ווערטער.

ביכער וועלן וועגן אים אַמאָל געשריבן ווערן און אפשר אַפילו גאָר בקרוב.

(„לעצטע נייעס״, תל־אביב, 31.5.1963.)



דער דאָמבראָוויצער סניף פון „החלוץ הצעיר“.



אַ גרופּע יוגנטלעכע פון קיבוץ „שחריה“.

ס'שטייען אין ערשטער שורה (פון רעכטס): יוסף לוצקי, משה שיפּמאַן, ד. גאַלאָוועשקא, מרדכי פליישון, מרים טענדלער, ישראל שיינטוך.

צווייטע שורה (פון רעכטס): יעקב פיאַלקאָוו, עדינה שפּירא, צבי פּערלשטיין, שרה קאָטליאַר, צבי סטאָליאַר.

ס'זיצן אין דריטער שורה (פון רעכטס): כאַרפּאַק גיסיע און שוועסטער, ר. שפּילמאַן.

חלק חמישי
פינפטער טייל

למען קוממיות ישראל
פאר דער אומאפהענגיקייט פון ישראל

עמודים 835—854

...ילדי־הפלאים, אשר זינקו בסערת־נפש ובתרועת־גיל לעקידה, ובגבורה תמה וצנועה חירפו נפשם למות — מסרו חייהם על חירות המולדת והעם אשר כה אהבו, למען קוממיות ישראל בארצו ולמען תימנע עוד שואה מבית־ישראל.

...איני יודע בתולדות עמנו שיאי־גבורה ותפארת־אדם נישאים מאלה שנתגלו בחייהם ובמותם של בנינו ובנותינו —בבקעת־הירדן, בעמק־יזרעאל, ברמות־הגליל, בערבות־הנגב, בהרי־ירושלים, בחיפה ובתל־אביב. פרקי חייהם הקצרים והמפליאים — בעבודה, בלימוד, במשחקים ובקרבות — כאילו נחצבו באגדת־פלאים, בדמיון חוזים ומשוררים מני־קדם. וקשה להאמין, שכל אלה ילדי מציאות חיה וקרובה, שכאן על־ידנו, בתוכנו, בימינו — חיו, השתובבו, פעלו, והעפילו עד מרום פיסגת־הגבורה של אדם עלי־אדמות.

...בבוא הרגע הגדול, המר והמכריע, דרכו בנינו עוז ומעל עקידת־המולדת ניגר דמם הטהור, וחייהם הפורחים נגדעו באיבם וכבה זיו־עלומיהם — למען קוממיות ישראל. אפס זוהר גבורתם יעמוד לעד, ותפארת חייהם המקוצרים תבהיק לדורות הבאים.

ד׳ בן־גוריון — „בהילחם ישראל״

הבנים שנפלו:

בן־אשר (וולאַדימירסקי) זאב

ויינבראנד אביגייל

זלצמן יאיר

חפשי (בייגל) מאיר

טראכטנברג מאיר

יונאי (יפה) חיים־אהרן

שווארצטוך בצלאל

יהא זכרם ברוך!

בן־אשר (וולאדימירסקי) זאב

(י"ח תמוז תרפ"ג — ט' תמוז תש"ח)



זאב בן מרים ואשר ולאַדימירסקי נולד בדומברוביצה (בשנת 1923) — נכד לר' שלמה גרובר מדומברוביצה ולר' שלמה סופר מסטולין. זאב התחנך בבית־הספר „תרבות" והשתייך ל„השומר־הדתי".

בהיותו בגיל 13 עלתה משפחתו ארצה (1936) והתיישבה בחיפה; זאב נכנס מיד, בגילו הצעיר, לעבוד כשולייה במחלקת־המים שליד הוועד־העירוני של הדר־הכרמל. ביום עבד־למד מקצוע ובערבים היה מתכונן לבחינות־בגרות בגימנסיה „אבן־פינה" וסיים את חוק־לימודיו בהצטיינות. לאחר־מכן עבר קורס ליד הטכניון בחיפה ונתמנה פקיד אחראי במחלקת המדידות שליד העירייה, כמודד־מוסמך.

זאב היה חבר ה„הגנה" מנעוריו. בשנות 1942—1945 היה מגויים בתפקיד נוטר ליד משמר־החופים. עם הכרזת המדינה הצטרף מיד לצה"ל, עבר קורס מ"כ ונתמנה מדריך במחנה של טירונים. בזמן המלחמה השתתף בקרב על ג'נין, היה בין מלווי־השירות לראש־פינה, נשלח לקורס של מדריכי־צלפים והועבר משם באופן פתאומי לחזית משמר־הירדן. הוא נפל שם בקרב על ירדנה, ביום 16 ביולי 1948.

א. וולאדימירסקי

✶

היה מטבעו בחור שקט, צנוע, מסור והביב על חבריו ובן נאמן להוריו. אפשר לאמר עליו שמזרעו של אהרן הכהן היה, כי תמיד הטיף לאחווה ולשלום בין החברים. השתתף בהתמדה, במשך שנים, בחוגו של הרב אוקסהורן („ללימודי היהדות"). חבריו בעדת „טירת־צבי" („בני עקיבא") ראו בו תמיד איש הספר והתרבות.

כשהתבגר, הצטרף לתנועת „הפועל־המזרחי" וכל הזמן היה חבר בהנהלת חוג־הצעירים של התנועה — פועל ומפעיל אחרים בשדה התרבות. תמיד מצאנו אותו עליז ושמח, אוהב הטבע ונוף הארץ.

חבר השורה ואיש חי"ש בפלוגה־דתית משחר נעוריו, מילא במסירות כל תפקיד שהוטל עליו. הכשרתו, מסירותו וסגולותיו העלוהו לדרגת מפקד.

זכרו לא ימוש מקרבנו.

י. בורנשטיין

מכתבו האחרון

יום ג', ו' תמוז תש"ח — 13.7.48.

לאבא, רעיה, רחל ושמאי היקרים,

שלום רב לכם.

מאותו יום שעזבתי את חיפה, הנני נמצא בגליל. הייתי במקומות שונים, מקומות יפים מאד. סביבת החולה היא ממש נהדרת ולולא רעם־התותחים ושאר

„כלי־התזמורת" הייתי חושב, שבאתי הנה לבלות את חופשתי. מכל מקום, בין שאר התכניות שלי, לאחר המלחמה, יחדתי מקום לטיול בכל אותם המקומות, שעברתי בהם בשבוע האחרון. וכיוון שהייתי בהמון מקומות, פגשתי המון מכירים, עד כדי סחרחורת. כל אלה שהיו פעם חניכים שלי בכפר־הנוער, עתה הם חיילים בקרב ולכל מקום שאני בא אינני זר.

את מכתבי זה הנני כותב בראש־פינה, כשהנני יושב על הארץ, רגלי בחפירה ועל ברכי פח ריק (הנני כותב על הפח). אינני מוצא שזה פחות נוח מכתיבה ליד שולחן. כשני מטרים ממני נמצאת המיטה שלי. עדרתי קצת את האדמה עד שנהיתה רכה, פרשתי עליה שמיכה, את הסדין קיפלתי ושמתי למראשותי ובשמיכה שניה התכסיתי וישנתי כל כך טוב, כמו בבית. בכלל הנני מרגיש כאן כמו בחיפה, אלא במקום שאבוא לחיפה באה חיפה אלינו. כל החברה שלי נמצאים כאן והמצב רוח לא רע.

אתמול בערב נסעתי לצפת לשאוף אוויר צח. למעשה זה הדבר היחידי שאפשר למצוא בצפת ולהתענג עליו. אמנם יש גם איזה בית־קפה ומועדון־להייל, אלא שלזה כבר יש איזה קשר עם כסף, ואני וכסף זה שני דברים. אומרים ש„הדוד כסף" עדיין לא הגיע מאמריקה וכשיגיע יבוא גם לבקר אותנו. אך האמינו לי, שכרגע הוא לגמרי אינו חסר לי ואפשר לחיות גם בלעדיו, בפרט שהאוכל כאן הוא די טוב. חליפות אינני צריך ללבוש כאן וקולנוע יש לנו „בלש", ממש חי ולא על סרט בד.

הייתי מאריך עוד בדברי, אלא שהנייר ניגמר ועל המעטפה לא נאה לכתוב מכתב. אמסור לכם דרישות־שלום ממני בכל הזדמנות. אל תענו לי, כי כתובתי אינה קבועה.

מתוך רשימותיו ושיריו

עם הכרזת המדינה

ההיסטוריה היא תהליך־תוצאה מהתגבשותם של המון פרטים ומעשים יום־יומיים אפורים, קטנים, אשר לכאורה ערכם דל ומועט. האנשים העושים אותם, אין להם כלל ההרגשה, שהם עושים היסטוריה ושמעשיהם הקטנים עלולים להביא מיפנה בדברי ימי־עולם. ההיסטוריה היא תהליך אטי, דומה למחוגי־השעון, אשר אם נציץ עליהם רק רגע קט יראו כעומדים, אולם אם נחזור להציץ בהם לאחר זמן, נראה שבכל זאת התקדמו. אם רצונך לראות בהיסטוריה את המיפנה שחל, עליך להציץ בתופעות ובמעשים הקטנים לאחר זמן.

אולם יש וקורה דבר פלאי: עיניך מתחילות לראות את מחוגי־השעון והנה הם מתקדמים במהירות. יש ואנו שומעים את פעמי־הגורל ורואים עין־בעין את המיפנה, ואז מרגיש כל איש, כי ברגע זה חלה מהפיכה גדולה, כאן נגמרה תקופה וכאן מתחילה תקופה. כך הרגיש כל אחד מאתנו עם הטלת הפצצה האטומית הראשונה, כך מרגיש עתה כל אחד מאתנו עם הכרזת המדינה העברית.

התקופה שחלפה ארוכה מאד: אלפיים שנות גלות, עקובה מדם־חללים, שאכזריותה הג[illegible] לשיאה בדורנו. זכינו למה שלא זכו מאות דורות של יהודים נאמנים ועלינו לזכור את כל אלה שבמעשיהם הקטנים והאפורים סללו לנו את הדרך והביאונו עד הלום: את מאות הדורות שבמסירות־נפשם שמרו על גחלת האמונה, את חלוצי־העבודה בארץ אכולי הקדחת, את חלוצי ה„הגנה" מקימי צבא־ההגנה לישראל.

בנפול גוש־עציון

...שמחתנו אינה שלמה, כי מפלה קשה נחלנו — גוש־עציון נפל. מאות מגינים

נהרגו ונפצעו, גדול הכאב אך אין מקום ליאוש. מפלה זו צריכה לשמש לנו מנוף ליתר כוח, ליתר גבורה. השיר לא תם, הוא רק מתחיל, והקרב יהיה קשה מאד. יהיו לנו בקרב זה עוד מפלות, אולם אין עם נבחן רק בנצחונות. עם נבחן, אם הוא יודע לשאת מפלות בשקט, מבלי שרוחו תישבר. אנו עם מלומד סבל, וסבל לא ישבור את רוחנו. אולם תקופה זו דורשת מאתנו מאמץ עליון, מכל אחד מאתנו, וזה מתבטא בכל שטח של שירו־תינו הצבאי. במאמץ עליון — המדינה תיכון!

ויינבראנד אביגייל

(ג' סיוון תרפ"ח – ט"ז אב תש"ו)



במשך שלוש שנים הובלתי את בתי אביגייל לגן־הילדים, ובהיותה בת 5½ נתקבלה לבית־הספר. היא היתה כשרו־נית, מפותחת ומסודרת מילדותה והצ־טיינה בלמודיה ובהתנהגותה בכל מוס־דות־הלימוד־והחינוך בהם עשתה במרו־צת השנים. לאחר שגמרה את ביה"ס היסודי בנווה־שאנן (ליד חיפה), המשי־כה בלימודיה בגימנסיה „ביאליק" ואח"כ עברה לבית־ספר למסחר.

בסיימה את ביה"ס למסחר, הצטרפה להסתדרות „הנוער־העובד" ונישלחה למלא את התפקיד של מזכירה בבית־הספר המקצועי שליד הטכניון בחיפה, שם עבדה שלוש שנים. בגיל 18 הצטר־פה להסתדרות הכללית של העובדים והו־עברה לתפקיד פקידותי בטכניון עצמו. היא התחבבה חיש מהר על אנשי המינ־הלה והמנגנון של הטכניון ועל כל אלה שבאו איתה במגע, כי הייתה פקידה טו־בה, מנומסת ומסורה לתפקידה.

מחוץ לשעות־העבודה למדה אביגייל אנגלית והשתלמה במקצועות שונים, שהיו קשורים בעבודתה הפקידותית. מל־בד זאת למדה סריגה ותפירה והשתתפה בקורסים מטעם אירגון אמהות עובדות. בהיותה חברה ב„הגנה", היא השתתפה גם בקורסים של עזרה־ראשונה ושימוש בנשק, בהתאם לצו השעה. בקורס של עזרה־ראשונה הייתי אני המדריכה והיא החניכה, ואילו באימוני־לחימה היינו שוות — שתי חניכות. בשנת 1945 עשי־נו יחד שלושה ימים רצופים במחנה־אימונים של ה„הגנה", ביערות־הכרמל, שם הצטיינה אביגייל בזריקת רימוני־יד חיים... היא הייתה נלווית אלי מרצו־נה, כשהייתי הולכת או נוסעת להשתתף באסיפות או לשמוע הרצאות בנושאים שונים, כי מנערותה הייתה כמהת־דעת ונפשה חשקה להיות מעורה ופעילה בחיי היישוב.

באותו היום המר־והנמהר — ט״ז באב תש״ו (13.8.1946) — נלוותה אלי אבי־גייל להשתתף בהפגנה מטעם ה„הגנה" נגד גזירת־הגירוש של אניית־מעפילים שעגנה בחיפה. יצאנו יחד את הבית והגענו למרכז השכונה, שם קיבלה אבי־ג־יל תיק של עזרה־ראשונה, כחובשת, ויחד צעדנו בסך עד להדר־הכרמל, שם הצטרפנו לשורות המפגינים שהתרכזו במקום. תחילה התקדמה ההפגנה בש־קט, אולם משהגיעה לרחוב התבור — החלו החיילים הבריטיים יורים לתוך שורות המפגינים. כדור של רוצח בריטי פילח את ליבה הצעיר, הטהור והטוב של בתי אביגייל — היפה, הזקופה, הרע־ננה.

נקטפה שושנתי היקרה, שכה טיפח־תיה ואהבתיה.

חייה גורביץ

✶

נזדעזעתי עד עומק נפשי מהאסון הנו־רא, שארע למשפחת ויינברנד היקרה, בנפול אביגייל זק״ל. אביגייל תלמידתי, גומרת מחזורנו הראשון, מליאת חיים ותקוות — במותה הוטל צל כבד לא רק על חיי משפחתה אלא גם על חיי משפחת בית־הספר שלנו וביחוד על שבט גומ־ריו. מותה — מות גבורה וקדושה, קר־בן העם והמולדת, בעמדם במערכה על ציפור נפש גאולתנו ותחייתנו. זכר דמו־תה ישמש לנו מופת ולא יסוף מאיתנו לנצח!

(15.8.1946)

אברהם קפלן

מנהל ביה״ס העממי בנווה־שאנן

✶

בטלגרמה של „רויטר" נאמר, כי בהפ־גנות בחיפה נאלץ היה הצבא הבריטי לירות באספסוף. מי היו בני ה„אספסוף", שהצבא היה „נאלץ" לירות בהם? אחת מהם היתה אביגייל ויינברנד, ילידת השכונה נווה־שאנן (ליד חיפה), בת יחי־דה למשפחה עובדת (הוריה — מוותיקי השכונה וחלוציה), פקידה בטכניון העב־רי, ספוגת רוח חלוצית, פעלה בחיי הצי־בור. היא היתה אחת מתושבי השכונה, שנהרו בהמוניהם מזועזעים מההחלטה של השלטון המנדטורי, לגרש לקפריסין את המעפילים, שהגיעו לחופי המולדת.

על אף הסכנה שבדבר, הבקיעו להם המפגינים דרך והגיעו עד רח׳ זבולון כשאביגייל צועדת בראש, מעודדת ע״י אמה שצעדה יחד איתה. ופתאום יריות — ישר לתוך המפגינים. כדור אחד פגע בלבה הצעיר של אביגייל — לב יהודי חם של בת־ישראל יפת־תואר ומרת־נפש!

אמה, שהייתה מצויידת בתיק של עז־רה־ראשונה ושלא אחת הגישה עזרה לחולים מדומים, לצרכי לימוד והדרכה, חשה מיד להגיש הפעם עזרה ממשית לבתה היחידה, ששתתה דם, אך ללא הו־עיל. בדרך לבית־החולים נפחה אביגייל את נשמתה הטהורה, והיא רק בת תשע־עשרה.

(„דבר", 16.8.46)

ש. אלבר

✶


ביום 9 יולי 1958 העניקו שלטונות הבטחון של מדינת ישראל העצמאית את „אות ההגנה" (מס. 51438) לאביגייל ויינברנד, ושמה נכלל בפינקס הגבורה של לוחמי ישראל לקוממיות.

„נדם קול הקרב, נגאלה מולדת,
דממה בהרים ובלבי אין הד,
עטרת כוכבים על ראשי יורדת
ואדמת־ילדותי את ערשי תרפד"...

ש. בס / „בת יפתח"

זלצמן יאיר

(י"ז שבט תרפ"ז — י"ט חשון תש"ט)



הננו מודיעים בצער עמוק כי יאיר זלצמן ז"ל נפל בשעת מילוי תפקידו ביום י"ט חשון תש"ט (21.11.1948) ע"י ביר עסלוג'.

ממשלת ישראל, צבא ההגנה לישראל והאומה העברית ישאו תמיד את זכר יאיר אשר נפל בהגנת המולדת ובמערכה על חרותה ועצמאותה.

חשון תש"ט (נובמבר 1948)

ד. בן־גוריון
ראש הממשלה

תולדותיו

(מפי אבא)

נולד בתל-אביב ביום י"ז שבט תרפ"ז. כאחותו פנינה גילה אף הוא כבר בשחר ילדותו כשרון בלתי־שכיח בנגינה, ובעודו מבקר בגן-הילדים נתגלה כי לנער שמיעה מוסיקלית מוחלטת.

בהיות אחותו הבכירה פנינה בת 9 שנים, נסעה עם אמא לפריס, לשם השתלמות בנגינה, ואף יאיר הקטן בן ה־4 נלקח אז שמה. כעבור 9 שנים סיימה פנינה את חוק לימודיה בקונסרבטוריון והמשפחה כולה חזרה ארצה. בזמן שהותו בפריס למד יאיר בבית־ספר עממי צרפתי וסיימו בהצטינות. נוסף לכך למד שם נגינה בכינור, ואף השתתף פעם עם אחותו בהסרטת סרט המתאר את חייו של מחוסר־עבודה וילדיו היתומים מאם. (יאיר ואחותו מילאו באותו סרט את תפקידי הילדים היתומים).

בן 12 חזר יאיר ארצה והמשיך את לימודיו בבית-החינוך לילדי עובדים. משגמר בית־ספר זה, המשיך ללמוד בביה"ס התיכון „שלווה" בת"א וגמר בו את חוק לימודיו (בשנת 1946). אז התגייס ל„שנת שירות" והחל במילוי חובתו הלאומית. אותה תקופה מילא תפקידו כמקשר במטה הכללי של ה„הגנה" והיה מקשר בין מפקדי־ה„הגנה" הגבוהים לבין מנהיגי התנועה והישוב (ראשי השלטון של היום). את תפקידו מילא במסירות וחריצות וזכה לאמון רב מצד המפקדים.

יש שהיה נכנס בשעה מאוחרת בלילה, לרגע קט, הביתה, ובלי שים לב לעייפותו היה מפליט: „יש עוד משהו לסדר" — וחוזר ויוצא לתפקידו. ומשהיה חוזר ונופל עייף ורצוץ על משכבו, היה חיוך של סיפוק שורה על שפתיו.

התמדתו ומסירתו לא ידעו גבול. את תפקידיו היה ממלא אף בהיותו חולה. יש שהיה מתהלך סובל, עם חום ומכאובים, בלי שיגלה זאת, לבל יפסיקו אותו מעבודתו החשובה. רק כשמצבו היה רציני ביותר, כש„הרגישו" שהוא חולה — הסכים לשכב במיטה ולקבל טיפול רפואי.

עניו, שקט וישר היה. אהב את הפשטות ושנא את השקר והצביעות תכלית שנאה. היה מסור מאוד למשפחה והוקיר

את כל חבריו וידידיו. היה קשור לארץ בכל נימי נפשו ונוהג היה לשבת שעות ארוכות ליד מפת הארץ, שוקע בה, מהרהר וחולם על עצמאות עמנו ועל מדינה גדולה.

יאיר התמסר בכל מאודו לאמנות הנגינה, ואכן הוכיח בה בקיאות רבה. מוסיקאים מומחים התרשמו עמוקות מן הביקורת הקולעת שהיה מותח על יצירות מוסיקליות ודרך ביצוען. בנובמבר 1947 יצא שוב לפריס, לשם השתלמות בנגינה בכינור ובניצוח, ובכלל, לפתח את כשרונו המוסיקלי. עם בואו לפריס נתקבל לקורס השלישי של „אֶקוֹל־נוֹרמל־די־מוזיק". הצטיין בלימודיו ועורר תקווה רבה בלב מוריו ומקורביו, שחזו לו עתידות גדולות. הוא חלם על צעידה משותפת עם אחותו בשבילי המוסיקה, ובשיחות עמה היה מהרהר בקול רם על הופעות משותפות ביצירות לכינור ופסנתר, או על הופעת אחותו כסוליסטית ביצירות לפסנתר ותזמורת בניצוחו. אך לא זכה ולא זיכה להגשים חלומותיו.

עם פרוץ המאורעות בארץ, התחילו מגיעים מיאיר מכתבים ספוגי געגועים ומלאי דאגה למצב. הוריו השתדלו להרגיעו, לאמור, כי הנה־הנה תגיע ועדת־הביצוע ארצה, או"מ יתערב וכן לא תעמודנה גם ארצות־הברית מנגד, ומכל־מקום עליו להמשיך בלימודיו עד שייתבע לחזור. ברם החרדה לגורל המולדת לא נתנה מנוח לנפשו. „לא אוכל עוד להישאר כאן שעה שהמצב בארץ הוא כה חמור" — כתב באותם הימים.

בסוף חודש מרס 1948 עזב את פריס ונכנס לעבודת־הדרכה במחנה־אימונים של מח"ל, באחת מערי־השדה שבצרפת עצמה. במכתבים ששלח להורים משם סיפר, כי הוא עמל למען הארץ, ותו לא. אולם חבריו לאותו מחנה הוסיפו לתאר את מסירותו שלא ידעה גבול, כיצד היה עובד משעות־הבוקר המוקדמות עד שעה מאוחרת בלילה, ויש שהיה גם מוותר על שינה בכלל. אך גם עבודה זו, עם הבנת החיוניות שבה וההתמסרות והמאמצים הרבים שתבעה ממנו, לא סיפקה אותו.

בחודש מאי פקעה סבלנותו והחל דורש להעבירו ארצה. העובדה שלא נענו לו בגלל חיוניות עבודתו שם, הציקה לו מאוד, וזה מצא ביטוי במכתביו לבית: „אינני יכול להישאר כאן בעוד חברי נלחמים בחזית; אינני יכול להיעדר מן הארץ כשמתרחשים בה מאורעות גורליים"...

סוף־סוף נכנעו ללחצו ובחודש יוני (1948) הובטחה לו ההעברה ארצה. בינתיים התחיל במכתביו הביתה „להכשיר את הקרקע" במשפחה: „אל תצטערי, אמא, אבוא ארצה, אמלא את חובתי וכשתסתיים המלחמה — ובטוחני שתסתיים לטובתנו — אחזור פריסה ואשלים את לימודי".

בהגיעו ארצה, ביום ה־9 ביולי, היו אמו ואחותו באפריקה־הדרומית. כבר למחרת בואו התיצב לקלט, על אף הפצרות אביו שביקשו לנוח כמה ימים אחרי עבודתו המפרכת בחו"ל ואחר נסיעתו המייגעת. הוא התגייס לפלמ"ח, באמרו שעליו ללכת בדרכי המשפחה. בדבריו אלה התכוון לבנם של תנחום וחיה מדגניה, שנפצע קשה, ולמרדכי (מוטי) אפרתי מגבע, שנפל בהרי־ירושלים.

בצבא הוטל עליו להדריך אנשי גח"ל, אך עם כל הכרתו בערך התפקיד, תבע במפגיע שיעבירוהו ליחידה לוחמת וישתפוהו בקרבות. בכלל דחה כל עבודה שהיא שאין פירושה חזית, ובמיוחד משך אותו הנגב. „יש להכות מכה נצחת במצרים", היה אומר בבקרו בבית, לעת חופשה. ואמנם, גם את חפצו זה השיג לבסוף; ובערב יום־הכיפורים נשלח לנגב, כמ.כ. ביחידת־פשיטה ממונעת, במסגרת הגדוד ה־9 של הפלמ"ח.

ביום חמישי, 18 לנובמבר 1948, במש־

לט ביר־עסלוג׳ שבנגב, התנדב יאיר לקריאת מפקד־המחלקה, לצאת לסיור מסביב למשלט. יאיר יצא לדרך, כשהוא צועד לפני שניים מטוראיו ובידו מפת־המוקשים. בדרכו חזרה מהסיור הלך יאיר בדרך אחרת ובקירבת גדר־המשלט עלה על מוקש־נעל, שלא היה מסומן כלל במפה. המוקש היה בעל כוח־נפץ קטן ורק עקב כף־הרגל נפגע, אולם עד שהובאה אלונקה למקום, עברו כמה שעות ובינתיים איבד דם רב.

כשהובא יאיר באלונקה ל„רביבים", הוזרקה לו זריקה אנטי־טטנוס. הוא הושאר במקום למשך כמה שעות, ורק בשעה מאוחרת הובא לבית־החולים בבאר שבע. למחרת, ביום שישי, בשעות־הבוקר, נקטע חלק מרגלו הימנית. עד שעה 4 אחה"צ לא היה מצבו של יאיר רע ביותר, הוא דיבר ואף התלוצץ כדרכו, אולם בשעה 4 איבד את ההכרה.

למחרת, בשבת, הובאה אחותו של יאיר בג׳יפ לבאר־שבע, ומשראתה את מצבו — דרשה להעבירו לבית־החולים בתל־אביב. אחרי יגיעה מרובה וציפית־עינויים הגיע סוף־סוף אווירון, ביום ראשון בבוקר. לתוך האווירון הוכנס הפצוע חסר־ההכרה וליד הנווט הושבה אחותו, מבלי שיצורף ליווי מדיציני (רופא או אחות). הפצוע הובא לבית־החולים בתל־ליטבינסקי. באותו יום ראשון, י"ט חשון תש"ט, 21 בנובמבר 1948, בשעה 4 אחה"צ, נפח יאיר את נשמתו הטהורה. המנצח־לעתיד נוצח בידי הגורל האכזרי וכל החלומות נגוזו לעד.

עליז ומוכשר

...ראיתי להט זה, חשתי אותו, לא עמדו שום בקשות ורצונות להניע אותו מכך. יאיר הלך לחזית האש ממש ושם מצא את מותו.

נזכר אני בפגישתי הראשונה עם יאיר לפני שהיכרתיו. גרתי אתו בבית אחד (אולם לא הכרנו זה את זה). בימי המצור והעוצר הבריטי על תל־אביב, ב־29 ליוני 1946, נזדמנו למכלאה אחת. הובילו את שנינו (ועוד הרבה יהודים) למקום־ריכוז אחד. שם, במכלאה, היו הרבה בני־נוער, ביניהם בלט יאיר. מהצד עקבתי אחרי הנער, אחר עליזותו, שובבותו ואמרי־החכמה השנונים, שהפליט מדי־פעם על חשבון הכלואים. אמרי־חכמה אלה היו מעוררים צחוקם של כל הנוכחים ועודדום. מאותו יום נמשכו עיני אל הנער הזה — בעבודת ה„הגנה", בפגישות הארעיות ברחוב, ליד בית־המגורים. תוך שליחות ובשעות־חולין נהניתי מנער עליז ומוכשר זה. הוא היה מקשר ב„הגנה", הוא היה חייל לוחם בצבא־ההגנה לישראל. בזכותו ובזכות חבריו נהנים אנו היום ממולדת משוחררת.

נחמיה ארגוב

רב־סרן, השליש של שר־הבטחון

מוסיקאי צעיר

אשר חידה קירבו,
אשר קשוב לצו־סתרים,
אשר יחיל לבו לשגב רז.

הכרתי את יאיר בהיותו בן־12, בחזרו מפריס. חכמתו וחנו האישי עשו עלי מיד רושם רב. כבר אז בלטו בו קווי־אופי מיוחדים: הומור רב, ספונטניות, — אם־כי לא חסרה בו גם היכולת להיות רציני ומרוכז בעבודה.

לעתים רחוקות מזדמן נער כזה, הלומד מוסיקה מתוך רצון כה כביר להבין ולחדור למכמניה, ויחד עם זאת להיות רחוק מכל שאיפת־התבלטות — הכל לשם מטרה אחת: האהבה לאמנות.

ואכן, כשרונו המוסיקלי של יאיר נבע ממעמקי נפשו. היתה לו אהבה בלתי־רגילה לכל היפה במוסיקה. טעמו היה עדין ונבע מתוך בטחון עצמי. ביקורתו

העצמית וכלפי אחרים היתה אמנם חרי־פה, אך כנה, שכן הוא ניחן במצפון טהור, מצפון של אמן אמיתי.

עבודתו במחתרת ומסירותו ל„הגנה", גזלו ממנו את מרבית זמנו ומנעו ממנו הגשמת שאיפותיו בשדה המוסיקה — בהתאם לכשרונו וסגולותיו. הפצרותי שהפצרתי בו, להקדיש יותר זמן למוסי־קה, לא נשאו פרי; ענייני ה„הגנה" ואהבת־המולדת קדמו ללימודים.

שמחה רבה שמחתי כשסיפר על החל־טתו, עם תום שנת־השירות, לחזור לפריס, לשם השתלמות במוסיקה. בתשומת־לב מיוחדת עקבתי אחרי התקדמותו. מכת־בים שהגיעו מהקונסרבטוריון בפריס, היו מלאים שבחים והערכה, וגרמו הנאה וסיפוק מרובים.

והנה התגייס לכוחות הלוחמים, ביקש־תיו להיכנס לתזמורת־הצבאית, אך הוא סירב בכל תוקף ורצה להיות דווקא ביחי־דה קרבית, בפלמ"ח, ביחידת־פשיטה ממונעת, בנגב. ובאחת הפעולות שם מצא את מותו.

לעולם לא אשכחנו. כשרונו ואפיו המז־הירים ישמשו מופת וסמל לנוער העברי בעתיד.

לורנד פניבש

ממכתביו למשפחתו ממחנה־האימונים בצרפת

22.3.1948

...התחלתי לעבוד כאן בשביל עם יש־ראל... אני עומד לנסוע למחנה מחוץ לפריס. אשאף קצת אוויר ואחלץ את עצמותי. המצב בארץ, כנראה, אינו מז־היר, אולם אין להתיאש. משך אלפיים שנה התקיימנו בכוח עקשנותנו, יש לנו ישוב מושרש בקרקע א"י, עלינו להיל־חם ולהיות מוכנים להקריב קרבנות, נגן היטב על עצמנו, ניבנה ונעבוד וסוף הנצחון לבוא...

6.4.1948

...אני נמצא בסביבות מרסיל. אעשה כל מה שביכלתי למען כולנו, כי לא אוכל ללמוד בשקט שעה שבארץ המצב כה קריטי. קבלו־נא זאת בלי צער. זכרו שמשפחות רבות סבלו והפסידו הרבה יותר. כשידרש ממני — אחזור ארצה.

15.5.1948

...ככל שאני שומע יותר על הנעשה בארץ, אני משתוקק יותר לחזור. כאן אין נענים לדרישתי לחזור ארצה, בטע־נה שעבודתי פה חשובה יותר לפי־שעה... אם הקרבות ילבשו צורה רצינית, לא אוכל עוד להישאר פה. כבר עכשיו רוצה אני להיות יחד עם כל חברי וידידי בא־רץ. כבר הפסדתי מאורע גדול ביותר (יום הכרזת המדינה). אם המלחמה תיג־מר בקרוב — אחזור ללימודים, אתקדם במהירות רבה ואצליח, אך אם היא תימשך — אחזור ארצה. גם אז אני מבטיחכם שלא אלך לאיבוד, ויתכן שכע־בור כמה שנים אופיע בתור מנצח... אמא, אל נא תצטערי, הכל יגמר בשלום.

29.5.1948.

שלומי מצוין. נמצא בדרום־צרפת. עובד וגם לומד. מאלצים אותי להישאר פה, אך יותר ויותר נעשה לי קשה להי־שאר בשעה שבארצנו המצב כה גורלי. קשה לי לבטא את הרגשות שחש אני. אחת אני יודע: את חובתי אני ממלא ואמשיך למלאה, ואני מקוה שגם אתם חושבים כמוני.

3.6.1948

...יתכן שירשו לי סוף־סוף לנסוע אר־צה. ישנם כל הסיכויים לכך. אני מרגיש שאיני יכול עוד להישאר מחוץ לארץ ודרשתי בכל תוקף לחזור. ואכן, כבר מסכימים. אל־נא תצטערו על כך. בלי־מודים התיאורטיים אני ממשיך. בוודאי איאלץ להפסיק לתקופה קצרה את הנגי־

נה בכינור, אך אחזור אליה מיד בתום המלחמה. מסתמא יסדרו לי את הוויזה חזרה במהירות. מכל־מקום, את חובתי אני ממלא.

9.6.1948

...שלומי טוב. אני עוסק רק מעט בנגי־נה, כי עכשיו העבודה מרובה, עבודה שמביאה תועלת לארץ. במצב שלי לא חל לפי־שעה כל שינוי. כנראה, רוצים להחזיק בנו פה, כי אנו נחוצים מאד. לי קשה להיות הרחק ממכרינו בארץ בשעה זו. בקרוב יסתיים הכל, השקט יחזור ונמשיך ביתר שאת במה שהתחלנו. וב־סופו של דבר כולנו נצליח וכן גם אני.

11.6.1948

...אצלי הכל כשורה. לעת־עתה מכרי־חים אותי להישאר פה. הדבר מכביד עלי יותר ויותר.

13.6.1948

...אצלי הכל בסדר. אין לי פנאי ולכן מכתבי קצר. לפי־שעה אין כל תזוזה במצבי. אני עובד ופועל כפי שדורשים ממני.

27.6.1948

...שלומי טוב ואני מקווה שגם אצלכם הכל כשורה. יתכן שנתראה בעוד שלו־שה שבועות. אני מסדר לי וויזה חזרה, כדי שמיד בבוא הסוף הבטוח של המל־המה, אוכל לחזור ללימודים.

(מתוך החוברת לזכר יאיר זלצמן, שהופיעה בהוצאת המשפחה וידידיה, בחודש אייר תשי״א)

חפשי (בייגל) מאיר

(י״ד כסלו תר״ץ — ט׳ טבת תשי״א)



מאיר בן אסתר ויוסף־חיים בייגל נולד בפינסק, להורים יוצאי דומברוביצה, בשנת 1929. בהיותו בן ארבע (1933) עלו הוריו לארץ, השתכנו תחילה בחיפה ולאחר־מכן עברו להתיישבות בכפר־יהושע. מאיר סיים שם את ביה״ס היסודי ועבר ללמוד בביה״ס למלאכה ע״ש י. טיץ ביגור. מנערותו גילה נטייה למכניקה ובהיותו ביגור הצטרף למועדון־דאיה של כפר־הילדים והצטיין בהמצאותיו הטכניות. באותו זמן הצטרף גם לפלמ״ח ועשה שנה תמימה באמוני־שדה ובהכ־שרה־צבאית. בהיותו בן 16 נישלח לארצות־הברית, ללמוד שם מכונאות־אווירונים.

בפרוץ מלחמת־הקוממיות פנה למוסדות־היישוב ותבע שיחזירוהו ארצה, כדי להשתתף באופן פעיל במלחמה. אולם נצטווה להישאר בארה״ב ולהמשיך שם בלימוד המקצועות האווירו־טכניים, שנע־שו חיוניים ביותר בשביל הארץ, עם קבלת העצמאות. יחד עם זאת התנדב להיות לעזור ברכישת נשק בארה״ב, באופן

בלתי־ליגלי, והיה עובד בלילות בנמל ניו־יורק, בטעינת הנשק על אניות. כא־שר נודע לו על נפילתם במלחמת־הקוממיות של כמה מחבריו הטובים, הח־ליט על־דעת־עצמו להפסיק את הלימו־דים והצטרף לקבוצת הצעירים הישרא־ליים, שעשו אותה שעה בקורס־טייס בקליפורניה. הוא סיים את הקורס בהצ־לחה וחזר לישראל.

יום אחד בלבד עשה מאיר בבית־הוריו, עם שובו מארה״ב. למחרת התייצב בלישכת־הגיוס ונישלח לשדה־התעופה בתל־אביב, ומשם — לדורות. עיקר פעולתו היתה בלילות, עת היה מטיל פצצות מן ה„פרימוס" שלו על ריכוזי האויב בעורף, בנקודות מרוחקות מאד מבסיסו. כן ביצע משימות חשובות בהבטחת מזון וחמרי־רפואה ליחידות שלנו בחזית ובהעברת פצועים משדה־הקרב לבתי־חולים. עם ריבוי המבצעים הצבאיים הוחלף מטוס ה„פרימוס" שלו למטוס־סיור, ומאיר הש־תתף במטוסו החדש בכמה וכמה מבצעי־אויר ידועים בעיקר במרחבי הדרום והנגב.

בתום מלחמת־הקוממיות נישאר מאיר בצבא־הקבע. הוא השתלם בהטסת אווי־רוני־תובלה, עבד בשירות הקו־האווירי אילת—תל־אביב ולבסוף נתמנה כמדריך לפרחי־טייס. ביום 18 לדצמבר 1950, בהיותו בטיסת־סיור־ואמונים דרומית לאשקלון, התרסק מטוסו. הוא נפל חלל בעת מילוי תפקיד צבאי. ב. ח.

טייס נאמן וטוב

רגילים היינו בתקופת הקרבות, לשאת בהיעדרו לפתע של ידיד או חבר, להס־תגל לחלל שהותירו פנים מועדות — יהיה זה חלק בלתי־נפרד מההווי המל־חמתי, תוצאה טבעית של תפקידנו כאנ־שי צוות־אויר, וגם אז היתה תחושת האבידה אופפת אותנו זמן רב. אולם בימים אלה, באווירה של „שלום", פשוט לא ניתן להשלים עם עצם העובדה של מוות פתאומי ובלתי מצופה, כפי שקרה הדבר עם מאיר חפשי.

איני מתיימר להיות אחד מרעיו הקרו־בים של מאיר, אולם כמפקדו איני יכול שלא לציין את התנהגותו המופתית, כל עת שירותו ב„כנף 4". הן מפקדו הישיר והן אני מאוחדים היינו בדעותינו, כי הוא נימנה עם הנאמנים, הטובים והמב־טיחים שבטייסי הטייסת שלנו.

הוא נפל תוך מילוי תפקידו כטייס — ואולי בזאת יש משום נחמה פורתא.

י״ז טבת תשי״א (25.12.1950)

גדעון אלרום

ס/א, מפקד כנף מס. 4

מתוך מכתביו מארצות־הברית

30.8.47

...בינתיים מרגיש אני את עצמי פה כאוכל לחם־חינם וזו הרגשה מאד לא נעימה. יתכן ומכתבי הם יבשים, אך כל־זה מפני שהחיים פה יבשים הרבה יותר. אולי כשאתחיל לעבוד וללמוד, ישתנה הרושם שלי על־כך. בינתיים התרשמתי מאד גרוע מהעיר הגדולה ניו־יורק. כאן חושבים, מדברים ומספרים כל הזמן רק על כסף ודולרים. הבורות בענין ארץ־ישראל היא עצומה. עם כל מי שאני מדבר — שואל ומספר לי על ארץ־ישראל של המאות הקודמות, של ימי התנ״ך.

אני חוזר ומבקש: שילחו לי עיתונים ושבועונים מהארץ, במהרה. כיתבו יותר ויותר פרטים על הנעשה בכפר...

4.12.47

...אמנם אני מבלה יפה מאד, עם בחו־רים ובחורות רובם ארץ־ישראליים, אך לפי מה שאתה כותב, נראה לך, כאילו התקלקלתי פה לגמרי. אני חושב שאין לך מה לפחד: החינוך שקיבלתי בארץ־ישראל, בתנועת־הנוער שלנו, ישמור אתי במשך כל זמן שהותי באמריקה.

קיבלתי מכתב מבית־הספר למכונאי־אווירונים — הם קיבלו אותי לבית־הספר ואתחיל כנראה ללמוד בראשית ינואר. אשתדל לעשות הכל כדי לגמור את הקורס בהצטיינות כלשהי, כדי לא לבייש את שמנו ואת שם בית־הספר בכפר...

...הענינים באירגון האומות המאוחדות יצאו לטובתנו. יהודים באו לשמוע את „פסק־הדין" עם ספרי תהילים. אחרי האסיפה רקדו ברחובות ושרו, ובכלל כולם היו „מפסוטים נורא" — וביחוד אנחנו הארץ־ישראליים. אספו פה ביום אחד, מתחנות־השידור בניו־יורק בלבד, כרבע מיליון דולר למען הקק"ל בארץ. זה עשה רושם כביר על הנוצרים פה. רבים מאד רוצים לנסוע ולעזור כעת בארץ, וכנראה גם שרבים יעשו זאת.

...ביומים האחרונים שמענו על המאורעות בארץ ואני כל היום האזנתי לרדיו. אתה יודע איך אני מרגיש, בחיי, כמעט שטסתי בחזרה לארץ. בכלל כל הסטודנטים מהארץ היו במצב רוח כזה. אין אנחנו יודעים מה לעשות, ואנחנו מרגישים מאד מאד לא טוב שעזבנו את הארץ בזמן כזה. ישנן שמועות פה, כי רוצים לגייס בריגדה למען עזרה לארץ־ישראל, כ־20.000 איש, והם יסעו כחיילים אמריקאיים לעזור בהגנה על הישובים בארץ, בינתיים אלה הן רק שמועות. העיתונים פה מלאים תאורים מהנעשה בארץ ותמונות למכביר, ורבים מאד מתענינים כעת בנו. אותנו, את הארץ־ישראליים, מברכים כולם ב„מזל־טוב", בקבלנו בפעם השלישית במשך ההיסטוריה שלנו מדינה יהודית.

17.12.47

